STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03210

# DER MISHPET NOKHN URTEYL

Mikhail Lev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מ. לעוו

# דער משפט נאָך אוישוויץ

ראָמאַן • דערציילונגען

מאָסקווע

פאַרלאַג «סאָוועטסקי פּיסאַטעל»

1980

С(Евр)2
Л 34

מישע לעוו איז באַוווּסט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור מיט זײַנע ווערק וועגן פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מלחמה. ווי יעדער עכטער שרײַבער, האָט ער געבראַכט מיט זיך נײַע לעבנס־דערפֿאַרונג און קינסטלערישן אייגנאַרט.

אין מ. לעווס נײַעם ראָמאַן „דער מישפּט נאָכן אורטייל" ווערט די אַנטיפֿאַשיסטישע טעמע אויסגעברייטערט און פֿאַרטיפֿערט. די געשעענישן וויקלען זיך פֿאַנאַנדער אַרום דעם לעגענדאַרן אופֿשטאַנד פֿון די אַסירים אינעם פֿאַשיסטישן טויט־לאַגער סאָביבאָר און דעם אַזויגערופֿענעם סאָביבאָרער פּראָצעס איבער די קריגס־פֿאַרברעכער, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין האַגען (מיזרח־דײַטשלאַנד) נאָך דער מלחמה. גערעכטיק איז געווען דער אורטייל איבער די פֿאַשיסטישע הענקער, וועלכן עס האָבן אויסגעפֿירט די סאָביבאָרער אופֿשטענדלער, און גערעכטיק דאַרף זײַן דער מישפּט איבער די מלחמה־פֿאַרברעכער הײַנט. אין דעם באַשטייט דער פּאַטאָס פֿונעם ראָמאַן, וואָס רופֿט צום דעמאַסקירן דעם נעאָ־נאַציזם און צום קאַמף קעגן אים.

אין דעם בוך זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן די גרעסערע דאָקומענטאַלע דערציילונג „פּעראָ רוס" וועגן העלדישן סאָוועטישן אָפֿיציר פּיאָטער אָראַנסקי — דעם קאָמאַנדיר פֿונעם רוסישן פּאַרטיזאַנישן באַטאַליאָן אין יוגאָסלאַוויע — און איינע פֿון מ. לעווס ערשטע פּאַרטיזאַנישע דערציילונגען „בא דער בערעזינא".

© Издательство
«Советский писатель», 1980 г.
Произведения, отмеченные
в содержании звёздочкой,
печатались до 27 мая 1973 г.

Л $\frac{70303—256}{083(02)—80}$ 274—80 4702200000

ראָמאַן

דעם אָנפירער פונעם לעגענדארן אופשטאנד
אין דעם פאשיסטישן טויט־לאגער סאָביבאָר
אלעקסאנדער פעטשערסקין
און זײַנע מיטקעמפער —
געווידמעט.

# צוויי בריוו

אָנשטאָט אַן אַרײַנפֿיר



אָף אפרעל 1978 האָט אלעקסאנדער פעטשערסקי קימאט נאָכאנאנד באקומען צוויי בריוו פונעם געוועזענעם סאָביבאָרער קאצעטניק בערעק, אָדער ווי מע רופט אים איצט בערנארד, שלעזינגער, וועלכער וווינט די לעצטע יאָרן אין אמסטערדאם און פראקטיקירט דאָרט פריוואט אלס דאָקטער־טעראפעווט.

„צו מײַן טײַערן פרײַנט אלעקסאנדער! ווידער האָב איך דיר א לאנגע צײַט ניט געשריבן“, — האָט בערעק, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן זײַן ערשטן בריוו.

דאָ דארף באמערקט ווערן, אז ניט געקוקט דערויף, וואָס בערעק איז אָף גאנצע צוואנציק יאָר ייִנגער פון פעטשערסקין און איז אלט געווען סאכאקל פערצן דאָס פופצנטע, ווען סאשקאָ (אזוי האָט מען פעטשערסקין גערופן אין לאגער) האָט געגעבן דעם סיגנאל אופצוהייבן דעם אופשטאנד אין סאָביבאָר, ווענדט ער זיך צו פעטשערסקין אָף „דו“ ניט צופעליק. אזוי ווענדן זיך איינער צום אנדערן אלע לעבנגעבליבענע סאָביבאָרער אופשטענדלער.

„דו שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר, סאשקאָ, — האָט בערעק ווײַטער געשריבן, — וועגן וויפל זאכן איך וואָלט דיר באדארפט דערציילן, וועגן וויפל זיך אן אייצע האלטן מיט דיר. אָבער אָנשרײַבן וועל איך דיר וועגן סאמע וויכטיקן: דאכט זיך, אז מיר זײַנען ארוף אָף די שפורן פון וואגנערן. איך גלייב, אז איצט וועט די „כײַע פון סאָביבאָר“ זיך ניט ארויסגליטשן פון אונדזערע הענט. ווי איך געדענק, האָב איך נאָך אין 1970, ווען איך בין געווען אין דיסעלדאָרף אָף פראנץ שטאנגלס פראָצעס, דיר

פון דאָרט געשריבן, אַז אַלעמאָל, ווען כ׳פלעג דערזען אין געריכט־זאַל דעם הענקערס פּרוי — טערעזאַ שטאַנגל, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז ערגעץ האָב איך זי שוין אַמאָל געזען. נאָר ווען און ווו, — דאָס האָב איך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען ערגעץ אין דער פריִער קינדהייט. ווי האָט עס אָבער געקאָנט זײַן? ווען איך האָב אין מײַן פּוילישן שטעטעלע געשטעלט די ערשטע טריט, איז זי אין איר „עסטערײַך״ שוין געווען אַ „הייראַטספּייזיקע מעדכען״. אין סאָביבאָר ווידער האָב איך זי אויך ניט געקאָנט זען, ווײַל ווען איך האָב אַהין אָנגעטראָפן, איז שוין שטאַנגל געווען ניט דער קאָמענדאַנט פון סאָביבאָר, נאָר פון טרעבלינקע. און דאַך בין איך געווען איבערצײַגט, אַז מײַן געפיל נאַרט מיך ניט אָפּ, און כ׳האָב דערציילט וועגן דעם וואָנדעלן. דיר זאָגט עפּעס דער נאָמען? מיט אַגיע וואָנדעלן האָב איך זיך באַקאַנט שוין אָפּן פּראָצעס. ער האָט מיר באַוויזן זײַנע אַן אַרבעט וועגן אופשטײַג פון נעאָנאַציזם אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד. צווישן אַנדערן האָט ער דאָרט דערמאָנט אויך דעם סאָביבאָרער פּראָצעס אין האַגען. פאַרשטייסטו שוין, אַז כ׳האָב גלײַכגילטיק צום אוטאָר ניט געקאָנט בלײַבן. אַגיע האָט, כאָטש אַלעמען, געהאַט זײַנע אייגענע כעזשבוינעס מיטן אָבערשטורמפּיורער. ווען שטאַנגל האָט לויט הימלערס אופטראַג „געריי ניקט״ האָלאַנד, האָט ער אַגיעס פאָטער, אַ דאָרפישן פּריסטער, דעפּאָרטירט קיין דאַכאַו, און מער האָט אים שוין דער זון ניט געזען.

אַגיע האָט, נאַטירלעך, מיר מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן. ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס מע זאָגט געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן:

— אויב איר האָט זי ווירקלעך געהאַט אַמאָל געזען, וועט איר פריִער אָדער שפּעטער זיך דערמאָנען ווען און ווו, — און צוגעגעבן: — מיך אינ־טערעסירט פראַו שטאַנגל צוליב אַנדערע מאָטיוון.

צוליב וואָסערע מאָטיוון, האָט ער ניט געפונען פאַר נייטיק מיר צו זאָגן, און איך האָב ניט געפרעגט. מיר האָט זיך דאַן אָפילע כאָלעמען ניט געקאָנט, אַז דער שליסל פונעם הויז, ווו עס באַהאַלט זיך אויס איצט, אָדער וועט אין עטלעכע יאָר אַרום זיך אויסבאַהאַלטן איינער פון די סאַמע גרויזאַמע סאָביבאָרער מערדער, וואַגנער, געפינט זיך אין טערעזאַ שטאַנגלס הענט. בוכשטעבלעך.

פונעם פּראָצעס האָבן מיר זיך מיט אַגיע וואָנדעלן אומגעקערט קיין אַמסטערדאַם צוזאַמען און אונדזער באַקאַנטשאַפט שוין ניט איבערגעריסן. ער איז געוואָרן מײַן פּאַציִענט, ווײַל, צום באַדויערן, לײַדט ער פון אַ האַרץ־פעלער. אָבער טראָץ געוויסע פאַרשטעלונגען וועגן האַרץ־קראַנקע, איז ער זייער אַ באַוועגלעכער מענטש. פאַרט אַ סאַך אַרום. מיר דאַכט, ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין גרויסן פּראָצעס פון די נאַציסטן. אין אַמ־סטערדאַם פאַרמאָגט וואָנדעל אַ גרויסע בוכהאַנדלונג. דאָס שטערט אים ניט, גיכער פאַרקערט, עס העלפט אים פון צײַט צו צײַט אַרויסטרעטן אין דער פּרעסע מיט וויכטיקע מאַטעריאַלן קעגן די נעאָנאַציסטן. באַ וואָנ־דעלן קאָן מען געפינען אינפאָרמאַציע וועגן הונדערטער קריגספאַרברע־כער, סײַ פאַרמישפּעטע, סײַ אַזעלכע, וועמען ס׳איז דערווײַל געלונגען אויסצומײַדן די שטראָף.

נאָכן געריכט האָט די פאַמיליע שטאַנגל מיך אויפגעהערט צו אינטערע־סירן. ערשט וואַנדעל האָט מיר אין איר דערמאָנט.

פּאַראַכטאָגן איז עס געווען. וואַנדעל האָט אָנגעקלונגען, אַז ער וויל מיך דרינגענדיק זען. אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום איז ער שוין געזעסן בא מיר און אָן שום האַקדאָמעס צוגעטראָטן גלייַך צום איניען.

— בערנאַרד, — האָט ער געזאָגט, — מיר דאַכט, איך ווייס, ווו איר האָט געזען טערעזאַ שטאַנגל.

ווייַזט אויס, אַלעקסאַנדער, ס׳עקזיסטירט, פונדעסטוועגן, צווישן מענטשן עפּעס אַ סוידעספּולער איבערוף פון געדאַנקען. גלייב יאָ, גלייב ניט, ווי נאָר ער האָט עס געזאָגט, האָב איך זיך מיטאַמאָל דערמאָנט דאָס, וואָס כ׳האָב מיט אַכט יאָר צוריק זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט דערמאָנען.

— איר האָט זי געזען, — האָט וואַנדעל פאַרגעזעצט, — אין סאַביבאָר.

— ניט זי, — האָב איך אים פאַריכט, — נאָר אירע אַ פאָטאָגראַפיע און אַ בילד.

— יאָ, יאָ! אַ בילד, — האָט וואַנדעל זיך דערפרייט, — דערציילט, דער־ציילט...

— אָבער מיך וווּנדערט...

— אייַך וווּנדערט, וואָס איך ווייס וועגן דעם בילד? איך וועל עס שוין דערקלערן. מייַנער אַ פרייַנט, וואָס האַלט אַ ביכער־קראָם אין סאַן־פּאולו, האָט געזען בא טערעזאַ שטאַנגל אין שטוב אירס אַ בילד, און זי האָט פאַר אים זיך באַרימט, אַז דאָס האָט זי געמאָלט דער באַווּסטער האָלענדישער קינסטלער מאַקס וואַן דאַם. פונדאַנען האָב איך געמאַכט דעם אויספיר, ווו איר האָט געקאָנט זען שטאַנגלס פרוי. איר פאַרשטייט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך...

אוואַדע, סאַשקאַ, האָב איך פאַרשטאַנען, וועגן וואָס וואַנדעל רעדט. פאַרשטאַנען, צוליב וועלכע מאָטיוון ער האָט נאָך אין דיסעלדאָרף זיך פאַרינטערעסירט מיט טערעזאַ שטאַנגל, און כ׳האָב אים גענוי דערציילט דאָס, וואָס דו, אייגנטלעך, ווייסט שוין פון לאַנג, וויאַזוי כ׳בין די לעצטע צוועלף טעג פון וואַן דאַמס לעבן געווען מיט אים צוזאַמען און וויאַזוי איין מאָל איז צו אים געקומען וואַגנער מיט אַ פאָטאָ פון אַ פרוי.

— וואַגנער, — האָט וואַנדעל זיך אָנגעצונדן, — איך קוק די גאַנצע צייַט אַרויס, איר זאָלט דערמאָנען אָט דעם נאָמען.

האַקלאַל...

אַנטשולדיק, סאַשקאַ, איך מוז איבעררייַסן דעם בריוו. הייַנט איז זונטיק, און כ׳האָב געמיינט, מע וועט מיך לאָזן צורו. אַ דאָקטער אָבער איז קיינ־מאָל ניט בא זיך אין די הענט. כ׳ווייס ניט, צי וועל איך קאָנען הייַנט אָדער מאָרגן זיך צוזעצן צום שרייַבטיש, וועט דיר פייגעלע דערווייַל אָפּ־שיקן דאָס אָנגעשריבענע. זי לאָזט דיך האַרציק גריסן.

איך פאַרבלייַב אויף אייביק דייַן פרייַנט
בערעק

16.4.78״

אַט אזוי ווי אומיסטן צוליב אָנציִען די שפּאנונג, זיך אָפּגעשטעלט אין סאמע מיטן. ער וואָלט באדאַרפט זײַן א שרײַבער, ניט קיין דאָקטער, — האָט פּעטשערסקי מיט א טראַפּן פאַרדראָס א טראכט געטאָן וועגן בערעקן. אָבער טאקע נאָר מיט א טראָפּן. ער איז געווען דאנקבאַר, וואָס בערעק האָט ניט פאַרהאַלטן דעם בריוו, ווײַל דאָס וויכטיקסטע איז געזאָגט געוואָרן. זיי — עמעצער אין בראַזיליע, אָדער וואַנדעל, אָדער בערעק, ריכטיקער, אַלע צוזאַמען זײַנען ארויף אַף די שפּורן פון וואַגנערן. א ווערטעלע אויסצורײדן, פינף און דרײַסיק יאָר זוכט מען וואַגנערן! ער איז אנטרונען געוואָרן. ער, און שטאַנגל, און באַוער, און באַלענדער, און פּרענצעל, און וואָלף, און... ווי נאָר די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, זײַנען אַלע אנטרונען געוואָרן. פאַרקראָכן אין די מײַזן־לעכער, ווי גלײַך זיי זײַנען גאָר אַף דער וועלט ניט געווען, און קיין סאָביבאָר איז ניט געווען, און ניט זיי האָבן פאַריאָגט אין די גאַז־קאַמערן א האַלבן מיליאָן מענטשן.

דעם ערשטן האָט מען אין 1949 געפונען דעם אָבערגאַזמײַסטער פון סאָביבאָר באַוערן. פופצן יאָר האָט געדויערט, ביז מע האָט געפונען באַלענדערן — דעם שעף פון דער „הימל־שטראַסע", וועלכע האָט געפירט צו די גאַז־קאַמערן.

שטאַנגלען איז אויסגעקומען צו זוכן צוויי און צוואנציק יאָר. פון אַלע סאָביבאָרער ראָצכים איז ער געווען דער שרעקלעכסטער. אינעם צעטל פון די נאַציסטישע הויפּט־פאַרברעכער, וועמען עס איז געלונגען אויסצומײַדן א שטראָף, איז זײַן נאָמען געשטאַנען דער דריטער. באָרמאַן — היטלערס פּאַרטרעטער אין דער נאַציסטישער פּאַרטיי — דער ערשטער. מענגעלע — דער דאָקטער, וואָס האָט געמאַכט מערדערישע עקספּערימענטן איבער מענטשן, — דער צווייטער. און דער דריטער — פראַנץ פּאַול שטאַנגל.

א געבוירענער אין עסטרײַך, קומט ער אָן אומלעגאַל נאָך ביזן אנשלוס אין עסעס און אין געסטאַפּאָ. דערנאָך נעמט ער א טיכטיקן אָנטייל אין דער אקציע אייטאַנאַזיע. אייטאַנאַזיע — „גרינגער" טויט. צוערשט זײַנען צום „גרינגן" טויט געווען פאַרורטיילט די פּסיכיש־קראַנקע פונעם רײַך, שפּעטער די „ניטפּאָליטיש" אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן. אינדערעמעסן איז עס געווען א שול אַף צו באַהערשן די פּראָפעסיע פון מאַסן־מאָרד.

דעם 20 יאַנוואַר 1942 האָט היטלער אַף דער קאָנפערענץ אין וואַנזעע באַשטעטיקט די דירעקטיוו וועגן דער „ענדלייזונג פון דער יידן־פּראַגע". שטאַנגל ווערט איינער פון די אָנפירער פון אַט דער שטרענג פאַרמאַסקירטער אָפּעראַציע — „ריינהאַרד־אָפּעראַציע", ווי זי איז אָנגערופן געוואָרן לויט דעם נאָמען פונעם הויפּט־פּאַרטרעגער אין וואַנזעע ריינהאַרד היידריך.

צום סאָף פון דער מילכאָמע איז שטאַנגל דאַפקע יאָ ארײַנגעפאַלן אין טורמע. נאָר מע האָט אים געלאָזט אנטלויפן, און ער האָט שוין דערנאָך געוווּסט, ווי זיך אויסצובאַהאַלטן. פּראָסט — נאָר אַף צו שטוינען. אונטער

זײַן אײגענער פֿאַמיליע, בלויז עטוואָס געענדערט דעם נאָמען — אַנשטאָט פּאול — פּאַלדי, קינדערש פֿאַרצויגן — האָט ער קנאַפּע צוואַנציק יאָר געאַרבעט אין סאַן־פּאַולו אין פֿיליאַל פֿון דער מײַרעוו־דײַטשישער פֿירמע „פֿאָלקסוואַגען״ און באַקומען יעדן כּודעש 1200 אַמעריקאַנער דאָלער. ער וואָלט עפּשער אָפּגעאַרבעט נאָך צוואַנציק יאָר, ווען אים זאָל פֿאַר 7 טויזנט דאָלער ניט געווען פֿאַרקויפֿן א געוועזענער געסטאַפּאָוועץ. אָט אזוי.

וואַגנער, שטאַנגלס פֿאַרטרעטער אין סאָביבאָר און אין טרעבלינקע, איז ווי אין וואַסער אַרײַן. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿיפֿיקער, ווי זײַן שעף. נאָר קוים האָט בערעק דערמאָנט זײַן נאָמען, הייסט עס, אַז דער שפּור איז א זיכערער. בלײַבט איבער וואַרטן אויף בערעקס בריוו.

וואַרטן איז אויסגעקומען ניט לאַנג. אויפֿן אַנדערן טאָג איז קיין ראָסטאָוו־אויפֿן־דאָן אָנגעקומען בערעקס צווייטער בריוו. ער איז געווען קורץ, ווי א טעלעגראַם.

„ליבער אלעקסאַנדער!

אויב ס׳וועט זײַן די מינדסטע מעגלעכקײַט, וועל איך אָנשרײַבן פֿון בראַזיליע. מאָרגן פֿליען מיר אַרויס אַהין.

דײַן בערעק

18.4.1978״

פֿון בראַזיליע האָט בערעק ניט אָנגעשריבן. די ערשטע ידיעות פֿון דאָרטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן פּעטשערסקיס אינטערעס, ווי אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט סאָביבאָר, האָט געבראַכט די פּרעסע.

„איזוועסטיא״, 1 יוני 1978

**ארעסטירט א פאשיסטישער הענקער**

די צײַטונגען טיילן מיט, אַז אין בראַזיליע האָט מען אַרעסטירט דעם געוועזענעם עסעס־אָבערשאַרפֿירער ג. פּ. וואַגנער. אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען פֿאַרטרעטער פֿון קאָמענדאַנט אין צוויי טויט־לאַגערן טרעבלינקע און סאָביבאָר, וועלכע די נאַציסטן האָבן געשאַפֿן אויף דער טעריטאָריע פֿון אָקופּירטן פּוילן.

באָן. (טאַסס)

„איזוועסטיא״, 3 יוני 1978

**דער הענקער דאַרף באַקומען זײַן שטראָף**

דער נאַציסטישער פֿאַרברעכער גוסטאַוו וואַגנער, וועמען די בראַזיליער פּאָליצײַ האָט אַרעסטירט אין סאַן־פּאַולו, האָט בײַס ער איז געשטעלט געוואָרן אויג אויף אויג מיט איינעם

פון די געוועזענע קאַצעטניקעס, אַנערקענט, אַז ער איז גע־ווען דער פאַרטרעטער פונעם שעף אין די קאָנצלאַגערן טרעבלינקע און סאָביבאָר...

...די לענדער פון דאָרעם־אַמעריקע דינען נאָך אַלץ פאַר די דײַטשישע נאַציסטן אַלס אַ זיכערע נעסט. ווי עס מערקט אָפּ די צײַטונג „עסטאַדו די סאַן־פּאולו", באַהאַלטן זיך אויס אויף דעם קאָנטינענט באַ 5 טויזנט געוועזענע עסעס־לײַט און וואַכמענער פון די קאָנצלאַגערן. ס'איז גענוג דערמאָנען, אַז וואַגנערס געוועזענער שעף, שטאַנגל, איז אַרעסטירט גע־וואָרן אין סאַן־פּאולו ערשט אין 1967 יאָר.

קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס.
בראַזיליאַ.

ווי אַזוי איז וואַגנער געפונען געוואָרן?
ווער איז דער קאַצעטניק, וואָס האָט אים דערקענט?
פּעטשערסקי ווייסט: בערעק וועט, מיסטאָמע, ווי קעסיידער, בלײַבן אין שאָטן, און צום מישפּעט איז, מיסטאָמע, ווי קעסיידער, נאָך ווײַט.
ווידער אַ מישפּעט נאָכן אורטייל?..

# ערשטער טייל

קאפיטל איינס

## בערעק און רינע

### דער מאמעס גלעט



יים!.. ווו איז בערעק שלעזינגער ניט אויסגעוועזן פאר די העכער זעקס און דרײַסיק יאָר, זינט ער האָט זײַן טאטנס שטוב פארלאָזט, נאָר קיין צווייטע היים איז פאר אים אף אָט דער ערד ניטאָ. זי איז אף שטענדיק פארבליבן דאָרטן, ווו זײַן קינדער־וויגל איז געשטאנען, אין יענעם פוילישן שטעטעלע, וואָס איז לאנג שוין אף דער וועלט נישטאָ. דאָרטן פלעגט די מאמע פאראָשטשינען ברויט אין דער באק־דייזשע, אויסקאטשען א בלעטל לאָקשן, באקן קנישעס פון קעז, הרעטשענע פידפאלקעס, פרעגלען אין הויף אף א טריניזשקע אײַנגעמאכטס. דאָרטן, אינעם אלקערל אפן פארזשאווערטן אײַזערנעם בעטל, וואָס האָט געסקריפעט און איז ארומגעפאָרן, פלעגט ער זיך אײַניורען אין דער אלטער צעריסענער קאָלדרע און שלאָפן בעסער פונעם קייסער.

פארבײַ די שטיבלעך, וואָס זײַנען געשטאנען הארט איינס לעבן צווייטן, דורכן מארק, וואָס איז געווען פול מיט שטעלכלעך און טישלעך, האָט ער ליב געהאט, קײַקלענדיק דאָס רייפל, לויפן צום טײַך, ווו מיידלעך פראטשען גרעט. מיט אזוינע שנעקעס, ווי ער אליין, פון א יאָר צען־עלף, איז געווען א מעכײַע צו שפילן אין צורקע־פאלקע, אין באהעלטערלעך. קיין שענערס פון זייפנבלאָזן און ארומ־

לויפנדיקע זון־העזעלעך פון דעם אָנגעשטעלטן שפּיגעלע האָט ער, דאַכט זיך, דאַרטן ניט געזען, און דאָך איז עס געווען אַ שיינע, אַ גוטע, אַ נאַ־כעסדיקע וועלט.

די מילכאָמע האָט מיטאמאָל אַלץ צעשטערט. צו דער סאָוועטישער גרענעץ איז געווען שוין גאָר ניט אַזוי ווײַט, נאָר בערעקס טאַטע, נאָכעם דער פאַרבער, האָט ניט באַוויזן מיט זײַן מישפּאָכע צו אַנטלויפן פונעם דײַטש, און עפּשער האָט אים דער דײַטש גאָר ניט אַזוי שרעקלעך אויס־געזען, פּאָרט אַ קולטור־נאַציע... אַ פעטער בערעקס, וועמען ס'איז געלונ־גען אַרויסכאַפּן זיך פונעם שטעטל, האָט זיך אים דאָ ניט לאַנג געקלאָגט אין אַ בריוו, אַז אָפן אוראַל איז אויך געווען גענוג ביטער. נו, און וועמען איז געווען זיס? דער פעטער, ווי טויזנטער אַנדערע פּליטים, האָט זיך געראַטעוועט פונעם מאַלכאַמאָוועס. און בערעקס טאַטע־מאַמע? דאָס גאַנ־צע שטעטל?

דער כאַלעף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ניט מיטאמאָל. צוערשט האָט מען נאָך געהאָפט, אַז מ'וועט בלײַבן גאַנץ מיטן לעבן. כאָטש פון דער ערשטער מינוט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באַפעלן, איין גזיירע ערגער פון דער אַנדערער.

אַ באַפעל וועגן פאַרפליכטן אַלע ייִדן פונעם 1 דעקאַבער 1939 שטענ־דיק טראָגן אַף דער לינקער זײַט פון דער ברוסט און אײַנמיטן דער פּלייצע אַ געלן זעקסקאַנטיקן שטערן, ניט קלענער פון צען סאַנטימעטער; אַ באַ־פעל וועגן פאַרווערן ייִדן בײַטן זייער וווין־אָרט; גיין איבער די טראָ־טואַרן; באַנוצן זיך מיט וועלכן־ניט־איז טראַנספּאָרט, דערונטער מיט שליטנס און וואָגנס; באַזוכן איליוזיאָנען, ביבליאָטעקן, הייל־אַנשטאַלטן; באַזוכן יעטווידע שול; קוילען רינדער און אויפעס לויטן ייִדישן רעליגיעזן געזעץ; זײַן דאָקטוירים, דאַנטיסטן, פאַרמאַצעווטן, וועטערינאַרן, אַדוואָ־קאַטן, נאָטאַריוסן, אַגענטן, פאַרמיטלער. אַ באַפעל וועגן שאַפן אַ ייִדנ־ראַט; אַ באַפעל וועגן שיקן יעדן טאָג ייִדן אין עלטער פון צוועלף ביז זעכציק יאָר אַף אַרבעט אין שטיין־קאַריער...

די באַפעלן האָבן געדראָעט מיט שטראָף, מיט שטרענגער שטראָף. וואָס ווײַטער, אַלץ מער האָט פון זיי געווייעט מיט טויט. נאָר דער טויט האָט שוין סײַווי געלויערט אַף יעדן איינעם, אומאָפּהענגיק דערפון, צי האָט מען יאָ, צי ניט אויווער געווען אָפן באַפעל.

בערעקס עלטערער ברודער, מאָטל, איז שוין געווען אַ פאַרדינער, גע־אַרבעט בײַ אַ זייגערמאַכער און אַלע כוידעש אַרײַנגעטראָגן, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן, „אַ לעבעדיקע זלאָטע" אין שטוב. אַ קאַלע האָט ער געהאַט אַ שיינע און אַ גוטע, ווי ער וואָלט זי פון אַ קישעף־מײַסעלע אַרויסגע־גאַנוועט. איז אָבער ליבע און מילכאָמע קיין פּאָר ניט. שפּאַצירן צום וואַלד האָט מאָטלען און זײַן קאַלע זיך פאַרוואָלט שאַבעס באַטאָג. קיין דײַטשן זײַנען נאָך דעמלט אין שטעטל ניט אײַנגעשטאַנען. פון דער הע־לער הויט האָט אָנגעטראָגן אַ פּאַטרול אַף מאָטאָציקלען. זיבן טעג איז מען דערנאָך אין צוויי שכיינעסדיקע שטיבער געזעסן שיווע.

אַזוי איז געשען, אַז די ערשטע מערדערישע „אַקציע" האָט פריער פאַר אַלעמען אין שטעטל געטראָפן אין דעם שטילן נאָכעם דעם פאַרבער,

וואָס האָט געפּאַרבט טירן און פענצטער, דילן און דעכער און געהאָפט, אַז מיטן לעבן וועט מען גאַנץ בלייבן.

נאָכדעם זײַנען די „אַקציעס“ געוואָרן אַלץ אָפטער. און יעדעס מאָל זײַנען אַלץ מער הארוגים געבליבן אין די הײַזער און אויף די גאַסן. און ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן וועט מען אַלע ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך פאַרטרײַבן אין אַ געטאָ אין איינער פון די גרעסערע שטעט בײַ דער אײַזנבאַן — אין לובלין צי אין כעלם, — האָט שוין אין שטעטל קיינער, און אויך בערעקס טאַטע, פּונקט ווי אַלע, ניט געצווייפלט, אַז ס'גייט אין לעבן און טויט. און גאָט ווייסט, צי מע קאָן זיך נאָך ראַטעווען.

יענעם פאַרנאַכט, ווען דער טאַטע איז געקומען מיט דער יעדי'ע וועגן דער געטאָ, האָט ער אויסגעזען, ווי מע וואָלט נאָרוואָס אויף אים אַ כליופּע געטאָן אַן עמער וואַסער. ער האָט זיך אַרײַנגעשאַרט מיט אַ זײַט דורך דער טיר, אין זײַנע אויגן האָט געצאַפּלט אַ געשריי, נאָר ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אוי, פּעסיע, אַ בראָך צו אונדז. מיר שטייען פאַר אַ גרויסער סאַקאָנע.

פאַר וואָס פאַר אַ סאַקאָנע מ'איז ניט געשטאַנען, האָט די מאַמע שטענדיק אַרויסגעקוקט אויף נאָך אַ גרעסערער. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און געבומען אויספרעגן, וואָס איז געשען, נאָר באַם טאַטן זײַנען ניט געגאַנגען קיין רייד פונעם מויל. ער האָט פאַרקוועטשט די ברייט צעקודלטע באָרד אין די הענט, דער אָראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער.

— וואָס שווײַגסטו? — איז די מאַמע צו אים צוגעשטאַנען. און ווען ער האָט איר אָנגעזאָגט די ביטערע בשורע, האָט זי גראָד דאָס מאָל, ווען מע האָט געקענט דערוואַרטן אַ געשריי, וואָס לעכערט דעם מויעך, שטיל, קוים צו הערן, געזאָגט:

— ווי איז מיר, אַבי דו האָסט געמיינט, מ'עט אונדז לאָזן לעבן. ס'איז געקומען אונדזער סאָף, נאָכעם, ווי איז מיר. בערעקן לאָמיר כאָטש פּרוּוון ראַטעווען. אין דאָרף, אין וואַלד, לאָמיר... — און זיך צעוויינט.

באַנאַכט האָט בערעק דערפילט אויף זײַן באַק דער מאַמעס גלעט. מיסטאָמע וואָלט ער נאָך לאַנג ניט געעפנט די אויגן. זאָל זי. נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אין אַלץ דערמאָנט. די מאַמע האָט אים שטיל געוועקט:

— שטיי אויף, זונעניו, שוין צײַט! מיר זאָל זײַן פאַר דיר... — נאָך אַ גלעט, דאָס מאָל איבערן שטערן. — שטיי אויף און גיי, מיר זאָל זײַן פאַר דיר, גיי...

דער טאַטע, דער זיידע, די באָבע זײַנען געשטאַנען בײַ אַ זײַט, פאַרחומערט געשוויגן, נאָר צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „יאָ, יאָ, גיי!“. די צוויי שוועסטערלעך, ייִנגערע פון בערעקן, זײַנען געלעגן אַרומגענומען אויף דער קאַנאַפּע. צי זײַנען זיי געשלאָפן צי ניין, דאָס וועט שוין בערעקן קיינער ניט דערציילן.

„גיי!“ האָט בערעק אַזוי ווי זיך אַליין באַפוילן און גענומען זיך אָנטאָן.

שוין באַ דער טיר האָט ער ווידער דערהערט דער מאַמעס „מיר פאַר דיר", און דער טאַטע האָט עפּעס ווי אַ מורמל געטאָן:

— גיי, און זאָל זײַן מיט האַצלאָכע...

צום ערשטן מאָל פאַר זײַן לעבן איז בערעק אַזוי טיף אין דער נאַכט אַרויס פון שטעטל. די לעוואָנע — אַ גרויסער קאָפּ מיט אַ קרום מויל — האָט אויך ערגעץ געשפּאַנט צווישן די וואָלקנס. האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט איר. דערווײַל האָט זי אים געפירט מיטן באַקאַנטן וועג צום טײַך, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעטרונקען פאַרן זומער מיט רעגנס, אַז עס איז אים ענג געוואָרן אין זײַן געלעגער, און ער האָט פאַרפלייצט די ברעגן. בערעק האָט געקוקט, ווי די לעוואָנע באָדט זיך אינעם שטילן וואַסער, וואָס ער פלעגט אַזוי ליב האָבן צו בויטען מיט אַ שטעקן אַהין און אַהער, און מיטאַמאָל, ווען זי האָט אַ קערעווע געטאָן צו די וואַסער־גראָזן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז די לעוואָנע איז פּונקט ווי זײַן טאַטע אינגאַנצן גרוי. ווער ווייסט, עפּשער אויך פאַר דער צײַט גרוי געוואָרן. ווער ווייסט, מיסטאָמע האָט היטלער אויך עפּעס קעגן איר. געוויס אַזוי. אָט באַלײַכט זי דאָך אים, דעם קליינעם נאָווענאָדניק מיט די צוויי איבערגעוואָרפענע איבערן אַקסל קלומעקלעך, דעם וועג, איז ווי וואָגט זי?

ערגעץ נאָענט האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. אַ שטיק פײַער טוט אַף אַ רעגע זיך אַ שפּיגל אין וואַסער, יאָגט אין הימל אַרײַן, גלײַך צו דער לע־וואָנע. נאָר זע נאָר זע: ער, בערעק, איז פון שרעק אומגעפאַלן אַפן זאַמד, און די לעוואָנע שווימט זיך ווײַטער צווישן די כמאַרעס, ווי זי וואָלט זיך געריצט מיטן ראַקעטע־פײַער, וואָס פּלאַצט און צעפאַלט זיך אַף שטיק־לעך. בערעקן ווילט זיך אויסשרײַען:

„היי, דו, בלײַענער פויגל, פאַלסט? פאַל, פאַל, ווער פאַרלאָשן!"

בערעק וואָלט עפּשער נאָך לאַנג געלעגן באַם ברעג טײַך, פון וועלכן ס'ציט מיט פײַכטער וואַרעמקײַט, ווען צו אים וואָלט זיך ניט דערטראָגן אַ פליעסקענדיקער געקלאַפּ פון וועסלעס. דער טײַך קאָן זיך דערלויבן דעם פאַרגעניגן און זיך דרעמלען, ווי פריִער, און ער מוז אוועק וואָס ווײַטער פון מענטשן, פון דער היים, פון דער געפאַר, וואָס לאָקערט אַף יעדן טריט און שריט.

ס'זאָל זײַן באַטאָג, וואָלט ער מיסטאָמע פאַר אַ שאָ צוויי זיך דערקליבן מיטן ברייטן אײַנגעטראָמבעוועטן וועג ביז צום גרויסן וואַלד, ווו דער טאַטע האָט אים געייצעט איבערצוזײַן דעם ערשטן טאָג. איז אָבער איצט באַנאַכט, מע דאַרף זײַן געהיט מיט יעדן שפּאַן, און די לעוואָנע האָט אויך פּלוצעם ניט געסטײַעט. אין איר שיסט דאָך מער קיינער ניט, וואָס זשע האָט זי זיך מיטאַמאָל באַהאַלטן? צי די וואָלקנס האָבן זי פאַרכאַפּט אין געפענקעניש? פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען אַזויפיל? און אַלץ אַזעלכע גרויסע און שוואַרצע...

אַז בערעק מאָלט וואָלקנס, — און מאָלן לאָז אים נאָר, וועט ער גאַנצע טעג, — לייגן זיי זיך אויס באַ אים אַפן פּאַפּיר דינע, ליכטיקע און אַזעלכע לײַכטע, אַז זאָל, דאַכט זיך, אַ בלאָז טאָן דאָס קלענסטע ווינטל, וועלן זיי זיך צעפליִען אין אַלע עקן הימל. צי האָט די מאַמע אַרײַנגעלייגט אין קלומעקל זײַנע בלײַקעס? אליין געדאַרפט אַרײַנלייגן. כאָטש ווו און ווען

וועט ער איצט מאָלן? רינעס בילד, וואָס ער האָט אָנגעמאָלט, נאָך אײדער די דײַטשן זײַנען אַרײַן, געדאַרפט געווען מיטנעמען מיט זיך. זי האָט זיך באַקומען בײַ אים, ווי אַ לעבעדיקע.

רינע איז זײַן שוועסטערקינד, נאָר גראָד דאָס האָט גאָרניט צו זאָגן. ניט דערפאַר האָט ער זי ליב צו מאָלן. צום אַלעם ערשטן איז זי אײן עלטער מיט אים. נאָר דאָס איז אויך ניט וויכטיק. רינע איז פאַר אים... ווער רינע איז פאַר אים, וועט ער פאַר זיך אַלײן ניט אַרויסברענגען, און אַפילע די אײגענע געדאַנקען זאָגן: שאַ! אַט מאָלן זי — דאָס וואָלט ער געקאָנט אַפילע, ווען ער זעט זי ניט, אַפילע בײַנאַכט, ווען דער לאָמפּ וואָלט ניט געברענט און קײן שטערן וואָלט ניט אַרײַנגעקוקט אין שויב. ער זעט זי קעסײדער. אַ דינינקע, אַ שלאַנקע. דאָס מאַטע פּאָנעם צאַרט און פול מיט כײן. די לאַנגע וויִעס לאָזן זיך אַראָפּ, ווי פֿאָרהענגלעך, איבער די אויגן. די ליפּן צונויפגעצויגן, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַ פּײַף טאָן (דאָס קאָן זי אויך). דאָס אײנציקע, וואָס האָט זיך אים נאָך קײנמאָל ניט אײַנגעגעבן אָנצומאָלן, דאָס איז איר גוטסקײַט. ס׳איז דערפאַר, ווײַל איר גוטסקײַט באַהאַלט זיך אויס אין די פּיצינקע גריבעלעך אויף די באַקן. זײער זעלטן, נאָר עס מאַכט זיך, די גריבעלעך ווערן פּוסט, איר גוטסקײַט אַנטלויפט ערגעץ אין אַ זײַט. דעמלט, ווײסט ער שוין, איז בעסער אָפּטרעטן איר דעם וועג. נאָר צוליב וואָס דאַרף ער עס דערמאָנען? שולדיק איז דאָך שטענדיק ער, און ניט רינע. צום לעצטן מאָל איז עס געשען, ווען זי איז געקומען לײַען בײַ דער מאַמען אַ לעפעלע זאַלץ. אַלץ האָט אויף איר געזונגען און געשײַנט. דער קאָפּ אויסגעצוואָגן, די צעפּ פאַרפלאָכטן מיט ווײַסע סטענגעס. בערעק האָט געמײנט אַ צי טאָן בײַ אַ סטענגע, און שוין. גײ ווײס, אַז די סטענגע וועט זיך צעבינדן און דער לאַנגער צאָפּ וועט זיך צעפלעכטן. וואָס זשע איז דער כידעש, אַז בײַ רינען האָט געפּלאַצט דאָס געדולד און די גוטסקײַט איז אַנטרונען? מײלע, נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָבן זײ זיך איבערגעבעטן. לאַנג אין כּעס קאָן רינע ניט זײַן. ווי נאָר די גריבעלעך ווערן ווידער פול (קלאָר, אַז קײנער, אויסער אים, זעט עס ניט), אַזוי איז אויס מיטן בּאַרויגעז.

צי ווײסט רינע, אַז ער גײט אַצינד אײנער אַלײן צום וואַלד? אוי, וואָלט זי זיך איבערגעשראָקן, ווען זי דערוויסט זיך עס. אים אַלײן נעמט אָן אַ פּאַכעד, אַז ער טוט אַ קלער וועגן דעם. גוט, וואָס עס טראַכט זיך גאָר וועגן דער לעוואָנע, וועגן די כמאַרעס, דעם טײַך. צי דאָס איז אויך פון שרעק? קײנער הערט אים ניט אונטער, האָט ער זיך ניט וואָס צו שעמען: אוואַדע פון שרעק. נו, און פון רינען פאַרוואָס טראַכט ער? אַ שײנער פאַרגלײַך. ס׳איז פּאָשעט ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן... פאַר אויס אַ וועלט, איז רינע דאָך אײנע אַזאַ...

איז ווי זשע האָט ער געקאָנט שטילערהײט אַוועק און זי ניט מיטנעמען מיט זיך? די מאַמע האָט געזאָגט, מע וועט זי ניט אָפּלאָזן מיט אים. איר טאַטע וועט זיך אָן אײצע געבן, ער האָט וווּ זי אויסצובאַהאַלטן. אָבער ווי גײט מען עס אַוועק אָן אַ „זײַ געזונט״? אין שטוב האָט ער מיט אַלעמען זיך צעקושט. ווען ער געזעגנט זיך מיט איר, וואָלט ער זי אויך אַ קוש געטאָן. אין אַזאַ פאַל מעג מען. ס׳איז דאָך ניט ווי דעמלט, ווען זי

איז צו אים צוגעלאָפן אין קווייטלדיקן סאראפאנדל. די זון האָט געפּאַליעט, און רינעס האָט ווי פון קעלט, אָדער טאַקע פון זײַן קוק, צוגעדעקט מיט גרויסע בלעטער פון סאָנישניקעס די נאַקעטע אַקסל. אײַ, ווי אים האָט זיך געוואָלט דעמלט אַראָפּנעמען די בלעטער, זי אַ כאַפּ טאָן באַ די הענט און... נאָר וואָס איז דאָ צו ברײַען? קיין לײַטיש יינגל וואָלט קיינמאָל אפילע ניט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן.

רינען וועט מען פּאַרטרײַבן אין געטאָ, און ער וועט זיך שפּאַצירן אף דער פרײַ. ווי געפעלט עס אײַך? שיין, ניטאָ וואָס צו זאָגן! מאָטל האָט מיט זיך פאַרשטעלט זײַן קאַלע, מענטשן האָבן געזען. און ער, מאָטלס ברודער... איז עפּשער זיך אומקערן? יאָ צי ניין?

די שרעק, וואָס לאָזט אים אף קיין רעגע ניט אָפּ, איז פאַרן „יאָ". פאַרן „ניין", ווייסט ער, זײַנען טאַטע־מאַמע, די באָבע מיטן זיידן. אוואדע איז די מאַמע גערעכט, ווער וואָלט זי, רינען, מיט אים, דעם „גרויסן פאַרטיידיקער", אָפּגעלאָזט... און אַז מאָטל האָט פאַרשטעלט זײַן קאַלע, זײַנען זיי דען ביידע ניט אומגעקומען? דער טאַטע האָט באַם געזעגענען זיך (שוין איינמאָל אַ געזעגענישׂ!) אים צוגעווינטשעוועט גליק. אויב דעם טאַטנס בראָכע וועט מעקוימעם ווערן, און ס'וועט אים, בערעקן, טאַקע אָפּגליקן, וועט ער אומבאַדינגט זיך אומקערן אהיים. ער וועט זיי אַלעמען אַרויספירן מיטן זעלבן וועג פונעם שטעטל. „האָט ניט קיין מוירע, — וועט ער זיי זאָגן, — איר גייט מיט מיר. איך ווייס דעם וועג..."

וואָס זשע טרעפט ניט באַ בערעקן אַ צאָן אָן אַ צאָן? ס'איז אוואדע דערפאַר, וואָס דערווײַל גייט ער איינער אַליין. אין אַ פינצטערער נאַכט — ווער ווייסט וווהין... אָן דעם טאַטן, אָן דער מאַמען, אָן רינען. פאַר רינען וואָלט ער זיך געשעמט, ווען די ציין נעמען באַ אים קלאַפּן.

עס הייבט שוין אָן טאָגן. איז גיכער, גיכער אין וואַלד אַרײַן!

אַ בײַכיקן קוסט האָט ער אין דער האַלב־פינצטערניש אָנגענומען פאַר עפּעס אַ מעשונעדיקער כײַע. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זײַט און זיך פאַרטײַעט הינטער אַ בוים. ביזוואַנען די פיס האָבן געשפּאַנט, איז אים מיסטאָמע געווען וואַרעם, קאָן זײַן אפילע הייס, ער האָט וועגן דעם ניט געקלערט. איצט האָט אונטער דעם רעקל זיך פאַרקליבן אַ פײַכטע קעלט, וואָס לאָזט ניט אײַנשטיין אף קיין אָרט, טרײַבט אַלץ טיפער אין וואַלד אַרײַן. דאָס דאַרף ער דאָך, בערעק.

דער וואַלד האָט זיך נאָך ניט צעשיידט מיטן שלאָף. קאָן זײַן, אַז אָט דער בערעזע אינעם ווײַסן העמד, וועלכע שטייט באַנאַנד מיט אַ גאַדלעסדיקן צעפּאַטלטן דעמב, כאָלעמט זיך איצט אַ גוטער כאָלעם. ניין, ווײַזט אויס, ניט קיין גוטער. זי ציטערט. ס'איז איר קאַלט, צי זי האָט אויך פאַר עמעצן מוירע?

אויסגעטראָטענע סטעזשקעס זײַנען איצט ניט פאַר בערעקן. ער גייט צווישן די ביימער, איבער געדיכטע גראָזן, איבער מאָכיקע הרודעס ערד. ער וועט זיך ניט אָפּשטעלן דאָרט, ווו עס זײַנען נאָך עמעצן פאַרבליבן האָלאָוועשקעס פון אַ שײַטער. ער זוכט אַ פאַרבאָרגן אָרט. ער גייט ריכטיק: אף מיזרעך. אַזוי האָט אים דער טאַטע אָנגעזאָגט, זאָל ער גיין. אָט שלאָגן זיך דורך פונקט אים אנטקעגן די ערשטע זונען־שטראַלן. מאָטל

האָט אים אַמאָל געזאָגט: „ווען דו ביסט ניט אזא פּויליאַק און שטייסט אויף פרי־פרי, וואָלסטו זיך געטראָפן מיט א וווּנדער, וואָס הייסט זון־אופ־גאַנג". אוי, מאָטל, מאָטל, פאַרוואָס זעסטו ניט, ווי פרי איך בין היינט אופגעשטאַנען?!

אָט האָט זיך די זון באַוויזן. דערוויַיל וואַרעמט זי, ווי א שטיפמאַמע. נאָר אונטער אירע שטראַלן האָבן שוין אופגעלעבט די קרוינען פון די ביימער. די טראָפּנדלעך טוי אַפן גראָז און אף די בלעטער שעמערירן, כאָטש מאַך פון זיי בייטשן קאַרעלן.

די זון הייבט זיך אויף העכער, העכער, און אַלץ אין וואַלד האָט זיך געענדערט, זיך איבערגעקליידט, טאַקע ווי א וווּנדער וואָלט געשען. נאָר מיט אים, מיט בערעקן, האָט דערוויַיל קיין שום וווּנדער ניט געטראָפן. דערוויַיל דאַרף ער אָפּזוכן א גוטע באַהעלטעניש.

## אין וואַלד

אף איבערזיַין דעם טאָג האָט בערעק זיך פאַרקליבן אין א געדיכט פאַרוואַקסן אָרט און זיך דאָרט אייַנגעמאָסטעט, ווי א פויגל אין א נעסט. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, נאָר גלייַך אַנשלאָפן ווערן האָט ער מוירע געהאַט. ווער ווייסט, וואָס דאָ טוט זיך אַרום אים. מע דאַרף צוּוואַרטן א ביסל, אַרומקוקן זיך. ער האָט זיך גענומען צעבינדן די קלומעקלעך. וואָס האָט אים דאָרט די מאַמע מיטגעגעבן? אינעם קלענערן קלומעקל ליגט דאָס גאַרניטערל, פון וועלכן ער איז שוין היפּש אויסגעוואַקסן, ווייַל מע האָט עס אים געמאַכט נאָך פאַראַיאָרן אף פייסעך, אַן אונטערשט העמדל, א לייַבל, פאַרמערעזשעט אין די עלנבויגן, אַן אייבערשט העמדל, א לייוונטענער האַנטעך, א פּאָר וואָלענע פאַרלאַטעטע זאָקן (אין זיי איז דער טאַטע געזעסן שיווע נאָך מאָטלען), א וואָרעם שאַרפיקל, א לאַנג דין שטריקל, גאָט ווייסט, צוליב וואָס ער דאַרף עס, און די סאַנדאַלן, וואָס מע האָט אים געקויפט א וואָך, איידער די דייַטשן זייַנען אַריַין אין שטעטל. אַפן סאַמע דנאָ ליגט נאָך עפּעס אין א שמאַטקעלע אייַנגעוויקלט. האַ, האַ! א נאָדל, אַרייַנגעשטעקט אין א קלעצעלע שוואַרצע בייוול, עטלעכע קנעפּלעך, א שטיקל טרייפע זייף, א פלעשעלע מיט יאָד און א באַנקעלע מיט שמירעכץ פאַר דער הויט, טאָמער, כאָלילע...

אינעם צווייטן קלומעקל, וואָס איז געווען אף א סאַך גרעסער, ווי דאָס ערשטע, זייַנען געלעגן באַ אַנדערהאַלבן לעבלעך קאָרנברויט, א טאָרבעלע מיט שוואַרצע סוכאַרעס. ניט ווייניקער פון פינף צענדליק קאַרטאָפליעס, עטלעכע מערן, צוויי האַרטע אייער, א גרויסע פאַרקאָרקעוועטע פלאַש מיט וואַסער און ווידער אין א באַזונדער שמאַטקעלע אייַנגעוויקלט צוויי פּעקעלעך שוועבעלעך. דאָס קעשענע־מעסערל, וואָס בערעק האָט געמיינט, אַז ער האָט עס שוין פון לאַנג פאַרלאָרן, איז אויך געלעגן דאָ. נאָך איז דאָ געווען א לעפל, עטלעכע ציגעלעך צוקער און א שקאַרמיצל מיט זאַלץ.

אוי, די מאַמע! לאַנג לעבן זאָל זי! באַ רינען איז אויך א גוטע מאַמע,

נאָר פאָרט ניט אזא, ווי בא אים. דער טאַטע זאָל אַפילע געווען שרײַען, שלאָגן, וואָלט בערעק אים ניט געפאָלגט און ניט אוועק אליין אין וואלד, און די מאמע האָט אים אײַנגערעדט. געגוג, זי זאָל זאָגן „מיר זאָל זײַן פאר דיר", און ער איז גרייט צו טאָן אלצדינג, וואָס זי הייסט. וואָס וועט איצטער זײַן מיט איר? מיטן טאטן? מיט די שוועסטערלעך? מיט רינען? עפשער פאָרט זיך אומקערן אף צוריק?..

וויפל איז ער געשלאָפן? וווהין האָט זיך אהינגעטאָן די מידקײַט? די ערשטע רעגעס, ביזוואנען דער שלאָף איז נאָך ניט אינגאנצן אנטרונען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער פילט אין אלע אייוורים אזא לײַכטקײַט, אז כאָטש הייב זיך אוף און לאָז זיך גלײַך אין וועג. די זון האָט געהאלטן באַם פארגיין. איצט זײַנען אירע שטראלן געווען לענגער און באלויכטן ניט די קרוינען פון די ביימער, נאָר די שטאַמען.

די נאכט אין וואלד גרײַפט אָן פון דער ערד און עפשער אַפילע פון דער טיף, ווו די וואָרצלען געפינען זיך. דער הימל האָט זיך נאָך געלויכטן, און דער וואלד איז שוין געווען אינגאנצן שווארץ. איז וווהין זאָל ער זיך לאָזן גיין? צוריק אהיים טאָר מען ניט. טאָקע צוליב דער מאַמען, זי האָט אים פארשווירן, ער זאָל ניט וואגן זיך אומקערן.

בערעק טראַכט, און די פינצטערניש ווערט אלץ געדיכטער. ווען ער שטייט אף אן אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וואָלט ער זי ניט געזען. ניין, הײַנט וועט ער זײַן וואלד־נעסט ניט פארלאָזן. דערפאר מאָרגן...

אים איז געווען קאלט, נאָר אָנצינדן אַ שײַטער האָט ער מוירע געהאַט. אפילע אַ גליי־וואָרעם אף אַ צעפוילטן פניאַק איז ער גרייט געווען צע־טרעטן, פארלעשן. ווי הונגעריקע וועלף, וואָס טשאַטעווען עמעצן צו צע־רײַסן און אָנפרעסן זיך, האָבן אין באַנאַכטיקן הימל געגישטערט דײַטשי־שע אעראָפּלאַנען. זייער הודזשען האָט פון אלע זײַטן זיך געקײַקלט איבערן וואלד. ער האָט ארופגעצויגן אף זיך דאָס לײַבל, זיך אײַנגעדעקט מיטן רעקל און געבליבן ליגן האלב־וואכעדיק, האלב־דרעמלענדיק.

נאָך פינף טעג און פינף נעכט האָט בערעק ניט פארלאָזט דעם וואלד. פון די צוויי קלומעקלעך איז געוואָרן איינס. דאָס, וואָס ס'איז געווען מיטן עסנוואַרג, האָט זיך אויסגעליידיקט. זעכצן רויע קארטאָפליעס האָט ער נאָך פארמאָגט. האָט ער זיי צעטיילט אף פיר גלײַכע כאלאָקים — ניט לויט דער צאָל, פארשטייט זיך, ווײַל עס טרעפן דאָך גרעסערע און קלענערע קארטאָפליעס, נאָר אן ערעך לויט דער וואָג, און פארשאָטן מיט ערד, קעדיי זיי זאָלן אים ניט קריכן אין די אויגן, ניט רייצן דעם הונגער. אף פיר מעסלעס, האָט ער אויסגערעכנט, מוז עס אים סטײַען. עפּעס אזוינס, וואָס לאָזט זיך נעמען אין מויל ארײַן, צעקײַען, אײַנשלינגען, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט אויסזוכן צווישן גראָז.

ער האָט ארומגעבלאָנקעט אין וואלד. צוערשט גאָר נאָענט לעבן זײַן באהעלטעניש, דערנאָך זיך אײַנגעשטעלט אָפּגיין אלץ ווײַטער. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די כײַעלעך, וואָס לעבן אין וואלד, צו די געוויקסן. מעקאַנע געווען די אינזעקטן, וואָס זייער קאָליר גיסט זיך צונויף מיט דעם, וואָס רינגלט זיי ארום. ווען ער זאָל קענען זיך אזוי פארמאסקירן, וואָלט ער זיך גאָר אַפילע באהאלטן ניט באדאַרפט.

דערווײַל האָט ער נאָך נישט שטאַרק געליטן, ניט פון הונגער, ניט פון קעלט. די סאָפּזומערדיקע נעכט זײַנען געווען וואַרעמע. שלעכט איז געווען, וואָס אין פלאַש איז מער קיין וואַסער ניט פאַרבליבן. פון דאָרשט, האָט זיך אים געדאַכט, וועט ער אומקומען. נאָר אים האָט אָפּגעגליקט. אויפן פערטן טאָג האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַן אַלטן בוים, וואָס דער ווינט האָט אַרויסגעריסן פון דער ערד. אויפן דנאָ פון דער טיפער גרוב, פון וועלכער ס׳האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט די וואָרצלען, האָט ער דערזען אַ קליינע קאַליוזשע מיט וואַסער און אָנגענומען אַ פולע פלאַש.

ס׳איז געווען נאָך האַלבן טאָג. צום ערשטן מאָל האָט בערעק זיך פאַרקליבן אַזוי ווײַט פון זײַן באַהעלטעניש. ער האָט געוווּסט, פריִער צי שפּעטער מיט אַ טאָג, נאָר ער וועט מוזן אַרויסקומען צו מענטשן. האָט ער געזוכט אַ וועג צו אַ דאָרף, און נאָך בעסער צו אַ כוטאָר. דעם באַפעל, אַז יעדערער, וואָס וועט אויסבאַהאַלטן ייִדן און קריגסגעפאַנגענע, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן, האָט ער אַליין מיט זײַנע אויגן געלייענט, און דאָך געהאָפט (און דאָס איז געווען די האָפענונג פון טאַטע־מאַמע), אַז ס׳וועט זיך געפינען אַ מענטש, וואָס וועט ראַכמאָנעס האָבן אויף אים.

ווי ער וואָלט אים אָפּגעדאַנקט! געאַרבעט איבער די קויכעס. באַטאָג, אַשטייגער, געפּאַשעט די בהמות, באַנאַכט די פערד. מיט די באַלעכײַים וואָלט אים געווען היימלעך. און אָפּגעהיט וואָלט ער זיי, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. אַלץ וואָלט אים געווען ליב, אַבי נאָר האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און כאָטש מיט עפּעס וואָס קאָנען שטילן דעם הונגער.

בערעק באַמערקט מיטאַמאָל, אַז דער וואַלד ווערט וואָס ווײַטער, אַלץ שיטערער. גייט ער נאָך מער געהיט. מיט אָן אָנגעשטרענגטן בליק און אָן אויסגעצויגענעם האַלדז, ווי בײַ אַ כײַע אָדער אַ רויבפויגל. ער האָט מוירע הויך אָן אָטעם טאָן. בײַ אַ בוים שטעלט ער זיך אָפּ, הערט זיך אײַן, און ערשט דערנאָך לאָזט ער זיך צו אַ צווייטן. ווידער געשטאַנען, צוגעהערט זיך — און צו אַ דריטן. אַזוי וועט ער ווײַט ניט אַוועקגיין, בײַ אַזאַ סאַקאָנע אָבער טאָר מען דאָך ניט אַנדערש. נאָר אָט זעט זיך שוין אָן ניט ווײַט אַ פעלד. אויב ער האָט קיין טאָעס ניט, הוידען זיך דאָרט סאָנישניקעס. אַוואַדע וואָלטן עטלעכע רײַפע טשיפּיקעס אים זייער גוט צוניץ געקומען. וועט ער זיך סטאַרען פאַרגעדענקען דאָס אָרט, דעם וועג. אויף הײַנט איז גענוג. די זון זעצט זיך. מע דאַרף זיך אומקערן. דעם געפערלעכן גאַנג אַהער וועט ער אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל.

וואָס נעענטער בערעק קומט צו צו זײַן באַהעלטעניש, אַלץ שטילער ווערט זײַן אומרו. פאַר די עטלעכע טעג האָט ער זיך צוגעוווינט צו זײַן „הייל״, טאַקע שיר ניט ווי צו אַן אייגן ווינקל... הײַנט גאַנצפרי, ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט, איז ער געלעגן אַ לענגערע צײַט אויף דער זײַט און זיך קיין ריר ניט געטאָן. פאַרבײַ אים איז עטלעכע מאָל דורכגעלאָפן הין און צוריק אַ וואַלד־מײַזל. דערנאָך האָט זיך עס אופגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלעך, אַ דריי געטאָן מיטן קעפּל, און זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. דעם מײַזלס בליק האָט ער אויסגעטײַטשט אַזוי: „האַלעווײַ וואָלט שוין די קאַץ איבערגעקומען אויף אַזאַ שטאַנד״. כאָטש ניין, פונוואַנען זאָל גאָר אַ וואַלד־מויז וויסן וועגן אַ היימישער קאַץ?.. אַוואַדע לעבט

זיך אַ קאַץ ניט שלעכט. אויב עס יאָגן זיך נאָך איר קינדער, איז קעדיי אָנבינדן אַ פּאַפּירל אַפן עק, צי איבערפאַרבן די וואָנצעס, אָדער זיך גלאַט אַזוי אַ שפּיל טאָן. אויב מע שרײַט אָף איר צי אַפילע מע באַ־שטראָפט זי, איז ווײַל זי האָט פאַרגעסן זיך יאָגן נאָך די מײַז, האָט אַ נאַש געטאָן אַזוינס, וואָס איז געווען ניט פאַר איר צוגעגרייט. דערנאָך ווערט מען ווידער צו איר ווייך, ווי טייג, און טראָגנדיק איר אַנטקעגן אַ פּולע שאָל מיט מילך, רופט מען זי, ווי אַ באַסיעכידע: „קיס, קיס, קיס, טרינק אַ ביסעלע מילך! קיס, קיס, קיס, גיי ניט אַוועק, ווײַל באַלד וועל איך גרייטן די פיש, וואָס כ׳האָב געבראַכט פון מאַרק, ווייסטו דאָך, אַז דיר, קעצעניו, וועט אויך עפּעס איבערפאַלן..."

גאָר אַ קליין קעפּעלע באַם מײַזעלע, נאָר ווי ס׳טויג זיך אויס, דאָס כײַעלע. אין וואַלד וועט עס שוין יאַקאַס דורכקומען בעסער, איידער בע־רעק. ער האָט ניט באַוויזן אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג, און גלײַך איז עס ניט געשטײַעט. אָט, ווען ער וואָלט געקאָנט מאַכן אַזאַ מין קונץ!.. נאָר צוליב דעם דאַרף מען דאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואַלד־מײַזל. אויב שוין יאָ פאַרוואַנדלט ווערן, איז שוין גלײַכער אין אַ וואָלף. דאַן וואָלט ער די מערדער, די פּאַשיסטן, אָף שטיקער צעריסן.

— אָט אַזוי! — שנײַדט ער די לופט מיטן דינעם צווײַגל, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. — אָט אַזוי! ס׳זאָל פון אײַך קיין זייכער ניט בלײַבן! אַ־אַ! ס׳געפעלט אײַך ניט? איר זײַט טויזנט מאָל ערגער פון וועלף. אַ וואָלף פאַרצוקט אַ רינד, ווײַל ער איז הונגעריק. אָבער ער וועט אויסגיין פון הונגער, נאָר קיין וועלפּעלע ניט אָנרירן. מיטן לעבן וועט ער ריזיקירן, קעדיי עס צו ראַטעווען. און איר פאַרצוקט מענטשן, אַלט און יונג, אומ־זיסט און אומנישט, איז נאַט אײַך! — און דאָס צווײַגל קנאַקט, קנאַקט...

נאָר צוליב וואָס דאַרף ער עס פאַרוואַנדלט ווערן גאָר אין אַ וואָלף? בעסער וואָלט געווען, ווען ס׳טרעפט אַ ווונדער און ער באַגעגנט יענעם מענטשן, וואָס גייט זיך פראַנק־און־פרײַ אַרום צווישן מענטשן, און קיי־נער זעט אים ניט. רירט אים עמעצער צופעליק אָן צי עמעצער טרעט אים אָן אָף אַ פוס, פילן ביידע גאָרנישט דערבײַ. ניט ער, ניט דער, וואָס האָט אים אָנגערירט. אָט דאָס איז אַ מענטש! בערעק און רינע זײַנען גע־זעסן איינס לעבן אַנדערן אין אילוזיאָן און די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן פונעם ווײַסן לײַלעך, ווו דער מענטש האָט געאַרבעט מײַסים. ער האָט געקענט אַ כוידעש און מער ניט עסן, ניט טרינקען, ניט שלאָפן. דעריקער איז באַ אים געווען פאַרניכטן אַלדאָס בייז און שלעכטס אָף דער וועלט. נאָר איינמאָל איז ער דערפון שטאַרק מיד געוואָרן און באַשטימט זיך צו־לייגן אָפּרוען. און אויב שוין צולייגן זיך, איז אָף דער פרישער לופט. אים איז אַלציינס ווו, אַבי ס׳זאָל זיך גרינג עטעמען. אָט איז נאָענט אָן אײַזנבאַן, וועט אים אַ רעלס דינען פאַרן צוקאָפּנס. געזאָגט און געטאָן. ער האָט נאָר צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און שוין — מ׳זעט אים ניט. נאָר פונקט אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן אַ לאַנגער פראַכט־צוג מיט שווער געלאָדענע וואַגאָנעס, פּלאַטפאָרמעס, ציסטערנעס. דער צוג יאָגט מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקײַט. דער מאַשיניסט זעט ניט דעם מענטשן, וואָס ליגט מיטן קאָפּ אָפן רעלס, נאָר אים איז, ווײַזט אויס, עפּעס אומעטיק געוואָרן,

האָט ער אופגעהויבן די האַנט און אַ צי געטאָן באַם קייטעלע, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אין אַלע זײַטן. דאָס קייטעלע האָט אַ צי געטאָן עפּעס אַ מין טירעלע און פונעם לאָקאָמאָטיוו האָט אַ זעץ געטאָן די פּאַרע און זיך אַ ריס געטאָן דראָענדיק צום הימל: הו־הו־הו! הו־הו־הו!

צי האָט ער יאָ געהערט צי ניט געהערט די וואָרענונג, דער מענטש, וואָס קיינער זעט אים ניט, נאָר ער ליגט זיך ווי געלעגן. מיילע, דער מאַשיניסט ווייסט ניט וועגן אים, שטעלט ער ניט אָפּ דעם צוג. אָבער דו, נאָר דו איינער, מיטן אונטערגעשטעלטן אויסגעצויגענעם האַלדז, רוק זיך אָפּ, ביזוואַנען ס׳איז נאָך ניט שפּעט! אייסעך־וואָס. די רעדער קלאַפּן אַזוי, ווי זיי וואָלטן געציילט די רעגעס. די לעצטע רעגעס. צי עפּשער מיינט ער, דער מידער מענטש, אַז ער האָט שוין אָפּ דער וועלט אַלץ אָפּגעטאָן, און וויל פון איר אַוועק. ס׳איז דאָך נאָך דאָ אַזויפיל בייז און שלעכטס...

דאָ האָבן מיסטאָמע אַלע אין אילוזיאָן שטאַרק פאַרזשמורעט די אויגן. וואָס דען, אַף אַזוינס קאָן מען קוקן? רינע האָט אַזש אַ קוויטשע געטאָן און אָנגעכאַפּט בערעקן פאַר דער האַנט. בערעק האָט אויך געמיינט, אַז ס׳איז שוין מיטן שלאָפנדיקן מענטשן אויס. עטלעכע הונדערט גרויסע אײַזערנע רעדער זײַנען אים איבערגעפאָרן, און ער — גאָרניט, ווי ניט אים מיינט מען. און קעדיי גרויס און קליין זאָלן זײַן זיכער, אַז דאָס איז אַזוי, האָט ער זיך פּאַוואָליע אויסגעקערעוועט מיט דער פּלייצע ארויף און אַפילע קיין גענעץ ניט געטאָן. ער, זעט איר, איז זיך נאָך ניט אויסגע־שלאָפן. אַרבעט שטייט אים פאָר אַ סאַך, דאַרף ער זיך גוט אויסרוען. און אַז ער וועט זיך אויסרוען, וועט ער ווײַטער קעמפן מיט אַלדאָס בייז און שלעכטס. ניט געזאָרגט, באַלד וועט ער אופשטיין...

טאַקע אַ שיינע מײַסע, נאָר אַ קורצע. גיי זוך אים, דעם מענטשן, וואָס אים טוט קיינמאָל גאָרניט וויי, ווײַלכן קיינער זעט ניט און הערט ניט. אַ שטומער האָט דערציילט, ווי אַ טויבער האָט געהערט, אַז אַ בלינדער האָט געזען... פאַר אים, פאַר בערעקן, טויג עס ניט. אָט, ווען ער זאָל קאָנען אריבער די גרענעץ און אָנקומען אין דער רויטער אַרמיי, וואָלט ער זיך צערעכנט מיט די מערדער. מאָטל האָט וועגן דעם געטרוימט טאָג און נאַכט. מאָטל איז טויט, און ער, בערעק, לעבט. וועט ער אהין גיין. ווער אָבער וועט אים דעם וועג ווײַזן?

דאָס צווייטע קלומעקל פּעלט אים שטאַרק. נאָר נישקאָשע. ער וועט אָנרײַסן סאָנישניקעס און אויסדרעשן פון זיי די קערלעך, אָנפילן די פלאַש מיט וואַסער. זאַלץ און שוועבעלעך האָט ער נאָך... ער וועט זיך אומקערן אהער מיט די רוסישע סאָלדאַטן און ראַטעווען אַלעמען, ווענען מע האָט פאַרשפּאַרט אין געטאָ. דעם קאָמאַנדיר וועט ער פאַרבעטן אהער, צו דער „הייל״, און מיט אַ שמייכל (אוואַדע וועט זיך אים דאַן ווען שמייכלען) זאָגן: „איר זעט, אָט דאָ האָב איך זיך באַהאַלטן...״

בערעק האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן באַהעלטעניש און זי ניט דערקענט. ס׳איז גאָרניט געווען די „הייל״, וועלכע ער האָט מיט עטלעכע שאָ צוריק פאַרלאָזט. ס׳איז שוין ביכלאַל ניט געווען קיין הייל. דער „דאַך״, וועלכן ער האָט אַזוי זאָרגזאַם אויסגעלייגט פון צווײַגן און פאַרשאָטן מיט מאָך, איז געווען צעוואָרפן. דאָס געלעגער, וואָס ער האָט אויסגעבעט פון איבער־

געטריקנטע בלעטער, — אופגעדעקט פאַר דער גאַנצער וועלט. ווי נאָר ער האָט עס דערזען, אַזוי גלײַך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט פון דעם אָרט, פאַר וועלכן ער האָט ביז דעם זיך געהאַלטן, ווי אַ געראַטעוועטער פון אַ דערטרונקענער שיף. קלערן איז קיין צײַט ניט געווען. די פיס אַליין האָבן זיך געטאָן זייערס. וואָס דען? וואַרטן, ביז יענער, וואָס איז דאָ געווען, זאָל אים אָנכאַפּן פאַרן קאָלנער? די צווײַגן האָבן אַראָפּגעריסן דאָס היטל, צעבלוטיקט דאָס פּאָנעם, נאָר בערעק, ווי ער וואָלט שוין געהערט די אָניאָגנדיקע טריט, די געשרייען „האַלט אים!", האָט ניט געוואַגט אַפילע אויסדרייען דעם קאָפּ אַף צוריק. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך, ווײַל פּלוצעם האָט, ווי אַ בליץ, זיך דורכגעטראָגן דער געדאַנק: „נו, און די קאַרטאָפל, די פלאַש מיט וואַסער?" אַפילע ווען ס'זאָל געווען ברעגען, האָט ער זיי ניט געטאָרט איבערלאָזן. נאָר עפּשער איז ביכלאַל אומזיסט די שרעק? וויפל מאָל האָט ער פאַרטאָג געהערט אַ צעצויגענעם הענער־קריי, דאָס מעקען פון בעהיימעס, דאָס בילן פון הינט. נאָכן פעלד מיט די סאָנישניקעס הייבט זיך גלײַך אָן אַ דאָרף. וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט בײַ אַ הונט פאַרנעמען אַהער אַ שפּאַציר. אַ הונט דאַרף מען ניט לערנען, ווי אַרײַנפּויזען אין אַזאַ „הייל", ווי בערעקס.

און עפּשער איז גאָר בײַ אים געווען צוגאַסט אַ וואַלד־כײַע, אַ שטעכלער אָדער אַ האָז? קיין אַנדערע כײַעס האָט ער דערווײַל ניט באַמערקט. און עפּשער אַ גרויסער פויגל? ניין. דער פּילין טוט זײַן שוואַרצע אַרבעט בלויז בײַנאַכט. בײַטאָג פאַרטײַעט ער זיך. די סאָראָקעס, וואָס פּאַשען זיך דאָ מישפּאָכעסווײַז, ווערן אַליין דערציטערט פאַר אַ שאָרך פון אַ פאַלנדיקן בלאַט. און ווי וואָלט עס בײַ אַ שטעכלער צי בײַ אַ האָז געקלעקט קויעך? עפּעס איז עס ניט אַזוי.

ס'ווילט זיך אים ניט גלייבן, בערעקן, אַז זײַן באַהעלטעניש האָט אופגעדעקט אַ מענטש. און ווי, אויב דער הונט איז געקומען אַהער מיט זײַן באַלעבאָס? איז ווער איז ער, דער מענטש — אַ גוטער, אַ שלעכטער? ער וועט נאָכאַמאָל קומען אַהער? צי מיינט מען ניט אָנפאַלן אַף אים, ווען ער וועט אײַנשלאָפן? וואָס זשע זאָל ער טאָן, בערעק? די נאַכט וועט ער איבערזײַן אָט דאָ, אַף דעם אָרט, ווו ער האָט זיך אַצינד אָפּגעשטעלט. פאַרטאָג, ווען יעדער קלאַנג לאָזט זיך הערן ווײַט, וועט ער זיך אויך פונעם אָרט ניט רירן. דערנאָך וועט ער עטלעכע שאָ נאָכשפּירן נאָך זײַן „הייל", און אויב קיינער וועט אַהין מער ניט קומען, וועט ער צונעמען זײַן פאַרמעגן און אַוועק, וווהין די אויגן טראָגן.

אַזוי האָט ער געטאָן. די קאַרטאָפל זײַנען געווען דאָרט, ווו ער האָט זיי פאַרשטעקט. אָבער די פלאַש, ער האָט ניט אין זינען געהאַט זי צו באַהאַלטן, האָט ניט געסטײַעט. אָט האָסטו דיר אַ שטעכלער. אַ מענטש איז דאָ געווען! ווער זשע איז ער? אַ גוטער צי אַ שלעכטער? אַ גוטער וואָלט בײַ אים דעם לעצטן טראָפּן וואַסער ניט צוגענומען. קיין שלעכטער אויך ניט. ער וואָלט דאָך אים דערמיט נאָר געוואָרנט: „אַנטלויף פונדאַנען! וואָס גיכער, וועט זײַן פאַר דיר בעסער". אַ מענטש איז דאָ געווען, ווײַזט אויס, פון די, אַף וועלכע מע זאָגט „ניט דאָס, ניט יענץ". אַזוינע גייט גאָרנישט ניט אָן. ווייניק וואָס ער האָט אויסגעטרונקען עמעצנס וואַ־

סער, האָט ער נאָך פאַרכאַפּט מיט זיך די פּלאַש. איי, עמעצער קאָן אומ־קומען פון דאָרשט, — איז עס דאָך עמעצער, ניט ער.

נאָך צוויי טעג האָט בערעק אַרומגעבלאָנקעט צווישן די ביימער. די פאַרבליבענע קאַרטאָפל האָט ער אָפּגעבראָטן, און ווי ער האָט ניט גע־פרוווט שפּאָרן, האָט עס זיך אים ניט איינגעגעבן. געליטן האָט ער פון דאָרשט. די טראָפּנס טוי, וואָס ער האָט אָפּגיך, ביז די זון האָט זיי ניט אויסגעטריקנט, געלעקט פון די גראָזן און בלעטער, האָבן צום גאָרגל ניט דערגרייכט. די איבערגעטריקנטע צונג, וואָס ער האָט געפּרוווט אַרויס־שטעקן, ווי אַ לעפּעלע, האָט, ווייזט אויס, אַליין די טראָפּנס איינגעזאַפּט. ער מוז אוועק פונדאַנען. נאָר פריִער דאַרף ער זיך כאָטש איין מאָל אָנטרינקען, אָנעסן צו זאַט...

## די ערשטע באַגעגעניש

די זונרויזן האָבן נאָך ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו טיילן. אונטערן געלן צוויט האָבן דערווייל אַרויסגעשפּראָצט ווייסע זעקעלעך אָן אַ סימען פון זאַפט. גיי וואַרט, ביז עס וועלן געבוירן ווערן קערנדלעך. דערפאַר, ווי לאַנג די רייען סאָנישניקעס האָבן זיך געצויגן, האָבן זיי אים צוגע־דעקט פון אַ זייטיק אויג. דערנאָך האָבן זיי אים איבערגעגעבן אונטער דער שוץ פונעם געדיכטן שטויב, וואָס ס׳האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ טשערעדע בעהיימעס, אומקערנדיק זיך פון פּאַשע.

אַף אַ בערגל באַם צווינטער האָט אַ טעלעצע אָפּגענאַרט דעם פּאַסטעך: אָפּגעשטאַנען קלוימערשט אַף אַ ווײַלע, אַ קראַץ טאָן מיט די הערנער אַ זייט, און אונטערן זעלבן צודעק פון שטויב זיך אַ נעם טאָן אַף רעכטס צום בעסוילעם. ווי דער טאָג אַף פּאַשע וואָלט איר געווען ווייניק, האָט זי מיט גרינעם שוים אַף די ליפּן זשעדנע געריסן דאָס גראָז אונטערן פּאַרקן. דער טעלעצע האָט געדראָעט אַ שנייד מיט דער בייטש. און בע־רעקן, אויב דער פּאַסטעך וועט אים דערזען? פּאַר די עטלעכע מינוט, ביז דער פּאַסטעך האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳פעלט אים אַ טעלעצע, האָט בערעק באַוויזן זיך באַהאַלטן צווישן די קוואָרים.

דער פּאַסטעך, אַן אַלטער פויער, האָט געפּײַערט, די בײַטש האָט אָן אויפהער געקנאַלט אינדערלופטן. קלאָלעס און זידלווערטער האָבן זיך באַ אים, ווי אַף בוימל, געפּרעגלט הויך און פעט. נאָר קיין בייזקייט אין דעם פּײַערן האָט בערעק ניט דערפילט. מעגלעך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך פּאָשעט דערפריי מיט אַ מענטשלעך קאָל. זיבן טעג, אַ וואָך אַ גאַנצע, האָט ער שוין קיין מענטשן ניט געהערט און אַליין קיין וואָרט ניט אויס־גערעדט. ס׳איז שווער צו זאָגן פאַרוואָס, נאָר בערעק האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַרויסגעשטאַמלט: „דזען דאָברי, דזיאַדקו״. דער „דזיאַדקו״, וואָס ווערדליק ער איז געווען אַלט, האָט באַ אים דער געהער שוין געקענט זײַן אָפּגעשוואַכט, האָט עס דערהערט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען, גע־קוקט אַף בערעקן מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן, און מיטאַמאָל אַזאַ קנאַק געטאָן מיט דער לאַנגער בײַטש, אַז די טויטע אין די קוואָרים האָבן באַדאַרפט דעם קנאַל דערהערן. האַסטיק, ניט לויט זײַן עלטער, האָט ער

זיך געטאָן אַ קערעווע אויס, ווידער צעשניטן מיט דער בײַטש די לופט אפצווייען און אוועק. אנטקעגן די קלאָלעס, וואָס ער האָט איצט ארויסגעשריגן פון זיך, האָבן יענע, מיט וועלכע ער האָט געבענטשט די טעלעצע, אויסגעזען ווי פּאר דער צײַט געבוירענע זיבעלעך.

אָט האָסטו דיר די ערשטע באַגעגעניש מיט אַ מענטשן פון אַ דאָרף. דער טאַטע האָט עס גאָר אנדערש אויסגעשטעלט, און דער זיידע האָט נאָך דערבײַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָפּגענארט. צום ערשטן מאָל, זינט בערעק איז אליין, נעמט אים אָן אַ פארדראָס אפן טאטן, אפן זיידן. אָבער באלד באטראכט ער זיך. וואָס האָט ער צו זיי? אָפּשיקנדיק אים פון דער שטוב, האָבן זיי דאָך געמוזט אף עפּעס האָפן, אף אַ ווונדער, אף אַ נעס, אף אַ באַגעגעניש מיט אַ גוטן מענטשן... זיי האָבן אים דאָך געוואָלט פּרוון ראטעווען, און ניט שיקן צום טויט אין די הענט ארײַן. איצט ווייסט בערעק, אז דער טויט קאָן יעדער רעגע אים אַ רוף טאָן: „קום מיט מיר!”.

אָט דער זעלבער אלטער, וואָס זידלט זיך און שילט זיך, וועט דאָך געוויס אָנזאָגן דעם סאָלטיס, אז עפּעס אַ פארדעכטיקער פּארשוין באהאלט זיך אויס אפן צווינטער... בעסער שטארבן אין וואלד פון הונגער, פון דאָרשט, נאָר צו קיין מענטשן וועט ער ניט גיין... אויס מיט די נארישע טרוימען, מיט די באָבעמײַסעס! ס׳וועט נאָך זײַן גוט, אויב מע וועט הײַנט נאָך אים ניט קומען, וועט ער באנאכט אויסזוכן אַ גאָרטן און איין מאָל פאר אלע מאָל זיך אָנעסן. ער וועט זיך פארקלײַבן אין אַ קעלער און זיך אָנטרינקען מיט מילך. די מאמע וואָלט אוואדע געזאָגט: „מע טאָר ניט, קינד מײַנס, ס׳איז אַ זינד”. מע טאָר טאקע ניט, ס׳איז אַ זינד, נאָר וואָס זשע, מאמע, בלײַבט מיר צו טאָן? מער וועט מיר, מיסטאמע, שוין קיינמאָל ניט אויסקומען זינדיקן. זאָל דער מאלכאמאָוועס נאָך אַ ביסעלע צוווארטן. אַ קראנקן גיט מען דאָך אײַן די רעפּוע ביז דער לעצטער רעגע, אפילע ווען מע ווייסט שוין, אז ס׳וועט אים שוין גרינגער ניט ווערן. עמעס, מאמע? כ׳ווייס, דו וואָלסט מיר זיכער געענטפערט, ווי קעסיידער: „אוי, ווי ביטער ס׳איז דער עמעס, זונעניו”. איז זײַ ניט בארויגעז, וואָס כ׳וויל אַ קאפּעלע פארזיסן דעם ביטערן עמעס.

די נאכט איז צוגעפאלן, און די הינט אין דאָרף, ווי זיי וואָלטן דערפילט, אז ערגעץ נאָענט באהאלט זיך אויס אַ פרעמדער, האָבן זיך צעבילט אף ניט אײַנצושטילן זיי. גיי פארקלײַב זיך אין אַ גאָרטן, אין אַ קעלער... עס זיך אָן און טרינק זיך אָן... דעם הונט וועט נאָך קומען צו הילף זײַן באלעבאָס, וועמען דו האָסט געוואָלט בארויבן. ער מעג דאָך אוואדע טאָן מיט דיר, וואָס זײַן הארץ גלוסט...

— כלאָפּטשע, פּאָקאזש סיע, גדזיע יעסטעס[1], — דערהערט בערעק נאָענט לעם זיך דעם פּאסטעכס קאָל, — גדזיע יעסטעס, גלופּטשע[2].

בערעקס ערשטער געדאנק איז געווען זיך לאָזן לויפן, און זאָל דער אלטער פּרוון אים דעריאָגן. נאָר עפּעס אזויפיל ווייכקײַט און הארציקײַט האָט אָפּגעקלונגען אין דעם אלטנס שטים, דער „גלופּטשע” האָט בערעקן אזוי דערמאָנט דער מאמעס אָפּטן זאָג: „ביסט דאָך, נארעלע, אַ קלוגער”,

---

[1] ווו ביסטו, יינגל?; [2] ווו ביסטו, נארעלע? (פּויליש).

אז ער איז געבליבן ליגן אפן אָרט, זיך פארטיַיעט און געשוויגן. דער פאסטעך האָט גענומען ריידן צו זיך אליין:

— נו, יאָ, אוואדע האָב איך אים נאָך מער אָנגעשראָקן, איז ער אוועק. איבערלאָזן אים דאָס טעפל? איז ווער ווייסט, צי ער וועט זיך אומקערן... און אז מ׳וועט דערזען דאָס טעפל, וועט מען זיך נאָך אָנשטויסן, ווער ס׳איז דאָ געווען. ברענגען אלץ אהיים, וועט יאדוויגע ווידער וואָרטשען, — און דער אלטער האָט זיך געשמאק אויסגעזידלט און א שפּיַי געטאָן.

— דזיאדקו, איר זיַיט אליין? — האָט בערעק ווי ניט מיט זיַין קאָל זיך איַינגעשטעלט צו פרעגן.

— דזעצקאָ מאָיע[1], אליין. ווי דען אנדערש? אינצווייען אזא ארבעט טוט מען ניט. ס׳הייסט, ווער זאָגט, אז כ׳טו עפּעס... כ׳טו גאָרניט. אלטע ליַיט טראָגן די אויגן אין די קעשענעס און די פיס אין די הענט. דאָס גיי איך מיר מיַין וועג, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט א ביסל אָפּרוען.

— און דאָס טעפל?

— דאָס טעפל, אויב דו וועסט אָף מיר א געשריי טאָן „גיב אָפּ!“, וועל איך עס דיר אָפּגעבן. נאָר גוט וואָלט געווען, זאָלסט עס מיר אלציינס אומקערן. בא יאדוויגען האָט אָנגעריסן א בלאָטער אָף דעם פוס, אניט וואָלט זי בא מיר ניט געפּויעלט, כ׳זאָל נאָך א טאָג ארומלויפן זיך ווידער לאָזן אין וועג.

— וויאזוי מעג איך אָף איַיך, זיידע, שריַיען?

— וויאזוי? ווייניק האָט מען איַיערע שוין אומגעבראכט, און דו פרעגסט נאָך אלץ „וויאזוי?“ מיילע, — האָט דער אלטער א טיפן קרעכץ געטאָן, — דו, גלופּטשע, וועסט נאָך געגנוג זיך אָנשריַיען. נאָר זייער קליינינקע און גאָר אלטע לאָזן ארויס די נעשאָמע אָן א פּיפּס. מאטקאָ באָסקא, זיַי מיר מויכל, דעם זינדיקן. אין דיַין נאָמען האָט מיך יאדוויגע געטריבן אהער, איז דערבארעם זיך און דערלאָז ניט, אז די שוואבן זאָלן מיך קאטעווען, ווי יוזעפן. יוזעף האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, איז פאר־וואָס קומט אים ליגן אָט דאָ?.. דערבארעם זיך און באהיט אונדז פון אל־דאָס בייז, מאטקאָ באָסקאָ...

— זיידע, אויב איר האָט א ביסעלע וואסער, גיט מיר זיך אָנטרינקען. איך קאָן שוין מער ניט אויסהאלטן, זיידע...

— וואָס זשע, גלופּטשע, שוויַיגסטו? מיט דער מאטקא באָסקא קאָן איך אזוי ריידן ביז טאָג. קיין וואסער האָב איך ניט, נא דיר א קריגל מיט פריי־שער מילך, נאָר כאַפּ זיך ניט צו, טאָרסט ניט. ברויט, קעז און קאשע וועל איך דיר מיטגעבן אין וועג...

— כ׳האָב ניט וווהין צו גיין, זיידעניו.

— אניט ווייס איך ניט? ווען ביסטו ארויס פונעם שטעטל?

— שוין לאנג, זיידעניו, זיבן טעג בין איך אָפּגעווען אין וואלד. מער קאָן איך ניט.

— אז דו קאָנסט ניט, דאָס ווייס איך אויך. ווו ביסטו געווען אין וואלד? אינעם יעגער־שטיבל?

---

[1] קינד מיַינס (פּויליש).

— ניין. כ׳ווייס ניט, ווו ס׳איז.

— פונוואַנען זאָלסטו וויסן? אַהין איז ניט גרינג צו טרעפן. אַמאָל איז דאָרט דער וואַלד געווען גאָר געדיכט, קימאַט ניט אַדורכצוגיין. ס׳איז אַ פאַרלאָזט יעגער־שטיבל. מיר איז אויסגעקומען דאָרט זײַן ניט ווײַט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עמעצער האָט זיך פאַרקליבן אַהין. מיסטאָמע, אַזאַ, ווי דו. האָב קיין מוירע ניט. אויסער מיר, ווייסט דערווײַל קיינער ניט וועגן דעם. אין יענעם יעגער־שטיבל האָט אַמאָל דעם פּאָרעצס טאָכטער זיך אופגעהאַנגען, און ער האָט פאַרבאָטן גיין אַהין. איך בין אַ פּאַסטעך, איך מעג.

— איך האָב אויך דאָס מײַסעלע וועגן פּאָרעצס טאָכטער געהערט.

— געהערט?.. עס פּאַוואָליע. ווארג זיך ניט. איך בין געווען ניט אַף קיין סאַך עלטער פון דיר, ווען כ׳האָב דעם שטריק, אַף וועלכן די פּאַניענ־קע איז געהאַנגען, איבערגעשניטן און אַראָפּגענומען דעם שלייף פון איר האַלדז, און דו זאָגסט — אַ מײַסעלע... ווי רופט מען דיך?

— בערעק.

— בערעק? אַ גוטער נאָמען. „בערעקס בערגל״ געפינט זיך דאָ ניט ווײַט פון אונדז, אונטער קאָצק. געהערט אַמאָל? דער ייִדישער פּאָלקאָווניק איז דאָרט באַגראָבן. אַ לידל איז דאָ: „Zginal Berec pod Kockiem. . .“[1]. געהערט? און וועמעס ביסטו? נאָכעם דעם פאַרבערס? עפּעס האָב איך דײַן טאַטן ניט געקענט. אָט יאַנקל עמערמאַן דעם רימער, אים האָב איך גוט געקענט. בײַ אונדז אין דאָרף האָבן אַלע נאָר בײַ אים באַשטעלט געשפּאַן — שלייעס, ווישקעס, צײַמלעך. ווילסטו, איז מיט מעשענע בליאַשקעס, ווילסטו, איז מיט ווײַסע בענדלעך, ווילסטו, איז אַפילע מיט גלעקלעך. אַפילע אָט די בײַטש, וואָס כ׳לאָז פון דער האַנט ניט אַרויס, איז אויך זײַנע. צוואַנציק וועסט זיך דורכגעפאָרן און בײַ אים געקויפט. אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט, איז אַף אייביק. עמעס, דינגען זיך מיט אים האָט מען שטאַרק באַדאַרפט. ווי אַנדערש? פון דעם האָט ער דאָך געלעבט. אַז מיר פאַרקויפן עפּעס אין מאַרק, ווילן מיר דאָך אויך באַקומען פאַר דעם וואָס טײַערער. אַנדערע באַלמעלאָכעס גאַנוועגען לעדער, און יאַנקל — ביזן לעצטן שטיקעלע פלעגט ער אַלץ אומקערן, אויב ער האָט עפּעס געמאַכט פון דײַן לעדער. ניט פּאָשעט אַזוי אומקערן, נאָר מאַכן דיר אַ רימען, אַ בײַטל, גלאַט אַ שפּילכל. נעם, מאַציי, — פלעגט ער זאָגן, — בײַ דיר אין דער ווירטשאַפט וועט עס צוניץ קומען. איך בין אים פאַרבליבן שולדיק צוויי פוד קאָרן און אַ זאַק קאַרטאָפל. אויס יאַנקל, ניטאָ מער...

— מע האָט אים פאַרטריבן אין געטאָ?

— וואָס פאַר אַ געטאָ? געהאַרגעט האָט מען אים. יענע וואָך. יאָ, יענע וואָך. וואָס האָבן מיר הײַנט? דאָנערשטיק, און דאָס איז געווען שאַבעס. פון אונדזער דאָרף האָט מען באַפוילן שיקן אין שטאָט צען וועגענער. מײַן שאָכן איז אויך דאָרט געווען, האָט ער אַליין געזען, ווי מע האָט יאַנקלען מיטן ווײַב און מיט די קינדער געהאַרגעט. פון אַ קעלער האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט און אַפן מאַרק דערשאָסן.

---

[1] אומגעקומען איז בערעק אונטער קאָצק... (פּויליש).

— און רינע, רינען, זײַן ייִנגסטע טאָכטער...

— מיסטאָמע אויך. דער שאָכן זאָגט, אַז מע האָט זייער אַ סאַך אויסגע־הארגעט. עטלעכע אַלטע לײַט האָבן זיך פאַרשלאָסן אין קלויז און גע־דאַוונט, האָט מען זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט. דו עס פּאַוואַלינקע, עס... ווילסט שוין מער ניט?

— און וואָס איז מיט מײַן טאַטן, ווייסט איר ניט?

— ניין. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דײַן טאַטן האָב איך עפּעס ניט געקענט. ניין. איך ווייס ניט. אַ טאָרבעלע האָסטו? מאַלאַדיעץ! גיב, וועל איך מײַנס אויסליידיקן. און איצט, בערעק, גיי. וואָס שטייסטו?

— וווּהין, זיידע מאַציי, זאָל איך גיין?

— אַזאַ אייצע, מיין איך, וועט דיר קיינער ניט געבן. וועגן יעגער־שטיבל האָב איך דיר גלאַט אַזוי דערציילט. און צי דו גייסט אַהין — דאָס טאָר איך ניט וויסן. אַ ביסל קאָן איך דיך באַגלייטן. אין אַזאַ שפּעטער שאָ שיקערן זיי, די באַנדיטן. פאַרייַנס וועל איך דיר באַווײַזן מײַן קוקר־רוזע־פעלד. אַזוי האָט מיר יאַדוויגע געהייסן. די פּשעניטשקעס זײַנען נאָך זייער גרינע, נאָר אַ ביסעלע מילך פאַרמאָגן זיי שוין. אויב דיר וועט אויס־קומען ערגעץ דאָ שטילן דעם הונגער, וועל איך פון דעם אָרעמער ניט ווערן, און סײַווי וועסטו דאָך בײַ מיר קיין דערלויבעניש ניט בעטן. קום, בערעק.

— זיידע, און אויב גיין אַף מיזרעך...

— אַף מיזרעך צי אַף מײַרעוו, דאָס איז שוין אַלציינס. ווײַט וועסטו ניט אַוועקגיין. אומעטום איז מיט זיי פול. מע זאָגט גאָר, אַז וואָס ווײַטער אַף מיזרעך, איז אַצינד ערגער אויסבאַהאַלטן זיך. אַ ביסל קאָן מען נאָך עפּשער אין וואַלד. קיין אַנדער אָרט ווייס איך ניט. קום!

— זיידע...

— וואָס „זיידע"? גיי מיר נאָך. יוזעף האָט מיך אויך גערופן זיידע, כאָטש ער איז מיר אויך קיין אייניקל ניט געווען. דרײַ וואָכן האָט ער בײַ זיך אין שטוב אויסבאַהאַלטן זײַנעם אַ כאַווער, וואָס האָט געדינט מיט אים צוזאַמען אין אַרמיי. איז אָבער דאָ אַ גזשעגאָזש נאַרושעוויטש, וואָס איז נאָך צוריק מיט צען יאָר שוין געווען אַ היטלעריסט. צי אין דער פּויליי־שער פאַשיסטן־ליגע, איז ער געווען, צי ערגעץ אַנדערש, נאָר ערגעץ איז ער געוועזן בײַ זיי. האָט ער זיי ביידן אויסגעגעבן, אי יוזעפן, אי זײַן כאַ־ווער. אייערנעכטן האָבן מיר יוזעפן באַגראָבן. לעבן זײַן קייווער האָב איך דיך געטראָפן. קאָן איך דיך נעמען צו זיך אָדער שיקן צו עמעצן? די אַלטיטשקע מײַנע, יאַדוויגע, וועט בעטן גאָט פאַר דיר. שטענדיק בעט זי פאַר עמעצן. נאָר עפּעס געדענק איך ניט, ס'זאָל עמעצן העלפן. גאָט ווייסט, צי וועלן מיר מיט איר שטאַרבן מיטן אייגענעם טויט. איצט שטאַרבט מען ניט פון אַלטקײַט.

— זיידע, ווער, מיינט איר, האָט זיך פאַרקליבן אינעם יעגער־שטיבל? עפּשער וועט ער מיך אויסגעבן?

— ווער, ווייס איך ניט. נאָר די, וואָס גיבן אויס, דאַרפן זיך ניט אויס־באַהאַלטן. פאַר זיי זײַנען אַלע וועגן אָפן. לאָמיך דיר בעסער אויסמאָלן, ווו דאָס שטיבל געפינט זיך. ס'איז ווײַטלעך, און באַנאַכט וועסטו אַהין ניט

טרעפן. הער מיט ביידע אויערן און סטאַרע זיך פאַרגעדענקען, וואָס איך רעד צו דיר... צוערשט דאַרפסטו אַרויס צום אויסגעטריקנטן זומפּ...

## לויפנדיק, וווּהין די אויגן טראָגן...

ווידער האָט ער זיך געלאָזט וואָס טיפער אין וואַלד. אַז ער האָט מער שוין ניט געקאָנט גיין, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, זיך צונויפגעקנוילט און אַנשלאָפן געוואָרן. פאַרטאָג איז ער געווען אַזוי פאַרקאַטשעניעט, אַז ווען ער וואָלט געמעגט צעלייגן אַ שײַטער, וואָלט ער געגלעט, געשלונגען דאָס פײַער.

גרינגער און גיכער, ווי ער האָט געמיינט, האָט ער געטראָפן צום קימאַט אויסגעטריקנטן זומפּ. און אָט איז דאָס בערגל, פאַרוואַקסן מיט אַלכע און לאָזע, פונוואַנען מע קאָן נאָכשפּירן נאָכן שטיבל מיטן שפּיציקן דאַך, וואָס דער פּאַסטעך האָט אים מיט קאַרגע ווערטער אויסגעמאָלט. פונדערווײַטן זעט עס אויס, ווי אַ סקירדע היי. אַ גאַנצן טאָג איז קיינער פון דאָרטן ניט אַרויס און אַהין ניט אַרײַן. ס׳האָט אים שוין עפּעס ווי באַנק געטאָן, וואָס דאָרט איז, ווײַזט אויס, קיינער ניטאָ. בערעק האָט נאָך באַ זיך ניט געפּועלט צוגיין צום שטיבל, ווען ס׳האָט גענומען מאַראָקען אַ רעגנדל און אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעברויגעזט. ס׳האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן אַ ווינט, די צווײַגן האָבן מיט צאָרן זיך צעשאָקלט איבער בערעקן, ווי גלײַך ער וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק. עפּשער איז עס טאַקע אַזוי. ער איז שולדיק, וואָס ער לאָזט זיך ניט אומברענגען. מיט וואָס איז ער בעסער פון די, וואָס מע האָט שוין אומגעבראַכט?

בערעק האָט מיט קויעך אַ ריס געטאָן די טיר פונעם שטיבל און, ניט צומאַכנדיק זי, שטיין געבליבן באַם אַרײַנגאַנג. דאָס קליינע פענצטערל איז געווען פאַרקלאַפּט, נאָר דורך די שפּאַרונעס האָט אַרײַנגעדרונגען אַ שוואַכע שײַן, און מע האָט געקאָנט זען די טרוכליאַווע קלעצער, פון וועלכע ס׳האָט אַ זעץ געטאָן מיטן רייעך פון נילייע און שימל. אין דער מיט פונעם שטיבל האָט געשטעקט אַ קלאָץ, וואָס איז געווען אַרײַנגעקלאַפּט גלײַך אין דער ערד. דאָס איז אַמאָל געווען אַ טיש, מיסטאַמע. לענגויס די ווענט האָבן זיך געוואַלגערט צעפּוילטע ברעטלעך. זעט אויס, אַז דאָ זײַנען געשטאַנען באַנקבעטלעך, וואָס זײַנען שוין פון לאַנג אײַנגעפאַלן. און דאָך איז דאָס געווען אַן אָרט, ווו מע האָט געקאָנט דעם קאָפּ אָנשפּאַרן.

דער ווינט האָט געמאָרדעוועט מיט דער אָפענער טיר. דער רעגן האָט געפּאַטשט. לעם דער שוועל איז שוין געשטאַנען אַ היפּשע קאַליוזשע. בערעק האָט צוגעמאַכט די טיר און זי פאַריגלט מיטן פאַרזשאַווערטן פאַרורקער. שוין אין האַלב־דרעמל האָט בערעקן צווישן איין דונער און דעם צווייטן זיך אויסגעוויזן, אַז אָט הערט ער אַ צעצויגענעם וויי־געשריי, אָט קלאַפּט עמעצער אין טיר, און אָט יאָמערט עמעצער מיט אַ קאָל פון אַן אָפּגעשוואַכט קינד. דער ווינט איז פון זינען אַראָפּ, — האָט ער שלעפעריק אַ טראַכט געטאָן.

עס האָט זיך אים ניט אויסגעוויזן. פאַרטאָג, ווען ער האָט פאַרזיכטיק

געעפנט די טיר. האָט אים פאַרפּלייצט אַ שטראָם פון פרייד און אין דעם זעלבן אויגנבליק איז דאָס בלוט אין זײַנע אָדערן פאַרקילט געוואָרן.

— רינע! — האָט פון זײַן מויל זיך אַרויסגעריסן אַ ווילדער געשריי, וואָס האָט געקאָנט דעם הימל שפּאַלטן, און ווי אַלע זײַנע קויכעס וואָלטן פון דעם געשריי אויסגעשעפּט געוואָרן, האָט ער דערנאָך שוין נאָר געמורמלט, — רי־נע־לע!.. רי־נע־לע!..

ער האָט זי אַרײַנגעטראָגן אין שטיבל און גענומען טאַרקען, מינטערן, בעטן זיך בײַ איר, זי זאָל אים זאָגן, אַז זי לעבט. רינע איז געלעגן ווי פאַרשטיינערט, אָן אַ סימען פון לעבן. ס'איז אוועק אַן אייביקײַט, ביז זי האָט געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בלינדן בליק און ווידער זיי צוגעמאַכט. פּלוצעם האָט זי, ווי אין פיבער, גענומען ציטערן און וואַרגן זיך פון אינווייניקסטע שלוכצן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זי אַרויסלאָזן דעם לעצטן אָטעם...

העכער צוויי מעסלעס האָט זי זיך אַזוי געראַנגלט, און ס'איז שווער געווען צו וויסן, אויף וועלכער וועלט זי איז. ער איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן אויף קיין רעגע. קוים עפּענענדיק די ליפּן, האָט זי געפּליסטערט: „טרינקען, טרינקען". ער האָט נאָך פאַרמאָגט אַ גלאָז מילך. נאָר גיי זײַ אַ בעריע, אַלע טראָפּנס זאָלן אַרײַנפאַלן צו איר אין מויל... ווען ער האָט צוגעדריקט די דלאָניעס צו איר געזיכט, האָט ער געפילט, ווי זי ברענט אינגאַנצן. אויסגעטריקנט איז זי געווען אַזוי, אַז דאָס צעריסענע קלייד איז אויף איר געהאַנגען, ווי אויף אַ הענגער, און די פיס, צעביסן פון קאָמאַרן, זײַנען געווען געשוואָלן און אין איינע וווּנדן.

ווען רינע האָט אים אָנגעהויבן ווי דערקענען, איז קיין גלײַכן צו אים ניט געווען. זי האָט מיט די פינגער געריסן שטיקער פונעם געקאָכטן קעז, פון דער פאַרטריקנטער קאַשע, געשלונגען ניט צעקײַענדיק, ווי גלײַך אַלע ציין וואָלטן בײַ איר געווען איבעריקע. און ער האָט געקוקט אויף איר, עלעהיי אין אַ כאָלעם, און ניט געגלייבט, אַז ס'איז זי.

פון רינען האָט בערעק זיך דערוווּסט, אַז דער זיידע איז שוין אויף דער־וועלט זײַנס איבערגעקומען. ער איז, ווי אַנדערע אַלטע לײַט, געווען אין קלויז, ווען מע האָט זי אונטערגעצונדן.

נאָך האָט רינע געהערט, אַז אַ סאַך מענטשן האָט מען צעשאָסן אויפן מאַרק. וועמען — ווייסט זי ניט. (ס'איז אַמאָל בעסער, אַז מע ווייסט ניט.) דערציילט האָט עס איר דער וועטערינאַר וואָיצעכאָווסקי, וואָס האָט צוגעזאָגט איר טאַטן זי אויסבאַהאַלטן בײַ זיך. דאָס באַהעלטעניש איז געווען בײַ אים אויפן גאָרטן. גוט פאַרשאָטן, פאַרשאַרט. ער האָט זי געהאַלטן אין איין באַרויִקן, אַז מ'וועט זי דאָ ניט געפינען. נאָר אין דער נאַכט פון דער שכיטע האָט ער זי אויפגעוועקט און געהייסן וואָס גיכער אַוועק אין וואַלד, ווײַל מע זוכט אַזוי, אַז קיין שום באַהעלטעניש וועט ניט ראַטעווען. ער האָט איר אויסגעמאָלט דעם וועג צום יעגער־שטיבל און מיטגעגעבן אַ לעבל ברויט מיט אַ שטיק פלייש. געמיינט האָט זי, אַז ס'וועט איר סטײַען אויף עטלעכע טעג, נאָר זי האָט אפילו ניט באַוויזן צו נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן. זי האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט און אַרויף אויף אַ סטעזשקע, וואָס פירט פונעם וואַלד אין שטעטל אַרײַן. מע האָט זי באַם ראַנד פון וואַלד

דערזען און אפילע געשאָסן אין איר. דעמלט האָט זי אלץ אוועקגעוואָרפן און, לויפנדיק, וווהין די אויגן טראָגן, זיך פארקליבן אין אזא געדיכטעניש, אז די צווייַגן האָבן צעדראפעט דאָס גאנצע לייַב אירס.

דאָס יעגער־שטיבל האָט זי פונדעסטוועגן אָפּגעזוכט. זי וואָלט, מיסטאָמע, געשטאָרבן פון הונגער, און ער וואָלט זי געטראָפן פון לאנג א טויטע, נאָר איינמאָל האָט זי באם ארייַנגאנג געפונען א שטיק קעז און א ביסל קאשע, די זעלבע, וואָס זי עסט איצט. פארוויקלט איז עס געווען אין עטלעכע בלעטלעך רוי קרויט. איצט פארשטייט זי, אז דאָס האָט ער, בערעק, איר אונטערגעוואָרפן. נאָר פארוואָס האָט ער זי איבערגעלאָזט אייגע אליין? דאָס עסן וואָלט זי אלציינס ניט געראטעוועט, ס'קאָן אפילע זייַן, אז פארקערט, זי וואָלט אומגעקומען דערפון. ווי נאָר זי האָט א ביסל אָפּגעגעסן, האָט זיך איר אזוי פארוואָלט טרינקען, אז זי איז שיר פון זינען ניט אראָפּ. דעמלט האָט זי באשטימט זיך אומקערן צום וועטערינאר, פאלן צו זייַנע פיס און אים איַינבעטן, ער זאָל איר געבן זיך אָנטרינקען און דערנאָך לאָזן שטארבן אין דער באהעלטעניש אף זייַן גאָרטן. שוין גייענדיק אהין, האָט זי אָנגעהויבן טראכטן, אז זי טוט שלעכט. דעם וועטערינאר מיט זייַן פאמיליע קאָן מען דאָך איבער איר אומברענגען, מעג זי דען קירצן זייערע יאָרן? דערווייַל האָט זי ווידער פארבלאָנדזשעט און אָנגעטראָפן אף אן אָרט אָן א סימען פון לעבן, און גראָד דאָרטן, עפּעס אין א מין פוקסן־הייל, האָט זי געפונען א פולע פלאש מיט וואסער. אין מויעך פּאָטויפּעט זיך עס טאקע ניט, נאָר זאָל ער אף איר אזוי ניט קוקן, אויב ער גלייבט ניט, איז באלד וועט זי אים באווייַזן די פלאש.

דעם טאָג, ווען ער איז געקומען אהער, איז זי ווידער אוועק אין יענער פוקסן־הייל, געמיינט, אז אויב עס האָט איר איין מאָל אָפּגעגליקט, וועט עפּשער אָפּגליקן א צווייט מאָל, און זי וועט דאָרט אָפּזוכן עפּעס אף אונטערהאלטן די נעשאָמע. זי האָט גאָרנישט געפונען מער, און אז זי האָט זיך שוין געקליבן גיין צוריק, האָט זיך אָנגעהויבן דער רעגן.

אוודע וואָלט זי באדארפט דאָרטן איבערנעכטיקן, נאָר ס'האָט זי שוין געצויגן צום יעגער־שטיבל. זי האָט זיך שוין א ביסל צוגעוווינט צו דעם. ווו האָט זיך בא איר גענומען קויעך און ווער האָט זי אין דער פינצטער בא דער האנט געפירט, וואָס זי האָט געטראָפן צוריק אהער, — דאָס ווייסט זי ניט. נאָר ווען די טיר האָט זיך איר ניט נאָכגעגעבן, האָט זי פארשטאַנען, אז אויס! — דאָ וועט זי פארקאָליִעט ווערן און מער די ליכטיקע וועלט אין די אויגן ניט זען. אין די פינגער זייַנען איר פארגאנגען זאשפערעס. דאָס גאנצע לייַב האָט געציטערט. זי האָט געפילט, אז זי גייט אויס. נו, און ווייַטער ווייסט ער שוין אלצדינג בעסער פון איר. זי האָט, מיסטאָמע, שיין אויסגעזען... וואָס שאָקלט ער מיטן קאָפּ, אז ניין? קיין שפּיגעלע האָט זי ניט, נאָר זי פארשטייט אליין, וואָס פאר א פּאָנעם זי האָט איצט.

— אוי, רינעלע, וואָס רעדסטו? דו ביסט שיין, ווי א דימענט, ווי א פּרינצעסן.

— וואָס פּלאָנטערסטו מיט דער צונג? דו הערסט, וואָס דו רעדסט? ביסט א כיטראַק און א ליגנער. שווער זיך ניט, און גלייַך זאָלסטו זיך פון מיר אָפּרוקן.

— כ׳זאָל אפילע וויסן, אז וועסט מיך שלאָגן, ריר איך זיך ניט פון אָרט. ביסט ווערט, מע זאָל דיך א קוש טאָן.

— שוויַיג, שוויַיג, — האָט זי מיט די הענט פארשטעלט אירע אויערן. — זע נאָר, ווי ער שעמט זיך גאָר פאר קיינעם ניט. אויב כ׳וועל פון דיר כאַטש נאָך איין מאָל הערן אזוינס, וועל איך אנטלויפן, הערסט, אנטלויפן!

— אוי, איך וועל זיך, פארשטייט זיך, אָפּרוקן, נאָר פארוואָס האָסטו נעכטן, ווען דו האָסט מיך דערקענט, אליין א פיר געטאָן מיַין פינגער צו די ליפּן און א קוש געטאָן?

— דאָס געדענק איך ניט. אז דו זאָגסט, איז עס, מיסטאמע, עמעס. איך וויים, אז דו ביסט ניט קיין ליגנער. נאָר כ׳מיין, אז אפילע פון פרייד, וואָס כ׳בין שוין ניט איינע אליין, וואָלט איך זיך אזוינס ניט דערלויבט. געוויס האָב איך געמיינט, אז איך שטארב שוין.

— לאָמיר, פרינצעסן מיַינע, וועגן טויט ניט ריידן.

— מיר זיַינען אלציינס בא אים אין די הענט, נאָר דאָך וויל איך בעטן, זאָלסט מיך מער ניט רופן פרינצעסן, אז ניט, וועל איך דיר אויך געבן א צונאָמען.

— לעמאָשל?

— וועסט שוין דערנאָך זיך דערוויסן.

— זאָג.

— כ׳וויל ניט.

— נו, זאָג, כ׳בעט דיך.

— אז איך בין א פרינצעסן, ביסטו דאָך...

— א פרינץ, יאָ?

— יאָ.

— ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל לאכן. ווי געפעל איך איַיך פאר א פרינץ? א פרינץ, זאָלסטו וויסן, דארף, ערשטנס, זיַין אָנגעטאָן ווי א פרינץ...

— ש־שא! דיר וויַיזט זיך גאָרניט אויס?

— ניין. דער ווינט איז שטילער געוואָרן, נאָר ער הערט ניט אויף צו קיצלען די ביימער, קאָנען זיי שוין, נעבעך, ניט אויסהאלטן און שאָקלען זיך פון געלעכטער...

— דאָס ווילסטו פון מיר דעם אומעט פארטריַיבן, מיך מאכן לאכנדיק? איך פארשטיי, נאָר דער נעבעך איז דען אף זיי, ניט אף אונדז? אוי, הער...

— דאָס לאכן אזוי די פייגל אף די ביימער. ווילסט, וועל איך ארויסגיין א קוק טאָן.

— גיי ניט. כ׳וויל ניט. כ׳האָב מוירע בליַיבן אליין.

— און אז ביסט געוועזן אליין, האָסטו קיין מוירע ניט געהאט?

— די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך, דאכט זיך, אפילע פארגעסן, וואָס הייסט מוירע. כ׳האָב נאָר געקלערט, אז כ׳וויל א טרונק...

— דערפאר טאקע מוז איך גיין. נאָך אזא רעגן קאָן מען פון יעדן גריבל ארויסשעפּן א זשמעניע וואסער. פון קאָרע וועל איך פּרוּוון מאכן א מולטער, און מיר וועלן אָנעמען אהין וואסער. דאָ ניט וויַיט איז פאראן א זומפּ. די וואסער איז דאָרט שטארק גרין און פארשימלט. נאָר בא א נויט... זאָל אונדז נאָר קיינער דאָ ניט אָפּזוכן.

— און דער, וואָס האָט מיר איבערגעלאָזט דעם קעז... ער האָט דאָך שוין מיך אָפּגעזוכט. צי דאָס ביסטו טאַקע געווען?

— ניין, רינעלע, ניט איך. נאָר איך קען דעם מענטשן און כ'וועל דיר וועגן אים דערציילן. פאַר אים האָבן מיר ניט וואָס מורא צו האָבן.

— ווען כ'זע אים, וואָלט איך געבעטן בא אים אַ נאָדל מיט בײַוועלעך. אין אזא הוילעך, ווי הינט האָבן מיך באַפאַלן, קאָן איך פון אָרט ניט אופּ־שטיין.

— מיילע, פאַר דעם האָסטו ניט וואָס צו זאָרגן. באַלד וועל איך דיר עפּעס באַווײַזן. פאַרמאַך אפּגיך די אויגן, פאַרמאַך, דאָס מעגסטו מיר דאָך צוליב טאָן. אָט אַזוי. באַלד, באַלד. איצט מעגסטו זיי שוין עפענען. אָט וועל איך דיך אויסקליידן. פון אָט דעם גאַרניטער בין איך שוין לאַנג אַרויסגעוואַקסן, פאַר דיר איז ער ווי אָנגעמאָסטן. ער וועט פון דיר אַראָפּזינגען. אונטער דער מאַרינאַרקע וועסטו אָנטאָן מײַן העמדל. אָט דאָס שמאַטקעלע צעוויקל אליין. זעסט? אָט האָסטו אַ נאָדל און אַ קלעצעלע בײַוול. וואָס זשע, נאַרעלע, וויינסטו?

ס'זײַנען פאַרבײַ נאָך צוויי וואָכן. ווער ווייסט, וויפל טעג האָט דאָן, ווען מע איז געווען ניט טויט און ניט לעבעדיק, פאַרמאָגט אַ וואָך? דרײַ־סיק? זעכציק? ניין, דאַכט זיך, אז אַ סאַך מער. רינע און בערעק האָבן אליין ניט באַמערקט, ווי אַלט זיי זײַנען געוואָרן פאַר די צוויי וואָכן. אַמאָל נעמען זיי זיך אפילע קריגן, און אין יעדער קריג ווערט דאָך, ווי געוויינ־לעך, געזאָגט עפּעס איבעריקס. אָט זיצט רינע אײַנגעהויקערט, ווי די באָבע בערעקס, ווען זי פלעגט שטריקן אַ שקאַרפּעטקע. די באָבע פלעגט דערבײַ פלעכטן אַ מײַסע, שפּינען גוטע כאַלומעס. און רינע שווײַגט. ווי נאָר ס'דערהערט זיך ערגעץ אַ שאָרך, אַזוי ווערט זי דערציטערט, און ווי בע־רעק זאָל זי ניט טרייסטן, קאָן ער פון איר ניט אָפּטרײַבן די מאָרעשכוירע.

בלויז איין מאָל האָט בערעקן זיך אײַנגעגעבן, רינע זאָל כאָטש אױף אַ קורצער שאָ ווידער ווערן רינע, האָט עס אויך שיר ניט געענדיקט זיך מיט אַ קריג. זיי האָבן געשפּילט אין מײַכאָלים. געררייצט און געשטילט דערמיט דעם הונגער. מיט אַ שוואַכער שטים, ווי דאָס ריידן פאַרשאַפט ווייטעק, האָט רינע דערמאָנט די געשמאַקע מײַכאָלים, וואָס איר מאַמע, די סאַר־ווערן, האָט געגרייט אף סימכעס. וועגן דער מערהײַט מײַכאָלים האָט בע־רעק נאָר געהערט, אָבער קיינמאָל ניט פאַרזוכט. ווען זי וואָלט געזאָגט „אַ שטיקל טרוקן ברויט", „אַן אָקרײַטשיק פּיסנע ברויט", „אַ סקאָרינקע מיט דער אייגענער צונג", וואָלט עס אים אַ סאַך מערער געררייצט.

רינע:

— ווי געפעלט דיר מײַן מאַמעס ביאַליסטאָקער פלעצל?

בערעק:

— מיסטאַמע איז עס מאָלע־טאַם. קאָן זײַן, אפילע בעסער פון אַ ציי־בעלע־פלעצל.

— וואָס איז עס פאַר אַ גלײַכן, אַ ביאַליסטאָקער פלעצל און ציבעלע־פלעצל?

— קיין ביאַליסטאָקער האָב איך קיינמאָל ניט פאַרזוכט, און ציבעלע־פּלעצעלעך פלעגט מײַן באָבע באַקן יעדן פרײַטיק.

— וואָס פלאַפּלסטו? דו הערסט, וואָס דו רעדסט? פאַראַיאָרן, קאָן זײַן, אַז גראַדע הײַנט ווערט פּונקט אַ יאָר, האָט די מאַמע צו מײַן געבוירן־טאָג געמאַכט אַ שטיקל יאָמטעוו. מיר האָבן אַלע שוין דעמלט גוט געהונגערט, נאָר די מאַמע האָט, כ׳ווייס ניט וויאַזוי, אָפּגעשפּאָרט מעל, אָפּגעבאַקן אַ ביאַליסטאָקער פּלעצל און צעטיילט צו שטיקעלעך אַלע קינדער. אונדזער מיזיניקל, פּיניעלע, האָט אַפגיך אופגעגעסן זײַן כיילעק און גע־בעטן נאָך, נאָר ווײַל מער איז אים ניט געווען וואָס צו געבן, האָט ער צונויפגעקערט די ברעקלעך אין דער זשמעניע, אַרײַנגעוואָרפן אין מויל, דערנאָך צעשפּרייט די הענט און עטלעכע מאָל אויסגעשריגן: מאַ, מי, מאַ — מער איז שוין ניטאָ. די מאַמע האָט זיך שיר ניט צעוויינט. ווי מיינסטו, די מאַמע און די קינדער וועלן פּראַווען מײַן געבוירן־טאָג?

— עפּשער... אויב זיי זײַנען אַלע אינײַנעם.

— אָט האָסטו דיר! פאַרוואָס עפּעס ניט אינײַנעם? ס׳קאָן זײַן, אַז אין געטאָ דאַרפן זיי גאָר פאַר קיינעם ניט מוירע האָבן...

— ווער ווייסט?

— „עפּשער”, „ווער ווייסט”, — האָט זי מיט קאַס אים גענומען איבער־קרימען. — ווי געפעלט איך דער קאַלטער לונג־און־לעבער? אויב „ווער ווייסט”, איז צוליב וואָס האָבן מיר זיך פאַרקליבן אַהער? ווילסט, לאָמיר זיך אינײַנעם אומקערן צו די עלטערן. אויב דו ווילסט ניט, איז פיר מיך צו ביזן עק וואַלד, ביזן נאָענטסטן דאָרף. פון דאָרט וועל איך אַליין טרעפן אין שטעטל. וואָס שווײַגסטו?

— מיר האָבן ניט, רינעלע, וווּהין צו גיין. מיר וועלן נאָר אַרויס פונעם וואַלד, וועלן אונדז די מערדער כאַפּן און אומברענגען.

— פאַרוואָס? קינדער טשעפּעט קיינער ניט. אונדז האָט אַפילע קיין וואָלף ניט אָנגערירט.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס. מאָטל האָט מיר אַמאָל געלייענט אַ מעשׂהלע וועגן קינדער, וואָס מע האָט עדוועט מיט גאַל און מיט האַרץ פון אַן אויס־געהונגערטן וואָלף, קעדיי זיי זאָלן זײַן בלוטדאָרשטיק און אומבעראַכמאָ־נעסדיק. עפּשער וואַקסן די מערדער אויס פון אַזעלכע קינדער.

— דאָס איז דאָך אַ מעשׂהלע.

— אַ מעשׂהלע... און דערווײַל קוקן מיר פיר און צוואַנציק שאָ אַ מעס־לעס דעם טויט אין די אויגן. פאַרוואָס?.. אוי, רינע, מיר האָבן דאָך אָפּגע־רעדט ניט דערמאָנען מער דעם טויט. לאָמיר האַלטן וואָרט. הער בעסער אַ לידל, וואָס מאָטל האָט מיך אויסגעלערנט. הער:

...רופט זיך אָן איינער: — איך בין אַ וואָלף,
ענטפערט דער צווייטער: — און איך בין אַדאָלף.
...רופט זיך אָן איינער: — איך עס שאָף און רינדער.
ענטפערט דער צווייטער: — און איך קליינע קינדער.
דער וואָלף האָט געגעבן אַ דריי מיט דער נאָז
און איז זיך אוועק... איך ווייס ניט פאַרוואָס.[1]

[1] ב. גוטיאַנסקי. „אַ באַגעגעניש”.

— וואָס זשע, בערעק, זאָלן מיר טאָן?
— אז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען...

## געדיכטע צאָרעס

אליין דער וואלד האָט זיך נאָך ניט געכאפּט, אז ער וועלקט, ווען בע־רעק און ריגע האָבן שוין געהאַט דעם קלעמענדיקן פאַרגעפיל פון ענדע־רונגען. די ביימער זײַנען נאָך געווען פארבלענדט פון זייער פראכט און גלאַנץ. איז וואָס, אויב אַ בלעטל, אַ צווייטס ווערט מאָגערער און נעמט זיך איבערפארבן פון גרין אף געל, צי, לאָמיר זאָגן, אַ פארברווינטע שיש־קע וויל זיך צעבוצקען מיט דער ערד. אפילע, ווען אין איינעם אַ פאַרטאָג האָט מיטאמאָל אַ ווייע געטאָן די קעלט און די גרעזעלעך האָבן זיך אופּ־געכאפּט פון שלאָף, באצירט מיט אַ נעץ פון אַ פראַסטיקער זילבער־ווײַסער קרוזשע, אויך דעמלט האָט עס נאָך דער וואלד געוואָלט אויסטײַטשן, ווי אַ מין קאַטאָוועס טרײַבן. ס'האָט זיך באקומען, ווי די גראָזן וואָלטן גע־טײַנעט צו די בלעטער: „איר זײַט ספּריטנע זייער, האָט איר פארכאפּט דאָס גאָלד, וועלן מיר כאָטש נעמען דאָס זילבער".

אזוי איז געווען ביז דעם זון־אופגאנג. די זון האָט מיט גוטן אראָפּגע־נומען פון די גרעזלעך דעם שיין געהעפטן שלייער. זי האָט אלעמען אַ ריר געטאָן, און אלץ ארום האָט גענומען זיך זומערדיק אויספּוצן. נאָר וואָס געווען, איז געווען. הײַנט וואָלט שוין די זון געמעגט וויסן, אז זי לעבט אין טאָעס. אַ סימען: אָט שוין אַ שאָ און צוויי, ווי די שטראַלן גלעטן די צוגעפרוירענע ערד, און דאָס פרעסטל האלט. ביז האלב טאָג האָט זיך געצויגן דער גערואנגל. אין די טונקעלע און נידעריקע ערטער האָט דאָס פרעסטל זיך ניט אונטערגעגעבן, אין די העכערע ערטער האָט די זון דער־וויזן, אז זי האָט נאָך גענוג קראַפט.

ווײַטזעעודיקער פון אלעמען זײַנען געווען די באלעכײַים: די פייגל, די וועווערקעס און אפילע די מורעשקעס. לאנג ניט געטראַכט, האָבן די זומער־פייגל גענומען פארלאָזן דעם וואלד. ווהין פליִען און אף ווי לאנג — האָט זיי קיינער ניט באדארפט אונטערזאָגן. די באַשעפעניש, וואָס קאָנען זיך ניט דורכלייגן אַ וועג אין הימל, האָבן גענומען בײַטן זייערע דירעס, איבערפארבן זייערע מאלבושים. אויך זיי האָבן זיך ניט געניי טיקט אין עמעצנס סייכל. אפילע די סאמע קלענסטע האָבן געהאלטן, אז זיי זײַנען צומאָל ניט שוואכער פון די בערן און ניט נארישער פון די פוקסן. יאָ־יאָ! קוים זײַנען זיי ניט בעקויעך אָפּשטעלן דעם אָנגריף פון די קעלטן, וועלן זיי ווי־עס־איז זיי איבערכיטרעווען. צי זיי וועלן אײַנשלאָפן צי ניט, נאָר דעם לאנגן ווינטער וועלן זיי אויסהאלטן.

פאַר אלעמען אין וואלד איז דאָ אָן אויסוועג. און פאַר ריגען און בע־רעקן? וואָס זאָלן זיי טאָן? גאָרניט קאָנען זיי ניט צוקלערן, און ס'איז ניי־טאָ, ווער עס זאָל אָן אייצע געבן. פאַר זיי איז די שוין פון לאנג ענגע, גע־פערלעכע וועלט נאָך שמעלער און געפערלעכער געוואָרן. זאָלן כאָטש ארום דעם שטיבל געווען וואקסן איינע סאָסנעס און יעלן, וואָלט ארום

דעם שטענדיק געווען ביין־האשמאָשעסדיק טונקל און ס׳וואָלט זיכערער געווען זיך אויסבאהאלטן. איז וואקסן דאָרט אויך בלעטער־ביימער... נאָך יעדן וויכערדיקן טאַנץ, וואָס דער ווינט פאַרדרייט, ווערן זיי אַלץ נאַקע־טער און אַנטבלויזן בערעקס און רינעס וווּנונג. די פאַלנדיקע בלעטער דעקן צו די ערד, און ניט די ווענט, וואָס סטאַרטשען פון איר אַרויס. וואָס וועט זײַן, אויב אַפילו ניט קיין דײַטשן, אָדער פּאָליציִאַנטן, נאָר יעגער וועלן אָנטרעפן אַהער? ביידן דאַכט זיך, אַז אויך דאָ, אין געוועזענעם געדיכטן וואַלד, איז שוין קימאַט אַזוי ווי אין הוילן סטעפּ, ווו עס לאָזן זיך זען די ווײַטסטע ווײַטן. ווען ס׳פּלעגט אָנהייבן שאַרײַען אויף טאָג, האָבן זיי, געוויינלעך, פאַרלאָזט דאָס שטיבל. זיי האָבן עס געטאָן די גאַנצע צײַט און מוזן עס אויך איצטער טאָן. זיי האָבן קיינמאָל אַזוי ניט מוירע געהאַט פאַר דער פינצטערניש, ווי איצט פאַר דער ליכטיקײַט. באַטאָג מוז מען זײַן אויף דער וואַך. דער בליק — אָנגעשטרענגט, דער געהער — אָנגעשפּיצט.

ס׳האָט שוין עטלעכע מאָל געטראָפן, און שטענדיק קומט עס פאָר, ווען זיי זײַנען ניטאָ אין שטיבל, אַז עס קומט אַ „גוטער מאַלעך״ און לאָזט זיי איבער — אַמאָל אַ לעבל ברויט, אַמאָל אַ שטיק כאַזער־פלייש, אַ ביסל זאַלץ. בערעק זאָגט, אַז דאָס טוט דער זיידע מאַציי... רינע קוקט אַרויס אויף אַ נעס, וואָס איז ניט אין קיין מענטשנס קויעך. דעריבער וויל זי בערעקן ניט גלייבן. זי קלערט: „אויב דער, וואָס העלפט זיי, איז, ווי בערעק רעדט זי אײַן, אַ פּאָשעטער פּאַסטעך, קאָן מען דאָך אים דערפאַר שטרענג באַשטראָפן, טייטן אַפילו. צוליב וואָס וועט אַ פרעמדער מענטש גיין אויף אַזאַ ריזיקע? זאָל ער זיך פאַר איר באַווײַזן אין אַן אָנבליק פון אַ גע־וויינלעכן אַלטיטשקן, — אַלציינס וועט ער פאַר איר זײַן אַ פאַרשטעלטער מאַלעך״.

זי פאַרשטייט נאָר ניט, פאַרוואָס ברענגט ער זיי כאַזער־פלייש, וואָס יידן טאָרן ניט עסן, צוליב וואָס טוט ער עס? ער וויל זיי אומיסטן אַרופירן אויף אַ זינד, ווי די שלאַנג כאַווען? בא אַזאַ הונגער, ווען יעדער אייוועראָנט עסן, קאָן עס דען הייסן אַ זינד? אַ מאַלעך וואָלט געוויס געמעגט זיי באַזאָרגן מיט אַנדער שפּײַז, אויב ניט מיט רינדנפלייש, איז מיט כ׳ווייס וואָס, אַבי מע זאָל קאָנען אָנשטאָפּן דעם שטענדיק פּוסטן מאָגן. זאָל ער איר טויזנט מאָל מויכל זײַן, נאָר אויב שוין העלפן, איז מיט דער פולער האַנט. בא רינען אין האַרצן לעבט אַ האָפענונג, אַז דער גוטער מאַלעך, זאָל אים בערעק רופן „זיידע מאַציי״, וועט זיי ראַטעווען. טאָגן הייבט אָן, ווען ס׳איז שטאַרק פינצטער.

איינמאָל אין אָוונט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אויף נאַכטלעגער, האָבן זיי געטראָפן די טיר אָפן און אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דרענגל, דער ווינט זאָל זי ניט צומאַכן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס דרענגל אין אַ זײַט. אינווייניק אין שטיבל האָבן זיי קיין סימאָנים, אַז דאָ איז עמעצער געווען, ניט באַמערקט. דאָך האָט בערעק געהאַלטן, אַז דאָס האָט מען זיי געוואָרנט וועגן אַ סאַקאָנע, און ער איז באַשטאַנען, זיי זאָלן אַוועק פונדאַנען. ווי רינע האָט זיך ניט געווערט, נאָר אויף אַ וואָך זײַנען זיי אַנטרונען. די ער־שטע צוויי טעג האָבן זיי עטלעכע מאָל געהערט, ווי עמעצער שיסט. הינט האָבן געהאווקעט. נאָכדעם איז שטיל געוואָרן. מער ווי אַ וואָך אויסהאַלטן

אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ אין שפּעטן אָסיען האָבן זיי שוין ניט געקאָנט. זייער פאַרזיכטיק האָט בערעק צוערשט אַליין זיך דערקליבן צום שטיבל. די טיר איז געווען צוגעמאַכט. אינווייניק האָט ער געטראָפן אַ שקאַרמיץ מיט סוכאַרעס, אָפּגעקאָכטע פּאַפּשויעס און דרײַ פּעקלעך שוועבעלעך. אויף קיין בעסערער מאַטאָנע און אויף אַ מער באַרויִקנדיקן סיגנאַל האָט מען זיך ניט געקאָנט ריכטן. און בערעק איז אַוועקגעלאָפן נאָך רינען.

אָן ערעך אין אַ כוידעש אַרום האָט מען זיי ווידער אויף דעם זעלבן אויפן, וואָס פריִער, געוואָרנט וועגן אַ סאַקאָנע. דאָס מאָל האָט רינע זיך ניט אונטערגעגעבן. ניין, בעשום־אויפן ניט. זי וועט אין ערגעץ ניט גיין. אַזאַ לאַנגע קאַלטע נאַכט אונטערן הימל וועט זי ניט אויסהאַלטן. און טאַקע ניט געפאָלגט. זיי זײַנען אַנטלאָפן, איידער די נאַכט האָט גענומען אויסגיין, און שיר־שיר ניט אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין די הענט. די היטלעריסטן האָבן עמעצן געזוכט צי אַפילע נאָכגעיאָגט. אַ מעסלעס זײַנען זיי געווען אין יעגער־שטיבל.

ווען בערעק און רינע האָבן זיך ווידער דערנעענטערט צום שטיבל, האָבן זיי ניט ווײַט פון דער שוועל געטראָפן אַ בערגל אַש פון אַ שײַטער. אין דרויסן און אינווייניק אין שטיבל האָבן זיך געוואַלגערט פּוסטע פלעשער, רעשטן פון שפּײַז.

אויך פערד האָט מען דאָ ניט ווײַט געהאָדעוועט. ניט קיין מיליטערישע, די קאָפּיטעס זײַנען ניט געווען אונטערגעקאָוועט. נאָך זײַנען דאָ פאַרבליבן שפּורן פון בלוט. באַ בערעקן האָט זיך געיאַוועט אַ פאַרדאַכט, אַז איינס פון די פערד איז געווען פאַרווונדעט. אַזוי האָט זיך עס טאַקע אויסגעלאָזט. דאָס פערד איז געלעגן צווישן די קוסטעס ניט ווײַט פונעם זומפּ מיט אַן אויסגעסאָלאָפּעטער צונג און אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן. ס׳האָט אַ פּאָר מאָל געפּרווט אָפּרײַסן דעם קאָפּ פון דער ערד. רינע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אָנגעריסן אַ בינטל פאַרגעלט גראָז און מיט אַ לאַשטשענדיקער שטים גענומען ריידן צו דעם:

— קאָס, קאָס, קאָס, נאַ, עס אַ ביסעלע. עס.

מיסטאָמע האָט מען צו דעם פערד קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט, קיינמאָל ניט געגלעט עס. ס׳האָט צעבלאָזן די נאָזלעכער און שטיל אַ הירזשע געטאָן. ראַטעווען עס איז געווען ניט אין זייערע קויכעס.

ווען ניט דאָס פערדנפלייש, וואָלטן זיי פון הונגער אויסגעגאַנגען. געווען איז דאָס אַ שפּײַז פאַרן קייסער צו שטעלן. אויסגעהונגערטע, ווי וועלף אין פרילינג, פלעגן זיי די ערשטע טעג זיך אָנעסן, ביז די בײַכער האָבן אָנגעהויבן וויי טאָן. בערעק האָט ערגעץ ווײַט אָפּגעשיילט פון אַ בערעזע אַ היפּשע שטיק קאָרע, זי צונויפגעדרייט ווי אַ מין קוימען און אינווייניק אָנגעהאַנגען אָנגעשניטענע לאַנגע פּאַסן פלייש. אונטער דעם קוימען האָט ער אין אַ טיף גריבל צעלייגט אַ שײַטער, ווי אַ פײַערטאָפּ, וואָס זאָל קוים־קוים ברענען און גוט רייכערן. פאַר דרײַ נעכט (באַטאָג האָבן זיי מוירע געהאַט, עמעצער זאָל פונדערווײַטנס ניט דערזען דעם רויך) האָט זיך באַקומען אַ גאַנצער מאַיאָנטעק מיט גערייכערט, אַפילע אַ ביסעלע געזאַלצן פלייש. קיין געפאַר, ס׳זאָל גיך קאַליע ווערן, איז ניט געווען. רינע האָט ניט געקאַרגט פאַר בערעקן קיין ליב־ווערטער:

— ווײַזט אויס, אַז ווען גאָט האָט געטיילט סייכל, ביסטו אונטערן בעט ניט פאַרקראָכן. דײַן מויעך, דאַרף איך דיר זאָגן, דרעמלט ניט, אַלץ ווייסטו, אַלץ קענסטו.

אַף דעם האָט בערעק איר געענטפערט:

— ווען איך וואָלט אַף אַן עמעס אַלצדינג געקענט, וואָלטן מיר שוין דאָ ניט געווען.

רינע איז מאַסקים געווען. זי האָט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט, ווײַזט אויס, ניט איין מאָל פון עלטערע געהערט:

— סייכל און מאַזל איז אַ לעכערדיקער זאַק. ס'איז געדיכטע צאָרעס מיט צאָרעלעך, וואָס ווילן ניט אַוועק אין די ווײַטע וועלדער, אין די פּוסטע פעלדער. זעט אויס, אַזאַ איז אונדזער ביטערער גוירל.

אַלץ הייסט ביטער... עס האַלט שוין דערבײַ, ס'זאָל אויספּאַלן אַ שניי און ניט צעגיין. דעמלט וועט מען מיט די אייגענע טריט אָפּן ווײַסן צודעק פון דער ערד ווײַזן, ווו מע באַהאַלט זיך אויס. די קעלט צילט מיט דינע שפּיזלעך אין לײַב. פונעם פראָסט בלינצלען אין די אויגן דימענטלעך. קעדיי צו דערוואָרעמען די דערפראָרענע ביינער, מוז מען אָן אופהער אַרומלויפן, און כאָטש מע איז אויסגעדאַרט, גרינג, ווי פעדערן, און קיין קויעך איז ניטאָ, טומלען און טרישטשען די צווײַגלעך אונטער די פיס. עפּעס האָט מען געמוזט דרינגענדיק פאַרנעמען. און בערעק האָט זיך אַנט־שלאָסן דערווײַל אַליין זיך לאָזן צום באַקאַנטן פעלד לעבן דאָרף, ווו דער זיידע מאַציי וווינט.

קאַפּיטל צוויי

# בא דעם זיידן מאַציי

## די באָבע וועט אירס אויספירן

אַף דער טרוקענער, קורץ אונטערגעשאָרענער סטערניע האָט זיך גע־פּאַשעט די טשערעדע. וואָס האָבן דאָרט די בעהיימעס נאָך געקענט אויס־זוכן? גיי, פּרווו אומבאַמערקט זיך דערקלײַבן אַהין, אַז זעלטן ווו מע האָט נאָך ניט אָפּגעשניטן די קוקורוזע און די שטענגלעך פון די זונרויזן. ליגט ער, בערעק, שוין קימאַט אַ פאַרהילצערטער, צווישן די פאַרבויגענע שטענגלעך און וואַרט, די טשערעדע זאָל זיך דערנעענטערן. דעם זיידן מאַציי האָט ער פונווײַטן דערקענט, נאָר לעבן אים דרייט זיך נאָך אַרום עפּעס אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף־דרײַצן.

ווײַל קיין פרישׂ גראָז איז שוין ניט צו געפינען, האָט עפּעס איינע אַ ספּריטנע בעהיימע זיך געלאָזט אַהער, צום קוקורוזע־פעלד, און נאָך איר דאָס פּאַסטעכל. די האָפענונג, אַז דעם פּאַסטעכל וועט זיך אײַנגעבן באַלד פאַרקערעווען די בעהיימע, איז ניט מעקויעם געוואָרן. בערעק איז אופ־געשפּרונגען פון דער ערד. ער האָט ניט באַוויזן אָפּצולויפן אַף צוריק צום וואַלד־ראַנד מער פון עטלעכע טריט, ווי אים האָבן דעריאָגט דעם ייִנגלס ווערטער:

— האָב קיין מוירע ניט, שטיי! איך וועל זאָגן דעם זיידן, וועט ער צו־גיין אהער, גלייבסט מיר ניט? איך ווייס, ווער דו ביסט. דו ביסט בערעק, און מיך רופט מען טאדעק. און ווו איז רינע?

— רינע? — בערעק האָט זיך אָפּגעשטעלט. — רינע? האָט ער איבערגע־פרעגט טאמעוואטע, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דעם נאָמען געהערט, און באשטימט ניט לאָזן זיך פארפירן. נאָר מיטאמאָל זיך באקלערט, אז ער האָט אומזיסט זיך דערשראָקן, און געענטפערט: — אויב פאר דער צײַט, וואָס איך בין אין וועג, איז מיט רינען גאָרנישט ניט געשען, לעבט זי. אָבער ווי נאָר עס וועט אויספאלן א שניי, זײַנען מיר ביידע פארפאלן.

— נא, עס, — האָט טאדעק ארויסגענומען פונעם טאָרבעלע, וואָס איז געהאנגען איבער זײַן ברוסט, א שטיק ברויט, — דערוואָרעם זיך, און מילך וועל איך באלד אָנמעלקן. די באָבע יאדוויגע מיינט אויך, אז ווי נאָר ס'וועט זיך לייגן דער שניי, וועט אײַך ווערן גאָר שלעכט. ווען ניט דו, וואָלט שוין רינע לאנג געווען בא אונדז. און אזוי, ווערט זיך דער זיידע, פארשטייסט?

— אוואדע איז דער זיידע מאַצי גערעכט, נאָר וואָס קאָן איך טאָן, אז זי וויל מיך ניט איבערלאָזן אליין?

— די באָבע וועט אירס אויספירן. דער זיידע וועט זיך מוזן אונטער־געבן. מיין ניט, ער איז זייער א גוטער. נאָר ער האָט מוירע פאר מײַן פעטער.

— דײַן פעטער איז דאָך זײַן זון.

— דו מיינסט, איך בין דעם זיידן מאציס אן אייניקל? איך בין אים א פרעמדער. געוועזן א פרעמדער. מיר האָבן געוווינט אין א דאָרף לעבן ביאַ־ליסטאָק. מײַנע עלטערן זײַנען דאָרט געווען לערער. די נאציסטן האָבן זיי אופגעהאנגען. בין איך אוועק אהער צום פעטער, דער מאמעס א ברודער. גזשעגאָזש נארושעוויטש רופט מען אים. נאָר ער איז אויך א נאציסט. ער האָט געהייסן דעם זיידן מאציי מיך נעמען צו זיך פאר א פאסטעך און באקומט דערפאר געצאָלטס. ער איז דער היגער סאָלטיס. געוועלטיקט איבער עטלעכע ארומיקע דערפער.

— אויב אזוי, קאָן דאָך רינע ניט זײַן דאָ אין דאָרף.

— פארוואָס? די באָבע זאָגט, אז פארקערט. ביז איך בין בא זיי, וועט קיין איין פּאָליציאנט בא אונדז אין שטוב קיינעם ניט זוכן. פאר אזא סאָל־טיס האָבן זיי אליין מוירע.

— און ער קומט צו אײַך אָפט?

— זעלטן, נאָר עס טרעפט. אנומלטן האָט ער מיר געבראכט א מאַר־טאָנע. א זייגער. נאָך זײַן אוועקגיין האָב איך זיך באדארפט פארענטפערן פאר דער באָבע יאדוויגע, וואָס כ'האָב אים ניט געזאָגט קיין דאנק. קיין אייגענע קינדער האָט נארושעוויטש ניט, מיינט ער, אז ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וועט ער מיך נעמען צו זיך. וואָס ביסטו ווידער אָפּגעטראָטן פון מיר? איך וויל אים מער ניט קענען. ער זאָגט, אז זײַן שוועסטער, מײַן מאמע, האָט ער ניט איין מאָל געוואָרנט, וואָס פאר א סאָף עס דערוואַרט זי. זי האָט אים ניט געוואָלט פאָלגן, האָט זי געקראָגן, וואָס איר איז געקומען. קיינער, אויסער איר אליין, איז אין דעם ניט שולדיק,

מײַן טאטן, זאָגט ער, האָט מען נאָך א סאך פריִער באדארפט געווען שטעלן צום װענטל. ער האָפט, זאָגט ער, אז װען כ׳װעל עלטער װערן, װעל איך עס אליין פארשטײן...

— טאדעק, דו דערציילסט מיר ניט קיין באָבעמײַסעס? װעגן אזעלכע זאכן דערציילט מען ניט קיין פרעמדע מענטשן.

— דו לערן מיך ניט. עפשער דארף איך נאָך פאר דיר מוירע האָבן?

— פאר מיר? קיינמאָל ניט.

— װאָס זשע פלאפּלסטו?

— איך װייס... איך זאָג דיר, װאָס איך מיין.

— איז מיין ניט, מיר איז ניט אף קיין סאך בעסער פון דיר. װען איך װאָלט געקאָנט, װאָלט איך אָט דעם היטלעריסט דערשטיקט אָדער אָפּגעסאמט. אײנײנעם מיט מײַנע טאטע־מאמע האָט מען אופגעהאנגען נאָך דרײַ מענטשן. נאָר דעם טאטנס ברודער האָט באוויזן צו אנטלויפן. אלעמען האָט ארויסגעגעבן נארושעוויטש. געקומען קלוימערשט צוגאסט. א שיקערער, האָט ער זיך פאר מיר בארימט, װאָס פארא גרויסע פארדינסטן ער האָט פארן דײַטשישן רײַך. הערסט? דער זיידע שרײַט שוין. כ׳האָב זיך מיט דיר פארעדט. באלד װעל איך אים זאָגן װעגן דיר. װאָס ער זאָל דיר ניט ענטפערן, איז איבערמאָרגן, װי נאָר די זון װעט פארגיין, זאָלסטו מיט רינען זײַן אָט דאָ באם ברעג װאלד. אלץ װעט זײַן, װי די באָבע יאדוויגע װיל. און זי האָט שוין אירס געזאָגט.

— איז עפשער בעסער, כ׳זאָל אצינד מיט דעם זיידן מאציי זיך ניט באגעגענען?

— כ׳װייס ניט. װילסט, װעל איך הײַנט איבערריידן מיט דער באָבען און קומען צו אײַך.

— װעסט אונדז ניט געפינען.

— אזוי? און װער האָט אײַך געטראָגן עסן, װער האָט אײַך צוויי מאָל געװאָרנט, אז די זשאנדארמען קלײַבן זיך דורכקעמען דעם װאלד? איך גיי מיר פרײַ אין װאלד. אין דארף װייסט מען, אז איך שניץ אויס הילצערנע לעפל, פײַפעלעך, פלעכט שיכלעך פון קאָרע, קומט מיר אויס גיין נאָך מאטעריאל.

— און דער זיידע האָט געװוסט, װוהין דו גייסט?

— װי דען? דאָס ערשטע מאָל האָט ער מיר אליין באוויזן דעם װעג צו אײַך.

— אויב אזוי, זאָג אים, אז איך בין דאָ, און זאָל ער טאָן, װי ער פארשטייט. כ׳װעל װארטן א שאָ.

דער זיידע מאציי איז געקומען. אפן שטערן איז בא אים געװען אָנגערוקט א באשליק. אָן א װאָרט צו זאָגן האָט ער דערלאנגט בערעקן א שטיק ברויט, א קעסעלע מיט מילך. ער איז געשטאנען זקייניש געבויגן און געקוקט, װי אײַלנדיק בערעק לעשט דעם הונגער, דעם דאָרשט. נאָכדעם האָט ער מיטן ארבל פון דער קאצאווייקע א װיש געטאָן אונטער די אויגן און װי פארענטפערנדיק זיך, געזאָגט:

— װוהין מיר זאָלן זיך ניט קערן, בלאָזט אונדז דער װינט ניט אין דער פלייצע, נאָר אין פּאָנעם. איז אָט, אויב איר לעבט נאָך, הייסט עס,

אז גאָט וויל אזוי. קעגן גאָט טאָר מען ניט גיין. טאַדעקן האָב איך פאַר־באַטן קומען צו אײַך. איבערמאָרגן, אויב מיר וועלן דערלעבן, וועל איך אױף אײַך וואַרטן. נאָ דיר טעלעכע געקאָכטע קאַרטאָפל און אַ שטיקל קעז. אין שטיבל זאָל פון אײַך קיין סימען, קיין דעך ניט בלײַבן, כאָטש דאָס פּאַרשטייסטו שוין איצט בעסער פון מיר. באַלד וועט זיך אופהייבן אַ ווינט. שטיי ניט, גיי!

— זיידע מאַציי, פונוואַנען האָט איר זיך דערוווּסט, אז רינע איז מיט מיר?

— פונוואַנען? דער וואַלד האָט מיר דערציילט!

טאַדעק, און ניט דער זיידע מאַציי איז נאָך זיי געקומען. אין דאָרף האָט ער זיי ביידן געבראַכט, ווען בײַ אַלעמען זײַנען שוין טיר־און־טויער געווען פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן. רינע און בערעק זײַנען נאָך די שוועל ניט אַריבערגעטראָטן, ווי ס'האָט זיי אַנטקעגן אַ שלאָג געטאָן דער רייעך פון וואַרעמע געקעכצן, פון היימישקײַט. די באָבע יאַדוויגע האָט זיי באַגעגנט מיט אַ ליבלעכן בליק, און אויף זיידן מאַציי, ווי גלײַך זייער קומען וואָלט געווען פאַר אים אומגעריכט, איז אָנגעפאַלן אַ מוירע. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געפּרוּווט פאַרקלײַבן אויף גרויסן קאַסטן, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ געלעגער, נאָר ס'האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום בופעט, וואָס ער אַליין האָט אַמאָל געמאַכט פון צוויי שאַפקעס, אָנגעקוועטשט זיי איינע אויף דער אַנדערער, אויף וועג זיך פאַרטשעפּעט פאַר דער שטשיפּצע אויף אַרויסנעמען גליִענדיקע קוילן פונעם אויוון און שיִר ניט אומגעפאַלן.

די באָבע יאַדוויגע האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל, און ווײַל ער האָט ניט אזוי גיך געפאָלגט, האָט ער פון איר געקראָגן זײַן ערלעך אויסקומע־ניש. עמעס, איר קלאָלע האָט געקאָנט גיכער אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ בראָכע.

בײַ אַ פינגערהוט שײַן האָט מען זיך געזעצט צום טיש עסן. טאַדעק האָט אַ זופּ געטאָן עטלעכע לעפל באָרשטש און אָפּגערוקט זײַן קימאַט נאָך פולן טעלער צו בערעקן. די באָבע יאַדוויגע האָט מיט צוויי פינגער אַ וויש געטאָן ביידע מויל־ווינקלען און אָנגעשריִען אויף אים:

— ווילסט ניט עסן, איז גיס אויס צוריק אין טאָפּ. זיי טאָר מען דער־ווײַל מער ניט געבן.

נאָכדעם האָבן זיי געטרונקען טיי. ס'איז געווען ווי אין אַ כאָלעם. מע האָט זיי אָנגעגאָסן עמעסע טיי און געגעבן צו שטיקלעך צוקער. זיי זײַנען פאַרשיקערט געוואָרן. די געדאַנקען האָבן עפּעס אזוי ווי זיך צעזייט, עלע־היי פּאָוועטינע פון אַ ווינט. אַ זיסע מידקײַט האָט זיי אײַנגעהילט. נאָר דער זיידע מאַציי האָט דערמאָנט, אז ס'איז שוין צײַט זיך פאַרקלײַבן אין באַהעלטעניש, און קיינער האָט אים ניט דערווידערט.

די באַהעלטעניש איז געווען אויפן בוידעם. דער ערשטער האָט אויפן לייי־טער זיך אופגעשטעלט טאַדעק. געקראָכן איז ער שטיל, ווי אַ קאַץ. אינעם היי, וואָס איז געווען אָנגעהויפנט קימאַט אויפן גאַנצן בוידעם, איז שוין

געווען צוגעגרייט א פארשטעלטע הייל, ווו מע האָט געקענט איינגעקאַר־טשעט ליגן, נאָר ניט זיצן. דאָס געלעגער איז געווען פארשפרייט מיט א רעדנע און צוגעדעקט מיט א קאָלדרע פון געוואַנט און א צעריסענעם פעלץ. צוקאָפּנס איז געלעגן א וואַטאָווע לײַבל און א קישעלע. נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו שלעכטס, צו פיל ערגערס — ביז צו אומ־דערטרעגלעכס, איז עס געווען א וויג פאר א פרינץ. אלנפאלס, אזוי האָט זיך זיי אויסגעוויזן, ווען זיי זײַנען אנידערגעפאלן אפן ווייכן היי.

אָבער נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן זיי זיך אופגעכאַפּט. די קעלט האָט באוויזן זיך דערקלײַבן ביז דעם מארך פון די ביינער. אינ־דערפרי איז דאָס בוידעם־פענצטערל פארצויגן געוואָרן מיט א פראָסטיקער בלויקײַט. אין קוימען האָט געפײַפט דער ווינט, זיך פארגאַנגען אין א געיאָמער. נאָר מיילע, דאָס איז געווען צו דערלײַדן. מיט יעדן טאָג אָבער האָט דער פראָסט זיך געשטארקט. אזא קאלטער ווינטער איז שוין לאנג ניט געווען. און ניט נאָר גיין איבערן בוידעם, נאָר אָפּט ארויסקריכן פון דער נאָרע האָבן זיי ניט געטאָרט. דערצו איז די סטערטע היי אלץ מאָ־גערער געוואָרן. דאָס פערד און די בעהיימע האָבן געפאָדערט שפּײַז.

אָנהייב יאנוואר האָט א שלאָג געטאָן אזא פראָסט, אז זיי האָבן געקאָנט פארפרוירן ווערן, ווי אײַז־צעפּלעך. ווי געפערלעך ס'איז ניט געווען, זיי זאָלן זײַן אין שטוב, נאָר אין אָוונט האָט יאדוויגע זיי געהייסן אראָפּלאָזן זיך פונעם בוידעם. זיי זײַנען ארײַן אין שטוב און גלײַך צוגעלאָפן צו דער הייסער הרובע.

די פענצטער זײַנען פון דרויסן געווען צוגעמאכט מיט לאָדנס, פון אינ־ווייניק פארהאנגען. דער זיידע מאציי איז שוין געלעגן אף זײַן קאסטן. די באָבע יאדוויגע האָט זיך געפּאָרעט מיט די טעפּ. טאדעק איז געזעסן באם טיש און בא דער שײַן פון א קעראָסין־לעמפּל געשניצט עפּעס פון האָלץ. בערעק האָט זיך צוגעזעצט לעם אים, און זיי האָבן ביידע גענומען מײַסט־רעווען. פון דעמלט אָן האָבן זיי שוין אין די לאנגע אָוונטן געארבעט צו־זאמען. דערנאָך אפגיך צום לייטער — און אונטער דער שטרויענער סטרי־כע.

## אין די לאנגע ווינטערדיקע נעכט

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אז זייער מײַסטערעווען האָט א ווערט און מע וועט דערפאר צאָלן מער ווי גוט. דער ערשטער האָט עס דער־שמעקט דער זיידע מאציי. עטלעכע אָוונטן האָט ער אופמערקזאם זיך צו־געקוקט, ווי די יינגלעך ארבעטן. אפן דריטן צי אפן פערטן אָוונט, ווי נאָר זיי האָבן זיך גענומען פאר די מעסערלעך, איז ער מיט קינדערש־דריבנע טריט צוגעגאנגען צום טיש און גענומען טײַטלען מיטן ווײַזפינגער:

— אָט די ארבעט אײַערע דארף קיינער ניט. ניט מיט קיין שפּילכלעך דארפט איר זיך פארנעמען. אזעלכע כצוורע, ווי איר, קענען שניצן פון האָלץ עפּעס בעסערס. מע קאָן מיט אײַך מאכן טאבעק־פושקעס, טײַערע פודעלקעס. איך אליין האָב אמאָל זייער ליב געהאַט שניצן, און ערגעץ דארף נאָך ליגן בא מיר דאָס געצײַג. זעגעלעך פארשיידענע, מעסערלעך,

דאָלאָטעס. ס'האָט זיך געדארפט פארהיטן אויך א שיין ביסל אויסגעטריקנט רויטהאָלץ און אפילע מעשן דראָט און פערלמוטער־קנעפלעך, וואָס איצט קאָן מען זיי פאר קיין שום געלט ניט קריגן. זיי פאסט מען איַין אינעם האָלץ. איך פלעג דאָך מאכן די שענסטע טאבאקערקעס, מיט געמעלן. מיר מיט איַיך וועלן מישן א פאס פון ליכטיק האָלץ און א פאס פון טונקלס. דאָס אליין איז שוין א גרייט געמעל. מע וועט די סכוירע בא אונדז אויס־כאַפּן, כאָטש קיין גווירים וועלן מיר דערפון מיסטאמע ניט ווערן.

— „ניט ווערן", — האָט אים די אלטע איבערגעקרימט. — זאָלן מיר זיַין באוואָרנט מיטן לעבן, פון רײַכקײַט זײַנען מיר שטענדיק באוואָרנט. וואָס אָט דער מענטש קאָן צוטראכטן, וועט קיין סוינע ניט אָנווינטשן. אזא איַינרעדעכץ!

צו מאצייען זײַנען אירע ווערטער ניט דערגאנגען. ער האָט וויַיטער פאָרגעזעצט:

— גוט צאָלן יענע, וואָס קויפן שקאטולקעס פארן צירונג. יעדערער פון די רײַכע לײַט וויל, אז אזא אנטיקל, ווי בא אים, זאָל מער בא קיינעם ניט זיַין. בא אים איינעם נאָר. מיר וואָלטן אזעלכע זאכן אויך געקענט מאכן, ווען עמעצער פון איַיך וואָלט געמאָלט.

טאדעקן קיין פינגער אין מויל דארף מען ניט אריַינלייגן. אין די פיַיפעלעך און שיכעלעך פון קאָרע, וואָס ער האָט פריער געמאכט, האָט ער פארגעסן, ווי ער וואָלט זיך מיט דעם קיינמאָל ניט פארנומען. די נייַע ארבעט האָט אים פאָשעט פארכאפט. באפוצט די פושקעלעך און באמאָלט, און ווי דעם זיידן מאציי האָט זיך געדאכט, גאָר ניט שלעכט, האָט בערעק. אויסער דער באָבע יאדוויגע, האָבן אלע זיך פלײַסיק גענומען פאר דער מעלאָכע.

אין די לאנגע ווינטערדיקע נעכט זיצט מען אין האלב־טונקלעניש און מע האָרעוועט, און באטאָג, ווען עס לײַכט, שלאָפט מען.

קעדיי פארקויפן די סכוירע, האָט מען באדארפט פאָרן אין שטאָט אריַין. צוליב דעם האָט אויסער א דײַטשישער פאסיר־שײַן זיך געפאָדערט אויך א צעטל פון דעם סאָלטיס, אז דער פארקויפער האָט אויסגעצאָלט אלע שטײַערן און אים איז דערלויבט צו פארקויפן, לאָמיר זאָגן, ליימענע טעפּ, מאקרעטעס אָדער אנדערע זאכן, וואָס ער אליין האָט אויסגעארבעט.

די שטײַערן האָבן געמעגט זיַין אויסגעצאָלט, נאָר אויב דו האָסט ניט געגעבן דעם סאָלטיס אין דער האנט אריַין, קאָנסטו נאָך אים נאָכלויפן א יאָר מיט א מיטוואָך. גיין צו אים האָט קיינער ניט געוואָלט. נאָר טאָן האָבן עס געמוזט אלע.

דער זיידע מאציי האָט דערנאָך דערציילט, וויאזוי ער איז געקומען צום סאָלטיס נאָך א צעטל. ער האָט באוויזן בלויז האלב פון דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבן פירן אין שטאָט אריַין, דערביַי אויסגעקליבן די סאמע בילי̇קסטע זאכן. אף אזא סכוירע האָט נאטשאלסטווע, א וואזשנער, ווי א מארשאלעק, זיך ניט געריכט. ער האָט לאנג געקוקט, געטראכט, און ס'האָבן זיך א שאָט געטאָן פראגן:

— ווען האָסטו באראבעוועט?

— קיינעם ניט.

— ווער האָט עס דיר געגעבן?
— קיינער ניט.
— ווער האָט עס געמאכט?
— וואָס הייסט ווער? איך.
— א ליגן. פונוואנען קאָנסטו וויסן פון אזעלכע געמעלן? ס'איז דאָך דיר ניט קיין שפאקליאַווקע, געמאכט פון קרייד, שיטערן קליי און אייל? ס'איז דאָך קונסט־ארבעט...
— פרעגט באם אלטן קסיאָנדז, וועט ער אייך דערציילן, וואָס פארא זאכן איך פלעג אמאָל מײַסטרעווען.
— מער ווײַסטו מיך צו קיינעם ניט שיקן? דעם קסיאָנדז, אז כ'וועל אים דארפן, וועט ער צו מיר קומען. צום לעצטן מאָל פרעג איך בא דיר — ווער האָט עס געמאכט?
— איך און... אויך טאדעק.
— טא־דעק?
— איך לערן אים די מעלאָכע.
— איך גלייב דיר ניט. אויך מיר א לערער! ס'ניט פאר זײַן קאָפּ און ניט פאר זײַנע יאָרן.
— פאר זײַן קאָפּ און אויך פאר זײַנע הענט מעגט איר זיך ניט זאָרגן, און יאָרן פארמאָג איך אזויפיל, אז ס'וועט פאר אונדז ביידן קלעקן.
— אויב טאדעק האָט אזא קאָפּ און אזעלכע הענט, פארוואָס זשע האָסטו מיר פריִער געזאָגט, אז ס'איז נאָר דײַן ארבעט?
— דערפאר, ווײַל ניט פריִער, ווי אין א יאָר ארום, אויב מיר וועלן דערלעבן, וועל איך אײַך עפשער קאָנען ענטפערן, אז מיר ביידע.
— אָט דאָס איז, מעגלעך, עמעס. אויב ער איז ארײַנגעפאלן צו אזא לערער, ווי דו, אין די הענט, איז עס קיין כידעש ניט. איצט שווײַגסטו, האָסט מיר ניט וואָס צו ענטפערן.
— כ'וואָלט געקענט, נאָר כ'האָב פאר אײַך מוירע.
איידער דאָס וואָרט שפּרינגט ארויס פון דײַן מויל, ביסטו דער באלע־באָס איבער דעם, דערנאָך... דעם זיידן מאַצייס ליפּן האָבן זיך נאָך ניט צוגעמאכט, און ער האָט שוין כאראָטע געהאט אף דעם, וואָס ער האָט גע־זאָגט. אין זײַן לאַגע אזוי ריידן... נאָר כאפּן צוריק האָט מען שוין ניט געקענט.
— אָט וויאַזוי? וועל איך דיר די צונג צעבינדן. רעד!
— צו מיר האָט איר אים געבראכט, ער זאָל מיר העלפן פּאַשען די טשערעדע, זײַן געצאָלטס באקומט איר. פאר קיין לערער האָב איך זיך ניט אָנגעדונגען, איז וואָס זשע פארא טײַנעס קאָנט איר צו מיר האָבן? מיט א סטאמעסקע און א זעגל קאָן איך זיך נאָך אליין ספּראַווען, אָנמאָלן א צאַצקע אף א פּודעלע קאָן איך אויך. קוינים וועלן זיך אויסזוכן, ווײַל קיין אנדערע שניצערס, מיין איך, זײַנען שוין אין אונדזער געגנט ניטאָ, איז ווי איר ווילט, איך קאָן זיך אָן טאדעקן אויך באגיין.
— אזוי, אזוי. האָסט טאקע צעבונדן דײַן לאַנגע צונג. איז זע, מע זאָל זי דיר ניט קירצער מאכן. וויפל מיינסטו באקומען פאר די פיר טאַ־באַקערקעס און פאר דער שקאַטולקע?

— וואָס טײַערער, פאַרשטייט זיך. נאָר איך האָב דאָך פאַר אײַך אַרויס־געלייגט אַכט טאַבאַקערקעס און צוויי שקאַטולקעס.

— קאָנסטו, הייסט עס, ציילן אויך. פון הײַנט און ווײַטער, פאַרגעדענק עס, זאָלסטו זיך לערנען טיילן אויף צוויי, אָדער, דיר זאָל זײַן גרינגער צו פאַרשטיין, וועל איך דיר זאָגן פּאַשעטער, איבערלאָזן פאַר זיך פון דעם, וואָס וועסט אָפּלייזן פאַר דער סכוירע, ניט מער פון האַלב. די האַנט פונעם אויער נעם צו. דער געהער איז נאָך בײַ דיר ניט אַזוי קלאָגעדיק. האָסט אַ ברייִרע, קאָנסט זיך אָפּזאָגן. נאָר דאַן וועסטו מוזן נעמען אַ פּאַטענט, וואָס וועט דיך קאָסטן אַ סאַך טײַערער. ווײַטער זאָלסטו וויסן זײַן, אַז פון דײַן טייל קומט נאָך עפּעס אַרויס טאַדעקן, וועסטו דערוויַיל אַ פּערטל, נײַן, אַ דריטל פון דײַן פאַרדינסט ווידער אָפּגעבן מיר. און איך וואָרן דיך, אויב דו וועסט מיך פּרוּוון אָפּנאַרן, וועסטו אַליין מער קיין איין טאַבאַ־קערקע ניט פאַרקויפן. פאַרקויפן די טאַבאַקערקעס קאָן איך אָן דײַן הילף. אויב דאָס געשעפט וועט לוינען, וועלן די בעהיימעס און די קעלבער זיך באַגיין אָן דיר מיט טאַדעקן. ס׳וועלן זיך אויסזוכן אַנדערע פּאַסטעכער. אין אַ האַלב יאָר אַרום זאָל מײַן טאַדעק קענען די מעלאָכע ניט ערגער פון דיר. און איצט גײַ דיר אַ פּאַפּיר, און מער האָסטו דאָ ניט וואָס צו טאָן. וואָרט. פון דער שטאָט זאָלסטו פריִער פאַרפאָרן צו מיר זיך צערעכענען, און שוין דערנאָך צו זיך אַהיים.

ערשט אויפן וועג אין שטאָט אַרײַן איז אויפן זיידע מאַציי אָנגעפאַלן די עמעסע שרעק. עפּעס אַ קלייניקײַט, מיט וועמען ער האָט פאַרפירט אַ קריג! און וואָס וואָלט געווען, ווען דער באַנדיט טוט אַ גוטן טרייסל דעם שליטן? דאָס איז דיר ניט פאַלן אויפן רוקן און צעקלאַפּן די נאָז... מע וואָלט אים לעבעדיקערהייט אין דער ערד אַרײַנגעטריבן, און ניט נאָר אים איי־נעם, מע וואָלט זיך גענומען נישטערן אין שטוב, אין קעלער, אויפן בוידעם. בלויז פון דעם געדאַנק אַליין זײַנען בײַ דעם זיידן מאַציי אויפן שטערן אַרויסגעטראָטן טראָפּנס שווייס און די פאַרגעלטע פון טאַבעק פינגער האָבן גענומען ציטערן. נו, מיילע, אויף זיך האָט ער זיך ניט וואָס צו וווּנ־דערן, נאָר ווי קומט עס, וואָס יאַדוויגע האָט דערלאָזט, ער זאָל האָבן צו טאָן מיט די פּודעלקעס און מיטן סאָלטיס? כאָטש גראָד אויף איר האָט ער אויך ניט וואָס צו כידעשן זיך. דעם שטריק, וואָס וואָרט אויף זייערע העלד־זער, האָט זי דאָך פאַרפלאָכטן. שטילערהייט זיך טיילן, זאָל זײַן אַפילע מיטן לעצטן ביסן, קעגן דעם האָט ער גאָרניט. דאָס יאָ. בלויז פון צוזען די מאַטערנישן, וואָס מענטשן שטייען אויס, קאָן מען פון זינען אַראָפּ. נאָר אַזוי אײַנשטעלן דאָס לעבן... און וויפל קאָן זיך עס נאָך ציִען?

אויב אַפילע עס וועט געשען אַ נעס און זיי אַלע וועלן איבערקומען דעם ווינטער, וועט ער אַלציינס בערעקן און רינען מער ניט קענען האַלטן בײַ זיך. זייער טויט־אורטייל איז שוין פון לאַנג אונטערגעשריבן און גע־שטעמפּלט, און קוים איז עס אַזוי, וועלן די מענטשנפרעסער פריִער אָדער שפּעטער זיי געפינען, שנײַדן פון זיי שטיקער און אַרויסציִען דעם עמעס, וועער ס׳האָט זיי געהאָלפן. ווי פאַר די אויגן, זעט ער דעם שלייף, אויף וועלכן ער באַמבלט זיך. און עס ווערט אים ענג אין האַרצן. נאָר ביז עפּעס וואָס

איז ער שיר ניט אומגעקומען איבער די טאַבאַקערקעס און שקאַטולקעס. טפו, פאַרברענט זאָלן זיי געוואָרן ווערן, נאָך איידער ער האָט זיך צו זיי צוגעקירט! ווייניק אומגליקן, איז נאַ דיר נאָך אַן אָנשיקעניש, נאָך איין פאַסטקע צוגעגרייט פאַר זיך אַליין. מע זאָל אים אפילע אָפּגילטן, וועט ער מער אין שטאָט ניט פאָרן.

מיט אָט די אומדערטרעגלעך שווערע מאַכשאָוועס האָט ער זיך דער־קליבן צו דער בריק, וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן. אַ סאָלדאַט פון דער זשאַנדאַרמעריע (אָף דער ברוסט — אַ בליאַכע אָף אַ דיקער קייט) האָט אים מיט די אויגן באַטאַפּט. דאָס פערד האָט געוואָלט, ווי געוויינלעך, פאַרקערעווען מיטן געסעלע אָף לינקס, צום מאַרק, דער זיידע מאַציי האָט עס געצייט פאַרקערעווען אָף רעכטס, צום געמויערטן הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט דער פּאַן קולטשיצקי, וועלכער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגע־הויבן, ניט אָפּנאַרנדיק אים, אויסקויפן זײַן סכוירע. מאַצייען פלעגט ער שטענדיק באַגעגענען מיט די ווערטער: „די מיל באַ אײַך אין דאָרף זאָל ניט וויסן פון קיין רו, אײַער שפּײַכלער פון קיין ווידערקאָל״.

קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אַזאַ, ווען דעם זיידן מאַציי איז ניט אויסגעקומען זיך דינגען. און וויאַזוי האָט עס געקאָנט זײַן אַנדערש, אויב דער קוינע האָט אָנגערופן אַ פּרײַז אין פינף מאָל גרעסער, ווי ער האָט אויסגערעכנט. באַם שליסן דאָס געשעפט האָט יעדערער פון די צדאָדים אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג.

דער זיידע מאַציי: אויב עמעצער וועט זיך נאָכפרעגן, האָט פּאַן קול־טשיצקי געקויפט בלויז פיר טאַבאַקערקעס און איין שקאַטולקע, פאַר דעם וועט ער זיך אַצינד צעצאָלן, דאָס, וואָס ס׳קומט פאַר דער איבעריקער סכוירע, וועט ער אומקערן אַן אַנדערשמאָל.

פּאַן קולטשיצקי: דער זיידע מאַציי וועט מער קיינעם זײַן סכוירע ניט פאַרקויפן און ניט פאָרלייגן. אויב דער סאָלטיס וועט זיך אַליין פאַרנעמען מיטן האַנדל, וועט קולטשיצקי פירן די קאָמערציע אויך מיט אים.

דער מינדלעכער אָפּמאַך איז באַלד אָפּן אָרט באַוואָרנט און געזיכערט געוואָרן. אָפּן טיש האָט זיך באַוויזן אַ פלאַש בראַנפן, פאַרבײַסעכץ, און דער זיידע מאַציי און פּאַן קולטשיצקי האָבן זיך געזעגנט, ווי אַלטע גוטע פרײַנט. אָבער ניט דער בראַנפן, ניט דאָס געלט, ניט די אײַנגעקויפטע אָפּן מאַרק זאַכן האָבן דעם זיידע מאַציי ניט געוואַרעמט, זײַן געמיט ניט גע־לײַטערט. דער שטיין אָפּן האַרצן איז פאַרבליבן.

דאָס גלײַכסטע, קאָן זיך דאַכטן, וואָלט געווען, ווען ס׳וואָרט אויס מיטן פאָרן אין שטאָט. האָט דאַפקע דער אַלטער מיט זײַנע אייגענע הענט אי־בערגעגעבן קולטשיצקין נאָך צוויי פאַרטיעס סכוירע. פונעם סאָלטיס האָט ער מער קיין איין פושקעלע ניט פאַרלייקנט. ס׳הייסט, ניט פאַרלייקנט, וויפל ער פירט אין שטאָט סכוירע, אָבער ניט אַלץ האָט ער געפירט, ווײַל שוין צופיל פושקעלעך, און פודעלעך, און שקאַטולקעלעך, האָט זיך באַ־קומען, אַרבעטן אויס דער זיידע מאַציי און טאַדעק. אַ טייל האָט מען דערווײַל ניט פאַרקויפט. פאַרבאַהאַלטן, ביז ס׳וועלן אָנקומען בעסערע צײַטן.

# אויב דער געמעל איז אזא...

ס'איז געווען ארום האלבטאָג, ווען דער סאָלטיס אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע פּאָליציאַנטן איז געקומען אין דאָרף. אזוינס טרעפט ניט צום ערשטן מאָל, און דאָך...

וואָרענען בערעקן מיט רינען, אז ביז טאדעק וועט זיי ניט געבן קיין סימען, טאָר מען פון זיי קיין פּיפּס ניט הערן, האָט מען ניט באַדאַרפט. דער פּעטער איז אריינגעגאנגען א קוק טאָן אף זײַן פּלעמעניק, און גלײַך האָט די באָבע יאַדוויגע זיך געכאַפּט שפּרייטן דעם טישטעך, אָבער דער גאַסט האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ניין, מע דאַרף ניט. ער האָט גאָר אליין אוועקגעשטעלט אפן ניט געדעקטן טיש עפּעס אין א טיכל פאַרוויקלט און באַפוילן דעם אלטן:

— צעוויקל! — און אין א רעגע אַרום: — עסן!

די שקאַטולקע, וואָס דער זיידע מאַציי האָט געעפנט, האָט געהאַט צוויי דעקלעך, און טאַדעקן האָט זיך געדאַכט, אז באַלד וועט פון אונטער יעדער דעקל אַרויסשפּרינגען א דײַטשישער סאָלדאַט און אים, די באָבען, דעם זיידן נעמען וואַרגן און שטיקן. די שקאַטולקע איז געווען פײַן געמאַכט. דעם גרעסטן כיילעק אין איר האָט געהאַט בערעק, וואָס האָט זיך מיט איר לאַנג געפּאָרעט, דעריקער באַם געמעל. איז וואָס וויל ער, דער „ליי־בער" פּעטער?

— וועמעס אַרבעט איז עס?

— אונדזערע, — האָט יאַדוויגע פאַר אַלעמען געענטפערט.

— דו העלפסט זיי אויך?

— מיט א קרעכץ, — האָט זי מיט שפּאַס געפּרוּווט צעשטרייען זײַן בייזקײַט. — די מאַנצבלען מײַסטרעווען, און איך גרייט פאַר זיי עסן. קומט אויס, אז כ'מעג זיך טראַכטן, אז דאָס איז אונדזער אַלעמענס אַרבעט.

— „קומט אויס, קומט אויס"... באַלד וועט אײַך אַלעמען אויסקומען זאָגן, ווו דער עמעס שטעקט. טאַדעק, גיי נאָר צו נעענטער אַהער און זאָג, ווער האָט געמאַכט די שקאַטולקע?

— דער זיידע מאַציי און איך.

— דאָס לידל ווייס איך שוין פון לאַנג. איר האָט עס אָפּגיך אויסגע־לערנט, נאָר זעט, איך זאָל עס נאָך גיכער פון אײַך ניט אַרויסשלאָגן. וואָס האָסטו דאָ געמאַכט און וואָס האָט דער אלטער געמאַכט?

— די ווענטלעך האָט דער זיידע מאַציי געמאַכט. איך האָב אים גע־האָלפן. באַ מיר באַקומט זיך עס נאָך ניט זייער גוט. דאָס דראָט האָט ער אליין פאַרפעסטיקט. ער זאָגט, אז איך קאָן זיך נאָך אָפּבריען.

— פאַרוואָס עפּעס אָפּבריען?

— מע דאַרף גוט וויסן, וויאַזוי אָנגליען און בייגן דאָס דראָט, ס'זאָל אויסברענען פאַר זיך אין האָלץ אזא געלעגער, ווי מיר דאַרפן.

— וואָס פאַר א געלעגער דאַרפט איר?

— ווי אַמאָל. ס'איז געווענדט פונעם אוזאָר. אין דעם באַשטייט דאָך די שיינקײַט. סטאַרען מיר זיך.

דער סאָלטיס איז אופגעשפּרונגען פון זײַן אָרט, פאַרוואָרפן די רעכטע

האנט, צילנדיק זיך אין טאַדעקס באַק, און מיט רעציכע אויסגעשריִען:

— קוק מיר אין די אויגן און ענטפער, אַניט וועל איך דיר די ביינער איבערברעכן, ווער איז עס דער „מיר”?

— איך און דער זיידע.

דער סאַלטיס איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ פאַרהויבענער האַנט, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט דערמאָנען, פאַרוואָס ער קלײַבט זיך שלאָגן טאַדעקן. עפּעס האָט אים געשטערט. אומגעריכט איז דער אַלטער אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט און פון פאָרנט, אַפן ערשטן פּלאַן, איז אַרויס טאַדעק. ער ענטפערט. ער רעדט. דער קליינער אויסוווּרף ווייסט, דאַכט זיך, ווו דער הונט ליגט באַגראָבן, און מיינט אים, דעם פעטער זײַנעם, איבערכיטרעווען, נעמען אַלץ אויף זיך. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פון בוים. נישקאָשע, באַלד וועט דאָס פלעמעניקל... פון קיין שמיץ וועט ער זיך שוין ניט אַרויסדרייען. ער האָט עס פאַרדינט, נאָר דערווײַל איז נאָך בעסער גיין מיט גוטן. שלינגט פּאַן נאַרושעוויטש אַראָפּ די אָנגעלאָפענע סלינע און זעצט רויִק פאָר:

— זאָלסט מיר זאָגן, ווער פון אײַך וואָס עס טוט. ווער מאַכט די שקאַר טולקע און ווער מאַכט דעם געמעל אויף איר, נאָר זײַ אַזוי גוט און פּלאָנ־טער ניט.

— איך פּלאָנטער ניט. ווי אַזוי די הילצערנע פּאַסן זאָלן זיך פאָרן לויט דער פאַרב, ווי אַזוי אויסלייגן פון דראָט צי פון פערלמוטער דעם אוזאָר, — דאָס איז מײַן אַרבעט. דער זיידע מאַציי זעט שוין שלעכט... ער זאָגט, אַז מײַן קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט דער רועך ווייסט וואָס, נאָר פאַר דער „רועך ווייסט וואָס” צאָלט מען טײַערער.

נאַרושעוויטש האָט צוגעמאַכט די אויגן און עטלעכע מאָל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מע טוט עס, ווען מע ווערט שטאַרק מיד און ס׳הייבט אָן שווינדלען אין די אויגן. ניין, ער איז שוין קימאַט איבערצײַגט, אַז טאַדעק ווייסט די סיבע, וואָס האָט אים, דעם סאַלטיס, אַהער געבראַכט.

— טאַדעק, איך דאַרף וויסן, ווער האָט אויסגעמאָלט די אוזאָרן אויף די דעקלעך, דו צי אָט דער אַלטער שקראַב, וואָס שטייט מיט איין פוס אין קייווער?

ווי האָט עס טאַדעק געקענט זיך אַזוינס דערלויבן? שיר ניט ער שרײַט אויף נאַרושעוויטשן, הער נאָר הער — ווער אויף וועמען עס שרײַט! מעגלעך, דאָס איז געשען, ווײַל אינדערעמעסן שטויסט זיך טאַדעק דערווײַל ניט אָן, וואָס דער באַנדיט וויל דערגיין מיט זײַנע פראַגן, נאָר אויב ציטערן פאַר אים, קאָן זײַן נאָך ערגער. טאַדעק האָט אָפּגעענטפערט:

— איר פאַרשטייט, וואָס מע רעדט צו אײַך? אַבי מע זאָגט, קינדער פאַרשטייען ניט. איך האָב דאָך אײַך דערקלערט: שניצן, פּאָלירן, לאַקירן און אַפילע קלעפּן דאַרף איך זיך נאָך לערנען און לערנען באַם זיידן, נאָר די געמעלן מאַכן — דאָס איז מײַן אַרבעט.

— איך וועל דיר ווײַזן מיטן פינגער, פרעגן, און דו דאַרפסט מיר ענט־פערן: „יאָ” אָדער „ניין”. אַ טונקלער פּאַס, אַ ליכטיקער פּאַס, ווידער אַ טונקלער — דאָס איז אַ געמעל?

— יאָ.

— אַט די דריידלעך פון דראַט — דאָס איז אַ געמעל?
— יאָ.
— אפֿן אײבערשטן דעקל האָסטו געמאַכט דעם געמעל?
— יאָ.
— אפֿן צווייטן אויך דו?
— יאָ.
— דאָס דראַט אין געלעגער, ווי דו זאָגסט, האָסטו אײַנגעשטעלט?
— ניין.
— איז ווער האָט געמאַכט די געמעלן?
— איך, איך. איך האָב געמאָלט, און דער זיידע מאַציי האָט אײַנגעפּאַסט דאָס דראַט.
— וויאַזוי זשע האָסטו געמאָלט?
— מיט קרײַד. איך האָב געמאָלט מיט קרײַד. איר גלייבט ניט? אָט ליגט אין ווינקל קרײַד, און אָט שטייט אַ קעסטעלע, וועל איך פאַר אײַערע אויגן אָנמאָלן מיט קרײַד דאָס זעלבע. דאָס איז דאָך אַזוי פּאַשעט.
— גוט, כ׳גלייב דיר. און פֿונוואַנעט בעמסטו די געמעלן?
— וואָס הייסט פֿונוואַנען? פֿונעם קאָפּ. וואָס האָט איר אין זיי דערזען אַזוינס?
נאַרושעוויטש האָט אַ דרעלעווע געטאָן טאַדעקן מיט די אויגן פֿון קאָפּ ביז די פּיס.
— פּריִער וועל איך דיר אים צעשפּאַלטן, דעם קאָפּ דײַנעם, און אַ קוק טאָן, צי די געמעלן האָבן דאָרט געגנעכטיקט. און אויב איך וועל זיי אפֿילע דאָרט געפֿינען, וועל איך דיר אַלציינס ניט גלייבן. דערפֿאַר זאָלסטו זיך אופֿהערן מאַכן טאַמעוואַטע, קלוימערשט דו ווייסט גאָרניט, און מיר זאָגן, ווער האָט צוגעקלערט די געמעלן?
— איך.
— ביזוואַנען דו ביסט נאָך אין מײַנע הענט, אייצע איך דיר נאָכאַמאָל, טו אַ גוטן קלער. מיט מיר האָסטו ניט וואָס צו שפּילן אין זשמורקעס, באַלד וועסטו אַליין פֿאַרשטיין, אַז מיט דעם וועסטו זיך נאָר ערגער מאַכן. מיט דעם איניען פֿאַרנעמט מען זיך אין געסטאַפּאָ, און דאָרט האָט מען מיר דערקלערט, אַז די געמעלן זײַנען אַלט, ווי די וועלט. האָסט זיך געלערנט אין גימנאַזיע, ווייסטו בעסער פֿון מיר וועגן רוימער, גריכן, עגיפּטער און ווי נאָך הייסן זיי דאָרטן, פֿיניקיִער. איז עס זייערע דריידלעך. האַ, ווי מיינסטו?
— קאָן זײַן.
— קיין שטאַרק ריין בלוט רינט ניט אין דײַנע אָדערן. דײַן טאַטע איז געווען אַף האַלב אַ ליטווינער, און די ליטווינער דאַרף מען פֿאַראַכטן שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס אפֿילע קיין פּאַגראָמען אַף די זשידעס האָבן זיי ניט געקאָנט מאַכן. דו ביסט, צום באַדויערן, מער ענלעך אַף אים, ווי אַף דער מאַמען. נאָר קיין גריך, קיין פֿיניקיִער ביסטו דאָך ניט. איז פֿונוואַנען קומען צו דיר זייערע דריידלעך?
— איך ווייס ניט. קאָן זײַן, פֿון אַ בילד, פֿון אַ לערנבוך האָט זיך עס מיר פֿאַרגעדענקט. איר ווייסט דאָך, אַז ביכער האָבן מיר געהאַט אַ סאַך.

— צי דען מיינסטו, אז איך וועל גיין פאר דיר איידעס זאָגן? אויב דו וועסט מײַן נאָמען דערמאָנען, וועט פאר דיר זײַן נאָך ערגער. נאָר אויג אף אויג מעגן מיר וועגן דעם ריידן. דײַן מאמע איז געווען א פוילישע און דײַן טאטע אף האלב א ליטווינער, קיין ייִדן זײַנען זיי דאָך ביידע ניט געווען, ביין?

— איך פארשטיי אײַך ניט.

— פארשטייסט זייער גוט, נאָר דו האָפסט נאָך, אז וועסט מיך אָפּנארן. צוליב די פּיניקיִער וואָלט מען מיך אין געסטאַפּאָ ניט ארויסגערופן, און איך וואָלט צו דיר ניט געקומען. ווער האָט אָנגעמאָלט אפן צווייטן דעקל אָט דעם ייִדישן לײַכטער מיט די זיבן רערן, ווער? פרעג איך בא דיר. שווײַגסט? האָסט געוואָלט זײַן, ווי דײַן טאטע, א העלד, און ווי נאָר איך האָב דיך צוגעקוועטשט צו דער וואנט, האָסטו זיך... טו א קוק אין שפיגל, וועסטו זען, אז דײַן פּאָנעם האָט דיך שוין אויסגעגעבן. איצט ווייסטו שוין, אז דו האָסט זיך ארײַנגעפּאקט. איין שאנס פארמאָגסטו נאָך — ווײַז אָן, ווער האָט דיר אונטערגערוקט אָט די מיִעסקײַט. וועסטו מיך פאָלגן, וועל איך זיך פּרוּוון דיר העלפן. גאראנטירן קאָן איך ניט, נאָר מעגלעך, אז וועסט אָפּקומען מיט קלעפּ און מע וועט דיך אָפּשיקן אין א היגן לאגער אָדער קיין דײַטשלאנד אף ארבעט. זעסטו, דעם אלטן טשערעפּ, — האָט נארושעוויטש אָנגעוויזן אפן זיידן מאציי, — וועט שוין קיינער ניט העלפן, אפילע ווען ער זאָל ניט זײַן שולדיק. קוים איז דאָ אף אים א פארדאכט, וועט ער שוין טרעפן גלײַך אין גרוב ארײַן. דערצו נאָך, אז ער איז אזוי אלט און קיין שום נוצן קאָן מען פון אים ניט האָבן. בא אונדז וועט מען ניט פאטערן אומזיסט קיין צײַט אף דערווײַזן זײַן פארברעכן. דערווײַל רעד איך צו דיר מיט גוטן, ווײַל אויסער מיך, פארמאָגסטו קיינעם ניט. דײַן טאטנס ברודער, דער בונטאָווּשטשיק סטאניסלאוו קניעווסקי, אויב ער לעבט נאָך ערגעץ, — וועט ער אלציינס ניט אויסמײַדן דעם שטריק. פריִער צי שפּעטער, נאָר צו אונדז אין די הענט וועט ער דאָך געוויס ארײַנפאלן. אויב דו וועסט לעבן בלײַבן און וועלן זײַן צו מענטשן גלײַך, וועל איך נאָך דער מילכאָמע דיך נעמען צו זיך. מיסטאמע פאר פרעמדע זינד, קאָן זײַן, אז פאר די זינד פון מײַן שוועסטער, האָט מיר גאָט ניט געשענקט קיין אנדער יוירעש, כוץ דיר, צו וועמען ס'זאָל איבערגיין מײַן האָב־און־גוטס... אלץ! דאָס איז צום ערשטן און לעצטן מאָל רעד איך אזוי צו א פארברעכער. נעם א בויגן ריין פּאפּיר, א הענטלפּען און טינט און שרײַב אָן, וואָס פון דיר פאָדערט זיך. אף דער טיר האָסטו ניט וואָס צו קוקן, ווײַל אין פירהויז שטייט א פּאָליציִאנט מיט א ביקס, וואָס שיסט. און איצט וועל איך זיך דורכריידן מיט די אלטע שטורמאקעס. מיט אײַך וועל איך זיך אזוי לאנג ניט וואָזגען, — האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מאציייען און יאדוויגען, וואָס זײַנען געשטאנען בא דער וואנט און ניט געוואגט א וואָרט אויסצוריידן.

— פּעטער, נאָך א מינוט קאָנט איר מיך אויסהערן? יאָ? אוואדע האָב איך זיך דערשראָקן. אויב דער געמעל איז אזא, ווי איר זאָגט, קאָנט איר מיר שוין טאקע מיט גאָרנישט ניט העלפן, נאָר ווייסט פונדעסטוועגן, אז קיינער איז אין דעם ניט שולדיק. קיינער און איך אויך ניט. לאָזט מיך,

וועל איך איַיך וויַיזן, פּונוואַנען כ׳האָב איבערגעמאָלט אַט דעם לײַכ־טער.

— וווּהין ווילסטו זאָל איך דיך לאָזן?

— אַף אַ ייִדישן צווינטער.

— נאָכדעם וועסטו וועלן, מע זאָל עמעצן פון קייווער אַרויסנעמען.

— ניין. אַף צענדליקער שטיינער וועט איר זען אַזוינע געמעלן.

— און וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיר?

— עס האָט. ווייניק זײַנען מיר אַרומגעלאָפן אַפן ייִדישן צווינטער, זיך געשפּילט דאָרט? וויאַזוי מע באַגראָבט גריכן, האָב איך ניט געזען, נאָר ייִדן... מיטן קסיאָנדזס פּלעמעניק פלעגן מיר זיך פאַרטײַען צווישן די ביימער און נאָכקוקן, ווי זיי באַהאַלטן זייערע טויטע. איצטער פאַרשטיי איך, אַז דאָס האָב איך פאַרגעדענקט געמעלן, וואָס זײַנען געווען אויסגעקריצט אַף די שטיינער. אויב איר גלייבט מיר אַלץ ניט, איז פּאַרפאַרט אַליין אַף זייערן אַ צווינטער און טוט אַ קוק.

— כ׳האָב שוין מער ניט וווּהין צו פאַרפאָרן. דאָרטן, ווו מע דאַרף, וועט מען זיך שוין דערוויסן, פּונוואַנען דײַנע ייִדישע געמעלן שטאַמען. וואָס וועט אָבער זײַן, אויב זיי וועלן ווידער פון דיר אָנהייבן אַרויסקריכן?

— וואָס בין איך אַ מעשוגענער?

נאַרושעוויטש האָט זיך פאַרקלערט. דער קלוימערשטער שאָלעם איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט פּולווער, וואָס פריִער־שפּעטער וועט ער אויפ־רײַסן. אָנגעקוועטשט אַף דער קליאַמקע און אַ שטויס געטאָן די טיר האָט ער שוין ווידער מיט רעציכע. אומגעקערט האָט ער זיך גיך. נאָך אים האָבן געשפּאַנט דרײַ פּאָליציִאַנטן מיט אָנגעפּרעסענע פּיסקעס.

## די עקזעקוציע

דער סאָלטיס האָט זיך ניט געאײַלט מיטיילן, צוליב וואָס ער האָט זיי אַרײַנגעבראַכט אין שטוב. איינער פון די פּאָליציִאַנטן האָט אים מעכאַבעד געווען מיט ניס, איז ער געשטאַנען מיט אַ הויך־פאַרהויבענעם קאָפּ און געקנאַקט די ניס, צעקוועטשנדיק מיט די הענט איין נוס אין צווייטן. די האַנאָע האָט פון אים אַרויסגעקוועלט. אַז זײַן מויל האָט זיך ענדלעך באַ־פרײַט, האָט ער, פאַרזיסנדיק זײַנע רייד מיט אַ גלײַכוווערטל, פאַרעפנט־לעכט זײַן אורטייל:

— פון אַ פרעמדער פעל דאַרף מען שנײַדן פּאַסן, — האָט ער אָנגעע־וויזן אַף טאַדעקן. — אים קומט דרײַסיק שמיץ. נישקאָשע, דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

דאָ האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו די פּאָליציִאַנטן און אַ טײַטל גע־טאָן מיטן פינגער אַף איינעם פון זיי:

— דו ביסט באַ אונדז פון די איידל־געפּאַצקעטע. דײַנע שמיץ לאָזן זיך פאַרגעסן, און פון דײַנע, — האָט ער אַ טײַטל געטאָן אַף אַ צווייטן, — וועט ער אַפן אָרט אויסצײַען די פּיסלעך. ס׳איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועלן אים נאָך דאַרפן ברענגען אין שטאָט אַ לעבעדיקן, איז איר ביידע וועט אים האַלטן. אָט דו, — האָט ער באַפוילן דעם דריטן פּאָליציִ־

אנט, — וועסט זיך מיט אים צערעכענען. אגו, אלטע בידלעס, — האָט ער א געשריי געטאָן אף מאציייען און יאדוויגען, — שטעלט נאָר אוועק אָט די באנק אינמיטן צימער, און דו, קליינער אויסוווּרף, לייג זיך אוועק מיטן פּאָנעם אראָפּ. אָט אזוי! אָנגעהויבן!

שוין פונעם ערשטן שמיץ האָט פון טאַדעקס לײַב א שפּריץ געטאָן דאָס בלוט. דער באָבע יאדוויגעס יאָמערנדיקער קוויטש האָט דורכגעלעכערט די סטעליע און זיך אַרײַנגעריסן אין דער הייל, ווו ס׳זײַנען געלעגן בערעק און רינע. ביידע וואָלטן זיי גרייט געווען גיין פאר איר אין פײַער, אָבער זיי מוזן ליגן און שווײַגן. אין שטוב קומט פאָר עפּעס שרעקלעכס. נאָר וואָס? פארצאפּלטע הערן זיי זיך אײַן, און דאָ דערטראָגט זיך צו זיי טאַ־דעקס געשריי, פון וועלכן די ווענט וואָלטן זיך באַדאַרפט רירן פון אָרט. מע קאַטעוועט טאַדעקן, וואָס איז זיי טײַער און ליב, ווי אן אייגענער ברו־דער, און כאָטש זיי קאָנען ניט וויסן, פארוואָס מע פּײַניקט אים, איז פאר זיי קלאָר, אז דאָס איז פארבונדן מיט זיי. און וואָס איז מיטן זיידן מאציי?

דער זיידע מאציי איז געשטאַנען מיט פארשטשעמעטע ציין, ווי ער וואָלט פארשטיינערט געוואָרן. נאָר ווען טאַדעק האָט נאָכן צענטן שמיץ זיך א ריס געטאָן פון די מערדערס הענט און דער סאָלטיס האָט באַפוילן אָנהייבן ציילן פונסנײַ, האָט דער אלטער מער ניט אויסגעהאַלטן, אלץ אין אים האָט אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צום ווינקל, ווו ס׳איז געהאַנגען די איקאָנע, און באַנאַנד מיט יאדוויגען זיך א וואַלגער געטאָן אף די קני. די ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— מאַטקאָ באָסקאָ, פארוואָס קומט עס אונדז? מאַטקאָ באָסקאָ, פאר־וואָס?!

די מאַטקאָ באָסקאָ האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן. נאָר אויב זי וועט איצט ניט באַווײַזן קיין נעס, וועט ער אזוי, אף די קני שטייענדיק, ארויס־לאָזן דעם לעצטן אָטעם. צו דעם גייט עס. פארוואָס האָט ער ניט גענומען די שולד אף זיך? פארוואָס האָט ער ניט געזאָגט, אז דעם געמעל האָט ער געמאַכט? מ׳וואָלט דעמלט טאַדעקן אפילו ניט אָנגערירט.

דער סאָלטיס האָט מאציייען דערלאַנגט מיטן שטיוול, אזוי אז דער אלטער האָט שיר מיטן קאָפּ ניט געלעכערט דעם דיל.

— אגו, שוין זשע זאָלן אלע פּודעלקעס און שקאַטולקעס, דאָס גאנצע געצײַג די מינוט אָפּגעגעבן ווערן מיר.

אָט איז ער, דער נעס, אף וועלכן דער אלטער האָט געוואַרט. ער איז אופגעשטאַנען, און די הענט, די פיס, וואָס האָבן אים שוין ניט געוואָלט דינען, האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. אפילו זײַן פון לאַנג שוין אָפּגע־שוואַכטער געהער האָט דאָס מאָל אופגעכאַפּט דעם סאָלטיסעס באַפעל:

— ווײַטער פונעם ברונעם טאָרט איר קיין טראָט ניט שטעלן. טאַדעקן קאָנסטו אָפּגיסן מיט קאַלטער וואסער, נאָר אלציינס וועט ער אזוי גיך צו־זיך ניט קומען. אויב מיט דעם וועט זיך עס ענדיקן, און ער וועט בלײַבן לעבן, וועט ער זיכער הײַנטיקן טאָג פארגעדענקען און נאָך אויסוואקסן א מענטש. טויבער באָק, דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? זאָל ער כאָטש זײַן א פּולווערטיקער פּאָליאַק, און ניט קיין פּאַסקודנע בידלע, ווי דו. וואָס פּינטלסטו מיט די אויגן, ווי א סאָווע? פוילן איז ניט קיין שיף, וואָס קאָן

אונטערגיין. מיר פאַרמאָגן קימאַט אַלץ, וואָס אַ מויל קאָן אויסריידן. איין אומגליק, אונדזער פאָלק איז שטאַרק פאַרמיסטיקט. נאָר מיר וועלן דאָס ווילדגראָז מיט די וואָרצלען אַרויסרײַסן. מיר וועלן אַף אַ צײַט ווערן ווייניקער אין דער צאָל, נאָר דער פיורער וועט זיך איבערצײַגן, אַף וואָס מיר, עכטע פּאָליאַקן, זײַנען פייִק. דו, אַלטער, קאָנסט מיר נאָך דערווײַל צוניץ קומען. נאָר געדענק: ווי פריִער, טאָר אַפילע קיין פויגל ניט וויסן, אַז טאַדעק איז מײַן פּלעמעניק, און זאָלסט מיר אים ניט אוועקפירן אַף אײַער כאָלאָפּסקע וועג, אַניט וועל איך באַ דיר גיך אַרויסציִען דעם קליאָק פון די ביינער.

אַף קיין „זײַ געזונט” האָט דער זיידע מאַציי ניט אַרויסגעקוקט, נאָר מיט וואָס האָט די טיר זיך פאַרזינדיקט? פון אַזאַ עפענען און פאַרמאַכן קאָן דאָך דאָס שטאַרקסטע האָלץ פּלאַצן. עמעס, די טיר איז גוט געמאַכט, זי איז אַף אַ סאַך ייִנגער פון אים און פאַרמאָגט אַ גרויסע מײַלע — זי הערט ניט און זעט ניט. נאָך דעם, וואָס ער האָט בלויז פאַר די לעצטע פּאָר שאָ זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פון אָט דעם גאָרגלשנײַדער, איז שוין בעסער זײַן אַ שטיק האָלץ, איידער אַ מענטש.

אַזוי האָט דער זיידע מאַציי אַ קלער געטאָן, און נאָך האָט ער געקלערט: ווי אָט דער קאַלטער גאַזלען איז אין זיך פאַרגלייבט. ער איז אַן עכטער פּאָליאַק, און איך בין אַ פּאַסקודנע בידלע, ווילדגראָז, וואָס מע דאַרף מיטן וואָרצל אַרויסרײַסן. איך זאָל זײַן כאָטש אַף אַ יאָר צוואַנציק ייִנגער, וואָלט איך פון אַזוינע נאַרושעוויטשעס שטיקער געריסן. ער וויל, כ'זאָל טאַדעקן ניט אוועקפירן אַף אונדזער כאָלאָפּסקע וועג. צי דען פאַרשטייט ער טאַקע ניט, אַז זיי ביידע קאָנען ניט לעבן אַף איין ערד. נאָר וואָס שטיי איך עס, ווי אַ געליימטער? מע מוז דאָך טאַדעקן ראַטעווען. ווו איז יאַדוויגע?

יאַדוויגע איז געזעסן אַפן דיל, ניט קענענדיק אַ ריר טאָן מיט קיין גליד. ווען ער האָט זי גענומען טאָרען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אַף אים, ווי אַף אַ פרעמדן, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי זעט אים אינגאַנצן ניט. דאָס מויל איז באַ איר געווען פאַרקרימט אַף אַ זײַט. וואָס איז דאָס נאָך פאַר אַן אָנשיקעניש? צי ער איז פון די געברענטע צאָרעס שיקער געוואָרן, און די אייגענע אויגן פירן מיט אים אַ צולאָכעס־שפּיל?!

העכער פופציק יאָר אָפּגעלעבט אינאיינעם, און קיינמאָל האָט זי זיך ניט געקלאָגט, אַז איר טוט עפּעס וויי. ער — יאָ. וויפל מאָל האָט זי אים געפירט אין שטעטל צום פעלדשער, באַנקעס און פּיאַווקעס צענדליקער מאָל געשטעלט. מיט הייסן טײַך־זאַמד פאַרטריבן פון אים דעם ווייטעק אין די קריזשעס. ווו אַ קרענק, פלעגט זי צו אים צושטיין. נאָך אין יענער מילכאָמע איז ער שיר פון פלעק־טיפוס ניט געשטאָרבן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך פון די בעהיימעס אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַ קרענק ברוצעליאָז. נאָר אַז צו יאַדוויגען קאָן זיך צוקלעפּן אַ כוואָראָבע און זי זאָל ווערן האַלב מענטש — אַזוינס פּאָטויפּעט זיך ניט באַ אים אין קאָפּ.

באַלד וועט ער איר דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, און אַלץ וועט איבערגיין. דערנאָך וועט זי אויסבעטן טאַדעקן אַ געלעגער און אײַנצווייען וועלן

זיי אים פּאַמעלעכן אַריבערטראָגן אַהין און פּרוּוון אָפּמינטערן. מע דאַרף אים אַרומוואַשן און איבערבינדן די ווונדן. אַכוץ איר, ווער קאָן עס טאָן?

ער טראָגט צו צו יאַדוויגעס ליפּן די מעשענע קוואָרט, נאָר די ליפּן לאָזן ניט דורך קיין טראָפּן וואַסער. עפּשער פון אַ לעפל וועט איר זײַן גרינגער צו טרינקען? אַלציינס גיסט זיך די וואַסער אָף צוריק. יאַדוויגעס קאָפּ קאָן ער ווי־עס־איז אונטערהייבן, אָבער זי נעמען אָף די הענט איז שוין ניט פּאַר זײַנע קויכעס. לויפט ער פון יאַדוויגען צו טאַדעקן, וואָס ביידע ליגן זיי אָן באַוווסטזײַן. אָפּן וועג פאַרטשעפּעט ער זיך אין אַ טאַ־בורעט, וואַרפט אים אָפּ מיט קאָפּ און פאַרגייט זיך, ווי אַ קליין קינד, אין אַ געוויין.

## ביידן אין קייווער פאַרטריבן

דעם קלאַפּ פון דער טיר, ווען דער סאָלטיס איז אַוועק, האָבן רינע און בערעק גוט געהערט, נאָר פונוואַנען ווייסן זיי, צי איז עמעצער אַרײַן צי אַרויס, און ווער איז עס געווען? דערווײַל האָט עס זיי נאָך קיינער ניט דערציילט. צו זיי איז דערגאַנגען דער באָבע יאַדוויגעס קוויטש, טאַדעקס געשריי. איצט האָט עפּעס אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין דיל. דער קאָפּ ווערט מאַמעש צעשפּאָלטן פון געדאַנקען. אין דרויסן איז שוין מיסטאָמע פינצטער, און קיינער רופט זיי ניט. דאָס הייסט, אַז זיי טאָרן זיך ניט באַווײַזן אין שטוב. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט, און באַ דעם מוזן זיי זיך האַלטן, נאָר עפּשער איז שוין ניטאָ, ווער עס זאָל זיי רופן? ניין, עס דאַכט זיך, ווי דער זיידע מאַציי ווײַנט. דאָס איז ניט צו גלייבן.

פינקטלעך, וויפל צײַט ס׳איז פאַרבײַ, איז שווער צו זאָגן. ס׳איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען דער זיידע מאַציי האָט אין דער פינצטער זיך אַרופגעדראַפּעט אָפן בוידעם — דאָס פלעגט שטענדיק טאָן טאַדעק, — צוגעגאַנגען צו דער סטערטע היי און זיי אַ רוף געטאָן.

זיי וואָלטן געוויס באַדאַרפט אין דער זעלבער נאַכט אַנטלויפן פון אָט דער שטוב, פונעם דאָרף, נאָר די מוירע פאַר זיך איז אין אָט דער ביטע־רער שאָ אָפּגעטראָטן אין א זײַט.

באַ דער שײַן פונעם קעראָסין־לאָמפּ האָט זיך געדאַכט, אַז דער באָבע יאַדוויגעס פּאָנעם איז גרוי, ווי אַש, טויט, ווי זי וואָלט געפאַלן אָף קיינ־מאָל ניט אופשטיין. באַנאַכט האָט זי באַ רינען אײַנגעשלונגען עטלעכע לעפעלעך טיי מיט ברוסניצעס, און ווען רינע האָט מיט די פינגער געגנו־מען לײַכט קעמען אירע גרויע האָר, איז געווען אַ רעגע, ווען דער אַל־טערס בליק האָט אופגעלעבט, ווי באַדאַנקט רינען.

טאַדעק איז געלעגן מיט אַן איבערגעבונדענעם שטערן, מיט עטלעכע ריפּטלעך רויע קאַרטאָפל באַ די שלייפן. ער האָט געברענט פון היץ. זײַן לײַב איז געווען אַזוי צענעריקט, צעשניטן, אַז ניט נאָר אַ מינדסטער ריר, נאָר אַ הויך וואָרט האָט פאַרשאַפט ווייטעק אין יעדן גליד. דאָך האָבן זיי פון אים אַראָפּגעצויגן די צעפּאַסעוועטע קליידער. רינע האָט מיט וואַרע־

מער געזאָטענער וואסער אים ארומגעוואשן, דערנאָך מיט א ביסעלע יאָד, וואָס האָט זיך פארהיט בא דער באָבע יאדוויגע אין בופעט, באַשמירט זײַנע ווונדן. טאדעק האָט געקריצט מיט די ציין, געקרעכצט, שווער גע־עטעמט. עטלעכע מאָל האָט ער אין היץ גערופן די מאמע. נאָכדעם האָט ער זיך בארויִקט. ווען בערעק איז צו אים צוגעגאנגען, האָט ער דײַט־לעך ארויסגערעדט:

— איך וועל אים הארגענען! — און די אויגן האָבן זיך בא אים אָנגע־צונדן. און מעגלעך דערפאר, וואָס בערעק האָט אים געפּרוווט אײַנשטילן, האָט ער איבערגעכאזערט, — הארגענען!

אין צוויי מעסלעס ארום האָט רינע געבאקן ברויט. אזוינע קײַלעכדיקע לאבנס, פון אויבן שטארק פארברוינט און פון אונטן א ביסעלע באַמעליקט, ווי בא דער באָבע יאדוויגע, האָט זיך בא איר ניט באקומען, נאָר אלציינס זײַנען זיי געווען געשמאק. דערנאָך האָט זי אָנגעריבן אפן ריבײַזן קאר־טאָפל, זיך געפּאָרעט בא די זעקעלעך מיט רעפּוע־בלעטער, וואָס זײַנען געהאנגען אף דער וואנט. דער זיידע מאציי האָט שוין פון לאנג זיך פאר־קליבן אף זײַן געלעגער. געשלאָפן איז ער שווער, אומרויִק. בערעק איז געזעסן לעבן טאדעקן און ניט געלאָזט, אז אפילע די קאָלדרע זאָל זיך צו זײַן לײַב צורירן. איינס האָט בערעק בא זײַן כאוור ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן — ער זאָל ליגן שטיל. ווי אָפּגעשוואכט ער איז ניט געווען, האָט טאדעק ניט געוואָלט און עפּשער ניט געקאָנט שווײַגן. מיט די מינדסטע איינצלהײַטן האָט ער דערציילט, וואָס זײַן פעטער האָט פון אים געוואָלט. בערעק האָט איצט גוט כאראָשע געהאט, וואָס ער האָט אָנגעמאָלט א מע־בוירע אף דער שקאטולקע. נאָך גוט, וואָס ניט מער ווי אף איינער.

— זעט נאָר זעט, — איז רינע צוגעלאָפן צו די ייִנגלעך, — ווויהין איך זאָל זיך ניט קערן, קוקט מיר די באָבע יאדוויגע נאָך.

און ווירקלעך. אויך איצט האָט זי געקוקט אף רינען. אירע ליפּן, וואָס זײַנען קימאט די גאנצע צײַט געווען אזוי פארקרעמפּעוועט, אז זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין איין דין שנירל, האָבן זיך באוועגט. זי האָט, ווײַזט אויס, עפּעס געזאָגט, נאָר וואָס — דאָס האָט קיינער ניט פארשטאנען. איר פּוסט אָנציינערדיק מויל איז געווען ווי אָנגעשטאָפּט מיט קאשע, קיין איין וואָרט האָט זיך ניט אָפּגעקלעפּט פונעם אנדערן. דער רעכטער טייל פונעם קערפּער איז בא דער באָבע יאדוויגע געווען אינגאנצן אָפּגענומען. דאָס פּאָנעם איז געווען ווי פארגליווערט, און דאָך האָט עס זיך געלויכטן פון גוטסקײַט. לויט דער טרער, וואָס האָט זיך געשטעלט בא איר אין די אויגן, האָט זיך געלאָזט פארשטיין, אז זי פילט, וויפל הארציקײַט און דאנקבאר־קײַט צו איר איז אויסגעדריקט אין די בליקן פון בערעקן און רינען. טאַ־דעק האָט אויך געוואָלט אופהייבן דעם קאָפּ, א קוק טאָן אף דער באָבע יאדוויגע, נאָר דאָס האָט נאָך דערווײַל בא אים זיך ניט באקומען.

ס'זײַנען אדורך נאָך א צוויי וואָכן. טאדעק האָט ביסלעכווײַז געבומען קומען צו־זיך. דער באָבע יאדוויגעס צושטאנד איז פארבליבן קימאט ווי געווען. און גראָד דעם טאָג, ווען אויך איר איז געוואָרן א ביסל גרינגער,

די אויגן זײַנען לויטערער געוואָרן און זי האָט אפילו שוין עטוואָס גענומען רירן מיט דער רעכטער האַנט, האָט זי פאַרנאַכט, פּרווּונדיק זיך עפּעס זאָגן, פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן. זי האָט שווער געכאָרכלט, און דאָס איז געווען דער איינציקער סימען, אַז זי לעבט נאָך. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז ס׳זײַנען אָנגעקומען אירע לעצטע רעגעס. פאַר דער נאַכט איז איר בעסער ניט געוואָרן, נאָר אויך, כאָלילע, ניט ערגער.

פאַרטאָג האָט דער זיידע מאַציי אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד און זיך געלאָזט צום סאָלטיס נאָך אַ דערלויבעניש צו פאָרן אין שטאָט ברענגען אַ פעלדשער.

נאַרושעוויטש, כאָטש דאָס פּאָנעם איז געווען באַ אים פאַרבלאָזן, די נאָז רויט און אופגעשוואָלן, איז אין אָט דער פרי׳ער שאָ געווען גוט אופגעלייגט. ער האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן זײַן לעצטן וויזיט באַם פּאַסטעך, דערפאַר עטלעכע מאָל זיך נאָכגעפרעגט אָף טאַדעקן און אפילו געייצעט וואָס גיכער אויסזוכן אַ דינסטמיידל, וואָס זאָל אָנשטאָט דער אַלטער פירן דיווירטשאַפט, קאָכן, באַקן, וואַשן.

— בעסער וואָלט געווען, — האָט ער געזאָגט, — אויב דאָס וועט זײַן אַ פרוי צי אַ מיידל פון דער פרעמד. פאַר איר דאַרף טאַדעק אָנגיין ווי דײַנס אַן אייניקל, און נאָך בעסער וועט זײַן, זי זאָל ווײַטער פונעם הויף איר נאָז ניט אַרויסשטעקן.

דער פעלדשער איז געקומען, און ניט קיין פּראָשעק, ניט קיין פּילן דער קראַנקער ניט צוגעשריבן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע די האָרן־ברילן און איז שוין גרייט געווען פאָרן אָף צוריק.

— דאָ, — האָט ער געערעדט מיט אַ האַלב מויל און זיך פאַרגאַנגען אין אַ קרענקלעך הוסטל, — האָב איך שוין ניט וואָס צו טאָן. ס׳איז גיי זוך אַ שטערן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פונעם הימל און אַ בליץ געטאָן אָף אַ רעגע. העלפן אין אַזאַ פאַל דעם קראַנקן איז נאָך ערגער, ווי ניט העלפן. זי קאָן זיך נאָך אָפּמוטשען אַ טאָג און צוויי, נאָר זי פילט שוין גאָרניט. באַם לעבן איז זי שוין ווי טויט. ס׳איז אַן אינסולט, אַ בלוט־שטורץ.

עטלעכע שאָ נאָך דעם האָט דער זיידע מאַציי, ווי די אייוורים וואָלטן אויך אים אופגעהערט דינען, זיך געפונען אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד. דערנאָך האָט עס אים אַ הייב געטאָן פון אָרט:

— וואָס האָט ער זיך דאָ צעהאָלדערט, דער אָנגעבלאָזענער אינדעק. מעשוגע אפן גאַנצן קאָפּ! פאַר אים איז זי שוין באַם לעבן טויט. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ער קען זי, ער ווייסט זי? איך איינער און די מאַטקאַ באָסקאַ, פאַרשטייט זיך, ווייסן אַלע אירע פּאָוואַדקעס. יאַדוויגע איז ניט פון די, וואָס וועט מיך איבערלאָזן איינעם אַליין. אָן איר — ווער און וואָס בין איך? אַ קראַנקער, צעבראָכענער זאָקן, וואָס ווייסט ניט, ווו זיך אַ קער טאָן.

אָף מאָרגן, נאָך איידער ס׳האָט זיך געשטעלט דער גרוי־בלייכער פרימאָרגן, איז די באָבע יאַדוויגע אָן אַ קרעכץ אויסגעגאַנגען.

באַגראָבן האָט מען זי באַנאַנד מיט יוזעפן. זאָל עס דערמאָנען, אַז איין גאַזלען האָט זיי ביידן אין קייווער פאַרטריבן.

# אין סאַקאַנעסדיקן וועג

אוואַדע וואָלטן בערעק און רינע באַדאַרפט געווען אַנטלויפן פון שטוב באַלד נאָך דעם, ווי דער סאַלטיס מיט די דריי פּאָליציאַנטן זײַנען פון דאָרטן אַוועק. נאָר איבערלאָזן דעם זיידן מאַציי מיט צוויי קראַנקע מענטשן האָט מען דאָך טאַקע ניט געטאָרט. ס׳איז געווען דערנאָך אַ רייד, אַז רינע זאָל ווערן די „דינסט״, וואָס דער פאַן נאַרושעוויטש האָט געצייצעט ברענ־גען פון דער פרעמד. פּויליש רעדט זי גוט, די האָר לאָזן זיך איבערפאַרבן אַף לײַן־ווײַסע, אַ פאַלשן דאָקומענט וועט פאַר איר קריגן דעם זיידן מאַצייס קאָרעוו, וואָס וווינט אין שטאָט. נאָר מיט איין כיסאָרן אירן קאָן מען גאָרניט מאַכן: ווי זי זאָל זיך ניט פאַרשלייערן, ווי זי זאָל ניט זײַן פאַרמורזעט, אַלצײַנס וועט איר פּענעמל זיך וואַרפן אין די אויגן. דער זיידע מאַציי האָט זיך געקווענקלט.

ער האָט מוירע געהאַט ניט פאַר זיך. נאָך יאַדוויגעס טויט האָט ער ווייניקער פון אַלץ געטראַכט וועגן זיך. ער האָט מוירע געהאַט, ס׳זאָל מיט רינען און טאַדעקן קיין בייז ניט געשען. ס׳איז דאָך אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן, וואָס ס׳וועט זײַן, אויב דער סאַלטיס וועט זיך דערוויסן, ווער רינע איז אײַנדערעמעסן. אַז בערעק דאַרף וואָס גיכער פאַרלאָזן די שטוב און זיך זוכן אַן אַנדער באַהעלטעניש, האָט קיין צווייפל ניט אַרויסגערופן. סאָפקאָלסאָף האָט דער זיידע מאַציי זיך אַנטשלאָסן איבערצולאָזן רינען בא זיך. ער האָט נאָר דערבײַ אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל בעטן די מאַטקאַ באָסקאַ, זי זאָל זיך אײַנשטעלן פאַרן מיידל.

בערעקן און רינען האָט ער געהייסן בעטן וועגן דעם אויך באַם ייִדישן גאָט, ווײַל „קעגן אַזאַ סוינע, ווי היטלער, דאַרפן אַלע געטער זיך פאַריי־ניקן״.

ווען ס׳איז פאַרבליבן אַ טאָג ביז צום געזעגענען זיך מיט בערעקן, האָט רינע איבערגעטראַכט. פאַר איין רעגע האָט אַלץ זיך איבערגעקערט. ווי בערעק האָט זיך בא איר ניט געבעטן, האָט זי געטײַנעט איינס:

— אינצווייען! וואָס עס זאָל ניט זײַן, אָבער נאָר מיט דיר אינאיינעם!

וואָס האָט בערעק געקאָנט טאָן? ס׳איז רינע! און דאָ האָט נאָך דער זיידע מאַציי, וואָס איז געווען אין שטאָט בא זײַן קאָרעוו, געבראַכט אַ פּאַק מיט נײַס.

— ס׳איז ניט צו פאַרשטיין. בא אונדז דאָ, אין די אַרומיקע שטעטלעך, איז קיין איין ייִד ניט פאַרבליבן, און אין כעלם, אין וולאַדאַווע און אַפילע אין לובלין, זאָגט מען, לעבן איצטער נאָך מער ייִדן, ווי פריִער. מע זאָגט, אַז זיי בויען דאָרט ערגעץ פאַר די דײַטשן אַ געהיימען זאַוואָד, וואָס וועט אַרויסלאָזן אַ שרעקלעך געווער. אַ שיקערער דײַטש, דערציילט מען, האָט זיך באַרימט, אַז ווי נאָר דאָס געווער וועט פאַרטיק ווערן, וועט היטלער פאַר געציילטע טעג מאַכן אַ סאָף צו די רוסן. אַרבעטער פאָדערן זיך אין די טויזנטער. פירט מען אַהין ייִדן אַף צוואַנגס־אַרבעט ניט נאָר פון פּוילן, נאָר אויך פון דײַטשלאַנד און פון עסטרײַך, פון האָלאַנד, בעלגיע, פראַנק־רײַך, טשעכאָסלאָוואַקיע. אינזשעניערן, דאָקטוירים, בוכהאַלטערס, יוווע־

לירער, שמידן, אפילע מוזיקאנטן. ס'מאכט ניט אויס, ווער וואָס פאר א פאך ס'האָט.

דעם זאוואָד בויט מען אונטער דער ערד, אָבער ווי ער זאָל ניט זײַן טיף פארגראָבן, נאָר דעם רויך דארף מען דאָך ערגעץ אהינטאָן, האָט מען געמאכט צוליב דעם אזוינע קוימענס־ברונעמס, וואָס האלטן שוין איצט אין איין שפּײַען מיט רויך. ווײַזט אויס, א טייל פון דעם זאוואָד ארבעט שוין. לויטן שטיקנדיקן טשאד, וואָס פארשפרייט זיך ארום און ארום אף עטלעכע קילאָמעטער, שטויסט מען זיך אָן, אז מע גרייט עפּעס א גאז. צוליב וואָס דארף מען שיסן, אז מע וועט קאָנען דערשטיקן?! אין יענער מילכאָמע האָט מען דאָך שוין אויך געפּרוווט אזוי טאָן. דערוויַיל, זאָגן מענטשן, פּרוווט מען אויס דעם גאז אף באַלעכײַים. מע טרײַבט אהין איין עשעלאָן נאָכן צווייטן מיט געגנדז און מיט קראָליקעס.

דערציילט דאָס אלץ האָט דעם זיידן מאציי א באגלייבטער מענטש, וועלכן ער האָט געטראָפן בא זײַן קאָרעוו אין שטוב. דער גאסט אליין איז פון יענע ערטער. ער ווױנט מיט זײַן מישפּאָכע אף א כוטאָר, און דער זיידע מאציי מיינט, אז מע קאָן בא אים איבערזײַן עטלעכע טעג. ווי ס'זאָל ניט זײַן, נאָר ארום לובלין לעבן נאָך ייִדן, און אהין, האלט דעם זיידן מאצייס קאָרעוו און זײַן גאסט, דארף בערעק זיך לאָזן. נו, און פאר רינען וועט דער קאָרעוו די נאָענטסטע טעג מאכן אלע דאָקומענטן, וואָס מע דארף.

אָט דעמלט האָט עס רינע געזאָגט, אז זי וויל ניט קיין שום פאלשע דאָקומענטן. וואָס ס'וועט זײַן מיט בערעקן, וועט זײַן מיט איר.

אפן אנדערן טאָג האָבן בערעק און רינע זיך ווידער געלאָזט אין סאָ־קאָנעסדיקן וועג. באם געזעגענען זיך מיט טאדעקן האָט ער זיי אײַנגע־רוימט א סאָד: ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן, וועט ער אויך פונדאַנען אוועק. ער וועט אונטערצינדן דעם פּעטערס שטוב און אליין אנטלויפן. אף געוויס פארטיזאנעוועט ערגעץ אין די ארומיקע וועלדער דער פּעטער סטאַניסלאוו.

זיי זײַנען ארויס פון שטוב נאָך האלבער נאכט. א שטיק וועג האָט זיי באגלייט דער זיידע מאציי. דער אלטער פאסטעך האָט געוווּסט פארבאָר־גענע שטעגן, ווו עס וועט זיי ניט באגעגענען קיין פרעמדער בליק. אויך דערנאָך איז מען געגאנגען נאָר באנאכט. כאָטש זיי האָבן א ביסל גע־בלאָנדזשעט נאָך דעם, ווי זיי זײַנען געבליבן אליין, זײַנען זיי אפן זעקסטן טאָג אָנגעקומען אפן כוטאָר, ווו דעם זיידן מאצייס נײַער באקאנטער האָט געוווינט.

דורכגעטריבן האָט ער זיי ניט. נאָר ס'איז קאָנטיק געווען, אז ער וואָלט גערן געווען וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון די אומגעבעטענע געסט. און ווי האָט עס געקאָנט אנדערש זײַן, אויב אין א פּאָר קילאָמעטער פונעם כוטאָר גייט דורך דער וועג אף לובלין און ס'יאָגן איבער אים אָן אופהער הין און צוריק דײַטשישע מאשינעס?

בערעק און רינע האָבן געפּרוווט זיך האלטן אָן אייצע מיטן פּעטער לודוויק, אזוי האָט זיך געהייסן רופן דער באלעבאָס פונעם כוטאָר, וואָס

זיי זאָלן ווײַטער טאָן. בערעק האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף גיין צום בוג. רינע, אַז מע דאַרף ערגעץ אין די היגע קאַנטן איבערוואַרטן.

— אָט ווען ס׳גיט זיך אונדז אײַן אָנטרעפן אַף פּאַרטיזאַנער... — האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ זאָג טאָן בערעק.

לודוויק איז אָפּגעקומען דערמיט, וואָס ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, צו די פּאַרטיזאַנער... — ער איז גאַרניט געווען אַזוי באַרײַ־דעוודיק, ווי מע האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן לויטן זיידן מאַצייס דערציילונג.

בערעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז לודוויק ווייסט עפּעס מער וועגן די פּאַרטיזאַנער, נאָר דערווײַל וויל ער ניט ריידן וועגן דעם, וויל ניט זײַן קיין אייצעגעבער.

ער האָט זיי אָנגעהאָדעוועט מיט קאַרטאָפל און אַרײַנגעפירט אין קלור־ניע. זיי האָבן זיך גלײַך אַ וואַלגער געטאָן אַפן פּאַרטריקנטן היי, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט ביז די קראָקוועס. זיי זײַנען אָפּגעשלאָפן קימאַט אַ מעת־לעת. ווען בערעק האָט זיך אופגעכאַפּט, איז אין קלוניע געווען גענוג ליכטיק, ער זאָל באַמערקן, אַז כאָטש רינע ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן, שלאָפט זי שוין אויך ניט. זי איז געלעגן שטיל, קוים געעטעמט, נאָר די ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי זי וואָלט גערעדט, און דאָס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אַזאַ פאַרצווייפלטקײַט, אַז דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט. זי האָט דערמאָנט אַ שטאַרבנדיקע זקיינע, וואָס ווייסט, אַז איר סאָף איז געקומען, און ס׳ווילט זיך איר שוין גאָר ניט קעגנשטעלן דעם מאַלכאַמאָ־וועס. זי האָט ווי גערעדט: „אויס! מער קאָן איך ניט! אַזויפיל כאַדאָשים אַלע פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס אַרײַנגעקוקט דעם טויט אין די אויגן, מער קאָן איך ניט!"

עפּעס וואָלט ער איר באַדאַרפט זאָגן. נאָר וואָס? רינע אַליין איז אים געקומען צו הילף. זי האָט אַרופגעלייגט איר האַנט אַף זײַנע ליפּן. קאָן זײַן, קעדיי ער זאָל איר ניט איבערשלאָגן די רייד, וואָס זי האָט זיך אים געקליבן זאָגן. אירע פינגער האָבן געציטערט. בערעק האָט געפאָלגט און געהערט:

— בערעק, צום בוג גיי אַליין. איך וועל זיך אומקערן צום זיידן מאַציי. איך בין געווען ניט גערעכט. איבער מיר וועסטו אומקומען. אויסער דיר, פאַרמאָג איך קיינעם ניט אַף דער וועלט. אויב, כאָלילע, מיט דיר וועט עפּעס געשען איבער מיר, וועל איך זיך דאָס לעבן נעמען. אָן דיר דאַרף איך ניט דאָס לעבן. דאַרפסט מיר, בערעק, גאַרניט ענטפערן. קום, איך וויל דיך אַ ביסעלע באַגלייטן.

זי איז געגאַנגען מיט אים אַ שאָ, און נאָך אַ שאָ. מע האָט שוין עט־לעכע מאָל זיך געזעגנט, און נאָך יעדער מאָל געזעגענען זיך, האָט רינע ווידער געבעטן:

— נאָך אַ ביסעלע, בערעק. זאָרג זיך ניט. כ׳בין שוין אַ געלערנטע. מיטן זעלבן וועג וועל איך טרעפן אַף צוריק. ווען ס׳וועט טונקל ווערן, וועל איך זיך שטילערהייט פאַרקלײַבן אין קלוניע.

אַזוי גייענדיק, זײַנען זיי אַרויס אַף אַ ברייטן וואַלד־וועג. פונדערווײַטנס האָבן זיי דערזען עפּעס אַ גרויסע שוואַרצע זאַך. צוערשט זײַנען זיי אָפּ־

געלאָפן אָן אַ זײַט. אַרום איז געװען שטיל. קײן מענטשן האָבן זיך ניט געלאָזט הערן. האָט בערעק געזאָגט:

— לאָמיר פֿונדעסטװעגן אַ קוק טאָן, װאָס אַזױנס קאָן עס זײַן.

זײ האָבן זיך געגאַנװעט שטילערהײט בײַ דער זײַט פֿון װעג. אױס־געלאָזט האָט זיך, אַז דאָס איז אַן אונטערגעקלאַפּטער לאַסט־אױטאָמאָביל. קאָן זײַן, אַז דאָ איז געװען פֿאַרלײגט אַ מינע, קאָן זײַן, אַ בינטל גראַנאַטן האָט אָפּגעטאָן דאָס זײַניקע. אײנס איז קלאָר געװען: דער, צו װעמען ס'האָט געהערט די דורכגעשאָסענע דײַטשישע קאַסקע, די אָפּצװײַיען צע־פֿליקטע פֿעלד־פֿלאַש, האָט דאָך זיך אַלײן ניט אױפֿגעריסן. קומט אױס, אַז אױף דעם אָרט, װוּ בערעק און רינע שטײען איצט, זײַנען געװען פּאַרטיזאַ־נער. װען? װער װעט עס זײ זאָגן? די בײמער, די פֿײגל, די גרעזלעך, װאָס האָבן מיסטאָמע נאָך דאַן אַפֿילו ניט אַרױסגעשפּראָצט?

קאָן זײַן, בלױז פֿון דעם באַװוּסטזײַן, אַז דאָ האָט מען געגנעריקט דײַטשן, האָט זיך פֿון זײ אָפּגעטאָן די שרעק. ערגעץ דאָ ניט װײַט זײַנען פֿאַראַן מענטשן, װאָס טשאַטעװען נאָך דעם סױנע. אין בערעקס קאָפּ האָט זיך אַלץ אַ דרײ געטאָן. אױס מיטן בוגי! ס'איז אָנהײב מאַרט. מיט יעדן טאָג װערט װאַרעמער. זאָל זײַן אַ װאָך, אַ כּוידעש װעט ער אַרומבלאָנ־קען, נאָר די פּאַרטיזאַנער װעט ער אָפּזוכן. זײ װעלן זיך איבערצײַגן, אַז ער קאָן אױך פּאַרטיזאַנעװען. רינע װעט קאָכן פֿאַר זײ, לאַטען דאָס אָנטאָן, איבערבינדן די װוּנדן. אַלץ װעט זי טאָן. האַ, ניט אַזױ?

זײ האָבן זיך אױסגעהונגערט. האָט בערעק צעבונדן דאָס קלומעקל און אַרױסגענומען עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפֿל. דאָס אָרט איז געװען אַ פּײַכטס, און זײ האָבן זיך צוגעזעצט אױף אַ בערגל ניט װײַט פֿון װעג. דאָ האָט ער רינען געהײסן װאַרטן, און אַלײן אַװעק אױסזוכן אַ ריטשקעלע אױף אָנעמען װאַסער.

װידער האָט אים אָפּגעגליקט. פֿאַרקליבן האָט ער זיך װײַט, נאָר װאַ־סער צום טרינקען געפֿונען. קאָן זײַן, אַז דאָס האָט אים שױן דערנאָך זיך אױסגעדאַכט, אַז באַם אָנשעפּן די װאַסער האָט זיך צו אים ניט קלאָר דער־טראָגן אַ צעצװיגענער װײ־געשרײ, װי ניט פֿון קײן מענטשלעך קאָל אַרױסגעבראַכט. נאָר בײסמײַסע האָט ער אױף דעם קײן אַכט ניט געלײגט.

רינען האָט ער אױפֿן אָרט ניט געטראָפֿן. אַרום בערגל איז געװען פֿול מיט שפּורן פֿון װעלאָסיפּעדן־שינעס, פֿון אונטערגעקאָװעטע שטיװל. און װי בערעק האָט ניט געזוכט, האָט ער ניט געקאָנט געפֿינען קײן שפּורן פֿון רינעס טריט.

אױב רינע האָט באַװיזן צו אַנטלױפֿן אין װאַלד, האָבן עס די גרעזלעך געקאָנט פֿאַרשװײַגן: זי האָט זײ מיט די פֿיס צוגעפּלעטשט אױף אַ צײַט צו דער ערד, דערנאָך האָבן זײ זיך װידער אױפֿגעהױבן. נאָר אױב מע האָט זי געפֿירט, געשלעפּט צום װעג, װוּ די װעלאָסיפּעדיסטן האָבן זיך אָפּגע־שטעלט, װאָלט עס פֿון זײַן בליק ניט פֿאַרבאָרגן געװאָרן. מע האָט זי דאָך אָבער געקאָנט אָפּרײַסן פֿון דער ערד און טראָגן. עפּשער האָט זי אַ דרעמל געטאָן און מע האָט זי אין שלאָף פֿאַרכאַפּט.

פֿינף װעלאָסיפּעדן זײַנען געװען. פֿון דעם אָרט, װוּ דער אומגליק האָט געטראָפֿן, האָבן צװײ װעלאָסיפּעדיסטן געפֿירט זײערע מאַשינעס, גײענ־

דיק באַנאַנד מיט זיי צופוס. באַ איינעם פון די וועלאָסיפּעדן האָבן די רעדער טיפער זיך אײַנגעקארבט אין באָדן. עפשער קאָן מען זיי נאָך דעריאָגן? וואָס וועט זײַן, אויב יאָ? — וועגן דעם האָט בערעק ניט גע־קלערט. וויפל איז ער אָפּגעלאָפן — ווער ווייסט עס? דער וועג האָט אים געבראַכט צו אַ ברייטן טראַקט. ער האָט דערהערט אַ הודען פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דערווײַטערן. די וועלאָסיפּעדיסטן האָבן אים אַפילו זייערע פּלייצעס ניט אַרויסגעשטעלט.

שוין, דאַכט זיך, באַדאַרפט געווען פאַרשטיין, אַז רינע איז באַ די דײַטשן אין די הענט, און דאָך...

שפּעט באַנאַכט איז בערעק אַרײַן אין קלוניע. רינע איז דאָרט ניט געווען. דאַן האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער צום באַלעבאָס. לודוויק האָט אים אויסגעהערט און זיך גענומען קלײַבן אין וועג אַרײַן. אויף בערעקס פּלייצע האָט ער אויפגעהאַנגען אַ פול געפּאַקטן קלומעק, אויף דער אייגענער פאַרוואָרפן אַ היפּש זעקל. שוין פון יענער זײַט שוועל האָט בערעק אים אַ פרעג געטאָן:

— וווהין, פעטער לודוויק, גייען מיר?

— וווהין, וווהין? — האָט ער צוויי מאָל איבערגעכאַזערט. — וואָרענען מיך וועגן דער געפאַר האָט באַ דיר געקלעקט סייכל, און אַז ביידע זײַנען מיר איצט אין איין לאַגע, דאָס באַנעמסטו ניט. מיר איז אַפילו נאָך ערגער, ווי דיר. איך דאַרף נאָך אויסהאָדעווען מײַנע קליינע קינדער.

איינס האָט בערעק אים געקאָנט זאָגן:

— רינע וועט קיינמאָל קיינעם ניט אויסגעבן.

— זאָג ניט. עלטערע און מער דערפאַרענע פון איר האַלטן ניט אויס באַ די נאַציסטן.

— ניין, ניין. דאָס קלערט איר אַזוי, ווײַל איר קענט זי ניט. וואָס צו זאָגן באַ אַ נויט, ווייסט זי. וועגן דעם האָבן מיר פון לאַנג אָפּגערעדט.

לודוויק האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, גלײַך בערעקס רייד האָבן קיין שום ווערט ניט.

זיי זײַנען אַוועק אין דער נאַכט, אין וואַלד, אָן אַ וועג, אָן אַ סטעזשקע. בערעקן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי דרייען זיך אויף איין אָרט. באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. אָט שליאָפּען זיי אין אַ בלאָטע. ער הערט, ווי עס מורמלט אַ ריטשקע. און ווידער באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אַ בלאָטע, אַ טײַכל. נאָר אַלץ האָט אַ סאָף. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ אַן אַלטן אויסגעהוילטן דעמב אונטער אַ געדיכטן איבערפלעכט פון צווײַגן.

דער אויסהויל אין בוים איז געווען באַוואַקסן מיט גרינעם שימל, ווי פּליוש. בערעק האָט אַ קלער געטאָן, אַז אין אַזאַ בוים וואָלט מען געקאָנט מאַכן אַ גוטע באַהעלטעניש. נאָר די באַהעלטעניש, וווהין לודוויק האָט אים געפירט, האָט זיך געפונען ווײַטער אַ ביסל, דאָרט, וווּ דער וואַלד איז געווען נאָך געדיכטער. דאָס איז געווען אַ פאַרמאַסקירטע גרוב, וואָס האָט דערמאָנט אַ בערן־הייל. מע האָט דאָרט געקאָנט זיצן אָנגעשפּאַרט אין וואַנט און קימאַט אין דער גאַנצער לענג אויסציִען די פיס.

בלויז עטלעכע שאָ זײַנען זיי געווען אינאיינעם. ווײַטער איז לודוויק אַוועק אַליין. בערעקן האָט ער געוואָרנט, אַז פריִער ווי אין אַ מעסלעס

ארום וועט ער זיך ניט אומקערן. ער וועט פּרוּוון זיך דערוויסן אַלץ, וואָס וועט מעגלעך זײַן, וועגן רינען. דאָס איז פאַר אים אויך זייער וויכטיק.
לודוויק איז אַרויסגעקראָכן פון דער הייל און זי אַזוי אײַנגעדעקט, אַז בלויז איין שפּאַרונקעלע האָט קוים דורכגעלאָזט אַ שטראַל שײַן. דורך דעם דאָזיקן שפּאַרונקעלע איז צומאָל דערגאַנגען צו בערעקן אויך דער איבערוף פון פייגל.
די פײַכטקײַט האָט זיך אײַנגעגעסן בערעקן אין לײַב. די פיס זײַנען פאַרקאָטשעניעט געוואָרן. און דאָך האָבן בא אים אין קאָפּ זיך געפּלאָנ־טערט זיסע טרוימען. ווען ניט דער אומגליק מיט רינען, וואָלטן זיי זיך דאָ ביידע געקאָנט ראַטעווען. ס'איז דאָך שוין פרילינג... נאַריש, נאָר ער האָט געהאָפט, אַז לודוויק וועט קומען צוריק מיט רינען. ווי־אַזוי? עפּשער איז זי נעכטן אַנטלאָפן פון די דײַטשן. קלאָר, אַז זי וועט זיך פּרוּוון דער־קלײַבן צוריק אין כוטאָר. אהין, לאָז זי נאָר, וועט זי דעם וועג געפינען אָן עמעצנס הילף. אָט וועט לודוויק זי דאָרט ערגעץ באַגעגענען. אַזוי האָט ער זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרן, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, זיי זײַנען ווידער אינײנעם, ליגן פּלייצע צו פּלייצע און וואַרעמען זיך איינער אינעם אַנדערן. בא צוויי מעסלעס איז בערעק אָפּגעווען אין גרוב אַליין. צום עסן האָט ער זיך קימאַט ניט צוגערירט. אָט וואָס לודוויק האָט נאָך זײַן אומקערן זיך דערציילט:
— רינע לעבט. פאַרכאַפּט האָבן זי לאַנדסקנעכט — געדונגענע סאָל־דאַטן פון דעם עסעסישן לערן־לאַגער, וואָס געפינט זיך אין טראַווניקי. געגנוי, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך אין טראַווניקי, ווייסט מען ניט. די טעריטאָריע איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער וואַנט, און קיין פּאָליאַק האָט אהין קיין צוטריט ניט. דאָך איז באַוווּסט, אַז פון די לאַנדסקנעכט איז געשאַפן, ווי עס הייסט בא זיי, אַ „הימל־קאָמאַנדע", וואָס פירט דורך די מאָרד־אַקציעס. זיי באַקומען אַ ספּעציעלן צוגאָב־געהאַלט, אַ „יודען־געהאַלט", ווי אויך בעסערע שפּײַז און אַ טייל פונעם צוגערויבטן פאַר־מעגן. אַלע דרײַ כאַדאָשים קומט קיין טראַווניקי אַ נײַע פּאַרטיע לאַנדס־קנעכט, און די „אויסגעשולטע" פאָרן אַוועק. אָט אַזוינע אויסגעשולטע מער־דער האָבן פאַרכאַפּט רינען און זי אָפּגעפירט קיין לובלין.
אין געטאָ האָט מען זי ניט פאַרטריבן. אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, ניט ווײַט פונעם קאַטעדראַל שטייען דרײַ באַראַקן. אין איינעם פון זיי האָט מען זי אַרײַנגעשלעפּט. ווי מע דערציילט, איז עס אַ מין לערן־לאַגער פון עסעסאָוצעס. דאָרט וווינען אויך די וואַכמענער פון דער געּ־טאָ. אין געטאָ גייט איצט אַן אָבלאַווע אויף מיידלעך, בלויז אויף שיינע. און די אַלע מיידלעך פירט מען אין אָט דעם לאַגער.
ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין, קאָן קיינער ניט דערקלערן. פּונקט ווי מע קאָן ניט דערקלערן, פאַרוואָס מע פירט איצט יונגע מאַנצבלען פון דער לובלינער געטאָ אין וואַלד אַרײַן גלײַך אין די גריבער, און פון מײַדאַנעק פירט מען אהער פּאַרטיעס צו הונדערט און צוויי הונדערט אויסגעדייווער־טע מענטשן בויען אַ סטאַדיאָן, גראָבן טראַנשייעס פאַר טעלעפאָן־קאַבעל.
דער מענטש, וואָס האָט דערציילט לודוויקן וועגן רינען, איז אַן אָוו־טאָמעכאַניקער. ער אַרבעט בא די דײַטשן. גלאַט אין דער וועלט אַרײַן

וועט ער קיין ווערטער ניט וואַרפן. די מיידלעך, וואָס וווינען אין באַראַק, איז פאַרבאָטן אפילו מיט אַ פינגער אָנרירן. מע גיט זיי גוט עסן. פון דעם אָנגערויבטן גוטס האָט מען זיי אַרויסגעגעבן דאָס בעסטע אָנטאָן.

פאַר אויסזוכן אויסער דער געטאָ און איבערגעבן די דײַטשן אַ שיין יידיש מיידל באַקומט מען אַ פּעקל סיגאַרעטן און הונדערט גראַם שנאַפּס. פאַר רינען, וואָס איז געווען די צווייהונדערטסטע, האָט מען אויסגעצאָלט פינף פּעקלעך און אַ האַלבן ליטער בראַנפן. יעדן פון די פינף לאַנדסקנעכט די פולע פּרײַז. די אַקציע פאַרענדיקט זיך, און אין די סאַמע נאָענטסטע טעג וועט מען די אַלע מיידלעך אָפּפירן קיין סאָביבאָר.

לודוויק קערט זיך אום צוריק אפן כוטאָר. בערעק, מיינט ער, דאַרף פאַרבלײַבן אין דער הייל. מיט וואָס ס'וועט מעגלעך זײַן, וועט לודוויק אים העלפן. סאָביבאָר איז, ווײַזט אויס, דאָס אָרט, ווו מע בויט דעם זאַ־וואַד, וואָס וועט אַרויסלאָזן דאָס געהיימע געווער. ס'איז נאָענט פונדאַנען, צווישן וולאַדאַווע און כעלם. און ווידער גיט לודוויק איבער דעם מעכאַ־ניקערס ווערטער: פון די שטעטלעך אַרום סאָביבאָר האָט מען אויך גע־בראַכט מיידלעך קיין לובלין, און איצט וועט מען זיי ערשט פירן קיין סאָביבאָר. צוליב וואָס? דאָס האָט אים קיינער ניט דערציילט, און עפּשער ווייסן עס ניט אַליין די עסעסאָווצעס.

געפירט דעם געשפּרעך האָבן זיי ניט אין דער הייל. לודוויק האָט גע־וואָרנט בערעקן: ריידן אין דער הייל איז געפערלעכער, ווי פון אויבן, ווײַל מע זעט ניט, צי איז עמעצער דאָ דערנעבן. בערעק האָט עס אויך פאַרשטאַנען. ער איז שוין געווען גענוג געניט. פון לאַנג לעבן אין וואַלד, פון שטענדיק פילן איבער זיך די געפאַר איז דער געהער בײַ אים געווען אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ער וואָלט דערהערט יעדן שאָרך, ווען עמעצער דער־נעענטערט זיך צו זיי.

בערעק האָט צוערשט געמיינט זיך לאָזן קיין לובלין, נאָר וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען? אין בעסטן פאַל וועט מען אָדער אים פאַרטרײַבן, אָדער ער וועט אַליין זיך אַרײַנשמוגלען אין געטאָ. רינע איז דאָרט ניטאָ. אָף בערעקס פראַגע, צי קאָן אים דער מעכאַניקער ניט העלפן אָנקומען צו די פּאַרטיזאַנער, האָט לודוויק אפילו ניט געענטפערט. רינע האָט אַמאָל געזאָגט בערעקן: „וואָס ס'זאָל ניט זײַן, אָבער נאָר מיט דיר אינאיינעם". אויך האָט זי געזאָגט: „אָן דיר דאַרף איך ניט דאָס לעבן". רינען דאַרף ער געפינען. כוץ אים, האָט זי קיינעם ניט אָף דער וועלט. ווי נאָר לודוויק וועט אים געבן צו וויסן, אַז די מיידלעך האָט מען ווירקלעך אָוועקגעפירט קיין סאָביבאָר, אַזוי גלײַך לאָזט ער זיך אויך אַהין. זאָל ער זיך נאָר דער־קלײַבן. ווי טיף עס זאָל ניט זײַן אונטער דער ערד, וועט ער געפינען אַ מיטל איבערצוגעבן רינען: מיר זײַנען ווידער אינאיינעם. אָף לעבן, אויב אַזאַ נעס וועט געשען, און אָף טויט — שטענדיק אינאיינעם.

הײַנט, ווען בערעק ווייסט שוין, וואָס אַזוינס איז געווען סאָביבאָר, וואָלט ער זײַן אייגענע טאַטע־מאַמע ניט געגלייבט, אַז עמעצער האָט גע־קאָנט אַליין זיך אַהין דערקלײַבן און אַליין אַהין אַרײַנדרינגען.

שוין ניט ווײַט פון דער סטאַנציע איז צו אים צוגעשטאַנען אַ הונט. ער טרײַבט אים, דער הונט לויפט אָפּ אין אַ זײַט, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אים נאָך און לאָזט זיך ווײַטער נאָך זײַנע טריט. דעם לעצטן ביסן וואָלט בערעק אים אָפּגעגעבן, אַבי ער זאָל זיך אָפּטשעפּען, אָפּשטיין. נאָר ווי האָט ער אים געזאָלט נעמען, דעם ביסן? בערעק האָט פאַרגעסן אין דעם הונט, ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז אויף דער זעלבער סטעזשקע, הינטערן הונט, האָבן זיך באַוויזן צוויי עסעסאָווצעס. ער האָט דאָך געוווסט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט ער אָנטרעפן אויף עסעסאָווצעס, און אַלציינס איז אויף אים אָנגעפאַלן אַן אײמע. וואָס טוט מען מיט די פיס? לויפן וואָלטן זיי איצט אויף געוויס געקענט, נאָר גיין, ווי פריִער, — דאָס ניט. די היטלעריסטן האָבן אים שוין קימאַט אָנגעיאָגט, ווייל זיי דער הונט ניט צולאָזן. ער האָוקעט ניט, ער שטשירעט נאָר די ציין. אויף אַ צעקאַליעטשעטן פּויליש באַפוילט מען:

— נעם צו דעם פּאַסקודנעם הונט!

בערעק וואָלט אַוואַדע אויסגעפילט דעם באַפעל, נאָר דער הונט וועט אים דען פאָלגן? אויסזאָגן דעם סאָד, אַז ער און דער הונט זײַנען צווישן זיך ווילד־פרעמדע, טאָר ער ניט. ס׳הייסט, וואָס איז שוין די נאַפקעמינע? אַלציינס וועט באַלד צו אַלץ נעמען אַ סאָף. איינער פון די עסעסאָווצעס, אַן אָפיצער, האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער. נאָך איידער ער האָט אים אָנגעצילט, איז דער הונט געוועזן לעבן בערעקן. דער היטלעראָוועץ באַפוילט בערעקן זיך ניט רירן פון אָרט. ער פרעגט:

— ווער ביסטו? פונוואַנען האָסטו זיך אַהער גענומען און וווּהין גייסטו?

וואָס זאָל בערעק אים ענטפערן? שווײַגט ער. אים צו הילף קומט אומדערוואַרט דער צווייטער עסעסאָוועץ:

— הער אָבערוואַכמײַסטער, דאָס יינגל פּאַשעט בעהיימעס בײַ דער אײַזנבאַן, איך בין שוין פון לאַנג באַקאַנט מיט דעם הונט.

— וואָס זשע רײַסט ער זיך דיך אַ ביס טאָן, אויב איר זײַט אַלטע באַקאַנטע? — קאָן דער אָבערוואַכמײַסטער ניט פאַרשטיין.

— ווער האָט עס אײַך געזאָגט? אויף קיין באַקאַנטע בייזערט ער זיך ניט. זיי דערשמעקט ער פאַר אַ מײַל. ווי אַלע הינט, האָט ער פײַנט פרעמדע. ווען איר, הער לאַכמאַן, גייט איצט אַליין, וואָלט ער אויף אײַך נאָך ניט אַזוי אָנגעפאַלן!

דער אָבערוואַכמײַסטער לאַכמאַן באַפוילט בערעקן גיין מיטן הונט פאָרויס און וואָרנט, אַז אויב ער וועט מאַכן אַ שפּאַן ווײַטער פון דער סטאַנציע, וועט מעןביידן — אים און דעם הונט — דערשיסן. דער הונט האָט עס שוין, ווײַזט אויס, פון לאַנג געוווסט. ניט ווײַט פון דער סטאַנציע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. מיט בערעקן האָט ער זיך געזעגנט, דרייענדיק מיטן לאַנגן עק, און די אויגן זײַנע האָבן ווי געוואָרנט: „גיי ניט ווײַטער, גיי ניט!‟

די עסעסאָווצעס זײַנען אַרײַן אין דער געבײַדע פון וואָקזאַלעכל. בערעק האָט זיך אַרומגעקוקט. אויף איינער פון די אײַזנבאַן־ליניעס זײַנען געשטאַנען בײַ אַ צוואַנציק פראַכט־וואַגאָנעס, אויף אַ צווייטער — זעקס־זיבן. אַהין האָט עפּעס אַ געשטופּלטער וואַכמאַן געטריבן אַ כאָפּטע ייִדישע ייִנגלעך

אין בערעקס עלטער. בא וועמען עס באַמבלט זיך אַן עמער אין דער האַנט, בא וועמען א בעזעם, א באַרשט. דער וואַכמאַן שרייַט:

— שלעכט אופגעראַמט! שלעכט אויסגעוואַשן! אפן דיל זייַנען פאַר־בליבן פלעקן. פאַר א פערטל שאָ זאָל קיין סימען ניט בלייַבן!

דער וואַכמאַן שטייט באַם ערשטן וואַגאָן און פאָכט מיט דער נאַהייקע, און בערעק לאָזט זיך צום לעצטן. עמעצער איז שוין דאָרט דאָ אינווייניק. קריכט ער אויך אַרייַן. צוויי יינגלעך רייַבן מיט שמאַטעס דעם דיל. שטופּט ער זיך אַרייַן צווישן זיי און זאָגט אף פּראָסט מאַמע־לאָשן:

— כעוורע, עס וועט זיך בא אייַך גאָרנישט ניט באַקומען.

זיי קוקן אים אָן פאַרכידעשט און פרעגן ביידע אין איין קאָל:

— פאַרוואָס?

— ווייַל ווו מע דאַרף מויעך, העלפט ניט קיין קויעך. ס'איז פאַרטריקנט בלוט. מע דאַרף עס אָפּשקראַבען מיט א מעסער, מיט א זאַסטעפ.

ניט קיין מעסער, ניט קיין זאַסטעפּ האָבן זיי ניט. איינער פאַלט אפן סייכל:

— מע קאָן מיט א שפּענדל, — און צו בערעקן: — שפּרינג אַרויס פון וואַגאָן און זוך אויס א שפּענדל.

— פאַרוואָס עפעס איך?

— ווייַל דו ביסט א נייַנקער. גיי, הייסט מען דיר, — און ער שטופּט אים צו דער אָפענער טיר.

בערעק האָט געהאַט אַן אַנדער ברייַרע? ניט נאָר גיין, נאָר אַפילע קוקן אין יענער זייַט, ווו דער וואַכמאַן שטייט, האָט ער מוירע. נאָר אָט וואַל־גערט זיך א פאַרזשאַווערט שטיק בלעך, טוט ער עס א כאַפּ און לויפט מיט דעם צוריק אין וואַגאָן, נאָר אויך דער וואַכמאַן דערנעענטערט זיך אַהער.

— ווער האָט דערלויבט? צוליב וואָס? — באַווייַזט ער אפן שטיקל בלעך.

דאָס יינגל, וואָס האָט בערעקן שיר ניט אַרויסגעשטופּט פון וואַגאָן, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און דערקלערט דעם וואַכמאַן:

— מיטן בלעך וועלן מיר גיכער אָפּרייניקן די פלעקן. זיי האָבן זיך אייַנגעגעסן אין די ברעטער.

דער ענטפער באַפרידיקט דעם וואַכמאַן.

— אָבער כ׳וועל א קוק טאָן, ווי איר טוט עס.

ווו האָט זיך בא בערעקן גענומען קויעך, נאָר איינס־צוויי, און פונעם בלעכל איז געוואָרן א לאָפּעטקעלע. דאָס בלוט האָט ער אָפּגעריבן, נאָר פאַרטשעפּעט דעם אייבערשטן שיכט פון די ברעטער. אָנשטאָט דעם טונקל־רויטן פלעק האָט זיך באַוויזן א ליכטיק־גרויער. גרוי איז ניט רויט, נאָר אַזוי טויג אויך ניט. איידער דער וואַכמאַן באַווייַזט אים אויסזידלען, פּרוווט בערעק צעשמירן דעם פלעק מיטן זשאַווער פונעם בלעך. ער רייַבט און ווישט דאָס אָרט. דער וואַכמאַן פרעגט:

— ביסט געווען א בלעכער, א פאַרבער?

— ניין. א פאַרבער איז געווען מייַן טאַטע, און איך האָב זיך געלערנט בא א גראַווירער, — האָט בערעק זיך דערמאָנט אינעם זיידן מאַצייס קונסט.

דער היטלעראָוועץ פארשטייט עפּעס ניט. בערעק פּרוּווט דערקלערן:

— טאַבאַקערקעס, צירונג־שאַכטלען.

— אָ, אָ! — טוט דער וואַכמאַן א פּײַף. — פאַרוואָס האָסטו וועגן דעם גלײַך ניט געמאָלדן? ווארום?

אײנײנעם מיט אלעמען פּירט מען אויך בערעקן אין לאגער. דאָס ייִנגל, וואָס האָט בערעקן געהייסן ארויסשפּרינגען פון וואַגאָן נאָך א שפּענדל, טאָרקעט אים מיטן עלנבויגן:

— הער נאָר, דו. ווען און פונוואַנען האָסטו זיך צו אונדז געיאָוועט? עפּעס האָב איך דיך צווישן די נײַ־ינקע אויך ניט באמערקט. ייִנגלעך פאַר דער באַנהאָף־קאָמאַנדע קלײַבט אָפּ אליין דער געהילף־קאָמענדאַנט וואַג־נער. אזעלכע, ווי דו, דאַרפן זיי פאַר אנדער ארבעט. אויב נאָר דו נאַרסט ניט אָפּ און ביסט טאַקע א גראַווירער, וועסטו נאָך א ביסל לעבן אף דער וועלט. אײַך דאַרפן זיי פאַר זיך, איר זאָלט זיי העלפן אָנשטאָפּן די אייגע־נע קעשענעס. באַלד וועט דער וואַכמאַן אָנזאָגן, וועמען מע באַדאַרף, וואָס פאַר א מעציִע ער האָט אויסגעזוכט.

באַ די באַראַקעס האָט דער וואַכמאַן אָפּגעפּירט בערעקן אין א זײַט און באַפוילן שטיין אף איין אָרט, ביז ער וועט זיך אומקערן. לאַנג וואַרטן איז ניט אויסגעקומען. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַן אָפּיצער, וואָס האָט געפירט א הונט אפן רימען. דער הונט איז פלוצעם ווי פונעם זינען אַראָפּ. ער האָט זיך אזוי געריסן אף צוריק, אז דער דינער רימען אפן האַלדז האָט אים שיר ניט דערוואָרגן. פונעם ווייטעק איז זײַן קאָס נאָך מער געשטיגן. דער אָפּיצער, — ווי ס׳האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, איז עס געווען דער שעף פונעם דריטן לאגער־טייל, אָדער פּאָשעט לאגער, ווי מע פלעגט זאָגן אין סאָביבאָר, — דער עסעס־אָבערשאַרפיורער קורט באָלענדער, האָט אים אײַנגעשטילט:

— מענטש! פון אָרט ניט! — און דער הונט, וואָס הייסט „מענטש", איז פארגליווערט געוואָרן.

מיט אזא, ווי אָט דער עסעסאָוועץ, איז אוודאי בעסער זיך ניט צו באַ־געגענען. בערעק האָט דערפילט, ווי יענער האָט אים נאָך פונדערווײַטן אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן. מיט א פינגער האָט ער באַוויזן, בערעק זאָל אים נאָכגיין.

א שטויס פונעם פוס און באָלענדער עפנט די ברייטע טיר פון א באַ־ראַק און לאָזט זיך צו א באַזונדער קעמערל.

ווי אָפּגעשיידט ניט נאָר פון דער וועלט, נאָר פונעם לעבן, איז דאָרט אף א שטול באַ דער וואַנט אײַנגעהויקערט געזעסן א מענטש מיט אַן אײַנגעפאַלן פּאָנעם און שטעכיקע אקסלביינער. ניט רירנדיק זיך פון זײַן אָרט, האָט ער מיט א גלײַכגילטיקן בליק פון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען א קוק געטאָן אף די ארײַנגעקומענע. דער עסעסאָוועץ האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ דער שוועל, און דער הונט האָט אין זײַן גאַנצער לענג זיך אויסגעצויגן לעבן זײַנע פיס. דער הונט קוקט ניט אף זײַן באַלעבאָס, נאָר ער פּילט יעדע באַוועגונג זײַנע. באַ זייביידע שפּריצן, דאַכט זיך, פון די אויגן גרינע און רויטע פײַערן.

באָלענדער האָט א זאָג געטאָן:

— אַט האָט איר אײַך אַ נײַעם געזעל. וועט ער ניט טויגן, איז מעל־דעט דעם קאַפּאַ, און ער וועט אײַך פֿון אים באַפֿרײַען. מיר וועלן פֿאַר אײַך געפֿינען אַן אַנדערן.

ער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, דערנאָך צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר, און בערעק מיט דעם מענטשן זײַנען פֿאַרבליבן אײנצווייען.

קאַפּיטל דרײַ

# סאַביבאָר

## קוריעל

בערעק איז געשטאַנען אַזוי לאַנג, אַז ער האָט אין זיך אַליין פֿאַרגעסן. ער האָט ניט געוווּסט, צי דאַרף ער עפּעס זאָגן דעם מענטשן, צי דאַרף ער וואַרטן, ביז יענער וועט זיך צו אים אָנרופֿן. וואָס טוט זיך מיט אָט דעם פֿאַרשוין? און וואָס פֿאַרא שווערע מאַכשאָוועס איז ער פֿאַרזונקען?

דער מענטש האָט שווער אַ זיפֿץ געטאָן און אַ דריי געגעבן מיטן קאָפּ, ווי ס׳וואָלט אים געווען ענג אין האַלדז. עפּשער וועט ער באַלד עפּעס זאָגן. וואָס? און לאַגער מוז יעדערער אַרבעטן. און וואָס באַשטייט דאָ זײַן אַרבעט? ער איז אַ יוּוועלירער, אַ זייגערמאַכער? מיסטאָמע האָט ער, ביז מע איז אַרײַנגעקומען אַהער, זיך געפּאָרעט מיט אַ זייגערל. ווּהין איז דאָס אַהינגעקומען? ער האָט אַוודאי אַרויסגענומען דעם מעכאַניזם, זיך אײַנגעקוקט אין אים און אַ וואָרף געטאָן אין אַ ווינקל, און דעם קאָרפּוס האָט ער אַרײַנגעלייגט אין עם קאַרטאָנענעם קעסטל, וואָס איז צוגעפּעס־טיקט צו דער וואַנט. ווו איז דער פּינצעט? פֿאַרבאַהאַלטן אין זײַן ברייט צעקודלטער באָרד? ער האָט קיין פּינצעט ניט און באַדאַרף אים ניט. די פֿינגער זײַנען באַ אים דינע און לאַנגע, און דער נאָגל אויפֿן קלײנעם פֿינ־גער איז אַזוי גרויס, אַז ער קאָן פֿאַרבײַטן אַ פּינצעט. אָט צו וואָס מע קאָן זיך דערטראַכטן! קײנער האָט ניט געוואָרפֿן קיין זייגערס אין די ווינקלען, צו דער וואַנט איז ניט צוגעפּעסטיקט קיין שום קאַרטאָן־קעסטל. נאַ דיר גאָר, באַהאַלטן אַ פּינצעט אין דער צעקודלטער באָרד! באַ בערעקן אַליין איז עפּעס צעקודלט אין קאָפּ. נאָך אַזאַ טאָג איז עס קיין כידעש ניט. און ווי לאַנג נאָך וועט ער אַזוי שטיין? ס׳איז דאָך שוין באַלד סאָף טאָג.

פֿון קליינערהייט אָן האָט מען בערעקן געלערנט: איטלעכן גיב אָפּ אַ גוט־מאָרגן, צום אַלעם ערשטן קומט אַ מענטשן דער „שאָלעם־אַלייכעם". אָף וועלכער שפּראַך זאָל ער דאָס מאָל אים אָפּגעבן, אַז דער מענטש רעדט גאָר ניט? נעמט בערעק אַראָפּ פֿון קאָפּ זײַן מיצל — אַ הויכס, מיט ברייטע ראַנדן, מיט אַ געבויגענעם דאַשעק, און קעדיי קלוימערשט ווי צופֿעליק זיך לאָזן הערן און דערנאָך — זען, טוט ער איין מאָל און אַ צווייט מאָל אַ הוסט.

אייסעך וואָס! דער מענטש זאָל עס כאָטש לעפּאָנעם וועגן זיך אַ ריר טאָן... אַ סוואָרע, אַז די אויערן זײַנען באַ אים פֿאַרשטאָפּט מיט וואַטע.

ס׳פאַרבלײַבט נאָר ארויסשאלן דעם „שאָלעם־אַלייכעם״ מיט אַ קאָל, ווי פון אַ האָרן, אָדער אזוי־אָ אינמיטנדערינען צוגיין צו אים און אָנטרעטן אַף די לאנגע בושעל־פיס אין די שווארצע וואָלענע שקארפעטן. צי עפּשער זיינען באַ אים אלע אייוורים אָפּגענומען געוואָרן?

אַ גאָלדענער בעשוטפעס שטייט דאָ בערעקן פּאָר. און וואָס איז ער עס אזא פאָרעץ, וואָס ער איז נישט נאָר ניט אופגעשטאנען, ווען דער דײַטש איז ארײַן, נאָר אפילע צו אים דעם קאָפּ ניט אויסגעקערעוועט? און יענער האָט עס שטילערהייט אראָפּגעשלונגען. פון טאדעקן האָט זײַן אייגענער פעטער, דער סאָלטיס, פּאסן געשניטן, און דאָ געפינט זיך אַ ייִדע, וואָס וויל מיט קיין עסעס־אָפּיצער ניט ריידן, און ס׳גייט אים אָפּ גלאַט. אַ ווילדע זאך! ניט אנדערש, דאָס איז ניט קיין פּאָשעטער מענטש. אזא קאָן אים העלפן און אזא קאָן אים שטערן אָפּזוכן רינען. אָבער דערווײַל, ביז עפּעס וואָס, האָבן בערעקס פיס זיך אָפּגעזאָגט אים צו דינען.

צו אַן ערדענעם געלעגער איז בערעק געווינט. און אין אַ מינוט ארום ליגט ער שוין אפן זעלבן אָרט, ווו ער איז נאָרוואָס געשטאנען, מיט אַ פויסט אָנשטאָט אַ קישעלע צוקאָפּנס. אָט ווען מע זאָל נאָך קאָנען אזוי גרינג בײַקומען דעם הונגער. אונטערן לעפּעלע ציט אַף ניט אויסצוהאלטן. כאָטש מיט עפּעס וואָס אָפּנארן דעם מאָגן. צו זאט וועט ער זיך שוין מיסטאָמע קיינמאָל ניט אָנעסן. דאָס האָבן זיי, ער און רינע, שוין פון לאנג געוווסט. עמעס, באַ דער באָבע יאדוויגע האָבן זיי ניט געהונגערט, איז אָבער די באָבע יאדוויגע שוין אַף דער וועלט ניטאָ. וואָלט ניט געווען געשען דער אומגליק, וואָלט רינע זיך ניט ארײַנגעפּאקט צו די דײַטשן, וואָלט ער, וואָלט ער...

דער שלאָף איז אָנגעפאלן, עלעהיי אים פארשיקערט. און דער מויעך טוט זיך אַלץ זײַנס — סע דרייט זיך דאָרט אַ וועלט. נאָר עמעצער פארגינט אים אפילע ניט דעם אומרויִקן שלאָף. דאָס האָט דער שווײַגנדיקער מענטש זיך דערבארעמט. ער טאָרקעט בערעקן און באווײַזט אים מיט די אויגן אַף אַ שמאָלער נארע, ווייניקער פון אַ האלבן מעטער די ברייט. בערעק האָט קוים אהין איבערגעטראָגן די פארכאלעשטע גלידער און מיט דער אונטערגעשפּארטער האנט צוקאָפּנס שווער אײַנגעשלאָפן.

וידער האָט מען אים געוועקט. נאָר דאָס איז שוין געווען אפן צווייטן טאָג. און דאָס ערשטע, וואָס בערעק האָט דערזען, איז געווען אַ גוואלדיקער מאַיאָנטעק, פון וועלכן דער קאָפּ האָט זיך אים פארדרייט און אין די אויערן האָט געגומען רוישן, ווי דאָרט וואָלטן גרויסע פליגן געטומלט. אַף דעם „מאַיאָנטעק״ — אַ האלב טעפעלע סוראָגאַט־קאווע און צווי שטיקעלעך ברויט פון קלײַען און זעגעכץ — האָט בערעקן ווידער מיט די אויגן אָנגעוויזן דער פאראקשנטער שווײַגער. פון דעם געשפּרעך, וואָס ס׳האָבן צווישן זיך געפירט די ייִנגלעך פון דער באנהאָף־קאָמאנדע, האָט בערעק שוין געוווסט דעם שפּײַז־ראַציאָן פון טאָג: גאנצפרי — שווארצע „קאווע״, באטאָג — עטלעכע לעפל שיטערע באלאנדע, און צום סאָף טאָג — צווי הונדערט גראם ברויט און ווידער אַ ביסל „קאווע״. איז אַף וועלכע וואָגשאָלן זאָל מען וועגן מענטשלעכע גוטסקײַט?

באם עסן איז נאָך צווישן זיי אָנגעגאנגען: „הער און קוק, זע און

שווייג״. נאָר די באַקאַנטשאַפט איז פאַרגעקומען. ס׳הייסט, איינער האָט שוין געוווסט, ווי אָנרופן דעם אַנדערן. גוט, וואָס ייִדיש איז ענלעך אויף דײַטש און דערצו פאַרשטייט דער מענטש אַ ביסל פּויליש אויך. בערעק האָט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— הער קורזשעל, איר וועט מיר דערלויבן אַרויסגיין, איך דאַרף דאָ עמעצן אָפּזוכן.

קורזשעל האָט אַ זײַטל געטאָן אויף אים מיט די אויגן. דאָס האָט באַדאַרפט באַטײַטן — צי בין איך ניט טעמפּ אויף אַן אויער, און אויב ריכטיק אויפגעכאַפּט, עפּשער ניט אַזוי פאַרשטאַנען?

בערעק האָט פאַרגעזעצט:

— איך מוז געפינען אַ מענטשן, ער ווייסט ניט, צי איך לעב, צי איך בין דאָ, איז מוז איך...

— אַרויסגיין פונדאַנען אָן אַ דערלויבעניש איז אונדז ביידן פאַרבאָטן. אין וועלכער אַרבעטס־קאָמאַנדע געפינט זיך דײַן מענטש?

— איך ווייס ניט. ס׳איז אַ מיידל. רינגע הייסט זי. מיר זײַנען געווען אײַניינעם אין וואַלד. מע וואָלט זי ניט געכאַפּט, נאָר ס׳האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז כ׳האָב זי איבערגעלאָזט איינע אַליין, און זי איז אַנשלאָפן געוואָרן. מע האָט זי אָפּגעפירט קיין לובלין און פון דאָרט אַהער.

— וואָס רעדסטו אַזוינס? איר זײַט ניט געווען אין קיין געטאָ, אין קיין לאַגער?

— ניין. ביז די גרויסע פּרעסט האָבן אונדז ניט דורכגעטריבן, האָבן מיר זיך אויסגעבאַהאַלטן אין וואַלד. דערנאָך האָט אויף אונדז ראַכמאָנעס געקראָגן אַ פּאַסטעך, דער זיידע מאַציי. נאָר מער האָבן מיר שוין בײַ אים ניט געקאָנט זײַן.

— ער האָט דאָס לעבן אײַנגעשטעלט.

— ער, און די באָבע יאַדוויגע, און טאַדעק. טאַדעקן האָט מען איבער מיר געשלאָגן, געמיימעסט, געוואָלט, ער זאָל זאָגן, ווער עס מאָלט ייִדישע געמעלן אויף די שקאַטולקעס און טאַבאַקערקעס, וואָס מיר פלעגן מאַכן, נאָר ער האָט מיך ניט אויסגעגעבן.

— די געמעלן וועסטו מיר באַווײַזן. זאָג מיר, ווי־אַזוי האָט מען דיך געכאַפּט? עמעצער האָט דיך אויסגעגעבן?

— קיינער האָט מיך ניט אויסגעגעבן. דעם זיידן מאַצייס אַ פרײַנט האָט זיך דערוווסט, אַז מע האָט רינגען אַוועקגעפירט קיין לובלין און פון דאָרט מיט נאָך צוויי הונדערט מיידלעך אָפּגעשיקט קיין סאָביבאָר, האָב איך זיך געלאָזט נאָך איר.

בערעק דערציילט, ווי־אַזוי אים האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצושמוגלען זיך אין לאַגער, און לויט דעם, ווי קורזשעל קוקט אויף אים, איז ניט צו פאַרשטיין, — ער גלייבט אים צי ניט? נאָר וועגן אָט די מיידלעך פון לובלין ווייסט קורזשעל. אים האָט וועגן זיי דערציילט דער קינסטלער מאַקס וואַן דאַם. אייערנעכטן האָט מען זיי ביידן באַוויזן עטלעכע בילדער אויף פעסטשטעלן זייער ווערט. וואַן דאַם האָט אויסגעזוכט אַ מינוט אויף אים דערציילן וועגן צוויי הונדערט שיינהייטן, וועלכע מע האָט דערשטיקט אין הימלערס אָנוועזנהייט.

— זאָג מיר, ווי האָט דײַן שוועסטער אויסגעזען? אין עטלעכע ווער־טער קאָנסטו זי אויסמאָלן?

— רינע איז ניט מײַן שוועסטער. א שיינע איז זי, זייער א שיינע. העלפט מיר זי געפינען, וועט איר אליין זען. איך קאָן זי ניט אויסמאָלן מיט קיין ווערטער. איך האָב געוואָלט זיך דורכגיין אין די באַראַקן, ווו די מיידלעך וווינען. איר גלייבט מיר צי ניין?

— כ׳גלייב. נאָר איך קאָן דיר ניט העלפן. דאָ איז פאַראַן איין פרויען־באַראַק, אָבער דאָרט וועסטו זי ניט געפינען.

— ווו זי זאָל ניט זײַן, וועל איך זי אָפּזוכן. דערקלערט מיר נאָר, ווו דער פרויען־באַראַק געפינט זיך. אָדער עפּשער וועט עמעצער פון די פרויען אהער קומען?

— אויסער צוויי־דרײַ עסעס־אָפיצערן און דעם קאַפּאָ, וואָס ברענגט אונדז עסן, האָט קיינער ניט קיין רעכט קומען אהער. אליין הימלער האָט אזוי באַפוילן.

— אליין הימלער?.. הער קוריָעל, ווי קאָן עס אליין הימלער וויסן וועגן אײַך? איר זײַט דאָך...

— ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן? איך בין א גוטער פּאַכמאַן... אין איידלשטיינער, באַזונדערס אין דימענטן, קלײַב איך זיך פאַנאַנדער. א לעבן־לאַנג זיך מיט דעם פאַרנומען. אין בעלגיע, אין האָלאַנד.

— אויב וועגן אײַך ווייסט הימלער, קאָנט איר מיר העלפן, איר מוזט מיר העלפן. איך בעט אײַך, העלפט מיר אויסזוכן רינען.

— זאָג מיר, וועגן דער „הימל־שטראַסע” האָסטו נאָך ניט געהערט?

— ניין. וואָס איז עס — א גאַס אזא?

— יאָ. א גאַס אָן א צוריקקער. מיט איר קאָן מען אוועק נאָר אין איין ריכטונג. צוריק קומט מען ניט.

— איך פאַרשטיי ניט.

— ליידער, וועסטו עס זייער גיך פאַרשטיין. מער וועגן רינען פרעג ניט. איך וועל זיך פּרוּוון דערוויסן, צי האָט דאָ עמעצער געהערט אזא נאָמען. באַלד קאָן מען אונדז ברענגען צירונג. דײַן זאַך איז אויסוואַשן די שטיינער, איידער איך וועל זיי נעמען אין דער אַרבעט. אָט דאָס צײַן־בערשטעלע וועסטו טונקען אין א גלאָז מיט זייף־וואַסער און ווייך, איידל, האָסט דאָך צו טאָן מיט איידלשטיינער, א רײַב טאָן דאָס צירונג. אויף א גלאָז זייף־וואַסער דאַרף מען צוגעבן צוויי טיי־לעפּעלעך נאַשאַטיר־ספּירט. פאַרגעדענק עס, ס׳וועט דיר צוניץ קומען. מע קאָן אונדז ברענגען פּערל, זאָלסטו וויסן, אז אויף אזא אויפן אָפּפרישן פּערל טאָר מען ניט. בייס דער אַרבעט וועל איך דיר באַווײַזן, ווי מע טוט עס.

— און שלײַפן שטיינער וועט איר מיך אויך לערנען?

— דערווײַל איז וועגן דעם פרי צו ריידן. עפן דאָס טישקעסטל. דאָרטן ליגן א פּאָר לענגלעכע אוירינגלעך. געפונען? נעם זיי אַרויס. אָט וועסטו זיי א וואַש טאָן, ניין, ניין, ניט דאָס בערשטעלע נעם. דו מיינסט אַוודאי, אז ס׳איז עמעסע בריליאַנטן. מעגלעך, אז די פרוי, וואָס האָט געטראָגן די אוירינגלעך, האָט אויך דעם עמעס ניט געוווּסט. פאַר איר איז גענוג גע־

ווען — זיי גלאַנצן. די פּאַווע זאָל ניט האָבן קיין שיינע פּעדערן, ווער וואָלט זיך אַף איר אומגעקוקט...

בערעק קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן:

— וואָס זשע, מע מעג זיי אַרויסוואַרפן אַפן מיסט־קאַסטן?

— איך זאָג עס ניט. אָבער זייער עמעסע ווערט דאַרף מען קענען פעסטשטעלן. אַף זאַכן, וואָס זײַנען געמאַכט פון טײַערע מעטאַלן, איז פאַראַן אַ דערקען־צייכן — די פּראָבע. ווייסט אַ רייניק טאָן דעם מעטאַל, וועסטו זי לײַכט געפינען. פאַר זאַכן פון פּלאַטינע איז עס 950. צירונג פון גאָלד האָט פאַרשיידענע פּראָבעס. זעסט אָט דאָס פינגערל? דאָ, צום בײַשפּיל, איז אָנגעוויזן 583. דאָס באַטײַט, אַז ס'איז געמאַכט פון אַ געשמעלץ, ווו אַף יעדער טויזנט גראַם קומט אויס 583 גראַם ריין גאָלד. האָסט פאַרשטאַנען? אַפשאַצן די ריכטיקע ווערט פון אַן איידלשטיין קאָן נאָר דאָס געניטע אויג פון אַ פאַכמאַן. אָט צוליב דעם דאַרפן זיי מיך האָבן.

בערעק האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר אין דער מינוט האָט די טיר אין קעמערל זיך געעפנט און ס'איז אַרײַנגעקומען דער עסעס־אונטערשאַרפיורער יאָהאַן נוימאַן — איינער פון די צוויי אָפיצערן, וואָס האָבן רעכט זיך צו באַגעגענען מיט קוריעלן. ער האָט אוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ לעדערן טשעמאָדאַנדל און אַ רידיקיול פון זאַמשע.

— ווי גייט עס, הער קוריעל? — האָט ער האַפערדיק געפרעגט און זיך אוועקגעזעצט אַפן טאַבורעט באַם טיש. — איך האָב אײַך געבראַכט אַ האָלענדישן טשעמאָדאַן מיט צירונג, און אין אָט דעם פראַנצויזישן רידיקיול ליגן שוואַרצע פּערל און אַ גאָלדענער בראַסלעט מיט דרײַ שטיינער. איך וועל אײַך בעטן אַ קוק טאָן, צי ס'זײַנען עכטע שטיינער.

קוריעל האָט געוואָרפן אַ בליק אַף די שטיינער און ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— די מענטשן, וואָס האָבן געפירט מיט זיך די שטיינער, וואָלטן שוין, דאַכט זיך, געמעגט וויסן, אַז מע וועט באַ זיי צונעמען די דימענטן, און וואָלטן בעסער אויסגעביטן זיי אַף ברויט, איידער זיי ברענגען גלײַך צו אײַך אין די הענט.

נוימאַן, וואָס האָט שוין געהאַלטן באַם אוועקגיין, האָט די ווערטער דערהערט. ווען דאָס וואָלט געזאָגט אַן אַנדערער, וואָלט ער מיסטאָמע געענטפערט מיט אַ קויל, אָבער מיט קוריעלן האָט ער געמוזט ריידן אַנדערש:

— הער קוריעל, וואָס זאָרגט איר זיך פאַר די ייִדן. זיי נייטיקן זיך שוין ניט אין קיין צירונג. אַלץ וועט אָפּגעשיקט ווערן קיין בערלין. די אַלע רײַכטימער געהערן דעם דריטן רײַך.

— הער נוימאַן, — האָט קוריעל אופגעהויבן דעם קאָפּ, — די צײַט וועט באַווײַזן, צי האָט דער דריטער רײַך רעכט אַף פרעמדן האָב־און־גוטס און מיליאָנען לעבנס.

בערעק איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטער. אַ מאַרק־הונט איז מער באַשיצט פון אַ היצעל, ווי אַ מענטש אין סאָביבאָר, און קוריעל דערלויבט זיך אַזוי צו ריידן מיט די עסעסאָווצעס. צו אַן אומגליק וועט אים די צונג דערפירן.

...אין איינעם א טאָג איז געקומען באַלענדער. דאָס מאָל האָט ער זיך באגריסט מיט קורזיעלן, העפלעך זיך נאָכגעפרעגט, צי וואָלט ער ניט געקענט א קורצע צײַט זיך באגיין אָן דעם געזעל.

— וואָס באַטײַט א קורצע? — האָט קורזיעל געוואָלט וויסן.

— צוויי וואָכן. מעגלעך, אפילע ווייניקער.

— איר מוזט מיר אָבער זאָגן, ווו וועט ער די צײַט זײַן און מיט וואָס וועט ער זיך פארנעמען?

— בא מאקס וואן דאמען וועט ער זײַן, אויב דאָס גייט אײַך אזוי אָן.

— איר דארפט מיר נאָך ענטפערן אף דער צווייטער פראגע, — און ווײַל באַלענדער האָט געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן: — אזוי האָט באפוילן דער לאגער־קאָמענדאנט. אלץ, וואָס אָנבאלאנגט דעם געזעל, מוז מיר מיטגעטיילט ווערן.

— הער קורזיעל, ניט איך דארף און ניט איך מוז. אפן אפעל־פלאץ איז וועגן דעם עפנטלעך געמאָלדן געוואָרן, און איך קאָן דאָס זעלבע אײַך מעלדן. פאר א פרווו צו אנטלויפן פונעם לאגער זײַנען צוויי און זיבעציק האָלענדער, צווישן זיי וואן דאם, פארורטיילט געוואָרן צום טויט. אין באַצוג צו איין און זיבעציק איז דער אורטייל אויסגעפילט. איינער לעבט נאָך. דאָס איז וואן דאם. דער לאגערפיורער האָט געפונען פאר נייטיק, ער זאָל פארענדיקן איינעקע אָנגעהויבענע ארבעטן.

— און מאקס וואן דאם האָט אײַנגעשטימט?

— מיר פרעגן ניט. מיר באפוילן.

— וואָס זשע זײַט איר געקומען צו מיר פרעגן?

— איר ווייסט עס אליין זייער גוט, הער קורזיעל.

בערעק טראַכט: דער עסעסאָוועץ האָט קורזיעלן ניט באפוילן אים אָפּשיקן צום קינסטלער פאר א געהילף, איז פארוואָס האָט קורזיעל ניט געענטפערט, אז ער קאָן זיך אָן בערעקן ניט באגיין? צי דען וויל דער יוּוועליר פון אים פאָטער ווערן?

קורזיעל טראכט: אין לאגער זײַנען דאָ הונדערטער יינגלעך, וואָס דער אָבערשארפיורער וואָלט געקאָנט שיקן ארבעטן צו וואן דאמען. ניט אנדערש, אז וואן דאם האָט געשיקט נאָכן יינגל, וועגן וועלכן ער, קורזיעל, האָט אים געהאט דערציילט.

— גיי, — האָט קורזיעל געזאָגט צום יינגל און אים דערלאנגט דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט באם מיטיק אָפּגעשפּאָרט פאר אים. און צו באַלענדערן: — איך וואָרן אײַך, אז אויב דער געזעל וועט אין צוויי וואָכן ארום ניט אומקערן זיך צו מיר, וועט אײַך זײַן שווער מיט מיר אויסצוקומען.

א צערייצטער האָט באַלענדער שיר זיך ניט ארופגעוואָרפן אף קורזיעלן, נאָר ער האָט זיך באַצײַטנס געכאפט, אז עס קאָן אים קאָסטן טײַער. און ווײַל ער האָט זיך אף קיינעם ניט ארופגעוואָרפן, איז אויך דער הונט, וועלכן קורט באַלענדער האָט גערופן „מענטש”, געבליבן אף זײַן אָרט.

# קורי׳על דערציילט

צי האָט קורי׳על זיך דערפרייט, ווען בערעק האָט אין צוויי וואָכן ארום זיך אומגעקערט? געוויס. נאָר אויסערלעך האָט ער זײַן פרייד מיט גאָרניט ארויסגעוויזן. דעם טאָג, ווען בערעק איז געקומען, האָט ער, ווי שטענדיק, אויסגעמיטן צו ריידן אן איבעריק וואָרט.

אין אָוונט איז עפּעס געשען מיט דער עלעקטרע, און דאָס נאַקעטע לעמפּל אויף דער הילצערנער סטעליע האָט זיך ניט אָנגעצונדן. פּונעם שאַפּקעלע, ווו ס׳איז געלעגן אן אלטער טאַלעס און אַ פּאָר טפילין אין אָפּגעבליאַקעוועטע שיידלעך, האָט קורי׳על ארויסגענומען אַ ליכט, זי אָנ־געצונדן, און ליגנדיק יעדערער אויף זײַן נאַרע, האָבן זיי, קורי׳על און בע־רעק, געקוקט, ווי עס ציטערט דאָס פלעמל, געהערט, ווי עס טרישטשעט דער קנויט, און ביידע געטראַכט וועגן איינעם און דעם זעלבן, וועגן וואָנ־דאַמען, וואָס איז שוין זײַנס אויף דער־וועלט איבערגעקומען.

קורי׳על האָט שווער געעטעמט. ער איז, ווײַזט אויס, אײַנגעשלאָפן. איז ווער דאַרף עס האָבן, דער כיילעוו זאָל טשאַדען? בערעק האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַרלאָשן די ליכט. דורכן פאַרגראַטעוועטן פענצטערל האָט ארײַנגעקוקט אין קעמערל אַ שטאָקפינצטערע נאַכט. טויט־שטיל. בערעק האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז אין לאַגער קאָן זײַן אַזוי שטיל, ווי אויסער אים און קורי׳עלן וואָלט שוין קיינער אויף דער וועלט ניט געלעבט. אַ דריקנ־דיקע בעסאָלמען־שטילקײַט. קוים צו דערהערן, האָט בערעק אַ זאָג געטאָן:

— אַ הייליק אָרט.

און ווי דער ארום וואָלט די ווערטער איבערגעקרימט מיט אַ צענ־פאַכיק־פאַרשטאַרקט ווידערקאָל, האָט זיי קורי׳על דערהערט און געפרעגט:

— ווו איז אַ הייליק אָרט?

— דאָ.

— איך פאַרשטיי דיך ניט.

— אויף ייִדיש זאָגט מען אַזוי. דאָס אָרט, ווו מע באַהאַלט די טויטע, איז אַ הייליק אָרט.

— ביסט, וואָרשײַנלעך, גערעכט. אַ פרידהאָף איז אַ הייליק אָרט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס ווערט פאַרשוועכט פון מאַפּן.

— מאַפּן? וואָס באַטײַט עס?

— אין האָלאַנד און אין בעלגיע רופט מען אַזוי די דײַטשישע אָקור־פאַנטן.

— הער קורי׳על, איך וויל אײַך שוין פון לאַנג זאָגן, זײַט פאָרזיכטי־קער. איר רעדט צומאָל אַזוי וועגן די דײַטשן, אַז מיך נעמט אָן אַ שרעק... וואָן דאַם...

— וואָן דאַם... אין אים האָבן זיי זיך שוין מער ניט געניייטיקט, און אָן מיר קאָנען זיי זיך דערווײַל ניט באַגיין. הימלערן ווילט זיך האָבן וואָס מער דימענטן און ברילִיאַנטן. דער עסעס־אָבערשטורמפיורער שטאַנגל, וואָס דאַרף זיי אים אונטערטראָגן, וויל אויך דאָס זעלבע. באַלעבדער איז אויך אויף זיי אַ באַלן, און דערצו האָט ער נאָך מוירע, איך זאָל אים ניט

אויסגעבן, ווײַל איך ווייס, ווען און וואָס ער האָט מיר געבראַכט און ווען און וואָס צוריק פון מיר באַקומען.

— שטאַנגל איז דאָך שוין ניט דאָ, נאָר אין טרעבלינקע.

— נו, איז וואָס? טײַערע שטיינער טרעפן צו מיר פון טרעבלינקע, פון בעלזשעץ, אָשווענצים, און אָפט ניט פון קיין לאַגער און אפילו ניט פון קיין אָקופּירט לאַנד.

— פונוואַנען ווייסט איר עס?

— אליין די שטיינער דערציילן עס מיר.

— ווי׳אַזוי?

— ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן? איך וואָלט דיר באַדאַרפט דעמלט דערציילן וועגן מײַן גאַנץ לעבן.

— זיי ווילן פאַרכאַפּן אַלע שטיינער אין דער וועלט?

— אַן ערעך אויף דער זעלבער פראַגע האָט מיר הימלער געענטפערט: „קען מען — מעג מען״.

— איר האָט גערעדט מיט הימלערן און פאַרבליבן אַ לעבעדיקער? מיסטאָמע איז עס געווען דאַן, ווען הימלער איז נאָך הימלער ניט געווען.

— ניין, בערעק, דאָס איז געווען פאַראַיאָרן. דעם 24 אויגוסט 1942 בין איך צוליב מײַנע אָנגעלעגנהײַטן געקומען קיין באַזעל. אין אַ וואָך אַרום האָבן צוויי איבערגעטאָגענע אַפּיצערן פון געסטאַפּאָ, דראָענדיק מיט געווער, מיך אַרויסגעפירט פון דער שטוב, ווו איך בין אײַנגעשטאַנען, און אַריבערגעפעקלט איבערן ריין...

בערעקן האָט פון אָרט אופגעהויבן. האַלב־ליגנדיק האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, דערנאָך זיך אויפגעזעצט, אַרומנעמענדיק מיט ביידע הענט די קני. אַ ווערטעלע אויסצוריידן, וואָס מיט דעם מענטשן האָט געטראָפן!...

— אוועקגעגאַנוועט און געבראַכט קיין דײַטשלאַנד?

— יאָ. אַזוי איז עס געווען. גאָלדענע בערג האָט מען מיר צוגעזאָגט אין געסטאַפּאָ, כ׳זאָל זיי נאָר מיטיילן די פאַמיליעס און די אַדרעסן פון די מענטשן, בײַ וועמען כ׳ווייס, אַז עס געפינען זיך פאַרעגיסטרירטע איידלשטיינער.

— וואָס זשע האָט איר זיי געענטפערט?

— איך האָב זיך אָפּגעזאָגט.

— אָט דאָס איז אַן ענטפער! און זיי?

— זיי? זיי, — האָט קורי׳על באַוויזן בערעקן אויף זײַן מויל, — האָבן מיר אויסגעזעצט די אייבערשטע ציין.

— דאָס קאָנען זיי. האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויער. טאַדעקן האָט מען אויך אַזוי געשלאָגן. און דערנאָך?

— דערנאָך האָט מען מיך געבראַכט צו הימלערן. דאָס איז געווען דעם ערשטן צי דעם צווייטן סענטיאַבער.

— און דאָרטן האָט מען אײַך ווידער געשלאָגן?

— דאָרט האָט מען מיך ניט געשלאָגן אפילו, ווען איך האָב עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעכאַזערט מײַן „ניין!״. מע האָט מיר דערלאַנגט

שוואַרצע קאַווע, און וואָלט איך פאַרלאַנגט גילדענע, וואָלט מען אויסגעפונען גילדענע...

— אַזוי גאָר! — האָט בערעק זיך פאַרוווּנדערט, און מיטאַמאָל, ווי ער וואָלט אויפגעהערט גלייבן די אייגענע אויערן: — הער קוריִעל, דאָס דערציילט איר מיר ניט קיין מײַסעלע? איך פאַרשטיי, דאָס ווילט איר, כ׳זאָל אַף אַ צײַט פאַרגעסן, ווו מיר געפינען זיך. אויב דאָס איז אַזוי, האָט זיך אײַך די שפּיל אײַנגעגעבן. איר האָט מיך אַף אַ ווײַלע אָפּגענאַרט.

— בערעק, ווען איך בין געווען אין דײַן עלטער, האָט מען מיך געקאָנט אָפּנאַרן, און דיך, ווען איך וויל, וואָלט איך ניט געקאָנט. קינדער — זקיינים האָט מען פון אײַך געמאַכט. איך וואָלט געוואָלט זיך קלאַמערן אין אַ האָפענונג, נאָר כ׳זע ניט דאָס שטרויעלע, וואָס מע קאָן זיך אָן דעם אָנכאַפּן.

— עפּשער וועט אַף אונדז גאָט ראַכמאָנעס האָבן?

— איך גלייב ניט אין גאָט. רעליגיע לערנט געהאָרכזאַמקײַט און אונטערטעניקײַט. מיך קאָן עס ניט באַפרידיקן.

— וואָס זשע ליגט בא אײַך אין שאַפּקעלע אַ טאַליעס־און־טפילן?

— אין אָט דעם קעמערל איז פריִער געווען אַן אַנדער מענטש. אַן אַנגעזעענער יוּוועליר. ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. דאָס איז פון אים פאַרבליבן.

— איר האָט אים געקענט?

— מער ווי גוט. ער איז געווען מײַנער אַ גרויסער פרײַנט.

— איז וואָס האָט פון אײַך הימלער געוואָלט?

— ווען? דאַן אין דײַטשלאַנד צי דאָ, אין סאָביבאָר?

— אין סאָביבאָר האָט איר זיך אויך באַגעגנט מיט הימלערן?

— יאָ. ווען הימלער איז דאָ געווען, איז קורט באָלענדער געקומען נאָך מיר. אין דער מינוט איז ער גרייט געווען הינטיש בייגן פאַר מיר דעם רוקן. מיך פאָלגן אין פײַער און אין וואַסער. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אָנטאָן אַן אַנדער אָנצוג, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. וואָס יאָ? איך האָב אַראָפּגענומען די הילצערנע שקראַבעס פון די פיס. זיי זײַנען אָן אָפּצאַסן, און ס׳קומט אויס זיי שלעפּן איבער דער ערד.

— וואָס איז באָלענדער מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ גוטינקער?

— אַ גוטינקער, ווײַל ער ווייסט, אַז ס׳איז גענוג מײַנס אַ וואָרט, און ער קאָן ווערן קירצער אַף אַ קאָפּ. הימלער האָט זיך געפונען אין דעם ספּעציִעלן וואַגאָן, מיט וועלכן ער איז געקומען. פון דרויסן איז עס געווען אַ געוויינלעכער פּראַכט־וואַגאָן, אינוווייניק — אַ פּאַלאַץ. באָלענדערן האָט מען באַפוילן וואַרטן אַף דער גאַס. מיך האָט מען באַזוכט און אַרײַנגעלאָזט. אויסער דעם עסעס־רײַכספיורער, זײַנען דאָרט געווען נאָך דרײַ אָפיצערן. פון זיי האָב איך געקענט בלויז איינעם — שטאַנגלען. טאַקע ער האָט מיר אָנגעוויזן אַף אַ שטול און אַליין געבליבן שטיין הינטער מיר.

הימלער האָט מיך ווי ניט באַמערקט און פאָרגעזעצט ריידן צו איינעם פון די בײַוועזנדע:

— אַלע בילדער דאַרפן אָפּגעשיקט ווערן קיין לינץ און קיין קעניגס־

בערג. וועגן יענע בילדער, וואָס דאַרפֿן רעגיסטרירט ווערן, זאָלט איר זיך ווענדן צום קינסטלער ווילי שפּרינגער אין בערלין.

ווי נאָר הימלער האָט אָנגערופֿן די פֿאַמיליע, האָט דער אָפֿיצער ארויס־געכאַפּט פֿון דער קעשענע אַ נאָטיץ־ביכעלע און אַ בלײַער אַף צו פֿאַר־שרײַבן דעם אדרעס.

מיט דעם קינסטלער ווילי שפּרינגער בין איך אמאָל געווען באַקאַנט. עמעצער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער נאַציס־טישער פּאַרטיי און לעבט אַ גוטן טאָג. קאָן זײַן, אַז זײַן נאָמען איז דער־מאָנט געוואָרן מיט אַ מיין. אַלנפֿאַלס, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. דערנאָך האָט הימלער זיך אויסגעדרייט צו מיר. ער האָט אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס ער האָט מיר פֿאַרגעלייגט, כ׳זאָל אַ קוק טאָן אַף זיך אין שפּיגל.

— ווי לאַנג נאָך, — האָט ער פֿאַרגעזעצט, — וועט איר באַקעמפֿן אין זיך אַלע מענטשלעכע פֿאַרלאַנגען, פּײַניקן דעם קערפּער און זיך אָפּזאָגן פֿון אַלע פֿאַרגעניגנס אַף דער וועלט? דאָס איז ווילד. מיינט ניט, אַז עמע־צער וועט אײַך פֿאַרייביקן, ווי אַן אײַנגעשפּאַרטן פֿאַנטאַזיאָר, וואָס האָט געשטרעבט דורכפֿירן זײַנע נאָבעלע אידייען. אַמאָל האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס רײַכקײַט פֿון אַ מעלוכע באַשטייט הויפּטזאַכלעך פֿון די רעזערוון טײַערע מעטאַלן, איידלשטיינער, וואָס זי פֿאַרמאָגט. דײַטשלאַנדס רײַכקײַט איז דער פֿיורער און זײַנע אידייען. אָבער די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿאָ־דערן אָנזאַמלען וואָס מער טײַערע מעטאַלן. דער דריטער רײַך נייטיקט זיך אין גרויסע מיטלען אַף אויסצוהאַלטן און באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן זײַן מעכטיקע אַרמיי. איז פּאַסט זיך צו צו די אומשטענדן, צו דער לאַגע, און איר וועט באַקומען פֿרײַע הענט, פֿרײַהײַט פֿון טאַט און אַפֿילו פֿול־מאַכטן אין דעם געביט. אויב ניט, — דערמאָנען מיר אײַך: קריג — איז קריג. פֿון אײַך איז אָפּהענגיק קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג. איז ווי, מיר שליסן פֿרידן, צי אײַך געפֿעלט פֿאַרבלײַבן אין אַזאַ זיכער אָרט, ווי סאַ־ביבאָר?

— ווי האָט ער געקאָנט פֿירן מיט אײַך ערנסט אַזאַ געשפּרעך? און ווער — הימלער! אַ מעשוגענעם דאַרף מען אויסשרײַבן און אים אַרײַנ־שרײַבן.

— אין זײַנע רייד און אין זײַן האַלטן זיך, פֿאַרשטיי איך, איז געווען בלויז אָנשטעל. הימלער דאַרף מיך ניט, קעדיי באַרײַכערן די מעלוכע־קאַסע. דאָס איז גיכער די פֿליכט פֿונעם רײַכסלייטער ראָזענבערג. נאָר די וועלט איז אים ווייניק, ער וויל וואָס מער אָנרויבן פֿאַר זיך, און קוים איז ער אין בערלין, און איך אין סאָביבאָר, ווערט פֿאַר אים אַ היפּש ביסל גוטס פֿאַרפֿאַלן. פֿון זײַנע ווײַטערדיקע רייד האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אַמווייניקסטן צוויי פֿון זעקס גרויסע דימענטן זײַנען צו אים ניט דער־גאַנגען. איינער, איך וועל אים דיר מאָרגן אויסמאָלן, ווייס איך אַף זיכער, איז פֿאַרבליבן בײַ באָלענדערן, און דער צווייטער איז, מיסטאָמע, בײַ שטאַנגלען.

— איז ווער האָט אײַך ניט געלאָזט אָנווײַזן אַף זיי מיטן פֿינגער? וואָלט כאָטש מיט צוויי גאַרגלשנײַדער געוואָרן ווייניקער. איך בין ניט גערעכט?

— גערעכט. נאָר וואָס ווייניקער רויבער וועלן זיך צורירן צו די איידלשטיינער, אַלץ גרינגער וועט דערנאָך זײַן צו געפינען זיי. וועגן הימלערן איז אָפּגערעדט. נאָר אויך וועגן שטאַנגלען און באָלענדערן ווייסט מען שוין אַף דער פרײַ, זאָל נאָר קומען די צײַט...

— גלייבט איר, הייסט עס, אויך, אַז אַלע וועלן זיי נאָך אָנלייגן מיט די קעפּ. איך וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פונעם גרעסטן דימענט פאַר דער מעג־לעכקײַט כאָטש איין פּאַשיסט צו פאַרניכטן. הער קורזיעל, איר זײַט זיכער, אַז די וועלט ווייסט, וואָס דאָ קומט פאָר?

— כ׳מיין, אַז דערווײַל ניט. נאָר וועגן די איידלשטיינער און די זעל־טענע יוּוועליר־שטיק, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך מײַנע הענט, ווייסט מען.

— צי דען איז וויכטיקער געווען איבערגעבן וועגן די שטיינער, ווי וועגן די מענטשן? ווײַזט אויס, דימענטן און בריליאַנטן זײַנען אײַך ליבער.

— ס׳איז ניט עמעס, בערעק. איך האָב ליב מענטשן און האָב ליב איידלשטיינער. דערבײַ, דאַרפסטו וויסן, האָב איך קיינמאָל קיין אייגענע ניט געהאַט.

— איך פאַרשטיי. אַף אַ דימענט קוקט איר, ווי ער וואָלט פאַרמאָגט אַ נעשאָמע.

— דאָס לייקן איך ניט. צוליב דעם, טײַלווײַז, בין איך דאָ. דער מענטש, מיט וועלכן כ׳האָב געהאַט צו טאָן, איז אַ פּוסטער און פאַרדאָר־בענער פאַרשוין. מער האָט מען גאָרניט געקאָנט איבערגעבן מיט אים. ער איז ניט אַף קיין סאַך בעסער פון באָלענדערן, פון נוימאַנען. ער איז געפאָרן אין אורלויב הוליען און זויפן און געדאַרפט וואָס מער געלט.

— איז וויאַזוי זײַט איר זיך צעגאַנגען מיט הימלערן? איר האָט אים דאָך ניט געקאָנט ענטפערן, אַז סאָביבאָר געפעלט אײַך... וואָס נאָך האָט ער אײַך געזאָגט?

— פאַרשיידנס.

— איר האָט זיך אַף מיר באַליידיקט? איך האָב דאָך ניט געוווּסט...

— כ׳האָב זיך, בערעק, ניט באַליידיקט. און עס קאָן טאַקע זײַן, אַז אין אַזאַ צײַט דאַרף מען וועגן קיין דימענטן ניט קלערן. זאָלן די נאַציסטן זיך וואַרגן מיט זיי. נאָר אויב מײַנס אַ וואָרט קאָן נאָך עמעצן פון זיי קאַליע מאַכן, טאָר איך עס ניט דערשטיקן אין זיך. צו שטאַנגלען ווייס איך ניט, צי איך קאָן נאָך דערגרייכן, נאָר ווי נאָר כ׳וועל כאַפּן באָלענדערן פאַר דער האַנט, וועל איך וועגן דעם געבן אָנצוהערן נוימאַנען. דאָס אַליין וועט שוין זײַן, מיין איך, גענוג, ער זאָל באַקומען זײַן שטראָף. זאָלן זיי איינער דעם אַנדערן אײַנשלינגען. איך האָב דיר געזאָגט „פאַרשיידנס", כ׳האָב געטראַכט, צי זאָל איך דיר דערציילן, אַז הימלער האָט באַשטימט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַראָפּרײַסן פון מיר די מאַסקע, דערווײַזן מיר, אַז ער ווייסט מײַן עמעסע ביִאָגראַפיע ניט ערגער פון מיר אַליין.

— וואָס הייסט? איר טראָגט אַ מאַסקע? ס׳איז דאָך אַ ליגן.

— דאָס גראָד איז קיין ליגן ניט. הימלער ווייסט, וואָס ער זאָגט. ער ווייסט, אַז איך בין ניט קיין ייִד, אַז מײַן פאַמיליע איז ניט קורזיעל...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז בערעק אַראָפּ פון דער נאַרע.

— ווער זשע זײַט איר?
— באַרויִק זיך, קינד, איך בין אַ דײַטש, נאָר איך בין געווען פֿאַרהײַ־ראַט מיט אַ ייִדישער פֿרוי. מיר האָבן געהאַט אַ זון. מײַן פֿרוי און מײַן זון האָבן די נאַציסטן אומגעבראַכט. איצט קאָן איך ניט און דאַרף דיר ניט דערציילן, וויאַזוי ס'איז געשען...

בערעק איז געשטאַנען לעם קוריִעלן, און ס'האָט אים געוואָרפֿן ווי אין פֿיבער. קוריִעל האָט עס ניט געזען, נאָר דערפֿילט. ער האָט אים אָנגע־נומען פֿאַר אַ האַנט און אַוועקגעזעצט אױף דער נאַרע לעם זיך.

— דערציילט ווײַטער, — האָט בערעק געבעטן.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? אין אָנדענק פֿון מײַן פֿרוי און מײַן זון האָב איך באַשלאָסן אָנעמען דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿון מײַן ווײַבס מישפּאָכע — קוריִעל. מײַן פֿאַמיליע איז שלעזינגער. פֿרידריך שלעזינגער.

— וואָס איז דער אונטערשייד — קוריִעל צי שלעזינגער?

— די פֿאַמיליע שלעזינגער טרעפֿט זיך ניט נאָר בײַ ייִדן, און איך וויל אַוועק פֿון דער וועלט אַלס ייִד. וואָס שווײַגסטו?

— כ'שווײַג... כ'האָב מוירע.

— פֿאַר וועמען?

— פֿאַר זיך אַליין. איך וויל וויינען...

— מע דאַרף ניט אַזוי. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ביסט שטאַרקער פֿון מיר.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, אויב עס ווייַנט זיך פֿון זיך אַליין, זיידע טײַערער?

— מער ווילסטו בײַ מיר גאָרניט פֿרעגן?

— צוליב וואָס האָט איר עס אַזוי געטאָן?

— כ'האָב דיר דאָך געזאָגט. ס'איז לאַנג צו דערציילן, און איצט איז ניט די צײַט דערצו. באַלד וועט אָנהייבן טאָגן. לאָמיר עס אָפּלייגן אױף אַן אַנדערשמאָל. איצט קאָן איך דיר זאָגן איינס: איך האַלט ניט, אַז איך בין בעסער פֿון די, וואָס מע טרײַבט דורך דער „הימל־שטראַסע". דו הערסט?

— איך הער און כ'בעט אײַך, איר זאָלט זיך אַרויסרײַסן פֿונדאַנען. איר מוזט עס טאָן, קעדיי דערציילן דער וועלט, וואָס דאָ קומט פֿאָר.

— דאָס קאָן איך שוין ניט. ביזוואַנען הימלער לעבט, וועט ער מיך פֿון אויג ניט אַרויסלאָזן. שלאָף. עס טאָגט שוין. שלאָף, וועסטו עפּשער אין די ליידן פֿאַרגעסן...

## געקניפּט און געבונדן

בערעק ווייסט ניט, צי אין פֿריידן איז טאַקע אַ יאָר אַ טאָג, נאָר אַז יעדער טאָג פֿון אַנגסט און גרויל איז מער פֿון אַ יאָר, — אין דעם צווייפֿלט ער ניט. דאָך איז פֿאַרבײַ דער פֿרילינג, און דער זומער איז געקומען.

לויט נוימאַנס באַפֿעל פֿלעגט קוריִעל באַקומען אַ צווייעענדיקע פּאָרציע ברויט און זופּ, נאָר דעם הונגער איז אומעגלעך אָפּצונאַרן. אינעם קליי־נעם קעמערל פֿונעם הילצערנעם באַראַק איז פֿאַר די צוויי אַסירים דער

הונגער־טויט געווען פונקט אזוי רעאל, ווי דער גרויל־טויט אין די גאז־קאמערן. בא קוריעלן האָבן גענומען אויסגיין די קויכעס. די קישע־לעך אונטער די אויגן זײַנען געוואקסן, און דאָ נאָך איז בא אים עפּעס געשען מיטן מאָגן, איז ער שוין גאָר אַ בלאסער, ווי אַ לײַוונט, געלעגן אין אָנמאכט אַף דער נארע.

אָט וואָס ס׳האָט זיך באקומען דערפון, וואָס בערעק האָט זיך געלאָזט פון קוריעלן אײַנרעדן, אז עלטערע מענטשן פאָדערט זיך גאָר ווייניק שפּײַז. קעדיי אָפּגעבן בערעקן וואָס מער פון זײַן ברויט און פון זײַן זופּ, האָט קוריעל אים געהאלטן אין איין פארעדן די ציין:

— אַן עלטערער מענטש, אזא ווי איך, ווען ער לײַדט אפילע טיילווײַז הונגער, קאָן אַ היפּשע צײַט לעבן אפן כעזשבן פון די אייגענע דערנע־רונגס־שטאָפן. אָט זעסטו, ווען עס פעלט וואסער, וואָלט עס אונדז אַ סאך מער געמאטערט.

איצט האָט בערעק כאראָטע. ער איז קעגן דעם מענטשן מעסוקן שול־דיק. ער האָט אויסגעזוכט אלערליי טערוצים אַף צונעמען בא קוריעלן דעם לעצטן ביסן. קלוימערשט צוליב דערעכערעץ אים אָפּגעטראָטן דאָס אייבערשטע פונעם געקעכץ, כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אז פון אויבן איז אויסער וואסער גאָר ניטאָ. דער קאפּאָ שלאָק, וואָס ברענגט זיי דאָס עסן, האָט דאָך דערציילט, אז אין לאגער־קיך וויל קיינער ניט זײַן פון די ערשטע באם באקומען דאָס געקעכץ, און ס׳קומט אויס טרײַבן מיט שטעקנס צום קעסל. קוריעל האָט נאָר געשמייכלט, קוקנדיק, ווי בערעק לעקט אויס מיט דער צונג די ווענטלעך פונעם קעסעלע, אזוי אז מע דאַרף עס גאָר־ניט וואשן. הײַנט דאָס ברויט... בלויז קוריעל באקומט אַ צווייענדיקע פּאָרציע, און געבן גיט ער זי אָפּ בערעקן. אַ כארפּע און אַ בושע! בא־דארפט געווען זיך צוימען. קעגן אייגענעם ווילן, נאָר אומקערן דאָס, וואָס קוריעלן קומט. אָדער כאָטש טיילן אַף גלײַכע כאלאָקים. דורכויס שולדיק.

קוריעל איז געלעגן מיט האלב־פארמאכטע אויגן, מיט אַ פּײַנלעכער גרימאסע אפן פּאָנעם. ער איז געווען אזוי אומבאהאָלפן, אז ס׳האָט זיך געדאכט, עס לעבט אין אים שוין ניט קיין שום ווילן בײַצוקומען די איי־גענע שוואכקײַט. נאָר אָט האָבן זײַנע איבערגעטריקנטע, געפלאצטע ליפּן זיך אַ ריר געטאָן. עפּעס אַן אומבאקאַנט וואָרט האָבן זיי ארויסגעזאָגט. וואָס איז עס? צי איז אים ניט באפאלן קיין היץ? מער ווי דרײַ טעג איז דאָ קיינעם ניט געגעבן דאָס רעכט צו קרענקען. עמעס, דאָס איז קוריעל! נאָר ווער ווייסט זיי, די מערדער, צי וועלן זיי זיך רעכענען מיט אים אין אזא פאל? ווען מע וואָלט כאָטש געקאָנט קריגן אַ רעפוע!

— ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאכט, צי איר האָט עפּעס געזאָגט?

— העלאָטן, האָב איך געזאָגט, זײַנען מיר. קנעכט, וועלכע מע וועט פארטיליקן. אונדז איז נאָך ערגער ווי די העלאָטן. נאָר אויך די פארטי־ליקער דערנעענטערן זיך צו זייער סאָף. קאָן זײַן, אז ווען די ברוינע בעסטיע וועט פארניכטעט ווערן, וועלן זיך געפינען אזעלכע, וואָס וועלן אין אונדז פארגעסן, גלײַך ווי מיר וואָלטן ניט עקזיסטירט קיינמאָל... אָדער ס׳וועלן זיך געפינען יענע, וואָס האָבן ליב אַלץ נאָר צום גוטן אויסלייגן, וואָס קוקן אַף אַלץ דורך ראָזע ברילן, זיי וועלן פריידיקן, אז דאָס, וואָס

איז מיט אונדז געשען, איז געווען אומפֿארמײַדלעך, און מיט אונדזער אומקום האָבן מיר מיטגעהאָלפֿן דעם פּראָגרעס פֿון דער מענטשהײַט...

— מיר איז שווער צו באַנעמען, הער קורזעל, וואָס איר רעדט. זאָלן זיי אַלע גיין צום טײַוול. זאָגט מיר בעסער, מיט וואָס קאָן איך אײַך העלפֿן?

— מיט גאָרניט קאָנסטו מיר ניט העלפֿן. סײַדן מיר געבן אַ ביסל וואַסער. בײַ מיר איז דער גומען איבערגעטריקנט.

ווי זאָל בערעק רוזיק אײַנשטיין אַף אַן אָרט, ווען קורזעלן ווערט אַלץ ערגער? ער פֿאַרמאָגט שוין ניט קיין קויעך צו קרעכצן. דאָס העמד איז אַף אים נאַס, די דלאָניעס האָט ער צוגעדריקט צום ברענענדיקן געזיכט און ליגט ווי אין הינערפּלעט. קראַנק ווערן קאָן יעדערער אַליין, אָבער אַרויסדראַפּען זיך פֿון אַ קרענק דאַרף מען העלפֿן. עפּעס מוז בערעק אַף אייגענער אַכרײַעס און ריזיקע פֿאַרנעמען, אויב אַפֿילע ס׳זאָל אים אויסקומען אַליין זיך שטעלן אַפֿן שאַרף פֿון מעסער. נאָר וואָס? דער קאָפּ גיט זיך נאָך ניט אָפּ קיין דין־וועכעזשבן — ווּהין, און די פֿיס, ווי עס וואָלט זיי געפֿירט אַ פֿרעמדער קויעך, גייען שוין. אינעם ערשטן לאַגער זײַנען פֿאַראַן שוסטער־, שנײַדער־, שלאָסער־ און מעבל־וואַרשטאַטן. זיך לאָזן צו די, וואָס אַרבעטן דאָרט, איז מיט וואָס קאָנען זיי העלפֿן? אַרום איז פּוסט. מיסטאָמע איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט. די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, וואָס פֿאָרען זיך אין הויף, פֿאַריאָגט מען דאַן אין די באַראַקן, און אַלע עסעסאָווצעס „באַדינען" די אָנגעקומענע קאָלאָנע. צו באָלענדערן איז איצט ניט צוצוטרעטן.

פֿון ערשטן לאַגער איז פֿאַראַן אַ דורכגאַנג אין צווייטן. אַהין אַרײַנדרינגען האָבן רעכט בלויז די, וואָס סאָרטירן און פּאַקעווען דאָס אָנטאָן פֿון די אומגעקומענע. אַ וואָך באַגלייט זיי אַהין און צוריק. דאָרט געפֿינט זיך אויך די פֿערד־שטאַל. ביזוואַנען די מענטשן־קייט גייט דורך דעם דריטן לאַגער — די „הימל־שטראַסע", קאָן נוימאַן זיך פֿאַרווײַלן מיט זײַן ליבלינג אין פֿערד־שטאַל. בערעק גייט אַהין.

צו דער הילצערנער וואַנט פֿון עפּעס אַ געבײַדע שפּאַרט ער זיך צו. ער האָט אָנגעטראָפֿן צום סאַמע ראַנד פֿון אומקום און פֿאַרגעסן, וואָס אַזוינס האָט אים אַהער געטריבן. עפּשער איז ער שוין ניט בײַ די געדאַנקען? דאָס טאָג־ליכט לעשט זיך. איבער אַ ברייטן וועג שלײַכן שאָטנס. מע גייט, ניט וויסנדיק ווּהין.

די מערהײַט, שוין באַרויבטע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, אין צערעפּעטע שקראַבעס. איינער, מיט לאַנגע ווײַסע באָרד־און־פּייעס, אין אַ שטרײַמל, אין אַ זײַדענער קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָך ניט פֿאַרלוירן איר גלאַנץ, איז אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, אַף וועלכן עס הענגט אַ שוואַרץ פֿאַרייכערט קעסעלע. באַנאַנד מיט אים שלעפּט זיך אַ באָכער, וואָס זײַן אָפּגעבליאַקעוועט העמדל איז שוין אַזוי לאַנג ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון לײַב, אַז ס׳איז ווי צוגעוואַקסן צו זײַן אײַנגעהויקערטער פּלייצע. אַ דריטער — אין אַ הוט, וואָס פֿאַלט אַראָפּ איבער די אויגן. זײַן העמדל איז אין הוילע לעכער. הינטער אים גייט אַ

יונגע פרוי מיט א קינד אף די הענט. איר קלייד איז פארקנעפּלט באַם סאַמע האַלדז.

מע גייט... און קיינער ווייסט ניט וויסן, וווהין זייער געביין איז אהינ־געקומען. דער שטויב רייכערט זיך אונטער די שאַרנדיקע פּיס. מע גייט...

בערעק קערעוועט אויס דעם קאָפּ אַף רעכטס, צו די פּאַרלאַגער־גע־בײַדעס. ניט ווײַט פונדאַנען שטייען דרײַ לאַנגע באַראַקן. איינער — אין דער קווער, אינמיטן, און צוויי, ווי צוגעשטוקעוועטע צו אים, — פון ביידע זײַטן. אינעם מיטלסטן גיט מען, ווײַזט אויס, אַפּ די זאַכן. אין די זײַטיקע סאָרטירט מען זיי. דאָרט איז גאָר אַ פּאַרפּלייצעניש פון מענטשן. דער, וואָס נעמט הײַנט אויף די קאַלאַנע, וואַגנער אָדער פּרענצעל, איז אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער דערלויבט די מענטשן, ביז ס'וועט אָנקומען זייער ריי אָפּגעבן דאָס אָנטאָן, צום לעצטן מאָל זיך אָנשפּאַרן אַף דער ערד. אַזוי איז אויך באַקוועמער פאַר דער וואַך. אַף דעם ניט הויכן בערגל זײַנען די מענטשן אָנגעזעצט, ווי קערלעך אין אַ קאַוון. זיי זיצן און ליגן אין פאַרשיידענע פּאָזעס פאַרגליווערט, אײַנגעזונקען אין אומבאַוועגלעכ־קײַט.

פון ערגעץ ווײַט־ווײַט דערטראָגט זיך אַ לאָקאָמאָטיוו־פֿײַף. קיין סאָ־ביבאָר, טרעבלינקע, בעלזשעץ ציִען זיך אויסראָטונג־עשעלאָנען...

מיט שרעק האָט בערעק געקוקט אַף די דערווײַל נאָך לעבעדיקע, און, ווי אין אַ שפּיגל, דערקענט זיך — אין אַ טאָג, אין אַ כוידעש אַרום.

דער וואַכמאַן, וואָס האָט בערעקן באַמערקט, האָט צוערשט זײַנע אויגן ניט געגלייבט. ס'איז דאָך, ווי אַליין אַרײַנלייגן דעם קאָפּ צו אַ לייב אין מויל אַרײַן. צי עפּשער מיינט דאָס יינגל, אַז די וואַנט האָט אים פון דער וועלט פאַרשטעלט? אַ דײַטש וואָלט אָנגעצילט די ביקס און אויסגעשאָסן. אַ לאַנדסקנעכט אָבער, אויב ער איז ניט אָפּן פּאָסטן, גייט אַרום איבערן לאַגער בלויז מיט אַ גומענעם שטעקן. אַ שטעקן אין האַנט איז טאַקע מער, ווי אַ צונג אין מויל, נאָר דער כיסאָרן בלײַבט — ער שיסט ניט. באַלד וועט ער אים געבן, אָט דעם נאַרישן יינגל, איבערן האַלדז־און־נאַקן. ער דאַרף נאָר, עמעצער פון די אָפּיצערן זאָל זען, ווי ער לייגט אַ שטעמפּל אַפּן יינגלס פּאָנעם. אָפּשמײַסן, און אין קאַלאַנע...

פון אומגעריכטקײַט און פון ווייטעק האָט בערעק נאָכן ערשטן קלאַפּ אַזוי אַ געשריי געטאָן, ווי דער געהענעם וואָלט פאַר אים צעעפּנט זײַנע טירן, נאָר ווּעמען קאָן דאָ אַזוינס פאַרכידעשן? ער האָט פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט די הענט, נאָר די קלעפּ זײַנען ווײַטער אַף אים געפאַלן. פון דער צווייטער זײַט באַראַק איז געשטאַנען דער געשטופּלטער וואַכמאַן, וואָס האָט בערעקן איבערגעגעבן אין באַלענדערס הענט. דאָס איז זײַן טעריטאָריע, און ער איז דאָ דערווײַל דער באַפעלער, איז צוליב וואָס דאַרף ער, עמעצער זאָל פאַר אים זיך שאַפן? ער האָט מיטן אַקסל לײַכט אָפּגערוקט זײַן כאַווער אין אַ זײַט און באַפוילן בערעקן:

— אַנו, נעם צו די הענט פון פּאָנעם! צי דו מיינסט, אַז כ'וועל מיט דיר שפּילן אין זשמורקעס? הענדע האָך! וויש אָפּ דאָס בלוט! אָט אַזוי. איצט האָב איך דיך ענדגילטיק דערקענט. ווי האָסטו געוואַגט פאַרלאָזן דײַן אַרבעטס־אָרט, דײַן שעף? צי דיר איז דאָס לעבן דערעסן? וועלן מיר

דיר באַלד צוליב טאָן, — און ווידער אַ בריל געטאָן: — הענדע האָך! שוויַיגן!

קאָן זיַין, אַז אין דער רעגע האָט בערעק פאַרגעסן, אַז מיט אַזוינע ליַיט ריידן איז ערגער, ווי שוויַיגן, און עפּשער גראָד דאָס נאַטירלעכע געפיל פון וועלן זיך ראַטעווען האָט אים אונטערגעזאָגט צו מעלדן:

— וואָס לענגער איר וועט מיך נייטן שוויַיגן, אַלץ ערגער וועט זיַין פאַר איַיך.

ביידע וואַכליַיט האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן, דערנאָך זיך איבערגע־קוקט שטאַרק פאַרוווּנדערט. דאָס, וואָס ער זאָגט, לייגט זיך ניט אויפן גע־דאַנק. זינט זיי דינען דאָ, איז אַזוינס ניט געהערט געוואָרן. ווי קאָן עס מעגלעך זיַין? קוים איז ער אַזאַ, וועלן זיי אים אַפילו אין דער קאָלאָנע ניט אַריַינטריַיבן. דאָ אויפן אָרט וועלן זיי אים „צורעכט מאַכן", אויף אַ וועג־געלע — און צום שיַיטער. נאָר אינטערעסאַנט, וואָס קאָן ער זיי זאָגן פאַרן טויט?

— רעד! וואָס ווילסטו אונדז זאָגן? באַלד וועלן מיר פון דיר שטיקער שניַידן, און דערוויַיל — רעד!

— דעם הער באַלענדער מוז איך דרינגענד זען.

— דעם עסעס־אָבערשאַרפירער קורט באַלענדער? — און דער וואַכ־מאַן, וואָס האָט בערעקן צעבלוטיקט, האָט ווידער פאַרהויבן זיַין שטעקן.

— וואַרט צו, — האָט אים דער געשטופּלטער אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, וויַיל ער האָט דאָך געוווּסט, אַז אַליין באַלענדער קען דאָס ייִנגל, און צו בערעקן: — און אויב דער עסעס־אָבערשאַרפירער איז פאַרנומען צי ער איז ניטאָ אויף דער טעריטאָריע?

— אויב פאַרנומען, וועט ער זיך אויף אַ צייַט באַפריַיען. אויב ער איז ניטאָ, מוז איך ווי אַמשנעלסטן זען דעם הער נוימאַן. וואָס שטייט איר ווי געליימטע? זיי וועלן דערנאָך פון איַיך שטיקער שניַידן.

דער געשטופּלטער האָט זיך אָפּגיך געלאָזט צום דריטן לאַגער, און דער צווייטער וואַכמאַן איז געשטאַנען אַן איבעראַשטער. וווּנדער איבער וווּנדער. ווער ווערעמען האָט דאָ געפּאַלגט? אויב עמעצער פון די צוויי דיַיטשן וועט טאַקע קומען, וועט עס זיך אויף זיכער אויסלאָזן צו זיַין קאָפּ. אין דער עסעס־שול, אין טראַווניקי, האָט מען דאָך הונדערטער מאָל אָנ־געזאָגט: מיט די לאַגערניקעס טאָר מען קיינע געשפּרעכן ניט פירן, מע דאַרף זיי שלאָגן, טייטן, נאָר גאָרניט פרעגן בא זיי און גאָרניט ענטפערן. ווער האָט אים אַהער געשלעפּט? פלאַצן קאָן מען. ניי דערצייל די דיַיטשן, אַז ער האָט ניט גערעדט מיט אים, נאָר געשלאָגן, און אויב יאָ אַ וואָרט פון מויל אַרויסגעבראַכט, איז בלויז אַ זידלוואָרט. דאָס איז ניט פאַרבאָטן. די דיַיטשן וועלן אים ניט גלייבן, מע דאַרף זיי באַוויַיזן...

מיט ביידע הענט כאַפּט ער אָן בערעקן פאַרן רעקל, טוט אים אַ ריס צו זיך און דערנאָך אַ קלאַפּ מיט דער פּלייצע אין וואַנט. דאָס איז נאָר אָן אָנהייב. די קלעצער זיַינען דאָ גלאַטע. שלעפּט ער אים צום ווינקל, וווּ סע סטאַרטשען אַרויס די עקן פון די קלעצער, און אין איינעם פון זיי איז אויף האַלב אַריַינגעקלאַפּט אַ גראָבער צוואַק. נאָך אַ פּאָר שפּאַן,

און עס וועט אלץ זײַן דערוויזן. ווידער טוט ער אַ ריס צו זיך בערעקן, נאָר אָט דאָ דערהערט ער:

– Aufhören! Weg![1]

דאָס האָט פונדערווײַטן געשריִען דער עסעס־אונטערשאַרפיורער נוימאַן. און בלויז לויטן לעצטן וואָרט האָט דער וואַכמאַן פאַרשטאַנען, אַז דעם דײַטשס קאָס איז קעגן אים געווענדט. דעם יודע האָט ער דאָך ניט וואָס צו טרײַבן.

נוימאַן האָט בערעקן דערקענט, און דאָך האָט ער אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן.

— גראָד דו, פאַרפלוכטער יודע, וואָלסט נאָך געקענט אַ צײַט לעבן, אָבער מיט דײַן קומען אהער איז דײַן שיקזאַל געלייזט.

— איך האָב קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט, כ׳האָב געמוזט.

— אופהערן! פאַר דיר וועט געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם. מע וועט דיך ניט שלאָגן, אַפילו ניט אויסטאָן, אָן אַ ריי טרעפסטו אין באָד. קאָם!

— איך בין געקומען אײַך וואָרענען, אײַך דראָעט אַ געפאַר.

— וואָס?..— האָט נוימאַן אופגעהויבן זײַן נאַהײַקע, נאָר ניט אַראָפגעלאָזט זי.— ווי וואַגסטו?

— מיטן הער קוריִעל האַלט שלעכט.

— זעלבסטמאָרד?

— ניין. ער איז געפערלעך קראַנק. פאַרגיפטעט מיטן זופּ אָדער מיטן ברויט.

— דאָנערוועטער! אָבער דיר איז אַלציינס קאַפּוט!

— ביז וואַנען קוריִעל לעבט, וועל איך אויך לעבן. אַזאַ איז הימלערס באַפעל.

אַ דערשטוינטער איז נוימאַן געשטאַנען, ווי עס וואָלט זיך באַ אים דער מויעך געהויבן.

— ווי וואַגסטו אַזוי פרעך צו לײַגן? ווי וואַגסטו דעם נאָמען פון עסעס־רײַכספיורער אַרויסברענגען?

— איך לײַג ניט. איר האָט אַ מעגלעכקײַט זיך איבערצײַגן. דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער אָנוועזנהײַט פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע.

— וועגן דיר, דעם נידערטרעכטיקן, איז געגאַנגען אַ רייד?

— ניט וועגן מיר, נאָר וועגן דעם געהילף פונעם הער קוריִעל.

— וועלן מיר פאַר אים געפינען אַן אַנדער געהילף.

— דער הער קוריִעל האָט געמאָלדן, אַז אויב מע וועט אים ווידער שיידן מיט זײַן געהילף, וועט ער צו דער אַרבעט זיך ניט צורירן. דער עסעס־רײַכספיורער האָט פאַראָרדנט די ביטע באַפרידיקן.

— צי דאָס איז אַזוי, דאָס וועל איך נאָך קלאָר מאַכן. דיר האָט דאָס געזאָגט קוריִעל? וואָס נאָך האָט ער דיר דערציילט?

— אַף דער פראַגע איז מיר שווער צו ענטפערן. ער האָט מיר וועגן זיך פיל דערציילט.

---

[1] אופהערן! אוועק!

— קורזשעל איז זײַן ריכטיקער נאָמען?
— ניין.
— אַן אויסגעטראַכטער?
— מער־ווייניקער.
— וואָס באַטײַט עס, מער־ווייניקער? ווי איז זײַן עכטער נאָמען, אויב ער איז דיר ווירקלעך באַוווּסט?
— פרידריך שלעזינגער.
— אויסער מיר, האָסטו עס עמעצן דערציילט?
— קיינעם ניט.
— אויב וועסט עמעצן וועגן דעם זאָגן, וועל איך צוערשט מיט מײַנע הענט דיר די צונג אויסשנײַדן, און דערנאָך דיך פאַרניכטן. אין דעם צווייפלסטו ניט?
— ניין. איך צווייפל ניט.
— אין דיסקאָנט־זשורנאַל ווערט דאָס גאַנצע צירונג פאַרעגיסטרירט?
— דאָס ווייס איך ניט.
— רעד. דײַן קורזשעלן קאָן עס ניט שאַטן. ער נייטיקט זיך ניט אין די איידלשטיינער.
— איך פאַרשטיי, נאָר איך האָב דעם דיסקאָנט־זשורנאַל אין די אויגן ניט געזען.
— וואָס זשע, ער פאַרגלייבט דיר ניט? לויט דײַנע רייד, באַציט ער זיך צו דיר גוט.
— מער ווי גוט. ווי אַן אייגענער פאָטער.
— ער איז שוין גאָר קיין דײַטש ניט?
— קורזשעל זאָגט, אַז ער איז אַן עכטער דײַטש.
— נו, נו! — האָט נוימאַן אַ דראָע געטאָן מיטן פויסט. — גיי צו קורזשעלן און קוק זיך ניט אום אַף צוריק. איך קום גלײַך.
בערעק איז שוין אַריבער די גרענעץ צווישן צווייטן און ערשטן לאַגער, ווען ער האָט דערהערט:
— הער אונטערשאַרפיורער, — און ווידער, — הער אונטערשאַרפיורער נוימאַן! דעם קנאַבע צום גאַזמײַסטער באָוערן!
צו באָוערן! וואָס וועט איצטער זײַן? געקומען, הייסט עס, דער סאָף. לויפן? וווהין? דאָ, אין סאָביבאָר, איז ניטאָ קיין אָרט, ווו מע זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן. און ווי קאָן ער ביכלאַל לויפן, אַז די פיס האָבן זיך באַ אים אונטערגעשניטן. גוט נאָך, וואָס ער איז געבליבן שטיין הינטער דער וואַנט און ניט באַלענדער, ניט נוימאַן זעען אים נישט.
— אָבער ניט צו באָוערן. דאָס איז פאַרבאָטן!
דאָס זאָגט נוימאַן! אַזוי אָפּענטפערן באַלענדערן! ס׳איז גוואַלד צו שרײַען!
— הער אונטערשאַרפיורער, דאָס איז מײַן באַפעל. צום אויספילן!
ווי דען? באַלענדערן איז ניט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן. ווער קאָן זיך מיט אים גלײַכן?
— דאָס איז אויסגעשלאָסן, — לאָזט זיך נוימאַן ווידער הערן.
— אונטערשאַרפיורער יאָהאַן נוימאַן, פאַרגעסט זיך ניט. פאַר דעם

פאכמאן קורזשעל בין איך פאראנטוואָרטלעך. אזוינע פולמאכטן האָב איך באקומען פונעם עסעס־גרופנפיורער און פּאָליצײ־גענעראל אָדיליא גלאָ־באָטשניק. איך באפויל אײַך צום לעצטן מאָל.

— הער אָבערשארפיורער באָלענדער! די קראָ פליט הויך און זעצט זיך אף א שוויַין. מײַנע פולמאכטן גייען פון א העכערער פערזאָן. אמוויי־ניקסטן פּאָדערט זיך, אז דער עסעס־אָבערשטורמפיורער פראנץ שטאנגל זאָל באשטעטיקן אײַער באפעל. און איצט, אויב איר ווילט ניט, כ׳זאָל אײַער „מענטש״ דערשיסן, איז האלט דעם הונט שטארקער אפן רימען. פארגעסט ניט, ווען איר קאָנט אים באפוילן: „מענטש, נעם דעם הונט״. ניט איך איינער האָב שוין באמערקט, אז ער פּלאָנטערט בא אײַך צווישן אריער און אומענטשן.

באָלענדער וועט באלד באקומען די פּאָפּלעקציע. ער שטייט, ווי מע וואָלט אים בא א גרויסער היץ אָפּגעגאָסן מיט אן עמער קאלטער וואסער און דערצו נאָך געגעבן מיט דער קני אין איינעם אן אָרט. דעם הונט, וואָס איז ווי א לייב די גרייס, האָט ער אזוי א צי געטאָן צו זיך, אז יענער האָט א טיף באליידיקטער, אף זײַן הינטישן אויפן זיך גענומען קלאָגן. לויט באָלענדערס שטים, איז שוין שווער פעסטשטעלן, בא וועמען איז דער מיליטערישער ראנג א העכערער.

— הער אונטערשארפיורער, — זאָגט ער, — דערלויבט מיר אײַך אופ־מערקזאם מאכן, אז דער קנאבע איז בײַגעווען, ווען מע האָט די קאָלאָנע געטריבן פון דער אײַזנבאן־ראמפּע צו דער „הימל־שטראסע״. ער האָט עס מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען.

— נו איז וואָס? איר מיינט, אז אין די ארבעטס־קאָמאנדעס פארשטייט מען ניט, וווּהין מע האָט אָנגעטראָפן?

— אָבער דעם קנאבע איז, מעגלעך, באוווּסט אזוינס...

— ווײַטער פון דעם שטעכלדראָט וועט ער ניט אוועק. דאָס פײַער פֿו־נעם שײַטער וועט אלץ אײַנשלינגען. נאָר פון דעם זעלבן פײַער קאָן אויך פארניכטעט ווערן יעדערער פון דער לאגער־קאָמאנדע, וואָס פרווּוט אויס־נוצן קורזשעלן אין זײַנע פריוואטע אינטערעסן.

— הער נוימאן, ניט נאָר איך, נאָר אויך איר האָט א צוטריט צו קור־רזשעלן.

— פאר מיר קימערט אײַך ניט.

— און דער קאפּאָ, וועלכער ברענגט זיי דאָס עסן?

— ער וועט ניט פּלאפּלען. ער וויל וואָס שפּעטער זיך טרעפן מיט באווערן. קורזשעל איז קראנק, און אויב ער האלט באם שטארבן, קאָן עס ברענגען אומאָנגענעמלעכקײַטן אונדז ביידן.

— איז עפּשער מיטיילן דעם גארניזאָן־ארצט?

— ווער, הער אָבערשארפיורער, האָט אײַך געגעבן אזעלכע רעכט? אויב צווישן די ייִדן פון דעם עשעלאָן איז פאראן א מעדיקער, באפוילט, מע זאָל אים פארהאלטן. מיר וועלן אים אָפּשיקן, ווי נאָר קורזשעל וועט אים ניט באדארפן. דעם שעף פון דער קיך פאר די וואכלײַט וועל איך באפוילן אויסטיילן א פּאָרציע מיטיק־עסן און אָפּגעבן דעם קאפּאָ שלאָק. אזוינס באווילִיקט איר?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, פּאַרטיי־געגנאָסע.
— איז קומט און פאַרגעדענקט, אַז דאָס מאָל האָב איך אײַך געהאָלפן אויסמײַדן אַן אומגליק.

קוריִעלן איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער. נאָר ער איז געווען אָנגעשראָקן, אופּגערעגט. כאָטש ריידן איז אים געווען שווער, האָט ער זיך ניט גע־קענט אײַנהאַלטן:

— ווּהין ביסטו פאַרשוווּנדן? זע, דו ביסט פאַרבלוטיקט. מע האָט דיך געשלאָגן? צוליב וואָס שפּילן זיך מיטן טויט? ווּעסט נאָך באַוויַזן...

— איר נייטיקט זיך אין אַ דאָקטער. ס'איז אײַך געווען זייער שלעכט, און כ'האָב געמוזט עפּעס פאַרנעמען, האָב איך אויסגעזוכט נוימאַנען.

— צוליב וואָס? און ווּ האָסטו אים אויסגעזוכט?

— אין צווייטן לאַגער. ס'איז גראָד אָנגעקומען אַן עשעלאָן.

— גאָט מײַנער! זיי האָבן דאָך געקאָנט דיך פאַרטרײַבן מיט אַלעמען אינעם דריטן לאַגער, און פון דאָרט האָט זיך נאָך קיינער, אויסער די עסעסאָווצעס, ניט אומגעקערט.

— געקאָנט און געוואָלט. איך בין געצוווּנגען געווען זאָגן נוימאַנען, אַז הימלער האָט צוגעזאָגט ניט אָפּנעמען בא אײַך אײַער געהילף.

— בערעק, טײַערער, דו ביסט אַ געוואַגטער מענטש, נאָר איך בעט דיך, ריזיקיר וואָס ווייניקער, זאָג מיר צו.

— וואָס קאָן איך אײַך צוזאָגן? אויף אונדז ביידן וואַרט איין וועג. מיר מיט אײַך זײַנען איצט געקניפּט און געבונדן.

— יאָ. נאָר איך בין שוין אַלט, און דו ביסט נאָך יונג. מיר, אָפן גע־זאָגט, איז שוין אַזאַ לעבן דערעסן. נאָר ווײַל ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז דײַן לעבן איז פון מיר אָפּהענגיק, וועל איך טרײַבן פון זיך דעם טויט. שטיי, ווּהין לאָזסטו זיך ווידער?

— אין ערגעץ ניט. פון יענער זײַט טיר, אין ווינקל ליגט אַ שמאַטע, וועל איך אויסווישן דעם דיל.

— אַנטשולדיק, ס'האָט מיך געצוויבלט, און אַראָפּקריכן פון דער נאַרע האָט מיר קיין קויעך ניט געקלעקט.

— אויך מיר אַ זאָרג. אַבי ס'איז אײַך גרינגער געוואָרן. אַ דאָקטער וועלן זיי פאַר אײַך אויסזוכן, און איין מאָל אַ טאָג וועט מען אײַך געבן ניט קיין באַלאַנדע, נאָר אַן עמעס געקעכץ.

— פונוואַנען איז עס דיר באַוווּסט?

— אָט וועט איר זען. נאָר אויב איר וועט זיך מיט מיר טיילן, וועל איך אָנטרעפן אויף דער „הימל־שטראַסע".

— נאַריש קינד! ווער וועט עס זיי גיין דערציילן?

— ווער, פרעגט איר? איך אַליין.

ווי געווײנלעך, אין אַ קלאַפּ אין דער טיר זײַנען אַרײַן נוימאַן און באַלענדער. הינטער זיי — דער קאַפּאָ שלאָק, וואָס האָט אוועקגעשטעלט אויפן שאַפּקעלע אַ סאָלדאַטן־קעסעלע מיט קלעפּיקער קאַשע פון רײַז און איז, ווי אַ שאָטן, פאַרשוווּנדן.

— ווי פילט איר זיך? — האָט נוימאַן געפרעגט. און ווײַל קורזיעל האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן, האָט בערעק זיך אָנגענומען מיט מוט און געענט־פערט:

— זייער אָפּגעשוואַכט, נאָר, דאַכט זיך, אַ ביסל בעסער.

— און די טעמפּעראַטור?

— עס פיבערט אים.

באַלענדער, שטאָלץ, ווי אַ דעמב, האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך:

— מע פרעגט באַ דיר, וועלכע טעמפּעראַטור איז באַם קראַנקן, צי דו האָסט קיינמאָל אַזאַ וואָרט ניט געהערט?

— געהערט און געמאָסטן, נאָר דאָן האָבן מיר געהאַט אַ טערמאָמעטער.

נוימאַן איז, דאַכט זיך, געווען צופרידן פון דעם ענטפער, כאָטש די טיר האָט ער געעפנט און דורכגעלאָזט דעם אָבערשאַרפיורער פאַר זיך. ס'איז צוגעזאָגט געוואָרן, אַז באַ דער ערשטער געלעגנהײַט וועט קורזיעלן באַזוכן אַ דאָקטער.

## דאָקטער אבראַבאַנעל

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, און ווידער האָבן באַ קורזיעלן זיך פאַר־שטאַרקט די ווייטעקן. ער האָט אָן אויפהער געבעטן טרינקען, און בערעק האָט ניט געוווּסט, צי מעג ער אים אַזוי אָפט אונטערטראָגן דאָס קענדל מיט וואַסער. די לעוואָנע האָט שוין אַרײַנגעקוקט אין פאַרגראַטעוועטן פענצטערל, ווען שלאָף איז געקומען מיט אַ מאַנצבל, וואָס איז געווען שיין, כאָטש אַ פאַרטרעט פון אים אָפּצומאָלן. בערעק ווייסט שוין — ניט דאָס פּאָנעם איז דער איקער אינעם מענטשן, דאָך האָט דער גאַנצער אויסזען פונעם אַרײַנגעקומענעם אַרויסגערופן צו זיך דערעכערעץ. דער קאַפּאָ האָט אים פאָרגעשטעלט:

— דאָקטער אבראַבאַנעל. פון האָלאַנד. דער עסעס־אונטערשאַרפיורער נוימאַן האָט אונדז געגעבן דאָס רעכט צו באַשטימען, צי דער הער אַב־ראַבאַנעל וועט פאַרבלײַבן מיטן קראַנקן ביז טאָג, צי איך וועל אים נאָך הײַנט צוריק אָפּפירן. אויב אָפּפירן, איז ניט שפּעטער, ווי אין אַ שטונדע אַרום. איך מיין, ווו מע פאַלט אַרײַן, דאָרט מוז מען בלײַבן. איז ווי באַ־שליסן מיר? אײַנשטימיק? צוליב אַזאַ אָנגעלייגטן גאַסט וועל איך גיין אויסזוכן אַ שטרוי־זאַק.

זיי זײַנען פאַרבליבן אינדרײַען. דער דאָקטער האָט צעעפנט זײַן האַנט־רענצל און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שניי־ווײַסן כאַלאַט. נאָך זײַנען דאָרט געווען זײַנע אינסטרומענטן, און אין אַ באַזונדער קעסטעלע אַ היפּשע צאָל רעפּועס.

— שפּרעכסט דו דויטש? — האָט ער זיך געווענדט צו בערעקן.

— אײַן ביסכען.

בערעק האָט אופגעגאָסן דעם דאָקטער וואַסער אַף די הענט. קיין האַנ־טעך איז ניט געווען. דערפאַר זײַנען געווען גענוג ריינע שמאַטקעלעך, וואָס האָבן זיך געפאָדערט צוליב דער אַרבעט. דער דאָקטער האָט אויסגע־

ווישט די הענט מיט א שמאטקעלע און זיך צוגעזעצט אף א טאבורעט לעם קוריִעלן.

— איז אף וואָס, קראנקער, קלאָגן מיר זיך? — האָט ער גענומען טאָן דאָס זײַניקע און בייסמײַסע גערעדט: — דער פּולס איז א באפרידיקנדיקער. זאָל זיך נאָר ניט אויסלאָזן קיין דיזענטעריע... עס איבלט אײַך? קיין אפּעטיט, מיין איך, איז עס ניט. נערוון־צערודערונג — דאָס יאָ. נאָר... טאקע א שיינע וועלט, נאָר ווי פאר ווערמען. אזא קלעפּיקע קאשע פון רײַז מעגט איר עסן. אײַך ווילט זיך ניט? פאר א לאגערניק איז עס ניט קיין געהערטע זאך. איך בעט, הער קוריִעל, אנטשולדיקונג. איינער האָט ניט קיין אפּעטיט צום עסן, און הונדערטער טויזנטער... פריִער פלעגן מיר זאָגן, אז מע איז געזונט, איז מען שוין רײַך. איך מיין, איר האָט זיך מיט עפּעס אָפּגעסאמט, וועלן מיר גוט דורכשווענקען אײַער מאָגן, און איר וועט ווערן רײַך. דערנאָך וואָלט גוט געווען, איר זאָלט וואָס מער טרינקען. צום גליק, פארמאָג איך נאָך מיט וואָס לינדערן אײַערע שמערצן. וואָס שטייסטו אזוי באטריבט? — האָט ער זיך געווענדט צו בערעקן. — דײַן זיידע וועט געזונט ווערן.

בערעק האָט אָפּגעטראָטן דעם דאָקטער זײַן נארע און זיך געמאכט א געלעגער אפן דיל. די שײַן האָבן זיי אויסגעלאָשן, נאָר קוריִעל האָט שלאָפן ניט געוואָלט. ער האָט ווי אופגעלעבט. מיט א פארכאפּטן אָטעם האָט בערעק זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס ער האָט פארפירט מיטן דאָקטער.

— נאָך קינדווײַז האָב איך געהערט וועגן דער פאמיליע אבראבאנעל.

— די פאמיליע קוריִעל איז מיר אויך באקאנט. נאָר איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, ווען און ווו כ׳האָב זי געהערט.

— הער אבראבאנעל, ווי לאנג זײַט איר פון האָלאנד?

— מיט דרײַ טעג צוריק בין איך ארויסגעפאָרן פון וועסטערבאָרק.

— וואָס רעדט איר? דאָס איז דאָך אומגלייבלעך!

— איר וועט זיך נאָך מער פארוואונדערן, ווען איך וועל אײַך באווײַזן מײַן בילעט.

— וועלכן בילעט?

— א געוויינלעכן בילעט, קימאט אזא, וואָס מע שאפט אײַן אין אײַזנבאן־קאסע. אף שטײַפן ווײַסן קארטאָן־פּאפּיר. ערשטע קלאס. דאטירט דעם 1 יוני.

— און אף אים איז געווען אָנגעוויזן די ענד־סטאנציע פון דער רײַזע — סאָביבאָר?

— אָ, מענטש, איר שטעלט זיך נאָך אלץ ניט פאָר, אף וואָס די נאציסטן זײַנען פייִק. איך ווייס ניט, צי ווילן זיי אויסמײַדן עקסצעסן און דערפאר מעלדן זיי ניט די טויזנטער אומגליקלעכע פון וועסטערבאָרקער לאגער, וווהין מע האלט זיי אין איין פירן, צי דאָס שפּעט מען פון אונדז, נאָר די זאך שטעלט מען צוערשט ארום אזוי, ווי גלײַך ס׳איז א געוויינלעכע רײַזע: מע שיקט אלעמען אָפּ אין א נייטראל לאנד איבערווארטן דאָרט דעם קריג. דערנאָך שוין, אין וועג, מעלדעט מען, אז צוליב ניט פאָרויסגעזעענע אומשטענדן וועט דער צוג ענדערן זײַן געוויינלעכן מארשרוט, און אז די אײַזנבאן־אדמיניסטראציע פּאָדערט, די פּאסאזשירן

זאָלן דורכגיין אַ דעזינפעקציע. אַלע ווערטפולע זאַכן דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן אין די באַגאַזש־קאַמערן, לויט די באַקומענע גאַראַנטיע־צעטלען וועט מען דערנאָך אַלץ אומקערן. מע גיט אַרויס פּאָסט־קאַרטלעך פון רויטן קרייץ, קעדיי מיטצוטיילן פּריוואַט און באַקאַנטע, אַז מע איז אין וועג. ס׳איז נאָר פאַרבאָטן אָנצוווייזן דאָס אָרט און דאָס לאַנד, ווו מע געפינט זיך.

— מיט אײַער בילעט, ערשטע קלאַס, האָט איר, הייסט עס, אָנגעטראָפן אין אַ פּראַכט־וואַגאָן?

— ניין. פריִער טאַקע אין אַ פּאַסאַזשיר־וואַגאָן. ערשט דערנאָך איז צו־נויפגעשטעלט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט פון פּראַכט־וואַגאָנען, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען העכער דרײַ טויזנט מאַן.

— פונוואַנען איז אײַך באַוווּסט די פּינקטלעכע צאָל?

— צוליב מײַן פאַך און מײַן אַמט זײַנען מיר פיל זאַכן באַוווּסט. אין אַ וואָך אַרום, ווייס איך, וועט פון וועסטערבאָרק אָפּגעשיקט ווערן נאָך אַ טראַנספּאָרט. מיט דעם פאַרנעמט זיך אַליין דער קאָמענדאַנט פון וועס־טערבאָרקער איבערוואַנדערונגס־לאַגער דער עסעס־אָבערשטורמפירער אַלבערט געמעקער. דאָס איז צווישן די נאַציסטן אַ נאַציסט.

— לאַנג שוין, ווי מע פירט אַהער פון האָלאַנד ייִדן?

— דער ערשטער טראַנספּאָרט פון וועסטערבאָרק איז אָפּגעשיקט גע־וואָרן היאָר דעם 2 מאַרט. דעם זעלבן מאָנאַט זײַנען פון דאָרטן אָפּגע־שיקט געוואָרן נאָך פינף טראַנספּאָרטן. אין אַפּרעל — פיר. אין מײַ — פיר. דער טראַנספּאָרט, מיט וועלכן איך בין געקומען, איז שוין דער פערצנטער. געווען אַ ספּעציעלער טראַנספּאָרט מיט אַלטע לײַט און אינוואַלידן. אַן עשע־לאָן — אַ קינדער־לאַזאַרעט און אַ קינדערהיים מיטן גאַנצן באַדין־פּערסאָ־נאַל — דאָקטוירים, מעדיצין־שוועסטער, דערציִער. לויט די ידיעס, וואָס איך האָב, האָט מען פון וועסטערבאָרק אַרויסגעפירט העכער 22 טויזנט מאַן. פון האַאַג איז אָנגעקומען אַ באַפעל ווי אַמשנעלסטן באַפרײַען די טעריטאָריע פונעם וועסטערבאָרקער לאַגער. אין דעם, אַז די ציפערן, וואָס איך רוף אײַך אָן, זײַנען ריכטיק, מעגט איר, הער קוריִעל, ניט צווייפלען.

ווי האָט בערעק געקאָנט אײַנשלאָפן? וועגן דעם קינדער־עשעלאָן האָט אים מאַקס וואַן דאַם געהאַט דערציילט. צווישן דעם באַדין־פּערסאָנאַל איז געווען אַ דאָקטערן — אַ האָלענדערן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ראַטע־ווען איר לעבן. ביז דער לעצטער מינוט איז זי געווען מיט די קינדער און מיט זיי צוזאַמען אומגעקומען.

קוריִעל האַלט אין איין פרעגן:

— זאָגט מיר, דאָקטער אַבראַבאַנעל, און ווי איז געווען ביז מאַרט? ווען די מאָפּן זײַנען נאָר אַרײַן אין האָלאַנד, האָב איך ניט באַמערקט, זיי זאָלן שוין דאַן געווען פאַרנעמען ערנסטע אַנטי־ייִדישע אַקציעס.

— דאָס איז ניט אינגאַנצן אַזוי. דאַן אָבער זײַנען זיי נאָך געווען גע־צוווּנגען זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון פאָלק. דער איבערוועגנדיקער מערהײַט האָלענדער איז דער ווילדער נאַציסטישער באַגריף פון „בלוט־ריינקײַט״ פרעמד. ער רופט אַרויס בײַ זיי עקל. און ווען די נאַציסטן האָבן

אין פעווראַל 1941 דערמאָרדעט פיר הונדערט ייִדישע יוגנטלעכע, האָבן די דאָקערס געמאָלדן אַ שטרײַק, און נאָך זיי האָט פאַרשטרײַקט גאַנץ אַמסטערדאַם. אין סעפּטעמבער 1941 איז די ייִדן פון האָלאַנד פאַרבאָטן געוואָרן באַזוכן טעאַטער, קינאָ, קאָנצערטן. קעגן דעם האָט פּראָטעסטירט די האָלענדישע אינטעליגענץ. ס׳האָט ווידער געהאַלטן בײַ אַ שטרײַק פון די דאָק־אַרבעטער. דאַן האָבן די מאַפן, ווי איר רופט זיי, איבערגעגעבן דער אַמסטערדאַמער ייִדישער קהילה אַ מויער פאַר אַ טעאַטער. אַקטיאָרן זײַנען דאָרט אַרויסגעטראָטן בלויז ייִדישע, אַרײַנגעלאָזט האָט מען אַהין בלויז ייִדן. ניט אַלע האָבן דאַן פאַרשטאַנען, ווי געפערלעך ס׳איז דאָס אָפּצוימען די ייִדן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, צו וואָס פאַר אַ בייזוווּנדער דאָס וועט ברענגען.

אין יול 1942 איז אין אַמסטערדאַם פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן זאָלן דורכגיין אַ ספּעציעלע רעגיסטראַציע. בלויז איינצלנע האָבן געפאָלגט דעם באַפעל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער געיעג נאָך ייִדן. בײַטאָג און בײַנאַכט האָט מען זיך געיאָגט נאָך זיי, אין די גאַסן, אין די הײַזער. אַלע ייִדן האָט מען צונויפגעזאַמלט, וווּהין, מיינט איר? אין דעם טעאַטער. די טעאַטער־געבײַדע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איבערוואַנדערונג־טורמע. טאָג און נאַכט איז געווען אײַנגעשלאָסן די עלעקטרע. פון די פּראָזשעקטאָרן איז ניט געווען וווּהין זיך אַהינצוטאָן. יעדער שפּאַרונקע, וואָס האָט געקאָנט דורכלאָזן די טאָג־שײַן, האָט מען פאַרשטעלט. די שטולן האָט מען אין הויכע שטאַבעלן צונויפגעשטעלט לענגויס די ווענט פונעם צושויער־זאַל און אויפן גלאַנציק־אָנגעוועקסלטן פּאַרקעט אוועקגעלייגט שטרוי־מאַטראַצן. הונדערטער מענטשן זײַנען גע־לעגן צוגעדריקט איינער צום צווייטן. דער זאַל פון בופעט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַלאַטע פאַר קראַנקע. אויף דער גאַליאָרקע פלעגט מען באַשטראָפן די, וואָס האָבן זיך באַזונדערס פאַרזינדיקט פאַר די אָקופּאַנטן.

פאַר דרײַ מעסלעס האָט מען פאַרפולט די גאַנצע געבײַדע און דאַן אָפּגעשיקט אַלעמען קיין וועסטערבאָרק. דורך אָט דער טעאַטער־טורמע זײַנען אַדורך ניט ווייניקער פון פופציק טויזנט מאַן.

— הער אַבראַבאַנעל, און איר ווייסט, וווּהין איר זײַט אָנגעקומען?

— דער קאַפּאָ האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער שילד באַם אַרײַנגאַנג, האָב איך איבערגעלייענט: „זאָנדערקאָמאַנדאָ סאָביבאָר דער וואַפן עסעס״, און באַנאַנד: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן פרײַ!״. נאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז פון אַלעמען פאָדערט זיך פרײַער פאַר אַלץ געהאָרכזאַמקײַט און דיסציפּלין.

— מער האָט ער אײַך גאָרניט געזאָגט, גאָרניט געפרעגט?

— געפרעגט, צי איך פאַרמאָג ניט קיין פאָרנאָגראַפישע קאַרטלעך. ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן זיך. אין האַמבורג איז ער געווען אַ קרופּיע, און עס טוט אים באַנק, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק פאַרגעניגנס זיך פאַרשאַפט אויף דער פרײַ. פון דער וועלט ווילט זיך אים בלויז געניסן. אַלע קונצן ווייסט ער, איינעם — ניט: ווי לענגער פאַרהיטן דאָס לעבן בײַ אַזוינע אומשטענדן.

— וואָס באַטײַט עס אַ קרופּיע? — האָט בערעק געפרעגט.

קוריעל האָט אים דערקלערט און צוגעגעבן:

— שלאָף, בערעק, דער טאָג איז פאַר דיר אַזוי אויך געווען אַ שווע־רער. — און ווידער צו אַבראַבאַנעלן: — איר האָט גיך אָבער ריכטיק אָפּ־געשאַצט שלאָקן. ער איז אַפילו נאָך ערגער, ווי איר מיינט. איך פרעג, וואָס טראַכט איר וועגן דעם אָרט, וווּ איר געפינט זיך? צי עפשער מיינט איר, אַז דער אײַזנבאַן־בילעט וועט אײַך נאָך צוניץ קומען?

— ניין, הער קורזשעל, איך מיין ניט, און פרעגן וויל איך בא קיינעם גאָרניט. ווי אַ דאָקטער, פלעג איך זיך דערלויבן ניט שטענדיק זאָגן מײַנע פּאַציענטן דעם עמעס וועגן זייער קרענק. ווען דער קאַפּאָ האָט מיר גע־זאָגט, אַז ער ווייסט ניט, ווי צו פאַרהיטן דאָס לעבן, האָט ער עפשער אַליין ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן עמעס ער גיט אויס. און איך ווייס ניט, צי מעג איך קומען צו מײַנע פרײַנט, וואָס פיל פון זיי שטויסן זיך שוין אָן, וואָס עס דערוואַרט זיי, און זאָגן: דער טײַוול איז שוואַרצער, ווי מיר מאָלן אים זיך אויס. איך וויל עס ניט!

— הער אַבראַבאַנעל, אויב כ׳וועל מעלדן, אַז איך נייטיק זיך נאָך אין אײַער הילף, איז ניט אויסגעשלאָסן...

— אויסגעשלאָסן. איר זײַט איינער, און דאָרט זײַנען פאַראַן פיל קראַנקע, איז ווי קאָן איך זיי פאַרלאָזן?

— ווען איך זאָל געווען פאַרן קריג אַזוינס לייענען, וואָלט איך אין דעם ניט געגלייבט. איך פאַרשטיי דעם קאַפּיטאַן פון אַן אונטערגייענדי־קער שיף, נאָר אַ דאָקטער?..

— אויב האָפן, אַז מיט אײַער אייניקל קאָן געשען אַ נעס, און ער וועט אַמאָל זײַן אַ פרײַער מענטש, וואָלט איך אים געזאָגט: שוין באַלד זעקס יאָרהונדערטער, ווי די אַבראַבאַנעלס היילן מענטשן. ייִנגל, גיי מיט אונד־זער שווערן וועג, און ס׳וועט דיר קיינמאָל ניט באַנק טאָן.

ווי לאַנג ס׳האָט זיך נאָך געצויגן דער געשפּרעך, ווייסט בערעק ניט, ווײַל ער איז אײַנגעשלאָפן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין גע־ווען טאָג. אַבראַבאַנעל האָט זיך געקליבן אַוועקגיין. ער האָט פון זיך שוין אַראָפּגעצויגן דעם ווײַסן כאַלאַט. פון דער בוזעם־קעשענע האָט ער אַרויס־גענומען אַ היפּשן קאָנווערט.

— דערווײַל, הער קורזשעל, האָט מיך נאָך קיינער ניט באַזוכט. מיסטאָמע איז אַזאַ „פאַרמעגן" ניט פאַרבאָטן. דאָס זײַנען פאָטאָגראַפיעס, וואָס ס׳וואָלט זיך מיר געוואָלט פאַרהיטן. עפשער איבערלאָזן בא אײַך עטלעכע? אָט איז דער לאַגער־קאָמענדאַנט פון וועסטערבאָרק — דער עסעס־אָבער־שטורמפירער געמעקער. איך פאַרשטיי, איר האָט זיך שוין גענוג אָנגע־זען אַזעלכע פאַרשוינען, אָבער זײַן פאָטאָלאָגישע לוסט צו פּײַניקן האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט. דאָס גרעסטע פאַרגעניגן האָט ער פון פרעמדעליידן. איר זעט? שטאַטיש אויסגעיידלט, הויך, עלעגאַנט. ווער וואָלט עפּעס שלעכטס געקאָנט זאָגן וועגן אים לויט זײַן אויסזען? די קינדער און זייער לערער, וואָס איר זעט אויף דער צווייטער פאָטאָגראַפיע, האָבן זיך אויס־געשטעלט צווישן צוויי באַראַקן אין וועסטערבאָרק. באַלד וועט מען די קינדער אַוועקפירן צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע. זיי זײַנען אויסגעצערט, זיי וואָלטן באַדאַרפט וויינען, נאָר זיי שמייכלען, לאַכן אַפילו. גאָלדענע בערג האָט מען זיי צוגעזאָגט. דעם לערער גלייבן זיי. פאַרלאָזן זיך אויף אים.

פונוואַנען זאָלן זיי וויסן, אַז דעם לערערס האַלבער עמעס איז אַ גאַנצער ליגן. קינדער בלײַבן קינדער. אָהער זײַנען זיי געקומען אין דרײַ טעג אַרום נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אָפּגעפאָרן.

דער פּאַסאַזשיר־צוג אַפֿן דריטן בילד באַשטייט פֿון קאָמפֿאָרטאַבעלע וואַגאָנעס. ערטער האָבן דאָ באַקומען אָנגעזעענע פּאַכמענער: אינזשע־ניערן, אַרכיטעקטאָרן, מוזיקאַנטן, קינסטלער. צו אינטעלעקטואַלן איז דער האַס באַ די נאַציסטן אַ טאָפּלטער, נאָר זאָלן די האָלענדער זען: אַ דײַ־טשישער זעלנער מיט אַ ביקס שפּירט נאָך, אַז קיינער זאָל ניט שטערן די אָרדענונג. וועט עמעצער וועלן אַרײַן אין צוג אָן אַ בילעט, וועט מען אים דורכטרײַבן. און, ענדלעך, וויל איך באַ אײַך איבערלאָזן די פֿאָטאָ־גראַפֿיע פֿונעם טעאַטער, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טפֿיסע, און אויך מײַן אײַזנבאַן־בילעט ערשטע קלאַס.

שלאָק איז געקומען נאָך אַבראַבאַנעלן. פֿאַרייִנס האָט ער געבראַכט די שוואַרצע „קאַווע”. קוריזעל האָט געבעטן דעם דאָקטער צוואַרטן. ער האָט אים געוואָלט פֿאַרלייגן אַ ביסל וואַרעמע קאַווע. נאָר שלאָקן האָט באַ־הערשט אַ בייזע מאַנקאָליע. ער האָט אַרויסגעשטעלט פֿאַר זיך זײַן קאַ־פֿאָ־שטעקן — דעם סימבאָל פֿון זײַן מאַכט. קוריזעלן האָט עס אופֿגעטראָגן.

— קאַפּאָ, אויב איר האָט פֿאַרגעסן, קאָן איך דערמאָנען: נוימאַן האָט אײַך פֿאַרבאָטן אַריבערטרעטן אָט די שוועל מיט אַ שטעקן. און נאָך: איר טאָרט ניט עפֿענען די טיר, ביז איר וועט דערוף ניט באַקומען מײַן דער־לויבעניש.

— בין איך געקומען, איז עס מײַן אַמט־פֿליכט.

— קאַפּאָ שלאָק! פֿאַרלאָזט אונדז און וואַרט פֿון יענער זײַט טיר, ביז איך וועל אײַך רופֿן. אָט אַזוי! און אײַך, דאָקטער, אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אײַך.

— פֿאַרוואָס דאַנקט איר מיר?

— פֿאַר דעם, וואָס איר האָט מיר באַוויזן, אַז אַן עכטער מענטש איז אומעטום און שטענדיק אַ מענטש. אַ שאָד, וואָס מיר זײַנען צוריק מיט יאָרן ניט געווען באַקאַנט מיט אײַך. איצט ווייס איך אַפֿילו ניט, ווי דאַרפֿן מיר זיך מיט אײַך געזעגענען.

— איר מיינט, הער קוריזעל, אַז איך ווייס? לאָמיר זיך ווינטשן, ס׳זאָל געשען אַ וווּנדער — בערעק זאָל בלײַבן לעבן און ער זאָל פֿאַר אונדז קאָנען מאָנען און צאָלן.

געזאָגט, געעפֿנט די טיר און אַ רוף געטאָן:

— קאַפּאָ, קומט. איך בין גרייט.

ווען די טריט האָבן זיך דערווײַטערט, איז בערעק צוגעגאַנגען צום פֿענצטערל און זיך אַ צי געטאָן אָף די שפּיץ פֿינגער. מיטאַמאָל איז ער פֿאַרציטערט געוואָרן. קוריזעל האָט עס באַמערקט און געפֿרעגט:

— וואָס האָסטו דאָרט אַזוינס דערזען?

— ווי נאָר זיי האָבן פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַט, האָט דער קאַפּאָ פֿאַר־הויבן דעם שטעקן אָפֿן דאָקטער. באַומרויקט זיך ניט, הער קוריזעל. קיין קלאַפּ האָט ער אים ניט דערלאַנגט. וואָס האָט ער געוואָלט פֿון אים?

— שלאָק קאָן שלאָגן אומזיסט און אומנישט. אַ שלעכטער מענטש.

— אַ שלעכטער זאָגט איר? אַ שרעקלעכער. צוליב אַן איבעריקער שאָ לעבן איז ער גרייט צענדליקער אומברענגען.

— אַלץ, וואָס ער טוט, ווערט באַוויליקט פון די דײַטשן. האָסט מיס־טאמע באַמערקט, איך האָב אַבראַבאַנעלן ניט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ דײַטש. מאַקס וואָן דאַם האָט געוווּסט, האָב איך אים געקאָנט זאָגן, וואָס איך טראַכט וועגן מײַן פאָלק. ס׳איז געפערלעך קראַנק, און די קרענק איז אַזאַ, אַז ס׳איז מיר אַ שאַנדע געהערן צו דעם.

— איך ווייס, אַז וואָן דאַם האָט אײַך דערויף געענטפערט, אַז ניט וועגן דײַטשן, נאָר וועגן נאַציסטן דאַרף מען ריידן.

— יאָ, אומגעפער אַזוי האָט ער מיר געענטפערט. פונוואַנען ווייסטו עס?

— ווען איך בין געווען מיט אים, האָבן מיר גערעדט אויך וועגן דעם. ער האָט באַ מיר געפרעגט: מיט וואָס איז דער ייִד שלאָק בעסער פאַר וואַגנערן, גאָמערסקין, נוימאַנען? מע דאַרף זיי אַלעמען אָף איין שטריק אופהענגען, — האָט ער געזאָגט.

## אין פרויען־באַראַק

אַ טאָג — אַ יאָר, נאָר עס טרעט שוין אָפּ דער זומער. עס האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַ בלאָז געטאָן מיט קעלט.

פאַרנאַכט איז בערעק אַוועק אין פרויען־באַראַק. די ערשטע האָט אים דערזען פייגעלע „ריר מיך ניט אָן" און גלײַך געגעבן אַלעמען צו וויסן:

— ווײַבער, מיידלעך, זעט נאָר! ווער איז דאָס?! בערעק איז צו אונדז געקומען אָן זײַן היטער. וואָס, ווילט איר וויסן, איז געשען מיטן קאַפּאָ שלאָק? הערסטאָך, אָפּן וועג אַהער זײַנען פון הימל אַראָפּגעפאַלן צוויי שטיינער. איינער — פון די דײַטשן — האָט דעם קאַפּאָ צעבראָכן רוק־און־לענד, דער צווייטער — פון די ייִדן — האָט געמאַכט צו אים אַ סאָף. אָוואַ! וואָס זשע וועט זײַן? ציטערט ניט. מיר זאָלן פאַר אים אַזוי מוירע האָבן לעבעדיקערהייט, ווי מיר האָבן וואָס צו שרעקן זיך פאַר אים טויטערהייט. עמעס זאָג איך? הערסטאָך, בערעק זאָגט, אַז עמעס.

בערעק קומט שוין אַהער ניט צום ערשטן מאָל. ער ווייסט, אַז פייגעלע האָט ליב אַליין פאַרגעבן פראַגן און אַליין אָף זיי ענטפערן. זי אַרבעט אין צווייטן לאַגער, סאָרטירט און פאַקעוועט די פרויען־קליידער. פאַר עפּעס אַריסטראָגן פון דאָרטן קאָן מען אָפּן אָרט זיך שיידן מיטן לעבן. נאָר קימאַט אַלעמאָל טרעפט ער זי אַנדערש געקליידט. הײַנט איז זי אויסגעסטראָצלט. איר אָנטאָן איז פילפאַרביק, ווי דער רעגנבויגן, און לעמיי ליגן זאָגן, עס פּאַסט איר. פייגעלעס גלאַט פאַרקעמטע ליכטיקע האָר פאַרמאָגן אַ קופּערנעם אָפּגלאַנץ. אירע אויגן זײַנען בלוי, ווי דער הימל. זיי קאָנען פאַרשווײַגן, אַז אַלע טאָג זעען זיי דעם געהענעם מיט זײַנע אָפּגרונטן, און זוכן אויס אַ שטראַלכל ליכט אפילע אין אַזאַ כוישעך. זי האָט האַנאָע, אַז מע דערציילט איר מײַסעלעך פון טויזנט־און־איין־נאַכט.

זי קאָן כאַטש דעמלט אין די טרוימען זײַן פרײַ. און נאָך מער האָט זי האנאָע פונעם זינגען, אַז זי אַליין זינגט אויס אַ ליד.

ווי קאָן עס זײַן? ווי קאָן זיך דאָ וועלן זינגען? אין פלוג דאַכט זיך טאַקע, אַז ס׳איז אומעגלעך. אָבער אַז מע באַטראַכט עס גוט, פאַרשטייט מען, אַז דעם מענטשן ווילט זיך זינגען אויך ווען ער לײַדט און ווייטעקט...

— זאָג מיר, בערעק, — פרעגט ווײַטער פייגעלע, — אַזאַ קאַלע, ווי איך, וואָלסטו געוואָלט האָבן? וואָס שווײַגסטו? איך זע דאָך, אַז איך געפעל דיר. נאָר אויב זאָגן דעם עמעס, בין איך שוין אַן אַלטע מויד. דיר איז פערצן, און מיר וועט עפּשער ווערן זיבעצן אין אַ כּוידעש אַרום. אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן... אײַ, וואָלטן מיר נאָך ביידע געקאָנט וואַקסן און קווען. איך פלוידער, און דו, כאָטש מײַנער, ווילסט, נעבעך, עסן. גע־קומען ביסטו דאָך צוליב אַ קרישל ברויט. מיר זײַנען דײַנע פּאַוואַדקעס באַקאַנט. האַמעניו איז בילכער פון אַ קאַפּאָטקעלע, און איך האָב אין אַ פּעניואַר געפונען אַ גאַנצן מאַיאָנטעק. אַ טשיפּעק מיט קאָרזשיקלעך און אַ צײַנדל קנאָבל. אויסגעזען האָט דער טשיפּעק, ווי אַ טשאָרלעטשקע, — ווייסט ניט וואָס ס׳הייסט? אַ קוגלטעפּל, און אײַנגעוויקלט איז ער געווען אין אַ קינדער־פּאַרטעכל. איז נאַ דיר אַ קאָרזשיקל, און וועסט פון פאַר־געניגן דערזען קראָקע מיט לעמבעריק. אויב דו וועסט מיך נאָך שטאַרק אַ בעט טאָן, וועל איך דיר אָף פאַרבײַסנס אויסזינגען אַ ליד.

צו קיין ליד איז דערווײַל ניט געקומען, ווײַל פייגעלע האָט פּריִער באַדאַרפט באַשפּריצן און אויסקערן דעם דיל. הונדערט פּופּציק פרויען און מיידלעך האָבן פאַרנומען אַ גרויסן פּירעקיקן באַראַק. אָף די נאַרעס, לענגויס די ווענט, ליגט צוביסלעך טרוכליאַווע שטרוי, צוגעדעקט מיט אַ רעדנע. אָנשטאָט אַ קישעלע צוקאָפּנס — דאָס ביסל האָב־און־גוטס, די עטלעכע שמאַטקעלעך, וואָס מע פאַרמאָגט נאָך. איצט זײַנען די טראַגנטעס, ווײַזט אויס, נאָך אַ דעזינפעקציע, ווײַל זיי זעען אויס פּײַכט און עס טראָגט פון זיי אַ פּריקרע רייעך. דאָס רעכט צו פאַרנעמען די נאַרעס אָפּן ערשטן שטאָק האָבן בלויז יונגע. ווער ס׳האָט שוין אָפּגעלעבט אָף דער וועלט דרײַסיק יאָר, מוז זיך פאַרקלײַבן אָף די אייבערשטע. אויב עס קומט שוין אָן שווער, דאַן ווערט מען אויסגעשלאָסן פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדע, וואָס באַשטייט נאָר פון „גוציקע”. אין אַ טורמע זײַנען די פענצטער קליינע און פאַרגראַטעוועטע. אין דעם באַראַק איז קיין איין פענצטערל ניטאָ, דערפאַר איז קימאַט שטענדיק די טיר אָפן. פאַרמאַכסטו זי, איז ווי מע וואָלט פאַר איין מינוט אויסגעפּאָמפּעט די לופט צום עטעמען.

ליוקע, פייגעלעס כאַווערטע, וואָס זיצט ווי אָפּגעזונדערט פונעם אַרוּ־מיקן מענטשלעכן געווימל, רופט צו זיך צו בערעקן און באַווײַזט אים מיט דער האַנט, ער זאָל זיך זעצן באַנאַנד. באַ איר איז אַ שיין קײַלעכדיק געזיכט, אַ הויכער שטערן. אַ קלוגע איז זי, אַ גראָטענע, מיט אַלע מײַ־לעס. נײַנצן — דאָס צוואַנציקסטע גייט איר. איינס געפעלט אין איר ניט בערעקן — זי רייכערט. בייס מע סאָרטירט דאָס אָנטאָן, הייבט מען אָן פון אויסליידיקן די קעשענעס, און עס מאַכט זיך, מע געפינט סיגאַרעטן, פּאַ־פּיראָסן, מאַכאָרקע. די מיידלעך, וועלכע פאַרנעמען זיך דערמיט, ברענגען

דאָס „גוטס” אין באַראַק, און ליוקע, אויך עטלעכע אַנדערע מיידלעך האַלטן אין איין רייכערן.

פאַרמאַטערט, אויסגעשעפּט, אָן אַ לעבעדיק פּינטעלע אין די אויגן, ליגט אויף דער אייבערשטער נאַרע ליוקעס מאַמע. זי איז, מיסטאָמע, גאָר ניט אַזוי אַלט, ווי זי זעט אויס. איר שכיינע דערציילט איר עפּעס, ניט אַלע ווערטער דערגייען צו בערעקן, ער הערט נאָר אָפּגעריסענע רייד:

— אַהיים איז ער, מײַן „פּאַניע דרושינאָווא”, געקומען אין אַן אויסגעריבענעם זעלנערשן מונדיר, מיט אַ מיליטערישן אָדלערל אויפן היטל... פון אַ קווינטאַל ווייץ איז שוין אָפּגערעדט, איר פרעגט בעסער דעם פּרײַז פאַר אַ קווינטאַל קאַרטאָפל, דער הונגער לעשט די טאָג־ליכט... זאָג איך אים: מע קאָן דען לעבן מיט „סוועטים דוכאָם”, קאָן מען דען?.. אין אַ וואַגאָן אויף טראַנספּאָרטירן אַכט פערד האָט מען אונדז אַרײַנגעשטופּט... וואָס איך טו? כ'רעפּאַריר וועש. אַז דאָס האַרץ איז פול, גייען די אויגן איבער. וואָס דען? פיר און צוואַנציק שאָ אַ מעסלעס קוקן מיר דאָך דעם טויט אין די אויגן. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזוי לאַנג גיין אויף דער אייגענער לעווייע?.. איך זאָג אײַך: וואָס באַשערט, איז באַוווּרט. אַזאַ גורל, אַזאַ מזל האָבן מיר, און איר קלערט נאָך, ווי ווירדיק שטאַרבן! נו, נו!..

ליוקע איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, פאַריסן דעם קאָפּ צו איר מאַמע, צו דער שכיינע און זיך צעשריִען:

— וויפל מאָל האָב איך אײַך געבעטן, איר זאָלט ניט קאַרקען, ווי די שוואַרצע ראָבן? ס'איז אונדז אַזוי אויך „זעהר גוט”, שיט איר נאָך זאַלץ אויף די ווונדן. פייגעלע, וואַרף אַוועק דעם בעזעם און זינג. הערסט, וואָס איך בעט דיך? וואָס דו ווילסט, נאָר זינג.

דעם בעזעם האָט פייגעלע מיטן צונאָמען „ריר־מיך־ניט־אָן” ניט אַוועקגעוואָרפן. זי גייט הין־און־הער איבערן באַראַק און זינגט, צעציִענדיק יעדער וואָרט, ווי לאַנג עס לאָזט זיך:

קינדער־יאָרן, זיסע, שיינע יאָרן,
אייביק ליגט איר מיר אין מײַן זיקאָרן.
ווען איך טראַכט פון אײַער צײַט,
טוט מיר אַזוי באַנק און לייד.
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן...

בײַ בערעקן פאַרקלעמט דאָס האַרץ. ליוקע, וואָס ביז איר קומען אַהער, האָט זי קיין ייִדיש ניט געהערט, זיצט ווי אַ ניט־דאָיִקע. פייגעלע זאָגט איר:

— אויב דו האָסט שוין דעם וואַסערפּירער אין די אויגן, וועל איך מער ניט זינגען, — געזאָגט און גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מיט איר כאַוועריטע איז בעסער איצט ניט אָנהייבן זיך. — שאַ־שאַ, וועס איז דועס? איך קאָן ווײַטער, זאָל נאָר בערעק ניט קוקן אַזוי אויף מיר. זאָג אים, ער זאָל זיך אָפּקערן, אַניט שעם איך זיך. באַלד וועל איך דעם גאָרגל באַנעצן.

נאָך שטייט מיר דאָס שטיבל פאַר די אויגן,
ווו איך בין געבוירן, אויפגעצויגן.
אויך מײַן וויגל זע איך דאָרט,

ס׳שטייט נאָך אף דעם זעלבן אָרט,
ווי א כאַלעם איז דאָס אלץ פארפלויגן...

אוי, מיידלעך, דאָס לידעלע רעדט טאקע ווערטער, נאָר וואָס טויג אונדז דאָ, אין סאָביבאָר, דער שיינער כאַלעם? ליוקע, גיי צוריק אף דײַן נארע. הערסטאָך! גיי און ריר מיך ניט אָן. מיילע, מיט וואָס נאָך קאָן איך דיר צוליב טאָן?

קינדער־יאָרן, יונגע, זיסע בלומען,
צוריק צו מיר וועט איר שוין מער ניט קומען.
יאָרן אלטע, טרויעריקע,
קאַלטע, מאַרעשכוירעדיקע
האָבן אײַער שיינעם פלאץ פארנומען.

אוי, מיידלעך, ווי מיינט איר? די פאשיסטן וואָלטן באדארפט אונדזער שיינעם פלאץ פארנעמען. אוי, וואָלטן זיי עס באדארפט. ליוקען האָט עמעצער געזאָגט, אז איצט איז שוין זייער מאפּאָלע א געכאסמעטע. גאָט אין הימל, האלעווײַ! נאָר ווי זאָלן מיר אָט די שאָ דערלעבן? ווער עס וועט מיר אף דער פראגע ענטפערן, דעם גיב איך אָפּ מײַן מענאשקע מיט באַלאנדע.

אפילע באַ א ברייט־צעעפנטער טיר איז אין צווייטן עק באראק שטענדיק ביינהאשמאָשעסדיק טונקל און ס׳איז ניט צו פאנאנדערשיידן, ווי זעען איצט אויס ליוקעס טיף־פארכאַלעמטע אויגן. זי זיצט מיט די פיס אונטער זיך. אירע שווארצע האָר זײַנען אינמיטן צעטיילט מיט א שרונט. איר פּאָנעם איז רויק. די ליפּן זײַנען געשלאָסן. נאָר בערעקן דאכט זיך, ווי ליוקע וואָלט גערעדט מיט זיך אליין.

מיסטאמע ניט נאָר אים האָט די ליד מיט איר אומעטיקער בענקעניש צערודערט, דערמאָנט די קינדהײַט, די היים, וווּ מע האָט צום ערשטן מאָל דערפילט די ערד אונטער די פיס. בערעק זעט פאר זיך קליינע הײַזלעך, געדעקט מיט שינדל און שטרוי. שוואלבן בויען נעסטן אונטער שטילע דעכער. א ווינטמיל מיט גרויסע צעלאָזענע פליגל. קײַלעכדיקע לאבנס קאָרנברויט. און אוואדע — די מאמע, וואָס איז אויסגעגאָסן פון לויטער גוטס. און עפשער האָט די ליד עמעצן געהאָלפן אף א רעגע אראָפּשלײַדערן פון זיך אלע אומגליקן, און ס׳האָט א קאָך געטאָן די פארלוירענע יוגנט. ערשט־אָ איז געווען שא־שטיל, און איצט רעדט מען שוין. ס׳ווערט ווידער ראַשיק.

פייגעלע איז צוגעגאנגען צו דער נארע, ווו ס׳זיצן ליוקע און בערעק. א שטאלטנע איז זי. די טאליע — דינער קאָן שוין ניט זײַן. ווען דער קאַפּאָ שלאָק קוקט אף פייגעלען, באלעקט ער זיך, ווי א הונט באם פלויט פון בוינע. דערבײַ רײַבט ער זיך דעם בויך, מע זאָל זען, וואָס פאר א פארגעניגן ס׳איז פאר אים אפילע בלויז דאָס קוקן אף איר. שלאָק איז מיטאמאָל געוואָרן א גאנצער מאכער, ווי ער וואָלט פון אן אנדער ליים געווען געקנאָטן. וואָס די עסעסאָווצעס שטופּן אין אים ארײַן, דאָס שלינקערצט ער אויס. נאָר אפילע אָט דער ניוווזיק מוז אָפּטרעטן, ווי נאָר פייגעלע טוט אים א זאָג איר צעצויגענעם „ריר מיך ניט אָן!“

— הערסטאָך, וואָס מע רעדט צו דיר, בעסער ריר מיך ניט אָן! דער פּרעזעס פון יודענראַט איז בײַ אונדז געווען אַ יונג אַ כוואַט, ניט בעסער פאַר דיר, האָט ער געפּרוּווט אויסצײַען צו מיר די הענט. פאַראיאָרן נאָך איז דאָס געווען, האָב איך פון זײַן פּאָנעם אַ ריבײַזן געמאַכט. אָט פון דעמלט אָן האָט מען מיר צוגעקלעפּט דאָס צונעמעניש „ריר מיך ניט אָן". דאַן בין איך מיט אים געווען אויג־אויף־אויג, און איצט זײַנען מיר הונ־דערט פּופּציק. פאַרגעדענק עס, פאַניע שלאָק.

ביז עס לאָזט זיך, איז בעסער אין שלאָקן פאַרגעסן און זיך צוקוקן צו פייגעלען. ווען ניט קיין צופאַל, וואָלט זי שוין אַף דער וועלט ניט געווען. פייגעלע איז פון דער פּאַרטיע צוויי הונדערט שיינהײַטן, וואָס מע האָט געבראַכט אַהער פון לובלין, אַ טאָג איידער הימלער איז געקומען. אַז רינע האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט צו די עסעסאָווצעס אין די הענט, האָט מען פייגעלען, בײַ וועמען עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גערשטן אָפן אויג, אָפּגעשיקט צוריק אין געטאָ, און רינע האָט פאַרנומען איר אָרט. מיט וואָס האָט פייגעלע, נעבעך, זיך פאַרשולדיקט פאַר רינען? מיט גאָרניט. טאַקע מיט גאָר־גאָרניט, און דאָך...

כאָטש מיט ביטערן געלעכטער, נאָר פייגעלע אַליין דערציילט וועגן דעם שיר ניט, ווי זי וואָלט פאַרשפּילט אַ געוועט, ניט אויסגעהאַלטן קיין פּרווו. עמעס, זי אַנערקענט, אַז דאָס מיידל, וואָס מע האָט געבראַכט די לעצטע, איז געווען שיין, ווי זיבן זונען.

קיינער, אויסער די עסעסאָווצעס, איז ניט שולדיק אין רינעס טויט. בערעק ווייסט, אַז ס'איז ניט גוט אַזוי, נאָר אַי עס ציט אים צו פייגעלען, אַי עס דערווײַטערט אים עפּעס. עס ציט אים צו איר שוין דערפאַר, וואָס זי האָט די לעצטע געזען רינען און אַפילו גערעדט מיט איר. עס ציט אים צו איר, ווי אים דאַכט זיך, פון ראַכמאָנעס: אָט אַזאַ שיינע, אַ קלוגע, אַ לעבעדיקע, איז זי געשטאַנען נאָך נענטער, ווי זיי אַלע איצט, בײַם ראַנד פון טויט. דערפאַר טרעפט, ווען מיט אָפענע אויגן זעט ער פייגעלען, ווי אײַנגעהילט אין אַ נעפּל, עלעהיי ניט קיין לעבעדיקע. ערשט הײַנט האָט ער געקוקט די געמעלן, וואָס מאַקס וואָן דאַם האָט אים איבערגע־געבן, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז באַנאַנד מיט רינען האָט וואָן דאַם געמאָלט פייגעלען. דאָס איז זי די, וואָס צאַפּלט, ווי אַ פיש אָפן זאַמד־ברעג, די, וואָס רײַסט פון זיך די הויט, און אירע צעביסענע צע־בלוטיקטע ליפּן שרײַען עפּעס. וואָס? זי ברענגט ניט אַרויס איר יאָמער־געשריי. די צונג איז בײַ איר אומגעהייער אופגעלאָפן און קאָן זי ניט פּאָלגן.

וואָס זשע מאַטערט אים? עפּשער דאָס, וואָס אַפילו דאָ, איז פייגעלע גרייט כאָטש אַף אַ ווײַלע, נאָר אויספּוצן זיך אין צירונג, און קוקט אַרויס, אַז בערעק זאָל איר עפּעס וואָס ברענגען? ניין, ניט דאָס. בײַ איר מאַמען האָט פייגעלע קיין צירונג ניט געזען, נאָר בײַ מיידלעך, ווייסט בערעק, אויך בײַ פייגעלען, מעג ער שווערן, איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מיט גאָר־ניט, — ער וויל אַפילו אין געדאַנק ניט דערמאָנען דאָס וואָרט טויט, — לאַכלוטן מיט גאָרניט קאָן מען פון זיי ניט אַרויסשלאָגן די לוסט צו פּוצן זיך. אַנומלטן האָט אים קוריעל דערלויבט איבערגעבן פייגעלען אַ שנירל

ביליקע, נאָר שיינע קאַרעלן. אין די אויגן האָט באַ איר געגומען שפּילן אַ פֿײַערל, ווי באַ אַ קינד, וואָס האָט ענדלעך באַקומען די געגאַרטע ליאַלקע. אַזוי האָט פֿייגעלע זיך געפֿרייט. זי איז אַרויסגעלאָפֿן אויף דער גאַס, אַ קוק טאָן, ווי די קאַרעלן פֿינקלען באַ דער טאָג־שײַן. זי האָט זיי באַוויזן ליוקען. ניין, זיך אַ בּאַרים געטאָן פֿאַר דער כאַווערטע. און ווײַל ליוקע איז ניט געווען אַזוי באַצויבערט, ווי זי, האָט פֿייגעלע, שוין אַ ביסל אָנגעדרודלט, איר אַ זאָג געטאָן: „ניט דאָס איז פֿאַר מיר שיין, וואָס איז שיין, נאָר דאָס, וואָס געפֿעלט מיר". אופֿגעהאַנגען אויף זיך דאָס שנירל קאַרעלן, האָט זי, ווי אַ ציגײַנערטע, אַ טרייסל געטאָן מיט די אַקסל, אַז די פּאַטשערקעס זאָלן זיך אַליין צערײדן, און דערבײַ אַ זאָג געטאָן: „פּערל אויפֿן האַלדז און שטיינער אויפֿן האַרצן".

וואָס זשע פֿאָרט מאַטערט בערעקן? ס'איז פֿאַר זיך אַליין אים שווער צו אַנערקענען, נאָר ווען־ניט־ווען פֿאַרגאַנוועט זיך אַ געדאַנק: אויף איר אָרט וואָלט ריינע געקענט שטיין.

אַזוינע געדאַנקען דאַרף מען פֿון זיך טרײַבן. אַזוי טאָר מען ניט טראַכטן. אַפֿילו קיין האַלבער עמעס האָט דאָ ניט געגעכטיקט. עמעס איז נאָר, אַז פֿייגעלע איז ניט אַזאַ, ווי אַלע. באַם ראַנד פֿון אָפּגרונט האָט זי האַנאָע פֿון זינגען...

פֿייגעלע זעצט זיך צו צו ליוקען און נעמט זיך לאַשטשען צו איר. לאָזט זיך אויס, ביידע ציטערן זיי. פֿון קעלט צי פֿון שרעק?

פֿון דעם, וואָס פֿייגעלע זאָגט, ווערט די פֿראַגע ניט פֿאַרענטפֿערט:

— הענדעם־פּענדעם זיך צעזונגען. מאַמעש אויף לײַטיש געלעכטער. וואָלט כאָטש עמעצער אַ פּליעסקע געטאָן. ניין, מע האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט די נעזער. איז צו ווען קאָן מען האָבן טײַנעס? דערצו בין איך, מישטיינסגעזאָגט, אַ זינגערן...

— וואָס רעדסטו? דו פֿאַרמאָגסט אין זיך עפּעס אַזוינס... — די ווערטער האָבן זיך באַ בערעקן פֿון זיך אַליין אַרויסגעריסן.

— סקאָצל קומט. הערסטאָך! ער ווייסט, וואָס איך פֿאַרמאָג. אוי, בין איך, בערעק, רײַך. ווילסט, וועל איך דיר באַווײַזן די טאָרבע מיט די פֿרעמדע זאַכן. דאָרט ליגן ליפּטשיקלעך, אַ טשיפּעק, אַ פֿאַריק, אַ וואַל, אַ ווײַס כופּע־קלייד און אַ געלאַטעט קאָפּטל אויף צו פֿאַרדעקן די צאָרעס. נאָך ליגן דאָרטן בריוו, טאָגביכער און אַפֿילו צוואָעס, וואָס כ'האָב אַרויסגעטרייסלט פֿון עמעצנס קעשענעס. גאָט מײַנער, מענטשן זײַנען זיי דאָך געווען פֿאַרשיידענע, און פֿון פֿאַרשיידענע לאַגערס און געטאָס האָט מען זיי געבראַכט. אָבער פֿון הונגער צי פֿון צאָרעס שרײַבן זיי אַלע וועגן איינס און דאָס זעלבע. און אַלע האָבן נאָך געהאָפֿט. אויף וואָס? וואָלט איך באַ זיי געפֿרעגט. קאָן איך אָבער נאָר פֿרעגן באַ די קעשענעס פֿון זייער אָנטאָן. אַמאָל זײַנען די בריוו צו קיינעם ניט געשריבן, און אַמאָל איז דאָ ניט נאָר דער נאָמען, נאָר אויך די פֿאַמיליע, צו וועמען זיי זײַנען געשריבן.

דאַכט זיך, אויף דער שאַרף פֿון שווערד געפֿינט מען זיך, און מע שרײַבט ליבע־בריוולעך. אַז איך לייען איבער די ווערטער: „זיס לעבן מײַנס", ווילט זיך מיר שרײַען: איר זײַט דאָך אַזוי ווײַט אײנער פֿונעם צווייטן,

ווי מיזרעך פון מיַירעוו, וואָס זשע שרײַבט איר נאָך? ס׳איז ווי אין יענער ליד: „שוין ניטאָ צו וועמען, שוין ניטאָ צו וועמען״. ראָמאַנען פירט מען. איר זאָלט עס זען, ווי מע זוכט אַ וועג צו עמעצנס אַ האַרץ, מע האַלט זיך אין איין שווערן אין שטענדיקער געטרײַשאַפט און ליבע...

ניט אַלץ, וואָס פייגעלע זאָגט, פאַרשטייט ליוקע, נאָר ווו זי פאַרשטייט ניט, דאַרט שטויסט זי זיך אָן. איר פאַרדריסן אַזוינע רייד.

— וואָס וווּנדערט עס דיך אַזוי? ווען דו וועסט זיך אין עמעצן פאַר־ליבן, וועסטו אויך זײַן אַזאַ.

— ליוקע, טײַערע, ווי קאָן איך שוין וויסן דעם טעם פון ליבע? ס׳איז ווי מייסים זאָלן גיין טאַנצן. אָט פרעג אים, דעם כאָסן מײַנעם, בערעקלען, וואָס ווילסטו — אַ קוש צי אַ שטיקעלע ברויט? און כאָטש דער מאַמעס מילך ליגט אים שוין ניט אױף די ליפּן, ווייסטו, וואָס ער וועט דיר ענט־פערן? האַמעניו, וועט ער דיר זאָגן. דאָס איז זיכער. ער איז הונגעריק און קאָן קעגן דעם גאָרנישט טאָן. און אויב אַ קוש? איז ווען און ווו זאָל איך אים רופן אױף אַ ראַנדעוווּ? אַ גאַנצע נאַכט וועלן מיר מיט אים שפּאַצירן אױף דער ברייטער „הימל־שטראַסע״, און גאַנצפרי וועלן מיר קומען צום אָבערגאַזמײַסטער עריך באָוער און העפלעך זיך פאַר אים פאַרנייגן:

— גוטען מאָרגען, הער באָוער, מיר זײַנען דאָ, און איר וועט שוין זײַן אַזוי גוט אָפּזוכן אַ מיסע־מעשונע אונדז אומצוברענגען, און זאָל, כאָ־לילע, הער באָלענדער אָדער הער פרענצעל ניט פאַרגעסן אונדז דערנאָך אָפּן שײַטער פאַרברענען.

מיר וועלן שוין קיינמאָל מער ניט ליבן...

— וואַרט, פייגעלע, איך האָב דיר שוין אַמאָל דערציילט, אַז דאָס אָרט, ווו מיר אינדרײַען זיצן איצט, האָט פאַרנומען אַ יונגע פרוי. מיר האָבן זי גערופן מירע ווײַסמאַן, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זי איז מילדאַ פּאַטשקאָוסקײַטע. איך האָב אין דײַטשלאַנד און דערנאָך, ווען מיר זײַנען אַנטלאָפן קיין האָלאַנד, קיין ייִדיש ניט גערעדט. און מילדאַ האָט פרײַ גערעדט. אַ נייטאָרן איז זי געווען און אין אַ שנײַדער־יונג, עפראַים האָט מען אים גערופן, האָט זי זיך פאַרליבט. אים, אַ ייִדן, האָט מען פאַרשפּאַרט אין געטאָ. זי איז אַוועק מיט אים. עפראַימען האָט מען געבראַכט אַהער, קיין סאָביבאָר. זי איז אַוועק מיט אים. זיי ביידן האָט מען איבערגעלאָזט אַרבעטן, נאָר אין אַ וואָך אַרום האָט מען עפראַימען געשיקט אין דריטן לאַגער. איינמאָל האָט מילדאַ אים דורכן פּלויט דערזען, זי האָט עפראַימען אָנגעיאָגט, און וויפל מע האָט זיי מיט די נאַהײַקעס ניט געשונדן, האָט מען זיי ניט געקאָנט צעשיידן. דאָס האָב איך געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן. איז פאַרוואָס וווּנדערט דיך, אַז מענטשן שווערן זיך אין אייביקער ליבע?

— עפשער ביסטו גערעכט. נאָר איך גלייב מערער אַנדערע בריוו. אָט הער, כ׳האָב אַ סאַך בריוו.

„פאַר דער קורצער צײַט, וואָס מיר זײַנען פאַרשפּאַרט, האָבן מיר זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס. מיר דערעסן ניט, דערשלאָפן ניט, מיר ווינטערן אין אַ לעכערדיקן באַראַק. אונדזער לעבן איז טויזנט מאָל ערגער פון אַ הינטיש. פון די איבערטראַכטענישן האָט באַ מיר דער מויעך אויס־

געטריקנט. ווייַן יאָ, ווייַן ניט, ווער קאָן מיר העלפֿן? וואָס זאָל איך טאָן?"

א צווייטע שרייַבט צו א כאַווערטע: „אויב ס'וועט אונדז נאָך אויסקו־מען זיך צו זען, וועל איך דיר אַלצדינג דערציילן. באַשרייַבן דאָס לעבן אין געפּענקעניש איז אוממעגלעך. די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. מע האָט אונדז אַזויפֿיל מאָל געסאָרטעוועט, אַז איך בין שוין צעשיידט מיט די עלטערן, מיט אַלע קרובֿים, מיט אַלע מייַנע כאַווערטעס. איצט זייַנען מיר הינטער גראַטעס, ערגער, ווי אַרעסטאַנטן. ווי נאָר עפּעס וואָס — איז באַלד קלעפּ, זידלערייַ. אוי, אוי, ווי וועל איך דאָס אַלץ איבערטראָגן?"

זי האָט דאָס שוין אַלץ איבערגעטראָגן, און אונדז שטייט עס נאָך פֿאָר. פֿאַרשפּילט א לעבן...

זינט בערעק קומט אַרייַן אין פּרוויזן־באַראַק, האָט ער באַמערקט, אַז דאָ הערשן באַזונדערע באַציִונגען צווישן די מענטשן. מע קאָן איבער א קלייניקייט זיך צעקריגן, שיר זיך ניט צעפּאַטשן. עס טרעפֿט אָפּטלעך. נאָר מע איז אויך גרייט אייַנס דאָס אַנדערע העלפֿן, מיט וואָס נאָר מע קען. ליוקעס מאַמע בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ פֿון דער אייבערשטער נאַרע. זי ווענדט זיך צו פֿייגעלען:

— דו געדענקסט, פֿרילינג נאָך, ווען עס איז אָנגעקומען דער טראַנס־פּאָרט פֿון וואַרשע, האָסטו אונדז געלייענט עפּעס א כראָניק, געשריבן אויף טאַפּעט־פּאַפּיר. פֿאַרוואָס זאָלסטו וועגן דעם ניט דערציילן בערעקן? ווו נאָך וועט ער זיך וועגן דעם דערוויסן?

— דאָס געדענק איך אויף אויסווייניק. ס'איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין וואַרשע, און אָנגעטראָפֿן האָט עס אַלצייַנס אהער, קיין סאָביבאָר. אויב אייַך ווילט זיך, וועל איך אים אין עטלעכע ווערטער דערציילן. דער מענטש, וואָס האָט עס פֿאַרצייכנט, הייבט אָן אַזוי: „פֿון דעם האַלבמיליאָ־ניקן יידישן קיבעץ אין וואַרשע זייַנען מיר נאָך פֿאַרבליבן ניט מער פֿון פֿינף און דרייַסיק טויזנט. די מאַסן־אויסראָטונג האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22 יול 1942. קיין טרעבלינקע און אַנדערע פֿאַרניכטונגס־לאַגערן האָט מען פֿונעם „אומשלאַג־פּלאַץ" אוועקגעפֿירט הונדערטער טויזנטער יידן. אין געטאָ האָבן זיך באַוויזן פֿלוגבלעטלעך: „גייט ניט ווילנלאָז צום טויט! פֿאַרטיידיקט זיך! נעמט א האַק, א שטיק אייַזן, א מעסער אין האַנט אַרייַן, פֿאַרבאַריקאַדירט אייַער שטוב. אין קאַמף האָט איר א מעגלעכקייַט פֿון רעטונג! קעמפֿט!" דער אופֿשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19 אַפּרעל 1943. אין געטאָ האָט זיך אַרייַנגעריסן זשאַנדאַרמעריע. מיר האָבן זיי באַ־געגנט מיט א האָגל פֿון קוילן. קעגן אונדז האָט מען א לאָז געטאָן טאַנקען, אַרטילעריע. די קאַמפֿן זייַנען אָנגעגאַנגען ביז דער צווייטער העלפֿט מייַ. אין דער נאַכט פֿון 13 אויף 14 מייַ זייַנען אָנגעפֿלויגן סאָוועטישע אַעראָ־פּלאַנען. אין אָט דער נאַכט האָבן מיר געפֿירט שלאַכטן אינווייניק אין געטאָ און פֿון אויסן איז אָנגעגריפֿן די ליודאָווע־גוואַרדיע. די פּוילישע פּאַט־ריאָטן האָבן מיטגעהאָלפֿן אַרויספֿירן געטאָ־קעמפֿער צו די פּאַרטיזאַנער אין די סווענטאַקסישקער און בעלאָוועזשער וועלדער. מע זאָגט, אַז אויך די ביאַליסטאָקער און די לעמבערגער יידן האָבן גענומען אין די הענט געווער..."

וואָס איז אַ דונער אינמיטן העלן טאָג אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס בערעק האָט זיך דערוווּסט? אַזוינס קאָן מען ניט אויסטראַכטן. דאָס איז אָן צווייפל פאַרגעקומען אין דער ווירקלעכקײַט. ניט אומזיסט ציט עס אַזוי בערעקן אַהער, אין פּרויען־באַראַק. דאָ קאָן מען זיך דערוויסן ניט נאָר, וואָס עס טוט זיך אין לאַגער, נאָר אויך נײַס פון דער אַרומיקער וועלט. אָן שלאָקן טאָר בערעק אַהער ניט גיין, נאָר ווען ער קומט מיט שלאָקן, ווער וועט אים אַזוינס דערציילן? ס'איז נאָך ניט אַלץ. אָן אופֿשטאַנד, ווײַזט זיך אַרויס, איז געווען אויך גאָר ניט ווײַט פון דאַנען — אין טרעבלינקע. די אופשטענדלער, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, האָט מען אָפּגעפירט קיין סאָביבאָר. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך בריוו, וועלכע זײַנען דערנאָך אַרײַנגעפאַלן צו פייגעלען אין די הענט.

בערעק זיצט און לאָזט קיין וואָרט ניט דורך. ער האָט אין זיך פאַרגעסן. אַוואַדע איז גלײַכער שטאַרבן מיט געווער אין די הענט, איידער אומקומען פון שטיק־גאַז. אים ווילט זיך נאָכאַנאַנד פרעגן, פרעגן.

אָף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער קאַפּאָ בזשעצקי, און אין זײַן אָנוועזנהײַט קאָן שוין דער געשפּרעך ניט פאָרגעזעצט ווערן. אָנגעטאָן איז בזשעצקי אין אַ מין פרענטש. זײַן פּאָנעם זעט אויס, ווי די ציין וואָלטן אים שטענדיק ווי געטאָן. טאָמיד קאָכט אין אים די סינע. אָף דער וועלט קוקט ער מיט איין אויג, וואָס בלישטשעט איצט שיקערלעך. דאָס צווייטע אויג האָט מען אים נאָך פאַר דער מילכאָמע אויסגעזעצט. מיט איין אויג, נאָר ער זעט ווײַט. וואָס דען? אומזיסט האָט ער באַקומען אויסנאָם־רעכטן? דערפאַר איז בעסער, בזשעצקי זאָל בערעקן ניט דערטאַפּן. פייגעלע פאַרשטעלט בערעקן און טוט אַ זאָג, ווי צו קיינעם ניט:

— אוי, מאַמעשי, טאַטעשי, ווי גוט ס'איז, וואָס איר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ מאַזלדיק קוויטל אײַער איינציקע טאָכטער האָט אַרויסגעשלעפּט!

## די „הימל־שטראַסע"

מיטן געדאַנק, אַז באַלד וועט ער דערציילן קוריעלן אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט אין פּרויען־באַראַק, איז בערעק, אַ פאַרסאָפּעטער, נאָר אַ האָפּערדיקער, אַרײַנגעלאָפן אין קאַמערל. קוריעל איז געזעסן אַרומגעוויקלט מיט אַ טונקעלן וואָלענעם שאַרף אַרום האַלדז. ער האָט ניט מער ווי אַ פּיר געטאָן מיטן בליק איבער בערעקן, און ווי נאָר ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז קיין שום סאַקאָנע דראָעט ניט דעם יינגל, קיינער יאָגט אים ניט נאָך, האָט ער ווידער, ווי פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס אַרום אים, זיך גענומען פאַר זײַן טועכץ. הײַנט גראָד האָט ער ניט געהאַט קיין אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס איז קראַנק, צעבראָכן און ס'איז אים שוין ניט פאַרבליבן קיין סאַך צו מאַטערן זיך.

אָף אַ ראַם, באַצויגן מיט אַ ווײַסן שטאָף, זײַנען געלעגן עטלעכע קערנער־דימענטלעך פון פאַרשיידענער פאָרם און קאָליר. דאָס גרעסטע קערנדל איז געווען קלענער פון אַ שפּילקע־קעפּל. מיט טיפער באַדאַכטקײַט, וואָס קומט אין דער עלטער, האָט ער באַטראַכט די דימענטן מיט זײַנע נאָך אַלץ שאַרפע און דורכדרינגלעכע אויגן און מיסטאָמע אין גע־

דאנק שוין געפּוצט זיי און געשליפן. בערעק ווייסט שוין, ווי שווער און פאַרשיידנאַרטיק איז קוריעלס אַרבעט, ער ווייסט, וואָס פאַרא גרויסע קענטענישן און געשמאַק זי פאָדערט. קוריעל פאַרמאָגט עס איבערגענוג. נאָר ווי קאָן ער עס מיט דעם גרעסטן נײַגער זוכן דאָס, וואָס איז פאַרהוילן אין די דימענט־שטיינער, און צומאָל ניט באַמערקן, וואָס עס טוט זיך אונטער דער נאָז?

בערעק האָט זיך גענומען פאַר זײַן אַרבעט. ער ווייסט נאָך ניט, וואָס פאַר אַ מעטאַל ער רייניקט, נאָר די טרוימען זײַנען בײַ אים גאָלדענע.

די יעדיע וועגן אַפּרעל־אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און דערנאָך, אין קנאַפּע פיר כאַדאָשים אַרום, אין טרעבלינקע האָט אויף אים געווירקט, ווי אַ צויבער־געטראַנק, וואָס גיט לעבן דעם שטאַרבנדיקן. ערשט איצט באַנעמט ער דעם באַטײַט פון דעם, וואָס וואָן דאַם האָט אים געזאָגט: „אין לאַגער ווערט שוין עפּעס געטאָן”. דעם קינסטלערס געדאַנק איז געווען: אומעטום, וווּ עס ווילדעווען די עסעסאָווצעס, וואַקסט אַן אַקטיווע אונטערערד. בערעק האָט זיך פאַרשטעלן ניט געקענט, ווי איז עס מעגלעך אין אַזוינע באַדינגונגען כאָטש אַ וואָסער־ניט־איז ווידערשטאַנד. ער האָט געהאַלטן אין איין טרוימען, ווי דערלעבט מען די שאָ, ווען די רויטע אַרמיי וועט קומען. איצט האָט זיך באַוויזן נאָך אַ שטראַלכל, ווילט זיך אים גלייבן...

דערצייל וועגן דעם קוריעלן, וועט ער דיר זאָגן, אַז ס'איז ניטאָ קיין רעטונג, דאָס איז פאַרבלענדעניש, זעלבסט־אָפּנאַרערײַ, און דער טרוים וועט צערונען ווערן. בערעק פאַרשטייט אַליין, אַז די נעשאָמע קאָן גיכער אויסגיין, איידער די גליקלעכע מינוט וועט קומען, נאָר ביז עס קלאַפּט נאָך דאָס בלוט אין די גלידער, וויל ער פאַרהיטן די האָפענונג.

— בערעק, טו אויס דאָס היטל אָדער פאַריכט עס. ס'איז בײַ דיר פאַרדרייט דער דאַשעק. וואָס טוט זיך עס מיט דיר?

— ניט דאָס היטל איז פאַרדרייט, נאָר דער קאָפּ.

— ס'איז צו באַמערקן. דײַן געזיכט זאָגט וועגן דעם, — האָט קוריעל לײַכט אַ שמייכל געטאָן.

— איר האָט עס באַמערקט? איך האָב אײַך פיל צו דערציילן, הער קוריעל.

דאָס פאַרטעכל האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעגליטשט פון קוריעלס קני, און געזעסן איז ער שוין ניט אײַנגעהויקערט. פון דעם, ווי ער האָט געהערט, ווי ס'האָבן בײַ אים עטלעכע מאָל אַ צוק געטאָן די קינבאַקן, איז קענטיק געווען, אַז דאָס מאָל איז ער ניט געניייגט צו זען אַלץ פון דער שוואַרצער זײַט. ס'האָבן זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אַזעלכע ווערטער:

— איך וועל ניט זאָגן: ווי מע נעמט זיך פאַר, אַזוי העלפט גאָט. זאָל זײַן, עס איז געטאָן אָן אַ באַדן, אָן אַ האָפענונג צו זיגן, אָבער וויל צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינס. מעגלעך, אַז דערפאַר, וואָס טרעבלינקע האָט אָפּגעברענט, פאַרברייטערן זיי דאָ דעם נאָרד־לאַגער? נײַן באַראַקן ווילן זיי אויסבויען. וויפל, זאָגסטו, האָבן די אופשטענדלער אין טרעבלינקע פאַרניכטעט עסעס־לײַט? מער ווי צוואַנציק איז אין דער כראָניק אָנגעוויזן? און פאָרגעקומען איז עס דעם 3 אויגוסט? צי וועט עמעצער פון די

אנטלאָפּענע לעבן בלײַבן, דאָס ווייס איך ניט, נאָר אלציינס האָבן זיי באַדאַרפט גראָבן גריבער פאַר זיך...

— ווי מיינט איר, מיט באַלענדערן האלט שלעכט?

— נוימאַן זאָגט, אַז באַלענדער איז שוין קאַפּוט. נאָר איך מיין, אַז אויסער הימלערן, קאָן קיינער צו אים ניט מאַכן קיין ענדע. באַ מיר האָט זיך וועגן אים נאָכגעפרעגט אַ באַאַמטער פון פינאַנץ־מיניסטעריום און דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון די עסעס־לאַגערן קריסטיאַן ווירט. ווי איך האָב פון דעם געשפּרעך פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי אים גערן געהאָלפן אויסמײַדן יעטווידע שטראָף. די עסעס־אָפיצערן אין סאָביבאָר האָט מען ניט געמאָלדן, אַז באַלענדערן האָט מען פאַרורטיילט פאַר מאַכן געשעפטן מיט איידלשטיינער. זיי האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט געפאַלשעוועט אויף אַ געריכט־פּראָצעס און דערפאַר אַנגעטראָפן אין אַ לאַגער לעבן דאַנציק, פון דאָרט וועט מען אים מיט אַ שטראָף־באַטאַליאָן אָפּשיקן אויפן פראָנט. נאָר דאָס איז ניט וויכטיק. אַזאַ מענטשן־אָפּפאַל וועט דער טײַוול ניט נעמען. גראָד אים, ווי אַן ערשטקלאַסיקן ספּעציאַליסט פון מאָרדן, וועט מען גאָר ווערן פאַרהיטן. באַלענדער איז געווען פון די ערשטע אין דעם „עסעס־טאָטענקאָפּ־שטאַנדאַרט״. ווי קאָן מען זיך באַגיין אָן אים? דו וואָלסט געזען, מיט וואָס פאַר אַ פאַריסענעם קאָפּ ער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט. שטאַנגל האָט מיר אים דאַן אַזוי פאָרגעשטעלט: „דאָס איז דער עסעס־אָבערשאַרפירער קורט באַלענדער. אַ גוטער מענטש, נאָר דער בייזער הונט לאָזט צו אים ניט צו״.

– איר זײַט שוין דאַן געווען אַ קאַצעטלער?

— איך ווייס ניט, ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן? דאָס, וואָס דו האָסט מיר הײַנט דערציילט, האָט מיך, ווײַזט אויס, געמאַכט צו באַריידעוודיק. איז נעם זיך אָן מיט געדולד און הער. דער פּאָליציי־וואַכמײַסטער, וואָס האָט מיך אהער געבראַכט, האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דרײַ טעג. ווײַטער פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע האָט מען אויך אים ניט דערלויבט אריבערשפּאַנען. אין פאַרלויף פון אָט די דרײַ טעג איז מען מיט מיר זיך באַגאַנגען, וואָלט איך געזאָגט, מער ווי העפלעך. שטאַנגל האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך מיטיק עסן. זיך נאָכגעפרעגט, ווי עס געפעלט מיר דער פּרויען־פּאָרטרעט, וואָס הענגט איבער זײַן שרײַבטיש. דער פּאָרטרעט איז ווירקלעך געווען גוט געמאַכט. באַ אים אין שטוב האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז אויף דער וועלט גייט גאָר קיין קריג ניט. אַז מײַן שיקזאַל איז ענדגילטיק געלייזט, האָב איך פאַרשטאַנען נאָך דעם מיטיק, ווען ער האָט באַפוילן באַלענדערן מיר באַווײַזן די „הימל־שטראַסע״. אָן אינערלעכע שטים האָט אין מיר געשריגן: „גיי ניט!״. שטאַנגל האָט עס באַמערקט און געזאָגט: „גאָלד און איידלשטיינער לאָזט מען איבער דאָ, איידער מע גייט אהין״. מע האָט מיך באַלד באַזוכט און געפונען די צוויי קאָלבעלעך ציאַנקאַלי, וואָס כ׳האָב שוין אַ לענגערע צײַט געהאַט מיט זיך, זײַענדיק יעדע סעקונדע גרייט צום טויט. איך האָב אויך צוערשט אָנגענומען די גאַז־קאַמערן פאַר דאַמף־בעדער. איינע איז געווען אָפן, האָב איך אהין אַרײַנגעקוקט: ווי אין אַ באָד זײַנען אויפן דיל געלעגן צונויפגעקלאַפּטע הילצערנע לײַסטלעך, געשטאַנען שיסלען צום וואַשן זיך. פון די ווענט האָבן אַרויס־

געשטארצט מעשענע קראנען. מיר האָט אפן געדאנק ניט געקאָנט קומען, אז אין די אײַזערנע רערן שטראָמט שטיק־גאז, אז דער דיל איז אין דער זעלבער צײַט אויך א דאך, וואָס צערוקט זיך, און די דערשטיקטע שיטן זיך ארויס אף דער פלאטפאָרם, וואָס שטייט אונטן. באָלענדער האָט מיך צוגעפירט צו א מאסן־גרוב. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט, ווען מע זאָגט מיר, אז צו אזוינס קאָן זיך דערטראכטן די פארדאָרבנסטע מענטשלעכע פאנטאזיע. ווען איך וואָלט דאן געווען געהאט א מעגלעכקײַט באגיין זעלבסטמאָרד! מיר איז ניט גוט געוואָרן, איך בין אומגעפאלן. דער עסעס־אָבערשארפיורער האָט מיר געהאָלפן זיך אופהייבן פון דער ערד און דערלויבט אָפגיין אין א זײַט, ווו עס זײַנען געלעגן בעטאָן־פליטעס און אף זיי שטיקער רעלסן. אף איינעם אזא רעלס האָב איך זיך צוגעזעצט.

— דאָ וועט איר אונדז שטערן ארבעטן, — האָט באָלענדער געזאָגט און געהייסן, מע זאָל מיר ברענגען א שטול. — נעמען זי פלאץ! — איז ארויסגעזאָגט געוואָרן סײַ העפלעך, סײַ באפעלעריש. נאָר ווען כ'האָב דערנאָך שוין בעסער געוואָלט זיך אויסקערעווען צו דער מאסן־גרוב, איז געקומען דער באפעל: „פערבאָטען!". מיטן פינגער האָט ער מיר אָנגעוויזן, וווּהין איך מוז קוקן.

אף די אײַזנבאן־רעלסן האָט מען אויסגעלייגט אין דער ברייט גרויסע שטיקער האָלץ, און אף זיי אין דער לענג מענטשן־קערפערס, און ווידער האָלץ... און ווידער מענטשן, און ווידער... און ווידער... דער שטאבעל האָט געהאלטן אין איין וואקסן. מיר האָט זיך געדאכט, אז אף די בעטאָן־פליטעס וועט אויסוואקסן א בארג פון דערמאָרדעטע ביז צום הימל. אף וועגלעך האָט מען געבראכט עטלעכע פעסער אויסגעארבעטן נאפט און מיט פולע עמער דעם בארג באגאָסן. דער שײַטער־הויפן זאָל אופלאקערן, האָט מען א וואָרף געטאָן אן אונטערגעצונדענע לאפענע. וואָלט מיך בעסער דער פײַערדיקער בארג אײַנגעשלונגען! איך האָב אָבער נאָר פארלוירן דעם באוווּסטזײַן. צוויי קאצעטניקעס פון דער ארבעטס־קאָמאנדע האָבן מיך אָפגעמינטערט, און מע האָט מיר ווידער אונטערגעטראָגן דעם שטול.

באָלענדער האָט נאָך געפאָדערט, איך זאָל אפן צווייטן טאָג גאנצפרי בײַזײַן, ווען מע וועט דערשטיקן די „ברענער" פון דער ארבעטס־קאָמאנדע. נאָר דאָס איז שוין געווען ניט אין אים געווענדט. אפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט פראנץ שטאנגל מיר אונטערגעטראָגן אן אופגעעפנט שאכטל האוואנער ציגארן. געהאלטן פאר נייטיק צו מיטיילן, אז אויסער די עסעס־באאמטע, בין איך דער איינציקער, וואָס האָט באזוכט די „הימל־שטראסע" און זיך אומגעקערט א לעבעדיקער צוריק.

שטאנגל, דארף מען מיינען, האָט געהאט מער גרונט, ווי באָלענדער, זיך איבערצונעמען, נאָר ער האָט זיך ניט אופגעפירט אזוי גרויסהאלטעריש.

— ווי, — האָט בא מיר שטאנגל געפרעגט, — איז דורכגעגאנגען אײַער שפאציר? ניכט וואר, דאָס ווירקט אף דער פאנטאזיע, אפן געפיל? איר זײַט איבעראשט? בא מיר איז די איבעראשונג שנעל פאָריבער, — ער האָט

אַ גלעט געטאָן דעם גלאַט־געגאָלטן שאַרבן. די אויגן זײַנען האָבן אַלעמאָל געביטן זייער אויסדרוק. דערנאָך האָט ער פאַרייכערט אַ ציגאַר און אופמערקזאַם געקוקט אַף די קנוילן רויך, וואָס זײַנען זיך צעגאַנגען אין דער לופט. — באַלענדער טראָגט זיך אַרום מיט זײַן „הימל־שטראַסע”, ווי אַ הון מיט אַן איי, און פאַרוואָס ניט? אָט זײַט איר געווען אין פיל לענדער און שטעט, האָט איר ערגעץ אַזוינס געזען? איר האָט געוויס געמיינט, אַז ערד איז אומעטום ערד? ס׳איז אַ פיקציע. איך וויל אײַך זאָגן, אַז בלויז האָבנדיק גרויס צוטרוי צו אײַך, האָבן מיר אײַך באַוויזן די „הימל־שטראַסע” און דעם באָד־אַנשטאַלט. און איך וויל אײַך וואָרענען, אַז איר דאַרפט אין אַלץ פאַרגעסן. פונדאַנען טאָר קיין אינפאָרמאַציע ניט אַרויס, ווען איר אָדער ווער אַן אַנדערער זאָל אַפילע האָבן אַ מעגלעכקײַט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט די גײַסטער פון די פאַרניכטעטע. פייגל אַף די ביימער ווייסן, אַז זיי דאַרפן דאָ זײַן שטיל. דאָס וויכטיקסטע איז אײַך שוין באַוויזן געוואָרן, און איצט דאַרפט איר אַליין מאַכן אויספירן, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט. אומזיסט נערווירט איר זיך. ס׳איז ניט אַזוי געפערלעך. צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט. דערצו באַדינט מײַן אַנשטאַלט איבערהויפּט ייִדן, וואָס אויב זיי זײַנען שוין געבוירן געוואָרן, דאַרף מען זיי וואָס שנעלער פאַרניכטן. זיי האָבן זיך צופיל פאַרהאַלטן אַף דער וועלט, האָבן מיר געפונען אַן אוניווערסאַל מיטל קעגן דעם. סאָביבאָר איז ניט קיין געטאָ, דאָס איז אַ ספּעציִעלער מוסטער־לאַגער. איצט זײַנען מיר פייִק דורכלאָזן פופציק טויזנט איינסן אַ כוידעש. מיט דער בויונג האָט אָנגעפירט דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן גאָלצײַמער. אַ פאַרדינסטפולער מענטש, וואָס האָט אָפּגעגעבן דער זאַך פיל צײַט און איז גלענצנדיק צוגעגרייט דערצו, נאָר אַ קאַרגער זייער. אויסערגעוויינלעכע ענערגיע האָט ער אַרויסגעוויזן, קעדיי די גאַז־קאַמערן זאָלן אויסזען ווי געוויינלעכע בעדער. אַלץ, וואָס פאָדערט זיך פאַר די געפאַנגענע, האָט ער פאָרויסגעזען, און אַף אויסבויען נאָך עטלעכע קאָטעדזשן פאַר דער קערפּערשאַפט, וואָס פירט אָן מיטן אַנשטאַלט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויסטיילן מיטלען.

שטאַנגל האָט דאָס אַלץ מיר דערציילט, ווי ער וואָלט געוואָלט סײַ זיך באַרימען פאַר מיר, סײַ מיך אויפקלערן. גלײַך איך וואָלט טאַקע ווירקלעך געווען זײַנער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, האָט ער מיר, אַזוי ווי דעם ערשטן טאָג, פאָרגעלייגט מיט אים מיטיק עסן. און ווײַל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, האָבן זיי אײַנצווייען, שטאַנגל און באַלענדער, אין מײַן אָנוועזנהײַט גענומען באַהאַנדלען, ווּהין מיך אַהינטאָן. מיר האָט שטאַנגל ווי אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן: „די וועלט איז אַזוי גרויס, און אײַך איז ניטאָ וווּ אַהינצוטאָן. נאָר קימערט אײַך ניט, ערטער אַף צו פאַרשיקן זײַנען אין דעם קאַנט פאַראַן פיל, אָבער איר, ווּהין איר האָט אָנגעטראָפן, דאָרט וועט איר פאַרבלײַבן”.

ס׳איז געגאַנגען אַ רייד, כ׳זאָל זיך באַזעצן אין דעם הויז פונעם געוועזענעם וואַלד־וועכטער אַף דער טעריטאָריע פונעם צווייטן לאַגער, אינעם שפּײַכלער, ווו עס ווערן געהאַלטן באַזונדערס ווערטפולע זאַכן, אין איינעם פון די קאָטעדזשן, ווו עס וווינען באָוער און גאָמערסקי. און דאָ האָט

זיך אומגעריכט ארויסגעוויזן, אז דאָס לעצטע וואָרט וועט געהערן דעם עסעס־אונטערשאַרפיורער יאָהאַן נוימאַן, ווען שטאַנגלס אַדיוטאַנט האָט אינצווישן דורכגעלאָזט אין קאַבינעט פון לאַגער־קאָמענדאַנט, אונטערצו־שרײַבן עפּעס אַ פּאַפּירל.

— איך בעט אַנטשולדיקונג, הער אָבערשטורמפיורער, נאָר דערלויבט אײַך זאָגן, — האָט נוימאַן זיך געווענדט צו שטאַנגלען, — ס'איז ווינטשנס־ווערט, אַז אויסער אונדז זאָל קיינער ניט קומען אין באַריר מיטן הער קור־ריִעל. זאָל עס פאַרבלײַבן דיסקרעט. די פאַרורטיילטע זײַנען אין דער היג־זיכט ניט געפערלעך. און איך האָב אַן אָרט פאַר אים — דאָס קעמערל פאַר־נעם ייִדישן יוּוועליר.

— ריכטיק, — איז שטאַנגל גלײַך אײַנגעגאַנגען, ווי ניט ער, נאָר דער אונטערשאַרפיורער וואָלט צווישן זיי געווען די הויפּט־פיגור.

פונוואַנען איז נוימאַנען באַוווּסט געווען מײַן נאָמען, איז מיר ניט קלאָר געווען. ווי אויך, דאַכט זיך, שטאַנגלען און באָלענדערן. צו מײַן וווּנונג האָט מיך אָפּגעפירט באָלענדער. ווי נאָר איך בין פאַרבליבן אַליין, האָב איך אַ קלער געטאָן: אַ שאָד, וואָס איך קאָן ניט קיין סטענאָגראַפיע. מע וואָלט אַלץ באַדאַרפט פּינקטלעך פאַרשרײַבן. דאָך פּאַפּיר און אַ בלײַפע־דער האָב איך בײַ זיך געהאַט, און ווײַל אין קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען פריש, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש און קימאַט פּינקטלעך פאַר־פיקסירט דאָס, וואָס כ'האָב דעם טאָג געזען און געהערט פון שטאַנגלען, פון באָלענדערן.

מײַן ערשטער מיטווינער איז געווען דער קאַפּאָ שלאָק. ווי אַ יעגער־הונט האָט ער נאָך מיר נאָכגעשפּירט, כאָטש מעגלעך, ער האָט אַזאַ באַ־פעל פון קיינעם ניט באַקומען. צענדליקער מאָל האָט ער ווידערהאָלט איינס און דאָס זעלבע: „מע דאַרף לעבן מיטן הײַנט. און ווי ווער עס קאָן, אַזוי דאַרף ער זיך ראַטעווען. צוליב דעם איז אַלץ דערלויבט". באַטאָג האָט ער מיר דערציילט, ווי זײַן „קאַריערע" האָט זיך דאָ אָנגעהויבן. אין ספּעציעלע קעסלען האָט ער באַאַרבעט די פּרויען־האָר. דערנאָך געטריקנט, סאָרטירט, קעדיי אָפּשיקן אין די מעבל־פאַבריקן אויף אָנפילן מאַטראַצן און אויף אַ זאַוואָד, וואָס אַרבעט אויס איזאָליאַציע־מאַטן פאַר אונטערוואַסער־שיפן. באַנאַכט האָט ער פון שלאָף געשריִען: „וואַ־באַנק!"

צוערשט האָב איך געמיינט, אַז ער איז אַ גאַנץ בראַוווער מאַן, נאָר ווען איינער פון די געפאַנגענע האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פּאַטש אין באַק, האָט ער דערנאָך לאַנג זיך געשראָקן פונעם קעמערל ארויסגיין. ביז־וואַנען פרענצעל האָט אים ניט ארויסגעגעבן עטלעכע גוטע שמיץ און אַ דראָע געטאָן אָפּשיקן צו באָלענדערן. די מוירע באַ שלאָקן איז אַ צווייענ־דיקע — ער ציטערט פאַר די עסעס־לײַט און ציטערט פאַר די קאַצעטני־קעס. זײַן מיט אים טאָג און נאַכט צוזאַמען איז פאַר מיר געווען אומדער־טרעגלעך. האָב איך געמאָלדן נוימאַנען, אַז כ'בייטיק זיך אין אַ געהילף, און גלײַך איז געקומען דער ענטפער: „אײַער ביטע וועט אין די נאָענטסטע טעג אויסגעפילט ווערן".

דו ביסט באַ מיר דער דריטער. פון אַלע עסעס־אָפיצערן קומט איצט אַהער בלויז נוימאַן. ס'איז צו גלייבן, אַז דער געשטופּלטער וואַכמאַן, וואָס

ברענגט אונדז איצט אָנשטאָט שלאָקן דאָס עסן, איז אויך פאַרווערטיילט. ווערט נאָר מיט מיר עפּעס וואָס געשען, קאָן מען אים דערשיסן פון זײַן אייגענער ביקס. אזוי ענדיקן לאַנדסקנעכט.

נאָך א קורצער פּאַוזע האָט קוריִעל פאָרגעזעצט:

— נײַס, בערעק, האָסטו געבראַכט גוטע. נאָר ביז די ערד וועט אָנהייבן ברענען באַ די עסעס־לײַט אונטער די פיס, איז נאָך ווײַט. וואָס בעסער ס'איז די לאַגע פון דער רויטער אַרמיי אַפן פראָנט, אַלץ מער ווערן צע־רייצט די נאַציסטן. מע ווייסט שוין, דאָס איז א זיכערער באַראָמעטער. ביז סאָף יאָר וועלן אין גענעראַל־גוּווערנעמענט פאַרניכטעט ווערן די לעצטע געטאָס.

בערעקן, וואָס האָט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס קוריִעל דערציילט, האָט ניט אויפגעהערט צו עגבערן איין גע־דאַנק:

— הער קוריִעל, איך וויל אײַך פאַרגעבן א פראַגע. צווישן די קאַצעט־ניקעס זײַט איר דאָ דער איינציקער דײַטש, דערצו נאָך זײַט איר פון די געציילטע מענטשן, וואָס לעבן דאָ אזוי לאַנג. שטאַנגל האָט דאָך אויך געזאָגט, אַז איר זײַט דער איינציקער, וואָס האָט באַזוכט די „הימל־שטראַ־סע" און זיך אומגעקערט א לעבעדיקער צוריק. איר האָט געוויס פיל פרײַנט אין פאַרשיידענע לענדער, וועלכע שעצן אײַך און גלייבן אײַך. איז פאַרוואָס זאָלט איר ווײַטער ניט פאַרשרײַבן אַלץ? מעגלעך, ס'וועט זיך מאַכן א געלעגנהײַט עס איבערגעבן אַף דער פרײַ. אָט זײַנען דאָך צו פייגעלען דערגאַנגען בריוו.

קוריִעל האָט א צוק געטאָן מיט די אַקסל:

— צוליב וואָס, בערעק, זאָל איך פאַרנעמען א זאַך, וואָס האָט קיינע שאַנסן. אָנשרײַבן, לאָמיר זאָגן, קאָן איך. נו, און אין וועמעס הענט וועט דאָס אָנגעשריבענע אָנקומען? די בריוו און כראָניקעס, וואָס זײַנען אַרײַנ־געפאַלן צו פייגעלען, האָבן דען אַריבערגעשפּאַנט איבער דעם שטעכל־דראָט? דערצו זײַנען זיי געשריבן אין יִידיש, אין פּויליש.

— איך ווייס ניט, אויב מע דאַרף, קאָן איך אײַערע ווערטער פאַרצייי־כענען אַף יִידיש. איך וועל זיך פּרוּוון. מיר דאַכט זיך, אַז אַף דײַטש וואָלט עס געווען נאָך וויכטיקער. מיר ווייסן דאָך, אַז אונדזערע זאַכן פאַרברענט מען ניט. מע סאָרטירט זיי נאָר, מע ליידיקט אויס די קעשענעס. מיט דער אַרבעט פאַרנעמט זיך דאָך ניט נוימאַן, ניט פרענצעל. וואָס ריזיקירן מיר? עפּשער וועלן פון טויזנטער נאָטיצן גראָד אײַערע דערגיין צו א מענטשן, וואָס וועט זיי, מעגלעך, פאַרעפנטלעכן. מענטשן דאַרפן עס דאָך וויסן.

— אייניקע זאַכן פאַרשרײַב איך. דו, בערעק, האָסט א גוטן קאָפּ, איז פאַרגעדענק. יאָ, מענטשן דאַרפן עס וויסן. איך וויל דיר, בערעק, דער־קלערן נאָך א זאַך, און כ'וואָלט זייער געוואָלט, זאָלסט עס גוט פאַרשטיין. אין סאָביבאָר בין איך צווישן די קאַצעטניקעס דער איינציקער דײַטש, נאָר אין אַנדערע לאַגערן... דו ביסט אויסגעוואַקסן צווישן יִידן, ווייסטו, אַז די ערשטע אויסנאַם־געזעצן זײַנען געווען געווענדט קעגן יִידן. די נאַ־ציסטן האָבן גענומען קנעלן מיט דער וועלט, אַז אויב ס'איז דאָ א פאָלק, וואָס האָט ניט געטאָרט געדאַכט ווערן אַף דער וועלט, — זײַנען דאָס די

יידן. דו ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ לאַגער, ווו מע פֿאַרניכטעט יידן, נאָר טויזנטער לאַגערן און געפֿענקענישן זײַנען, ווי די שוואָמען, אויסגעוואַקסן אין דרײַ פֿערטל אייראָפּע, אײַנשליסנדיק דײַטשלאַנד. אַלע אָקופּירטע לענדער זײַנען אַן אַרענע פֿון ווילדע און אומענטשלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען. נאַציזם, בערעק, באַטײַט ניט נאָר מאַכן די וועלט „יודנריין”. ס'איז פֿיל שרעקלעכער...

קוריצעל האָט זיך אופֿגעשטעלט און פֿאַמעלעך, טראָט בײַ טראָט, אָנגעהויבן שפּרײַזן איבערן צימער. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קעגן בערעקן, וואָס איז געזעסן אַ צעטומלטער פֿון זײַנע רייד, און מיט אַן אָנגעבראָכענער שטים געזאָגט:

— דו קאָנסט זיך דורכריידן מיט ליוקען, מיט פֿייגעלען. פֿאַר מיר ביסטו דער איינציקער נאָענטער מענטש. דאָס איז מער ווי אַלגעמיינער גורל. ווייל איך ניט, צווישן אונדז זאָל פֿאַרבלײַבן עטוואָס ניט דערזאָגטס, עטוואָס ניט קלאָרס. האַלטסטו, אַז איך בין ניט גערעכט, איז פֿאָלג דײַן האַרץ, וואָס זעט בעסער, ווי דאָס אויג, און זאָג עס מיר אָפֿן.

בערעק האָט ניט אויסגעהאַלטן קוריצעלס דורכדרינגלעכן בליק. ער האָט אויך זיך ניט געאײַלט מיטן ענטפֿער.

קאַפּיטל פֿיר

# דער אופֿשטאַנד

## דער מינסקער עשעלאָן

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט מען אינעם מינסקער אַרבעטס־לאַגער קיינעם אויף דער אַרבעט ניט געטריבן. וועגן וואָס נאָר האָט מען ניט איבערגעקלערט! אין אַזאַ אָרט קאָן דאָך אַלץ געמאָלט זײַן. אויפֿן פֿערטן טאָג, דעם 18 סעפּטעמבער 1943, האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין הויף, און אַליין דער קאָמענדאַנט וואַקס, וואָס פֿון זײַן מויל האָט נאָך קיינער קיין וואָרט ווארט ניט געהערט, האָט געמאָלדן:

— אײַך האָט אָפּגעגליקט. דער רײַכספּיורער האָט געפֿונען פֿאַר מעגלעך צו שענקען אײַך דאָס לעבן. אַלס הויכקוואַליפֿיצירטע ספּעציאַליסטן ווערט איר געשיקט אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. אַ ספּעציעלער טראַנספּאָרט וואַרט שוין אויף אײַך, — בײַ די ווערטער האָט וואַקס אַ שמייכל געטאָן און אין זײַן פֿאַרקרימט מויל האָט אַ בליאַסקע געטאָן אַ גאָלדענער צאָן. ער האָט שטאַרק האַנאָע געהאַט פֿון זיך און פֿון זײַן רעדע. — מיט אײַך וועלן פֿאָרן אײַערע פֿאַמיליעס. איר קאָנט נעמען מיט זיך אַלע זאַכן.

שלוימע לייטמאַן, וואָס איז געשטאַנען צווישן פּעטשערסקין און ציבולסקין, האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אייסעד־וואָס, האָבן זאָל ער אַזוי דעם קאָפּ אויף זיך, ווי דאָס איז

עמעס. פאלש, ווי א שלאנג. נאָר וואָס זשע לאָזט עס אונדז הערן, הא, ווי מיינט איר?

לייטמאַן איז קימאַט אַף אַ קאָפּ נידעריקער פון זײַנע שכיינים. ער זעט, און אים זעט מען ניט. קאָן ער זיך דערלויבן עפּעס אַ זאָג טאָן.

באָריס ציבולסקי פּאַקט אַ מאָמענט, ווען וואַקס פאַרקוקט זיך, און ניט אויסקערעוועדיק דעם קאָפּ, טוט ער אַ שעפּטשע:

— פרעג מיך עפּעס גרינגערס. די גאַנצע מײַסע איז, פאַרשטייט זיך, אַן אויסגעטראַכטע. נאָר מיר האָבן שוין פאַרזוכט גענוג צאָרעס, וועט נאָך אַ ביסל זיך ניט שטאַרק אָנזען.

געזאָגט האָט ער עס מיט אַזאַ טאָן, ווי גלײַך שלוימע האָט זיך אים געקלאָגט, אַז דער וועטער וואָלט געמעגט זײַן אַן אַנדערער.

צי האָט עמעצער געגלייבט וואַקסן? ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט גלייבן.

עס זײַנען צוגעפאָרן שווערע לאַסטמאַשינעס, איבערגעדעקטע מיט ברע־זענטן. קיין פּעק און קיין קערב האָט שוין קיינער ניט געהאַט, האָט לאַנג ניט געדויערט, און מע האָט די פרויען מיט די קינדער אופגעזעצט אַף די מאַשינעס און אוועקגעפירט צום וואָקזאַל. די מאַנצבלען האָט מען אויס־געשטעלט אין אַ קאָלאָנע צו פיר אין אַ ריי. פּעטשערסקי, לייטמאַן, ציי־בולסקי און שובײַעוו זײַנען געגאַנגען אין איין ריי. עסעסאָווצעס מיט הינט האָבן זיי, אָפּגעריסענע, אָפּגעלאָזענע, געענומען טרײַבן דורך דער שטאָט.

ווײַל מע איז אָפּגעשוואַכט, ציט זיך דער וועג אומגעהייער לאַנג. ניט זיי די ערשטע טרײַבט מען מיט דעם וועג. באַ אַ פּלויט שטייט אַ הונט און קוקט זיך אפילע אַף זיי ניט אום. צוגעוווינט. נאָר פון יענער זײַט פּאַרקן האָט עמעצער מיט אַ קוויטשיק קאָל אויסגעשריִען:

— מע פירט אײַך צום טויט! איר הערט? צום טויט!

פון די ווערטער נעמט שטיקן אין האַלדז.

אײַנוווינער פון שטאָט, אַליין אויסגעצערט און אויסגעדייווערט, האָבן געוואָרפן אין דער קאָלאָנע ווער אַ געקאָכטע קאַרטאָפל, ווער אַ בורעק, אַ מער, אַ היפּטל קרויט.

אין פעלד, ווײַט פונעם וואָקזאַל, האָט מען זיי אָפּגעשטעלט. דאָ איז די ערד געדיכט באַדעקט מיט גראָז. ס'האָט זיך שוין גאָרניט געגלייבט, אַז די ערד קאָן נאָך עפּעס אַרויסגעבן פון זיך. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז מיטן ריייעך פון פּאָלין. אַף אַ בוים מיט צווײַגן, ווי הירשן־הער־נער, שאָקלען זיך שטיל די בלעטער. אַ ציג פּאַשעט זיך. דער ראָזע אײַ־טער, אָנגעפילט מיט מילך, הוידעט זיך באַ איר. פּעטשערסקי האָט אַ קלער געטאָן: פונקט ווי ס'וואָלט אַף דער וועלט גאָרניט געשען.

אַ פײַף פון לאָקאָמאָטיוו, און אָט שטייט שוין אַן עשעלאָן פון פינף און צוואַנציק פראַכט־וואַגאָנעס. אין יעדן וואַגאָן, וואָס איז אויסגערעכנט אַף טראַנספּאָרטירן אַכט פערד, האָט מען אַרײַנגעשטופּט צו אַכציק מענטשן. פּעטשערסקי האַלט זיך נאָך דערוויל מיט זײַן קאָמפּאַניע. אַ וואַכמאַן האָט מיט אַ לאַנגער פּרוטיע אַ פיר געטאָן איבער די אײַזערנע גראַטעס פונעם קליינעם וואַגאָן־פענצטערל. אויב די גראַטעס זײַנען אָנ־געזעגן, וועט ער עס גלײַך דערשפּירן לויטן קלאַנג. מיט אַ סקריפּ, מיט

א גרילץ פארמאכט זיך די ברייטע טיר. פון דרויסן לאָזט מען אראָפּ דעם פארוקער. איצט איז מען פאריגלט, פארשפארט.

דער צוג שלעפּט זיך, ווי ניט קיין לאָקאָמאָטיוו, נאָר אָקסן וואָלטן אים געפירט. איידער אזוי פאָרן, איז שוין בעסער גיין צופוס. שוין דער צווייטער מעסלעס, אז מע האָט די מענטשן ניט געגעבן קיין ברעקל ברויט און קיין טראָפּן וואסער.

לעבן פעטשערסקין איז געשטאנען א יונגע פרוי מיט א מיידעלע אף די הענט. דאָס קינד האָט פעטשערסקי באמערקט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אף שיראָקע־גאס. עמעצער האָט אים געזאָגט, אז מע רופט זי עטעלע פון געטאָ, אז איר טאטע איז געווען א מיליטער־דאָקטער און די מאמע — א סטודענטקע פון מינסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. באם קינד זיינען געווען גאָלד־געלאָקטע האָר, בלויע אויגן און געטאָקטע ווייסע ציינדעלעך.

— ווי אלט ביסטו? — האָט פעטשערסקי געפרעגט.

— דריי, — האָט דאָס קינד שטיל ארויסגעשטאמלט.

— קום צו מיר. דיין מאמען איז דאָך שווער דיך האלטן די גאנצע צייט אף די הענט.

דאָס מיידעלע האָט אויסגעשטרעקט די דארע הענטלעך און ארומגעכאפּט פעטשערסקין פארן האלדז. זי האָט איינגעדרעמלט. שוין צום ווילפלטן מאָל האָט עטעלעס מאמע געבעטן אים אומקערן איר דאָס קינד, און ער האָט איר אלץ געענטפערט מיט א שאָקל פון קאָפּ: ניין, ער איז נאָך ניט מיד.

עטעלעס קעפּעלע האָט געוואָרעמט זיין ברוסט, און אים האָט זיך געדאכט, אז דאָס פילט ער די וואַרעמקייט פון זיין עלאָטשקען, זיין איינציק טעכטערל, וועלכע איז מיט עטעלען אין איין עלטער.

צו עלאָטשקען איז איצט ווייטער, ווי צו דער לעוואָנע. זי איז פארבליבן מיט דער מאמען אין ראָסטאָוו. צי האָבן זיי באוויזן זיך עוואקוירן, ווייסט ער ניט. בא וועמען אין די הענט איז איצט ווידער ראָסטאָוו? גאָרנישט, גאָרנישט ווייסט ער ניט. נאָר ערגעץ גייען דאָך שלאכטן! הוידענדיק עטעלען אף די הענט, האָט ער געטראכט וועגן דעם, אז מע מוז זיך ארויסרייסן פונדאנען, מע מוז אנטלויפן. אין ארבעטס־לאגער האָט זיך עס ניט באקומען. דארף מען ווידער פּרוּוון. אויב ניכטער אָפּוועגן, איז דאָך קלאָר, אז ווי די ריזיקע זאָל ניט זיין גרויס, איז דאָס דער איינציקער שאנס לעבן בלייבן.

דאָס מיידעלע האָט זיך אופגעכאפּט און זיך ארומגעקוקט.

— איך בין דאָ, לעבן דיר, — האָט זי די מאמע בארויקט און גענומען קעמען מיט די פינגער אירע האָר.

— מאמע, מיר איז הייס. איך וויל אהיים.

א זיפץ — און דאָס איז דער ענטפער.

— און וווּ איז דיין היים? — האָט פעטשערסקי געפרעגט.

— אין געטאָ. דאָרט האָבן מיר א נארע און א סאָך, א סאָך שמאטעס. פעטשערסקי האָט איר דערלאנגט א געקאָכטע קאלטע קארטאָפל און

געגעבן אַ ביסל וואַסער פון דער פעלד־פלאַש, וואָס ער האָט באַהאַלטן אונטערן העמד.

פון אים איז עטעלע אַריבער צו שלוימע לייטמאַנען, דערנאָך צו באָריס ציבולסקין.

— פינקעוויטש, — האָט ציבולסקי אַ טאַרע געטאָן זײַן שאָכן, — נעמט אַ ביסל דאָס קינד.

— איך שטיי אַליין קוים אויף די פיס, — האָט יענער געענטפערט.

— אַלע שטייען מיר קוים אויף די פיס. איך האָב טאַקע אַזוי געמיינט, אַז גראָד איר וועט זיך אָפּזאָגן. אײַך האָבן מיר נאָך אין „יודען־קעלער" דערקענט.

פינקעוויטש האָט געוויס פאַרשטאַנען, וואָס ציבולסקי מיינט דערמיט צו זאָגן. געווען אַ מײַסע.

...אין פײַכטן פינצטערן קעלער איז געווען אַזוי ענג, אַז בלויז אויפן פינפטן אָדער אויפן זעקסטן טאָג, ווען דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע מע האָט פאַרטריבן אַהער, איז שוין אומגעקומען, האָט מען געקאָנט געפינען אַן אָרט אויף זיך צולייגן, דערבײַ בלויז אויף אַ זײַט און ניט מער ווי אויף אַ פּאָר שעה.

יעדער מאָל, ווען מע פלעגט עפענען די טיר אויף אַרויסטראָגן די געשטאָרבענע, האָט דער וואַכמאַן געפרעגט:

— נאָך לאַנג צו וואַרטן, ביז איר וועט אַלע אויספּייגערן?

— לאַנג, — פלעגט שטענדיק ענטפערן איין און דער זעלבער מענטש.

איבער אַ טאָג, נאָר שטענדיק אין איין צײַט, פלעגט מען ברענגען די שיטערע באַלאַנדע און דעם פענעץ ברויט, האָט מען געוווּסט, אַז ס'איז טאָג, און ניט נאַכט, און אַז נאָך צוויי מעסלעס זײַנען פאַרבײַ.

איינמאָל האָט דער עלטסטער וואַכמאַן אַ זאָג געטאָן:

— איר זײַט אונדז שוין דערעסן, נאָר ס'איז ניטאָ קיין באַפעל מאַכן קאַפּוט מיט אײַך. איז עפּשער געגנוג צו ציִען? דערשטיקט איינער דעם צווייטן, און אַן ענדע זאָל נעמען!

דער זעלבער מענטש, וואָס פלעגט ענטפערן: „לאַנג!", האָט פון דער פינצטער אַ געשריי געטאָן:

— אויף דעם וועט איר זיך ניט דערוואַרטן!

דעם דאָזיקן מענטשן האָבן די פאַרורטיילטע ניט אויסגעוויילט פאַר זייער עלטסטן, ניט אַלע האָבן אפילו געוווּסט זײַן נאָמען. בלויז באָריס ציבולסקין און שלוימע לייטמאַנען האָט ער געזאָגט, אַז ער הייסט אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי. אין לאַגער פאַר די קריגסגעפאַנגענע, וווּ זיי זײַנען פריִער געווען, האָבן אים אַלע גערופן סאַשקאָ.

ניין, קיין עלטסטער איז ער ניט געווען, נאָר געפאָלגט האָבן אים אַלע.

ווי נאָר מע האָט זיי פאַרטריבן אַהער, האָט איינער פון די אסירים מיט אַ געפּאַלענער שטים געזאָגט:

— מיר דאַרפן נאָך דאַנקען די דײַטשן, וואָס זיי האָבן אונדז גלײַך ניט דערשאָסן...

אָט דאַן האָט מען צום ערשטן מאָל דערהערט סאַשקאָס שטימע:

— הער נאָר דו! דאכט זיך, פינקעוויטש רופט מען דיך, אויב דו ווילסט ניט, איך זאָל זיך א נעם טאָן צו דיר, איז ווער בעסער גלײַך אנשוויגן!
און אנדערשמאָל האָט פעטשערסקי געזאָגט:
— מיר וועלן אזוי דאָ אלע פון זינען אראָפּ: זיצן און וואַרטן אפן טויט. זאָל יעדערער דערציילן, וואָס אים ווילט זיך, וועט כאָטש די צײַט זיך א רוק טאָן.
אין קעלער איז געוואָרן א גערודער. דער וואכמאַן האָט גענומען קלאַפּן מיט דער ביקס אין טיר.
— טומלט ניט, — האָט סאשקאָ בארויקט די מענטשן. — צײַט קומען צו־זיך. אפילו ווען ס'בלײַבט א לויט האָפענונג, טאָר מען ניט אראָפּלאָזן דעם קאָפּ. לאָמיר זיך צוערשט צווינגען ארויס פון הינערפּלעט. פאראן באלאָנים אָנצוהייבן? ניטאָ, וועל איך זײַן דער ערשטער...
וועגן וואָס האָט ער געזאָלט דערציילן? ארום אים זײַנען געזעסן נײַן און צוואנציק קריגסגעפאנגענע. אהער אינעם פינצטערן קעלער, וואָס צווישן זיך האָבן זיי אים גערופן „מינסקער קארצער" און בא די דײַטשן האָט ער געהייסן „יודען־קעלער", האָט מען זיי אלעמען געבראכט אף צו פארניכטן. אין אוגוסט 1942 האָט מען פון די לאגערן פאר סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע אָנגעהויבן אָפּטער אָפּשיקן גרעסערע פארטיעס אף צוואנגס־ארבעט קיין דײַטשלאנד. פארן אָפּפירן צום וואָקזאל פלעגט מען ווידער אלעמען אונטערזוכן, עס זאָל, כאָלילע, זיך ניט דורכשמוגלען אין „פאטערלאנד" קיין ייִד. אָט אזוי האָט מען די דרײַסיק געכאפּט, און פאר זיי — הונדערטער, וואָס זײַנען שוין אף דער וועלט ניטאָ.
ער האָט דערציילט וועגן זיך.
אין עלטער פון זיבעצן יאָר האָט סאשע פעטשערסקי געארבעט אין די ראָסטאָווער אײַזנבאַן־ווארשטאטן און אײַנצײַטיק פארענדיקט די מוזיקאַלע שול. זײַן לערער האָט געזאָגט, אז מיט דער צײַט קאָן אָט דער וואָקסיקער, שטאלטנער באָכער ווערן א ווירטואָז א פיאַניסט. פון די ווארשטאטן איז סאשע ניט אוועק, כאָטש געמיינט האָט ער, אז שיר ניט דאָס סאמע וויכטיקסטע אין לעבן איז הארמאָניע און ריטם. דאן האָט ער זיך אפילו ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז ס'איז דאָ אף דער וועלט אזא מין קלאנג, ווי דאָס קאוויטשען פון מינעס. דאָס האָט ער זיך דערוווּסט שוין אפן צווייטן טאָג פון דער מילכאָמע. אף די ליצן פון זײַן גימנאסטיאָרקע האָבן געבלאנקט צו צוויי קוביקעס. געדינט האָט ער אין אן ארטילעריע־פאָלק.
שלאכטן, שלאכטן... פון איין ארומרינגלונג זיך ארויסגעריסן, אין א צווייטער ארײַנגעפאלן.
אָנהייב אָקטיאבער 1941. הינטער וויאזמע האָט דער לייטענאנט פּעטשערסקי און זײַן כאַווער דער פּאָליטרוק פּיאָדאָר פּושקין באקומען א באפעל ארויסטראָגן פון ארומרינגלונג דעם קאָמיסאר פון פאָלק, וואָס איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן. דער קאָמיסאר איז אפן צווייטן טאָג געשטאָרבן, און זיי זײַנען ארײַנגעפאלן צו די דײַטשן אין די הענט.
דערנאָך האָבן דערציילט ווײַספּאפּיר, ראָזענפעלד...
ארקאדי ווײַספּאפּיר איז געבוירן געוואָרן אין דער אלטער ייִדישער

קאַלאָניע באַבראָווי קוט לעם כערסאָן. דאָרט איז אויך געבוירן געוואָרן זײַן זיידע דער שמיד, זײַן טאַטע דער קאַלווירטישער בריגאַדיר. דאָרט האָט ארקאַדי פאַרענדיקט די צעניאָריקע שול, און פון דאָרט איז ער ערעוו דער מילכאָמע אוועק אין דער רויטער ארמיי. געדינט האָט ער אַף דער גרענעץ, ניט ווײַט פון ברעסט. צום ערשטן מאָל אין אַטאַקע געגאַנגען לעבן קאָוועל.

הינטער טשערניגאָוו איז ער אין איין שלאַכט צוויי מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן. א כאַוועהר האָט אים איבערגעבונדן די ווונד און אַף זיך געטראָגן ביז דעם דעסנע־טײַך. אַף א שטיקל צײַט האָט ארקאַדי פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן. ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער זיך א ריס געטאָן נאָך דער ביקס, נאָר דערפילט אין אלע אייוורים א בראַנד־פײַער, א שאַרפן ווייטעק און א פײַכטע קעלט. איבערן טײַך האָט זיך געקײַקלט דער עכאָ פון הארמאַט־זאַלפּן. לעבן ברעג טײַך איז געלעגן טויט זײַן כאַווער, וואָס האָט אים אהער געבראַכט צו טראָגן.

מיט די דלאָניעס האָט ארקאַדי צוגעדעקט דאָס ברענענדיקע פּאָנעם. ווי דערקלײַבט מען זיך צום וואַסער, כאָטש די איבערגעטריקנטע ליפּן צו באַנעצן? ער האָט זיך געפּרוווּט אופשטיין, נאָר גלײַך ווידער אומגע־פאַלן. עטוואָס לײַכטער איז אים געוואָרן, ווען עס האָט זיך אים אײַנגעגע־געבן אָפּבינדן דאָס שטיקל צײַג, מיט וועלכן דער כאַווער האָט אים איבער־געבונדן, און ארויסלאָזן א ביסל בלוט פון די ווונדן.

עס האָבן זיך באַוויזן דײַטשן. זיי האָבן ארופגעוואָרפן ארקאַדין אַף אן אָפענער לאַסטמאַשין, ווו עס זײַנען געלעגן נאָך אכט פאַרוווּנדעטע רויט־ארמייער.

וואָס ווײַטער? ווײַטער — האָמליער לאַגער, באָברויסקער, מינסקער...

...ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז סעמיאָן ראָזענפעלד נאָך ניט אַלט געווען קיין נײַנצן יאָר. ער האָט באַוויזן ענדיקן אין שטעטל טערנאָווקע, ניט ווײַט פון וויניצע, די צעניאָריקע שול און געדינט אין דווינסקער באַזונדערן ארטילעריע־פּאָלק. וועגן דעם, אז די פאַשיסטן זײַ־נען איבערגעגאַנגען די גרענעץ, האָט ער זיך דערוווּסט ניט דורך ראַדיאָ, נאָר פון דעם ערשטן שאָס.

אָפּטרעטנדיק, האָבן די רעשטן פון זײַן פּאָלק זיך אָפּגעשטעלט לעבן א שאָסיי, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט דײַטשישע לאַסט־אויטאָ־מאָבילן. די פאַשיסטן האָבן זיך געפילט אזוי זיכער, אז אַף די קאַסטנס מיט סנאַריאַדן, וואָס זיי האָבן געפירט צום פראָנט, האָבן זיי אוועקגע־שטעלט פּאַטעפאָנען, און צוזאמען מיטן רעווען פון די מאָטאָרן האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון רוסישער מוזיק.

— ביז איצט קאָן איך ניט פאַרשטיין, — האָט דערציילט ראָזענפעלד, — פונוואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען דער קויעך. אין איין אויגנבליק האָבן מיר באַלאַגערט דעם וועג, און מאַמעש אין געציילטע מינוטן איז אַלץ, וואָס אַפן שאָסיי, געווען איין שטיק פײַער. אָט האָט איר אײַך רוסי־שע מוזיק!

אָבער ווײַט אוועק פונעם וועג האָט זיך ראָזענפעלדן ניט אײַנגעגעבן. א קאָנטוזיעטער איז ער ארײַנגעפאַלן צו די דײַטשן.

די דײַטשישע אימפּעריע האָט פאַרלאַנגט ניט נאָר קוואָרים, נאָר אויך קנעכט. אָפט פלעגט געשעען, אַז מע האָט דרינגענדיק געדאַרפט וואָס מער קנעכט. יענעם טאָג האָט זיך אין זיי געניייטיקט דער קאָמענדאַנט פונעם מינסקער אַרבעטס־לאַגער וואַקס. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און העפלעך געבעטן די טעלעפאָניסטקע, זי זאָל אים פאַרבינדן מיטן „וואַלד־לאַגער" (אַזוי האָט ער גערופן דעם פינצטערן קעלער, וואָס האָט זיך געפונען זיבן קילאָמעטער פון שטאָט).

— האַלאָ, עס רעדט וואַקס. וויפל ייִדן זײַנען בײַ אײַך פאַרבליבן? האַ־לאָ, ביסט שיקער צי וואָס? ערשט האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט דרײַסיק, דערנאָך, אַז דו קאָנסט פון זיי מאַכן פינף און צוואַנציק, איצט דערציילסטו מיר גאָר, אַז ביז אָוונט וועט אַלץ זײַן פאַרטיק... גענוג! צום סאָף טאָג זאָלן די פינף און צוואַנציק זײַן בײַ מיר אין קאָמענדאַטור.

אין דעם „וואַלד־לאַגער" האָט דער שעף פון דער וואַך נאָך לאַנג גע־האַלטן דאָס טרײַבל אין די הענט. דערנאָך האָט אַ שמייכל זיך באַוויזן אויף זײַן געפּאַקט פּאָנעם. דער קאָמענדאַנט איז גערעכט. וואָס איז דאָ צו קלערן? אין וועג וועט ער פינף ייִדן דערשיסן, וועלן בלײַבן פינף און צוואַנציק. דעם וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען באַם גאַנעק, האָט ער באַ־פוילן:

— די ייִדן פון קאַרצער אַרויספירן, געבן יעדן אַ פּײַקע ברויט און אַ פּאָרציע באַלאַנדע. וואָס שטייסטו, ווי אַ גוילעם, האָסט געהערט מײַן באַפעל?!

דער וואַכמאַן האָט צעפּראַלט די טיר און געהייסן אַלעמען אַרויס פון קעלער. דעם באַפעל האָט ער איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל, נאָר קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז ער וועט זיך באַלד כאַפּן פאַר דער ביקס. נאָר דערווײַל איז צו דעם ניט געקומען. ער האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ פּײַפל און גרילציק זיך צעפּײַפט. די פּאָליצײַען זײַנען זיך צונויפגעלאָפן און גענומען שלעפּן צום אַרויס־גאַנג די אסירים, וואָס זײַנען געווען נעענטער צו דער טיר.

— קומט, — האָט סאַשקאָ פאַרגעלייגט. — ווערן זיך האָט קיין זין ניט. צוויי און צוואַנציק שטיינערנע טרעפּ... צוויי און צוואַנציק טריט. ס'איז ניט קיין זומפּ. נאָר אַלציינס קאָן מען ניט אָפּרײַסן דעם פּוס און מאַכן אַ שפּאַן.

אין הויף האָט פּעטשערסקי זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און איז לאַנג געשטאַנען מיט פאַרזשמורעטע אויגן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, זײַנען געווען די שווימענדיקע וואָלקנדלעך אין זומערדיקן הימל. זיי זײַנען געווען דין און לײַכט.

— ברויט! — האָט עמעצער אויסגעשריִען און געלאָזט זיך לויפן. אַ שאָס.

ווען מע האָט אויסגעשטעלט די אסירים, זײַנען זיי שוין געווען נײַן און צוואַנציק.

די פּיס האַקן זיך אונטער, נאָר מע גייט. מע גייט, ווי אויף דער אייגע־נער לעווײַע. אַלעקסאַנדער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַנע שכיינים אין דער

ריי. אף דער פריַ זעסטו פאַרשיידענע פענעמער, און דאָ זײַנען אַלע פע־נעמער אַלציינס, אָן פאַרב, אָן אַ לעבעדיק פֿײַערל אין די אויגן.
פון „וואַלד־לאַגער" האָט מען די געפאַנגענע אַרויסגעפירט גאַנצפרי. נאָר ביז שיראָקע־גאַס האָבן זיי זיך דערקליבן ערשט שפּעט באַנאַכט. אין וועג האָט מען נאָך פיר מענטשן דערשאָסן.

## ווײַל די מאַגיסטראַל־ליניע איז געווען פאַרנומען

אין דעם מינסקער אַרבעטס־לאַגער האָבן זיך געפונען באַ נײַן הונדערט מענטשן. קוואַליפיצירטע שוסטערס, שנײַדערס, טעסליערס, סטאָ־ליערס, וועלכע מע האָט געבראַכט אַהער פון מינסקער געטאָ. געווען אויך אַ היפּשע גרופּע ווײַסרוסן, רוסן און אוקראַיִנער, וועלכע האָבן אַרויסגע־רופן פאַרדאַכט באַ דער געסטאַפּאָ. פאַר די לעצטע טעג האָט מען געבראַכט צו פירן באַ הונדערט ייִדן קריגסגעפאַנגענע.
צו פעטשערסקין און לייטמאַנען איז צוגעגאַנגען אַ מענטש מיט אַ גע־לער לאַטע און שטיל אַ זאָג געטאָן:
— אַז מע וועט באַ אײַך פרעגן, וואָס איז אײַער פאַך, ענטפערט, אַז איר זײַט סטאָליערס.
— איך האָב אין לעבן קיין הובל אין האַנט ניט געהאַלטן, — האָט פע־טשערסקי אַ שמייכל געטאָן.
— דאָס איז ניט אײַער דײַגע. די ערשטע צײַט וועלן מיר פאַר אײַך אַרבעטן.
— אַ דאַנק, כאַווער. ווער זײַט איר?
— ליפשיץ הייס איך, לעאָניד ליפשיץ. אַ מינסקער סטאָליער. מײַן פרוי האָט מען דערשאָסן אין געטאָ. פאַרבליבן דאָרט דאָס ייִנגל מײַנס, צוועלף יאָר איז אים...
סעמיאָן ראָזענפעלד האָט דאַפקע געשטאַמט פון עכטע סטאָליערס און געוווּסט, וואָס אַ הובל איז, נאָר מיט אים האָט געהאַלטן זייער שלעכט. אין קאַרצער האָט זיך באַ סעמיאָנען געעפנט די וווּנד, און נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעמאַכט די זיבן קילאָמעטער, האָט ער זיך מער ניט גע־קענט רירן. עמעצער האָט אים געבראַכט אַ טאַרבעלע פּראָסע, איז ער געלעגן אף דער הילצערנער נאַרע און אָן אופהער געזיאַמקעט מיט די ציין (דערפאַר האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען זיאַמע). עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט אים באַפאַלן היץ, און דאַן איז אים אַפילע קוקן אף אים געווען שווער. געראַטעוועט האָט אים דער מינסקער דאָקטער בערמאַן, וואָס איז געווען באַפרײַנדעט מיטן קאַפּאָ בלאַטמאַן. באַ בלאַטמאַנען, אַ צוגעלאָזטן שווערלײַביקן מענטשן, וואָס איז אין פוילן געווען אַ קאַצעוו, האָט בער־מאַן זיך אַ סאַך געקאָנט דערשלאָגן. דער קאַפּאָ האָט אַריבערגעפירט זיאַ־מען אין איזאָליאַטאָר.
אויב אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר, וואָס האָט אויך קוים געזשיפּעט, איז דעמלט געבליבן לעבן, האָט ער עס אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם קאַפּאָ שאָ־לעם בלאַטמאַן. דאָס האָט בלאַטמאַן געהייסן פאַרעכענען אַרקאַדין אין דער

קאָמאַנדע, וואָס די דײַטשן האָבן ניט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס געפונען „גענעראַל־גוווערנעמענט", און אָנגעזאָגט דעם עלטסטן:

— ביז דאָס באַכערל וועט ניט קומען צו־זיך, באַהאַלט אים אויס בײַם דער אַרבעט צווישן געהילץ. נאָר פאַרגעסט ניט אויסטיילן אים א פּאַרציע באַלאַנדע.

אין הויף, ווו די נײַנציק מאַן פון דער קאָמאַנדע „גענעראַל־גוווערנע־מענט" האָבן געזעגט און געהאַקט האָלץ, האָט זיך געפונען א סקלאַד פון געווער. א גרופּע געפאַנגענע האָט זיך פאַרקליבן אַפן בוידעם פונעם סקלאַד, דורכגעקלאַפּט אין דער סטעליע א לאָך, אַרויסגענומען עטלעכע ביקסן און קוילן און אַף א צײַט פאַרבאַהאַלטן אין כאַרעוון מויער ניט ווײַט פון דער עלעקטרישער זעג. מיט א ציווילן שאָפער, וואָס האָט גע־אַרבעט בײַ די דײַטשן, האָט מען אָפּגעמאַכט, אז ער וועט אַף זײַן לאַסט־מאַשין אַרויספירן דאָס געווער אין א זיכער אָרט. מעגלעך, אז דער שאָ־פער איז געווען א פּראָוואָקאַטאָר. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, די מאַשין האָט מען אַרומגערינגלט, דערשאָסן זעקס מענטשן בײַ דער זעג און צוואַנציק אין גאַראַזש. ווײַספאַפּיר און ציבולסקי האָבן צופעליק זיך געראַטעוועט, ווײַל אין דעם טאָג האָט מען זיי אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער קאָמאַנדע.

אַלע איבעריקע האָט מען דערנאָך אַרומגעטריבן איבער דער שטאָט מיט אופגעהויבענע הענט. אינעם הויף פונעם אַרבעטס־לאַגער געשלאָגן זיי ביז טויט. בײַ ריס קאַהאַנען פון טולע האָט מען באַגאָסן מיט זודיקן וואַסער, דערנאָך מיט קאַלטן און א לעבעדיקן נאָך אַרויסגעוואָרפן אַפן שניי, ווו ער איז פאַרפרוירן געוואָרן. דעם קאַפּאָ שאָלעם בלאַטמאַן האָט מען אַרעסטירט און דערנאָך אַוועקגעשיקט אינעם טויט־לאַגער סאָביבאָר. פּעטשערסקי און זײַנע כאַווײרים האָבן נאָך דעמלט ניט געוווּסט, אז אינ־גיכן וועלן זיי אויך אַהין אַרײַנפאַלן.

פון דאָרעם האָבן זיך אומגעקערט די פייגל. אַפילע אונטערן זעגעכץ איז צעגאַנגען דער שניי. די זון האָט אויסגעטריקנט די ברודיקע ריטשקע־לעך. אַף די צווײַגן האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קנאָספּן, אַרום איז געווען אַזויפיל זון און שײַן! און נאָר די לאַגערניקעס האָבן נאָך געטראָגן אַף זיך די צעריסענע לײַזיקע וואַטניקעס.

פּעטשערסקי, לייטמאַן, ציבולסקי און ליפשיץ האָבן זיך געגרייט אַנט־לויפן. ראָזענפעלדן און ווײַספאַפּירן האָט מען פאַרעכנט אין אַן אַרבעטס־קאָמאַנדע, וואָס מע האָט אָפּגעשיקט אַף עטלעכע כאַדאָשים בויען אין א היטערשטאָטישן וואַלד א נײַעם לאַגער. זיי האָבן דאָרט געוואַלגערט בײַ־מער. פאַרבליבן זײַנען אין דעם וועלדל בלויז פאַרטריקנטע, פאַרקוילטע שטאַמען.

ווען ווײַספאַפּיר און ראָזענפעלד האָבן זיך אומגעקערט אַף שיראָקע־גאַס, האָט זיך זיי גלײַך געוואָרפן אין די אויגן, אז דאָ איז שטאַרק ענג געוואָרן. פּעטשערסקי האָט זיי דערקלערט, אז דאָס טרײַבט מען אַהער פון מינסקער געטאָ איין פּאַרטיע פאַרורטיילטע נאָך דער אַנדערער. מע האָט אויך געבראַכט עטלעכע עשעלאָנען דײַטשישע יידן.

...ס'איז געפערלעך, נאָר מע מוז העלפן לייטמאַנען זיך דערקלײַבן צום פאַרגראַטעוועטן פענצטערל, אַ קוק טאָן, ווו מע געפינט זיך. שלוימען פאַדערט זיך ווייניקער פון אַ מינוט, קעדיי פעסטשטעלן, ווו זיי זײַנען.

— לובלין, — גיט ער צו וויסן.

— דו ביסט אין דעם זיכער? — פרעגט שובײַעוו.

— ווי אין דעם, אַז דײַן צונאָמען איז קאַלי־מאַלי. צענדליקער מאָל האָב איך זיך געבאָדן אינעם טײַך בעסטשיצאַ. אפילע די גאַס־לאַמטערנס זײַנען מיר דאָ באַקאַנט.

— און וווהין וועט מען אונדז פונדאַנען פירן?

— ווער קען אויף אַזאַ פראַגע ענטפערן? אַהין, ווו זיי האָבן אָנגעמערקט.

מע זאָגט, בעסער פרעגן באַם געניטן, ווי באַם קלוגן. שלוימע לייטמאַן איז ביידע זאַכן: אי קלוג, אי געניט, און דאָך האָט ער געהאַט אַ טאָעס. דער עשעלאָן איז פון לובלין אוועק ניט אין דעם אָנגעמערקטן אָרט. ווייניקער, ווי אין אַ כוידעש אַרום, האָט הימלער זיך פאַרינטערע־סירט, פאַרוואָס ס'איז אַזוי געשען. און אָט וואָס מע האָט לויט זײַן באַ־פעל קלאָר געמאַכט.

נאָך דעם, ווי דער עשעלאָן איז העכער צען שאָ אָפּגעשטאַנען אין לובלין, ווײַל די מאַגיסטראַל־ליניע איז געווען פאַרנומען, האָט דער גע־הילף פון דעם סטאַנציע־קאָמענדאַנט האַנס אייקס זיך אָנגענומען מיט מוט און געפּרוווט פאַרבינדן זיך מיט דעם עסעס־ און פּאָליציי־גענעראַל אָדיליאָ גלאָבאָטשניק, קעדיי באַקומען אַ פאַראָרדענונג, וואָס צו טאָן. אין גלאָ־באָטשניקס רעשוס האָבן זיך געפונען אַלע לאַגערן און טפיסעס אַרום לובלין.

צו גלאָבאָטשניקן האָט ער זיך ניט דערקלונגען. דאָס טרײַבל האָט אַראָפּגענומען דער אַדיוטאַנט און אים אפילע אויסהערן ניט געוואָלט. מע קאָן מיינען, אַז עס גייט אַ רייד וועגן אַ בליץ־צוג אָדער אַ סאַלאָן־וואַגאָן. טאָג און נאַכט גייען פון די אָקופּירטע געגנטן עשעלאָנען מיט שקלאַפן. און אויב מע וועט צוליב יעדן טראַנספּאָרט באַאומרויִקן זײַן עקסעלענץ... דעם אַדיוטאַנטס קאָל האָט געדונערט:

— צי דען זײַט איר אַזוי טעמפּ און פאַרשטייט ניט, וואָס צו טאָן אין אַזעלכע פאַלן? אויב דער טראַנספּאָרט שטערט אײַך, דאַרף ער דרינגענדיק אָפּגעראַמט ווערן.

דאָס האָט געקלונגען ווי אַ באַפעל.

דער אָפיצער פון רײַכסווער האַנס אייקס האָט געקאָנט ניט וויסן, ווי שטרענג דער פאַרניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר איז פאַרקאָנספּירירט. די איינציקע ריכטונג, ווו דער וועג איז פרײַ געווען, האָט געפירט אַהין. און ער האָט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן באַפעל.

אָט אַזוי איז דער עשעלאָן פון מינסק דעם 22 סענטיאַבער 1943 אָנגע־קומען אויפן פשיסטאַנאָק סאָביבאָר.

דעם צוג האָט מען אָפּגעפירט אויף דער רעזערוו־ליניע.

עמעצער האָט מיט עפּעס אַ שווערער זאַך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון וואַגאָן און געפרעגט:

— ווער זײַט איר לויטן פאַך?

— מיר זײַנען געווען סטאָליערס און טעסלערס. נאָר איצט שטאַרבן מיר פון דאָרשט, פון הונגער און מיר ווערן דערשטיקט, — האָט לייטמאַן פאַר אַלעמען געענטפערט.

— איר זײַט געקומען מיט די פאַמיליעס?

— די מערהײַט אָן די פאַמיליעס.

עמעצער פּרוּווט אַרויסשלאָגן דעם פאַרוקער, און ווי אַפּצולאַכעס וויל זיך דאָס שטיקל אײַזן ניט אונטערגעבן. דעם „עמעצן", ער זאָל געווען זײַן אַפילו אַליין דער מאַלכאַמאָוועס, זײַנען אין דער רגע אַלע געפאַנגענע גרייט קומען צו הילף, אַבי אַ טרעט טאָן אַף דער ערד, אַ קוק טאָן אַפן הימל.

די טיר איז אָפן. מע איז אַרויס פון וואַגאָן, נאָר די פיס פאָלגן ניט. ווי אַלע, האָט פּעטשערסקי זיך אַ וואַלגער געטאָן אַף דער ערד און צוגעוואַקסן צו איר. די וואַכלײַט מעגן רוּיִק שטיין, אָנגעשפּאַרט אַף זייערע ביקסן. קיינער וועט זיך ניט פּרוּוון אַנטלויפן. פּעטשערסקי האָט האַסטיק אַרײַנגעזאָטעמט אַ פולע ברוסט מיט לופט און דערנאָך לאַנג און שפּאָרעוודיק אַרויסגעזאָטעמט זי פון זיך. אַזוי האָט ער געטאָן אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, און ווען ס'האָט זיך פאַרוואָלט אַ שאַר טאָן פונעם שטערן די שווייסיק־צונויפגעקלעפּטע האָר, האָט אים שוין אַף דעם קיין קויעך ניט געקלעקט. ער איז פון דער וואַלד־לופט פאַרשיקערט געוואָרן. אַפילו וועגן עפּעס אַ קלער טאָן האָט ער ניט געקענט.

וואַסער צום טרינקען האָט מען זיי געגעבן. עסן, האָט מען געזאָגט, וועלן זיי מאָרגן באַקומען. נאָך איידער עס איז פינצטער געוואָרן, האָט מען זיי צוריק פאַרטריבן אין די וואַגאָנעס און פאַרשפּאַרט.

פאַרטאָג האָבן די וואַגאָנעס זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. שוין צום ווײַפלטן מאָל שטויסן זיך די בופערן איינער אינעם אַנדערן. שובײַעוו מיינט, אַז דער צוג מאַנעווורירט, ווײַל מע סאָרטירט די וואַגאָנעס. און ווײַטער — ווער קאָן וויסן? עפּשער פאָרט מען אָפּ פונדאַנען. זיי האָבן אין מינסק נאָך געהערט, אַז אין דעם קאַנט איז פאַראַן ניט ווייניק לאַגערן, און ווו זײַנען זיי איצט ניטאָ?

ס'איז געקומען די צײַט, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַ פײַף. דער אַרומיקער וואַלד, עלעהיי ער וואָלט אופגענומען דעם סיגנאַל ווי אַ גוט־מאָרגן, האָט זיך גלײַך אָפּגערופן און אים נאָך מער צעצויגן. נאָר אין ערגעץ האָט מען זיי ווײַטער ניט געפירט. פאַר זיי האָבן זיך ברייט צעעפנט די טויערן פון סאָביבאָר.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט הינטן־אַרום אַרײַנגעטריבן אַף דער טעריטאָריע פונעם פאָרלאַגער זעקס וואַגאָנעס. דער צוג־וואַכמאַן האָט זיי אָפּגעקייטלט, און די טויערן האָבן זיך ווידער פאַרמאַכט. נײַנצן וואַגאָנעס זײַנען געבליבן פון יענער זײַט. מער ווי זעקס־זיבן וואַגאָנעס פאַר איין מאָל נעמט דער לאַגער ניט אוף.

מע שטייט שוין ווידער אַף דער ערד. די שײַן בלענדט די אויגן. די לופט גלעט גרינג און ווייך דאָס פּאָנעם, נאָר פון ערגעץ שמעקט מיט סמאָלענע, שמעקט שטאַרק, ביז צו ברעכן.

פון אַ הויז אַנטקעגנאיבער איז אַרויס אַ גרופּע דײַטשישע אָפיצערן. זייערע פּענעמער האָבן אויסגעדריקט פאַראַכטונג. איינער פון זיי, מיט אַ רויטן, אָנגעגאָסענעם מיט בלוט קאַרק, האָט עפּעס באַפוילן דעם וואַכמאַן. און יענער האָט זיך געלאָזט לויפן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ גרופּע ייִנגלעך און געמאָלדן:

— הער אָבערשאַרפירער, די באַנהאָף־קאָמאַנדע איז גרייט!

מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך די באַנהאָף־קאָמאַנדע, האָט מען זיך גלײַך געקאָנט אָנשטויסן לויט די זאַכן, וואָס די ייִנגלעך האָבן געהאַלטן אין די הענט. דאָס זײַנען געווען עמערס, בעזעמער, בערשטלעך. אַלע ייִנגלעך אין עלטער פון פערצן־פופצן יאָר. אַלע אין געלע פוילישע קאָנפעדעראַטקעס, אין אָנצוגן, שיר ניט פון דער נאָדל אַרויס, די הויזן מיט געלע קאַנטן, די טונקעלע רעקלעך מיט פאַרביקע לאַצקאַנעס, אויף די הענט — ווײַסע הענטשקעס. און דער עיקר — קיין שום סימאָנים פון הונגער אויף די פּענעמער. און שיין זײַנען זיי געווען, ווי מע וואָלט זיי אָפּגעקליבן פון הונדערטער טויזנטער.

לייטמאַן האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו פּעטשערסקין:

— ווי געפעלט דיר דער ספּעקטאַקל? כלעבן, ווען ניט זייערע טרויעריקע אויגן, וואָלט מען געמעגט מיינען, אַז מיר האָבן אָנגעטראָפן גלײַך אין גאַניידן אַרײַן...

דערויף האָט אים פּעטשערסקי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

## צווישן וואָלאָדאָווע און כעלם

דער זעלבער אָבערשאַרפירער, וועלכער האָט געהייסן ברענגען די באַנהאָף־קאָמאַנדע (ציבולסקי האָט אים גלײַך אַ נאָמען געגעבן אָבער־מאַלכאַמאָוועס), איז צוגעגאַנגען נעענטער און באַפוילן, אַז די סטאָליערס און טעסלערס, וואָס האָבן ניט קיין מישפּאָכעס, זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. ס'האָבן זיך געפונען אַ מענטשן אַכציק אַזעלכע, צווישן זיי פּעטשערסקי, לייטמאַן, ציבולסקי, שובײַעוו, ראָזענפעלד, ווײַספּאַפּיר. דאָס ערשטע אָרט לויטן וווקס האָט פאַרנומען באָריס ציבולסקי. באַנאַנד מיט אים האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי.

איצט זײַנען די אַכציק סטאָליערס און טעסליערס אין רעשוס פונעם שעף פון ערשטן לאַגער אָבערשאַרפירער קאַרל פרענצעל. אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ זאַט, געכאַליעט פּאָנעם, אַ צופרידענער, גייט ער פאַרבײַ דעם פראָנט, ווי אויף אַ פּאַראַד. שטענדיק, ווען ער דערזעט די קאָלאָנעס מענטשן, וואָס ער וועט טרײַבן צו דער „הימל־שטראַסע", צאַפּלט ער פון פרייד. ער האָט ליב אויף זיי צו קוקן: מורעשקעס, וואָס וועלן באַלד צעטראָטן ווערן. יעדע באַוועגונג זײַנע רעדט וועגן זײַן גרויסקײַט. צו אים, נאָר צו אים געהערט דער הימל און די ערד.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פּעטשערסקיס פאַרלאַטעטע שטיוול, אויף זײַנע קויטיקע גאַליפע־הויזן, וואָס זײַנען אַמאָל עפּשער געווען טונקל־בלויע, אויף דער גימנאַסטיאָרקע, וואָס ווען זי איז ניט פון גוטן אַרמייִשן קאָווערקאָט,

וואָלט שוין פון איר לאַנג קיין סימען ניט געבליבן, און פעטשערסקין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אים ווי מיט אָקרעפּ אָפּגעבריט.

פּרענצעלס אויגן זײַנען פול מיט כוויזעק, מיט סינע. הונדערטער טויזנ־טער מענטשן האָט ער שוין פאַרטריבן אין די גאַז־קאַמערן, באַפרײַט פון זייער ווערטלאָז לעבן, נאָר קיין קריגסגעפאַנגענע, דערצו סאָוועטישע, זײַנען נאָך ביז אַהער צו אים אין די הענט ניט אַרײַנגעפאַלן. איז עפּשער זאָגן דעם עלטסטן אופזעער גאַמערסקין, ער זאָל זיי גלײַך פאַרטרײַבן מיט אַלע צום גאַז־מײַסטער באַוערן. סטאַליערס און טעסלערס וועלן זיך נאָך אויסזוכן, אָבער אַזוינע, ווי אָט די צוויי, וואָס שטייען די ערשטע אין ריי, וועט זײַן אַ פאַרגעניגן צו שלאָגן. זײַן האַרץ וועט זיך פרייען, איז פאַר־וואָס זאָל ער זיך אָפּזאָגן דערפון? באַ קיין געלעכטער האַלט עס ניט, נאָר אַ שמייכל שלענגלט זיך באַ די ווינקלען פון זײַנע ליפּן. ער וועט זיך מיט זיי אַ „שפּיל״ טאָן. אַף דעם וועט אים נאָך קלעקן צײַט. מיטאַמאָל פלאַצט באַ אים דאָס געדולד. מעשוגענערווײַז, ווי אַ הונט, וואָס האָט זיך ערשט אָפּגעריסן פון דער קייט, טוט ער זיך האַסטיק אַ קערעווע אויס, פאַרהייבט די נאַהײַקע און לאָזט זי אַראָפּ אַף ציבולסקין. דעם צווייטן שמיץ וועט באַקומען זײַן שאָכן. נאָר דער, וואָס האָט באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ און זיך אַפילע קיין וואַקל ניט געטאָן, פאַרדינט אויך אַ צווייטן. פּרענצעל האַלט, אַז ער קען גוט אָט די קנעכט. נאָך ווייסט ער, אַז מע גיט אַ קלאַפּ אַפילע אין אַ שטיין, פּליט אַרויס אַ פונק, און אָט דער לאַנגער אויסגעדיי־ווערטער מוזולמאַן שטייט, ווי פריִער, און פּרוווט אַפילע ניט אָפּווישן דאָס בלוט פון פּאָנעם, אופהייבן דאָס היטל, וואָס ער האָט אַראָפּגעשמיצט. ניט קיין נאַר. ער וויל ניט, מע זאָל אים כאַפּן באַ עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַרווערט. בעסער פאַרלירן דאָס היטל, איידער דעם קאָפּ. נאָר ס׳וועט אים ניט העלפן. דאָס שטיקל צײַג, פון וועלכן דאָס היטל איז געמאַכט, וועט נאָך עפּשער צוניץ קומען, דער קאָפּ...

מיט קיין עכטע אַרמייער האָט פּרענצעל קיינמאָל ניט קאָמאַנדעוועט. באַלד וועט עס אים אויסקומען טאָן. ער באַפוילט דעם קאַפּאָ בזשעצקי:

— אין נאָרד־לאַגער! און מיט אַ ליד! זאָלן זיי זינגען אַ רוסישע ליד!

מיט איינע אויגן טוט ציבולסקי אַ פרעג באַ אַלעקסאַנדערן: יאָ?

ס׳קאָן זײַן, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל, זינט פעטשערסקי איז אין געפענקעניש, האָט ער זיך דערפילט, ווי אַפּן פראָנט אין די סאַמע קריי־טישע מינוטן, ווען מע האָט געדאַרפט מאָמענטאַל אָננעמען אַ באַשלוס. צוערשט איז געקומען אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט וועלן באַריסן אומקערן צוריק די פראַגע, דערנאָך דער ענטפער — אַ שאָקל מיטן קאָפּ: יאָ.

מיט אַ הייזעריקלעכער שטים פאַרציט ציבולסקי:

Вставай, страна огромная...[1]

די ערד זאָל געווען זיך וואַרפן און שרײַען אַף אַ קאָל, וואָלט עס קיי־נעם אַזוי ניט פאַרכידעשט.

בערעק איז באַ זיך אין קעמערל דערציטערט געוואָרן.

[1] שטיי אוף, ריזיק לאַנד... (רוס.) — ערשטע ווערטער פון דער ליד „הייליקע מילכאָמע״. טעקסט פון וו. לעבעדיעוו־קומאַטש, מוזיק פון א. אַלעקסאַנדראָוו.

— הער קוריִעל, איר הערט? איך וועל ארויס אַ קוק טאָן.

— גיי ניט! — האָט קוריִעל אים פאַרוועוּרט, כאָטש עפּעס ווי אַ האָפֿע־נונג האָט אַ לויכט געטאָן אויף זײַן פּאָנעם און די ביינערדיקע אויסגעבוי־גענע פּלייצע האָט זיך עטוואָס אויסגעגלײַכט.

איין נאָרד־לאַגער, וווּהין מע האָט געבראַכט די סטאָליערס און טעס־ליערס, האָט אַן ארבעטס־קאָמאַנדע געטראָגן און צונויפֿגעלייגט קלעצער. ראָזענפעלד איז צוגעגאַנגען צו איינעם פֿון די קאַצעטניקעס, צו אַ צווייטן, נאָר קיינער האָט נישט געענטפֿערט ניט אויף דער באַגריסונג, ניט אויף די פֿראַגן.

צו די נײַ־אָנגעקומענע האָט זיך דערנעענטערט אַ מענטש מיט אַ גע־שוואָלן פּאָנעם און אויף שטומלאָשן געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי זאָלן זיך אויסקערעווען מיט די פּלייצעס צום עשעלאָן. וויפֿל מע האָט אים ניט געבעטן, ער זאָל כאָטש זאָגן, וווּהין זײַנען זיי עס אָנגעקומען, האָט ער קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט. עמעצער האָט זיך אויסגעזידלט, אַ צווייַ־טער האָט באַמערקט, אַז ריידן צו די דאָזיקע מענטשן איז אַלציינס, ווי צו דער וואַנט. אַ דריטער האָט אַ פֿרעג געטאָן, צי מע האָט דאָ באַ זיי די צינגער ניט אויסגעשניטן. יענער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

מיטאַמאָל איז געוואָרן שווער צו עטעמען, ביז דערשטיקט צו ווערן. אויף העכער אַ האַלבן קילאָמעטער האָט זיך געשפּרייט אַ שוואַרצער, גע־דיכטער רויך. אינדערלופֿטן האָט זיך באַוויזן אַ פֿלאַם. און עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער טומל: ס׳האָבן געגראַגערט הונדערטער גענדז.

ווען אַלע זײַנען שוין געווען אין באַראַק, איז ארײַנגעקומען דער קאַ־צעטניק, וואָס האָט זיי געהייסן, זיי זאָלן זיך אויסקערעווען מיט די פּליי־צעס צום עשעלאָן. ער האָט זיך ארומגעקוקט און געפֿרעגט:

— פֿונוואַנען קומען יידן?

— פֿון מינסק, — האָט אים לייטמאַן געענטפֿערט. — דערציילט אונדז, זײַט אַזוי גוט, פֿאַרוואָס שווײַגן דאָ אַלע?

— אַזאַ באַפֿעל.

— פֿאַרוואָס?

— פֿאַר דעם זעלבן, וואָס מע האָט אײַך געהייסן אויסקערעווען זיך מיט דער פּלייצע צום עשעלאָן, איר זאָלט ניט זען, ווי מע פֿירט די פֿאַרורטיילטע צו דער „הימל־שטראַסע“. „פֿאַרוואָס?“ ווײַל מע האָט נאָך ניט אַלעמען פֿון אײַער עשעלאָן פֿאַרברענט. אײַך האָט מען געלאָזט, איר זאָלט פֿאַרענדיקן בויען דעם נאָרד־לאַגער.

ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל. פּעטשערסקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער נאָרע. הייסט עס, עטעלע, איר מאַמע, זײַנע לאַנדסלײַט, לייב סראַגאָוויטש, באָריס עסטרין און אַלע, אַלע, העכער צוויי טויזנט מענטשן... אָט פֿאַרוואָס עס שמעקט מיט סמאַלענעס.

פֿון באָרעכן, אַזוי האָט געהייסן דער קאַצעטניק, האָבן זיי זיך דערוווּסט:

סאָביבאָר איז אַ קליינינקע סטאַנציע, וואָס האָט זיך פֿאַרלוירן אין די וועלדער צווישן וולאַדאַווע און כעלם. אַפֿילע ווען פּוילן איז שוין געווען

אַקופּירט, איז דאָ, ווי אַף אַן אײנזאַם אינדזל, נאָך אַלץ געווען שאַ־שטיל. די ווײַטע אופּרײַסן האָבן זיך אָהער ניט דערטראָגן. די דורערסדיקע סאַס־נעס און יעלן האָבן זיי אײַנגעשלונגען. די אָקופּאַנטן האָבן פאַר איין מאָל באַרויבט די אַרומיקע ווײַט־צעוואָרפענע כוטאָרס, און מער, האָט זיך גע־דאַכט, האָבן זיי דאָ ניט וואָס צו טאָן. ס'איז אַפילו געוואָרן נאָך שטילער, ווי געווען, ווײַל די צוגן האָבן אָנגעהויבן קורסירן זעלטענער.

מיט דער צײַט האָבן די פאַשיסטן אַפּגעשאַצט אָט דאָס פאַרוואָרפענע ווינקעלע. לויט הימלערס אַ געהיימען באַפעל האָט מען דאָ אויסגעבויט אַ טויט־לאַגער ספּעציעל פאַר ייִדן. די גאַז־קאַמערן האָט געבויט דער ספּע־ציאַליסט אַף די דאָזיקע זאַכן לאַמבערט. זײַן קאָלעגע, דער דעקאָראַטאָר באַרבעל, האָט די קאַמערן קאַמופלירט, זיי זאָלן אויסזען ווי געוויינלעכע בעדער. די מאָטאָרן אַף טרײַבן שטיק־גאַז האָט אײַנגעשטעלט דער מעכאַ־ניקער פוקס. דעם 8 מײַ 1942 יאָר האָט דער טויט־קאָנווייער אָנגעהויבן פונקציאָנירן. נאָך הימלערס וויזיט אין לאַגער האָט מען דאָ אָנגעהויבן פאַרברענען ביז פיר טויזנט מענטשן אַ טאָג.

דער סאָביבאָרער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט פיר רייען שטעכל־דראָט מער ווי דרײַ מעטער די הייך, מיט אַ ריוו, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואַסער, און מיט אַ מינען־פעלד. אין לאַגער גופא געפינט זיך אַ היפּשע צאָל וואַך־טורעמס און וואַך־פּאָסטנס. סאָביבאָר באַשטייט פאַקטיש פון דרײַ לאַגערן. אין ערשטן לאַגער וווינען די קאַצעטניקעס, וואָס מע לאָזט צײַטווײַליק איבער אַף אַרבעט. פונדאָנען פירט אַ דורכגאַנג אין צווייטן לאַגער, וווּ מע סאָרטירט און מע פאַרפּאַקט די זאַכן פון די, וואָס ווערן אָפּגעפירט דורך דער אַזויגערופענער „הימל־שטראַסע" אין דריטן לאַגער. און דאָרט, אין דריטן לאַגער, האָט מען שוין אומגעבראַכט באַ אַ האַלבן מיליאָן ייִדן. קיין סאָביבאָר קומען אָן קימאַט יעדן טאָג אָנדערהאַלבן־צוויי טויזנט מענטשן פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, האָלאַנד, פראַנקרײַך, עסט־רײַך און אַנדערע אָקופּירטע לענדער. פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז דאָס דער ערשטער עשעלאָן.

אָנהייב פרילינג האָט אַ פּאָרפאָלק געפּרוווּט אַנטלויפן. מע האָט זיי דערשאָסן צוזאַמען מיט נאָך הונדערט פּופציק מענטשן פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדע. געווען אויך ניט קיין געלונגענער פּרווו זיך דורכלייגן אַ וועג אונטער דער ערד. געווען אַ פאַל, ווען צוויי יונגע כעוורע, וואָס האָבן געאַרבעט אין נאָענטן וואַלד, האָבן דערשטיקט דעם וואַכמאַן און זײַנען אַנטלאָפן. די אַרבעטס־קאָמאַנדע האָט מען געבראַכט פון וואַלד און אַלע־מען דערשאָסן.

עטלעכע און זיבעציק מאַן פון האָלאַנד האָבן באַשטימט אונטערקויפן אַ וואַכמאַן. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען אַ זשורנאַליסט, ווע־מען זיי פלעגן שטילערהייט רופן „הער קאַפּיטאַן". וויפל די דײַטשן האָבן זיך איבער אים ניט איזדיעקעוועט, האָט ער קיינעם ניט אויסגעגעבן און ביז דער לעצטער רעגע געטײַנעט, אַז לויפן האָט ער זיך געקליבן איינער אַליין. פון דעמלט אָן ציילט מען די לאַגערניקעס איבער ניט ווייניקער ווי דרײַ מאָל אַ טאָג. דאָס טוט אַליין דער אָבערשאַרפירער קאַרל פרענצעל.

באָרעך איז געווען פון די איינצלנע, וועמען עס איז שוין העכער אַ יאָר צײַט געלונגען צו פּאַרהיטן אין סאָביבאָר דאָס לעבן. ער איז אַ מע־נער־שנײַדער, דער עלטסטער פון אַ גרופּע, וואָס אַרבעט אינעם צווייטן לאַגער.

באַנאַכט האָט פּעטשערסקי אַזוי געשריִען פון שלאָף, אַז ציבולסקי און לייטמאַן, וואָס זײַנען געלעגן באַנאַנד מיט אים, האָבן אים גענומען וועקן.

— ווער אַנשוויגן, — האָט אים באָריס פאַרשטעלט דאָס מויל, — דו שרײַסט אַזוי, אַז פראַנצעל קאָן דערהערן.

אַלעקסאַנדער האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך:

— מיט דײַנע יאַדאָים קאָנסטו דערשטיקן אַפילע אַ פערד.

— איך בין געווען אַ פאָרמאַן, דער איינציקער אין שטאָט, וואָס האָט ניט געדאַרפט קיין בײַטש. בעט איך דיך, הייס מיר נאָר, ווּעסטו זען, ווי איך וועל שטיקן איין פאַשיסט נאָכן צווייטן.

פּעטשערסקי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— פּלאַפּל ניט, שלאָף.

שפּעטער, ווען ציבולסקי האָט שוין אונטערגעכראָפּעט, האָט לייטמאַן זיך אָנגעבויגן צו פּעטשערסקין:

— סאַשע, געטרויסט אים ניט?

— איך גלייב אים, ווי זיך אַליין, נאָר פּלוידערן פאַר דער צײַט דאַרף מען ניט. זאָג מיר, שלוימע, בעסער אָט וואָס: דער טיפּ, וואָס איז דאָ הײַנט געווען, באָרעך, האָט אונדז ניט געוואָלט אָנשרעקן?

— מעגלעך, נאָר דאַרפסט פאַרשטיין, אַז איבעריקער פאַרדאַכט איז אַ געפערלעכע קרענק. באָרעך ווייסט דאָך, אַז ער וועט אויך ניט אויסמײַדן די „הימל־שטראַסע".

— האָסט מיך ניט איבערצײַגט. דערמאָן זיך אין דעם פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט דיך אַרײַנגעזעצט אין וואַרשעווער טפיסע. איר האָט דאָך שוין געהאַט אַ כשאַד אַף אים. פאַרוואָס זשע האָט איר אים באַצײַטנס ניט אָפּ־געראַמט פון וועג?

— טאַקע דערפאַר, ווײַל דאַן איז עס געווען ניט מער, ווי אַ כשאַד. וואָס שײַעך באָרעכן, וועלן מיר גאָר אינגיכן זיך דערוויסן, צי דאָס, וואָס ער האָט אונדז דערציילט, איז עמעס. איך מיין, אַז יאָ, און איך פאַרשטיי, וואָס ער וויל.

— איז לאָמיך אויך וויסן.

— באָרעך האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז די גאַנצע האָפענונג איז אַף אונדז. און אַז מיר טאָרן ניט קלערן לאַנג און בלויז וועגן זיך. אויב לויפן, דאַרפן אַלע מיטאַמאָל. וואָס שווײַגסטו? ענטפער.

— צו דעם מענטשן וועלן מיר זיך נאָך צוקוקן.

אין דרויסן האָט עמעצער פינף מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ שטיק אײַזן אין אַ רעלס. פונקט פינף אַזייגער מיט פינף מינוט זײַנען שוין אַלע געווען אַף די פיס. באַם באַקומען דאָס קענדל זודיק וואַסער האָט מען אַלעמען איבערגעציילט, באַם באַקומען דאָס געצײַג — אַ צווייט מאָל.

אין נאָרד־לאַגער, וווהין מע האָט זיי געבראַכט, איז געבליבן אַרבעט ניט מער ווי אויף אַ כּוידעש.

אין דעם טאָג האָבן פּופצן פון די ניי־אָנגעקומענע באַקומען צו פינף און צוואַנציק שמיץ. געשלאָגן האָט מען מיט דראָט, אַרומגעוויקלט מיט גומי, דערביי האָט דער געשמיסענער באַדאַרפט הויך אויף אַ קול ציילן די שמיץ. קוים האָט ער געהאַט אַ טאָעס, האָט מען אָנגעהויבן די עקזעקוציע פונסניי.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן פינף און צוואַנציק מענטשן באַקומען צו פינף און צוואַנציק שמיץ. איינעם האָט מען דערשאָסן דערפאַר, ווייל ער איז צוגעגאַנגען צו דעם שטעכלדראָט.

אויפן דריטן טאָג האָט פּרענצעל קימאַט ביז טויט פאַרשמיסן דעם קעכער, ווייל יענער האָט ניט באַוויזן פאַר צוואַנציק מינוט אויסטיילן אַלעמען די באַלאַנדע.

אויפן פערטן טאָג האָט בלויז אַ גליקלעכער צופאַל געראַטעוועט פּעטשערסקין פון טויט. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק מענטשן איז ער געשטאַנען אין הויף און געהאַקט מיט אַ טעמפּער האַק דעמבענע סוקעוואַטע קלעצער. אַלעקסאַנדערס שאָכן, אַ געוועזענער נאָטאַריוס פון האָלאַנד, האָט אויסגעווישט די ברילן, געשטאַנען אַ פּאָר רעגעס און געטראַכט, ווי נעמט מען זיך צו דעם שטיקל אַרבעט. פּרענצעל, וואָס האָט עס צוגעקוקט, האָט מיטן גאַנצן קויעך אַראָפּגעלאָזט זיין גומענעם שטעקן אויף דעם נאָטאַריוסעס קאָפּ. דעם האָלענדערס ברילן זיינען אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן אויף פּיצלעך.

— האַק! — האָט פּרענצעל באַפוילן.

דער האָלענדער — אַ פּאַק מיט דער האַק, פּרענצעל — אַ פּאַק מיטן שטעקן. וואָס ווייטער, אַלץ אָפטער. נאָר דער פּניאַק גיט זיך ניט אונטער, און דער נאָטאַריוס באַגיסט זיך מיט בלוט.

פּעטשערסקי האָט שוין, דאַכט זיך, געמעגט וויסן: ער דאַרף מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער איז פאַרטיפט אין זיין אַרבעט און באַמערקט ניט, וואָס אַרום טוט זיך. פאָלגט ניט דאָס האַרץ. ער לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון פּרענצעלן און דעם נאָטאַריוס, ביז צוויי בליקן קרייצן זיך ניט איבער, און פּרענצעל האַלט ניט אויס:

— רוס, אַרבעט! — האָט ער באַפוילן פּעטשערסקין, און, צורופנדיק דעם קאַפּאָ בזשעצקי, אים געהייסן וואָרט אין וואָרט איבערזעצן אויף רוסיש:

— פינף מינוט ווערט דיר געגעבן אויף צעהאַקן די קלאָץ. וועט זיך עס דיר איינגעבן, באַקומסטו אַ פּעקל סיגאַרעטן. אויב ניט, באַקומסטו דרייסיק שמיץ מיט דער נאַהייקע. גרייט זיך צו.

אַלעקסאַנדער האָט אַ רייב געטאָן די הענט, פאַרהויבן די האַק און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו פּרענצעלן. יענער האָט אָנגעטאַפּט די קאָבורע און איילִיק אָפּגעטראָטן אויף צוריק. ער האָט אויך אויפגעהויבן די האַנט, און אויף דער זון האָט אַ שעמעריר געטאָן דער גאָלדענער בראַסלעט פון זיין זייגער.

— אַנגעהויבן!

אין אַט די פינף מינוט האָט די קלאָץ פאַרשטעלט פּעטשערסקין די גאַנ־צע וועלט. אַ האַק — פאַראַן דער ערשטער קאַרב. נאָך אַ האַק — און דער קאַרב ווערט טיפער. די שווערע קלאָץ טוט אַ קרעכץ. און דאָ האָט פּע־טשערסקי אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס און, אומבאַוווּסט צו וועמען, אַ געשריי געטאָן:

— לייגסט!

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך צעשפּאָלטן די קאָרע, ס'האָט זיך דערהערט אַ טראַסק, די האַק איז געבליבן שטעקן. איצט האָט שוין פרענ־צעל ניט מוירע צוגיין נעענטער. ער שמייכלט צופרידן.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אוועקגעשטעלט אַף דער רעכטער קני, אַ וויש געטאָן די הענט אָן דער זאַמדיקער ערד, דערנאָך לאַנגזאַם זיך אופגע־הויבן, גענומען די האַק אין די הענט און פאַרוואָרפן די קלאָץ איבער דער פּלייצע. מיט וואַקלענדיקע טריט צוגעגאַנגען צו אַ שטיין, שאַרף אַ קער געטאָן דעם פּניאַק מיט דעם האַקשטיל אַראָפּ און אָפּגעגעבן דעם לעצטן קויעך זיינע הענט.

וואָס איז געווען נאָך דעם? גאָרנישט. עס זיינען געפלויגן האָלץ־שפּלי־טערס.

— פיר מינוט מיט דרייסיק סעקונדעס, — האָט פרענצעל קאָנסטאַ־טירט. — באַקום דיין פּעקל סיגאַרעטן.

— אַ דאַנק. איך רייכער ניט.

דער שעף פונעם ערשטן לאַגער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן בזשעצקין, און יענער איז פאַרשוווּנדן. אומגעקערט האָט ער זיך מיט אַ האַלב לעבל ברויט און מיט אַ פּעקל מאַרגאַרין. דאַכט זיך, אַז פּעטשערסקי האָט גע־האַט גענוג צייט אַף צו באַקלערן זיין ענטפער. מעגלעך, אַז טאַקע דער־פאַר האָט ער געזאָגט:

— איך בין זאַט.

פאַרוואָס האָט דער אָבערשאַרפירער ניט אַרויסגענומען דעם פּאַראַבע־לום פון דער קאָבורע? שווער צו זאָגן...

דער פאַל האָט, ווי אַ פרילינג־דונער, אופגערודערט דעם גאַנצן לאַגער. ווען דער קאַפּאָ שלאָק האָט פאַרהויבן זיין שטעקן אַף ראָזענפעלדן, איז צוגעלאָפן בזשעצקי און האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— טשעפּע אים בעסער ניט, ער איז אַ רוסישער...

## פאַר זיך דאַרפן מיר אַליין זאָרגן

באָרעק איז געקומען צו פּעטשערסקין מיט אַ באַקאָשע:

— אין פרויען־באַראַק האַלט מען אין איין ריידן וועגן איך. די פרויען בעטן איך קומען היינט אין אָוונט. איך וועל איך דורכפירן.

פּעטשערסקי האָט אַ קוק געטאָן אַף לייטמאַנען.

יאָ, זאָל אַלעקסאַנדער גיין, נאָר מיט איין תנאי, אַז ער, שלוימע, גייט אויך מיט.

אלע הונדערט פופציק פרויען האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו די אַרײַנ־געקומענע. אויף דער באַגריסונג ענטפערט מען — ווער אויף ייִדיש, ווער אויף רוסיש, ווער אויף פּויליש, אויף טשעכיש, פראַנצויזיש, האָלענדיש... צוריק מיט עטלעכע שאָ האָט מען פונדאַנען אוועקגעפירט אין דריטן לאַגער זעקס וועשערנס, וועלכע זײַנען שוין ניט געווען בעקויעך צו אַרבעטן. ווער פון די איבערגעבליבענע פרויען איז זיכער, אַז מאָרגן וועט זי זיך ניט פאַר־שטעכן קיין פינגער, ניט אויסגליטשן זיך, ניט באַקומען קיין לונגען־אָנ־צינדונג, זיך ניט אָנשטעקן מיט פלעקטיפוס, — און דאַן וועט שוין ניט שפּעטער ווי אויפן דריטן טאָג אויסקומען שפּאַנען איבער דער „הימל־שטראַסע". מער ווי צוויי טעג האָט קיינער פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדע ניט געטאָרט קרענקען. פעטשערסקי טראַכט: פון וואָס הייבט מען אָן דעם שמועס? זײַן בליק איז געפאַלן אויף ניט קיין הויכער יונגער פרוי מיט קורץ־געשוירענע קאַשטאַנענע האָר, מיט גרויסע טרויעריקע אויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זי האָט זיך אַ רוק געטאָן, באַפרײַט אָן אָרט אויף דער נאַרע, ער זאָל זיך צוזעצן.

— ווי רופט מען אײַך? — האָט ער געפרעגט אויף רוסיש.

— וואָס? — פאַרשטייט זי ניט.

פעטשערסקי קען אַ ביסל דײַטש. כאַזערט ער איבער די פראַגע. זי ענטפערט:

— ליוקע.

— וואָס, ליוקע, וואָלט איר געוואָלט, מיר זאָלן אײַך דערציילן?

— דערציילט אונדז, וואָס הערט זיך אויפן פראָנט. די גאַנצע האָפענונג איז בלויז אויף די רוסן.

דערציילט ער, און שלוימע מיט באַרעכן זעצן איבער, איינער אויף ייִדיש, דער צווייטער אויף פּויליש, וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט צעקלאַפּט די דײַטשן אונטער מאָסקווע, לעבן דער וואָלגע, אונטער קורסק. די סאָ־וועטישע דיוויזיעס דאַרפן שוין זײַן איצטער ערגעץ לעבן דניעפּער. פאַראַן אַ סאַך פּאַרטיזאַנער. אין ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, אויך אין פּוילן.

ער אַליין ווייסט זייער ווייניק, נאָר די, וואָס הערן אים, ווייסן נאָך ווייניקער.

ערגעץ פון אַ ווינקל פרעגט מען:

— פאַרוואָס פאַלן די פּאַרטיזאַנער ניט אָן אויף אונדזער לאַגער און באַ־פרײַען אונדז ניט? צום וואַלד איז דאָך מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

— אָנפאַלן וואָלטן זיי עפּשער געקענט, נאָר וווּהין וועלן זיי אונדז אַרויספירן? פאַר זיך דאַרפן מיר אַליין זאָרגן...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם ענטפער האָבן געהערט ניט נאָר די פרויען, נאָר אויך בזשעצקי, וואָס איז מיט אַ פּאָר מינוט פאַר דעם שטי־לערהייט אַרײַן אין באַראַק און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ראַם פון דער טיר. ער איז געשטאַנען, מיט קלוימערשט טאַמעוואַטע אייגעלעך, ווי ער וואָלט ניט געוווּסט, ווער ס'האָט אים געשליירט, דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, גלײַך עס גייט אים ניט אָן, וועגן וואָס מע שמועסט דאָ, און אַריבערגעטראָטן די שוועל אויף צוריק.

ווּ מע פאַרזייט אים ניט, דאָרט וואַקסט ער אויס, נאָר כאַפּן צוריק האָט מען שוין גאָרנישט ניט געקאָנט. עמעס, בזשעצקי איז ניט שלאַק. אז ער האָט ליב צו געבן פּעטש, דאָס האָבן אַלע געוווּסט, — און פויסטן האָט ער געהאַט האַרטע, ווי אײַזן; אז די דײַטשן גלייבן אים — דאָס אויך, נאָר אז ער איז א מאָסער — דאָס האָט נאָך וועגן אים קיינער ניט געזאָגט. מע קאָן אים אַמאָל אַפילע אונטערטראָגן דעם עמעס, ווי ביטער ס'זאָל פאַר אים ניט זײַן, און ער זאָל אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און עס אַראָפּשלינגען.

קאָן זײַן, אז אַזוי איז געווען פון פריִער אָפּגערעדט, נאָר פּעטשערסקי איז פאַרבליבן זיצן באַנאַנד מיט ליוקען. באַרעך האָט זיך געלאָזט אין א ווינקל פון באַראַק, און לייטמאַן איז צוגעגאַנגען צו פייגעלען, וואָס ווען באַרעך זאָל זי ניט געווען באַרויִקן, וואָלט זי פריִער מיט עטלעכע מינוט שיר זיך ניט צעקריגט מיט דער שכײנע פון דער אייבערשטער נאַרע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט דער צונג, אויסלייגן אַלץ, וועגן וואָס מע האָט גערעדט, צום שלעכטן.

— לייע, — האָט פייגעלע מיט אײַנגעהאַלטענעם קאַס געזאָגט, — וואָס פאַרשילט איר זיך און אַלעמען די יאָרן? איר ווילט ניט, הערט ניט, נאָר לאָזט אַנדערע הערן. אַלע געדאַנקען האַרגעט איר מיר אַוועק.

ביז דער מילכאָמע איז לייע געווען א מאָדיסטקע, איינע פון די בעסטע אין לובלין. די רײַכסטע פּריצעס פון די אַרומיקע מאַיאָנטקעס פלעגן קו־מען צו איר באַשטעלן א נײַ קלייד, גערעדט מיט דער נייטערקע צוקער־זיס. איצט זײַנען לייעס ביינער ווי צוגעהובלט צו די ברעטער פון דער נאַרע. נאָר סײַווי הערט זי פייגעלען ווי דעם גראַגער. פאַר איין רעגע איז די דאָזיקע פייגעלע אַרויסגעשפּרונגען פון דער קינדערשער בונדע און גלײַך געוואָרן א מויד מיט א שטעל. דאָס, וואָס זי קאָן איר זאָגן, ווייסט לייע אָן איר. אָט לאָמיר בעסער הערן, וואָס וועט זאָגן אָט דער מאַנצבל מיט די גרויע שלייפן? דאָס האָט ער איבערגעזעצט אַף מאַמע־לאָשן, וואָס דער הויכער האָט גערעדט אַף רוסיש. איז עפּשער וועט ער איר דער־קלערן, וואָס מיינט עס — זאָרגן אַליין וועגן זיך.

— איר זײַט אויך א מינסקער? — בייגט זי זיך אַראָפּ פון דער נאַרע צו לייטמאַנען.

— איך בין א וואַרשעווער.

— איז מיר שוין גרינגער. בא אונדז פלעגט מען זאָגן: די מינסקער, אז זיי קאָנען שוין ניט בײַסן, ווײַזן זיי די ציין. זאָגט מיר, ווו איז דאָס גע־הערט געוואָרן, אז מע זאָל באַם טויט פון די נעגל עמעצן אַרויסשלעפּן, צי עפּשער האָט איר יאָ אַזוינס געהערט?

— יאָ, איך האָב געהערט. און איך ווייס, אין מינסק...

— וואַרט, וואַרט, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן, — איר האָט דאָך מיר ערשט געזאָגט, אז איר זײַט א וואַרשעווער...

— יאָ, נאָר געקומען בין איך אַהער מיטן טראַנספּאָרט פון מינסק.

— וואָס האָט איר פאַרלוירן אין מינסק, וואָס איר האָט זיך אַזש אַהין פאַרשלעפּט?

פייגעלע קאָן מער ניט אויסהאַלטן, און ווײַל אַרײַנמישן זיך אין א פרעמדן געשפּרעך פּאַסט ניט, ווענדט זי זיך צו באַרעכן:

— ווי געפעלט עס דיר, האָ? כאָטש פרעג בא איר, וואָס האָט זי אין סאָביבאָר פארלוירן, וואָס זי האָט זיך אהער פארשלעפּט?

לייטמאַן לייגט ארוף די האנט אף פייגעלעס אקסל:

— מע דארף ניט אזוי. בעסער וואָלסטו אויסגעזוכט א שליסל צו איר הארץ. ס'איז איר דאָך אויך געגוג אָנגעזאָליעט, — ער קערט אויס דעם קאָפּ צו לייען. — אין מינסקער געטאָ זײַנען אומגעקומען מײַן ווײַב מיט דרײַ קינדער, און ווי איך האָב זיך אהין פארשלעפּט איז לאנג צו דער־ציילן. דאָס איז נאָך געווען אין 1939 יאָר.

— אָ, גאָט, — טוט לייע א טיפּן קרעכץ, — איך האָב אײַך געמאכט א פרישן שניט אין דער אלטער ווונד. האָט איר שוין אויך געפּאַקט און גע־מאָזלט. ווו נעמט מען קויעך דאָס אלץ אריבערטראָגן, אז די גאנצע וועלט איז איבערגעקרייצט מיט שטעכלדראָטן?

— די גאנצע וועלט איז בא היטלערן אין די הענט קיינמאָל ניט גע־ווען. עמעס, ער איז שטארק, נאָר איך הער ניט אוף צו גלייבן, אז זײַן מאפּאָלע איז אומפארמײַדלעך. מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג שלאָגט זיך די רויטע ארמיי. זי שלאָגט זיך אויך פאר אונדז. און היטלערן וועט זי בײַקומען. דערפאר זאָג איך אײַך, קויעך דארף מען נעמען בא זיך אליין. מע טאָר ניט אראָפּלאָזן די הענט. זאָגט ניט, אז ניין. באלד וועל איך אײַך דערקלערן, וועט איר מיך פארשטיין.

פייגעלע און בערעק גייען צו צו ליוקען, וועלכע רעדט מיט סאשקאָן. זיי ווילט זיך נעענטער א קוק טאָן אף אָט דעם מענטשן, וואָס האָט אָנגע־רירט פרענצעלס קאָוועד און איז לעבן געבליבן. ס'גלייבט זיך אפילע ניט. בערעק קוקט אף אים מיט באוווּנדערונג.

בא בערעקן זײַנען די האָר צעפּודלט, דאָס אלטע צעקנייטשטע היטעלע האלט ער אין דער האנט. ער וואגט ניט עפּעס זאָגן, עפּעס א פרעג טאָן סאשקאָן. פונעם פרויען־באראק גייט ער ארויס א האָפּערדיקער, ווי ער וואָלט אין אלע געפּארן פארגעסן. באלד וועט ער דערציילן קורי'עלן וועגן סאשקאָס ווערטער: „פאר זיך דארפן מיר אליין זאָרגן". עפּעס קלײַבן זיך סאשקאָ און זײַנע כאווײרים טאָן. נאָר וואָס? ווער וועט עס אים, בערעקן, דערציילן?

באָרעך האָט מיט יעדן טאָג ארויסגערופן אלץ מער צוטרוי בא פּע־טשערסקין, און ער האָט עס געפילט, באָרעך. אָט פארוואָס ער האָט אין א פּאסיקן מאָמענט פארפירט מיט פּעטשערסקין אזא געשפּרעך:

— לאָמיר שפּילן אָן אָפענעם זעקס־און־זעכציק. איך ווייס, אז איר, סאָוועטישע, וועט ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט, קאָן דאָך ניט זײַן, אז אליין זאָלט איר לויפן, און אונדז איבערלאָזן אף אומקום.

— פונוואנען האָט איר גענומען, אז מיר קלײַבן זיך לויפן? — האָט אלעקסאנדער אופגעהויבן א ברעם. — דאָס, מיין איך, האָט איר א זאָג געטאָן גלאט אין דער וועלט ארײַן. איר האָט שוין אמאָל געפּרוווט לויפן?

— געפּרוווט.

אף אזא ענטפער האָט פעטשערסקי זיך ניט געריכט. אז באָרעך האָט אַן אויג און אַן אויער פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר אין לאַגער, האָט ער געוווּסט, נאָר אַז... אַלעקסאַנדער האָט אַ קוק געטאָן אויף באָרעכן, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל דערזען. דער מענטש איז נידעריקער פון מיטעלן וווּקס, נאָר אַ גוואַר, ווײַזט אויס, געווען. די פויסטן האַלט ער קימאַט שטענדיק צונויפגעשלאָסן. די אויגן זײַנען בײַ אים שאַרפֿע, שפּיציק־שטעכיקע. אַנומלטן האָט לייטמאַן געזאָגט: „סאַשע, אָט דער באָרעך דאַרף זײַן אַ שטאַרקער מענטש. מיר געפֿעלט ער". שלוימע איז גערעכט.

— באָרעך, כ'האָב ליב, ווען מע ענטפערט קורץ, נאָר ניט אין אַזאַ פאַל. מיר איז וויכטיק וויסן, ווען און ווו איז דאָס געווען?

— איך בין געלאָפן פון אַ לאַגער פאַר ייִדישע קריגסגעפאַנגענע אין לובלין. די ייִדישע קריגסגעפאַנגענע האָבן די דײַטשן געהאַלטן פאַר בייטיק אָפּטיילן פון די פּוילישע. אַזוינע „יודן־לאַגערן" זײַנען געווען אין ביאַלאַ פּאָדליאַסקאַ, קאַנסקאַ וואָליאַ, פּאַרטשעוו, לובאַרטאָוו, דאָס זײַנען אַלץ שטעטלעך אַרום לובלין. דאָס איז געווען אין אָנהייב 1940. העכער דרײַ טויזנט געפאַנגענע האָט מען אונדז דאַן געטריבן קיין לובלין. הונדערטער האָט מען אַפֿן וועג דערהאַרגעט, אָדער זיי זײַנען אַליין געפאַלן פון ליידן און הונגער.

— אין לובלינער לאַגער זײַט איר אויך געווען אַ שנײַדער?

— דאָס בין איך דאָ געוואָרן אַ שנײַדער. איך בין אַ קאָוועל. פון לובלין האָבן אונדז די דײַטשן געטריבן בויען דעם טויט־לאַגער אין מײַדאַנעק.

— אַנטלאָפן זײַט איר פון מײַדאַנעק?

— ניין. ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז מע האָט מיך ווידער אָפּגעשיקט קיין לובלין. דאָרט האָב איך זיך באַטייליקט אינעם אופשטאַנד.

— אין אַן אופשטאַנד?

— יאָ, סאַשקאָ, אין אַן אופשטאַנד. איך קאָן אײַך ניט אָנרופן די פּינקטלעכע צאָל, נאָר ניט ווייניקער פון הונדערט געפאַנגענע האָבן פון פּוילישן אונטערערד געקראָגן אוניפאָרמען פון פּאָליציאַנטן און זײַנען באַנאַכט אַן אײַן שאָס אַרויס פון לאַגער. ווען די דײַטשן האָבן זיך געכאַפּט, האָט מען אונדז, אָנדערהאַלבן טויזנט קריגסגעפאַנגענע, אַפֿן אַפּעל־פּלאַץ געמאָלדן, אַז דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן ניט צו וויסן געגעבן וועגן דעם, אַז מע גרייט זיך אַנטלויפן, וועט מען אונדז אַלעמען שטרענג באַשטראָפן. וואָס די ווערטער „שטרענג באַשטראָפן" באַטײַטן, האָט מען ניט באַדאַרפט דערקלערן. מע האָט אונדז אויסגעשטעלט אין איין קאָלאָנע און אַרויסגעפירט פון לאַגער. און דאָ האָט אַ גרופּע קאַצעטניקעס לויט עמעצנס אַ קאָמאַנדע, איך קאָן אײַך ניט זאָגן, ווער ס'האָט זי געגעבן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער וואַך, וואָס האָט אונדז באַגלייט. דאָס איז געווען אַן עמעסע שלאַכט. בײַ זיבן הונדערט מענטשן האָבן זיך דאַן געראַטעוועט. צווייי וואָכן בין איך געווען אויף דער פֿרײַ. איינמאָל בין איך אין אַ דאָרף אַרײַן צו אַ פּויער אין שטוב, קריגן פאַר דער גרופּע כאָטש אַ לעבל ברויט. ווי נאָר איך בין אַריבער די שוועל, האָט מען זיך אויף מיר אַרופגעוואָרפן און פאַרבראָכן די הענט אויף צוריק. ווי־אַזוי איך בין דערנאָך אַרײַנגעפאַלן אַהער, קיין סאָביבאָר, וועל איך אײַך אַן אַנדערשמאָל דערציילן.

— איר זײַט דאָ מער ווי א יאָר צײַט. דאָ האָט קײנער גאָרניט געפּרווּוט?

— אײַך גלײב איך, סאשקאַ... איך וועל אײַך זאָגן, מיר ווילן... אלעקסאנדער האָט אָנגעכאַפּט באַרעכן פאר דער האנט.

— אין לאגער איז פאראַן אן אונטערערדישער קאָמיטעט?

— נײן, נאָר ס'איז פאראַן א גרופּע, וואָס האָט מיך באַפולמעכטיקט, כ'זאָל זיך פאַרבינדן מיט אײַך און מיר זאָלן צוזאַמען שאַפן א קאָמיטעט.

— ווער גײט ארײַן אין דער גרופּע?

— דערווײַל פינף מענטשן, איר קענט זײ אלעמען. דער עלטסטער מײַסטער פונעם שנײַדער־ווארשטאט יוזעף, דער שוסטער יאקוב, יאנעק פונעם סטאָליער־ווארשטאט, איך און דער שנײַדער לעאָן פעלדהענדלער, וואָס ארבעט מיט מיר אײנײנעם אין צווײטן לאגער. מיר האלטן, אז ער איז אונדזער אָנפירער.

— איר ווײסט, ווי־אַזוי דאָס פעלד ארום לאגער איז מינירט?

— ווי דען? אוואדע ווײס איך: ווי א שאָך־ברעט. איך אלײן האָב געגראָבן די גריבלעך פאר די מינעס. זײ זײַנען צעשטעלט אף א ברײט פון פופצן מעטער.

— די ברײט פונעם פעלד, זאָגט איר, איז פופצן מעטער, די דראָט־פארצוימונגען פארנעמען א מעטער פיר, איז נײַנצן. פון דעם סטאָליער־ווארשטאט ביז צו די פארצוימונגען איז פונקט צוועלף מעטער, אין סאַכאקל באטרעפט עס אײן און דרײַסיק, לאָמיר רעכענען פינף און דרײַסיק מעטער. אזויפיל, קומט אויס, דארף האלטן דער ריוו, וועלכן מע דארף אויסגראָבן, קעדײ ארויסקריכן דורך אים פון יענער זײַט לאגער. אלײן דער ריוו דארף האלטן דרײַ פערטל מעטער אין דער ברײט און קימאט דאָס זעלבע אין דער טיף, הײסט עס, ס'וועט אויסקומען אויסגראָבן...

— כ'וועל אײַך איבערשלאָגן די רײד. ענטפערט מיר פריִער אף אזא פראגע: וויפל צײַט וועט אָפּנעמען די ארבעט, וווהין וועט איר אהינטאָן די אויסגעגראָבענע ערד און וויפל דארף געדויערן, אז קריכנדיק אף אלע פיר אײנער הינטער דעם אנדערן, זאָלן זעקס הונדערט ווײסטע קאליקעס אריבערקומען דעם ריוו און נאָך קאָנען לויפן פון יענער זײַט?

— צײַט אף גראָבן — בא צווײ וואָכן. די ערד, מײן איך, וועט זיך אהינטאָן אונטערן דיל פונעם סטאָליער־ווארשטאט. נו, און דעם ריוו וועלן מיר אריבערקומען פאר עטלעכע שאָ.

— כאלוימעס.

— פארוואָס?

— איר מײנט דאָך ניט, אז אלע דײַטשן האָבן בעלמעס אף די אויגן און די אויערן זײַנען בא זײ פארשטאָפּט מיט קלאָטשע, — באַרעך האָט פאריכט זײַן היטל, ווײַל דער דאשעק האָט אים געשטערט ארײַנקוקן פּעטשערסקין אין די אויגן. — קײן צווײטן פּלאַן פארמאָגט איר ניט?

— פאר דעם צווײטן פאָדערט זיך בא הונדערט שארפע העק און מעסערס און, פארשטײט זיך, מענטשן, וואָס זאָלן מיט זײ האקן און שטעכן.

— בעט איך אײַך, אזוי זאָלט איר מיט מיר שטענדיק ריידן. גלייבט מיר, אז איך קאָן אײַך זייער גוט צוניץ קומען, און ניט נאָר מיט אן אייצע.

— מאסקים. וואָס פאר א צווייטשטאָקיקע כורווע שטייט עס פון יענער זײַט לאגער, דאָס איז ניט קיין פארמאסקירטער וואך־פונקט?

— איך מיין, אז ניט. אמאָל איז דאָרט געווען א מיל.

— באָרעך, איר האָט אויך באמערקט, אז די דײַטשן פארטרויען ניט די וואכלײַט?

— יאָ. מע גיט זיי ארויס בלויז צו פינף קוילן, ווען זיי גייען אפן פאָסטן. די קוילן האלטן די דײַטשן אין דער געבײַדע פונעם קאָמוטאטאָר, ניט ווײַט פון צענטראלן טויער, דאָרט שטייט א דײַטשישער וואכמאן. אויב מע דארף זיך נאָך עפּעס דערוויסן, זאָגט, מיר וועלן טאָן אלץ, וואָס איר וועט הייסן.

— שפּירט נאָך נאָך דער מיל, צי גייט ניט עמעצער אהין. דאָס קאָן מען טאָן פונעם סטאָליער־ווארשטאט. דערוויסט זיך, צי בײַט זיך די וואך שטענדיק אין איין און דער זעלבער צײַט. אף ווײַטער, לאָמיר אָפּרעדן, וועלן מיר זיך טרעפן מיט אײַך און מיט פעלדהענדלערן אין פּרויען־באראק, בא ליוקען. דאָס, וואָס זי קען קיין רוסיש ניט, איז אפילע א מײַלע.

איינמאָל, ווען עס איז אָנגעקומען א נײַער עשעלאָן, איז אף דער סטאנציע עפּעס געשען און אלע דײַטשן האָבן זיך געלאָזט אהין. אף דער וואך זײַנען פארבליבן בלויז פינף סאָלדאטן. דער גרעסטער טייל קאצעטניקעס האָט זיך דאן געפונען אין נאָרד־לאגער. פּעטשערסקי, ציבולסקי און נאָך עטלעכע מענטשן האָבן רעמאָנטירט דעם באראק, ווו זיי האָבן געוווינט. ציבולסקי האָט גענומען זיך בעטן:

— סאשע, לאָמיר לויפן! מיט די פינף וועלן מיר זיך ספּראווען.

— וואָס מיינסטו, זיי וועלן אונדז צולאָזן אזוי נאָענט, אז מיר זאָלן זיי קאָנען שטילערהייט אוועקלייגן אף טויט? און די דראָט־פארצוימונגען, די מינעס? נאָר לאָמיר זאָגן, אז עמעצן פון אונדז וועט געלינגען ראטעווען זיך, די איבעריקע וועט מען דאָך דערשיסן. ניין, אזוי טאָר מען ניט.

אן אנדערשמאָל איז אפילע אויסגעקומען ארויסצושטעלן אן אייגענע וואך, קעדיי ניט דערלאָזן, אז א קליינע גרופּע זאָל פּרווון איבערשנײַדן די דראָט־פארצוימונגען און אנטלויפן. איינער פון דער גרופּע האָט זיך מאַ־מעש געוואָרפן אף פּעטשערסקין מיט די פויסטן:

— ווער ביסטו, — האָט ער געשריען, — וואָס דו נעמסט זיך דאָס רעכט אונדז צו באפוילן?

— א סאָוועטישער אָפיצער.

— און אויב איך וועל דיך ניט פאָלגן?

— דערפאר טאקע שטייט דאָ אונדזער וואך.

פעטשערסקי איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין פרויען־באַראַק. ער האָט שוין געוווּסט, אַז ליוקע איז געבוירן געוואָרן אין האַמבורג און דאָרט גע־לעבט, אַז איר פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער רעוואָלוציאָנערער טוער. ווען די פאַשיסטן זײַנען געקומען צו דער מאַכט, איז ליוקעס טאַטע, ווי די גאַנצע פּאַרטיי, אַוועק אין אונטערערד. ליוקעס מאַמע מיט די קינדער האָט זיך אײַנגעגעבן אַריבערפֿאָרן קיין האָלאַנד, אין אַ צײַט אַרום איז אַהין געקומען אויך דער טאַטע.

נאָכדעם זײַנען די דײַטשן געקומען קיין האָלאַנד, און דאָ האָט מען זיי געפּאַקט, ווי זיי הערן מאָסקווער ראַדיאָ. ליוקעס טאַטע און אירע צוויי ברידער האָט מען פאַרברענט אין סאָביבאָר. פון דער גאַנצער מישפּאָכע זײַנען געבליבן זי און די מוטער.

ליוקעס אַרבעט איז האָדעווען קראָליקעס. אַמאָל גיט זיך איר אײַן צו־גאַנווענען אַ בלעטל קרויט, אַ מערל, אַפילו אַ שטיקל ברויט. פון דער „הימל־שטראַסע” איז דער הויף, ווו זי אַרבעט, אָפּגעטיילט מיט אַ הילצער־נעם פּלויט, אין וועלכן עס זײַנען פאַראַן שפּעלטעלעך. זעט זי, ווי מע לאָזט צוערשט אַרויס די דרײַ הונדערט געענדז. זיי גייען אַזוי מאַיעסטעטיש... נאָך די געענדז שלעפּן זיך נאַקעטע אײַנגעהויקערטע מענטשן. ליוקען דאַכט זיך, אַז זי הערט, ווי צייינער קלאַפּן אין צייינער. מע טרײַבט זיי פּאַרטיעס־ווײַז צו פינף הונדערט מיטאַמאָל. אַזוי ציט זיך עס שאָענלאַנג. ליוקע ווייסט, מע פאַריאָגט זיי אין דער גרויער בעטאָנענער געבײַדע, און ווען מע פאַרמאַכט נאָך זיי די אײַזערנע טירן, ווערט דעמלט אײַנגעשלאָסן דער מאָטאָר, וואָס טרײַבט דעם שטיק־גאַז...

פעטשערסקי און לייטמאַן האָבן אָנגעהויבן אָפט אַרײַנקומען צו די שלאָ־סערס און שמידן. אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען זיי זײַנען אַרײַן צו די שמידן, איז באַם טיש געזעסן בזשעצקי. אויף דער רעכטער האַנט — דאָס צוגענייטע קאַפּאָ־בענדל, דאָס אויסגערונענע אויג פאַרמאַכט, דאָס פאַר־זשמורעטע געזונטע אויג לויפט איבער פון איין מענטשן צום צווייטן.

ווי נאָר לייטמאַן האָט דערזען בזשעצקין, האָט ער אַ שלעפּ געטאָן פעטשערסקין פאַר דער האַנט:

— סאַשע, קום צו די שלאָסערס, עפּשער וועלן זיי אונדז געבן פאַריי־כערן.

— גיי אַליין, — האָט זיך אָנגערופן דער קאַפּאָ. — איך דאַרף מיט דעם באָכער אַ שמועס טאָן.

ווען זיי זײַנען פאַרבליבן מיט פעטשערסקין אויג־אויף־אויג, האָט בזשע־צקי אַ זאָג געטאָן:

— איר זײַט ניט פאָרזיכטיק. די מײַסע מיט פרעגעצעלן, אײַער שמועס אין פרויען־באַראַק... איר מיינט, איך פאַרשטיי ניט, אַז ליוקע איז ניט מער, ווי אַ שירמע? אײַער רעכטע האַנט איז שלוימע לייטמאַן. קורץ גע־רעדט, איך וויל אײַך זאָגן, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ מאָסער, וואָלט איך אײַך שוין לאַנג פאַרקויפט. נאָר איך פאַרשטיי, אַז אויך מיך וועט מען פאַר־

ברענען. דער „אײביקער לאגער״, װי אַ סאך רופן אים דאָ, װעט אײביק ניט עקזיסטירן, און קײן לעבעדיקע אײדעס װעלן זײ ניט איבערלאָזן...

— גוט, װאָס איר פארשטײט, — האָט אים פעטשערסקי איבערגע־שלאָגן. — נאָר פארװאָס זאָגט איר עס גראָד מיר?

— סאשע, לאָמיר ניט פאטערן אומזיסט קײן צײַט. געדענקט, איר קאָנט אַ סאך געװינען און אַ סאך פארלירן. אונדז, די קאַפּאָס, פארטרויען די דײַטשן. איך גײ ארום פראנק־און־פרײַ אומעטום, אויסער דעם דריטן לא־גער. קורץ, איר נעמט אונדז ארײַן אין אײַער געשעפט?

— װער איז עס דער „אונדז״?

— מיך און דעם קאַפּאָ פון דער באנהאָף־קאָמאנדע טשעפּיק. פאַרן קאַפּאָ שלאָק האָב איך אלײן מוירע. איך װײס, אז איר װעט מיר דאָ אָפן אָרט ניט ענטפערן, איז באקלערט זיך און טאקע װאָס גיכער. דערװײַל האָט מיר אַ גוטע נאכט.

דעם 12 אָקטיאבער אין אָװנט זײַנען אָף דער װאך אין סאָביבאָר גע־שטאַנען ניט נאָר די פאשיסטן, נאָר אויך סאָװעטישע קריגסגעפאנגענע. אר־קאדי װײַספּאפיר און אלעקסײ װײַצען האָבן נאָכגעשפּירט נאָכן הויף, באָ־ריס ציבולסקי און סעמיאָן ראָזענפעלד האָבן קײן אויג ניט אראָפּגענומען פון דעם צענטראלן טויער. זײער אופגאבע איז געװען — באמערקן זײ עפּעס פארדעכטיקס, טײקעף געבן אַ סיגנאל.

אָבער קײנער פון זײ האָט ניט געװוסט, אז אין דער מינוט, װען דער דײַטשישער װאכמאן קלאפּט נײַן מאָל נאָכאנאנד מיט זײַן אײַזערנעם שטעקל אין רעלס, האָבן זיך אין סטאָליער־װארשטאט צונויפגענומען נײַן מענטשן, װאָס דערװײַל אמפּערן זײ זיך, צי זאָל מען אײַנלאדן נאָך אײנעם, אַ צענטן, צי נײן. װאָס װאָלט געזאָגט ארקאדי װײַספּאפיר, װען ער װײסט, אז דער צענטער — דאָס איז דער קאַפּאָ בזשעצקי, װאָס האָט אים צוריק מיט צװײ װאָכן אזוי געמײמעסט, אז ער פילט עס נאָך איצט?

פעטשערסקי האָט געשיקט נאָך בזשעצקין. און װען דער קאַפּאָ האָט זיך באװיזן אָף דער שװעל, האָט ער אים געמאָלדן:

— מיר הײבן אָן די באראטונג.

בא בזשעצקין איז דאָס רעקל געװען שטענדיק צעכראסטעט. איצט האָט ער עס פארשפּיליעט אָף אלע קנעפּ. זיך ארומגעקוקט און געפרעגט:

— װאָס, סאשע, איר װילט מיך אויספּרוּװן צי בלויז װאָרענען?

— ס׳איז ניט קײן צײַט איצט פאר פּוסטע רײד. איר האָט טאקע פאר־דינט, מע זאָל אײַך מישפּעטן, און דאָך פארטרויען מיר אײַך דאָס לעבן פון זעקס הונדערט מענטשן. צוליב װאָס װאָרענען? איר אלײן װײסט גוט, װאָס אײַך דערװאַרט, אויב איר װעט פאראטן... און איצט — װעגן דעם פּלאן פון אופשטאנד.

אָף מאָרגן, דעם 13 אָקטיאבער, גאנצפרי איז צו די סטאָליערס ארײַנגע־קומען בזשעצקי און אָנגעשריִען אָף יאנעקן, פארװאָס אין דער קאזארמע, װוּ די װאך געפינט זיך, פארמאכן זיך שלעכט די טירן.

— פונוואנען זאָל איך וויסן? — האָט זיך יאנעק פארענטפערט. — מיר האָבן אהין קיין צוטריט ניט.

— שטענדיק איז בא אײַך גרייט א טערעץ. גיט מיר עמעצן פון אײַערע באַלמעלאָכעס, וועל איך אים גלײַך אהין אָפּפירן.

ס׳איז לײַכט זיך אָנצושטויסן, אז דער באַלמעלאָכע, וואָס האָט געגומען דאָס קעסטל מיט אינסטרומענטן אין האנט, איז געווען פעטשערסקי. אין די פוסטע צימערן פון דער קאזארמע האָט ער, קלוימערשט קעדיי אויס־פרווון די שלעסער, צוגעמאכט די טירן און דאָ טאקע אפגיך געעפנט די שאפעס, ווו עס שטייען די ביקסן. פאר עטלעכע מינוט האָט ער זיך איבער־צײַגט, אז די ביקסן־מאגאזינען און די פאטראָנטאשן זײַנען פוסט.

נאָך מיטיק האָט ער מיט שלוימען זיך פארקליבן אפן בוידעם פונעם סטאָליער־װארשטאט און לאנג געקוקט צום נאָענטן װאלד אף רעכטס פונעם טויער.

דאָס שטעכלדראָט האָבן זיי באשטימט איבערשנײַדן לעבן דעם אָפּי־צערן־הויז. דער גרעסטער טייל מינעס, וואָס זײַנען דאָ פארגראָבן, האָבן זיי געוווסט, זײַנען ספּעציעלע אליארעם־מינעס, אופרײַסן וועט מען זיי מיט די שטיינער, וואָס זײַנען שוין פארפריִער געווען פארגרייט. ס׳איז אויך פארגרייט געווען טרוקענער זאמד אף צו שיטן די וואכלײַט אין די אויגן.

דאָ טאקע איז באשטימט געוואָרן, אז דער אָנהייב פונעם אופשטאנד דארף געמאכט ווערן אינעם צווייטן לאגער. דאָרט געפינען זיך שטענדיק פיר עסעס־אָפיצערן. זיי מוז מען די ערשטע אנטוואָפענען און פארניכטן. וועט זיך עס ניט אײַנגעבן, איז אלץ פארפאלן. מיטן שרעקלעכסטן טויט וועט מען אומברענגען אלע זעקס הונדערט לאגערניקעס, וואָס לעבן נאָך הײַנט־צו־טאָג. ווער זשע וועט זײַן דער, וואָס וועט דער ערשטער אופהייבן די שארפע האק, און דאָס וועט דינען אלס סיגנאל צום אופשטאנד? שלוימע וויל, אז סאשע זאָל אָנרופן אָט דעם מענטשן. טראכט ער, סאשע, קלײַבט ווידער איבער אין געדאנק א נאָמען נאָך א נאָמען.

שובײַעוו איז אפילע דאָ, אין לאגער, פארבליבן שלאנק און פלינק. ווי אלע בארג־לײַט, שטעלט ער שטילע טריט, גלײַך זײַנע צערעפּעטע שקראַ־בעס וואָלטן געווען אונטערגעבעט מיט קישעלעך. בא אים איז א רענדל א וואָרט. אויב אים באפוילן „גייז", וועט ער בלויז א שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אף „יאָ" און זיך ניט פארהאלטן קיין איבעריקע רעגע. אים דארף מען שיקן אין שנײַדער־װארשטאט, זאָל ער זיך צערעכענען מיט נוימאנען, וועלכער פארבײַט איצטער דעם לאגער־קאָמענדאנט.

ארקאדי ווײַספּאפּירס גרויסע בלויע אויגן וועלן נאָר א בלישטשע טאָן, ווען מע וועט אים זאָגן „גייז". ער וועט גיין צו די שוסטערס און זיך צע־רעכענען מיט דעם אָבערשארפיורער געטינגער.

אף זיאמע ראָזענפעלדן קאָן מען זיך אויך פארלאָזן, כאָטש ער איז נאָך זייער יונג. נעכטן, קלערנדיק, ווהין אים שיקן, האָט פעטשערסקי א פרעג געטאָן בא זיאמען, וויפל איז ער אלט. צו אזוינע פראגן איז מען דאָ ניט געוווינט. זיאמע האָט זיך פארכידעשט: „פונוואנען ווייסט איר, אז פונקט

מאָרגן קאָן מיר ווערן איין און צוואַנציק יאָר?״. ער האָט געזאָגט: „קאָן מיר ווערן״. ווי אַנדערש לאָזט זיך ענטפערן אין סאָביבאָר? ראָזענפעלד וועט גיין מיט שוביײַעוו. באַ אַלעקסיי ווייצענעגן וועט אויך די האַנט ניט קיין ציטער טאָן. אים דאַרף מען שיקן איבערשנײַדן דאָס שטעכלדראָט לעבן אָפּיצערן־הויז.

איז ווער זשע וועט אָנהייבן? — טראַכט פּעטשערסקי.

צוריק מיט עטלעכע טעג, דערמאָנט ער זיך, איז אָנגעקומען אַן עשעלאָן מיט מוטער־נאַקעטע מענטשן. מע האָט זיי געפירט נאַקעטע, קעדיי קיינער זאָל אין וועג ניט אַנטלויפן. ער און ציבולסקי זײַנען געשטאַנען הינטערן ראָג פון אַ באַראַק, פונוואַנען מע האָט געזען דעם דריטן לאַגער מיט די גאַז־קאַמערן, וווהין מע האָט די מענטשן געטריבן. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ האַרצרײַסנדיק געשריי פון אַ קינד: „מאַמע! מאַ...״ אין דער רעגע איז קלאָר אויפגעקומען דער געדאַנק: אויב מיר וועלן אַנטלויפן און ניט אויסהאַרגענען די הענקער פון סאָביבאָר, וועלן מיר ניט די ווערט זײַן צו טרעטן אויף דער ערד. ער, סאַשע, האָט אַזוי אַ קלער געטאָן. און באַריס ציבולסקי האָט עס געזאָגט אויף אַ קאָל.

— שלוימע, מיט דער גרופּע, וואָס וועט גיין אין צווייטן לאַגער, וועט אָנפירן באַריס ציבולסקי. אים קען איך מער פון אַלעמען, פאַר אים קאָן איך גאַראַנטירן. זײַן קלאַפּ וועט זײַן דער ערשטער.

אָט אַזוי באַדאַכט, געוויגן און געמאָסטן האָבן פּעטשערסקי און לייטמאַן אָנגעמערקט די מענטשן, וואָס וועלן ליקווידירן די וואַך. זיי האָבן באַשלאָסן — אָנהייבן דעם אופשטאַנד מאָרגן, דאָנערשטיק, דעם 14 אָקטיאַבער, אין דער צווייטער העלפט טאָג, ווען די דײַטשישע אָפּיצערן קומען אין די וואַרשטאַטן מעסטן די קליידער און דאָס שוכוואַרג. פאַרענדיקן מוז מען אַלץ ביז פינף אַזייגער — צו דער שאָ פון אַפּעל. באַנאַכט וועלן די סאַמע זיכערע מענטשן באַקומען די זיבעציק שאַרפע מעסערס און די העק, וועלכע די שמידן און שלאָסערס האָבן בישטיקע געמאַכט.

זיי זײַנען נאָך געשטאַנען אויפן בוידעם, ווען ס'האָט מיטאַמאָל זיך דערהערט דאָס גראַגערן פון די גענדז. צום הימל האָבן זיך גענומען ציִען שוואַרצע וואָלקנס רויך.

די נאַכט־פינצטערניש האָט געעטעמט מיט פײַכטקײַט און מיט קעלט. אין באַראַק איז געווען אַזוי שטיקנדיק הייס, אַז אויף דער איינציקער שויב הינטער די גראַטעס האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שווייס. ס'איז שוין שפּעט. נאָר פּעטשערסקי מיט לייטמאַנען, ליגנדיק באַנאַנד אויף די נאַרעס, האַלטן זיך נאָך אין איין סוידען.

— נו, גענוג, — זאָגט שלוימע, — מע דאַרף אַ דרעמל טאָן אויך.

— באַלד, — ענטפערט סאַשע, — גיב נאָך אַן אייצע. איך וויל פאַרלייגן פינקעוויטשן, ער זאָל אַרויספירן די מענטשן פונעם לאַגער. ער איז דאָך פונדעסטוועגן געווען אַ מאַיאָר, זײַן דערפאַרונג קאָן צוניץ קומען.

— זאָלסט ניט וואָגן, איך קוק זיך צו אים צו די גאַנצע צײַט. ער איז אַ פּאַכדן, מעגסט מיר גלייבן. צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָב איך אים עפּעס

געגעבן אָנצוהערן, האָט ער געענטפערט, אַז אין אוואַנטיורעס וועט ער קיין אָנטייל ניט נעמען.

— עפּשער פאַרטרויט ער דיר ניט?

— נאַרישקייטן. נאָך אין מינסק האָט ער מיר געזאָגט, אַז בײַ פּילסודסקין, זעסטו, האָט מען נאָך געקאָנט זײַן אַ קאָמוניסט, און בײַ היטלערן ניט. כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער. שלאָף!

## דער אופשטאַנד

זעלטן טרעפט, אַז אין אָקטיאַבער זאָל אין אָט די קאַנטן אויספאַלן אַזאַ וואַרעמער און זוניקער טאָג. מע האָט באַקומען די באַלאַנדע און געוואַרט אויפן סיגנאַל זיך לאָזן צו דער אַרבעט. בזשעצקי האָט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס גומענע רערל פון אַ גאַז־מאַסקע. הײַנט האָט ער געווילדעוועט, ווי קיינמאָל ניט. דער שעף פון דער וואַך גריישוץ האָט אים צוגערופן און דערלאַנגט אַ פּעקל סיגאַרעטן.

פּעטשערסקי און נאָך זיבן מענטשן האָבן זיך געלאָזט אין קלײנעם סטאָליער־וואַרשטאַט. פון דאָרט זעט מען דעם ערשטן לאַגער, ווי אויף דער דלאָניע. אין דעם גרויסן סטאָליער־וואַרשטאַט איז הײַנט דער עלטסטער ניט יאַנעק, נאָר לייטמאַן. צוזאַמען מיט אים געפינען זיך אין באַראַק נאָך צוואַנציק קריגסגעפאַנגענע, וואָס האָבן באַהאַלטן אונטער די העמדער מעסערס.

דרײַ אַזייגער מיט דרײַסיק מינוט האָט בזשעצקי געזאָלט אָפּפירן אין צווייטן לאַגער ציבולסקין. צו אים וועלן זיך פאַררייניקן לעאָן פעלדהענדלער און באָרעך, וועלכע דאַרפן אַנטוואָפענען און טייטן די פיר פאַשיסטן, וואָס געפינען זיך דאָרטן. אָבער מיט אָנדערהאַלבן שאָ פאַר דעם איז אַרײַנגעקומען אין עסעסאָווע און באַפוילן בזשעצקין נעמען מיט זיך דרײַ מענטשן און גיין מיט אים. אָט ווען פּעטשערסקין האָט באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. ער איז גלײַך אַוועק אין גרויסן סטאָליער־וואַרשטאַט און געהייסן יאַנעקן און דעם קאַפּאָ טשעפּיק זיך דערוויסן, וווהין האָט מען אַוועקגעפירט בזשעצקין מיט די דרײַ קאַצעטניקעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען אין נאָרד־לאַגער און לייגן צונויף געהילץ אין שטאַבעלן. פּעטשערסקי האָט צוגערופן ציבולסקין.

— אין צווייטן לאַגער וועט דיך פירן ניט בזשעצקי, נאָר טשעפּיק.

— אויסגעשלאָסן! — האָט טשעפּיק אויסגעשריִען. — אָן קיין דערלויבעניש טאָר איך אַהין ניט גיין. מיר מוזן אַלץ אָפּלייגן אויף מאָרגן.

— וואָס? איר וועט ניט אויספילן מײַן באַפעל?

געענטפערט האָט ציבולסקי:

— סאַשע, פאַרלאָז זיך אויף מיר. טשעפּיק וועט גיין, און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

דער פאַרטרעטער פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט נוימאַן האָט באַדאַרפט קומען אין שנײַדער־וואַרשטאַט דער ערשטער — צו פיר אַזייגער באַטאָג. ער איז געקומען צו רײַטן אויף אַ פערד מיט צוואַנציק מינוט פריִער. ס'האָבן

אים באגעגנט דער עלטסטער שנײַדער יוזעף און די „שנײַדערס״ שובײַעוו און ראָזענפעלד. יוזעף האָט געבעטן דעם הער קאָמענדאנט אויסטאָן דעם מונדיר. נוימאַן האָט אראָפּגענומען דעם רימען מיטן פּאראבעלום און אוועקגעלייגט אפן טיש.

— ביטע! — האָט אים יוזעף אנטקעגנגעטראָגן א נײַינקן אַנצוג. — ביטע, דרייט זיך אויס צו דער שײַן.

אין דער זעלבער רעגע האָט ראָזענפעלד ארופגעלייגט זײַן האנט אף נוימאנס געווער און שובײַעוו האָט א כאַפּ געטאָן די האק, וואָס איז געשטאנען א צוגעדעקטע מיט א שטיקל צײַג לעבן פיסל פון טיש.

נוימאַן האָט אזא רעווע געטאָן, אז זײַן פערד אין הויף האָט זיך געטאָן א ריס פון אָרט. צום גליק, האָט א יינגל פון דער באנהאָף־קאָמאנדע זיך אײַנגעגעבן אַנכאַפּן דאָס פערד פארן צײַמל און אָפּפירן עס אין א זײַט. נוימאנען האָט מען פארדעקט מיט א קאָלדרע און די בלוט־פלעקן אפן דיל באשאָטן מיט זאמד. שובײַעוו איז אוועק אַנזאָגן פעטשערסקין די יעדיעע און אים איבערגעבן דעם ערשטן טראָפּיי — נוימאנס פאראבעלום.

פיר אזייגער מיט פינף מינוט איז געקומען נאָך זײַנע שטיוול דער באַלעבאָס פון דער „הימל־שטראסע״, דער שעף־געהילף פון דעם דריטן לאַגער — געטינגער. מיט אים האָט זיך ספּראוועט ארקאדי ווײַספּאַפּיר.

פיר אזייגער מיט צען מינוט האָט געעפנט די טיר פונעם שנײַדער־ווארשטאַט דער שעף פון דער לאַגער־וואך גריישוץ. געעפנט און גלײַך אומגעפאלן.

דערווײַל האָט אין הויף זיך באוויזן דער עסעסאָוועץ גאולשטיך. ער איז געגאנגען צום צווייטן לאַגער. ווען דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר, האָבן פעטשערסקי און לייטמאַן נאָך קיין יעדיעס ניט געהאט. לייטמאַן איז ארויסגעלאָפן אנטקעגן גאולשטיכן:

— הער אָפיצער! אונדז איז באפוילן פארענדיקן הײַנט די נארעס, נאָר קיין פינקטלעכע אָנווײַזונגען האָבן מיר ניט. די סטאָליערס שטייען אָן ארבעט. עפשער וועט איר אף א מינוט ארײַנגיין?

שלוימע האָט אים אָפּגעטראָטן דעם וועג און געלאָזט צוגיין צו די נאַרעס. פון דעם ערשטן קלאַפּ איז גאולשטיך אומגעפאלן מיט צעשפּרייטע הענט.

פיר אזייגער מיט צוואנציק מינוט איז פונעם צווייטן לאגער געקומען צו לויפן ציבולסקי.

— סאשקאָ, מיט אלע פיר אָפיצערן איז פארענדיקט. זייער געווער איז בא אונדז. די טעלעפאָן־פארבינדונג און די סיגנאליזאציע האָט איבערגעריסן דער „פאריזשער״ — שווארץ. באלעבאטים פונעם צווייטן לאגער זײַנען איצט לעאָן און באָרעך.

אין הויף זײַנען ארײַן עטלעכע בלעכערס מיט צינקענע רינוועס אין די הענט. אין די רינוועס האָבן זיי געבראכט זעקס דײַטשישע ביקסן און קוילן.

פיר אזייגער מיט דרײַסיק מינוט האָט פונעם נאָרד־לאגער זיך אומגעקערט בזשעצקי. ער האָט דערציילט, אז דער לאָדזשער שלאָסער היינריך ענגעל האָט אין גאראזש מיט אן אײַזערנעם פרענט אוועקגעלייגט אף טויט דעם אונטערשארפיורער בעקמאַן און צוגענומען זײַן אווטאָמאט.

שוין צײַט געבן דעם סיגנאַל צום אַלגעמיינעם שטורעם. נאָר פּעטשערסקי וואַרט. עס לעבט נאָך פרענצעל, דער שעף פונעם ערשטן לאַגער. דאַכט זיך, ס׳איז געווען פעסט באַוואָרנט, אַז פרענצעל וועט אַרײַנקומען אין קליינעם סטאָליער־וואַרשטאַט אַ קוק טאָן אויף די נײַע שאַפעס. פאַרוואָס זשע איז ער נאָך ניטאָ? מע האָט זיך דערוויַיל נאָך אויך ניט צעצאָלט מיט די סאַמע בלוטדאָרשטיקע מערדער פון סאָביבאָר — מיטן עסעס־שטאַבספיורער ווערנער דיובואַ און אונטערשאַרפיורער פראַנץ וואָלף.

און דאָך מוז מען דעם סיגנאַל געבן. פּעטשערסקי באַפוילט בזשעצקין אויסשטעלן אַלעמען אין איין קאָלאָנע.

די ערשטע האָבן זיך אויסגעשטעלט די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע. זיי האָבן געדאַרפט אָנפאַלן אויפן געווער־סקלאַד. לעאָן פעלדהענדלער האָט פונעם צווייטן לאַגער געבראַכט צו פירן אַ קאָלאָנע פון הונדערט פופציק מענטשן. עס איז געוואָרן אַ טומל. די, וואָס האָבן ביז איצט גאָרנישט ניט געוווסט, האָבן אָנגעהויבן עפּעס זיך אָנשטויסן. יעדערער האָט געוואָלט זײַן וואָס נעענטער צום טויער.

אין דער מינוט איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן דער שעף פון קאַראַול. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס קלײַבט מען זיך צום אַפּעל מיט אַזאַ טומל, און גענומען אָרודערן מיט דער בײַטש אויף רעכטס און אויף לינקס. נאָר דאָ האָט ער באַמערקט, אַז אים גייען נאָך פוסטריט עטלעכע לאַגערניקעס.

— קאַפּאָ, — האָט ער זיך געווענדט צו בזשעצקין, — וואָס קומט דאָ פאָר? — און זיך אַ נעם געטאָן צו דער קאָבורע.

עטלעכע מענטשן האָבן אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט זייערע העק.

אײַנהאַלטן די מענטשן וואָלט שוין קיינער ניט געקאָנט. ס׳האָט זיך דערהערט פּעטשערסקיס באַפעל:

— אַלע צום אָפיצערן־הויז! רײַסט דאָרט איבער די דראָטן, און אין וואַלד!

ערשט איצט האָט מען אויף די וואַך־טורעמס זיך געכאַפּט, אַז אין לאַגער קומט עפּעס פאָר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. פינקעוויטש און נאָך אים אַ סאַך אַנדערע האָבן זיך געלאָזט לויפן צום צענטראַלן טויער. דעם וואַכמאַן באַם טויער האָט פאַרשלונגען דאָס געדראַנג פון מענטשן. אָבער צום וואַלד זײַנען ניט אַלע דערלאָפן. פיל האָבן זיך אויפגעריסן אויף די מינעס.

די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, געפירט פון פּעטשערסקין, האָבן זיך געלאָזט צום געווער־סקלאַד, אַ פײַער־שקוואַל האָט זיי צוגעדריקט צו דער ערד. אַהער זײַנען געלאָפן עסעסאָווצעס.

פרענצעלן האָט פּעטשערסקי באַמערקט, ווען יענער האָט פויזענדיק זיך קימאַט דערקליבן צו דער טיר פונעם סקלאַד. פּעטשערסקי האָט אויסגעשאָסן, נאָר צי האָט ער אין אים געטראָפן?..

— אײַנציקווײַז צום וואַלד! — באַפעלט פּעטשערסקי.

אַליין וועט ער דאָ בלײַבן מיט עטלעכע באַוואָפנטע מענטשן, די עסעסאָווצעס זאָלן ניט קאָנען פאַרפאָלגן די אַנטלויפנדיקע.

— כאווער קאָמאַנדיר, — האָט זיך צו אים געווענדט וויַספּאַפּיר, — שוין צייַט אָפּטרעטן.

„כאווער קאָמאַנדיר“ — דאָס האַרץ האָט געטאָן א צאַפּל. צום ערשטן מאָל פאַר צוויי יאָר רופט מען אים אַזוי אָן. כאָטש ער איז נאָך אין טויט־לאַגער און אפילו זיַין שאָטן איז נאָך ניט פון יענער זיַיט שטעכיק דראָט, איז ער שוין דאָך ניט קיין לאַגערניק!

באַם ראַנד פון וואַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. מענטשן לויפן נאָך אַהער. ס'פּיַיפן אַלץ אָפּטער קוילן. אָט איז מיטן פּאָנעם אַראָפּ געפאַלן איינער. אַן אַנדערער האָט אָנגעטראָטן אויף א מינע. ווי אַן אונטערגעשניטענע פאַלט אום א פּרוי, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָענט פון וואַלד...

פונעם אַפּעל־פּלאַץ האָט צו קורי׳עלן און בערעקן אין קעמערל זיך דער־טראָגן א געשריי פון הונדערטער מענטשן. ניט פרעגנדיק קורי׳עלן, איז בערעק אַרויסגעלאָפן פון באַראַק. אַן עסעסאָווער ליגט אויף דער ערד מיטן פּאָנעם אַראָפּ. נאָך איינער. וואָס טוט זיך עס אין לאַגער?!

בערעק איז אַריַינגעשפּרונגען צוריק אין קעמערל און א ריס געטאָן קורי׳עלן פאַר דער האַנט.

באַ די גרויסע טויערן איז אַן אָנגעלאָף פון מענטשן. קורי׳על און בערעק לויפן אויך אַהין. עטלעכע עסעסאָווצעס, וואָס יאָגן אין דער ריכטונג צום געווער־סקלאַד, שניַידן זיי איבער דעם וועג. איינער פון זיי האָט זיך אויס־געקערעוועט און עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעשאָסן. ווען בערעק האָט זיך אומגעקוקט, איז קורי׳על לעם אים ניט געווען.

נאָך דעם זידנדיקן קעסל, פונוואַנען מע האָט זיך נאָרוואָס אַרויסגעריסן, האָט פּעטשערסקין זיך געדאַכט, אַז דער וואַלד דרעמלט. פונעם לאַגער דערטראָגט זיך נאָך די שיסעריַי, און דאָ הוידען זיך פאַמעלעך די צוויַיגן און שיידן זיך שטילערהייט מיט די לעצטע בלעטער.

געגאַנגען איז מען איינער הינטער דעם אַנדערן. פּעטשערסקי דער ער־שטער, נאָך אים ציבולסקי. געשלאָסן די גרופּע האָט וויַספּאַפּיר.

פאַרלאָזן דעם וואַלד איז געווען, ווי פאַרלאָזן א פעסטונג. וויַיטער האָט זיך געצויגן א פעלד, און שוין גאָר אומגעריכט — א ברייטער טיפער ריוו, פול מיט וואַסער. וויַספּאַפּיר האָט עפּעס דערהערט, און איבער דער ריי גיט איינער איבער דעם צווייטן:

— אַכטונג! דאָ איז פאַראַן נאָך עמעצער.

אויף דעם זעלבן אויפן באַקומט וויַספּאַפּיר דעם קאָמאַנדירס באַפעל:

— דערוויסן זיך, ווער!

אַרקאַדי ראַפּאָרטירט:

— אַלץ איז אין אָרדענונג. ס'איז שוביַיעוו.

ווירקלעך, שוביַיעוו מיט עטלעכע מענטשן איז אַרויס פון דער ריי, באַוויזן אָפּגיך מאַכן א מין פּליט, און מע איז שוין בעשאָלעם אַריבער אויף

דער צווייטער זייט פון ריוו. אוןווידער ציט זיך וואַלד. וואָס זשע איז פּעטשערסקי אַזוי פאַרומערט? שובייעוו האָט געבראַכט די ייִדיע, אַז לייט־מאַן איז שווער פאַרווונדעט. שלוימע, לעאָן און בּאָרעך זײַנען אַוועק מיט אַן אָפּגאַבּע אופזוכן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, און איצט ליגט ער, שלוימע לייטמאַן, אויף אַ טראַגבעטל און ווער ווייסט, צי ער לעבט נאָך. אַזויפיל טעג אין לאַגער, טעג, וואָס זײַנען געגליכן צו יאָרן, אָפּגעלעבט זייט־בּאַ־זייט מיט שלוימען און זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט, ווי ליב און טײַער דער מענטש איז אים. גענוג געווען, לייטמאַן זאָל אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ", און פּעטשערסקי האָט שוין געוווּסט, אַז אַנדערש קאָן גאָרניט זײַן.

מיט שובייעוון האָט שלוימע אים איבּערגעגעבּן זײַן לעצטן גרוס און זײַן דאַנק. זײַן דאַנק... ווּעמען, אויב ניט שלוימען, קומט דער ערשטער דאַנק פאַר דעם, וואָס זיי זײַנען איצט פרײַ. דאָס האָט ער דאָך געהאַלטן אין איין איבּערכאַזערן די ווערטער: „ניט מיט טרערן דאַרף מען צאָלן, נאָר מיט געווער". וויפל ער, פּעטשערסקי, וועט לעבּן, וועט ער אים ניט פאַרגעסן. נאָר מער קלערן וועגן דעם האָט פּעטשערסקי קיין רעכט ניט. ער מוז קלערן וועגן די מענטשן, וואָס גייען הינטער אים. ער ווייסט: מיט אַזאַ גרויסער גרופּע איז קימאַט אוממעגלעך זיך אויסבּאַהאַלטן, אוממעגלעך זיך דורכשמוגלען אומבּאַמערקט.

אַ שאָרך, און אַלע פאַרטײַען דעם אָטעם. ס'איז ווידער שטיל. גוט, וואָס די שרעק איז אַן אומזיסטע. מע לאָזט זיך ווײַטער, און דאָ צעשרײַט זיך אַ ייִדענע, ווי זי זאָל זײַן בּאַ זיך אין אַלקער:

— מוישע, ווו בּיסטו?

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויף מײַלן אַרום צעטראָגט זיך איר פאַרצווייפל־טער געשריי. איז וואָס? דורכטרײַבּן זי? שלוימע וואָלט געוויס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין".

עס גייען אַוועק און קערן זיך אום די אויסשפּירער. זיי וואָלטן געמעגט אָנזאָגן בּעסערע בּסורעס. וואָס נעענטער צו דער אײַזנבּאַן־ליניע, אַלץ שיטערער ווערט דער וואַלד.

וואָס טוט מען? דאָ וועט מען זיי געוויס זוכן. בּעסער צופּויזען צו דער סטאַנציע און זיך פאַרקלײַבּן אין די קוסטעס. צום גליק האָט דאָס עסעריקע ווינטל ניט צעטריבּן די וואָלקנס און פון גאַנצפרי אָן האָט געגומען טריפן אַ נודנע רעגנדל. בּלויז סאַך טאָג האָבּן זיך אין הימל בּאַוויזן אַעראָפּלאַנען. אין די אַרומיקע וועלדלעך האָבּן געגנישטערט דײַטשן און פּאָליצײַען. עס האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ, אַ בּילן פון הינט.

קוים דערלעבט די נאַכט, האָט מען אַריבּערגעפּויזעט די רעלסן און זיך געלאָזט ווײַטער אין וואַלד. צוויי סאָביבּאָראָווצעס זײַנען זיי אָנגעקומען אַנטקעגן:

— איר גייט צום בּוג? קערט זיך אום. מע האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָרט איז פול מיט דײַטשן.

פּעטשערסקי מיט נאָך אַכט מענטשן האָבּן בּאַשטימט ניט ענדערן דעם מאַרשרוט און גיין צו דער סאָוועטישער גרענעץ, צו די פּאַרטיזאַנער. אויף

א קליינער וואלד־לאַנקע האָט מען זיך צום לעצטן מאָל צונויפגענומען אינײנעם.

— כאַווײרים, — האָט געזאָגט פּעטשערסקי, — מיר מוזן זיך צעטיילן אויף קליינע גרופּעס פון אַכט ביז צען מענטשן, און יעדער גרופּע וועט מוזן אַליין זיך אויסקלײַבן איר וועג. אַנדערש וועלן מיר זיך ניט אַרויסראַטעווען פונדאַנען. איך וועל אײַך אָנרופן די נעמען פון די עלטסטע אין די גרופּעס. כ׳האָף, אַז זיי פאַרדינען אײַער צוטרוי.

מענטשן האָבן אים אַרומגענומען, געקושט, געשעפּטשעט:

— אַ דאַנק דיר, סאַשקאָ! מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

בערעק איז אויך צו אים צוגעלאָפן און אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט. אַ שאָד, וואָס אין דער פינצטער האָט סאַשקאָ ניט געקענט זען דעם ייִנגלס אויגן. ער וואָלט דאַן לאַנג ניט געטראַכט און געזאָגט: „מיר זײַנען נײַן, דו וועסט זײַן אין מײַן גרופּע דער צענטער“.

אַזוי האָט בערעק ניט איין מאָל דערנאָך געקלערט און זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ, פאַרוואָס ס׳האָט אים ניט געקלעקט קיין מוט אַרויסברענגען די ווערטער: „פּעטער סאַשקאָ, איך וויל אויך גיין מיט אײַך אויף מיזרעך צום בוג, צו די פּאַרטיזאַנער. איר קאָנט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט, נאָר איך וועל פון אײַך ניט אָפּשטיין...“

אין פיר טעג אַרום, שפּעט אין אָוונט, האָבן נײַן מענטשן זיך שטילערהייט געגאַנוועט צו אַ כוטאָר, וואָס איז באַשטאַנען סאַכאַקל פון איין הויף. נאָך דעם כוטאָר האָבן זיי נאָכגעשפּירט עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד. דאָ האָט מען געדאַרפט זײַן באַזונדערס פאָרזיכטיק — דער בוג איז נאָענט.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער. עמעצער האָט אָפּגעריקט דאָס פאָרהענגל. אין אַ רעגע אַרום האָט זיך די טיר געעפנט. אין שטוב זײַנען אַרײַן פּעטשערסקי, ציבולסקי, שובײַעוו און ווײַספּאַפּיר. די איבעריקע זײַנען פאַרבליבן אויף דער וואַך. דאָ, אין דעם פאַרוואָרפענעם כוטאָר, בײַ דער סאַמע גרענעץ צווישן פּוילן און ווײַסרוסלאַנד, האָט מען שוין געהערט, אַז ערגעץ לעבן כעלם אָדער לעבן מײַדאַנעק איז געשען אַ נעס.

— מע זאָגט, — האָט דערציילט דער באַלעבאָס פון הויז, — אַז פון די איווונס, אין וועלכע די פאַשיסטן פאַרברענען מענטשן, האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן אַרויסשפּרינגען לעבעדיקע מייסים און גענומען כאַפּן די דײַטשן פאַר די גאָרגלען. וועמען געכאַפּט — דעם דערשטיקט. די דײַטשן האָבן צערשט, פאַרשטייט זיך, אַ נעם געטאָן די ביקסן, דערנאָך האָבן זיי פאַר שרעק געוואָרפן דאָס געווער און געלאָזט זיך לויפן, וווהין די אויגן טראָגן.

ווי דעמלט, אינעם הויף פון מינסקער קאַרצער, איז פּעטשערסקי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, די אויגן פאַרזשמורעט. עפּענען זיי האָט ער פאַשעט מוירע געהאַט. עפּשער האָט ער מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז ער איז שוין ניט קיין געפאַנגענער. עפּשער איז דאָס טאַקע ניט מער, ווי אַ לעגענדע, אַ גוטער כאַלעם? שטילערהייט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— העלפט אונדז אַריבער איבערן בוג...

דער באַלעבאָס האָט פאַריכט דעם קנויט פונעם קאַנעץ, מיט אַ קאַלדרע פאַרהאַנגען דאָס פענצטער און געענטפערט:

— גאָט אַליין העלפט אײַך. איז ווי זשע קאָנען מיר אײַך אָפּזאָגן? — און צו זײַנע קינדער: — זאָסיע, דערלאַנג צום טיש, און דו, קאַזימעזש, טו אָן די שטיוול און גרייט זיך אין וועג.

אין דער נאַכט אַפן 20 אָקטיאַבער האָבן זיי שוין באַטראָטן די ווײַסרו־סישע ערד. זי איז נאָך געווען אָקופּירט. איצט איז פאַרגעשטאַנען זיך דער־שלאָגן צו די פּאַרטיזאַנער. ס'איז געשען אַן אומגליק מיט באַריסן. באַם איבערגיין דעם בוג האָט ער זיך צוגעקילט. ער האָט געבערענט פון היץ און ווײַטער גיין ניט געקאָנט. פון פיר אויסגעהאַקטע דעמבענעביימלעך האָט מען געמאַכט אַ טראָגבעטל און אַזוי זיך דערקליבן מיט אים צו אַ דאָרף אין דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע. דאָ האָט מען אים געמוזט איבערלאָזן.

אין צוויי טעג אַרום האָבן זיי ניט ווײַט פון ברעסט באַגעגנט די ערשטע פּאַרטיזאַנער. זיבן מאַן זײַנען אָנגענומען געוואָרן אין אָטריאַד אַף קאָ־טאָווסקיס נאָמען. פּעטשערסקי איז אַוועק מיט אַן אַנדער מאַכנע, אַף שטשאָרס' נאָמען, ווײַל דאָרטן האָט מען אים צוגעזאָגט פאַרעכענען אין אַ דיווערסאַנטן־גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט די טעג זיך לאָזן אַף דער אײַזנ־באַן אופרײַסן אַ פײַנטלעכן עשעלאָן.

אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי האָט זיך דערוואַרט ביז דעם טאָג, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרייניקט מיט דער סאָוועטישער אַרמיי. די רויטע פּאַסיקלעך אַפן היטל האָט ער פאַרביטן מיט אַ שטערנדל. סאָף אויגוסט 1944 איז פּעטשערסקי שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין לאַזאַרעט, ווו ער איז אָפּגעלעגן פיר כאַדאָשים, אין דעם רעזערוו־פּאָלק און דערנאָך אין ראָסטאָוו, זײַענדיק שוין ניט אין אַרמיי, — אומעטום האָט ער אַלץ זיך נאָכ־געפרעגט אַף זײַנע פרײַנט, די אופשטענדלער.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דעם זעלבן אָוונט, ווען זיי זײַנען אַנטלאָפן פונעם לאַגער, איז מיטן אײַזנבאַן־טעלעגראַף אַוועק אַן אַליאַרעם־דעפּעש: „דרינגענדיק אַרויסשיקן מיליטער און אָניאָגן די אופשטענדלער". אַ יונגע פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אַפן כעלמער וואָקזאַל אַלס טעלעגראַפיסטן, האָט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, איבערגעגעבן די דעפּעש דעם דײַטשישן פאַר־בינדלער מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַף העכער פיר שאָ...

דעם 16 אָקטיאַבער 1943 איז קיין סאָביבאָר אָנגעקומען אַ ספּעציעלע סאַפּיאָרן־טייל, אופגעריסן מיט דינאַמיט קימאַט אַלע געבײַדעס און די וואַך־טורעמס, אַרויסגעריסן פון דער ערד די סטויפּעס מיטן שטעכלדראָט. מע האָט אָנגעלאָדן אַף פּלאַטפאָרמעס און אַוועקגעפירט די עקסקאַוואַטאָרן, וואָס האָבן געגראָבן די גריבער פאַרן אַש פון די פאַרברענטע, די טראַנס־פּאָרטיאָרן, אַף וועלכע עס זײַנען נאָך געלעגן טויטע קערפּערס, די דיזעל־מאָטאָרן, וואָס האָבן געטריבן דעם שטיק־גאַז.

פון בערלין איז געקומען אַ געהיימער און שטרענגער באַפעל: אום יעדן פרײַז פאַרניכטן די אופשטענדלער. ניט ווייניק פון די אַנטלאָפענע האָט

מען געכאַפּט. אָבער פיל האָבן געפונען דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, זיך אויסבאַהאַלטן באַ פּוילישע פּויערים.

היינט־צו־טאָג לעבט אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי אין ראָסטאָוו־דאָן. פון דער גרופּע, וואָס איז דעמלט אַריבער צוזאַמען מיט פּעטשערסקין דעם בוג, האָבן צוויי ניט דערלעבט דעם טאָג פון ניצאָכן: באָריס ציבולסקי איז געשטאָרבן אין דעם ווייסרוסישן דאָרף, ווו מע האָט אים איבערגעלאָזט; אַלעקסאַנדער שובייעוו איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין 1944 בייס אַ שלאַכט. די איבעריקע כאַווירים זיינע האָט פּעטשערסקי נאָך דער מיל־כאָמע אויסגעזוכט, און ס׳איז געוואָרן באַ זיי אַ טראַדיציע יעדע פינף יאָר זיך צונויפנעמען אַלע אינאיינעם אין ראָסטאָוו, באַ סאַשען.

קאַפּיטל פינף

# אָף דער פריי

## אַזוי האָט דער קאָמאַנדיר באַפוילן

דער וואַלד איז ווידער בערעקס היים, און די ערד זיין געלעגער. מיט אַ גרופּע פון זיבן פּוילישע ייִדן איז בערעק אַוועק אין כעלם, און שוין אָפּן צווייטן טאָג האָבן זיי באַם איבערגיין אַ שאָסיי אָנגעטראָפן אָף דייטשן. צוערשט האָט זיך דערהערט אַ קורצער פייף פון אַ פאַרשטעקטן אין לאָ־קער היטלעריסט, און דערנאָך איז אַוועק אַ שיסעריי. פון דער גרופּע האָט מען צוויי מענטשן דערהאַרגעט. ווו די איבעריקע האָבן זיך אַהינגעטאָן — ווייסט בערעק ניט. מע איז זיך צעלאָפן.

אינצווייען זיינען זיי פאַרבליבן — ער און טאָמאַש, וועמען סאַשקאָ האָט אָנגערופן אַלס עלטסטן פון דער גרופּע.

טאָמאַש גייט פאָרויס, דער קערפּער איז באַ אים אַזוי געבויגן, אַז ס׳דאַכט זיך, אָט־אָט וועט ער אומפאַלן. אַפילע ווען ער שטייט אָף איין אָרט, הוידעט ער זיך, ווי אַן אונטערגעגראָבענער בוים. ער זאָגט, אַז ער איז געווען אַ דרוזשנאַוואָ אין דער אַרמיי. ווערדליך ער איז אַלט, האָט עס באַדאַרפט זיין מיט אַ היפּש ביסל יאָרן צוריק, און עפּשער זעט ער בלויז אויס אַזוי שטאַרק געעלטערט. בערעק האָט אים מוירע פון אויג פאַרלירן. עפּעס אַ קלייניקייט, ער פאַרמאָגט אַ נאַגאַן און דריי קוילן צו אים, און אונטערן רעקל איז פאַרשטעקט באַ אים אַ מעסער, וואָס איז געמאַכט גע־וואָרן, בייס מע האָט זיך געגרייט צום אופשטאַנד.

טכילעס אָוונט האָבן טאָמאַש און בערעק זייער געהיט זיך געלאָזט צום ראַנד פון וואַלד. אופגעהויבן זיך אָף אַ גאַנץ הויך בערגל, האָבן זיי באַ־קוקט דעם אַרום. די קאַלטע זון איז פאַרגאַנגען, און דער הימל האָט אָף אַ קורצער צייט באַקומען דעם קאָליר פון צייטיקן ווייץ. ערגעץ וויים, באַם סאַמע האָריזאָנט, ווו ס׳האָט זיך געמישט רויט מיט בלוי, האָט זיך געלאָזט זען אַ קלויסטער מיט אַ באַגילדטן קופּאָל. אינעם אָוונטיקן דעמער האָבן

זיי זיך צוגעזעצט לעבן א מעכטיקן דעמב, וואָס איז געווען באַדעקט מיט א לישײַניק די גרייס קימאט ווי א טעלער. ארום סאָביבאָר האָבן אף א סאךביימער זיך באוויזן אזעלכע טויטע אָנוווקסן, עפעס ווי א מין זשאַווער. עפשער האָט דאָס ארויסגערופן דער שטיקנדיקער רויך, וואָס איז טאָג און נאכט געהאנגען איבערן קאנט.

זיי האָבן באטראכט, וווהין ווײַטער גיין. אויב זיך לאָזן אין דאָרף, קאָן יעדע רעגע זײַן די לעצטע, ווײַל מיסטאמע נישטערט דאָ די זשאנדארמע־ריע. נאָר דער הונגער האָט גויוער געווען די שרעק, און זיי האָבן באַ־שלאָסן פארלאָזן זיך אפן גנאָד פון גורל. פריִער מיט א טאָג צי שפּעטער, נאָר סײַווי וועט מען זײַן געצוווּנגען קומען אין א יישעוו.

ס'איז פארבײַ קימאט א שאָ, זינט ס'איז פינצטער געוואָרן. זיי זײַנען געגאנגען בארג־אראָפּ. ס'האָט אָנגעהויבן מאראקען א רעגן, וואָס האָט זייער גיך דורכגעווייקט די שיך, די פלודערן. פון די היטלען האָט געקאַ־פּעט אפן האלדז. צוערשט האָבן זיי אָנגעטראָפן אף א סטערטע היי, פון דאָרט האָט א סטעזשקע געפירט צו אן אָפּגעזונדערטן כוטאָר. זיי האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, אז אין שטוב וועט פריִער בערעק אליין ארײַן, און דערנאָך וועט מען שוין זען, וואָס מע האָט ווײַטער צו טאָן.

די טיר איז געווען ניט פארשלאָסן. צי מע מעג ארײַנגיין, האָט בערעק געפרעגט, ווען ער האָט שוין אריבערגעטראָטן די שוועל. צווישן צוויי וואזאָנעס מיט פיקוסן איז אף א נידעריק בענקעלע געזעסן א פויערטע און געשיילט קארטאָפל. די דינע און לאנגע שאָלעכץ האָט פון אונטער איר מעסער זיך געצויגן אין אן אונטערגעשטעלטער שיסל. באַ בערעקן איז אופגעקומען א געדאנק, צי זאָל ער ניט א כאפּ טאָן דעם מאיאָנטעק, וואָס אין שיסל, און אנטלויפן. ער האָט געזאָגט „א גוט־אָוונט". זי האָט אים געענטפערט מיט דעם זעלבן. ס'האָט אויסגעזען, ווי זײַן ארײַנקומען אהער וואָלט זי גאָרניט פארכידעשט.

— אָנטרינקען זיך באַ אײַך קאָן מען? — האָט ער געפרעגט.

מיט די איינע אויגן האָט זי אים אָנגעוויזן אף דער באנק, ווו ס'איז געשטאנען אן עמער מיט וואסער.

די דריטע קוואָרט האָט ער שוין אָנגעשעפּט, ווען ער האָט דערפילט, אז נאָך עמעצער, אויסער דער פרוי, קוקט אף אים. די טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער, איז געווען אָנגעלאָזט, און הינטער איר, מיסטאמע אף די שפּיץ פינגער, זײַנען געשטאנען צוויי קינדער און שיר ניט ארויסגע־קוועטשט מיט די נעזער די טאפליע. די קינדער זײַנען מיטאמאָל ניט גע־סטײַעט, און פונעם צימער איז ארויסגעאנגען א מאנצבל מיט געזונטע טרעגערישע אקסל, אָן א היטל, נאָר ארומגעגארטלט מיט א רימען, אין שטיוול מיט הויכע כאָליעועס. נאָך איז געווען צו באמערקן, אז די הויט אף זײַן פּאָנעם איז פארוויאנעט, ווי באַ א מענטשן, וואָס איז זעלטן אף דער פרישער לופט און שלאָפט שלעכט.

— פונוואנען און וווהין גייסטו? — האָט ער א פרעג געטאָן.

בערעק האָט ניט באלד זיך געפונען וואָס צו ענטפערן.

— ווילסט ניט זאָגן, איז באווײַז דײַן דאָקומענט. קיין פּאסיר־שײַן האָסטו אויך ניט? ווי איז דײַן נאָמען?

— טאַדעק.
— די פאַמיליע?
— מײַן פאַמיליע איז קניעוּוסקי.
ווי ניט גלייבנדיק בערעקן, האָט ער אים געהייסן איבערכאַזערן די פאַמיליע, בייסמײַסע אים אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס און מיט אַ פינגער באַוויזן אַף אַ בענקל באַ דער וואַנט.
— דו ביסט אַליין צי מיט נאָך עמעצן?
— אַליין.
— וווּהין גייסטו באַנאַכט? ווער האָט דיר געוויזן דעם וועג אַהער? — דער קלוימערשט רויִקער טאָן, וואָס האָט געהערשט פון אָנהייב, האָט גענומען פאַרשווינדן. — ווער, פרעג איך באַ דיר, דער סאָלטיס צי עמעצער אַנדערש?
— קיינער ניט. כ'האָב אָנגעטראָפן אַף אַ סטערטע היי, און פון דאָרט האָט מיך די סטעזשקע געבראַכט אַהער.
— אַ נאַכטלעגער, האָסטו געמיינט, וועט מען דיר פאַרלייגן?
— ניין, כ'האָב ניט געמיינט.
— צוליב וואָס זשע ביסטו אַהער געקומען? דו האָסט זיך אָנגעטרונקען, — האָט ער אַ ווײַז געטאָן אַפן עמער וואַסער, — און וואַרטסט, מע זאָל דיך נאָך אָנהאָדעווען?
בערעק איז געווען זיכער, אַז באַלד וועט מען אים אָנכאַפּן פאַרן קאָלנער, דאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער טיר. דער מאַנצבל איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. נאָר דאָ איז די פרוי אופגעשטאַנען פון איר אָרט און, אויסגלײַכנדיק זיך, געזאָגט:
— איך וויל וויסן, יורקאָ, ווען מען געהער אָט די שטוב? וואָס פירסטו זיך אוף, ווי אַ מאַרשאַלעק, ווען דו ביסט אפילע קיין פּאַרוטשניק ניט. דאָס ייִנגל לאָז צורו. מע דאַרף ניט אַזוי פײַערן און זידן. קאַרטאָפל וועט פאַר אַלעמען קלעקן. זאָל ער אָפּעסן. און ווײַטער איז ניט מײַן זאַך — פונוואַנען און וווּהין ער גייט.
יורקאָ איז אָפּגעטראָטן, אָבער בלויז אַף אַ שפּאַן. ס'איז מיסטאָמע אַ העפּקער־יונג, וואָס רעכנט זיך ניט מיט קיינעם. ער האָט געעפנט די טיר אין פאַרהויז און אַ דראָע געטאָן דער פרוי:
— דיר, אַנאַ, ווילט זיך, אַז דער נאַטשאַלניק אַליין זאָל מיט דיר ריידן, קאָן איך דיר עס צוליב טאָן. לאַנג וואַרטן וועט דיר ניט אויסקומען.
וועגן הונגער האָט בערעק שוין פאַרגעסן. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז די ערד אונטער זײַנע פיס גליטשט זיך ארויס. גיי וויס, וווּהין און מיט וואָס פאַר אַ קאַוואָנעס יורקאָ איז אַוועק. איצט וואָלט מען באַדאַרפט צוּוואַרטן, ביז זײַנע טריט וועלן זיך דערווײַטערן, שטילערהייט זיך ארויסקלײַבן פון דער שטוב און זיך לאָזן לויפן צו טאָמאַשן. אַנאַ האָט, דאַכט זיך, אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט אָנגערירט בערעקן פאַר אַ האַנט.
— שרעק זיך ניט. יורקאָ איז דאָ אַ קליינער מאַכער. טאַדעק, זאָגסטו, רופט מען דיך? איז גיי, טאַדעק, צום טיש. קיין ברויט קאָן איך דיר ניט געבן, נאָר געקאָכטע קאַרטאָפל קאָנסטו עסן, וויפל דיר ווילט זיך.

אליין האָט זי זיך געגומען פאַרפּאַרעז פּאַלאָווע אין צעבער, דערנאָך, ניט אָפּווענדנדיק זיך אף קיין רעגע, גענומען שטויסן פראַסע אין א שטייסל. אנא איז, ווײַזט אויס, א מענטש, וואָס פּילט יענעמס ווייטעק. מיט אן אויס־דרוק פון זאָרג האָט זי געפרעגט:

— די ניט־צעקאָכטע קאַרטאָפל עסטו ניט, ווײַל דו ווילסט זיי נעמען מיט זיך אין וועג?

— מיר זײַנען אינצווייען. אויב איר וועט דערלויבן...

— דעם וועג אהער ווערסטו מוזן פאַרגעסן. מיט זיך וועל איך דיר מיט־געבן, וואָס איך קאָן. זעסט, יורקאָ האָט זיך אַנגעשטויסן, אז דו נאַרסט אים. און ווי וועט זײַן, אויב ער וועט באַלד אַרײַנפירן אהער דעם צווייטן?

— פאַר יורקאָן האָב איך מוירע. נאָר דער צווייטער וועט קיין לעבע־דיקער זיך ניט לאָזן נעמען.

— ווער איז ער, א מיליטערמאַן? ער איז באַוואָפנט?

— א דרוזשינאָווא איז ער אמאָל געווען, דערנאָך א פעלדשער, לעצטנס א שוסטער. קוקט ניט אף מיר אזוי, איך דערצייל אײַך דעם ריינעם עמעס. איך ווייס ניט, ווו מיר געפינען זיך אצינד, נאָר אנטלאָפן זײַנען מיר פון סאָביבאָר. דאָס איז ניט ווײַט פון כעלם. איר האָט פון אזא שטאָט געהערט?

— ווי דען? און וועגן סאָביבאָר זײַנען שוין אהער דערגאַנגען קלאַנגען. זאָג מיר, ס'איז טאַקע עמעס, אז דאָרט איז געווען א שלאַכט און מע האָט אלע דײַטשישע אָפיצערן אופגעהאַנגען?

— א שלאַכט איז געווען. נאָר וויפל היטלעראָווצעס מע האָט געטייט, דאָס ווייס איך ניט.

— הער, טאַדעק, כ'וועל אוועקגיין ניט אף לאַנג, און דו זאָלסט אומבאַ־דינגט וואַרטן אף מיר. מעגלעך, כ'וועל זיך אומקערן מיט צוויי באַוואָפנטע מענטשן, זאָלסטו זיך פאַר זיי ניט איבערשרעקן. כ'ווייס ניט, צי זיי וועלן דיר קאָנען העלפן, נאָר קיין שלעכטס וועלן זיי דיר ניט טאָן. האָב ניט קיין מוירע. איך שווער דיר, אז קיינער פון די מענטשן וועט דיר קיין בייז ניט טאָן.

— איך גלייב אײַך אָן א שווּע. ווען איר זאָלט מיר וועלן טאָן עפּעס שלעכטס, וואָלט איר מיך ניט געוואָרנט. מיט ווּעמען איר וועט זיך אומ־קערן.

— אין טעפּל שטייט דאָ געבריטע מילך, איז נעם און טרינק. די שיך טו אויס און שטעל זיי צום אײַוועלע אויסטריקענען.

בערעק איז געבליבן זיצן מיט אן אָפן מויל. א פרייד־געפיל האָט אים ארומגעכאַפּט. פון אנעס רייד לאָזט זיך פאַרשטיין, אז אָט־אָט וועט ער זיך טרעפן מיט פאַרטיזאַנער. האַלעווײַ זאָל זײַן אזוי! ס'איז דער גלײַכסטער און קירצסטער וועג, זײַן טרוים זאָל מעקויעם ווערן. מיט די הענט און מיט די פיס וועט ער זיך אין די מענטשן אָנקלאַמערן. נאָר פאַרוואָס האָט זי געזאָגט, אז זי ווייסט ניט, צי זיי וועלן אים קאָנען העלפן... סטײַטש, ווי איז עס מעגלעך? ווער דען נאָך קאָן אים העלפן? ער קאָן דען ניט ווערן קיין פאַרטיזאַנער? קיין קאַליקע איז ער דערווײַל ניט, און ווער נאָך האָט אזוי פאַר וואָס און אין ווּעמען נעקאָמע צו האָבן, ווי ער. ער האָט צוגע־

מאכט די אויגן, נאָר אויס מוירע אײַנצודרעמלען האָט ער זיי באַלד געעפנט.

דרײַען, אויסער דער באַלעבאָסטע, זײַנען זיי אָרײַנגעקומען. איינער מיט אַן אויטאָמאַט, און צוויי מיט ביקסן. יורקאָ איז צווישן זיי ניט געווען. קאָנטיק, אַז דער, וואָס מיטן אויטאָמאַט, איז בײַ זיי דער עלטסטער.

ער פרעגט, און בערעק ענטפערט:

— דײַן פאַמיליע איז קניעווסקי?

— ניין.

— איז פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי אָנגערופן?

— איך האָב אַ כאַווער, קניעווסקי איז זײַן פאַמיליע, און טאַדעק רופט מען אים.

— איר זײַט ביידע פון איין אָרט?

— ניין. ער איז פון ביאַליסטאָק. נאָר פאַראַיאָרן ווינטער זײַנען מיר געווען אינאיינעם. ער, קאָן מען זאָגן, האָט מיך פון טויט געראַטעוועט.

— וויפל מענטשן זײַנען אַנטלאָפן פון סאָביבאָר?

— איך מיין, אַז דרײַ אָדער פיר הונדערט. נאָר אַ סאַך האָבן זיך אופגעריסן אַף מינעס, נאָך מער זײַנען עפשער דערנאָך אומגעקומען.

— ווער האָט אָנגעפירט מיטן אופשטאַנד?

— זײַן פאַמיליע ווייס איך ניט, אַלע האָבן אים גערופן סאַשקאָ.

— דו ווייסט ניט, ער איז פאַרבליבן לעבן?

— וואָס הייסט איך ווייס ניט? מיט יעדערן פון אונדז האָט ער זיך געזעגנט. ער און מיט אים אַכט מענטשן זײַנען אוועק צום בוג.

— זיי זײַנען גוט באַוואָפנט?

— זיי האָבן איבערגעלאָזט בײַ זיך צוויי אָדער דרײַ פּיסטאָלעטן. דאָס איבעריקע געווער האָבן זיי צעטיילט די עלטסטע פון די גרופּעס. די עלטסטע האָט סאַשקאָ אָנגערופן.

— דער מענטש, וואָס האָט דיך געשיקט אַהער, איז אַן עלטסטער פון אַ גרופּע?

— יאָ.

— וועסט אונדז באַווײַזן דאָס אָרט, ווו ער וואַרט אַף דיר.

— ער וועט דערהערן, אַז כ׳גיי ניט אַליין, וועט ער אַנטלויפן.

— וועסט אים וואָרענען, אַז ער האָט ניט וואָס צו שרעקן זיך.

— מיר קענען זיך ווייניק, ער וועט מיר ניט גלייבן.

דער, וואָס מיטן אויטאָמאַט, האָט שמייכלענדיק אָנגעוויזן אַף זײַנע כאַווירים:

— זעסט, וואָס פאַרא כלאָפּאַקעס בײַ מיר זײַנען. כ׳וועל זיי באַפוילן, וועלן זיי אים אָניאָגן.

בערעק האָט באַשטימט ענטפערן דעם עמעס:

— עס וועט זיך שלעכט ענדיקן. מיט צוויי קוילן קאָן ער עמעצן פון אײַך אוועקלייגן און מיט דער דריטער, אויב ס׳וועט קיין אַנדער אויסוועג ניט זײַן, וועט ער זיך אַליין נעמען דאָס לעבן.

— זאָגסט, אַז דו קענסט אים ווייניק, איז פונוואַנען ווייסטו, אַז ער איז פייִק דערויף?

— אויב סאשקאָ האָט אים פאַרטרויט אַ מעסער, מעג מען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך, — האָט דער עלטסטער שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך אים ערשט איצט איינגעגעבן אַריינדרינגען אין טאָך פון דער זאַך. — וויפל צייט וועט ער אויף דיר וואַרטן?

— מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אויב איך וועל זיך ניט אומקערן ביז זון־אונטערגאַנג, הייסט עס, אַז מיט מיר האָט עפּעס שלעכטס געטראָפן און ער האָט זיך דאָ מער ניט וואָס צו פאַרהאַלטן.

— גוט. ביז פאַרטאָג וועלן מיר עפּעס צוקלערן. ליאָלעק, — האָט ער אָנגעוויזן אויף איינעם פון זיינע כלאָפּאַקעס מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, ווי פּעך, האָר, — וועט באַלד אַריינטראָגן אַ ביסל שטרוי, און עטלעכע שאָ קאָנסטו רויִק שלאָפן.

בערעק ליגט די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ. דאָס קערעאָסין־לעמפּל איז פאַררייכט. דאָס פענצטער פאַרהאַנגען מיט אַ שוואַרצן מאַנטל, נאָר די אויגן זיינען בײַ אים אָפן. ער קאָן ניט איינשלאָפן. וואָס טוט זיך עס בײַ אים אין קאָפּ? די געדאַנקען דרייען זיך, ווי אין אַ קאַראַהאָד. צי דען איז דאָס, וואָס מיט אים איז געשען, ניט אויסגעטראַכט? עפּשער זאָל ער זיך אַ קניפּ טאָן און זיך איבערצייגן, אַז ס'איז ניט קיין כאָלעם.

מיטאַמאָל טוט אים ליאָלעק, וואָס ליגט באַנאַנד, אַ טאָרקע און פרעגט מיט אַ לאָשן, ווי בײַ פּייגעלען:

— ווי איך זע, ביסטו ניט קיין לעמעשקע. זאָג נאָר, ווי רופט מען דיך אויף אַן עמעס?

— בערעק רופט מען מיך. דו ביסט אַ ייִד?

— אַ טערק בין איך. אויף דער מאַציווע, וואָס מע וועט מיר אוועק־שטעלן, וועט זיין אָנגעשריבן: „ראַכמי טעוופיק טשאַמלעבעל". פאַרשטייסט ניט, פאַרוואָס? וואָס זשע האָב איך אומזיסט דיך געלויבט, אויב דו קוקסט מיט די אויגן, הערסט מיט די אויערן און פאַרשטייסט ניט מער, ווי דעם כעלמער כאַזנס אינדיק? מיין טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, טעוויע טשאַמלינסקי, האָט מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין זיידן — ראַכמיל. נאָך אַ סאַך קאָן איך דיר אויסזאָגן, אָבער דאָס איז שוין אינדערעמעסן. איך האָב דיך באַמערקט, נאָך איידער דו ביסט צו דער סטערטע היי צוגעגאַנגען. וואָס האָסטו זיך געהאַלטן אין איין אַרומדרייען איבערן כוטאָר? אין דער פינצטער, מיינסטו, הערט מען ניט?

— איך האָב מוירע געהאַט עפענען די טיר.

— אַז מע האָט מוירע, לייענט מען קרישמע. מיילע, ס'איז שוין אַן אָפּ־געטאָנענע זאַך, פאַרפאַלן.

וואָס מיינט ער מיטן וואָרט „פאַרפאַלן", האָט בערעק ניט פאַרשטאַנען. צי איז דאָ ניט באַהאַלטן עפּעס אַן אַנדער געדאַנק?

ליאָלעק רעדט דערווייל ווייטער:

— דו האָסט אָנגעטראָפן צו אַ באַלעבאָסטע, וואָס האַלעוואַי זאָלן זיין וואָס מער אַזעלכע, אָבער ווען מיר זאָלן ניט געווען זיין דאָ...

— ליאָלעק, זאָג מיר, אויף דעם כוטאָר וועט איר נאָך לאַנג זיין?

— וואָס ביסטו, אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש? האָסט געזען פּונעם באַרג דעם קלויסטער? דאָס איז דרײַ ווערסט פונדאַנען, און עפּשער נאָך מיט אַ סמיטשיק. דאָרט, אין דאָרף, שטייען אײַן פּאַליציאַנטן, און דײַטשן קומען אהין אָפט. מיר באַווײַזן זיך דאָ זעלטן, און כּוץ אונדזער גרופּע טאָר דאָ קיינער ניט נעכטיקן.

— יורקאָ איז דען אויך פון אײַער גרופּע?

— מיט דיר, בערעק, איז ווי דאָס ווערטל זאָגט: „צאַ כאָכמע טאָ ניע יעגאָ, צאָ יעגאָ טאָ ניע כאָכמע". יורקאָ איז אַליין פאַר זיך. וואָסי, ער האָט דיך געגומען אפן צימבל? מײַן קאָפּ קאָן איך אף אים ניט אַרופּצוּען. זאָלסט וועגן אים מער באַ קיינעם ניט פרעגן, אויב דו ווילסט אָנקומען אין אָטריאַד. גיי ווייס, פונוואַנען דער קלאָפּ קאָן קומען. וואָס איז דאָס פאַר אַ נײַע גזירע?

— וואָס הייסט „אויב"? — איז בערעק שיר ניט אונטערגעשפּרונגען פון געלעגער, אַזוי האָט אים אַ קיל געטאָן אין האַרצן. — איר וועט אונדז דען ניט נעמען צו זיך אין גרופּע? דו ביסט דאָך אויך ניט געבוירן געוואָרן קיין פּאַרטיזאַן, צי עפּשער מיינסטו, אַז איך בין נאָך ניט דערוואַקסן?..

— איך מיין גאָרניט, — האָט אים ליאָלעק איבערגעשלאָגן, — מיר זײַנען אַ ספּעציעלע אויסשפּיר־גרופּע, און וועגן אָנקומען צו אונדז קאָן קיין רייד ניט זײַן. אין אָטריאַד בין איך שוין אַ יאָר מיט צוויי כאָדאָשים, נאָר מיר איז עס אויך ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. אַליין בין איך פון אַ דאָרף ניט ווײַט פון אַדאַמאָווו. אַלע אונדזערע יידן האָט מען פאַרשפּאַרט אין דער אַדאַמאָווער טפיסע, און ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט מען אונדז באַדאַרפט אָפּפירן קיין טרעבלינקע. וואָס ס'האָט אף אונדז דאָרט געוואַרט, ווייסטו בעסער פון מיר. באַנאַכט זײַנען געקומען פּאַרטיזאַנער, שטילערהייט אַראָפּגענומען די וועכטער און אופגעריסן דעם שלאָס אף דער טיר. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט אַ קאָל אף יידיש: „יידן, שרעקט אײַך ניט, דאָס בין איך, פּײַוול מלינאָווסקי. מיר זײַנען געקומען אײַך ראַטעווען!". באַפרײַט האָט מען אונדז, נאָר אין אָטריאַד קיינעם ניט גענומען. בערעק פרעגט:

— מלינאָווסקי איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד און האָט דיך ניט געוואָלט נעמען?

— דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד איז געווען סעראַפים אַלעקסייעוו, אַ רוסישער קריגסגעפאַנגענער, וואָס איז אַנטלאָפן פון לאַגער. נאָר ס'דען אַ נאָפקעמינע — ער צי מלינאָווסקי? פון טפיסע האָט מען אונדז באַפרײַט צוויי הונדערט מענטשן. ביז מיר האָבן זיך דערקליבן צום וועלדל, זײַנען צו אונדז צוגעשטאַנען נאָך הונדערט, וואָס זײַנען אַרויסגעקראָכן פון זייערע „מאַלינעס". באַ אַלעקסייעוון אין אָטריאַד זײַנען דענסטמאָל געווען פיר און צוואַנציק פּאַרטיזאַנער. פון זיי האָט מער ווי אַ העלפט קיין געווער נאָך ניט געהאַט. ווי האָט ער געקאָנט נעמען מיט זיך דרײַ הונדערט אומבאַוואָפנטע לײַט, צווישן וועלכע עס זײַנען אויך געווען זקיינים און קינדער. ער האָט אונדז צעטיילט אף גרופּעס און געהאָלפן זיך דערקלײַבן צו אַ גרעסערן וואַלד.

— ווי זשע ביסטו געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער?

— אַלעקסייעוו מיט זײַן אָטריאַד האָט זיך געלאָזט אין קשיוודינער וואַלד, און איך מיט מײַנעם אַ כאַוער נאָך זיי. סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר זיך בא אים אײַנגעבעטן...

— אַלעקסייעוו און מלינאָווסקי לעבן?

— אַלעקסייעוו, האָב איך געהערט, האָט שוין אַ היפּשן אָטריאַד, און מלינאָווסקי איז אומגעקומען. בײַסן אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן מלינאָווסקי און נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער אַרויסגעפירט פון דאָרטן אַ גרופּע פון צוועלף מענטשן, נאָר צוריק אין אַלעקסייעווס אָטריאַד האָט זיך אומגעקערט בלויז איין פּאַרטיזאַנער. אַלע זײַנען אומגעקומען אין אַ שלאַכט לעבן גאַרוואָלין. — ליאָלעק איז אַנשוויגן געוואָרן, און שוין אופהייבנדיק זיך פון זײַן אָרט, אַ זאָג געטאָן: — דיר, בערעק, איז גוט, קאָנסט איצט אַנשלאָפן ווערן. און איך דאַרף זיך שטעלן אפן פּאָסטן. באַנאַכט וועלן זיי אהער ניט קריכן, אָבער... דרײַ שאָ וועל איך אָפּהיטן דײַן שלאָף.

ליאָלעק איז אַוועק אין דער האַרבסטיקער נאַכט, און בערעק ליגט נאָך אַלץ מיט אָפענע אויגן. איבער דעם איינציקן וואָרט „אויב".

נעכטן נאָך איז די שמאָלע סטעזשקע געווען בלאָטיק, נאָר דאָס קאַיאַ־ריקע פרעסטל האָט זי צוגעטריקנט. און דער ווינט האָט אויסגעקערט די שמאָלע סטעזשקע, שפּאַנט זיך לײַכט. אין די אויגן בלינצלען דימענטן פון פריר־טוי אפן גראָז. דאַכט זיך, אַלץ אַרום גרייט זיך באַגעגענען דעם ווינטער.

אין דער פּאַרטאָגיקער האַלב־פינצטערניש האָבן בערעק און ליאָלעק דערגרייכט די סטערטע היי. עטלעכע מינוט זײַנען זיי געשטאַנען און זיך צוגעהערט. אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז מע וואָלט געקאָנט דערהערן, ווען אַ פּאַרטריקנט גרעזל זאָל געווען צופאַלן צו דער ערד. קיינער איז בא דער סטערטע ניט געווען, זײַנען זיי אַוועק ווײַטער. דערוואַרעמטע, האָבן זיי דערגרייכט דאָס בערגל באַם וואַלד. ליאָלעק פאַרמאָגט אַן אויער און אַן אויג פון אַן אויסשפּירער, נאָר טאָמאַשן — צי ער איז אַנטרונען, צי ער האָט זיך אַזוי פאַרשטעלט — הערט מען ניט און מע זעט ניט.

בערעק האָט צוגעשטעלט די האַנט צום מויל:

— טאָמאַש! — און נאָך אַ ווײַלע שווײַגן ווידעראַמאָל: — טאָמ־מ־אַ־ש!

ענדלעך איז געקומען אַן ענטפער פון צווישן דיביימער:

— שטייט און רירט זיך ניט פון אָרט. אויב דער, וואָס איז מיט דיר געקומען, וועט אַראָפּנעמען די ביקס פון אַקסל, וועל איך דער ערשטער אויסשיסן.

בערעק דערקלערט אים:

— טאָמאַש, דאָס איז אַ פּאַרטיזאַן. ליאָלעק רופט מען אים. ווילסט, וועט ער מיט דיר ריידן אף יידיש.

— אַלצייינס, זאָל ער שטיין אפן אָרט, און דו גיי צו איינער אליין צום דעמב.

ווען זיי זײַנען דערנאָך זיך צונויפגעגאַנגען אינדרײַען און טאָמאַש האָט געשלונגען איין קאַרטאָפל נאָך דער אַנדערער, האָט אים ליאָלעק אַ זאָג געטאָן:

— איר זײַט, ווי יענער פויגל, וואָס פּיקט און האַלט אין איין אַרומ־קוקן זיך. נאָר דאָס איז ניט שלעכט, פאַר אַ פּאַרטיזאַנער טויג עס. זאָגט מיר, אַף אַ פערד קאָנט איר רײַטן?

— איך האָב געדינט אין קאַוואַלעריע, — האָט טאָמאַש אַפּגיך אַראָפּגע־שלונגען דעם ביסן. — אויב דאָס פאָדערט זיך, וועלן מיר מיט בערעקן זיך ספּראַווען.

— דערווײַל גייט אַ רייד בלויז וועגן אײַך. בערעק וועט זײַן אין וואַלד ביז סאָף טאָג, און דערנאָך וועט ער זיך אומקערן אין כוטאָר און דאָרט אַף אַ צײַט בלײַבן. אויב פון קוימען, בערעק, וועט ניט גיין קיין רויך, זאָלסטו זיך צו דער שטוב אפילו ניט דערנענטערן. טו אָן מײַן פּופּײַקע, און איר, טאָמאַש, גיט אים אײַער מעסער. וואָס שטייסטו? — האָט ער אָנגעשריִען אַף בערעקן. — אַזוי האָט דער קאָמאַנדיר באַפוילן. זאָרג זיך ניט, דיר וועט מער ניט אויסקומען גיין, וווהין די אויגן טראָגן. אַלץ, וואָס בײַ דיר אַפן האַרצן, קאָנסטו אויסלאָזן צו מײַן קאָפּ. נו, זאָג עפּעס, ביסט דאָך אַ יונג מיט שפּאָרן.

בערעקן איז געווען אַ ביטערער פּאַרדראָס, וואָס מע נעמט אים ניט אין אָטריאַד. ער האָט געשוויגן, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, אַז טאָמער וועט ער פּרוּוון עפּעס זאָגן, וועט ער זיך צעכליפּען. ליאָלעק האָט אים באַרויִקט:

— מיין ניט, אַז מע לאָזט דיך איבער, זאָלסט זיך דאָ אָפּרוען. דו וועסט זײַן פאַרנומען בײַ אַ וויכטיקער אַרבעט. אַזוי האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר, און קיין ליגנער איז ער ניט. אַלץ, וואָס אַנאַ וועט דיר זאָגן, זאָל פאַר דיר זײַן ווי אַ באַפעל. יורקאָ, — ווי ער בריקעוועט זיך ניט, פאָלגט ער זי אויך. עמעס, ער איז אין איר פאַרליבט ביז איבער די אויערן.

— יורקאָ בלײַבט אויך דאָ איבער?

— יורקאָ איז אין דער פּוילישער פּאָליציי, און אַז מע איז צווישן קראָען, דאַרף מען קראַקען. פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן ניט געוווּסט, ווער ער איז אינדערעמעסן, האָבן אים פאַרוווּנדעט. איצט איז ער מער ניט אין דער פּאָליציי, ער איז סעקרעטאַר פון דער גמינע, אָבער ניט דאָס פּאָליציי־בענדל, ניט דעם פּיסטאָלעט האָבן די דײַטשן בײַ אים ניט אָפּגענומען. זיי גלייבן אים. דיר מוז איך עס דערציילן, ס'זאָל ניט זײַן פאַר דיר אומדער־וואַרט, אויב ער וועט זיך יאַווען אַפן כוטאָר אין דער אוניפאָרם פון אַ פּאָ־ליציִאַנט.

— ווער זשע איז ער פאָרט?

— פאַר די היטלעראָווצעס — אַ געטרײַער לאַנדסקנעכט, וואָס האָט גע־ליטן פון די וואַלד־באַנדיטן. אַפילו אַ מעדאַל האָבן זיי אים געגעבן. פאַר דער באַפעלקערונג — אַ פאַרעטער פונעם פּוילישן פאָלק. אַזוי מיינען אַ סאַך, און פאַר אַזאַ פאַרברעכן קאָן מען אין דאָרף אַפילו נאָר מיט די ציינ־גער האַרגענען. פאַר מיר מיט דיר — אַן עמעסער פּאַרטיזאַן. ער ריי־זיקירט מיטן לעבן מער ווי איך, כאָטש איך בין אַן אויסשפּירער. און איצט,

בערעק, לאָמיר זיך געזעגענען. עס קאָן זײַן, מיר זאָלן גאָר אײַנגיכן זיך ווידער טרעפן.

און ווידער איז בערעק אָן א פאַרוואָס און אָן א פאַרוועך פאַרבליבן איינער אליין אין וואַלד. אזא דאָברע־מאַזל האָט ער שוין. ליאָלעק און טאַמאַש זײַנען אוועק. ער קאָן זיי שוין אפילע מיט די אויגן ניט דעריאָגן. א שײַנער זייפנבלאָז געוועזן, און ווי גיך ער האָט געפּלאַצט. איין וואָרט, א ריר, און דער ווײ וועט זיך בא אים א שאָט טאָן פון יעדן גליד. וווהין טוט מען זיך אהין? ווי ס׳וואָלט אים געפירט א פרעמדער קויעך, האָט ער געבלאָנקעט איבערן וואַלד. פון א צווײַגל האָט נײַגעריק אראָפּגעקוקט אף אים א פייגעלע. אָט פאַר וועמען ער האָט ניט וואָס צו שרעקן זיך. די צעשויבערטע בלעטער האָבן זיך א שפּיל געטאָן מיטן ווינט, איז עס פאַר־שווונדן.

וואָס איז ער עס אזוי דערשלאָגן? נעכטן נאָך איז ער שיר פון הונגער ניט אויסגעגאַנגען, און ווען עמעצער זאָל אים געוועך זאָגן, אז ער וועט האָבן ווו צו איבערנעכטיקן, וואָלט ער זיך געפילט גליקלעך. און דאָס, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט די פּאַרטיזאַנער, איז דען ניט קיין גליק? עס פּאַסט ניט קומען צו אַנען מיט א פאַרקלאָגט פּאָנעם. טאָמאַשן האָט מען גענומען אין אָטריאַד, ווײַל ער האָט א נאַגאַן, ווײַל ער איז א פעלד־שער און עפּשער דערפאַר נאָך, וואָס סאשקאָ האָט אים בייס דעם אופ־שטאַנד פאַרטרויט אָט דאָס שאַרפע און שפּיציקע מעסער, וואָס ער, בערעק, האַלט עס אַצינד אין דער האַנט, ווי א שפּיז...

## יעדערן — זײַנס

פאַרבאָרגענערהייט האָבן אנא און יורקאָ אין די נעכט אויסגעגראָבן א טיפן און גרויסן קעלער — אַן אונטערערדישע באַהעלטעניש. אינעם האַלץ־שטעלכל האָט א פאַרמאַסקירטער שמאָלער ברונעם געפירט דורך א גע־שלענגלטן קאָרידאָר ביז צו א בונקער, וועלכן אנא רופט פּיווניצאַ. אויב אף א לענגערער צײַט צומאַכן די ארומגעקלאַפּטע מיט פאַרזשאַווערטן בלעך טיר פון דער פּיווניצאַ, לעשט זיך אויס דאָס ליכטל, וואָס איז ארומ־געפּאַפּט מיט אָנגעשמאָלצענעם כיילעוו, און ס׳ווערט פינצטער, כאָטש די אויגן ארויסצונעמען. אין דער פּיווניצאַ איז דאָ א טיש, א באַנק, אף די הילצערנע פּאָליצעס בא דער וואַנט שטייט א מעטאַלן קעסטל מיט פּאַפּירן, א זאַץ־קאַסע מיט שריפט, א באַנקע מיט טיפּאָגראַפישער פאַרב, א שרײַב־מאַשינקע. דאָ ליגט אויך קאָפּיר־פּאַפּיר, א פּעקל שול־העפטן, שרײַבגע־צײַג — טינט־און־פעדער, פּראָסטע און פאַרביקע בלײַערס. בערעק געפינט זיך דאָ נאָר באַטאָג, אָבער דאָ איז אויך פאַראַן אָן אָרט, ווו דעם קאָפּ אוועק־צולייגן. אנא האָט געמאַכט א געלעגער, געבראַכט א ווייכע קישן. אָנגעטאָן איז בערעק אין א לאַנגער ברעזענטענער בורקע און אף די פיס — אָפּגערי־בענע, צעקרימטע פּוישטן. אפילע ליאָלעק און זײַן קאָמאַנדע ווייסן ניט, אז אונטער דער ערד געפינט זיך אזא מאַלינע. עס זײַנען דאָ זאַכן, וואָס מילכאָמע־צײַט טאָר מען דעם אייגענעם טאַטן וועגן זיי ניט דערציילן.

פון בערעקן האָט זיך דערוויַיל געפּאָדערט, ער זאָל געבוי פאַרשריַיבן אַלץ, וואָס אים איז באַוווּסט וועגן סאָביבאָרער טויט־לאַגער. אַנאַ, לאָזט זיך אויס, איז גאָרניט אַזאַ פּאַשעטע. אַנדערש וואָלט זי ניט קיין זאָג געטאָן:

— וועגן אָט דעם לאַגער האָבן מיר געהאַט זייער קאַרגע, אַפּילע אומ־געלומפּערטע ידיעות. מע האָט זיך גאָר ניט געקאָנט ריכטן, אַז גראָד דאָרט וועט פאָרקומען אַזאַ שלאַכט און ס'וועלן זיגן די אופשטענדלער. נאָר פאַר סאָביבאָר דאַרף מען זיך נאָך מיט די נאַציסטן צערעכענען. איז רוף אָן פאַמיליעס, דאַטעס, פאַקטן. ס'איז דאָ אַ פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר, וועלכער קלייַבט שוין איצט צונויף אַזוינע מאַטעריאַלן.

נאָך האָט אַנאַ אָנגעזאָגט בערעקן, ער זאָל וואָס גיכער אויסלערנען זיך דרוקן אויף דער שריַיבמאַשינקע. צוערשט האָט עס אים פאַרדראָסן. צי דען קאָן מען פאַר אים קיין אַנדער אַרבעט ניט אויסזוכן? נאָר קוים איז עס אַ באַפעל, איז דאָך ניט שייַעך. אַ קסאַוו איז באַ אים — קאָטשערעס מיט לאַפּעטעס. נאָר אויב ער וויל שטאַרק, קאָן ער אויך שריַיבן דיַיטלעך און קלאָר. די געדאַנקען צעשפּאַרן דעם קאָפּ. ער הערט דאָס בילן פון די שפּיר־הינט, די ווילדע געשרייען פון דער וואַך, וואָס ווער ס'האָט זיי כאָטש איין מאָל געהערט, וועט זיי שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ער זעט די „הימל־שטראַסע"... נאָר אים דאַכט זיך, אַז דערציילן וועגן סאָביבאָר איז אומעג־לעך. ווען ער דערמאָנט זיך, וואָס דאָרט איז געווען, ווילט זיך אים, אַז קיין שטיקל עמעס זאָל דערין ניט שטעקן. ס'זאָל זיַין נאָר ווי אַ בייזער כאָלעם, וואָס איז פאַרביַי. נאָר ניין. דער טויט־לאַגער איז ניטאָ, נאָר ער גייט אים נאָך. די ווונד „סאָביבאָר" וועט זיך מיסטאָמע קיינמאָל ניט פאַר־היילן. אויך דאָ, אין אָט דער ווינונג פאַר פלעדערמיַיז, וויַיט פון סאָבי־באָר, פילט ער דעם איבלדיקן רייעך פון טויט. עס פאַרפּאָלגן אים די לאַמ־טערנס אויף די סטויפעס, די פּראָזשעקטאָרס אויף די וואַך־טורעמס, און אַ ליאַדע שאָרך קאָן אים אָנשרעקן. וועט ער זיך דערוויַיל פאַר דער פען ניט נעמען. ער וועט זיך נאָך אַ ביסל אַרומקוקן.

דאָס מעטאַלענע קעסטל האָט שטאַרק געצויגן צו זיך בערעקן. וואָס פאַרא סוידעס ליגן דאָרט באַהאַלטן? ער האָט אַ פּרווו געטאָן דאָס דעקל, און צו זיַין גרויסן וווּנדער, האָט זיך עס געלאָזט לייַכט עפענען. אָ, דאָ איז ווירקלעך פאַרבאָרגן אַ גאַנצער אוצר! דאָס קעסטל איז פול געווען מיט פּאַפּירן, פלוגבלעטלעך, קסאַוויאַדן. געווען אויך אייניקע ציַי־טונגען. בערעק האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיי, ווי אַ דאָרשטיקער צו וואַסער. געלייענט, געלייענט, געלייענט...

ווען אַנאַ האָט סאָף טאָג אים געגעבן אַ סימען, אַז ער מעג זיך אופהייבן אין שטוב אַריַין, האָט ער נאָך אַלץ זיך ניט געקענט אָפּריַיסן פונעם לייע־נען.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג ניט אָפּגערופן? — האָט אַנאַ געפרעגט.

— איך האָב געעפנט דאָס קעסטל מיט די פּאַפּירן, — האָט בערעק שטיל, דערפילנדיק זיך שולדיק, געענטפערט.

— ס'מאַכט ניט אויס, — האָט אַנאַ אים באַרויקט. — מיר האָבן געמיינט, אַ ביסל שפּעטער דיך באַקאַנען מיט די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך דאָרט, — נאָך דעם, ווי דו וועסט אָנשריַיבן וועגן זיך. נאָר אַזוי איז עפּשער

גאָר בעסער. ס'וועט דיר העלפֿן באַזיניקן דאָס, וואָס מיט דיר איז פֿאָרגעקומען. לייען און פֿאַרגעדענק.

קאַיאָר איז בערעק שוין ווידער געווען אין בונקער באַם קעסטל. נעכטן האָט ער אַלץ געלייענט צײַטונגען. פֿון די באַזונדערע צופֿעליק צי ניט צופֿעליק פֿאַרהיטע נומערן פֿון פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס און פֿאַרשיידענע יאָרן האָט ער זיך דערוווּסט זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט ביז אַהער קיין אַנונג ניט געהאַט. ווען ס'איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין האַנט אַ צײַטונג פֿון דעקאַבער 1941, ווו עס איז געווען באַשריבן, ווי אַזוי די רויטע אַרמיי האָט געטריבן דעם דײַטש פֿון הינטער מאָסקווע, האָט מאַמעש זײַן האַרץ אָנגעקוואָלן. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, ווי מע נעמט אַזאַ נוימאַן צי אַ באַלענדער און מע גיט זיי אַ קערעווע אויס צוריק „נאָך האַוזע", אַהין פֿונוואַנען זיי זײַנען געקומען. ע, ניין, ווער וואָלט זיי לעבעדיקע אַרויסגעלאָזט?

פֿון אַן אַנדער אונטערערדישער צײַטונג האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער ערשטער פּוילישער אינפֿאַנטעריע־דיוויזיע, וואָס האָט זיך פֿאָרמירט אין לעני נאָ, און וועגן דער ערשטער שלאַכט, וואָס זי האָט געפֿירט אָט גאָר ניט לאַנג דעם 12 אָקטיאַבער 1943.

אין איינעם פֿון די לעצטע פֿלוגבלעטלעך, וואָס בערעק וואָלט געמעגט שווערן, אַז ווע דליק דער שריפֿט, איז דאָס געדרוקט געוואָרן אין דעם בונקער, ווו ער געפֿינט זיך, האָט ער איבערגעלייענט אַ ידיעה, אַז דער פֿראָנט דערנעענטערט זיך צו קיִעוו און האָמעל.

דאָס איז דאָך שוין גאַרניט אַזוי ווײַט פֿון פּוילן!

הײַנט, האָט בערעק בײַ זיך באַשלאָסן, וועט ער לייענען קסאַוויאַדן. דאָס זײַנען געוויס גוויִס־איידעס וועגן די גוואַלדטאַטן פֿון די אָקופּאַנטן. ער האָט גענומען זיך גריבלען צווישן די פּאַפּירן און פֿלוצעם נישטוימעם געוואָרן. אַף אים האָבן אַ קוק געטאָן יידישע אויסיעס. גרויסע אויסיִעס אַף אַ שאַרבלאַט: „די יוגנט־שטימע", און עטוואָס העכער, איבער דעם נאָמען פֿון דער צײַטשריפֿט, אַ לאָזונג: „זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרברידערונג!" און אַ מאָטאָ:

...אַלע מענטשן זײַנען ברידער,<br>געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווײַסע...

דאָס איז דאָך פּערעץ. יִצחאָק־לייבוש פּערעץ. בערעק געדענקט נאָך איצט דאָס גאַנצע ליד אַף אויסווייניק.

בערעקן איז ווייניק די שײַן פֿון ליכטל, ער צינדט אָן דאָס קעראָסינלעמפּל, איצט זעט ער גוט דאָס געמעל אַפֿן שאַרבלאַט: דורך דער דורכגעבראָכענער געטאָ־וואַנט שליסט זיך אָן אַ האַנט פֿון אַ געטאָ־קעמפֿער אָן אַ האַנט פֿון דרויסן.

שווער אויסצוזײַן אַ טאָג אין בונקער, נאָך ערגער ווי באַם זיידן מאַציי אַפֿן בוידעם. עס קלעקט ניט קיין לופֿט צו עטעמען. דער דיל, כאָטש פֿאַרדעקט מיט קלאָטשע, איז פֿײַכט. די בלינדע ווענט לאָזן אַ טרער און זײַנען אײַז־קאַלט. נאָר בערעק זיצט און לייענט.

וויפל איז ער אויסגעשטאַנען! דאַכט זיך, ניטאָ קיין שוידער, וואָס זאָל נאָך סאָביבאָר קאָנען דערשיטערן, דאָך ווערט פּאַרקילט בא אים יעדער אייווער, ווען ער לייענט די פּוילישע, יידישע קסאַוויאַדן.

מאָרדכע יוזעפּאָוויטש שרײַבט אין יידיש:

„ווען מע האָט אונדז אַרײַנגעטריבן אין די וואַגאָנען, האָבן מיר ניט געוווסט, אַז מע דעפּאָרטירט אונדז אַף אומברענגען. מיר האָבן געגלייבט די פּאַשיסטן, אַז מע פירט אונדז ערגעץ אַף אַרבעט. אַף די טויערן פונעם לאַגער, ווהין מע האָט אונדז געבראַכט, איז געווען אָנגעשריבן: „יעדערן — זײַנס". נאָר זייער גיך האָבן מיר פאַרשטאַנען דעם עמעסן באַטײַט פון אָט די ווערטער. ווי נאָר מיר זײַנען אדורך די טויערן, האָט אַן עסעסאָוועץ דערשאָסן מײַן עלטערן ברודער און גלײַך זיך א באַרים געטאָן פאַר א צווייטן אזא, ווי ער: „ביז צען איז מיר נאָך פאַרבליבן צוויי. אז איך אַרבעט ניט באַטאָג, קאָן איך באַנאַכט ניט אײַנשלאָפן". דער אַנדערער האָט אים געענטפערט: „פאַרוואָס עפּעס צען? אַרבעט מער, וועסטו שלאָפן ווי נאָך א באָד".

איך האָב נאָך פאַרמאָגט א ביסל קויעך, האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן אין א קאָמאַנדע, וואָס האָט געוואַלגערט ביימער אין וואַלד. מיט דער האַק, וואָס מע האָט מיר געגעבן, האָב איך געפּלעט דעם קאָפּ יענעם, וואָס קאָן ניט אײַנשלאָפן באַנאַכט, אויב ער האַרגעט ניט באַטאָג. זאָל זײַן, ווי זיי זאָגן: „יעדערן — זײַנס". פון דער ביקס, וואָס כ'האָב צוגענומען באַם פאַ־שיסט, האָב איך צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין די, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר. קאָלזמאַן איך לעב, וועל איך די ביקס פון דער האַנט ניט אַרויס־לאָזן. מײַן האַס האָט קיין גרענעץ ניט".

ווי א פּאַראָל, ווי א שווע, כאַזערט בערעק איבער די ווערטער פון א פלאַמיקן אופרוף: „ניטאָ קיין פּריווילעגירטע און ניט פּריווילעגירטע שקלאַפן. עס זײַנען פאַראַן נאָר אַזוינע, וואָס זעצן פאַר דעם קאַמף, און אַזוינע, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן".

ניין. ער, בערעק, האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער וועט קעמפן. מיט א ביקס אין האַנט וועט ער קעמפן. אָט וועט ער נאָר אָנשרײַבן, וואָס מע בעט בא אים, און שוין... רינע גייט ניט אַרויס פון קאָפּ... קורי'על, מאַקס וואַן דאַם, אַבראַבאַנעל, פייגעלע, ליוקע... אַלע גיבן זיך א שטעל פאַר די אויגן...

יורקאָ, ווען ער קומט, דאָס טרעפט איין מאָל צי צוויי אין א וואָך, שטעלט ער זיך באַלד בא דער קאַסע. ער איז אין דער אונטערערדישער דרוקערײַ דער זעצער. ווײַזט אויס, איבער דער ווונד עטעמט ער שווער און רעדט קוים אַרויס די ווערטער. א פּאָר מאָל האָט ער באַוויזן בערעקן, ווי צו אַרבעטן אַף דער שרײַבמאַשין. ער איז, אייגנטלעך, א גוטמוטיקער. הײַנט דאַרף ער דרוקן א פלוגבלעטל, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי: „ברידער און שוועסטער! קיינמאָל וועלן מיר ניט ווערן קיין פאָלק פון שקלאַפן. פּוילן מיט זײַן רומפולער פאַרגאַנגענהײַט וועט זיך ניט שטעלן אַף די קני!"

די טעג ציִען זיך, ווי סמאָלע. ס'איז זיי ניט איבערצוציילן. יעדער טאָג זעט אויס אַף אַ סאך לענגער, ווי דער פאָריקער. פארנאכט, ווען בערעק פארלאָזט דעם בונקער, ווילט זיך אים אריַינעטעמען וואָס מער לופט אין די לונגען.

אנא האָט אים דערלויבט גיין מיט איר ביז צום טיַיכל, און דאָרט, אין אָטשערעט, וואַרטן אַף איר. אליין איז זי אוועק אין שכיינעסדיקן דאָרף אָפּמאָלן אַף די זשאָרנעס אַ ביסל קאָרן און ליַיען עטלעכע לעפל געזאלצענע וואסער, אין וועלכן מע האָט געקאָכט קארטאָפל. ניט מיט קיין מעסער, נאָר מיט אַ נאָגל צעטיילט זי שוין יעדער שוועבעלע אַף דריַי.

דאָס וואסער אין טיַיכל לעבט נאָך, נאָר עס קנייטשט זיך. אין יעדן קנייטש האָט זיך באַזעצט אַ געדיכטקיַיט. אָט־אָט וועט עס פארפרוירן ווערן. פארן טיַיכל איז עס גוט צי שלעכט? אויך מיר אַ שיַילע. ס'איז גאָר ניט דאָס, וואָס בא מענטשן. וואָס איז דעם טיַיך פאר אַ נאַפּקעמינע? וועט ווערן איַיז — איז עס אַ גוטער צודעק, פרילינג וועט מען אין דעם צודעק זיך ניט נייטיקן, וועט דאָס איַיז זיך ווידער צעשמעלצן אין וואסער.

דער ווינט צעבלאָזט די פאָלעס פון בערעקס פאַלטאָכל, די שיך ווערן פארהילצערט. די פיס זיַינען שוין ווי שטיקער איַיז. ס'איז אַן עסעריקע קעלט. קעדיי צו דערוואַרעמען זיך, נעמט ער אונטערשפּרינגען. יעדער שפּרונג, ווי ער וואָלט אריַינגעקלאַפּט אין דער ערד אַ פלאָקן. ס'געפעלט אים, וואָס אָט קאָן ער זיך כאַטש אַזוינס דערלויבן. און ווו איז איצט טאָ־ מאַש? ווען זיי האָבן אים דעמלט אין וואלד ניט געקאָנט געפינען, האָט ליאָ־ לעק אַ שפּאַס געטאָן: „גאָט האָט דעם נאר געגעבן הענט און פיס און גע־ לאָזט לויפן".

ראַפּטאָם שטעלט זיך בערעק אָפּ. דער שמייכל, וואָס איז ערשט בא אים געבוירן געוואָרן, איז פארשוווּנדן. פון אלע כושים איז בא אים מער פון אלץ פארשאַרפט דער געהער. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עמעצער דערנעענטערט זיך אהערצו. דער קאָפּ איז פול מיט כעזשבנן. וויפל דאָרף בא אנען געדויערן דאָס גיין אהין און צוריק? דאָס מאָלן אַף די זשאָרנעס? ניין, זי קאָן זיך נאָך ניט אומקערן. אָט־אָ האָט דאָרט אַ הונט זיך צעהאווּ־ קעט, דאָס איז זי ערשט פונעם דאָרף ארויסגעגאנגען. איצט הערט מען קלאָר: מיט דער סטעזשקע, וואָס שלענגלט זיך בא אַ צוויי הונדערט מע־ טער פונדאַנען, ריַיט עמעצער אַף אַ פערד. זינט בערעק וווינט אפּן כוטאָר, איז איין מאָל געוועזן אַ שאָליעך פון די פּארטיזאנער. אליין האָט בערעק אים ניט געזען, נאָר אלץ, וואָס ער און יורקאָ האָבן באוויזן אָפּדרוקן, און דאָס, וואָס בערעק האָט אָנגעשריבן, האָט יענער מיט זיך פארנומען. צוויי מאָל זיַינען געווען פּאָליציאנטן. נאָר זיי זיַינען געקומען באַטאָג, עטלעכע שאָ נאָכאנאנד געשיקערט, געהוליעט און נאָך ביז די זון איז פארגאנגען זיך אָפּגעטראָגן פונדאַנען. יורקאָ איז דאַן פארבליבן נעכטיקן. פון אים האָט אויך געטראָגן מיט סאַמאָהאָן, און אין קאָפּ איז בא אים געווען אַ היפּש ביסל שיקערע פּארע.

אין טיפן הארבסט איז אלץ ארום נאַקעט, שטייט בערעק פארטיַיעט אַף איין אָרט. אויסער דעם מעסער, פארמאָגט ער דאָך קיין שום געווער. ביז ער ווייסט ניט אַף זיכער, ווער עס פאָרט, מוז מען שפּילן אין באַהעלטער־

לעך. אָט איז דער רײַטער דורכגעפֿאָרן. אין דער לופֿט איז פֿארבליבן א ווארעמער פֿערדישער רייעך.

ווען בערעק זאָל זיך ניט געווען אזוי צוהערן, וואָס אפֿן כוטאָר טוט זיך, וואָלט ער נאָך פֿרי׳ער דערהערט אַנעס טריט. ער האָט בא איר צוגע־נומען דאָס זעקל מיטן ביסל מעל, און זי איז אוועק צו דער סטעזשקע דער־וויסן זיך, ווער איז דער רײַטער.

דאָס איז געווען ליאָלעק. וויניקער פֿון א מינוט האָט געדויערט זײַן געשפּרעך מיט אַנען, און ער איז צוריק אוועק צום וואלד אָנזאָגן דעם קאָ־מאנדיר, אז דער וועג איז פֿרײַ און מע קאָן פֿארפֿאָרן צו אַנען. געקומען זײַנען די זעלבע דרײַ פּארטיזאנער, מיט וועלכע בערעק איז שוין געווען באַקאַנט.

— א גוטן־אָוונט, אַנא, א גוטן־אָוונט, בערעק!

ווענדליק דער טאָפּ מיט הירזשענער קאשע, וואָס אַנא נעמט ארויס פֿון־נעם אויוון, איז גרויס, לאָזט זיך גלייבן, אז זי האָט זיך געריכט אף געסט. עמעס, די קאשע איז שטארק שיטער. אַנא טשערפּעט זי מיט א הילצערנעם לעפֿל, און קימאַט ביז צו דער סטעליע זעצט א געדיכטע פּארע. א מאָגערע פּאָטראווע. נאָר צוגעכאַפּט האָט מען זיך צו דעם, ווי דאָס וואָלט זײַן א ראָסל־פֿלייש. קעדיי קיין איין טראָפּן געקעכץ זאָל ניט גיין אין ניוועץ, האָט בערעק אונטערגעשטעלט אונטערן לעפֿל א פֿענעץ ברויט.

פֿון צווישן די מאטעריאלן, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן צום דרוקן, נעמט דער קאָמאנדיר ארויס א צונויפֿגעלייגט בריוועלע און דערלאַנגט עס בערעקן:

— ס׳איז צו דיר געשריבן.

בערעק שלינגט עס מיט די אויגן.

„טײַערער בערעק! וועגן די מערדערײַען פֿון די פֿאשיסטן איז שוין אזויפֿיל אָנגעשריבן און נאָך מער דערציילט געוואָרן, אז אייניקע מיינען, קיין נײַע פֿאקטן וועלן שוין גאָרנישט צוגעבן. מיר קומט אויס צו לייענען פֿיל דאָקומענטן, וואָס דערציילן וועגן מארטירערשאַפֿט און העראָיִזם. העראָיִזם אין אזוינע באַדינגונגען, ווען ס׳איז, דאַכט זיך, אָפּגענומען געוואָרן יעדער מיטל ארויסצוווײַזן א ווידערשטאַנד. דאָס, וואָס ס׳איז פֿאָר־געקומען אין סאָביבאָר, איז שווידערלעך. דער גרעסטער געשריי איז ניט בעקויעך אויסצודריקן דעם ווייטעק. דער אופּשטאַנד האָט מיך איבערראַשט און דערשיטערט. זאָגן, אז דאָס איז מוט און ווילנסקראַפֿט, — איז וויניק. מיר וועלן זיך פּרווון דערוויסן סאַשקאָס ווײַטערדיקן גורל. בא דער ער־שטער מעגלעכקײַט וועל איך דיר וועגן דעם מיטיילן. און איצט ווילט זיך מיר נאָך א ביסעלע מיט דיר זיך דורכריידן.

דער קאַלענדאַר ווײַזט, אז דיר ווערט הײַנט פֿופֿצן יאָר. אין נאָמען פֿון דער פּארטיזאַנישער קאָמאַנדשאַפֿט באַגריס איך דיך, ווי א מוטיקן פּאַר־טיזאַן. דאָך דאַכט מיר, אז עפּעס איז דאָ ניט אזוי. צי פֿעלשט ניט דער קאַלענדאַר? איז דען מעגלעך ארײַנפּאַסן דײַנע פֿופֿצן יאָר אין דעם ליידנס־וועג, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט? דו, ברודערל מײַנס, טראָגסט אף זיך די ליידן פֿון א גאַנצער געשיכטלעכער טקופֿע און שטעלסט פֿאָר איר אומ־דערהערטן העראָיִזם. האָסט אַלץ איבערגעלעבט, בײַגעקומען און זיך אײַנ־

געשלאָסן אין קאַמף. דאָס, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן, האָט מיך פאַרוווּנדערט מיט דער טיפער באַזיניקונג פון געשעענעם. איך ווינטש דיר, ס'זאָל וואָס גיכער קומען די צײַט, זאָלסט זיך קאָנען דערפילן ווי א ייִנגל.

מע האָט מיר איבערגעגעבן, אז דו ביסט אנטוישט, וואָס דו קעמפסט אָן א ביקס. ביסט ניט גערעכט. איבערשאַצן די ארבעט, וואָס דו טוסט, איז אומעגלעך. מענטשן דארפן וויסן דעם עמעס. דאָס שטארקט דעם מוט און דעם ווילן צום קאַמף.

איך נעם דיך ארום. דײַן סטאַניסלאַוו".

דער בריוו האָט דערמוטיקט בערעקן, ער איז ווי שטארקער געוואָרן בא זיך, אויסגעוואַקסן. ער האָט געטראַכט, אז אין אַטריאַד האָט מען אים ניט געגומען, ווײַל מע גלייבט ניט אין זײַנע קויכעס, ווײַזט זיך ארויס, אז מע האלט אים פאר א פארטיזאנער. ער איז געווען דאַנקבאַר דעם מענטשן, וואָס האָט אים אָנגעשריבן אָט דעם בריוו. אגעוו, איז דער קסאַוו געווען דער זעלבער, מיט וועלכן ס'זײַנען געווען געשריבן די טעקסטן פון די אופרופן און פלוגבלעטלעך. ווער זשע איז ער, דער מענטש, וואָס האָט מיט עטלעכע ווערטער זײַן נעשאָמע אופגעריכט? אַנאַ וואָלט עס אים עפשער געזאָגט, נאָר ליאָלעק, כאָטש ער איז גאָר געווען פאַרנומען מיט מאכן א פאָילע פאר די פערד, האָט אײַנמיצקעדרינגען זיך אויסגעקערעוועט און צוגעלייגט א פינגער צו די ליפּן. אָנשטאָט צו דערקלערן פרעגט ער גאָר:

— אויב דו ווייסט ניט, ווער ס'איז סטאַניסלאַוו, וואָס זשע האָסטו באַם אריבערטרעטן צום ערשטן מאָל די שוועל פון אָט דער שטוב זיך אָנגערופן מיט זײַן פאַמיליע?

אָט ווען בערעקס אויגן האָבן פריידיק א גלאַנץ געטאָן. ס'איז דאָך טאַדעקס פעטער! סטאַניסלאַוו קניעווסקי. ער האָט נאָך בייסן בירגערקריג אין שפּאַניע זיך געשלאָגן מיט די פאַשיסטן. דאָס איז ער דער פארטיזאַנישער קאָמאַנדיר, וואָס קלײַבט שוין איצט צונויף מאַטעריאַלן וועגן די מילכאָמע-פאַרברעכער. גוט וואָלט געווען, ווען ער דערלויבט בערעקן כאָטש אף איין טאָג פאַרלאָזן דעם קעלער, זיי זאָלן זיך קאָנען טרעפן. כאָטש פונוואַנען ווייסט ער, בערעק, אז דער וועג דארף פאַרנעמען ניט מער ווי א טאָג? אויב קניעווסקי קומט ניט אהער און רופט אים ניט צו זיך, דארף עס מיסטאַמע אזוי זײַן.

— קניעווסקי? — האָט בערעק געפרעגט אַנען.

— ער, און ניט קיין אַנדערער! — האָט אַנאַ באַשטעטיקט, אז קיין טאָעס איז ניט דערלאָזט געוואָרן.

## ווידער באַם זיידן מאַציי

א באַרג מיט א באַרג קומט זיך ניט צונויף, לעבעדיקע מענטשן באַגעגענען זיך. בערעק און סטאַניסלאַוו קניעווסקי האָבן זיך געטראָפן אין אַכט כאַדאָשים ארום, ווען מע האָט באַפרײַט לובלין, וואָס איז געוואָרן די צײַטווײַליקע הויפּטשטאָט פון פוילן. סטאַניסלאַוו האָט דערציילט בערעקן וועגן זײַן פלעמעניק. טאַדעק איז אומגעקומען. געשען איז עס אזוי:

פאַר ניט צושטעלן קיין פּי פאַר דעם וועראַכט האָט דער סאָלטיס גזשעגאָזש נאַרושעוויטש געגומען צען אָרעווניקעס, צווישן זיי דעם זיידן מאַציי, און געוואָרנט, אַז אויב אין מעשעך פון דריי טעג וועלן די פויערים ניט ברענגען די נייטיקע צאָל פּי, וועלן די אָרעווניקעס איבערגעגעבן ווערן אין געסטאַפּאָ. אין די נאָענטע וועלדער זיינען קיין פּאַרטיזאַנער ניט געווען, נאָר גראָד דאַן האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט ניט קיין גרויסע מאַכ־נע. ווי־אַזוי טאַדעק האָט זי אָפּגעזוכט, איז פאַרבליבן אַ רעטעניש. נאָר שפּעט אין אָוונט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער צו נאַרושעוויטשן און געבעטן, מע זאָל אים אַריינלאָזן, ווייל ער האָט מוירע פאַרבלייבן אליין באַם זיידן מאַציי אין שטוב. איינער פון די פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען געווען בא נאַרושעוויטשן, האָט אים געהייסן קומען מאָרגן. טאַדעק האָט ווידער געגומען קלאַפּן. אַזוי לאַנג, ביז דער סאָלטיס האָט געהייסן עפענען די טיר. נאַרושעוויטשן האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרכאַפּט אַ לעבעדיקן, ער האָט אָבער באַוויזן אויסשיסן אין טאַדעקן. די אָרעווניקעס האָט מען באַפרייט. אייניקע זיינען אוועק מיט די פּאַרטיזאַנער. דער זיידע מאַציי איז די גאַנצע צייט, ביז די רויטע אַרמיי האָט ניט באַפרייט דאָס דאָרף, אָפּגעווען אליין אין וואַלד.

קניעוווסקי פאָרט אַרום איבער די כאָרעווע שטעט און דערפער. די מיל־כאָמע איז נאָך אין סאַמע ברען, נאָר מע נעמט אָן מיטלען אָף צו פאַרהיילן די וווּנדן, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. אָפּן סמאַך פון פאַקטן, גוויסע־איידעס, אויספאָרשונגען ווערן צונויפגעשטעלט דאָקומענטן וועגן דעם כורבן, וואָס דער סוינע האָט פאַרשאַפט דעם לאַנד און דעם פאָלק. עס ווערן אופגעזוכט די קולטור־ווערטן — בילדער, זעלטענע ביכער, מוזיי־עקספּאָ־נאַטן, — וועלכע מע האָט באַוויזן באַהאַלטן און די דייטשישע אָקופּאַנטן האָבן זיי, צום גליק, ניט געפונען.

מיט אַ גוואַלדיקן קויעך ציט בערעקן צו זיך אין היים־שטעטל, אין וואַלד צום יעגער־שטיבל, אין דאָרף צום זיידן מאַציי, ווו ער און רינע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. קניעוווסקי האָט אים צוגעזאָגט נעמען מיט זיך אַהין, ווייל ער וויל אויך דאָרף זיין אין יענער געגנט.

די זון איז נאָך ניט אופגעגאַנגען, ווען די מאַשין האָט זיך געלאָזט אין וועג. דער טאָג האָט צוגעזאָגט צו זיין אַ סאַרפּעדיק־הייסער, נאָר זיי האָבן באַוויזן פאַרפאָרן אין שטעטל פאַרפרי.

צוליב וועמען און נאָך וואָס, פרעגט זיך, איז בערעק געקומען אַהער? אָפּזוכן אין דער פאַרשוווּנדענער היים די פאַרגאַנגענהייט, שטילן די בענק־שאַפט? דו קאָנסט דאָ אַרומגיין פון היינט ביז איבעראיאָר און קיינעם, קיינעם פון די, וואָס דו זוכסט, ניט טרעפן. די פויגל־נעסטן אָף דעם פייער־לעשער־טורעם האָבן אים אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. ניין, ס'איז נייע נעסטן און אַנדערע שוואַלבן. פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז זיינען די סטעזש־קעס, ווו ער איז אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסער. אָט איז דער שטעטלדיקער מאַרק, און אָט איז די שטוב, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן. בא אָט דער פריזבע האָט ער אין שטויב זיך געשפּילט. בא אָט די פענצטער פלעגט ער ליב האָבן אָנשטעלן דאָס שפּיגעלע אַזוי, אַז אָף דער סטעליע, אָף די ווענט, אָפּן מעבל זאָלן זיך גליטשן ליכט־העזעלעך. איצט שטייט דעם

טאַטנס שטוב מיט אויסגעברענטע אויגן. פון זינט בערעק געדענקט זיך, איז די אַלטע אײַנגעבויגענע ווערבע באַם ברונעם געווען פּאַרוויאַנעט און פאַרטריקנט. גראָד דעם בוים האָט די מילכאָמע ניט געשאַט. דער ברונעם איז אויך ווי געווען. בערעק בייגט זיך אָן צום וואַסער און טוט אַ רוף ווי אַמאָל: „הו־הו!", און ווי אַמאָל הילכט אָפּ אַף צוריק: „הו־הו!"

— רופסט די קינדהײַט? — פרעגט סטאַניסלאַוו און לייגט אַרוף די הענט אַף בערעקס אַקסל מיט דער האַרציקײַט פון אַן עלטערן ברודער.

אַ סוואָרע, ס'איז אויס מיטן שטעטל. סײַדן נעמען דאָס מעסער פון די אופשטענדלער און אַף דער קלאָץ, וואָס וואַלגערט זיך דאָרט, ווו ס'איז געווען רינעס שטוב, אויסשנײַדן: „דאָ איז רינעס וויגל געשטאַנען". די קינדהײַט איז פאַרבײַ, פאַרבליבן איז אַן אָפענע וווּנד. אַ שטומער ווייטעק.

דער שאָפער האָט זיי צוגעפירט ביזן וואַלד. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז ער וועט קומען נאָך זיי מאָרגן גאַנצפרי אין דאָרף צום זיידן מאַציי. בערעק האָט געפירט קניעווסקין מיט אַ שמאָלן וועג, וואָס האָט שוין זייער לאַנג ניט געהערט דעם סקריפּ פון רעדער, דערנאָך מיט אַ סטעזשקע און ווײַטער מיט ניט קיין באַטראָטענע גראָזן אין דער טיף פון וואַלד. דאָ, אין די לאַנגע טעג פון אַנגסט און גרויל, האָט ער געזוכט אַ וואָס מער פאַר־וואָרפן אָרט. אים דאַכט זיך, אַז ער דערקענט דאָ יעדן בוים. אויך קניעוו־סקי ווייסט גוט דעם וואַלד, ווי ביכלאַל די אומגעגנט. נאָך ביז דער מיל־כאָמע האָט ער דאָ ניט ווײַט אין אַ שטעטלדיקער גימנאַזיע אונטעריכט דײַטש. ער שטעלט זיך אָפּט אָפּ, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום דויפעק פון וואַלד. ס'זײַנען אָנגעקומען אַנדערע צײַטן, דאָך קאָן מען נאָך אָנטרעפן אַף אַ פאַרשוין, וואָס זײַן אָרט איז הינטער שלאָס און ריגל. טאַקע דערפאַר האָט ער ניט אָפּגעלאָזט בערעקן אליין.

אָט איז דער אויסגעטריקנטער זומפּ, פאַרוואַקסן מיט אַלכע און לאָזע, און דאָס בערגל, פונוואַנען בערעק האָט דערזען דאָס יעגער־שטיבל. דאָס שטיבל זעט שוין איצט ניט אויס ווי קיין סטערטע היי. ניטאָ דער דאַך. אַ שטיק וואַנט איז אומגעוואַלגערט. אַף איין פאַרזשאַווערטער זאַוויסע האַלט זיך קוים די טיר. די אַרומגעשליפענע פון ווינט און פון רעגן ברעטער זײַנען געדיכט געשטופּלט מיט סימאָנים פון קוילן. נאָך דעם, ווי ער און רינע האָבן פאַרלאָזט דאָס שטיבל, האָט דאָ עמעצער געוווינט. דעם מענטשן, זעט אויס, האָט מען אויסגעשפּירט און דערהאַרגעט. ווען אין ווינטיקן דרויסן וועט דרייען און פײַפן אַ וויוגע, און אַלץ אַרום וועט זײַן פאַרקאָ־וועט אין אײַז און באַדעקט מיט שניי, וועט דאָס שטיבל אויסזען ווי אין טאַכריכים.

בערעק שטייט אַפן זעלבן אָרט, ווו ער האָט באַגעגנט רינען. מיט פאַר־מאַכטע אויגן זעט ער אירע פאַרבראַכענע ברעמען, די צעשוואָלענע ליפּן, די צונויפגעדרייטע פינגער. עס וואַרגט אים אין האַלדז. אַלץ וויינט אין אים.

קניעווסקי, ווי ער וואָלט געהערט, וואָס באַ בערעקן אין האַרצן קומט פאָר, האָט ווידער אַרופגעלייגט די האַנט אַף זײַן אַקסל און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— קום, בערעק.

פאַרדעכעטע פון גיכן גיין, זײַנען זיי אַרויס פונעם וואַלד. ווידער וואַקסן סאָנישניקעס, און פונוווײַטן זעט מען, ווי עס פּאַשען זיך בעהיימעס. נאָר דער פּאַסטעך איז אַן אַנדערער און קיין פּאַסטעכל איז ניטאָ לעבן אים.

— דזיען דאָברי!

— דזיען דאָברי, פּאַנאָוויע!

קניעוּוסקי פרעגט באַם פּאַסטעך, צי קען ער ניט דעם זיידן מאַציי? אוואַדע קען ער.

— ער איז אין דאָרף?

— ווו נאָך זאָל ער זײַן?

זיי זײַנען שוין לאַנג אַוועק, און דער פּאַסטעך קוקט זיי אַלץ נאָך. ווער זײַנען עס די שטאָטישע, קלערט ער, וואָס האָבן זיך נאָכגעפרעגט אַפן זיידן מאַציי? איינער אַליין עלטערט ער זיך, דער זיידע מאַציי, אין זײַן שטיבל. פאַריקע וואָך האָט ער אים לעבן צווינטער באַגעגנט. קאָן אַלץ ניט פאַרגעסן אין זײַן יאַדוויגען. נאָך איז דאָרטן טאַדעק באַהאַלטן. דאָס יינגל איז אים ווי אַן אייניקל געווען. פון טויט אים געראטעוועט. די שטאָטישע האָבן אויך פאַרקערעוועט אַפן צווינטער, און ווי ס׳איז צו זען, קומען זיי אַהער ניט דאָס ערשטע מאָל. ווו יאַדוויגעס קייווער איז, ווייסן זיי אַליין.

דער טאָג איז שוין געגאַנגען צום סאָף, ווען קניעוּוסקי און בערעק האָבן זיך אָנגעטרונקען באַם דאָרפישן ברונעם, זיך אָפּגעפרישט די פּענעמער מיטן אײַז־קאַלטן וואַסער און פאַרקערעוועט צום זיידן מאַצייס כאַטע.

מיט מאַכטלאָז־אַראָפּהענגענדיקע הענט איז ער געזעסן, דער אַלטער, אַף דער פּריזבע, אַ מידער, אַן אויסגעהאָרעוועטער. אין יעדן קנייטש האָט זיך באַזעצט די עלטער. וואָס ווילן זיי, אַט די צוויי, וואָס האָבן זיך מיט אים באַגריסט? זיי וועלן מיסטאָמע אויך בעטן, ער זאָל זיי דערציילן וועגן סאָלטיס. פאַרוואָס גראָד אים האָט גזשעגאָזש נאַרושעוויטש אויסגעקליבן פאַר איינעם פון די צען אָרעווניקעס... דערווײַל בעטן זיי אַ דערלויבעניש אַרײַן אין שטוב.

אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן שטעקן, הינקט ער צו דער טיר. דער האָן מיט די העל־באַגילדטע פּעדערן טרעט אים אָפּ דעם וועג, און ווי אויסמײַדן די אַלטע זיפּ, וואָס דאָס הינדעלע מיט איר געזינדל האָט שוין לאַנג פאַרלאָזט, ווייסט ער. די גרויע אויגן, וואָס קוקן אַרויס פון אונטער די ברעמען, זעען שוין קימאַט גאָרניט. פאַרטאָג, ווען ער שטייט אויף, זײַנען זיי בײַ אים גאָר קלעפּיק און פאַרקיסנעט. דאַן טאַפּט ער מיטן שטעקן. עפּעס האָט מען בײַ אים געפרעגט. זײַנע אויערן טויגן שוין פון לאַנג ניט. זיי הערן נאָר, ווען מע שרײַט צו אים, אָדער ווען ער ווייסט פאַרפריער, וואָס מע קאָן אים זאָגן. דאַכט זיך, זײַן געזונט אינטערעסירט זיי. און עפּשער ניט? דאַרף מען ענטפערן אַזוי, ס׳זאָל זײַן גוט פאַר אַלע פראַגן. אָט די ווערטער זײַנען שוין בײַ אים ניט איין מאָל אויסגעפּרוווט:

— וואָס קאָנען מיר שוין בײַ אונדזערע יאָרן אופּטאָן?

קניעוּוסקי, וואָס פאַרשטייט שוין, אַז מאַציי איז טעמפּ אַפן אויער, סטאַרטעט זיך ריידן וואָס העכער:

— דערפאַר אָבער האָט איר פיל גוטס אופגעטאָן.

— איך? — איז דער אלטער אופריכטיק פארכידעשט. — ע, ניין! מענטשן האָבן אַף טויט זיך געשלאָגן, און איך האָב די טשערעדע געפּאַשעט.

בערעק האָט זיך פארקוקט אַף אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס פריִער איז זי דאָ אַף דער וואנט ניט געהאנגען. דער יונגער מיליטערמאַן מיט עפּאָלעטן אַף די אַקסל איז ווי צווײ טראָפּנס ענלעך אַפן זיידן מאַציי. דער מונדיר ליגט אַף אים ווי אויסגעגאָסן. ווער קאָן עס זײַן? אַ זון, געוויס.

— ווען איר האָט געראַטעוועט יִדישע קינדער, האָט איר דען ניט ריזי־קירט מיטן לעבן? — פרעגט סטאַניסלאַוו.

— איך האָב קײנעם ניט געראַטעוועט. איך פארשטײ ניט פונוואַנען, נאָר אויב איר האָט יאָ עפּעס געהערט, איז זײַט וויסן, אַז דאָס האָט יאַד־וויגע געטאָן. ווען זי זאָל ניט געוועזן פאַר דער צײַט אוועק פון דער וועלט, וואָלטן די קינדער עפּשער געלעבט. אָט הערט, ווי דאָס איז געוועזן.

דער אַלטער דערציילט, און בערעק שלינגט יעדער וואָרט, ווי ער וואָלט וועגן דעם אַלץ געהערט צום ערשטן מאָל.

— און דאָס, וואָס טאַדעק איז אומגעקומען, — פאַרענדיקט מאַציי, — בין איך אויך מיסטאַמע דערין שולדיק. זײַן סינע צו נאַרושעוויטשן האָב איך באַדאַרפט געוועזן לעשן...

— זיידע מאַציי, — האָט בערעק אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַר דער האַנט, — איר טאָרט אַזוי ניט ריידן. צי דען דערקענט איר מיך ניט? כ׳בין געקומען צו אײַך מיט טאַדעקס פעטער, סטאַניסלאַוו קניעווסקי. איר האָט דאָך וועגן אים געהערט.

אַן איבעראַשטער האָט דער זיידע מאַציי נאָר געפינטלט מיט די אויגן.

ס׳איז שוין שפּעטער אָוונט. מע האַלט נאָך אין איין דערציילן וועגן איבערגעלעבטן.

— איין זאַך פארשטײ איך ניט, — זאָגט דער זיידע מאַציי קניעווסקין, — פאַרוואָס האָט איר אָפּגעלאָזט טאַדעקן צו גזשעגאָזשן און ניט מיטגענומען מיט זיך?

סטאַניסלאַוו איז אופגעשטאַנען פון אָרט, פאַררייכערט אַ ציגאַר.

— מעגלעך, איר זײַט גערעכט. טאַדעקס עלטערן האָבן געמיינט, אַז גראָד בא דעם אויסוואורף וועט דאָס יינגל קענען איבערלעבן די שווערע צײַט. אַז טאַדעק וועט ניט גיין אַף זײַנע וועגן, האָבן מיר ניט געצווייפלט.

— זיידע מאַציי, — האָט בערעק געזאָגט מיט פאַרדראָס, — וואָס טוט זיך עס הײַנט מיט אײַך? דעם פעטער סטאַניסלאַווס פאַמיליע איז אומגעקומען אין אָשווענצים. פאַרוואָס שיט איר אים נאָך זאַלץ אַף די וווּנדן?

דער זיידע מאַציי גריבלט זיך אין בופעט. צום טיש גייט ער צו מיט אַ פּודעלקע און אַ טאַבאַקערקע פון די, וואָס ער, טאַדעק און בערעק האָבן נאָך אויסגעאַרבעט. דאָס איז אַ מאַטאָנע קניעווסקין. נאָך האָט ער אַרויס־געשטעלט אַ פלעשל סאַמאַהאָן און דאָס ביסל פאַרבײַסעכץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. פונעם האַלבן גלעזעלע בראַנפן, וואָס בערעק האָט אויסגעטרונ־קען, האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ. דער זיידע מאַציי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַזוי ווי דו טרינקסט, זופּט מען זודיקע טיי, ניט קיין בראַנפן. באַלד וועל איך דיר אויסבעטן. טו זיך אויס און לייג זיך שלאָפן.

בערעק האָט דערפילט אַ זיסע מידקייט. די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט, נאָר ער איז געלעגן און געהערט, ווי דער זיידע מאַציי און קניעוואָסקי האָבן פאַרפירט אַ שמועס וועגן אים.

דער זיידע מאַציי זאָגט:

— בערעק וועט געוויס זיך וועלן לערנען.

— געוויס. נאָר זאָל פריִער ווערן אויס מיט דער מילכאָמע.

— וואַרטן, ביז אַלע אומגליקן וועלן פאַרביי, איז וועסטו זיך קיינמאָל ניט דערוואַרטן. אַ בוים בייגט זיך נאָר, ווען ער איז יונג. באַ וועמען וועט ער וווינען?

— דערווייל מיט מיר. ער וועט אַרבעטן און לערנען. דערנאָך, מיין איך, וועט ער אָנקומען אין אוניווערסיטעט.

— אין וועלכן, אין לובלינער צי אין וואַרשעווער?

— כ׳ווייס ניט. עס קאָן זיך מאַכן, אַז מיר וועט אויסקומען צו אַרבעטן אין דייטשלאַנד, וועט בערעק זיך עפּשער לערנען אין בערלין.

דעם זיידע מאַציי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס ניט איינגעהערט.

— ווו?

סטאַניסלאַוו האָט איבערגעבאַזערט דאָס זעלבע.

— דאָס ווילט זיך אייך, פּאַן סטאַניסלאַוו, פון מיר אָפּלאַכן? בערעק אין בערלין? אויף וואָס זשע ווילט איר אים לערנען? אויף אַ דאָקטער?

— אַ קאָפּ האָט ער אַ גוטן. אויב ער וועט וועלן, וועט ער זיין אַ דאָקטער.

— וואָס עמעס, איז עמעס. ער זאָל זיין איינציגער מיט אייך, איז טאַקע עפּשער אַ געדאַנק. פּאַן סטאַניסלאַוו, איר דאַרפט אויך אָפּרוען. אַ גוטע נאַכט.

קאָן זיין, אַז בערעקן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער זיידע מאַציי האָט זיך, איינמאָסטענדיק באַנאַנד אַפן געלעגער, אים אַרומגענומען.

ווען ס׳האָבן אַ שעמעריר געטאָן די ערשטע זון־שטראַלן, איז געקומען די מאַשין. זי איז פּאַמעלעך אָפּגעפאָרן, און זיי האָבן נאָך לאַנג געזען, ווי דער זיידע מאַציי איז געשטאַנען באַם טויער.

פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן ברייט צעכוואַליעטע פעלדער מיט רייפן ווייץ.

# צווייטער טייל

קאפיטל זעקס

## מאָנען און צאָלן

### א בריוו צו אלעקסאנדער פעטשערסקין



אָשעוועך און טײַערער אלעקסאנדער!

איך בין דיר זייער דאנקבאר פאר דײַן בריוו און באזונדערס פאר דעם, וואָס דו האָסט אויסגעפילט מײַן ביטע און צוגעשיקט א פאָטאָגראפיע. פאר די פארגאנגענע יאָרן האָב איך זיך שטארק געענדערט, דו, ווײַזט זיך מיר אויס, ביסט געבליבן אזא, ווי געווען. מײַן פרוי זאָגט, אז ווען איך דערצייל איר וועגן דיר, שטעלט זי זיך פאָר, אז אזוי טאקע דארפסטו אויסזען. ווייסטו שוין, אזוי־ארום, אז כ׳בין א פארהייראטער. צוויי זייער פײַנע טעכטער פארמאָגן מיר. דער עלטערער וועט אינגיכן ווערן זעכצן יאָר. דער ייִנגערער איז געוואָרן עלף. עס לעבט זיך אונדז ניט שלעכט. איך בין א טאקסיסט.

ווילסטו, הייסט עס, וויסן, וואָס ס׳איז מיט מיר געשען נאָך סאָביבאָר, און וועגן דעם, ווי איך האָב געכאפט באוערן, ווילסטו, כ׳זאָל גענוי דערציילן...

אָט האָב איך אָנגעשריבן די ווערטער „סאָביבאָר, באוער”, און ס׳האָט מיך גלײַך ארומגעכאפט א ווייטעק אף ניט איבערצוטראָגן. אלע נאכט טוען זיך א שטעל פאר מײַנע אויגן די אומגעבראכטע, און מע דארף האָבן א הארץ פון אײַזן דאָס אויסצוהאלטן. ווער־ווער, נאָר דו, ווייס איך, פארשטייסט מיך...

איז הער, וואָס כ׳וועל דיר דערציילן. אַן ערעך מיט אַ יאָר צוריק בין איך מיט עטלעכע באַקאַנטע געווען אין רעסטאָראַן. און כאָטש כ׳וויים שוין פון לאַנג, אַז וויפל כ׳זאָל זיך ניט אַראָפּריידן פון האַרצן, וועט דאָס געדיכטע אַלציינס בא מיר בלײַבן, האָט די צונג זיך צעבונדן און כ׳האָב זיך צערעדט וועגן סאָביבאָר. מיטאַמאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז די יעניקע פון דער קאָמפּאַניע, וואָס הערן מיך נאָך, קוקן אויף מיר, ווי איך וואָלט זיי דערציילט פון אַ ניט־געשטויגענער וועלט, און קיינער, דו פאַרשטייסט, קיינער פון זיי וויל ניט גלייבן, אַז אַזאַ וועלט איז אַפּאַנעמעסן געווען.

איך בין אַנשוויגן געוואָרן און דערנאָך, שוין אין גאַס, געזאָגט צו איי־נעם פון זיי:

— העניי, דו מיינסט אוואדע, אַז דאָס האָב איך אײַך דערציילט וועגן אַ בייזן כאָלעם און איינעם מיטן כאָלעם איז אַלץ פאַרשוווּנדן? וואָס שמייכלסטו? רעד!

ענטפערט ער מיר:

— אַ כאָלעם, פאַרשטייט זיך, בלײַבט אַ כאָלעם, נאָר אין אַזאַ פאַל, מיין איך, איז בעסער טרײַבן דעם שלאָף פון די אויגן. איך האָב פײַנט בייזע כאָלומעס. ווילסט, וועל איך קריגן פאַר דיר דעם אַדרעס פון אַ דאָקטער, וואָס היילט אַזעלכע קרענק מיט היפּנאָז. ער לאָזט זיך גוט באַ־צאָלן, נאָר דערפאַר, זאָגט מען, קאָן ער גוט די מעלאָכע.

איצט האָב איך שוין געשמייכלט.

עטלעכע טעג פאַר מײַן אָפּפאָרן קיין האַגען אויפן סאָביבאָר־פּראָצעס האָב איך אינמיטן דער נאַכט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געשריי, וואָס האָט, דאַכט זיך, געקאָנט דעם מויעך לעכערן. און גאַנצפרי בין איך שוין געווען אין קאַבינעט באַם דאָקטער, וואָס פאַרטרײַבט מיט היפּנאָז בייזע כאָלומעס.

צום אַלעם ערשטן וואָרנט ער מיך, אַז עס פאָדערט זיך ניט ווייניקער פון צען־צוועלף סעאַנסן. און דער רעזולטאַט וועט זײַן אַ פּאָזיטיווער, בלויז אויב כ׳וועל שטרענג אויספילן אַלע זײַנע אָנווײַזונגען.

— מאַסקים? — פרעגט ער מיך.

אוואדע בין איך מאַסקים. אַן אַנדער ברירע האָב איך? דערנאָך האָט ער מיך פאַרשאָטן מיט פראַגן, און ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, האָבן אים מײַנע ענטפערס באַפרידיקט. פּלוצעם האָט ער זיך אַליין איבערגע־שלאָגן די רייד (ער האָט פונקט געהאַלטן אין געבן מיר צו פאַרשטיין, ווי וויכטיק ס׳איז צו זײַן וואָס מער אויף דער פרישער לופט) און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, אייגנטלעך, האָט איר געזאָגט, כאָלעמט זיך אײַך אַזויפיל יאָרן נאָכאַנאַנד? ניט אומזיסט זאָגט מען דאָך, אַז יעדערער מאַכט זיך זײַן לייטער לויט דער הייך פון זײַן כאָלעם, הא, ווי מיינט איר?

די כאָכמע וועגן לייטער האָב איך, דעם עמעס געזאָגט, ניט פאַרשטאַנען, האָב איך פּאַשעט געענטפערט:

— כ׳האָב דאָך אײַך געזאָגט, דאָקטער, סאָ־בי־באָר! אַ טויט־לאַגער, וווּ־הין איך בין אַרײַנגעפאַלן, זײַענדיק נאָך אַ יינגל.

האָסט באַדאַרפט זען, ווי אים האָט אופגעבראַכט מײַן ענטפער! ס׳הייסט, ניט אַזוי דער ענטפער, ווי דאָס, וואָס כ׳האָב, איבערטרעטנדיק די שוועל פון קאַבינעט, אים גלײַך ניט געמאָלדן, אַז איך בין געווען בײַ די פּאַ־שיסטן אין די הענט. ער וואָלט דאַן ניט געפּאַטערט אומזיסט קיין צײַט און פאַרן וויזיט קיין געלט ניט גענומען.

— איך, — דערקלערט ער מיר, — בין אַ מע־די־קער און ניט קיין שאַר־לאַטאַן. איך נעם זיך אונטער היילן בלויז די, וועמען ס׳איז מעגלעך העלפן, און איר...

וואָס איז מיר פאַרבליבן צו טאָן? כ׳האָב אים באַצאָלט. גוט באַצאָלט פאַרן זאָגן דעם עמעס.

— גוט־בײַ, דאָקטער, אַנטשולדיקט.

— גוט־בײַ, גוט־בײַ, בלויז איין אייצע קאָן איך אײַך געבן. וועגן לאַגער זאָלט איר זיך באַמיִען ניט קלערן. מײַדט אויס יעטווידע סטעזשקע, וואָס קאָן אײַך פאַרפירן צו יענע יאָרן, צו יענע געשעענישן. צו דעם האָט איר באַדאַרפט געווען שטרעבן, זינט די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. צי דען פאַרשטייט איר עס אַליין ניט?

— איך פאַרשטיי.

— האָט איר זיך באַדאַרפט געווען אָנעמען מיט קויעך און אַזוי טאָן.

— ס׳איז, דאָקטער, איבער מײַנע קויכעס.

— און דאָך האָט איר באַדאַרפט פּרוּוון וואָס ווייניקער קלערן וועגן דער מילכאָמע־טראַגעדיע.

— געפּרוּווט. צוערשט האָב איך געמיינט, אַז דאָס וועט זיך מיר אײַנ־געבן נאָך דעם, ווי איך וועל כאַפּן כאָטש איין מערדער פון סאָביבאָר.

— אַ־אַ! אָט וואָס איר האָט זיך ארײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ! און מיט אָט דער פאַנטאַזיע טראָגט איר זיך אַרום ביז הײַנט. אָן אײַנרעדעניש, זאָלט איר וויסן, איז אויך אַ קרענק.

— פאַרוואָס אָן אײַנרעדעניש? כ׳האָב אים אויסגעזוכט און פאַרהאַלטן.

— וועמען האָט איר פאַרהאַלטן?

— דעם אָבערגאַזמײַסטער פון סאָביבאָר — עריך באַוער.

— אין כאָלעם?

— ניין, דאָקטער, אַף דער וואָר.

— אַזוי? אינטערעסאַנט. און לאַנג האָט איר אים געזוכט?

— קימאַט פיר יאָר.

— איר האָט אים דערשטיקט, דערשאָסן?

— כ׳האָב אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

— צי לעבט ער יאָ, צי לעבט ער ניט — פאַרגעסט אין אים. אַלצייגס וועט איר זיך שווין מיט אים ניט באַגעגענען. דאָס קאָן איך אײַך זאָגן אַף געוויס.

— זאָגט עס ניט. גאָר אינגיכן דאַרפן מיר ביידע אַרויסטרעטן אַלס איי־דעס אַף איין פּראָצעס. אַנטשולדיקט, דאָקטער, איך נעם אָפּ בײַ אײַך צופיל צײַט, און אין פּאָדערצימער וואַרטן אײַערע פּאַציִענטן.

— וואָס אײַלט איר זיך אַזוי? איר זײַט דאָך אויך מײַן פּאַציִענט. אָט דער אָבערגאַזמײַסטער, ווי הייסט ער דאָרט, איז אַף דער פרײַ?

— ניין. באוער איז אין טפיסע. צוערשט האָט מען אים פארורטיילט צום טויט, נאָר דערנאָך...

— איצט הייב איך אָן עפעס צו פארשטיין. אים, באוערן, קאָן די מאכט טאקע נייטן ארויסטרעטן אלס אן איידעס. אָבער אײַך? איר זײַט דאָך א פרײַער בירגער, אן אמעריקאנער. יעדער פארשטענדיקער מענטש, ניט אומבאדינגט א דאָקטער, וועט אײַך זאָגן, אז איר טאָרט ניט פאָרן אפן פּראָצעס. אויב איר וועט ניט אראָפּ פון זינען, וואָרט אף אײַך א קרענק, וואָס רופט זיך אינפארקט. איר באנעמט מײַנע רייד?

— ווי דען?

— אויב איר וועט מיך פאָלגן, וועל איך זיך פּרוּוון אײַך העלפן. כ׳מיין, אײַערע נערוון. אָבער בלויז באם באדינג, אז איר וועט אהין ניט פאָרן, קיין וואָרט ניט לייענען און ניט הערן וועגן דעם פּראָצעס.

— א דאנק, דאָקטער, נאָר איך וועל פאָרן. איך מוז מאָנען און מוז צאָלן.

מײַן טײַערער, ליבהארציקער אלעקסאנדער. אָט האָב איך קימאט וואָרט בא וואָרט איבערגעגעבן מײַן שמועס מיטן דאָקטער, פאריינס אויך עפּעס־וואָס וועגן באוערן. געגויער וועגן דעם, ווי׳אזוי כ׳האָב אים געפונען, וועל איך דיר נאָך מיטיילן. מע האָט וועגן דעם א סאך געשריבן אין דער פּרע־סע. א קלייניקײַט, אזא סענסאציע! איך שיק דיר אן אויסצוג פונעם בוך „לויט די שפּורן פון די מערדער״, וואָס איז דערשינען אין פּוילן. אין פאר־גלײַך מיט אנדערע איז עס א סאך נענטער צום עמעס.

נאָכן אופשטאנד האָט מיר בעעמעס געגליקט. קיין קויל האָט מיך ניט אָנגעיאָגט, אף קיין מינע האָב איך ניט אָנגעטראָפן, און, צו מײַן גרויס גליק, בין איך ניט ארײַנגעפאלן ווידער, ווי פיל אנדערע, וואָס זײַנען שוין געווען פון יענער זײַט שטעכלדראָט, צו די פאשיסטן אין די הענט. מיך און א מיידל, וואָס איז אנטלאָפן פון סאָביבאָר, האָט געראטעוועט א פּוילישער פויער. נײַן כאדאָשים האָט ער אונדז אויסבאהאלטן. יעדע רעגע פון די לאנגע נײַן כאדאָשים, ביז מיר האָבן דערזען די ערשטע סאָוועטישע סאָל־דאטן, האָט ער און זײַן פאמיליע געקאָנט איבער אונדז אומקומען. אזוינס פארגעסט זיך ניט.

א קראנקער, אן אויסגעצערטער, אָנגעטאָן קרוע־בלוע, האָב איך זיך דערנאָך געלאָזט אין מײַן געבורט־שטעטל. אומעטום קויל־שווארצע קויי־מענס, וווהין דו טוסט זיך ניט קיין קער, — אש. קיין איין מענטש פון אונדזער גרויסער פאמיליע האָב איך ניט געטראָפן. כ׳האָב אלעמען פאר־לאָרן. א שטיק צײַט האָב איך ארומגעבלאָנדזשעט איינער אליין. ווען די מילכאָמע האָט זיך פארענדיקט, האָב איך זיך ווידער געלאָזט קיין סאָבי־באָר. געגאנגען, נאָר ניט דערגאנגען. איך האָב זיך געזאָגט: פארקערעווע, שמועל. קאָלזמאן די שפּורן זײַנען פריש און דו ביסט יונג, זוך די פאשי־סטישע קוילערס, וואָס באהאלטן זיך אויס. און כאטש גרינגער וואָלט מיר געווען גיין איינער אליין אין א מידבער, נאָר איך בין אוועק אהין, אין דער שלאנגען־נעסט, ווו טויזנטער עסעסאָוצעס האָבן שוין באוויזן צו באקומען בא דער מײַרעווודיקער אָקופּאציע־מאכט דאָקומענטן, וואָס האָבן זיי ריינגעוואשן פון אלע זינד. מער פאר אלעמען האָט זיך מיר געוואָלט

אויסגעפינען די באַלעבאַטים פון דער „הימל־שטראַסע" — און ס'איז געשען ווי אַליין גאָט וואָלט דערהערט מײַן געבעט. נאָר וועגן דעם וועל איך דיר נאָך דערציילן.

קיין אַמעריקע בין איך געקומען אין 1950. מיר, די עטלעכע געוועזענע סאָביבאָראָווצעס, וואָס לעבן דאָ, באַגעגענען זיך איינער מיטן אַנדערן. און איר אין סאָוועטנפאַרבאַנד? אײַנגיכן וועל איך דיר אַרויסשיקן אַ גוטע פאָטאָגראַפיע, און דערווײַל שיק איך דיר אַ פאַרעלטערטע, אַ קליינינקע.

זײַ געזונט און שטאַרק. גיב איבער אונדזער האַרציקן גרוס דײַן פרוי און דײַנע קינדער.

מיט גרויס אַכטונג און ליבע

שמועל לערער

ברוקלין,
20 אויגוסט 1965

## אין איינעם אַ פרילינג־טאָג פון 1949

פרילינג. ווי נאָר צווישן די שווימענדיקע וואָלקנס באַווײַזט זיך די זון, אַזוי הייבט אָן אַלץ צו שעמערירן, אַזש נעם און פאַרזשמורע די אויגן. אין סקווער, וווּ אויף אַ פריש־אויסגעפאַרבטער באַנק זיצט אַ יונג פּאָרל, פינקלט מיט גרינעם געבלעטער. דער באָכער לייגט אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל פונעם מיידל.

— פייגעלע, — פרעגט ער, — ווי געפעלן דיר די ביימער? זיי שטייען אַזוי ווי די ליכט צוקאַפּנס.

דאַכט זיך, וואָס האָט ער איר אַזוינס געזאָגט? נאָר זי האָט זיך גלײַך באַפרײַט פון זײַן אָנריר. איינעם בליק, וואָס זי האָט געוואָרפן פון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע אויגנלעפלעך, איז געווען פאַרבאָרגן אַ פאָרוואורף, און געענטפערט האָט זי אים קימאַט בייז:

— ווידער? דו האָסט דאָך מיר, בערעק, צוגעזאָגט, אַז הײַנט ריידן מיר ניט וועגן אַזוינע זאַכן. כאָטש אויף איין טאָג אין וואָך פאַרגעס... ערנוואָרט, מיר אַליין ווייסן ניט, וויפל גליק און פרייד ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט, מיר שעצן דאָס ניט, גייען פאַרבײַ און באַמערקן עס ניט.

— ביסט גערעכט, נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך? איך וואָלט דיר געלייענט עפּעס פון דער צײַטונג, איז זי שטאַרק אַ פאַרעלטערטע. עפּשער זאָלן מיר גלאַט אַזוי זיצן און שווײַגן?

— ווי געפעלט דיר אַזאַ קאַוואַלער? — האָט פייגעלע אַ ווײַז געטאָן מיטן פינגער אויף אים. — ער וועט זיצן און שווײַגן. נו, לייען! נאָר ס'זאָל אַפילו קיין אָנדײַט ניט זײַן וועגן מילכאָמע און וועגן סאָביבאָר... הערסט, וואָס איך זאָג דיר?

— איך הער, און דו טו מיר אַ טויווע און זיץ מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך לייען. אין איינעם אַ ביליקן האָטעל אין בערלין וווינען אַ טיר קעגן אַ טיר אַ יינגל און אַ מיידל. דער קאָפּ איז בײַ איר גלאַט פאַרקעמט, אונטער די לאַנגע ווײַעס באַהאַלטן זיך אויגן, ווי פון טונקעלן בורשטין, און בכלל

איז זי אזוי שיין, אז מײַן מאמע װאָלט געזאָגט — נאָר אָף אַ בראָכע צו מאכן.

— אזוי טאקע שטייט דאָרט אָנגעשריבן?

— אזוי. איך האָב נאָר ארײַנגעשטעלט די װערטער װעגן דער מאמען. דאָרט איז נאָך געזאָגט, אז אלע זיבן קײנעז זײַנען געװען אויסגעצאָסן אָף איר געטאָקט פּאָנעם.

— פארװאָס עפּעס געטאָקט? װאָס איז זי, אַ הילצערנע?

— כ'װייס! מיסטאמע איז עס ניט מער װי אַ פארגלײַך. נאָר אויב דו האלטסט, אז אזוי טאָר מען ניט זאָגן, קאָנסטו אלציינס צו מיר קײן טײַנעס ניט האָבן, שרײַב װעגן דעם אָן אין צײַטונג. עפּשער װעט דיר אויך ניט געפעלן, װאָס דאָ װערט געשריבן װעגן איר באהארצט קאָל און אז זי האָט גאָר ניט קינדערש דורכגעלעבט אירע קינדער־יאָרן?..

פייגעלע איז אופגעשטאנען פון דער באנק און זיך אַ קער געטאָן, װי זי װאָלט זיך געקליבן אװעקגיין, נאָר זיך װידער אװעקגעזעצט, צוגענו־מען באַ אים די צײַטונג.

— אצינד װעל איך לייענען, און דו װעסט באַ מיר זיצן מיט פארמאכטע אויגן. נאָר פרי̇ער באװײַז מיר, װוּ דו האָסט זיך אָפּגעשטעלט. אָט דאָ, זאָג־סטו, באַ דער שורע? איז הער, װאָס דאָ איז אָפּגעדרוקט: „דעם 21 מארט 1949. נעכטן, זיבן אזייגער מיט דרײַסיק זיבן מינוט לויט גרינװיטש, איז אין צאָפנדיקן האלבקײַלעך געקומען דער פרילינג. אין בערלין האָט ער זיך אָנגעהויבן...״

— װען האָט ער זיך אין בערלין אָנגעהויבן? װאָס שװײַגסטו? לייען װײַטער.

— װײַטער איז די צײַטונג צעריסן און עס פעלט אַ שטיקל, איז קאָן איך ניט פארשטיין, װען דער פרילינג האָט זיך לויט דער אָרטיקער צײַט אָנגעהויבן.

— יאָ, טאקע אָן אלטע צײַטונג. און צוליב װאָס, פייגעלע, לייענסטו מיר אזעלכע זאכן? אז די װעלט דרייט זיך און מיר דרייען זיך מיט איר, װייסן אלע. עמעס זאָג איך? פאָרן מיר װײַטער. איז װי דאָס מיידל זעט אויס, װייסן מיר שוין. און דער באָכער? װאָס װערט דאָ װעגן אים געזאָגט?

— װעגן אים איז נאָך פרי צו ריידן, און שרײַבן אװאדע.

— האָסט אַ טאָעס.

— אויב אזוי, פארמאָג איך אַ פעלער: מײַנע אויגן זעען עס ניט. מײַנע „טונקל־בורשטינענע אויגן״ זײַנען בלינד.

— דײַנע אויגן זײַנען ניט שולדיק. דער שריפט איז אזאַ קלײנינקער, אז עס פאָדערט זיך אַ פארגרעסער־גלאָז. נאָר מײַנע אויגן קאָנען אויסזוכן און אופכאפּן דאָס קלענסטע פּינטעלע, װי װײַט ס'זאָל ניט זײַן.

— אזוי גאָר?

— אויב דאָס פּינטעלע געפעלט מיר, איז עס אזוי.

פייגעלע האָט גענומען פּוצן מיט די פינגער איבער דער באנק. דערנאָך האָט זי ארויסגענומען פון רידיקיול אַ פילטרירטן סיגארעט און פארריי־כערט. פון דעם אויפן, װי זי האָט זיך פארצויגן, איז געװען צו זען, אז דאָס

רייכערן פאַרשאַפט איר ניט קיין איבעריק פאַרגעניגן, נאָר ניט רייכערן קאָן זי ניט.

— נו, נו, — האָט זי געזאָגט, — ביסט אַ יונג מיט שפּאָרן. אַ שאָד, בע־רעקל, וואָס דו האָסט מיר וועגן דעם פריִער ניט צו וויסן געגעבן.

— פריִער צי שפּעטער, וואָס איז די נאַפקעמינע?

— נאָך אַ מין נאַפקעמינע!

— איך פאַרשטיי דיך ניט.

— ווייסט דאָך, אַז כ'האָב ליב פרעגן און ענטפערן. נאָר אַצינד ביסטו מיר פאַרלאָפן דעם וועג און אַליין געענטפערט, פאַרוואָס דו האָסט מיך געזוכט גאַנצע פינף יאָר. אַ פינטעלע, וואָס געפעלט דיר — יאָ, נאָר אַזאַ מעציִע, ווי איך, — ניט.

— פייגעלע, מע דאַרף ניט מישן בוידעם מיט פּאָליצע. ווייסט דאָך, אַז כ'האָב געמיינט...

— באַדאַרפט געוועזן ווייניקער מיינען און בעסער זוכן. אַף אַ פרעמדן פּעטער האָסטו זיך פאַרלאָזט.

— דאָס איז ניט עמעס. קניעוואָסקי איז פאַר מיר ניט קיין פרעמדער פּעטער. ווען ניט ער, וואָלט איך דיך ניט געפונען.

ווידער איז באַ פייגעלען אַ גוטמוטיק פּאָנעם. זי בעט:

— נו זײַ ניט באַרויגעז, בערעקל, אַלעמײַ זאָל איך זאָגן, דעם, וואָס כאָווערט זיך מיט אַזאַ מעשוגענער, ווי איך, וואָלט איך ניט מעקאַנע גע־ווען. אַ כאַרפּע און אַ בושע. בעסער וואָלסטו אַף מיר בייז געוואָרן, אָנגע־שריגן. בייג זיך אָן, וועל איך דיך אַ קוש טאָן, און דערנאָך וועסטו ווײַטער לייענען.

— קוים זיך דערוואַרט. לייען איך. ער איז אויך אַ שיינער, אַ שטאַלט־נער, אַ ווּוקסיקער. מיט איין וואָרט, אַ באָכער, ווי אַ סאָסנע. נאָר אויסער דעם, וואָס ס'איז אין זײַן פּאָנעם ניט אַרײַנצוקוקן, איז ער זייער אַ צוגע־לאָזטער מענטש. שטענדיק אין אַ געהויבענער שטימונג, און דערפאַר איז מיט אים גוט צו פאַרברענגען די פרײַע צײַט. דערצו איז ער נאָך קלוג און איז גוט דערצויגן. און ווי נאָר ער דערזעט אַ מיידל, אַזוי פאַרנייגט ער זיך העפלעך און זאָגט איר אַזוי ליבלעך...

— קלוגיטשקער, דו האָסט אַלץ איבערגעפּלאָנטערט. מע זעט, אַז ניט די פּען, נאָר די צונג ליַיגט. ווער לייענט עס מיט פאַרמאַכטע אויגן? די לעצטע עטלעכע שורעס וועל איך דיר לייענען, הער: דער שטערן איז באַ אים שטענדיק אָנגעכמורעט, דער בליק אָנגעשטרענגט. נאָך פאַרמאָגט ער אַן אויגן־פעלער — ער קאָן ניט אונטערשיידן קיין פאַרבן. אַלץ איז שוואַרץ. אַמאָל מאַכט זיך פונדעסטוועגן, ער טוט אַ שמייכל. נאָר דאָס איז זײַן גרע־סטער סאָד, וויִאַזוי דער שמייכל ווערט באַ אים געבוירן. ס'זײַנען נאָך ניטאָ אַזוינע איידעס, וואָס קאָנען עפּעס זאָגן וועגן דעם. ער איז אַ קליי־נינקער, אַ דאַרינקער, אַ הינקעדיקער, אַ שטאַמלער, און דאָך קאָן זיך אַמאָל אויסווײַזן, אַז ער פאַרמאָגט סימפּאַטיע, אָבער טאַקע נאָר אַ ביסעלע, מאַמעש אַפן שפּיץ מעסער.

— ענטפער מיר, פייגעלע, אף אזא פראגע — ווי האָט ער דאָס באַ אזא אויגן־פעלער דערזען אַלע זיבן כיינען, וועלכע זײַנען אויסגעגאָסן אפן מיידלס פּאָנעם?

— פונוואנען קאָן איך עס וויסן? עפשער האָט ער זיי טאקע ניט דער־זען. ער איז דאָך א בלאָפער. ווען ניט, וואָלט דאָס פּאָרל שוין פון לאנג באַדאַרפט זײַן אין לונא־פּאַרק. אזוי, דאַכט זיך, האָט ער איר צוגעזאָגט?

— קום. דאָרט וועסטו זײַן אן איידעס, ווי עס ווערט געבוירן א שמייכל און עפשער אפילע א געלעכטער. קום!

באַם ראָג האָט בערעק דערזען א בלומען־פּאַרקױפערן און ניט אויסגע־האַלטן, צוגעגאַנגען צו איר, אָפּגעקליבן עטלעכע געלינקע קווייטעלעך „ריר־מיך־ניט־אָן״ און מיט א פאַרטײַעטן שמייכל אונטערגעטראָגן פּיי־געלען.

נאָך מיט א פּאָר קוואַרטאַלן פאַרן לונא־פּאַרק דערטראָגט זיך אן אָנוואַקסנדיקער ליאַרעם. א געמיש פון מוזיק און מענטשן־געפילדער. ס׳איז זונטיק און ס׳איז א פאַרפלייצעניש פון מענטשן, וואָס ווילן זיך לאָזן ווילגיין.

אין א מין סאָרט קינדער־וויגעלעך פּאָרט מען אף רעלסן באַרג־אַרויף. אפן סאַמע שפּיץ בלײַבט מען אף א רעגע שטעקן, ווי פאַר אן אָפּגרונט, איינדערלופטן, און פּלוצעם טוען זיך די וויגעלעך מיט די פּאַסאַזשירן א ריס פון אָרט און יאָגן מיט א ווילדער שנעלקײַט באַרג־אַראָפּ.

א מאַנצבל אין ווײַסע גאַליפע־הויזן האָט זיך אַרופגעכאַפּט אף א מאָטאָ־ציקל, וואָס האָט מיט א טראַסק זיך א ריר געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט אין א קאַראַהאָד איבער די גלאַטע קײַלעכדיקע ווענט. מיטאַמאָל האָט זיך דער מאָטאָר פאַרכלינעט, נאָר אומזיסט קוויטשען גרויליק די צושויערנס. יעדער קער פון דעם מאָטאָציקליסט ווערט געמאַכט מיט אזויפיל זיכערקײַט, אז דאָס מאַשינדל מוז אים פאָלגן.

פייגעלען ווילט זיך גיין צום פּאַוויליאָן מיט די קרומע שפּיגלען. דאָרט מוז מען לאַכן. און בערעק, אז ער טרעפט שוין אין אזוינע פאַרווײַלונגס־ערטער, ציט עס אים צו דעם טיר. ער מיינט, אז ניט אַלע, וואָס האָבן ליב געהאַט צו שיסן, האָבן זיך שוין פון דעם אָפּגעוווינט. עמעס, דאָ שיסט מען אין מענטשעלעך פון פּאַניער, קאַרטאָן, און דאָך...

דאָס מאָל האָט פייגעלע אירס אויסגעפירט. בערעק האָט זי געפאָלגט. אזא טאָג האָט זיך אויסגעגעבן.

זיי איז געווען גוט. זיי האָבן געלאַכט, געשטיפט. פּלוצעם האָט פייגעלע אַרויסגעריסן איר האַנט פון זײַנער. די אויגן זײַנען גרויס געוואָרן. אין זיי האָט געפינקלט דער פיבער פון שרעק. אף די שפּיץ פינגער האָט זי זיך אופגעשטעלט, געקוקט אף רעכטס און אף לינקס.

בערעק האָט שטיל א פרעג געטאָן:

— האָסט אים פאַרלוירן?

— יאָ.

— ער?

— איך ווייס ניט, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן.

זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין לונא־פּאַרק נאָך עטלעכע שאָ. דעם, וואָס זיי האָבן געזוכט, האָבן זיי מער ניט געזען.

# דער קאַרוסעל דרייט זיך

דעם קומענדיקן זונטיק איז פייגעלע געקומען אין לונא־פּארק מיט שמועל לערערן. פאַרבײַגייענדיק לעם דעם קאַרוסעל, איז שמועל מיטאמאָל שטיין געבליבן. זײַנע ליפּן האָבן זיך פון ווייטעק פאַרקרימט. פאַר די אויגן — די „הימל־שטראַסע”, וואָס פירט צו די גאַז־קאַמערן. ער האָט אָנגעכאַפּט פייגעלען פאַר דער האַנט און אַזאַ קוועטש געטאָן, אַז פון ווייטעק האָט זי זיך אײַנגעבויגן.

— אָט איז ער, — האָט ער הייס אַ שעפּטשע געטאָן, — דער אָבערגאַזמײַסטער עריך באַוער. לויף נאָך פּאָליציי. כ׳וועל אים פאַרהאַלטן.

דער קאַרוסעל, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ געפאַרבט שטאַקעטן־פּאַרקנדל, דרייט זיך, און אַרום אים הודזשעט שטאַרקער, ווי אין אַ בינשטאָק. צו דעם שמאָלן בײַדל, ווו דורכן אָפענעם פענצטערל פאַרקויפט די קאַסירשע בילעטן אויפן קומענדיקן סעאַנס, ציט זיך אַ לאַנגע ריי קינדער און דערוואַקסענע.

מיט די עלנבויגנס האָט שמועל זיך דורכגעלייגט אַ וועג און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ זײַט פונעם טורניקעט, וואָס וועט צוערשט אײַנציקווײַז, אָן שטופּעניש, אַרויסלאָזן און דערנאָך אײַנציקווײַז, קיינער זאָל, כאָלילע, ניט דורכשמוגלען זיך אָן אַ בילעט, אַרײַנלאָזן אַ נײַע פּאַרטיע קאַרוסעל־ליבהאָבער.

די, וואָס רײַטן אויף די פערדלעך, זײַנען אויפגעלייגט. האַנאַ פילט זיך אין זייער יעדער ריר. פון קליינוואַרג איז אָפּגערעדט, און באַיאָרטע, אָנגעשפּיקעוועטע מיט צאָרעס און דײַגעס, — אַזוינע טרעפן דאָך אַהער זייער זעלטן. אַלזאָ, ס׳איז אַפילו אַ בלינדן קאָנטיק, אַז די, וועמען דער עלעקטרישער מאָטאָר יאָגט אין גאַלאָפּ, איז גוט אויפן האַרצן, גוט, וואָס גוט הייסט.

צווישן די, וואָס שווינדלען אָן אויפהער פאַרבײַ, זיצט אַ פאַרשוין מיט ברייט־צעוואָרפענע אַקסל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קרעפּטיקן מאַנצבל. ער האַלט זיך אויפן הילצערנעם פערד מײַסטע העלד.

שמועל לאָזט אים ניט אַרויס פון אויג. אים דאַכט זיך, ער דאַרף נאָר איבערשפּרינגען דעם פּלויט, וועט ער אָנכאַפּן באַוערן פאַרן פוס, אַראָפּשלעפּן אויפן אַספאַלט און שטיקן, שטיקן... אָבער דאָס קאָן ער זיך דערלויבן נאָר אין געדאַנק. דעם דאָרשט פון נעקאָמע וועט ער מוזן שטילן. אָן אַ באַזונדערער נויטווענדיקײַט דערצו וועט ער אים אַפילו מיט קיין פינגער ניט אַ ריר טאָן. אַזוי האָט ער צוגעזאָגט סטאַניסלאַוו קניעווסקין. צוגעזאָגט, און ווי דאָס זאָל ניט זײַן שווער, וועט ער, פאַרשטייט זיך, האַלטן וואָרט.

ווי נאָר די צײַט איז געקומען, האָט דער אויטאָמאַטישער אויסשאַלטער זײַנס אָפּגעטאָן, און דער קאַרוסעל האָט זיך גענומען דרייען פּאַמעלעך. מ׳זעט שוין אַפילו באַוערס אויסגעצויגענע ליפּן. אין סאָביבאָר האָט ער געטראָגן גלאַנציק־אָפּגעפּוצטע שטיוול, און איצט טראָגט ער לאַקירטע טופל. דאָרט פלעגט ער אַרומגיין מיט אַן אײַזערן שטעקל אין דער האַנט, איצט איז בײַ אים אין דער האַנט אַ פאַרביק־איליוסטרירטער זשורנאַל.

נאָך לאַנגזאַמער דרייט זיך די ראָד, און בעסער וואָלט דאָך געווען, ווען זי זאָל זיך נאָך א צײַט באַוועגן. אויג אַף אויג אין סטעפּ צי אין וואַלד וואָלט שמועל זיך מיט אים גרינגער ספּראַוועט, אָבער דאָ, צווישן אַזאַ געדיכטן אוילעם, וועט עס אים שווערער אָנקומען. אָפּלאָזן וועט ער אים אַלציינס ניט. נאָר ביז די פּאָליציי וועט זיך ניט יאַווען, וועט ער אים פּרוּוון אײַנהאַלטן מיט גוטן. צוליב דעם מוז ער אַליין זײַן רויִק. אַבסאָליוט רויִק.

ער שטייט שוין, באַוער, מיט די פיס אַפן אַספאַלט. צום אַרויסגאַנג איז ניטאָ זיך וואָס צו אײַלן. באַ צוויי מינוט פּאָדערט זיך, קעדיי דער טורניקעט זאָל אַלעמען אַרויסלאָזן. באַוער טרעט אָפּ אַף אַ פּאָר שפּאַן אין אַ זײַט און טוט זיך אַ שפּיגל אין דעם קאָלירטן טירל פון עפּעס אַ שאַפּ־קעלע. וואָס קאָן אין זיך אַזאַ שיין שאַפּקעלע אויסבאַהאַלטן? אַ פּײַערלע־שער־קראַן, אָן אַפּטייקל צי עפּעס גאָר אָן אַפּאַראַטל? נאָר איצט איז ניט די צײַט צו קלערן וועגן דעם. זאָל באַוער זיך בעסער וואָס לענגער פאַרהאַלטן. ווען ער וויל אַרויסגיין דער לעצטער, וואָלט געווען נאָך בע־סער. נאָר ניין, דאָס ווילט זיך אים ניט. ער האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט דורכן טורניקעט.

— הער באַוער, איין ווײַלע, איך דאַרף זיך מיט אײַך דורכריידן, — ווענדט זיך צו אים לערער.

— מיט מיר? איר האָט געוויס אַ טאָעס. מיר זײַנען מיט אײַך ניט באַ־קאַנט.

— ניין, כ'האָב קיין טאָעס ניט. מיר זײַנען באַקאַנט. לאָמיר בעסער אָפּ־גיין אָן אַ זײַט.

— צוליב וואָס? געוויס האָט איר מיך מיט עמעצן איבערגעפּלאָנטערט. נאָר דאָס איז ניט וויכטיק. עס טרעפט. ליידער, אײַל איך זיך. מע וואַרט אַף מיר.

— וועט מען צוּוואַרטן. מײַן איניען איז אַ וויכטיקער.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — באַ באַוערן זײַנען די אויגן מיט ווילד־קײַט פאַרלאָפן. — איך קען אײַך ניט און וויל אײַך ניט קענען.

— ס'איז אַ קלייניקײַט, וואָס איר ווילט ניט. ס'איז געווען אַ צײַט, ווען איך האָב אויך ניט געוואָלט, האָט עס מיר דען געהאָלפן? איר זײַט דער געוועזענער אָבערגאַזמײַסטער פון סאָביבאָר, דער עסעסאָוועץ עריך באַוער.

— אין עסעס בין איך קיינמאָל ניט געווען! אין סאָביבאָר? וואָס איז דאָס אַזוינס — סאָ־בי־באָר? איר זײַט צופעליק ניט קיין פּסיכיש־קראַנקער?

באַוער האָט גערעדט רויִק, באַדאַכט, מיט האַפּסאַקעס אינמיטן די רייד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ סאָביבאָר, ווייסט איר אַליין זייער גוט. נאָר אויב אײַך ווילט זיך, קאָן איך דערמאָנען. סאָביבאָר איז געווען אַ פאַשי־סטישער טויט־לאַגער אין צאָפן־פּוילן. אײַ־אײַ, אַזאַ גאָלדענע צײַט געווען פאַר אײַך דעמלט, ווען איר האָט געטראָגן דעם האַקנקרייץ, און איר האָט אַזוי גיך אין אַלץ פאַרגעסן!

באַוער האָט אַ הייב געטאָן די רעכטע האַנט, דעם פויסט האָט ער גע־צילט לערערן אין קאָפּ, נאָר שמועל האָט בליץ־שנעל איבערגעכאַפּט זײַן

האנט, געוואָלט זי פארבייגן הינטער באוערס פּלייצע, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. באוער האָט זיך ארויסגעריסן, אָבער אנטלויפן האָט ער שוין ניט געקענט. א דײַטשישער שוצמאַן און צוויי אמעריקאנער סאָל־דאטן אין ווײַסע קאסקעס מיט שווארצע בוכשטאבן „מ. פּ." — מיליטערישע פּאָליציי — האָבן אים פארהאלטן.

ארום באוערן און לערערן האָט זיך נאָך פריִער צונויפגעזאמלט א היפשער קרײַז מענטשן. א שווערגופיקער נעפּעש האָט אונטערגעהעצט באוערן:

— פארפאָר אים אין באק ארײַן און גיי זיך ווײַטער דײַן וועג!

איצט האָט דער דאָזיקער נעפּעש זיך שווער א וויג געטאָן און זיך געווענדט צום שוצמאַן:

— עפּעס א טיפּ, פאר וועמען מע מעג א טפּיסע אויסבויען, איז אינמיטן העלן טאָג צוגעשטאנען צו אן אומשולדיקן מענטשן, און אָנשטאָט פאר־האלטן דעם אומענטש, פארנעמט איר זיך גאָר מיטן באליידיקטן!.. דאָס איז א פארברעכן קעגן געזעץ!

א צווייטער, דאכט זיך אינגאנצן א קראנקער, צעבראָכענער זאָקן, האָט ארויסגעשאלט מיט א קאָל, ווי פון א האָרן:

— איך שטיי דאָ פון דעם מאָמענט אָן, ווען די אמפּערײַ האָט זיך אָנ־געהויבן. און איך זאָג אײַך, אז אָט דער מענטש, — האָט ער אָנגעוויזן אף באוערן, — באשטייט בלויז פון גוטסקײַט און געדולד. איר זעט דאָך, הער שוצמאַן, זײַן פּאָנעם איז אָן אָפענער בוך. כ'בין א פּסיכאָלאָג, ווייס איך. און דער, — האָט ער אָנגעוויזן אף לערערן, — אויב ער איז ניט קיין מעשו־גענער, איז ער א באנדיט. גיכער פאר אלץביידע זאכן מיטאמאָל. אף געוויס האָט ער אים געוואָלט בארויבן. איר האָט געזען, ווי ער האָט אים גענומען ברעכן די האנט אף צוריק? ער...

— גענוג! — האָט אים דער שוצמאַן איבערגעשלאָגן, און צו באוערן: — איר האָט בא זיך וועלכע־ניט־איז דאָקומענטן?

— אוואדע. פון דער אמעריקאנער קאָמענדאטור. ביטע. לייענט.

דער שווערגופיקער האָט פון פרייד אזש מיט די הענט א פּליעסקע געטאָן:

— נו, איצט זעט איר, ווער ס'איז גערעכט?

דער קראנקער זאָקן האָט געגלאָצט מיט די אויגן.

— גאָט מײַנער! צי דען ווייסטו דערלאָזן אזא אומרעכט? אזא אומ־רעכט!..

באנאנד מיט פייגעלען איז געשטאנען א פרוי, בא וועמען די בלאָנדע האָר האָבן זיך געפּאלדעוועט ביז איבער די אקסל. ווי גאָלדענע, האָבן זיי בא איר געגלאנצט. פאר די הענט האָט זי געהאלטן א מיידעלע פון א יאָר זעקס און א ייִנגעלע פון א יאָר דרײַ. מיט א שטיל קאָל האָט די פרוי זיך געווענדט צו פייגעלען:

— מיטן דײַטשישן שוצמאַן איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. ער איז דאָ קיין באלעבאָס ניט. נאָר אויב איר קענט ענגליש, איז דערקלערט זיי, די סאָלדאטן...

— וואָס, ווילט איר, זאָל איך זיי דערקלערן?

— איך וויל זאָגן, ווער ווייסט, וואָס עמעצן קאָן זיך אויסדאַכטן? די צונג איז דעם מענטשנס גרעסטער סוינע. עפּשער איז ער אָף אָן עמעס אומשולדיק? אַזוי קאָנען מיר דאָך אַלע פאַרבלײַבן לעבעדיקע אַלמאָנעס און אונדזערע קינדער, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אָן טאַטעס. עס באַקומט זיך, אַז זיי, די מאַנצבלען, שטראָפט מען, און אין אונדז, די פרויען, טרעפט מען. האַ? ניט אַזוי? ווען אײַנער זאָגט ווײַס און דער צווייטער שוואַרץ, דאַרף מען אויסהערן, וואָס דער דריטער וועט זאָגן. ווי איך פאַרשטיי, וואָלט באַדאַרפט זײַן כאָטש נאָך איין איידעס, וואָס זאָל באַשטעטיקן, אַז דאָס איז ניט קיין אויסטראַכטעניש. און ביכלאַל איז שוין גענוג צו לעבן מיט דער פאַרגאַנגענהײַט. די אַמעריקאַנער דאַרפן וויסן, אַז וואָס היטלער האָט געוואָלט, האָבן מיר, דײַטשן, געמוזט טאָן. לעבן דאַרף מען מיטן הײַנ־טיקן טאָג, זאָלן זיי באַפוילן ביידן זיך פאַנאַנדערגיין מיט גוטן!

די פרוי האָט גערעדט אופריכטיק. נאָר אַפילו דאָס ריכטיקע וואָרט איז געקומען ניט צום אָרט. פײַגעלע האָט איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן מיט פולע ברוינע שוואַרצאַפּלען. וואָס זאָל זי אָף איר — שרײַען? צי בלויז דערמאָנען, וואָס מע האָט געטאָן מיט אַזוינע קליינע קינדער, ווי בײַ איר? זי איז דאָך אַ מאַמע, נאָר געוויס האָט זי וועגן דעם געהערט אָן איר.

— מיט יענע צוויי עסעס־אַדוואָקאַטן ווילט זיך מיר אַפילו ניט אַמ־פּערן, — האָט זי געענטפערט דער פרוי, — נאָר אײַך ווילט זיך מיר זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין פאַלשע באַשולדיקונג. אָט דער מענטש, וואָס עמעצן דאַכט זיך, אַז ער באַשטייט פון גוטסקײַט און געדולד, און איר קלערט שוין אויך, אַז עפּשער איז ער אָף אָן עמעס אומשולדיק, ער, באַוער, האָט אין פוילן דערשטיקט הונדערטער טויזנטער מענטשן. קיין ענגליש רעד איך ניט, נאָר איינער פון די סאָלדאַטן, אָט דער מיטן שראַם אָף דער באַק, פאַרשטייט אַ ביסל דײַטש. אויב איר האָט נאָך ניט איבערגעקלערט, קענט איר זיך אַליין ווענדן צו אים.

די פרוי האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אַ צי געטאָן די קינדער פאַר די הענט, און אינדרײַען האָבן זיי זיך געלאָזט צו דעם קאַרוסעל, וואָס אַנטקעגן. פײַגעלע איז צוגעגאַנגען צו דעם סאָלדאַט מיטן שראַם און געפרעגט בײַ אים:

— וואָס שטייען מיר דאָ אַזוי לאַנג?

— באַרויקט אײַך, מיס, הײַנט איז זונטיק. און אויב מיר האָבן שוין די ערע צו זײַן מיט אַזאַ שיינהײַט, ווי איר, אין איין קאָמפּאַניע, איז צו־ליב וואָס דאָס אײַלן זיך? נעמט, מיס, אַ בײַשפּיל פון אײַער קאַוואַלער. ער האָט זײַנס אָפּגעטאָן און ווייסט, אַז פון אונדזערע הענט וועט זיך קיינער ניט אויסדרייען. עמעס, אויך דער דײַטש האַלט זיך, ווי ער וואָלט ניט געהאַט פאַר ווער‏ען מוירע צו האָבן. נאָר צו דעם, אַז בלויז קליינע קינדער און גרויסע נאַראָנים זאָגן דעם עמעס, בין איך שוין צוגעוווינט.

— איר, לאָזט זיך אויס, זײַט אַ קאָמפּלימענטן־מאַכער, נאָר איך פרעג דאָך בײַ אײַך ערנסט. פון אָט דעם טומל, פון דער מוזיק קאָן מען דול ווערן. און אָט די רייד פון באַוערס פאַרטיידיקער... טוט נאָר אַ קוק, ווי זייער צאָל מערט זיך. זיי וואַקסן, ווי אָף הייוון.

— באלד דארף צוקומען אונדזער דזשיפּ, וועלן מיר דעם דײַטש אָפּ־פירן, און דאָרט וועלן שוין די אויספאָרשער מיט אים זיך פאַרנעמען. איך פערזענלעך גלייב מער אײַך, איידער דעם פּאַפּירל, וואָס עמעצער פון אונדזערע האָט אים ארויסגעגעבן. נאָר ווי איר זעט, בין איך דאָך ניט מער ווי א פּראָסטער אמעריקאַנער סאָלדאַט.

באָוער איז געשטאַנען, ווי ניט אים מיינט מען. אָבער ווי נאָר מע האָט אים באַפוילן גיין, האָט ער זיך ווידער אײַנגעשפּאַרט:

— איצט קאָן איך ניט. מע וואַרט אויף מיר. אויב איר האָט רעכט, נעמט מײַן דאָקומענט, און מאָרגן וועל איך קומען, וווהין איר וועט הייסן.

דער דײַטשישער שוצמאַן האָט אים אָפּגעענטפערט מיט איין וואָרט:

— אויסגעשלאָסן!

באָוער האָט שטאָלץ פאַרהויבן דעם קאָפּ און העכער, ווי פריִער, געמאָלדן:

— איך פאָדער, איר זאָלט מיך גלײַך פרײַלאָזן.

ווידער איז דער ענטפער געווען איין־און־איינציק וואָרט:

— אויסגעשלאָסן!

באָוער האָט נאָך, ווײַזט אויס, ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן די האָפענונג ווי־ניט־איז אויסצודרייען זיך, און דערפאַר האָט ער זיך דערלויבט זאָגן די אמעריקאַנער סאָלדאַטן:

— זעט, עס זאָל אײַך דערנאָך ניט באַנק טאָן. איר צווינגט מיך זיך ווענדן מיט אן אָנקלאָגע צו אײַער הויפּט־קאָמענדאַנט.

דאָ איז שוין דער סאָלדאַט מיטן שראַם אופגעבראַכט געוואָרן. די גאַל איז אים אַרײַן אין פּאָנעם. מיט ביידע הענט האָט ער באָוערן, ווי א מאַנעקען, א קער געטאָן אויף רעכטס, אויף לינקס, דערנאָך אים א צי געטאָן צו זיך:

— אנו, מאַרש פאָרויס! און גיין זאָלסטו זײַט־בײַ־זײַט מיט מיר. פון דער רעכטער זײַט גיב איך דיר נאָך א בעסערן שאַנס, דעם באַי, וואָס האָט דיך פאַרהאַלטן. אזא קאָמפּאַניע געפעלט דיר? אויב ניט, האָסטו אן אויס־וועג. בעט, מע זאָל דיך איבערשיקן קיין פּוילן. די פּאָליאַקן, מיין איך, האָבן דיך גוט פאַרגעדענקט און וועלן זײַן צופרידן מיט אזא אָנגעלייגטן גאַסט.

דעם דײַטשישן שוצמאַן האָט ער באַפוילן:

— מאַך אונדז פרײַ דעם וועג!

אזוי האָבן זיי זיך געלאָזט צו די טויערן פונעם בערלינער לונאַ־פּאַרק און פון דאָרטן אויף א מאַשין צום פּאָליצײַ־באַצירק.

שמועל האָט זיך געשלאָגן מיט דער דייע: אוואַדע וואָלט ער געדאַרפט דרינגענדיק אָנקלינגען דעם מאיאָר קניעווסקי און אים מיטיילן וועגן געשעענעם, נאָר ביז ער וועט זיך אליין ניט איבערצײַגן, אז באָוער איז היגטערן שלאָס, טאָר ער אים ניט פאַרלאָזן. דער שעף פון פּאָליצײַ־באַצירק האָט טאַקע פאַרזיכערט, אז די געהעריקע פאַראָרדענונג וועגן באָוערן וועט גלײַך אָפּגעגעבן ווערן, נאָר דערבײַ האָט ער זיך דערלויבט מאָדנע א שפּאַס טאָן. ער האָט א פרעג געגעבן דעם אמעריקאַנער סאָלדאַט:

— קיין יעגער, קיין פישפאנגער זײַט איר קיינמאָל ניט געווען? — און אויסגעהערט דעם ענטפער, אז ניין, האָט ער פאַרגעזעצט: — אפילו בא דערפארענע יעגערס טרעפט, אז זיי יאָגן זיך נאָך א וואָלף און שרעקן אָן א האָז. יעדער פישפאנגער ווייסט, אז ווען מע כאפט פיש, פאלן אריין אין דער נעץ פארשיידענע — גרויסע, מיטעלע, קליינע און אויך אזעלכע קליי־נינקע, וואָס מע מעג, ניט קלערנדיק, זיי ארײַנוואַרפן צוריק אין וואסער אריין.

— און איך מיין, — האָט אים דער סאָלדאט געענטפערט, — אז אויב דאָס איז ניט קיין הײַפיש, איז עס דאָך א פיש, און ניט קיין פישעלע. נאָר אפילו, ווי איר זאָגט, „קלייניקע", דארף מען זיי אויך ניט וואַרפן צוריק אין וואסער. פון גאָר קליינינקע וואקסן מיט דער צײַט אויס גרויסע.

— ווארשײַנלעך, ווארשײַנלעך... — האָט יענער קלוימערשט מאסקים געווען.

זײַן צוזאָג האָט דער שעף פון פּאָליציי אויסגעפילט. באָוורן האָט מען פארשלאָסן אין א קאמערע מיט א געדיכט־פארגראטעוועט פענצטערל. ס'איז קאָנטיק געווען, אז דערווײַל וועט זיך מיט אים קיינער ניט פארנעמען. וואָס איז פאר זיי באווער, ווען איינער א דײַטש, וועלכער פארנעמט זייער א הויכן פאָסטן, האָט מיטגעטיילט, אז הײַנט איז בא אים פארפאלן געוואָרן זײַן פּאָפּוגײַ, וואָס האלט אין איין איבערכאזערן „היטלער קאפוט". וועגן דעם פאל האָט דער דעזשורנע געוואָרנט אלע פּאָליציי־פּאָסטנס, און א ספעציעלע אָפּעראטיווע גרופּע האָט באקומען א באפעל ווי אמשנעלסטן אויסזוכן דעם פּאָפּוגײַ. דער שעף פון פּאָליציי האָט זיך באמיט באַרוּיקן „זײַן הויכקײַט" דורכן טעלעפאָן.

— גראָד דאָס, וואָס דער פויגל איז באריידעוודיק, קאָן אונדז מיט־העלפן. און ביכלאל דארפט איר זיך ניט זאָרגן. אף דער בערלינער פּאָלי־ציי מעגט איר זיך פארלאָזן. די געהעריקע מיטלען זײַנען שוין אָנגענומען געוואָרן, און געוויס וועט אלץ זײַן אין אָרדענונג.

און די טעלעפאָן־אפּאראטן האָבן געהאלטן אין איין קלינגען. אלץ וועגן פּאָפּוגײַ.

שוין זײַענדיק בא דער ארויסגאנג־טיר, האָט שמועל נאָך אלץ גע־הערט די שטים פון פּאָליציי־שעף:

— די אָפּעראציע „פּאָפּוגײַ" איז ניט אָפּגעשאפּן. זי ווערט אקטיוו פאַר־געזעצט.

ווי נאָר שמועל און פייגעלע זײַנען ארויס פון פּאָליציי־באצירק, האָבן זיי זיך געלאָזט זוכן א טעלעפאָן־אווטאָמאט. דאכט זיך, אף יעדער ראָג קאָן מען אָנטרעפן אן אווטאָמאט. נאָר דאָס איז דאן, ווען דו נייטיקסט זיך ניט אין אים. ענדלעך, האָבן זיי דאָך אָפּגעזוכט איינעם, און לערער האָט אפּגיך אָנגענומען די געהעריקע ציפערן. ווי אים האָט זיך אויסגעדאכט, האָט מען אין דער קווארטיר באם פאַרשטייער פון דער פוילישער מיסיע איבער די אָנגעלעגנהײַטן פון קריגספארברעכער זייער לאנג ניט אראָפּ־גענומען דאָס טרײַבל, און ווען עמעצער איז צום סאָף צוגעגאנגען צום טעלעפאָן, האָט שמועל, זיך אפילו ניט באגריסנדיק, טייקעף ארויסגעפּראלט:

— באוער איז בא אונדז אין די הענט!
— ווער־ווער?
— עריך באוער.
— דער אָבערגאזמײַסטער פון סאָביבאָר?
— יאָ, פאַן מאיאָר.

דאָס טעלעפאָן־טרײַבל האָט אראָפּגענומען בערעק, וואָס איז געקומען צו סטאַניסלאַוון אין געסט. שיין וואָלט ער אויסגעזען, ווען דער מענטש, וואָס קלינגט, כאַפּט זיך, אז ער רעדט ניט מיט קניעווסקין. עמעס, קיין אומגליק וואָלט ניט געווען. זאָל נאָר זײַן די יעדזיע א ריכטיקע. נאָר קניעווסקי איז שוין געשטאָנען לעבן אים.

— וואָס האָט געטראָפן? ווער רעדט עס? — האָט ער ארײַנגעשריען אין טרײַבל.

— איר דערקענט מיך ניט, ס׳איז איך, לערער. מיר האָבן געפּאקט באוערן.

— בארויקט אײַך, שמועל. צוערשט האָב איך אפילע אײַער שטים ניט דערקענט. ווען און ווו איז עס געשען?

— מיט צוויי שאָ צוריק. אין לונא־פּארק. אף דעם קארוסעל. אף א פערדל האָט ער געריטן... — דאָס אלץ האָט שמועל ארויסגעזאָגט אין איין אָטעם.

— ער האָט זיך געווערט?
— ניט שטארק.
— איר זײַט איינגענעם מיט פייגעלען?
— יאָ.
— איר זײַט זיכער, אז דאָס איז באוער?
— אבסאָליוט. גלייבט מיר, אין דעם פאל איז א טאָעס אויסגעשלאָסן. דאָס איז אף אזויפיל זיכער, אז איר קאָנט גלײַך קלינגען קיין ווארשע.

— אוואדע קאָן איך. נאָר מיר וועלן בעסער צוווארטן. ווו געפינט ער זיך איצט?

— אונטער א וואך אין דער פּאָליציי. אויב איר ווילט צופאָרן, איז דער אדרעס אזא...

— ניין. דאָרט האָבן מיר ניט וואָס צו טאָן. צוערשט דארפן מיר זיך מיט אײַך טרעפן, איר זאָלט אלץ גענוי דערציילן. דאָס, וואָס הײַנט איז זונטיק, איז, פארשטייט זיך, ערגער.

— פארוואָס, פאן מאיאָר, ערגער? ווען ס׳איז ניט זונטיק, וואָלטן מיר אים דאָך ניט געכאפּט...

— אויך גערעכט. אָבער די אמעריקאנער ווילן ניט אין קיין רו־טאָג זיך פארנעמען מיט אזעלכע זאכן. בא זיי ברענט ניט. נאָר זיי וועלן שוין מוזן. ס׳איז דאָ צווישן זיי א מענטש וואָס איז דערצו ניט גלײַכגילטיק. קיין גרויסע מאכט פארמאָגט ער ניט, נאָר פארן שעף פון פּאָליציי־באצירק וועט עס זײַן גענוג. באלד וועלן מיר אים אָנקלינגען. נו, איך ווארט אף אײַך.

## קיין דריטער איידעס פֿאָדערט זיך ניט

מיט זײַן רויקײַט און צוריקגעהאַלטנקײַט האָט דער פֿאָרשטייער פֿון דער פּוילישער מיסיע קניעווסקי געמאַכט אַף אײניקע אַן אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וועמען מ׳קאָן קיינמאָל מיט גאָרניט פֿאַרכידעשן. פֿייגעלע, אשטײַגער, האָט נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים אַ זאָג געטאָן:

— קיין קלעפּקע אין קאָפּ פֿעלט אים, אָפּאָנעם, ניט. נאָר זייער אַ שטרענגער.

גאָר אײַנגיכן האָט זי געביטן איר מיינונג וועגן קניעווסקין און שוין געטײַנעט, אַז דער מאַיאָר איז אַ מענטש אַ פֿריילעכער, מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט, שוין אַפֿילו צו אַ היציקער.

אַפֿן צווייטן טאָג האָט קניעווסקי פֿערזענלעך זיך געווענדט צו דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע מיט אַ פֿאָדערונג, אַז דער פּראָצעס איבער דעם מילכאָמע־פֿאַרברעכער עריך באָוער זאָל פֿאָרקומען דאָרט, ווו ער איז באַגאַנגען זײַנע פֿאַרברעכנס,—אין פּוילן. אין פּרינציפּ האָט אים קיינער ניט דערווידערט, אָבער מ׳האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז איין קלייניקײַט שטערט דערווײַל: עס פֿעלן באַווײַזן. אַף דער פֿאָרלויפֿיקער פֿאָרשונג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, לייקנט באָוער אָפּ, אַז ער האָט געדינט אין עסעס, אַז ער איז ווען־ניט־איז געווען אין פּוילן. ער באַהויפּט, אַז ביז נעכטן האָט ער בכלל קיינמאָל פֿון סאָביבאָר ניט געהערט. ער האָט אָנגערופֿן איידעס, וועלכע קאָנען באַשטעטיקן, ווו ער האָט זיך געפֿונען אין די יאָרן 1942 און 1943. בכלל פֿירט ער זיך אויף, ווי אַ מענטש, מיט וועלכן ס׳איז געשען אַ מיספֿאַרשטייעניש, וואָס וועט זייער גיך אויפֿגעקלערט ווערן.

קניעווסקי האָט אַ טראַכט געטאָן: וואָס־וואָס, נאָר אין קיין אַדוואָקאַטן פֿאַר באָוערן וועט קיין מענגעל ניט זײַן. מע פּרוּווט זיך אים שוין אַמניסטירן. און עפּשער טאַקע דערפֿאַר האָט ער אַזוי אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט, וואָס דער אַמעריקאַנער זאָגט.

— עפּעס, אַנערקענט באָוער, האָט ער יאָ געהערט וועגן קאָנצענטראַציע־לאַגערן, נאָר ווו, ווי, ווען געדענקט ער שוין ניט. ווען דער אויספֿאָרשער האָט אים דערמאָנט, אַז עס גייט אַ רייד וועגן אַ ספּעציעלן טויט־לאַגער, ווו ער, עריך באָוער, האָט אין משך פֿון אַכצן כאָדאָשים טאָג נאָך טאָג דערשטיקט מיט גאַז הונדערטער טויזנטער מענטשן, האָט ער קלוימערשט אַ פֿאַרכידעשטער אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל און געפֿרעגט: צי דען האָבן ווירקלעך עקזיסטירט אַזוינע לאַגערן? אַזוינס פֿאַרשטעלן זיך איז איבער זײַנע קויכעס. ווען ער דערזעט אַ טראָפּן בלוט, קערט ער אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זײַט.

וואָס נאָך קאָן מען מיטיילן דעם הער מאַיאָר? סײַדן דאָס, אַז באָוער האָט געבעטן ניט צו וויסן געבן זײַן פֿרוי, אַז מע האָט אים אַרעסטירט. עס טרעפֿט, ער פֿאַרהאַלט זיך און קומט ניט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אַהיים, וועט זי געוויס אויך דאָס מאָל זיך ניט באַאומרויִקן. ער, אויב מע וועט אים דערלויבן איר אָנשרײַבן, וועט זי צוגרייטן צו דער טרויעריקער נײַס, ער

וועט דאָן בעטן, זי זאָל אים ברענגען זײַן אַלבאָם פּאַר צייכענען, עט־לעכע בלײַשטיפטן, א ווירע, א מעקער אויב, פאַרשטענדלעך, דאָס איז ניט פאַרבאָטן. אָט דאָס איז דערווײַל אַלץ, וואָס מע קאָן מיטיילן דעם הער מאַיאָר.

דעם „הער מאַיאָר" האָבן די יעדיעס ניט באַפרידיקט. ער האָט צוגעזאָגט אין מעשעך פון די נאָענטסטע טעג צושטעלן באַוויזן, ווי אויך איידעס, וואָס וועלן באַשטעטיקן, ווער באָוער איז, און געפאָדערט, ס׳זאָל אים דערלויבט ווערן צוויי־דרײַ מאָל בײַצוזײַן באַם פאַרהער. מעגלעך, אַז איין מאָל וועט אויך זײַן פּאַר אים גענוג.

אזוי איז אָפּגעמאַכט געוואָרן.

דער פאַרהער האָט זיך אָנגעהויבן צען אַזייגער אינדערפרי. געפירט האָט אים דער קאָמיסאַר פון דער דײַטשישער קרימינאַל־פּאָליציי יאָהאַן שטיפטער אין דער אָנוועזנהײַט פון דעם הויכגעשטעלטן אַמעריקאַנער זשאַנדאַרם־אָפיצער אַרטשיבאַלד פלעטשער, דעם פאָרשטייער פון דער עקסטראַדיציאָנערער סעקציע באַם הויפּט־שטאַב פונעם אַמעריקאַנער מי־ליטער יודזשין פושער און דעם פאָרשטייער פון דער פּוילישער מיסיע סטאַניסלאַוו קניעוווסקי.

ס׳איז פאַרבײַ א שאָ, צוויי און דרײַ. די אַש־בעכערס זײַנען שוין פול מיט צעקוועטשטע סיגאַרן, סיגאַרעטן, און דערווײַל האָט זיך נאָך ניט באַוויזן קיין שפּאַרונקעלע, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעמאַסקירן באָוערן. מע ווײַזט אים פאָטאָגראַפיעס פון די נאַציסטישע אָנפירער. ער רופט זיי גלײַך אָן, ווײַל, ווי ער דערקלערט, אַלע דײַטשן, אַפילו די, וואָס לייענען ניט די פּרעסע, קענען אָט די לײַט פון קינאָ, וווּ מע האָט זיי הונדערטער מאָל געוויזן. ווען מע האָט אים געפרעגט, וויפל מאָל האָט ער געשמועסט מיט הימלערן, האָט זיך בא אים דער קנאָפּ פונעם גאָרגל א טרייסל געטאָן פון געלעכטער. געלאַכט האָט, דאַכט זיך, אויך דער שוואַרצער אויסבינדער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א זומער־פייגעלע.

— איר מיינט ווירקלעך — האָט ער, זשעסטיקולירנדיק, געפרעגט, — אַז אַזעלכע, ווי איך, האָבן געהאַט א צוטריט צו הימלערן? דערצו...

דער פאָרשטער האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן.

— פרעגן שטעל איך, און איר זײַט אזוי גוט בלויז ענטפערן אף זיי. דאָס מאָל, אַלס אויסנאַם, ענטפער איך אײַך: ניט נאָר מיר מיינען, נאָר אונדז איז געניי באַוווסט, אַז דעם 13 מאַרט 1943 יאָר זײַט איר געשטאַ־נען באַנאַנד מיטן עסעס־רײַכספירער היינריך הימלער. איר האָט אים ראַפּאָרטירט. הימלער האָט אײַך געלויבט, באַלוינט מיט אַן אָרדען, גע־העכערט אין ראַנג.

באָוערס ברעמען האָבן קיין ציטער ניט געטאָן.

מע באַווײַזט אים נאָך עטלעכע פאָטאָגראַפיעס. דאָ, אויב אים גלייבן, דערקענט ער קיינעם ניט. הייסט מען אים זיך גוט אײַנקוקן אין איינער פון די פאָטאָגראַפיעס. לענגויס א הויכן פּלויט שפּאַנט אַן עסעסאָוועץ. ער גייט עטוואָס אָנגעבויגן. די רעכטע האַנט, אין וועלכער ער האַלט א

שטעקל, איז פארלייגט אף הינטן. דער קיטעל און דאָס היטל זײַנען פון ווײַסן שטאָף.

א פּאוזע. א מינוט, צוויי, דרײַ...

דער פאָרשער רײַסט איבער די פארצויגענע פּאוזע:

— צי דען האָט איר ניט דערקענט אײַער דירעקטן שעף? דעם עסעס־אָבערשטורמפירער שטאַנגלען, וועלכער איז אין 1942 באַשטימט געוואָרן אלס קאָמענדאַנט פון סאָביבאָרער טויט־לאַגער? אונדז איז באַוווּסט, אַז אײַער צוזאמענארבעט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריִער. פראַנץ־פּאַול שטאַנגל! איר געדענקט ניט? ניין? אויב אזוי, דערמאָן איך אײַך איינצל־הײַטן פון זײַן ביאָגראַפיע: געבוירן אין עסטרײַך, פון דער פריִער יוגנט געדינט אין דער פּאָליציי. פיל פון זײַנע געוועזענע מיטארבעטער, און צווישן זיי זײַנע סאמע נאָענטע פרײַנט, האָט ער ארײַנגעזעצט אין טורמע, אין קאָנצלאַגער. פאר דעם קריג האָט די היטלער־אַדמיניסטראַציע אין ווין אים באַוּפטראָגט צונויפשטעלן פראָטאָקאָלן וועגן נאַטירלעכן טויט פון די אַנטיפאַשיסטן, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט אומגעבראַכט. ער האָט פארנומען עטלעכע פּאָסטנס מיטאמאָל. געוועזן דער אָנפירער פון דער גרופּע, וואָס האָט זיך פארנומען מיטן באַזאָרגן די עקזיסטירנדיקע און מיטן בויען נײַע קאָנצלאַגערן. איינצײַטיק, און דאָס דאַרף אײַך זײַן גוט באַוווּסט, איז ער געוועזן דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דעם טויט־לאַגער האַרטהיים. וועגן זײַנע פארדינסטן, און פאַרייַנס אײַערע, באַם פאנאַנדערארבעטן די סאמע „ראַציאָנעלע" מעטאָדן פון פארניכטן מענטשן מיט דער הילף פונעם גאַז „ציקלאָן", וועט אײַך נאָך אויסקומען אונדז צו דערציילן. וואָס שאָקלט איר מיטן קאָפּ? ניין? עס מאַכט ניט אויס. בײַ אונדז וועט קלעקן געדולד. דערווײַל לייגן מיר אוועק שטאַנגלס פאָטאָגראַפיע צוריק אין טישקעסטל, און פון דאָרט וועלן מיר ארויסנעמען א געמעל. אין די הענט קאָנט איר עס נעמען, אָבער זייער פאָרזיכטיק. דעם קינסטלער האָט איר דערמאָר־דעט. ער וועט אײַך שוין מער ניט מאָלן. איר געדענקט דעם באַוווּסטן האָלענדישן קינסטלער מאַקס וואַן דאַם?

באַוער האָט זיך ניט געלאָזט ארויסברענגען פון גלײַכגעוויכט. זײַן פּאָר־נעם האָט זיך ניט פארקרימט פון קיין נערוועזן טיק. ווי נאָר ער האָט א קוק געטאָן אפן פּאָרטרעט, האָט ער באַשטעטיקט:

— ענלעך.

— ריכטיק, — איז שטיפטער צום ערשטן מאָל, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, מאַסקים געוועזן מיט באַוערן. — נאָר איך וויל, איר זאָלט דערקלערן, אף וועמען איז דער פּאָרטרעט ענלעך?

— אף מיר.

— נו, באַוער, איז אויס מיט דער שפּיל?

— דאָס, הער אויספאָרשער, איז בלויז פון אײַך אָפּהענגיק. נאָר אזוי פירט זיך עס ניט. ס'איז קעגן געזעץ. אויב דאָס בילד, אָדער ריכטיקער וועט זײַן עס צו אָנרופן עסקיז, איז ניט קיין בילדיקע פעלשונג, איז מיר קלאָר די סיבה פון אײַער אומגעלומפּערטער פארבלענדעניש. איר וועט, וואַרשײַנלעך, מיט מיר אײַנשטימען. עס איז אין דער נאַטור פונעם מענטשן מאַכן א פעלער. מיט יעדן קאָן עס טרעפן, אפילו מיט די, וואָס דינען אין

דער קרימינאַל־פּאָליציי. דערצו איז דאָ ניט אָנגעוויזן, ווער, ווו און ווען האָט פּאָזירט פאַרן מאָלער.

— וואָס ס'איז ניטאָ, איז ניטאָ, נאָר דערפאַר איז דאָ א לעבעדיקער מענטש, וואָס איז בײַגעווען, ווען דער קינסטלער האָט אים געמאָלט. אים האָט זיך אײַנגעגעבן דעם עסקיז פון אײַער פּאָרטרעט צו פאַרהיטן. אזוי־ארום, זײַנען אונדז און אײַך באוווסט די דרײַ ענטפערס: ווער? — איר. ווען? — פרילינג 1943. ווו? — אין סאָביבאָר, אין קאזינאָ. דאָס הויז האָט זיך פאַרהיט. די פענצטער קוקן ארויס אף דער אײַזנבאַן, צו וועלכער ס'איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. די געבײַדע איז ניט קיין גרויסע, נאָר דער לאַגער־פּערסאָנאַל האָט זיך דאָרט ניט שלעכט פאַרווײַלט. צי האָט איר ווען־ניט־איז פּאָזירט פאַרן קינסטלער מאַקס וואַן דאַם, ווייסן מיר ניט, און דאָס איז פאַר אונדז אין דעם פאַל ניט וויכטיק. איך מיין, אז דאָס אופּכאַפּן אײַך און נאָך אייניקע אײַערע קאָלעגן אפן שפּיץ פונעם בלײַער איז געווען ניט צופעליק. געוויס האָט מאַקס וואַן דאַם פאַרשטאַנען, אז פון אײַערע הענט וועט ווער שוין קיין לעבעדיקער ניט ארויס, אָבער אין דעם איז באַשטאַנען די איינציקע מעגלעכקײַט פונעם קינסטלער שוין באַם סאַמע ראַנד פון טויט זיך צעזעגנען מיט אײַך. און זעט נאָר, — האָט דער אויספאָרשער אויסגעקערעוועט זיך צום פוילישן מאַיאָר, — ווי ער איז געווען גערעכט? מאַקס וואַן דאַם איז שוין לאַנג אף דער וועלט ניטאָ, אָבער מיט זײַנע געמעלן העלפט ער אונדז דעמאַסקירן די מערדער און דערנעענטערן די גערעכטע שטראָף.

סטאַניסלאַוו קניעווסקי האָט געוווּסט, אז דעם אויספאָרשער יאָהאַן שטיפּטערן האָט שטאַנגל זײַנערצײַט ארײַנגעזעצט אין טורמע. בלויז אדאַנק א צופאַל איז ער לעבן געבליבן. צי איז שטיפּטער שוין דאַן געווען אַן אַנטיפאַשיסט — דאָס איז ניט באַוווּסט, נאָר נאָך דעם, ווי ער איז אָפּ־געזעסן אין די טורמעס פון האַנאָווער און באָדען העכער פינף יאָר, איז ער עס אף זיכער געוואָרן. ניט דאָס ערשטע מאָל קומט קניעווסקין אויס מיטצואַרבעטן מיט שטיפּטערן, און זיי פאַרשטייען שוין איינער דעם אַנ־דערן אָן ווערטער...

ווען מע האָט צו טאָן מיט אזוינע לײַט, ווי באַוער, איז דאָס שפּריכ־וואָרט „ווער עס פרעגט פיל, דעם ענטפערט מען פיל", געוויינלעך, ניט גילטיק, און שטיפּטער באַמיט זיך דאַן מיט פאַקטן איבערצײַגן דעם אָנ־געקלאָגטן, אז זײַן שפּיל איז באַהעלטעניש איז אַן אומזיסטע שפּיל און וועט אין דער ערשטער ריי אים זעלבסט קיין נוצן ניט ברענגען. דאָך פירט ער הײַנט די פאָרשונג ניט ווי שטענדיק. וויאזוי האָט ער עס נאָרוואָס א זאָג געטאָן? „מאַקס וואַן דאַם איז שוין לאַנג אף דער וועלט ניטאָ, אָבער מיט זײַנע געמעלן העלפט ער אונדז דעמאַסקירן די מערדער און דער־נעענטערן די גערעכטע שטראָף". ווײַט ניט פון יעדן באַשולדיקער אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד קאָן מען הערן אזעלכע ווערטער. שווערלעך וועט אים זײַן, דעם מאַיאָר סטאַניסלאַוו קניעווסקי, אויב מע וועט שטיפּטערן באַפרײַען פון זײַן פּאָסטן און אף זײַן אָרט אוועקזעצן אזא, ווי די איבער־וועגנדיקע מערהײַט יוריסטן דאָ. אויב זיי זײַנען ניט פאַריינס מיט די געוועזענע עסעס־לײַט, זײַנען זיי יעדנפאַלס גרייט מיט זיי מיטצואַרבעטן.

אזא דערפאַרענער מענטש, ווי קניעווסקי, האָט, פאַרשטענדלעך, גלײַך באַמערקט, אַז ענדלעך האָט מען באַוערן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ס׳איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען באַוער האָט זיך דערפילט, אויב נאָך ניט ווי אײַנגאַנצן אַ באַגראָבענער, איז ווי אַן אָפּגעשמיסענער, דערפילט, אַז ס׳איז ניט אויסצומײַדן די באַשולדיקונגס־באַנק. איז מיט וואָס פאַרא גענג, מיט וואָס פאַרא רייד וועט ער פּרוּוון זיך אויסדרייען? אָט ווי באַוער האָט עס געטאָן:

— הויכגעשעצטע הערן! ניט יעדערער, אַף וועמען דער אויספאָרשער ווײַזט אָן מיטן פינגער, איז ווירקלעך אַ פאַרברעכער. צוערשט האָט איינער, וואַרשײַנלעך אַ פּסיכיש־קראַנקער, געוואָלט מיך פאַרלוימדן, און דערנאָך ווילט איר מיט קונציקע איבערשפּיצלעך עס באַגרינדן, דער־ווײַזן. מעגלעך, ס׳איז געווען נאָך אַ באַוער און קאָן זײַן, מ׳עט האָט אים, ווי מיך, גערופן עריך. נאָר איך האָב אַזאַ איינעם ניט געקענט און וויל ניט קענען. אונדז, דײַטשן, איז איצט אַלעמען לײַכט צו באַשולדיקן, און דאָך גלייב איך, ניין, כ׳בין זיכער, אַז אַלץ וועט קלאָר ווערן. די גערעכטיקײַט מוז זיגן.

ווער קאָן האָבן עפּעס קעגן דעם, אַז די גערעכטיקײַט זאָל זיגן? די „הויכגעשעצטע הערן״ זײַנען אויך דערמיט מאַסקים. נאָר דערווײַל האָט דער אַמעריקאַנער יודזשין פישער אַף זײַן וויזיט־קאַרטל אָנגעשריבן אַף דײַטש און אַוועקגעלייגט אַפן טיש אַנטקעגן שטיפּטערן אַזאַ צעטעלע: „אין עטלעכע מינוט אַרום וועל איך פאַלן פון מידקײַט. צי שוין וועט איר זיך ניט דערבאַרעמען?״.

דער אויספאָרשער האָט דאָס דאָס ווײַסע קאַרטאָנדל אַ רוק געטאָן נעענטער צום זשאַנדאַרם־אָפיצער אַרטשיבאַלד פלעטשער. יענער האָט עס נאָך ניט באַוויזן איבערצולייענען, ווי ער האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ, אַז ער איז אײַנשטימיק, און מיט די אויגן אַ פרעג געטאָן באַם פוילישן מאַיאָר: „און וואָס וועט איר זאָגן?״ סטאַניסלאַוו קניעווסקיס שמייכל האָט באַ־דאַרפט אויסגעטײַטשט ווערן: „מיילע, זאָל זײַן, ווי אײַך ווילט זיך״.

נאָכן איבעררײַס זײַנען באַוער און לערער געשטעלט געוואָרן אויג אַף אויג. דאָס האָט זיך פאַרצויגן אַף היפּשע עטלעכע שאָ. אַלץ, וואָס איינער באַשטעטיקט, לייקנט דער צווייטער. עס זעט אויס, ווי ס׳וואָלט שוין ניט געגאַנגען קיין רייד וועגן דעם, צי האָט דער אָנגעקלאָגטער ווירקלעך גע־דינט אין אַ טויט־לאַגער און טאָגטעגלעך זיך פאַרנומען מיט דערשטיקן מענטשן, נאָר וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שטעקל ער האָט געטראָגן. צי האָט ער צוגענומען באַ עמעצן רעפּועס. באַוער טײַנעט, אַז ער האָט, אייגנט־לעך, קיינמאָל קיין שטעקל אין דער האַנט ניט גענומען. אויך קיין רעפּועס האָט ער ניט געקאָנט באַ קיינעם אָפּנעמען, ווײַל ער האַלט, אַז רעפּועס זײַ־נען ביכלאַל איבעריק. דער מענטשלעכער אָרגאַניזם דאַרף זיך מיט אַלץ אַליין ספּראַווען.

אַף דער פראַגע, וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען מ׳עט פאַרווונדעט אים, קומט אַזאַ ענטפער:

— איך ווייס ניט, ווײַל ביז איצט האָט מיך גאָט אָפּגעהיט פון אַלדאָס

בייז. ניט איך אין עמעצן, ניט עמעצער אין מיר האָט קיינמאָל ניט געשאָסן, און אזוי, מיין איך, וועל איך שוין אויסלעבן מײַנע יאָרן.

צופעליק צי ניין, נאָר שוין צום וויפלטן מאָל רופט לערער אָן באוערן הער אָבער־באַדעוועכטער. דער אָנגעקלאָגטער רעאגירט ניט אַף דעם. ווי קומט עס? שטיפּטער וויל וויסן, וואָס איז עס פאר א ווענדונג? באוער צוקט מיט די אקסל — פונוואַנען קאָן ער וויסן? לערער דערקלערט, אז די קאַצעטלער האָבן אזוי גערופן באוערן, ווײַל די געבײַדע, וווּ ס'האָבן זיך געפונען די גאז־קאמערן, האָט א דעקאָראַטאָר ספּעציעל פּאַרמאַסקירט ווי א באָד. די פּאַרורטיילטע פלעגט מען זאָגן, אז דאָס פּירט מען זיי זיך אויסבאָדן פארן אָפּשיקן אין רעזערוואַציע, ווו יעדערער וועט באַקומען ארבעט לויט זײַן פאַך. אפילע די וואַכליַיט פלעגן הינטער די אויגן רופן באוערן אָבער־באַדעוועכטער.

ס'איז שוין שפּעט אין אָוונט. אלע זײַנען מיד, אויסגעשעפּט. דער אויספאָרשער באַדאַנקט לערערן פאר זײַנע ביז גאָר וויכטיקע באַווײַזן און וואָרנט אים, אז עס וועט געוויס ניט איין מאָל נאָך אים אויסקומען באַמרוּיקן. דערנאָך פרעגט ער בא באוערן:

— דעם אלבאָם, וואָס איר האָט געבעטן, האָט מען אײַך איבערגעגעבן?

— יאָ. א דאַנק.

— האָט איר אויך באַוויזן עפּעס אופּטאָן?

— ניט מער פון א קלייניקײַט. די שײַן אין קאמער איז א שוואַכע, און דאָך...

— איר קאָנט אונדז דערקלערן, ווײַזן, מיט וואָס איר האָט זיך פאַרנומען?

— איך קאָן, כאָטש כ'מיין, אז דאָס איז פאר אײַך ניט אינטערעסאַנט, מעגלעך, איר וועט עס אויך ניט פאַרשטיין...

— אַף אזויפיל איז עס קאָמפּליצירט?

— פאַרקערט. נאָר פאר אײַך וועט עס אויסזען, ווי א קינדער־שפּיל, און פאר מיר, קאָן מען זאָגן, איז עס דער זין פון מײַן לעבן. זאָל איך פאַרזעצן? נו, גוט. ווו עס געפינט זיך די ברייטע שטראָסע, ווייסט איר. יעדן נײַ־יאָר ווערן דאָרט אײַנגעאָרדנט מערק, ווו מע פאַרקויפט פאר קליינוואַרג לעקעכלעך, שפּילכלעך. נאָך פאַרן קריג האָב איך געטרוימט צו שאַפן סאַנטאַ־קלאַוס־אווטאָמאַטן. א בערלינער זשורנאַל האָט דאָ ניט לאַנג אָפּגעדרוקט מײַנע אָן ארבעט וועגן דעם. איצט ווילט זיך מיר פאַרפולקומען אייניקע פאַרווײַלונגס־אַטראַקציאָנען.

דער אויספאָרשער וויל וויסן, צי דעם לעצטן זונטיק האָט באוער פאַרבראַכט אין לונא־פּאַרק, קעדיי צו פאַרווײַלן זיך, אָדער צוליב זײַן באַרוף.

באוער דערקלערט:

— גיכער צוליב מײַן באַרוף. דעם אַפּאַראַט, וואָס ברענגט אין באַוועגונג דעם קאַרוסעל, קאָן מען פאַרפולקומען, נאָר פאר מיר איז עס אויך פאַרווײַלונג, וואָס פאַרשאַפט מיר פרייד.

דאַן קומט אזא פראַגע:

— צי דערלאָזט ניט באוער קיין געדאַנק, אז דאָס, וואָס ער דערציילט וועגן זײַן באַרוף, אָדער, לאָמיר זאָגן, זײַן האָבי, באַווײַזט אין א געוויסער

מאָס, מיט וואָס ער, דער אָבערגאזמײַסטער, האָט זיך פארנומען אין סאַ־ביבאָר?

באוער האָט ווידער געוווּסט, ווי זיך נעמען אין די הענט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט נאָך א קורצער פּאוזע, — איך דערלאָז, אז איר, הער אויספאָרשער, קאָנט אזוי מיינען. אָבער, ווי מיר דאכט זיך, בלויז אין אָנהייב. א לאָגיש־דענקענדיקער מענטש וועט פארשטיין, אז דער, וואָס איז ווירקלעך שולדיק און וויל עס אויסבאהאלטן, וועט פרײַוויליק ניט געבן קעגן זיך קיין באווײַזן, וואָס באשטעטיקן אזוי אָדער אנדערש זײַן פארברעכן. איר האלט, אז איך בין ניט גערעכט?

— מיט דער צײַט וועט עס קלאָר ווערן. נאָר ווידער שטעלט איר פראגן, און איך ברעך די אָרדענונג און באשטראָף אײַך ניט. נו גוט, אזא מענטש בין איך. איז וואָס האָט איר געוואָלט אָדער באוויזן צו ענדערן אין די אפּאראטן פון לונא־פּארק?

— איר וועט מיר, הער אויספאָרשער, מוזן אנטשולדיקן, נאָר כ׳האָב זיך ניט ריכטיק אויסגעדריקט. ס׳איז מײַנער א פארזען. כ׳האָב ניט גע־מיינט, אז גראָד דאָס קאָן אײַך פארינטערעסירן. מײַן געדאנק איז ניט נאָר ענדערן די אטראקציאָנען, נאָר שאפן נײַע. דערוואקסענע און באזונדערס קינדער האָבן ליב, אז אלץ זאָל זײַן ווי אין לעבן. איר שטעלט אײַך פאָר, ווי דאָס וועט אויסזען, ווען יעדער הילצערן פערדל וועט לויטן ווילן פונעם רײַטער זיך קאָנען בריקעווען, הירזשען, לאָזן שוים פונעם מויל, ווי נאטירלעך און שיין דאָס וועט זײַן. אָט ווען איך וועל עס פארווירקלעכן, וועט איר זיך אין דעם איבערצײַגן.

— גוט. און איצט באווײַזט אונדז אײַערע צייכענונגען. און דערקלערט, ביטע, גענוי, וואָס איר האָט באוויזן אופטאָן אין קאמערע. שטעלט אײַך אוף, מײַנע קאָלעגן זאָלן אויך זען. פאר אונדז איז דאָך דאָס ניט מער ווי פונקטירן, פּאסיקלעך, דריידעלעך. אָט אזוי. לאָמיר הערן, אָבער קורץ און שארף — דאָס וויכטיקסטע.

עס האָט זיך באקומען: קוק מיטביידע אויגן, נאָר דאָס מויל האלט פאר־מאכט. דערפאר רעדט באוער. וויפל אָנשטרענגונג דאָס קאָסט אים, קאָן נאָר ער אליין וויסן. און עפּשער פארקערט, ער איז גאָר צופרידן, וואָס ער איז געקומען צום וואָרט. זינט מע האָט אים פארהאלטן, איז ער צום ערשטן מאָל אף „זײַן פערדל". די לעצטע יאָרן איז טאקע ניטאָ פאר אים קיין זיסערס, ווי דאָס, וועגן וואָס ער דערציילט.

וויפל צײַט וואָלט נאָך ערגיך באוער ארויסגעוויזן באהאוונטקײַט און קענטעניש, דערציילנדיק וועגן זײַנע סאנטא־קלאָוס־אויטאָמאטן, איז שווער צו זאָגן. מע מעג מיינען, אז מיסטאמע נאָך לאנג, זייער לאנג. נאָר אומגע־ריכט האָט דער אויספאָרשער, וואָס האָט פארמאָגט א שטארקע ברוסטיקע שטים, אָפּגעגעבן א קאָמאנדע:

— רינגס אום!

באוער, כאָטש אים איז שוין געווען בא די פערציק, האָט האסטיק, ווי דאָס פּאסט פאר א געשולטן מיליטערמאן, אויסגעפּילט דעם באפעל און זיך אויסגעקערט אף הונדערט אכציק גראד. ווײַטער איז אָט וואָס געשען:

אף איין אויגנבליק איז ער ווי פארשטיינערט געוואָרן, און דערנאָך, ווי דאָס ניט געוווּנטשענע וואָרט זאָל בא אים געבוירן ווערן ניט אין מויל, נאָר אין די טיפענישן פון די געדערים, האָט ער מיט א הייזעריקער שטים ארויסגעמורמלט:

— יוליאַנאַ! יו...

אנטקעגן אים, בא דער טיר, איז געשטאַנען א יונגע פרוי אין ברילן. אף די הענט האָט זי געהאַלטן א קראַליק. ווען זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי ווייטעקדיק א ציטער געטאָן און איבער איר באַק האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט א טרער. געקליידט איז זי געווען קימאַט אַזוי, ווי אין סאָביבאָר. זי, יוליאַנען־עסטערקען, און נאָך א מיידל פון האָלאַנד, ליוקען, האָט באָוער אף א געוויסער צײַט געלאָזט לעבן, ווײַל די קיניגלעך האָבן אָן א פּאַרוואָס אָט די צוויי מיידלעך שטאַרק ליב באַקומען. איר נאָמען, עסטער, האָט ער גלײַך אָפּגעשאַפן און באַפוילן, אז אויך אין פרויען־באַראַק זאָלן זי אַלע רופן יוליאַנאַ. אלס אַן אויסנאַם האָט ער איר דערלויבט צו טראָגן ברילן, ווײַל, האָט ער דערקלערט דעם געהילף פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט גוסטאַוו וואַגנערן, די קיניגלעך געפעלט עס. קיין סאָך לאַגער־ניקעס אין סאָביבאָר, וואָס זאָלן טראָגן ברילן, זײַנען ניט געווען. אויב א מענטש נייטיקט זיך אין ברילן, פאַרמאָגט ער שוין א פעלער און האָט קיין רעכט ניט אפילו אף צײַטווײַליקער עקזיסטענץ.

ארבעט האָט בא באָוערן געקלעקט. פון צוואַנציק ביז פיר און צוואַנציק עשעלאָנען א כוידעש פלעגט אופנעמען און איבעראַרבעטן סאָביבאָר. אין יעדן עשעלאָן — פינף און צוואַנציק וואַגאָנעס. אין יעדן וואַגאָן צו אכציק מענטשן, אָן א געריכט פאַרורטיילטע צום טויט. און אַזוי אכצן כאָדאָשים נאָכאַנאַנד.

דערנאָך אפן פּראָצעס, ווו מע וועט מישפּעטן באָוערן, וועט זײַן פּאַרטייִדיקער בערנהאַרד גאָטשער זאָגן:

— דער מענטש, וועמען איך פאַרטיידיק, פאַרמאָגט ניט ווייניק כעסרוינעס. אָבער נאָך מער מײַלעס. ער איז זייער אָן ארבעטזאַמער. איר וואָלט עס געוווּסט, ווי ער האָט ליב קינדער, יעדע גאָטס באַשעפעניש. שאָענווײַז קאָן ער זיך פאַרנעמען מיט קיניגלעך...

דאָן איז נאָך ניט געווען באַוווּסט, אז גאָטשער איז א געוועזענער עסעסאָוועץ און אז אין היטלערס צײַטן האָט ער אָנגעשריבן א בראָשור, ווו ער האָט אין הימל ארײַן געלויבט דעם ראַסיזם און נאַציזם. נאָר אז באָוער איז אָן ארבעטזאַמער — דאָס האָט ער געזאָגט דעם ריינעם עמעס...

אָבער דער אָבערגאַזמײַסטער און זײַנע זעקס דיזעל־מאָטאָרן, וועלכע האָבן געטריבן דעם שטיק־גאַז, האָבן דאָך געמוזט פון צײַט צו צײַט אויך אָפּרוען, זיך אָפּקילן. אָט דאָן פלעגט ערייך באָוער אויסקלײַבן א פרײַע מינוט און מיט פאַרגעניגן זיך צוקוקן, ווי יוליאַנאַ און ליוקע האָדעווען זײַנע באַליבטע „קאַנינכען”. דאָן האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אז א טויב און א שלאַנג האָבן זיך אויסגעזוכט א נעסט אין איין האַרץ. נאָר ניין...

ווען די קיניגלעך פלעגן ניט וועלן נעמען פון זײַנע הענט דאָס גראָז,

וואָס ער אַליין פּלעגט ערגעץ אָנרײַסן און ברענגען, פּלעגט ער זיך אָנ־צינדן, אַלערליי קאָלירן האָבן זיך געביטן אויף זײַן געזיכט. ער האָט געשריִען אויף ליוקען און יוליִאַנען:

— פּרעסט אַליין דאָס גראָז, די זאַפט זאָל איבער אײַערע שווײַנען־ליפּן רינען. קײַט און שלינגט דאָס גראָז אַזוי, אַז אויך די „קאַנינכען" זאָל זיך פֿאַרוועלן עסן!

וויפֿל טעג צי גאָר שאָען וואָלטן די מיידלעך נאָך געלעבט, ווען ס׳זאָל ניט געווען אויסברעכן דער אופֿשטאַנד אין לאַגער? ווער קאָן דאָס וויסן?.. נאָר אַז ניט קיין סאָך — דאָס קאָן מען זיכער זאָגן. ס׳איז באַוווּסט, אַז אויפֿן צווייטן טאָג נאָכן אופֿשטאַנד האָט באַוער דערשטיקט זײַנע קאַנינכען און אויך די געגנדז, וואָס מע האָט געצוווּנגען צו גראַגערן, ווען מע האָט איבער דער „הימל־שטראַסע" פּאַרטיעסווײַז געטריבן די נאַקעטע מענטשן אין קרעמאַטאָרי אַרײַן.

דאָ, באַם פֿאַרהער, האָט יוליִאַנאַ־עסטער אויסגעפּילט איר מיסיע, און פּונקט אַזוי שטיל, אומבאַמערקט, ווי זי איז אַרײַנגעגאַנגען, אַזוי שטיל איז זי אַרויס.

שוין ווידער זיצנדיק אויף זײַן בענקל, נאָך פּוסט, עלעהיי אַן אויסגעליי־דיקטער זאַק, האָט עריך באַוער זיך ווי אַליין פֿונדאַסנײַ דערקענט, און ניט נאָר מינדלעך, נאָר אויף פּאַפּיר, שוואַרץ אויף ווײַס, אָן איבעריקע רייד באַ־שטעטיקט, אַז ער — דאָס איז ער. עפּעס האָט דער אויספֿאָרשער אים נאָך געזאָגט, נאָר ער האָט שוין ניט געהערט. קיין דריטער איידעס — דאָס האָט באַדאַרפֿט זײַן בערעק שלעזינגער — האָט זיך שוין ניט געפֿאָדערט.

## אין שטיינערנע אָרעמס

געווען אַ צײַט! אַפֿילע אין אַ גוטן כאָלעם קאָן מען ניט זײַן אַזוי גליק־לעך, ווי ער, עריך באַוער, איז דעמאָלט געווען. אַ קלייניקייט! מיט הונדער־טער טויזנטער מענטשן פֿון אַזויפֿיל לענדער האָט ער געקאָנט טאָן, וואָס זײַן האַרץ גלוסט. און דאָס איז דאָך פֿאַר זיי, די אַריער, וואָס האָבן צו שאַפֿן איבער גאָר דער וועלט, געווען בלויז אַן אָנהייב... און אָט האָסטו דיר!.. פֿריִער האָט ער צוזאַמען מיט זײַן פֿירער פֿאַרשפּילט, און איצט — אַליין. יעדערער קלערט אויף זײַן אויפֿן. פֿאַר אים איז די געפֿאַר, וועלכע דראָעט דירעקט אים, אָן אַ פֿאַרגלײַך גרעסער פֿון דער אַלגעמיינער מאַ־פּאָלע.

ווי נאָר ס׳איז קלאָר געוואָרן, מיט וואָס דער קריג וועט זיך ענדיקן, האָט ער טאָג און נאַכט זיך געשראָקן פֿאַר אַזאַ פֿינאַל. וויִאַזוי ער וועט זיך אין אַ נויטפֿאַל האַלטן, האָט ער נאָך דעמאָלט דורכגעטראַכט, נאָר גיי ווייס, אַז ווי פֿון אונטער דער ערד וועלן אַרויסקריכן לעבעדיקע איידעס און אַז מיט אַלץ, וואָס ער וועט אונטערנעמען, וועט זיך אויסלאָזן דאָס זעלבע, וואָס מיט אַן אַנצוג און אַ פֿאַריק, וואָס עס טוט אָן אַן אַרטיסט פֿאַרן אַרויסגיין אויף דער בינע. ווען ער זאָל געווען כאַטש אויף אַ רעגע דערלאָזן, אַז דער, וואָס האָט אים אין לונאַ־פּאַרק פֿאַרהאַלטן, איז אַליין פֿון

סאָביבאָר, וואָלט ער זיך גלײַך פֿון אָנהייב געפּרוּווט ארויסדרייען, אנט־לויפֿן, בא אזא געדיכטן צוזאמענדראנג וואָלט זיך עס אים, מעגלעך, אײַנגעגעבן.

ווען דער אויספֿאָרשער האָט דערמאָנט די נעמען פֿון שטאנגלען, וואגנערן, באָלענדערן, נוימאנען, פֿרענצעלן, איז בא אים אופֿגעקומען א פֿאַרדאכט, אז עמעצן פֿון זיי האָט מען געכאפּט און ער פּלאפּלט איבעריקס. אויב דאָס איז ניט אזוי, איז פֿונוואנען נעמען זיך אזעלכע גענויע און ריכטיקע ידיעות? איצט ווייסט ער שוין „פֿונוואנען". בלויז ער איינער האָט זיך פֿעסט ארײַנגעכאפּט אין נעץ, אלע איבעריקע זײַנען אף דער פֿרײַ. שטאנגלען האָבן די אמעריקאנער פֿארהאלטן אין די לעצטע טעג פֿון קריג, צוגענומען בא אים דאָס גוטס, וואָס ער האָט אָנגערויבט, אים איבערגעגעבן דער עסטרײַכישער מאכט. אין עסטרײַך אָבער האָט ער פֿארמאָגט גענוג גוטע פֿרײַנט, ער זאָל ארויס פֿון דאָרט א גאנצער. איצט, זאָגט מען, איז ער ווײַט פֿונדאנען און האָט ניט פֿאר וועמען צו שרעקן זיך.

פֿארוואָס, פֿרעגט זיך, איז ער, באָוער, אויך ניט אנטלאָפֿן? קאָן זײַן, אז טאקע דערפֿאר, מע זאָל בא אים ניט אָפּנעמען זײַן גרויס פֿארמעגן, האָט ער זיך ניט גערירט פֿונעם אײַנגעזעסענעם אָרט. אויך זײַן געוועזענער פּארטיי־גענאָסע קארל פֿרענצעל האָט אים אָפּגערעדט דערפֿון. פֿרענצעל האָט אזויפֿיל איבערגעשיקט פֿון סאָביבאָר אהיים, אז עס וועט קלעקן פֿאר זײַנע קינדס־קינדער. ביז הײַנט לעבט ער בא זיך אין געטינגען און לאכט זיך אויס פֿון דער וועלט. וועגן קורט באָלענדערן איז גאָרניט באוווּסט. דער איז נאָך דעם קריג ווי אין וואסער ארײַן. אָט דאָס איז קלוג געטאָן. גיי זוך אים איצט.

א האָפֿענונג, אז די געפֿאר וועט פֿארבײַ, האָט ער געהאט ביז דער מינוט, ווען מע האָט אים געוויזן זײַן פּאָרטרעט. ער וואָלט געמעגט שווערן, אז דאן, מיט העכער זעקס יאָר צוריק, איז די ענלעכקײַט ניט געווען אזוי שטארק, ווי איצט. פֿונוואנען האָט עס דער האָלענדער געקאָנט וויסן, אז אין יאָרן ארום וועט בא אים די אייבערשטע ליפּ זײַן באזוימט מיט קורץ־געשוירענע וואָנצעס? ס'איז דאָך טאקע אזוי, ווי דער אויספֿאָרשער האָט געזאָגט: דער קינסטלער איז שוין פֿון לאנג טויט, און זײַנע געמאָלטע בריוו גייען נאָך...

פֿון די האָלענדער, וואָס זײַנען דערשטיקט געוואָרן אין זײַנע גאז־קאַמערן, האָט ער קיינעם ניט פֿארגעדענקט, און ווי איז עס מעגלעך געווען בא אזא קאָלאָסאלן פֿארנעם פֿון ארבעט? גוט האָבן זיי געטאָן, וואָס זיי זײַנען אוועק אין דער אייביקײַט און ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך אפֿילע קיין קרעכץ. דאן האָבן דאָך אפֿילע פֿייגל אף דיביימער געוווּסט, אז זיי דארפֿן זײַן שאַ־שטיל. פֿון די צווייי און זיבעציק האָלענדער, וואָס מע האָט דערשאָסן פֿאר א פּרווו צו אנטלויפֿן, האָט ער פֿארגעדענקט זייער אָנפֿירער, דאכט, זיך, א געוועזענער אָפֿיצער פֿון פֿלאָט. אויך דעם קינסטלער, וואָס דער אויספֿאָרשער האָט אים אָנגערופֿן וואן דאם, האָט ער פֿארגעדענקט.

וואגנערן, נוימאנען און פֿרענצעלן, זעט איר, האָט זיך פֿארוואָלט האָבן פּאָרטרעטן. דאָס, וואָס דער אונטערשארפֿיורער פֿראנץ וואָלף האָט זיי

עטלעכע מאָל א וואָך פאָטאָגראַפירט, איז געווען ווייניק. איין און זיבעציק האָלענדער האָט מען אָפּגעפירט אפן אזויגערופענעם פּאָליגאָן און דער־שאָסן. מאַקס וואָן דאַמען האָט מען אָף א צײַט איבערגעלאָזט און אפילע צוגעשטעלט צו אים עפּעס א יִינגל, וואָס זאָל אים העלפן. בלויז איין מאָל איז ער צופעליק אַרײַן צום קינסטלער. קאַרל פּרענצעל האָט דאַן פאַר אים פאָזירט. אָט דער מאַקס וואָן דאַם האָט זיכער געוווסט, אז ווי נאָר ער וועט פאַרענדיקן די אַרבעט, אזוי וועט זײַן אויס מיט אים. זײַן קליִענט האָט אים ניט אונטערגעטריבן, און דאָך האָט מען געקאָנט זען, אז ער אײַלט זיך. פאַרוואָס? לויט דעם, ווי ער האָט געזשמורעט די אויגן, איז קאָנטיק געווען, אז ער בײַיטקט זיך אין ברילן. אָבער אז פּרענצעל האָט אים געזאָגט וועגן דעם, האָט ער געענטפערט, אז ער זעט גוט אויך אזוי.

יענץ יִינגל, וואָס האָט געהאָלפן דעם קינסטלער, איז, ווײַזט אויס, דער איידעס, מיט וועלכן מע האָט אים געשראָקן. ער האָט עס פאַרהיט זײַן, באַוערס, פּאָרטרעט. וויפל זשע זײַנען זיי פאַראַן, אזוינע איידעס?

נאָכן אופשטאַנד האָט מען געמאָלדן, אז מע האָט אלע אַנטלאָפענע געכאַפּט, און אז אויך דעם אָנפירער זייערן, דעם סאָוועטישן אָפיצער, האָט מען געפונען, נאָר, לײדער, א טויטן. „לײדער", ווײַל טויטע פאַרמאָגן דעם כיסאָרן, וואָס שטיק זיי, ברען זיי, פּילן זיי שוין ניט קיין ווייטעק און קיין שרעק. נאָר ווער ווייסט, עפּשער איז דער אָנפירער פונעם אופשטאַנד אויך, ווי יוליאַנא, אופגעשטאַנען פון דער גרוב.

יוליאַנא... עס גרענעצט דאָך מיט פאַנטאַסטיק! וואָס פאַרא פּרעטענזיעס קאָן ער האָבן צו נוימאַנען, צו פּרענצעלן? יענע האָבן דאָך דערשאָסן דעם קינסטלער, און צוליב וואָס האָט ער געצעגערט? האָט ער זיך דערוואַרט, אז זי האָט ווי א געשפּענסט זיך באַוויזן אָף דער שוועל!

פאַרורטיילטע צום טויט האָבן זיך ניט וואָס צו היטן. ער אָבער וועט זײַן מאַקסימאַל פאָרזיכטיק. אָף אלע פראַגן, וואָס מע וועט אים שטעלן, האָט ער איין ענטפער: קריג. וואָס מע האָט אים באַפוילן, דאָס האָט ער געטאָן. בא דעם ענטפער וועט ער זיך האַלטן. נאָך א מעגלעכקײַט פאַר־מאָגט ער — וואָס עס לוינט ניט צו געדענקען, דאָס האָט ער פאַרגעסן. נאָר דאָס אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען ס'זײַנען ניטאָ קיין איידעס. פאַר זיי מוז ער מוירע האָבן שטאַרקער, ווי פאַרן אויספאָרשער. יאָהאַן שטיפטער איז מיסטאָמע פון יענע דײַטשן, וואָס זײַנען געווען אָנגעטאָן אין גע־שטרײַפטע קליידער און האָבן געטראָגן הילצערנע קלאָפּערס אָף די פיס. ווער האָט עס אים איבערגעלאָזט א לעבעדיקן?

ווייניק, צו ווייניק גאַז־קאַמערן האָבן פונקציאָנירט. און כאָטש שטאַנגל און אליין דער עסעס־רײַכספירער הײנריך הימלער האָבן אים געלויבט, ער אליין אָבער, באַוער, ווייסט, ווען ער ברענגט ניט אויס אומזיסט קיין צײַט אָף די נאַרישע קיניגלעך, וואָלט ער געקענט געווען באַדינען ניט זעקס, נאָר זיבן, אכט גאַז־אײַנריכטונגען. ווען ער, וואַגנער, באָלענדער, נוימאַן, גאָמערסקי, פּרענצעל און טויזנט אזוינע זאָלן געווען טאָן זייער זאַך מיט מער פלײַס, וואָלט אזא יוליאַנא זיך ניט באַוויזן אָף דער שוועל און אָף שטיפטערס גרוב וואָלט שוין געוואַקסן ווילדגראָז. נאָר וואָס איז דאָ איצט וועגן דעם צו קלערן?

דערוווײַל, אָן אַן אדוואָקאַט נאָך, פאַרשטייט ער, אַז ער דאַרף, די פּאָר־לויפיקע פאַרשונג זאָל זיך ציִען וואָס לענגער. ס'איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז די אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן אים ארויסגעגעבן אַ דאָקומענט, אַז ער איז ריין פון קריג־פאַרברעכנס, וועלן אים ניט איבערגעבן אין די הענט פון די פּאָליאַקן. דאָס וואָלט געווען מער ווי שרעקלעך, און כאָטש ער האַלט זיך ניט פאַר קיין שוואַכמוטיקן, איז בא דעם געדאַנק אַדורך איבער זײַן גאַנץ לײַב אַ ציטער. ס'איז געוואָלד צו שרײַען — ניט עמעצן, נאָר אים, עריך באָוערן, האָט די טורמע אַרײַנגענומען אין אירע שטיינערנע אָרעמס!

אַזוי איז ער הינטער זיבן שלעסער אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט אַפן אײַזערנעם בעטל, און ווען יולי:אַנעס אַ קיניגל וואָלט אַ לעק געטאָן זײַן האַרץ, וואָלט דאָס כּײַעלע זיך מיסטאָמע אָפּגעסאַמט.

פאַרשטייט זיך, אַז עריך באָוער האָט גלײַך באַדאַרפט איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק. דאָרט, אַף דער טעריטאָריע פון אָקופּירטן פּוילן, איז ער באַגאַנגען זײַנע פאַרברעכנס, און דאָרטן, נאַטירלעך, וואָלט באַדאַרפט פאָרקומען דער גערעכטער מישפּעט איבער אים.

די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע איז קלוימערשט אײַנגעגאַנגען אַף אַ קאָמפּראָמיס. באָוערן וועט מען מישפּעטן אין ענגלישן סעקטאָר אין בער־לין אין דער מאָאַביטער טפיסע, ווו די פאַשיסטן האָבן געפּײַניקט ערנסט טעלמאַנען, יולי:וס פוטשיקן, מוסא דזשאַלילן. דאָרט, הייסט עס, רופן אַליין די טפיסע־ווענט צו אָביעקטיווער באַטראַכטונג.

דער פּראָצעס האָט, לויט זיי נאָך, באַדאַרפט דערווײַזן, אַז די מײַרעווי־דײַטשישע יוסטיץ־אָרגאַנען זײַנען פייִק ווי געהעריק באַשטראָפן די קריגספאַרברעכער, און וויבאַלד אַזוי, איז ניט נייטיק ארויסצוגעבן זיי די לענדער און פעלקער, וואָס ווילן אַראָפּרײַסן פון די מערדער די מאַסקעס און באַווײַזן זייערע עמעסע פאַרצעף־פּענעמער. צווישן זיך וועט מען שוין ווי־ניט־איז דורכקומען, זיך אויסגלײַכן... און ווײַטער — ווײַטער האָט מען שוין דאָן געקלערט וועגן אײַנשטעלן דעם פאַרעלטערונגס־טערמין. צו דעם איז עס געגאַנגען.

באָוערן האָט מען פאַרהאַלטן אין פרילינג 1949, און דער פּראָצעס איבער אים האָט זיך אָנגעהויבן מער ווי אין אַ יאָר אַרום.

## ווײַ צו די דערמאָנונגען...

מײַ. ס'איז ווידער אַן איבערפלוס פון שטראַלן. אַ בוים מיט אַ בוים ריידן זיך איבער. די בלעטער באָדן זיך אין שײַן. ניט יעדערנס געהער קאָן אין שטאָטישן טומל אופכאַפּן, ווי פויגלען זינגען. דער אָטעם גייט זיי גאָר־ניט אויס. און דאָ האָט אַ באָכער פאַרלאַנגזאַמט זײַנע טריט, ווי ער זאָל וועלן מיטנעמען מיט זיך דאָס געזאַנג.

עס קאָן גאָר זײַן, אַז ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ באַנק. איינע פון די פרויען, וועלכע זײַנען געקומען

אהער, אין שטאָטישן סקווער, שפּאַצירן מיט זייערע אייגענע אָדער פרעמ־דע קינדער, האָט אים געשאָנקען א ווארעמען בליק פון א מאמע. זי האָט אף אים אזוי א קוק געטאָן, ווען זײַנע אויגן אונטערן געקנייטשטן שטערן זײַנען עפּעס מאָדנע פארכמורעט געוואָרן, און האָט זיך פארוווּנדערט, וואָס אזא יונגער מענטש זיצט אזוי פארכמורעט. איצט איז ער, בערעק שלעזינגער, דאָך מיט מענטשן גלײַך, איז ווער ווייס זיך עס אָנשטויסן, אז בא אים איז שוין געווען אויסגעזויגן קימאט דער גאנצער לעבנס־זאפט, אז ער האָט שוין פארלוירן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט פארמאָגן.

יאָ, דאָס איז בערעק. אָט ערשט האָט אים סטאניסלאוו קניעווסקי אומגע־קערט נוימאנס סילועט. ווּעלכן מאקס וואן דאם האָט פאר א פּאָר רעגעס אויסגעשוירן פון שווארץ פּאפּיר. נוימאנען פארשפּאָרט מען שוין זוכן. ווען דער אופשטאנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער אויסגעפילט די פליכטן פונעם לאגער־קאָמענדאנט, און אים דעם ערשטן האָט מען אָפּגעראמט פון וועג.

בערעק זיצט פארוואָרפן א פוס איבער א פוס. די אקסל נידעריק אראָפּ־געלאָזט, און כאָטש אין זײַן עלטער דארפן נאָך קיין דערמאָנונגען ניט פארנעמען דאָס אָרט פון טרוימען, טויכט אוף אין זיקאָרן יענע צײַט, ווען יעדע רעגע האָט איבערגעלאָזט א וווּנד, וואָס פארגעסט זיך ניט אפילע אין שלאָף. ווי צו די דערמאָנונגען... ס'איז גענוג אָנהייבן, און ס'נעמט שוין קיין סאָף ניט. אמאָל פלאָנטערן זיי זיך אָן פארבינדונג, און הײַנט האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט טאָג נאָך טאָג, נאכט נאָך נאכט.

מיט מאקס וואן דאמען איז ער געווען צוועלף טעג און צוועלף נעכט. ביידע האָבן זיי, ווי בערעק האָט זיך דערוווּסט אין יאָרן ארום, באדארפט געווען אין איין שאָ אומקומען, און ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אז דער „פּארטיי־גענאָסע" נוימאן, פאר וועלכן ניט נאָר די קאצעטלער, נאָר אפילע זײַנע „קאָלעגן" האָבן געציטערט, ווי פארן טויט אליין, אז ער, נוי־מאן, וועט צוליב קוריעלן מוזן אף א צײַט אָפּלייגן בערעקס טויט.

באטאָג האָבן זיי צווישן זיך ריידן ניט געקענט. באטאָג האָט וואן דאם געמאָלט. פּריער פּרענצעלן, דערנאָך וואגנערן, נוימאנען. זיי האָבן אים גערן פּאָזירט. יעדערער פון זיי האָט אומבאדינגט געוואָלט האָבן א פּאָרט־רעט, געמאָלט פון וואן דאמען. צוליב דעם האָבן זיי דאָך אים דאָס לעבן פארלענגערט. באטאָג איז בערעק געווען ניט מער ווי א געהאָרכזאם לערנ־ייִנגל. דערפאר באנאכט, צוועלף נעכט נאָכאנאנד האָבן זיי גערעדט, גע־רעדט... זייער געמיינזאמע שפּראך איז געווען דײַטש, וועלכע בערעק האָט דאָך ניט שלעכט פארשטאנען, און... ייִדיש. יאָ, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט אויך וואן דאם גאנץ גוט פארשטאנען בערעקס רייד.

שוין דעם ערשטן אָפּדערנאכט, ווען זיי זײַנען מידע געלעגן באנאנד אף דער איינציקער נארע, האָט וואן דאם א ריר געטאָן בערעקן פאר דער פּלייצע:

— וואָס שווײַגסטו? איך וויל אלץ וויסן וועגן דיר און וועגן ריגען. מיר האָט קוריעל עטוואָס דערציילט וועגן אײַך, — און ווײַל בערעק האָט גע־שוויגן, האָט ער גאָרניט אף קאטאָוועס זיך אָנגעהויבן בייזערן. — איך ווייס, בעסער איז ניט צושטיין צו קיין מענטשן, וועט ער פריער אָדער שפּעטער

אליין דערציילן, וואָס בא אים אפן הארצן טוט זיך. אָבער איך האָב זייער ווייניק צײַט און איך דארף נאָך דיר דערציילן וועגן זיך און אויך וועגן רינען. ניין, קנאבע, דערוויַיל קאָנסטו עס זיך ניט פאָרשטעלן. איך ווייס גאָר ניט, צי איך וועל עס דיר קענען מיט ווערטער דערציילן. איך וועל עס פרווון אָנמאָלן, נאָר מיין ניט, אז דאָס איז גרינגער. אָבער מע דארף, מע מוז. דו שוויַיגסט. ווילסט מיך ניט פאָלגן? מעלדע איך מאָרגן נוימאנען, אז דער קינסטלער מאקס וואן דאם דארף מער ניט דאָס שטיקל לעבן, וואָס מע שענקט אים. ווען כ׳זאָל ניט געווען וויסן, אז ער וועט אויספילן מײַן פאָדערונג און דיך הייסן ברענגען צו מיר, וואָלט איך דעם בלײַער אין די הענט ניט גענומען.

— עפשער טאקע ניט געדארפט?

— דו מיינסט אזוי?

— איך מיין, אז ניט מאָלן דארף מען אים, נאָר דערשטיקן. איר ווילט, וועל איך אים פון הינטן אָנכאפן פארן האלדז. איר וועט מיר העלפן, און מיר וועלן אים אינצווייען אומוואלגערן.

— מײַן גוטער קנאבע, אזוי טאָר מען ניט. דאן וועט מען ניט בלויז אונדז, נאָר אלע ארבעטס־קאָמאנדעס פארניכטן.

— אלציינס וועט מען אונדז אלעמען ביז איינעם פארניכטן.

— גיכער פאר אלץ, יאָ. און דאָך איז דאָ א שטיקל האָפענונג.

— אף וואָס? דער פראָנט איז דאָך ווײַט.

— יאָ. נעענטער ווי געווען, נאָר אלציינס ווײַט. אָבער איך וויל, זאָלסט וויסן, אז אויך אין לאגער ווערט שוין עפּעס געטאָן, און איך גלייב...

— אײַער קאפּיטאן האָט געזאָלט מאכן דעם ערשטן פּרווו?

— אונדזער קאפּיטאן האָט געקלערט בלויז וועגן די האָלענדער. דאָס איז געווען איינער פון זײַנע פעלערן. זײַן גרעסטער פעלער איז אָבער געווען, וואָס ער האָט, ווי א בלינדער, וואָס טאפּט מיטן שטעקן אהין־אהער, זיך לאנג געוואקלט, ביז ער האָט געמאכט אן אנטשיידענעם טראָט. ווען ער האָט ענדלעך באשטימט פארווירקלעכן זײַן פּלאן, האָט ער עס געפּרווט טאָן מיט דער הילף פון א היטלעריסט. ווי מע האָט געקאָנט דערווארטן, האָט יענער אונדז אלעמען ארויסגעגעבן.

— ווי זשע זאָל איך אויסזוכן די מענטשן, וואָס טוען עפּעס?

— ס׳איז ניט איינפאך. אז זיי דארפן עמעצן, רופן זיי אים.

— פארוואָס זשע רופן זיי ניט?

— ווײַל די צײַט איז נאָך, ווײַזט אויס, ניט געקומען. ווײַל ס׳איז נאָך ניטאָ ווער ס׳זאָל אונדז פירן... אונדזער קאפּיטאן איז געווען א דרייסטער מיליטערמאן, אָבער ניט מער.

— וואָס נאָך האָט ער געדארפט זײַן?

אזוי האָבן זיך אָנגעהויבן זייערע באנאכטיקע שמועסן. וואן דאם האָט געוואָלט, אז בערעק זאָל אים דערציילן וועגן זיך און וועגן רינען. וועגן שטעטעלע, ווו זיי זײַנען געוואקסן, וועגן וואלד, ווו זיי האָבן זיך באהאלטן. ערשט פארן סאמע לעצטן טאָג, ווען זיי האָבן זיך צעזעגנט אף אייביק, האָט בערעק פארשטאנען, צוליב וואָס דער קינסטלער האָט עס אלץ גע־וואָלט און געדארפט וויסן...

ס׳איז אויך געקומען אן אפדערנאכט, ווען וואן דאם האָט געזאָגט:

— און איצט, בערעק, הער מיך אויס. איך וויל גלייבן, אז דו וועסט בלײַבן לעבן. קאָן זײַן, אדאנק קוריִעלן, קאָן זײַן, אנדערש ווי. אזוי אָדער אנדערש, נאָר אַף דיר בלויז איז מײַן האָפענונג, אז וועסט אייניקע מײַנע געמעלן ברענגען צו מענטשן.

בערעק האָט גאָרניט געזאָגט. וואָס האָט ער געזאָלט ענטפערן? צוזאָגן? שווערן זיך? ניט ער, ניט דער קינסטלער האָבן עס באדארפט. יענעם אפ־דערנאכט האָט וואן דאם אים דערציילט עטוואָס וועגן זיך.

מאקס וואן דאם איז געבוירן געוואָרן דעם 19 מארט 1910 אין דער האָלענדישער שטאָט ווינטערסוויייק. מאָלן האָט ער ליב געהאט, פון זינט ער האָט זיך געדענקט. וואָס מער די עלטערן זײַנען געווען קעגן דעם, אלץ שטארקער איז בא אים געוואקסן דער ווילן ווערן א מאָלער און בלויז א מאָלער. ווען זײַן טאטע האָט זיך איבערצײַגט, אז ער וועט אים ניט אָפּ־ריידן דערפון, האָט ער אים געזאָגט:

— געוויס וועט דיר נאָכדעם באַנק טאָן, וואָס דו לאָזסט זיך אַף דעם דאָרן־וועג, נאָר ס׳וועט שוין זײַן שפעט, גיב איך דיר נאָך א וואָך צײַט אַף באקלערן זיך.

— איך האָב זיך דעמלט געלערנט, — האָט דערציילט וואן דאם, — אין דער מיטלשול. ביז וואָס ווען האָב איך שוין אפן צווייטן טאָג נאָך דעם שמועס אופגעהערט צו באַזוכן די לעקציעס. איך האָב געמיינט, אז די עלטערן ווייסן ניט וועגן דעם, נאָר עמעצער האָט מיך ארויסגעגעבן, און נאָך איידער די וואָך אַף באקלערן זיך איז פארבײַ, האָט דער טאטע גע־מאָלדן: „אויב דו ביסט אזא אקשן, איז ניטאָ וואָס אָפּצולייגן, אָבער מײַן באדינג וועט זײַן אזא: פריִער זאָלסטו באקומען א פאך אין דער האנט. באקום, זאָל זײַן, א דיפּלאָם פון א צייכן־לערער. דעמלט, אלנפאלס, וועסטו פארדינען אַף א פּוטער־ברויט. איך וויל, דו זאָלסט קיינמאָל ניט הונגערן און דו זאָלסט זײַן אָנגעטאָן מיט מענטשן גלײַך. די צײַט, ווען רעמבראנדט האָט געלעבט אין דער אמסטערדאמער ייִדישער געטאָ, איז פארבײַ.

איך, פארשטייט זיך, האָב ניט אופגעהערט טרוימען וועגן פרײַער קונסט. דער טאטע האָט מיך אָפּגעפירט אין א שול, וואָס האָט געגרייט צייכן־לערער.

— אײַערע עלטערן זײַנען געווען אָרעמע? — פרעגט בערעק.

— מײַן טאטע איז געווען א דירעקטאָר פון א קאָאָפּעראטיווער פאַריי־ניקונג, א מוניציפּאלער ראטגעבער פון געלדערלאנדער פּראָווינציִעלע שטאטן. מאָלעריַי האָט ער פאר קיין פּראָפעסיע ניט געהאלטן.

די שול האָב איך פארענדיקט, באקומען א דיפּלאָם און אָנגעגעבן די דאָקומענטן אין דער קונסט־אקאדעמיע. צו נאריש און אײַנגעגלייבט אין זיך בין איך דאן געווען. מע האָט מיך אין אקאדעמיע ניט אָנגענומען. איך בין גרייט געווען הונגערן, נאָר טאָן דאָס, וואָס מיר איז ליב. מיט דער הילף פון פרײַנט האָב איך ניט ווײַט פון דער שטאָט זיך אײַנגעשאפן מײַן ערשטע אטעליע און בין אָנגענומען געוואָרן אין דער קינסטלער־פאריי־

קונג „אומאָפּהענגיקע". א טאטע בלײַבט א טאטע. געזידלט האָט ער מיך, נאָר פון אים האָב איך באקומען די ערשטע גרויסע באשטעלונג — מאכן א וויטראזש פאר דער געבײַדע פון דער קאָאָפּעראטיווער פארייניקונג אין ווינטערסווייק. פון 1933 האָב איך באקומען די קיניגלעכע סובסידיע פאר פלאסטישער קונסט, אָבער אין דער אקאדעמיע האָט מען מיך אלץ ניט געוואָלט אופנעמען.

איצט, אין סאָביבאָר, איז דאָס שווער צו פארשטיין. נאָר דעמלט האָב איך איבער דעם קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. אין יענע יאָרן איז בארימט געווען דער בעלגישער אימפּרעסיאָניסט איסאָדאָאָר אָפּסאָמער. ניט געקוקט דערויף, וואָס מע האָט מיר פיל דערציילט, ווי שטרענג ער איז, דאָך האָב איך גענומען עטלעכע פון מײַנע ארבעטן און געפאָרן צו אים. ווײַזט אויס, איך בין אים געפעלן געוואָרן. ער האָט מיך אופגענומען און האָט מיר געראטן האלטן עקזאמען אין אנטווערפּענער קונסט־אינסטיטוט, וווּ ער טאקע איז געווען דירעקטאָר.

אין אינסטיטוט איז וואָן דאם אָנגעקומען לײַכט, און אינגיכן האָט מען אים אויך אויסגעטיילט א פּערזענלעכע אטעליע.

— כ׳האָב, דאכט זיך, אליין ניט באמערקט, — האָט וואָן דאם ווײַטער דערציילט, — ווי די יאָרן פון לערע זײַנען פארבײַ. באלד נאָכן פארענדיקן דעם אינסטיטוט האָב איך זיך געלאָזט איבער דער וועלט. כ׳בין געווען אין איטאליע, פראנקרײַך, שפּאניע, ווידער אין פראנקרײַך, און אומעטום, טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אָן אופהער געמאָלט. מײַנע בעסטע ארבעטן, דאכט זיך מיר, האָב איך אָנגעמאָלט אין די פּירענייער בערג. איך בין געווען באצויבערט פון זיי.

וועגן וואָן דאמס בילדער, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט געווען אין 1934 און 1937 אין אמסטערדאמער קונסט־סאלאָן, האָט מען פיל גערעדט און געשריבן. אין 1938 האָט ער געהאט א פּערזענלעכע אויסשטעלונג אין הילווערסום. ער האָט אָנטיילגענומען אין דעם קאָנקורס פאר דעם „פּרי דע ראָם" און איז באלוינט געוואָרן מיט דער זילבערנער מעדאל פון דעם דאָזיקן קאָנקורס פאר זײַן בילד „האָגאָר און יִשמאָעל". אין 1939 באטייליקט ער זיך מיט דערפאָלג אין דער אויסשטעלונג „די קונסט הײַנט" אין אמסטערדאמער מוזיי.

ער האָט ליב געהאט ארומפאָרן. נאָר פונעם 1937 יאָר איז ווידער זײַן שטענדיק ווויִן־אָרט געוואָרן האָלאנד. צוערשט האָט ער זיך באזעצט אין בערגען, דערנאָך אין אמסטערדאם. איצט האָט ער זיך שוין געקאָנט דערלויבן אופצוהאלטן א קווארטיר און אן אטעליע צוזאמען.

— פארגעדענק אף יעדן פאל דעם נאָמען פון דער גאס, — האָט וואָן דאם געזאָגט בעריקן, — זאמער דײַקסטראאט. דאָרט האָב איך זיך באקאנט מיטן יוועליר קוריעל, מיט וועמען דו ארבעטסט איצט, ס׳קאָן דיר נאָך אמאָל צוניץ קומען.

אן אנדערשמאָל האָט וואָן דאם דערציילט, ווי ער איז ארײַנגעפאלן צו די דײַטשן אין די הענט.

— אז ס׳דערנעענטערט זיך די געפאר פון א קריג אין אייראָפּע, האָב איך געפילט, און, קאָן זײַן, דערפאר בין איך געווען מער אין וועג, ווי אין

דער היים. געוואָלט וואָס מער זען, איידער דער שטורעם הייבט זיך אָן. נאָר גראָד דעם 10 מײַ 1940, ווען דײַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אױף אונדז, האָב איך זיך געפונען אין אַמסטערדאַם. אין פיר טעג אַרום האָט האָלאַנד קאַפּיטולירט. די קיניגין ווילהעלמינאַ, וואָס האָט צו יענער צײַט פּופּציק יאָר נאָכאַנאַנד פאַרנומען דעם טראָן, האָט צוזאַמען מיט דער רעגירונג עמיגרירט קיין ענגלאַנד. כ'האָב אָוועקגעפירט מײַנע בילדער צו פּרײַנט קיין האַאַג און אַליין אַוועק קיין בלאַריקום. אויסגעבאַהאַלטן האָט מיך די פאַמיליע סכראַווער. און ווידער בעט איך דיך פאַרגעדענקען דעם אַדרעס: באָסלאַאַן, 6. זײַ אַזוי גוט און כאַזער איבער: באָסלאַאַן, 6. פאַר מיר איז עס וויכטיק, ווײַל אויך דאָרטן האָב איך אַ סאַך געמאָלט. עפּשער האָבן זיך אייניקע אַרבעטן פאַרהיט.

האַרבסט 1942 איז וואַן דאַם צוזאַמען מיט זײַן קרויווע אַליסע דע יאָנג־וואַן דאַם און איר קליין טעכטערל זשאַקלין אַנטלאָפן קיין פראַנקרײַך.

— ווי דאָס האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן, איז לאַנג צו דערציילן. זעקס אָדער זיבן טעג זײַנען מיר אָפּגעווען אין פּאַריזש און פאַרשטאַנען, אַז לאַנג זיך פאַרהאַלטן דאָרט טאָר מען ניט. מיר האָבן זיך געלאָזט אין דער שווייץ. אין די פראַנצויזישע בערג יוראַ האָט אונדז פאַרהאַלטן אַ פּאַטרול פון דער „גרינער פּאָליציי". איך האָב זיי געגעבן מײַן ערנוואָרט, אַז אױף מאָרגן וועל איך זיך מעלדן אין דער נאַענטסטער דײַטשישער קאָמענדאַ־טור, און זיי האָבן אונדז אַלעמען אָפּגעלאָזט. וויפל אַליסע האָט מיך ניט געבעטן, כ'זאָל זיך די דײַטשן אין די אויגן ניט ווײַזן, האָב איך זי ניט געפאָלגט. איך האָב דאָך צוגעזאָגט! אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט[1].

— ווי האָט איר געקאָנט אַזוינס טאָן? — האָט בערעק מיט ווייטעק אויסגעשריגן. — ס'איז דאָך נעמען און אַליין זיך אומברענגען!

אַרום איז געווען שטיל. פון מאָל צו מאָל נאָר האָט דורכן פענצטער זיך געלאָזט זען אַ סנאָפּ שײַן. דאָס האָט דער פּראָזשעקטאָר אױפן וואַך־טורעם גענישטערט אין באַנאַכטיקן הימל.

## ניט באַוויזן

לאַנג זיצן אױפן שטול אין איין און דער זעלבער פּאָזע און די גאַנצע צײַט פאַרהיטן אַן אויסדרוק, ווי אױף זײַן געפּאַקט פּאָנעם וואָלט געבידערט אַ זיסע רו און אַ ווייכער דרעמל, האָט קאַרל פּרענצעל ניט געקאָנט צי ניט געוואָלט. וועד קאָן אים דאָ אַ דייע זאָגן? צי דען דער מאָלער, וואָס איז שוין מער טויט, ווי לעבעדיק? ניט מער, זײַן קונסט קאָן נאָך צוניץ קומען. איז ביז ער, פּרענצעל, דאַרף עס, לאָזט ער אים לעבן. יעדע צען־פופצן מינוט פּלעגט ער אויפשפּרינגען פון אָרט און זיך לאָזן לויפן הין און צו־ריק איבערן צימער. ביז איינמאָל האָט וואַן דאַם אים געזאָגט, אַז נאָך

---

[1] נאָך דער מילכאָמע האָט בערעק זיך דערוווּסט, אַז אַליסע דע יאָנג־וואַן דאַם און זשאַקלין האָבן מיט דער הילף פון די פראַנצויזישע מאַקי זיך דערקליבן קיין שווייץ. זשאַקלין דע יאָנג איז באַוווּסט געוואָרן ווי אַ קינסטלערן. די פּאָרטרעטן, וואָס מאַקס וואַן דאַם האָט געמאָלט פון אַליסען און איר טאָכטער, האָבן זיך פאַר־היט.

אזוינע אָפּטע איבערײַסן איז אים שווער פּאַרצוזעצן די אַרבעט, ווײַל ער זעט פאר זיך צוויי פאַרשיידענע מאָדעלן. ער וויל, פּרענצעל, אויסגלײַכן די ביינער, איז, ביטע, נאָר פאַרוואָס לויפט ער אַרום, ווי א טיגער אין א שטײַג?

בא בערעקן איז דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרקילט געוואָרן. זיך אָנ־הייבן מיט פּרענצעלן הייסט טרעפן צום מאַלכאַמאָוועס. באַלד וועט געשען עפּעס שרעקלעכס. נאָר פּרענצעלן איז דאָפּקע געפעלן געוואָרן דער פאַר־גלײַך מיטן טיגער. ער האָט אומדערוואַרט זיך פאַרנייגט פאַרן קינסטלער, א טופּע געטאָן מיטן רעכטן, דערנאָך מיטן לינקן, פּוס, און מיט אַן עלע־גאַנטן זשעסט אים פאַרבעטן אַף א טאַנץ. זײַנע הענט זײַנען געבליבן הענגען אינדערלופטן, נאָר דאָס האָט אים ניט דערצאָרנט. ער אַליין האָט פאַרענטפערט וואָן דאַמען:

— ס׳איז אײַער רעכט אָפּזאָגן זיך, כאָטש ביז גאָר שיינע פּרויען פלעגן גערן אָנעמען מײַן אײַנלאַדונג. איך טאַנץ גוט. אויך דעקלאַמירן, שפּילן קאָן איך. איך בין ניט קיין שלעכטער אַקטיאָר. כ׳האָב ליב טעאַטער־שטיק מיט א לוסטיק־שפּילעוודיקן אינהאַלט. נאָך בעסער — מיט געזאַנג. ווען ניט איינער א יודע, וואָלט איך געווען א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. איך בין געווען אַף אים שטאַרק אופגעבראַכט. אָבער הײַנט, ווען איך טרעף אים, וואָלט איך אים מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט, כ׳וואָלט אים נאָר אַף איין טאָג, ניין, אַף א וואָך איבערגעגעבן אין עריך באַוערס קאָמאַנדע. אַזאַ ראָל, מיין איך, וועט קיין איין שעקספּיר ניט צוקלערן. אָט דעמלט וואָלט ער פאַרשטאַנען, וואָס באַטײַטן די ווערטער „די גאַנצע וועלט שפּילט טעאַטער". יאָ, אין וואָס, האָט איר מיר געהאַט געזאָגט, נייטיקט איר זיך?

— אין בלײַשטיפטן „יאָהאַן פאַבער" אָדער „קאָה־אי־נאָאָר". אויך אין קוילן, קרײַד און א ביסל ביר אָדער זיסע וואַסער, קעדיי דאָס געמעל פאַר־פעסטיקן. עס וואָלט ניט געשטערט א שטיקל סאַנגינע קריגן. סאַנגינע־גע־מעלן דאַרף מען ניט פאַרפעסטיקן. אויך אין ווײַס פראַנצויזיש פּאַפּיר און אין שוואַרץ פּאַפּיר נייטיק איך זיך.

— „פאַבער", ווייס איך, איז אַן אַלטע דײַטשישע פירמע, און „קאָה־אי־נאָאָר"?

— אויך אַן אַלטע פירמע, נאָר א טשעכישע.

— גוט. אין די עשעלאָנען, וואָס קומען אָן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, טרעפן זיך מאָלער. די לײַט קאָנען זיך אָפּזאָגן פון א לעבל ברויט, פון א פּאָרל גרעט, נאָר אייל, טוש, פּאַרבן — דאָס פירן זיי מיט זיך. יענע וואָך האָט מען מיר דאָרט אָנגעוויזן אַף א באַוווסטן קאַריקאַטוריסט. מיינט ניט, אַז אָט די גאַליקע קונסט איז בא אונדז פאַרבאָטן. אָפּשפּעטן פון אײַך, שילדערן אײַך, ווי איר פּאַרדינט עס, — דאָס געפעלט אונדז. ווען ער זאָל געווען אײַנשטימען מאָלן, ווי איר גייט צום טויט, וואָלט ער פאַרלענגערט אַף א געוויסער צײַט זײַן לעבן. ניט געוואָלט, איז עס זײַן זאַך, און ער איז אוועק מאַרשירן מיט אַלעמען איבער דער „הימל־שטראַסע"... סאָביבאָר איז ניט אַמסטערדאַם. וואָס קוקט איר אַף מיר אַזוי? פאַר אײַך איז ניטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן, און דערפאַר קאָן איך אײַך זאָגן נאָך מער: אויך ניט

בערלין. אויסער פויגל־מילך, פארמאָגן מיר דאָ אַלץ. מיר באָדן זיך אין ווילטיק, און נאָך אונדז מעג זײַן, וואָס ס'ווילט זיך.

אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן וועט איר, מאַעסטראָ, באַקומען און פאַרגעסט וועגן צוויי פאַרשיידענע מאָדעלן. די שטײַג, וועגן וועלכער איר רעדט, איז ניט פאַר מיר. גיכער וועט דאָרט זײַן די גאַנצע וועלט, נאָר ניט איך. דאָס איז אויסגעשלאָסן, — און פאַרענדיקט מיט אָט דער טעאַטראַלער פראַזע האָט פרענצעל פאַרלאָזט דאָס ליכטיקע צימער פון קאַזינאָ, ווו דער קינסטלער האָט געמעגט זײַן נאָר באַטאָג, ווען ער האָט געאַרבעט.

פרענצעל איז אַרויס, און וואַגנער, אַליין דער שטעלפאַרטרעטער פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט, גוסטאַוו וואַגנער איז אַרײַן. ער האָט געבראַכט א פאָטאָגראַפיע די גרייס פון א פאָסט־קאַרטל, אויף וועלכער ס'איז אין איר גאַנצן וווקס געשטאַנען א יונגע, ניט גאָר שיינע, נאָר זייער א שטאַלטנע פרוי — דאָס האָט אויפגעכאַפּט אפילו דער פאָטאָאַפּאַראַט,— און קלוימערשט העפלעך געבעטן, וואָן דאַם זאָל מאַכן פון דער פאָטאָ א בילד, פאַרגרעסערן זי.

וויפל וואָן דאַם האָט ניט געפּרווט דערקלערן, אַז ער האָט זיך קיינמאָל מיט אַזוינע זאַכן ניט פאַרנומען, אַז א קינסטלער, וואָס האָט אָפּשײַ פאַר זיך און זײַן קונסט, וועט ניט מאָלן פון קיין פאָטאָגראַפיע, האָט עס ניט געווירקט. וואַגנער האָט געהאַט איין ענטפער:

— ניכט וואַר. דאָס איז אַלץ פוילע אויסריידן, ייִדישע שעלמען־שטיק.

ער טאָר און דאַרף ניט זאָגן, ווער די פרוי איז, נאָר זי איז אים טײַער. ער מוז האָבן איר פּאָרטרעט, און דאָס מוז געמאַכט ווערן שוין, הײַנט, מאָרגן, ניט שפּעטער, ווײַל, ווײַל... דער אָבערשטורמפיורער שטאַנגל קאָן יעדן טאָג קומען אהער פון טרעבלינקע... און וואַגנער האָט זיך פאַרהאַקט, געוואָרן אַלערליי קאָלירן:

— איך באַפויל, פאַרפלוכטער יודע! — און זיך אָנגעכאַפּט בײַ דער קאָבורע.

דאָס איז געווען באַטאָג. און אין אָוונט, ווען מע האָט זיי ביידן, דעם קינסטלער און זײַן יונגן געהילף, ווידער פאַרשפּאַרט אינעם שמאָלן ציימערל, ווו ס'איז געווען אָרט נאָר פאַר איין נאַרע, אויף וועלכער זיי זײַנען געלעגן אײַנצווייען, האָט וואָן דאַם ווידער געבעטן בערעקן, ער זאָל אים דערציילן וועגן רינגען.

— הער וואָן דאַם, צוליב וואָס? איר האָט מיר געוואָלט דערציילן וועגן רינגען, נאָר איר שווײַגט. און גוט אַזוי. מע דאַרף ניט...

— מע דאַרף ניט? איך ווייס נאָך ניט. וועגן סאָביבאָר דאַרפסטו אַלץ וויסן. אַלץ, וואָס איך ווייס, ווײַל דו מוזסט עס פאַרגעדענקען. וועסט בלײַבן לעבן. איך זאָג עס דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

ער האָט ווי פאַרשווירן בערעקן. און אָט — בערעק לעבט און געדענקט.

— ווער עס ווייסט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, — האָט וואָן דאַם אָנגעהויבן צוערשט שטיל, דערנאָך איז זײַן קאָל געוואָרן פעסטער, דײַטלעכער, — דער קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר א גרויזאַמען פאַרברעכן עס באַהאַלט אויס דער מעכטיק־גרויסער וואַלד, וואָס רינגלט אַרום פון אַלע זײַטן סאָביבאָר.

ער האָט געזעהן ווען דער וואַלד ווערט געריכט, ווי ווען א לעבעדיקער באַשעפעניש.

— ווען דער וואַלד זאָל וויסן, ווען און צוליב וואָס ער דינט, וואָלט ער פון זיך די בלעטער אראָפּגעוואָרפן. עפּשער וואָלטן מענטשן דערזען, וואָס דאָ טוט זיך. ער הערט, דער וואַלד, פון אַלע זײַטן א געהילך, מײַנט ער, מע קומט אהער, מיט זעג און העק וואַלגערן ביימער אף געהילץ. ער זעט, דער וואַלד, עס ברענען שײַטערס, ווייסט ער, שטענדיק האָבן מענטשן זיך געוואַרעמט בא צעצוויטעטע פלאַמען פון יעלן און בערעזעס. בלויע פונקען רײַסן זיך צום הימל, פינקלען און לעשן זיך, ווי פאַלנדיקע שטערן.

וואָן דאָס רעדט, און בערעקן דאַכט זיך, ניט ער דערציילט, נאָר ער האַלט א פענדזל אין האַנט און מאָלט.

דער קינסטלער האָט ווי אופגעכאַפּט בערעקס געדאַנק און מיטאַמאָל א זאָג געטאָן:

— ניין, בערעק, ניט דעם וואַלד וויל איך דיר מאָלן, נאָר סאָביבאָרער טויט־פאַבריק. א וואַלד דאַרף שמעקן מיט סאָסנע־פּעך, מיט אָנגעוואַרעמ־טער קאָרע, מיט שוואָמען, און דאָ שמעקט מיט רויך. ווי נאָר מיר זײַנען אַרויס פונעם עשעלאָן, האָבן מיר גלײַך פאַרשטאַנען, אז דאָס איז ניט קיין רעזערוואַציע פאַר „נוצלעכע ייִדן״, ווי מע האָט אונדז אײַנגערעדט. נאָר ווער האָט געקאָנט פאַרמאָגן אזאַ פאַרדאָרבענע פאַנטאַזיע, ס׳זאָל אף אַן אויגנבליק נאָר אים קומען א געדאַנק, אז דער רויכיקער נעפּל, וואָס שווימט איבער דער געגנט, גייט פון שײַטערס, אף וועלכע עס ווערן פאַרברענט הונדערטער טויזנטער מענטשן. די פינף גאַז־קאַמערן אין סאָביבאָר שלינ־גען אײַן יעדן טאָג טויזנט פינף הונדערט מענטשן. דרײַ מאָל אין טאָג צו פינף הונדערט לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן ערשט באַוועגט זיך, גע־רעדט, געאָטעמט. און שוין העכער א יאָר, ווי מע פאַרברענט, מע פאַר־ברענט די פאַרגאַזטע, ס׳זאָל קיין שפּור ניט פאַרבלײַבן, די וועלט זאָל קיינ־מאָל זיך ניט דערוויסן... ס׳איז א ליגן! די וועלט וועט אַלץ וויסן, פאַרשילטן און פאַרורטיילן.

א ייִנגל אין דײַן עלטער, — ווען איך האָב אים באַגעגנט, איז ער שוין געווען אַן אַלטער קאַצעטניק, — האָט מיר געזאָגט: „פריִער, ווען דאָ האָט געאַרבעט איין גאַז־קאַמער, איז געווען נאָך ערגער״. כ׳האָב געמיינט, ער איז ניט בא די געדאַנקען. נאָר ער האָט מיר דערקלערט: „ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אהער, איז די ריי אף דערשטיקט צו ווערן געווען אזוי גרויס, אז די מענטשן פלעגט אויסקומען שטיין צענדליקער שאָען, ביז מע האָט זיי פאַרטריבן אין „באָד־אַנשטאַלט״.

איצט האָבן הימלערס לײַט ביז די קלענסטע דעטאַלן אַלץ אויסגערעכנט, און די פול געפּאַקטע טראַנספּאָרטן יאָגן אהער איינער נאָך דעם צווייטן. די מערהײַט פון די, וואָס מע האָט געבראַכט צוזאַמען מיט מיר, האָבן גע־גלייבט, אז מע דעפּאָרטירט אונדז אין אַרבעטס־לאַגערן. אייניקע האָבן געמיינט, אז אויב זיי וועלן זײַן געהאָרכזאַם, צופּאַסן זיך, וועלן זיי, ווי־עס־איז איבערלעבן די פינצטערע צײַט. ס׳איז געמאָלדן געוואָרן, אז מע וועט אונדז פירן קיין מינסק אָדער קיין באָברויסק. ענדגילטיק וועט עס קלאָר ווערן אין וועג. קיין איבעריקע זאַכן דאַרף מען מיט זיך ניט פירן, ווײַל דאָס סאַמע נייטיקסטע וועלן מיר קריגן אפן אָרט. נאָר גאָלד, זיל־

בער, צירונג, ווערטפולע בילדער און ביכער — דאָס זאָלן מיר נעמען מיט זיך.

אין סאָביבאָר, אף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, האָט אונדז באַגעגנט דער אָבערשאַרפיורער וואַגנער. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי מיר פילן זיך, און געבעטן אַנטשולדיקונג, אויב עמעצער האָט אונדז, „נוצלעכע יידן", אין וועג באַליידיקט. „ס'איז קריגס־צײַט, — האָט ער אונדז דערמאָנט, — נאָר אין דער רעזערוואַציע, וווהין איר האָט אָנגעטראָפן, איז אַלץ אָפּרעגולירט. יעדער איינער וועט באַקומען אַ וווינונג און אַרבעט לויט זײַן פאַך". וואַג־נער האָט אונדז אָנגעוויזן אַף אַ פּלאַקאַט מיט גרויסע בוכשטאַבן, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די קליידער וועט אויסקומען אַף אַ קורצער צײַט אָפּגעבן אין דעזינפעקציע.

איך האָב אַרויסגענומען פון דער קעשענע מײַן אַלבאָם און אפגיך גענו־מען מאָלן, ווי דער אָבערשאַרפיורער שטייט און באַטראַכט די ערשט אָנ־געקומענע פּאַסאַזשירן. ער האָט עס באַמערקט. צוגעגאַנגען, אַ קוק געטאָן אפן געמעל, אף מיר און אַוועקגעגאַנגען.

אף דער טעריטאָריע פונעם פאָרלאַגער, ווי נאָר מע האָט צוגעמאַכט די טויערן, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז פון דער אַרומיקער וועלט זײַנען מיר ענדגילטיק אָפּגעשניטן. כ'האָב אַ קוק געטאָן אף די מענטשן אַרום מיר, נאָר בעסער וואָלט איך עס ניט געטאָן. בלויז דאָס יונגע פאָרפאָלק, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד מיט מיר, האָט זיך אַלץ געשושקעט און, דאַכט זיך, ניט באַמערקט, וווהין מע האָט זיי געבראַכט. כ'האָב אַ קלער געטאָן: זאָל איך זיי זאָגן? ניין, מע טאָר ניט. ס'איז מער ווי גענוג, אַז מע ווייסט עס אַליין.

אין פאָרלאַגער האָבן די עסעס־לײַט אָנגעווענדט אַ נײַע טאַקטיק — אַ טאַקטיק פון איבעראַשן. אײַנשלעפערן די שרעק בײַ די פאַרורטיילטע פאַ־דערט זיך שוין ניט. מע דאַרף וואָס גיכער אומברענגען וואָס מער מענטשן. דער זעלבער וואַגנער, וואָס האָט אף דער אײַזנבאַן־ראַמפּע אונדז באַ־גריסט מיטן אָנקומען אהער, האָט אף רעכטס און אף לינקס געשמיסן מיט דער נאַהײַקע. פרענצעל און גאָמערסקי האָבן עס געטאָן מיט נאָך מער פלײַס. געשלאָגן ניט איבער די פּלייצעס, נאָר געצילט די קלעפּ אין די סאַמע פּילבאַרע ערטער. איין וואָרט האָט זיך געלאָזט הערן: „שנעלער!" און ווידער: „שנעלער!" אָן אַלטן מאַן, וואָס איז עטוואָס אָפּגעשטאַנען, האָט אַ וואַכמאַן דערשאָסן, און גלײַך האָט מען דעם טויטן אַרופגעוואָרפן אף אַ האַנט־וועגעלע. אף מיר האָט וואַגנער אַ געשריי געטאָן:

— פילסט זיך קראַנק, אָדער ווייסט ניט, וווהין צו לויפן, וועט מען דיך פירן.

— איך בין ניט קראַנק, מיר ווילט זיך אַ קוק טאָן אף דער קאָלאָנע פון דער זײַט.

פאַרוואָס כ'האָב אים אַזוי געענטפערט, וואָלט איך ניט דאַן און ניט איצט זאָגן ניט געקענט.

— האַלט! — האָט ער מיר באַפוילן. — איך וועל דיך אָפּפירן אין אַ זײַט און מאָל. וועט מיר דײַן אַרבעט געפעלן — האָט דיר אָפּגעגליקט. אויב ניט...

וואָס וועט זײַן „אויב ניט", האָט מיר וואַגנער ניט געזאָגט.
מיר איז דערנאָך דערלויבט געוואָרן גיין קימאַט אומעטום, אויסער דעם דריטן לאַגער, און מאָלן. זעכציק העקטאַר פֿאַרנעמט סאָביבאָר מיט זײַנע דרײַ לאַגערן. באַגלייט האָט מיך א וואַכמאַן, וואָס פֿלעגט נאָך דער אַרבעט מיך אָפּפֿירן אין באַראַק און אָפּנעמען בא מיר די צייכענונגען.
כ׳האָב געמאָלט, ווי מענטשן גיבן אָפּ זייערע זאַכן. אין איין „קאַסע" — געלט, אין א צווייטער — גאָלד און זילבער, אין א דריטער — צירונג, זייגערס, בילדער, ביכער. שפּילצײַג האָט מען געלייגט אין ספּעציעלע קאַסטנס. עס פֿלעגן טרעפֿן טעג, ווען קיין איינע פֿון די „קאַסעס" האָט ניט געאַרבעט, ווײַל מע האָט שוין באַרויבט די מענטשן, איידער זיי זײַנען געקומען אַהער. כ׳האָב געמאָלט, ווי מענטשן טוען זיך אויס, קעדיי צו גיין קלוימערשט זיך באָדן. ווי „פֿון רייניקײַט וועגן" שערט מען אָפּ די האָר בא די פֿרויען און קינדער. איינמאָל האָב איך געזען, ווי א וואַכמאַן האָט נאָך בא א לעבעדיקן מענטשן געפּרוווּט אַרויסרײַסן די גאָלדענע ציין פֿון מויל. איך האָב עס אָנגעמאָלט. וואַגנער האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק מיר צו וויסן געבן, אז מע האָט דעם וואַכמאַן שטרענג באַשטראָפֿט. פֿאַרוואָס? דערפֿאַר ווײַל מיט דעם דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען ספּעציעלע „דאַנטיסטן" און די „אָפּעראַציע" דאַרף דורכגעפֿירט ווערן אַף טויטע, זי זאָל אָפּנעמען ווייניקער צײַט.
וואַגנער, וואָס פֿלעגט אַלע טאָג דורכקוקן מײַנע אַרבעטן, האָט מיך געלערנט, ווי די געמעלן זאָלן אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקײַט. איינמאָל האָט ער מיר אָנגעוויזן, אז כ׳האָב ניט ריכטיק באַוויזן, ווי די מענטשן לויפֿן פֿון צווייטן אין דריטן לאַגער. „זיי לויפֿן ניט פּאַשעט, זיי גאַלאָפּירן, — האָט ער געזאָגט. — צוליב דעם טרײַבט מען זיי, דערפֿאַר שלאָגט מען זיי". איך האָב שוין אַליין פֿאַרשטאַנען, אז דאָס ווערט געטאָן, קעדיי די פֿאַרורטיילטע זאָלן ניט באַווײַזן א קלער טאָן וועגן דעם, ווי אַמטײַערסטן פֿאַרקויפֿן זייער לעבן. אַזוינע פֿאַלן, ווייס איך, זײַנען אויך געווען. נאָך האָט מיר וואַגנער געזאָגט: „קוקט זיך צו צו די וואַכלײַט, וועלכע שטייען פֿון ביידע זײַטן לענגאויס דעם וועג, און איר וועט זען, אז זיי האַלטן דאָס געווער אין די הענט, אין דעם מאָמענט זײַנען די קאָבורעס בא די אָפּיצערן אומבאַדינגט אופֿגעעפֿנט".
די געמעלן פֿלעגט וואַגנער בא מיר צונעמען. ער האָט געמאַכט אַן אַלבאָם. איך ווייס ניט — פֿאַר זיך צי פֿאַר עמעצן פֿון זײַנע הויך־געשטעלטע שעפֿן. אַלע האָבן זיי ליב זיך שפּיגלען אין זייערע גרוילטאַטן. אָט ווי כ׳האָב אָנגעמאָלט באַלענדערן, איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן. דעם שעף פֿון דער „הימל־שטראַסע", אָנגעטאָן אין א ווײַסן זײַדענעם קיטעל, ווי א דאָקטער, האָב איך אופֿגעכאַפּט אין דעם מאָמענט, ווען ער באַפֿוילט די מענטשן, וועלכע מע וועט באַלד פֿאַרטרײַבן אין „באָד־אַנשטאַלט": „מענער רעכטס, פֿרויען און קינדער לינקס!" אָבער ניט אַלץ האָב איך וואַגנערן אָפּגעגעבן...
„מיר וויל ער עס איבערגעבן", — האָט בערעק דאָן א טראַכט געטאָן, און גוט, וואָס וואָן דאָם האָט אין דער פֿינצטער זײַן ביטערן שמייכל ניט געזען.

א טאָג נאָך דעם געשפּרעך האָט וואַן דאם באוויזן בערעקן זײַנע גע־מעלן. זיבן קאַרטלעך, געמאָלט מיט סאַנגינע, וועלכע דער קינסטלער האָט אָנגערופן „זיבן קרײַזן פונעם ברוינעם געהענעם״.

— איך קאָן דיר, בערעק, ניט דערציילן מיט קיין ווערטער, — האָט גע־זאָגט וואַן דאם, — וועגן די לעצטע מינוטן פון דײַן רינען. דאָ האָסטו די געמעלן. קוק! אָף איינעם פון זיי וועסטו געפינען רינען. איך האָב זי ניט געקענט, ווען מע האָט די צוויי הונדערט מיידלעך פון לובלין אומגעבראַכט, נאָר פון יעדן וואָרט דײַנעם, ווען דו האָסט מיר דערציילט וועגן איר, און פון דײַן שווײַגן, ווען דו האָסט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט וועגן איר ריידן, האָב איך אויסגעהערט דאָס, וואָס מאַכט א קינסטלער זעענדיק. דאָ האָסטו די געמעלן. קוק.

נאָר בערעק האָט אלע געמעלן ניט געקאָנט קוקן. בערעק האָט גלײַך דערזען דאָס בילד מיט רינען און אפּרײַסן די אויגן פון דעם שוין ניט געווען בעקויעך. ווײ און ווינד צו אים! בערעקס רינע, א נאַקעטע, ווי גאָט האָט זי באַשאַפן, צאַפּלט זיך, ווי א פיש אָפן זאַמד. אירע ליפּן זײַנען צע־ביסן און צעבלוטיקט. אירע אויגן זײַנען אופגעריסן פון אנגסט און שרעק. און ערגעץ ווײַט־ווײַט אין דעם פאַרייכערטן הימל־רוים בלאַנקעט ארום א בלאסע, אַן אויסגעלאָשענע זון...

וואַן דאם האָט אָפּגענומען דאָס בילד באם יינגל. ער האָט א טראַכט געטאָן, צי מעג ער עס ביכלאל אים געבן. אלע יאָ, און דאָס — ניט.

— בערעק, — האָט ער געזאָגט, — גיב מיר דערווײַל אָפּ די געמעלן. איך דאַרף נאָך אָף זיי א קוק טאָן בא דער טאָג־שײַן. א מאָרגן און אַן איבערמאָרגן האָבן מיר נאָך. איך וועל באוויזן זיי דיר איבערגעבן. איצט פאַרבאַהאַלט נאָר בא זיך עטלעכע פעדער־צייכענונגען, אָף וועלכע כ׳האָב „פאַרייביקט״ אייניקע מערדער, און אָט איז נאָך נוימאַנס א סילועט, וואָס כ׳האָב אויסגעשוירן פון שוואַרץ פּאַפּיר. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ס׳וועט דיר צוניץ קומען.

קיין שום געמעלן האָט וואַן דאם מער ניט באוויזן איבערגעבן בערעקן. ער האָט שוין ניט געהאַט ניט קיין איבערמאָרגן, ניט קיין מאָרגן אפילע.

ווען נוימאַן איז געקומען אים נעמען, האָט דער קינסטלער געמאָלט דעם פרויען־פּאָרטרעט.

— וואַן דאם, — האָט נוימאַן געזאָגט, — אלץ! איך וועל זיך באַגיין אָן וואַגנערס געליבטער. איר האָט אײַער ארבעט פאַרענדיקט. אויב איר גלייבט אין גאָט, איז זאָגט אָפּ דאָס, וואָס איר, יידן, זאָגט פאַרן טויט, און באקומט אײַער שטראָף. ווייסט, אַז איך שעץ טאַלאַנט, וואַן דאם. איך וועל אײַך ניט פאַרגאַזן, ווי די אלע אומענטשן, איר וועט פאַלן פון מײַן קויל.

בערעק האָט אויסגעשאָסן מיט א געוויין.

— און דו, קליינער שווײַן, — האָט נוימאַן א געשריי געטאָן אָף בע־רעקן, — מאַרש צו קוריזעלן. דײַן גליק, מע דאַרף אים נאָך.

— מיר האָבן ניט באוויזן, בערעק... — האָט געזאָגט וואַן דאם.

און דאָס זײַנען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס בערעק האָט געהערט פון אים.

...אין בערלין איז היינט א ווארעמער טאָג. די זון איז שוין קימאט אין זעניט. נאָר בערעקס לײַב איז ווי פארקאָוועט פון פראָסט, און פאר די אויגן שווינדלען שווארצע פאסן. פונוואנען זאָלן מענטשן זיך אָנשטויסן, וועגן וואס ער האָט נאָרוואס געקלערט? אז ער איז אין א גליקלעכן על־טער, דאָס זעט מען, די נעשאָמע זעט מען דאָך ניט.

## אפן פראָצעס און נאָכן פראָצעס

צו דער מאָאביטער טפיסע, ווו עס קומט פאָר דער פראָצעס איבער עריך באוערן, האָט בערעק געמיינט זיך דערקלײַבן צופוס, נאָר דער אופגע־וואכטער זיקאָרן האָט אָפּגענומען אזויפיל צײַט, אז קעדיי ניט פארשפעטיקן צום אָנהייב פון דער זיצונג, האָט ער שוין געדארפט אהין צופאָרן מיט א טראמווײַ. מע זאָגט, אז וואָס די ערד נעמט צו, מוז פארגעסן ווערן. בא בערעקן באקומט זיך עס ניט. וואָס קאָן ער טאָן, אז יעדער מילכאָמע־טאָג האָט איבערגעלאָזט אזא טיפע וווּנד, וואָס אפילע ער זאָל וועלן אין עפּעס פארגעסן, האָט ער אף דעם קיין שליטע ניט. אזוינע, ווי ער, האָבן שוין אין דער קינדהײַט ניט געוווּסט פון דער שפּיל, ווען מע מאכט צו די אויגן און מ׳זעט בלויז דאָס, וואָס עס ווילט זיך...

דער ליכטיק־געלער טראמווײַ האָט דורכגעיאָגט איבער דער בריק, אונ־טער וועלכער עס שטראָמט דער שפּרייע־טײַך, און בערעק האָט דערזען די קײַלעכדיקע וואנט פון רויטע ציגל, וואָס פארשטעלט די פינפעקיקע טפיסע. דער געריכט־זאל איז געווען אזוי איבערפולט, אזש די ווענט האָבן זיך באדעקט מיט א מין שווייס. אויך די ערטער פאר דער פרעסע זײַנען אלע פארנומען. ס׳איז שוין גאָר ניט אזוי לײַכט צו דערקענען, ווער צווישן אוילעם איז, ווי ער, בערעק, געווען פארורטיילט, און ווער האָט ארויסגע־טראָגן און אויסגעפּילט די אורטיילן. כאָטש ניין. ס׳איז ניט אינגאנצן אזוי. אויב זיך גוט צוקוקן, לאָזט זיך עס אפילע לויט יעדערנס שטילשווײַגן דערקענען. נו, און ביפראַט, אז די צוויי, וואָס זיצן באנאנד מיט אים, ווערטלען זיך, טרײַבן קאטאָוועס. דאָס פארשאפט ווייטעק, און לײַדן מוז מען. סאָלידע מענטשן האָבן שוין ניט איין מאָל געפרעגט בא בערעקן: צי דען מוז די פארגאנגענהײַט, ווי א שאָטן, אייביק נאָכיאָגן און פארפאָלגן? צי וואָלטן זיי דאָ אפן פראָצעס איבערגעכאזערט זייער פראגע?

פאר דער האלבער שאָ, זינט בערעק געפינט זיך אין געריכט־זאל, ענט־פערט שוין באוער צום צווייטן מאָל, אז ער האָט בלויז אויסגעפילט בא־פעלן. ווען מע פרעגט אים וועגן דער צאָל פארגאזטע אין סאָביבאָר, דער־קלערט ער, אז די פּינקטלעכע צאָל ווייסט ער ניט און אָנרופן ניט קיין פּינקטלעכע וויל ער ניט. מע דערמאָנט אים, אז די עסעס־לײַט האָבן אין סאָביבאָר מיט א מאָלצײַט אָפּגעמערקט די דאטע, ווען די צאָל אומגע־בראכטע האָט דערגרייכט פינף הונדערט טויזנט און טעלעפאָניש ראפּאָר־טירט וועגן דעם זייער הויפּט־שעף גלאָבאָטשניקן. באוער לייקנט שטיין און ביין. דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן באשטעטיקן, — א טעלעפאָן־אפּאראט אין סאָביבאָר איז ווירקלעך געווען. פרי׳ער אף דער פאָטשט בא דער

סטאַנציע, דערנאָך אױף דער טעריטאָריע פֿונעם לאַגער. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז בלויז די עסעס־אָפֿיצערן האָבן געמעגט זיך נוצן מיטן טעלעפֿאָן. אָבער צי דען האָט ער, באָוער, געדאַרפֿט פֿאַרגעדענקען אַלע ראַפּאָרטן, וועלכע מע האָט אָפּגעגעבן אין זײַן אָנוועזנהייט?

וועגן הימלערס באַזוך אין סאָביבאָר ווייסט ער ניט וואָס צו דערציילן. ער געדענקט גאָרניט. אַבסאָליוט גאָרניט. מע דערמאָנט אים: דער עסעס־רײַכספֿיורער, באַגלייט פֿון אַ היפּשער סוויטע, איז געקומען אין אַ ספּעציעלן צוג דעם 13 מאַרט 1943. די לוקסוס־וואַגאָנען זײַנען געווען פֿאַרמאַסקירט אַזוי, זיי זאָלן פֿון דרויסן אויסזען, ווי פֿראַכט־וואַגאָנען.

מיט אַ מעסלעס פֿריִער האָט מען אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן געבראַכט פֿון לובלין צוויי הונדערט יונגע ייִדישע מיידלעך. מע האָט זיי ניט אָפּגעפֿירט גלײַך אויף דער „הימל־שטראַסע‟, נאָר פֿאַרטריבן אין אַ באַראַק, וווּ זיי האָבן איבערגענעכטיקט, און אין צווייטן טאָג האָט ער, עריך באָוער, זיי פֿאַרגאַזט אין הימלערס אָנוועזנהייט.

באָוער זיצט, ווי ער וואָלט געהערט וועגן דעם צום ערשטן מאָל. אָט עמעצער ווייסט, און ער האָט קיין אָנונג ניט. דאַרף מען זיך שוין ניט וווּנדערן, וואָס ער לייקנט, אַז דער רײַכספֿיורער האָט אים דערפֿאַר געהעכערט אין ראַנג און באַלוינט מיט אַן אָרדען. אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען שוין נאָך סאָביבאָר, אין איטאַליע. דאָרט האָט ער געקעמפֿט מיט די פּאַרטיזאַנער. אַגעוויס, דאָרטן זײַנען אויך ניט ווייניק דײַטשן אומגעקומען, וועגדט ער די אופֿמערקזאַמקייט פֿון געריכט, און מע ווייסט ביז הײַנט ניט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. ווי וואָלט געווען, ווען ער קערט זיך אויך ניט אום? באַקומט זיך, אַז זײַן איינציקע שולד איז, וואָס אים האָט קיין קויל ניט גענומען?

דער ריכטער פֿרעגט באָוערן, ווער האָט אין סאָביבאָר צום ערשטן מאָל אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן גאַז אין די קאַמערן, און ווײַל ער שווײַגט, לייענט מען פֿאַר אַ שטעל פֿון זײַנע באַווײַזן אויף דער פֿאָרלויפֿיקער פֿאַרשונג. „דעם מאָטאָר פֿון אַן אונטערגעקלאַפּטן טאַנק האָט אין לאַגער געבראַכט, אײַנגעשטעלט און אײַנגעשלאָסן עריך פֿוקס‟. באָוער באַשטעטיקט: יאָ, דאָס איז אַזוי, נאָר וויפֿל צײַט פֿוקס איז געווען אין סאָביבאָר, ווייסט ער ניט, מעגלעך, אַז שאָען, אַפֿילו קיין גאַנצן טאָג ניט, מער האָט ער פֿוקסן קיינמאָל ניט באַגעגנט און דערפֿאַר אים ניט פֿאַרגעדענקט.

צי אַנערקענט ער זײַן שולד, אַז ער האָט דערשטיקט הונדערטער טויזנטער מענטשן?

ניין, מיט זײַנע הענט האָט ער קיינעם פֿאַרן גאָרגל ניט גענומען. זײַן זאַך איז געווען אײַנשליסן דעם מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן גאַז אין די קאַמערן אַזוי לאַנג, ביז דער סעאַנס האָט זיך געצויגן.

דער פּראָקוראָר וויל וויסן, וואָס הייסט אין געגעבענעם פֿאַל „סעאַנס‟?

באָוער צוקט מיט די אַקסל. צי דען פֿאָדערט זיך נאָך אַ דערקלערונג? דער שטערן ווערט בא אים פֿײַכט פֿון אָנשטרענגונג. ער ענטפֿערט:

— איך וואָלט געזאָגט, דער צײַט־אָפּשניט, זינט די טירן ווערן הערמע־

טיש פארשלאָסן און ביז מע עפנט זיי. אָנלאָדן און אויסלאָדן די קאמערן — מיט דעם האָב איך ניט געהאט צו טאָן.

דער פּראָקוראָר פרעגט ווײַטער:

— מיט וועמען פלעגט מען אָנלאָדן די גאז־קאמערן?

— מיט קאצעטלער.

— מיט לעבעדיקע מענטשן?

— מע האָט אונדז דערקלערט, אז זיי זײַנען ניט קיין פולווערטיקע מענטשן און זײַנען שעדלעך פארן רײַך.

— איך האָב געפרעגט, — ווענדט זיך צו אים ווידער דער פּראָקוראָר, — מיט לעבעדיקע מענטשן?

— אין די באפעלן פלעגן זיי באצייכנט ווערן, ווי ניט קיין אריער, אומענטשן, פײַנט פונעם רײַך.

צום דריטן מאָל ווערט איבערגעכאַזערט די זעלבע פראגע:

— מיט לעבעדיקע מענטשן?

— יאָ. מיט לעבעדיקע מענטשן.

— וויפל פלעגט דויערן א סעאנס?

— דאָס איז געווען אָפּהענגיק פונעם קאָנטינגענט. פאר אלטע לײַט, קראנקע איז גענוג געווען צען־צוועלף מינוט.

— איר פלעגט זיי סאָרטירן?

— ניין. נאָר די מערהײַט איז געווען אָפּגעשוואכט.

— אזוי זײַט איר זיך באגאנגען אויך מיט קינדער?

— מיט קינדער פלעגט אונדז אָנקומען שווערער, אויך די מאָטאָרן פלעגן פארניצן מער ברענשטאָף. געוויינלעך האָבן די מאמעס פארשטעלט די קינדער מיט זייערע לײַבער, און דורכן קוק־פענצטערל האָט מען ניט געקאָנט פעסטשטעלן, צי לעבן זיי נאָך.

— זײַנען געווען פאלן, ווען מע פלעגט פון דער גאז־קאמער אויסלאָדן נאָך לעבעדיקע מענטשן?

— זעלטן. ס׳פלעגט טרעפן, אז אף דער פרישער לופט האָבן אייניקע אָנגעהויבן ווידער עטעמען, רירן זיך, אופשטיין.

— און דאן האָט מען פאר זיי אײַנגעאָרדנט א צווייטן סעאנס?

— צו מיר האָבן זיי שוין מער ניט געטראָפן.

— וווּהין פלעגן זיי טרעפן?

— מע פלעגט זיי אוועקשלעפּן אין א זײַט, און ווען ס׳האָט זיך אָנגעזאמלט א גרעסערע צאָל, האָט מען מיט זיי געמאכט אן ענדע.

— מיט וועלכע מיטלען?

— דערשאָסן.

— אזוי איז אויך פאָרגעקומען מיט די צוויי הונדערט מיידלעך פון לובלין?

באַוער שווײַגט לאנג. ענדלעך הייבט ער אָן דערציילן:

— מיט די לובלינער איז עס פאָרגעקומען אנדערש. דאָס איז געווען ניט קיין געוויינלעכער קאָנטינגענט. אלע יונגע, געזונטע. דאָך האָט מען זיי פארן גאזירן צעטיילט אף צוויי פארטיעס. איין סעאנס איז געווען א

געוויינלעכער, און באַם צווייטן, ווען מע האָט אַרײַנגעפירט די שענסטע, האָט דער רײַכספּיורער באַפוילן אײַנשליסן און אויסשליסן דעם מאָטאָר מיט געוויסע אינטערוואַלן. אַליין דער רײַכספּיורער הימלער האָט אַזוי באַפוילן. די אָפּעראַציע האָט אָפּגענומען דרײַ מאָל מער צײַט.

אַ געמורמל איז אַדורך איבערן זאַל און דערשטיקט געוואָרן, איבער־לאָזנדיק אַ דריקנדיקע, אָנגעשטרענגטע שטילקײַט. אין אַזאַ שטילקײַט מוז עפּעס געשען. און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ צעצויגענער, פּײַנ־לעכער קרעכץ:

— אַ־אַ־אַ־אַ...

דאָס האָט בערעק ניט אויסגעהאַלטן. אָט אַזוי קרעכצט מען, ווען עס פעלט אויס לופט צו עטעמען, ווען מע שטיקט דיך, מע שטיקט דיך...

דעמלט האָבן צוויי מענטשן זיך דורכגעלייגט מיט די עלנבויגנס אַ וועג צו אים — אַ שוצמאַן און אַ דאָקטער מיט אַ טשעמאָדאַנדל. די, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער, האָבן געהערט, ווי דער דאָקטער זאָגט צום שוצמאַן:

— אין אײַער הילף נייטיקט מען זיך דאָ ניט.

דער היטער פון אָרדענונג איז אָפּגעטראָטן אָף צוריק, נאָר באַלד גע־צוווּנגען געווען נאָך פּלײַסיקער לאָזן די עלנבויגנס אין גאַנג. מיט אַ גע־שריי „גאָט מײַנער, ס'איז דאָך אַלץ אַ ליגן! מײַן מאַן איז אַ גוטער, אַ פּײַנער״ — האָט באַוערס פרוי זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער וואַך. קעגן איר איז אויסגעוואַקסן אין זײַן גאַנצער גרייס דער שוצמאַן.

אַהין האָט זיך אויך דורכגעשטופּט אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז דאָס איז באַוערס טאָכטער. אירע אויגן האָבן גע־גלאַנצט. פון קאַס, פון בושע, פון ווייטעק? — דאָס איז שווער געווען צו זאָגן.

אין אַ טאָג אַרום האָבן די, וואָס האָבן זיך ווידער צונויפגעזאַמלט אין געריכט־זאַל, אויסגעהערט דעם אורטייל, וואָס די מײַרעוו־דײַטשישע ריכ־טער האָבן אַרויסגעטראָגן דעם באַשולדיקטן:

דעם אָבערגאַזמײַסטער פון סאָביבאָר, עריך באַוער, וועלכער האָט פּאַר אָנדערהאַלבן יאָר אומגעבראַכט מיט שטיק־שטאָף הונדערטער טויזנטער מענטשן, פאַרורטיילן צו „טויט־שטראָף דורך אופהענגען״.

דער אוילעם, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען פיל געוועזענע קאַ־צעטניקעס, האָט טריומפירט. די מערהײַט האָט דאַן געמיינט, אַז כאָטש דאָס מאָל האָט געזיגט די גערעכטיקײַט. ס'איז אָבער געווען אַ ביטערער טאָעס. דער טויט־אורטייל איז אינגיכן אָפּגעשאַפן געוואָרן, באַוער איז פאַרמישפּעט געוואָרן צו לעבנסלאַנגער געפענקעניש.

אין פופצן יאָר אַרום האָבן בערעק שלעזינגער און שמועל לערער זיך ווידער געטראָפן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן „אופגעהאַנגענעם״. דאָס איז געווען אין האַגען, וווּ באַוער איז אַרויסגעטראָטן אַלס איידעס פון דער פּאַרטיידי־קונג אָף דעם אַזוי גערופענעם סאָביבאָרער, אָדער באָלענדער־פּראָצעס. באַוערס טאָכטער איז אויך געווען אָף דעם פּראָצעס. זי איז שוין אַלט געווען באַ די דרײַסיק.

און רינע, זי וועט אירע פופצן ניט איבערוואַקסן, קיינמאָל ניט...

קאפיטל זיבן

# אין צען יאָר ארום

## בא קניעווסקין

ס׳זײַנען אָנגעקומען הארבסטיקע טעג. איבערן קאָפּ הענגט א בלײַ־נער הימל. פון די נידעריקע וואָלקנס טריפט א קאַלט רעגנדל. די זון, וואָס האָט פאר א גאנצן טאָג זיך געוויזן ניט מער ווי צוויי־דרײַ מאָל, אײַלט ערגעץ אזוי, אז אף דער ערד קוקט זי קימאט ניט. פריִער מיט עטלעכע טעג איז א בלעטל נאָך א בלעטל געפאלן אף דער ערד, און איצט זײַנען אָנגעפּלויגן געלע זאווערוכעס. ס׳איז נאָך עפּשער א ביסל צו פרי, נאָר, דאכט זיך, אלץ אף דער ערד גרייט זיך שוין באגעגענען דעם ווינטער.

בא אזא וועטער ווילט זיך פון שטוב ניט ארויסגיין. נאָר בערעק און פייגעלע מוזן הײַנט זײַן בא קניעווסקין. שפּאנען זיי אין צענטער פון שטאָט אונטער איין שירעם. אפן וועג גייען זיי ארײַן אין א ניט גרויסן יוּוועליר־מאגאזין. הײַנט איז דאָ פּוסט. נאָר סײַווי לויפט זיי דער באלעבאָס ניט אנטקעגן. ער זעט, דאָס פּאָרל וועט בא אים קיין טײַערע שטיינער ניט קויפן. ניט פאר זייער קעשענע, און מיט קיין ביליקע קארעלן האנדלט ער ניט. ווער ס׳פארשטייט עפּעס אין די זאכן, דער ווייסט, אז מיט קיין אימי־טאציעס האָט ער, אליין א געוועזענער דימענט־אײַנפאסער, קיינמאָל ניט געהאט צו טאָן.

בערעק בעט באווײַזן א פינגערל מיט א דימענט. זײַן ביטע ווערט אויסגעפילט, נאָר דערבײַ פרעגט מען:

— איר זײַט א סטודענט א מעדיקער?
— יאָ. פונוואנען ווייסט איר עס?
— דער גערוך... עס שמעקט פון אײַך מיט עפיר.
— שוין עטלעכע טעג, ווי אונדז קומט אויס בײַזײַן בא אָפּעראציעס.
— בלויז בײַזײַן?.. אין יאָרן ארום, ווען איר וועט זײַן אָנגעזעענע דאָקטוירים, וועט איר, מעגלעך, זיך קאָנען פארגינען אײַנשאפן אזא פינ־גערל. — נאָך א קליינער פּאוזע גיט ער צו. — יוּוועלירן ווערטלען זיך: דער פרויס סייכל — איז דאָס צירונג, דעם מאנס צירונג — איז זײַן סייכל. כ׳מיין, אז איר באליידיקט זיך ניט אף מיר. יונגע האָבן פּײַנט אָפּצולייגן, איז אויב איר פארמאָגט, ווער עס זאָל פאר אײַך צאָלן...
— ניין. אאופווידערזען.

גייען זיי ווײַטער איבער דער גאס, צוגעדריקט איינער צום אנדערן, און טראכטן וועגן דעם, אז מ׳וואָלט געדארפט בעטן סטאניסלאַוון, ער זאָל ארײַנקוקן אין דעם מאגאזין. מיט סטאניסלאַוון וועט דער יוּוועליר אזוי ניט ריידן. בא אים איז גאָר אן אנדער שטעל און אן אנדער אויסזען. אים וועט מען דערלאנגען א שטול און אוועקזעצן אויבנאָן. אין אזא פירמע האָט מען ליב אויסלענדער. עמעס, אמעריקאנער, ניט קיין פּאָליאַקן.

בא קניעווסקין איז שטוב זײַנען אומעטום — אפֿן טיש, אויף די בענקלעך און אפֿילו אפֿן דיל — געלעגן אַלטע צײַטונגען און זשורנאַלן. דער באַלע־באָס האָט זיך ווי פֿאַרענטפֿערט:

— איר קאָנט מיך פֿרעגן, צוליב וואָס דאָס גריבלען זיך אין די פּאַפּירן, וויבאַלד מיר ווייסן אַזוי אויך גענוג? אָבער דעם אַמעריקאַנער יודישן פֿושער און אַפֿילו שטיפֿטערן, אַליין אַ געליטענעם פֿון די נאַציסטן, איז עס ניט באַוווּסט. אַנומלטן האָב איך זיי באַוויזן אַ נומער פֿון דער אונטערערדישער צײַטונג „גלאָס וואַרשאַווי", האָט פֿושער קלוימערשט אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן: „און ווי, אויב מיר וועלן דאָס פֿאַרגלײַכן בלעטל אָפּשיקן אויף אַן עקספּערטיזע, צי איז עס ניט געפֿעלשט?" גיי דערצייל זיי, אַז אין פּוילן זײַנען שוין אין מעשׂעך פֿון די ערשטע אַכצן כאָדאָשים אָקופּאַציע דערשינען בא הונדערט פּופֿציק אונטערערדישע אויסגאַבעס, וועלכע מע פֿלעגט איבערגעבן פֿון האַנט צו האַנט, און ווי די געסטאַפּאָ האָט ניט געבושעוועט, האָט זי אַנטדעקט בלויז צוויי צײַטונגען און געכאַפּט סאַכאַקל אַ מענטשן צען פֿון די דרײַסיק טויזנט צײַטונג־פֿאַרשפּרייטער. איז אָט וויל איך, מיר זאָלן מיט אײַך איבערזעצן אייניקע מאַטעריאַלן, אַניט וועלן מײַנע רייד פֿאַרבלײַבן ניט מער, ווי אַ פּוסטער קלאַנג. נאָר ביז עפּעס וואָס, לאָמיר באַפֿרײַען דעם טיש און אָפּעסן מיטיק. די שטוב־אַרבעטערן האָב איך געוואָרנט, אַז הײַנט נעם איך אויף ליבע געסט, און זי האָט זיך שטאַרק געפֿלײַסט.

בייסן מיטיק האָט סטאַניסלאַוו דערקלערט, וועגן וועלכע מאַטעריאַלן עס גייט אַ רייד. ס'איז אַלץ פֿאַקטן, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוועזן נאָך אין די יאָרן 1943 און 1945. ער האָט זיי דאָ אויף פּויליש, און לייענען וועט מען דאָך זיי ניט אין וואַרשע.

זיצט בערעק בא דער שרײַבמאַשינקע, און פֿייגעלע דיקטירט איין מאַטעריאַל נאָכן צווייטן.

## די פּרעסע טיילט מיט

### אפֿן לינעבורגער פּראָצעס

דער עלפֿטער טאָג פֿונעם פּראָצעס איבער די הענקער פֿונעם היטלערישן קאָנצלאַגער אין בעלזען האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן פֿאַרהער פֿונעם אײדעס פֿרוי זאָנשטיין.

זאָנשטיין האָט דערציילט וועגן דעם אָנגעקלאָגטן געסלער, וואָס פֿלעגט שיקן מענטשן אין קרעמאַטאָרי, שיסן און הענגען מענטשן. זי דערציילט וועגן אַ פֿאַל, ווען געסלער האָט געהייסן אופֿהענגען פֿיר מיידלעך, וועלכע האָבן פֿאַרטראַכט אופֿצורײַסן דעם קרעמאַטאָרי.

נאָך מיטיק האָט דער פּראָקוראָר אַרויסגערופֿן אַ נײַעם אײדעס. צום געריכט־טיש איז צוגעגאַנגען אַ מאַנצבל פֿון אַ יאָר פֿינף און פֿערציק. אויף די פֿראַגן פֿונעם פּראָקוראָר האָט

דער איידעס געענטפערט, אז ער הייסט פריץ לעאָ, אז ער איז לויט דער נאַציאָנאַליטעט א דײַטש און אז פון פעווראל 1944 האָט ער געארבעט אינעם לאגער־שפּיטאָל אלס דאָקטער.

דאָס באַווײַזן זיך פונעם דאָזיקן איידעס האָט ארויסגערופן אן אומרו אף די בענק פון די אָנגעקלאָגטע.

דער פּראָקוראָר פרעגט וועגן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פונעם בעלזענער לאגער. דאָקטער פריץ לעאָ דערציילט:

די באַראַקעס האָבן זיך געפונען אין אן אומבאַשרײַבלעכן צושטאַנד. די שמוץ און די אומריינקייטן זײַנען אָנגעוואַקסן ביז א מעטער די הייך. פון דאַך האָט גערונען, פון די ווענט האָט געבלאָזן. דער שפּיטאָל האָט ניט באַקומען קיין שום מעדיקאַמענטן.

— צי איז אינעם לאַגער־שפּיטאָל געווען אן אָפּעראַציע־טיש? — פרעגט דער פּראָקוראָר.

— א פּאָשעטע הילצערנע באַנק אָנשטאָט אן אָפּעראַציע־טיש, — ענטפערט דאָקטער לעאָ. — נאָר קיין אָפּעראַציעס איז סײַווי ניט אויסגעקומען צו מאַכן. עס זײַנען ניט געווען קיין אינסטרומענטן, עס זײַנען ניט געווען קיין נייטיקע מעדיקאַמענטן. די מענטשן זײַנען געשטאָרבן פון הונגער און קרענק. געשטאָרבן פון ווונדן. די פאַרצווייפלטע האָבן געפּרוווט לויפן, האָט מען אין זיי געשאָסן. די אַרעסטירטע זײַנען אומגעקומען פון טובערקוליאָז, דיזענטעריע, טיפוס. לײַז האָבן זיך געפּלאָדיעט אין אן אומגעהייערער צאָל, און קעמפן קעגן דעם איז געווען אומעגלעך — ניט געווען ניט קיין וועש, ניט קיין וואַסער. די טויטע קערפּערס פלעגט מען די ערשטע צײַט פאַרברענען אין דעם קרעמאַטאָרי. נאָר די דורכלאָזפייִקייט פון די אויוונס איז געווען קליין, און מע האָט אָנגעהויבן פאַרברענען די טויטע אף שײַטערס. און דאָך פלעגט מען זיך ניט ספּראַווען. טויטע האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום, זיי פלעגן פוילן און פאַרסאַמען די לופט.

דער פּראָקוראָר אינטערעסירט זיך, וויאַזוי איז געווען אוועקגעשטעלט די דערנערונג פון די אַרעסטירטע אין בעלזענער לאַגער. פריץ לעאָ ענטפערט, אז דער ראַציאָן איז געווען אויסגערעכנט אזוי, אז אפילו א געזונטער מענטש האָט געמוזט אומקומען אין מעשעך פון עטלעכע וואָכן.

וועגן דעם אינדערפריִעדיקן קאָנטראָל פון די אַרעסטירטע רעדט דאָקטער לעאָ, ווי וועגן איינעם פון די מיטלען צו פאַרגיכערן זייער אומקום. בייס דעם דאָזיקן קאָנטראָל פלעגן די מענטשן שטאַרבן פון קלעפּ, פון שטיין אף די קני מיט אופגעהויבענע הענט. כוץ דעם, האָט ניט יעדער איינער געקאָנט אויסהאַלטן דאָס שטיין פינף־זעקס שאָ נאָכאַנאַנד אונטערן רעגן אָדער אפן פראָסט. בייס יעדער אזא קאָנטראָל פלעגן שטאַרבן צען־פופצן מענטשן.

דאָקטער לעאָ טיילט מיט דעם געריכט, אַז הימלערס אמט האָט באַפוילן אויסצובויען אין בעלזען גאַז־קאַמערן אונטער דער ערד. די פּולע צעשמעטערונג פונעם היטלעריסטישן דײַטשלאַנד האָט ניט דערמעגלעכט אויסצופילן דעם דאָזיקן באַפעל.

## אופגעדעקט אין פוילן נײַע פאַרברעכנס פון די היטלעריסטן

אין לאָקאַל פון גדאַנסקער היגיענע־אינסטיטוט האָט אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג־קאָמיסיע אופגעדעקט אַ זייף־פאַבריק, ווו די דײַטשן פלעגן מאַכן זייף פון די טויטע קערפּערס פון די פאַרפּײַניקטע קאָרבאָנעס. אין דער פאַבריק האָט מען געפונען אַ מעטאַלענעם קעסל מיט טיילן פון מענטשלעכע קערפּערס, סטעריליזאַטאָרס אַף איבערקאָכן מענטשלעכע ביינער, אַ קאַסטן, געפּאַקט מיט מענטשלעכער הויט, אַ קאָלאָסאַלע צאָל ביינער פון הענט און פיס און בא צוויי קילאָגראַם זייף, געמאַכטע פון טויטע מענטשן. בא דער פאַבריק האָט פונקציאָנירט אַן עקספּערימענטאַלע „לאַבאָראַטאָריע" אַף צו דערלערנען די מעטאָדן, ווי צו פּראָדוצירן די דאָזיקע זייף. אָנגעפירט מיט דער „לאַבאָראַטאָריע" האָבן די דײַטשישע „פּראָפעסאָרן" שפּאַנער און וואָלמאַן.

די אַגענטור פּאָלפּרעס טיילט מיט, אַז לעבן כעלם האָט מען אופגעדעקט אַ היטלערישן טויט־לאַגער. אין 1940 האָט מען אין דעם דאָזיקן לאַגער געבראַכט אַרעסטירטע פּאָליאַקן, אונגאַרן, רומענער און טשעכאָסלאָוואַקן. די היטלעריסטן האָבן דערמאָרדעט זייערע קאָרבאָנעס אין דושעגובקעס. די מאַלבושים פון די דערמאָרדעטע האָבן זיי סאָרטירט און אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד. די הארוגים פאַרברענט אין ספּעציעלע אויוונס.

## פאַרמישפּעט צום טויט פאַר פּײַניקן יידישע קינדער

דער ספּעציעלער געריכט אין לאָדזש האָט פאַרמישפּעט צום טויט די „פאָלקס־דויטשקע" סידאָניאַ בײַער. די דאָזיקע פאַרעטערן איז בעשאַס דער אָקופּאַציע געווען אַן אופזעערן אין אַ לאַגער פאַר יידישע קינדער. די קראַנקע קינדער פלעגט זי „קורירן" אַף אַזאַ אויפן: אַרויספירן ווינטער אפן

פראָסט אויסטאָן נאַקעט און גיסן אַף זיי קאַלט וואַסער. א סאַך קינדער זײַנען אויסגעשטאָרבן.

וועגן דעם האָבן אויך דערציילט פאַרן געריכט עטלעכע לעבנגעבליבענע קינדער, וועלכע זײַנען ארויסגערופן געוואָרן אלס איידעס.

## דרײַ הונדערט יידישע קינדער פון טערעזיענשטאַדטער לאַגער

אין די לאָנדאָנער צײַטונגען איז פאַרעפנטלעכט א צעטל פון דרײַ הונדערט יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין טערעזיענשטאַדטער קאָנצלאַגער (טשעכאָסלאָוואַקיע) און זײַנען איצט געבראַכט געוואָרן קיין ענגלאַנד. דער איבערוועגנדיקער טייל קינדער שטאַמט פון פאַרשיידענע שטעט אין פוילן. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און דײַטשלאַנד. סראָוו זײַנען עס קינ־דער אין עלטער פון פערצן־פופצן יאָר; פינף זײַנען דרײַיאָ־ריקע; דרײַ — פיריאָריקע. פאַראַן צו עטלעכע קינדער פון איין מישפּאָכע. ווי דער פופצניאָריקער בערל פרידבערג און זײַן צוועלפיאָריק ברודערל לייבל פון דער שטאָט דעמבלין אין פוילן; דער נײַניאָריקער סולטאַן יאַקאָב פון דעברעצען (אונגאַרן) און זײַנע שוועסטערלעך די זעקסיאָריקע יודיס און די דרײַיאָריקע אַגנעס.

## ס׳איז פאַראַן א פּאַרדאַכט...

פייגעלע, א באַוועגלעכע, א לײַכטע, האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער און דיקטירט. בערעק האָט געזאָגט, אז זי איז אַן אַנטיק שעבעאַנטיק, זי האָט אָפּגעענטפערט: „ווייסט, וואָס איכל דיר זאָגן, האָסט א צונג אָן ביינער, נאָר א גוטער ליגן איז אמאָל ווערט מער ווי געלט״. אָן א שיר מילדקײַט און צאַרטע ליבלעכקײַט איז געווען אין איר גאַנץ געשטאַלט.

קניעוואָסקי האָט געוואָרפן אַף זיי א וואַרעמען קוק פון אונטער די האָרן־ברילן, א טראַכט געטאָן: „א זיווּג פון גאָט״. מיטאמאָל זײַנען פייגעלעס אויגן גרעסער געוואָרן. איר פּאָנעם האָט זיך געענדערט, ווי א שאָטן וואָלט אַף דעם געפאַלן.

— פאַנע סטאַניסלאַווע, — האָט פייגעלע זיך געווענדט צו קניעוואָ־סקין, — דעם צווייטן מאַטעריאַל וועגן לינבורג דאַרף מען אויך דיקטירן?

— וועגן וואָס גייט דאָרט א רייד?

אָנשטאָט פייגעלען האָט געענטפערט בערעק:

— ס׳ווערט דערציילט וועגן די אדוואָקאַטן, וואָס פאַרשטעטנדיקן זיך מיט

די קריגספארברעכער אפן ווונק, וועגן קראמערס פארטיידיקער אפן פראַ־צעס, גרענפילד, וואָס פרווט זיך פארפלאָנטערן איינעם פון די איידעס.

— דרוקן, אומבאדינגט דרוקן! נאָר פארוואָס איז ניט אָנגעוויזן, ווי מע האָט דעם איידעס גערופן? באווײַז נאָר די צײַטונג.

— אלץ איז דאָ אָנגעוויזן. ס׳איז פייגעלעס שוועסטערקינד. איינע פון די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געקליבן אופרײַסן דעם קרעמאטאָרי. געסלער האָט וועגן איר דעמלט ניט געוווּסט, אניט וואָלט ער זי, ווי יענע פיר, באַ־פוילן אופהענגען.

קניעוווסקי האָט ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך פייגעלען:

— דזיעוווטשינאַ, דזיעוווטשינקאַ, מיט אזוינע אדוואָקאטן, ווי גרענפילד, וועט אונדז נאָך ניט איין מאָל אויסקומען זיך טרעפן. ניט נאָר קראמערן זוכט מען צו רעאבילימירן... איר זאָלט הערן, ווי מע פרווט זיך רעאבילי־טירן די „פראָפעסאָרן" שפאנער און וואָלמאַן! איך דארף, אז די באאמטע, מיט וועמען כ׳האָב צו טאָן, זאָלן איבערליייענען שווארץ אף ווײַס, וואָס דאָקטער פריץ לעאָ האָט באוויזן אפן געריכט. זיי זאָגן: „די דײַטשן אנער־קענען ניט די גרוילטאטן, און די געליטענע קאָנען ניט זײַן אָביעקטיוו אין זייער איידעס זאָגן". דאָס ווילן זיי הײַנט ניט אנערקענען. און די היטלע־רישע רעדלפירער האָבן דאפקע אנערקענט, אז זיי האָבן געפאנגען און פארוואנדלט אין קנעכט מיליאָנען פרידלעכע מענטשן. לויט דער אנער־קענונג פונעם רײַכסקאָמיסאר פון אוקראַינע עריך קאָך, וועלכע איז פּו־בליקירט געוואָרן אין יאנוואר 1943 אין דער „דויטשע אוקראַינע צײַטונג", זײַנען קיין דײַטשלאנד אָפגעשיקט געוואָרן 710 טויזנט אוקראַינער. לויט דער מעלדונג פון פריץ זאוקעלס „פארוואלטונג אף אויסנוצן ארבעטס־קראפט", וועלכע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין דער פאשיסטישער „מינ־סקער צײַטונג", איז פארן 1942 יאָר אָפגעשיקט געוואָרן פון די אָסט־געביטן אין רײַך בא צוויי מיליאָן מענטשן. פאר צען־פופצן מארק האָט יעדער דײַטש זיך געקאָנט קויפן א קנעכט...

מאָרגן וועל איך שטיפטערן באווײַזן א פאָטאָגראפיע פון דעם געוועזע־נעם אָפיצער פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאדע אין שפאניע פינכעס קאר־טין, וואָס איז באוווּסט געווען אונטערן פסעוודאָנים אנדזשיי שמידט. ער איז געקומען אף א סאָוועטישן עראָפלאן אין אָקופּירטן פוילן און גע־וואָרן דער אָנפירער פון די באוואָפנטע קאמפּס־גרופּן אין ווארשעווער געטאָ. ווען איך האָב עס דערציילט שטיפטערן, האָט ער אף מיר געקוקט, ווי איך וואָלט דאָס אָט ערשט אליין צוגעקלערט.

— וואָס וועט זיך שוין ענדערן, אויב נאָך איין מענטש וועט וויסן דעם עמעס? — האָט פייגעלע עס ניט געקענט באנעמען. — אנדערע וויסן אים און טוען אלץ אף צו דערווײַזן דאָס פארקערטע.

— שטיפטער קאָן אונדז נאָך א סאך העלפן. אין מײַן קארטאָטעקע איז קורץ באַלענדער פארעכנט צווישן די טויטע. נאָר שטיפטער האָט נאָך פאראַ־יאָרן מיר געייצעט אוועקשטעלן א פרעגצייכן לעם אָט דעם נאָמען. איך גלייב, אז ס׳וועט זיך אײַנגעבן אויסזוכן דעם שעף פון דער „הימל־שטראַ־סע", און געשען וועט עס ניט אָן שטיפטערס הילף.

— ס'איז גרינג צו זאָגן, פּערזענלעך באַלענדער האָט דאָך שטיפּטערן קיין שלעכטס ניט געטאָן, איז וואָס גייט עס אַזוי אין לעבן שטיפּטערן אים געפינען? ניט אַזוי, בערעק?

בערעק וואָלט איר געקענט דערקלערן, אַז ס'איז ניט אינגאַנצן אַזוי, אָבער קניעוואָסקי האָט געפונען פאַר נייטיק אַליין איר ענטפערן:

— שטיפּטער האָט כעזשבוינעס מיט שטאַנגלען. אים האָט שטאַנגל אַרעסטירט. און אויב נאָר ס'איז ניט קיין באַבעמײַסע, אַז קורט באַלענדער איז טויט, און ער וועט זיך אַרײַנכאַפּן, קאָן עס העלפן אויסזוכן שטאַנגלען. ס'איז פאַראַן אַ פאַרדאַכט, אַז דער „טויטער" באַלענדער האָט אין מײַ 1945 זיך באַגעגנט אין עסטרײַך סײַ מיט אים, סײַ מיט גוסטאַוו וואַגנערן.

דאָ האָט בערעק דערציילט קניעוואָסקין וועגן באַזוך אין יוּוועליר־מאַגאַזין, נאָר קניעוואָסקי האָט געהאַלטן, אַז אַזויאַרום — זוכנדיק אין דײַטשלאַנד די דימענטן, וואָס באַלענדער האָט אַוועקגערויבט, — וועט זיך ניט אײַנגעבן אַרויף אָף זײַנע שפּורן.

— שוין די ערשטע טעג, ווי כ'האָב זיך באַקאַנט מיט שטיפּטערן, — האָט קניעוואָסקי דערקלערט, — האָב איך אים געבעטן, אַז עמעצער פון זײַנע מענטשן זאָל זיך פאַרנעמען מיט די יוּוועליר־קראָמען, נאָר די פינגערלעך, אָף וועלכע די עסעסאָווצעס האָבן באַפוילן אויסקריצן „לעבן+טויט", זײַנען שוין פון לאַנג איבערגעגאָסן. וואָס אַנבאַלאַנגט די זעלטענע שטיינער, האָט מען זיי געוויס נאָך בײַס דער מילכאָמע אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד. אויב אפילו ניט, וועלן זיי אין די שויפענצטער סײַווי ניט אויסגעשטעלט ווערן.

— און דאָך האַנדלט מען מיט זיי! — האָט בערעק אײַנגעשפּאַרט פאַרגעזעצט.

— אפילו מיט די גרעסטע דימענט־הענדלער, וואָס זייער צאָל איז ביז גאָר באַגרענעצט, איז דער דימענט־סינדיקאַט פאַרבונדן נאָר דורך ספּעציעלע מעקלער. ביז די דימענטן קומען אָן צום געבראויכער, גייען זיי דורך אַ היפּשע צאָל פאַרמיטלער. די מערהײַט אַזוינע האַנדלס־אָפּעראַציעס קומען פאָר ניט אין בערלין, נאָר אין לאָנדאָן. דער דימענט־סינדיקאַט אָרדנט דאָרט אײַן יעדן כוידעש ספּעציעלע אויסשטעלונגען, און דערפאַר האָט מיך ניט פאַרוואונדערט, ווען דער דימענט, וואָס באַלענדער האָט באַדאַרפט געוועזן איבערגעבן שטאַנגלען פאַר הימלערן, האָט אָנגעטראָפן אַהין.

— אָבער דער דימענט, — האָט פייגעלע דערווידערט, — האָט דאָך געקאָנט אָנטרעפן קיין לאָנדאָן אומאָפּהענגיק דערפון, צי דער אָבערשאַרפירער לעבט צי ניט.

— וואָס זשע מיינסטו, שטיפּטער פאַרשטייט עס ניט? דאָ ניט לאַנג האָט ער אַרויסגערופן ערגעץ באַוערן צוליב אַן אַנדער איניען, נאָר פאַריינס האָט ער אים נאָך באַוויזן דרײַ פאָטאָגראַפיעס פון קריגספאַרברעכער, צווישן זיי אויך באַלענדערס, וועלכן מע האָט קלוימערשט ניט לאַנג צוריק פאַרהאַלטן. מיט יאָרן צוריק האָט באַוער געמאָלדן, אַז קורט באַלענדער

איז טויט, נאָר דאָס האָט אים איצט ניט געשטערט פרעגן: „און ווו האָט ער זיך אריינגעכאַפּט, מײַן שעפֿ?" בערעקס רייזע אין באַלענדערס געבורט־שטאָט, דורסבורג, האָט אונדז קיין סאך ניט געגעבן, און ווען שטיפּטער זאָל ניט געווען אויסזוכן דעם מענטשן, וואָס האָט צוזאַמען מיט באַלענ־דערן געדינט אין בראַנדענבורגער טורמע, וואָלט איך ניט אָנגעטראָפֿן קיין שטײַערמאַרק און זיך ניט דערוווסט, אז דער געוועזענער אָבערשאַרפֿיר־רער האָט דאָרט א לענגערע צײַט געוווינט אונטער דער פאַמיליע ברע־נער. מאָרגן וועסטו, בערעק, גיין צו שטיפּטערן מיט מיר. דאַכט זיך, ער איז ארוף נאָר אף א שפּור, נאָר זאָל שוין הײַנט, קינדער, זײַן גענוג וועגן דעם. זינג אונדז בעסער אויס, פייגעלע, א ליד.

— א ליד? כ'האָב שוין, דאַכט זיך, די שטים פאַרלוירן.

— גלייבט איר ניט, — האָט בערעק אויסגעשריען. — אונדזער פייגעלע זינגט אויך איצט א מעכײַע צו הערן! נאָר אף בילעטן צו גיין.

אָן אופגעשטראַלטע האָט פייגעלע זיך צעשמייכלט. זי האָט זיך מער ניט געלאָזט בעטן און געזונגען א ליד וועגן דעם, אז דער הימל איז בלויער פון בלוי. סטאַניסלאַוו און בערעק זײַנען אומבאַוועגלעך געזעסן און פאַרגאַפט געהערט.

פון קניעוווסקיס קוואַרטיר זײַנען בערעק און פייגעלע ארויסגעגאַנגען האַנט בא האַנט.

די האַרבסט־נאַכט איז געווען א קאַלטע. דער אָנגעפלויגענער ווינט האָט צעכראַסטעט די פּאָלעס פון זייערע מאַנטלען. בערעק האָט אופגע־שטעלט דעם קאָלנער פון פייגעלעס מאַנטל און איר פאַרדעקט דעם האַלדז.

## די הענט אף הינטן

ווי נאָר מע איז פון שטיפּטערן געוואָרע געוואָרן, אז לויט אַלע סימאַ־נים, האָט מען באַלענדערן געזוכט אין האַמבורג, זײַנען בערעק און פייגעלע אריבערגעפאָרן אהין. דעם מעדיצינישן אינסטיטוט האָבן זיי ביידע שוין געהאַט פאַרענדיקט, און אָנקומען אף ארבעט אין א קליניק האָט מען זיי געהאָלפן. א קוואַרטיר פון צוויי צימערן ניט ווײַט פון שטאָט, אין פּינע־בערג, האָבן זיי געדונגען. ס'איז פאַרבײַ העכער א יאָר, און קיין איין מאָל האָבן זיי ניט אָנגעטראָפֿן אף קיין מענטשן, וואָס זאָל זיי כאַטש מיט עפּעס וואָס דערמאָנען דעם געוועזענעם שעף פון דער „הימל־שטראַסע".

קניעווסקי האָט זיך אומגעקערט קיין פּוילן. זיי האָבן שוין אויך ניט איין מאָל גערעדט צווישן זיך, אז ס'איז צײַט פאַרלאָזן דײַטשלאַנד. און אַזוי וואָלטן זיי געטאָן, ווען אין איינעם א טאָג זאָל פייגעלע ניט געווען קומען אהיים מיט אַן איבעראַשנדיקער נײַס:

— דאַכט זיך, איך האָב אים געזען. קורציזיכטיק, א ביסעלע סוטולע־וואַטע. אין געדאַנק האָב איך אים אַנדערש אויסגעפּוצט.

— ווו? — האָט בערעק זיך א וואָרף געטאָן צו איר.

— אין סאַמע צענטער. אין עלבערשטאַדט. וואָס קוקסטו אף מיר אַזוי?

כאַפּן האָב איך דאָך אים ניט געקאָנט. דער פּאַרט איז גרויס און צעוואָרפן. באַלענדער איז געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, און איך בין געגאַנגען צופוס. ביז איך האָב געכאַפּט אַ טאַקסי, איז ער שוין געווען דער רועך ווייסט ווו.

— און פאַרוואָס „דאַכט זיך"?

— דערפאַר ווײַל אין סאָביבאָר האָב איך אים דאָך געזען ניט מער ווי איין מאָל. אי דאָס אין אַזאַ רגע, ווען איך האָב מיסטאָמע פון שרעק גע־האַלטן פאַרמאַכט די אויגן און געשעפּטשעט: „קום שוין, קום שוין, שרעק־לעכער טויט". צי דו מיינסט, אַז דאָס בילדל, וואָס דו האָסט מיר געוויזן, איז שוין גענוג, כ׳זאָל אים אַפילע אַן אָפּגעשונדענעם דערקענען?

א סאַך פון די, וואָס ווילן אין האַמבורג פאַרגעסן אין אַלע זאָרגן און זיך לאָזן ווילגיין, ווייסן דעם וועג אין פאַרווײַלונגס־קוואַרטאַל פון סאַנקט־פּאולי. אויב דער בײַטל איז נאָך דערצו ניט קיין מאָגערער, קאָן מען דאָרט גאָר פײַן פאַרברענגען. ניט ווײַט פון סאַנקט־פּאולי׳ער בולוואַר האָט בערעק אים דערזען. קורט באַלענדער איז ניט געײַלט געגאַנגען איבער איינער פון די פאַרשאָטענע מיט רויטן ציגל־שטויב שטעגן. אין עטלעכע שאָ ארום האָט בערעק שוין געוווּסט, ווו ער אַרבעט און אַז זײַן נײַער נאָמען איז קורט ווילהעלם פאַלע.

עס טרעפן זאַכן, וואָס לייגן זיך שווער אַפן סייכל. דאָס, וואָס באַלענ־דער האָט אויסגעקליבן פאַר זײַן וווין־אָרט די גרעסטע שטאָט און דעם גרעסטן פּאָרט אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, לאָזט זיך נאָך ווי־עס־איז דער־קלערן, נאָר דאָס, וואָס ער איז אָנגעקומען פאַר אַ קעלנער אין אַ רעסטאָ־ראַן, ווו מע קאָן טרעפן מענטשן קימאַט פון גאָר דער וועלט, איז ניט צום באַגרײַפן.

בערעק איז הײַנט אַ קנאַפּער עסער, אָבער שטיפטער, לאָזט זיך אויס, איז אַ גורמאַן. פאַר דער אכילע האָט ער זיך גענומען, ווי ער וואָלט ספּע־ציעל צוליב דעם געקומען אַהער צו פאָרן. דערצו רייכערט ער, ווי אַ קוימען. אינטערעסאַנט, דאָס ניט לאָזן זיך ארויסברענגען פון גלײַכגעוויכט אַפילע אין אַזאַ פאַל דערקלערט זיך מיט פּראָפעסיאָנעלער קאַלטבלוטיקײַט, אָדער ער פאַרמאָגט טאַקע אַ האַרץ פון שטיין? בערעקס אויגן זשמורען זיך פון דעם שטאַרקן ליכט און זײַנען שוין מיד פון קוקן אַפן אָבערקעל־נער קורט ווילהעלם פאַלע, וואָס באַווײַזט זיך אַלעמאָל אין זאַל מיט דער כשיוועס פון אַ פּאַכמאַן, וואָס ווייסט זײַן פּרײַז. די מאַנזשעטן זײַנען בלענדנדיק ווײַס. דער שוואַרצער אויסבינדער פינקלט.

ענדלעך איז געקומען די מינוט, ווען שטיפטער האָט זיך אויסגעהוסט, רײן געמאַכט דעם גאָרגל און געהייסן איבערגעבן דעם אָבערקעלנער, אַז מע בעט אים ארײַנגיין אין קאַבינעט, וואָס אין רעכטן ווינקל פון זאַל. מיט אומגעריכטער פלינקײַט האָט באַלענדער פאַרצויגן דעם צערוקטן פאָרהאַנג און, פאַרנייגנדיק זיך, געבליבן שטיין באַם טישל.

— הער קורט... — און שטיפּטער איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן.
— קורט פּאַלע.
— הער קורט פּאַלע, מיר ווילן אײַך פאַרבעטן צו אונדזער טישל. זאָרגט זיך ניט, דאָרט, — האָט שטיפּטער מיטן פינגער אָנגעוויזן אַף יענער זײַט קאַבינעט, — וועט אַלץ זײַן אין אָרדענונג. אַליין דער ווירט וועט אײַך פאַרבעטן.
דער אָבערקעלנער האָט אַ קוק געטאָן אַף שטיפּטערן, ווי אַף אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעטערונקען מער, ווי ער קאָן פאַרטראָגן. מיט אַ בייזלעך־פאַרקרימט מויל האָט ער אַרויסגעשטאַמלט אַ דאַנק פאַר דער אײַנלאַדונג און זיך אויסגעקערעוועט צום אַרויסגאַנג.
— הער קורט ווילהעלם פּאַלע, — האָט דער אויספאָרשער אים פאַר־האַלטן, — איך בין יאָהאַן שטיפּטער, פון דער קרימינאַל־פּאָליציי. לויט דעם, ווי אײַער געזיכט האָט זיך פאַרענדערט, פאַרשטיי איך, אַז איר גלייבט מיר אפן וואָרט. און דאָך וויל איך, איר זאָלט זיך אין דעם איבער־צײַגן, — און ער האָט פאַרבויגן דעם לאַץ, — און ס'איז גאָרניט נייטיק, אַז איר זאָלט שוין האַלטן די הענט אַף הינטן... זעצט זיך צו.
— הער שטיפּטער, אויב איר דאַרפט ווירקלעך צו מיר, איז הער איך אײַך. וואָס אָנבאַלאַנגט מײַן געזיכט און מײַנע הענט, וועל איך אײַך בעטן...
— וואָס ווילט איר מיך בעטן?
— איר זאָלט זיך צוהערן צו דעם, וואָס איר רעדט.
— מיט די זעלבע ווערטער האָט מיך אַמאָל אין געסטאַפּאָ געוואָרנט אײנער אַ מענטש, וועלכן איר קענט ניט ערגער פון מיר. און כ'מוז אָנער־קענען, עס זײַנען געווען מינוטן, ווען מיר האָט באַנק געטאָן, וואָס כ'האָב אים ניט געפאָלגט. זאָגט מיר, דער יונגערמאַן, — און שטיפּטער האָט אָנ־געוויזן אַף בערעקן, — איז אײַך באַקאַנט?
— ניין.
— איר זײַט אין דעם אַבסאָליוט זיכער?
— דער זיקאָרן איז נאָך דערווײַל בײַ מיר אַ גוטער.
— אויב אַזוי, וועל איך בײַ אײַך גאָרניט פרעגן, און איר דערציילט אונדז אַליין אַלץ. אָנהייבן רעקאָמענדיר איך אײַך אַזוי: איך, קורט... — און ווײַטער זאָלט איר שוין אָנרופן אײַער עמעסן נאָמען.
— הער שטיפּטער, אויב אײַך דאַכט זיך, אַז איר האָט אַ גרונט מיט מיר אַזוי צו ריידן, איז דער רעסטאָראַן ניט קיין פּאַסיק אָרט דערצו.
— דאָס זײַט איר גערעכט, נאָר וואָס אײַלט איר זיך אַזוי אין אַן אַנ־דער אָרט? איר פאַרשטייט דאָך, אַז דאָרט, וווּ ס'איז פאַראַן פאַרברעכן, איז פאַראַן שטראָף... אין דער געפענקעניש איז דאָך בלויז דער אַרײַנ־גאַנג אַ ברייטער.
— קיין אָרדער אַף מײַן אַרעסט האָט אײַך קיינער ניט געקאָנט אַרויס־געבן.
— איך האָב אים ניט געבעטן. מײַנע קאָלעגן ווייסן אפילע ניט, אַז דאָס בין איך צוליב אײַך געפאָרן אהער. דערווײַל איז דאָס אונדזער סאָד. אויב איר ווילט, קאָנט איר אונדז דערציילן, ווו האָט איר געקראָגן דעם די־

מענט, וואָס איז געווען אַף דער לאַנדאָנער אויסשטעלונג? דאַן איז אײַער פֿאַמיליע געווען ברענער. עמעס, דערוויַזן, אַז דעם דימענט האָט פּאַרקויפֿט קורט ברענער, וואָלט געווען קימאַט אומעגלעך.

— הער שטיפּטער, — האָט דער אָבערקעלנער אַלץ נאָך שטייענדיק געפֿירט דעם געשפּרעך, — לאָמיר אָף אַ ווײַלע אָננעמען, אַז איר האָט שוין דערוויזן, אַז איך, קורט ווילהעלם פּאַלע, און קורט ברענער איז איין און די זעלבע פּערזאָן און אַז כ'האָב פּאַרמאָגט און פּאַרקויפֿט אַ דימענט. איז וואָס קומט מיר דערפֿאַר? סײַדן דער דימענט איז אַ געגאַנוועטער, וועט מען זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן, און באַשטראָפֿן דעם, וואָס האָט אים געגאַנוועט.

— דאָרט, וווהין מיר וועלן אײַך באַלד אָפּפֿירן, וועט מען זיך שוין פֿאַ־נאַנדערקלײַבן.

— הער שטיפּטער, איך ווייס ניט, ווער ס'איז דער יונגערמאַן, נאָר מיר ווילט זיך ניט, אַז איבער אַ מיספּאַרשטייעניש... איך וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן... און... — דער אָבערקעלנער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „פֿאָלגט מיך, און עס וועט אײַך ניט באַנק טאָן".

— אַז איר קענט געבן שמירגעלט, דאָס ווייס איך. אַ באַווײַז — דאָס פּאַפּירל, אַז קורט באָלענדער איז טויט. נאָר איר זײַט דאָך נאָך ניט אין קיין קאָלומבאַרי, באָלענדער. ניט פֿאַר דעם וועט איר באַשטראָפֿט ווערן, וואָס איר האָט באַקומען אַ דימענט בא פֿרידריך שלעזינגערן, אים באַדאַרפֿט אָפּגעבן און געלאָזט בא זיך. פֿאַרגעסט ניט, ווו דאָס איז פֿאָרגעקומען און ווער איר זײַט דאַן געווען. עסעס־אָבערשאַרפֿירער קורט באָלענדער, אײַער שמייכל איז אַ פֿאַלשער. דאָס בעסטע מיטל קעגן שרעק איז עפּעס פֿאַר־נעמען. נאָר אַנטלויפֿן קאָנט איר שוין ניט. פֿאַר פֿיל יאָרן, וואָס איך בין אין פּאָליציי, זײַנען געווען פֿאַלן, ווען מע איז פֿון מיר אַנטלאָפֿן, נאָר הײַנט וועט עס ניט פֿאָרקומען. אויב איר ווילט, קאָנט איר פֿאַרייכערן אָדער אויסטרינקען אַ גלאָז ביר. נעמט!

מיט אַ נערוועזער באַוועגונג האָט באָלענדער אָפּגערוקט די גלאָז, ער האָט זיך אַף אַ מינוט צוגעזעצט און באַלד ווידער אופגעשטאַנען.

— און ווי וועט זײַן, הער שטיפּטער, אויב כ'וועל אופהייבן אַ טומל? באַם טישל, לעבן קאַבינעט, זיצן פֿיר ענגלישע אָפֿיצערן. זיי זײַנען אָפּטע אײַנגייער באַ אונדז. אָט וועל איך זיי מעלדן, אַז איר זײַט ניט שטיפּטער, נאָר הימלער. איר זײַט אומגעפֿער אין איין עלטער מיט אים. און אויב אור־טיילן לויט די פֿאָרטרעטן, אויך אַ ביסל ענלעך.

— גוט צוגעטראַכט, באָלענדער! נאָר צוליב וואָס דער טומל? איך אַליין קאָן זיי אײַנלאַדן אַהער. איינער פֿון זיי איז מיר אויך באַקאַנט. ער האָט געדינט אין דעם שטאַב פֿון דער צווייטער ענגלישער אַרמיי און דאַרף געדענקען, אַז דער הויפּט פֿון געסטאַפּאָ איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די טייל פֿון זײַן אַרמיי דעם 21 מײַ 1945. אַרעסטירט האָט מען אים אין וועג, און געפֿאָרן איז ער, פֿאַרשטייט זיך, אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען, אָן איבער־געטאָנענער, מיט אָפּגעגאָלטע וואָנצעס, איין אויג פֿאַרבונדן מיט אַ שוואַרץ טיכל. אין דער נאַכט אַף דעם 24 מײַ בייס דער מעדיצינישער אונטערזו־

כונג האָט ער פּלוצעם צעביסן מיט די ציין אַ גלעזערנע אַמפּולע מיט גיפט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין מויל, און אין פופצן מינוט אַרום איז ער געשטאָרבן. דאָס איז וועגן הימלערן, און וועגן אײַך וועט אָט דער יונגערמאַן, וועלכער איז געווען אין לאַגער צוזאַמען מיט פרידריך שלעזינגערן און אָנגענומען זײַן פאַמיליע, מעלדן: „כ׳האָב אים געזען און כ׳ווייס, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אין סאָביבאָרער טויט־לאַגער. געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן״. איר פאַרשטייט, אָבערשאַרפירער, וואָס דאָס באַטײַט? סײַדן אין אײַער צושטאַנד גילט ניט קיין קלוגשאַפט און קיין פאַרשטאַנד.

— אויב דער יונגערמאַן וועט עס באַשטעטיקן, וועט עס זײַן פאַלש. פאַלש און געמיין.

— באַלענדער, צי דען האָט איר ניט געלייענט, ניט געהערט, אַז נאָך מיט צען יאָר צוריק האָט מען געכאַפּט און געשטעלט צום געריכט באַוערן, גאַמערסקין? ווונדערן זיך דאַרף מען, וואָס מיר זײַנען אַזוי שפּעט נאָך אײַך געקומען. אַלע לעבן־פאַרבליבענע געפאַנגענע, וואָס זײַנען געווען אין פאַרניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר, וועלן אָף אײַך אָנווײַזן מיט די פינגער.

— ווער עס איז געווען אינעם פאַרניכטונגס־לאַגער, דער וועט שוין אָף קיינעם ניט אָנווײַזן.

— כ׳האָב אויך אַזוי געמיינט, נאָר ס׳איז ניט אַזוי. פאַרוואָרטיילטע זײַנען געבליבן לעבן, און הענקער זײַנען געבליבן אין סאָביבאָר אָף אייביק. וואָלט איר דאַן געווען אין לאַגער, וואָלטן זיי ניט נוימאַנען, נאָר אײַך דעם ערשטן געטייט. אײַך דעם צווייטן, ווען דאָרט וואָלטן געווען זײַן שטאַנגל אָדער וואַגנער. איין פראַגע וועל איך אײַך נאָך שטעלן, ווילט איר, אַנערקענען איך, אַז דאָס איז מײַנע אַ פּערזענלעכע ביטע צו אײַך. זאָגט, ווו געפינט זיך איצט שטאַנגל?

— איך ווייס ניט.

— ס׳זײַנען דאָ אויסזיכטן, אַז ער וועט זיך אינגיכן אַרײַנכאַפּן. נאָר נעמען אים וואָלט איך געוואָלט. איז ווי?

— פון דעם סאָביבאָרער לאַגער־פּערסאָנאַל איז מיר באַוווּסט, ווו עס געפינט זיך בלויז איין מענטש, קאַרל פרענצעל.

— באַלענדער, — האָט בערעק צום ערשטן מאָל זיך געלאָזט הערן, — וועגן קאַרל פרענצעלן איז אונדז אַלץ באַוווּסט. מע דאַרף מיינען, אַז אינגיכן וועט ער שוין זײַן דאָרט, ווו ער דאַרף זײַן.

יאָהאַן שטיפּטער איז אופגעשטאַנען פון זײַן אָרט, און ווי ער וואָלט רעזומירן דעם געשפּרעך, געמאָלדן:

— אויב אַזוי, האָבן מיר הײַנט מיט די פראַגעס און ענטפערס פאַרענדיקט. ביז צו דער מאַשין, וואָס שטייט באַם אַרײַנגאַנג, זאָלט איר גיין צווישן אונדז, קורט באַלענדער. די הענט אָף הינטן!

פייגעלע האָט געוואַרט אין דער מאַשין. אַז באַלענדער איז שוין געווען הינטער די גראַטעס, איז זי צוזאַמען מיט בערעקן אַוועק טעלעגראַפירן קניעווסקין קיין וואַרשע. אַהיים האָבן זיי זיך דערקליבן שפּעט באַנאַכט.

קאפיטל אכט

# דער סאָביבאָר־פּראָצעס

## קיין ענטפער — איז אויך אן ענטפער...

„באָן. עלף געוועזענע עסעסאָוצעס און איין יינגערער פּאָליציי־אָפיצער וועלן אין סענטיאבער איבערגעגעבן ווערן דעם געריכט פון געשווירענע אין דער שטאָט האגען (דייטשישע פעדעראַטיווע רעפּובליק) פאר מאסן־פארניכטונג פון מענטשן אין געוועזענעם היטלערישן טויט־לאגער סאָביבאָר.

דער פּראָצעס, אף וועלכן ס'וועלן אויסגעהערט ווערן פיר און דרײַסיק איידעס, וועט דויערן עטלעכע כאדאָשים".

אזא מיטיילונג איז דעם 22 אפּרעל 1965 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פּוילישער צײַטונג „זשיציע ווארשאווי".

אף פארשיידענע שפּראכן, ווו מיט קעפּל־שריפט אף דער ערשטער זײַט, און ווו מיט פּעטיט, פארוקט און פארקוועטשט אף דער לעצטער זײַט, זײַנען ענלעכע מיטיילונגען פארעפנטלעכט געוואָרן אין הונדערטער צײַטונגען פון פיל לענדער. די פּוילישע פּרעסע האָט דערבײַ אָנגעוויזן, אז אין סאָביבאָר איז אומגעבראַכט געוואָרן בא 150 טויזנט פּוילישע ייִדן. די האָלענדישע האָט דערמאָנט אירע לייענער, אז בלויז לויט די אָפיציעלע ענטפערס, וועלכע פארינטערעסירטע פערזאָנען (קרוויים) האָבן נאָך אין 1946 באקומען פונעם רויטן קרייץ, זײַנען אין סאָביבאָר אומגעקומען 34.313 האָלענדישע בירגער. אינגאנצן גענומען האָט לויט איינע יעדיעס די צאָל קאָרבאָנעס אין סאָביבאָרער טויט־לאגער דערגרייכט 250 טויזנט, לויט אנדערע — העכער א האלבן מיליאָן מענטשן.

דער זאל, ווו ס'איז צונויפגערופן געוואָרן די פּרעסע־קאָנפערענץ, איז א גערואמער, א הויכער. דורך די צערוקטע פאָרהאנגען אף די עטוואָס פאנאנדערגעעפנטע פענצטער זעט מען, ווי די זון איז ארויס פון אונטער א וואָלקן. אף דער שאָטנדיקער זײַט פונעם טראָטואר באוועגט זיך א געדיכטער אוילעם. דאָס האלטן זיך אף דער שאָטנדיקער זײַט, זאָגט מען, איז דער ערשטער סימען, אז דער זומער איז געקומען. אהער אין שטאָט איז ער שוין פון לאנג געקומען. עס גייט די לעצטע וואָך פון יון.

ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אז מע פארבעט פארנעמען די ערטער, און צום מיקראָפאָן איז צוגעגאנגען א מענטש מיט א גוטמוטיק פּאָנעם. די לאנגע האָר ביז די אקסל האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון א קינסטלער. א ווײַלע האָט ער נאָכגעשפּירט נאָך די זון־פלעקן, וואָס האָבן געשפּילט אפן דאך פון אנטקעגנדיקן הויז, און די ערשטע ווערטער האָט ער געווידמעט דער זון, וואָס שײַנט און וואַרעמט פאר אלעמען אלצייַנס.

זײַענדיק אַ גענײטער רעדנער, איז אים ניט שווער געווען אויסצוזוכן דעם איבערגאַנג פון דעם פּײַנעם װעטער צום פּראָצעס, צוליב וועלכן די כאַ־שעווע הערן האָבן זיך אַהער צונויפגעקליבן. אָבער צוביסלעך האָט דער האָפּערדיקער טאָן פון זײַן ריידן אָנגעהויבן פאַרשווינדן, און וואָס ווײַטער, האָט אַלץ מער זיך געלאָזט פילן דער מינאָר.

— נאָך אין אַפּרעל האָבן מיר געמאָלדן, ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער פּראָצעס איבער די געוועזענע באַאַמטע פון דעם געוועזענעם פאַר־ניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר. יאָ, ווי דאָס איז ניט אומאָנגענעם, נאָר פאַרניכ־טונגס־לאַגער, טויט־לאַגער, און ניט, ווי אַנדערע רופן אים אָן, קאָנצענ־טראַציע־לאַגער. אייניקע זשורנאַליסטן אין אויסלאַנד און אַפּילע אויך בא אונדז אין דער בונדעס־רעפּובליק צווייפלען אין דעם, אַז די געריכט־פאַר־האַנדלונג וועט זיך אָנהייבן אין דער אָנגעמערקטער צײַט. איך פאַרזיכער אײַך, אַז דאָס מאָל איז דער טערמין אַן ענדגילטיקער. אָט, זעט איר, מעלדן אײַך פּינקטלעך די דאַטע, ווען דער פּראָצעס וועט זיך פאַרענדיקן, — דאָס קאָן איך ניט. דער לאַנדגעריכטס־דירעקטאָר הער שטראַקע מיינט, אַז דאָס וועט פּאַרקומען דעם 24 דעקאַבער. אויב דאָס וועט זײַן ניט אַזוי, בעט איך אײַך, אַז פאַרזענלעך צו מיר זאָלט איר קיין פּרעטענזיעס ניט האָבן. בלויז די מאַטעריאַלן פון דער פאָרשונג פאַרנעמען העכער הונדערט בענדער. אין זיי, ליידער, קאָנט איר ניט ארײַנקוקן, אָבער איך מיין, אַז הײַנט שוין וועט איר באַקומען גענויסע אינפאָרמאַציע, וועלכע וועט אײַך דערלויבן אָביעק־טיוו באַלײַכטן פאַר אײַערע לייענער דעם אויסערסט וויכטיקן פּראָצעס וועלכער האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט.

דער רעדנער האָט געמאַכט אַ באַדײַטונגספולע פּאַוזע און פאַר־געזעצט:

— איבער אַ ריי מאָטיוון האָט צו זיך דער פּראָצעס קיין גלײַכן ניט. צום אַלעם ערשטן דערפאַר, ווײַל מיט אַ יאָר און זיבן מאָנאַטן, איידער דער דריטער רײַך האָט קאַפּיטולירט, און מיט נײַן מאָנאַטן פאַר דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט אײַנגענומען די טעריטאָריע, ווו סאָביבאָר האָט זיך געפונען, האָבן די געפאַנגענע, ניט וואַרטנדיק אָף קיין זײַטיקער הילף, אויפ־געהויבן אַן אופשטאַנד און זיך אַליין באַפרײַט. געוויס קאָן מען זיי פאַר־שטיין און אויך מיטפילן. דאָך דאַרף אײנצײַטיק געזאָגט ווערן, אַז דאָס האָט באַטײַט אַליין אַרויסטראָגן און אויספילן דעם אורטייל איבער דעם פּערסאָנאַל פונעם לאַגער נאָך פאַרן מישפּעט. ווי האָט געקענט געשען, אַז דער פאַנטאַסטישער פּלאַן פונעם אופשטאַנד זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן, דאָס איז אַן אַנדער זאַך. געוויסע אומשטענדן זײַנען געווען גינסטיק פאַר די אופשטענדלער. דער קאָמענדאַנט און אייניקע עסעס־אָפיצערן זײַ־נען גראַדע דאַן געווען אין אורלויב, אין זייער אָפּוועזנהײַט איז אין לאַ־גער, קאָנטיק, אָפּגעשוואַכט געוואָרן די דיסציפּלין. גינסטיק פאַר די אופ־שטענדלער איז זיכער געווען אויך דאָס, וואָס מיט זיי האָט אָנגעפירט אַ ביז גאָר געוואַגטער און געשולטער מיליטערמאַן, וועלכער האָט פאַר דרײַ וואָכן צײַט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין לאַגער, באַוויזן אַרויסרופן צו זיך צוטרוי בא אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקער מאַסע מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער.

פארוואָס און וויאַזוי איז דער סאָוועטישער אָפיצער אַרײַנגעפאַלן אין סאָביבאָר, ווו לויט הימלערס באַפעל האָבן קיין סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע ניט געטאָרט זײַן, — דאָס פאַרבלײַבט אַ רעטעניש. מעגלעך, אַז עמעצן פון אײַך וועט עס פאַרינטערעסירן. ס'איז באַוווּסט, אַז מע האָט איבערגעפלאָנטערט דעם מאַרשרוט פונעם עשעלאָן. עס טרעפט. דאָס האָט געקאָנט געשען איבער אַ טאָעס פון אַ טעלעגראַפיסט, אַן אײַזנבאַן־דיספעטשער. עס קאָן אָבער אויך אויפקומען אַ געדאַנק, אַז דאָס איז ניט געווען גלאַט אַזוי אַ סאָוועטישער אָפיצער, וואָס איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן אין סאָביבאָר גראָד צו יענער צײַט, ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד. אַזוינע פאַלן זײַנען אויך באַוווּסט. דאָ ניט לאַנג האָב איך געלייענט אַ בוך וועגן אַזאַ איינעם, וואָס איז מיט אַ ספּעציעלער אויפגאַבע געקומען אין וואַרשעווער געטאָ...

דער רעדנער האָט אָנגעזאָגטלט אַף זײַן דינער, עטוואָס געבויגענער נאָז די ברילן, זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען בלעטערן די פּאַפּירן, וואָס זײַנען געלעגן פאַר אים, קלײַבנדיק זיך, קאָנטיק, עפּעס פאַרלייענען פון זיי. נאָר דאָ איז פון זײַן אָרט אויפגעשטאַנען אַ הויכער מאַן מיט פריזקנייטשן אַפן שטערן — בערעק — און זיך געווענדט צום וואָרטזאָגער:

— הער לאַנדראַט, איר וועט מיר דערלויבן דערווײַל ניט אָנרופן מײַן נאָמען און די צײַטונג, וועלכע איך שטעל פאָר. איר האָט דאָ געזאָגט, אַז געפאַנגענע האָבן זיך אַליין באַפרײַט און דאָס האָט באַטײַט אַרויסטראָגן און אויספילן דעם אורטייל, איידער עס איז פאָרגעקומען דער, אַזוי צו זאָגן, געזעצלעכער מישפּעט... נאָר פאַר דעם האָט איר מיט רעכט באַטאָנט, אַז סאָביבאָר איז געווען ניט פּאָשעט קיין לאַגער, נאָר אַ טויט־לאַגער. פאַרוואָס זשע האָט איר דעם פאַרגעסן? ווער, פרעגט זיך, האָט עס געקענט זײַן נאָך מער געזעצלעך באַפולמעכטיקט פאַרניכטן די מערדער, ווי אַליין די געפאַנגענע, וועלכע מע האָט געטריבן אין די גאַז־קאַמערן? יעדערער, וואָס האָט געקעמפט מיטן פאַשיזם, איז, לויט מײַן מיינונג, געווען געזעצלעך באַפולמעכטיקט דערויף. איך וואָלט אויך געוואָלט וויסן, ווי דאַרף מען פאַרשטיין די ווערטער, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן דעם אָנפירער פונעם אויפשטאַנד? ס'קאָן זײַן, ס'איז פאַר אײַך אַ רעטעניש דאָס, וואָס ער און זײַנע לאַנדסלײַט האָבן באַשטימט ראַטעווען ניט נאָר זיך אַליין, נאָר אַלעמען, פון וועלכן לאַנד און שטאַנד זיי זאָלן ניט זײַן? — און ווײַל די פראַגע איז געבליבן אָן אַן ענטפער, האָט ער פאָרגעזעצט: — איר האָט זיך דערלויבט מאַכן אַ פאָרוואָרף די העלדישע אויפשטענדלער פון סאָביבאָר, די אומגעקומענע און לעבן־געבליבענע, און שווײַגט. קיין ענטפער — איז אויך אַן ענטפער...

דער וואָרטזאָגער האָט קלוימערשט מיט אַ רויִק געמיט און מיט אַ שמייכל זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— איך האָב אויפמערקזאַם אויסגעהערט די אויפגעבראַכטע רייד פונעם הער, וועלכן איך האָב ניט ערע צו קענען אַלס זשורנאַליסט, און האַלט, אַז דער עקספּראָמט האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. ווען דער געערטער הער וואָלט ניט אַזוי שנעל רעאַגירט, נאָר באַקלערט מײַנע ווערטער, וואָלטן זיי, האָף איך, ניט געמאַכט אַף אים אַזאַ אײַנדרוק. איך האָב דאָך

אויך געזאָגט, אַז מע קאָן די געפאנגענע געוויס פארשטיין און אויך מיטפילן. איך זע, דאָס באפרידיקט אײַך ניט? ס'איז אײַער רעכט, — און באַם וואָרטזאָגער האָט זיך ארויסגעכאפט א פראגע, וועלכע ער האָט מיסטאמע ניט באדארפט געוועז שטעלן, — ווען האָט איר, א מאן פון א יאָר עטלעכע און דרײַסיק, צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט וועגן סאָביבאָרער פארניכטונגס־לאגער?

— שוין זייער לאנג. פערצן יאָר בין איך דאן אלט געוועז.

— איך בעט בא אײַך אנטשולדיקונג, — האָט דער ראטגעבער אף אים א קוק געטאָן מיט אומגלויבן אין בליק, — נאָר איך מיין, אז דער געריכט וועט זיך ניט פארנעמען מיט דער געשיכטע פונעם אופשטאנד אין סאָביבאָר. ווען איך זאָל זיך האלטן בא אן אנדער מיינונג, וואָלט איך ניט געהאט דאָס רעכט ארויסזאָגן וועלכע־ניט־איז באהויפטונג וועגן דעם פריער, ווי זי איז אפן געריכט פון די געשווירענע באהאנדלט געוואָרן. ס'וועלן געוויס זיך געפינען היסטאָריקער, וואָס וועלן שטודירן די געשיכטע פונעם אופשטאנד. לאָמיר זיי ווינטשן דערפאָלג אין דער וויכטיקער און נייטיקער ארבעט. אויב איר וועט עס פארלאנגען, וועל איך בא א געלעגנהײַט פאַרזעצן מיט אײַך דעם שמועס. איצט איז שוין, ליידער, קיין צײַט ניטאָ. דערלויבט מיר פארעפנטלעכן אן אָפיציעלן דאָקומענט פון דער יורידישער פרעסע־פאָרשטייערשאפט בא דעם לאנד־געריכט אין האגען.

## זייער געערטע הערן!

אין דעם געריכט פון די געשווירענע בא דעם לאנדגעריכט פון דער שטאָט האגען אין וועסטפאלן וועט דעם 6 סענטיאבער 1965 זיך אָנהייבן דער פראָצעס פון צוועלף געוועזענע מיטארבעטער פון עסעס אָדער פון דער פאָליציי, וועלכע זאָלן האָבן אין די יאָרן 1942 און 1943 מיטגעווירקט דערמאָרדן ייִדן אין דעם פארניכטונגס־לאגער סאָביבאָר (דיסטריקט לובלין אין פוילן). אורטיילנדיק לויט די פאראנענע מאטעריאלן, וועט דער פראָצעס, דארף מען רעכענען, מינדסטנס דויערן פיר מאָנאטן. עס זײַנען אײַנגעלאדן: דרײַצן איידעס פון די פאראייניקטע שטאטן, עלף פון ייִסראָעל און צען פון דער בונדעס־רעפובליק.

באגלײַך מיט טרעבלינקע און בעלזשעץ איז דער לאגער סאָביבאָר געוועזן איינער פון די דרײַ טויט־לאגערן, וועלכע די אָנפירונג פון עסעס האָט ענדע 1941 — אָנהייב 1942 געשאפן, קעדיי דורכפירן די אזויגערופענע „ענדלייזונג פון דער ייִדן־פראגע" („ריינהארד־אקציע") אין געוועזענעם גענעראל־גווערנעמענט. לויט די פאראנענע אָנגאבן זײַנען אין סאָביבאָר אומגעבראכט געוואָרן בא 250 000 ייִדן.

ווי טרעבלינקע און בעלזשעץ, איז דער לאגער סאָביבאָר געוועזן אונטערגעוואָרפן דער הויפט־קאָמאנדשאפט, אין שפּיץ פון וועלכער ס'איז געשטאנען דער פארשטאָרבענער אין 1945

יאָר עסעס־גרופּענפירער אָדיליאָ גלאָבאָטשניק. אָנגעפירט מיטן לאַגער האָט דער קאָמענדאַנט. אין 1942 יאָר איז עס געווען דער עסעס־אָבערשטורמפירער טאָמאַלאַ, וועלכער איז, ווי ס׳איז געמאָלדן, געשטאָרבן. פאַרביטן האָט אים דער עסעס־אָבערשטורמפירער שטאַנגל, וועלכער איז ניט געפונען געוואָרן. נאָך אים איז עס געווען דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער עסעס־אָבערשטורמפירער רײַכלײַטנער. די מערהײַט פון דעם דײַטשישן לאַגער־פּערסאָנאַל האָט ניט געהאַט קיין אָפיצער־טיטלען.

צוויי געוועזענע אופזעער פונעם לאַגער סאָביבאָר — עריך באַוער און הובערט גאָמערסקי — זײַנען דורך אַנדערע געריכטן פאַרורטיילט געוואָרן צו אייביקער טפיסע.

אין אָקטיאַבער 1943 האָבן עטלעכע הונדערט ייִדישע העפטלינגען אופגעהויבן אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד קעגן זייערע באַוואַכער. דער אופשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן. דעם לאַגער האָט מען ליקווידירט.

די צוועלף אָנגעקלאָגטע אױף דעם אַזױגערופענעם סאָביבאָר־פּראָצעס, וואָס וועט זיך אָנהייבן דעם 6 סענטיאַבער 1965, ווערט אינקרימינירט.

1. דעם געוועזענעם עסעס־אָבערשאַרפירער
פּאַרטיע קורט באָלענדער פון האַמבורג, געבוירן דעם 21 מײַ 1912,
9 פאַלן פון דערמאָרדן צוזאַמענגענומען באַ 360 מענטשן,
2 פאַלן פון מיטהעלפן דערמאָרדן צוזאַמענגענומען באַ 86 טויזנט מענטשן;

2. דעם געוועזענעם עסעס־אָבערשאַרפירער
געהילף פון בינע־רעזשיסער, קאַרל פרענצעל פון געטינגען, געבוירן דעם 20 אווגוסט 1911,
42 פאַלן פון דערמאָרדן אַן אומבאַשטימט גרויסע צאָל מענטשן;
2 פאַלן פון מיטהעלפן דערמאָרדן צוזאַמענגענומען באַ 250 טויזנט מענטשן;

3. דעם געוועזענעם עסעס־אונטערשאַרפירער
אייגנטימער פון אַ שפּײַכלער פראַנץ וואָלף פון עפּעלהיים, געבוירן דעם 9 אַפּרעל 1907,
1 פאַל פון דערמאָרדן איין מענטשן,
1 פאַל פון מיטהעלפן דערמאָרדן באַ 115 טויזנט מענטשן;

די דרײַ אויבן־אָנגערופענע אָנגעקלאָגטע געפינען זיך אין פאָרלויפיקער געפאַנגענשאַפט, באָלענדער פון 1961, פרענצעל פון 1962 און וואָלף פון 1964.

4. דעם געוועזענעם פּאָליציי־אָבערוואכמײַסטער מויערער עריך לאכמאן פון אונטערגריזבאך, געבוירן דעם 6 נאָיאבער 1909,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן בא 150 טויזנט מענטשן;

5. דעם געוועזענעם עסעס־אָבערשארפיורער האנדלס־פאָרשטייער האנס־היינץ שיוט פון סאַלטאו, געבוירן דעם 6 אפּרעל 1908,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן בא 86 טויזנט מענטשן;

6. דעם געוועזענעם עסעס־שטאבסשארפיורער שלאָסער ווערנער דיבוא פון שוועלם, געבוירן דעם 26 פעווראל 1913,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן בא 43 טויזנט מענטשן;

7. דעם געוועזענעם עסעס־שארפיורער אוטאָמעכאניקער עריך פוקס פון בענדאָרף, געבוירן דעם 9 אפּרעל 1902,

2 פאלן פון מיטהעלפן דערמאָרדן צוזאמענגענו־מען בא 3.600 מענטשן;

8. דעם געוועזענעם עסעס־אָבערשארפיורער שווארצארבעטער אלפרעד איטנער פון קולמבאך, גע־בוירן דעם 13 יאנואר 1907,

2 פאלן פון מיטהעלפן דערמאָרדן צוזאמענגענומען בא 57 טויזנט מענטשן;

9. דעם געוועזענעם עסעס־אונטערשארפיורער שטיינהעקער הערמאן לאמבערט פון שטוטגארט, גע־בוירן דעם 7 דעקאבער 1909,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן אן אומבא־שטימט גרויסע צאָל מענטשן;

10. דעם געוועזענעם עסעס־אָבערשארפיורער סאניטאר היינ־ריך אונפערהאו פון קעניגסלוטער, געבוירן דעם 26 מײַ 1911,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן בא 72 טויזנט מענטשן;

11. דעם געוועזענעם עסעס־אונטערשארפיורער הויף־וועכטער ראָבערט יורס פון פראנקפורט־אם־מײַן, געבוירן דעם 17 אָקטיאבער 1911,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן 30 מענטשן;

12. דעם געוועזענעם עסעס־אונטערשארפיורער ארבעטער פון א זעגמיל ערנסט צירקע פון זידווינזען, געבוירן דעם 6 מײַ 1905,

1 פאל פון מיטהעלפן דערמאָרדן 30 מענטשן.
די אָנגעקלאָגטע באַלענדער, פרענצעל און וואָלף זאָלן האָבן באַגאַנגען מאָרד־טאַטן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, ניט האָבנדיק דערויף קיין אויסדריקלעכן באַפעל. די אַנדערע אָנגעקלאָגטע, וואָס ווערן באַשולדיקט בלויז אין מיטהעלפן דערמאָרדן, האָבן אָן קיין באַפעל ניט געטייט.

מיט טיפער אכטונג
ד״ר מיכעלס
לאַנדגעריכטסראַט.

פאַר דעם וואָרטזאָגער האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז מיט וואַסער. ער האָט פון איר לאַנגזאַם אַ זופּ געטאָן איין מאָל, אַ צווייט מאָל און דערנאָך מיט דער צונג באַנעצט די ליפּן און שוין ווייניקער אָפיציעל פאָרגעזעצט:

— דאָס, וואָס איך האָב דאָ פאָרגעלייענט, ווי אויך דעם פּלאַן פונעם פאַרניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר וועט איר באַקומען אָפּגעדרוקט. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען דריי מאָל א וואָך: מאָנטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק. אַלע אַרויסטרעטונגען אַפן געריכט וועלן פאַרשריבן ווערן אויף אַ מאַגניטאָפאָן, נאָר בלויז די מיטאַרבעטער פון געריכט וועט זיין דערלויבט זיך נוצן מיטן פאַרשריבענעם. ניין, אין דער הינזיכט וועלן קיין אויסנאַמען ניט געמאַכט ווערן. פאַר היסטאָריקער, פרעגט איר? בלויז פאַר די, וואָס וועלן ספּעציעל איינגעלאַדן ווערן מיטצוהעלפן דעם געריכט פעסטשטעלן דעם עמעס.

עמעצער אין זאַל האָט גאַנץ הויך אַ זאָג געטאָן:
— אָפיציעל איינגעלאַדענע היסטאָריקער ליגן היסטאָריש.
עס האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. ניט אַזוי גיך האָט דעם ראַטגעבער זיך איינגעגעבן איינשטילן דעם זאַל און געבן אַ וואָרט דעם מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגערופן:
— סטאַניסלאַוו קניעוואָסקי. פּוילן. היסטאָריקער.
— שוין אַ לענגערע צייט, — האָט געזאָגט קניעוואָסקי, — ווי איך זאַמל און פאַרעפנטלעך מאַטעריאַלן וועגן די געוועזענע טויט־לאַגערן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. דאָ האָט מען געוואָרפן אַ רעפּליק, אַז עס טרעפט, ווען היסטאָריקער ליגן. ס׳איז ניט צום לאַכן, ווייל, לײַדער, איז עס אַזוי. אויב אַ היסטאָריקער וויל פאַרטיידיקן די נאַצי־פאַרברעכער, דאַן מוז ער אומבאַדינגט ליגן. אַזוי באַזונדערס איז געווען אויף די פּראָצעסן און נאָך די פּראָצעסן איבער די הענקער פון סאָביבאָר עריך באַוער און הובערט גאָמערסקי. איר זאָגט, הער ראַטגעבער, אַז דאָס געהערט ניט צו דער זאַך, אָבער איר האָט זיי דאָך היינט אַליין דערמאָנט, הייסט עס... נו, גוט, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, און דאָס בלויז איז אים געקומען אין פּאָנעם אַרײַן, — איך פאָלג אײַך. כ׳בעט נאָר מיר ענטפערן אויף צוויי־דרײַ פראַגן:
ערשטנס, אויף וועלכן גרונט האָט איר געמאָלדן, אַז אין סאָביבאָר האָט מען אומגעבראַכט 250 טויזנט מענטשן? אויב אַזאַ ציפער האָבן אָנגערופן

די באשולדיקטע אָדער זייערע אדוואָקאטן, באטײַט עס דאָך ניט, אז דאָס איז ווירקלעך אזוי. מער צוטרוי פארדינען די ביז גאָר ערנסטע אויספאָר־שונגען פון אווטאָריטעטע היסטאָריקער אין א ריי לענדער, וועלכע דער־ווײַזן, אז דאָרט זײַנען אומגעבראכט געוואָרן פיל מער מענטשן. דאָס באַ־ווײַזן אויך די לעבן־געבליבענע סאָביבאָראָווצעס. עס ווילט זיך האָפן, אז דער לאנדגעריכט וועט זיך באמיִען פעסטשטעלן מער פינקטלעך די צאָל פון די אומגעבראכטע.

צווייטנס, אף וועלכן גרונט ווערט געמאָלדן, אז דער אופשטאנד אין סאָ־ביבאָרער טויט־לאגער איז דערשטיקט געוואָרן? דאָ ניט לאנג האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויסזוכן א טעלעגראם, וואָס דער שעף פון דער זיכער־הײַט־פּאָליציי פונעם לובלינער קרײַז האָט דעם 15 אָקטיאבער, אפן צווייטן טאָג נאָכן אופשטאנד, אָפּגעשיקט אין הימלערס קאנצעליאריע. ער האָט ניט געוואגט לייקענען דעם דערפאָלג פון דעם אופשטאנד. אָט וואָס ער האָט מיטגעטיילט אין זײַן טעלעגראם: „דעם 14 אָקטיאבער 1943, ארום פינף אזייגער פארנאכט, איז אין סאָביבאָרער לאגער, וואָס געפינט זיך 40 קי־לאָמעטער צאָפנדיקער פון כעלם, פּאָרגעקומען אַן אופשטאנד. באקעמפט דעם ווידערשטאנד פון דער וואך, זײַנען די אופשטענדלער אוועק אין אַן אומבאוווסטער ריכטונג. נײַן עסעסאָווצעס זײַנען דערמאָרדעט. איינער איז ניט געפונען געוואָרן, איינער איז פארוווּנדעט. צוויי וואכלײַט—אויסלענ־דער זײַנען דערשאָסן”.

הימלערס באפולמעכטיקטן, וועלכער איז גלײַך ארויסגעפאָרן קיין סאָ־ביבאָר, זײַנען דערנאָך איבערגעגעבן געוואָרן פאָטאָגראפיעס ניט פון נײַן, נאָר פון זעכצן געטייטע עסעסאָווצעס. אויב נעמען אין אכט די צאָל אָפּי־צערן אינעם אזויגערופענעם סאָביבאָר־גארניזאָן און אז א טייל פון זיי זײַנען אין יענעם טאָג געווען אין אורלויב, ווערט מיט דער דאָזיקער ציִ־פער אלץ געשטעלט אף אַן אָרט. דערצו דארף מען אין זינען האָבן, ווי אויסגעמושטרירט און באוואָפנט עס איז געווען די עסעס־וואך, מיט וויפל רייען שטעכלדראָט דער לאגער איז געווען ארומגערינגלט און אין וועלכן צושטאנד עס האָבן זיך געפונען און וואָס פאר א „באוואָפענונג” עס האָבן פארמאָגט די אופשטענדלער. דאָס סאמע וויכטיקסטע איז אָבער דאָס, וואָס בא דרײַ הונדערט געפאנגענע האָבן זיך באפרײַט. איז ווער האָט דאָס רעכט צו זאָגן, אז דער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרן?!

און צולעצט, די דריטע פראגע: צי האלט ניט דער לאנדגעריכט, אז דער איידעס נומער איינס אף דעם אויסערסט וויכטיקן פּראָצעס, ווי איר אליין האָט געזאָגט, דארף זײַן דער אָנפירער פונעם אופשטאנד אינעם טויט־לאגער סאָביבאָר? זײַן אדרעס וועט אײַך מיטיילן יעדערער פון די לעבן־געבליבענע סאָביבאָראָווצעס, אין וועלכן לאנד ער זאָל ניט וווינען. ווילט איר, קאָנט איר אים גלײַך פארשרײַבן: אלעקסאנדער פעטשערסקי, סאָוועטנפארבאנד, ראָסטאָוו־אפן־דאָן. אין אנדערע שטעט פון סאָוועטנ־פארבאנד לעבן נאָך זעקס מענטשן, וואָס האָבן אקטיוו אָנטיילגענומען אינעם אופשטאנד. אין פוילן לעבן... גוט, הער ראטגעבער, געוויס פארשטיי איך, אז ניט איר קאָנט לייזן אזעלכע פראגן. איך האָב פאר־ענדיקט.

# די פרעסע טיילט מיט

### פון דער פוילישער צײַטונג
### „שטאַנדאַר לודו”, 30 יון 1965

...אַף דעם סאָביבאָר־פּראָצעס ווערן קיין אײדעס פון פוילן ניט ארויסגערופן.

בלויז אייניקע מערדער פון סאָביבאָר זײַנען באשטראָפט. די מערהײַט פון זיי, ווי די מערהײַט היטלעראָווצעס, וואָס זײַנען באגאנגען פארברעכנס אין פוילן, באהאלטן זיך אויס אין מערעוו־דײַטשלאנד.

די פארברעכנס אין סאָביבאָר זײַנען נאָך פולשטענדיק ניט אופגעדעקט. די הויפּט־קאָמיסיע, וואָס פאָרשט די היטלערישע פארברעכנס אין פוילן, ווענדט זיך מיט א ביטע צו אלע אײ־דעס און צו אלע מענטשן, וועלכע פארמאָגן אזעלכע מאטע־ריאלן, איבערגעבן זיי דער קאָמיסיע.

מאָסקווע, 1 סעפּטעמבער, 1965, טאסס.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער דײַטשישער פרעסע־אגענ־טור טײלט מיט פון האגען: מאָנטיק וועלן צוועלף געוועזענע עסעסאָווצעס געשטעלט ווערן פארן געריכט פון די געשווי־רענע אין האגען. זיי ווערן באשולדיקט אין דערמאָרדן און אין מיטהעלפן דערמאָרדן 250 טויזנט ייִדן אין טויט־לאגער סאָביבאָר אין פוילן. דער הויפּט־באשולדיקטער אַף דעם פּראָצעס איז דער 53־יאָריקער פּאָרטיע קורט באָ־לענדער.

די מערהײַט אײדעס זײַנען געווען „ארבעטס־ייִדן” אין סאָביבאָר און זײַנען געבליבן לעבן אדאנק דעם אופשטאנד פון די קאצעטניקעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 14 אָקטיאַ־בער 1943. אין דעם טאָג האָבן פון צוויי ביז דרײַ הונדערט ייִדן מיט מעסער, פלעקער, העק און אייניקע אפילע מיט פּיסטאָלעטן און ביקסן זיך אופגעהויבן קעגן זייערע הענקער. בייס אָט דעם אופשטאנד זײַנען אומגעקומען בא 20 דײַ־טשישע אופזעער און צווישן זיי דער פארטרעטער פונעם לאגער־קאָמענדאנט. בא 130 אופשטענדלער זײַנען אומגעַ־קומען פון די מינעס, מיט וועלכע סאָביבאָר איז געווען ארומ־גערינגלט, און פון די פאשיסטישע קוילן.

עלף פון צוועלף באשולדיקטע אין דעם האגענער פּראָ־צעס האָבן ביז דער „אקציע ריינהארד” אָנטיילגענומען אין דער אויסראָטונג־אקציע 4 ‑T.

# פאָנעם־על־פּאָנעם

באַטאָג נאָך איז געווען מעכײַע־וואַרעם. נאָר סאָף טאָג האָט באַם האָריזאָנט לענגער, ווי געוויינלעך, זיך פאַרהאַלטן די שקיִע־רויטקײַט, פונעם טײַך ענעפּע האָט א בלאָז געטאָן מיט קעלט, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן שוין די שפּיצן פון די ביימער זיך גענומען הוידען און א שטיק צייטונג איז שוין ניט גלאַט געפלויגן אינדערלופטן, נאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקײַט געריטן אפן ווינט.

מיטן אָנקום פון טאָג, ווען ס׳האָבן זיך גענומען אויסשיילן שטיקער גרויער הימל, איז דער ווינט עטוואָס לינדער געוואָרן, נאָר ס׳האָט סײַווי בא אים קיין שום ווערט ניט געהאַט שטיפעריש זיך פאַרקלײַבן אונטער די קאָלנערס, צעכראַסטען די פּאָלעס פון די לײַכטע רעגנמאַנטלען, פאַרהייבן א קליידל, וואָס איז אזוי אויך איבערגענוג קורץ, רײַסן די נאָך ניט פאַרוועלקטע בלעטער.

צוויי אַלטע לײַט, וועמעס אויסגעשטרעקטע הענט האָבן אנטקעגנגעטראָגן איינער דעם צווייטן דעם „גוטען־מאָרגען", האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום ווינט און זיך געלאָזט גיין צוזאַמען.

— אײַך ווײַזט זיך ניט אויס, הער נוימאַן, אז דער נעכטיקער זומער און דער הײַנטיקער האַרבסט זײַנען זיך אזוי נאָענט צונויפגעגאַנגען, אז מע קאָן שוין ניט וויסן, ווער וועמען וועט אַרויסשטויסן? — זאָגט איינער פון זיי, און כאָטש ער רעדט הויך, האָט דער צווייטער צוגעלייגט צום אויער די דלאָניע, ווי א דאַשעק.

עפּעס נאָך האָט דער אַלטער געוואָלט זאָגן, נאָר אין זײַן ברוסט איז שוין ניט געווען אזויפיל אָטעם, וויפל ער האָט באַדאַרפט האָבן. וואַרט ער אף אן ענטפער, און קעדיי דער ווינט זאָל ניט אָפּטראָגן די ווערטער אָן א זײַט, שאַפט ער זיך אויך פון פינף אײַנגעבויגענע קנאָכיקע פינגער א דאַשעקל באַם אויער.

— זאָרגט אײַך ניט, הער גאָולשטיך, — ענטפערט געאָרג נוימאַן, — פאַר די, וואָס לעבן, וועט נאָך דער זומער זיך אומקערן און דער האַרבסט וועט ניט פאַרפעלן קומען. אָט זעט איר, פאַר מײַן זון און פאַר אײַער ברודער איז שוין צוויי און צוואַנציק יאָר אויס האַרבסט, אויס זומער, אויס וועלט. מײַן יאָהאַן וואָלט נאָך קיין פופציק ניט אַלט געווען. זײַן זון, מײַן אייניקל, איז שוין עלטער פון זײַן טאַטן. א קנאַפּער מאָנאַט האָט אים געפעלט צו זיבן און צוואַנציק, ווען די באַנדיטן האָבן אים מיט א האַק צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, און איצט וויל מען אים א צווייט מאָל קעפּן, און ווער? אַך־אָך! איין דײַטש א צווייטן...

— הער נוימאַן, איר מיינט, אז אלפרעד און יאָהאַן וועלן דערמאָנט ווערן אפן געריכט?

— פאַרוואָס ניט? אײַך וואָלט עס דען פאַרדראָסן? פאַרקערט, זאָל מען זיי וואָס אָפטער דערמאָנען. זיי האָבן דאָס לעבן אָפּגעגעבן פאַרן פאטערלאַנד, און עס באַקומט זיך, ווי זיי וואָלטן גאָר אף דער וועלט ניט געווען. פאַרוואָס, פרעגט זיך, קומט עס זיי?

— אלפרעדס פרוי איז געשטאָרבן, און זײַנע צוויי טעכטער אינטערע־סירן זיך אבסאָליוט ניט מיטן געריכט. זיי דערמאָנען ניט אלפרעדן, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל קיין פאָטער ניט געהאַט. זײַן אייניקל, זעט איר, דער וואָלט שוין גראָד געוואָלט וואָס מער וויסן וועגן זײַן גראָספאַטער. דער וואָלט, קאָן זײַן, זיך ניט אָפּגעזאָגט זײַן דער פּראָקוראָר אפן געריכט. אין באָן וווינט ער. איינמאָל בין איך געקומען צו אים און אים פּונקט געטראָפן מיטן פענדזל אין דער האַנט, ווען ער האָט געמאָלט אַ טראַנספּאַראַנט: „געדענקט וועגן 1933 יאָר, פּראָטעסטירט קעגן דער אויסראָרדנטלעכער געזעצגעבונג!". „גוסטאַוו, — האָב איך אים געפרעגט, — ווי וואָלט געווען, ווען ניט איך, נאָר דײַן גראָספאַטער וואָלט אַרײַנגעקומען צו דיר אין צי־מער?" — האָט ער אפילו ניט געפונען פאַר נייטיק מיר צו ענטפערן. ער האָט זיך געײַלט צוזאַמען מיט נאָך אַזאַ, ווי ער, אַ פאַרשטייער פון עפּעס אַ פּאַציפיסטישער געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך „קאַמפּאַניע קעגן אַטאָם־באַוואָפענונג", אין בונדעסטאַג אויסצודריקן אַ פּראָטעסט קעגן פּראָיעקט פון ענדערן די קאָנסטיטוציע. און וואָס מיינט איר? מע האָט זיי אופגענור־מען. און דערנאָך, ווען דער בונדעסטאַג האָט באַהאַנדלט דעם פּראָיעקט, האָט גוסטאַוו מיט זײַנע קאַמראַדן מאַרשירט איבער די צענטראַלע גאַסן, דערנאָך האָבן זיי דורכגעפירט אַ מיטינג, דערנאָך...

— ווער איז ער בײַ אײַך?

— גוסטאַוו? וואָס הייסט ווער? אלפרעדס אייניקל.

— דאָס, הער גאָולשטיק, האָב איך שוין פון אײַך געהערט. ער איז, פרעג איך, אַ קאָמוניסט?

— דערווײַל ניט, און ווײַטער — ווער קאָן וויסן? איך האָף, אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער קליגער ווערן. די גאָולשטיקס האָבן פון שטענדיק אָן זיך פאַרנומען מיט קאָמערציע, און ניט מיט קיין פּאָליטיק. איך האָב עס אים דערמאָנט. ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געענטפערט? באַלד וועל איך איבערגעבן וואָרט צו וואָרט: „און מיר האָט מען געזאָגט, אַז ניט נאָר מײַן גראָספאַטער, נאָר אויך איר, זײַן ברודער, זײַט געווען אַן אַקטי־ווער מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָך האָט מײַן גראָספאַטער מער דערגרייכט. ער איז געווען אין עסעס, און איר זײַט געווען ניט מער, ווי אַ האויפּטמאַן פון רײַכסווער".

— הער גאָולשטיק, ביז צו דער געריכט־געבײַדע איז נאָך ווײַט? איך בין אַמאָל געווען אַ גוטער גייער! געווען. אַלץ איז געווען. מיך, קאָן מען זאָגן, האָט קיין זאַך ניט גענומען. און איצט קאָן אַ ווינטל מיר פאַרשטעלן דעם וועג. אויב ס'איז נאָך ווײַט, וועלן מיר, קאָן זײַן, איבערכאַפּן דעם אָטעם אָדער גאָר אָפּשטעלן אַ טאַקסי?

— ניין־ניין. באַלד בײַם ראָג וועלן מיר פאַרקערעווען, און פון דאָרט איז שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

בערעק שלעזינגער איז אין האַגען פאַרפאָרן ניט אין דעם נײַעם, אָקאָרשט אויסגעבויטן פון בעטאָן און גלאָז, האָטעל, וואָס אין סאַמע צענ־טער, ווי דאָס האָט געטאָן די מערהײַט פון די, וואָס זײַנען געקומען אפן

פּראָצעס. ער האָט געפּאַטערט בא צוויי שאָ, בלאָנקענדיק אינעם געפּלאָנטער פון די אַלט־שטאָטישע גאַסן און געסלעך, נאָר, סאָפקאָלסאָף, אויסגעזוכט דאָס, וואָס אים האָט זיך געוואָלט, — א שטיל און רויִק גאַסטהויז.

וועגן דעם האָט אָנגעזאָגט א שילד באַם אַרײַנגאַנג און נאָך מער אליין דער אויסזען פון דעם דרײַשטאָקיקן מויער, אויסגעלייגט פון רויטן ציגל. דער דאַך הויך און פאַרשפּיצט. די שמאָלע קליינע פענצטער אַפן ערשטן שטאָק פאַרגלאָזט מיט פילקאָלירִיקע שײַבלעך. אין דער מיט פון דעם ניט גרויסן האָל איז בא א ברייטן דעמבענעם טיש געזעסן דער באַלעבאָס פון הויז — א באַיאָרטער דײַטש, בא וועמען די טרערנדיקע אויגן זײַנען געווען ווי פאַרשטעקט אין אַלטע צעקנייטשטע בײַטלען. גערעדט האָט ער א ביסל אונטער דער נאָז, נאָר בערעק האָט פאַרשטאַנען פון זײַנע רייד, אז באַקומען אין דעם האָטעל א צימער איז ניט לײַכט. ליבהאָבער פון אַלץ, וואָס שמעקט מיט פאַרגאַנגענהײַט, וואַקסן ווי אַף הייוון, און דאָ לעבט דאָך ווירקלעך אַליין די אַלטקײַט. אויב אויספאָרן גאַנץ וועסטפאַלן, וועט מען א צווייט גאַסטהויז אַזאַ ניט געפינען. דעם גאַסט, אַן אויסלענדער, קאָנטיק, נאָר מע דאַרף זאָגן, אז ער רעדט א גוטן דײַטש, האָט אָפּגעגליקט. א פּראָפעסאָר פון באָן, וואָס לייענט לעקציעס אין דער היגער אַדמיניסטראַטיוו־ווירטשאַפטלעכער אַקאַדעמיע און שטעלט זיך שטענדיק דאָ אָפּ, האָט באַדאַרפט קומען נאָך נעכטן און גראָד דאָס מאָל אַף א לענגערער צײַט, נאָר ערשט האָט מען אָנגעקלונגען פון דער אַקאַדעמיע און צו וויסן געגעבן, אז דער פּראָפעסאָר וועט ניט קומען.

די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען, נאָך איידער דער נײַער גאַסט האָט פאַרפולט די רעגיסטריר־קאַרטע: בערנאַרד שלעזינגער פון האָלאַנד. מעגלעך, ער וועט זיך פאַרהאַלטן, מעגלעך, אַף א צײַט אָפּפאָרן און ווידער קומען.

ביטע, ביטע, — איז געווען דער ענטפער, — אין א האָטעל, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצן פיר און דרײַסיק צימערן, איז ווינטשנסווערט, אז אַלע אײַנוווינער זאָלן זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים. ס'איז נאָך פאַראַן א מאַנסאַרדע. דאָרט לעבן סטודענטן, פון וועלכע מע האָט מער שאָדן, ווי פּראָפיט. און דאָך... צימערן זײַנען געווען פערציק, נאָר אַן הײַנטצײַטיקע באַקוועמלעכקײַטן, איז ער געצוווּנגען געווען דאָס הויז רעקאָנסטרויִרן. אַכט און פערציק מאַרק פאַר א טאָג און א נאַכט וועט עס קאָסטן. אויב דער הער שלעזינגער וועט וועלן, קאָן ער זיך שפּײַזן אין רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך דאָ אַפן ערשטן שטאָק. דער זאַל איז א קליינער, נאָר די מערהײַט קוואַרטיראַנטן שפּײַזט זיך בא אים. ביטע, דעם שליסל, הער שלעזינגער!

די הילצערנע טרעפּ סקריפּען, נאָר זיי זײַנען אַזוי אָנגעוועקסלט, אז מע קאָן זיך אויסגליטשן. שפּאַנט בערעק צו זיך אַפן דריטן שטאָק. דאָס מעשענע הענטל פון דער טיר אין נומער איז אויסגעשײַערט און גלאַנצט, כאָטש שפּיגל זיך אין דעם. אין צימער שטייט א הילצערן בעט, צוקאָפּנס א קליין שאַפּקעלע, וווּ באַנאַנד מיטן נאַכט־לעמפּל ליגט אַן עוואַנגעליע. אינמיטן צימער — א טיש, צוויי בענקלעך, און אין ווינקל לעבן א קליינער שאַפע — אַן אַלטער פאָטערשטול, אַרומגעצויגן מיט שוואַרצן לעדער.

בערעק האָט דערלאָזט, אז אין האגגען קאָן מיט אים טרעפן עפּעס אומ־דערוואַרטס, נאָר אז אפן צווייטן טאָג נאָך זײַן קומען וועט ער בא דער טיר פון האָטעל באַגעגענען זיך קימאַט פּאַנעם־על־פּאָנעם מיט נוימאַנס פּאָטער, מיט גאולשטיכס א לײַבלעכן ברודער, — אף דעם האָט ער זיך ריכטן ניט געקאָנט. זיי זײַנען געגאַנגען מיט איין וועג, באַדאַרפט אף איין גאַס, אין איין און דעם זעלבן הויז. בא אַלטע לײַט איז דער געהער אָפּגע־שוואַכט, ריידן זיי הויך. ער האָט ניט ווילנדיק אופגעכאַפּט יעדער וואָרט זייערס, אַלע „יאָ־יאָ" און „אַך־אַך". ווען ער זאָל געוואָלט וועלן, וואָלט ער אויך אין געריכט־זאַל געקאָנט זיצן בישכיינעס מיט זיי, נאָר ער דאַרף עס ניט.

## די טויטע, וואָס לעבן

באַם ארײַנגאַנג אין האגענער קרײַז־געריכט האָט זיך צונויפגענומען א גרויסער אוילעם. מע שטופּט זיך ניט, ווײַל אַלע ווייסן: ביזוואַנען די טירן פונעם געריכט־זאַל וועלן ניט געעפנט ווערן פאַרן פּובליקום, וועט דער פּראָצעס זיך ניט אָנהייבן. אַזוי איז שוין פון לאַנג אײַנגעפירט, און אַזוי וועט אויך זײַן דאָס מאָל.

בערעק האָט ניט באַוויזן אַריבערטרעטן די שוועל, און א קנויל האָט פאַרשטשעמעט דעם האַלדז. די אויגן זײַנען טרוקן, נאָר אַלץ וויינט אין אים. אַזוינס אויסצוהאַלטן דאַרף מען האָבן אן אײַזערן האַרץ. באַלענדער, פּרענצעל, דיובוּאַ, וואָלף... סאָביבאָר איז ווידער פאַר די אויגן.

ווי־אַזוי באַלענדער איז צום סאָף פון קריג געוואָרן פון לעבעדיק טויט און מיט פיר יאָר צוריק פון טויט לעבעדיק — דאָס ווייסט בערעק. נאָר וואָלף? ווי איז אַזוינס מעגלעך? דער לאָדזשער שלאָסער היינריך ענגעל האָט דאָך מיט אן אײַזערנער פּרענט אוועקגעלייגט וואָלפן אף קיינמאָל ניט אופשטיין. ס'איז געווען נאָך איין מערדער מיט דער זעלבער פאַמיליע? יאָ, דאַכט זיך, זיי זײַנען טאַקע געווען אין סאָביבאָר צוויי ברידער, איינער ניט בעסער פונעם צווייטן. דער, וואָס זיצט דאָ, אף דער באַשול־דיקונגס־באַנק, איז פּראַנץ וואָלף. בא אים איז שטענדיק געהאַנגען אן אַוטאָמאַט אף איין אַקסל און א פאָטאָאַפּאַראַט אפן צווייטן.

ווערנער דיובוּאַ איז דער זעלבער עסעס־שטאַבסשאַרפירער, וואָס איז דעם 14 אָקטיאַבער 1943 געווען דער שעף פון קאַראַול. א מינוט פאַר דעם, ווי דער אופשטאַנד איז אויסגעבראָכן, האָט ער אפן אַפּעל־פּלאַץ אָרודעוועט מיט זײַן בײַטש. אים האָט זיך קימאַט אײַנגעגעבן אויס־שטעלן אַלעמען צו פינף אין א ריי, נאָר מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אז ס'גייען אים נאָך פּוסטריט עטלעכע קאַצעטניקעס, און זיך א נעם גע־טאָן צו דער קאָבורע. ער האָט אַליין באַקומען איבערן קאָפּ. פון זײַן, דיובוּאַס, פּאַראַבעלום האָט שובײַעוו אַרײַנגעזעצט אין אים א קויל. דער דאָזיקער שאָס איז געווען דער רוף צו נעקאָמע. אײַנהאַלטן די דערצאָרנטע מענטשן איז שוין געווען אומעגלעך. און דאָ איז געקומען פּעטשערסקיס באַפעל: „אַלע צום אַפּיצערן־הויז!".

ערשט אף דער פרעסע־קאָנפערענץ האָט בערעק זיך דערוווסט, אַז דיבוא האָט דאָך אויסגעמיטן דעם טויט, און אָט זיצט ער באַנאַנד מיט די איבעריקע מערדער, מאַמעש מיט דער האַנט אים צו דערלאַנגען. ער זעט אויס ייִנגער פון זײַנע יאָרן, האַלט זיך באַשיידן און שטיל. ווי זיי קענען זיך פאַרשטעלן, אָט די לײַט!

די ערשטע ווערטער, וואָס בערעק האָט פאַרנאָטירט אין זײַן בלאָקנאָט, זײַנען: „מאָגנטיק, 6.9.65, זאַל 201".

ווען דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען אין זאַל 1 צי אין זאַל 2, וואָלט בע־רעק עס מיסטאָמע ניט אָפּגעמערקט. דער פירשטאָקיקער מויער פון האַ־גענער לאַנדגעריכט איז טאַקע גרויס, נאָר קיין הונדערטער זאַלן האָט ער געוויס ניט. פאַר אַזויפיל זאַלן פאָדערט זיך אַ געבײַדע, וואָס זאָל זיך אופהייבן נאָך אַף אַ צען שטאָק, צעשפּרייטן זיך פון איין עק גאַס ביז דער אַנדערער. ס'איז, קאָנטיק, אַ שיפרירטער נומער. ווען די מאַכטהאָבער שטרעבן אַף אָן עמעס צוזיצן צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אַלע קריגספאַר־ברעכער, דאַן, דאַרף מען מיינען, וואָלטן אויך אַזויפיל זאַלן ניט געפּוס־טעוועט. ביפּראַט, אַז אַזוינע פּראָצעסן ציִען זיך כאַדאָשים און אַפילע יאָרן. ס'קאָן גרײַלעך זײַן, אַז בלויז פאַר נאָרד־ריין — וועסטפאַלן וואָלט אַזאַ „שטיבעלע" מיט הונדערטער געריכט־זאַלן געטויגט. אַלפּי־יוישער האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט אַזוי זײַן, און אָנהייבן וואָלט מען געמעגט טאַקע פון די הענקער פון סאָביבאָר.

ניט צוועלף, נאָר עלף מאַן זיצן אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק. עס פעלט דער געוועזענער עסעס־אונטערשאַרפיורער ערנסט צירקע. ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן עס ווערט מיטגעטיילט, אַז דאָס אַרויס־רוף־צעטל האָט ער באַקומען צו דער צײַט, נאָר ער לײַדט פון צוקער־קרענק און מאַכט איצט דורך אַ היילונגס־קורס. אַף אַ בלאַנק פון אַ רע־צעפּט באַשטעטיקט אַ דאָקטער פון צאַלער שפּיטאָל, אַז ערנסט צירקע איז ווירקלעך קראַנק, און אַמווייניקסטן נאָך אַכט־צען טעג דאַרף ער זײַן אונטער מעדיציניִשער אופזיכט. די האַנטשריפט באַם דאָקטער איז אַזאַ, אַז איבערלייענען זײַן אונטערשריפט און פאַרפיקסירן אין פּראָטאָקאָל זײַן נאָמען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, און דאָך ווערט אָנגענומען אַ באַ־שלוס: „ביזוואַנען דער געזונט־צושטאַנד פון דעם באַשולדיקטן ערנסט ציר־קע דערמעגלעכט ניט, ער זאָל קומען אַפן געריכט, זאָל זײַן איניען אויס־געטיילט ווערן פון די איבעריקע".

אונטער דער וואַך זײַנען גענומען געוואָרן ניט קיין דרײַ באַשולדיק־טע, ווי דאָס איז געווען געמאָלדן, נאָר פיר. ס'איז צוגעקומען ערווין לאַמ־בערט, וועלכער געפינט זיך אין טפיסע ניט פאַר זײַנע פאַרברעכנס אין סאָביבאָר. נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעבויט די ערשטע גאַז־קאַמער אין שלאָס האַרטהיים, לעבן לינץ, איז מען שוין אָן אים ניט באַגאַנגען זיך אין קיין איין טויט־לאַגער. פאַריקן פרײַטיק האָט אין דיסעלדאָרף זיך פאַרענדיקט דער פּראָצעס איבער די מערדער פון טרעבלינקער לאַגער, אַף וועלכן מע האָט ערווין לאַמבערטן פאַרורטיילט אַף פיר יאָר טפיסע.

די מיטאַרבעטער פון דער פרעסע, טעלעוויזיע און קינאָ־כראָניק ווערן געוואָרנט: אין פינף מינוט אַרום וועט אין געריכט־זאַל זײַן פאַרבאָטן צו

פאָטאָגראַפירן. צענדליקער פאָטאָאַפּאַראַטן און קינאָ־קאַמערעס צילן זיך אַן אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק. דאָס ערשטע אָרט האָט ברייטלעך, מע מעג אפילע זאָגן, היימלעך, פאַרנומען דער הויפּט־באַשולדיקטער קורט באַלענדער — דער שעף פון די גאַז־קאַמערן אין סאָביבאָר. באַנאַנד מיט אים זיצט דיובוא. דער איינציקער צווישן די באַשולדיקטע, וועמען ס'איז ניט אויסגעקומען זיך דערקלײַבן אַהער פון דער ווײַט, ער וווינט אין האַגענער קרײַז — אין שוועלם. ווײַטער זיצט קאַרל פרענצעל. ער האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ, מע זאָל אים ניט קענען פאָטאָגראַפירן. פאַר וועמען האָט ער עס זיך פלוצעם פאַרשעמט? באַנאַנד מיט אים — עריך פוקס, אַלפרעד איטנער און ראָבערט יורס. די איבעריקע פינף זיצן אַף דער באַנק הינטער זיי.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז יעדערער פון די מערדער האָט פאַרנומען אַן אָרט לויט זײַנע „פאַרדינסטן". ווען דאָס זאָל זײַן אַזוי, וואָלט פראַנץ וואָלף באַדאַרפט פאַרנעמען דאָס דריטע אָרט און ניט דאָס עלפטע, דאָס לעצטע. צי ס'איז פון פריִער באַשטימט געווען, ווער וואָס פאַר אַן אָרט דאַרף פאַרנעמען, צי ניט, נאָר גלײַך באַם אַרײַנקומען האָט קורט באַלענדער זיך אַ ריס געגעבן צום אויבנאָן, וואָס ניט מיט גוטן, ניט מיט שלעכטן וועט ער קיינעם ניט אָפּטרעטן. מיט פרענצעלן, וואָס האָט שטענדיק גע־האַלטן, אַז דאָרט, וווּ ער, פרענצעל, זיצט, איז דער אויבנאָן, האָט ער פאַרמאָגט אַלטע כעזשבוינעס, עפּשער דערפאַר האָט זיך צווישן זיי אַרײַנ־געדרוקט דער שטילער דיובוא.

אַלע זײַנען אָנגעטאָן, ווי אין טעאַטער צו גיין. באַלענדער און פרענ־צעל אין ליכטיקע אָנצוגן, מיט פאַרביקע האַלדזטיכער. פון די אייבער־שטע פּידזשאַק־טאַשן שטעקן אַרויס געפּאַלדעוועטע טיכעלעך — בא איי־נעם אַ ווײַס, באַם צווייטן — אַ טונקל־רויטס.

די באַשולדיקטע זיצן הינטער אַ באַריער. מיט אַ באַריער וועלן זײַן אָפּגעטיילט אויך די איידעס. נאָר דערווײַל זײַנען זיי נאָך ווײַט פונדאַנען, בא זיך אין דער היים. מע וועט זיי אַרויסרופן נאָכן פאַרהערן די באַשול־דיקטע. פון דער רעכטער זײַט איז דאָס אָרט פון די פּראָקוראָרן. ד״ר שערמער פון דאָרטמונד און זײַן געהילף, פּראָקוראָר זעלצער פון האַגען; פון דער לינקער זײַט — דאָס אָרט פאַר די פאַרטיידיקער.

דער געריכט־קאָמענדאַנט נעמט זיך פאַרן העמערל. בערעק, וואָס איז ניט צום ערשטן מאָל אַף אַ געריכט־פאַרהאַנדלונג אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, איז קימאַט איבערצײַגט, אַז איידער ער וועט אַ קלאַפּ טאָן מיטן העמערל און פײַערלעך מעלדן: „דאָס געריכט...", וועט ער אומבאַדינגט אַ הוסט טאָן. אַזוי טאַקע איז עס פאָרגעקומען. ווען אַלע זײַנען אופגעשטאַנען פון זייערע ערטער, האָבן זיך באַוויזן דער לאַנדסגעריכט־דירעקטאָר שטראַקע, אונטער וועמעס פאָרזיץ דער פּראָצעס וועט פאָרקומען, די בײַזיצער — לאַנדסגעריכטראַט קנייסט און לאַנדסגעריכטראַט ד״ר העלער און זעקס געשווירענע, וואָס שטעלן פאָר פאַרשיידענע שיכטן פון דער באַפעלקע־רונג. אין פאַל, אויב ס'וועט אויסקומען עמעצן פון די בײַזיצער אָדער געשווירענע צו פאַרבײַטן, זיצן אַף דער „רעזערוו־באַנק" דער גע־ריכטסראַט פליישער און צוויי געשווירענע.

דער פּאַרזיצער און די בײַזיצער זײַנען אין לאַנגע שוואַרצע מאַנטיעס, אַף װעלכע עס טײלן זיך באַזונדערס אױס די שנײ־װײַסע קאָלנערס. הער שטראַקע פאַרנעמט זײַן אָרט אַפן הױכן שטול.

קוים זיצט דער פּאַרזיצער, מעגן שױן זיצן אַלע. דער טומל װערט צו־ביסלעך אײַנגעשטילט. דעם ריכטערס העמערל טוט דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד א קלאַפּ, און שטילער, װי מע רעדט געװײנלעך פאַר אַן אױלעם, מעל־דעט ער:

— די געריכט־פאַרהאַנדלונג הײבט זיך אָן!

## באַפרײַען פונעם אומװערטיקן לעבן

בא באַלענדערן זײַנען די אַש־קאָלירטע האָר גלאַט פאַרקעמט. לעם די קאָפּ־װינקלען זעט מען דערװײַל ניט מער װי אַן אָנדײַט אַף א פליך. זײַן שמאָלבײנערדיק געזיכט איז אָן אײן קנײטש. אַפן געזונט, זעט אױס, האָט ער זיך ניט װאָס צו קלאָגן. בא זײַנע דרײַ און פופציק יאָר קאָן ער נאָך בראַװירן מיט א מין יוגנטלעכער שלאַנקײַט. בלױז די געצײלטע, װאָס קענען אים פון לאַנג, װײסן, אַז א גאַנץ לעבן האָט ער זיך געהאַלטן פאַר א באַלײדיקטן, װײַל דאָס גוטס, װאָס אים, קורטן, האָט איבערגעלאָזט זײַן פאַרשטאָרבענער פאָטער, איז אַרײַנגעפאַלן צום שטיפפאָטער.

אין פאַרגלײַך מיט דעם, װאָס דער באַלײדיקטער האָט שפּעטער דעראָבערט, האָט יענץ גוטס קײן שום װערט ניט געהאַט, נאָר אָפּרעכענען זיך מיטן שטיפפאָטער האָט ער געגאַרט פון קינדװײַז אָן. יענער אָבער איז פריִער אָנגעקומען דינען צו היטלערן, און א שטעלע האָט ער פאַר־נומען אַזאַ, אַז ס'איז געװען געפערלעך מיט אים זיך אָנצוהײבן. האָט קורט געמוזט שװײַגן, כאָטש קײן לעמעלע איז ער קײנמאָל ניט געװען. געװוּסט װוּ אײַן און װוּ אױס. זײַן גוטמוטיק־פרום פּאָנעם האָט ניט אײנעם אָפּגענאַרט. דאָרט, װוּ ס'האָט געלױנט, האָט ער געװוּסט צו שמײכלען. זיך אױסגעגעבן פאַר א פילבאַרן מענטשן און שטילערהײט געצישעט, װי א גיפטיקע שלאַנג. און ניט אַזױ געצישעט, װי טאַקע אַף טױט געסאַמט.

די שטורם־אָטריאַדן זײַנען װי ספּעציִעל פאַר אים באַשאַפן געװאָרן. מע האָט אים באַמערקט, אָפּגעשאַצט און צװישן די אױסדערװײלטע קאָ־מאַנדירט אַף קורסן, װאָס האָבן געדאַרפט צוגרײטן די ערשטע ספּעציאַ־ליסטן פאַר דער שטרענג געהײמער עסעס־טײל „טאָטענקאָפּ־שטאַנדאַרט".

אַנדערע, װאָס זײַנען אין אײן צײַט מיט אים געקומען, האָבן נאָך ניט באַהערשט קײן האַלב פון דער „לערן־פּראָגראַם", און באַלענדערן איז שױן פאַרטרױט געװאָרן זײַן א דירעקטער אױספּילער פון דער אַקציע „אױט־האַנאַזיע T-4».

דער פּאַרזיצער פרעגט:

— װאָס איז עס פאַר אַן אַקציע „אױטהאַנאַזיע" און פאַרװאָס הײסט זי T-4?

באַלענדערס אױגן זשמורען זיך מאָדנע. אָט, דאַכט זיך, װעט ער א צוק טאָן מיט די אַקסל, װי גלײַך ער װײסט גאָרניט. נאָר באַלד, װי בא

אים אינווייניק וואָלטן געווען אײַנגעשטעלט געהיימע פּרוזשינקעלעך, טוט ער זיך אַ קער אויף רעכטס, אויף לינקס, בייגט זיך אָן פאָרויס און דער־קלערט:

— דאָס איז געווען אַן אַקציע קעגן פּסיכיש־קראַנקע מענטשן.

— וואָס באַטײַט „קעגן”? קראַנקע פאָדערן צו זיך אופמערקזאַמקײַט, נייטיקן זיך אין היילונג, איז אַן אָנשפּאַר. אויב ס׳זײַנען ניטאָ קיין מיט־לען קעגן דער קרענק, זוכט מען באַרויִקונגס־מיטלען, וואָס זאָלן גרינגער מאַכן דעם ווייטיק. מעגלעך, איר האָט אַנטדעקט אַן אוניווערסאַל הייל־מיטל און דעם פּראָשעק אָדער די פּילן אָנגערופן T-4? צי איר האָט אָנגעווענדט אַ מיטל ניט קעגן דער קרענק, נאָר קעגן די קראַנקע?

— יאָ. דאָס איז געווען אַן אַקציע קעגן פּסיכיש־קראַנקע. מע האָט זיי פאַרניכטעט מיט דער הילף פון גאַז. נאָכן גאַזירן האָט מען זיי פאַרברענט. די אַקציע איז פאַרטראַכט געוואָרן אין דעם פיורערס קאַנצעליאַריע אויף טירגאַרטען־שטראַסע, 4, און איז באַצייכנט געוואָרן לויטן נאָמען פון דער גאַס און נומער פון הויז.

— און וואָס איז עס פאַר אַ „קאָלומבוס־האַוז”?

— דער צענטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּעראַציע T-4 האָט צוערשט זיך אופגעהאַלטן אין דעם הויז.

אין דער בערלינער קאַנצעליאַריע פונעם פיורער, פרעגט דער ריכטער באָלענדערן, איז ער געווען?

יאָ, ענטפערט באָלענדער, ווי אַלע פון דער קאָמאַנדע, געווען, נאָר בלויז איין־און־איינציק מאָל, צוליב אַמט־אָנגעלעגנהײַטן, פאַרשטענדלעך. אין זאַקסענהאַוזען? — דאָס געדענקט ער ניט. דעם פאַרניכטונגס־לאַגער, אויב אַזאַ איז ווירקלעך געווען, האָט ער ניט געזען. ווען יאָ, וואָלט ער פאַר־געדענקט, מיט וואָס ער האָט זיך אונטערשיידט פון די איבעריקע, ווו אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אָדער בלויז באַזוכן. די ערשטע פּראַקטיק האָט ער באַקומען אין דעם לאַזאַרעט פונעם בראַנדענבורגער צוכטהויז. אַלץ איז אים דאָרטן ניט געווען געפעלן. אָנשטאָט ער זאָל אָפּגעבן באַ־פעלן, האָט ער גאָר געמוזט זיך אונטערוואַרפן דער עלטערער קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט געגומען מיט אים קאָמאַנדעווען. ניט פאָלגן האָט ער ניט געקאָנט, ווײַל דער שעף פון צוכטהויז איז געווען אירער אַ נאָענ־טער קאָרעווו. מיִעס איז זי געווען, ווי דער טויט, און דאָך האָט ער גע־מוזט שפּילן די ראָל פון אַ פאַרליבטן. זי פלעגט אליין „באַפרײַען פונעם אומווערטיקן לעבן” די קערפּערס, וועלכע ער האָט דערנאָך פאַרברענט. דערנאָך איז זי אויף אים בייז געוואָרן, זי האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין האַנט אַ גראָבײַזן, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל אויספּילן זײַנע פליכטן, האָט ער גאָר געגראָבן דעם גאָרטן. קלאָר, אַז ער, אַ פאַכמאַן, האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגן און איז געווען געצווונגען זיך ווענדן מיט אַן אָנקלאָ־גע צו זײַן העכסטן קאָמאַנדיר פראַנץ פּאָול שטאַנגל.

די געשיכטע האָט ער גוט פאַרגעדענקט, ווײַל זײַן גאַנצע קאַריערע איז דאַן אויף אַ האָר געהאַנגען. אויף דער אָנפראַגע האָט דער שעף פון בראַנדענבורגער צוכטהויז מיטגעטיילט, אַז... ער בעט אַנטשולדיקונג, אויב דעם געריכט אינטערעסירט דאָס ניט, קאָן ער איבעררײַסן. ער ווײַל

נאָר, עס זאָל אין פּראַקטיק פאַרפּיקסירט ווערן, אַז זײַנערצײַט האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו פאַרברענען קערפּערס פון דערמאָרדעטע ייִדן.

קורט באָלענדער פאַריכט זײַן נײַעם שניפּס און נעמט זיך אויסווישן מיט א טיכעלע די בליאַסקענדיקע האָרן־ברילן. ווער זאָגט עס, אַז ער, קורט באָלענדער, האָט זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען? ס'איז דאָך א פאַקט, אַז אים איינעם שענקט מען שוין אין דעם ערשטן טאָג פונעם פּראָצעס מער צײַט, ווי אַלע איבעריקע באַשולדיקטע. פון אים האָט דער פּאָרזיצנדער אָנגעהויבן דעם פאַרהער.

ניין. ער האָט ניט אָנערקענט די אַרויסגערוקטע קעגן אים באַשולדי־קונגען. זײַנע הענט זײַנען אין קיין בלוט קיינמאָל ניט געווען פאַרשמירט. ער אַליין איז א געליטענער. צו נײַן מאָנאַטן געפענקעניש האָט אים דער עסעס־געריכט אין קראָקע פאַרורטיילט, אין דאַנציקער שטראָף־לאַגער אָפּגעשיקט. פאַרוואָס פאַרורטיילט? — האָט דער ריכטער געוואָלט וויסן. ער האָט ווירדיק געענטפערט: ס'איז ניט וויכטיק. ס'איז זײַן פּערזענלעכע זאַך, וואָס מעג זײַן פאַרבאָרגן פון זײַטיקע. צי דען מוז ער אויך וועגן אַזעלכע אינטימע זאַכן דערציילן? יאָ, איבער א פרוי. ער האָט געבעטן זײַן פרײַנדן געבן גינסטיקע פאַר אים באַווײַזן אָף א געריכט־פּראָצעס, וואָס ער האָט געפירט קעגן זײַן געוועזענער פרוי... ווײַארום האָט ער באַלד נאָכן געריכט באַקומען צוויי אָרדענס? ער מיינט, אַז דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען פראַנץ פּאָול שטאַנגלען און דעם הויפּט־אינספּעקטאָר פון אַלע דרײַ פאַרניכטונגס־לאַגערן — סאָביבאָר, טרעבלינקע און בעלזשעץ — דעם עסעס־שטורמבאַנפירער קריסטיאַןווירט, וועלכע האָבן זיך גוט אָפּגע־רופן וועגן אים.

ווידער באַשטעטיקט ער, אַז וועגן צוויי הונדערט פּופציק טויזנט פאַר־גאַזטע אין סאָביבאָר ווייסט ער ניט. אַבסאָליוט ניט. וואָס איז עס פאַר א „הימל־שטראַסע”? ער איז געווען דער שעף פון דריטן סעקטאָר, אָדער, ווי מע האָט אים גערופן, דריטער לאַגער, און פון קיינע „הימל־שטראַסעס” ווייסט ער ניט. צוויי מאַסן־גריבער האָט ער, אומקערנדיק זיך פון אור־לויב, געזען. ווי האָט געקאָנט אַנדערש זײַן? ס'איז געווען זומער, הייס, די לופט איז פול געווען מיט פליגן און אַנדערע מיִעסקײַטן. אין יעדן שפּעלטל פליגן זיי זיך פאַרקלײַבן. שרעק און עקל האָבן זיי בא אַלעמען אַרויסגערופן. האָט מען דאָך די טויטע געמוזט באַערדיקן?

דער פּאָרזיצער פון געריכט וואָרנט באָלענדערן, ער זאָל זײַן ווייניקער באַריידעוודיק און ענטפערן בלויז אָף די פראַגן, וואָס וועלן אים פאַרגעבן ווערן.

— איר האָט די גאַנצע צײַט פון קריג געטראָגן די אוניפאָרם פון עסעס?

— נאָכן געריכט אין קראָקע האָט מען מיך פון עסעס אויסגעשלאָסן.

— און מער האָט איר די אוניפאָרם ניט אָנגעטאָן?

— אָנגעטאָן.

— ווילקירלעך, הייסט עס. ווי איז דאָס מעגלעך געווען?

— אין שטראָף־לאַגער האָט מען ניט פאַרצייכנט אין די דאָקומענטן, אַז מע האָט מיך אויסגעשלאָסן פון עסעס.

— ווי האָט איר גערופן אײַער הונט אין סאָביבאָר?
— בארי.
— און נאָך וויאַזוי?
— איך געדענק ניט.
— איר האָט דעם הונט גערופן — מענטש. איר האָט צו דער צויג גע־שריִען: „מענטש, בײַס דעם הונט!" און די צויג פלעגט רײַסן שטיקער פונעם פארורטיילטן.
— דאָס איז ניט אזוי. איך פלעג דעם הונט ניט אָנרייצן. ער אליין פלעגט אָנפאלן אף אלץ, וואָס האָט זיך שנעל באוועגט.
— צוליב דעם פלעגט איר עס אונטערטרײַבן די געפאנגענע מיט א רוט אָדער שיסן פון פיסטאָלעט?
— אונטערטרײַבן האָט מען געמוזט, ווײַל זיי האָבן זיך לאנגזאם באַ־וועגט, און אף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע האָט מען שוין דערוואַרט א נײַעם עשעלאָן.
— ווען האָט איר געטראָפן אין סאָביבאָר, ווען איר האָט זיך אומ־געקערט אהין נאָכן אופשטאנד?
— פון מײַנע פריִערדיקע קאָלעגן איז שוין דאָרט קיינער ניט געווען. אויך די ארבעטס־קאָמאנדעס זײַנען שוין ניט געווען.
— וווהין זײַנען אהינגעקומען די געפאנגענע, וואָס זײַנען באשעפטיקט געווען בא די לאגער־ארבעטן?
— די, וואָס האָבן ניט באוויזן צו אנטלויפן, און די, ווענען מע האָט געכאפט, זײַנען דערשאָסן געוואָרן.
— וואָס האָט איר פערזענלעך פאָרגענומען?
— איך בין געווען געצוווּנגען ברענגען יידן פון אנדערע לאגערן, קעדיי פארווישן די שפורן פון סאָביבאָר.
— די נײַ־אָנגעקומענע האָבן אָפּגעטאָן זייער ארבעט, און נאָכדעם?.. איך וואַרט, איר זאָלט ענטפערן אף מײַן פראגע.
— מיר זײַנען געווען געצוווּנגען אויסצופילן די באפעלן.
— איר האָט זיי געטייט?
— מע האָט זיי געטייט.
— איר פערזענלעך האָט אין זיי געשאָסן?
— איך האָב שוין דאן געקעמפט אין איטאליע קעגן די פארטיזאנער. איז ווי האָב איך געקאָנט פון דאָרט שיסן קיין סאָביבאָר?
— איר האָט עס געקאָנט טאָן ביז איטאליע. איר אנערקענט עס?
— איך ווייס ניט.
— פארוואָס האָט איר נאָכן קריג געענדערט דעם פאמיליע־נאָמען באַ־לענדער אף ברענער? איר ענטפערט ניט. איך קאָן אנדערש שטעלן די פראגע. דאָס איז פארבונדן מיט דעם, וואָס איר האָט געטאָן אין בראנדענ־בורג און אין סאָביבאָר?
— יאָ.
— לויט די דאָקומענטן גילט איר אלס טויטער.
— דאָס האָט מײַן געוועזענע פרוי מיך געמאָלדן פאר טויט.
— און באקומט פאר אײַך פענסיע?

— מעגלעך.
— דעם דאָקומענט, אַז קורט באַלענדער איז אומגעקומען, האָט געקראָגן באַלענדער?
— קאָן זײַן.
— איר אנערקענט, אַז איר האָט פּערזענלעך אָנטײלגענומען אין אַלע נײַן פֿאַלן פֿון אומברענגען בא דרײַ הונדערט זעכציק מענטשן?
— ניין.
— איז ווער האָט די מענטשן געטייט?
— אַלץ, וואָס מיר איז באוווּסט געווען, האָב איך געמאָלדן אַף די פּאַרלויפּיקע פּאַרהערן.
— מיר וועלן אײַך נאָך דערמאָנען, וואָס איר, באַלענדער, האָט דאַן געזאָגט...

## שולדיק צי ניט שולדיק

ביזוואַנען דער ריכטער פֿאַרנעמט זיך מיט באַלענדערן, איז פּרענצעל פֿרײַ זיך פֿאַרנעמען מיט זײַנע געדאַנקען. קאַרל פּרענצעל איז נאָך פֿול מיט שטאָלץ, ווי אין די קריגס־יאָרן, ווען ער איז געווען ער, דער עסעס־אָבערשאַרפֿיורער. דאָס איז באַלענדער, ווען מע האָט אויסגערופֿן זײַן נאָמען, אופֿגעשפּרונגען ווי פֿון אַ בײַטש־געקנאַל און הערט זיך אײַן אין דעם ריכטערס רייד, קיין וואָרט ניט צו פֿאַרלירן. שלעכט, ווען אַ מענטש ווייסט ניט, ווי זיך אופֿצופֿירן. געהאַלטן אַ ביקס אין דער האַנט און קאָן קיין פּולווער ניט שמעקן. ער, קאַרל פּרענצעל, וועט ניט אופֿשפּרינגען, ער וועט אופֿשטיין מיט ווירדע און אַף די פֿראַגן, וואָס מע וועט אים שטעלן, ענטפֿערן געלאַסן און רויִק. אַף באַלענדערן זאָגט מען, אַז ער איז ניט קיין נאַר. וואָס זשע האָט ער זיך אוועקגעשטעלט באַם באַריער מיט לויזע אַראָפּהענגענדיקע הענט? וועסט זיך האַלטן נידעריק, וועט מען דיר קריכן אַפֿן קאָפּ. דער זינען איז בא אים אָפּגענומען געוואָרן צי וואָס? אַ שאַנדע!

פּרענצעל זיצט מיט אויסגעגלײַכטע קוואַדראַטע פּלייצעס פֿון אַן עכטן מיליטערמאַן, ווי ניט אים האָט מען דאָ גענומען אונטער דער וואַך. דער בליק איז שטרענג און קאַלט. בלויז ווען מע האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, האָבן בא אים די אויגן אַ פּאָר מאָל זיך ווילד צעפֿינקלט, ווי בא אַ הונגעריקן וואָלף אין אַ פֿינצטערער נאַכט. ער דאַרף נאָך גוט אַ טראַכט טאָן, פּרענצעל, וואָס ער זאָל ענטפֿערן, ווען מע וועט אים פֿרעגן, צי אַנערקענט ער זיך אַלס שולדיקער. צי איז ער ביכלאַל שולדיק און פֿאַר וועמען? אין טורמע האָט מען בא אים אָפּגענומען דעם ברייטן אָפּגעקראָכענעם רימען מיט די ווערטער „גאָט מיט אונדז“ אַפֿן שנאָל. זיי מיינען ערנסט, אַז ער קאָן מיט די אייגענע הענט זיך דאָס לעבן נעמען? זאָלן זײַנע פֿײַנט זיך אַף דעם ניט ריכטן. זײַן גאָט, וואָס האָט אים געראַטעוועט אין סאָביבאָר, וועט ער ניט פֿאַראַטן און ניט נאַרן. וואָס אַנבאַלאַנגט די לײַט, וואָס פֿירן דעם געריכט, איז ער פֿרײַ צו טאָן, וואָס

אים לױנט. פון זײַן אַדװאָקאַט רײנטש װײסט ער, פאַר װעמען פון זײ ער דאַרף זיך היטן און פאַר װעמען ניט. יאָ, מיטן אַדװאָקאַט האָט אים, דאַכט זיך, צוגעשפּילט. ער איז, מעגלעך, צו באַרײדעװדיק, נאָר דערפאַר קאָן ער זיך אונטערנעמען דערװײַזן, אַז ס׳איז אַ פּראָסט איין דרויסן, װײַל דער אויװן איז ניט געהייצט, און אַז דאָס, װאָס ס׳איז געטאָן געװאָרן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, איז פריִער פאַר אַלץ געװען צום גונסטן פון די דערמאָרדעטע. ער, דער שײנרײדער, קאָן, ס׳איז נאָר ניט באַװוּסט, װאָס די פּראָקוראָרן קאָנען... אײנס איז באַװוּסט — העכסטע שטראָף איז אויסגעשלאָסן. שטאַרבן װיל ניט פרענצעל. און װײַטער װעט די צײַט באַװײַזן. די מאַכט זאָל זײַן בײַ די פּראָקוראָרן, װאָלט דער בונדעסטאַג ניט אָנגענומען קײן באַשלוס צו עפענען פאַר די געװעזענע עסעס־לײַט די טירן אין בונדעסװער. װען איז דאָס געװען? אין 1956. און אין דרײַ יאָר אַרום זײַנען לעגאַליזירט געװאָרן די עסעסישע אַזױגערופענע „טראַדיציאָנעלע פאַרײנען״. נאָר די בײדע באַשלוסן קומען ניט אין קײן פאַרגלײַך מיטן געזעץ, װאָס דער בונדעסטאַג האָט אָנגענומען דעם 26 יוני 1961. די דאַטע װעט פרענצעל אָנרופן פון שלאָף. אַ קלײניקײַט! װער האָט זיך געקענט ריכטן? אָנגענומען אַ געזעץ װעגן באַזאָרגן מיט פּענסיע די געװעזענע עסעס־אָפיצערן! איז װאָס פאַר אַ װערט האָבן די פּראָקוראָרן?

װען באַם באַריער װעט שטײן דער עסעס־אונטערשאַרפיורער פראַנץ װאָלף, װעט ער זיכער אַלץ לײקענען... צי דאַרף ער, פרענצעל, ניט טאָן דאָס זעלבע? קײן װאָר װאָרט קומט פון יענעמס מויל ניט אַרויס. װאָס ער זאָגט — דאָס מײנט ער ניט, און װאָס ער מײנט — דאָס זאָגט ער ניט. אָדער ער װעט ענטפערן: „איך געדענק ניט״. װאָלף װאָלט באַדאַרפט זײַן אַ דעקאָראַטאָר און מאָלן פאַר דער בינע װעלדער, טײַכן, פּאַלאַצן. װאָס־װאָס, נאָר באַפּוצן, מאַכן פון שװאַרץ װײַס, דאָס קאָן ער. אינטערעסאַנט, װי װאָלט זיך אויפגעפירט זײַן ברודער, האַנס װאָלף, װען ער שטײט דאָ פאַרן געריכט? בײדע האָבן זײ געדינט אין סאָביבאָר. האַנס איז געװען פלינקער, װי פראַנץ. דאָס האָט ער אים, פרענצעלן, אויסגעלערנט מיט אײן זעץ אַרויסבאַקומען בײַ די געפאַנגענע די גאָלדענע צײן פון מויל. קראַפּט אין די פויסטן פאַרמאָגט פרענצעל נאָך איצט אויך גענוג. לאָז אים, װאָלט ער ערשט אַ כאַפּ געטאָן די װעלט פאַרן גאָרגל און געטרײסלט ביז צום דערשטיקן, נאָר איצט װאָלט ער געװען קליגער און ניט איבערגעלאָזט קײן אײדעס, קײן אײנעם ניט.

די אײדעס מײנען, אַז זײ װײסן אַלץ. אָבער באַנאַכט זײַנען זײ דאָך געװען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אין קאַזינאָ האָט דאָך קײנער פון זײ די שװעל ניט אַריבערגעטראָטן. נײן, אײנער איז יאָ דאָרט געװען. דער נאַיִװער האָלענדישער מאָלער. װעגן דעם דערמאָנט אים, פרענצעלן, דער פּאָרטרעט, װאָס הענגט בײַ אים אין שטוב איבערן גרויסן אַקװאַריום. אַקװאַריומס פאַרמאָגט ער פינף, און אַלע זײַנען זײ אויסגעשטאַט אַזױ, אַז ער מעג זיך מיט זײ גרויסן. בײַ קײנעם מער זײַנען ניטאָ קײן אַקװאַריומס מיט אַזאַ אָריגינעלער לופט־װענטיליאַציע, װי בײַ אים. גאָלדענע פישלעך האָט ער פון קינדװײַז ליב. נאָך מער האָט ער ליב צוקוקן, װיאַזױ דאָס װאַסער אין װינקל רוישט און שוימט. אײנער פון די אַקװאַריומס,

דער קלענסטער, איז געשטאנען בא אים אין סאָביבאָר. דעם מײַסטער, וואָס האָט געמאכט דעם אקוואריום, האָט ער אליין איבערגעגעבן אין עטינגערס הענט. עטינגער איז דאן געווען באַלענדערס פארטרעטער. נאָר וואָס האָט עס צו טאָן מיטן פאָרטרעט? אהא! אין דעם טאָג, ווען מע האָט באדארפט דעם קינסטלער צוזאמען מיט א גרויסער גרופע האַלענדער טייטן, איז דער פאָרטרעט נאָך ניט געווען פארטיק. דער האָלענדער האָט אדאנק דעם געווונען נאָך בא א צוויי וואָכן לעבן.

אין קאזינאָ האָט ער אים געמאָלט. אליין באָלענדער האָט דעם מאָלער אהין געבראכט צו פירן, נאָר די סכעמעס, וויאזוי מע לאָדט אָן די גאז־אויוונס, האָט ער ניט געקאָנט זען. און אויב ער האָט זיי יאָ געזען? איז ער דאָך שוין סײַווי טויט. טויטע זײַנען גוט דערמיט, וואָס זיי קאָנען גאָר־ניט דערציילן און צו קיינעם קיין פרעטענזיעס ניט ארויסשטעלן. צום לעצטן מאָל אין לעבן האָבן די געפאנגענע אין סאָביבאָר געקאָנט אויס־שרײַען אלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט, פאר די גענדז. נאָר אף יעדנפאל האָט מען אויך מיט די גענדז אפן צווייטן טאָג נאָכן אופשטאנד געמאכט קאפוט.

איז ווי האָט ער, קארל פרענצעל, געקאָנט דערלאָזן, אז עס זאָלן בלײַבן לעבעדיקע איידעס, אפילע איינער? אָט פארוואָס מע וואָלט אים ווירקלעך באדארפט שטרענג באשטראָפן. אים און אויך זײַן שעף. מער ווי אף איין טאָג האָט מען קיינעם אין די ארבעטס־קאָמאנדעס ניט געטאָרט לאָזן. נאָר ווער וואָלט דאן געניייט קליידער פאר די אָפיצערן, געמאכט שוכווארג, צוגעפאסט פינגערלעך און צירונג? וואָס קאָן א גאָלדשמיד אופטאָן פאר איין טאָג? און ווי וואָלטן די שנײַדערס, וועלכע זײַנען הײַנט צוגעטראָטן צו דער ארבעט, געקאָנט פארענדיקן דאָס, וואָס עמעצער האָט נעכטן אָנ־געהויבן? צוזוכן מײַסטערס איז אויך ניט געווען אזוי גרינג. איינע קאָנען גוט דעם פאך, נאָר זאָגן אָבער, אז ניין. אנדערע האָבן ניט קיין אנונג אין דער ארבעט און גיבן זיך אויס פאר גרויסע ספּעציאליסטן. שווינדלער! און צוליב וואָס, פרעגט זיך, האָבן זיי עס באדארפט? צי דען בלויז צוליב אָפלייגן דעם שפּאציר איבער דער „הימל־שטראסע” אף א טאָג שפּעטער? פארפלוכטע יידן!

די, וואָס האָבן ניט געדינט אין עסעס, מיינען ביז הײַנט, אז אויב איבער אונדזערע קעפּ האָבן ניט געפײַפט קיין קוילן, אויב מיר זײַנען ניט געווען אפן פראָנט, ניט געגאנגען אין אטאקע, איז אונדז געווען לײַכט. מע האָט אין אונדז געוואָרפן שטיינער, אונדז געשאָטן זאמד אין די אויגן. עס האָט געפעלט א קלייניקײַט, מע זאָל אונדז אלעמען טייטן. אין טרעבלינקע איז אויך געווען אן אופשטאנד, נאָר ניט אזא, ווי אין סאָביבאָר. אזא איז, דאכט זיך, אין ערגעץ ניט געווען. טאקע דערפאר זײַנען פארבליבן איי־דעס. צי דען האָט מען עס ניט געקאָנט אויסמײַדן?

אף פרענצעלס שטערן באווײַזן זיך קנייטשן. אָבער די דערינערונגען זײַנען אים אָנגענעם. צי קענען פיל מענטשן אף דער וועלט זיך בארימען, אז זיי האָבן פארטריבן אין די גאז־קאמערן ניט הונדערט, ניט טויזנט, ניט צענדליקער טויזנטער, נאָר הונדערטער טויזנטער מאנצבלען, פרויען, קינדער? יאָ, יאָ, הונדערטער טויזנטער. ווער־ווער, נאָר ער ווייסט גוט,

וואָס פאַר אַ דורכלאָזפּייִקייט די גאַז־קאַמערן האָבן געהאַט. די מאָטאָרן האָבן געאַרבעט, ווי אַ גוטער זייגער־מעכאַניזם. זאָל איצט קורט באָלענ־דער שטיין מיט לויז אַראָפּגעלאָזטע הענט, דעם קאָפּ אַרײַנגעטאָן אין די אַקסל, קײַען די ליפּן, זאָל ער! ס'איז אַ שפּיל, וואָס ער אַליין האָט צו־געטראַכט, אָדער ס'האָט זי אים אונטערגעטראָגן זײַן אַדוואָקאַט? אָן באָ־לענדערן וואָלטן דען וואַגנער און ער אַליין, פּרענצעל, געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירן? מיט אַזאַ טאַלאַנט, מיט אַזעלכע פֿאַרדינסטן פֿאַרן פֿאַטער־לאַנד, פֿאַרן פֿירער — דאַרף ער, באָלענדער, זיך איבערנעמען.

ניט נאָר דער געריכט, נאָר אויך דער אַדוואָקאַט ריינטש, אַף ווען ער, פּרענצעל, מוז זיך אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרלאָזן, וועלן זיך קיינמאָל ניט דערוויסן, אַז נאָך ענדע פֿרילינג 1943 איז אין אַן ענגן קרײַז אָפּגע־מערקט געוואָרן דער טאָג, ווען אין סאָביבאָר איז פֿאַרניכטעט גע־וואָרן דער פֿינף־הונדערט־טויזנטסטער אומענטש. אין דעם האַלבן מיליאָן זײַנען, אויסער די פֿאַרגאַזטע, אַרײַנגערעכנט געוואָרן די דערשאָסענע, די פֿאַרשמיסענע ביז צו טויט, די פֿון הינט צעריסענע, די לעבעדיקערהייט באַגראָבענע, די אומגעקומענע באַם דעפּאָרטירן קיין סאָביבאָר, די, וואָס זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער און פֿון קעלט, די, וואָס זײַנען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... אַזוי צי אַנדערש, נאָר ס'איז געווען וואָס צו פֿײַערן!

אָן אונטערנעמונג מיט אַזאַ פֿאַרנעם האָט, פֿאַרשטענדלעך, ניט גע־קאָנט זיך באַגיין אָן באַדינונג־פּערסאָנאַל. אַמווייניקסטנס צוויי הונדערט מאַן האָט מען באַדאַרפֿט האָבן אַף סאָרטירן און פֿאַרפּאַקן די זאַכן, וואָס מע פֿלעגט אָפּשיקן אין רײַך. מע האָט אויך באַדאַרפֿט מענטשן אַף בויען. די גאַנצע צײַט האָט מען געבויט שפּײַכלערס, וואַך־טורעמס, געבײַדעס פֿאַר די וואַכלײַט. ס'איז דאָ וואָס צו דערמאָנען!

שווײַגן איז פּרענצעלן שווערער, איידער ריידן. נאָר דערפֿאַר וועט קיין איבעריק וואָרט זיך ניט אַרויסכאַפּן. און איצט, אין אַזאַ אָרט, קומט אויס צו זײַן געהיט, ווי קיינמאָל ניט. אַפֿילע אין די געדאַנקען דאַרף מען, קאָן זײַן, ריידן מיט זיך אַליין, ווי מיט אַ זײַטיקן. שולדיק צי ניט שולדיק? דאָס האָט ער נאָך דערווײַל ענדגילטיק ניט באַשטימט. און פֿאַר וועמען שולדיק? פֿאַרן פֿירער? דאָס האָט אַפֿילע הימלערס באַפֿולמעכטיקטער, וועלכער איז געקומען אין סאָביבאָר אַפֿן צווייטן טאָג נאָכן אופֿשטאַנד, ניט געקאָנט באַהויפּטן. געקומען און אין עטלעכע שאָ אַרום אַרויסגערופֿן אַ ספּעציעלע קאָמאַנדע סאַפּיאָרן, וואָס האָט בליץ־שנעל, ווי ווען מע טרעט אומדערוואַרט אַף, איבערלאָזנדיק דעם פֿײַנט אַ ביז גאָר וויכטיקן אָביעקט, צעשמעטערט די געבײַדעס און וואַך־טורעמס, צעוואָלגערט די פֿאַרצוי־מונגען מיטן שטעכלדראָט, פֿאַרשאָטן די טראַנשייען. אָן דער הילף ניט נאָר פֿון ציווילע אַרבעטער, נאָר אויך פֿון פּאָליציי האָט מען אָפּגיך אָנ־געלאָדן אַף אײַזנבאַן־פּלאַטפֿאָרמעס און ערגעץ אוועקגעפֿירט די עקסקאַ־וואַטאָרן, די טראַנספּאָרטיאָרן, די דיזעל־מאָטאָרן. אַלץ, וואָס האָט געקאָנט מיט עפּעס וואָס דערמאָנען אייגענע און פֿרעמדע, — ווער עס האָט זיך אַרויסגעריסן באַם טויט פֿון די נעגל, ווער עס האָט וועמען באַזיגט.

זאָל זײַן מיט אַ ליגן, וואָס קלינגט אָנגענעם, נאָר אָפּנאַרן דעם רײַכס־פֿירער האָט דאַן, מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק, קיינער ניט גע־

וואגט. זאָל הימלערס באפּולמעכטיקטער געווען דאן קומען צו אן אויס־פיר, אז דער לאַגער־פּערסאָנאַל איז שולדיק, וואָלט קיינער פון זיי און ער, פרענצעל, אויך, פון לאַנג אָף דער וועלט ניט געווען. ווער ס'וואָלט דאָ אָף דער באַנק ניט געזעסן, נאָר ניט די עלף, וואָס היינט. דער רייכס־פיורער האָט קיין פאַרטיידיקער ניט אויסגעהערט, און ווער וואָלט עס געוואגט נעמען אָף זיך אזא ראָלי? היינריך הימלערס אורטייל וואָלט קיי־נער ניט אָפּגעשאַפן. זיין מאכט איז געווען אומבאגרענעצט.

א פּראָסט לויפט דורך איבער פרענצעלס לייב. אין אָקטיאבער 1943, און ניט אין סעפּטיאבער 1965, אין דריטן רייך, און ניט אין דער בונדעס־רעפּובליק האָט מען געקאָנט מאכן מיט אים אן ענדע. א פרישער שניט אין דער אלטער וווּנד.

איז ער שולדיק צי ניט שולדיק? דעמלט, פאַרן פיורער...

דער געריכט ווערט פאַרגעזעצט, און פרענצעל, ווי ער וואָלט געווען טעמפּ אָף די אויערן, הערט גאָרניט. ער איז אָף א ריגל פאַרקייטלט בלויז אין זיין אינערלעכער וועלט, וווהין דערווייל האָט נאָך, א דאנק דיר גאָט, קיינער קיין צוטריט ניט. ער האָט וועגן וואָס צו טראכטן, וואָס צו דער־מאָנען. די פאַרגאַנגענהייט שפּאַרט פון אים. זיינע קינדער און אייניקלעך, וועט עס באהערשט אים די לוסט צו דערציילן, הערן אים מיט א פאַר־כאַפּטן אָטעם.

לאַנגזאַם, נאָר די וואָלקנס אָף זיין געזיכט צעגייען זיך. עס איז, ווי א זונען־שטראַל וואָלט זיך דורכגעשמוגלט אין דער שפּאַרונע פון עם שלאָס, הינטער וועלכן ער געפינט זיך, און ווי די שטויבעלעך אין דעם ליכטפּאַס, האָבן זיך זיינע געדאנקען פאַרדרייט, אין א קאַראַהאָד. די גע־דיכטע אראָפּהענגענדיקע ברעמען הייבן זיך אויף, די אויגן באקומען א מאָדנעם גלאַנץ. ערגעץ אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ער האָט דערשפּירט עפּעס אזוינס, וואָס וואַרעמט זיינע בלוטן.

אָנקומען אין עפּעס האָט אים איינגערעדט דער ברודער, א געלערנטער טעאָלאָג. צוערשט האָט קאַרל געקוקט אָף אים, ווי יענער וואָלט גערעדט פון היץ. נאָר דערנאָך... דערנאָך איז ער געוואָרן דעם פיורערס אָנהענגער.

אין סאָביבאָר האָט ער זיך גלייך דערפילט אָף זיין אָרט. נאָר אים האָט זיך שטאַרק ניט געוואָלט, אז אנדערע, בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיי־נען פּריִער, ווי ער, אריין אין עסעס, זאָלן איבער אים הערשן. גיין אין שאָטן און באקומען פון עמעצן מיט דער בייטש האָט ער ניט געוואָלט. קיין ייִנגעלע איז ער שוין דאן ניט געווען, דאָך האָט ער באשטימט אָנ־הייבן פון אָנהייב, פון נול, ווי מע זאָגט. פון פרי ביז שפּעט האָט ער געאַרבעט מיט דער האַק, מיטן הובל. געגרייט די קלעצער פאַר די גאַז־קאַמערן. ביז דעם האָט ער קיינמאָל אזוי שווער ניט געאַרבעט. איינס האָט אים געשראָקן, קיינער זאָל ניט זאָגן קיין שלעכטס וועגן אים. אַלץ איז געגאַנגען, ווי ער האָט פאַרקלערט. דער קאָמענדאַנט פונעם לאַגער פראַנץ שטאַנגל האָט אים באמערקט און איינמאָל, אָפּשטעלנדיק זיך לעם אים, געפרעגט, צי וואָלט ער ניט געוואָלט ווערן א דעזינפעקטאָר?

— וואָס דאַרף מען טאָן? — האָט פרענצעל געפרעגט.

— פארברענען די דערשטיקטע פונעם גאז. איר וועט האָבן צוליב דעם אַן ארבעטס־קאָמאַנדע, וואָס וועט זיך בײַטן אלע טאָג. הײַנט אָפּגעאַר־בעט, און אף מאָרגן אליין אין פײַער. איז ווי?— שטאַנגל האָט ניט באַ־פוילן, נאָר געפרעגט. דאָס האָט מען אויך געדאַרפט קענען שעצן.

— יאַוואָל, הער אָבערשטורמפּירער!

צווערשט האָט קארל פרענצעל קיינעם ניט דערשטיקט, ניט געשאָסן. וואָס יאָ? ער פלעגט זאַכלעך און מיטן גאַנצן קויעך ארויסרײַסן די גאָל־דענע ציין בא די דערשטיקטע. צוריק מיט עטלעכע יאָר פלעגט אים פאַר־קלעמען אין האַלדז, ווען ער האָט געזען, ווי מע טייט עמעצן — אף דער בינע, אפן עקראַן, און דאָ — גאָרניט. אייניקע פון זײַנע קאָלעגן, און אָפּ־טער זייערע אַדוואָקאַטן, באַהויפּטן, אַז אויספּילנדיק די „ארבעט", האָבן זיי נערווירט און דערמיט אליין טיילווײַז אויסגעקויפט זייער שולד. ער האָט ניט נערווירט. צום אָנהייב פלעגט ער די גאָלדענע ציין אָפּגעבן האַנס וואָלפן. נאָר אפן זעקסטן, ניין, אפן פינפטן טאָג, האָט ער שוין געהאַט זײַן רעכענונג. יעדן צענטן צאָן האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיך. דערנאָך יעדן נײַנטן. ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א סטאַבילער נאָרמע — א פערטל פון דעם, וואָס פאַלט אַרײַן אין זײַנע הענט, איז זײַנס, ניט מער און ניט ווייניקער. ער מעג מיינען, אַז אַנדערע, וועלכע האָבן מיט גאָל־דענע ציין ניט געוואָלט האָבן צו טאָן, האָבן בא דעם רײַך פיל מער אוועקגערויבט.

זיסע בענקשאַפט נאָך יענע צײַטן וועקן די דערינערונגען, וואָס שעפּן זיך גאָר ניט אויס. זומער 1942 האָט ער באַקומען א פאַראַרדענונג קומען קיין כעלם אף מיליטערישער לערע. אַזוי איז אין דער פאַראַרדענונג גע־ווען אָנגעשריבן, נאָר פון קיין האַרמאַטן און קוילנװאַרפער האָבן זיי ניט געשאָסן. קיין מאַרשן ניט דורכגעמאַכט, אפילע קאָמאַנדעוועון האָט מען זיי ניט געלערנט. וואָס יאָ? אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ האָט מען זיי אף לעבעדיקן „מאַטעריאַל" דעמאָנסטרירט א ספּעציעלן לערן־קורס.

פאַרן אומקערן זיך קיין סאָביבאָר האָט מען אים ארויסגעגעבן א נײַנקע אוניפאָרם, א פאַראַבעלום מיט א טעמפּ הילצערן הענטל און א פּעקל צײַטונגען „דאָס שווארצע קאָרפּס" פאַרן 20 אויגוסט. ער האָט די דאַטע פאַרגעדענקט, ווײַל אין סאָביבאָר האָט ער די צײַטונגען פאַר־שפּרייט צווישן די אָפיצערן. איין עקזעמפּליאַר האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיך, פאַרהיט און ניט זעלטן געבלעטערט. נאָר ווען ער זאָל פון דעמלט אָן די צײַטונג פאַר די אויגן מער ניט געוועזן זען, אַלציינס גע־דענקט ער אף אויסווייניק הימלערס ווערטער, וועלכע ער האָט דאָרט איבערגעלייענט און דערנאָך ציטירט אין דער אָנוועזנהײַט פון דעם, ווע־מען זיי געהערן: „אונדזער אופגאַבע איז ניט גערמאַניזירן דעם אָסטען אין אַלטן זין פון וואָרט, דאָס הייסט ניט לערנען די מענטשן, וועלכע וווינען דאָרט, די דײַטשישע שפּראַך און די דײַטשישע געזעצן, נאָר זאָרגן פאַר דעם, אַז אין אָסטען זאָלן וווינען מענטשן נאָר פון ווירקלעך דײַ־טשישן, גערמאַנישן בלוט".

דאָס איז געווען דעם 13 מאַרט 1943. אליין היינריך הימלער האָט אַלס מוסטער פון טרײַ דינען דעם פאָטערלאַנד און דעם פירער ארויסגע־

שטעלט דעם אָבערשאַרפֿירער קאַרל פּרענצעל. יאָ, אָבערשאַרפֿירער. קיין טאָעס איז דאָ ניט דערלאָזט געוואָרן. מיט דער הילף פֿון איין צי־טאַטע, וואָס האָט געפּאָדערט וויניקער פֿון אַ מינוט צײַט, קעדיי אַרויס־ברענגען זי פֿון מויל, האָט קאַרל פּרענצעל מיטאָמאָל דערגרייכט דעם זעלבן ראַנג, וואָס שטאַנגלס פּאַרטרעטער גוסטאַוו וואַגנער. מע קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ צופֿאַל. זאָל מען. טיילווײַז איז דאָס, פֿאַרשטייט זיך, אַזוי, נאָר ער האָט זיך דערצו געגרייט, און קיין געוואַ־רעדיי איז דאָ ניט געווען, ווײַל ער האָט געוווסט, אַז גיך, זייער גיך וועט ער אַלץ באַרעכטיקן און אַז סאָביבאָר איז פֿאַר אים אויך ניט מער ווי אַ טרעפּל אַף דעם דינסט־לייטער, אַף וועלכן ער וועט זיך אופֿהייבן גאָר־גאָר הויך.

אַזוי וואָלט עס געווען, ווען זײַן, פּרענצעלס, שטײַגן באַרג־אַרויף וואָלט זיך ניט איבערגעריסן אין דעם פֿאַרשאָלטענעם אָקטיאַבער־טאָג פֿון 1943, ווען ס'איז, ווי אַ דונער אין אַ לויטערן טאָג, אויסגעבראָכן דער אופֿ־שטאַנד.

איז ווי? — שולדיק צי ניט שולדיק?

ווען שולדיק, וואָלט אַליין זײַן באַשיצער הימלער אים ניט געשוינט. עס וואָלט ניט געהאָלפֿן זײַן מער ווי טרײַע דינסט. „מער ווי טרײַע", ווײַל ער האָט ניט נאָר פּינקטלעך אויסגעפֿילט באַפֿעלן — אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן, — נאָר אויך אַרויסגעוויזן ניט וויניק אייגענע איניציאַטיוו.

ער באַדויערט ניט. דאָס דאָזיקע געפֿיל איז אים פֿרעמד. דער געוויסן האָט אים דעמלט ניט באַאומרויִקט און הײַנט אויך ניט. אויב עפּעס באַאומ־רויִקט אים, זײַנען עס אַלנפֿאַלס ניט די שאָטנס פֿון די, וואָס ער האָט אומ־געבראַכט. פֿאַר די שאָטנס איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. אָבער פֿאַר די געוועזענע געפֿאַנגענע פֿון סאָביבאָר, וועלכע ער האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרניכטן? די לײַט קאָנען אים אָן אַ געריכט אַף שטיקער צערײַסן. מעג־לעך, זיי געפֿינען זיך דאָ אין זאַל אָדער דרייען זיך אַרום אין גאַס. מע האָט אים געזאָגט, אַז עס לעבן נאָך באַ אַ פֿערציק מאַן.

אַ בענקל האָט אין זאַל אַ קלאַפּ געטאָן. פּרענצעל האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, און גלײַך האָט אים דורכגעלעכערט אַ צאָרנדיקער בליק, אַז היט זיך!

אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און זיי וועלן שטיין אַנטקעגן אים. צי וועט ער עמעצן פֿון זיי דערקענען, איז ניט באַוווּסט, נאָר זיי אים — וועלן דער־קענען. אין דעם צווייפֿלט ער ניט. איינער, און אַ צווייטער, און אַ צענ־טער, און ווער ווייסט אַ וויפֿלטער וועט טײַטן אַף אים מיט די פֿינגער — אָט דאָס איז ער, דער קאַרל פּרענצעל, דער הענקער, דער מערדער. איז זאָלן זיי טײַטן. זיי לעבן דאָך, ער האָט אַנדערע אומגעבראַכט. ווי וועלן זיי עס דערווײַזן?

„ווי?" אויב זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן פֿון זײַנע הענט, איז ניטאָ איצט וואָס צו פֿרעגן „ווי?". אַ סאַפּיאַר, זאָגט מען, דערלאָזט נאָר איין מאָל אין לעבן אַ פֿעלער. מיט אים, פּרענצעלן, וואָס איז קיינמאָל קיין סאַפּיאָר ניט געווען, איז ניט געשען דאָס זעלבע?

ס׳איז געווען א הייסער זומער־טאָג. בלויז איין־און־איינציק וואָלקנדל האָט געבלאָנקעט אין הימל, ווי אומיסטן, קעדיי אונטערשטרײַכן זײַן בלויקײַט. אָבער דער לאַגער איז געווען ארומגערינגלט מיט א ברייטן פּאַס פון רויכיקן נעפּל. פון אלע זײַטן וואלד האָט זיך געטראָגן א געהילך, מע האָט אָן אופהער געוואלגערט ביימער. ער האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער, דעם רימען, געאײַלט זיך צום עשעלאָן, וואָס איז אָנגעקומען פון טשעכאָסלאָוואקיע. און אָט זײַנען שוין אלע ארויס פון די וואגאָנען. און נאָר איינער, אן אלטער טערעך, אן אויסגעטריקנטער, ווי א סוכער, קריכט נאָך קוים־קוים. האָט ער אים א שניט געטאָן מיט דער נאהײַקע איין מאָל און א צווייט מאָל: „שנעלער דו, אלטער הונט, פארפלוכטער יודע, שנעלער!" דער אלטער האָט זיך אָנגעבויגן, אָנגענומען א פולע האנט מיט שטויב, צעריבן, א שאָט געטאָן און לאנגזאם, באטראכטנדיק יעדעס וואָרט, געזאָגט: „אָט ווי דער שטויב, אזוי וועט אײַער אש צעזייט ווערן".

דעמלט איז עס אים אין איין אויער ארײַן און פונעם צווייטן ארויס, ניט איבערלאָזנדיק, דאכט זיך, קיין שפּור. נאָר נאָכן פּראָצעס אין נירנבערג איז דער אלטער ניט איין מאָל אים געקומען צו כאָלעם און גערייצט מיט איינע און די זעלבע ווערטער: „אָט ווי דער שטויב..."

ס׳איז אוועק א יאָר, צוויי, און ס׳האָט זיך פארגעסן. צי וועט ער איצט אים ווידער ניט אָנהייבן רייצן, דער אלטער, באנאכט — אין שלאָף און די לעבן־פארבליבענע איידעס — דרײַ מאָל א וואָך, ווען דער געריכט קומט פאָר: מאָנטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק?

ווער זײַנען זיי, די איידעס? ווער זיי זאָלן ניט זײַן, האָבן זיי ניט געטאָרט פארבלײַבן לעבן. בעסער וואָלט ער שוין יענעם אלטן ניט געווען דערשאָסן, — גרוי און געבויגן איז ער געווען אָן אים, לאנג נאָך וואָלט ער ניט געאָטעמט, — און ארויסגעלאָזט די קויל אין יענעם, וואָס האָט פארקאָכט אזא זאך, וואָס רופט זיך „אופשטאנד אין סאָביבאָרער לאגער". יענער האָט דאָך אויך איין מאָל זיך דערלויבט אים א רייץ טאָן, איז פארוואָס האָט ער אים גלײַך אפן אָרט ניט געשלאָגן ביז טויט? געמיינט, ער וועט עס נאָך באווײַזן.

שולדיק, פרענצעל! אוי, ווי שולדיק!

אויב עמעצער האָט אָנגעפלאָנטערט, און אן עשעלאָן פון מינסק, וועלכער האָט געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן קיין טרעבלינקע, אָדער קיין בעלזשעץ, אָדער דער טײַוול ווייסט וווהין, האָט אָנגעטראָפן קיין סאָביבאָר, האָט מען אלעמען פון יענעם עשעלאָן, אויסער יעטווידער ריי, אלע ביז איינעם באדארפט געווען דעם זעלבן טאָג דערשטיקן און פארברענען. עמעס, ער האָט דאן געהאט איבער זיך וואגנערן. נאָר וואָס־וואָס, דאָס וואָלט ער בא אים שטענדיק געפּויעלט. איז ניין, ניט דערטראכט זיך. ווי צו שטראָפן געוווסט, און ווי צו פארהיטן זיך — ניט.

בלויז זײַן עלטסטן זון, טעאָבאָלדן, האָט ער דערציילט, פרענצעל, אז ווי נאָר צו אים איז דערגאנגען, אז אין לאגער קומט פאָר א בונט, אזוי האָט ער גלײַך פארשטאנען, ווער ס׳איז דער אָנפירער. ס׳איז שווער צו גלייבן, אז ער האָט געקאָנט אזוי באנארישן זיך. געהאט א פארדאכט און גאָרניט פאָרגענומען. נאָך מער: אויב בא די קריגסגעפאנגענע האָט יענער

פאַרשווין געהאַט אַ נאָמען פון אַ העלד ביז זײַן קומען אַהער, איז בײַ אַלע איבעריקע קאַצעטלער האָט ער, פּרענצעל, אים אָפּגעהויבן אין די אויגן.

ס׳איז געווען ענדע סענטיאַבער. שוין דעם דריטן צי דעם פערטן טאָג האָבן אין נאָרד־לאַגער געאַרבעט די מינסקער. ביז זייער שפּאַציר איבער דער „הימל־שטראַסע״ האָט עס געקאָנט דויערן אַמערסטן אַ מאָנאַט. ער האָט באַפוילן דעם קאַפּאָ בזשעצקי, אַז העק זאָל מען זיי געבן טעמפּע און קלעצער אַף צעהאַקן — דעמבענע. ער אַליין האָט ערשט אַרויסבאַגלייט קיין עטינגען אַ מענטשן, וועלכער האָט באַדאַרפט איבערגעבן זײַן פרוי אַ קלייד, אָבער זייער ווערטפול פּעקעלע. איז די שטימונג געווען בײַ אים אַ געהויבענע, נאָר וואָס ער וועט פאָרנעמען אין נאָרד־לאַגער, האָט ער נאָך אַליין ניט געוווסט. איינס בלויז איז אים קלאָר געווען: דער, וואָס גייט בײַ אים אין שפּאַן, דער וועט באַקומען די בײַטש.

איז ער זיך אַזוי געגאַנגען אַ לעב־יונג, מיט אַן אויסדרוק פון אַ צוגעלאָזטן מענטשן, וואָס איז שטענדיק אָפּגעלייגט, און נאָך פונדערווײַטן אויסגעטיילט צווייען פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדע אַף אַ שפּיל טאָן זיך מיט זיי. צוקומענדיק נעענטער, האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז דער אויסוואַל איז אַ געלונגענער. איינער, אַ וווקסיקער, איז, ניט געקוקט אַף זײַן צעריסן אָנטאָן און וואָס ער איז שטאַרק אויסגעמאָגערט, נאָך אַלץ שיין און שטאַלטנע. ער האָט אים נאָך געהאַט באַמערקט, באַלד ווי דער מינסקער עשעלאָן איז אָנגעקומען, און דערלויבט איבערלאָזן, ווײַל אַזעלכע האָט ער באַזונדערס ליב געהאַט אַ שמײַס צו טאָן, נאָר ניט ביז טויט פאַר איין מאָל. דער טוט זײַן אַרבעט באַדאַכט, ווי אַ פאַכמאַן, נאָר דאָס האָט נאָך גאָרניט צו זאָגן. דער צווייטער, אַ קליינינקער, אַ קורצזיכטיקער, שטייט אַ פאַרקלערטער, ווי ער וואָלט געלייזט אין די מינוטן וועלט־פּראָבלעמען. אָט דער שלאַבעריקער האָלענדער, ניטאָ אַף וועמען אַ קוק טאָן, ניטאָ וועמען אָנרירן, איז שוין איין מאָל געווען בײַ אים אין די הענט, און ער, פּרענצעל, איז געווען זיכער, אַז ער האָט אים שוין פון לאַנג אָפּגעשיקט אַף יענער־וועלט. און דאָ, ער שטייט. שוואַך, צעבראָכן, נאָר שטייט אַף די אייגענע פיס. אין דעם מאָמענט האָט ער פאַרגעסן אינגאַנצן וועגן דעם וווקסיקן און אַ זעץ געטאָן דעם קליינינקן אַזוי, אַז ער האָט, קאָנטיק, גלײַך געלייזט די „וועלט־פּראָבלעם״. און דאַן האָט ער, פּרענצעל, מיטאַמאָל דערפילט אַף זיך אַ שאַרפן בליק, ווי אַ שווערד. דאָס האָט דער שטאַלטנער, דער וווקסיקער אַזוי געקוקט. ווי געוויינלעך, האָט אים דאַן אין נאָרד־לאַגער באַגלייט דער קאַפּאָ בזשעצקי, האָט ער אים באַפוילן דערקלערן דעם יונג, אַז אויב ער וועט פאַר פינף מינוט פּאַרטיק ווערן מיט דער קלאָץ, באַקומט ער אַ פּעקל סיגאַרעטן, אויב ניט, וועט ער געשלאָגן ווערן ביז טויט.

ס׳האָט פאַרנומען בײַ אים פיר מינוט מיט דרײַסיק סעקונדעס, נאָר פונעם פּעקל סיגאַרעטן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— אַ דאַנק, איך רייכער ניט.

פּרענצעל געדענקט נאָך הײַנט, ווי דאָס בלוט האָט אין אים אויפגעקאָכט.

טעאָבאָלד קאָן ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס איז נייטיק געווען די שפּיל? פאַרוואָס האָט ער אַרײַנגעלייגט אין דער קאָבורע צוריק דעם פּאַראַבעלום, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען?

גיי דערצייל אים, אַז ער, פּרענצעל, וואָס איז ניט געווינט געווען צו טראַכטן, איידער ער לאָזט אַרויס אַ קויל פונעם פּאַראַבעלום, האָט פאַרן וווּקסיקן צוגעטראַכט צענדליקער טויטן. יעדעס מאָל האָט זיך אויסגע־דאַכט — געפונען, און ס׳גייט פאַרבײַ אַ טאָג, צוויי, און ס׳ווערט קלאָר, אַז ס׳איז אַלץ ניט דאָס, וואָס ס׳ווילט זיך. ביז איינמאָל, זיצנדיק שפּעט בײַ־נאַכט אין קאַזינאָ, האָט ער דערציילט וועגן דעם יאַהאַן נוימאַנען. אַז פאַר נוימאַנען דאַרף מען זיך היטן, האָט ער געוווּסט, און דאָך האָט ער פון אים ניט אויסבאַהאַלטן, אַז אין לאַגער ווייסט מען וועגן דעם פאַל, און אַלע קוקן אויף דעם וווּקסיקן ווי אויף אַ העלד. דער קאַפּאָ שלאַק האָט דערציילט, אַז בײַ די ייִדן איז געווען עפּעס אַ פײַערטאָג, האָבן פיל פון זיי געוויינט, געדאַוונט, געבעטן זייער גאָט, ער זאָל באַווײַזן אַ ווונדער און זיי ראַטע־ווען פון טויט. זאָגט איינער, אַ פאַרזײַדענקער, צו זײַנעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס דאַוונט: „בעט ניט גאָט, בעט דעם רוסישן קאָמאַנדיר סאַשקאָ, וואָס וועט ניט וואַרטן, ביז מע וועט אים, ווי אַ לעמעלע, פירן צום טויט. ער קאָן אונדז גיכער העלפן". דער ענטפער איז געווען: „דאָס בעטן מיר דאָך גאָט, ער זאָל העלפן דעם רוסישן קאָמאַנדיר סאַשקאָ און אַלעמען, ווער ס׳איז מיט אים".

נוימאַן האָט געזאָגט דאָס, צו וואָס קיינער אויסער אים וואָלט זיך ניט דערטראַכט:

— דערווײַל לאָז אים צורו. שוין צײַט זיי אַלעמען צו פאַרניכטן און שאַפן נײַע אַרבעטס־קאָמאַנדעס. מיר וועלן דעם סאַשקאָ צווינגען, ער אַליין זאָל טרײַבן איבער דער „הימל־שטראַסע" צו די גאַז־קאַמערן אַלע די, וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבן פונעם מינסקער עשעלאָן. דאָס נעם איך אויף זיך. איך זע, מײַן פּלאַן איז דיר געפעלן?

אַלץ הייסט געפעלן! ווען מע וואָלט אים דאַן פאַרגעלייגט גיין אין אורלויב, וואָלט ער זיך געוויס אָפּגעזאָגט.

פאַרקומען האָט עס באַדאַרפט דעם 16 אָקטיאַבער, און דעם 14־טן... וואָס זשע איז איצט פאַראַן צו קלערן — שולדיק צי ניט שולדיק? נאָך ווי אַזוי שולדיק! הײַנט נאָך וועט ער בעטן ריינטשן, ווי שווער דאָס זאָל ניט אָנקומען, וויפל עס זאָל ניט דאַרפן קאָסטן, נאָר אַלעמען, וועמען מע קאָן, שטעלן אויף די פיס און ניט דערלאָזן, אָט דער סאַשקאָ, אויב ער לעבט נאָך ערגעץ, זאָל קומען אַפן געריכט־פּראָצעס.

## מיטלען זײַנען געווען פאַרשיידענע

קאַרל פּרענצעל שטייט באַם באַריער. באַלד וועט ער דאַרפן ענטפערן אויף די פראַגן, וועלכע מע וועט אים פאַרגעבן. ער באַווײַזט נאָך פאַר דעם זיך אַ קער טאָן צום אָפענעם פענצטער און פאַרהייבן דעם קאָפּ צום הימל. עס שײַנט די זון. מעגלעך, דער טײַוול איז ניט אַזוי שוואַרץ, ווי מע מאָלט אים.

— אַנגעקלאָגטער קאַרל פּרענצעל, קעגן אײַך איז אַרויסגערוקט אַ באַשולדיקונג, אַז אין צווײ און פֿופֿציק פֿאַלן האָט איר דירעקט אָנטײלגענומען אין דערמאָרדן אָן אומבאַשטימט גרויסע צאָל מענטשן, און אין צוויי פֿאַלן — מיטגעהאָלפֿן דערמאָרדן באַ צוויי הונדערט פֿופֿציק טויזנט מענטשן. וואָס קאָנט איר אונדז וועגן דעם זאָגן?

— דאָס איז ניט עמעס.

— איר זײַט געווען אַ מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי?

— יאָ.

— אַז איר האָט געדינט אין סאָביבאָר, אַנערקענט איר?

— יאָ.

— דערציילט גענויער, וויאַזוי זײַט איר אַהין געקומען?

— איך האָב געדינט אין אַ בוי־באַטאַליאָן. נאָר ווײַל כ'בין געווען אַ פֿאָטער פֿון עטלעכע קינדער, האָט מען מיך באַפֿרײַט. אַלע מײַנע קאַמראַדן זײַנען געווען אַפֿן פֿראָנט, האָב איך דערלאַנגט אַ מעלדונג, מע זאָל מיך אויך מאָביליזירן. מײַן ביטע איז באַפֿרידיקט געוואָרן.

— דאָס באַטײַט, אַז איר זײַט אַ פֿרײַוויליקער?

— יאָ. אָבער איך האָב געבעטן, מע זאָל מיך שיקן אַפֿן פֿראָנט.

— און וווהין האָט איר אָנגעטראָפֿן?

— אין „קאָלומבוס־האַוז", אין שטאַב פֿון דער אַקציע T-4 און שפּעטער שוין — אין סאָביבאָר.

— וועמעס באַפֿעלן איז אײַך אויסגעקומען אויספֿילן אין סאָביבאָר?

— אַלעמען איז אומעגלעך אָנצורופֿן.

— און דאָך? פּרוּווט אָנרופֿן עטלעכע נעמען.

— די עסעס־אָבערשטורמפֿיורערס טאָמאַלאַ און רײַכלײַטנער אינטערעסירן אײַך דאָך ניט?

— פֿאַרוואָס?

— ווײַל זיי לעבן שוין ניט. דאָס ווייסט איר אָן מיר. נאָך קאָן איך אָנרופֿן פֿראַנץ פּאַול שטאַנגלען, גוסטאַוו וואַגנערן.

— נאָך וועמען קאָנט איר אָנרופֿן?

— דעם עסעס־אָבערשאַרפֿיורער קורט באָלענדער, וואָס זיצט באַנאַנד מיט ווערנער דיובואַ.

פֿון אומגעריכטקײַט איז באָלענדער אופֿגעשפּרונגען פֿון זײַן אָרט. קאַרל פּרענצעל, ווער איז ער עס? אַ מענטשנפֿרעסער, וואָס וואַרפֿט זיך אַף אייגענע? דער געמיינער שווישפּילער וויל אים מאַכן צו שפּאָט און צו שאַנדע?

אין זאַל טומלט מען, מע לאַכט. מע דאַרף ניט קיין טעאַטער.

ווען באָלענדער זיצט שוין ווידער אַף זײַן שטול און דער זאַל איז אײַנגעשטילט געוואָרן, פֿרעגט דער פּאָרזיצנדער מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— אַנגעקלאָגטער קאַרל פּרענצעל, וואָס פֿאַרא באַפֿעלן האָט אײַך זײַנערצײַט אָפּגעגעבן קורט באָלענדער?

— פֿאַרשיידענע. ווער קאָן עס געדענקען?

— בא באַלענדערן איז דען ניט געווען דער זעלבער מיליטערישער ראנג, וואָס בא אײַך?

— די פאַרדינסטן און די זינד זײַנען בא אים געווען גרעסער, ווי בא מיר. פאַר זײַנע מאַכינאַציעס מיט גאָלד און בריליאַנטן איז געווען לײַכטער אים באַשטראָפן, ווי פאַר צווינגען געבן פאַלשע באַווײַזן, — האַקט פּרענצעל אָפּ יעדעס וואָרט, — נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז אים שווער צו פאַרבײַטן. ווען באַלענדער איז שוין געווען אַן אָבערשאַרפירער, בין איך נאָך געווען אַן אָרדינאַרער עסעס־מאַן. דאָס קאָן ער ביז הײַנט ניט פאַרגעסן.

— אײַערע פּערזענלעכע צווישנבאַציִונגען אינטערעסירן ניט דעם געריכט. וואָס פאַרא פליכטן האָט איר אויסגעפילט אין סאָביבאָר? אין וועלכע לאַגער־אָפּטיילן האָט איר געדינט און מיט וואָס האָט איר זיך דאָרט באַשעפטיקט?

— אין פאָרלאַגער. אין די לאַגערן נומער 1, נומער 4, מיר האָבן אים גערופן נאָרד־לאַגער. איך בין געווען אַן אויפזעער איבער די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, איבער דער באַנהאָף־קאָמאַנדע.

— וויאַזוי פלעגן די מענטשן געבראַכט ווערן אין די גאַז־קאַמערן?

— זיי פלעגן געטריבן ווערן אַהין גלײַך פון די אײַזנבאַן־עשעלאָנען.

— האָבן זיי געקענט אויסמײַדן דעם פאָרלאַגער?

— אויסגעשלאָסן. דאָרט האָבן זיי געדאַרפט איבערלאָזן אַלע זייערע זאַכן, אויסער די קליידער, וואָס אויף זיי. אין צווייטן לאַגער האָבן זיי באַדאַרפט אַפּגיך זיך אויסטאָן, ווי גלײַך מע וועט זיי באַלד פירן זיך אויסבאָדן.

— דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן מיט זייער גוטן ווילן?

— מע האָט זיי דאָך געזאָגט, אַז מע פירט זיי אין באָד־אַנשטאַלט. פיל האָבן געגלייבט, אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַרויס פון די וואַגאָנען. אַנדערע פלעגן אַרויסגיין זייער לאַנגזאַם, און מיר האָבן דאָך באַדאַרפט וואָס שנעלער זיך אָפּפּאַרטיקן מיט די אָנגעקומענע עשעלאָנען.

— דאָס הייסט, אַז אײַך פלעגט אויסקומען זיך באַגעגענען מיט די געפאַנגענע שוין אויף דער אײַזנבאַן־ראַמפּע, און אויב זיי פלעגן אײַך ניט פאָלגן, האָט איר זיי מיט גוטן דערקלערט, ווי זיי דאַרפן זיך האַלטן?

— שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מיט גוטן. איך האָב שוין ניט איין מאָל געענטפערט אויף דער פראַגע, און איר...

— אָנגעקלאָגטער קאַרל פּרענצעל, איר ווערט גערופן צו אָרדענונג. מיט וועלכע מיטלען פלעגט איר פאַרטרײַבן די מענטשן פון דער אײַזנבאַן־ראַמפּע ביז צו די גאַז־קאַמערן?

— מיטלען זײַנען געווען פאַרשיידענע.

— נאָר שטענדיק קלעפּ?

— ניין, ניט שטענדיק.

— און אויב מע האָט ניט געפאָלגט, האָט איר געשלאָגן ביז טויט אָדער געשאָסן? ענטפערט!

— איך זעלבסט האָב אין קיינעם ניט געשאָסן.

— אף דער טעריטאָריע פון סאָביבאָר האָט איר געהאַט אַן אייגענע פערמע?
— איך פאַרשטיי ניט.
— די פראַגע איז אײַך ניט קלאָר. א פערמע, וואָס האָט פּערזענלעך אײַך צוגעשטעלט שווײַנען־פלייש? געגנדז זײַנען געווען אין לאַגער?
— יאָ.
— פאַרוואָס האָט איר געשאָסן דעם געפאַנגענעם, וואָס האָט באַדינט די פערמע?
— איך האָב אים ניט דערשאָסן. מעגלעך, איך האָב אים געוואָלט א שרעק טאָן פאַר שלעכט באַהאַנדלען גאָטס באַשעפענישן.
— דאַן זאָגט, ווער און פאַרוואָס האָט דעם מענטשן דערשאָסן?
— עטינגער. באַלענדערס פאַרטרעטער. גראָד דעם פאַל האָב איך פאַר־געדענקט. ווײַל עטינגער האָט דערנאָך אין קאַזינאָ געשריִען, אַז די געגנדז קומען אַרויס פון באַרימטע אורעלטערן, וואָס האָבן רוים געראַטעוועט. דער אומענטש האָט די געגנדז שלעכט באַהאַנדלט.
— ווער זײַנען געווען אײַערע עלטערן?
— די מוטער — א שטוב־ווירטן, דער פאָטער — אַן אָנגעשטעלטער אַף דער אײַזנבאַן, — די אויגן־שפּאַלטן בא פּרענצעלן זײַנען שמעלער געוואָרן, עס טוט אים א שרויף אויף, און מיט א באַוועגונג, ווי ער וואָלט ווען אומקערן צוריק די פראַגע זעצט ער פאָר: — דאָס גייט אויך אָן דעם גע־ריכט?
— אַלץ גייט אָן דעם געריכט. מיט וואָס דערקלערט איר, וואָס פון דער אײַזנבאַן־ראַמפּע און ביז צו די גאַז־קאַמערן האָט איר געהאַלטן פאַר ניי־טיק אונטערטרײַבן די מענטשן, און ווי נאָר זיי האָבן זיך אַף א ווײַלע פאַרהאַלטן, האָט איר זיי געזידלט, געשלאָגן?
— ווען ניט, וואָלטן זיי זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס דערוואַרט זיי, און זיך אַנטקעגנגעשטעלט. אָדער זיך געהאַלטן אומרויִק און אונדז פאַרשוועַ־ריקט די אַרבעט.
— איר ווילט דערמיט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אין די אינטערעסן פון די געפאַנגענע?..

# א פאַכמאַן

— ווערנער דיובואַ, איר ווערט באַשולדיקט אין מיטהעלפן דערמאָרדן בא דרײַ און פערציק טויזנט מענטשן. ענטפערט: ווער זײַט איר לויטן פאַך?
— א פענדזלמאַכער. איצט אַרבעט איך אַלס שלאָסער. נאָר געטרוימט האָב איך צו זײַן אַן אויטאָמאָביל־אויספּרווּער.
— וואָס האָט אײַך געשטערט פאַרווירקלעכן אײַער טרוים?
— עס זײַנען געווען פאַרשיידענע אורזאַכן. אין זאַקסענהאַוזען האָט עס מיר טיילווײַז זיך אײַנגעגעבן. מײַן שעף האָט דאָן באַקומען א נײַעם מער־סעדעס.
— מיט וואָס נאָך האָט איר זיך באַשעפטיקט אין זאַקסענהאַוזען?

— איך האָב איבערגעפּירט טויטע, געהאָלפן זיי פאַרברענען.
— דערשטיקן פלעגט מען זיי אין אַ בער מאַשין?
— ניין, ניין. יענע אויטאָמאָבילן זײַנען געווען גאָר אַנדערע. אויב דאָס אינטערעסירט דעם געריכט, קאָן איך וועגן דעם דערציילן.
— דערציילט.
— דאָס זײַנען געווען שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, באַשלאָגענע פון אינווייניק מיט צינק. די הינטערשטע טירלעך פונעם וואָגן־קאַסטן האָבן זיך פאַרמאַכט הערמעטיש. דער אָפּגענוצטער גאַז פונעם מאָטאָר איז אַרײַנגעדרונגען אין וואָגן־קאַסטן דורך אַ ספּעציעלער עפענונג אין דיל.
— איר, זעט מען, זײַט אַ פאַכמאַן אין דעם געביט. פאַר אײַערע פאַרברעכנס אין בעלזשעצער טויט־לאַגער האָט מען אײַך באַשטראָפט?
— מיך און נאָך זעקס פון די, מיט וועמען מיר געפינען זיך איצט אויף איין באַנק...
— אויב דאָס וועט נייטיק זײַן, וועל איך בײַ די איבעריקע זעקס אַליין פרעגן. אײַך האָט מען באַשטראָפט?
— ניין. קיינע דאָקומענטן וועגן דעם, אַז איך האָב געדינט אין בעלזשעץ, זײַנען ניטאָ. איך בין שטענדיק געווען ווי אין רעזערוו. ווען עמעצער פלעגט באַקומען אורלויב, דאַן פלעג איך אים פאַרבײַטן.
— ווען האָט איר פון זיך אַראָפּגענומען דעם עסעס־מונדיר?
— ווען? באַלד וועל איך זאָגן. מיך האָבן פאַרהאַלטן די ענגלענדער. דאַן האָב איך נאָך געטראָגן די עסעס־אוניפאָרם. די ענגלענדער האָבן מיך פרײַגעלאָזט. דערנאָך האָב איך געאַרבעט בײַ די אַמעריקאַנער אַלס שאָפער. דאַן האָב איך שוין געטראָגן ציווילע קליידער.
— מער קיין פראַגן צו אײַך האָב איך דערווײַל ניט.
— ביטע. פרעגט. איך בין ניט פון די, וואָס בלאָזן פון זיך און האַלטן זיך גרויס. איך בין שטענדיק געווען פאַר אַ פעסטער שטרענגער אָרדענונג און בין גרייט זיך אונטערוואַרפן יעטווידער אָרדענונג, וואָס איז אײַנגעשטעלט פון דער מאַכט, פון דער אַרמיי צי פון דעם געריכט. דאָס, מיין איך, איז ניט וויכטיק.
— איר זײַט געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פאַרטיי?
— יאָ. דאָס איז געווען אומפאַרמײַדלעך, — דאָ האָט דיובואַ אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, ווי עס וואָלט אים אַ שווערער געדאַנק באַהערשט. — קעדיי קעגנשטעלן זיך, האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן איבערנאַטירלעכע קראַפט. אַזאַ צײַט איז דאַן געווען.

# אין די גרענעצן פון געזעצלעכקײַט

דער צוויי־און־זעכציקיאָריקער אויטאָמאָביל־פּאַרקויפער פון קאָבלענץ עריך פוקס איז ניט לויט זײַן עלטער פלינק אופגעשפּרונגען פון דער באַשולדיקונגס־באַנק. ער האָט אַ ריר געטאָן די האָר בײַ די קאָפּ־ווינקלען, דערנאָך דעם קאַרק, וואָס לייגט זיך בײַ אים אין דרײַ פאַלדן. דאָס, וואָס ער גע־

פינט זיך אף דער באַשולדיקונגס־באַנק, איז ניט מער ווי אַ מיספּאַרשטייעניש. אין דעם וועלן די ריכטער אײַנגיכן זיך איבערצײַגן. ער איז אויסגעוועזן אין פיל לענדער, און אין קיין ניט איבעריק ריינע געשעפטן, פון וועלכע עס שמעקט נאָך דערצו מיט ריזיקע, האָט ער קיינמאָל ניט אָנטיילגענומען. עס גייט אים גאָרנישט ניט אָפּ. ער איז קעגן יעדער קאָמערציעלער אונטער־נעמונג, וואָס האָט דעם ציל באַקומען אַ לײַכטן פאַרדינסט. ברעכן דאָס וואָרט, פעלשן — אויסגעשלאָסן! אָפּנאַרן איז קיין קונץ ניט. אַ וועלט נאַרט מען ניט. ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין די גרענעצן פון געזעצלעכ־קײַט. אפילו ברענגען עמעצן אין פאַרלעגנהײַט האָט ער זיך קיינמאָל ניט דערלויבט. אויך אין דער צײַט פון קריג איז ער, אייגנטלעך, געווען ניט מער ווי אַ מאַרקיטאַנט. אין די האַנדלס־קרײַזן קען מען אים. ער האָט דאָרט, מעג ער זאָגן, אויטאָריטעט. ראַסן־האַס, באַזונדערס האַס צו ייִדן, איז אים שטענדיק געווען דערווידער. עס עקלט אים פון ייִדן־פײַנט.

בערעק האָט אַ קלער געטאָן, אז אָט דער פּראַזן־דרעשער מיט די שעל־מישע אויגן קאָן פּלאַפּלען אַזוי נאָך אַ שאָ און מער, און קיינער וועט אים ניט אָפּשטעלן. מע שלאָגט אים ניט איבער, ווי מע וואָלט אים ספּעציעל אַרויסגערופן אַהער, קעדיי אויסצוהערן אָט די רייד זײַנע. נאָר אַלץ האָט אַן ענדע.

— אָנגעקלאָגטער עריך פוקס, איר ווערט צום ערשטן מאָל צוגעצויגן צו געריכט־פאַראַנטוואָרטלעכקײַט?

— גלייבט מיר, אַז אף אַזאַ געריכט־פּראָצעס בין איך צום ערשטן מאָל.

— אף „אַזאַ" — דאָס גלייבן מיר, און דאָך?

— בא אַ קאָמערסאַנט טרעפן פאַרשיידענע פּעריאָדן. עס דאַכט, אַלץ גייט גוט, און מיטאַמאָל... דאַן קאָן קעגן דיר אַ שפּין אף דער וואַנט איידעס זאָגן. אויב די צײַט איז נאָך דערצו אַ פּאַסיקע, וועט ער דיך פון דער וועלט אומברענגען.

— וועגן וואָס פאַר אַ צײַט רעדט איר?

— וועגן 1933. איך האָב דאַן געאַרבעט בא ייִדן. אין אולשטיין־פאַרלאַג. און מע האָט וועגן מיר אָנגעשריבן, אַז איך בין אַ ייִדן־דינער, אַז קלוי־מערשט אין מײַן אָנוועזנהײַט האָט אַן אָנגעשטעלטער זיך שלעכט אָפּגעע־רופן וועגן דעם טעאָרעטיקער פון דײַטשישן אַנטיסעמיטיזם פאַסטאָר שטע־קער, און איך האָב עס פאַרשוויגן. נאָך מער, אַז איך האָב אַליין געזאָגט, אַז די ייִדן זײַנען אַזעלכע, ווי מיר אַלע, בלויז אַ ביסל אַנדערע.

— וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט קאָמערציע? גענוג וועגן דעם. פון אולשטיין־פאַרלאַג האָט מען אײַך באַפרײַט?

— באַפרײַט. איך בין געצוווּנגען געווען אַרײַנטרעטן אין דער נאַצי־פּאַרטיי און אויך אָנטאָן די אוניפאָרם פון אַ שטורמאָוויק, ווײַל אין דעם הויז האָבן מיט מיר געוווינט פיל שטורמאָוויקעס.

— קלאָר. מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט אין דער אַקציע T-4?

— מײַן זאַך איז געווען ברענגען די פּאָסט און די שפּײַז־מיטלען. אַ שאָפער בין איך פון דער יוגנט געווען אַ גוטער.

— דאַרף מען מיינען, אַז וואָס די אַקציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, האָט איר געוווּסט?

— שטעלט אייַך פֿאָר, אַז ניט. צו מיר איז עס דערגאַנגען שפּעטער ווי צו אַלעמען. ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, איז אויף מיר אַ שרעק אָנגעפֿאַלן.
— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפֿטיקט אין סאָביבאָר?
— דאָרט בין איך געווען ווייניקער פֿון אַ טאָג און האָב זיך דאָרטן מיט גאָרנישט ניט באַשעפֿטיקט.
— איז צוליב וואָס האָט מען אייַך געשיקט אַהין?
— מע האָט מיר באַפֿוילן ברענגען אין סאָביבאָר אַ מאָטאָר פֿון אַן אונטערגעקלאַפּטן רוסישן טאַנק.
— צוליב וועלכן צוועק?
— דאָס האָט מיר קיינער ניט געזאָגט. איך האָב דאָרט איבערגעגעבן טיקט און אויפֿן צווייטן טאָג זיך אומגעקערט אין מייַן טייל.
— אונדז איז באַוווּסט, עריך פֿוקס, אַז איר האָט דער ערשטער אייַנגעשלאָסן אין סאָביבאָר דעם מאָטאָר, וועלכער האָט געטריבן גאַז, און אַזוי אַרום דערשטיקט דרייַ טויזנט זעקס הונדערט מאַן.
— ווען? פֿאַר איין נאַכט?
— ווען? דאָס איז אייַך באַוווּסט. אויב איר וועט עס ניט אָנערקענען, וועט עס אייַך העלפֿן טאָן דער, וועמען איר האָט אויסגעלערנט באַדינען דעם מאָטאָר. דערנאָך האָט ער שוין אַליין פֿאָרגעזעצט די אַרבעט.
— עריך באַוער איז יענע שפּין, וואָס קאָן אַן אומשולדיקן פֿון דער וועלט אומברענגען. נאָר גראָד פֿאַר אים שרעק איך זיך ניט. ווען ער איז אין 1950 געשטאַנען פֿאַר דעם געריכט אין דער מאַאַביטער טורמע, האָט ער געמאָלדן, אַז ער געדענקט מיך ניט. פֿון דאַן איז פֿאַרבייַ העכער פֿופֿצן יאָר. ווי האָט ער עס מיטאַמאָל זיך דערמאָנט?
— אונדז איז זייַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע באַוווּסט. און איר קאָנט וואַרטן, ביז ער וועט דאָס זעלבע ווידער זאָגן אין אייַער אָנוועזנהייט. וואָס האָט איר געטאָן נאָכן קריג?
— געאַרבעט אין פֿראַנצויזישן סעקטאָר. אויפֿן לעבן פֿאַרדינט, אַרבעטנדיק אַלס שאָפֿער, לויט אַ צופֿאַל ווידער בײַ אַ ייִדן.
ווען דער פֿאַרהער איז געגאַנגען צום סוף, איז ער שוין ניט געווען אַזוי זעלבסטצופֿרידן און טומלדיק, ווי אין אָנהייב.

## געגאַנגען ווי אויף פּוטער

דער פֿינפֿטער און דער לעצטער, וועמען מע האָט פֿאַרהערט אין דעם ערשטן טאָג פֿון פּראָצעס, איז געווען דער עסעס־אָבערשאַרפֿיורער אַלפֿרעד איטנער. אויף דער פֿאָרלויפֿיקער פֿאָרשונג האָט ער אָנערקענט זייַן אָנטייל אין דערמאָרדן בײַ זיבן און פֿופֿציק טויזנט מענטשן. קיין פֿראַגן האָט מען אים ניט באַדאַרפֿט שטעלן. ער האָט אויסגעקערעוועט דאָס שמייכלענדיקע געזיכט ניט צום פֿאָרזיצנדן, נאָר צום פּראָקוראָר, און פֿליסיק דערציילט:
— אין אַלץ איז שולדיק מייַן קוזין, וועלכער האָט אין דער נאַציסטישער יעראַרכיע פֿאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט — געווען הויפּט־קאַסירער. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז אייגנס איז ניט פֿרעמדס. און מיך, אַ

הילפס־ארבעטער, איינגעאָרדנט אלס בוכהאלטער אין אַן אויסלענדישער נאַציסטישער אָרגאַניזאַציע. פון דאָרט האָט געפירט אַ גלײַכער וועג צו דער אַקציע T-4.

— וואָרום? — פרעגט דער פאָרזיצער.

— יאָ, וואָרום? — איז איטנער אויך ווי פאַרוווּנדערט.

— און איר האָט געוווּסט, — פרעגט ווײַטער דער פאָרזיצנדער, — וואָס דאָס איז פאַר אַן אַקציע?

— וואָס זאָל איך אײַך דערויף זאָגן? — דערלויבט זיך איטנער נאָר אַ צוק טאָן מיט די אַקסל, וואָס מע קאָן טײַטשן, ווי מע וויל: אי יאָ, אי ניט. דערנאָך ענטפערט ער: — אין אַלגעמיינע שטריכן.

אין סאָביבאָר האָט ער אלס רעגיסטראַטאָר און רעוויזאָר אַקטירט די ווערטפולע זאַכן, וואָס מע האָט צוגענומען בײַ די געפאַנגענע, קאָנטראָלירט די קאַסע, וואָס האָט זיך געפונען ניט בלויז אין פּײַער־קאַסטנס. אַלץ, וואָס איז בײַ די געפאַנגענע רעקווירירט געוואָרן, האָט געמוזט אָפּגעשיקט ווערן אין רײַך, און איטנער איז געווען דער באַאַמטער, וואָס האָט דערפאַר באַ־דאַרפט זאָרגן. ער אַנערקענט, אַז ווי אַלע זײַנע קאָלעגן, האָט ער געלעבט אַ גוטן טאָג. פרײַער פאַר אַלץ האָבן זיי אַלע געטראַכט און געזאָרגט וועגן זיך. דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט אומבאַוואָפנטע מענטשן, האָט געשאַפן אַ זיכערקײַט, אַז זיי וועלן זיך אומקערן פון קריג לעבעדיקע. ביז ס'איז ניט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, און סאָביבאָר איז ניט אויפגערו־דערט געוואָרן פון דער אומגעהייערער געשעעניש, איז אים, איטנערן, גע־גאַנגען ווי אויף פּוטער.

— מיר זײַנען געווינט געוואָרן, אַז די, וואָס זײַנען אויסערן געזעץ, וויינען, שרײַען, נאָר קיינער פון אונדז האָט זיך פאַרשטעלט ניט געקאָנט, אַז זיי וועלן זיך אַנטשליסן אומקומען אין שלאַכט, און איר ווייסט...

נאָר, ווײַזט אויס, דער געריכט־פאָרזיצער, הער שטראַקע, האָט ניט גע־וואָלט וויסן, וואָס איטנער האָט אים נאָך צו זאָגן וועגן דעם. וויכטיקער האָט אים אויסגעזען צו פרעגן:

— ווי האָבן זיך צו אײַך באַצויגן אײַערע קאָלעגן אין סאָביבאָר?

— די מערהײַט — גוט. מע האָט דאָך געוווּסט, אַז דאָס, וואָס איך וועל אָנשרײַבן מיט דער פּען, וועט מען שוין מיט קיין האַק ניט אויסהאַקן. דערבײַ האָב איך דאָך אויך ריזיקירט. שטאַרק ריזיקירט.

## „אַאוספּערקאַוף"

פון דער געריכט־געבײַדע איז בערעק אַרויסגעגאַנגען אין אָוונט. ס'וואָלט שוין געדאַרפט זײַן פינצטער, נאָר אַפּן פלאַץ, ניט ווײַט פון צענ־טער, איז ווי אין רעכטן מיטן טאָג ליכטיק — פּערל צו קלײַבן. מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט באַלויכטן אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, ווען ס'לוינט זיי. ווי טליִענדיקע קוילן, פון וועלכע מע האָט ערשט אַראָפּגעבלאָזן דעם אַש, גליִען פּײַערלעך אין די שויפענצטער פון די קראָמען. „אַאוספּערקאַוף" — בלענדט גאָלדיק די אויפשריפט אויף אַ גרויסער שילד. און ווו דו זאָלסט

זיך ניט אַ קער טאָן, קוקן אַף דיר מאַנעקענען מיט אויסגעשטרעקטע פינגער. פּאָשעטע שטיינדלעך שײַנען, ווי בריליאַנטן. ווער ווי עס קאָן, אַזוי לויבט ער זײַן סכוירע. עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז אויב דאָ פעלט עפּעס וואָס צום קויפן, איז סײַדן אַ שטול אין גאַניידן.

וועגן דעם, אַז די מאָדע, וואָס וועט מיסטאָמע אין אייניקע יאָרן אַרום זיך ווידער אומקערן, איז דערווײַל פאַרבײַ, און די זאַכן, וואָס זײַנען דאָ אויסגעשטעלט, האָבן שוין ניט קיין נאָכפרעג, פאַרשווײַגט די רעקלאַמע. די מאַנעקענען שרײַען שטומערהייט: „אָט דאָס אויבערהעמד האָט מיט צוויי וואָכן צוריק געקאָסט צוואַנציק מאַרק, און הײַנט — פינף. בלויז פינף. קויפט!״ אייניקע וואָלטן מיט פאַרגעניגן אײַנגעשאַפט זיך אַזאַ אויבערהעמד, נאָר ווי קאָנען זיי, ווי מעגן זיי, אויב ס׳איז שוין אָפּגעשאַצט אין פיר מאָל ביליקער. אַנדערע בייטיקן זיך ניט אין אַזאַ העמד, אָדער פאַר זיי איז אויך פינף מאַרק צו טײַער, נאָר אַרײַן אין קראָם קאָסט דאָך קיין געלט ניט, און אַז מע גייט שוין אַרײַן, איז ווי האַנדלט מען ניט אײַן אַזאַ מעציִע?

האַגען איז אַן אַלטע שטאָט, וואָס איז אין דער וועלט באַוווּסט נאָך פונעם נײַנטן יאָרהונדערט, טוריסטן האָבן ליב פאַרפאָרן אַהער. טוריסטן האָבן זיך זייער רעכענונג: מאַלע וואָס בײַ די דײַטשן איז אין איין אויגנבליק אַרויס פון דער מאָדע. אין אַנדערע ערטער איז די מאָדע נאָך ניט פאַרבײַ, און, מעגלעך, גאָר נאָך ניט געקומען. באַקומט זיך, אַז די מאַנעקענען טוען גוט זייער זאַך, און ניט אומזיסט בלענדט גאָלדיק די אויפשריפט „אויספאַרקאויף״. דער נאָכפרעג איז גרויס. איז זאָל עפּשער בערעק אויך אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט טוט זיך אין קראָם? אַרײַן און אַרויס קאָסט טאַקע גאָרניט. ניין, הײַנט ניט, ער וועט עס אָפּלייגן אַף אַן אַנדערשמאָל.

אין וועג, ווען דער אַעראָפּלאַן אָדער דער צוג שלינגט קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער, און ביכלאַל אין דער פרעמד, מעג זײַן אין אַ שטאָט, וווּ ס׳איז אַ פאַרפלייצעניש פון מענטשן, צי אַפילע איינער אַליין אין וואַלד, אין פעלד, דריקט אַף אים ניט אַזוי שווער די לאַסט פון זיכרוינעס. אָבער הײַנט האָט דער זיקאָרן ווידער אויפגעוואַכט מיט אַן אומגעהייערער קראַפט. נאָך אַזאַ טאָג זעען אויס די ווײַטע געשעענישן גאָר ניט אַזוי פאַרעלטערט, און דאָס איבערגעלעבטע יאַטערט, ווי אַ וווּנד. אָט ווען ער וואָלט געקאָנט איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אויסריידן, און אַן עק זאָל עס נעמען! ס׳איז אַ פוסטער טרוים.

באַם ראָג, וווּ אין צוויי פענצטערלעך פונעם ליכט־סיגנאַל איז די שײַן אויסגעלאָשן און דאָס דריטע פינטלט פויל, ווי אַן אויג בײַ אַ האַלב־דרעמלענדיקן מענטשן, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט. דער קאָפּ איז פאַרנומען, און די לאַנגע פיס טוען זיך זייערס, גייען איבערן אַספאַלט, מיט דער ווײַסער סטעזשקע, וואָס איז פאַר די פוסגייער אָנגעמאָלט. אַזוי איז ער, בײַ קיינעם ניט נאָכגעפרעגט זיך, קיין איין מאָל ניט אַרומגעקוקט זיך, געקומען צום האָטעל.

אין רעסטאָראַן אַפן ערשטן שטאָק איז שוין קיין גרויסער אויסוואַל פון געריכטן ניט געווען. נאָר אים איז דאָס ווייניק אָנגעגאַנגען. פאַר זײַן אָוונט־עסן איז אים גענוג געווען אַ סאַלאַט פון בלומען־קרויט און אַ בוטערבראָד, וועלכן ער האָט פאַרטרונקען מיט מאַראַנצן־זאַפט. דערנאָך

האָט ער מיט די סקריפּענדיקע טרעפּ זיך אופגעהויבן אין נומער. זיך אויסטאָן און גלײַך אין בעט אַרײַן וואָלט ער באַדאַרפט, נאָר אף דעם האָט אים דערווײַל קיין קויעך ניט געקלעקט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פאָטערשטול, און דער וואַנט־שפּיגל, וואָס אנטקעגן, האָט באַוויזן, ווי פאַרמאַטערט, אויסגעשעפּט אָדער, גיכער, אָנגעשיקערט פון צאָרעס ער זיצט. די עלנבויגנס אָנגעלענט אף די לעדערנע הענטלעך, און דער קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט די דלאָניעס.

מיטאַמאָל איז אים באַפאַלן אַ שאַרף־אויסגעדריקטע שוואַכקײַט. באַם אופהייבן זיך אף די טרעפּ האָט אים אַ שטאָך געטאָן לעבן האַרצן, נאָר דער ווייטעק איז מאָמענטאַל אַדורך, און ער האָט אף אים קיין אַכט ניט געלייגט. ווער־ווער, נאָר ער דאַרף פאַרשטיין, אַז אַזעלכע ווייטעקן זײַנען אַן אייגנאַרטיקער רויטער סיגנאַל. עמעס, באַ אים איז דער פּולס ניט איבעריק פאַרלאַנגזאַמט און עס האַמערט אויך ניט, ווי אין אַ קוזניע, און אויב עס דריקט אף דער ברוסט, איז עס פריִער פאַר אַלץ, ווײַל אף דער נעשאָמע איז קאַלעמוטנע. זײַנעם אַ פּאַציִענט וואָלט ער געוויס דערוויזן, אַז דאָס איז ניט דער פאַל, ווען די אײַנרעדעניש איז גרעסער פון דער קרענק. היילן דאַרף שטענדיק אַן אַנדערער. איז ווער וועט אים היילן? עס פלאָנטערן זיך פאַר די אויגן פאַנטאַסטישע בילדער. גוט, וואָס אייניקע פאַנטאַזיעס ווערן מעקוייעם. ווען ניט, וואָלט ער, מעגלעך, ניט געזען הײַנט אף דער באַשולדיקונגס־באַנק באָלענדערן, וואָס איז, ווי פריִער, פול מיט גיפט, און ווען דאָס בייזע טוט אין אים אַ פלאַם אוף, זעט מען פונדערווײַטן, אַז ער איז גרייט כאָטש באַלד שפּרייטן טויט.

אויס. בעסער וואָלט ער זיך געווען אַרומגעדרייט אין דער קראָם „אַאוס־פערקאַוף". מע דאַרף עפּעס אײַנעמען און מאַכן נאַכט. ווען ניט די בייזע כאַלוימעס, וואָלט דער שלאָף געווען פאַר אים דער בעסטער דאָקטער.

קאַפּיטל נײַן

# דער צווייטער טאָג

## „שטימע דער הײַמאַט — עכאָ דער וועלט"

פון דער אָפענער פאָרטקע האָט אַ ווייע געטאָן מיט קאַיאָריקער פרישקײַט. אַמאָל, ווען בערעק האָט נאָך ניט געוווּסט, וואָס הייסט אַ גרויסע שטאָט, פלעגט די פרישקײַט קומען צוזאַמען מיט אַ צעצויגענעם הענערגעקריי. ניט אָן פאַרדראָס האָט ער זיך אַ באָרבל געטאָן מיט דער ווייכער קאָלדרע און זיך ווידער אײַנגעגראָבן אין די קישנס, ווי אַ פויגל אין דער נעסט. די זון האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּאָנעם און פאַרבעטן אַ קוק טאָן אַפן ביסעלע נאַטור־רײַכקײַט, וואָס עס פאַלט אַמאָל אַרײַן אויך

אין א גרויסער שטאָט, אָף דער ליכטיקייט און מילדקייט פונעם אָנקומענ־דיקן דינסטיק.

אין קאָרידאָר איז עמעצער איז עמעצער שטיל, ניט אנדערש ווי אָף די שפּיץ פינ־גער, דורכגעגאנגען פארביי זיין טיר. א מענטש מיט א פארשטאנד. גע־בענטשט זאָלן זיין די, וואָס שאַנעווען אנדערע. פאר בערעקן איז דער אינדערפרי שטענדיק די סאַמע בעסטע צייט אָף באקלערן אן איניען, זיך האלטן אן אייצע מיט זיך אליין. דער קאָפּ ארבעט קימאט אָן אָנשטרענגונג, פאסט אוף מער, ווי דאָס גיט זיך אן אנדערשמאָל איין פאר א גאנצן טאָג.

די ערשטע ווערטער, וואָס זיינען געקומען בערעקן אפן געדאנק, זיינען געווען פרעמדע, דאָ ניט לאנג איבערגעלייענטע: „ווער ס׳מיידט אויס פרייד, איז גלייך צו א מעס, וואָס איז פארשאָלטן אייביק קיין טיקן נישט צו געפינען, ווייל אפילע א מענטש, וואָס איז געריירט פון זינען, קאָן זיך צעפליעסקען אמאָל און טאנצן...״ נו, און אזוינע, ווי ער, בערעק, האָבן רעכט אף פריידן? דאָס באטייט ניט פארגעסן אין דעם, וואָס ס׳איז פאָרגע־קומען אין דער וועלט, און אָנעמען פאר ליב אלץ, וואָס טוט זיך איצט? ניין. פונקט ווי עס טויג ניט קוקן אף זאכן און געשעענישן דורך ראָזע ברילן, אזוי טויג ניט פארמאכן די אויגן אפן גוטן.

א הויכער, א ביינערדיקער, שטייט בערעק אין איינע ספּאָרטיווע הייז־לעך אפן טעפּיך, וואָס איז אויסגעשפרייט בא דעם בעט, און שטעלט זיך ניט איין א באָרוועסער לאָזן זיך צום פענצטער, וואָס ס׳ווילט זיך אים אן עפן טאָן אין דער גאנצער ברייט. אין איילעניש האָט ער ניט פארכאפּט מיט זיך די שטעקשיך. עס זיינען דאָ זאכן, וואָס אָן זיי איז אויך רעכט, נאָר האָט מען זיי, איז ניט שלעכט. אָבער פארוואָס טאָר ער ניט בא זיינע מיטעלע יאָרן כאָטש ווען־עס־איז א שפּאן טאָן מיט באָרוועסע פיס און טאקע ווי אמאָל דערפילן די קילקייט פונעם דיל? אמאָל איז עס געווען אן ערדענע פּאָדלאָגע, איצט — א געוועקסלטער פארקעט. אזוי טוט ער, און זיין הוילע ברוסט שטעקט שוין ארויס פון יענער זייט פענצטער.

א קליין פייגעלע מיט שווארצע פּאסיקלעך אפן ווייסן קעפּל האָט זיך פאר אים איבערגעשראָקן און, פאָכנדיק מיט די פליגלען, זיך א ריס געטאָן אין דער הייך. געמאכט א פּאָר שלייפן אינדערלופטן, איז עס אף א ווײַלע פארגליווערט געוואָרן, זיך ארומגעקוקט און צוריק זיך אומגעקערט אפן צווײַגל, וווּ ס׳איז פריִער געשטאַנען.

בערעק האָט ערשט איצט באמערקט, ווי זויבער ריין ס׳איז אין צימער. אופגעראמט, ווי פאר דעם גרעסטן גאסט. ער האָט זיך אויסגעבאָדן, אָפּ־געראזירט, ארויסגענומען א פריש אויבערהעמד, א בלימלדיק קעשענע־טיכל און זיך געגומען אָנטאָן. באלד וועט ער זיך א ביסל דורכשפּאצירן, נאָכדעם אָפּעסן פרישטיק און ווידער זיך לאָזן מיטן זעלבן וועג, וואָס נעכטן.

— גוטען מאָרגען, הער שלעזינגער, — האָט אים באם אראָפּגיין פון די טרעפּ באגעגנט דער באלעבאָס פון האָטעל.

— גוטען מאָרגען, הער גוטענבערג.

— איך האָט גאָרניט געשטערט אויסרוען זיך? עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ניט ליב, אַז די פענצטער קוקן אַרויס צו דער פּרי־מאָרגנדיקער זון.

— אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג, הער גוטענבערג. גראָד אײַנדערפרי האָב איך ליב זיך באַגעגענען מיט דער זון.

— אַנטשולדיקט, וואָס נעכטן האָט זיך ניט גוט באַקומען מיטן אָבענד־עסן. כ'האָב, מעגלעך, ניט פאַרשטאַנען, אַז איר וועט זיך באַ אונדז שפּײַזן. פאַר די, וואָס וווינען אין האָטעל, ווערן סערווירט ספּעציעלע טישלעך. איר קאָנט פאַרפריער באַשטעלן, וואָס עס געפעלט אײַך. אויב איר ווילט, קאָן מען אײַך דאָס עסן ברענגען אין נומער. צוויי טישלעך זײַנען נאָך פרײַ. קלײַבט זיך אויס, וועלכס איר ווילט.

— אַ דאַנק, הער גוטענבערג.

— ניטאָ פאַר וואָס. אַזוי פירט זיך באַ אונדז.

— קאָן איך אײַך אײַנלאַדן צוזאַמען מיט מיר פרישטיק עסן?

— הײַנט בין איך זאַט אָן פרישטיק. אָבער אַ גלאָז קאַווע... די צײַטונגען, ערשט פון דרוק, ווילט איר ניט אַ קוק טאָן? „וועסטפאַלענפּאָסט", „היימאַטנאַכריכטען", „ווירטשאַפטלאַנד". ביטע, באַ אונדז קאָן מען זיי נאָך אײַנשאַפן. אין שטאָט, מײַן איך, זײַנען זיי שוין הײַנט אויספאַרקויפט.

— ס'איז עפּעס געשען אויסערגעוויינלעכס?

— אין וועלט־מאַסשטאַב ניט. נאָר באַ אונדז, אין האַגען, טרעפן ניט אָפט אַזוינע געשעענישן. איר זעט די פאָטאָגראַפיעס אין „וועסטפאַלענ־פּאָסט"? פון אויבן — „אויף דער אָנקלאָגע־באַנק", פון אונטן — דער „לאַנדס־געריכטס־דירעקטאָר שטראַקע". שוין אַזויפיל יאָרן, ווי איך לייען אָט די צײַטונג, און, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל האָט באַ מיר באַקומען אַ ווערט די שטענדיקע שורע אונטערן נאָמען פון דער צײַטונג. איר זעט? „שטימע דער היימאַט — עכאָ דער וועלט". אַזוינע מיטיילונגען קאָנען איבערגיין פון מויל צו מויל און זיך גיך פאַרשפּרייטן. ווער קאָן עס האָבן קעגן, אַז מע זאָל וואָס מער שרײַבן און ריידן וועגן זײַן היימשטאָט, נאָר אַזעלכס איז בעסער הערן פונדערווײַטנס, — גוטענבערג געטאָן אַ ריר געטאָן זײַן גרויע באָרד, וואָס האָט באַדעקט אַ היפּשן טייל פון זײַן פּאָנעם, און, בעטנדיק אַנטשולדיקונג, וואָס ער איז געצוווּנגען פאַרלאָזן דעם הער שלעזינגער אויף אַ קורצער צײַט, זיך דערווײַטערט.

בערעק האָט אָנגעטאָן די ברילן, געוואָרפן אַ קוק אויף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן פאַר דער געריכט־זיצונג, און גענומען לייענען, אופכאַפנדיק דאָס אינטערעסאַנטסטע.

„היימאַטנאַכריכטען"
פאַרן 7 סעפּטעמבער 1965

„אַ קוריאָז אויפן סאָביבאָר־פּראָצעס: דער אָנגעקלאָגטער קורט באָלענדער גילט אָפיציעל נאָך אַלס טויטער.

האַגען. מיטן אָנהייבן דעם פּראָצעס וועגן פאַרניכטן באַ 250.000 ייִדן אין טויט־לאַגער סאָביבאָר (פּוילן) אין די ראַ־

מען פון דער „ריינהארד־אקציע" (אזויגערופענע ענדגיל־טיקע לייזונג פון דער יידן־פראגע) האָט דער געריכט פון געשווירענע באם האגענער לאנדסגעריכט זיך נעכטן געפו־נען אין צענטער פון דער געזעלשאפטלעכער אופמערקזאמ־קייט.

די פרעסע, טעלעוויזיע, די אינערלעכע און אויסערלעכע ראדיאָסטאנציעס קאָמענטירן ברייט דעם ערשטן טאָג פון פראָצעס. א קוריאָז פון א באזונדער ארט איז אופגעשווומען שוין דעם טאָג. קורט באָלענדער, איינער פון די צוועלף באשולדיקטע, וועלכער האָט נאָך דעם קריג זיך אויסבאהאלטן פריער אין עסטרייך אונטער דעם נאָמען ברענער, דערנאָך אין האמבורג ווי קורט ווילהעלם פאלע, איז אָפיציעל פארע־גיסטרירט אלס א געשטאָרבענער. די דערקלערונג וועגן זיין טויט, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט אנולירט, האָט געמאכט זיין געוועזענע פרוי. וואָס געהער צו פענסיע, דאן רעכנט זיך באָלענדער ווידער אלס לעבעדיקער...

היינט, 9.15 וועט דער געריכט פאָרגעזעצט ווערן".

„ווירטשאפטלאנד" פארן 7 סעפטעמבער 1965

„נאָכן קריג האָבן זיי געארבעט בא די אַליִרטע. זייערע ביאָגראפיעס זיינען אויך נאָך סאָביבאָר ענלעך.

אף דער פראגע, וויאזוי האָבן זיי אַנגעטראָפן קיין סאָבי־באָר, האָבן אלע אָנגעקלאָגטע איין ענטפער: מע האָט זיי גע־צווונגען.

בלויז 28 געוועזענע געפאנגענע, צעזייט איבער גאָר דער וועלט, האָט זיך איינגעגעבן אויסצוזוכן. אָנהייבנדיק פון אָק־טיאבער, וועלן זיי אויסגעהערט ווערן אפן פראָצעס אלס איידעס".

„שטרענג גענומען, זיצט ער גאָר ניט אף דער באשולדי־קונגס־באנק, ווייל אָפיציעל איז קורט באָלענדער טויט. זיין לעבנסוועג האָט זיך אָנגעהויבן מיט 53 יאָר צוריק אין דויס־בערג. ווי נאָר זיין עלטער האָט דערלויבט, קומט ער אָן אין די שטורם־אָפטיילונגען. אין 1939 מאָביליזירט מען אים, ווי ער זאָגט, אין עסעס. נאָכן קריג פארעגיסטרירט ער זיך באם דאָרפישן שרייבער אין שטייערמארק אונטער א נייעם נאָ־מען: ברענער. פארוואָס ברענער? באָלענדער באגרינדעט דעם אויסוואל פונעם נאָמען: „אזא איז געווען מיין פריערדיקע טעטיקייט. איך האָב דאָך זי ניט געקאָנט אזוי גיך פארגעסן".

דאָס איז פון ווערנער דידעריכס באריכט וועגן ערשטן טאָג פון פראָ־צעס. אונטער א קורץ און שארף קעפל, וואָס כאראקטעריזירט טרעפלעך דעם אָנגעקלאָגטן, דערציילט ער וועגן די פינף, וואָס מע האָט נעכטן פאר־הערט:

דער געשטאָרבענער — באָלענדער;
דער פּריוויליקער — פּרענצעל;
דער אורלויב־פּאַרטרעטער — דיבואַ;
דער ייִדנדינער — פּוקס;
דעם קוזינס פּראַטעזשע — איטנער.

## ס'איז קיין פאַרגלײַך ניט

א טישל שלעזינגערן האָט דער הער גוטענבערג פאַרגעלייגט זייער א באַקוועמס. דו קאָנסט אלעמען זען, דיך — בלויז די נאָענטע שכיינים. אין זאַל האָבן זיך געפונען ניט מער ווי א צוויי צענדליק מענטשן. א האלבע שאָ, ביז די טיר עפנט זיך פאַר אלעמען, נוצן זיך מיטן רעכט אַרײַן בלויז די, וואָס וווינען אין האָטעל. און אזוי דרײַ מאָל א טאָג.

דער קעלנער האָט אָנגענומען די באַשטעלונג און איז אַוועק. דאַן האָט בערעק געפרעגט:

— איז וואָס, הער גוטענבערג, באַומרויִקט אײַך אזוי? אַף אזא פּראָצעס קומען מענטשן פון דער פרעמד, זיי נייטיקן זיך אין האָטעלן, רעסטאָראַנען. די וועלן אויסגעבן געלט, אַנדערע וועלן פאַרדינען. צי איך בין ניט גע־רעכט?

— גערעכט, הער דאָקטער, גערעכט. נאָר איך נייטיק זיך ניט אין אזא פאַרדינסט. מײַן טאָכטער עלזאַ איז שטאַרק אופגעבראַכט קעגן מיר. זי האָט מיר הײַנט אזוינס פאַרגעוואָרפן...

— איך פאַרשטיי אײַך ניט.

— באַלד וועל איך אײַך דערקלערן. די מערהײַט פון די באַשולדיקטע געפינט זיך דאָך אַף דער פרײַ, איינער פון זיי האָט זיך בא מיר אָפּגע־שטעלט. קיין פּרעטענזיעס צו אים קאָן איך ניט האָבן, ווײַל ער האָט מיך געוואָרנט. עפּעס האָט מיך צום אָנהייב אָפּגעהאַלטן געבן אים א נומער. נאָר ווען ער האָט מיר דערקלערט, אז ער דינגט דעם צימער אַף דער גאַנ־צער צײַט פון פּראָצעס, בין איך אײַנגעגאַנגען. איך האָב ליב, אז מע פאַר־האַלט זיך בא מיר אַף לאַנג. עלזאַ מישט זיך געוויינלעך ניט אין מײַנע געשעפטן, נאָר הײַנט גאַנצפרי האָט זי דערקענט דעם פאַרשוין לויט דער פאָטאָ אין „וועסטפּאַלענפּאָסט".

— און וואָס האָט איר באַשלאָסן?

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט. פון פּאָליטיק האָב איך שטענדיק זיך געהאַלטן ווײַט.

— און די טאָכטער אײַערע?

— ווער, עלזאַ? ווי אַמאָל.

— מיט וואָס דערקלערט זיך איר אופגעבראַכטקײַט?

— אָ, הער שלעזינגער, עלזאַ האָט מיר אזוינס אָנגערעדט, אז א דאָק־טער קאָן מען עס אויך ניט דערציילן. אָנגעהויבן האָט זי פון אזא פראַזע: „ווען צו דיר זאָל קומען איינער, וואָס וועגן אים איז באַוווּסט, אז ער האָט דערמאָרדעט א מענטשן צי אפילע בלויז באַגאַנוועט עמעצן, וואָלסטו אזא

טיף פאַרדונגען אַ צימער?" „עלזאַ, — האָב איך איר געזאָגט, — ווי וואַגסטו מיר, דײַן פאָטער, אַזאַ פראַגע שטעלן?" — פון פאַרדראָס האָב איך געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר און אַרויס פון צימער, נאָר עלזאַ האָט זיך באַ דער שוועל אוועקגעשטעלט און, פאַכנדיק מיט די צײַטונגען, זיך צעשריִען: „נאַ, לייען, וועגן דײַן גאַסט! דער פּאָליציי-אָבערוואַכמײַסטער עריך לאַכמאַן פון אונטערגרייזבאַך האָט אָנטיילגענומען אין דערמאָרדן ניט איין מענטש, נאָר 150 טויזנט". ווער האָט עס מיך אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער צונג איר זאָגן, אַז לאַכמאַן איז אַ געוועזענער פּאָליציי-מאַן? עלזען האָט עס אַזוי אויפגעקאָכט, אַז זי האָט דעם פאַרשטאַנד פאַרלאָרן. געשריִען אַזוי, אַז איך האָב געמיינט, מענטשן וועלן זיך צונויפלויפן. „פון דעם, וואָס דײַן לאַכמאַן איז אַ „געוועזענער", — האָט זי געשריִען, — איז כאָטש איינער פון די דערשטיקטע לעבעדיק געוואָרן?"

אָט דאָסטו דיר! „מײַן לאַכמאַן". מע קאָן מיינען, אַז ווען איך פאַרדינג אים ניט דעם צימער, וואָלט ער אָף דער גאַס פאַרבליבן וווינען. די איבעריקע אָנגעקלאָגטע וווינען דאָך אויך אין האָטעלן. צו דעם אַלעמען האָט זי מיר נאָך אָנגעזאָגט, אַז זי וועט אומבאַדינגט קומען מיט שיילער, סטודענטן אין געריכט-זאַל. זאָלן זיי מיט די אייגענע אויגן זען די מערדער און זיי פאַרגעדענקען. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ. זי וועט ווײַזן די קינדער לאַכמאַנען און זיי דערקלערן, אַז מיט אַ וווינונג האָט דעם באַנדיט באַזאָרגט איינער אַ גוטענבערג און דערמיט באַפלעקט דעם נאָמען פונעם דערפינדער פון בוך-דרוק, און, צום באַדויערן, איז ער איר, עלזעס, פאָטער. כ'האָב אַ קוק געטאָן, ווי איר געזיכט ברענט, און פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר איר מער גאָרניט זאָגן, דאָס קאָן מיר דערנאָך שטאַרק באַנק טאָן.

— הער גוטענבערג, איר וועט זיך אָף מיר ניט באַליידיקן, אויב איך וועל אײַך איבערשלאָגן, אײַער טאָכטער איז אַ לערערן?

— יאָ, מײַן עלזאַ איז אַ פּעדאַגאָג. זי האָט אונטעריכטעט אין האַגענער העכסטער אינזשעניערן-שול. נאָר איבער איר כאַראַקטער האָט זי געמוזט פאַרלאָזן איר שטעלע און איז קוים אָנגעקומען אין אַ געוויינלעכער שול פאַר קינדער. איז עלזאַ געקומען צו אַ באַשלוס, וועט זי שוין קיינער ניט אָפּשטעלן, ביז זי וועט אירס ניט אויספירן. איצט קאָן זי ווידער בלײַבן אָן אַרבעט...

— צוליב וואָס, הער גוטענבערג, זאָלט איר זיך מיט איר אַמפּערן?

— די עלטערן באַ די קינדער זײַנען דאָך פאַרשיידענע. אייניקע וועלן גאָרניט האָבן קעגן איר אויפטו, אַנדערע וועט עס זײַן אַלציינס, ס'זײַנען אָבער דאָ אַזעלכע, וואָס וועלן אויפהייבן אַזאַ טומל, אַז דער שול-דירעקטאָר, ווען ער זאָל אַפילו ניט וועלן, וועט ער דאָך זײַן געצוווּנגען אָנעמען קעגן איר מיטלען. זאָגט מיר, דאָקטער, ווי זאָל איך זיך באַפרײַען פון אָט דעם לאַכמאַנען?

— דאָס דאַרפט איר אַליין באַשטימען.

— ס'איז גאָרניט אַזוי איינפאַך. פאַרדינגען אים אַ צימער האָט מיך קיינער ניט געבעטן, נאָר שטרײַטן מיטן לאַנדסגעריכט לוינט מיר אויך ניט. קוים האָט מען לאַכמאַנען אַהער אַרויסגערופן, דאַרף ער דאָך ערגעץ וווינען.

— דאָס איז דער איינציקער מאָטיוו, הער גוטענבערג, וואָס לאָזט אײַך ניט אָפּזאָגן לאַכמאַנען?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן? ווען לאַכמאַן זאָל זיך נייטיקן אין מעדי־ צינישער הילף, וואָלט איר אים דערין אָפּגעזאָגט?

— ס'איז קיין פאַרגלײַך ניט.

— איך האָב מיט דעם זעלבן בײַשפּיל געמיינט עלזען איבערצײַגן, האָט זי מיר אויך געענטפערט, אַז ס'איז קיין פאַרגלײַך ניט. וואָס טוט מען? בא איר זײַנען ניט בלויז די נערוון אָפּגעשוואַכט, זי לײַדט אויך פון האַרצ־ ווייטעק.

— דאָ, זעט איר, וואָלט איך, מעגלעך, געקענט באַהילפיק זײַן.

— כ'האָב אויך אַזוי געטראַכט, געוואָלט אײַך בעטן, אָבער דערווײַל איז עס אויסגעשלאָסן. עלזא האָט אַ פאַרדאַכט, אַז אַלע די, וואָס האָבן די טעג זיך אָפּגעשטעלט בא אונדז אין האָטעל, זײַנען ניט פיל בעסער פון לאַכמאַנען. וואָס, הער שלעזינגער, ראַט איר מיר? איך האָב געוואָלט זיך ווענדן צו לאַכמאַנס אַדוואָקאַט. נאָר ער וועט מיר דען העלפן? פאַרשטייט מיך, איך מוז זיך באַפרײַען פון לאַכמאַנען, באַרויִקן עלזען. אויסער איר, האָב איך קיינעם ניט. מײַן זון יאַקאָב, אַ קינד נאָך, איז אומגעקומען דעם 19 מערץ 1944 בא דער שטאָט מאָהיליעוו־פּאָדאָלסק, באַם דניעסטער. אַזוי האָט מיר זײַן קאָמאַנדיר מיטגעטיילט. און נאָך פריִער איז בא דער שטאָט מאָהילעוו אומגעקומען מײַן עלטערער ברודער ווילי. צי ווייסט איר ניט, וויפל איז פאַראַן אין רוסלאַנד שטעט, וואָס הייסן מאָהילעוו? צוויי האָב איך אָף שטענדיק פאַרגעדענקט.

— ניין, הער גוטענבערג, וויפל אַזעלכע שטעט זײַנען דאָ אין רוסלאַנד, ווייס איך ניט. די טעג האָב איך אין צײַטונג געלייענט, אַז די גרויסע שטאָט אין רורער קוילן־באַסיין האַגען האָט אין 1951 געציילט בא הונ־ דערט פינף און פופציק טויזנט אײַנוווינער. פאַר פערצן יאָר זײַנען צוגע־ קומען נאָך עטלעכע און דרײַסיק טויזנט, און איצט ציילט אײַער שטאָט בא הונדערט נײַנציק טויזנט מענטשן. און אין סאָביבאָרער טויט־לאַגער, שרײַבט די זעלבע צײַטונג, האָט מען אומגעבראַכט ניט ווייניקער פון צוויי הונדערט פופציק טויזנט מענטשן. אָף זעכציק טויזנט מער, ווי עס וווינען בא אײַך אין דער שיינער און פײַנער שטאָט האַגען... איז דען מעגלעך צו פאַרענטפערן מיט עפּעס אָט דעם לאַכמאַנען, די צענדליקער טויזנטער מערדער?

— מע קאָן מיט אײַך אײַנשטימען, נאָר כ'מיין, אַז די צאָל פון די אומ־ געקומענע איז איבערגעטריבן.

— עס איז גיכער ניט דערטריבן, ווי איבערגעטריבן.

— גאָט מײַנער! האַלט איר אויך, אַז מײַן טאָכטער איז גערעכט, וואָס זי איז אַזוי בייז אָף מיר?

— לויט מײַן מיינונג, יאָ. זאָגט עלזען, אַז אין פאַרלויף פון טאָג וועט לאַכמאַן פאַרלאָזן אײַער הויז.

— קיין אייגן קינד נאַרט מען ניט.

— אַזוי וועט עס זײַן. גיט מיר, ביטע, דעם טעלעפאָן פון זײַן אַדוואָ־ קאַט.

— הער דאָקטער, ניט אנדערש, ווי גאָט אליין האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם געדאנק, איך זאָל זיך צו איַיך ווענדן. אויב דאָס ווער זיך איַיך איַינ־געבן...

ווי נאָר בערעק איז ארויס פון האָטעל, האָט ער פון א טעלעפאָן־אווטאָ־מאט אָנגעקלונגען לאכמאנס פארטיידיקער. ער האָט אים געזאָגט:

— רעקאָמענדירט לאכמאנען דרינגענדיק זיך איבערקלײַבן אין האָטעל, ווו עס וווינען אלע אָנגעקלאָגטע. אין האגען געפינט זיך איצט א מענטש, וואָס געדענקט אים פון פוילן, און ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אז לאכמאנען דראָעט א געפאר. אויב דער הער אדוואָקאט וויל זיך איבערצײַגן, אז דאָס איז אזוי, זאָל ער בעטן זײַן קליענט זיך דערמאָנען א פאל, וואָס איז געשען אין פרילינג 1943 בײַ דער סטאנציע סאָביבאָר. לאכמאן און נאָך איין עס־עסאָווער האָבן ניט ווײַט פון דער סטאנציע אָנגעיאָגט א פאסטעכל מיט א הונט... דעם הונט האָט דער פאָליציי־אָבערוואכמײַסטער לאכמאן דאן גע־וואָלט דערשיסן, נאָר...

— ווער רעדט עס מיט מיר? — האָט געוואָלט וויסן דער אדוואָקאָט. — און פונוואנען ווייסט איר אזעלכע איינצלהײַטן? לויט דער אויסשפראך זײַט איר גיכער א דײַטש, ווי א פאָליאק.

— דאָס איז ניט וויכטיק. מײַן זאך איז געווען אײַך וואָרענען.

— אללאָ, אללאָ...

בערעק האָט אופגעהאנגען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל. אין דעם זעלבן טאָג איז לאכמאן אריבער אין דעם נײַעם האָטעל פון בעטאָן און שטאָל, ווו עס האָבן געוווינט זײַנע קאָלעגן — נאָך זעקס באשולדיקטע אפן סאָביבאָ־רער פראָצעס.

## יאָ און ניין, ניין און יאָ

הימלער האָט דערהויבן שטאנגלען, שטאנגל — וואגנערן, באָלענדערן. ערווין לאמבערט איז אין אָט דער ריי אויך געווען ניט אבי ווער. ווען צו דעם עסעס־גרופּענפיורער אָדיליאָ גלאָבאָטשניק איז דערגאנגען, אז בײַ לאמבערטן נעמט אָפּ צופיל צײַט די רעקאָנסטרוירונג פונעם אָפּרו־הויז פאר די לאגער־אָפיצערן, איז ער געווען זייער ניט צופרידן און געמאכט אן אויסרייד דעם קאָמענדאנט. „מיט דעם קאָן זיך אן אנדערער פארנע־מען, — האָט ער געזאָגט, און צו לאמבערטן זיך געווענדט מיט א שמייכל: — אן אָדלער יאָגט זיך ניט נאָך קיין פליג״.

איז ווער, פרעגט זיך, האָט זײַנערצײַט דערהויבן ערווין לאמבערטן און ווער זאָרגט עס אזוי פאר אים איצט?

לאמבערטס פארטיידיקער ד״ר פאפענבעקער האָט אין אן אינטערוויו מיט א מײַרעוו־דײַטשישן זשורנאליסט דערקלערט, אז דער אורטייל פונעם דיסעלדאָרפער געריכט, וואָס האָט דעם 2 סענטיאבער 1965 פארמישפּעט לאמבערטן צו פיר יאָר צוכטהויז, וועט אָף זיכער אָפּגעשאפן ווערן. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט לעבנסלאנגע געפענקעניש, נאָר דאָס איז דאָך

אַן אומזין. ער, דער אַדוואָקאַט, האַלט, אַז פיר יאָר איז אויך צו אַ שטרענגע שטראָף, און ער האָט שוין אָנגעגעבן אַ קאַסאַציע אין אויבער־געריכט פון דער רעפובליק. דאָס, וואָס אים, פּאַפּענבעקערן, איז דערלויבט אויך דאָ פאַרטיידיקן לאַמבערטן, באַשטעטיקט, אַז דער אורטייל איז נאָך ניט אַריַין אין קראַפט.

עס איז אויך עמעס, אַז דער לאַנדסגעריכט האָט ניט געטאָרט נעמען לאַמבערטן אונטער דער וואַך. די האַגענער שטראָף־קאַמער האַלט, אַז אין געגעבענעם פאַל האָט דער געריכט איבערגעשטיגן זיַין מאַכט און אַז לאַמבערט דאַרף ניט קיין צווייט מאָל געמישפּעט ווערן. דאָס אַלץ וועט באַשטימען דער אויבער־געריכט.

ערגעץ דינגט מען זיך, און ערווין לאַמבערט זיצט דערוויַיל אַ ביסל אָפּגעזונדערט אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק און שפּילט זיך אין באַהעלטערלעך, ווי ער וואָלט אַלעמען געזאָגט: „זוכט מיך". די גאַנצע ציַיט פאַרשטעלט ער דאָס פּאָנעם מיט אַ האַנט. די רעכטע ווערט מיד, פאַרביַיט ער זי מיט דער לינקער. זיַין שאָכן פון רעכטס לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ. ער וויל מיסטאָמע וויסן, ווי לאַנג וועט נאָך לאַמבערט אַזוי זיצן.

זיך דערוואַרט, ערווין לאַמבערט שטייט אויף צום פאַרהער. שטייט עטוואָס איַינגעהויקערט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס'איז באַ אים שווער אַ וואָרט אַרויסצוציִען. דערוויַיל קאָן מען נאָר הערן — „יאָ, ניין, ניין, יאָ". צוביסלעך, צוביסלעך, נאָר ער „צעקאַטשעט" זיך.

— ווען מע איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן די אַקציע T-4, האָט זיך געפּאָדערט אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען פריַי לייענען צייכענונגען. אַזויאַרום בין איך צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט.

— צו וועלכער אַרבעט זיַיט איר צוגעצויגן געוואָרן?

— דאַן האָב איך עס ניט געוווּסט.

— אָבער געאַרבעט?

— יאָ.

— אויב אַזוי, האָט איר דאָך געמוזט וויסן, מיט וואָס איר באַשעפטיקט זיך?

— ניין.

— און אַזוי, ניט וויסנדיק, האָט איר אויסגעבויט אין שלאָס האַרטהיים באַ לינץ די ערשטע גאַז־קאַמער?

— יאָ, ס'הייסט, ניין.

— ווי פאַרשטייט מען עס?

— געבויט האָב איך, נאָר וואָס ס'וועט דאָרט פאָרקומען, האָב איך ניט געוווּסט.

— מיט וואָס קאָנט איר עס דערוויַיזן?

— מיט דעם, וואָס די קאַמער האָט דערנאָך שלעכט געאַרבעט, און איך בין געוועזן געצוווּנגען זי איבערבויען.

— און דאַן איז איַיך שוין באַוווּסט געוואָרן, וואָס איר בויט און פאַר וועמען?

— וואָס — יאָ. פאַר וועמען — ניט.

— נו, און אין בערגנבורג, האדאמער, סאָביבאָר, טרעבלינקע — דאָרט האָט איר געווּוסט, פאַר וועמען און וואָס איר בויט?
— יאָ.
— איך פערזענלעך איז אויסגעקומען צו טרײַבן מענטשן אין די גאַז־קאַמערן?
— ניין.
— קיין איין מאָל ניט? פּרוּווט זיך דערמאָנען.
— דאַכט זיך, אַז ניין.
— דאַכט זיך, צי ניין?
— ניין.
— וואָס איז געווען אײַער פאַך ביזן אָנטיילנעמען אין דער אַקציע T-4?
— אַ שטיינהאַקער בין איך געווען.
— און די לעצטע יאָרן וואָס?
— אַ שעף פון אַ שטראָם־ליניע אין דיסעלדאָרף.
— איר אנערקענט אײַער אָנטייל אין דערמאָרדן מענטשן?
— ניין.

## עס קאָן דורכגיין

לויט זײַן אויסזען, אָנטאָן, האַלטן זיך קאָן מען דעם געוועזענעם עסעס־אונטערשאַרפיורער ראָבערט יורס אָנעמען פאַר וועמען איר ווילט, נאָר ניט פאַר קיין הויז־וועכטער. צוערשט זײַנען בײַ אים די רייד געמאָסטן און געוואויגן, דערנאָך ווערט ער פרעך, און דאַן רופט אים דער פאָרזיצנ־דער צו אָרדענונג, און אַלציינס שיטן זיך פון אים ספּעציפישע אויסדרוקן פון אַ שפּילער: „ווען צוויי שפּילן, מוז איינער געווינען און דער צווייטער פאַרלירן”, „דער, וואָס טויג ניט צו קיין קאָרט, טויג ניט צו קיין אַנדער זאַך”, „דאָס נײַנטל שלאָגט די טויז”, „עס קאָן דורכגיין”.
אויף דער פראַגע, וואָס האָט אים געבראַכט פון פראַנקפורט קיין האַדאַ־מאַר און קיין סאָביבאָר, קומט דער ענטפער:
— צוויי הונדערט פּערציק מאַרק מאָנאַט־לוין, — און דאָ באַלד גיט ער צו: — ניט קיין גרויסע סומע, נאָר עס קאָן דורכגיין.
— אין וואָס זײַנען באַשטאַנען אײַערע פליכטן אין סאָביבאָר?
— זיי זײַנען אומגעפער געווען די זעלבע, וואָס בײַ איטנערן. איך פלעג צונויפשטעלן די אַקטן אויפן קאָנפיסקירטן אייגנטום, וועלכע איטנער האָט באַשטעטיקט. אין אַ געוויסער מאָס בין איך געווען זײַן סעקרעטאַר. צו קיין שטרײַט פלעגט בײַ אונדז ניט קומען. אין לאַגער איז ער געווען איבער מיר דער עלטסטער, און אין קאַזינאָ האָט ער בײַ מיר זיך געלערנט. אין דער שפּיל איז צו מיר ניטאָ קיין גלײַכן.
— ווער פלעגט אָפּנעמען בײַ די געפאַנגענע די זאַכן?
— פאַר מיר פלעגט שוין ליגן אַלץ צוגעגרייט.
— פאַראַן באַווײַזן, אַז איר פלעגט זיך וואַרפן אויף די נײַ־אָנגעקומענע אין לאַגער מיט אַ געשריי: „גאָלד, גאָלד, ווערטפולע זאַכן!”

— מיר האָט זיך עס ניט פאַרגעדענקט. סײַדן עמעצער האָט מיר באַ־פוילן אַזוי שרײַען. אָבער מיר, פּאַקטיש אַ סעקרעטאַר, האָט קיינער אַזעל־כע באַפעלן ניט געקאָנט אָפּגעבן.

— ווי אַפט און אויף וויפל צײַט פלעגט איר אין סאָביבאָר באַקומען אורלויב?

— ווי אַלע. נאָך צוויי און פערציק טעג אַרבעט — אַכצן טעג אורלויב.

— און ווי אַלע, האָט איר געפירט מיט זיך אַהיים גאָלד, געלט און אָנגערויבטע זאַכן. אײַך איז דאָס אָנגעקומען לײַכטער, ווי אַנדערע.

— פאַרוואָס לײַכטער? אַנדערע האָבן געקאָנט מיט זיך נעמען באַגלייַ־טער, און איך האָב עס באַדאַרפט שלעפּן מיט די אייגענע הענט.

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט נאָך דעם קריג?

— אויסער אַזאַרט־שפּילן, מיט וואָס האָב איך זיך געקאָנט באַשעפ־טיקן?

— איר פאַרמאָגט בילדונג, און אַלס סעקרעטאַר, ווי איר זאָגט, האָט איר אויך געאַרבעט.

— אַ סעקרעטאַר, אַ רעכענונג־פירער האָט געלוינט זײַן אין דער צײַט פון קריג, און דערנאָך... וואָס איז דער אונטערשייד? עס קאָן דורכגיין.

## אין זײַן כאַראַקטער

ראָבערט יורס און האַנס־היינץ שיוט שיידן זיך אונטער איינער פונעם צווייטן ווי טאָג פון נאַכט. דער רעספּעקט צו זיך איז בײַ שיוטן אויף אַזוי־פיל גרויס, אַז אַפילו אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצט ער, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט בלויז צו דעם, וואָס ער, שיוט, טראַכט. אויב אים פּרוּוון איבערשלאָגן, אָפּשטעלן, הייבט ער באַלד אָן זיך בייזערן, ווערט אָנגע־כמורעט און גיט אָנצוהערן מיט אַ הייזעריקלעכער שטים, אַז בײַ זיך אין שטאַט איז ער אויך איצט באַם רודער. ניין, ער איז ניט קיין פּאַשעטער באַפולמעכטיקטער פון אַ האַנדלס־פירמע, וועלכער רײַזט אַרום איבער דער וועלט און פאַרשפּרייט איר פּראָדוקציע. ער איז אַ פאַראַנטוואָרטלע־כער פּאַרשטייער. ער...

אַז דער געוועזענער עסעס־אָבערשאַרפיורער האַנס־היינץ שיוט, וועלכן עס גייט שוין דאָס אַכט־און־פופציקסטע יאָר, האָט אויך איצט צו טאָן מיט פּאָליטיק — דאָס מעג מען אים גלייבן.

ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז אין דער „קרישטאָל־נאַכט", אין דער „נאַכט פון לאַנגע מעסערס" איז געוועזן זײַן, האַנס־הײנצס האַכצײַט. דאָך האָט ער איבערגעלאָזט זײַן „בראַוט" צוזאַמען מיט די געסט באַם רײַך־געדעקטן טיש און אַליין אַוועק מיט אַ פּאַטרול איבער די גאַסן.

— צוליב וואָס? — פרעגט דער פּאָרזיצנדער.

— ניט דערלאָזן קיין עקסצעסן.

— דאָס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן?

— ניין.

— אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זײַט איר אַרײַנגעטראָטן זייער יונג. מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

— דאָס זעלבע קאָנט איר פרעגן בא הונדערטער טויזנטער. ווי איך געדענק, האָט די היטלער־פּאַרטיי אין 1926 געציילט 17 טויזנט מיטגלידער, אין 1928 — 100 טויזנט, און אין 1931 — העכער 800 טויזנט. היטלערס פּאַרטיי האָט צוגעצויגן אַלטע און יונגע. מענטשן פון מײַן עלטער געדענקען עס גוט.

— וואָס האָט צו זאָגן אײַער עסעס־נומער 169.099?

— איך ווייס ניט. אין 1933 זײַנען אין די עסעס־אָטריאַדן געווען 250 טויזנט מענטשן.

— ווען זײַט איר אָנגעקומען אָף דינסט צו היטלערן?

— באַלד ווי דער פיורער איז געקומען צו דער מאַכט. ענדע יאַנוואַר 1933 האָט ער באַקומען די געהעריקע פולמאַכטן פונעם פּרעזידענט הינדענבורג. אַקטיוו קעגן היטלערן זײַנען אַרויסגעטראָטן בלויז די קאָמוניסטן, און איך האָב קיינמאָל ניט געהערט צו זייער פּאַרטיי.

— דעם געריכט איז באַוווּסט אַ באַפעל, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז צווישן צוויי און צוואַנציק קאָמאַנדירן פון די אַלגעמיינע עסעס־טיילן ווערט איר אָפּגעמערקט אַלס דער בעסטער. מיט וואָס דערקלערט איר עס?

— ניט איך האָב באַשלאָסן, ווער עס זאָל דערהויבן ווערן און ווער עס זאָל דערנידעריקט ווערן. איך האָבווירקלעך טרײַ געדינט היטלערן.

— אין וואָס איז דאַן באַשטאַנען אײַער אַרבעט?

— מע האָט מיך קאָמאַנדירט אין דער פאַרוואַלטונג פון קערנער־קולטורן און פיטער.

— און דערנאָך? וואָס זײַט איר אַנשוויגן געוואָרן?

קוקנדיק אָף שיוטן, האָט בערעק אַ טראַכט געטאָן: צי זײַנען בא אים די ווערטער ניט פאַרפראָרן געוואָרן אָף די ליפּן? ניין. שיוט האָט מיט צוויי פינגער אַ וויש געטאָן ביידע מויל־ווינקלען, און, ווי אַ האָגל, האָבן פון אים זיך אַ שאָט געטאָן די רייד:

— דערנאָך האָב איך אָנטיילגענומען אין דער אָפּעראַציע T-4. צו יענער צײַט האָב איך געגלייבט, אַז אויטהאַנאַזיע איז צו באַיאָען. ניט איך איינער האָב געהאַלטן, אַז סעלעקציע, איך מיין העלפן פּסיכיש־קראַנקע זיך באַפרײַען פונעם לעבן, איז אַ נייטיקע און וויכטיקע זאַך. מעגלעך, אַז אָף מיר האָט געהאַט אַן אײַנפלוס די ליטעראַטור, מיט וועלכער איך האָב נאָך אין דער פריִער יוגנט זיך באַקאַנט.

— וואָס פאַר אַ ליטעראַטור האָט איר אין זינען?

— אַזאַ ליטעראַטור איז אין דײַטשלאַנד געווען נאָך ביז היטלערן. מיר האָט זיך פאַרגעדענקט עוואַלד מעלצערס בוך „רעכט אָף מאָרד", וואָס איז דערשינען אין אָנהייב פון די 20־ער יאָרן. מעלצער איז געווען אַ נעווראָפּאַטאָלאָג, מײַן פאָטער האָט אים פּערזענלעך געקענט.

— אויב איך האָב אײַך ריכטיק פאַרשטאַנען, האָט איר ניט געפּרוווט אָפּזאָגן זיך פון אָנטיילנעמען אין דער אַקציע T-4 און, מעגלעך, איר האָט זי גאָר פּראָפּאַגאַנדירט און זיך באַרימט, וואָס מע האָט אײַך פאַרטרויט זיך באַטייליקן אין איר?

— בארימען זיך? אויסגעשלאָסן! דאָ האָט שוין עמעצער געזאָגט, אַז וועגן דער אַקציע האָבן אין דײַטשלאַנד דאָן געוווּסט ניט מער פון הונדערט מענטשן. דאָס אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקײַט. מיט פּראָפּאַגאַנדע פונעם נאַציזם האָבן זיך פאַרנומען אַנדערע. איך בין אַ מענטש אַ זאַכלעכער.

— און ווער האָט אײַך אַ בריוו צום יונגן יורגענען פאַר זײַן קאָנפירמאַציע געראַטן, אַז „אין דעם אויגנבליק, ווען דו וועסט צוגיין צום אַלטאַר, זאָלסטו טראַכטן: דאָס, וואָס די ווערק פונעם פירער זײַנען פון גאָט געבענטשט, באַווײַזט, אַז אונדזער וועלט־אָנשויונג איז ריכטיק”.

— איך האָב אים געוואָלט ווי געהעריק צוגרייטן צו דער רעליגיעזער צערעמאָניע, וואָס שליסט אים אָן צו דער קירך.

— אָבער בײַ דער קאָנפירמאַציע איז דאָך ניט אומבאַדינגט קלערן וועגן פירער און זײַנע אָנשויונגען.

— אין וואָס פאַר אַ גײַסט דערציִען די קינדער, איז אין דער ערשטער ריי די זאַך פון זייערע עלטערן. אין אונדזער פאַמיליע זײַנען מיר אַלע געווען אָנהענגער פון פאַרשפּרייטן די ווירקונג פון דער קירך און פון די גײַסטלעכע אין דעם לעבן פון לאַנד. מײַן פאָטער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער קלעריקאַלער פּאַרטיי.

— ניט וועגן אײַער פאָטער גייט דאָ אַ רייד. וואָס פאַר אַ פּאָסטן האָט איר פאַרנומען אין דעם לאַגער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין שלאָס גראַפענעק?

— שטעלפאַרטרעטער פון לאַגער־שעף. איך האָב זיך פאַרנומען מיט פראַגן פון באַזאָרגונג.

— און אין סאָביבאָר?

— דאָס זעלבע. אין דעם געביט בין איך אַ ספּעציאַליסט.

— וואָס האָט סאָביבאָר מיט זיך פאָרגעשטעלט?

— דאָס איז געווען אַ קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער.

— און ניט מער?

— איך ווייס ניט.

— און וועגן די גאַז־קאַמערן אָף דערשטיקן מענטשן, וועגן די שײַטערס, אָף וועלכע מע פלעגט זיי פאַרברענען, האָט איר געוווּסט?

— מיט דעם האָב איך ניט געהאַט צו טאָן.

— און מיט וואָס האָט איר יאָ געהאַט צו טאָן?

— איך האָב דאָך געזאָגט — מיט באַזאָרגונג.

— מיט וואָס האָט איר באַדאַרפט באַזאָרגן די געפאַנגענע?

— מיט גאָרניט.

— ברענשטאָף פאַר די מאָטאָרן, מיט וועלכע מע האָט געטריבן דעם גאַז, האָט איר געדאַרפט באַזאָרגן?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך.

— האָט איר זיך פאַרקלערט, צו וואָס דאָס ברענגט?

— מײַן זאַך איז געווען טרײַ דינען. אויב איך וואָלט דאָס ניט געטאָן, וואָלט דאָס געטאָן עמעצער אַנדערש. דער אונטערשייד וואָלט באַשטאַנען

בלויז דערין, וואָס אַן אַנדערער וואָלט ניט אויסגעפּילט זײַנע פליכטן, אַזוי ווי איך.

— נאָך דעם קריג, איצט, מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?

— מיט ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. איך בין אויך אַ געמיינדע־ראַט, אַ מיטגליד פון קרײַזטאָג. פיל צײַט נעמען בײַ מיר צו די ערן־אַמטן אין היימאַט־בונד, אין ספּאָרט־פאַריין, אין לאַנדסמאַנשאַפט, אין קוראַטאָריום פון אומטיילבאַרן דײַטשלאַנד און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, — אַף דער רעכטער האַנט איז מער קיין פינגער צו פאַרבייגן ניט געווען און די ליב־קע האָט זיך שיוטן, קענטיק, ניט געוואָלט לאָזן אין גאַנג, דאַן האָט ער צוגעגעבן: — און אויב עס פאַרבלײַבט אַ פרײַע מינוט, שענק איך זי דער פילאַנטראָפּישער טעטיקײַט. יאָ, יאָ, ס'איז אין מײַן כאַראַקטער.

## בלויז איין פראַגע

— אָנגעקלאָגטער עריך לאַכמאַן...

— יאַוואָל, הער לאַנדסגעריכטסדירעקטאָר.

— אָנגעקלאָגטער...

— יאַוואָל, הער לאַנדסגעריכטסדירעקטאָר...

אין זאַל ווערט טומלדיק. עמעצער צעלאַכט זיך. דער פּאָרזיצנדער שלאָגט זיך שיר ניט אַרויס פון זײַן רויקן טאָן.

— אָנגעקלאָגטער עריך לאַכמאַן, שטייט און שווײַגט. איר דאַרפט שווײַגן אַזוי לאַנג, ווי איך רעד. איר וועט אויסהערן מײַן פראַגע, וועט איר ענטפערן, — עס האָט געפעלט אַ האָר, לאַכמאַן זאָל ווידער ניט אויס־שרײַען זײַן „יאַוואָל", נאָר דער פּאָרזיצנדער האָט זיך עטוואָס צוגעײַלט און פאַרענדיקט זײַנע רייד: — דערקלערט דעם געריכט, פאַרוואָס האָט מען אײַך, ווען איר זײַט געווען אַ פּאָליצײַ־אָבערוואַכמײַסטער אין סאָבי־באָר, פאַראורטיילט צו זעקס יאָר און אָפּגעשיקט קיין דאַכאַו אין אַ שטראָף־באַטאַליאָן?

— דאַרף איך, הייסט עס, דערקלערן, פאַרוואָס מע האָט מיך אָפּגע־שיקט קיין דאַכאַו? לאַנג בין איך דאָרטן ניט געווען. מיטן שטראָף־באַ־טאַליאָן בין איך אַוועק אַפן פראָנט. מײַן שולד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב ניט אויסגעפּילט דעם באַפעל וועגן איבערפאָרן פון סאָ־ביבאָר אין אַן אַנדער גאַרניזאָן. אַ צײַט האָב איך זיך אויסגעבאַהאַלטן בײַ איינער אַ פרוי. מע האָט מיך אָבער אויפגעזוכט און אַרעסטירט. דערנאָך האָט מען מיר געזאָגט, אַז ס'איז מײַן גליק, וואָס כ'בין ניט אַרײַנגעפאַלן צום עסעס־ריכטער ווילי אָסטרועס אין די הענט. יענער וואָלט געקענט אויך צום טויט פאַראורטיילן.

פאַר דער צײַט, וואָס דער פּאָליצײַ־אָבערוואַכמײַסטער עריך לאַכמאַן איז געווען אין סאָביבאָר, האָט ער אָנטיילגענומען אין דערמאָרדן הונדערט פופציק טויזנט מענטשן.

מער קיין פֿראַגן איז אים ניט געשטעלט געוואָרן, און עריך לאַכמאַן האָט אַ גלעט געטאָן די שווייסיק־צונויפֿגעקלעפּטע האָר אויפֿן שטערן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

## אופריכטיקע אנערקענונג צי פעלשונג?

— היינריך אונפערהאַו, איר אנערקענט אייער שולד אין מיטהעלפן דערמאָרדן בא 72 טויזנט מענטשן?

— איך האָב קיינעם ניט דערמאָרדעט. קיינעם ניט.

— קיין סאָביבאָר פלעגן אָנקומען עשעלאָנען מיט מענטשן און אומקערן זיך פון דאָרטן ליידיקע. ריכטיק?

— יאָ. געוויינלעך פלעגן זיי אָפּגיין לערע.

— ווי דאַרף מען אין געגעבענעם פאַל פאַרשטיין דאָס וואָרט „געוויינלעך"?

— געוויינלעך, האָבן די ייִנגלעך פון דער באַנהאָף־קאָמאַנדע ריין געמאַכט די וואַגאָנען, און דער עשעלאָן פלעגט אָפּפאָרן פון דער סטאַנציע אַ ליידיקער. נאָר עס פלעגט אויך טרעפן, אַז די וואַגאָנען, וואָס זיינען געגאַנגען קיין דייטשלאַנד, האָט מען אָנגעלאָדן מיט קליידער, שוכוואַרג און אַפילו מיט פּעק האָר.

— וווהין פלעגן אַהינקומען די מענטשן, צו וועמען עס האָבן געהערט די קליידער, דאָס שוכוואַרג?

— מע פלעגט זיי דערשטיקן, דערנאָך פאַרברענען.

— איז ווי מיינט איר, דינענדיק אין סאָביבאָר, האָט איר מיטגעהאָלפן פאַרניכטן די מענטשן?

— איר קאָנט מיר גלייבן און ניט גלייבן, נאָר ווען איך ווייס, אַז מע וועט מיך דערפאַר ניט פאַרורטיילן צום טויט, וואָלט איך פון סאָביבאָר אַנטלאָפן. איך האָב די גאַנצע צייט געוואָלט אַוועק, געוואָלט ווערן אַ סאָלדאַט. איינגעגעבן האָט זיך עס מיר, ערשט ווען דער קריג איז געגאַנגען צו ענדע.

— אָנגעקלאָגטער אונפערהאַו, מיר ווילן אייך גלייבן. איר האָט אָבער ניט געענטפערט אויף דער פראַגע, צי האָט איר, דינענדיק אין סאָביבאָר, מיטגעהאָלפן פאַרניכטן מענטשן? ענטפערט.

— יאָ, — און ווי בא היינריך אונפערהאַו וואָלט געאַרבעט עפּעס אַ געהיים פּרוזשינקעלע, האָט די אונטערשטע ליפּ גענומען בא אים אונטערשפּרינגען. ער האָט עטלעכע מאָל אַראָפּגענומען און ווידער אָנגעטאָן די ברילן. — ווי קאָן איך זאָגן „ניין", אויב ס'איז פאַרט יאָ.

דער „יאָ" האָט דורכגעגעבערט די שטילקייט און אָפּגעקלונגען פון איין עק זאַל ביזן צווייטן. בערעק האָט זיך שוין ניט געריכט הערן אַזאַ ענטפער. פאַר די צווי טעג, וואָס דער געריכט דויערט, איז עס געווען דער ערשטער פאַל, ווען אַ געוועזענער עסעסאָוועץ האָט אָפן אנערקענט זיין שולד.

וואָס איז עס — אופּריכטיקע אנערקענונג, צי דאָס דערקלערן זיך שול־דיק איז ניט מער פון א מיטל צו לינדערן די שטראָף? דערווײַל זײַנען אלעמענס אויגן געווענדט צו דעם אָנגעקלאָגטן, וואָס שטייט פאר דעם געריכט מיט ציטערנדיקע הענט. דער פאָרזיצנדער לאָזט אים ריידן ווײַ־טער, און היינריך אונפערהאו דערציילט וועגן זיך:

— איך האָב פון קינדווײַז אָן געהאט אן אויער פאר מוזיק און זיך געלערנט שפּילן אויף א פידל, אויף א סאקסאָפאָן, אויף א וואלד־האָרן. כ'האָב געשפּילט אין דער שטאָט־קאפּעלע. בא אונדז אין קעניגסליוטער איז גע־ווען אן אָפּטיילונג פונעם פאריין פון געוועזענע פראָנטאָוויקעס — „שטאל־העלם”, וועלכער האָט געקעמפט פאר אָפּשאפן דעם ווערסאלער פרידן־אָפּמאך. זיי פלעגן זיך אָפט צונויפזאמלען. גוט פארברענגען האָבן זיי אויך ליב געהאט. געלט האָבן זיי געצאָלט גוט, און איך בין אריבער צו זיי אין קאפּעלע. אויף שפּילן מיליטער־מארשן דארף מען ניט קיין פידלער, בין איך געוואָרן א פּײַקלער. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאכט, איז די מערהײַט פון „שטאלהעלם” אָנגעקומען אין די שטורם־אָפּטיילונגען SA. מארשירן האָבן זיי ליב געהאט, זײַנען זיי געגאנגען איבער די גאסן און ביז הייזעריק ווערן געשריִען: „די גאס — איז אונדזער טראנשיי”. מיר, מוזיקאנטן, פלעגן גיין פאָרויס און, כ'וועל ניט לייקענען, זיך געפילט גליקלעך. קיינער איז דאָך ניט אזוי טויב, ווי דער, וואָס וויל ניט הערן.

שפּעטער בין איך פון א מוזיקאנט געוואָרן א סאניטאר. איך האָב באַ־דארפט באגלייטן די קראנקע, וואָס מע האָט באשטימט צו דערשטיקן מיט גאז. נאָך האָב איך באדארפט אָפּשיקן זייערע קליידער די פאמיליעס. איך האָב געוואָלט אָנהייבן א נײַ לעבן, נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? פארשטאנד און שולד־געפיל קומען צו שפּעט... פונעם 1952 ארבעט איך ווידער מיט פּסיכיש־קראנקע. אָפט טרעט איך ארויס אין ליבהאָבער־קאָנ־צערטן. מע זאָגט וועגן מיר, אז איך בין א גוטער מוזיקאנט.

## יעדערער גייט מיט זײַן וועג

דער געוועזענער עסעס־אונטערשארפירער פראנץ וואָלף ווערט באַ־שולדיקט, אז ער האָט לויט זײַן אייגענער איניציאטיוו דערמאָרדעט און מיטגעהאָלפן אומברענגען 115 טויזנט מענטשן. „מיטגעהאָלפן” — דאָס איז פאר אים א פוסטער קלאנג. וואָס הייסט מיטגעהאָלפן? מע דארף זײַן פאר־קויפט ווי אונפערהאו צו אנערקענען זיך שולדיק אין מיטהעלפן. יעדערער גייט מיט זײַן וועג. ער, וואָלף, וועט גאָרניט אנערקענען.

צווישן די אָנגעקלאָגטע איז ער דער סאמע עלטסטער. אים גייט דאָס נײַן־און־פופציקסטע יאָר. אומזיסט מיינען שיוט און באָלענדער, אז זיי האָבן פריִער, ווי ער, אָנגעהויבן דינען היטלערן. דאָך האָט נוימאן, דער סאָביבאָרער פארטיי־פיורער, אים טרעטירט, ניט דערלאָזט, מע זאָל אים העכערן אין ראנג. נוימאן האָט אים אמאָל געזאָגט, אז אלצייַנס איז ער, פראנץ וואָלף, ניט קיין פולווערטיקער דײַטש. כאָטש ער, דער הונט נוי־מאן, ווען מען פלעגט אָנקומען דער בעסטער ביסן, האָט זייער גוט גע־

ווּסט, אַז די ברידער פראַנץ און האַנס וואָלף זײַנען אויסגעפּרוּווטע ווע־טעראַנען פון דער סודעטיש־דײַטשישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אָפן גע־מאָלדן, אַז זי איז טרײַ דער אידעאָלאָגיע פונעם דײַטשישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, און געפאָדערט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג ברייטע אויטאָנאָמיע פאַר די סודעטישע דײַטשן.

אָנהייב הארבסט 1936 זײַנען די ברידער וואָלף געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך געגרייט מיט געווער אַרויסטרעטן קעגן דער רעגירונג און זײַנען געווען געצווּנגען, ווען דער אופשטאַנד איז דורכגעפאַלן, אַנטלויפן קיין דײַטשלאַנד. וואָלט מען זיי געלאָזט, וואָלטן זיי זיך מיט די טשעכן און סלאָוואַקן באַגאַנגען ווי מיט ייִדן און ציגײַנער. די טשעכן קאָן ער, פראַנץ וואָלף, ניט אָנקוקן, נאָר פאַרן געריכט האָט ער באַשטימט שפּילן די ראָל פון אַ בראַוון סאָלדאַט שווייק.

אופשטיין איז אופשטיין. שטייט ער אַ גראָב־בײַכיקער מיט אַ צוגע־מאַכט אייגל און אַ הוילן גלאַנציק־גלאַטן קאָפּ.

— פראַנץ וואָלף, ווען איר זײַט אַרײַנגעטראָטן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט איר געוווּסט, צו וואָס זי שטרעבט?

— אין דער פּאַרטיי בין איך געגאַנגען, ווי אין דעם פישער־פאַריין. דאַן האָט יעדער יונגער דײַטש זיך אַהין געצויגן. אין דער יוגנט האַלט מען זיך זעלטן בײַ דער גאָלדענער מיט. איך האָב, פאַרשטענדלעך, אויך ניט געוואָלט גיין קעגן דער צײַט.

— וויִאַרום האָט מען אײַך צוגעצויגן צו דער אַקציע T-4?

— פאַר דער אַקציע האָבן זיך אויך געפאָדערט פאָטאָגראַפן. אַ פאָטאָ־גראַף בין איך געווען אַ גוטער, און אַפּאַראַטור האָב איך געהאַט גוטע, פאָטאָגראַפירט גאַנצע פיגורן, ברוסט־בילדער, אין אַנפאַס, אין פּראָפיל.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט פאַרגאַזן פּסיכיש־קראַנקע?

— זיי האָב איך דאָך פאָטאָגראַפירט. אַלע, ווערמען די דאָקטוירים האָבן געהייסן. ס'איז באַפוילן געווען אַלעמען פאַרן טויט פאָטאָגראַפירן. צוערשט האָב איך עס געטאָן שפּילנדיק. נאָר דערנאָך, ווען מיט יעדן טאָג איז אַלץ געוואַקסן די צאָל פאַרגאַזטע, און מיר פלעגט אויסקומען מאַכן אין האַדאַ־מאַר ביז צוויי הונדערט פאָטאָגראַפיעס אַ טאָג, איז מיר געוואָרן גאָר שווער. און איך האָב געטראַכט וועגן אַוועק פון דאָרטן.

— וואָס האָט איר צוליב דעם געטאָן?

— גאָרניט. מע האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אויסגע־שלאָסן. קוים האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט, איז שוין קיין וועג אויף צוריק ניט געווען.

— פאַר אײַך, לאָמיר זאָגן, איז ניט געווען קיין וועג אויף צוריק, נאָר אײַער ברודער האַנסן זײַט איר דאָך קיין פײַנט ניט געווען, דאָך האָט איר אים געהאָלפן אָנקומען קיין סאָביבאָר.

— עס הייבט זיך ניט אָן. פאַרקערט. איך האָב זיך בײַ אים געבעטן: „גיי ניט אַהין, ווו איך געפין זיך". האָט ער מיך ניט געפאָלגט. מעגלעך, ניט געקאָנט פאָלגן. אַ ברודער ניט קיין ברודער, יעדערער גייט מיט זײַן וועג. וואָס איז שוין דאָ צו ריידן, אויב מע האָט אים אינמיטן העלן טאָג געפּלעט דעם קאָפּ.

— אין סאָביבאָר פּלעגט מען טייטן נאָר באַנאַכט?

— איך האָב ניט געטייט ניט באַנאַכט און ניט באַטאָג. קאָן עס דען עמעצער דערווייזן?

— אײַלט זיך ניט. איך שטייען נאָך פּאָר באַגעגענישן מיט געוועזענע געפאַנגענע פון סאָביבאָר, און ניט מיט איינעם.

— געפאַנגענע קאָנען ניט זײַן אָביעקטיוו. זיי וועלן זאָגן דאָס, וואָס זיי ווילט זיך, אָדער דאָס, וואָס מע וועט זיי באַפוילן.

— ווער קאָן זיי באַפוילן?

— מאָסקווע, וואַרשע. איך ווייס ווער?

— מיט וואָס האָט איר זיך אין סאָביבאָר באַשעפטיקט?

— פאַקטיש בין איך אויך דאָרט געווען א פאָטאָגראַף. דער לאַגער־פּערסאָנאַל, אָנהייבנדיק פון דעם קאָמענדאַנט און ענדיקנדיק מיטן לעצטן וואַכמאַן,— אַלע האָבן ליב געהאַט זיך פאָטאָגראַפירן, און פאַרוואָס טאַקע ניט? קיין געלט האָט מען פאַר דעם ניט באַדאַרפט צאָלן, און ווען מע וואָלט געדאַרפט, איז געווען מיט וואָס. אייניקע האָבן זיך אײַנגעשאַפט אַלבאָמען— אָט אַזוי די גרייס,— צעשפּרייט וואָלף די הענט.

— אויסער דעם פּערסאָנאַל, האָט איר קיינעם און גאָרניט פאָטאָגראַ־פירט?

— אין סאָביבאָר איז עס פונעם אָנהייב אָן געווען פאַרבאָטן. און א צווייט מאָל, אין האַרבסט 1942, איז דער פאַרבאָט באַשטעטיקט געוואָרן מיט א באַפעל. אויב עס פלעגט צופעליק טרעפן אין א קאַדער עפעס ניט געוואונטשנס, פלעג איך אַזא פאָטאָגראַפיע גלײַך פאַרניכטן.

— ניט „צופעליק“. נאָר ספּעציעל פאָטאָגראַפירט. אייניקע פאָטאָגראַ־פיעס האָבן זיך פאַרהיט, און מיר וועלן זיי אײַך באַווײַזן.

— ניט פאַר מײַן ארעסט, ניט נאָך מײַן ארעסט האָט מען בא מיר אין שטוב אַזוינע פאָטאָ־דאָקומענטן ניט געקאָנט אויסזוכן. ניט געקאָנט, ווײַל כ'האָב זיי ניט געהאַט.

— מעגלעך, אַז דאָס אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקייט. אָבער איר אַליין האָט דאָך נאָרוואָס געזאָגט, אַז אייניקע האָבן זיך אײַנגעשאַפט אַלבאָמען.

— אויב עמעצער פון די, וואָס זיצן צוזאַמען מיט מיר אויף דער באַ־שולדיקונגס־באַנק, האָט פאַרהיט אַזאַ אַלבאָם, וועל איך ניט האָבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך אַנערקענען. אָן אויסנאַם דערלויב איך זיך מאַכן אין באַציִונג צו הײַנריך אונפערהאַו. ער פאַרדינט ניט מײַן צוטרוי. דער־בײַ ווילט זיך מיר דערמאָנען דעם געריכט, אַז אונפערהאַו איז געווען אַן אָבערשאַרפירער, און איך אַן אונטערשאַרפירער.

— דאָס איז אונדז באַוווּסט. ניט וועגן אונפערהאַו גייט א רייד. ביז אווגוסט 1942 האָט אין סאָביבאָר מיט אײַך צוזאַמען געדינט דער עסעס־מאַן קורט פראַנץ. דערנאָך האָט מען אים איבערגעפירט קיין טרעבלינקע. בא קורט פראַנצן, וואָס איז די טעג פאַרורטיילט געוואָרן אין דיסעלדאָרף, האָט מען געפונען אַן אַלבאָם מיט אַן אויפשריפט „פון מײַנע גרויסאַרטיקע צײַטן“, אין דעם אַלבאָם זײַנען פאַראַן פאָטאָ־דאָקומענטן...

— מעגלעך, קורט פראַנץ האָט אַליין פאָטאָגראַפירט.

— איך וואָלט אײַך רעקאָמענדירט האָבן געדולד, ביז עס וועט קומען די צײַט פאַר זאַכלעכע באַווײַזן. און איצט ענטפערט אָף פּאָלגנדיקער פראַגע: אויסער פאָטאָגראַפיע, וואָס נאָך פאַרא פּליכטן האָט איר געהאַט?

— מיר איז אויסגעקומען אויסצופילן פאַרשיידענע באַפעלן.

— פאַר דער וואַלד־קאָמאַנדע זײַט איר געווען פאַראַנטוואָרטלעך?

— ניט שטענדיק.

— צי זײַנען געווען פאַלן, ווען איר פּערזענלעך האָט עמעצן פון דער וואַלד־קאָמאַנדע אופגעהאַנגען, דערשאָסן?

— ניין, ניין און ווידער ניין!

— אַ פאַל, ווען צוויי געפאַנגענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער וואַלד־קאָמאַנדע, זײַנען אַנטלאָפן, געדענקט איר?

— יאָ. אַזאַ פאַל געדענק איך. די צוויי האָבן דערמאָרדעט אַ וואַכמאַן און זיך געפּרוווט אַנטלויפן.

— פאַרוואָס געפּרוווט?

— ווײַל מע האָט זיי געכאַפּט און דערשאָסן.

— ביידע?

— ווי דען? אַנטלויפן פון סאָביבאָר איז געווען אומעגלעך.

— נאָר זיי זײַנען דאָך געווען ניט אָף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער.

— ניט וויכטיק. ס'איז געגנוג געווען אַראָפּנעמען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, און פון אַלע אַרומיקע גאַרניזאָנען וואָלט מען זיך געלאָזט נאָך זיי. די, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין סאָביבאָר אַלס געפאַנגענע, האָבן שוין ניט געטאָרט פון דאָרט אַרויס לעבעדיקע. אַזאַ איז געווען הימלערס באַפעל.

— ווער האָט די צוויי אַנטלאָפענע דערשאָסן? איר צי עמעצער פון די, וואָס זיצן מיט אײַך צוזאַמען אָף דער באַשולדיקונגס־באַנק?

— ניט איך און ניט קיינער פון די, וואָס זיצן דאָ. דאָס האָט געטאָן נוימאַן.

— נוימאַן? איר זאָגט דאָס אַזוי, ווײַל נוימאַנען קאָן שוין גאָרניט שטערן.

— איך זאָג נוימאַן, ווײַל אַזעלכע זאַכן האָט ער ליב געהאַט אַליין אויספירן און אים האָט קיינער ניט געוואָלט זיך קעגנשטעלן. אַליין דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט עס ניט געטאָן. נוימאַן האָט נאָכגעשפּירט, אַז דאָס גוטס פון די געפאַנגענע זאָל אָפּגעשיקט ווערן אין רײַך. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס בעסטע נעמט ער צו פאַר זיך, פאַר זײַנע עלטערן, פאַר זײַן פרוי, פאַר זײַנע אָנצאָליקע געליבטע, נאָר מע האָט פאַר אים געציטערט און געשוויגן. ווען מײַן ברודער האַנס האָט באַקומען אורלויב, האָט ער געפירט מיט זיך זײַנס אַ קליין רענצל און צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס פאַר נוימאַנס גאַסן־מיידן.

— דעם געריכט אינטערעסירט פראַנץ וואָלף, און ניט נוימאַן. גוטס, דאַרף מען מיינען, האָט פאַר אײַך אַלעמען געקלעקט.

— געקלעקט. אָבער די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון די, וואָס מע פלעגט צו אונדז ברענגען, האָבן גאָרניט פאַרמאָגט. דאָס זײַנען געווען בעטלער, שלעפּער. אויב זיי האָבן עפּעס פאַרמאָגט, איז גיכער אין קאָפּ, ווי אין טאַש. נאָר אין זייערע קעפּ נייטיקט זיך קיינער ניט.

— אַנגעקלאָגטער פראַנץ וואָלף! פאַרגעסט ניט, ווו איר געפינט זיך. אײַערע ווערטער קאָנען אויסגעטײַטשט ווערן, ווי ראַסן־האַס צו אַ פאָלק.

— פאַרוואָס צו אַ פאָלק? צו אַלע פעלקער, אויסער דײַטשן, פאַרשטייט זיך, באַצי איך זיך אַלצייַנס.

דער פאָרזיצנדער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנטזייגער און געמאָלדן, אַז די הײַנטיקע געריכט־זיצונג ווערט געשלאָסן און אַז די אָרדנטלעכע זיצונג וועט פאָרקומען איבערמאָרגן, דעם 9 סעפּטעמבער, נײַן אַזייגער מיט פופצן מינוט.

זײַן באַריכט אין „ווירטשאַפטלאַנד" פאַרן 8 סעפּטעמבער האָט ווערנער דידעריכס אָנגערופן „זייערע וועגן האָבן זיך איבערגעקרייצט בא T-4«. דערנאָך קומען קעפּלעך:

דער בויער פון די גאַז־קאַמערן — לאַמבערט;
דער אַקטן־צונויפשטעלער — יורס;
דער טיכטיקער — שיוט;
דער געהילף־פּאָליציאַנט — לאַכמאַן;
דער שטאָטישער מוזיקאַנט — אונפערהאַו;
דער פאָטאָגראַף — וואָלף.

קאַפּיטל צען

# דער דריטער, דער „פרײַער" טאָג

## און אַ זײַ־געזונט

ווען ניט דער באַלעבאָס פונעם האָטעל, וואָלט פאַר בערעקן דער נײַער טאָג זיך אָנגעהויבן, נאָך איידער דער פרײַערדיקער האָט זיך פאַרענדיקט. באַטאָג האָט יאַאַכים גאָולשטיך זיך דערפילט ניט מיט אַלעמען. עפּעס אַ נאָגנדיקער ווייטעק אין בויך האָט אים ניט געלאָזט צורו. מיטיק עסן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. געאָרג נוימאַן האָט אים פאָרגעלייגט פאַרבלײַבן אין האָטעל און זיך אויסליגן. נאָר וועגן דעם האָט גאָולשטיך אפילו הערן ניט געוואָלט. ניט צוליב דעם האָט ער זיך געשלעפּט אַהער פון באָן העכער נײַן שאָ מיטן צוג.

אַרום עלף אַזייגער באַנאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שאַרפן בויך־ווייטעק. ס'האָט אים געצװבלט, און די שוואַכקײַט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך קוים דערקליבן אין נומער צו זײַן פרײַנט.

— הער נוימאַן, מיר איז ניט גוט, זייער ניט גוט.

ווער האָט עס געזאָגט נוימאַנען, אַז אין האָטעל ווינט אַ דאָקטער? נאָר ווען ער האָט אָנגעקלונגען גוטענבערגן, האָט ער אים ניט נאָר מיטגעטיילט, אַז זײַנער אַ קוואַרטיראַנט נייטיקט זיך דרינגענדיק אין מעדיצינישער הילף, נאָר אויך געפרעגט:

— אין וועלכן צימער ווינט דער דאָקטער?

— איך קום שוין אַרײַן צו אײַך, — האָט גוטענבערג דערויף געענטפערט.

האַנס גוטענבערג איז פון די מענטשן, וואָס איידער זיי נעמען פאַר עפּעס וויכטיקס, באַטראַכטן זיי די זאַך פון אַלע שטאַנדפּונקטן. גאָולשטיך ליגט טאַקע, ווי אין געהאַקטע ווונדן, און טאָן עפּעס מוז מען דרינגענדיק. נאָר דאָס הייסט נאָך ניט, אַז גוטענבערג דאַרף זײַנעם אַ קליענט, דערצו זייער אַ סימפּאַטישן, שטערן זיך אויסרוען. דעריבער האָט ער אָנגענומען אַזאַ באַשלוס:

— אינמיטן נאַכט באַאומרויִקן דעם הער שלעזינגער קאָן איך זיך ניט דערלויבן. מיר זײַנען ניט אין פעלד צי אין וואַלד, ווו ס'איז ניטאָ קיין אַנדערע דאָקטוירים. באַלד וועל איך אַרויסרופן די גיכע הילף.

אַזוי איז בערעק רויִק זיך אויסגעשלאָפן די נאַכט.

דער דאָקטער, וואָס איז געקומען צו גאָולשטיכן, האָט אים געמאַכט אַן איניעקציע און פאַרגעלייגט האָספּיטאַליזירן. דערויף איז דער קראַנקער ניט אײַנגעגאַנגען.

אינדערפרי, ווען בערעק האָט געהאַלטן באַם אַראָפּלאָזן זיך פון די טרעפּ, האָט אים גוטענבערג אָפּגעשטעלט און דערציילט די נײַס.

— און ווי האַלט עס מיטן קראַנקן איצט? — האָט בערעק זיך נאָכגעפרעגט.

— ביז איר וועט אָפּעסן דעם פרישטיק, וועל איך עס קלאָר מאַכן.

נאָך דעם, וואָס פראַנץ וואָלף האָט אָף דער נעכטיקער געריכט־זיצונג דערציילט וועגן זײַן געוועזענעם שעף, וואָלט קיין ווונדער ניט געווען, ווען עס געשעט עפּעס מיט יאָהאַן נוימאַנס פאָטער — געאָרג נוימאַנען. פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטשן איז עס טאַקע געווען — כאָטש נעם און באַגראָב זיך לעבעדיקערהייט. נאָר, זעט אויס, בושע טוט ניט אַלעמען וויי, און דערצו קומט נאָך אויף אַ פראַגע, צי איז געאָרג נוימאַנען באַקאַנט דאָס געפיל. וואָס שײַעך יאַאַכים גאָולשטיכן, קאָן דאָקטער שלעזינגער באַ אַזאַ פאַל זיך אויך דערלויבן ניט פאַרנעמען מיט אים. באַם שטאַרבן, ווי עס זעט אויס, האַלט עס ניט, און באַ אַ נויט זײַנען אין האַגען פאַראַן גענוג דאָקטוירים.

ווי מע האָט גאָולשטיכס ברודער גערופן, געדענקט בערעק ניט. גיכער פון אַלץ האָט ער עס אויך, זײַענדיק אין סאַביבאָר, ניט געוווּסט. נאָר אַז די הענט באַ דעם עסעסאָוועץ זײַנען געווען אין בלוט אײַנגעטונקען, דאָס ווייסט ער און דאָס האָבן גוט געוווּסט די אַסירים, וועלכע האָבן בייסן אופשטאַנד געמאַכט אַ סאָף צו זײַן גאַזלאָניש לעבן.

...ס'האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, אַז אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע עסעסאָווצעס איז דער אָבערשאַרפירער גאָולשטיך, מיט זײַן אויסזען פון אַ שלאַבעריקן און צוגעלאָזטן מענטשן, גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן,

נאָר ווען זײַן „גוטסקײַט״ וואָלט אין א הונט אריַין, וואָלט ער מעשוגע געוואָרן. שאָענווײַז האָט גאולשטיך געקענט ארומדרייען זיך איבערן לאַגער שלינג־און־שלאנג, געגעצן פון גאָרניט טאָן. אויב ער פלעגט ארויסברענגען א וואָרט פון מויל, איז שא־שטיל, פארשלאָפן. די אויגן זײַנען בא אים געווען רויטע, קראנקע, און די ווײַסע וו׳עס האָבן אָן אופהער געציטערט. ער פלעגט אראָפּנעמען די האָרן־ברילן מיט די גראָבע גלעזלעך און מיט איין טאשן־טיכעלע ווישן די אויגן, מיט א צווייטן — די גלעזלעך.

פעטשערסקיס שאָכן לויט דער נארע, אלעקסיי ווייצען, האָט אונטערגעכעזשבנט, אז די דאָזיקע „אָפּעראציע״ פארנעמט בא גאולשטיכן צוויי מיט א האלבער מינוט, קיינמאָל ניט מער און ניט ווייניקער. צוויי מינוט דאָס ווישן און דרײַסיק סעקונדעס דאָס עטעמען אף די גלעזלעך. דאָס איז געווען וויכטיק צו וויסן, ווײַל אין אָט די מינוטן וואָלט גאָרניט שווער געווען אים מאכן אף א קאָפּ נידעריקער. פארשטייט זיך, ווען מע טרעפט אים איינעם אליין. נאָך האָט ווייצען געזאָגט, אז פאר גאולשטיכן וואָלט עס געווען א גרינגער טויט, מע וואָלט אים פארשפּאָרט די אויגן צומאכן. דאַן איז עס געווען ניט מער ווי א טרוים וועגן נעקאָמע.

בא גאולשטיכן זײַנען די בלאָנדע האָר אפן קאָפּ שטענדיק געווען צוגעקעמט גלאַט, א הערעלע צו א הערעלע. אף די הענט האָט ער געטראָגן ווײַסע הענטשקעס. דאָס לענגלעכע פּאָנעם מיט די אײַנגעפאלענע באקן האָט אויסגעזען אומשולדיק ריין. מיט איין וואָרט, א ניונקעלע, א נעבעכל, ווּעמען עס קאָן מיטנעמען א קלענסט ווינטל, אָפּוואשן א שוואך רעגנדל. ווי איז געווען צו דעם, אף ווּעמען אָט דאָס נעבעכל פלעגט אָנווײַזן מיטן פינגער און ארויסברענגען דערבײַ פון מויל עפּעס זייער שטילס און פארשלאָפנס. ווײַל וואָס איז דאָס כאפּן זיך? דער, אף ווּעמען גאולשטיך האָט אָנגעוויזן, וועט שוין מער די וועלט ניט זען, און ער, גאולשטיך, וואָס איז געקומען אף דער וועלט באפעלן און הערשן, פארמאָגט גענוג צײַט צו פלאנצן די „נײַע רעליגיע פון בלוט און ראסע״. גאולשטיכס פינגער אין דער ווײַסער הענטשקע וועט ניט מיד ווערן צו טײַטלען. אים באדארף קיינער ניט אונטערזאָגן ווּען און אף ווּעמען. ער מיט זײַן אוניווערסיטעטבילדונג פארמאָגט אליין גענוג פארשטאנד דערוף. ער איז דען ווייניקער איבערגעגעבן דעם פיורער, איידער נוימאן, וואָס אלע שמירן אים מיט האָניק און עס הערט זיך פון אים... צי ווי די ברידער וואָלף, וואָס ס׳איז נאָך א פראגע, צי זײַנען זיי הונדערטפּראָצענטיקע אריער? צי אפילע אליין קורט באָלענדער, וואָס קאָן צוליב אמביציע אפילע אן אייגענעם דערשטיקן?

זיי אלע קריכן פון דער הויט ארויס, מע זאָל זיי אפן פראָנט ניט שיקן, און גאולשטיך, פארקערט, בעט זיך: „נעמט מיך!״ נאָר וואָס, פרעגט זיך, קאָן ער, קימאט א בלינדער, טאָן אפן פראָנט? אן אנדער זאך איז אָנצילן דעם פינגער אף איינעם פון די, בא ווּעמען ס׳איז אָפּגענומען יעדער מיטל זיך קעגנשטעלן, און עמעצער זאָל שלאָגן, טייטן. דאָס טוט ער ניט ערגער און ניט מיט קיין קלענערן פארגעניגן פון זײַנע קאָלעגן, און וואָס ער דערזעט ניט, דאָס דערהערט ער.

— היט אײַך, דאָס ניונקעלע גייט, — פּלעגט איין געפאנגענער וואָרע־נען דעם צווייטן אין לאַגער.

דאָס „ניונקעלע" וואָלט נאָך ביז הײַנט ארומגעגאנגען אף דער פרײַ, ניט מער...

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 14 אָקטיאבער 1943, פיר אזייגער מיט צען מינוט. פונקט אין דער מינוט האָט זיך פונדערווײַטן באוויזן גאָולשטיך. ער איז געגאנגען צום צווייטן לאגער, ווו באָריס ציבולסקי מיט זײַן גרופּע האָט באדאַרפט אָפּראמען פון וועג פיר עסעס־אָפיצערן, צונעמען זייער געווער, איבערײַסן די טעלעפאָן־פארבינדונג און די סיגנאַליזאַציע־סיס־טעם. פון דאָרט האָט נאָך פעטשערסקי קיין שום יעדיעס ניט געהאַט. דער זעכצניאָריקער טאָמאַס בלאַט האָט פון זײַן באהעלטעניש, ווו ער האָט געטשאַטעוועט, צו וויסן געגעבן: „דאָס ניונקעלע גייט!" אנטקעגן גאָולשטיכן איז ארויסגעלאָפן שלוימע לייטמאַן און אים געזאָגט, אז די סטאָליערס שטייען אָן ארבעט.

— פארפלוכטע יודען! — איז גאָולשטיך אופגעזאָטן געוואָרן.

וואָס נאָך האָט מען פון אים געקאָנט הערן? נאָר אין סטאָליער־וואַר־שטאַט איז ער דאָך ארײַנגעגאנגען. לייטמאַן האָט אים געלאָזט צוגיין ביז צו די נארעס. פון דעם ערשטן קלאַפּ איז דער אָבערשארפיורער אומגע־פאלן...

צו גאָולשטיכס ברודער דאַרף ער, בערעק, איצט גיין. און אלץ, וואָס א דאָקטער מוז טאָן פאר א קראנקן, וועט ער טאָן. אין נומער וועט גע־וויס זיצן געאָרג נוימאַן, גאָולשטיכס פרײַנט.

ווי א לעבעדיקן זעט בערעק נוימאַנס זון, יאָהאַן נוימאַנען, דעם לעצטן לאַגער־קאָמענדאַנט אין סאָביבאָר. אין אים איז געזעסן א קוילער, וואָס האָט קיין גלײַכן צו זיך ניט געהאַט. בא זײַנע עטלעכע און צוואנציק יאָר איז ער געווען דיק און שווערלײַביק, נאָר זיך געהאַלטן אונטערגעשטראָכן גלײַך, די הענט פארלייגט אונטער דעם פארצויגענעם רימען. און געבלאָזן פון זיך, גלײַך ער איז א גענעראַל. „דער מאָפּס אין מונדיר" האָט מען אים גערופן.

ער האָט ליב געהאַט רײַט־פערד. בערעק איז צופעליק געווען אן איי־דעס, ווי א יינגל פון דער באנהאָף־קאָמאנדע האָט זיך דערלויבט א גלעט טאָן די גלאנצנדיקע פעל פון נוימאַנס שקאַפע. דאָס פערד האָט אויסגע־קערעוועט דעם דינעם לאַנגן האַלדז און עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי באַגריסט דעם גוטן מענטשן. אין דעם מאָמענט האָט זיך באוויזן נוימאַן. ער האָט א דראָע געטאָן מיטן פינגער דעם פערד און דאָס יינגל א שמיץ געטאָן מיט דער נאַהײַקע און דאָ גלײַך פארטריבן אין דער קאָלאָנע, וואָס איז אוועק מיט דער „הימל־שטראַסע" צו די קאַ־מערן. פאר די קאַצעטניקעס איז ניט געווען קיין סאָד, אז פרענצעל און אפילע באָלענדער האָבן פאר אים מוירע ווי פארן טויט.

בא דעם אלעמען האָט נוימאַן זיך ליב געהאַט צו פוצן. שטענדיק האָט פון אים געשמעקט מיט פּארפומען. אויסגעפּעלט האָט אים סײַדן פּערל

אפן האלדז. אין שנײַדער־ווארשטאט אָנמעסטן נײַע קליידער האָט ער באדארפט קומען דער ערשטער — צו פיר אזייגער באטאָג. דאָ האָט ער געקענט זײַן זיכער, וועט קיינער בא אים גאָרניט אויסכאפּן. דאָך האָט אים זײַן פערד געבראכט מיט צוואנציק מינוט פריִער.

דעם ערשטן טראָפּיי — יאָהאַן נוימאַנס פּאראבעלום — האָט שוביײַעוו איבערגעגעבן פּעטשערסקין...

— הער דאָקטער...

בערעק האָט אפּגיך עטלעכע מאָל געעפנט און פארמאכט די אויגן, ווי ער זאָל וועלן פארטרײַבן פון זיך א בייזן כאָלעם.

— הער דאָקטער, — גוטענבערג איז ווידער געשטאנען לעם בערעקן. — אנטשולדיקט, נאָר גאולשטיך געפעלט מיר ניט.

— רופט ארויס די גיכע הילף.

— געפּרוּווט. זיי זאָגן, אז מע דארף אים אָפּפירן אין שפּיטאָל.

— זיי זײַנען גערעכט.

— נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אויב דער קראנקער שרײַט, אז ער וועט בעסער שטארבן אין האָטעל, איידער זיך לאָזן נעמען אין שפּיטאָל. איר שטעלט זיך פאָר מײַן לאגע. אויסער אײַך, קאָן מיר קיינער ניט העלפן.

— הער גוטענבערג, קיין צוואנגס־מיטלען קאָן איך דאָך אויך ניט אָנווענדן.

— דאָס פארשטיי איך, און קיין פרײַע צײַט, ווייס איך, פארמאָגט איר ניט, און דאָך, דאָקטער, בעט איך אײַך זייער אָף עטלעכע מינוט ארײַנגיין צו אים. ס׳איז ניט גוט פון מײַן זײַט, נאָר איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.

גאולשטיך איז געלעגן, ווי ער זאָל ניט האָבן קיין אייגן גאנצן אייווער. גוטענבערג האָט בא זײַן בעט אוועקגעשטעלט א שטול פארן דאָקטער און צוזאמען מיט נוימאַנען פארלאָזט דעם צימער. וואשנדיק די הענט, האָט בערעק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום קראנקן:

— אָף וואָס קלאָגט איר זיך?

— איך פיל זיך זייער שוואך, מעגלעך, ס׳איז פון אלטקײַט...

— און מיט צוויי טעג צוריק זײַט איר געווען יינגער? באווײַזט, ווו טוט אײַך וויי.

— אָט דאָ, — האָט גאולשטיך מיט א פינגער אָנגעוויזן אונטערן לעבעלע.

— און באנאכט, ווען דער אָנפאל איז געווען?

— אין יענעם מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אלץ טוט מיר שרעלעך וויי.

— גיט אהער די האנט. דער פּולס איז א ביסל צו שוואך. מעגלעך, דער בלוט־דרוק איז איצט בא אײַך אויך א נידעריקער. קיין טאָנאָמעטער האָב איך ניט מיט זיך, — בערעק האָט ארויסגענומען א ריין טיכעלע און, אויסשפּרייטנדיק עס אָפן קראנקנס ברוסט, אויסגעהערט דאָס הארץ. — די טענער זײַנען ווי עס דארף זײַן בא א מענטשן פון אײַער עלטער.

— ליבער דאָקטער, זײַט איר מיט מיר אײַנשטימיק, אז אין קראנקנהויז האָב איך ניט וואָס צו טאָן? — איצט האָט גאולשטיך שוין ניט געמאכט קיין אײַנדרוק פון א מענטשן, וואָס איז שטארק צעבראָכן...

— ניין, דאָס קאָן איך דערוויַיל ניט זאָגן.

— נו יאָ, פונעם טויט קאָן מען זיך ניט אויסקויפן און פונעם טויט קאָן מען זיך ניט באַהאַלטן.

— פרוי האָט איר אָנגעהויבן ריידן וועגן טויט. שטיינער איז לעבער האָט מען בײַ איַיך אויך פריִער געפונען, און אָנפאַלן זײַנען אויך געווען. דערפאַר האָב איך אַ גרונט צו מיינען, אַז דאָס איז אַ לעבער־קראַנקײַט. לויט די ליידיקע אַמפּולעס, וואָס דער דאָקטער פון דער גיכער הילף האָט אויפן טיש איבערגעלאָזט, זע איך, אַז אויך ער האָט זיך געהאַלטן בײַ אַזאַ מיינונג.

— זאָל איך, קאָן זײַן, אַהיימפאָרן? דאָ האָב איך אַלציינס ניט וואָס צו טאָן.

— איז צוליב וואָס זײַט איר אַהער געקומען?

— איך ווייס אַליין ניט צוליב וואָס. געמיינט, אַזאַ געריכט־פּראָצעס... ס'איז ניט צו פאַרשטיין, מיט וואָס קאָן ער זײַטיקע אינטערעסירן. איך האָב באַמערקט, ווי איר און פיל אַנדערע זיצן און הערן אַזוי אויפמערקזאַם. זאָרגט אײַך ניט, דאָקטער, קיין שום נעגאַטיווע עמאָציעס קאָן שוין בײַ מיר אַזאַ געשפּרעך ניט אַרויסרופן.

— איך מיין אויך, אַז אַזאַ געפאַר איז ניטאָ.

— איר האָט געהערט, ווי נעכטן האָט וואָלף באַשמוצט נוימאַנען? באַשמוצן אַ העלדיש־אומגעקומענעם! ס'איז הימל עפּן זיך. מײַן פרײַנט, ועמען איר האָט בײַ מיר געטראָפן, ווען איר זײַט אַרײַנגעקומען, איז יענעם נוימאַנס פאָטער. מײַנער אַ ברודער, אַ שוואַכינקער, קימאַט אַ בלינדער, האָט אויך געדינט אין סאָביבאָר. ביידן, נוימאַנס זון און מײַן ברודער, האָבן די באַנדיטן געטייט, מיט העק געפּלעט די קעפּ, און באַשטראָפן וויל מען...

— הער גאָולשטיק, ווי איך פאַרשטיי, אַרבעט איר שוין ניט מער. ווער זײַט איר געווען לויטן באַרוף?

— איך און מײַן ברודער אַלפרעד, וועלכער איז אומגעקומען אין סאָביבאָר, האָבן פאַרענדיקט דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון בערלינער אוניווערסיטעט. אַלפרעד איז געווען זייער באַגאַבט. ער וואָלט געקאָנט ווערן אַ גרויסער געלערנטער. אין דעם מעגט איר ניט צווייפלען. זײַנע ערשטע אָפּהאַנדלונגען האָט ער געדרוקט, ווען ער איז געווען גאָר יונג. קיין נײַס האָט ער נאָך דעמלט ניט געקענט אַנטדעקן, נאָר פּאָפּולער איבערגעבן אַ וויסנשאַפטלעכע טעאָריע — דאָס האָט ער געקענט. אויב איר וועט זײַן אַזוי גוט און מיר דערלאַנגען די צײַטשריפט, וואָס ליגט אויפן טיש, וועל איך אײַך וויַיזן, ווי צוגענגלעך, איך וואָלט געזאָגט, פּאָלקסטימלעך אַלפרעד האָט, נאָך זײַענדיק אַ סטודענט, געשריבן. דאָ, צום בײַשפּיל, — האָט גאָולשטיק אַ וויַיז געטאָן מיטן פינגער, און בערעקן האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אין די אויגן זײַן פינגערל מיטן אויסגעקריצטן וואָרט „לעבן". ווײַטער איז, וויַיזט אויס, געגאַנגען „+ טויט". — „ניט אַלע דײַטשן, צום באַדויערן, ווייסן, אַז דאָס וואָרט „אַריער" (Aria) איז קימאַט דאָס זעלבע, וואָס „אײַע" (Aia). אַריער, הייסט עס, זײַנען געווען

איאָריער (Aiorier), וואָס באַטײַט האַרן, הערשער. עס איז דאָך אַ פֿאַקט, וואָס קיינער וועט אים שוין ניט ענדערן. דאָס קעלטישע Aior און דאָס דײַטשישע Herr זײַנען לויטן אָפּשטאַם לײַבלעכע ברידער, און נאָך גאָר אַמאָל האָבן אָט די ווערטער אײדעס געזאָגט וועגן אונדזער הער־שאַפֿט". נו, ווי געפֿעלט עס אײַך, הער דאָקטער? דאַן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בײַטיקט זיך ניט אין קיין באַווײַזן. איצט קאָן אַזאַ ווערק זײַן נאָך מער נוצלעך. ס'איז אַקטועל, און ניט אומזיסט זוכן פֿיל מענטשן עס צו לייענען. נאָר זאָל זײַן געזונט. איך האָב פֿאַרגעסן וועגן דעם, אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן איין מויל און צוויי אויערן, ער זאָל מער הערן און ווייניקער ריידן. איז זאָל איך, הער דאָקטער, באַשטעלן אַ בילעט אַהיים?

— בלויז נאָך דעם, ווי מע וועט מאַכן אַ קאַרדיאָגראַמע, וועט מעגלעך זײַן ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע. דערווײַל רעקאָמענדיר איך אײַך ליגן צו בעט.

בערעק איז ווידער צוגעגאַנגען צום וואַש־טישל. שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו גאָולשטיכן, האָט ער געפֿרעגט:

— זאָגט מיר, הער גאָולשטיך, אײַער פֿינגערל טראָגט איר שוין לאַנג?

— לאַנג. אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. אויב ניט מער. פֿאַרוואָס פֿרעגט איר עס? ס'איז דאָך אַ געוויינלעך רינגל.

— יאָ, אַ געוויינלעך גאָלדן רינגל, נאָר ס'איז שוין אײַנגעוואַקסן אינעם פֿינגער.

— דערפֿאַר וועט מען עס מיט קיין קראַפֿט אויך ניט אַראָפּרײַסן. דאָק־טער, וואַרט אַ ווײַלע. פֿאַר אײַער וויזיט בין איך אײַך זייער דאַנקבאַר. באַלד וועל איך זיך צעצאָלן.

— פֿאַר אַזאַ וויזיט נעם איך קיין געצאָלטס ניט.

ווי אויף אַ וווּנדער פֿון דער נאַטור, האָט גאָולשטיך אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן.

אָן אַ „זײַ־געזונט" האָט בערעק פֿאַרלאָזט דעם צימער. אין קאָרידאָר האָט אויף אים געוואַרט נוימאַן. בערעק האָט אים דאָס מויל ניט געלאָזט עפֿענען, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, צוגעוואָרפֿן:

— אַלץ, וואָס כ'האָב געהאַלטן פֿאַר נייטיק, האָב איך געזאָגט דעם קראַנקן.

## פֿראַו בעטינאַ

פֿונעם האָטעל איז בערעק אַרויסגעגאַנגען מיטן פֿעסטן געדאַנק, אַז מער האָט ער דאָ, אין האַגען, ניט וואָס צו טאָן. מאָרגן פֿאַרטאָג פֿאָרט ער אַוועק. און ביכלאַל, באַדאַרפֿט געווען פֿאַלגן פֿייגעלען און אײַנגאַנצן ניט קומען איצט אַהער. דאָ וואָלט דאָס בעסטע געווען צו זײַן ערשט, ווען מע וועט אָנהייבן פֿאַרהערן די אײדעס פֿון דער באַשולדיקונג, די סאָביבאָר־ראָוצעס. אָט אויף זיי ווילט זיך כאַטש פֿונדערווײַטן אַ קוק טאָן. זײַענדיק טאָג ווי נאַכט מיט קורזיעלן אין קעמערל, האָט בערעק מיסטאָמע קיינעם

פון זיי אין סאָביבאָר ניט געזען, בלויז מיט איינצלנע איז אים אויסגע־קומען זיך באַקענען, דעריקער דורך בריוו, שוין נאָך דער מילכאָמע. נאָר אַלצייִנס, כאָטש ס'זײַנען אַזויפיל יאָרן אַוועק, פילט ער זיך צוגעבונדן צו זיי ווי מיט די שטאַרקסטע קנופּן. און עפשער איז שוין געקומען די צײַט אופצוהערן שפּילן אין „באַהעלטערלעך", און די סאָביבאָראַוּוצעס, ניט נאָר פּעטשערסקי, נאָר לערער, און בלאַט, און אַלע־אַלע זאָלן וויסן, אַז ער, בערעק, איז אַ זייערער, אַ געראַטעוועטער פון דער „דימל־שטראַסע". אָבער וועגן דעם דאַרף מען נאָך זיך אויסייצענען מיטן פּעטער סטאַני־סלאַוו, אין געדאַנק רופט בערעק קניעווסקין קימאַט נאָר אַזוי.

סטאַניסלאַוו קניעווסקי, וואָס האָט געזאָלט קומען צום אָנהייב פונעם פּראָצעס, האָט אומגעריכט, אין דער לעצטער מינוט, געגעבן צו וויסן, אַז ער מוז זיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע. אָט דעמלט טאַקע האָט פייגעלע גע־זאָגט, אַז אויך בערעק האָט דערווײַל ניט וואָס צו פאַרן. איז זי געווען גערעכט. ס'האָט געפּלאַצט דער טרוים וועגן זען זיך, גיין באַנאַנד, ריידן און ניט קאָנען זיך אָנריידן.

אופהערן שפּילן אין „באַהעלטערלעך" וואָלט דער פּעטער סטאַניסלאַוו מיסטאָמע ניט מאַסקים געווען. „כלאָפּטשע, כלאָפּטשע, — וואָלט ער ווייך געזאָגט, — וואָס טראַכסטו זיך? ביזוואַנען שטאַנגל און וואַגנער זײַנען אַף דער פרײַ, האָסטו ניט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם". איז ווײַל אַזוי, האָט ער, בערעק, ניט וואָס צו טאָן איצט אין האַגען. מער, ווי ער ווייסט, וועט ער זיך דאָ ניט דערוויסן. דער דאָזיקער מישפּעט וועט זיך נאָך ציִען, ווי ס'איז צו זען, כאַדאָשים און כאַדאָשים, און גוט וועט זײַן, אויב ער וועט זיך ענדיקן מיט אַ גערעכטער שטראָף כאָטש פאַר די הויפּט־פאַרברעכער. ניט צופעליק וואַגן די דאָזיקע פאַרשוינען, די פאַרשיידענע גאָולשטיכס און נוימאַנס, די ברידער זייערע און פאָטערס, פון וועלכע עס הערט זיך שוין דער רייעך פון יענער־וועלט, צו טראַכטן וועגן אַ נײַעם היטלער. זיי וויסן די געזעצן פון זייער לאַנד און ווער די ריכטער זײַנען. וואָס איז דער כידעש, אַז אַזאַ גאָולשטיך באַרימט זיך מיט די ראַסיסטישע טעאָ־ריעס פון זײַן ברודער. ער ווייסט, אַז אַפילע מע זאָל אָנגעבן אַף אים דערפאַר אין געריכט, וועט ער אָפּקומען מיט גאָרניט.

ערשט איצט, אין יאָרן אַרום, קאָן מען פאַרשטיין די גרויסקייט פון די אופשטענדלער, וואָס האָבן אַליין אויסגעפירט דעם גערעכטן אורטייל איבער די הענקער. די אופשטענדלער האָבן זיך ניט געגייטיקט אין קיין פּראָטאָקאָלן, אין עקספּערטיזעס.

בלויז די פּוילישע קאָמיסיע, וואָס פאָרשט די היטלעריסטישע פאַר־ברעכנס, האָט איבערגעגעבן מײַרעוו־דײַטשלאַנד צענדליקער טויזנטער דאָקומענטן, מיקראָפילמען, פאָטאָגראַפיעס, טויזנטער פּראָטאָקאָלן, איידעס־דערקלערונגען. און וואָס איז די פּולע? די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון זיי איז צום געריכט ניט דערגאַנגען. די בונדעס־רעפּובליק אַנערקענט ניט די פּרינציפּן פונעם נירענבערגער טריבונאַל, דעם באַשלוס וועגן עקסטראַ־דיציע פון פאַרברעכער אין יענע לענדער, וווּ זיי זײַנען באַגאַנגען די פאַרברעכנס.

און אויב מע מישפּעט שוין יאָ? דער אָבערגאַזמײַסטער עריך באָוער, וואָס איז מיט פּופּצן יאָר צוריק פאַרורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף, ווערט אַרויסגערופן אַלס איידעס קעגן האַגען. באָוערס אַדוואָקאַטן האָבן זיך דערשלאָגן, דער טויט־אורטייל זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

אין דער רעשימע פון די מילכאָמע־פאַרברעכער, וואָס ס׳האָט פאַרעפנט־לעכט די קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, פאַרנעמט הובערט גאַ־מערסקי איינס פון די ערשטע ערטער. וועגן אים ווערט דאָרט געזאָגט: „אין סאָביבאָר פון מײַ 1942 ביז אָקטיאַבער 1943. ווערט באַשולדיקט אין מערדערײַען און אַנדערע פאַרברעכנס”. און דער געריכט פון געשווירענע אין פראַנקפורט־אַם־מײַן קלײַבט זיך פאָרנעמען אַ רעוויזיע־פּראָצעס בע־נעגייע אים, כאָטש ער איז דורכן זעלבן געריכט פאַרמישפּעט געוואָרן צו לעבנסלאַנגער טפיסע. גאָמערסקי פאָדערט, מע זאָל אים ניט נאָר פרײַלאָזן, נאָר אויך אויסצאָלן קאָמפּענסאַציע, און ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער וועט זיך זײַנס דערשלאָגן.

די צײַט גייט. די יאָרן לויפן. די וועלט, קומט אויס, איז עלטער געוואָרן, נאָר ניין, ניט קליגער. און מע דאַרף קעמפן. קעמפן, זוכן, צושטעלן צום געריכט. קעמפן אַזוי לאַנג, ווי זיי זשיפּען נאָך ערגעץ, די מערדער, אַף דער וועלט.

די שטילע האַגענער געסלעך האָבן בערעקן אַלץ נענטער צוגעפירט צו דער ביכער־קראָם, אַף וועלכער ער האָט געוואָרפן אַן אויג נאָך בײַם דער פּרעסע־קאָנפערענץ. דאָ איז פאַראַן אַ בוקיניסטישער אָפּטייל, און דאָ טאַקע קאָן מען אויך קריגן אַ נײַע גראַמפּלאַט, ביידע זאַכן מיטאַמאָל. קיין בעסערע מאַטאָנע פאַר פייגעלען, ווי אַ גוטע ליד, דאַרף מען ניט. נו, און פאַר בערעקן איז ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן, ווי זיך גריב־לען צווישן ביכער.

אין בערעקס אויגן האָט אַ שעמעריר געטאָן אַ פײַערל. ער האָט גלײַך געפונען און אָפּגעלייגט אַפן קײַלעכדיקן טישל, וואָס אין ווינקל, דאָס, וואָס מע דאַרף. ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט געריכט, אַז גראָד דאָ, אין האַגען, וועט זיך אַזוינס אָפּזוכן: פּאָל ראָבסאָן זינגט אַף ייִדיש הערש גליקס פּאַרטיזאַנען־הימן „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...” די ליד האָט דער דיכטער אָנגעשריבן אין ווילנער געטאָ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן אופשטאַנד אין וואַרשע. בערעק שטעלט זיך פאָר, ווי פייגעלע וועט זײַן צופרידן. אים האָט זיך מער ניט געוואָלט, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעהערט די פּלאַט, שטיין דאָ אַ געבויגענער בײַ די בי־כער. און לעפּאָנעם וועגן אַ בלעטער געטאָן אַ פּאָר פאָליאַנטן, האָט ער געקויפט אַ פרישן מעדיציניש זשורנאַל און זיך אומגעקערט אין האָטעל. נאָך מיטיק וועט ער זיך זעצן שרײַבן בריוו פּעטשערסקין און קניעווסקין. ביידע ווילן זיי, פאַרשטייט זיך, וויסן, ווי דער פּראָצעס האָט זיך אָנגע־הויבן. וועט ער זיך אַראָפּריידן אַ ביסל פון האַרצן, פאַרײַנס זיי שיקן עטלעכע צײַטונג־אויסשניטן. אין אָוונט איז עפּשער קעדײַ זיך דורכלופּ־טערן, דורכשפּאַצירן אָדער אפילע אַרײַן אין אַ בירהאַלע...

בערעקן האָט גוטענבערג געזאָגט:

— ביר־לאָקאַלן זײַנען בײַ אונדז פאַראַן אַ סאַך. נאָר קיין צוויי אַל־

ציינע זײַנען, דאכט זיך מיר, ניטאָ. איר קאָנט זיך אראָפּלאָזן אין אַ קעלער, און אײַך זאָל פאַרפלייצן אַ יאַם מיט שײַן. איר קענט אַרײַנגיין אין אַ פּרעכטיקער געבײַדע, און דאָרט זאָל זײַן פינצטער, ווי אין אַ קעלער. איר וועט זען אַ שילד, אויף וועלכער ס׳זײַנען אָנגעמאָלט שוימיקע קופּלען ביר, און אינווייניק, אין זאַל, אויף די געדעקטע טישן שטייען קרישטאָלענע באָקאַלן פאַר ווײַן. אין אַזאַ בירהאַלע באַשטעלט מען געוויינלעך בורגונ־דער אָדער ריינווײַן. מע וועט אײַך דאָ דערלאַנגען ראָם, וויסקי, בראַנפן, מאַראַנצן, באַנאַנען, אָבער ניט קיין בײַערישן ביר, ניט קיין קרעפּסן אָדער געבראָטן שווײַנען־פלייש מיט זויערקרויט. מע דאַרף וויסן, וווהין צו גיין. אויב איר, הער שלעזינגער, ווילט דעם אָוונט געניסן פונעם לעבן, פאַר־לאָזט זיך אויף מיר. מײַנער אַ גוטערפרײַנט האָט אַ פּרעכטיקע בירהאַלע און ווייסט, ווי אויפצונעמען געסט. דאָס איז ניט אַזוי ווײַט פונדאַנען. איך וועל אײַך באַלד דערקלערן, ווי איר וועט אַהין טרעפן...

— הער גוטענבערג, — האָט בערעק מיט אַ שמייכל אים אָפּגעדאַנקט, — ס׳איז נאָך דערווײַל ניט נייטיק, איך ווייס נאָך אַליין ניט.

— וואָס הייסט? — האָט גוטענבערג אים קימאַט פאַמיליאַר איבערגע־שלאָגן. — איך ווייס דאָך די סיבה, פאַרוואָס איר האָט מיט מיר פאַרפירט דעם געשפּרעך. זי איז זייער אַ סימפּאַטישע, די פרוי, וואָס האָט שוין הײַנט צוויי מאָל זיך נאָכגעפרעגט אויף אײַך. עמעס, זי האָט מיך ניט גע־בעטן, איך זאָל אײַך וואָרענען, נאָר כ׳מיין...

— וועגן וואָס פאַר אַ פרוי רעדט איר? איך האָב דאָ ניט קיין באַקאַנ־טע פרויען.

— זי האָט זיך מיר ניט פאָרגעשטעלט ווי אײַערע אַ באַקאַנטע. ביידע מאָל האָט זי געפרעגט איינס און דאָס זעלבע: „דאָקטער שלעזינגער איז באַ זיך אין נומער?״ ווי זאָל איך איר ענטפערן, אויב זי וועט אַ דריט מאָל קומען? איך קאָן איר זאָגן, אַז איר זײַט פאַרנומען און נעמט קיינעם ניט אויף.

— דאָס איזווירקלעך אַזוי, הער גוטענבערג, נאָר ס׳איז ניט אין מײַן נאַטור אַזוי צו ענטפערן. אויב איך וועל זײַן באַ זיך, איז וואָרנט זי, ביטע, אַז אַלס מעדיקער עקזיסטיר איך דאָ ניט. מעגלעך, דאָס וועט זײַן גענוג.

— אַן אײַנדרוק מאַכט זי פון אַ גוט דערצויגענער פרוי. מיר דאַכט אָבער, אַז דער ענטפער וועט זי ניט באַפרידיקן.

— איר זײַט אַזוי גוט און וואָרנט זי, אַז איך בין זייער באַגרענעצט אין צײַט.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן באַם אוועקגיין, ווען מע האָט שטיל אָנ־געקלאַפּט אין נומער, און ווי נאָר בערעק האָט געענטפערט „ביטע״, האָט אַ פײַן געקליידטע פרוי געעפנט די טיר און אין פאַרלעגנהײַט געבליבן שטיין. בערעק האָט זיך אויפגעהויבן איר אַנטקעגן. ס׳האָט געדויערט עט־לעכע לאַנגע סעקונדעס, ביז זי האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— טויזנט מאָל אנטשולדיקט מיר, נאָר כ׳האָב קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט. פאַראַן אַ מענטש, דאָקטער שלעזינגער, וואָס האַלט, אַז פון אײַך איז אָפּהענגיק זײַן לעבן.

— פון מיר? איך צווייפל. אין האַגען זײַנען דאָ ניט ווייניק אָנגעזעענע דאָקטוירים, מיט וועלכע איך קאָן ניט און קלײַב זיך ניט קאָנקורירן. — און ווײַל ס׳איז געווען צו זען, אַז זי וויל דערווידערן, האָט ער פאַרגעזעצט: — מאָרגן גאַנצפרי פאָר איך אָפּ קיין באָן, און...

— אויב דאָס איז די איינציקע סיבע מיך הײַנט ניט אויסצוהערן, בין איך גרייט מאָרגן אײַך באַגלייטן קיין באָן.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט. איר פערזענלעך נייטיקט זיך אין מײַן הילף? דאָס האָט אײַך געצווונגען קומען?

— ניט וועגן זיך און ניט וועגן קיין מעדיצינישער הילף קלײַב איך זיך ריידן מיט אײַך. מעגלעך, אַז ווען איר וואָלט ניט געווען איצט אין האַגען, וואָלט איך געקומען צו אײַך קיין אַמסטערדאַם. איך ווייס, אַז מיט אַזוינע רייד דערווײַטער איך זיך פון מײַן ציל, נאָר אויב איר וועט אײַנגיין מיר שענקען אײַערע אַ שטונדע, וועט איר אַלץ פאַרשטיין.

— אויב איר נייטיקט זיך ניט אין מיר אַלס מעדיקער, איז אונדז שוין ביידן לײַכטער. נאָר איך בין דאָך פאָרט אַ דאָקטער. איז זעצט זיך צו און דערלויבט מיר אײַך שטעלן פראַגן, דאַן וועט אונדז, מעגלעך, גענוג זײַן פופצן־צוואַנציק מינוט.

— ניין, הער שלעזינגער, ס׳איז ניט דער פאַל, ווען אַ דאָקטער פרעגט און דער פאַציִענט ענטפערט. דעם ענטפער וועל איך פון אײַך דערוואַרטן.

— דאָס, פראַו... — און בערעק האָט אָף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, — איז מער ענלעך אָף אַן אולטימאַטום, ווי אָף אַ ביטע, — האָט בערעק שאַרף געזאָגט.

זי האָט זיך ניט באַליידיקט און ניט פאַרלוירן.

— וועגן וואָס פאַר אַן אולטימאַטום קאָן גיין אַ רייד, אויב פון אײַער „יאָ״ אָדער „ניין״ איז אָפּהענגיק עמעצנס אַ לעבן? איר האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, געוואַרט, קאָנטיק, איך זאָל זיך פאָרשטעלן. אָבער דאָ אין צימער וואָלט זיך מיר ניט געוואָלט ריידן. טוט מיר אַ געפעליקייט, און לאָמיר אַרויסגיין פונעם האָטעל.

— וווהין און אָף וויפל?

— וווהין און אָף וויפל איר וועט נאָר וועלן. נו, בערנאַרד שלעזינגער איז דאָך ניט פון די שרעקעוודיקע, איז וואָס האַלט אים אָפּ?!.. — געזאָגט האָט זי עס אַזוי, ווי זי וואָלט אים שוין יאָרן געקענט.

— צי קלײַבט איר זיך ניט דערציילן שלעזינגערן וועגן שלעזינגערן?

— אָ, ניין. אַ רייד וועט גיין, דאָס קאָן איך אײַך דאָ זאָגן, וועגן קורט באַלענדערן. לויט אײַער בליק האָב איך, דאַכט זיך, פאַרשטאַנען, וואָס איר טראַכט וועגן מיר. איר האָט דערוואַרט אַלץ, נאָר ניט אַזאַ ענטפער.

— אומזיסט מיינט איר עס. איך האָב גלײַך באַמערקט אַ געוויסע ענלעכקײַט צווישן אײַך און באַלענדערן. איר זײַט זײַנע אַ טאָכטער?

— גאָט באַהיט. באַלענדער האָט קיין קינדער ניט. ס'איז מער ווי גע־נוג, וואָס מיר זײַנען גלידשוועסטערקינדער. מיר פאַרמאָגן ווירקלעך אַל־געמיינע פאַמיליען־שטריכן. דאָס האָט מען נאָך...

— אנטשולדיקט, פראו, — האָט בערעק מיטאמאָל פאַרלוירן דעם אינ־טערעס צום געשפּרעך, — וואָס, אייגנטלעך, האָט איר מיר געהאַט צו זאָגן?

— הער שלעזינגער, איך האָב מיט שרעק איבערגעטראַכט די שוועל פון אײַער צימער, געמיינט, איר וועט מיך גלײַך דורכטרײַבן. מיר איז וויכטיק וויסן דעם עמעס וועגן באַלענדערן. דאָס איז די איינציקע סיבע, צוליב וועלכער איך בין אײַנגעגאַנגען זײַן די פאַרמיטלערן צווישן אים און אײַך.

— וואָס פאַרא פאַרהעלטענישן קאָנען זײַן צווישן מיר און אים? — האָט בערעק, באַמיִענדיק זיך ריידן רויִק, געפרעגט. — ווער האָט עס אײַך גע־קאָנט פאָרשלאָגן אזא ווילדע זאַך?

— איך זע, אז איר מײַן פאָרשלאָג נעמט ניט אָן, בלײַבט מיר ענטפערן אָף אײַערע פראַגן דאָ. מיך רופט מען בעטינא. — און אנידערזעצנדיק זיך אָפן פאָטעל, באם צײַטונג־טישל, האָט זי אָפּגעהאַקט אַ זאַג געטאָן: — באַלענדער. ס'איז באַלענדערס פאָרשלאָג.

איבערוואַרטנדיק אַ ווײַלע, האָט זי פאָרגעזעצט:

— שוין דעם ערשטן טאָג פון פראָצעס האָט ער אײַך באַמערקט אין זאַל און פאַרשטאַנען, אז איר טרעט ניט ארויס אלס איידעס פון דער באַ־שולדיקונג...

— וואָס איז דערפון געדרונגען?

— ער וויל וויסן, צי וועט איר מאסקים זײַן באַשטעטיקן אייניקע פאַקטן, וועלכע זײַנען אײַך באַוווּסט.

— ער וויל, הייסט עס, וויסן, — האָט בערעק, ווי מעגלעך אײַנגעהאַלטן, איבערגעכאַזערט קימאַט וואָרט אין וואָרט, — צי וועל איך מאסקים זײַן ווערן אן איידעס פון זײַן זײַט. צי דען פאַרשטייט איר ניט, פראו בעטינא, אז דערויף וואָלט איך באַדאַרפט איבערײַסן דעם געשפּרעך מיט אײַך? איך טו עס ניט אויס אכטונג צו אײַך אלס פרוי. עפּעס פאַרשטיי איך דאָ ניט באַלענדערן. ניט ער, ניט זײַן אדוואָקאַט נייטיקן זיך ניט אין מיר אלס איידעס. איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס איך גילט ניט אלס אזעלכער צוליב אנדערע סיבעס. צי האָט עמעצער דאָ ניט אָנגעפּלאָנטערט, פראו בעטינא, אָדער איר האָט עפּעס ניט ריכטיק פאַרשטאַנען? פאַרזענלעך מיט באַלענדערן האָט איר דאָך די טעג ניט געקאָנט ריידן.

— ריכטיק. נאָר אַ מענטש, וועלכן איך קאָן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אײַך ניט אָנרופן, האָט מיר איבערגעגעבן זײַנע בריוו. איך פאַרזיכער אײַך, אז קיינער האָט גאָרניט אָנגעפּלאָנטערט און פאַרשטאַנען האָב איך אַלץ ווי ס'דאַרף צו זײַן. באַלענדער מיינט אײַך ניט אונטערקויפן אָדער ארויס־שטעלן אלס איידעס, דאָך דערלאָזט ער דעם געדאַנק, אז איר קאָנט אײנער דעם אנדערן קומען אנטקעגן. איר, זאָל זײַן אפילו ניט אָפיציִעל, באַשטע־טיקט די פאַקטן, וועלכע ער וואָלט אײַך דערמאָנט, און ער, אויב אים גלייבן, וועט אײַך העלפן אויסזוכן שטאַנגלען. ער וואָלט אויך אויסגעטיילט

וויפל ס'איז נייטיק מיטלען אף אופשטעלן א דענקמאָל די אומגעקומענע אין סאָביבאָר.

בערעק, וואָס האָט זיך געקענט צוימען, איז אופגעשפרונגען פון אָרט. דער הענקער איז גרייט שטעלן א גאָלדענע מאַצייווע די קאָרבאָנעס, וועלכע ער אליין האָט אומגעבראַכט. ווי אומפאַרשעמט און פרעך זיי זיי־נען! ס'האָט זיך געוואָלט אויסשרײַען דעם ווײ, דעם פאַרדראָס, דעם צאָרן. נאָר מיט שרײַען, ווייסט ער דאָך, פירט מען גאָרנישט ניט אויס. וועט ער זיך נייטן זײַן געדולדיק. מע דאַרף זיך דערגרונטעווען, אין וואָס גייט דאָ.

— פון הימל פאַלן דאָך קיין מאַטאָנעס ניט אראָפּ, פּראַו בעטינא, — האָט בערעק געפּרווט א שמייכל טאָן און ניט געקאָנט.

— באַלענדער שרײַבט, אז ער וויל נאָר, ס'זאָל באַשטעטיקט ווערן דער עמעס.

— דער עמעס באַשטייט אין דעם, וואָס פאַר אים איז די העכסטע שטראָף ווייניק.

— הער שלעזינגער, איך קאָן אײַך ניט דערווידערן. איצט, ווען איך האָב אויסגעפּילט דאָס, וואָס מע האָט מיך געבעטן, וויל איך... — און זי האָט זיך אליין איבערגעשלאָגן, ווי באַטראַכטנדיק נאָכאַמאָל, צי זאָל זי זאָגן דאָס, וואָס ס'איז שוין קימאַט געווען בא איר אף דער צונג.

בערעק האָט געדולדיק געוואַרט.

— איר פאַרשטייט, — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, — פון מיר וויל ער אויך, איך זאָל באַשטעטיקן א פאַקט, — און ווידער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווי וואַרטנדיק אף בערעקס א וואָרט.

בערעק האָט מיט גאָרנישט ניט ארויסגעוויזן זײַן פאַרינטערעסירטקײַט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ענדלעך געזאָגט דאָס, וואָס איר איז געווען אזוי שווער ארויסצוברענגען:

— ער וויל, איך זאָל באַשטעטיקן, אז ער איז ניט קיין ריינער אריער.

— ווער? — האָט בערעק געפרעגט.

— הער שלעזינגער, באַרויִקט אײַך. ס'איז שווינדל, און ווי איך פאַר־שטיי, ווײַט אויסגערעכנט.

— מיר געפעלט, פראַו בעטינא, וואָס איר פאַרשטייט עס. עפּשער וועלן מיר זיך טאַקע דורכגיין?

איצט האָט בעטינא זיך געקווענקלט.

— איר ווייסט, איך האָב שוין אײַך קימאַט אלץ געזאָגט און מיר שטערט דאָ שוין גאָרניט.

— דאַן וועט אונדז דער הימל און די ערד זיכער ניט שטערן.

## אין בירהאַלע

די אָוונטיקע שטאָט האָט קיל געעטעמט. עס האָט געטריפט א רעגנדל, וואָס מע ווייסט ניט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן און ווען עס וועט זיך ענדיקן. בערעק האָט געוואָלט זיך אומקערן אין האָטעל נעמען א שירעם.

— מע דארף ניט, — האָט זי געזאָגט, — מיך שרעקט ניט אזא רעגנדל. איר האָט קיין מוירע ניט זיך צוקילן?

געקלערט האָט בערעק וועגן באַלענדערס גאנג, און געזאָגט האָט ער:

— א טרונק וויַן וואַרעמט אום ווינטער און קילט זומער. איר קאָנט זיך דערלויבן עסן מיט מיר אָונטבּרויט?

זי האָט, ווי שפּאַסנדיק זיך אַ נייג געטאָן פאַר אים:

— מיט אַ מאַנצבל, ווי מע זאָגט, צו גאָט און צו לײַט, פאַרוואָס ניט? הײַנט נאָך, אַז ריידן מוז איך און עסן וויל איך. וואָס לייגט איר פאָר?

— גוטענבערג האָט מיר רעקאָמענדירט אַ בירהאַלע דאָ ניט וויַט. ס׳איז אַן אָנשטענדיק אָרט?

— ווי איך פאַרשטיי, האָט אײַך גוטענבערג געזאָגט, אַז איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אָף אײַך.

— יאָ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳האָט אָף מיר געפרעגט אַ גוט דער־צויגענע פרוי און, — בערעק האָט אַ שמייכל געטאָן, — דערצו זייער אַ שיינע.

— נו, שוין, — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — זייער שיין, זאָגט מען, איז די פרוי, וואָס האָט צוזאַמען מיט אײַך אויסגעשפּירט באַ־לענדערן.

— דאָס איז אײַך אויך באַוווּסט? איך זע, מע האָט אײַך וועגן מיר ניט ווייניק דערציילט.

— זאָל עס אײַך ניט קימערן. פון מיר וועט עס ווײַטער ניט אַוועק. איך פאַרשטיי, אַז אַזאַ מענטש, ווי איר, דאַרף זײַן געהיט.

דער אַרײַנגאַנג אין בירהאַלע איז געווען באַלויכטן, ווי פון פּראָזשעק־טאָרס. לענגויס דעם טראָטואַר האָבן זיך אויסגעשטעלט אויטאָמאָבילן פון פאַרשיידענע מאַרקעס — מערסעדעסן, פאָלקסוואַגענס, פּעזשאָ. בערעק און פראַו בעטינאַ זײַנען אַראָפּגעשטיגן עטלעכע טרעפּלעך, און ווי עמעצער וואָלט סיגנאַליזירט וועגן זייער קומען, האָט פון אינווייניק זיך אופגעעפנט די טיר פאַר זיי און אַ באַיאָרטער מענטש מיט שיטערע גרויע האָר אַרום דעם נאַקעטן שאַרבן האָט זיי פאַרבעטן גיין נאָך אים. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, נאָר ס׳איז אַזוי אויך קלאָר געווען, אַז דאָס איז דער באַ־לעבאָס.

בערעקן איז געווען טשיקאַווע: אַזאַ באַקוועם אָרט אין דעם בעסטן פון די דרײַ זאַלן, באַ אַ מאַסיוון טיש אָן שכיינים, האָט ער זיי פאָרגעלייגט, ווײַל גוטענבערג האָט וועגן דעם געבעטן? אויב יאָ, איז ווי האָט ער עס זיי גלײַך דערקענט? ווײַזט אויס, דאָס פאַרבלײַבט זײַנער אַ פּראָפעסיאָ־נעלער סאָד. ער האָט זיי געהאָלפן אַראָפּנעמען די מאַנטלען און אליין באַ־שטאַט זיי אָפן הענגער, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש.

דאָס גאָפּל־מעסער־געקלאַנג האָט אַרויסגערופן אַפּעטיט. אָף אַ קורצער צײַט האָט בערעק פאַרגעסן וועגן דעם געשפּרעך, וואָס שטייט אים פאָר. ער וואָלט האַנאָ געהאַט, ווען פאַר זײַנע אויגן כיינדלט זיך איצט אַ פּרע־זשעניצע און באַנאַנד ליגן גרינע אוגערקעלעך ערשט פון דער בייט. שטיל, אָפן ווונק, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם קעלנער. בעטינאַ האָט געבעטן פאַר־שפּרייטן דעם ניט־געהובלעוועטן דעמבענעם טיש. דער קעלנער האָט גע־

בראכט אַ ווײַסן טישטעך, אוועקגעשטעלט באָקאַלן, דינע גלעזער. זיי האָבן באַשטעלט פֿאָרעל, העל־ביר אין ערדענע קריגעלעך, אַ פֿלאַש ריינווײַן — „ליבפֿראָוער־מילך". „דאָס איז אַ געטער־געטראַנק", — האָט געזאָגט בעטינאַ. דערווײַל, ביז די פֿיש, וואָס מע האָט לעבעדיקע אָט ערשט אַרויסגענומען פֿונעם אַקוואַריום, וועלן פֿאַרטיק ווערן, האָט דער קעלנער געבראַכט עפּעס צום פֿאַרבײַסן, צוויי קעלישעקלעך שנאַפּס, יעדערס די גרייס ווי אַ פֿינגערהוט, און אַ פֿאָלומיסעק מיט אָנגעשניטענע ווײַסע ריפּט־לעך ציבעלע.

ליכט אויף די טישן און קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך, אײַנגעפּאַסטע אין אַלטמאָדישע לאַמטערנס אויף די הוילע ציגלענע ווענט, האָבן שוואַך באַלויכטן דעם זאַל. עטוואָס ליכטיקער איז געווען בלויז דאָרט, ווו דער באַרמען, אָנגעטאָן אין אַ סמאָקינג, איז געשטאַנען און געגרייט קאָקטיילן. אויף די ווענט זײַנען געהאַנגען הירשן־הערנער, אַ קאָפּ פֿון אַ קאַבאַן, בילדער: טײַבעלעך שוועבן אין דער הייך, אַ רויז צעעפֿנט איר בלומען־בעכער, געלע און ווײַסע וואַסער־ליליעס. בערעקן האָבן זיי דערמאָנט דעם טײַך אין שטעטל. געלע ליליעס, געדענקט ער, צעעפֿענען זיך באַם סאַמע אויפֿ־גיין פֿון דער זון, ווײַסע — העט שפּעטער.

זיי זײַנען ביידע געזעסן און געשוויגן. ניט געוואָלט דערווײַל צי ניט געוווּסט, וויאַזוי פֿאַרזעצן דעם געשפּרעך. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט מוזיק. ס'איז ליכטיק געוואָרן, די שײַן האָט באַלויכטן בערעקן אין זײַן פֿאַרגליווערטקייט. פּאָר נאָך פּאָר האָבן זיך געלאָזט טאַנצן, די מערהייט — יונגע. געטאַנצט האָט מען מיט אימפּעט, אין ענגער געשלאָסנקייט: האַנט אין האַנט, אַקסל צו אַקסל. פֿונעם אַנטקעגנדיקן טיש איז איינער, עלעהיי אַ קאָרעק פֿון אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער, אַרויסגעשפּרונגען און פֿלינק־שנעל זיך געלאָזט אין סאַמע צענטער פֿון מישמאַש. דערנאָך האָט אַ יונגע זיך־גערן מיט אַ רויק פּאָנעם און גוטע פּאַרטרוילעכע אויגן געזונגען, ווי שיין עס שײַנט די לעוואָנע, ווי שטיל עס וויגן זיך די כוואַליעס... בערעק האָט, ווי אַלע, זיך צוגעשאָקלט צום טאַקט. דערנאָך האָט מען ווידער געטאַנצט. נאָר דאָס איז שוין געווען אַ טאַנץ אַ געלאַסענער. בעטינאַ האָט אָנגעַ־רירט בערעקן פֿאַרן אַקסל. ער איז אויפֿגעשטאַנען און איר דערלאַנגט די האַנט.

— הער שלעזינגער, איר טאַנצט גלענצנדיק, — האָט בעטינאַ געזאָגט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צום טיש.

ער האָט העפֿלעך אַ קוש געטאָן איר האַנט. זיי האָבן אויסגעטרונקען.

— אײַך דאַכט זיך ניט, — האָט זי געפֿרעגט, — אַז איך טרינק צופֿיל? ניין? אַ דאַנק. — און אָן שום איבערגאַנג: — אויב ס'איז קיין סאָד ניט, איז זאָגט מיר, ביטע, מיט פֿיר יאָר צוריק, אין האַמבורג, איז מיט אײַך געווען אײַער פֿרוי? זי איז ווירקלעך אַזאַ אויסערגעוויינלעכע שיינהײַט, ווי מע דערציילט?

— כ'ווייס ניט, וואָס מע דערציילט. נאָר פֿאַר מיר איז זי די שענסטע.

— פֿאַרשטייט זי כאָטש, ווי גליקלעך זי איז? — האָט בעטינאַ, פּרוּווּנדיק זיך כאַפּן זײַן בליק, געפֿרעגט.

— זי איז גיכער אומגליקלעך.

— עס גלייבט זיך מיר ניט, דאָס זאָל זײַן איבער אײַער שולד.
— זי איז זיכער דערין ניט שולדיק.
— די קינדער?
— מיר האָבן ניט קיין קינדער, — האָט בערעק אומצופרידן געענטפערט.
— אנטשולדיקט מיר. איך וועל באַ אײַך מער גאָרניט פרעגן. איך פאַרשטיי, אַז איך מיסברויך מיט אײַער געדולד. — און טראָץ יעדער לאָגיק פאָרגעזעצט: — באַפרידיקט מײַן נײַגעריקײַט און זאָגט מיר: ניט ווײַט פון דעם אָרט, וווּ באַלענדער האָט בייסן קריג געדינט, זײַט איר געווען אַ פּאַסטעכל?
— אין יענער צײַט האָב איך נאָר געטרוימט צו זײַן אַ פּאַסטעכל. בעטינאַ האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט.
— מיט אײַך אין האָטעל האָט געוווינט עריך לאַכמאַן, אָט דער, וואָס האָט אָפן געריכט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן: „יאַוואָל, הער לאַנדגעריכטסדירעקטאָר”. הײַנט גאַנצפרי האָט עמעצער אַנגעקלונגען זײַן אַדוואָקאַט און אים געוואָרנט, אַז אין האַגען געפינט זיך אַ מענטש, וואָס קען לאַכמאַנען פון פּוילן. איך ווייס ניט גענוי, וואָס נאָך האָט ער אים געזאָגט, ער האָט פאָרגעלייגט דעם אַדוואָקאַט דערמאָנען לאַכמאַנען וועגן עפּעס אַ פּאַסטעכל און זײַן הונט. און וואָס מיינט איר? דער געוועזענער אָבערוואַכמײַסטער האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט איצט מוירע אַרויסצוגיין פון זײַן נומער. אַף דער זעלבשוץ פאַרלאָזט מען זיך שוין ניט, כאָטש אין האַגען האָבן זיך געפונען פרײַוויליקע, וואָס זײַנען גרייט שטיין אַף דער וואַך אין האָטעל, וווּ די אָנגעקלאָגטע וווינען. דעם עמעס גערעדט, האָב איך געמיינט, אַז דאָס האָט איר אָנגעקלונגען דעם אַדוואָקאַט, נאָר איצט פאַרשטיי איך, אַז די גאַנצע מײַסע איז אַ ליגן. דאָס האָט זיך עמעצן פאַרוואָלט אַ שפּאַס טאָן.
בערעק האָט נאָך ניט באַוויזן צונעמען די גלאָז פון די ליפּן און דערפילט, ווי ס'איז אים איבערגעטריקנט געוואָרן אין מויל. גיי דערצייל איר, אַז אין דער רעגע זעט ער זיך אָנגעטאָן אין דעם צעריסענעם רעקל, וואָס האָט באַטאָג געדינט פאַר אַ בעגעד און באַנאַכט פאַר אַ צודעק. ער גייט נאָך די שפּורן פון רינער, און הינטער אים גייט דער אָבערוואַכמײַסטער מיט דער נאַהײַקע, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעפלאָכטן דראָטענע ריטלעך, ער זעט איצט זײַן פּאָנעם בוילעטער, ווי בעטינעס... בעטינאַ זיצט בײַסנדיק אַ ליפּ. פאַר דעם צעפלאַמטן פּאָנעם קרײַזט זיך דער רויך פון אַ סיגאַרעט. פון איר שלאָגט מיט יונגן געזונט. דער האַנטזייגער ווײַזט, אַז עס איז שוין האַלב צען. אין קנײַפּע איז שיטערער געוואָרן. קיין פרויען זעט מען שוין קימאַט ניט. בערעק פאַרמאָגט פיל געדולד, נאָר אָפּצײַען אַף ווײַטער דעם געשפּרעך וועגן באַלענדערן קאָן מען ניט.
בעטינאַ וואַרפט אַף אים אַ דורכדרינגלעכן בליק. איר דאַכט, אַז זי ווייסט, וועגן וואָס ער קלערט. שוין די ווײפלטע מינוט, אַז ער באַמערקט קיינעם ניט. זי וואָלט ניט געזאָגט, אַז באַ אים איז אַזאַ פאַרשלאָסענער כאַראַקטער. ער האָט אַן אָפן פּאָנעם און אַ הויכן שטערן. פון אונטער די געדיכטע צעפלויגענע ברעמען קוקן אַרויס קלוגע ברוינע אויגן. וואָס נאָך

זעט זי? אַ קאָפּ טונקל־קאַשטאַנעווע האָר. שאַרפֿע געזיכט־שטריכן. אַ לענג־לעכע דינע נאָז. ליפּן, וואָס פּרוּוון זיך באַהאַלטן צווישן די וואָנצעס און דער קײַלעכדיקער געקרײַזלטער באָרד. אַז ער גייט, דאָס האָט זי נאָך אין גאַס באַמערקט, בייגט ער עטוואָס אײַן די פּלייצע, ווי ער וואָלט זיך גע־שעמט מיט זײַן הויכן וווּקס. באַ זײַנע עטלעכע און דרײַסיק יאָר איז ער יינגליש פלינק און באַוועגלעך. ווער עס וואָלט באַ איר ניט געפֿרעגט, וואָלט זי געענטפֿערט, אַז דער מאַנצבל, וואָס זיצט אַנטקעגן איר, פֿאַרמאָגט אַ יאָם מיט סימפּאַטיע. אָבער וואָס האָט עס צו איר? וואָס האָט זי זיך אַזוי אָנגעצונדן, אַז עס פֿאַלט איר אַלץ פֿון די הענט? זי איז אַ ווײַב און אַ מאַמע...

דאָס לעצטע גלעזעלע ריינווײַן, וואָס זי האָט פֿאַמעלעך געטרונקען אַ שלונג נאָך אַ שלונג, איז, ווײַזט אויס, געווען איבעריק. זי איז אין קאַס אויף זיך אַליין, און אויף אים איז זי אין קאַס. אַזוי ענטפֿערט מען ניט קיין פֿרוי: „פֿאַר מיר איז זי די שענסטע". און עפּשער דאַרף מען נאָר צוקלײַבן דעם ריכטיקן שליסל צו אים?

ניט אַנדערש, ווי אַ טײַוול האָט זיך אין איר באַזעצט און צווינגט זי פֿאַרזשמורען די גרויסע אויגן און פֿאַרפּירעריש שמייכלען. דער שמייכל גייט ניט אַראָפּ פֿון איר פּאָנעם. זי פֿילט, ווי נאָכגיביק־ווייך זי איז. אַ ציטער איז אַדורך איבער איר לײַב. וואָס טוט זיך עס הײַנט מיט איר? זי איז באַם זינען?

— הער שלעזינגער, איר האָט נאָך ניט פֿאַרגעסן, מיט וועמען איר זײַט געקומען אַהער? איך בין געצוווּנגען אײַך דערמאָנען וועגן זיך...

— אַנטשולדיקט, איך האָב ניט געמיינט, אַז...

— ניין, ניין, איך קלאָג זיך ניט, אַז איר זײַט ניט גענוג אויפֿמערקזאַם צו מיר, נאָר מיר מוזן שוין אינגיכן גיין. שפּעט אין אָוונט בלײַבן דאָ נאָר מאַנצבלען.

— אַ שאָד. מיר איז גוט מיט אײַך צו זיצן. מיט אײַך קאָן מען אויך שווײַגנדיק ריידן.

— אויב איר דענקט ווירקלעך אַזוי, מוז איך אײַך אַנטוישן. וועגן דעם, וואָס איך האָב איצט שווײַגנדיק גערעדט, וועט איר, מיין איך, קיינמאָל זיך ניט דערוויסן. נאָר ניט איך גיי אײַך אָן. אײַך אינטערעסירט באַלענדער. איז שליסט אײַן דאָס עלעקטרישע לעמפּל באַם טיש, און אָט איז זײַן בריוו צו מיר.

ער האָט געלייענט:

„זײַענדיק הינטערן שלאָס און ריגל, באַרויבט פֿון דער פֿרײַהײַט, קאָן איך אין אָט דער ענגער שאָ אויסרעכענען נאָר אויף דײַן הילף. דו ביסט די איינציקע, וואָס קאָן מיר העלפֿן דערווײַזן, אַז פֿון די צוועלף אָנגעקלאָגטע בין איך ווייניקער פֿון אַלעמען שולדיק, און אויב ס'קומט מיר אַ שטראָף, איז די מינימאַלסטע. איך בעט דיך, אום גאָטעס ווילן, געדענק, אַז אַ בלוט־אייגענער איז מער ווי אַ פֿרײַנט, און זאָג מיר ניט אָפּ. מײַן לעבן און טויט איז אָפּהענגיק פֿון דיר און פֿון דעם מענטשן, צו וועמען דיר וועט אויסקו־מען זיך ווענדן. זײַן אָנגענומענער נאָמען איז בערנאַרד שלעזינגער. דאָס

האָט ער צוזאמען מיט א פרוי, עפשער זײַן פרוי, מיך אויסגעשפירט אין האמבורג. די פרוי איז זייער א שיינע, זי ווענדט אף זיך די אופמערקזאמקײַט, און ווען זי וואָלט געווען אין געריכט־זאל, וואָלט איך זי געוויס באמערקט. ווײַזט אויס, אז די באשולדיקונג האָט זי צוגעצויגן אלס אײדעס אפן פראָצעס, און אים ניט. קלאָר ווערן וועט עס נאָכן פארענדיקן לייענען דעם באשולדיקונגס־אקט. פאר מיר איז איצט וויכטיק וואָס גיכער וויסן, צי איז ער אײַנשטימיק באשטעטיקן איינצלנע פאקטן, וועלכע זײַנען אים אָן צווייפל באוווּסט.

איך וויל זיך ניט ארײַנלאָזן אין פילאָסאָפיע, נאָר כ׳בעט דיך, מיט ווערטער, וואָס גייען פון הארצן, דערקלערן שלעזינגערן, אז מיר איז פארשטענדלעך זײַן צאָרן, זײַן האס, און איך רוף אים ניט צו קיין אויסגלײַך מיט מיר, נאָר צו זײַן ערלעך און אָביעקטיוו. דארפסט אים אומבאדינגט איבערצײַגן, אז גראָד דאָס, וואָס מיר פארמאָגן א פלעק אין דער פאמיליע, האָט מיך געצווּנגען מאכן דעם אָנשטעל פון א פאשיסטישן פאנאטיקער. וועסט אים דערווײַזן, אז כ׳האָב אין זיך ייִדיש בלוט, וועט ער אָנהייבן צווייפלען, צי איז מעגלעך געווען, איך זאָל ווירקלעך זײַן א ייִדן־פײַנט. פארשטענדלעך, אז קיין אונטערגעשריבענע און געשטעמפלטע צײַגעניש, אז אונדזער אורמוטער איז געווען א ייִדישע, און מ׳האָט זי באערדיקט, ווי דאָס פאָדערט די ייִדישע רעליגיעזע טראדיציע, וועט מיר קײנער ניט ארויסגעבן, כאָטש מיט א יאָר פערציק צוריק האָט בא אונדז אין שטאָט קינד־און־קייט געוווּסט וועגן דעם. דאָס, וואָס דײַנע עלטערן האָבן דיך א לאנגע צײַט געהאלטן אין אומוויסן, לאָזט זיך לײַכט פארשטיין. אנדערש האָט דאן ניט געקאָנט זײַן. כ׳וועל דיר נאָך מער זאָגן — טאקע דערפאר האָב איך זיך ניט געקאָנט אײַנשטעלן פאר דײַן קראנקער מוטער, ווען מע האָט זי געבראכט אין לאזארעט פון בראנדענבורגער צוכטהויז. איך קאָן אָבער ניט אנערקענען, אז כ׳האָב דאן געארבעט דאָרטן. שלעזינגערן דארפסטו נאָר דערציילן וועגן אונדזער מוטערשטאם. פון אים וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט זיך דערשלאָגן בלויז, ער זאָל באשטעטיקן פאקטן, און די פאקטן זײַנען אזעלכע:

1. אין פארניכטונגס־לאגער סאָביבאָר האָב איך, קורט באָלענדער, דרײַמאָל געראטעוועט פון טויט בערנארד שלעזינגערן. דער ערשטער פאל איז געווען אין פרילינג 1943, ווען ער איז ארײַנגעפאלן אין לאגער און איך פערזענלעך האָב אים אָפּגעפירט צום יוועלירער פרידריך קוריעל, וועמעס עמעסע פאמיליע ס׳איז געווען שלעזינגער, און אים, בערנארדן, געלאָזט בא קוריעלן אלס געזעל. דער צווייטער פאל איז פאָרגעקומען מיט א צוויי מאָנאטן שפעטער, ווען וואכלײַט האָבן פארהאלטן בערנארד שלעזינגערן אין א לאגער־סעקטאָר, וווּהין די העפטלינגען האָבן אָן א דערלויבעניש ניט געהאט קיין רעכט ארײַנצוגיין. איך האָב אים פון דאָרט ארויסגעפירט. א דריט מאָל האָב איך געראטעוועט בערנארד שלעזינגערן, ווען ער האָט באדארפט פארניכטעט ווערן נאָך דעם, ווי ער איז צוויי וואָכן געווען צוזאמען מיטן האָלענדישן קינסטלער וואן דאם. אין די לעצטע צוויי פאלן האָט יאָהאן נוימאן געפאָדערט, דאָס ייִנגל זאָל ליקווידירט ווערן, און איך האָב עס ניט דערלאָזט.

2. דער יוועלירער קורי̈על איז געווען אין דעם דריטן לאַגער־סעקטאָר, וווּהין קיינער, אויסער די עסעס־לײַט, האָט קיין צוטריט ניט געהאַט. כאָטש דאָס איז געטאָן געוואָרן לויט שטאַנגלס באַפעל, האָט ער שוין פון דאָרט ניט געטאָרט אַרויסגיין. איך אָבער האָב אים אַרויסגעלאָזט און אײַנגע־אָרדנט אף אַרבעט. דאָס אַלץ, בין איך איבערצײַגט, ווייסט שלעזינגער פון קורי̈עלן.

3. ווי נאָר מיר איז באַוווּסט געוואָרן, אַז פרידריך קורי̈על איז קראַנק, האָב איך באַפוילן אויסטיילן פאַר אים שפּײַז פון דער קיך פאַר די וואַכ־לײַט. אין דעם זעלבן טאָג בין איך אַליין געקומען צו קורי̈עלן און אויך געשיקט צו אים אַ דערפאַרענעם דאָקטער.

עס זײַנען געווען אויך פיל אַנדערע פאַלן, ווען איך האָב, ניט געקוקט אף דער ריזיקע, מיטגעהאָלפן מיט אַלץ, וואָס איז מעגלעך געווען, די געפאַנגענע. אויב בערנאַרד שלעזינגער ווייסט וועגן אייניקע פון זיי, גלייב איך, אַז ער וועט עס ניט פאַרלייקענען.

4. איך בין גרייט צו אַנערקענען, אַז, ווי אַלע פון דעם עסעס־פּערסאָ־נאַל אין סאָביבאָר, האָב איך אויך אין זיך ניט פאַרגעסן. עטלעכע דימענטן, וועלכע כ׳האָב באַקומען בײַ קורי̈עלן און געדאַרפט אָפּשיקן קיין בערלין, האָב איך פאַרהאַלטן בײַ זיך. ווי די מערהײַט מענטשן, האָב איך ניט פאַר־שטאַנען, אַז רײַכקײַט קומט מיטן ווינט און גייט אַוועק מיטן רויך. איך וויל דאָך אונטערשטרײַכן, אַז דערמיט אַליין, וואָס כ׳האָב ניט אַלע דימענטן אָפּגעשיקט, האָב איך געבראַכט שאָדן דעם רײַך.

אויב הער שלעזינגער וועט באַשטעטיקן די פאַקטן, וועלכע איך דער־מאָן אים, פאַרפליכט איך זיך איבערגעבן מײַן קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך ניט אין דײַטשלאַנד, די געהעריקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ער וועט אָנווײַזן, און דאָס וועט זײַן איבערגענוג אף שטעלן אַ פּרעכטיקן דענקמאָל די אומגעקומענע אין סאָביבאָרער לאַגער. נאָך פאַרפליכט איך זיך מיטצו־העלפן אויסזוכן די לאַגער־קאָמענדאַנטן, וועמעס באַפעלן איך בין געווען געצוווּנגען אויספילן, — שטאַנגלען און וואַגנערן. לויט די ידיעס, וועלכע זײַנען צו מיר דערגאַנגען ביז מײַן אַרעסט, האָבן זיי ביידע געלעבט אין לאַטײַן־אַמעריקע.

פ ס. בעטינאַ, אויב מײַן בריוו צו דיר וועט אַרײַנפאַלן אין פרעמדע הענט, האָסטו זיך ניט וואָס צו שרעקן. איך האָב שוין ניט וואָס צו פאַר־לירן. נאָך מער אָנרירן מײַן ערע, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן, איז אומע־גלעך. וועלן מיך די ריכטער ניט פרײַשפּרעכן, וועל איך באַגיין זעלבסט־מאָרד. דערווײַל פאַרלאָז איך זיך נאָך אף מענטשלעכקײַט, גערעכטיקײַט, ווי אויך אפן געזעץ״.

מיט אַן אומרו̈יקער האַנט־באַוועגונג האָט בעטינאַ צוריקגענומען בײַ בערעקן דעם בריוו, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט, און דערבײַ אַ קוק געטאָן אף אים מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט פאַר דעם, וואָס ער וועט איר באַלד זאָגן, און עפּשער וועט ער גאָר אַרויסלויפן פון־דאַנען, און זי וועט אײנע אַליין פאַרבלײַבן באַם טיש.

בערעק איז גראָד געווען רויק. ער האָט זיך צערעכנט מיטן קעלנער, און זיי זײַנען ארויס אין גאַס. דאָס רעגנדל האָט נאָך אַלץ געגאָסן. ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל, ווי ער וואָלט געציילט די שטערן. צי דען, האָט ער א קלער געטאָן, דערלאָזט גאָרניט באַלענדער דעם געדאַנק, אַז מע וועט עס אַלץ אָנעמען פאַר א באַבעמײַסע, און ער גלייבט אַף אַן עמעס, אַז מע זעט אים אַזאַ, ווי אים ווילט זיך, אָדער ס׳איז געשריבן פון הימל? בעטינאַ האָט געזאָגט:

— אויב דאָס איז ווייניק, קאָן איך צוגעבן. אין האַגען ווױנט מײַן מו־טערס א שוועסטער. איך האָב איר געוויזן דעם בריוו. ווירקלעך, האָט זי געזאָגט, אין אונדזער פאַמיליע האָב איך אמאָל געהערט א לעגענדע וועגן אַן אורמוטער, אַן אומגעזעצלעכער טאָכטער פון א ייִדן. מיר האָבן זיך באַמיט עס צו פאַרגעסן, נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. פונוואַנען קורט האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, קאָן איך דיר ניט זאָגן. איך, דאַכט זיך, האָב אים וועגן דעם ניט דערציילט. אָבער וואָס קער ער זיך אָן דערמיט? ס׳איז דאָך, אויב די מײַסע האָט וועלכן־ס׳ניט־איז גרונט, ניט זײַן פאַמיליען־ליניע. קורט, — האָט זי זיך צעלאַכט, — זאָגט נאָר פיר מאָל אין יאָר א ליגן — זומער און האַרבסט, ווינטער און פרילינג.

— בעטינאַ, אויב ס׳וועט זײַן א נויטווענדיקײַט, קאָן עס באַשטעטיקט ווערן פאַר א פּרעסע־פאַרשטייער?

— איך ווייס ניט.

— נו, יאָ. ווער וויל עס רעקלאַמירן, אַז מע האָט עפּעס אַלגעמיינס מיט קורט באַלענדערן?

— ניט דאָס... מע מוז געדענקען וועגן די „פּריוויליקע”, וועלכע היטן די אָנגעקלאָגטע אין גאַס, אין האָטעל... מײַן טאַנטע איז שוין אַלט און קראַנק.

— און ווי, אויב איך זאָל אײַך וועגן עפּעס בעטן?

— אויב נאָר עס וועט מעגלעך זײַן.

— זאָגט מיר, בעטינאַ, באַלענדער וואַרט אַף אײַער שריפטלעכן ענט־פער?

— דאָס איז אויסגעשלאָסן. מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן אַזוי: אויב כ׳האָב זיך נאָך ניט געטראָפן מיט אײַך, קום איך ניט אַפן געריכט. אויב די טרעפונג איז פאָרגעקומען, אָבער איר גייט אַף גאָרנישט ניט אײַן, קום איך, נאָר איך זעץ זיך אין דער ריי, וואָס הינטער אײַך. בא א געוויסער האַפענונג זיצן מיר אין איין ריי. וואָס מער האָפענונג, אַלץ נעענטער צו אײַך דאַרף איך זיך געפינען. וועגן דעם, אַז איר קלײַבט זיך מאָרגן גאַנצ־פרי אוועקפאָרן, האָט איר אים דאָך ניט מיטגעטיילט און ער האָט אַזוינס ניט פאָרויסגעזען.

— בעט איך אײַך, מיר זאָלן מאָרגן זיצן אין איין ריי. פיר אָדער פינף בענקלעך וועלן אונדז אָפּטיילן. זאָל דער עסעס־אָבערשאַרפיורער האָפן... איר האָט ניט קעגן?

— ניין. נאָר כ׳וויל גלייבן, אַז בלויז אין געריכט־זאַל טאָרן מיר ניט זיצן באַנאַנד. — און קעדײַ באַטאָנען, אַז דאָס איז ניט מער ווי א שפּיל פון ווערטער, האָט זי דאָ באַלד געזאָגט, — קומט, הער שלעזינגער. ביז צום ראָג

וועט איר מיך באַגלייטן, און דערנאָך קאָנט איר זיך אומקערן צו אײַער גוטענבערגן, זאָל ער מיינען, אז איך בין גוט דערצויגן...

עס האָט נאָך געקאַפּעט. אָבער שוין ניט פֿונעם הימל, נאָר פֿון די דעכער, פֿון די ביימער. אין דער גלאַנציקער פֿײַכטקייט אַפֿן אַספֿאַלט האָט זיך געטוקט די לעוואָנע. אַ מאַנצבל אין אַ שוואַרצן רעגנמאַנטל האָט זיי איבערגעיאָגט, און ס'איז ווידער געוואָרן באַנאַכטיק־שטיל. אָט וועט עס ווילט זיך אַראָפּשלײַדערן פֿון זיך אַלע זאָרגן... פּלוצעם האָט ערגעץ גאָר ניט ווײַט אַ פֿײַערלעשער־מאַשין זיך צעשריִען מיט אַלע קויכעס. ביידע האָבן אַ קוק געטאָן אויף די פֿאַרשלאָפֿענע ווײַזערס פֿונעם עלעקטרישן זייגער אַפֿן ראָג און זיך געזעגנט.

די טיר אין האָטעל איז שוין געווען פֿאַרשלאָסן. פּונקט ווי אַמאָל, אַמאָל, ווען ער פֿלעגט זיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקן פֿאַר דער מאַמען, אַנטלויפֿן פֿון דער שטוב און דערנאָך שטילערהייט זיך דורכשמוגלען צוריק, קיינער זאָל אים ניט באַמערקן, אַזוי האָט בערעק אויך איצט שטילערהייט אויפֿגעשלאָסן די אַרײַנגאַנג־טיר, און נאָך שטילער, אויף די שפּיץ פֿינגער, זיך אויפֿגעהויבן צו זיך. ער האָט אָפּגיך זיך אויסגעטאָן, פֿאַרוקט די פֿאָרהאַנגען אַפֿן פֿענצטער און אויסגעלאָשן די שײַן. אויף הײַנט איז גענוג. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער האָט מאָרגן צו טאָן. אינדערפֿרי וועט ער שוין, ווײַזט אויס, ניט אויפֿוועקן, נאָר זײַן אין געריכט־זאַל. ער איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, וואָס האָבן צוביסלעך זיך צוגעוווינט צו דער כאַשכעס, נאָר די כאַלומעס, וואָס שעפּן זיך גאָר קיינמאָל ניט אויס, האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, ביז ער וועט אײַנשלאָפֿן, און זיך גענומען פּלאָנטערן צווישן די געדאַנקען.

...עמעצער נעמט אים אָן פֿאַרן מינדסטן פֿינגער און פֿירט אים איבער באַקאַנטע ערטער. ער פֿילט דעם רייעך פֿון צײַטיק־וואַרנדיקער טווּע, פֿון אָפּגעשניטענעם צוגעטריקנטן היי. אַ בלויערל, וואָס האָט, בייגנדיק דאָס קעפּל אָט אויף איין זײַט, אָט אויף דער צווייטער, זיך געפּוצט מיטן שנאָבל אונטער די פֿליגל, האָט אָנגעהויבן צוויטשערן מיט אַ לוסטיקן ניגון, און פֿונעם גראָז, וואָס איז באַדעקט מיט שטיקלעך זײַדענעם שפּין־געוועב, האָבן גענומען שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן זשאַבעס...

... באַם וועטערינאַר אין סאָד ליגט אַ באַרג מיט רייניע, ווי אויסגעוואַשענע, עפּל: גרינע און רויטע, קײַלעכדיקע און לענגלעכע. דער פּלויט איז אַ שיטערער, און ס'פֿאַרגאַנוועט זיך אַ שלעכטער געדאַנק — אַרײַן אין סאָד און אײַנבײַסן זיך מיט די ציין אין די זאַפֿטיקע פּיירעס, נאָר אין הויף קלינגט מיט דער קייט דעם וועטערינאַרס הונט.

...זומערדיק־באָרוועס שפּאַנט ער איבער הילצערנע צעשפּאָלטענע טראָטואַרן, באַ די זײַטן שטייען שטיבער מיט געטינקעוועטע ווענט. די דעכער זײַנען געדעקט מיט ברוינע שינדלען. ער טוט אַ שטופּ מיטן פֿוס די ניט־פֿאַרקייטלטע קאַליטקע, און עס איז שוין גאָר אַן אַנדער דרויסן: ס'ציִען זיך טעלעגראַף־דראָטן און צווישן זיי וויינט הייזעריק דער ווינט. פֿון אַ בלעכערנער רינווע הענגען אַראָפּ אײַז־ליכטלעך, דער שניי פֿאַלט בערעקן גלײַך אין פּאָנעם. אין שטוב קומט ער אַרײַן דורך דער הינטערטיר. די קיך איז פֿול מיטן רייעך פֿון פֿרישגעבאַקענעם קאָרנברויט. מיט אַ שטריק אַרום

די לענדן, אין צעקרימטע אלטע פוישטן שטייט דער טאַטע און וואַרפט אונטער האַלץ אין אויוון. די מאַמע, אַן איינגעקוטעטע אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער שאַל, פּאַרעט זיך אין ווינקל. נאָך אַ מענטש איז דאָ פאַראַן: אַ זאַקן, אָנגעטאָן אין אַ ברעזענטענער בורקע, פון וועלכער עס קאַפּען שווערע טראָפּנס, האַלט אין די הענט וואַרעמע הענטשקעס און אַ ווינטער־דיק היטל. מיט אַ ניגן פון אַ בלינדן לירניק פרעגט ער בערעקן: „נו, וואָס? ווייט פון אויג — ווייט פון האַרצן? כליעפּטשעסט ווײַן און געפינסט ניט קיין צײַט צו קומען אַפן צווינטער, ווו די ערד האָט באַהאַלטן יאַדוויגען, טאַדעקן, מיך. דו האָסט אין אונדז פאַרגעסן. דו ביסט..."

בערעק וואָלט אפילע ניט געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן, האָט פייגעלע מיט אַ געשריי איבערגעשלאָגן דעם זיידן מאַציי: „ניין, ניין! מײַן אומגליק איז, וואָס בערעק האָט גאַרניט פאַרגעסן. ער ווייסט, ווי צו שטילן פרעמדע ווייטעקן, און אליין גייט ער אַרום מיט אַ שטענדיקן ווייטעק אין האַרצן. באַנאַכט איז געגנוג דער קלענסטער שאָרך, ער זאָל זיך אופכאַפּן און מער ניט קאָנען אײַנשלאָפן. ער איז געפאַנגען פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז אַ ביטערע אָפּקומעניש!..." אויסגעשריִען און, ווי זי איז געשטאַנען אַ זומערדיק־אויסגעפּוצטע, אַרויס אין הויף, אין גאַס. בערעק האָט זי גע־וואָלט אָניאָגן, נאָר ווײַל די פיס האָבן אים ניט געפאָלגט, האָט ער זי געגומען רופן: פייגעלע, פיי־גע־לע!.. און דער אַרום האָט געענטפערט: — ריי־נע־לע!..

קאַפּיטל עלף

# דער פערטער טאָג

## אין זײַן צײַט

— אכטונג! דער געריכט גייט!

באַם אופשטיין פון די ערטער איז דער טומל שוין ניט אַזאַ, ווי אין ערשטן טאָג, ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן. אין דער רײַ, ווו בערעק זיצט, איז די מערהייט בענקלעך פרײַ. צווישן אים און בעטינען, וואָס האָט פאַרנומען דאָס פינפטע אָדער זעקסטע אָרט פון אים, זיצט בלויז איין מענטש. באַם לאַנגן טיש, וואָס איז אויסגעטיילט פאַר די פּרעסע־פאָרשטייער, איז אויך שיטערער געוואָרן. די זשורנאַליסטן אײַלן זיך ניט אַרויסנעמען די בלאָקנאָטן. בלויז איין פּרוי, דאָס איז די זשורנאַליסטן און היסטאָריקער מיריאַם נאַוויטש, וואָס לאָזט ניט דורך קיין איין פּראָצעס פון די קריגספאַרברעכער, האַלט אין האַנט דעם בלײַפעדער. אליין האָט זי מיט די אויגן זיך אײַנגעגעסן אין באָלענדערן, וועלכער ענטפערט אַף אַ פראַגע מיט אַ פראַגע:

— איר האַלט, אַז אין מײַן צײַט זײַנען אומגעקומען 86 טויזנט מענטשן? — די ווערטער „אין מײַן צײַט" כאַזערט ער איבער שוין ניט דאָס

ערשטע מאָל. אויסגעטײַטשט דארפֿן זיי ווערן אזוי: „דאן, ווען איך, באַלענ־דער, האָב געדינט אין סאָביבאָר".

— און איר האלט, אז איר האָט פארניכטעט מער אָדער ווייניקער מענטשן? — וויל וויסן דער פּראָקוראָר.

— ווען איך בין געקומען קיין סאָביבאָר, איז דאָרט געווען בלויז וואלד. מיר האָבן געשאפן דעם לאגער. ניט קיין ציגל, ניט קיין ליים, קיין שום בוי־מאטעריאלן האָבן מיר דאָרט ניט געטראָפן, און פאר א קורצער צײַט זײַנען אויסגעוואקסן קאָטעדזשן, באראקן,ווארשטאטן.

— איר זײַט עס געווען א בויער?

— אין מײַן צײַט פלעגן מיר טאָן אלץ, וואָס מע האָט אונדז באפוילן.

— די באפעלן האָט איר באקומען פון גאָלצײַמערן?

— גאָלצײַמערן האָב איך זיך קיינמאָל ניט אונטערגעוואָרפן. מײַנע שעפן אין סאָביבאָר זײַנען געווען: טאָמאלא, שטאנגל, רײַכלײַטנער, וואג־נער.

— אין די שפּײַכלערס פאר קליידער און ווערט־זאכן, צוגענומענע בא די העפטלינגען, פלעגט איר אָפט זײַן?

— ניין. איך האָב ניט געהאט צו טאָן דערמיט.

— און בא די יוועלירער?

— בלויז צו איינעם פון זיי האָב איך געהאט פולמאכטן ארײַנצוקומען.

— אין וואָס זײַנען באשטאנען אײַערע פליכטן, ווען מע פלעגט אויס־לאָדן די טראנספּאָרטן מיט די געפאנגענע?

— פאר דער אײַזנבאן־ראמפּע בין איך ניט געווען פאראנטוואָרטלעך.

— מע האָט אײַך אָבער דאָרט געזען ארומגיין מיט א בײַטש און שלאָגן מענטשן.

— מײַן בײַטש איז געווען ניט גרעסער פון א בעזעם־ריטל. איין פאל איז, מעגלעך, געווען, — באָלענדער האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און זיך אײַנגעקוקט אין זאל, ווי ער וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט. — שטאנגל האָט מיר באפוילן אָפּקלײַבן א גרופּע פון צוועלף ארבעטספייִקע ייִדן. ווען כ'האָב זיי איבערגעציילט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איינער איז איבעריקער. פארשטענדלעך, אז דעם דרײַצנטן האָב איך דורכגעטריבן.

— וווּהין?

— פאר מיר איז וויכטיק געווען זיך באפרײַען פון אים. וווּהין ער זאָל לויפן, דאָס איז געווען זײַן זאך. — און ווי פארבײַגייענדיק גיט ער צו: — אין מײַן אָנוועזנהײַט איז א געפאנגענער אנטלאָפן, און איך האָב זיך אפילו פארן געוועער ניט גענומען.

— די וואך האָט אים פארהאלטן צי אײַער הונט?

— מיר איז ניט באוווסט, אז מע האָט אים פארהאלטן. מעגלעך, ער האָט זיך געראטעוועט.

— איר, באָלענדער, קומט אויס, האָט אין סאָביבאָר געראטעוועט א ייִדן?

— געראטעוועט, — האָט ער צוגערשט, ווי קווענקלענדיק זיך, א זאָג געטאָן און נאָכדעם פעסט באשטעטיקט, — כ'האָב אין מײַן צײַט געראטעװ־

וועט, און ניט איינעם. כ׳האָב זיי מיטגעפילט. געניער וועל איך נאָך דער־קלערן.

דער אָבערוואכמײַסטער לאכמאַן האָט האמעטנע־שווער, ווי אַ העלפאַנד, זיך אַ וויג געטאָן און צעציקלט זיך אין אַ געלעכטער. פּרענצעל האָט פון אומדערוואַרטקײַט פאַרזשמורעט די אויגן. איבער דער באַק, פונעם שלייף ביזן האַלדז, איז אים דורכגעלאָפן אַ צוק. דער פּראָקוראָר פרעגט ווײַטער:

— וועגן דעם, אַז איר האָט ניט נאָר אומגעבראַכט, נאָר אויך געראַטע־וועט קאַצעטניקעס, האָט איר אויף דער פּאַרלויפיקער פאָרשונג געמאָלדן?

— איך האָב קיינעם קיינמאָל ניט געמאָלדן, אַז איך האָב עמעצן אומ־געבראַכט, און קיינער האָט בײַ מיר קיינמאָל ניט געפרעגט, צי האָב איך עמעצן געראַטעוועט.

— צי קאָנט איר אָנרופן אייִדעס, וועלכע וואָלטן עס באַשטעטיקט?

— דערווײַל קאָן איך נאָך דעם אייִדעס ניט אָנרופן.

— איר קאָנט ניט, און מיר קאָנען אָנרופן מענטשן, וועלכע האָבן געזען, ווי איר האָט דערמאָרדעט קאַצעטניקעס בלויז דערפאַר, ווײַל זיי האָבן קלוימערשט שלעכט געאַרבעט. מיר פאַרמאָגן באַווײַזן פון מענטשן, וועלכע זײַנען בײַגעווען, ווען איר האָט באַפוילן דערשיסן צוויי הונדערט קאַצעטניקעס, ווײַל זיי האָבן זיך געקליבן ווענדן מיט אַן אָנקלאָגע צו דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. איר, באָלענדער, האָט פּערזענלעך אָנטיילגענומען אינעם דערשיסן זיי. איר אַנערקענט די פאַקטן?

— ניין.

— וואָס איז אײַך באַוווּסט געווען וועגן דעם אָזויגערופענעם „לאַזאַ־רעט" אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער?

— דאָס איז געווען אַ גרויסע און טיפע גרוב, וווהין מע פלעגט אָפּפירן די קראַנקע און שוואַכע.

— פונוואַנען און צוליב וואָס האָט מען זיי אַהין געפירט?

— גלײַך פון דער אײַזנבאַן־ראַמפּע, קעדיי אויסמײַדן דעם וועג צו די גאַז־קאַמערן.

— אויסגעמיטן, און ווײַטער?

— וויבאַלד זיי האָבן אויסגעמיטן די גאַז־קאַמערן, זײַנען זיי שוין גע־ווען ניט אין מײַן רעשוס.

— אָנגעקלאָגטער באָלענדער, מיט אײַער ענטפער האָט איר ענדלעך באַשטעטיקט, אַז די גאַז־קאַמערן זײַנען געווען אין אײַער רעשוס. און איצט דערקלערט אונדז, וואָס האָט דערוואַרט די מענטשן אין „לאַזאַרעט"?

באָלענדער האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז, ווי ס׳וואָלט אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן אין קאָלנער.

— מע פלעגט זיי דערשיסן. איך פּערזענלעך האָב דערין זיך ניט באַטיי־ליקט.

— מיט דער צײַט וועלן מיר דערווײַזן, אַז איר האָט יאָ אָנטיילגענומען אין די אַקציעס. איר פלעגט נאָך דערבײַ אָנטאָן אַ ווײַסן זײַדענעם כאַלאַט און שפּאַסן, אַז מיט איין קויל היילט איר אויס אַ קראַנקן איין מאָל און אויף שטענדיק.

— אויסגעשלאָסן. איך האָב שוין געזאָגט, אַז כ׳פּלעג זיך באַצײַען מיט מיטגעפיל צו די געפאַנגענע.

— איר, דער שעף פון די גאַז־קאַמערן, רעדט וועגן מיטגעפיל?

— פאַר די גאַז־קאַמערן איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך באָוער.

— בײַס איר זײַט געשטעלט געוואָרן אויג אויף אויג מיט באָוערן, האָט ער געמאָלדן: „באָלענדערן אָן סאָביבאָר, און סאָביבאָר אָן באָלענדערן איז שווער זיך פאָרצושטעלן".

— איך האָב דאָן געענטפערט באָוערן, אַז נאָך דעם ווי ער איז אָפּגע־זעסן אַזויפיל יאָר אין צוכטהויז, פאַרדינען ניט די באַווײַזן, וועלכע ער גיט, קיין צוטרוי.

— און דאָס, וואָס דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון די פאַרניכטונג־לאַגערן, כריסטיאַן ווירט, האָט געשריבן אין 1943 וועגן אײַך אין אַ ראַפּאָרט צו גלאָבאָטשניקן, פאַרדינט צוטרוי?

— קעדיי צו ענטפערן אײַך, דאַרף איך וויסן, וואָס האָט ער געשריבן.

— איך ציטיר: „דאָס עקזעקוציע־אָרט סאָביבאָר נייטיקט זיך אין קורט באָלענדערן".

— איר מאַכט צו ווײַטע אויספירן. דאָס איז ניט מער ווי זײַן מיינונג.

— און וואָס דאַרף באַטײַטן דאָס, וואָס גלײַך נאָכן אופשטאַנד האָט מען קאָמאַנדירט קיין סאָביבאָר גראָד אײַך?

— דאָס איז געווען אַ באַפעל, און איך האָב אים געמוזט אויספילן.

— איר האָט ניט נאָר אויסגעפילט באַפעלן, נאָר אויך געניג געהאַנדלט לויט אײַער אייגענער איניציאַטיוו, אַפילע טראָץ די אָנווײַזונגען.

— זײַנערצײַט זײַנען די געהעריקע אָנווײַזונגען געגעבן געוואָרן פון הימלערן און היטלערן.

דער באַשולדיקער האָט אופגעעפנט אַ בוך, וואָס איז געלעגן אויף זײַן טישל, און, האַלטנדיק די האַנט אויפן אופגעמישטן זײַטל, געמאָלדן:

— דער טעזיס, אַז דאָס פאַרופן זיך אויף היטלערס אַ באַפעל קאָן ניט דינען אַלס אַ באַרעכטיקונג פון באַוווסטזיניק טייטן אַלטע לײַט, פרויען, קינדער און ביכלאַל אומבאַשיצטע מענטשן, איז נאָך באַשטעטיקט געוואָרן אויפן נירנבערגער פּראָצעס.

— איך שטיי פאַר אַ דײַטשישן געריכט, און ניט...

דער פּאָרזיצער האָט געפונען פאַר נייטיק מאַכן אַ באַמערקונג דעם באַשולדיקער, אַז דער לאַנדגעריכט אין האַגען איז ניט באַרופן צו באַ־האַנדלען פאַרשיידענע טעזיסן.

דאָס מאָל איז פּרענצעל געווען אַנציקט פון באָלענדערס ענטפער. אָט דאָס הייסט זײַן אײַנגעשפּאַרט, ווי אַן אייזל, און האַרט, ווי שטאָל. ס׳איז נאָך, ווײַזט אויס, ניט געבוירן יענער באַשולדיקער, וואָס זאָל באַ באָלענ־דערן אויסנאַרן דעם עמעס. פאַרוואָס זשע, פרעגט זיך, האָט זיך אים, פּרענצעלן, מיט דרײַ טעג צוריק אויסגעוויזן, אַז דער געוועזענער אַלמעכ־טיקער שעף פון דער „הימל־שטראַסע" שטייט באַם באַריער מיט לויזע אַראָפּהענגענדיקע הענט. קומט אויס, ס׳איז געווען ניט מער ווי אַ פאַר־שפּיל, קעדיי דערנאָך מיט דערפאָלג אַרײַן אין דער ראָל. איצט זעט מען, אַז דער קאָפּ באַם פאָרטיע איז אויפן אָרט. איינס נאָר פאַרשטייט ער ניט,

פרענצעל, צוליב וואָס האָט באַלענדער צוגעקלערט אָט די קאָמעדיע, אָט די מײַסע, אַז ער האָט מיטגעפילט ייִדן און אפילע גערעטעוועט זיי. א מיין האָט ער דאָך דערבײַ. עפשער וועט זיך עס אויסקלאָרן אָף דער נאָכמיטיק־פאָרשטעלונג?

נאָך אַ רעטעניש: אָט שטייט באַלענדער באַ דער וואַנט, ווו עס הענגט דער פלאַן פונעם לאַגער, וועלכן ס׳האָט געצייכנט באוער, און באַלענדער מערקט אָפּ די מינדסטע ניט־פּינקטלעכקײַט, וואָס איז דערלאָזט געוואָרן. ער טוט עס, מעגלעך, קעדיי דערמיט ווי געבן אָנצוהערן, אַז באוער האָט פונקט אַזוי געקאָנט אָנפּלאָנטערן אין זײַנע באַווײַזן אָף דער פאָרלויפיקער פאָרשונג. אָבער וואָס צווינגט אים צו מעלדן:

— אויב פאַרגלײַכן באוערס פלאַן מיטן מאקעט פונעם לאַגער, וועלכן ס׳האָט געמאַכט דער אָנפירער פונעם אופשטאַנד, זעט מען, אַז דער מאקעט און ניט דער פלאַן אַנטשפּרעכט פּולקאָם דער ווירקלעכקײַט.

דערמאָנט זיך פרענצעל אין דעם הײַפל אופשטענדלער, וואָס האָט זיי אַלעמען געמאַכט צום נאַר, פלאַצט ער שיר ניט פון פאַרדראָס. וואָלטן דאַן די אופשטענדלער באַוויזן אָף איין מינוט פריִער זיך דורכשלאָגן אַ וועג צום געווער־סקלאַד, וואָלטן זיי נאָך דאַן אויסגעפילט זייער אורטייל אויך איבער דער מערהײַט פון די, וואָס זיצן הײַנט אָף דער באַשולדיקונגס־באַנק. צי דען שטעלט זיך באַלענדער ניט פאָר די מעגלעכע פאָלגן פון דער מעלדונג, וואָס ער האָט געמאַכט? מע דאַרף גאָר לאַנג ניט וואַרטן. אָט האָט מען זיך גלײַך אָנגעכאַפּט:

— ווו געפינט זיך דער מאקעט?

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין אַ מוזיי, — האָט באַלענדער, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט באַזונדער, געענטפערט.

— איר פּערזענלעך האָט אים דאָרט געזען?

— ניין, אַ טוריסט, וואָס האָט באַזוכט די שטאָט ראָסטאָוו־אָפן־דאָן, האָט דעם מאקעט פאָטאָגראַפירט, און איך האָב אַזאַ פאָטאָגראַפיע געהאַלטן אין די הענט.

דער פאָרזיצנדער האָט אָף אַ צײַט ווי פאַרגעסן אין באַלענדערן און זיך געווענדט צו פרענצעלן:

— אײַך ווערן אינקרימינירט צוויי און פערציק פאַלן, ווען איר האָט, ניט האָבנדיק דערוף קיין אויסדריקלעכן באַפעל, לויט אײַער אייגענער איניציאַטיוו דירעקט זיך באַטייליקט אין דערמאָרדן מענטשן. אַזוי, האָט איר אָף דער אײַזנבאַן־ראַמפּע געטייט אַ קליין קינד, שלאָגנדיק עס מיטן קאָפּ אין דער וואַנט פונעם וואַגאָן. איר האָט דערשאָסן אַ מוטער, ווײַל זי האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיט איר מיידעלע. אַ פאָטער האָט איר דערשאָסן, ווײַל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויספילן אײַער באַפעל אופצוהענ־גען זײַן קינד. צענדליקער מענטשן האָט איר געצוווּנגען איבערטראָגן טײַך־זאַמד אין די הענט, און אויב פון צווישן די פינגער האָט זיך באַ עמעצן אויסגעשאָטן אַ ביסל זאַמד, האָט איר דעם מענטשן דערשאָסן. איר אַנערקענט די באַשולדיקונגען?

גלײַך ווי באַ פרענצעלן וואָלטן אויסגערונען אַלע ווערטער פון מויל, האָט ער אַ צײַט געשוויגן, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעהוסט, ריין גע־

מאכט, אזוי צו זאָגן, דעם גאָרגל, און געמאָלדן, אז אף אלע פראגן, וואָס רירן אָן אזוי אָדער אנדערש די ארויסגערוקטע קעגן אים באשולדיקונגען, זאָגט ער זיך אָפּ צו ענטפערן.

פרענצעל האָט זיך נאָך ניט אוועקגעזעצט, און זײַן אדוואָקאט ריינטש האָט זיך שוין אופגעשטעלט און גענומען דערווײַזן, אז זײַן קליענט האָט די פולע רעכט זיך פארטיידיקן אויך אף אזא אופן.

ווײַטער פארבלײַבן אין געריכט־זאל האָט קיין זין ניט געהאַט. בערעקן איז איצט אבסאָליוט קלאָר, מיט וואָס דער געריכט וועט זיך די נאָענטסטע כאדאָשים פארנעמען. באָלענדער, פרענצעל און די איבעריקע נײַן אָדער צען וועלן מיט דער הילף פון זייערע אדוואָקאטן צוטראכטן צענדליקער שפיצלעך אף סאבאָטירן דעם פראָצעס סײַ אין געריכט־זאל, סײַ אויסער אים. צוזען עס וויל ער ניט און קאָן ניט. פאר אים וועט זײַן גענוג דאָס, וואָס ער וועט אויסלייענען וועגן דעם פראָצעס אין דער האָלענדישער פרעסע, אין די צײַטונג־אויסשניטן, וואָס קניעווסקי און גוטענבערג וועלן אים צושיקן. דאָס, וואָס ער איז געבליבן אף א טאָג, מאכט ניט אויס. באָלענדערס שפיל איז ניט קיין געווײנלעכע, און ווײסן וועגן איר האָט ער באדארפט. אלזאָ, צום וואָקזאל.

פארבײַגייענדיק לעבן בעטינען, האָט בערעק איר שטיל א שעפטשע געטאָן:

— אדיע. אים זאָגט קאטעגאָריש — ניין!

קאפיטל צוועלף

# לעבן און ניט פארגעסן

## צו פייגעלען

די רעדער קלאַפּן איבער די רעלסן. פון יענער זײַט וואגאָן־פענצטער אף דעם ברייט־אספאלטירטן וועג, וואָס ציט זיך באנאנד מיט דער אײַזנבאן־ליניע, יאָגן צו צען און מער אוטאָמאָבילן אין ריי. א קליין שעמעוודיק וואָקזאלכל האָט זיך באוויזן און איז גלײַך אנטרונען, און ווידער פאבריק־קאָרפוסן, א טשוביקל וואלד, פעלדער, ווו עס פאשען זיך ברייט־גוידערדיקע בעהיימעס, סעדער, אלטע און נײַע ווילעס, שלעסער...

בערעק קוקט אין פענצטער, וואָס שפריצט מיט שטראלן, און די געדאנקען שפאלטן זיך, די צײַטן מישן זיך אויס, כאָטש קיין איין יאָר איז ניט געווען ענלעך אפן אנדערן.

מיט פייגעלען האָט ער זיך באגעגנט בא סטאניסלאוו קניעווסקין אין ווארשע. זי איז געווען אף כידושים שיין. אלץ האָט אראָפּגעזונגען פון איר, און ס'האָט זיך גערדאכט, אז ווען זי גייט, קוועלט אָן די ערד פון אירע טריט. נאָר אינדערעמעסן איז זי געווען געפערלעך קראנק. זי איז שיר ניט אומגעקומען פון שווינדזוכט, און קניעווסקין האָט געקאָסט גענוג

מי, ביז ער האָט זי אײַנגעאָרדנט אין אַ שפיטאָל. צוערשט האָט זי בערעקן אָף זײַנע בריוו ניט געענטפערט. דערנאָך האָט געקאָנט טרעפן, אַז אין איין טאָג זאָל צו אים אָנקומען צוויי און אפילע דרײַ בריוו. מיט איר גוט לאָשן האָט זי אים געשריבן: „וואָס, נארעלע, ווילסטו, ס׳זאָל זיך הערן? מע דאָקטערט זיך. איך בין שוין זיך אליין גענוג דערעסן... ווי דו, בערעקל, ביסט גוט צו מיר! די גוטסקײַט ליגט באַ דיר אפן פאָנעם. ווען איך זאָל גלייבן אין מאלאָכים, וואָלטן זיי אין מײַנע אויגן אויסגעזען, ווי דו. דאָס וויכטיקסטע איז האָרכן עלטערע, און ווער פון אונדז ס׳איז עלטער, דאָס ווייסן מיר מיט דיר... בערעקל, דער זון־פארגאנג איז הײַנט געווען מאָלעכיין. ערשט האָט אַ שטערן זיך אַ גליטש געטאָן — געווען און ניטאָ. סאָפקאָלסאָף איז דאָס לעבן שיין. אַ סוואָרע, אַז כ׳בין שוין מער אָף דערוועלט, ווי אָף יענער. אַ שיין מײַסעלע, עמעס? אזאַ זאך זאָל פארלויפן אין דער וועלט, האָב איך נאָך ניט געהערט!...״

יענעם אפדערנאכט, ווען ער איז געקומען צו איר אין שפיטאָל מיט פרישע בלומען און געזאָגט די ווערטער, וועלכע זײַנען ניט איין מאָל גרייט געווען זיך אראָפצורײַסן פון זײַנע ליפן, האָט זי דאָס ערשטע מאָל זיך אזוי אַ לאשטשע געטאָן צו אים:

— קוק אים נאָר אָן! — האָט זי געזאָגט, און איר קאָל האָט זיך אײַנגעבראָכן. — אַ באָכער טאָר זיך אליין קיין שאדכן ניט זײַן. מיילע, פון אַן אלטער מויד קאָן נאָך עפשער ווערן אַ יונג ווײַבל, אָבער דאָס, בערעקל, וואָס איך קום ארויס פון סאָביבאָר... דו פארשטייסט ניט, בערעקל, פארוואָס מײַנע אויגן ווייַנען? פון אַ לייבן־גרוב זײַנען מיר ארויס לעבעדיק, אָבער ניט גאנץ. כ׳האָב מוירע, אַז איך בין אַ פארטריקנטער בוים, פון וועלכן עס קומען ניט ארויס קיין פיירעס...

קניעווסקי האָט זיי ביידן אײַנגעאָרדנט לערנען אין בערלין. איר איז דאָס לערנען אָנגעקומען פיל גרינגער, ווי אים. ס׳איז איר גענוג געווען זײַן אָף די לעקציעס, קעדיי קאָנען גיין צו די עקזאמענעס. איבעראנאכט פלעגן זיי דעזשורען באַ שווער־קראנקע. סטיפענדיע האָבן זיי באקומען פון פוילן. באַ אַ נויט פלעגט קניעווסקי קומען צו הילף. אזוי זײַנען אוועק די סטודענטישע יאָרן. דערנאָך איז זיי אויסגעקומען אָף אַ צײַט זיך פארהאלטן אין האמבורג. דרײַ מאָל זײַנען זיי געווען אין פוילן. אומעטום געפאָרן צוזאמען. צוויי מאָל געווען באם זיידן מאציי. ווען זיי זײַנען געקומען צום דריטן מאָל, איז דער זיידע מאציי שוין ניט געווען.

ער איז געשטאָרבן אפן דאָרפישן צווינטער. גאנצפרי האָבן מענטשן געהערט, ווי ער טאפט מיטן שטעקן דעם וועג. פאמעלעך, טראָט באַ טראָט איז ער געגאנגען. ער האָט שוין גאָר קיין קויעך ניט געהאט. אפן צווינטער האָט ער זיך אראָפגעלאָזט אין ווייכן גראָז, און אָנשפארנדיק דעם קאָפ אפן בערגל ערד, אונטער וועלכן מע האָט באהאלטן יאדוויגען, איז ער אָף שטענדיק אנשלאָפן געוואָרן. פארוואָס האָט בערעק געמיינט, אַז דער זיידע מאציי איז געווען אלט ניט וויי ניקער פון נײַנציק? שכיינים האָבן געזאָגט, אַז ער איז נאָך קיין אכציק ניט אלט געווען.

אויך קיין האָלאנד זײַנען זיי געקומען אינצווייען. געקומען, ווײַל בערעק האָט געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס עס ווערט געטאָן, קעדיי אויס־

זוכן וואן דאמס צייכענונגען. נאָך האָט ער געהאַפּט, עפּשער וועט זיך אים איינגעבן אויסזוכן עמעצן פון פרידריך שלעזינגערס קרוויוים. בייס די דאָזיקע זוכענישן האָט ער אין אַמסטערדאַם זיך באַקאַנט מיטן באַוווּסטן דאָקטער קאָרסאַרי. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאָרסאַרי און דער דאָקטער אבראַבאַנעל, וואָס איז אומגעקומען אין סאַ־ביבאָר, זײַנען געווען גרויסע פרײַנט. בערעק האָט קאָרסאַרין דערציילט וועגן אבראַבאַנעלס לעצטן דאָקטער־וויזיט און, ווי אַ צוואָוואָ, איבערגע־כאַזערט די ווערטער, וואָס אבראַבאַנעל האָט דאַן געזאָגט קורז׳עלן: „אויב האָפן, אַז מיט אײַער אייניקל קאָן געשען אַ נעס, און ער וועט אַמאָל זײַן אַ פרײַער מענטש, וואָלט איך אים געזאָגט: שוין באַלד זעקס יאָרהונ־דערטער, ווי די אבראַבאַנעלס היילן מענטשן. ייִנגל, גיי מיט אונדזער שווערן וועג, און ס׳וועט דיר קיינמאָל ניט באַנק טאָן...” בערעק האָט באַוויזן קאָר־סאַרין דעם אײַזנבאַן־בילעט און די פאָטאָגראַפיעס, וואָס אבראַבאַנעל האָט איבערגעגעבן קורז׳עלן.

אָט דעמלט איז אופגעשווומען דער געדאַנק, בערעק און פייגעלע זאָלן זיך באַזעצן אין האָלאַנד... אין אַ צײַט אַרום איז דאָקטער שלעזינגער גע־וואָרן אַן אָרדינאַטאָר באַם פּראָפעסאָר קאָרסאַרי אין שפּיטאָל און דערנאָך אויך זײַן אַסיסטענט. צוביסלעכווײַז האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן איבערגעבן בערעקן פּאַציענטן. קאָרסאַרי האָט אַנטליען דעם יונגן פּאָרפאָלק געלט אָף אײַנשאַפן זיך אַ באַקוועמע און זוניקע וווינונג, אויסשטאַטן אַ מעדיצינישן קאַבינעט, און ס׳לאָזט זיך גלייבן, אַז די כאַלאָים זײַנען צו־פרידן מיט זייער דאָקטער און דער פּראָפעסאָר מיט זײַן טאַלמיד.

דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמט זײַן גאַנג, און בערעק האָט מיטאַמאָל דערהערט דעם אײַזערנעם קלונג פון די בופערס. דער פאָדעם פון די דער־מאָנונגען האָט זיך איבערגעריסן.

אַ שטראָם פּאַסאַזשירן זײַנען אַרויס פון וואָקזאַל. בערעק נעמט אַרום מיט די אויגן די רוישיקע גאַס. נאָך עטלעכע מינוט, און פייגעלע וועט אַ פליעסקע טאָן מיט די הענט:

— אוי, בערעקל איז געקומען!

צוליב איר מיידלשער פיגור און קורץ געשוירענע האָר זעט פייגעלע אויס, ווי איר וואָלט נאָך קיין דרײַסיק ניט געווען. זי נעמט צו פון בערעקס הענט דעם בוקעט מיט קווייטן. דערנאָך איין פּעקעלע, אַ צווייטס.

— ווייַ, וויי, — זאָגט זי, — וואָס אַ מענטש פאַרגינט זיך! וואָס בין איך דיר, אַ פרעמדע, וואָס דו ברענגסט מיר מאַטאָנעס? וואָס שווײַגסטו? ענטפער: „דאָס וויל איך דיר, נאַרעלע, וואָס מער כ׳עס אָנטאָן”. זאָג עס מיר, און דאָס וועט זײַן די בעסטע מאַטאָנע.

— גוט, פייגעלע, נאָר די בעסטע מאַטאָנע האָסטו נאָך ניט באַקומען. באַלד וועט פאָל ראַבסאָן אויסזינגען פאַר דיר אַ ליד.

— פאַר דער ליד קומט דיר אַ קוש. אָבער פאַרוואָס אַזוי גיך צוריק? מיט וואָס ביסטו געקומען פון האַגען?

— מיט דעם, וואָס כ׳בין אַהין געפאָרן, — שפּאַסט קלוימערשט בע־רעק, — ביסט, פייגעלע, געווען גערעכט. זיי ווילן דערטרינקען דעם אור־טייל אין אַ יאַם פון רייד. אָבער דעם עמעס וועגן סאָביבאָר...

— זיי דאַרפן אים דען, בערעקל?

— מיר דאַרפן אים.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פון האַגען אָנגעקומען דער נומער „היימאַט־נאַכריכטען" פאַרן 15 סענטיאַבער 1965 מיט אַ באַריכט וועגן פינפטן טאָג פונעם פּראָצעס. די זעלבע פּאָטשט האָט אויך געבראַכט בערעקן אַ בריוו פון בעטינען.

די צייטונג האָט אַראָפּגעשריבן מיטן קעפּל־שריפט:

„באָלענדער מעלדעט, אַז ער איז אַליין אַף 1/8 אַ ייד".

„באָלענדער האָט אַנגעוויזן אַף זיין יידישער אָפּשטאַמונג. זיין גראָסמו־טער איז געווען אַן אומגעזעצלעך קינד פון אַ יידן".

פייגעלע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— נו, איצט זעסטו שוין, בערעקל? ווער ס׳איז שיין, און איך בין קלוג. דיין בעטינאַ האָט געפּירט אַ טאָפּלטע שפּיל. ס׳איז גאָלע ליגן און פעל־שונג. מיילע, דער אָבערשאַרפירער, ער האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירן. לאָז אים דאָס אַנטקעגנקומען, וואָס איך ווינטש אים, אָבער דאָס שוועסטער־קינדל זיינס איז יענץ ווייבעלע. אַנו, לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן, וואָס שרייבט זי צו מיין מאַן.

בערעק האָט אופגעעפנט דעם בריוו. אין קאָנווערט איז געלעגן בלויז אַ קאָפּיע, געדרוקט אַף אַ שרייבמאַשין, פון בעטינעס אַ מעלדונג, וואָס דעמאַסקירט באָלענדערן, אָן איין וואָרט געווענדט צו בערעקן.

— אַ לייטישע דייטשקע, — האָט געזאָגט פייגעלע.

## די פרעסע טיילט מיט

„סלאָוואָ פּאָוושעכנע", 25 סענטיאַבער 1965

„אַ דענקמאָל די קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם אין סאָביבאָר

אין דעם נאָענטסטן זונטיק וועט אַף דער טעריטאָריע פו־נעם געוועזענעם היטלערישן טויט־לאַגער אין סאָביבאָר פאָר־קומען די פייערלעכע עפענונג פון אַ דענקמאָל די קאָרבאָנעס פון פאַשיזם, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין דעם לאַגער. אין דער פייערלעכער פּראָגראַם איז פאָרויסגעזען די אַרויסטרעטונג פונעם מיניסטער יאַ. וועטשאָרעק און דאָס לייגן קרענץ אַפן ברודער־קייווער.

אין די פייערונגען וועט אָנטיילנעמען איינער פון די ווייניק לעבן־געבליבענע קאַצעטניקעס, דער אָנפירער פונעם אופשטאַנד אין סאָביבאָר, דער סאָוועטישער בירגער אַ. פּע־טשערסקי".

# אין הילוועסום

אין דער אײַנלאַדונג, וואָס ער און פּרוי שלעזינגער האָבן באַקומען, איז געווען געמאָלדן, אַז די עפענונג פון דער אויסשטעלונג „מאַקס וואַן דאַם” וועט פאָרקומען דעם 30 אַפּרעל 1966. זיי האָבן באַשלאָסן אַרויס־פֿאָרן פֿאַרטאָג.

אויפן ראַנד פון הימל צינדן זיך ראַז די שטראַלן. דער מאָטאָר פונעם אויטאָמאָביל איז נאָך ניט אײַנגעשלאָסן. אַרום איז קימאַט באַנאַכטיק שטיל.

— בערעק, אַ, בערעק, — וועקט פייגעלע די גאַס, — דו הערסט, וואָס איך זאָג, צי דער שלאָף האָט זיך נאָך פון דיר ניט אָפּגעטאָן?

— אוואַדע הער איך.

— אויב דו הערסט, איז פאַרוואָס פאָלגסטו ניט? איך וויל, זאָלסט אָנ־טאָן דעם דזשעמפּער.

— ס'איז דאָך שוין, פייגעלע, זומער און קיין הילוועסום איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

— אויב דו ווילסט זיך צוקילן, איז עס דײַן זאַך, נאָר איך וויל דערבײַ ניט זײַן.

פייגעלע, זעט אויס, האָט שוין איבער זיך קיין שליטה ניט. די לעצטע צײַט האָבן אירע נערוון שטאַרק נאָכגעגעבן. וואָס אַ יאָר, אַלץ שטאַרקער לאָזן זיך פילן די פאָלגן פון סאָביבאָר. נאָך אַ רעגע, און זי וועט טאַקע אויף אַן עמעס זיך אָפּזאָגן פאָרן. בערעק פאַרלויפט איר דעם וועג. ער איז שוין פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך.

אין וועג ווערט פייגעלע ווידער גוט און אויפגעלייגט. פונעם יאַם און פון די קאַנאַלן טראָגט זיך דער פאַרשיקערנדיקער רייעך פון פרישער לופט. דער הימל איז ריין. אַלץ איז פאַרגאָסן מיט זון, און דער אַספאַלט זעט אויס, ווי אַ שוואַרצער שפּיגל.

— בערעקל, דער פרימאָרגן איז אַ גאַנײַידנדיקער, אַז ס'איז מיר מאַמעש אַ ראַכמאָנעס אויף די, וואָס ליגן איצט אין די בעטן. עפּשער וועסטו אָפּ־שטעלן די מאַשין און מירן זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן?

ניט ווײַט פונעם וועג שווענקט זיך אַ שטילע אָזערע. אַזוי נאָענט פון אַ גרויסער שטאָט, און אַלץ איז דאָ ווי בערייִשעסדיק. די לאָנקע און דאָס בערגל הינטער דער אָזערע זײַנען ציכטיק גרין, ווי קיין מענטש וואָלט נאָך אויף זיי ניט געטראָטן. אויף אַזאַ בערגל האָט בערעק אַמאָל געזען לעבן שטעטל אַ פאַסטעכל זיצן מיט אַ פײַפל. לאַגבוימער פלעגט ער מיט יינג־לעך שפּילן אויף אַזאַ לאָנקע אין מילכאָמע. ער געדענקט עס אַלץ, נאָר ווידער דערזען די וועלט מיט יענע ייִנגלשע אויגן קאָן מען, צום באַדויי־ערן, ניט.

פייגעלע צעשפּיליעט דעם שטייענדיקן קאָלנער פונעם קאָפּטל. אײַנ־דערפּרי באַם טואַלעט־טישל האָט זי אַ זאָג געטאָן: „די שפּיגלען שאַנע־ווען קיינעם ניט”. אוואַדע. ניט די שפּיגלען, ניט די יאָרן.

אינמיטנדערינען בלײַבט פייגעלע שטיין:

— בערעק, פּעטשערסקי האָט געקענט וואַן דאַמען?

— ניין. וואָס פּלוצעם פּרעגסטו?

— איך האָב געמיינט, אז ווען ער וועט קומען אפן געריכט, זאָלן מיר אים אײַנלאַדן קיין האָלאַנד.

— ער וועט ניט קומען.

— וואָס הייסט? פונוואַנען ווייסטו?

— שטראַקע האָט געמאָלדן, אז פּעטשערסקי איז געווען אין סאָביבאָר צו אַ קורצע צײַט, ער זאָל אַרויסטרעטן אפן פּראָצעס אלס איידעס. קיין נײַע פאַקטן קאָן מען פון אים ניט דערוואַרטן.

— אָט האָסטו דיר! אפּאָנעם, ניט קיין בלוט, נאָר אַמסטל־וואַסער פליסט אין שטראַקעס אָדערן.

— דער ביולעטען[1] דרוקט סאַשקאָס אַן אַרטיקל וועגן דעם און אויך סאַשקאָס ביטע, אז אויב אין האָלאַנד איז עמעצן עפּעס באַוווּסט וועגן ליוקען, זאָל מען אים מיטיילן.

— זעסטו, אזויפיל יאָרן אַוועק, און זײַן האַרץ הערט ניט אויף צו קלע־מען. איך האָב אויך פאַרגעדענקט ליוקען אָף אייביק. דרײַ אָדער פיר טעג נאָכן אופשטאַנד האָבן מיר זיך געהאַלטן אינאיינעם. בערעק, דו גלייבסט אויך, אז ליוקע לעבט ערגעץ און גיט ניט צו וויסן וועגן זיך?

— שווער צו גלייבן. נאָר ס׳איז מעגלעך. עמעצער האָט געשריבן פּע־טשערסקין, אז אילאָנאַ סאַפּראַן, וואָס איז אונטערן נאָמען אורזולאַ שטערן דעפּאָרטירט געוואָרן פון האָלאַנד קיין סאָביבאָר, דאָס איז ליוקע.

— נו, נו, זיי זײַנען דאָך ביידע, אי ליוקע, אי אילאָנאַ, געווען אין פרויען־באַראַק.

אין דער מאַשין וואַרפן זיי זיך איבער נאָר מיט קורצע ווערטער. דער וועג האָט שוין אופגעוואַכט. מע דאַרף זײַן אופמערקזאַם.

הילווערסום איז ניט קיין גרויסע שטאָט. זייער אַ גרינע, אַ שטאָט — אַ גאָרטן. אין אַ געוויסער מאָס איז זי אַ קולטור־צענטער פון לאַנד. דאָ וווינען שרײַבער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן, מוזיקער, מאָלער. דאָ, און ניט אין האאַג, געפינען זיך די ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־סטאַנציעס פון לאַנד.

באַם אַרײַנגאַנג אין מוזיי אַ לײַוונט: „מאַקס וואַן דאַם. 1910 — 1943״. די אויסשטעלונג וועט דויערן אַ כוידעש, און דער אײַנדרוק איז אזאַ, ווי אַלע וואָלטן וועלן זי באַזוכן דעם ערשטן טאָג. צום אויטאָפּאָרטרעט פונעם קינסטלער איז ניט צוצוטרעטן. דאָ שטייען איצט ניט ווייניק מענטשן, וואָס האָבן געקענט וואַן דאַמען באַם לעבן. אָט ווי דער זאַקן, וואָס האָט אכצן כאַדאָשים בײַ זיך אין שטוב אויסבאַהאַלטן אַ יידישע פאַמיליע.

בערעק און פייגעלע גייען פון בילד צו בילד, און ס׳ווייזט בײַ זיי דאָס האַרץ. וואָס פאַר אַ מענטש, וואָס פאַר אַ קינסטלער איז פאַרטיליקט גע־וואָרן אין סאָביבאָר!..

[1] עס ווערט געמיינט דער כוידעשלעכער ביולעטען פון נידערלענדישן אויש־וויץ־קאָמיטעט.

# די פרעסע טיילט מיט

## ביולעטען פון נידערלענדישן אוישוויץ־קאָמיטעט פאַר מײַ 1966

פונעם ארטיקל
פון פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר א. ד. ה. הויסמאַן

„נעכטן האָב איך באַזוכט די אויסשטעלונג „מאַקס וואַן דאַם" אין הילווערסום. דאָס איז אַן אײַנדרוקסוועקנדיקע זאַמלונג פון בילדער, אַקוואַרעלן, געמעלן.

דאָס לעבן פונעם דרײַ־און־דרײַסיק־יאָריקן ייִדישן קינסטלער מאַקס וואַן דאַם האָט זיך פאַרענדיקט אין 1943 יאָר אין פאַשיסטישן טויט־לאַגער סאָביבאָר.

מיט אַ וואָך צוריק האָב איך, זעט אויס, גערעדט מיט איינעם פון זײַנע מערדער. עטלעכע צענדליק עסעסן האָבן אין סאָביבאָר פאַרגאַזט הונדערטער טויזנטער ייִדן.

צוועלף פון די דאָזיקע „העלדן" שטייען פאַרן געריכט אויפן אַבסורד־פּראָצעס אין האַגען. איך האָב געהאַט די צווייפלהאַפטע ערע דערקענען צו ווערן פון איינעם פון די דאָזיקע פּיורער. „אַך, אַזוי גאָר, איר זײַט אַ האָלענדער".

מיט די זעלבע ווערטער, מיסטאָמע, האָט ער זײַנערצײַט, לויט אַ באַפעל אָדער לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו, דערמאָרדעט מאַקס וואַן דאַמען.

איך האָב מוירע, אַז ס'קאָן אפילו קיין רייד ניט גיין וועגן וועלכן־ניט־איז געפיל פון שולד בײַ אָט די עסעסאָווצעס. פון די געשפּרעכן, וועלכע כ'האָב מיט זיי געפירט איצט און אין נאָיאַבער 1965, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זיי אַליין האַלטן זיך פאַר קאָרבאָנעס פון אַ פּאָליטישן פּרעסטיזש־פּראָצעס. די מערדער זעען אויס גלענצנדיק.

אַכט פון די צוועלף געפינען זיך אויף דער פרײַ! דאָס איז אומדערהערט! הימלשרײַענדיק!

בײַם די געריכט־זיצונגען קומען פאַר „פריילעכע" פּאַרזעס, און זיי לאָזן זיך לוסטיק מאַכן, ווען עמעצער פון די אומגעריכט פאַר זיי לעבנגעבליבענע קאַצעטלער קאָנען אין דרײַ און צוואַנציק יאָר אַרום ניט זאָגן פּינקטלעך, צי די הינט, וואָס די עסעסאָווצעס האָבן אָנגערייצט אויף זיי, זײַנען געווען שוואַרצע אָדער ברוינע.

צוועלף אַזייגער גייען די הערן צוזאַמען מיט זייערע פּאַרטיידיקער מיטיק עסן, און דרײַ אַזייגער אָדער דרײַ מיט דרײַסיק פאַרענדיקט זיך שוין דער „שווערער טאָג".

איינער פון אָט די איבערמענטשן האָט מיך פאַרזיכערט, אַז דער פּראָצעס איז געמאַכט מיט ייִדישע הענט. איר זעט, כאָשעווע לייענער, אַז די היטלערישע זערע לעבט נאָך אַלץ!"

„פאָלקס־שטימע״. וואַרשע. 21 מײַ 1966

ווּ געפינט זיך סאָביבאָר?

...דער געריכט־זאַל אין האגען איז איצט קימאַט פּוסט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איגנאָרירנדיקער שטעלונג פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג האָט דאָס „מײַרעוו־דײַטשישע ראַדיאָ״ באַשלאָסן זיך צו באַקענען מיט דער מיינונג פון די אײַנוווינער, צופעליקע דורכגייער, וועגן פּראָצעס. דער סטודענט פון רעכט היינריך בוסיק האָט אָנגעשפּילט אַף אַ טאַשמע די ענטפערס, וואָס ער האָט באַקומען אַף דער פראַגע: „וואָס ווייסט איר וועגן סאָביבאָר?״

די אָנגעפרעגטע שילער, ביוראָ־אָנגעשטעלטע, פרויען און מענער האָבן העפלעך געענטפערט. קיינעם איז אָבער דער נאָמען פון סאָביבאָר ניט געווען באַקאַנט. צום אָפּטסטנס זײַנען געקומען די ענטפערס: „איך האָב קיינמאָל דערפון ניט געהערט״, „וואָס איז דאָס אַזוינס?״. פון פּופּציק אָנגעפרעגטע דורכגייער האָט בלויז איינער באַצייכנט, דערצו נישט גענוי, די געאָגראַפישע לאַגע פון סאָביבאָר: „ערגעץ אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילן״.

דער ענטפער, וואָס עס גיבן די אײַנוווינער פון דער שטאָט האַגען, איז מער־ווייניקער אַזאַ, ווי דער ענטפער, וועלכן עס גיבן די באַשולדיקטע פאַרברעכער: „מיר האָבן ניט געוווּסט, ניט געהערט!..״

## ווידער אין האגען

גוטענבערג האָט אופגענומען בערעקן און פייגעלען, ווי אַלטע גוטע פרײַנט. דער צווייענדיקער נומער, וווּהין ער האָט זיי באַגלייט, איז געווען דער בעסטער אין האָטעל. פאַר דער צײַט, זינט בערעק איז דאָ געווען, האָט גוטענבערג זיך שטאַרק געעלטערט. דאָס האַרטע בערשטל האָר אַפן קאָפּ איז שוין אינגאַנצן ווײַס. טיפער זײַנען געוואָרן די קווער־קנייטשן אַפן שטערן. די אויגן זײַנען אײַנגעפאַלן, זײַן פאַרבלאָז פּאָנעם איז אָבער, ווי שטענדיק, ראַזירט.

— איר וועט עסן פרישטיק, צי איר ווילט צוערשט זיך אָפּרוען פון וועג? — האָט גוטענבערג געפרעגט.

— ניין, ניין, — האָט געענטפערט פייגעלע, — מיר זײַנען ניט מיד און ניט הונגעריק. סײַדן אַ גלאָז טיי... עס ברענט מיך אַ טרונק.

— אָ, פראַו שלעזינגער, אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך, ניט דער קעלנער...

בערעק האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן:

— טיי טרינקען וועלן מיר אינדרײַען. איר דערוווּנדערט ניט, הער גוטענבערג?

— מיר, — זאָגט פייגעלע, — גיט נאָר אַ מינוט צען אויף ברענגען זיך אין אָרדענונג.

— איך פאַרזיכער אײַך, הער גוטענבערג, אַז פריִער, ווי אין אַ האַלב־ער שאָ, וועט מײַן פרוי פון איר צימער ניט אַרויסגיין.

— איר זײַט געקומען אויפן פּראָצעס? — ווייסט גוטענבערג פון וואָס צו פאַרבינדן דעם געשפרעך, וועלן זיי זיצן שוין אַלע דרײַ באַם טיש. — בײַ אונדז, דאַכט זיך, האָט מען שוין אין אים פאַרגעסן, אָדער, וואָלט איך גע־זאָגט, מע האָט צו אים זיך שוין אַזוי צוגעוווינט, ווי גלײַך אָן אים קאָן שוין האַגען ניט געמאָלט זײַן. אַלזאָ, קיין באַזונדערן אינטערעס ווײַזט דאָס האַגענער בירגערטום ניט אַרויס. נאָך דעם, ווי איר זײַט אוועקגע־פאָרן, איז צו מיר געקומען לאַכמאַנס אַדוואָקאַט. ער האָט געוואָלט וויסן, צי האָט בײַ מיר קיינער זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף זײַן קליִענט. אַ מענטש, דאַרף איך אײַך זאָגן, איז ער אַ סאָלידער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך דעם קריג איז לאַכמאַן קיין איין טאָג אין געפענקעניש ניט געזעסן און וועט ניט זיצן. מײַן עלזאַ האָט טאַקע געטאָן, ווי זי האָט צוגעזאָגט, און אוועקגעפירט אירע שילער אויפן פּראָצעס. איך האָב איר דערציילט וועגן שמועס מיטן אַדוואָקאַט, איז זי, שטעלט אײַך פאָר, מיט אים מאַסקים גע־ווען, און ווי די טעווע פון אַ לערערן, דערקלערט: דער אַדוואָקאַט פאַר־לאָזט זיך אויף די ריכטער...

ס'איז שוין פאַרבײַ קימאַט זעכצן כאַדאָשים, זינט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, און בײַ קיין סאָף האַלט עס נאָך ניט. אין סאָביבאָרער טויט־לאַגער איז עס צוגעגאַנגען אַ סאַך גיכער... עמעס, מע קאָן זאָגן, אַז אין איין פאַל האָט די גערעכטיקייט געזיגט. קורט באָלענדער איז באַגאַנ־גען זעלבסטמאָרד, זיך אופגעהאַנגען אין דער קאַמער. עמעצן פון די פּי־פּיקע רעפּאָרטיאָרן האָט זיך אַפילע אײַנגעגעבן אופנעמען אַ פאָטאָ, ווי ער באָמבלט זיך אויפן שטריק.

פּרענצעלס אַדוואָקאַט ריינטש האָט געמאָלדן, אַז דאָס האָבן די איידעס פון דער באַשולדיקונג דערפירט באָלענדערן צו זעלבסטמאָרד. ריכטיק איז, אַז אויף קיינעם, סײַדן אויסער פּרענצעלן, האָבן די איידעס ניט געטײַטלט אַזוי אָפּט מיט די פינגער, ווי אויף דעם געוווּזענעם שעף פון דער „הימל־שטראַ־סע". אין זײַן לעצטן בריוו, וועלכן ער האָט געבעטן איבערגעבן בעטינען, האָט באָלענדער געשריבן וועגן די אומענטשן, וואָס וואַגן צו שרײַען אויף אַ ריין־ראַסיקן אַריער, און וועגן די אַריער, וואָס זײַנען ניט בעסער פון די אומענטשן. צולעצט האָט ער געשריבן: „דיר, בעטינאַ, האָב איך גע־מיינט אויסטיילן אַ העלפט פון מײַן קאַפּיטאַל, נאָר איך האָב זיך איבער־צײַגט, אַז דו האָסט עס ניט די ווערט, און דערפאַר וועט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, איבערגעגעבן ווערן אַ יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע..."

קימאַט אין איין און דער זעלבער מינוט האָבן בײַ דעם קרײַז־געריכט זיך אָפּגעשטעלט פינף פּאַסאַזשיר־אויטאָמאָבילן. די פינף אָנגעקומענע מאַנצבלען אײַלן ניט אין ערגעץ. זיי שטייען, שמועסן געמיטלעך און

וואַרטן אַף זייערע דרײַ קאָלעגן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דעם האָטעל אַ מינוט צוואַנציק פאַר זיי. באַ אַזאַ פּרעכטיקן וועטער און נאָך אַזאַ זאַטן פרישטיק האָבן יענע באַשטימט דורכמאַכן דעם וועג צופוס.

ווענן וואָס שמועסט מען? ראָבערט יורס, אַ בײַכלדיק פאַרשווינדל מיט אַ צווייענדיקן גודער פּאַכט מיט דער האַנט, וואָס איז אויסגעשטאָכן מיט אַ שוואַרצער נאָדל. ער איז אַ ביסעלע אופגעשרויפט. דאָס מאָל האָט אים ניט צוגעשפּילט. ער באַדויערט, וואָס עריך באַוערס טאָכטער, וועלכע איז געקומען אַהער זיך טרעפן מיט איר פאָטער, האָט זיך אָפּגעזאָגט פאַרנעמען אַן אָרט אין זײַן מאַשין. מיט אים צוזאַמען האָט זי פאָרן אַהער ניט געוואָלט, און מיט דעם לעקישעוואַטע לאַכמאַנען איז זי געזעסן אין האָל און אופמערקזאַם געהערט, וואָס ער דערציילט איר.

פוקס האָט אַראָפּגענומען די באַגילדטע ברילן, פאַרזשמורעט די אויגן, און קליינע קנייטשעלעך זײַנען זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן פּאָנעם. ער האַלט, אַז לאַכמאַן איז ווײַט ניט קיין לעקיש. פון אַלע אָנגעקלאָגטע האָט ער דער ערשטער זיך געכאַפּט, אַז שטאַרק מוירע האָבן פאַר די ריכטער איז ניטאָ וואָס. צו פוקסן איז עס ערשט דערגאַנגען, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער פון די איידעס. אויך אונפערהאַו, וואָס האָט געפירט אַ פאַלשע שפּיל, האָט לאַנג ניט פאַרשטאַנען, אַז ער מעג אָפן מעלדן: ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן מײַן געוויסן. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס כ'האָב געדאַרפט טאָן.

אפן ראָג באַווײַזן זיך די דרײַ קאַמראַדן פון דער באַשולדיקונגס־באַנק.

— זיי גייען, — זאָגט יורס אָן. — לאַכמאַן האָט שוין צעטריבן די בלוטן, און זעט נאָר, ווי בראַוו ער שפּאַנט!

דיובואַ ענטפערט אים אָפּ:

— וואָס רעדסטו, מיר האָבן דען אַזוי געשפּאַנט? — ער קוועלט פון דער דערמאָנונג. — אָט ווען שטאַנגל זאָל זיי אַנטקעגנקומען און מיט די אויגן אַ ווײַז טאָן, אָדער וואַגנער זאָל מיט זײַן דונערדיקער שטים אַ קאָמאַנדעווע טאָן...

בערעק האָט ניט געוואָלט, אַז פייגעלע זאָל בײַזײַן אפן געריכט, נאָר זי האָט אים ניט געפאָלגט. זי קוקט אַף פּרעגנצעלן, אַף ריינטשן, וועלכער האָט זיך „אַרופגעוואָרפן” אפן איידעס מייער זיס, און זי שלינגט שטילערהייט די טרערן. זיס דערציילט וועגן בעלזשעץ און סאָביבאָר. ער האָט איבערגעלעבט דעם שוידער פון ביידע טויט־לאַגערן, און איצט קאָן ער זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געפינען. ער וואָגלט פון לאַנד צו לאַנד און קאָן ניט טייטן דעם זיקאָרן. אַהער איז ער געקומען פון ווענעסועלע. וווּהין ער וועט זיך לאָזן פונדאַנען, ווייסט ער נאָך אַליין ניט. ווי אַ פּיאַווקע, וואָס האָט זיך שוין אָנגעזויגן מיט בלוט, האָט ריינטש לעסאָף זיך פון אים אָפּגעטשעפּעט, און דאַן האָט שטראַקע זיך געווענדט צו זיסן:

— קוקט זיך, ביטע, גוט אײַן און זאָגט אונדז, ווען נאָך פון די געוועזענע עסעסאָווצעס דערקענט איר?

מייער זיס האָט אים געפאָלגט און אָנגערופן די, וועמען ער האָט דער־

קענט אף דער באַשולדיקונגס־באַנק, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערע־וועט צו די אדוואָקאַטן און, אַנווײַזנדיק אף זיי מיטן פינגער, געפרעגט:

— הער פאָרזיצנדער, צווישן זיי מעג איך אויך זוכן?..

זייערע פּנימער האָבן זיך פאַרקרימט, ווי פון עפּעס שטאַרק זויערס. זיס האָט צוגעוואַרט, ביז דער טומל אין זאַל איז אײַנגעשטילט געוואָרן, און פאָרגעזעצט:

— איך קאָן נאָך אָנרופן צוויי אײדעס פון דער פאַרטיידיקונג, דאָס איז דער יוריסט אָסטרויעס, געוועזענער עסעס־ריכטער, פאַר וועמען אפילע דער גענעראַל גלאָבאָטשניק האָט מוירע געהאַט, און דער קאָמערסאַנט שטעקענבאַך, דער געוועזענער שעף פון בערלינער געסטאַפּאָ...

באַם טיש פון דער פּרעסע האָט מען זיך גענומען פאַר די בלאָקנאָטן.

ס'הייבט זיך אָן דער פאַרהער פונעם אײדעס שלוימע פּאָדשלעבניק. נאָכן אופשטאַנד האָט ער געביטן זײַן נאָמען אף סאָלאָמאָן פּאָול. ער איז מיט שווערע טריט אַרײַנגעגאַנגען פונעם צימער פאַר די אײדעס און גע־בליבן שטיין, ווי אַ פּעלדז. אים איז באַ די זעכציק. ער איז אַ פּערמער אין אַמעריקע. אין סאָביבאָר איז ער געווען פון סאָף 1942. פאַר דעם האָט מען אין לאַגער אומגעבראַכט זײַנע עלטערן, פינף שוועסטער און דרײַ ברידער. דאָס האָט ער, אַרבעטנדיק אין וואַלד, אף טויט אָוועקגעלייגט אַ באַוואָפנטן וואַכמאַן און צוזאַמען מיט נאָך אַ קאַצעטניק אַנטלאָפן. זײַן כאַווער האָט מען געכאַפּט, און פראַנץ וואָלף האָט אים דערשאָסן.

וואָלפס אדוואָקאַט וויל וויסן:

— ווי איז דער נאָמען פונעם מענטשן, מיט וועלכן איר זײַט צוזאַמען געלאָפן?

— קאָן.

— איר זײַט זיכער אין דעם?

— ווען מע קלײַבט זיך אינצווייען אַפּטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט, דאַרף מען גוט קענען איינער דעם אַנדערן.

— קאָן איז געווען אײַערער אַ לאַנדסמאַן?

— ניין.

— פונוואַנען איז ער געקומען קיין סאָביבאָר?

— ער איז ניט געקומען, מע האָט אים געבראַכט.

— פונוואַנען?

— ער איז געווען פון קאָברין.

דער באַשולדיקער קומט צום וואָרט:

— אָנגעקלאָגטער פראַנץ וואָלף, איר באַהויפּט נאָך אַלץ, אַז פּאָד־שלעבניקן און קאָנען האָט מען געכאַפּט?

— די נעמען זײַנען אונדז דאַן ניט געווען באַוווּסט.

— עס זײַנען געווען נאָך פאַלן, ווען עמעצער פון דער וואַלד־קאָמאַנ־דע האָט געפּרוווט אַנטלויפן?

— איך געדענק ניט.

— אָנגעקלאָגטער ווערנער דיובואַ, אַלס געוועזענער שעף פון דער וואַך דאַרפט איר געדענקען. נאָך אַזוינע פאַלן זײַנען געווען?

— ניין.

— פראַנץ וואָלף, געכאַפּט האָט מעןביידע אַנטלאָפענע?
וואָלף שווייגט.
שטראַקע איז ניט צופרידן, ווייל, ווי ער זאָגט, דאָס איז ניט צום פּראָ־טאָקאָלירן.
— הער פאָרזיצנדער, — זאָגט פּאַדשלעבניק, — דעם עסעס־אונטערשאַר־פירער מיט זיין אומגעזעטיקטן דאָרשט נאָך בלוט האָט זיך אוואדע גע־וואָלט אומברענגען ביידע איידעס.
עס שטייט אויף וואָלפס אַדוואָקאַט. אים ווערט דערלויבט צו שטעלן דעם איידעס איין פראַגע, אַ צווייטע, אַ צענטע... נאָר ביזוואַנען? אַזוי לאַנג, ביז בא פּאַדשלעבניקן פּלאַצט דאָס געדולד, און ער ענטפערט אָפּ דעם אַדוואָקאַט אַזוי שאַרף, אַז ס'איז אויך ניט צום פּראָטאָקאָלירן...

## די פּרעסע טיילט מיט

פון אַלעקסאַנדער פּעטשערסקיס אַרטיקל
אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"
נומ. 4, 1966.

„ניטאָ פאַר זיי קיין מעכילע

דער ראַטגעבער פונעם קרייז־געריכט אין דער שטאָט האַגען ד״ר מיכעלס האָט זיינערצייט מיטגעטיילט דער פּרע־סע, אַז דעם 6 סענטיאַבער 1965 וועט זיך אָנהייבן דער פּראָ־צעס פון צוועלף געוועזענע עסעסאָווצעס, וועלכע ווערן באַ־שולדיקט אין הארגענען יידן אין דעם טויט־לאַגער סאָביבאָר.
אין דער דאָזיקער מיטיילונג ווערט קאָנסטאַטירט, אַז לויט די פאַראַנענע יעדיעס זיינען די אָנגעקלאָגטע באָלענ־דער, פרענצעל און וואָלף באַגאַנגען מאָרד־טאַטן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, ניט האָבנדיק דערויף קיין אויסגע־שפּראָכן קלאָרן באַפעל. די איבעריקע, וועלכע ווערן באַשול־דיקט אויסשליסלעך אין מיטהעלפן מאָרדן, האָבן אָן קיין באַפעל ניט געהאַרגעט.
סאַראַ כויזעק, סאַראַ איזדיעקעוון זיך איבער די הונ־דערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע זיינען אומגעבראַכט גע־וואָרן אין סאָביבאָר!
יענע, וואָס האָבן אַריינגעטריבן אין די גאַז־קאַמערן, מיש־פּעט מען נאָר פאַר „מיטהעלפן מאָרדן" און ניט פאַר מאָרד, ווייל, לאָזט זיך אויס, איינשליסן דעם מאָטאָר, וואָס פּאָמפּעט שטיק־גאַז, הייסט פּאַשעט „אויספילן דעם באַפעל"!
מיר איז אויסגעקומען צו זען זייערע פּנעמער נאָך דער „אַרבעט", נאָך דעם, ווי זיי האָבן דערשטיקט הונדערטער אומשולדיקע פרויען און קינדער. וויפל זעלבסטצופרידנקייט, וויפל שטאָלץ איז געווען אויסגעגאָסן אָף אָט די פּנעמער!

ניין, די מערדער האָבן ניט נאָר דעם פיורערס באַפעל אויסגעפילט. זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן, צו וואָס זיי האָבן געשטרעבט.

ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך ניט פאַרגעסן איינעם אַ טאָג אין דעם טויט־לאַגער. מיר האָבן געאַרבעט אין פערטן סעקטאָר, ווען עס איז אָנגעקומען אַן אָרדנטלעכער עשעלאָן מיט מענטשן. די עסעסאָווצעס זײַנען פריילעכע, שמייכלענ־דיקע אוועק צו דער „אַרבעט". אונדז צו באוואכן זײַנען געבליבן פּאָליצײַען. בײַ דער ערשטער מעגלעכקײַט זײַנען מיר — לייטמאַן, שובײַעוו, ציבולסקי און איך אריַין אין באַ־ראַק, פונוואַנען מע האָט געזען דעם דריטן סעקטאָר, ווו עס האָבן זיך געפונען די גאַז־קאַמערן. פון דאָרט האָבן זיך גע־לאָזט הערן האַרצרײַסנדיקע געשרייען פון קינדער און פרויען. דאָס איז געווען אַזאַ שוידערלעך, אַזאַ דערשיטערנ־דיק געשריי, אַז עס האָט מיך אָנגעהויבן טרייסלען. ניין, ניט קיין פּאַכעד, עס האָט אונדז באַהערשט אַ פּײַנלעך געפיל פון הילפלאָזיקײַט: אָט קוקן מיר עס אַלץ צו און קאָנען מיט קיין זאַך ניט העלפן די פרויען און קינדער. דעמלט האָט שוין אונדזער אונטערערדישער קאָמיטעט געהאַט פאַנאַנ־דערגעאַרבעט אַ פּלאַן, וויאַזוי צו אַנטלויפן פונעם לאַגער. אין דעם מאָמענט האָב איך פעסט באַשלאָסן: מיר טאָרן ניט פּאַשעט אַנטלויפן, ראַטעווענדיק אונדזער לעבן. מיר מוזן פאַרניכטן אַלע פאַשיסטן אין דעם דאָזיקן לאַגער.

ביז הײַנטיקן טאָג קלינגט בײַ מיר אין די אויערן דאָס געשריי פון די קינדער — בײַנאַכט אין שלאָף הער איך עס ווידער, און איך כאַפּ זיך אויף אַ באַשלאָגענער מיט קאַלטן שווייס.

...אין צוויי שאָ ארום האָבן זיך די באַנדיטן אומגעקערט. לויט זייערע פריילעכע פּענעמער, לויטן צופרידענעם גע־לעכטער זייערן האָט מען געקענט אורטיילן, מיט וואָס פאַר אַ האַנאָע זיי האָבן אויסגעפילט דעם „באַפעל" פון זייער פיורער.

לויט די געזעצן פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד הייסט עס מיט־העלפן אין מאָרד. אַזאַ צוויִעס. אַזאַ נידערטרעכטיקע צוויִעס!

איך בלעטער די מײַרעוו־דײַטשישע צײַטונגען, די בריוו, וועלכע איך באַקום פון די געוועזענע אסירים פון סאָביבאָר — איידעס אָפן האַגענער פּראָצעס. איך לייען די בריוו פונעם היסטאָריקער מיריאַם נאָוויטש, וואָס איז די גאַנצע צײַט אָפן פּראָצעס און פאַרשרײַבט אַלע באַוויַיזן פון די איידעס. פאַר מײַנע אויגן טויכן ווידער אויף פון דער פאַרגאַנגענהײַט די שוידערלעכע טעג אין טויט־לאַגער. ניט שוין זשע זײַנען עס מענטשן — די, וואָס זײַנען פייִיק אַזוינס צו טאָן?

די אַדוואָקאַטן פון די אָנגעקלאָגטע באַמיִען זיך צו טאָן

אלץ, קעדיי אָפּשוואכן דעם אײַנדרוק, וואָס עס מאכן די באוויַזן פון די אײדעס. זיי שטעלן קלאָץ־קאשעס, אף וועל־כע ס'איז אומעגלעך צו ענטפערן. צום בײַשפּיל: ווו זײַט איר געווען, ווען קארל פרענצעל האָט, ווי איר דערציילט, דערמאָרדעט דעם ייִדן מיטן נאָמען שול שטאָרק? וויפל מע־טער די ווײַט פונעם עסעסאָוועץ זײַט איר געשטאנען! אאוו.

מיר, די פארשפארטע אין לאגער, האָבן, הייסט עס, גע־מוזט וויסן, אז מיר דארפן אויסמעסטן דעם מעהאלעך צווישן אונדז און אונדזערע פּײַניקער מיט א מעטער!

די, וואָס פארטיידיקן די פארברעכער פון סאָביבאָר, ווילן פארפלאָנטערן די אײדעס, פסיכאָלאָגיש זיי אײַנברעכן, נאָר דאָס גיט זיך זיי ניט אײַן.

דער אײדעס מוישע באהיר האָט וועגן א גאנצער ריי פארברעכנס דערציילט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט, אָנוויַזנדיק אף דעם טאָג און אף דער שאָ, ווען זיי זײַנען באגאנגען געוואָרן, אָנרופנדיק בא די נעמען די מערדער.

די פאשיסטן, וואָס זיצן אף דער באשולדיקונגס־באנק, זײַ־נען באגאנגען די שווערסטע פארברעכנס קעגן דער מענטש־הײַט.

אין נאָמען פון די לעבן־געבליבענע אסירים פון סאָביבאָר פאָדער איך — די מערדער דארפן באשטראָפט ווערן מיט דער גאנצער שטרענגקײַט.״.

עס ענדיקט זיך דער לעצטער טאָג פון דעקאבער 1966. א גאנצן כוי־דעש האָבן געגאָסן רעגנס. ערשט נעכטן האָט גוטענבערג געצווייפלט, צי וועט שוין דער עמעסער ווינטער קומען קיין האגען. נאָר דער ווינטער, אז ער וויל, קאָן ער. פאר איין נאכט איז די שטאָט געוואָרן ווי אן אנ־דערע. א שנייִיקע און פראָסטיקע.

פייגעלע און בערעק גייען געארעמט. דער שניי סקריפּעט אונטער זייערע פיס.

— א וועלט, האי? — זאָגט פייגעלע. — נאָר צום לעבן.

— לעבן, — זאָגט בערעק, — און ניט פארגעסן.

אין עטלעכע שאָ ארום איז געקומען דאָס נײַע 1967 יאָר...

דערציילונג

א מענטשן קאָן מען אומברענגען,
אָבער ניט באַזיגן.

ערנעסט העמינגוועי

# דעם גאַניידן דאַרף מען זוכן אויף דער־וועלט



ון הונגער און פלעקטיפוס איז אָנהייב 1920 באַם גאָרנאָסטײַפּאָליער סטאָליער מאָטל אָראַנסקי געשטאָרבן די עלטערע טאָכטער קלאַרע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים צו וויסן געגעבן, אַז אין דאָרף פּאָדאָל, באַם טײַך טעטערעוו, האָבן באַנדיטן דער־הארגעט זײַן ברודער.

דער הויכער, עטוואָס אײַנגעהויקערטער מאָטל, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט דעם אויסזען פון אַ ביסל אַ פאַרשלאָפענעם, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און, פאַרקלאָ־מערנדיק די פינגער אין פויסט, מיט אַן אײַנגעבראָכן קאָל אויסגעשריִען:

— איידער אַזאַ לעבן, איז בעסער אַ שטיין אויפן האַלדז און אין טײַך אַרײַן.

זײַן ווײַב מערע האָט אים אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט און איבערגעוואַלד צוגעפירט צום פענצטער:

— טו אַ קוק אויף אונדזער פּעטיען. קיין אײַנהאָרע, שיין און געראָטן, אַ גוואַר, ווי דו, און דערצו נאָך מיט אַלע זיבן מײַלעס. גלייבסט ניט, איז הער, וואָס מענטשן זאָגן. וואָס זשע ווילסטו, אַז אויף דער עלטער זאָל איך אייביק אַליין פון אים דערלעבן נאַכעס?

— נאַכעס? — האָט ער אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און זיך אײַנגע־זויגן אין איר מיטן בליק. — מיר שטאַרבן פון הונגער און פון קרענק, מע שלאָגט און מע הארגעט אונדז, און דו וואַרטסט נאָך אַלץ אויף נאַכעס.

אויפן האַרצן איז מערען געווען ניט ווייניקער אָנגעזאָליעט, ווי דעם מאַן, פונדעסטוועגן האָט זי געפונען באַ זיך קויעך אים צו ענטפערן:

— יאָ, מאָטל. ווען דער אומגליק איז גרויס, זאָגט די וועלט, איז די

הילף נאָענט. צאָרעס וועלן ניט פעלן, נאָר נאָכעס וועלן מיר אויך דער־לעבן.

צאָרעס זײַנען טאַקע דערוויַיל געווען, אַז כאַטש שעפּ זיי מיט אַן עמער. אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָט זיך געטרייסלט אין פיבער זייער צווייטע טאָכטער פאַניע. ווען זי האָט שוין, דאַכט זיך, קיין קויעך ניט געהאַט צו צאַנקען, האָבן אירע בלויע ליפּן אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקנדל דאַמף און... אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל.

פון טשערנאָביל, פון איוואַנקאָוו — פון אַלע זײַטן — האָבן ראָצכים באַפאַלן און באַלאַגערט גאָרנאָסטײַפּאָל. דער שטעטלדיקער אָטריאַד פון „סאַמאָאָבאָראָנע” האָט דאַפקע געהאַט אַ קוילנוואַרפער, באַ אַ צענדליק ביקסן און נאַגאַנען, אָבער קיין קוילן זײַנען ניט געווען. פעטיע האָט עס גוט געוווּסט, וויַיל ער איז אַף קיין שפּאַן ניט אָפּגעטראָטן פון דער פאַר־שטאָרבענער קלאַרעס כאָסן, נאָכעם, דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. ווען די באַנדיטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטעטל, האָבן ביידע, נאָכעם און פעטיע, אַרויסגעקוקט פון אַ בוידעם־פענצטערל, און נאָכעם האָט גע־שעפּטשעט פעטיען אַפן אויער:

— זעסט יענעם אין דער בעקעשע, וואָס שטייט לעבן דעם בולאַנעם? דאָס איז זייער אַטאַמאַן, סטרוק. ווען איך האָב כאָטש איין קויל...

נאָכעם האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מיטאַמאָל האָט גענומען שטעפּן איין קוילנוואַרפער, אַ צווייטער. ניט וויַיט פון סטרוקן האָט זיך אויפגעריסן אַ גראַנאַטע, און דער בולאַנע איז אומגעפאַלן. איצט האָט פּע־טיע באַמערקט, אַז באַם אַטאַמאַן איז דאָס פּנים אַ קליינס און אַ קײַלעכ־דיקס, ווי באַ אַ סאָווע.

ווי פון אונטער דער ערד זײַנען אַפן ברייט אויסגעפּאָרענעם וועג אויסגעוואַקסן רײַטער מיט רויטע שטערנדלעך אַף די היטלען. דאָס מאָל האָט דאָס שטעטל געראַטעוועט דער מאַטראָס וואַסילי ברוסאָוו מיט זײַן אָטריאַד.

פון די אופגעבראָכענע טיר־און־פענצטער זײַנען נאָך געפלויגן פּע־דערן, און אַפן מאַרק־פלאַץ, לעבן די וועגענער מיטן אָנגעראַבעוועטן גוטס, זײַנען שוין געשטאַנען שוויַיגנדיק געפאַנגענע צוואַנציק איבערגעשראָ־קענע באַנדיטן. אויסגעזען האָבן זיי ווי אויסגעווייקטע הערינג. פעטיע איז געווען זיכער, אַז ברוסאָוו וועט הייסן זיי שמײַסן מיט ווערבע־ריטער אָדער גאָר הייסן זיי דערשיסן אַלעמען גלײַך אַפן אָרט. נאָר בלויז איי־נעם — אַ פליישיקע באַשעפעניש מיט שמאָלע, בייזע אויגן, מיט לאַנגע, ווי באַ אַ גאַלעך, האָר — האָט ער באַפוילן בינדן די הענט און אָפּפירן אין שטאַב פון טייל. אַלע איבעריקע, האָט ער מיט אַ וואָכעדיקער שטים גע־מאָלדן, וועט מען מישפּעטן דאָ אין שטעטל, הײַנט נאָך.

פעטיע האָט זיך פאַרקוקט אַף אַ דאַרפיש פערד, וואָס האָט פאַמעלעכן געקײַט טרוקן היי. עס האַלט אין איין דרייען מיטן קאָפּ, פינטלען מיט די גרויסע אויגן. פערד האָט פעטיע ליב פון קינדוויַיז אָן. ווען ער האָט אַ פערד, זײַנס אַן אייגנס, וואָלט ער באַ קיינעם ניט געפרעגט און אוועק־געריטן מיט ברוסאָווס אָטריאַד.

— עסן ווילסטו? — האָט ער פּלוצעם דערהערט. וואסילי ברוסאָוו האָט א שויבער געטאָן פעטיעס שווארצע געדיכטע האָר.

פעטיע האָט זיך פארויטלט. ער האָט געוואָלט ענטפערן, אז ניין, ער איז זאט, נאָר פריִער האָט ער געמוזט אראָפּשלינגען די אָנגעלאָפענע סליי־נע. דער מאטראָס האָט עס אוואדע באמערקט. ניט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער דערלאנגט פעטיען א שטיקל ברויט מיט א גרויסער ציבעלע, א טאָרבעלע הירזש און א לאנגן פארזשאווערטן הע־רינג.

אין אָוונט זײַנען ברוסאָוו מיט נאָכעמען געקומען צו אָראנסקין אהיים. דעם מאטראָס האָט מען אוועקגעזעצט אויבנאָן, און אלע צוזאמען האָבן פון איין שיסל געגעסן דעם געדיכטן הירזשענעם קוליש. דער טאטע האָט אפילו געבראכט פון ערגעץ א פלאש ווישניק.

קימאט א גאנצע נאכט איז מען בא אָראנסקין ניט געשלאָפן. מע טאָר ניט הײַען. און כאָטש מע ווייסט, אז אין א לאנגן וועג איז יעדער מאסע צו שווער, האָט מען פון דער וואנט אראָפּגענומען די פארגעלטע פאָטאָ־גראפיעס, די שארפע זעג. אינעם בעטגעוואנט האָט מען אײַנגעפּאקט דאָס ביסל געפעס, אין דער בלעכענער מולטער צונויפגעלייגט דאָס סטאָליע־רישע געצײַג.

אויף מאָרגן נאָך האלבן טאָג האָבן די אָראנסקיס צוזאמען מיט ברוסאָווס אָטריאד זיך דערקליבן צום דניעפער, ווו לענגויס דעם ברעג האָבן גע־דרעמלט שטילע ווײַס־געקאלכטע שטיבעלעך. פון דאָרט זיך אוועקגעלאָזט קיין קיִעוו. אויף פאָדאָל, ניט ווײַט פון דער עלעקטראָסטאנציע, האָבן זיי געדונגען א סומנע צימערל מיט א קיך.

בא מאָטלען זײַנען די געלע וואָנצעס גראָוו געוואָרן. די אויגן זײַנען נאָך טיפער אײַנגעפאלן. אויף די אײַנגעצויגענע באקן האָבן זיך באוויזן א סאך דריבנע קנייטשעלעך. קיינער האָט איצטער ניט געדארפט זײַנע געשניצטע שאפעס, בעטן פון רויט־האָלץ, טישן מיט געטאָקטע פיסלעך. נאָך א טאָג ארומדרייען זיך אויף דער ארבעט־בירזשע פלעגט ער זיך א מידער, מיט א שווער געמיט אומקערן צו זײַנע פאריאָסעמטע אינסטרו־מענטן.

פעטיען האָט מער געגליקט. אלע גאנצפרי פלעגט ער זיך לאָזן צום וואָקזאל אָדער צום דניעפער, און אומגעקערט פון דער ארבעט האָט ער זיך כאָטש שפּעט אין אָוונט, נאָר ניט מיט ליידיקן. סע פלעגט זיך אפילו מאכן, אז ער זאָל קומען מיט א לעבל ברויט. נאָר ווען ער זאָל ניט געווען קומען און וואָס ער זאָל ניט געווען ברענגען, פלעגט אים קעסיידער פונ־דערווײַטן נאָך אנטקעגנקומען דער מאמעס ווארעמער בליק.

דעם טאטן איז ניט אײַנגעגאנגען דער ביסן. גלײַך מע וואָלט אים ווי א בוים צוזאמען מיט די ווארצלען ארויסגעריסן פון דער ערד. ער, א סטאָליער, צו וועמען גאָר געהויבענע סראָרעס פלעגן קומען באשטעלן מעבל, דארף, מישטיינסגעזאָגט, זײַן אויף קעסט בא זײַן מיזיניק. פעטיע איז שוין טאקע אויף א האלבן קאָפּ העכער פון אים, נאָר ער איז דאָך גאָר א יינגל, קנאפּע פופצן יאָר אלט.

פינף מאָל האָבן אָפּגעצוויטשעט די קיִעווער קאַשטאַנעס, ביז פּעטיע האָט זיך צעשיידט מיט דער טוווע־קראַם, ווו ער האָט טאָג־איַין, טאָג־אויס גע־טראָגן זעק מיט מעל, האָבער, קליַיען. פון מאַטלען האָט ווידער געשמעקט מיט סטרוזשקעס און מיט סטאָליארישן קליי. ער האָט זיך אופגעכאַפּט פון זיַין פּריטשמעליעטקיַיט און איז שוין פון לאַנג געווען אַ מיַיסטער אין אַ גרויסער מעלוכע־פאַבריק און אפילע געקנעלט מיט כעוורע, געלערנט זיי, ווי צו באַארבעטן אַ שטיקל האָלץ אזוי, אז מע זאָל זיך אין דעם קאָ־נען שפּיגלען. פאַניע האָט זיך געפונען איר באַשערטן, אַ גוט דערצויגע־נעם יונגנמאַן מיט אַ שאַרף בערדל, מיט אַן אינטעליגענטיש פּאָנעם. און די מאַמע — ווי אַלע מאַמעס, צוליב וואָס, זאָגט זי, זוכן ערגעץ אין די הימ־לען אַ גאַניידן, אויב מע קאָן אים געפינען אף דער־וועלט. מע זאָל נאָר זיַין געזונט, האָבן אַרבעט און זיך פילן ווי אַ מענטש, וואָס נאָך דאַרף מען? איַי, די האָר ווערן גראָוו, דאָס אויג נאַרט אָפּ און די האַנט טוט אַ ציטער באַם אַריַינסילען אַ ביַיוועלע? נו, איז וואָס? שלעכט איז, ווען יונגע ווערן גראָוו...

מערע גלייבט אין גוטס. אויב ניט גלייבן, איז צו וואָס דאָס גאַנצע לעבן?

באַזונדערס איז זי צופרידן מיט פּעטיען. אַלץ איז אף אים ווי אָנגע־מאָסטן. ער איז הויך און שטאַלטנע. פונעם טאַטן האָט ער געיאַרשנט זיַין גוורע און שיינקיַיט. די נעשאָמע איז באַ אים דער מאַמעס. עס איז עפּ־שער אפילע אַ זינד אזוי צו טראַכטן, פאַר די ליפּן וועט זי עס קיינמאָל ניט ברענגען, נאָר אזוי איז עס.

היַינט איז פּעטיע געקומען מיט אַ ניַיס. ער וויל פאָרן קיין אָדעס. ער וויל זען דעם יאַם. די צוויי יאָר, ביז מע וועט אים נעמען אין אַרמיי, וועט ער אָן אַרבעט טאָן פאַר אַ דאָקער אין פּאָרט. טאַקע אַ שיין וואָרט „דאָקער", נאָר אויב זי האָט ניט קיין טאָעס, איז עס דער זעלבער טרע־גער, נאָר באַ שיפן. אַוואַדע וואָלט זי אים געקאָנט זאָגן, אז אויך דער דניעפּער איז גענוג ברייט און שיין. און וויפל איז דער שיר צו שלעפּן זעק? נאָר וואָס איז די נאַפּקעמינע. זי זעט, אז צום געזונט, כאַלילע, שאַדט עס אים ניט. צום לערנען אין אַרבפאַק אויך ניט. דעם עמעס גערעדט, האָט ער שוין פון לאַנג געוואָלט גיין דינען. ס׳כאָלעמט זיך אים, אז ער וועט ווערן אַ קאָמאַנדיר. דעמלט האָט מערע אים אָפּגערעדט. זאָל ער צוּוואַרטן, ביז עס וועט דערגיין צו זיַין עלטער. דאַן האָט ער געפאָלגט. דאַרף מען, וויַיזט אויס, דאָס מאָל אים נאָכגעבן. זאָל ער אַ קוק טאָן אף דער וועלט און די וועלט אף אים. אין אָדעס איז זי געווען. אַ שיינע שטאָט. און עפּשער וועלן זיי טאַקע זיך אייננער דעם אַנדערן געפעלן.

## „פּעטיע, איך האָב דיך ליב!"

— אָראַנסקי!

— יאָ, כאַווער פּאָליטרוק!

— פּיאָטער אָראַנסקי! קיינער פרעגט באַ איַיך ניט יאָ צי ניין. איר

האָט באַדאַרפֿט אופּשטיין, אַ קלאַפּ טאָן מיט די אַפּצאַסן, צולייגן אַ טאַזוי די האַנט צום דאַשעק און ראַפּאָרטירן: איך הער, כּאַוואַר פּאַליטרוק! — און שוין ווייכער: אײַך וועט דאָך זײַן בעסער, אויב איר וועט וואָס גיכער זיך אָפּגעוווינען פֿון די ציווילע פּירעכצן. קלאָר?

— קלאָר, כּאַוואַר פּאַליטרוק!

די רעדער קלאַפּן אין די רעלסן, און דער וואַגאָן קרעכצט און טרייסלט זיך פֿון אַלטקייט. פּאַרטאָן אין זײַנע געדאַנקען, באַמערקט ניט פּעטיע דאָס לעצטע זוניקע גאָלד אויף די ביימער־קרוינען, די ראַשיקע סטאַנציעס און האַלב־דרעמלענדיקע פּאַלוסטאַנקעס, וואָס יאָגן אַנטקעגן דעם צוג צוזאַמען מיט די בלויע ביין־האַשמאַשעסדיקע שאָטנס.

אין טיראַספּאָל, אין סאַמע מיטן פֿון ווינטער — אין אַ פּראָסטיקן אָוונט, ווען די שטערן לויכטן באַזונדערס העל, האָט דער זעלבער פּאַליטרוק באַ־געגנט דעם קאַוואַלעריסט אַראַנסקין שפּאַצירן מיט אַ מיידל באַם דניעס־טער. פּעטיען האָט זיך זייער ניט געוואָלט אָפּשטעלן, נאָר יענער האָט אים אַ ווונק געטאָן, האָט ער גלײַך אָפּגעלאָזט דעם מיידלס האַנט און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צום פּאַליטרוק.

— אַראַנסקי! — האָט דער פּאַליטרוק קלוימערשט בייז אים אַ מאַך גע־טאָן מיטן פֿינגער. — איבערלאָזן אַזאַ שיין מיידל איז געפֿערלעך. מע קאָן זי נאָך בײַ דיר אויסכאַפּן. דו זעסט, ווי כּעוורע אין בודיאָנאָווקעס פּאַר־קוקן זיך אויף איר. קום, וועסטו מיך באַקאַנען.

— פּירע, אַנטשולדיק, דאָס איז...

— קאַטשורא, איוואַן דעמידאָוויטש, — האָט דער פּאַליטרוק זיך אַליין פֿאָרגעשטעלט.

— מיך רופֿט מען פּירע.

— דאָס ווייס איך שוין. אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך אײַך אַ ביסל באַגלייטן. אין עטלעכע טעג אַרום פֿאָרן מיר מיט אַראַנסקין אַוועק.

— וווּהין? — האָט דאָס מיידל אָנגעכאַפּט פּעטיען פֿאַר דער האַנט.

ס׳איז פֿאַר אים אַליין געווען אַ נײַס, נאָר איר האָט ער אומצופֿרידן געענטפֿערט:

— וווּהין מע וועט באַפֿוילן.

פּירע איז אַ באַרויִקטע אָפּגעטראָטן אין אַ זײַט, און פּעטיע, ווי ער וואָלט זיך געפֿונען צווישן צוויי פֿײַערן, איז געשטאַנען אין דער מיט און געפֿינטלט מיט די אויגן. דאַכט זיך, אויך איוואַן דעמידאָוויטש וואָלט זיך באַדאַרפֿט פֿילן אומבאַקוועם, נאָר ניין, וואָס געטראַכט — דאָס געזאָגט:

— פּירע, איר זײַט, ווײַזט זיך אַרויס, גאָר פֿון יענע, וועלכע מע רופֿט זיי באַרישניעס. וואָס איז אַזוי גרויס דער באַרויִקעניש? פּעטיע האָט אײַך ריכטיק געענטפֿערט. ער איז בײַ אונדז איינער פֿון די בעסטע קאַוואַלע־ריסטן אין עסקאַדראָן. לאָזט אים נאָר, וועט ער אין רעכטן גאַלאָפּ אײַך אופֿהייבן פֿון דער ערד און פֿאַרטראָגן העכער די וואָלקנס. מיר שיקן אים זיך לערנען אין דער פּראָסקוראָווער קאַוואַלעריע־שול. איז אָט ווייסט איר שוין דעם אַדרעס, וווּהין אים שיקן בריוו. הײַנט אַז מע דאַרף נאָך דערצו ניט קיין פּאָשט־מאַרקעס... נו, נו... ווידער ווילט איר אונדז דערווײַזן, אַז איר זײַט אַ קאַפּריזע קאַלע. ווידער אָנגעבלאָזן די ליפּן. ערנוואָרט,

טוט בעסער אַ שמייכל. ווען איך האָב אַזוינע ציין, ווי איר, וואָלט איך געשמייכלט פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס. מער וועל איך אײַך ניט שטערן,— האָט ער אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן.

— כאַוועך קאַטשורא, איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, נאָר איך האָב מוי־רע, אַז פּעטיע וועט ווידער אָף מיר שרײַען.

— פרעגט, פּירע.

— איר פאָרט צוזאַמען?

— ניין, איך פאָר אין אַקאַדעמיע, נאָר מיר וועלן זיך מיט אים נאָך טרעפן. די ערד איז דאָך קײַלעכדיק... אָף ווידערזען!

מיט אַ געפּילדער שליטלען זיך פון בערגל די קינדער. עס סקריפּעט דער שניי, דאָס פרעסטל צופּט בא די פינגער. נאָר פּירע האָט פאַרגעסן אין דער מופּטע, וואָס באָמבלט זיך אָף אַ שנירל. פּעטיע נעמט יעדער ווײַלע אירע הענט אין זײַנע און טוט זיי פאַרזיכטיק אַ רײַב, אָדער ער טראָגט זיי גאָר צו צום מויל און בלאָזט אָף זיי. דער אָטעם זײַנער איז אַזאַ ווארעמער, אַז אין די שפּיץ פינגער פאַרגייען זאַשפּערעס און דאָס הארץ צאַפּלט פון פרייד. גלײַך אַנטרינען אַלע פאַרדראָסן. און כאָטש ער איז נאָך מיט איר, נאָר זי בענקט שוין נאָך אים. זי טראַכט מיט שרעק, וואָס וועט זײַן, אַז ער וועט אַוועקפאָרן, ער — איר בעסטער, איר שענסטער.

— פּירע!

— האַ?

— קאַטשורא איז דיר געפעלן געוואָרן?

— ווער, זאַגסטו?

— קאַטשורא, מײַן פּאָליטרוק.

— ניין. פון דער ערשטער רעגע האָב איך אים פײַנט באַקומען, ווי ביטערזאַלץ.

— פאַרוואָס? — ער לאָזט ארויס אירע הענט פון זײַנע.

— דערפאַר! — פאַרבײַסט זי אין אַנגעבלאָזענע די אונטערשטע ליפּ און נעמט דרעליעווען מיטן אָפּצאַס דעם פאַרגליווערטן שניי.

— אויב אַזוי, האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו ריידן.

— דאַרף מען ניט.

פּעטיע קלײַבט זיך שוין אויסדרייען און אַוועקגיין, נאָר ער דערזעט, ווי אַ טרער גאַנוועט זיך בא איר ארויס און רינט איבער דער באַק.

— פּירע!

— שוין דאָס נײַנצעטע יאָר, ווי מע רופט מיך פּירע. אייניקע רופן מיך אַפילע פּירעטשקע.

— צו געזונט. מעגסט זיך אַפילע קושן מיט זיי.

— אוואַדע מעג איך. איך בין אָף זיך אַליין אַ באַלעבאָסטע. און דו? אויב קאַטשורא וועט דיר הייסן זיך ווארפן אין וואַסער — איז אין וואַסער, אין פײַער — איז אין פײַער. האָט ער געוואָלט, האָט ער אײַך, ווי די ארעסטאַנטן, פאַרשפּאַרט אין קאַראַנטין. ס'גלוסט זיך אים, לאָזט ער אײַך אָפּ איין מאָל אין וואָך, עלע ניט, זיצט איר אין די קאַזאַרמעס. הײַנט האָט זיך אים פאַרוואָלט דיך אָפּשיקן אין פּראָסקוראָוו, איז אָפּגעשיקט. ער זעט דאָך, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ לעמעשקע. איך כידעש זיך נאָר, וואָס ער

האָט דיר ניט באַפוילן נעמען דעם וועג און מיר ניט פאַרגעלייגט זיך דורכגיין מיט אים אין קינאָ.

ווען מע איז פאַרליבט, קאָן מען לאַנג ניט זײַן אין כּעס. נאָר אירע לעצטע ווערטער האָבן אים אַ שניט געטאָן ביז ווייטעק. דאָס וועט ער אפילו איר ניט מוחל זײַן. ער וועט זי אָפּפירן ביז איר הויז, און דערנאָך גייט ער אַוועק, ווי די קאָוואַלעריסטן זאָגן: „אַליור טרי קרעסטאַ".

באַם געזעגענען זיך פאַרוואַרפט זי דעם קאָפּ אַף הינטן — זאָל דער ווײַסער פּוכיקער שנײ איר פאַלן גלײַך אין פּנים אַרײַן. דערנאָך טוליעט זי זיך צו צו אים, קוקט לאַנג מיט אירע שײַנענדיקע אויגן און דרייט די געשײַערטע קנעפּ פון זײַן גראָבן געוואַנטענעם שינעל. מיטאַמאָל פרעגט זי:

— קנעפּ! אײַער באַלעבאָס האָט מיך ליב? וואָס שווײַגט איר, ענטפערט!

— וואָס זאָלן זיי דיר ענטפערן, אויב איך אַליין ווייס ניט.

— וואָס זשע ווייסטו יאָ?

— איך ווייס, אַז דו ביסט די שענסטע אין דער וועלט.

דעם קאַפּריזן מיידל איז עס אָבער קנאַפּ. זי ווייסט שוין, אַז גוטס טאָר מען ניט איבערלאָזן אינמיטן וועג. ער מוז איר צוזאָגן, אַז ער וועט טאָן נאָר אַזוי, ווי זי וועט וועלן. פּעטיע טוט זיך אַ דריי אויס אַף די אָפּצאַסן און גייט אַוועק. לויפן לויפט ער ניט, און דער ווינט באַווײַזט נאָך דערטראָגן צו אים, ווען ער איז שוין באַלד באַם ראָג:

— פּעטיע, פּעטינקע, איך האָב דיך ליב!

דער ווינט, וואָס האָט צעכראַסטעט די פּאָלעס פון זײַן לאַנגן קאַוואַלעריסטישן שינעל, האָט צוזאַמען מיט די קלאָר־ווײַסע שניילעך אונטערגעכאַפּט אירע ווערטער, פאַרדרייט זיך מיט זיי אין אַ ווילדן קאַראַהאָד און הויך איבער די דעכער, איבער די נאַקעטע ביימער אַוועקגעטראָגן זיי צום פאַרפרוירענעם דניעסטער, צו דער נאָענטער גרענעץ, געלאָזט זיי שפּאַצירן איבער גאָר דער וועלט.

פּעטיע האָט פאַרצויגן דעם רימען. פון דער אָנגעלאָפענער וואַרעמקײַט קאָן זיך טאַקע פאַרדרייען דער קאָפּ, נאָר ער וויל ניט זײַן געראָטן אין די לופטיק־לײַכטע שניילעך. קיינער וועט אים ניט אָפּרײַסן פון דער ערד.

## ווי אַ גיפטיקע שלאַנג

פאַרגליווערט ליגט דער ווײַסער צודעק אונטערן גרויען ווינטערדיקן הימל. ווען עס באַווײַזט זיך די זון, הייבט אָן יעדעס שניילעלע באַזונדער אַזוי שעמערירן, אַז ניט ווילנדיק פאַרזשמורעסטו די אויגן. דאָס איז ניט דער פּוכקער שניי פון זײַן וואַרעמער היים, צו וועלכן, אַז דו ריִרסט זיך צו, סטײַעט ער ניט.

וואָס איז דאָ אונטער די שניי־הורבעס? דאָס ווייסט ער ניט. ער ווייסט עס ניט, ווײַל ער האָט די היגע ערד קיין „נאַקעטע" קיינמאָל ניט באַטראַכטן און ניט געזען.

דער ווינט, וואָס וויגט די קרוינען פון די סאָסנעס און יעלן, האָט פאַרברוינט זײַן פּאָנעם, די הויט איז ווי געקאַרבט לעדער. דער פעלץ, אָנגעטאָן אַף דער פּופּײַקע, און די וואַליקעס ראַטעווען ניט פון דער שנײַ־דיקער קעלט. עס העלפן אויך ניט די וואָלענע שקאַרפּעטקעס, די הענטש־קעס און דער שלעם, וואָס די מאַמע האָט אויסגעשטריקט און אים צו־געשיקט.

ניט ווײַט פון דער פאָדערשטער פּאָזיציע שטייט אַ כוטאָר. דאָס גרויסע הויז איז טונקל־רויט. אין אַן אַנדער צײַט וואָלט ער מיסטאָמע באַמערקט, ווי אָט דער קאָליר פּאַסט זיך אַרײַן אין דער גרויסאַרטיקער און שטרענ־גער לאַנדשאַפט. איצט איז די שטוב גאָר קיין שטוב ניט, נאָר אַ פעסטער בלינדאַזש, פונוואַנען עס צעגייען זיך אין אַלע זײַטן זיגזאַגאַרטיקע טראַנ־שייען. אין פעלד־בינאָקל קאָן מען זען, אַז פון בוידעם שטעקט אַרויס אַ רער פון אַ קוילנוואַרפער. די פענצטער זײַנען ניט נאָר פאַרקאָוועט אין אײַז, זיי זײַנען נאָך פאַרצויגן מיט שוואַרץ פּאַפּיר.

דער באַלעבאָס פון כוטאָר איז, מעגלעך, דער סנײַפּער מיט די קורצע שטעכיקע וואָנצעס, וואָס האָט, ווי אַ קוקאַווע, זיך פאַרקליבן אַף אַ גע־דיכטן בוים און לאָקערט נאָך די רויטאַרמייער. איינעם אַזאַ „פויגל” האָט אָראַנסקי אונטערגעשאָסן און דערנאָך אַליין אים איבערגעבונדן.

ווי אַלע קאַוואַלעריסטן, האָט אויך אָראַנסקי ליב געהאַט זײַן פערד מיט דעם שלאַנקן אויסגעבויגענעם האַלדז און די „ווײַסע זאָקן” אַף די פיס. דערזעענדיק זײַן באַלעבאָס, פלעגט דאָס צעפּאָלאָשעטע פערד אויפ־הייבן דעם קאָפּ נאָך העכער, ווי עס וואָלט אים וועלן באַגריסן. זיי האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. אַ שאָד, וואָס דאָ איז דאָס פערד ניטאָ. איצט ליגן לעבן אים גאָר אַ פּאָר אָנגעפּרוירענע ליזשעס. אַז מע רירט זיך צו צו זיי, ווערט די קעלט צוויי מאָל שטאַרקער.

שוין באַם סאַמע סאָף פון דער פינלענדישער מילכאָמע איז אָראַנסקי שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. עס האָט ערגעץ אַ הוקע געטאָן אַ מינענוואַר־פער, אַ שטיק פײַער האָט אַ בלענד געטאָן, און אָראַנסקי איז געבליבן ליגן אָפּן שניי מיט אַ שפּליטער אין קאָפּ. צוערשט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קאָפּ איז אים געוואָרן אומגעהייער גרויס און שווער. מיט אַ קאַנאָ־נאַדע־געהילך רײַסט זיך פון שאַרבן דער מאַרך. ער וואָלט אים געוויס דערזען, ווען ער איז בעקויעך אופהייבן די שווערע אויגן־לעפלעך.

פון גראָבע צווײַגן האָט מען געמאַכט אַ טראָגבעטל, עס אוועקגע־שטעלט אַף צוויי פּאָר ליזשעס, און אַזוי קוים אַ לעבעדיקן אים דערשלעפּט ביזן סאַניטאַר־באַטאַליאָן און פון דאָרט אַף אַ לאַסטמאַשין אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ געדיכטן סאָד ווײַט פון דער פראָנט־ליניע.

נאָך געדענקט ער, ווי אין עטלעכע טעג נאָך דער אָפּעראַציע איז צו אים געקומען די מאַמע. זי איז געזעסן לעבן אים. אירע אויגן האָבן זיך געטרונקען אין טרערן, מיט אַ פּײַכט שטיקל מאַרליע האָט זי באַנעצט זײַנע איבערגעטריקנטע ליפּן, געוואַשן דעם גומען און פאָרזיכטיק געפּאָיעט מיט יויך.

ער פלעגט נאָר אַ טראַכט טאָן, אַז ער דאַרף איר עפּעס זאָגן, האָט זי שוין זיך אָנגעבויגן צו אים און צוגעלייגט די האַנט צום אויער. גערעדט האָט ער אַזוי שטיל, אַז פֿון אָנשטרענגונג עפּעס צו דערהערן פֿלעגט אַף איר שטערן אויפֿלויפֿן אַ בלויער אָדער.

ווען ער האָט שוין געקאָנט אויפֿהייבן דעם קאָפּ פֿון קישן און האָט זיך אַפֿילו געפּרוּווט דערקלײַבן צו דער טיר, איז צו אים געקומען קאַטשורא.

אַ פֿאַרשיקערנדיקער שטראָם לופֿט, אָן אָנגעזאַפּטער מיטן רייעך פֿון ליפּע־צוויט, איז געפֿלאָסן דורך דער אָפֿענער פֿאַרטקע. אין דער נעסט אַפֿן ברייט־פֿאַרצווײַגטן בוים, צו וועלכער ער פֿלעגט זיך צוקוקן אין די פּוסטע שאָען פֿון ליגן און ניט וויסן, וואָס מיט זיך צו טאָן, האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעפּיקט פֿייגעלעך און איצט געלערנט זיך פֿליִען. אין אַזעלכע שאָען ווילט זיך גאָרנישט ניט הערן, ניט נאָר קיין הויך קאָל, און דאָ דער־ציילט איוואַן דעמידאָוויטש אַזוינס, וואָס טוט אַ קאַלופּע באַם האַרצן און דערמאָנט אין דעם גרילצן פֿון טאַנקען און קנאַלן פֿון האַרמאַטן.

— אין אַפּרעל האָבן זיי אַ טרייסל געטאָן סקאַנדינאַוויע און ליַיכט פֿאַרכאַפּט דענעמאַרק און נאָרוועגיע. ווייסטו דאָך, ברודערקע, אַז דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. אין אָנגריף איז איבערגעגאַנגען זייער מײַרעוו־פֿראָנט און גיך אײַנגעשלונגען די נידערלאַנדן און בעלגיע. די פֿראַנצוי־זישע אַרמיי איז צעקלאַפּט. אַ פֿאַראַטענע פֿון די פֿאַרקויפֿטע גענעראַלן, טרעט זי אָפּ און קאָן זיך ניט אָפּשטעלן. די מאַזשינאָ־ליניע, וואָס האָט אָפּגע־קאָסט די פֿראַנצויזן פֿינף מיליאַרד פֿראַנק, די אַלע הונדערט פּופּציק קי־לאָמעטער בעטאָן־קאַזעמאַטן, שטאָלענע טורעמס, אונטערערדישע גאַלע־רייעס, וועלן איצט צוניץ קומען סײַדן פֿאַר ווײַנקעלערס. די פֿאַשיסטן, אַ פּײַער אַף זיי, וואָס האָבן זיי געדאַרפֿט קריכן אַף אַזאַ פֿעסטונג? זיי זײַנען בעסער געגאַנגען דורך בעלגיע.

אָראַנסקי האָט זיך אויפֿגעהויבן אַף די עלנבויגנס.

— וואַרט, וואַרט, פּיאָטער, דו ווילסט פֿרעגן, וואָס טוען די ענגלענ־דער? אַז זיי האָבן דערזען, אַז עס האַלט שמאָל, האָט זייער מיליטער אין פֿראַנקרײַך, אין בעלגיע אַלץ אַוועקגעוואָרפֿן און זיך אַ ריס געטאָן אַהיים. דאָס איז זיי אויך אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם. איצט, ווען זיי זײַנען געבליבן אויג־אַף־אויג מיט די דײַטשן, וועלן זיי, מעגלעך, פֿאַרשטיין, וואָס זייער טשעמבערלען האָט אָפּגעטאָן אין מינכען.

אַף דער שוועל פֿון דער ווײַס־געפֿאַרבטער טיר האָט זיך באַוויזן דער פֿעלדשער — אַ נידעריק בלאָנד באָכערל, וואָס פֿלעגט ניט פֿאַרשפּיליען דעם כאַלאַט, קעדיי מע זאָל זען די נײַינקע געלע פּאַרטופּייע. די קוביקעס און שפּאַלעס פֿון זײַנע פּאַציִענטן האָבן באַ אים אַרויסגערופֿן גרויס אכ־טונג. דעם פֿליִער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַף די מיליצעס און זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט ער צוגעפּירט צו זײַן בעטל און דעם גאַסט („זע נאָר, צוויי שלאַכט־אָרדענס״) האָט ער אַ ביסל אין פֿאַרלעגנ־הײַט באַוויזן אַפֿן וואַנטזייגער.

— זײַ רויִק, — האָט אים איוואַן דעמידאָוויטש אָפּגעענטפֿערט, — איך ווייס ניט ערגער פֿון דיר, מיט וואָס פֿאַר אַ זאַלב מע דאַרף זיי היילן. מע

דארף קענען טיילן ניט נאָר פרייד. אז מע האָט ניט געטאָרט, בין איך ניט געקומען, — געקומען איז די מאמע. און הײַנט לאָז אויסריידן דאָס הארץ.

דער פעלדשער האָט אים געפאָלגט, נאָר דער שטענדיקער שמייכל זײַנער איז מיטאמאָל פארשוווּנדן. הער א מײַסע, כידושים און גאָר. קאָמיסארן, האָט ער געמיינט, זײַנען שטענדיק האָפערדיק. דער טראָגט אויך א זײַדן שטערנדל אפן ארבל, און געזונט, זעט מען, איז ער, נאָר עס יאטערט בא אים אין הארצן א ווונד, וואָס צו קיין דאָקטער, ווײַזט אויס, גייט מען ניט מיט איר. איז ער געקומען צו זײַן כאווער, וואָס ליגט, ווי אן אונטערגעשניטענער דעמב, זיך לײַכטער מאכן דאָס הארץ.

דער פליִער וויל וויסן, פונוואנען קומט עס צו די פאשיסטן אָט די מאנקאָליע — דער ראסיזם.

קאָטשורא צעשפיליעט זײַן פעלדטאש, נעמט ארויס א בוך.

— איר ווילט, כעוורע, וועל איך אײַך איבערלייענען, וואָס היינריך היינע האָט וועגן דעם געשריבן נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק. הערט, אָבער שטיל זאָל זײַן: „א מאָדנע זאך! ניט געקוקט אף זייער אמעראצעס, האָבן די אזויגערופענע אלטגערמאנער איבערגענומען בא דער דײַטשישער געלערנטקײַט א געוויסן פעדאנטיזם, וואָס איז פונקט אזוי עקלהאפט, ווי לעכערלעך. מיט וואָס פאר א מין קליינלעכער גריבלערײַ מע האָט עס געכקירעט וועגן דעם, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די סימאָנים פון דער דײַטשישער נאציאָנאליטעט, ווו הייבט זיך אָן א גערמאנער, ווו לאָזט ער זיך אויס! אין א ווײַנקעלער אין געטינגען האָב איך איינמאָל באוווּנדערט, מיט וואָס פאר אן ערנסטקײַט מײַנע אלטגערמאנישע פרײַנט האָבן גערייט שווארצע צעטלען פאר יענעם טאָג, ווען זיי וועלן נעמען די מאכט אין זייערע הענט. ווער עס האָט נאָר, זאָל זײַן אינעם זיבעטן דאָר, געשטאמט פון א פראנצויז, פון א ײִדן צי פון א סלאווו, איז פארורטיילט געוואָרן פארטריבן צו ווערן".

ווי איר זעט, האָט מען שוין דעמלט געזוכט און קלוימערשט געפונען א טערעץ, פארוואָס מע מעג און מע דארף פאָרן רײַטנדיק אף די „פרעמדע" און „נידעריקערע" פעלקער, פארכאפן נײַע לענדער און פארוואנדלען זיי אין קאָלאָניעס. אוואדע האָט דער פאשיזם פארטיפט און פארברייטערט די „ראסן־טעאָריע", פון וועלכער עס האָבן אזוי געלעקט די פינגער זײַנע בלוטדאָרשטיקע אורעלטערן. איז כידעשט זיך ניט און מיינט ניט, אז די היטלעראָווצעס זײַנען פון הימל ארויפגעפאלן.

דער דריטער אין דער פאלאטע איז אן אינזשעניער, א סאפיאָר. ער איז ארוף אף א מינע, און איצט סטארטשעט בא אים די איבערגעבונדענע פארגליווערטע האנט, ווי א פליגל פון אן עראָפלאן. ער האָט צוגערוקט נעענטער דעם טאבורעט, אף וועלכן ער איז געזעסן, און זיך געווענדט צו איוואן דעמידאָוויטשן:

— אף די נאָענטע און ווײַטע שכיינים האָב איך אויך פריִער ניט שטארק זיך פארלאָזט. מיר ווייסן, ווער עס האלט דאָרט דעם רודער אין די הענט. נאָר וואָס קלײַבן מיר זיך טאָן?

אָראנסקי האָט מיט אומרו אים איבערגעשלאָגן און פארענדיקט זײַן געדאנק:

— ווער זשע, אויב ניט מיר, וועט אָפּהאַקן דער גיפּטיקער שלאַנג דעם קאָפּ?

— זעסטו, פּיאָטער, איך פּאָר טאַקע פון אַ סעמינאַר, נאָר ניט וועגן אַלץ האָט מען אונדז דערציילט. מיט וועלכן וועג דער פאַשיזם זאָל זיך ניט רוקן פאָרויס, וועלן מיר, און ניט עמעצער אַנדערש, אים מוזן אָפּ־שטעלן און פּלעטן דעם קאָפּ. די ערד איז דאָך קײַלעכדיק, האַ, פּיאָטער?

אין מאָסקווע איז אָראַנסקי גלײַך פונעם לענינגראַדער וואָקזאַל אוועק־געפאָרן אין האָטעל באַם הויז פון דער רויטער אַרמיי. אָבער אַלע נומערן זײַנען געווען פאַרנומען צוליב דער פאַרשטייענדיקער פיזקולטור־אָלימפּי־אַדע. פאַרפאָרן צו זײַנע ווײַטע קרויווים האָט זיך אים ניט געגלוסט. איז ער געשטאַנען אין פאַרלעגנהײט, ניט געוווסט, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. פּלוצעם האָט ער אין שפּיגל דערזען, ווי איבערן קאַלירטן טעפּיך, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף די ברייטע טרעפּ, שפּאַנט דער געוועזענער מיליטערי־שער קאָמענדאַנט פון זאַטישיע, וווּ ער האָט געדינט, — געאָרגי ניקאָלאַדזע.

— אַ שאָק מיט יאָרן זיך ניט געזען, — האָט ניקאָלאַדזע אים אַנטקעגן אויסגעשטרעקט די הענט און זיך צעשמייכלט אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן באַשטעטיקן, אַז אויף אַלע זײַנע צוויי און דרײַסיק ציין איז ניטאָ קיין איין פּגאַם, — קום אין רעסטאָראַן. צוליב אַזאַ באַגעגעניש איז קעדײַ אויס־טרינקען און פאַרבײַסן.

— אַ דאַנק. איך דאַרף פריִער געפינען אַן אָרט, וווּ דעם קאָפּ צוצו־שפּאַרן.

— אײַ ווײַ! פון אַלץ, טײַערער, מאַכסטו אַ וועזן. פאַרגעסט, אַז אונד־זער לעבן איז אין פאַרגלײַך מיט דער אייביקײַט איין אויגנבליק. טו אַ ווונק צו אָט דער פרײַלן, וואָס זיצט באַם טיש און פאַרבט די ליפּן. זי וועט דיר אָפּגעבן אַ גאַנצן שטאָק.

— שוין גערעדט מיט העכערער נאַטשאַלסטווע. אפילו קיין בעטל אין צוזאַמענוווינונג איז ניטאָ.

— מיט „נאַטשאַלסטווע" האָט ער גערעדט! דו ביסט נאַיִוו, ווי אַ קינד. פאַרלאָז זיך בעסער אויף מיר...

די טישן אין רעסטאָראַן זײַנען געדעקט מיט ווײַסע אָנגעקראָכמאַלעטע טישטעכער. אויף יעדן טיש פרישע בלומען, קרישטאָלענע קעלישעקלעך, פּוזשערן. אָראַנסקי האָט געגומען שטודירן די מעניו. אויף דער ערשטער זײַט זײַנען אויסגערעכנט די קאַלטע מײַכאָלים און צובײַסנס — אָן אַ שיר סאַלאַטן: מיט אייער, מיט פלייש, מיט ווורשט, מיט קראַבן. דאָס אַלץ, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, איז קיין עסן ניט. ער האָט איבערגעהיפּערט די סאַ־לאַטן און בוליאָנען און ווידער גענומען לייענען: בעפסטראַגאַנאָוו, ביפּ־שטעקס, לאַנגעט, באַסטורמאַ. גאָט מײַנער, מע קאָן מיינען, אַז דער רעסטאָ־ראַן געפינט זיך ניט אין מאָסקווע, נאָר ערגעץ אויף אַ ווײַט אינדזל, וווּ מע רעדט אויף אַזאַ מאָדנער פויגלשער שפּראַך.

— דו, פּיאָטער, ווילסט, ווײַזט אויס, אויסכאַזוערן די מעניו אויף אויס־ווייניק, זאָרג זיך ניט. איך האָב שוין אַלץ באַשטעלט. וואָס וועסטו טרינ־

קען — בראנפן, צינאנדאלי? — און ניקאָלאַדזע האָט געגומען מיטן גרײַצער אופקאָרקעווען די פלעשער.

— שאַמפּאַניער.

— וואָס? דו מיינסט, איך געדענק ניט, ווי אין זאַטישיע, אויפן וואָקזאַל, האָסטו אויסגעזשליאָקעט א האַלבן ליטער בראנפן, פאַרביסן מיט א זויער־רער אוגערקע און דערנאָך זיך געזעצט מיט מיר שפּילן א צווייטע פּאַרטיע שאָך? דאַכט זיך, דו האָסט זי אפילו געוואונען.

— מיסטאָמע פאַרשפּילט. דערווײַל טאָר איך ניט טרינקען. איך פאָר פון שפּיטאָל.

— גאָר פאַרגעסן. אײַער דיוויזיע איז דאָך געווען אויפן פינישן פראָנט. מע זאָגט, ס'איז דאָרט געווען גוט הייס. דערצייל.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? דאָרט איז געווען גוט קאַלט.

— באַ דיר, פּיאָטער, איז הײַנט א שלעכטע שטימונג. דו מיינסט, מע וועט דיך באַפרײַען פון דער אַרמיי?

— ניין. וועגן דעם קלער איך ניט. איצט איז ניט אַזאַ צײַט. וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? טרינק!

— זאָרג זיך ניט, די דײַטשן וועלן מיט אונדז זיך ניט אָנהייבן. זיי האָבן ליב צו שלאָגן זיך מיט שוואַכינקע, נאָר אויב זיי וועלן נעמען קריכן צו אונדז, וועלן מיר זיי אָט אַזוי־אָ! — געאָרגי האָט מיטן גאָפּל אָנגעשטאָכן עטלעכע ריפּטלעך קעז. — די יאַפּאַנער וועלן זיי קומען צו הילף? — ער האָט אָנגעסילעט אויפן גאָפּל דאָס לעצטע ריפּטעלע קעז. — די איטאַליענער וועלן מיר באַוויזן א פויסט און אָנשרײַען: זיצט אײַך, מאַקאַראָניקעס, אין אײַער פלאָרענציע, אַניט וועלן מיר אײַך באַווײַזן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. וואָס שמייכלסטו? דו מיינסט, איך בין שוין שיקער? צי עפּשער האָבן דיך די פינען אַזוי אָנגעשראָקן, אַז ווען ס'קליאַמצען גאָפּלען, מיינסטו, אַז דאָס זײַנען ביקסן?

— קיינער האָט מיך ניט אָנגעשראָקן. נאָר איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט קליגער. צום אומגליק, פעלן ניט אויס באַ אונדז אַזעלכע קאַפּמענטשן, ווי דו. אויף מאַכן מיט די הענט און האַלטן רעדעס איז מען גרויסע ספּעציאַ־ליסטן... הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן...

פון שכנישעדיקן טיש איז עמעצער צוגעגאַנגען, געשטאַנען א רגע און געבעטן צוזייכערן. אויף דער קײַלעכדיקער עסטראַדע, אין עק זאַל, האָבן זיך באַוויזן די מוזיקאַנטן און זיך א נעם געטאָן פאַר די קיילים: ווער פאַר דער פלייט, ווער פאַר דעם פויק מיט די בלישטשענדיקע טאַצן. אָנגעהויבן האָבן זיי פון „קאַטיושאַ".

— פּיאָטער, איך וועל זיך צונויפריידן, און מע וועט אונדז נאָך הײַנט אַריבערפירן אין א באַזונדער צימער. מאַסקים? אונדזער געשפּרעך וועלן מיר פאָרזעצן דאָרט. איצט לאָמיר אויסטרינקען נאָך צו איין גלעזעלע פאַר דעם, אַז זײַן זאָל אַזוי, ווי איך זאָג, און ניט ווי דו. אָך, ווי מיר ווילט זיך ניט, אַז דו זאָלסט זײַן דער גערעכטער. איך וויל ניט און — באַסטאַ!

אָראַנסקין איז נימעס געוואָרן דער טומל אין זאַל, די גרויע וואָלקנס רויך, דאָס גרימפּלען פון דעם דזשאַז. עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אליין

דורכשפּאַצירן זיך איבער דער באַנאַכטיקער שטילער שטאָט. ער האָט זיך אפגיך אָפּגעזעגנט מיט ניקאָלאַדזען און איז אוועק, ווי א געיאָגטער.

לאַנג האָט ער זיך ארומגעדרייט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. אַף צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף טרובנע. אין מאָסקווע איז ער ניט צום ערשטן מאָל, און גראָד אָט דער געדיכט באַוואַקסענער מיט עלעקטרישע אָדערן אומגעלומפּערטער פּלאַץ, וואָס האָט זיך, ווי אַן אומגעריכטער גאַסט, אַרײַנגעריסן צווישן צוויי בולווארן — ראָזשדעסטווענסקי און פּעטראָווסקי, געפעלט אים מיט יעדן מאָל אַלץ מער.

די טראַמווײַען, וואָס לאָזן זיך אראָפּ־באַרג פון סרעטענקע, שטעלן זיך אָפּ און לאָזן זיך ווײַטער ניט פרײַער, ווי זיי באַקומען א האַסקאָמע פון טרובנע. זיי דערנעענטערן זיך צום פּלאַץ אזוי לאַנגזאַם און שטיל, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט מיט עפּעס דערצאָרענען אים. אָט דער אַלטער פּלאַץ, וואָס געפינט זיך ניט אַנדערש ווי אַלפּי־טאָעס אין א טאָל, געוועלטיקט איבער אַלע ארומיקע גאַסן און בולווארן.

אַז טרובנע קאָן זיך טאַקע צעווילדעווען, ווי א נאַראָוויסטע פערד, וואָס מע פירט צום ערשטן מאָל אָנזאָטלען, האָט ער אַמאָל שוין אַליין געזען. דאָס איז געווען אין אַן אָנהייב־זומערדיקן טאָג, נאָך א שלאַקסרעגן, און אָט דאָ, ווו עס שלענגלען און קרייצן זיך איבער די טראַמווײַ־רעלסן, האָט א גוטע פּאָר שאָ געבושעוועט א בייזער געוויסער און פאַרכאַפּט מיט זיך אַלץ, וואָס עס האָט געטראָפן אַפן וועג.

דאָס האָט זיך ארויסגעריסן אַף דער פרײַ פון די שטאָלענע רערן דאָס טײַכל נעגלינקע און האָט ווילד געהוליעט, ביז מע האָט עס ניט צוריק פאַרטריבן אין זײַן רו אַרײַן.

ווידער האָבן אין דער בלוילעך־באַנאַכטיקער לופט געהילכט זײַנע טריט איבערן שטיינערנעם ברוק. א פאַרשפּעטיקטע דורכגייערין, וואָס איז ארויס אַנטקעגן פון צוועטנאָי בולוואַר, האָט אַף א רעגע זיך פאַרהאַלטן, נאָר דערזען, אַז עס גייט א מיליטערמאַן, האָט זי זיך, ווײַזט אויס, באַרויִקט און מיט דריבנע, שנעלע טריט געגומען מעסטן דעם טרובנע־פּלאַץ.

עס האָט זיך דערהערט אַן איבערוף פון קלאַנגען:

— טאָפּ־טאָפּ!

— צאָק, צאָק, צאָק!

אָראַנסקי האָט זיך אויסגעגלײַכט, ווי עס פּאַסט פּאַר א קאַוואַלעריסט: טאָפּ! טאָפּ! און פונדערווײַטנס א ביסל שטילער האָט אָפּגעענטפערט: צאָק, צאָק, צאָק...

די עלעקטרישע פײַערדיקע אויסיעס איבערן צירק, וואָס גיבן צו וויסן, אַז דאָ איז ער טאַקע, דער צירק, זײַנען שוין געווען אויסגעלאָשן. לעבן דער אָפּגעברענטער קײַלעכדיקער געבײַדע, וואָס שטייט דערנעבן, שושקעט זיך א פאַרליבט פּאָרל. באַם צענטראַלן מאַרק זיצט אַף אַן איבערגעקערטער פאַס דער וועכטער און דרעמלט. אָנגעטאָן איז ער, ווי אין דרויסן וואָלט געסמאַליעט א פראָסט.

ביז סאַמאָטיאָקע באַגעגנט פּיאָטער מער קיינעם ניט. נאָר איבער סאַדאָוואָיע קאָלצאָ אײַלט א מאַשין פון „גיכער הילף". וואָס הודיעט זי אזוי? דער וועג איז דאָך פרײַ און קיינער שטערט איר ניט צו יאָגן אַפילע מיט

דער גרעסטער שנעלקייט. מיסטאַמע איז עמעצן זייער שלעכט און מע פירט אים אין סקליפאַסאָווסקי־אינסטיטוט, און עפשער דאַרף געבוירן ווערן א נייער מענטש און דאָס קרעכצט אַזוי די מאַשין צוזאַמען מיט דער קימפּעטאָרן? ווען דער מענטש וועט אויסוואַקסן, וועט ער מיסטאַמע בלויז פון אַן ענציקלאָפּעדיע זיך דערוויסן, וואָס איז אַזוינס פּאַשיזם און מיט וואָס ער האָט געדראָעט.

— כאַווער קאָמאַנדיר, גייט אָפּ אין א זייט. מיר בייטן דאָ די טראַמוויירעלסן.

— אַנטשולדיקט, איך האָב זיך פאַרטראַכט.

— עס טרעפט. מיט א פאַפּיראָס וועט איר מעכאַבעד זיין?

— ביטע. „בעלאָמאָר"[1]. אויב איר ווילט, קאָן איך אויך אונטערשטעלן א פלייצע.

— א דאַנק, מיר וועלן זיך אַליין ספּראַווען.

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט, נאָר עס שאַרזעט שוין אָף טאָג.

באַ דער שוועל פון האָטעל האָט ער זיך פאַרהאַלטן און א קער געטאָן דעם קאָפּ אָף לינקס, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן א געוואָי פון מאָטאָרן. נייינקע אויטאָמאָבילן מיט ווייסע, בייכיקע ציסטערנעס און גרויסע בערשטלעך פון דראָט האָבן זיך געלאָזט פאַרטאָג אויסוואַשן און צופוצן די הויפּטשטאָט.

דער מיליטערישער לאַגער האָט זיך צעשפּרייט אָף א לאָנקע, אַרום וועלכער עס וואַקסן גראַבעס און דעמבעס. אַראַנסקי האָט ליב דאָס זומערדיקע „לאַגער־לאַנד", און אָט שפּאַנט ער אַן אופגעלייגטער איבער דער ריין־אויסגעקערטער סטעזשקע, וואָס פירט צום שטאַב.

דער קאָמיסאַר פון פּאָלק איוואַן דעמידאָוויטש קאָטשורא האָט איבערגעגעבן, אַז ער זאָל צוּוואַרטן. דרייט ער זיך אַרום צווישן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן זיך אויך פון ערגעץ אומגעקערט און דערציילן, שטאַרק אופגערודערטע, ווי זיי האָבן „דורכגעקעמט דעם וואַלד", „אָנגעזאָטלט דעם וועג", „איבערגעמאָלט די טעכניק". אַלע זיינען זיי צופרידן. איז באַ וועמען זשע האָט מען „אָנגעזאָטלט" און באַ וועמען האָט מען „איבערגעמאָלט די טעכניק"? אַוואַדע זיינען אַזוינע אויך דאָ, נאָר גראָד זיי האַלטן זיך איצט וואָס ווייטער פון שטאַב.

דער קאָמיסאַר בעט אַריינגיין. ער איז שטאַרק אופגערעגט. פּיאָטער האָט געהערט, ווי ער האָט נאָרוואָס עמעצן געשניטן מיט ווערטער, ווי מיט דער שאַרף פון א שווערד. אַוואַדע דערפרייט ער זיך מיט אַראַנסקין. גוט, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט. אָבער אָט דער, וואָס איז דאָ ערשט געווען...

— דו פאַרשטייסט, ער האָט צוויי קינדער. דאָס ווייב אַרבעט פון פרי

[1] א מאַרקע פּאַפּיראָסן.

ביז שפּעט אין קאָלווירט. איז ניט נאָר קיין געלט, שוין העכער א יאָר, ווי ער האָט זיי קיין בריוו ניט געשיקט. דו גיב א קוק, וואָס זײַן טאָכ־טערקע שרײַבט מיר: „איך האָב אמאָל געהאַט א טאַטן און זיך געגרויסט, וואָס ער איז א קאָמאַנדיר". מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס האַרץ דאַרף בא אים אָנהייבן גליִען פון כאַרפּע, און ער שטאַמלט, לײַגט, פאַרענטפערט זיך. אים געפעלט ניט, פאַרשטייסטו מיך, וואָס זײַן פרוי איז א פּאָשעטע פּויערטע. „לאָבאָדא, — פרעג איך אים, — וואָס וואָלטן מיר מיט דיר גע־געסן, ווען ניט אָט די פּאָשעטע פּויערטע? און די מאַמע דײַנע, זאָג איך אים, איז געווען די גראַפיניע פּאָטאָצקאַיאַ? איך געדענק דאָך, ווען ער איז צו אונדז געקומען — אזא ניונטשיק אין אן אָפּגעריבענער סוויטקע און אין פּאָסטאָלעס. ער האָט קוים געוווּסט דעם אַלעפבייס. איז זײַן א טעכני־קער האָבן מיר אים אויסגעלערנט, און קיין מענטשן האָבן מיר פון אים ניט געמאַכט. איך האָב אים אַרײַנגעטײַלט, ער וועט עס אָף לאַנג פאַרגע־דענקען. נאָר ווו, פרעגט זיך, בין איך געווען פריִער? דו גיי אָרדן זיך אײַן. רו זיך אויס, און מאָרגן וועלן מיר מיט דיר א שמועס טאָן.

קאַיאָר. דאָס געלעגער איז פײַכט פון טוי. עס שמעקט מיט היי. די לופט איז קיל. נאָר גראָד אין די מינוטן ווילט זיך ניט שיידן מיטן שלאָף.

איבער דער צענטראַלער אַליי שפּאַנט א יונגער רויטאַרמייער. ער באַ־קוקט דעם לאַגער, ווי א באַלעבאָס זײַן האָב־און־גוטס. די לינקע האַנט האָט ער אָנגעשפּאַרט אין דער זײַט. אין דער רעכטער האַלט ער א גלאַנ־ציק מעשענעם טרומייט. אָט פאַרײַסט ער דעם קאָפּ און באַגריסט מיט א גוט־מאָרגן די וועלט:

— טראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! טראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ!

די טוּוועס און די ווילדגראָזן אין פעלד, די ביימער, קוסטעס און קווייטן אין וואַלד, די איינציקע ווערבע אין באַלקע און דאָס טײַכל — א דין בײַוועלע, וואָס וויל דערגרייכן צום לימאַן, — אַלע הערן, זיי גיבן זיך א שטילן ריגעווע און כאַזערן איבער:

— טראַ־טאַ־טאַ־אַ־אַ!

אָראַנסקי וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קאָלדרע. ער איז גליקלעך, ווי א קינד. ער וועט אפילו ניט מאַכן קיין באַמערקונג דעם רויטאַרמייער, וואָס טראָץ דעם סטאַטוט זינגט ער אַזוי קונציק אין טאַקט צום טראַ־טאַ־טאַ:

צע טאָבי נע דאָמאַ,
צע טאָבי נע דאָמאַ,
ווסטאַווײַ!
ווסטאַווײַ!
ווסטאַווײַ![1]

אָראַנסקי האָט שוין אָף זיך אויסגעגאָסן אַן עמער קאַלטע וואַסער, ביז רויט אָנגעריבן די פּלייצע מיטן האַרטן האַנטעך, זיך געבויגן אָף רעכטס

---

[1] ס׳איז דיר ניט אין דער היים, ס׳איז דיר ניט אין דער היים, שטיי אויף! שטיי אויף! שטיי אויף! (אוקר.);

און אױף לינקס, זיך געהױבן אױפֿן טורניק. ער האָט שױן אָפּגעגעסן פֿרישטיק, און אין זײַנע אױערן קלינגט נאָך אַלץ: „װסטאַװײַ! װסטאַװײַ! װסטאַװײַ!” — װסטאַװ![1]

נײן. דאָס װײַזט זיך שױן אים ניט אױס. אין לאַגער איז אַן אַליאַרעם. דערהערט די קאָמאַנדע, זײַנען אַלע אױפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער און שטײן געבליבן װי פֿאַרגליװערט. אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָט דער פּאָלק פֿאַרלאָזט דעם לאַגער.

און װידער אָנגעשטרענגטע טעג פֿון װאַנדער־לעבן. דאָס מאָל האָט דער מיליטערישער גורל פֿאַרטראָגן אָראַנסקין האַרט צו דער נײַער גרע־נעץ, קײן בעלץ — אַ שטאָט, װוּ יעדער צװײטער איז אַ ייִד און קימאַט אין יעדער שטוב הערט מען שטעפּן אַ נײ־מאַשין אָדער קלאַפּן אַ שוס־טערש העמערל, אױב ניט, זיצט, מיסטאָמע, די באַלעבאָסטע אין אַ קלײטל. דאָ זײַנען פֿאַראַן אַזױפֿיל קלײטלעך, אַז ס'איז נאָר צו באַװוּנדערן, װער װעמען פֿאַרקױפֿט די פֿאַרלעגערטע סכוירעס, װער װעמען גיט עס צו פֿאַרדינען אױף מאַמעליגע מיט מילך.

ייִעל געגנדלער, בײַ װעמען אָראַנסקי האָט געדונגען אַ צימער, איז געװען אַ כּעזשבנפֿירער. איצט איז ער אַ הױפּט־בוכהאַלטער אין אַן אַר־טעל און שטאַרק גרױס דערמיט. אָראַנסקין האָט ער ליב מכבד צו זײַן מיט שטאַרקער טײ און דערבײַ זיך באַרימען, אַז קײן בעסער אײַנגעמאַכטס, װי בײַ זײַן בראָכען, איז ניטאָ אַפֿילע אין קעשענעװ.

## פּרי'ער אָדעס

אײן אױפֿרײַס, אַ צװײטער. דאָס האָבן פֿון לױטערן הימל אומגעריכט זיך אַ שאָט געטאָן באָמבעס. װיפֿל דאַרף בײַ אַ געשולטן סאָלדאַט גע־דױערן דאָס אָנטאָן זיך? איצט איז יעדער רעגע לאַנג, װי דער גאָלעס. ניטאָ קײן צײַט צו געזעגענען זיך. שױן אױף דער שװעל װאָרנט אָראַנסקי די באַלעבאַטים:

— אַרױס פֿון שטוב, דערװײַל פֿאַרקלײַבט זיך אין קעלער.

— אוּ־וּ־וּ! — װאָיען די סירענעס. זײער געהױל פֿאַרטױבט דעם טראַסק פֿון די זעניטקעס און פֿאַרגרעסערט נאָך מער די פּאַניק. אומזיסט סטאַרעט זיך דער פֿאַרשפּעטיקטער צאָרע־אָנזאָגער: די צאָרע איז שױן דאָ, זי איז שױן אױף דער שװעל. דער אַליאַרעם־סיגנאַל האָט באַדאַרפֿט אָנהײבן צו גװאַלדעװען פֿאַר דעם, װי די האָרדע באַרבאַרן אין די גרינע, געפּלעקטע, װי פֿרעש, מאַסקיר־כאַלאַטן האָט צו דאָרעם און צאָפֿן פֿון יאַם פֿאָרסירט דעם פּרוט און געלאָזט זיך אױף סאָראָקע, אָרגײעװ, קעשענעװ. די סירענע האָט זיך באַדאַרפֿט לאָזן הערן, נאָך אײדער די הונדערט זיבעציק פֿײַנט־לעכע דיװיזיעס האָבן זיך אױסגעשטעלט לענגױס אונדזערע גרענעצן פֿו־נעם באַרענצעװער ביזן שװאַרצן יאַם.

---

[1] אופּשטײן! (רוס.).

איבערן שליאַך יאָגט אַ באַלעגאַלע די צעווילדעוועטע פערד. ער שמײַסט זיי אַף וואָס די וועלט שטייט. וואָס וויל ער? איבעריאָגן די מעכ־טיקע אַעראָפּלאַנען? ער ווייסט נאָך ניט, אַז באַמבעס פאַלן שוין אַף קיִעוו, זשיטאָמיר, סעוואַסטאָפּאָל, קאַונאַס...

אַראַנסקיס קוילנוואַרפער איז שוין געווען אַנגעגליט אַף ניט צוריִרן זיך, ווען היטלערס געזאַנדטער אין מאָסקווע פאָן שולענבורג האָט גע־מאָלדן, אַז דײַטשלאַנד דערקלערט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד מילכאָמע.

די ערד האָט שוין געפלאַמט און געפלאַקערט, און אין מאָסקווע האָט מען נאָך פון די היכרײידער ניט געהערט דאָס וואָרט „מילכאָמע". מע האָט אין דעם אָפּרו־טאָג זיך נאָך געקליבן אַף די אינדערפריִענדיקע ספּעקטאַק־לען. אין פיליאַל פון גרויסן טעאַטער האָט געדאַרפט גיין „דעמאָן", אין קינסטלערישן — „דער בלויער פויגל", דער קיִעווער פראַנקאָ־טעאַטער, וואָס האָט גאַסטראָלירט אין מאָסקווע, האָט געשטעלט „אין די סטעפּעס פון אוקראַיִנע".

ווען אַראַנסקי האָט, אָפּטרעטנדיק מיט זײַן טייל, זיך אומגעקערט קיין בעלץ, איז שוין די שטאָט געווען ניט צו דערקענען. בלינדע, פאַרקלאַפּטע פענצטער, אָפּגעסמאַליעטע, צעוואַלגערטע ווענט, טיפע גריבער אַף די גאַסן. דער קעלער און דאָס הויז, וווּ ער האָט געוווינט, זײַנען געווען פּוסט.

פאַרלאָזנדיק נאָך פאַרביטערטע שלאַכטן עפּעס אַ דאָרף, וואָס דעם נאָ־מען זײַנעם האָבן זיי אַפילע ניט געוווּסט, האָבן די גרענעצלער זיך פאַר־קליבן אין אַ פאַרפריִער צוגעגרייטן, נאָר פּוסטן שוצגראָבן. זיי האָבן זיך געגרייט באַגעגענען די דײַטשישע טאַנקען. נאָר פאַרוואָס הערט מען זייער הודזשען אַלץ שוואַכער און שוואַכער? זאָל עס זײַן דערפאַר, ווײַל איין טאַנק האָבן זיי מיט אַ בינטל גראַנאַטן הײַנט אונטערגעקלאַפּט? די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען דרייען זיך אַף איין אָרט מיט אַזאַ גרילץ, ווי דער טאַנקיסט וואָלט אָן אופהער געצויגן אַף זיך דאָס הענטל פון טאָרמאָז.

אַף די שוצגראָבנס פּיקירט אַ סטײַע „הענקעלס". איין מאָל האָבן זיי שוין באַגאָסן אַלץ אַרום מיט אַ שקוואַל פײַער, דערנאָך געמאַכט אַ קרײַז אין דער לופט און ווידעראַמאָל — דאָס זעלבע. ווער ווייסט, וויפל מאָל וואָלטן זיי איבערגעריִעט מיט באָמבעס אָט דאָס שטיקל ערד, ווען פון אונטער די הויכע וואָלקנס וואָלט זיך ניט אַרויסגעריסן אונדזערער אַ פאַרניכטלער. און ס'איז אַוועק ניט קיין גלײַכער געפעכט פון איינעם קעגן פינף.

בײַ אַראַנסקין האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. קאָן זײַן, אַז ער אַליין איז ניט קיין גרויסער העלד, אָבער קיין פּאַכדן איז ער זיכער ניט. ער קלײַבט זיך קיינעם ניט דערציילן, אַז אין אָט די טעג קומט אים אָן געוווּג שווער זיך האַלטן ווי שטענדיק גלײַך און טראָגן דעם קאָפּ אַפילע עטוואָס פאַר־ריסן. אָבער ווען ער האָט געקוקט, מיט וואָס פאַר אַן אַזעס און בעריעש־קײַט דער פאַרניכטלער יאָגט זיך נאָך די „הענקעלס", וועלכע וואָלטן שוין אַליין געוואָלט פאַרשווינדן, ווי מײַז אין די נאָרעס, איז אים געקומען אין קאָפּ נאָר איין וואָרט: „אָן אָדלער". אויב עס איז נאָר פאַראַן אַ זיבע־טער הימל, האָט אַראַנסקי דאָרט געשוועבט, ווען עס האָט זיך אָנגעצונדן

דער צווייטער „הענקעל״. אפילו שפּעטער, ווען מע האָט אונטערגעשאָסן אונדזער אעראָפּלאַן און דער שווער־פאַרוווּנדעטער פליִער איז אראָפּגע־פאַלן ניט ווײַט פון די שוצגראָבנס, ווו עס האָבן זיך געפונען די בײַגרע־נעצלער, האָט אָראַנסקי ניט פארלוירן די זיכערקײַט, וואָס ס׳האָט אין אים דערוועקט אָט די לופט־שלאַכט.

און ווײַטער האָבן זיי זיך מידע געצויגן איבערן שטויביקן וועג, איבער נאַרוואָס אליין דורכגעלייגטע געשלענגלטע סטעזשקעס. ניין, זיי האָבן זיך ניט באַוועגט פאָרויס. די באַטאַליאָנען זײַנען אָפּגעטראָטן! וועגן דעם האָבן גערעדט די שטעכיקע בליקן פון די פויערים, וועגן דעם, האָט זיך געדאַכט, שושקען זיך מיטן ווינט די קימאַט רײַפע זאַנגען אין פעלד.

געגאַנגען זײַנען זיי מערסטנטייל באַנאַכט, און ס׳איז נאָר צום כידעשן זיך, וויִאַזוי איז עס געשען, אז אין סטעפּ בײַ אַ ברונעם, וואָס האָט זיך געטוקט אין לעוואָנע־זילבער, האָט אָראַנסקי געטראָפן יויעל גענדלערן. זײַן בערדל האָט זיך פאַרשפּיצט, און אליין איז ער ווי קלענער געוואָרן. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— ווו איז מײַן בראָכע? איר האָט זי אין ערגעץ ניט באַגעגנט? — דער־נאָך האָט ער זיך אײַנגעקלאַמערט אין אָראַנסקין און מיט טרערן זיך גע־בעטן: — אויב איר זײַט אַן עמעסער קאָמאַנדיר, נעמט מיך מיט זיך און גיט מיר אַ ביקס. איר הערט, איך וויל ניט שטאַרבן אַל קידעש האַגאָר־נישט. גיט מיר אַ ביקס!

דער פאָלק איז געגאַנגען מיט אַ שמאָלן וועג, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אַ הויכן באַרג, און אין אָראַנסקיס אויער האָט אלץ געקלונגען גענדלערס ווײ־געשריי: „איר זײַט ניט בעסער פון די, וואָס טראָגן ווײַסע הענטשקעס און פאָרן אין די פאַעטאָנען. איר אַנטלויפט... איך האָב זיך אין אײַך אָפּ־גענאַרט, אָפּגענאַרט...״

בראָכען האָט אײַנגעשלונגען דער מילכאָמע־געווירבל, און יויעל בלאָנ־קעט אין פעלד און קלאָגט זיך פאַר די שטערן: „אָפּגענאַרט״. יויעל איז גערעכט, ער דאַרף דען דאָס טעלערל פון הימל, ער וויל נאָר ניט שטאַרבן אַל קידעש האַגאָרנישט. אַ ביקס האָט ער געפאָדערט און ניט קיין טרייסט־ווערטער. אגעוו, האָט ער אויך קיין טרייסט־ווערטער ניט געהערט. ווי די געזעצן פון קריגס־צײַטן זאָלן ניט זײַן שטרענג, האָט ער, אָראַנסקי, ניט באַדאַרפט געוועגן זיך אויסדרייען צו יויעלן מיט דער פּלייצע...

נאָך די שלאַכטן באַם פּרוט און באַם דניעסטער האָבן די בײַגרענעצ־לער געפּילט קיין אָדעס.

עס איז געווען אזוי טרוקן און הייס, אז אינמיטן זומער זײַנען גרינע בלעטער געפאַלן פון די טאָפּאָלן און אקאַציעס. אָבער ווי שווער עס איז ניט, נאָר בײַ די אָדעסער איז אלעמאָל פאַרגרייט אַ כאָכמע:

— זאָל גאָט היטן, — האָט מען זיך געוויצלט, — דער שוואַרצער זאָל

אויסזידן ביז א לעצטן טראָפּן. א שיין פּאָנעם וועט האָבן אָדעס אָן א יאם.

באם ראָג, ווו ס'איז אמאָל געשטאנען א מיליציאָנער, איז איצט א באַריקאדע און לעבן איר שטייט א רויטארמייער אין א קאסקע מיט א ביקס אפן אקסל. ייִנגלעך מיט צעקאָלטנטע האָר, וועלכע האָבן נאָך גאָר ניט לאנג געטריבן טויבן, לערנען זיך אפן סטאדיאָן ווארפן גראנאטעס. זעניטקעס אף די דעכער, זעניטקעס אף די בולווארן. א קאָמאנדיר פון יאם־פלאָט פירט א קאָלאָנע באוואָפנטע ציוויל געקליידטע מענטשן, וואָס מאַרשירט אין שטרענגער אָרדענונג. אָדעס האָט אָנגעטאָן א מיליטערישע אוניפאָרם. די שטאָט דערמאָנט איצט א סאָלדאט, וואָס ווייסט, אז אים דערווארט א שלאכט אף לעבן און טויט, און האָט זיך צוגעגרייט דערצו.

אין עטלעכע טעג ארום, אָנהייב אווגוסט, האָבן די דײַטשן צוזאמען מיט אכצן דיוויזיעס פון דער רומענישער פערטער ארמיי אָפּגעשניטן אָדעס פון דער יאבאָשע. און דערנאָך...

דער שיסער־פּאָלק, אין וועלכן אָראנסקי האָט געדינט, איז ארײַן אין באשטאנד פון דער בײַיאמישער ארמיי. ער האָט זיך פארפעסטיקט אף א ביז גאָר וויכטיקן סטראטעגישן פּונקט בא די טויערן פון אָדעס, ניט ווײַט פון נײַ־דאפּינאָווקע — א דאָרף אפן צוואנציקסטן קילאָמעטער פונעם שאָסיי־וועג, וואָס פירט קיין ניקאָלײַעוו. לינקס — דער יאם, רעכטס — דער לימאַן. דער באפעל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אף פּאפּיראָס־פּאפּיר, איז באשטאנען פון געציילטע עטלעכע ווערטער: „אום יעדן פּרײַז ניט דורכלאָזן דעם סוינע".

אטאקעס, אטאקעס, אטאקעס... וויפל אזעלכע אטאקעס האָט דער פײַנט פּאָרגענומען, קעדיי אופברעכן די שוץ־ליניע, אײַנברעכן דעם ווידערשטאנד, דורכברעכן כאָטש א שמאָלן שפּאלט — א שטעגל, מע זאָל קענען אוועקשטעלן אף איר פריִער א געקאָוועטן שטיוול, דערנאָך א טאנקעטקע, — איר צוהילף וועלן דאן קומען בײַכיקע טאנקען מיט די לאנגע שנאָבלען פון הארמאטן, און אין הימל — באָמבארדירער, שטורמער, פארניכטלער, טאָרפּעדנטרעגער, פּיקירער, שווער געלאָדענע מיט פוגאס־באָמבעס, צינד־באָמבעס, טיף־באָמבעס...

דאָס איז געווען אין אווגוסט. אָראנסקי האָט זיך געפונען אין א „פרעמדן" באטאליאָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אָרדנטלעכע אטאקע. צוערשט האָט אָפּגעטאָן איר שטיקל ארבעט די ארטילעריע. די ערד איז געווען אזוי איבערגעקנאָטן, אז אָט־אָט וועט פון איר א שפּריץ טאָן פײַערדיקע מאגמע.

דער קאָמאנדיר פון באטאליאָן איז אומגעקומען. דער קאָמיסאר איז געלעגן א שווער־פארוואונדעטער. די קאָמאנדע איבערן באטאליאָן האָט גענומען אף זיך דער עלטערער לייטענאנט אָראנסקי.

אף אלץ האָבן די פאשיסטן זיך געקאָנט ריכטן, נאָר ניט אף דעם, אז

גראָד דער באַטאַליאָן, וואָס, לויט ווי זיי האָט זיך געדאַכט, האָט דאָרט שוין קיין לעבעדיקער אָדער ניט געשלאָגן, וועט איבערגיין אין אָנגריף. דאָס איז געשען אזוי אומגעריכט און שנעל, אז סײַ די פײַנטלעכע, סײַ אונדזער אַרטילעריע האָט געמוזט אנשוויגן ווערן. אַלץ האָט זיך איבערגעמישט. אין גאַנג זײַנען אוועק גראַנאַטעס, באַגנעטן. און אַ מעכטיקער, שוין פון צוויי כאַדאָשים געזאַמלטער „הוראַ" האָט זיך, ווי אַ שטורעם, צעטראָגן איבער די גאַרוואָס אופגעריסענע הרודעס ערד.

דער סוינע האָט ניט נאָר זיך אַ וואַקל געטאָן — ער האָט געמאַכט פּלייטע, און ווען אים צוהילף האָט זיך געלאָזט דער צווייטער עשעלאָן, האָבן אויך אָראַנסקיס שכיינים אויף די פלאַנגען באַקומען דעם געגאַרטן באַפעל: אונטערהאַלטן דעם אָנגרײַפנדיקן באַטאַליאָן.

אין די שטאַבן האָבן אָן אופהער געקלונגען די טעלעפאָנען. שפּעטער האָט אין מאָסקווע דער פּאַרזיצער פונעם איבער־סאָוועט מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין אונטערגעשריבן אן אוקאַז וועגן באַלוינען פאַר אָט דער שלאַכט אַ גרופּע אָנטיילנעמער. אָראַנסקי האָט באַקומען זײַן ערשטן שלאַכט־אָרדען — דעם אָרדען פון דער רויטער פאָן.

אַ מידער איז אָראַנסקי געלעגן אויף זײַן אײַזערן בעטל, נאָר דער שלאָף האָט אים ניט גענומען. דער באַטאַליאָן איז שיטערער געוואָרן. עס איז אומגעקומען אַליאָשע סלאַנצעוו, דער בעסטער סנײַפּער פון פּאָלק. אומגעקומען, ראַטעווענדיק אים, דעם קאָמאַנדיר. מער וועט שוין ניט שפּילן אויף זײַן האַרמאָניק דער שטענדיק פריילעכער סאַשע בלינאָוו. עס גויסעסט, אַ פאַרוואונדעטער אין בויך, דער מיליטערישער דאָקטער טיגראַן כאַלאַפיאַנץ. האָט דען עמעצער באַפוילן כאַלאַפיאַנצן אוועקלייגן דעם סקאַלפּעל און גיין מיט אַ ביקס אין אַטאַקע?

אָראַנסקי נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, און עס פאַלט אַרויס זײַן נאָזטיכל. די פּאַפּיראָסן זײַנען צעדרויבלט. אויף דעם טיכעלע, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זײַן ווײַסקײַט, — אַ פאַרטריקנטער בלוטפלעק. ווײַזט אויס, ער האָט אויסגעווישט מיט דעם דאָס פּאָנעם, ווען אַ קויל האָט אָנגערירט זײַן אויער.

— כאַווער עלטערער לייטענאַנט, פון דער דיוויזיע פאָדערט מען אײַך צום טעלעפאָן.

ער ציט אַרויף די שווערע שטיוול און לאָזט זיך מיט שנעלע טריט.

— דער עלטערער לייטענאַנט אָראַנסקי הערט.

— פּיאָטער, פּעטרושקאַ, טײַערער מײַנער!

— ?!

— דו הערסט מיך, צי דו ביסט, אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן, טויב געוואָרן?

— ווער רעדט? מיר האָט מען איבערגעגעבן, אז מע פאָדערט מיך פון דער דיוויזיע.

— ריכטיק האָט מען דיר איבערגעגעבן. מיט דיר רעדט דער אַדיוטאַנט פון קאָמדיוו.

— איך הער אײַך, כאַווער אַדיוטאַנט!

— זאָג, דו ביסט שטאַרק מיד? דיר ווילט זיך שלאָפן?

— רייכערן ווילט זיך.
— וואָס? דו האָסט ניט וואָס צו רייכערן?
— כ׳האָב ניט, — ענטפערט אָראַנסקי, און אין זײַן שטים פילט זיך שוין געצוימטע אופגעבראכטקייט.
— קלאָר, כאווער עלטערער לייטענאַנט. איצט פארשטיי איך, פארוואָס איר זײַט אזוי אופגערעגט. איז זײַט מויכל, טיילט מיט דעם דעזשורנע פון פאָלק, אז איר דאַרפט זיך גלײַך מעלדן אין שטאַב פון דער דיוויזיע. איך וואַרט אף אײַך.
ער הייבט ניט אָן צו פארשטיין, ווער האָט מיט אים גערעדט און וואָס וויל מען פון אים. אויך דער טעלעפאָניסט קוקט אף אים פארכידעשט. נאָר אז עס הייסט דער אַדיוטאַנט פון קאָמדיוו, דאַרף מען גיין.
א וואַרעמע זומער־נאכט האָט אײַנגעהילט די שטאָט. ס׳איז שטיל און עס שמעקט מיט יאַם. נאָר אָט נעמען נישטערן די פראָזשעקטאָרס, זיי גיבן אַפגיך א גלעט די טיפע שראַמען אף די ווענט, טוען א טאַפּ דעם הימל, פארלעשן אף א רגע די שײַן פון די שטערן.
ווײַטער איז דער וועג פארצוימט. אָראַנסקי נעמט ארויס זײַן טאַשן־לאַמטערן און באַלײַכט א פאַניער־שילדל, אף וועלכן עס איז אָנגעשריבן „דער דורכגאַנג פארבאָטן”. אויך אף די צוויי ברעטער, וואָס זײַנען צו־נויפגעקלאַפּט, ווי א קרייץ, זײַנען פאַראַן אופשריפטן: „שיסן און ניט טרעפן איז קיין פאַשיסט — איז פּאַשעט א שווינערײַ”. און ווײַטער: „ווער זײַנען די פאַשיסטן? צווייפיסיקע ווילדע כײַעס, וועלכע מע האָט אַלפּי־טאָעס געהאַלטן פאר מענטשן”.
אָראַנסקי פאַרנעמט זיך אף רעכטס, צום שמאָלן בריקל, פונוואַנען עס איז שוין ניט ווײַט צום שטאַב.
— פּאַראָל! — דערהערט ער א וואָרענענדיקע שטים. ער ענטפערט, נאָר פאַרן רויטאַרמייער, וואָס שטייט אף דער וואַך, איז עס נאָך ווייניק. — ווער גייט? — פרעגט ער ווידער.
אינמיטן בריקל מוז ער זיך אָפּשטעלן. עמעצער לויפט אים אַנטקעגן, און פאַנאַנדערגייען זיך דאָ איז ניט אזוי פּאַשעט. ווער האָט עס אויסגע־שטרעקט צו אים די הענט און שרײַט פונווײַטן: „א געזונט אף דיר, פּע־טרושע!”
צוויי קאָמאַנדירן האָבן זיך אזוי ארומגענומען, אז דאָס בריקל מיט די שיטערע ברעטלעך האָט זיך גענומען הוידען.
— ניקאָלאַדזע, יעגאָרושקאַ! ביסטו דאָס, הייסט עס, דעם קאָמדיווס אַדיוטאַנט?
— ווער דען, אויב ניט איך? איך בעט זיך בא אים, ער זאָל מיך באַ־פרײַען אף א פּאָר שאָ, און דערקלער אים, אז איך האָב, דאַכט זיך, געפֿר־נען אַן אומגעקומענעם פרײַנט, און ער רײַסט ניט אָפּ די אויגן פון דער קאַרטע און ענטפערט מיר בייז: „אויב דאָס איז טאַקע ער, פאַרשפּאָרט איר אים זוכן, אויב ניט, וועט איר אים אַלציינס ניט געפינען. קלאָר?” וואָס האָב איך אים געקאָנט דערויף ענטפערן? זיך אויסגעקערעוועט און אוועק צום טעלעפאָן.
— יעגאָר, וואָס עפּעס האָסטו מיך שוין פאַרשריבן צווישן די טויטע?

— אזוי האָט מען מיר געזאָגט. נאָר איצט וועט דיך שוין זיכער קיין קויל ניט נעמען. נאַ דיר פּאַפּיראָסן, דו ווילסט דאָך רייכערן. באַלד וועל איך דיר אויסגעבן אַ מיליטערישן סאָד. ס'איז שוין פאַראַן אַ באַפעל. דו ביסט אַ קאַפּיטאַן און פּאַרטרעטער פון פּאָלק־קאָמאַנדיר. ווייסט מיך נעמען צו זיך? זאָל זײַן פאַר אַ ווזוואָדנע, פאַר דער רועך ווייסט וואָס, נאָר איך, ניקאָלאַדזע, זאָל זײַן אין פײַער. שווײַגסט? נו, מיילע, כ'וועל זיך אליין דערשלאָגן.

די רעשט נאַכט, ביז עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג, האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען, געזעסן באַם אָפענעם פענצטער, געשמועסט און גע־טרונקען צינאַנדאַלי. יאָ, אויך דאָ האָט זיך געאַרגין אײַנגעגעבן צו קריגן און אויסצוהיטן אַ פּאָר פלעשער. געוווינט האָט ער מיט נאָך אַ שטאַבס־קאָמאַנדיר אין אַ גרויסן, גוט מעבלירטן צימער, נאָר זײַן דאָרט איז אים אויסגעקומען זייער זעלטן. אויספילן די פּילצאָליקע שליכעסן פון קאָמדיוו איז געווען גאָר ניט אַזוי לײַכט.

ניקאָלאַדזע האָט דערמאָנט אָראַנסקין אין זייער לעצטן געשפּרעך. וואָס איז דאָ צו ריידן? ווי פיל אַנדערע, איז ער געווען ניט גערעכט. עפּעס אַ קלייניקײַט — ביז היינט האָט זיך נאָך ניט סטאַביליזירט די פראָנט־ליניע. בלויז לעבן אָדעס און קיִעוו האָט זיך אײַנגעגעבן אָנבינדן דעם פײַנט לאַנגדויערנדיקע פּאָזיציע־שלאַכטן. אַף אַנדערע ריכטונגען טרעטן מיר אָפּ און פאַרלירן אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט. אָבער ער, ניקאָלאַדזע, איז אַ מאַזלדיקער. אויך דאָס מאָל האָט אים דאָס מאַזל צוגעשפּילט און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ דיוויזיע. דער קאָמאַנדיר איז אַ בייזער, איינער באַ גאָט, נאָר פאַר דעם טאַקע האָט ער, ניקאָלאַדזע, אים ליב. אָט טאָגט שוין, און יענער זיצט נאָך אַלץ אין שטאַב אָדער גאָר אין אַן אָקאָפּ.

די רויקיקע גרויקײַט באַם האָריזאָנט האָבן געגומען דורכרײַסן ראָזע פלעקן. שוין צײַט זיך אומקערן אין פּאָלק. נאָר דעם עמעס געזאָגט, ווילט זיך ניט שיידן ניט מיטן גאַסטפרײַנטלעכן באַלעבאָס, ניט מיט דער שטוב. מיט איינעם קאָן מען אָפּלעבן זײַט באַ זײַט אַ לעבן־לאַנג און בלײַבן ווילד־פרעמדע, און מיט אַ צווייטן, קוים וואָס מע באַקאַנט זיך, און דאָס איז שוין אַן אָנהייב פון שטענדיקער פרײַנטשאַפט.

נאָך האָט ער געטראַכט: טשיקאַווע זאַכן קומען פאָר אַף דער וועלט. מיט געציילטע עטלעכע שאַ צוריק האָט אַרום אים געברענט און געפײַ־ערט אַ שלאַכט, און איצט שטייט ער לעבן אַ ביכער־שאַפע פון רויטן האָלץ, אַ לײַכטער ווינט בלאָזט אַן דעם פּאָרהאַנג איבערן אָפענעם פענצ־טער ווי אַ זעגל, און באַ דער פּאָרטעפּיאַנע זיצט ניקאָלאַדזע און שפּילט עפּעס אַזוינס — ווייכס און צאַרטס...

נאָר ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, שוין צײַט זיך אומקערן אין די אָקאָ־פּעס...

ערגעץ נאָענט האָט אַ ביל געטאָן אַ האַרמאַט, און הונדערטער קראָען, וואָס זײַנען געשמאַק געשלאָפן אַף די צווײַגן, האָבן זיך צעגראַגערט. עפּעס ווייסן זיי ניט, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט. אופגעוועקט זיי פון שלאָף

האָבן ניט זייערע אייגענע שאָמרים. וואָס זשע דאַרף מען טאָן: גלײַך אוועקפּליִען ווײַט־ווײַט פונדאַנען צי מאַכן אַ פּאָר קרײַזן אין דער לופט און זיך אומקערן?

קאַטשוראַ און אַראַנסקי געפינען זיך אויפן פאַרמאַסקירטן קאָמאַנדע־פונקט. זיי ווייסן גראָד דאָס, וואָס די קראָען ווייסן ניט, און וואָלטן זיי געקענט אייצען וויניקער פּילדערן און וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פונדאַנען.

נעכטן, דעם איין־און־צוואַנציקסטן סענטיאַבער, איז די בײַיאַמישע אַר־מיי געצוווּנגען געווען אָפּטרעטן אויף די פּלאַנגען. זיך אַ רוק טאָן נאָך ווײַ־טער האָט זיך דעם סוינע ניט אײַנגעגעבן. אָבער עפּעס דאַרף אויך הײַנט פאָרקומען. נאָר גראָד וועגן דעם רעדט מען ניט.

איוואַן דעמידאָוויטש קוקט אין בינאָקל און דערציילט:

— די טעג האָב איך געלייענט אַ בראָשור, אין וועלכער די פאַשיסטי־שע „טעאָרעטיקער" פּרוּוון זיך באַרעכטיקן די אַגרעסיווע מילכאָמעס, וואָס זיי פירן. זייערע „פילאָסאָפן" האָבן אונטערגערעכנט, אַז פאַר די לעצטע 3362 יאָר זײַנען 3135, קלוימערשט, געווען מילכאָמע־יאָרן און בלויז 227 יאָרן פון שאָלעם. אזויאַרום, דערקלערן זיי, איז מילכאָמע דער סאַמע נאַ־טירלעכער צושטאַנד פון דער מענטשהײַט. ווי געפעלט עס דיר?

— איך וואָלט געוואָלט, מע זאָל אָט די פילאָסאָפן פון גאָר דער וועלט צונויפנעמען אויף די דרײַ גאַסן פון דאַפּינאָוקע. אַפילע קיין קוילן וואָלט איך אויף זיי ניט געפּאַטערט. איך וואָלט זיי אײַנציקווײַז דערטרונקען אין לימאַן.

— אין דאַפּינאָוקע ווױנען פישער. זיי וואָלטן ניט געלאָזט פאַרברו־דיקן דאָס וואַסער.

— נישקאָשע, מיט זיי וואָלט איך זיך צונויפגערעדט. די „אָפּעראַציע" וואָלטן מיר דורכגעפירט צוזאַמען. מיר...

— שווײַג, קאַפּיטאַן. דאַכט זיך, אַז די עמעסע אָפּעראַציע הייבט זיך אָן.

אַפילע דער קאָמיסאַר פון פּאָלק האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ דעמאָנסטראַציע אויף אָפּנאַרן דעם סוינע. דעם עמעסן אָנגע־גליטן שלאַכט־אָטעם האָבן זיי דערפילט שפּעטער, ווען פון די האַפּנס און פירסן האָבן זיך צום לינקן פלאַנג אַ לאָז געטאָן די קרייסערס „קראַסני קאַווקאַז", „קראַסני קרים", מינענטרעגערס, מאַטאָר־קאַטיערס. זיי האָבן געשטיצט די „שוואַרצע כמאַרעס", ווי די פאַשיסטן האָבן אַ נאָמען גע־געבן אונדזער יאַם־פּעכאָטע.

אייניקע דעסאַנטניקעס האָבן שוין באַטראָטן די יאַבאַשע. אַנדערע זײַ־נען נאָך געשווומען אין קאַלטן וואַסער, און אין ראַיאָן פון גריגאָריעווקע האָבן אין באַנאַכטיקן הימל זיך שוין געהוידעט פּאַראַשוטן — דאָס האָבן אונדזערע לופט־דעסאַנטניקעס זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם סוינעס הינטער־לאַנד. מע האָט אופגעריסן די בריק, וואָס האָט פאַרייניקט אָדעס מיט ני־קאָלײַעוו דורכן לימאַן.

קימאַט דרײַ וואָכן האָט דער סוינע נאָך אַלץ מוירע געהאַט זיך אַרויס־רוקן. נאָכדעם איז ער צוביסלעך געקומען צו־זיך, אַריבער אין אָנגריף און ווידער געקראָגן אין די ציין.

דרײַ און זיבעציק טעג און נעכט האָט אָדעס זיך פאַרטיידיקט. העכער הונדערט צען טויזנט פאַשיסטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן אָנגעלייגט מיט די קעפּ בײַ די ווענט פון דער דאָרעם־שטאָט.

ווען די היטלעראָווצעס האָבן זיך דורכגעריסן קיין קרים און עס האָט ניט געקלעקט קיין קויכעס צו פאַרטיידיקן אײנצײַטיק אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל, איז געקומען דער באַפעל פאַרלאָזן די שטאָט.

דאָס איז געווען אין דער נאַכט אָפן זעכצנטן אָקטיאַבער טויזנט נײַן הונדערט איין־און־פערציקסטן יאָר. דער יאַם, די ערד און דער הימל האָבן געקרעכצט פון די אומופהערלעכע אופרײַסן. די אַריערגאַרדן און ברעגבאַטאַרייעס האָבן געגעבן אַ מעגלעכקײַט די זעכציק שיפן אַרויס פון האַפן אין אָפענעם יאַם.

באַגלײַך מיט אַנדערע איז אָראַנסקי געשטאַנען אויף דער אויבערדעק פון „אַבכאַזיע" און געקוקט אויף דער העלדישער שטאָט, ווי ער וואָלט אַרײַנגעקוקט אין די אויגן פון זײַן אייגן קינד.

ניקאָלאַדזע האָט זיך טאַקע זײַנס דערשלאָגן. נאָך אין אָדעס האָט ער אַזוי לאַנג און אײַנגעשפּאַרט דערקוטשעט זײַן קאָמדיוו, ביז יענער האָט מיט קאַס אויסגעשריִען:

— מער זאָל איך אײַך דאָ ניט זען. מאַרש אין די אָקאָפּעס!

באַם עלטערן לייטענאַנט אין די שמייכלענדיקע אויגן האָט אַ בלישטשע געטאָן פרייד. ער האָט זיך אויסגעצויגן, אופגעהויבן הויך דעם קאָפּ און, ווי עס פּירט זיך אין דער אַרמיי, ווען מע באַלוינט עמעצן אָדער מע פאַרטרויט אים עפּעס אַ באַזונדערס וויכטיקע אופגאַבע, געזאָגט, ווי אָפּגעטאָקט:

— איך דין דעם סאָוועטנפאַרבאַנד!

אויך דער קאָמדיוו איז אופגעשטאַנען פון זײַן שטול און מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל זיך אײַנגעקוקט אין דעם שוין ניט גאָר יונגן, נאָר שלאַנקן קאָמאַנדיר. פאַר אַן אַדיוטאַנט האָט ער אים גענומען נאָך דעם, ווי ער האָט אים אויסגעפּרוווט אין אַ שלאַכט. ניקאָלאַדזע איז דרייסט, ערודירט. זיי פאַרשטייען זיך שוין אָפן ווונק. עמעס, לויט דער נאַטור איז ער שוין צו אײַנגעשפּאַרט און היציק, נאָר שטענדיק אופריכטיק. עס געפעלט דעם קאָמדיוו אויך זײַן פריילעכקײַט, און אויב שוין זאָגן דעם רעכטן עמעס — זײַן איבערגעגעבנקײַט: דאָס, וואָס ער פאַרגעסט ניט אַרײַנלייגן אין אונטערשטן טיש־קעסטל אַ שטיקל ברויט מיט וווּרשט, דאָס קאָנען אָפענטפערן: „דער קאָמדיוו שלאָפט", ווען ער, דער קאָמדיוו, שטייט אײַנגעבויגן איבער דער קאַרטע, און אויך דאָס, וואָס דער אַדיוטאַנט קאָן, בייס די לאַגע פאָדערט, איין מאָל און צוויי מאָל אים גוט אַ טרייסל טאָן פאַר די אַקסלען און פאָדערן: „קאָמדיוו, שטייט אוף!". אַלטע סאָלדאַטן זײַנען אָבער קאַרג אויף אַ ווייך וואָרט.

— לייגט אַוועק דעם פּראָבלעם אָפן טיש! — ניקאָלאַדזע האָט גענומען צעשפּיליען דעם רימען. אַ קנויל אויף ניט אַראָפּשלינגען האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז. — איר ווילט מיר נאָך עפּעס מיטיילן?

— איר ווייסט דאָך, כאָוועק קאָמדיוו, אז דעם האופטמאַן, וועמען עס האָט געהערט אָט דער פּיסטאָלעט, האָב איך אליין אוועקגעלייגט. איך שווער, דאָס איז מײַן טראָפּיי.

— עלטערער לייטענאַנט, רוזקער. אז מע זאָגט דעם עמעס, פאַרשפּאָרט מען שווערן. איך ווייס, אַנדערע ווייסן עס ניט. פראָנטאָוויקעס געפעלט ניט, ווען שטאַב־קאָמאַנדירן קומען צו זיי מיט טראָפּיי־געווער. איך וואָס פאַר אַ פּאָלק זאָל איך אײַך שיקן?.. מאַסקים. רופט אַרויס דעם קאָמאַנדיר צום טעלעפאָן... אללאָ! וואָס הערט זיך בײַ אײַך? אַזוי? איז פאַרוואָס האָט איר מיר גלײַך ניט מיטגעטיילט? איר האָט געמיינט... וואָס האָט איר פאַר־גענומען? גוט! אין אַ שאָ אַרום זאָלט איר מיר מיטיילן. איך שיק אין אײַער רעשוס אַ ראַטנעם. צי האָט ער שוין געשמעקט פּולווער? דאָס וועל איך בײַ אײַך דערנאָך זיך דערוויסן. איר דאַרפט אַ קאָמבאַט? אָט־אָ באַלד וועל איך זיך פאַרבינדן מיטן שעף פון דער פרונזע־אַקאַדעמיע, און ער וועט מיט לופט־פּאָטשט צושיקן אַ מאַיאָר פון אײַערטוועגן. און דער זאָל אָנהייבן פון אַ ראָטע. אַלץ. — און צו ניקאָלאַדזען: — איר זײַט פרײַ.

טאַקע ניט ווײַט פון דאַפּינאָווקע האָט מען ניקאָלאַדזען פאַרוווּנדעט. איבערגעבן עמעצן כאָטש אויף אַ קורצער צײַט זײַן ראָטע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דער קאָמדיוו איז געקומען אויף די פּאָזיציעס פון פּאָלק, האָט ער באַפוילן אַרויסרופן דעם עלטערן לייטענאַנט ניקאָלאַדזע.

— נאָט אײַך, — האָט ער אים אומגעקערט זײַן טראָפּיי און אַ פרעג געטאָן: — איר ווייסט דעם באַטײַט פון די ווערטער „פאַרא בעלום״? דאָס איז אויף לאַטײַן: „גרייט זיך צו מילכאָמע״. איר, זאָגט מען, זײַט גרייט.

## דערנאָך סעוואַסטאָפּאָל

צווישן בערג האָט זיך אין אַ באַלקע אײַנגעמאָסטעט אַ דאָרף. אַלץ איז דאָ פון שטיין: די שטיבער, די שטאַלן, די פּלויטן און אפילו די ראָד בײַ דעם ברונעם, וואָס באַם אַראָפּלאָזן דעם עמער דרייט זי זיך מיט אַזאַ שווינדלענדיקער שנעלקײַט. אָפּגעשטעלט האָט דער פּאָלק זיך אויפן באַרג־שיפּוע, אין אַ ניט קיין געדיכטן בוקן־וואַלד. איבערן קאָפּ האָבן די קרוינען צעוואָרפן געדיכטע געצעלטן. ס׳איז קיל, און מע זעט ווײַט־ווײַט אַרום.

דאָ וואַרעמען זיך אַ סאַך יאַשטשערקעס, וואָס האָבן דעם קאָליר פון די שטיינער. פּרוּווסטו אויסצוּזען צו זיי אַ האַנט, ווערן זיי גלײַך אַנטרונ־נען אין די שפּאַלטן. מעגלעך, דאָ איז געווען פאַרבאָטן ניט נאָר יאַגד, ברעכן צווײַגן, צינדן שײַטערס, נאָר אפילו רײַסן בלומען און קלײַבן שטיינדלעך פאַר קאָלעקציעס. איצט וועלן די היטלעראָוּוצעס פאַרפּאַסקו־דען דעם וואַלד אָדער גאָר אים אינגאַנצן פאַרניכטן.

פון אַנטקעגן דעם שיפּוע, ווו סאָסנעס קלעטערן באַרג־אַרויף, דערטראָגט זיך דער שאַרפער רייעך פון סמאָלע. עמעץ אײַלט אַהער. ער איז שוין אַריבער דעם טאָל, און ווײַל די לופט אין די בערג איז דורכזיכטיק, קלאָר און מע זעט אַלץ זייער ווײַט, דערקענט מען דעם סערזשאַנט שאַמיל נאָ־

סיבולין. ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט, ניט באַוויזן איבערכאַפּן דעם אָטעם, און ער שרײַט שוין:

— כאָוועך קאַפּיטאַן! דערלויבט מיטיילן.

— איך דערלויב ניט. ווו איז אײַער געווער?

— מע האָט אונדז אַנטוואָפנט. אַ מאַיאָר האָט באַפוילן. דעם עלטערן לייטענאַנט ניקאָלאַדזע האָט ער אַרעסטירט. דער עלטערער לייטענאַנט האָט מיר געהייסן לויפן, בין איך געלאָפן.

— וואָס איז געשען?

— כאָוועך קאַפּיטאַן, איר גלייבט מיר ניט?

— קומט אין שטאַב.

אַז סעוואַסטאָפּאָל וועט אויסקומען פאַרטיידיקן ניט איין טאָג און ניט איין כוידעש, האָבן אַלע פאַרשטאַנען. מע האָט זיך אויך געקאָנט ריכטן, אַז, פונקט ווי אין אָדעס, וועט מען זײַן אָפּגעשניטן פון דער יאַבאַשע. אַראַנסקי איז געקומען צום קאָמיסאַר פון פּאָלק און האָט פאַרגעלייגט, אַז דאָס פּי און די אַוטאָמאַשינעס, וואָס געהערן צו דער מעלוכע און מע קאָן שוין ניט אַרויספירן פונדאַנען, זאָל דער פּאָלק מיטנעמען מיט זיך קיין סעוואַסטאָפּאָל. איוואַן דעמידאָוויטש האָט זיך פאַרבונדן מיט די פאַר־שטייער פון דער אַרטיקער מאַכט און זיך צונויפגערעדט וועגן דעם. ני־קאָלאַדזע האָט באַקומען אַ באַפעל זיך לאָזן אין נאָענטן ראַטווירט נאָך די בעהיימעס. איז וואָס אַזוינס האָט דאָרט געקאָנט געשען?

אַראַנסקי איז גרייט געווען זיך גלײַך זעצן אַפן אָנגעזאָטלטן פערד, נאָר דער קאָמיסאַר האָט ניט דערלויבט. דורכן פעלד־טעלעפאָן האָט ער זיך מיט עמעצן פאַרבונדן און איצט וואַרט ער אויף אַן ענטפער. אַראַנסקין האָט ער געזאָגט:

— וואָס טוט מען מיט די מענטשן, וועלכע גלייבן ניט אַפילע, אַז אַ רעגנבויגן פאַרמאָגט זיבן פאַרבן. איצט, אין אַזאַ צײַט, דאַרף מען נאָך האָבן אַזעלכע דײַגעס.

אויספילן די „באַפרײַונג־מיסיע" זײַנען געפאָרן אַליין דער קאָמיסאַר פון פּאָלק און דער קאַפּיטאַן אַלעקסייעוו.

ניקאָלאַדזען האָט מען פונדעסטוועגן אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער דיוויזיע. אָבער דאָס איז געווען אַ קליינינקײַט אַנטקעגן דער פרייד, וואָס דער פּאָלק, נאָך וועלכן עס זײַנען געשלאָסן געוואָרן די טויערן פון סע־וואַסטאָפּאָל, פירט מיט זיך אַ טשערעדע פון דרײַ טויזנט בעהיימעס און לאַסטמאַשינעס, געלאָדן מיט מעל און מיט גרויפּן.

נאָרוואָס האָט מען צום ווייפלטן מאָל באָמבאַרדירט סעוואַסטאָפּאָל, און ווידער הערט זיך דער געוויינלעכער רויש פון אַ לעבעדיקער שטאָט. עס טראָגן זיך און יאָגן איבער איינע די צווייטע די אָנדערהאַלבנטאָניקע „עמקעס" מיט בלאָווע האַלב בלינדע פאַרעס. שיפן קומען און גייען אַוועק. לענגויס דעם נאַכימאָווער פּראָספּעקט, איבער דעם בײַיאַמישן בולוואַר שפּאַנען מאַכנעס באַוואָפנטע רויטאַרמייער, מאַטראָסן. בא איינעם זײַנען די אויגן ברייט צעעפנט, בא אַ צווייטן עטוואָס צוגעזשמורעט, נאָר בא אַלעמען זײַנען וואַכעדיקע פּענעמער, ווי זיי וואָלטן די באַלאַגערטע שטאָט פאַרטיידיקט דאָס גאַנצע לעבן זייערס פון סאַמע וויגעלע.

דער פּאָלק האָט זיך פאַרפעסטיקט אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דעם רעכטן שוץ־סעקטאָר פון דער באַלאַקלאַווער ריכטונג. אַף אַ צווייטן פלאַנג, אַף דער צאָפנדיקער זײַט פון פערטן שוץ־סעקטאָר, האָט קאָמאַנדעוועט מיט אַ באַטאַליאָן דער עלטערער לייטענאַנט געאָרגי ניקאָלאַדזע.

דאַכט זיך, אָראַנסקי האָט שוין אין לעבן עפּעס וואָס געזען: פינלאַנד, די שלאַכטן אַף דער גרענעץ, די שלאַכטן פאַר אָדעס. נאָר אַזוינס... איין פראָנטאַלע אַטאַקע נאָך דער צווייטער. אַ הוראַגאַן פון שטאָל. ניט די בערג, ניט די אײַזן־בעטאָנענע דאָטן, ניט די געפּאַנצערטע איבערדעקונגען האָבן ניט געקאָנט בײַשטיין קעגן אָט דער פײַערדיקער לאַווע. אויסגעהאַלטן האָבן עס געקאָנט נאָר מענטשן — מענטשן, וואָס זײַנען שטאַרקער פון אײַזן.

עס האָט געוויייעט מיט קאַלטן און רוגזעדיקן האַרבסט. דיביימער זײַנען געשטאַנען נאַקעטע. דער ווינט האָט אָוועקגעטראָגן די אָפּגעפאַלענע בלעטער, זיי צונויפגעקליבן קופּעסווײַז אין די טראַנשייען, אין די גריבער. די קימאַט פאַרגליווערטע בלאָטע האָבן פאַרלאָזט בלויז די שווער־פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן שוין קיין קויעך ניט געהאַט צו עטעמען. ווער עס האָט נאָך געקאָנט קריכן, דער האָט געשאָסן.

דער פּאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בערמאַנס באַלקע — אַ טאָל צווישן די בערג, וואָס ציט זיך צום יאַם. ערגעץ אין דער ווײַט, אײַנגעהילט אין טיף־האַרבסטיקן נעפּל, קאָן מען זען קאָלירטע דעכער פון אַ יִישעוו. נעענטער צו די קוסטעס, בײַ דעם פעלדזיקן באַרג־רוקן, שטייט אַ קליין שטיבל, וווּ די שויבן זײַנען צעפּאַסעוועט מיט סטענגעס פּאַפּיר. אויב ס'איז שטיל, קאָן מען פון דאָרט הערן אַ צעצויגענעם האָנענקריי. ווייסט דער רויטאַרמייער אפן פּאָסטן, אַז כאָטש די פראָזשעקטאָרן שפּאַלטן אַף שטיקלעך דעם באַנאַכטיקן הימל, וועט די פינצטערניש נאָך דויערן, וואָרעם אַזוי צעצויגן און זעלטן קרייען הענער טיף אין דער נאַכט — דאָס איז דער ערשטער האָנענקריי. אָבער אָט הייבן אָן די הענער צו קרייען אַלץ אָפטער, און פונדערווײַטן הערט זיך שוין אין סומנע־פריזיקן דרויסן אַ הודען פון מאָטאָרן.

פונדאַנען זעט מען, ווי פון פאַרטאָג אָן פאַרעט זיך אפן גאָרטן באַם שטיבל אַ פרוי, אָנגעטאָן אין אַ מאַטראָסישן בושלאַט און אין הויכע שטיוול. וואָס האָט זי געקענט דאָרט אויסכאָווען אַף אָט דעם שטיינערנעם באָדן?

אין אַ קימאַט רויִקער שאָ איז אָראַנסקי אַוועק צו דעם שטיבל, וואָס הענגט איבערן סאַמע יאַר. די פרוי רופט מען זשעניע. בײַ איר איז אַ ברייטער שטערן און צאַרטע ליפּן. פון זון און ווינט איז זי ברוין, ווי אַ קאַרש. די גלאַט־פאַרקעמטע טונקל־בלאָנדע האָר זײַנען קורץ געשאָרן. די קומענדיקע וואָך וועט זי זײַן פאַרנומען באַם בויען די נײַע פאָרטיפיקאַציעס, וויל זי פאַרגרייטן וואָס מער האָלץ. ער וויל איר העלפן? איז טרעט זי אים אָפּ די האַק, און אַליין וועט זי דערווײַל פּרווון אויסמעלקן בײַ דער אויסגעדאַרטער ציג אַ ביסל מילך און מעכאַבעד זײַן דעם גאַסט.

אַלץ הייסט אויסגעדאַרט. די פעל אַף דער ציג איז אַזוי אָנגעצויגן, אַזש די ריפּן סטאַרטשען. אַפן לינקן אויג איז בײַ איר אַ בעלמע, און אַ פוס איז איבערגעבונדן מיט אַ שמאַטקע. אַהער האָט ניט לאַנג געטראָפן אַ באָמבע, און די ציג האָבן פאַרטשעפּעט עטלעכע שפּליטערס. דער נאַסער בוים אַנטקעגן דער שטאַל שטייט אַ פאַרקוילטער. אַז נאַסע ביימער ברע־נען, וואָס זאָלן שוין טאָן די טרוקענע? אַ ביסל װײַטער שפּראָצט דאָך אַ יונג ביימל. עפּשער וועט פון דעם אויסוואַקסן מיט דער צײַט אַ מעכטיקער דעמב. אויב קיין שטורעמווינט וועט אים ניט אַרויסרײַסן מיטן דעם וואָרצל, קאָן ער לעבן אייביק. אַ בוים שטאַרבט ניט פון אַלטקײַט.

אָראַנסקי האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער. אַף די שלייפן זײַנען אַרויס־געטראָטן קליינע טראָפּנדלעך שוויס. שוין לאַנג האָט ער ניט געאַרבעט מיט אַזאַ האַנאָע. פון די שײַטלעך אָנגעהאַקט האָלץ ליגט ער אויס אַ ברונעם, אַזוי וועט זיי דער ווינט גיכער אויסטריקענען. די שפּעטער וועט ער אַרײַנטראָגן אין שטוב, זאָלן זיי זיך טריקענען אַפן אויוון.

זשעניע ווינט דאָ מיט איר מאַמע — אַ זקיינע, וואָס באַוועגט אָן אופ־הער די פינגער, ווי זי וואָלט געציילט געלט. די אַלטע וויל וויסן, וואָס הערט זיך גוטס. זי פרעגט און ענטפערט זיך אַליין:

— וואָס פאַר אַ גוטס קאָן מען דערוואַרטן מילכאָמע־צײַט? ווי דו זאָלסט אַ שוואַרצן הונט ניט וואַשן, וועט ער ווײַס ניט ווערן. — נאָך זאָגט זי: — אויב איר וועט זײַן דאָ נאָענט, קומט אַרײַן.

אין דער נאַכט אַפן נײַעם, צוויי־און־פערציקסטן יאָר איז אין פּאָלק געקומען ניקאָלאַדזע. די לינקע האַנט איז געווען בײַ אים איבערגעבונדן. קיין צינאַנדאַלי האָט ער ניט געהאַט. מע האָט זיך צוגעזעצט בײַם קײַלעכ־דיקן אײַוועלע, וואָס איז געווען אָנגעגליט ווי פײַער. און אין אַ מינוט אַרום איז ער אײַנמיטן געשפּרעך אײַנגעשלאָפן.

אָראַנסקי האָט אָנגעוויזן אַף ניקאָלאַדזען:

— ווי ער האָט זיך עס פאַר אַ קורצער צײַט געענדערט!

אים האָט געענטפערט איוואַן דעמידאָוויטש:

— פאַר אַ קורצער, זאָגסטו? אויב אַפילע נעמען אין אַכט, אַז די אַל־טיטשקע, די פּלאַנעטע אונדזערע, איז שוין אַלט בײַ פיר מיליאַרד יאָר, זײַנען אַלציינס פאַר אונדז די זיבן כאַדאָשים מילכאָמע ניט קיין קורצע צײַט.

עס איז אַרײַנגעקומען דער קאַפּיטאַן אַלעקסייעוו און אַוועקגעשטעלט אַ דײַטשישע פעלד־פלאַש. עס האָט זיך אין איר געפּליעסקעט בראַנפן. אָט די פעלד־פלאַש האָט נאָך מיט אַ פּאָר שאָ צוריק געטראָגן אַ דײַטשי־שער סאָלדאַט. אים האָבן פאַרכאַפּט דער סערזשאַנט שאַמיל נאַסיבולין מיט זײַנע פאַרבינדלער. און עס איז נאָר צום כידעשן זיך, וואָס דעם פריץ האָבן זיי איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר צוזאַמען מיטן בראַנפן. אויסשפּי־רער פירן זיך אַנדערש. פאַרוואָס טאַקע ניט? זיי דאַרפן דען ניט דערוואַ־רעמען די מידע פאַרפרוירענע גלידער?

דעם קאָמיסאַר פֿון פּאָלק האָט מען אַרויסגערופֿן אין שטאַב פֿון דער אַרמיי, און פֿון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט שפּעט אין אָוונט מיט אַ ציוויל געקליידטן מענטשן. אָראַנסקי איז שוין געשלאָפֿן, נאָר איוואַן דעמידאָוויטש האָט אים לײַכט אַ טאָרע געטאָן:

— פּיאָטער, זײַ אַ פֿרײַנט און קריג עפּעס אָף אונדז אָנהאָדעווען. קוק ניט אָף מיר אַזוי. מיר זײַנען הונגעריק, ווי די וועלף, און דו, אַז דו ווילסט, קאָנסטו פֿון אונטער דער ערד אַרויסבאַקומען. זאָל דאָס אַפֿילע זײַן פֿון רעזערוו, צו וועלכן דו לאָזט קיינעם זיך ניט צורירן. דאָס איז מײַנער אַ גוטער פֿרײַנט. נאָך אין צוואַנציקסטן האָבן מיר צוזאַמען גענומען פּערעקאָפּ. באַקאַנט זיך.

— קאַפּיטאַן אָראַנסקי!

— איך זע, אַז אַ קאַפּיטאַן און ניט קיין יעפֿרייטאָר. לעאָניד, און מײַן טאַטן האָט מען גערופֿן אַנטאָן.

דרײַ ניט קיין אָפּגעהובליעוועטע ברעטלעך, צוגעקלאַפּט צו אַ סלופּל, דינען דאָ פֿאַר אַ טיש. ער איז צו נידעריק? דאָס מאַכט ניט אויס. דערפֿאַר קאָן דער עמער, איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף, און דער צעקלאַפּטער מאַשין־קוילנוואָרפֿער דינען פֿאַר בענקלעך. אָפֿן טיש ברענט ניט קיין קאַנעצל, נאָר אַ זעכצענער לעמפּל. ס׳איז וואַרעם, גוט און אַפֿילע היימלעך.

מע האָט שוין אָפּגעגעסן אַ הירזשענע קאַשע און אַפֿילע אויסגעטרונקען צו פּופּציק גראַם ספּירט, און איצט ליגט מען אינדרײַען אָף צוויי שמאָלע נאַרעס. אָראַנסקי האָט כאַראָטע, וואָס ער האָט זיי ניט איבערגעלאָזט אַליין. דער גאַסט איז צוריקגעהאַלטן. אָראַנסקי איז גראָד ניט פֿון די, וואָס ווילן וויסן דאָס, וואָס מע דערציילט זיי ניט, איז וועט ער באַלד געפֿינען אַ טערעץ, אַרופֿציִען די שטיוול און צווינטשן אַ גוטע נאַכט.

— אַנטאָניטש, — זאָגט דער קאָמיסאַר, — לאַנג וועל איך נאָך דיך ציִען באַ דער צונג? אַמאָל ביסטו אַפֿילע געווען צו באַריידעוודיק. אָט דעם באָכערעץ, וואָס ליגט לעבן מיר, קען איך שוין פֿופֿצן יאָר. מײַנער אַ האָדעוואַניק. אָף אים פֿאַרלאָז איך זיך, ווי אָף זיך אַליין. איך פֿרעג באַ דיר ניט, נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען. דערצייל, וואָס הערט זיך באַ אײַך. קאַדראָווע קאָמאַנדירן זײַנען באַ אײַך דאָ אַ סאַך?

— עטלעכע הונדערט. פֿאַראַן אָטריאַדן, וואָס רופֿן זיך אַפֿילע רויטאַרמייִשע. קעדיי איר זאָלט זיך קענען דערקלײַבן אַהער, האָט דאָך עמעצער געמוזט פֿאַרהאַלטן דעם סוינע. דורכרײַסן זיך קיין סעוואַסטאָפּאָל האָבן זיי שוין ניט געקענט.

— פֿון וואָס, אַנטאָניטש, האָט איר אָנגעהויבן?

— פֿון דעם, וואָס מיר האָבן גענומען שלאָגן די פֿאַשיסטן.

— דאָס פֿאַרשטיי איך אָן דיר.

— איך האָב ליב מענטשן, וואָס מע דאַרף זיי ניט אַרײַנלייגן קיין פֿינגער אין מויל. ווען האָבן די פֿאַשיסטן אָקופּירט קרים? סאָף אָקטיאַבער, יאָ? דעם פֿינפֿטן נאָיאַבער האָבן זיי זיך שוין דערוווּסט, וואָס הייסט האָבן צו טאָן מיט פּאַרטיזאַנער. אין אַ כוידעש אַרום האָבן מיר שוין געהאַט באַ דרײַסיק אָטריאַדן. ניט זעלטן טרעפֿט אָבער, אַז אויך מיר כאַפּן גוט אין די ציין אַרײַן.

דער קאָמיסאַר האָט זיך אַ ריגעווע געטאָן.

— איר, ווען עס האַלט שלעכט, קאָנט איר אַנטלויפֿן, און שיט אײַך אָן זאַלץ אויפֿן עק.

— דו רעדסט, ווי אַ קוראַרטניק. גרינג צו זאָגן אַנטלויפֿן. קום מיט מיר, וועל איך אַ קוק טאָן, וואָס פֿאַר אַ לויפֿער דו ביסט.

— נו, פּאַרטיזאַן, איצט זע איך, אַז בײַ דיר איז טאַקע פֿאַרבליבן דאָס מויל אויף שרויפֿן. זאָג מיר, ווען ווילסטו, זאָל איך גיין מיט דיר — שוין צי שפּעטער אַ ביסל? איך וואָלט עפּשער טאַקע מיט דיר געגאַנגען, נאָר מײַן שאָכן, דער קאַפּיטאַן, וועט מיך ניט אָפּלאָזן.

— נו, איז דאָך אומזיסט די רייד.

אַלע דרײַ האָבן איצט געשוויגן. שווערע געדאַנקען, טיפֿע זאָרג האָבן באַהערשט די דרײַ קאָמאַנדירן. יעדערער פֿון זיי האָט געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דעם צווייטן יוני. פֿינף מעסלעס נאָכאַנאַנד זײַנען זעקס הונדערט פֿאַשיסטישע עראָפּלאַנען געהאַנגען איבער סעוואַסטאָפּאָל. העכער צוויי טויזנט האַרמאַטן און מינענוואַרפֿער זײַנען ניט אָנשוויגן געוואָרן אויף קיין מינוט. סעוואַסטאָפּאָל און זײַן אומגעגנט האָבן דערמאָנט אין אַ ווולקאַן, פֿון וועלכן עס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן אַ גליִענדיקער, אַלץ פֿאַרניכטנדיקער שטראָם.

און דערנאָך איז די דײַטשישע צווייהונדערטטויזנטדיקע אַרמיי אַריבער אין אָנגריף.

פֿון אָראַנסקיס פּאָלק איז פֿאַרבליבן ווייניקער ווי אַ באַטאַליאָן. ניטאָ קיין עראָפּלאַנען. די זעניט-באַטארייעס האָבן אַרויסגעלאָזט די לעצטע סנאַריאַדן. פֿון אַלע זײַטן אַ שקוואַל פֿײַער, און דער הימל — ער האַלט אָן אויפֿהער. די פֿאַשיסטן פֿילן זיך אַזוי פֿרײַ, אַז די „מעסערשמידטן" באַגלייטן אַפֿילו ניט די פּיקירנדיקע באָמבאַרדירער.

אָראַנסקיווישט מיטן אַרבל דעם שווייס, און מיט אַ הייזעריקער פֿון אָנשטרענגונג שטים קאָמאַנדעוועט ער:

— פֿײַער! פֿײַער!

אויך ער אַליין לאָזט ניט אַרויס די ביקס פֿון די הענט. ס'איז שווער צו זאָגן, וועמעס קויל ס'איז געווען, נאָר אַן עראָפּלאַן מיט שוואַרצע צייכעמס אויף די פֿליגלען האָט זיך אָנגעצונדן, איבערן פּליִערס קאָפּ האָט זיך אָנגעבלאָזן דער זײַדענער פּאַראַשוט, און דער ווינט טראָגט אים אַלץ נעענטער אַהער.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דער קאַפּיטאַן וועט אַרויס פֿונעם אָקאָפּ און זיך אַ לאָז טאָן אין סאַמע צענטער פֿון דעם פֿײַערדיקן געוויטער. אָט איז ער אומגעפֿאַלן, און צוויי רויטאַרמייער לאָזן זיך לויפֿן צו אים, נאָר ער באַפֿוילט:

— צוריק! איך וועל אים ברענגען אַ לעבעדיקן.

און ער האָט אים געבראַכט, דעם באַנדיט.

די נאַכט האָט זיך ניט אונטערשיידט פונעם טאָג. ביזן הימל האָבן זיך געצויגן די פײַער־צונגען. דאָס האָט ווי אַ ריזיקער שײַטער געברענט דער רויִנירטער סעוואַסטאָפּאָל. עס האָט זיך געדאַכט, דער יאַם וועט אויסגעדעמפט ווערן פון דער סאַרפּענדיקער היץ. און אויף מאָרגן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פּונקט אַזאַ טאָג, ווי דער נעכטיקער. נאָר די היטלעראָווצעס האָבן זיך שוין דורכגעריסן אין שטאָט. באַם אָפּטרעטן צו כערסאָנעס האָט באַם קאָמיסאַר פון פּאָלק אַ שפּליטער צעדריבלט אַ פוס און ער האַלט זיך בלויז אויף אַ דינן שטיקעלע הויט. איוואַן דעמידאָוויטשעס פּאָנעם איז אײַנגעפאַלן און בלייך, ווי אַ טויט. ער בעט זיך באַ אָראַנסקין:

— פּיאָטער, כאַטש אַ טראָפּן וואַסער צו באַנעצן די ליפּן, — נאָר גלײַך דערמאָנט ער זיך, — אַנטשולדיק, כ'ווייס, ס'איז ניטאָ קיין וואַסער, — און שוין גאָר שטיל: — די סאָלדאַטן האָבן דיך ליב. היט זיי, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. לאָבאָדאַ האָט געוואָרפן דעם קוילנוואַרפער. איר זאָלט אים מישפּעטן. אָליען זאָלסטו זאָגן...

ווי אַמאָל פלעגט די מאַמע זיך אָנבייגן איבער אים, האָט אָראַנסקי זיך אָנגעבויגן צום קאָמיסאַר, און פון אָנשטרענגונג איז אויך אויף זײַן שטערן, ווי אויף דער מאַמעס, אויפגעלאָפן אַ בלויער אָדער.

— קאָמיסאַר, רעד העכער. פון די אויפרײַסן בין איך טויב געוואָרן. מיר וועלן דיך ניט איבערלאָזן אַליין. מע וועט דיך אויסהיילן. מיר וועלן זיך נאָך שלאָגן צוזאַמען. האָסט דאָך ליב צו זאָגן: די ערד איז קײַלעכדיק! מיר וועלן זיך נאָך אַהער אומקערן, איוואַן דעמידאָוויטש!

דער קאָמיסאַר האָט שווער געעטעמט. הונדערטער ווייטעקן און דײַגעס האָבן אים געמאַטערט. זײַנע ליפּן האָבן אָן אויפהער געצוקט. מיטאַמאָל זײַנען די באַקן געוואָרן טרוקן־געל. און אויס. ניטאָ מער איוואַן דעמידאָוויטש, ניטאָ דער לערער און פרײַנט.

פאַרוואָס פאַלט ניט די זון פון הימל? פאַרוואָס שרײַט ניט די ערד פון ווייטעק? איין וואָלקנדל איז אַרומגעשוווּמען, איז עס אויך ערגעץ פאַרשוווּנדן. אָראַנסקיס אויסזען, ווי ער וואָלט געוואָלט און זיך ניט געקאָנט פאַרענטפערן, פאַרוואָס זײַנען באַ אים גאַנץ די הענט, די פיס און דער קאָפּ איז נאָך אויפן אָרט. ער האָט פאַרשפּיליעט דעם קאָלנער, זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

די לעצטע פאַרטיידיקער פונעם לעגענדאַרן שוואַרציאַמישן באַסטיאָן האָבן נאָך געקעמפט אין די בוכטעס סטרעלעצקאַיאַ, קאַמישעוואָ, קאַזאַטשאַיאַ, און דאָ, אויף אַ קליין שטיקל ערד, אין כערסאָנעס. פונעם פּאָלק זײַנען פאַרבליבן געציילטע מענטשן. זיי האָבן באַדאַרפט אײַנהאַלטן דעם סוינע, קעדיי די פינף־און־דרײַסיקסטע באַטאַריי און אַנדערע טיילן זאָלן זיך קאָנען עוואַקויִרן.

...צוויי קאַמאַנדירן, זעקס רויטאַרמייער, אָן עלטערער פישער, וואָס האָט גאַנצפרי געבראַכט וואַסער פאַר די אָנגעגליטע קוילנוואַרפער. זיי קלאַמערן זיך אין די גריבער. צום יאַם איז ניט מער ווי אַ האַלבער קילאָמעטער, נאָר דער ברעג איז דאָ אַזאַ, אַז קיין שיף וועט אַהער נאָך זיי ניט קומען.

# אליין מיט זײַן ווײַ־און־ווינד

אַ געזונטער פעלדפּעבעל שטעלט אָן אַף אַראַנסקין זײַן האַרבאַטן אווטאָמאַט. אין דער זעלבער רעגע צערײַסט זיך אַ גראַנאַטע. ביידע פאַלן...

אונטער די ברענענדיקע זון־שטראַלן זײַנען באַ פיר הונדערט טויטע און פאַרוואונדעטע געלעגן אַף אַ שמאָל פּאַסיקל ערד. דער פעלדזיקער ברעג האָט זיך שטייל אַראָפּגעלאָזט צום יאַם.

ווער ס׳האָט נאָך אַ ביסל קויעך, פאַרקלײַבט זיך נעענטער צו דער שאָטנדיקער באַרג־זײַט, ווו אין געדיכטן קאַלך־שטויב וואַקסן מיסטגראָזן און קוסטעס מיט האַרטע נאָדלען אָנשטאָט בלעטער.

אַ באַשעפעניש, גרויס ווי אַן אַרבעס, פויזעט איבער אַראַנסקיס פּאָנעם. די באַק ציטערט, נאָר די האַנט טוט זיך ניט קיין ריר, קעדיי עס אַראָפּשלײַדערן. ווער ווייסט, וויפל ער וואָלט נאָך געלעגן אַזוי, ווען ניט די אָוונטיקע קילקײַט און דער שאַרפער ווייטעק אין דעם לינקן פוס.

לאַנגזאַם האָט זיך צו אים אומגעקערט דער באַוווסטזײַן. מיטן טאַשןמעסערל האָט ער צעשניטן די כאָליעווע פונעם שטיוול, וואָס איז פול געווען מיט פאַרבאַקטן בלוט. אויך די לינקע האַנט איז פאַרוואונדעט, נאָר מיט איר קאָן ער נאָך עפּעס טאָן. ער בײַסט די איבערגעטריקנטע ליפּן. ער וועט אויסגיין פון דאָרשט. איז וואָס זאָל ער טאָן?

די גרוב, ווו ער ליגט, איז ניט קיין טיפע, נאָר ערשט דער דריטער פּרווו אַרויסצוקאַראַטשקען זיך געלינגט. דאָס ערשטע, וואָס ער דערזעט, איז אַ ליכטיקע האַלבע לעוואָנע און אַ פאַלנדיקער שטערן. פון יאַם ווייעט אַ געזאַלצן ווינטל. ערגעץ ווײַט, באַ דער רודאָלפער סלאָבאָדאַ, שיסט מען נאָך. מיטאַמאָל דריקט ער זיך צו דער ערד און פאַרטײַעט דעם אָטעם. דאַכט זיך, עמעצער פויזעט. ער קערט אויס דעם קאָפּ אין יענער זײַט, פונוואַנען עס הערט זיך דער שאָרך. די דײַטשן האָבן דאָך מיסטאַמע מיטגענומען זייערע פאַרוואונדעטע, ווער זשע איז דער, אין דעם גרין־גרויען מונדיר? אַראַנסקי קאָן שווערן, אַז דאָס איז יענער, וואָס האָט אין אים געשאָסן. שוין זשע האָט ער אים מיט דער גראַנאַטע בלויז פאַרטשמעליעט? מיט די נעגל גראַבלט ער די זאַמדיקע ערד און קריכט, ווי אַן אונטערגעשאָסענע כײַע. ער איז אָן דעם אווטאָמאַט, נאָר אויך אַראַנסקיס פּיסטאָלעט איז פּוסט, אָן איין קויל.

זיך אַרופוואַרפן אַפן דײַטש אומגעריכט האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, כאָטש אין דער רעגע איז ער אַפן רעכטן פוס געשטאַנען פעסט.

...אַ־אַ־אַ־אַ! — האָבן איבערגעכאַזערט די בערג אַ פרעמדן געשריי. ווו נעמט מען אַ צווייטע האַנט אַף פאַרמאַכן אים דאָס מויל? די רעכטע האָט זיך נאָך ניט דערקליבן צום גאָרגל, ווען אַראַנסקי האָט געכאַפּט אַזאַ קלאַפּ אין קראַנקן פוס, אַזש די אויגן האָבן געגומען קריכן פון קאָפּ. ער טאָר ניט שרײַען און וואָלט זיך געלאָזט אופהענגען אַ שלאָס אַפן מויל, נאָר...

...אַ־אַ־אַ!.. — האָט זיך ווידער צעהילכט דער עכאָ אין טאָל. דאָס מעסערל איז אַרויסגעפאַלן פון האַנט, דויבעט ער מיטן פויסט, און אַזוי קײַקלען זיי זיך איבער דער ערד, ביז זיי טרעפן אין דער זעלבער גרוב, פונוואַנען אַראַנסקי האָט זיך ערשט ניט לאַנג אַרויסגעדראַפּעט.

ביידע לעבן נאָך. זיי מוזן איבערכאַפּן דעם אָטעם. דער פּאַשיסט שפּאַרט זיך אָן אין דער וואַנט און שטעלט אַרויס די פּויסטן, ווי אַן אָקס די הערנער, נאָר אָראַנסקי דערלאַנגט איין קלאַפּ, אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער שלאָגט שוין אַ פּייגער. ער נעמט אַראָפּ פונעם שוואַרצן רימען די פעלד־פלאַש און טוט זי אַ טרייסל. זי איז קימאַט פול. דאַן שרויפט ער אָפּ מיט די ציין דאָס דעקל און טוט אַ שלונג די שוואַרצע, אָפּגעקילטע קאַווע. איצט, ווו ער זאָל ניט אַ קוק טאָן, שטויסט ער זיך אָן אויף דעם טויטן דייטש. ביז עס איז נאָך ניט אינגאַנצן ליכטיק געוואָרן, מוז ער זיך פונדאַנען אַרויסקלייבן און זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס. אויב אים וועט זיך איינגעבן איבערקומען אָט דעם טאָג, וועט ער זיך באַנאַכט לאָזן נעענטער צום יאַם.

ווי אומדערטרעגלעך לאַנגזאַם עס ציט זיך די צייט. דאַ דאַרפן זיין שלענג און סקאָרפּיאָנען. די לופט איז פול מיט שמעטערלינגען. ווען זיי זעצן זיך צו, לייגן זיי צונויף די פליגעלעך אויפן רוקן. עפּעס אַ מין הייישעריק איז באַפאַלן די קוסטעס. זיין זשומען — ווי דאָס דריבנע קלאַפּן פון אַ פּויק. און אַפילע דאָס צופּט און נאָגט זיינע אָנגעשטרענגטע נערוון. ווען ער זאָל ניט געוועזן פאַרלירן דאָס מעסערל, וואָלט ער אָפּגעשניטן אַ צווייג און זיך אין איר אָנגעשפּאַרט, ווי אין אַ שטעקן. די רעכטע האַנט מיטן שטעקן וואָלט ער אַרויסגעשטעלט פאָרויס, זיך אָנגעשפּאַרט און אַ שפּרונג געטאָן. ווייט אַזוי אַוועקגיין קאָן מען ניט, נאָר פאַר צוויי נעכט וואָלט ער זיך צום יאַם דערקליבן.

דאַנקען גאָט, ס'איז שוין געגנוג טונקל. ווי אַ הייסע געבראָטענע קאַרטאָפל ווערט די ערד צוביסלעך אָפּגעקילט. נאָך אַ נאַכט און אַ טאָג וועט ער דאָ אָפּליגן. עפּשער וועלן זיך די ווונדן פאַרציען. די האַנט איז צו דערליידן, נאָר דער פוס ברענט, ווי מע וואָלט זיך צוגערירט צו אים מיט אָנגעגליטן אייזן. נו, און וואָס וועט זיין, אויב אַפילע די ווונדן וועלן זיך פאַרציען?.. צי וועט זיך אים איינגעבן דערקלייבן צו די פּאַרטיזאַנער, צו לעאָניד אַנטאָנאָוויטשן?

ער איז אין פינלאַנד ניט פאַרפרוירן געוואָרן פון דער גליווערנדיקער קעלט, וועט ער דאָ פאַרברענט ווערן פון היץ. די זון קלייבט זיך, דאַכט זיך, צעשמעלצן דאָס שטיקל שטייניקן באָדן. ניטאָ זיך וווהין פון איר צו באַהאַלטן. דערצו קאָן מען נאָך דערשטיקט ווערן פונעם איפּעש.

דער קוסט איז גאָר קיין קוסט ניט. ער איז אויך ווי פון שטיין. צו אים וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ שאַרפע האַק, ווי באַ זשעניען. זי מיט דער מאַמען זיינען לעבן געבליבן? מעגלעך. וואָס וואָלטן זיי געטאָן, ווען ער דערקלייבט זיך אַהין און קלאַפּט באַנאַכט שטיל אָן אין פענצטער? אויף טויט וואָלטן זיי זיך איבערגעשראָקן. וועד איז ער זיי, זיי זאָלן ריזיקירן צוליב אים מיטן לעבן? נאָר דאָס זיינען אַלץ פּוסטע כאַלוימעס, זיך צו טרייסטן. ער וועט זיך אַהין אַלציינס ניט דערקלייבן.

די באַלקע פירט אים אויף דאַרעם, לעבן יאַם ענדיקט זי זיך מיט אַן אָפּריס. ער איז שוין באַלד לעבן אים, נאָר עס שפּראָצט שוין אויף טאָג, און קיין קוסטעס זעט מען דאָרט ניט. ווידער פאַרקלייבט ער זיך אין אַ באַהעלטעניש, און ביז די זון וועט ניט נעמען באַקן, וועט ער פּרוּוון

כאַפּן אַ דרעמל. די פליאַגע איז פּוסט, און ער וואָלט זי געקענט אוועקוואַרפן. ער טוט עס ניט, ווײַל ער וועט כאָטש אין אָוונט אָנעמען אין איר יאַם־וואַסער אַף אָפּפרישן דאָס פּאָנעם. די לעצטע פּאָר סוכערלעך האָט ער שוין אויך אופגעגעסן, און מער איז שוין קיין סקאָרינקע ניט פאַרבליבן.

ערגעץ האָט ער געלייענט, אַז אָן עסן קאָן מען לעבן בײַ דרײַסיק טעג. דער, וואָס האָט עס געשריבן, האָט מיסטאַמע קיין איין טאָג אַליין ניט געהונגערט. זיכער איז אָבער איינס, אויב ער וועט זיך הײַנט־מאָרגן ניט אָנטרינקען, וועט ער ניט אויסהאַלטן. „הײַנט־מאָרגן" — דאָס זײַנען צענדליקער שאָ, און אים נעמט ניט דער שלאָף. ער קאָן מער קיין מינוט ניט לײַדן. פאַרוואָס האָט ער אַרויסגעלאָזט די לעצטע קויל? איינע האָט ער געהאַט דאָס רעכט לאָזן פאַר זיך. פאַרוואָס, פאַרוואָס... זייער אַ סאַך פאַרוואָסן.

די לעצטע עטלעכע מעטער איז ער מיט בייזער אַקשאָנעס געקראָכן אַף דער רעכטער זײַט. אַזוי האָט ער אַמאָל ליב געהאַט צו שווימען אינעם טעטערעוו, אין דניעפּער, אין אָט דעם שוואַרצן יאַם, אין דניעסטער און אין פּרוט. דאָ בלײַבט נאָך אים אַ ריוועלע אין זאַמד, און פאַרשיטן עס קאָן ער ניט, ווײַל קויעך פאַרמאָגט ער ניט מער ווי אַ נײַ־געבוירן קינד.

וואַסער! שטיין אין וואַסער און שטאַרבן אַ טרונק! שווענקט ער דאָס מויל, פאַרגײַסט דעם קאָפּ, עס זאָל זיך כאָטש אַ בולקע טאָן אין גאָרגל. פון דער געזאַלצנקײַט ברענט נאָך מער דער דאָרשט, און פון דעם, וואָס עס שמעקט דאָ מיט טוכלע פיש, נאָגט נאָך שטאַרקער דער הונגער.

דאָס וואַסער — טונקל־גרין גלאָז, און בײַ דער שײַן פון דער לעוואָנע קאָן ער זיך שפּיגלען אין דעם. צאָרעס לייגן זיך צוערשט אַפן פּאָנעם. אים גלייבט זיך ניט? יאָ, דאָס איז ער אין קנאַפּע פיר מעסלעס אַרום נאָך דעם, ווי דער פאַשיסט האָט אָנגעצילט אַף אים זײַן אַווטאָמאַט.

איז עפּשער אַ וואָרף טאָן זיך אין וואַסער, אופוועקן די דרעמלענדיקע מעוועס אַפן שטיין, וואָס באָדט זיך אין יאַם? זאָלן זיי פּאָכן מיט די ווײַסע פליגל, און ער וועט אוועק צום דנאָ. ס'איז דאָ ניט טיף, נאָר אויב מע וויל, קאָן מען דערטרונקען ווערן. דערווײַל וועט ער ביז טאָג זײַן דאָ, אין שויס פון דער נאַכט. אין דער פינצטער איז רויִקער. ווי נאָר ער וועט דערהערן פרעמדע טריט, ווייסט ער שוין זײַן וועג. צו אים איז קימאַט מיט דער געזונטער האַנט צו דערלאַנגען.

עס האָט אים אָפּגעגליקט. קימאַט באַם סאַמע ברעג האָט זיך באַוויזן אַ פישל — לאַנג און שמאָל, ווי אַ נאָדל. דאָס פישל האָט אים בלויז באַוויזן די באַזילבערטע ליסקעס, נאָר ניט ווײַט פון דעם אָרט, אין זאַמד, האָט ער געפונען נאָך ניט קיין צעפוילטע סטאַווריִדע. ער האָט זי אײַנגעשלונגען און מיט דער זעלבער סטעזשקע, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלייגט, זיך געלאָזט צוריק אין זײַן באַהעלטעניש.

וואָס נאָר האָט ער ניט איבערגעטראַכט פאַר דעם טאָג! פונעם וויגל ביז דעם גריבל לעבט דער מענטש צווישן לעבעדיקע. מע קאָן זיך באַגיין אָן אַ סאַך זאַכן, נאָר ניט אָן אַ מענטשן. ס'איז טאַקע דאָ ווײַט פון אַ

הויז, נאָר פאַרוואָס באַוועגט זיך קיין לעבעדיקער נעפּעש ניט? ווען זאָל ער פאַרטרויען די געדאַנקען, וואָס ציִען זיך ווי אַ קנײַלכל באַוול?

סטײַעס פייגל געפינען וואָס צו טרינקען, וואָס צו עסן, און ער האָט שוין צעקײַט דעם רימען, געהריזעט די קאָרע און געפּרוווט עפּעס אויס־זויגן פון דעם מאָגערן שטאַם. פון דעם איז אים לינדער ניט געוואָרן. ער צאַנקט, ווי אַ קויל אונטערן אַש, און שוין ניט האָפנדיק אַף גאָרנישט, פילט ער נאָר דאָרשט, הונגער און ווייטעק.

פאַרוואָס פאַדערט אַ מאַשין הייצוואַרג נאָר ווען זי אַרבעט? ער טוט דאָך גאָרנישט. אָט ווען דו דערמאָנסט זיך, אַז דו שטאַמסט פון אַ כײַע.

אין מײַרעוו האָבן אַפן האָריזאָנט זיך באַוויזן וואָלקנס, דינע, ווי פּע־דערן. צו אָוונט־צו האָבן זיי שוין פאַרכאַפּט אַ שטיק הימל. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל. פונדערווײַטנס האָבן זיך דערטראָגן טעמפּע אָפּ־הילכן — מעגלעך, אַז דאָס איז שוין ניט קיין אַרטילעריע. אַ רעגן, ווען עס זאָל אַ גאָס טאָן אַ רעגן, כאָטש אַ קליין רעגנדל. דאָ ניט ווײַט האָט ער געזען זיך וואַלגערן אַ שטיק פאַרזשאַווערטן בלעך. וועט ער אים אויסבייגן און מאַכן אַ קיילע, און קיין טראָפּנדל וועט ניט פאַרפאַלן גיין.

...ניטאָ קיין קויכעס דערפּויזען ביז צום יאַם — און מע דאַרף. איין צאָרע שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטע. אַף דעם צעקאַליעטשעטן פּוס האָבן אינעם אָנגעוואַקסענעם ווילדפלייש זיך באַוויזן ווײַסע ווערעם. ער וואַרפט זיי אַראָפּ, און זיי באַווײַזן זיך ווידער.

הײַנט האָט ער נאָך געלעבט, געעטעמט. ער און די ערד, וואָס האָט אויך געלעכצט נאָך אַ רעגן, האָבן זיך דערוואַרט. די בליצן האָבן געבליצט פון אַלע זײַטן, ווי זיי וואָלטן וועלן צערײַסן אַף שטיקער דעם הימל. ער איז געווען גליקלעך אַף מעשוגע צו ווערן. מיט דער געשוואָלענער צונג האָט ער געכאַפּט די טראָפּנס און קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פונעם בלעך, וואָס ער האָט אונטערגעשטעלט באַם שפּאַלט פונעם באַרג, וואָס האָט פון די ווינטן, רעגנס אָדער גאָר פון עלטער זיך אײַנגעקאָרטשעט און באַקומען אַף זײַן סאַמע שפּיץ אַ היפּשן פּליך. זאָלן נאָר די וואָלקנס אופהערן זיך צו רייצן און זאָל דערלאַנגען אַ פליוך אַ רעגן, אַז פונעם באַרג זאָל זיך אַ גאָס טאָן אַ ריטשקע. ער דאַרף אַזוי, ווײַל דער שטייניקער באָדן און דער שטויביקער קאַלך וועלן אים צוריק קיין טראָפּן ניט אומקערן.

עס האָט זיך אים ניט געגלייבט, נאָר ער האָט זיך אָנגעטרונקען, ווי אַ פּויק. די פעלד־פלאַש איז פול, און אין דער אָפּגיך געמאַכטער בלעכענער מולטער האָט ער אײַנגעהיט אַ היפּש ביסל ווייכע רעגן־וואַסער.

איצט, ווען ער זאָל קענען שלעפּן דעם פּוס, וואָלט ער זיך באַנאַכט געלאָזט אין וועג. דאָ, אינעם באַרג־דורכגאַנג, דאַרפן זײַן מינעס. נאָר וואָס קאָן ער אָנווערן?

ווידער האָט ער זיך פאַרקליבן, ווי אַ געיאָגטע כײַע, אין זײַן נאָרע. אַף זײַן לעבן האָט ער נאָך ניט געזען אַזאַ פאַרוויסטונג. דאַכט זיך, אַלץ איז טויט, אויסער דעם יאַם און די שטערן. איבער אים איז דער הימל, און בלויז דער הימל. דער פּוס, וואָס שטעכט ווי מיט טויזנטער נאָדלען,

איז אופגעלאָפן און ווערט פאַרברענט פון זײַן אייגענער היץ. עס גייט שוין דער עלפטער מעסלעס, ווי ער, פּיאָטער אָראַנסקי, ליגט דאָ אין אָנמאַכט. ער גויסעסט צוזאַמען מיט דער נאַכט.

## ווען מערדער געוועלטיקן

— יעגאָר, זע נאָר, ער לעבט נאָך! — דאָס שרײַט עמעצער פון די געפאַנגענע, וואָס די היטלעראָווצעס טרײַבן פאַר זיך, קעדיי דורכקאָנטראָ־לירן, צי זײַנען אויף אפן וועג ניטאָ קיין מינעס. ניקאָלאַדזע באַווײַזט זיך ניט אָנצובייגן, ווי אַ דײַטש האָט שוין אָנגעצילט די ביקס אויף אָראַנסקין און אַ ברום געטאָן:

— האַלט!

„האַלט!" — מע קאָן מיינען, אַז ער קאָן נאָך לויפן.

אָראַנסקי האָט ברייט צעעפנט די אויגן. דאָס איז ניט קיין מיראַזש. דאָס האַרץ טוט אַ ציטער. זיך דערוואַרט... פאַר דער ביקס קאָן ער זיך ניט אָנכאַפּן, איז זאָל ער אים גיכער שיסן, און אַן עק זאָל עס נעמען. איז ניין, ער פרעגט נאָך:

— באָלשעוויק, יודע?

ניקאָלאַדזע פאַרלויפט דעם וועג. ער קען דײַטש, און דערפאַר האָבן די היטלעראָווצעס אים אויסגעטיילט פון אַלע איבעריקע, ער גייט די גאַנ־צע צײַט ערגעץ אינמיטן צווישן דער קאָמאַנדע „קאַנאָנען־פלייש" און דער וואָך.

— הער זאָלדאַט, גאָט באַהיט! דאָס איז מײַן בעסטער פרײַנט. ער ליגט דאָ, ווײַל דער פוס טוט אים וויי. איך בעט אײַך, שיסט אים ניט. ער וועט זיך גיך אויסהיילן, און דאַן קאָנט איר אים כאָטש אין אַ קער אײַנ־שפאַנען.

אויף אומברענגען אַ פאַרוווּנדעטן רויטאַרמייער דאַרף דער „הער זאָל־דאַט" באַ קיינעם ניט בעטן קיין דערלויבעניש. אויף ניט שיסן דאַרף ער האָבן אַ באַפעל פון דעם אונטעראָפיצער, וואָס גייט ערגעץ הינטן און איז נאָך אַהער ניט דערגאַנגען. דערווײַל האָט דער סאָלדאַט זיך איבערצײַגט, אַז דער „דאָלמעטשער" לײַגט ניט. ס'איז ריכטיק, אַז זיי קענען איינער דעם צווייטן. איז וואָס אַרט עס אים? זאָלן זיי צווישן זיך ריידן.

— פּיאָטער, נעם זיך אין די הענט. שווער־פאַרוווּנדעטע שיסן זיי. צום לאַגער איז ניט ווײַט — זיבן קילאָמעטער. דאָרט איז פאַראַן אַ דאָקטער. איך האָב דאָ אַ כאַווער, מיר וועלן דיר העלפן.

— יעגאָר, גוט, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן. אויב דיר וועט אָפּגליקן און וועסט בלײַבן לעבן, גיב צו וויסן מײַן מישפּאָכע. מיר קאָן שוין קיי־נער ניט העלפן.

— נאַרישקײַטן. האָסט היץ. זיץ און שווײַג. פאָלג, וואָס איך וועל זאָגן.

— וואָס איזט דאָס? — דאָס וויל שוין וויסן דער אונטעראָפיצער.

ניקאָלאַדזע דערציילט, אַז ער האָט צופעליק אָנגעטראָפן אויף זײַנעם אַ לאַנדסמאַן.

— און אַפּיצער?

— ניין, — ענטפערט ניקאָלאַדזע, — א טעכניקער. ער פארמאָגט גאָלדענע הענט. גליקלעך וועט זײַן דער באַלעבאָס, צו וועמען ער וועט ארײַנפאלן.

דער אורטייל איז ארויסגעטראָגן. אויב ביזן יאם־ברעג וועלן זיי ניט אָנטרעפן אף קיין מינעס, מעג מען אים העלפן דערקלײַבן זיך צום לאגער. דערווײַל בלײַבט דער טעכניקער דאָ.

א שטיק זאמדיק פעלד צווישן דער רודאָלף־סלאָבאָדא און בערמאַנס באלקע האָט מען ארומגעצוימט מיט עטלעכע רייען שטעכלדראָט. אין די ווינקלען האָט מען אוועקגעשטעלט פיר הילצערנע טורעמס מיט קוילנווארפער, — און דאָס איז דער לאגער פאר העכער צוויי טויזנט קריגסגעפאנגענע.

פון דער קאָמענדאטור האָט מען געבראכט און אוועקגעשטעלט בא דער „קיך", ווו צוויי מאָל א טאָג טיילט מען צו דרײַ הונדערט גראם מוטנע באלאנדע, א ספּעציעלן טורניקעט — אן אײַנריכטונג מיט א ווירבל־טירל, וואָס לאָזט ניט די געפאנגענע מיט די פּוסטע קאָנסערוון־שאכטלען אײַלן פאָרויס, נאָר צווינגט זיי ארײַנגיין איינציקווײַז. באם דורכגיין דעם טורניקעט פארמאכט איר דעם וועג יענעם, וואָס גייט נאָך אײַך. דאָס גיט א מעגלעכקײַט די וואכלײַט ארויסצוכאפּן די, וואָס זײַנען, לויט זייער מיינונג, ענלעך אף יידן, ווי אויך די שווער־פאַרוואונדעטע און קראנקע, קעדיי זיי אָפּפירן אין שכיטע־ריוו. בא די דײַטשן הייסט עס „כאפּן האָזן", און זיי באַרימען זיך נאָכדעם, וויפל וועמען עס איז געלונגען צו כאפּן.

ניקאָלאַדזע קאָן טאַקע, ווײַזט אויס, אומבאמערקט ארויסנעמען א שויב פון איין פענצטער און ארײַנשטעלן אין א צווייטן. אים האָט זיך אײַנגעגעבן א שפּיצל, זײַן כאווער זאָל אויסמײַדן דעם טורניקעט.

אין לאזארעט האָט דער דאָקטער בערשאדסקי מיט זײַנע גרויסע קינדערש־בלויע אויגן א קוק געטאָן אף אַראנסקיס קראנקן פוס און טאַקע באלד מיט א צעבראָכענעם סקאלפּעל צעשניטן די וווּנד און ארויסגענומען מיט א צוואנג די קויל. מיט עפּעס א שמירעכץ האָט ער פאר צוויי טעג פארניכטעט די ווערעם. אַראנסקי האָט שוין קימאט געקענט אופהייבן די האנט און רירן מיט די פינגער פונעם קראנקן פוס. צוויי שטעקנס אָנשטאָט קוליעס האָט ער אליין געפונען.

צווישן די געפאנגענע רויטארמייער און מאטראָסן האָבן די ערשטע טעג זיך אויך געפונען אָרטיקע אײַנוווינער, וועלכע האָבן געקעמפט אין די דרוזשינעס. צו זיי פלעגן קומען די אייגענע, וואָס האָבן זיך באמיט איבערגעבן אין לאגער עפּעס עסן. געוויינלעך פלעגט מען זיי צעטרײַבן אָדער גאָר נעמען שיסן אין זיי. נאָר זונטיק האָט די וואך ניט אזוי געווילדעוועט און פון יענער זײַט דראָט פלעגט אמאָל ארײַנפליען א געקאָכטע קארטאָפל, א גרינע אוגערקע, א בורעק.

אַראנסקי איז געלעגן אין הויף פון לאזארעט, ווען ער האָט פלוצעם צווישן א גרופּע פרויען דערזען זשעניען. ער האָט זיך א כאפּ געטאָן פאר

די שטעקנס און, רופנדיק זי, זיך געלאָזט צום שטעכלדראָט. נאָר דער וואכמאַן, וואָס איז געשטאַנען פון דרויסן, האָט אים באַמערקט און דראָענ־דיק באַוויזן אַ פויסט. זשעניען האָט ער צוגעלאָזט קימאַט ביזן דראָט און עטלעכע מאָל זי איבערגעפרעגט:

— דאָס איז דײַן מאַן?

זי האָט געענטפערט:

— ניין, מײַן מאַנס אַ ברודער.

דער וואכמאַן האָט זי אפילו אַ לויב געטאָן, וואָס זי פאַרגעסט ניט אין אירע אומגליקלעכע קרוווים, און איר פאַרטרויט, אַז ער אַליין בענקט שטאַרק נאָך זײַנע קינדער, וואָס וואַקסן בײַ דער באָבען און ער האָט זיי שוין דאָס צווייטע יאָר ניט געזען.

אַלץ, וואָס זשעניע האָט אַהער געבראַכט, האָט זי שוין באַוויזן אַרי־בערוואַרפן פאַר אַלעמענס־וועגן. דערפאַר איז זי אַוועק אַהיים, זיך אײַנ־גיכן אומגעקערט און אים איבערגעגעבן אַ לעבל ברויט, אַ שטיק געדיכ־טע הירזשענע קאַשע און אַ סאָלדאַטסקע קעסעלע, פול מיט טיי — עמעסע זיסע טיי. זי האָט בײַ אים גאָרניט געפרעגט, אַליין גאָרניט דערציילט, נאָר געשטאַנען פונדערווײַטנס. און געקוקט, ווי אָט דער טויט־הונגעריקער מענטש, וואָס האָט נאָרוואָס ניט פאַרמאָגט אפילו מיט וואָס אָן אויג צו פאַרטרייסלען, טיילט אָף דער העלפט דאָס אומגעריכטע האָב־און־גוטס מיט איינעם אַ קאַווקאַזער.

מיטן וואַכמאַן האָט זי „געשלאָסן באַקאַנטשאַפט" און נאָך פינף מאָל אַהער געקומען. צום זעקסטן וואָלט זי בעסער ניט געקומען. נאָר ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז איר „באַקאַנטער" איז פּונקט אַזאַ באַנדיט, ווי אַנדערע, נאָר לײַדט צײַטנווײַז פון סענטימענטאַלקײַט. צום זעקסטן מאָל האָט ער זי באַגעגנט מיט אַ קויל. דער געהילף־קאָמענדאַנט האָט דער־לויבט דעם דאָקטער בערשאַדסקי אַרויסגיין פון דעם לאַגער און איר איבערבינדן די וווּנד. נאָר קיינער האָט ניט דערלויבט אָראַנסקין אַרי־בערוואַרפן איבערן הויכן לאַגער־צוים זײַנע שטעקנס. פאַר דעם וועט ער באַקומען זײַן שטראָף. דערווײַל האָבן זייערע בליקן זיך נאָך איין מאָל באַגעגנט. וואָס האָט ער איר געקאָנט זאָגן? ער האָט לאַנג געקוקט, ווי זי, אָן אײַנגעבויגענע אינדרײַען, שטעלט אַ טראָט נאָך אַ טראָט. אָט איז זי, ווי אַ פאַרווונדעטער סאָלדאַט, צוגעפאַלן צו דער ערד. נאָר צו איר איז צוגעגאַנגען אַ פרוי, געהאָלפן זיך אופהייבן, דערנאָך זי גענומען אונטער דער האַנט, און זיי זײַנען לאַנגזאַם אַוועק מיט דער באַלקע.

ביטער, שלעכט איז, ווען דער מערדער געוועלטיקט.

שווערע, מיט ברייטע ברוסטקאַסטנס, גרויע פערד, וואָס האָבן זיך פאַרבענקט נאָך אַ וואָגן מיט מאַסע, פּיטערן זיך אָף דער לאָנקע, און אין די רימענע שלייעס, וואָס זײַנען מיטביידע עקן צוגעפעסטיקט צום כאָ־מוט און שנײַדן זיך אַרײַן אין די אַקסל, שפּאַנט מען אײַן אויסגעצערטע מענטשן. אפן וואָגן — פעסער מיט וואַסער. פאַראַן קימאַט אַ גלײַכער וועג צום ברונעם, נאָר ווי דער פאָרעץ וויל, אַזוי דרייט ער מיטן דישל... די

לאגער־וואך הייסט פירן מיט א זײַטיקן וועג, ווו דער בארג־ארוף איז א שטײַלערער. דעם וואָגן וועט מען ארופשלעפּן, נאָר פּרווו אים דערנאָך אײַנהאלטן, אז קיין טראָפּן וואסער זאָל זיך פון דער הילצערנער פאס ניט אויסגיסן. פון אָנשטרענגונג האָט בא אָראנסקין געפּלאַצט די דינע הויט, וואָס האָט אָקאָרשט פארצויגן די ווונד. אפן שטויביקן וועג טריפן טראָפּנס בלוט. ער זעט זיי ניט, ווײַל די אויגן זײַנען פארלאָפן מיט געזאלצענעם שווייס. דער וואכמאן מיטן גרויסן בויך, וואָס האלט זיך אין איין טרייס־לען, באפוילט זיך אָפּשטעלן. ער אליין וועט זיך זעצן אף די קאָזלעס, קיין ווישקעס דארף ער ניט. די הענט זײַנען בא אים פארנומען מיטן אווטאָ־מאט.

פערד דארפן שווײַגן, אָבער דער נידעריקער מאטראָס, וואָס גייט פון לינקס אין שפאַן, האלט ניט אויס און טוט זיך א „בריקעווע". ער זעצט זיך אוועק א צעיושעטער אף דער ערד, און דער צאָרן רעדט פון אים ארויס:

— או, רייבלוטיקע לויז, וואָס פאר א צויג האָט דיך אף דער וועלט געבראכט!

אָראנסקי זאָגט אים שטיל:

— פארבינד די צונג און ווער אנשוויגן!

פארן מאטראָס איז איבערגענוג, וואָס ער האָט אויסצושטיין פונעם פריץ, זאָל אים נאָך אָן אייגענער לערנען? עפּשער מיינט ער, אז ער מעג, ווײַל ער איז געשפּאנט אינמיטן? ער איז טאקע עלטער און העכער פאר אלעמען, נאָר אים קאָן ער דאָך אף זיכער א ביס טאָן:

— ווער ביסטו — א קאָמאנדיר, וואָס דו באפוילסט? דו ביסט א פערד ניט בעסער פאר מיר. וואָס — ניט?

די שלייע אף אָראנסקין טוט א ציטער, און די פּאָסטראָמקעס ציִען זיך אזוי אָן, אז עס גיבן זיך א ריר די רעדער פון וואָגן.

— א קאָמאנדיר! און איך באפויל: שטיי אוף!

— האלטסט פאסאָן? נו, נו! געטראָפן דאָס אָרט. איינער אזא האָט שוין מיט מיר דאָ אזוי א שפּאס געטאָן, איז ער שוין לאנג געפּייגערט. אזוי־אָ!

— אלץ? צי דו ווילסט מיר נאָך עפּעס זאָגן?

— נאָך, זאָגט מען, איז באם גאלעך אין ארבל. האָסט צעקײַט? איז אייצע איך דיר עס אײַנשלינגען.

דער מאטראָס איז ווי א שוועבעלע, גיב א ריר — צינדט זיך עס אָן.

דער דײַטש וויל וויסן, וואָס קומט דאָ פאָר. פרעגט ער בא ניקאָלאדזען, וואָס שפּארט אונטער דעם וואָגן פון א זײַט. יעגאָר קען שוין אָט דעם וואכמאן, און ער האָט מיט מוירע געוואָרט אף אָט דער פראגע.

— זיי אמפּערן זיך, הער זאָלדאט, פארוואָס ניט אלע שלעפּן אלציינס דעם וואָגן.

— פארפלוכטער שווײַן, דו לײַגסט! — טוט דער „הער זאָלדאט" א טשמעל מיטן אונטערגעקאָוועטן שטיוול ניקאָלאדזען.

— הער זאָלדאט, איך לײַג ניט.

— ווער פון זיי שלעפּט מער?

— דער הויכער, וואָס איז געשפּאנט אינמיטן.

— אויב אזוי, דאָלמעטשער, איז זעץ זיך אויף מײַן אָרט. נעם די ווישקעס אין דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער זאָלסטו זיי שמײַסן, אַז אַלע דרײַ זאָלן שלעפּן אַלצײַנס. האַלט! — שרײַט ער הויך אויף אַ קאָל. — פאַרוואָס שנײַדסטו מיט דער בײַטש די לופט? דו מיינסט, אַז איך בין בלינד? אַראָפּ פון וואָגן! דו וועסט זיך אײַנשפּאַנען אינמיטן. זײַ זיכער, דער הויכער וועט דיך גוט שמײַסן, און פּרוּוו נאָר אומפאַלן, וועל איך דיר פּלעטן דעם קאָפּ. אוועקגעפאָרן!

אַראַנסקי פאַרשטעקט די בײַטש אינעם גאַרטל פון די צעריסענע גאַליפע הויזן, ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, שפּאַרט זיך אָן אינעם געזונטן פוס און מיט די לעצטע קויכעס, ווי ער וואָלט באַדאַרפט רירן פון אָרט אַ מויער, שטופּט ער פאָרויס דעם וואָגן. באַלד, ווייסט ער, וועלן אים די קוילן דורכלעכערן ווי אַ רעשעטע. זאָל זײַן אַזוי, נאָר די בײַטש אויף זײַנע כאַווײרים וועט ער ניט אויפהייבן. „דו, הינטיש געביין, וואָס האָסטו אָנגעשטעלט דײַן אַוטאָמאַט און קוועטשסט נאָך אַלץ ניט אָן מיטן פינגער אויף דער גאַשעטקע? דו ווילסט מיך נאָך אויספּרוּוון? אַ פּײַגן! וועסט זיך ניט דערוואַרטן!”

— טאַמאַס, — האָט זיך אָנגערופן דער צווייטער וואַכמאַן, — וואָס זידט אין דיר אַזוי דאָס בלוט? וואָס ווילסטו פון דעם „מינוסמענטש”? מיט דער צײַט וועט ער עפּשער ווערן אַן „אונטערמענטש”, און דערווײַל איז ער בלויז אַ פערד. ווילסט, איז שפּאַן אים אײַן צוריק. איך וואָלט זיי אפילו אוועקגעשטעלט אַן עמער וואַסער, זאָלן זיי זיך אָנזשליאָקען, און הײַדאַ אין וועג. שוין צײַט עסן אָוונטברויט. ווילסט ניט? איז גיי אָפּ אין אַ זײַט.

ער האָט אַרויסגעכאַפּט בא אַראַנסקין די בײַטש, אַ שנײַד געטאָן אַלע דרײַ מיטן דינעם רימען און אפילו ניט אויסגעשריִען „וויאָ, פערד!”. ביז אהער האָט ער גלײַכגילטיק געשפּאַנט בא דער זײַט פונעם וועג. איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שוין צײַט עסן אָוונטברויט. און ער וועט נאָך הײַנט מיסטאַמע אָנשרײַבן זײַן „פּראָו” אַ בריוו און וועט איר מיט אַלע פּישטשעווקעס באַשרײַבן, ווי שווער עס איז זיי, די בלאָנדהאָריקע, אין וועמעס אָדערן עס פליסט נאָרדיש בלוט, האָבן צו טאָן מיט די פינצטערלינגען, וואָס אפילו פאַר פערד טויגן זיי ניט שטענדיק.

ווען זיי האָבן זיך דערקליבן צום לאַגער, האָט מען זיי אפילו דערלויבט זיך אָנטרינקען צו זאַט. נאָר אָפּשעפּען זיך פונעם מאַטראַס, וואָס האָט פאַרפירט די קריגערײַ (קיריושע האָט ער געהייסן), איז אַראַנסקין געווען שוין גאָר ניט אַזוי פּאַשעט. אָן איבעריקע דיבורים האָבן ער און זײַנע כאַווײרים, די „שוואַרצע כמאַרעס”, אַנערקענט אַראַנסקין פאַר אַ קאָמאַנדיר איבער זיך און זײַנען גרייט געווען כאָטש באַלד זיך וואַרפן אויף דער באַוואָפנטער וואַך. זאָל ער נאָר באַפוילן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיי, אַ קאָלאָנע פון עטלעכע הונדערט מאַן, אָפּגעפירט צו דער אײַזנבאַן און פאַרשפּאַרט אין פּראַכט־וואַגאָנען. דער הילצערנער דיל איז געווען באַקלאַפּט מיט בלעך. דאָס שמאָלע פענצטערל — פאַרגראַטעוועט מיט אײַזערנע פּרענטעס. די ברייטע טיר האָט מען

פארוקט און פארקייטלט פון דרויסן. כאָטש די מענטשן זײַנען דאָ געווען צונויפגעפרעסט, ווי הערינג אין א פאס, האָט קיריושע זיך מיט די עלנ־בויגנס דורכגעלייגט א וועג צו אַראנסקין און, ניט היטנדיק זיך פאר אנ־דערע, געזאָגט:

— פיאָטער מאקסימאָוויטש, מיר וועלן דורכברעכן א לאָך אין דיל. איר מיט יעגאָרן און מיר, דרײַ מאטראָסן, וועלן אנטלויפן.

— און וואָס וועט זײַן מיט די איבעריקע?

— אויב אלע וועלן אנטלויפן, וועט מען נאָך אונדז זיך געוויס יאָגן.

— און וואָס וועט זײַן מיט די, וואָס וועלן בלײַבן אין וואגאָן, אז מיר וועלן אנטלויפן? וועגן דעם, קיריושע, האָסטו זיך פארטראכט?

— ניין, — האָט קיריושע אופריכטיק אנערקענט. — איך זע — דער פלאן טויג ניט. נאָר ביז מיר האלטן זיך נאָך אף די פיס, מוז מען עפּעס צוקלערן.

ווען עס האָט שוין גענומען טונקל ווערן, איז דער עשעלאָן אָנגעקומען קיין דזשאנקאָי. א גאנצע נאכט האָט מען זיי געהאלטן פארשלאָסן אין די וואגאָנען, אָבער ווי עס האָט נאָר געגעבן א בליאסק אף טאָג, האָט מען צעפראלט די ברייטע טירן און ווי אף א סרייפע גענומען טרײַבן:

— שנעלער! שנעלער!

באלד, ווי מע האָט זיי איבערגעגעבן דער נײַער וואך, איז צום דאָקטער בערשאדסקי צוגעגאנגען אן עסעסאָוועץ און מיט קויעך אראָפּגעריסן פון זײַן ארבל דעם צייכן פון רויטן קרייץ. א צווייטער האָט אים געהייסן אראָפּנעמען די שטיוול און, מאכנדיק כויזעק, צוגעקלעפּט צו זײַן פלייצע א געלע לאטע.

געבײַטשט און געטריבן האָט מען זיי צום בוימל־זאוואָד. אף יעדן טריט און שריט — סימאָנים פון כורבן. קיריושע האָט געפּרוווט בארויִקן בער־שאדסקין:

— שפּײַ זיך אויס אף זיי. אלציינס ביסטו אונדזער דאָקטער. דאָס קנעכט־שילדל איז פאר פרעמדע, זאלץ זיי אין די אויגן, און מיר קענען דיך. וואָס מיינסטו, אויב איך וועל שוין מוזן אָנקומען צו אײַער מעדיצין, וועל איך זוכן אן אנדערן? א שלאנג זאָל איך זײַן, אויב איך זאָג ניט דעם עמעס. שטיבלעטן וועלן מיר דיר אויך קריגן. א שאָד, וואָס מײַנע וועלן זײַן קליין אף דיר. די שקראבבעס זײַנען מיר שוין דערעסן. שמייכלסט? דאָס איז גוט. נאָר איך זע ניט, זאָלסט מיר גלייבן. זאָלסטו טאקע וויסן, א שלאנג זאָל איך זײַן, אויב...

א נערעק מיט דעם גאָפּרירטן טרײַבל האָט אים ניט געלאָזט פארענ־דיקן. ער האָט זיך גלײַך ארײַנגעדרייט אין דער קאָלאָנע און גענומען מיט עמעצן אײַנטײַנען, אז „ווי פוילע ציין, וואָלט איך זיי ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען".

דערנאָך זײַנען זיי געבליבן שטיין בא די טויערן פונעם לאגער. גע־פאנגענע זײַנען דאָ א סאך, און די טעריטאָריע איז קליין. די ערד איז אזוי אויסגעטאָפּטשעט, אז ס'דאכט זיך, קיין גראָז וועט שוין דאָ קיינמאָל ניט וואקסן. נאָר מיילע, די דײַטשן וועלן זיך שוין אן אייצע געבן... בישכיי־נעס, אין אן ארומגעצוימטן הויף, ארבעטן יידן. דאָס אָנטאָן — א לאטע

אף אַ לאַטע, נאָר אַף זיי אַלע — אַ גאַלע לאַטע אַ צוליי. באַ אַ יידן, וואָס סאַמע באַם פּלויט הובליעוועט ער אַ ברעט, האָט בערשאַדסקי געפרעגט:

— דאָס איז די געטאָ?

יענער קוקט זיך פריער ארום, און דערנאָך ענטפערט ער אַף מאַמע־לאָשן:

— איך ווייס? פריער האָבן מיר געמיינט, אַז מע וויל אונדז בלויז געטן מיט די ניט־יידישע שכיינים. אייניקע האָבן אַפילע געזאָגט, אַלץ קעדיי, אַבי לעבן צו בלייבן. איצט ווייסן מיר, אַז עס איז אַ פאָלוסטאַנאָק פאַרן אָפּשיקן אין שכיטע־פעלד. דאַנקען גאָט, דערוויל, זע איך, זיינען מיר נאָך ניט די לעצטע יידן, נאָר העלפן איינער דעם צווייטן קאָנען מיר סיידן מיט אַ קרעכץ, אי טאָ דאַרף אים איצט יעדערער פאַר זיך אַליין:

אַראַנסקי הערט, ווי בערשאַדסקי ענטפערט:

— פאַלט ניט אַראָפּ באַ זיך, די וועלט איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען.

— וואָס הייסט נאָך ניט אונטערגעגאַנגען? מיר מיט אייך זיינען כאָטש איין מינוט זיכער מיטן לעבן?

— און זיי, די געפאַנגענע פון שכיינעסדיקן לאַגער, זיי זיינען זיכער מיטן לעבן?

— איך זאָג עס ניט. נאָר זייערע פאַמיליעס וועלן נאָך עפּשער בלייבן לעבן, און מיין ווייב מיט די דריי קינדער ליגן שוין אין ריוו. עפּשער מיינט איר גאָר, אַז עמעצן וועט זיך איינגעבן מיט איין בלאָז פאַרלעשן אַזאַ סרייפע?

— ניין, דאָס ניט.

— איז דרייט ניט קיין ספּאָדעק און גיט ניט קיין נאַרישע אייצעס. קיינעם וועט זיך ניט איינגעבן אַנטלויפן. אויב מע וועט אונדז ניט שיסן, וועט מען אונדז פאַרברענען.

— אויב זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, וועט זיין טאַקע אַזוי, ווי איר זאָגט.

— נו, מיילע, וועגן דעם האָבן מיר שוין מיט אייך אָפּגערעדט. נאָר אויב איר זייט שוין יאָ אַזאַ כאָכעם, זאָגט מיר בעסער: פונוואַנען נעמען זיך אַף דער וועלט אַזעלכע ראָצכים? ווער האָט זיי פאַרזייט און ווער האָט זיי אויסגעכאָוועט?

— מע דאַרף ווייניקער כקירען און מער טאָן, — דער קורצער און שאַרפער ענטפער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ניט באַם דאָקטער בערשאַדסקי, נאָר באַ אַראַנסקין, און כאָטש זיי זיינען געשטאַנען ניט אַליין, האָט אים אויך דערנאָך ניט באַנק געטאָן, וואָס ער איז געווען אַזוי ניט פאָרזיכטיק.

קיריושע איז שוין ווידער דאָ. דאַכט זיך, אַזוי געפּאָקט און געמאָזלט, אַז ער וואָלט געמעגט פאַרזאָגן אַ צענטן, נאָר ער איז ניט קיין איבערגע־שראָקענער, איצט דאַרף ער זייער נייטיק וויסן, צי קאָן דער סטאָליער אים שענקען אַ קליין זעגעלע אָדער כאָטש אַן אָפּצווענגע. מיט דער האַנט גיט ער אַ פיר איבערן האַלדז, עס דאַרף הייסן, אַז עס גייט אין לעבן.

— ניין, — זאָגט יענער און ווייזט אים, אַז זיין גאַנץ סטאָליעריש גע־צייג באַשטייט פון אַ הובל.

באלד וועט מען עפענען די טויערן. אָט איז אַליין דער קאָמענדאַנט. די אויסגעפּוצטע שטיוול גלאַנצן. די הענט זײַנען פאַרוקט אין די קעשענעס. עמעצן זוכט ער מיט די אויגן. געפונען.

— קאָם הירן! — דאָס ווענדט ער זיך צו בערשאַדסקין. — קיין גוטער שוסטער ביסטו קיינמאָל ניט געווען?

— איך בין אַ מיליטערישער דאָקטער פון צווייטן ראַנג.

— כאַ, כאַ! — פאַרגייט זיך דער לאַגער־פיורער אין אַ געלעכטער. — ווי געפעלט אײַך דער דאָקטער, וואָס גייט באָרוועס, ווי אַ פּאַסטעך? ווען האָסטו פאַרקויפט דײַנע שטיוול?

איצט זוכן עמעצן בערשאַדסקיס אויגן. געפונען.

— פרעגט בא אים. ער וועט אײַך זאָגן.

— וואָס? — כאַפּט זיך דער קאָמענדאַנט פאַר דער קאָבורע.

דער קאַלאָנע באַפילט ער רירן זיך פון אָרט, און ווען די טויערן פאַרשליסן זיך הינטער איר, דערהערט זיך אַן איינציקער שאָס.

קיריושע האָט אַראָפּגענומען דאָס קײַלעכדיקע מאַטראָסן־היטל פון קאָפּ.

אפן צעמענטענעם דיל האָבן זיך געוואַלגערט אַן אַ שיר מענטשן, ווי מאָן אין אַ קעפּל. באַם באַקומען די ביטערע ווי גאַל באַלאַנדע האָט אָראַנסקי גיכער דערפילט, ווי דערזען, אַז עמעצער קוקט אין זײַן זײַט. דאָס איז געווען לאָבאָדאַ. באַם באַקומען די פּײַקע האָט לאָבאָדאַ אַזוי האַכנאָעדיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אַ שקלאַף. אָט דער קאָן אויסגעבן נאָך פריער, איידער די נעשאָמע וועט פון הונגער זיך אויסלעשן.

אָראַנסקי זיצט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די קני און הערט, ווי מאַטראָסן ריידן צווישן זיך. מע דערציילט מײַסעס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. מע דאַרף דאָך ווי־ניט־איז אָפּשטופּן די צײַט, וואָס ציט זיך, ווי פּעך.

ווער ווייסט, וויפל עס וואָלט זיך געצויגן אָט דער שמועס, ווען ניט דער רעדנער פון שכײַנעסדיקן רעדל, וואָס האָט פאַרינטערעסירט אויך די מאַטראָסן. דער רעדנער איז לאָבאָדאַ. עס איז געווען, אַז אָראַנסקי זאָל אופהייבן דעם קאָפּ, און זייערע אויגן וועלן זיך באַגעגענען. וואָס איז עס — אַ צופעליקײַט, וואָס ער האָט זיך צוגעזעצט אַזוי נאָענט? לאָזט זיך אויס, אַז לאָבאָדאַ וויל נאָך זײַן אַ פילאָסאָף אויך.

— דער אומגליק באַשטייט נאָך אין דעם, — וויל ער אײַנשמועסן די צוהערער, — וואָס מענטשן פאַרמערן זיך אַ סאַך גיכער, ווי עס דערלויבן די עקזיסטענץ־מיטלען. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך רעד וועגן עסן. טאַקע איבער דער קישקע גייט דער גאַנצער קריג. מיר, די סלאַוון, פאַרמאָגן ברייטע פּלייצעס, און די דײַטשן קלוגע קעפּ, וועלן זיי אונדז איבערכיטרעווען, און אונדז וועלן ניט העלפן ניט די שטאַרקע הענט און ניט די לאַנגע פיס. דאָס אַלץ הייסט קאַמף פאַר עקזיסטענץ. אפילע פאַר קיין קנעכט וועלן זיי אונדז ניט באַדאַרפן. אָט וועלן זיי אויסשפּילן די מיליכאָמע, וועלן זיי צוקלערן אַזוינע קונציקע ראַבאָטן, אַז מע וועט אפילע ניט

דארפֿן קוועטשן אַף קיין קנאַפּקעס. אַלץ וועלן פֿאַר זיי טאָן די אוטאָמאַטן. אין טעכניק קלײַב איך זיך פֿאַנאַנדער. זאָג איך אײַך אפֿריער, אַז אַזוי וועט עס זײַן. קיינער קאָן אונדז ניט העלפֿן, עס וועלן אויסלעבן געציילטע, די, וואָס וועלן זיך קענען צופּאַסן.

אַ ווײַלע איז שטיל. דערנאָך טוט זיך קירױשע אַ ריס פֿון אָרט, און ס'איז נאָר צום כידעשן זיך, פֿונוואַנען האָט זיך צו אים פּלוצעם גענומען אַזאַ באַס.

— היי, דו, פֿאָן־וואַנץ! ווער האָט דיך אהער געבראַכט? אויב איך וועל פֿון דיר נאָכאַמאָל אַזוינס הערן, וועל איך דיך אַזוי „באַאַרבעטן", אַז אַן אַקולע אין יאַם וועט זיך מיִעסן דיך אײַנשלינגען. דריי זיך ניט, ווי אַ פֿליג אין וואַסער, שטיי און הער, ווען מאַטראָסן ווילן נאָך מיט דיר ריידן, און פּרוּוו ניט, הינטישע פּעל, מיך אויסגעבן. אַ שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב מע וועט דיך אונטער דער ערד ניט געפֿינען און אַף שטיקער ניט צערײַסן. פֿאַרשרײַב זיך עס אַף דער נאָז. אַלץ. דער מיטינג איז פֿאַרענדיקט!

ווען לאַבאַדאַ האָט זיך שוין אָפּגעטראָגן, האָט קירױשעס שאָכן אים נאָכגעשריִען:

— אַזעלכע טיפֿן דאַרף מען לייגן איינעם אַפֿן צווייטן און אַזוי לאַנג שמײַסן דעם אייבערשטן, ביז דער אונטערשטער וועט זיך שוין ניט קענען קיין ריר טאָן.

צווישן זיך האָבן דערנאָך אַראַנסקי און ניקאָלאַדזע לאַנג גערעדט וועגן דעם, אַז לאַבאַדאַ האָט געפּרוּווט שפּילן קימאַט אַן אָפּענעם זעקס־און־זעכציק. פֿונוואַנען נעמט זיך אַזאַ ניוזעניק? ניקאָלאַדזע וויניקער, נאָר אַראַנסקי האָט אים, דאַכט זיך, ניט שלעכט געקענט.

קירױשע האָט אים גוט אָפּגעענטפֿערט און אָנגעשראָקן אַזוי, אַז זײַנע באַקן האָבן באַקומען דעם קאָליר פֿון ציבעלע־שאָלעכץ. און דאָך וועט זײַן בעסער וואָס גיכער אָפּטראָגן זיך פֿונדאַנען. דאָרט, ווו עס וועלן זײַן וויי־ניקער סעוואַסטאָפּאָלצעס, וועט מיסטאַמע די וואַך זײַן אַ קלענערע און עס וועט לײַכטער זײַן אַנטלויפֿן. אָפּלייגן אַף לאַנג טאָר מען ניט. די קוי־כעס וועלן אויסגיין. איז אָבער, ווי אַפּצולאָכעס, אַפֿילע ניט קאָנטיק, מע זאָל זיך קלײַבן זיי אָפּשיקן ערגעץ ווײַטער.

ענדלעך איז אַף דער סטאַנציע דזשאַנקאָי אָנגעקומען אַן עשעלאָן מיט פּוסטע וואַגאָנען, און זיי דרײַען — אַראַנסקין, ניקאָלאַדזען און קירױשען — האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסכאַפּן זיך מיט דער ערשטער קאָלאָנע. ווער עס האָט געזאָגט, אַז מע פֿירט זיי צוריק קיין סעוואַסטאָפּאָל, ווער — אַז קיין זאַפּאַראָזשיע, קערטש, ציורופּינסק. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מע האָט זיי געפֿירט און געבראַכט קיין קיראָוואָגראַד — אַ גרויסע סטאַנציע און נאָך אַ גרעסערע שטאָט באַם טײַך אינגול.

אין דעם היגן לאַגער איז געווען אַזוי בלאָטיק, אַז מע איז געזונקען איבער די קני אין אַ שיטערער קויטיקער קאַשע. די באַלעבאַטים איבערן טויט און לעבן — די פּאָליצײַען האָבן זיך איזדיעקעוועט ניט וויניקער פֿון די דײַטשן. זיי האָבן אַפֿילע געקענט שלאָגן אָן קאַס. פֿונדאַנען, האָבן די אַלטע לאַגערניקעס דערציילט, קלײַבט מען אויס די סאַמע געזונטע אַף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד.

כאָטש קיין וועלדער זײַנען דאָ ניטאָ, האָט מען געמוזט זיך פּרוּוון פּונ־דאַנען אַנטלויפֿן.

ווידער זײַנען צוניץ געקומען ניקאָלאַדזעס שפּראַך־קענטעניש. ער וועט לערנען מיט אַ פּאָליצײַ דײַטש, און דערפֿאַר האָט יענער זיך אונטערגעגע־מען אײַנשליסן יעגאָרן און זײַנע כאַווײרים אין דער קאָמאַנדע, וואָס אַרבעט אין עק שטאָט, אַף דער רעמאָנט־באַזע. קיריושע האָט געזאָגט, אַז כאָטש איין טויט איז פֿאַר יענעם ווייניק, נאָר אַ שלאַנג זאָל ער זײַן, אויב ער, קיריושע, וועט באַם אַנטלויפֿן ניט דערשטיקן דעם אויסוואָרף. איז אָבער פֿון ערגעץ געקומען אַ באַפֿעל, וואָס האָט זיי אַלץ קאַליע געמאַכט. צווישן טאָג און נאַכט האָט זיך דערהערט אַ פֿײַף, און גלײַך האָט מען גענומען אַלעמען אַרויסטרײַבן פֿון די באַראַקן. צווישן די, וועמען דער קאָמענדאַנט האָט באַפֿוילן אָפּגיין אין אַ זײַט, איז געווען אָראַנסקי און קיריושע. ניקאָ־לאַדזע, וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, האָט געכאַפּט פֿון זײַן „שי־לער" אַ נערעק. גלײַך האָט מען די קאָלאָנע אַרומגערינגלט, און, באַוואַכט פֿון היטלעראָווצעס, האָט מען זיי אַוועקגעפֿירט צום וואָקזאַל.

אין וואַגאָן האָט אָראַנסקי זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. באַ זיך אין דער היים איז נאָך געווען אַ שטיקל האָפֿענונג אַנטלויפֿן, נאָר דאָרט, וווּהין מע פֿירט זיי, אַף פֿרעמדער ערד... מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק האָט ער אַ קוק געטאָן אַף זײַן פֿרײַנט, און גלײַך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז כאָטש איין טרייסט־וואָרט מוז ער דאָך זאָגן. מיטן עלנבויגן האָט ער אים אַ שטורכע געטאָן אין דער זײַט:

— הערסט, קיריושע, נאָר אַן אײַנגעבראָכענעם נאָגל קאָן מען ניט אויסגלײַכן. ניט אונטערגעבן זיך. דאָס שטעכלדראָט וועלן מיר מיט דיר צערײַסן.

דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, געווען די ווערטער, וואָס דער מאַטראָס האָט געוואָלט פֿון אים דערהערן. ער האָט אים אָפּגעענטפֿערט אַף זײַן אויפֿן מיט אַ שוווּע:

— אַ שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב עס איז געבוירן געוואָרן דער מענטש, וועלכער וועט מיך קאָנען צווינגען אַרבעטן פֿאַר די דײַטשן.

## אַף פֿרעמדער ערד

געבראַכט האָט מען זיי קיין גראַבאָווא, זעכציק קילאָמעטער פֿון בער־לין. דאָרט האָט מען זיי פֿאַרטריבן אין געוועזענע פֿערד־שטאַלן. און שוין אין עטלעכע טעג אַרום האָט אָראַנסקי געוווּסט, אַז דאָס איז אַ רעגלאַמענ־טירטער דורך באַפֿעלן און פֿאַראָרדענונגען שקלאַפֿן־מאַרק פֿון זעכציק טויזנט קריגסגעפֿאַנגענע.

קיריושע האָט באַגעגנט זײַנעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט שוין אַ לאַנגע צײַט געוואָשן די דילן אין דער קאָמענדאַטור. איז אַפֿילע ער האָט שוין אַף אויסווייניק געוווּסט געריגגס באַפֿעל: „די רוסישע אַרבעטער האָבן דערוויזן זייער פֿייִקײַט באַם אויסבויען די גראַנדיעזע רוסישע אינדו־סטריע. איצט דאַרף מען זיי אויסנוצן פֿאַר דײַטשלאַנד... באַם אָנווענדן מאָס־

מיטלען אַף צו האַלטן זיי אין געהאָרכזאַמקײַט איז דאָס אַנטשיידנדיקע — שנעלקײַט און שטרענגקײַט. עס דאַרפֿן אָנגעווענדט ווערן בלויז פֿאָלגנדיקע מינים שטראָף, אָן צווישן־שטופּעס. הונגער אָדער טויט".

ער האָט זיי אויך דערציילט, וואָס מע טוט דאָ מיט די קראַנקע, וועלכע מע קאָן שוין ניט אויסנוצן אַף צוואַנגס־אַרבעט...

עס איז נאָך ניט צעגאַנגען דער פּאַרטאָגיקער נעפּל, און עס פּײַפֿן שוין די לעדערנע רימענס. מע וועט טרײַבן פֿון די שטאַלן צום אַפּעל־פּלאַץ. „מע וועט", ווײַל דערווײַל לייגט מען צונויף בײַ דער שוועל אין אַ שטאַבעל די, וועלכע זײַנען פֿאַר דער נאַכט געשטאָרבן. טאָמער כאָלילע וועט די צאָל פֿון די לעבעדיקע און טויטע ניט שטימען, וועט מען זיי צוריק פֿאַרטרײַבן אין שטאַל, און צום אַפּעל־פּלאַץ וועט מען פֿירן בלויז די ביז לעצט אויסגעשעפּטע, וועלכע די היטלעראָווצעס רופֿן דאָ „מוזולמענער".

אין דער קאַזאַרמע איז קאַלט, ווי אין אַ ליאַדאָווניע. אָראַנסקי איז אָנגעטאָן אין צוויי צעריסענע, אָפּגעבליאַקעוועטע גימנאַסטיאָרקעס. בײַנאַכט האָט ער ביזן האַלדז זיך פֿאַרקליבן אין טאָרף, וואָס איז איבערגעמישט מיט פֿערד־מיסט. די ערשטע קלעפּ האָט ער דאָ געכאַפּט דערפֿאַר, ווײַל אין די האָר און אין דער באָרד זײַנען בײַ אים געבליבן שטעקן ברוינע שטיקלעך ערד און פֿאַרגעלטע שטרויעלעך. די, וואָס קומען אהער קויפּן מענטשן אַף קנעכטישער אַרבעט, קאָן עס ניט געפֿעלן. די געדיכטע באָרד, וואָס האָט אַרומגעזוימט זײַן פּאָנעם, וויל אָבער פֿון דעם ניט וויסן. ער טרייסלט זי, דראַפּעט מיט די נעגל, נאָר די האָר מיטן מיסט האָבן זיך צונויפֿגעפּלאָכטן אַף ניט צעשיידן.

דער דיקער וואַכמאַן הערט אים אויף צו שלאָגן. ער נעמט אַרויס פֿון דער קעשענע אַ ציינד־מאַשינקע, שטעקט זי אויס צו אָראַנסקיס באָרד און וויל שוין, דאַכט זיך, אַף אַן עמעס אָנקוועטשן אַפּן ציינגל, נאָר קירױשע איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. פֿריִער נאָך האָט ער באַמערקט אַף אַ בערגל מיסט אַ פֿאַרזשאַווערטע פֿערד־קאַם. איצט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די קאַם און, שטייענדיק אַף די שפּיץ פֿינגער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן גענומען גראַבלען זײַן פּרינצנס פּאָנעם.

דער וואַכמאַן פֿאַרגייט זיך אין געלעכטער, וואָס לאָזט אים ניט אָפּ ביזן סאַמע אַפּעל־פּלאַץ.

קירױשע איז מאָלע־רעציכע. ער הערט ניט אויף צו טײַנען:

— איר האָט ווען געזען אַזאַ שטיק פֿלייש מיט אַ פּאָר אויגן? אַ זעקל טינעף מיט אַ קאָפּ אָן מאַרך און אַ לאָך אַף פּרעסן. נאָר דערפֿאַר פֿאַרמאָגט ער צוויי מאַכאָוויקעס, אָפּדאַרן זאָלן זיי אים, אַף צו געבן קלעפּ. — אָראַנסקי האָט אים ניט געענטפֿערט, האָט ער ווײַטער גערעדט שטיל, ווי פֿאַר זיך אַליין: — אַזויפֿיל גלעזער ריצנייל זאָל ער און זײַן פֿירער אויסטרינקען, וויפֿל טאָרף עס איז נאָך בײַ אײַך אין דער באָרד פֿאַרבליבן. אַ בראַנד אים אין די קישקעס...

היטלערס הויפּט־באַפֿולמעכטיקטער אַף אויסנוצן די אַרבעטס־קראַפֿט, דער גאַולייטער פֿריץ זאַוקעל האָט הײַנט צוגעשיקט אהער אַ גאַנצע כאַ־

ליאסטרע מיליטערישע און ציווילע באַאמטע. זיי דאַרפֿן אָפּקלײַבן פֿיר גרויסע קאָמאַנדעס — שוואַרצאַרבעטער פֿאַר די ערד־גרובנס, פֿאַר וועג־בויונג, פֿאַר דער קריגס־אינדוסטריע און פֿאַר דרינגענדיקע, ניט פֿאַרויס־געזעענע אַרבעטן. די אַריער דאַרפֿן ניט גראָבן קיין ערד און טעסען שטיינער. צוליב דעם עקזיסטירן רוסן.

עס איז געמאָלדן אַ קראַס. די, וואָס וועלן גיכער דערלויפֿן צום פֿיניש, וועלן בילדן אַ באַזונדער קאָלאָנע. די קוינים פֿון קנעכט וועלן נאָר באַטאַפּן די מוסקולן פֿון די הענט, און אויב זיי וועלן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער ספּעציעל־אויסגעבויטער רענטגען־בודקע, וועט מען מיט דער הילף פֿון אַ טראַפּאַרעט אָנצייכענען מיט ווײַסער פֿאַרב אויף זייערע קני און אויף דער פּלייצע די בוכשטאַבן SU און אויף דער ברוסט אופֿהענגען אויף אַ צונויפֿגעדרייט שטריקל אַ שטיק בלעך, וואָס לייגט זיך צונויף אינצווייען. אויף ביידע העלפֿטן איז אויסגראַווירט איינער און דער זעלבער דיסקאָנט־נומער. ווען דער קנעכט ניט אויסהאַלטן די צוואַנגס־אַרבעט און שטאַרבן, דאַרף מען נאָר אַ פּאָר מאָל אַ בייג טאָן דעם זשעטאָן, און די אָפּגעבראָ־כענע העלפֿט דינט פֿאַרן באַלעבאָס פֿון דער אונטערנעמונג אַלס גאַראַנטיע, אַז דער שטאַל־לאַג וועט אים פֿאַרבײַטן אויף אַ צווייטן SU. דאָס זיכערט אויך, אַז די בוכהאַלטעריע זאָל ניט האָבן קיין טאָעס אין כעזשבן.

איז אָט הייבט ער זיך אָן, דער טראַגישער קראַס. קיינער טרײַבט ניט אונטער, און דאָך שלאָגט מען זיך אַרויס פֿון די קויכעס, אַבי ניט אָפּצו־שטיין. מע ווייסט: טאָמער בלײַבט מען הינטערשטעליק, איז עס זיכערער אומקום. אָראַנסקי לויפֿט מיט ברייטע שפּאַן. אויסבאַהאַלטן, אַז ער הינקט אויף אַ פֿוס, איז אים שווער. קירױשע פּרוווט פֿאַרשטעלן אים פֿון די באַ־אַמטע. נאָרוואָס איז ער געלאָפֿן פֿון דער רעכטער זײַט, און איצט אָטעמט ער אים אין דער פּלייצע, אָבער ער האָט פֿאַר עפּעס זיך פֿאַרטשעפּעט און איז אומגעפֿאַלן. נאָך איידער אָראַנסקי האָט באַוויזן אויסקערעווען דעם קאָפּ און זיך אָפּשטעלן, האָט עמעצער פֿון די, וואָס זײַנען געלאָפֿן, דערלאַנגט קירױשען אַ האַנט און געהאָלפֿן זיך אופֿהייבן.

אַלע דרײַ לאָזן שוין ניט אַרויס איינער דעם אַנדערן פֿון אויג, און כאָטש אַז עס דערהערט זיך די קאָמאַנדע „האַלט!", מוז יעדערער פֿאַרגליי־ווערט ווערן אויף זײַן אָרט, מאַכן זיי קלוימערשט לויט אינערציע נאָך עטלעכע טריט און, סאָפּענדיק, ווי פֿאַריאָגטע כײַעס, שפּאַרן זיי זיך אָן איינער אין דעם צווייטן.

ווען מע קומט שוין אַ ביסל צו־זיך, פֿרעגט אָראַנסקי:

— ווי רופֿט מען אײַך?

— זאַכאַר. און אײַך ווי?

— פּיאָטער, און אים קיריל, קירױשע.

— איר זײַט שוין פֿון לאַנג צוזאַמען?

— פֿון סעוואַסטאָפּאָל.

זאַכאַר טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, גלײַך בלויז דער נאָמען פֿון דער שטאָט וואָלט געדינט ווי אַ פּאַראָל, געקלונגען ווי אַ שוווּע.

ווער האָט עס געזאָגט, אַז אין צענטראַל־אייראָפּע איז אַ מעסיקער קלימאַט? אין טיראַספּאָל האַלט מען נאָך באַנאַכט אָפֿן די פֿענצטער, און דאָ, צי ווײַל זיי זײַנען אויסגעטריקנט, ווי די שפּענדלעך, הויט און ביין, צי טאַקע ווײַל אין דרויסן איז אַזאַ קעלט, נאָר אויב זיי וועלן נאָך לאַנג זײַן אין וועג, וועלן זיי ניט אויסהאַלטן. זיי פֿאָרן אויף אַן אָפֿענער אײַזנבאַן־פּלאַטפֿאָרם, און דער רויך־גרויער הימל שיקט זיי אַנטקעגן אַן עסעריקן ווינט. עס איז נאָך, דאַכט זיך, ניט צײַט, נאָר דער האַרבסט האָט זיך שוין אויסגעדרייט מיטן פּנים צום ווינטער.

פֿאַרן אָפּפֿאָרן פֿון לאַגער האָט מען זיי אָפּגעשאָרן און אָפּגעפֿירט אין באָד. דאָס אָנטאָן זייערס האָט מען דורכגעלאָזט דורך דער דעזינפֿעקציע־קאַמער. אייניקע האָבן באַקומען פֿאַרלאַטעטע עסטרײַכישע געוואַנט־אָנצוגן און ברעזענטענע שיך אויף הילצערנע פּאָדעשוועס.

מיט זיי פֿאָרט אַן אופֿזעער. ער איז אײַנגעבויגן, ווי אַ האָקן. און שטאַרק באַריידעוודיק, קיינער האָט נאָך פֿון אים ניט אַרײַנגעכאַפּט קיין פּעטש, ער האָט נאָך אַפֿילע אויף קיינעם ניט אָנגעשריִען. מאָדנע, נאָר זײַן אויפֿירונג שרעקט נאָך מער די געפֿאַנגענע. אַליין דער אופֿזעער פֿאַרשטייט עס אויך, ווײַזט אויס, און דערפֿאַר דערקלערט ער, אַז ער, פֿראַנץ ווינץ, איז אַ קאַטאָליקער, און קאַטאָליקער זײַנען פֿיל ווייכער, ווי די ליוטעראַנער. דערצו איז ער אַלט און קראַנק און האָט ניט, ווי אַנדערע, מוירע, אַז מע וועט אים אוועקשיקן אויפֿן פֿראָנט.

קירילושע זאָגט, אַז אַלציינס מעג בײַ יענעם דער הויקער אויף דער פּלייצע נאָך וואַקסן און וואַקסן און עס וועט אים, קירילושען, קיין קאַפּעלע ניט אַרן, אויב דערצו וועט נאָך פֿראַנץ ווינץ באַקומען אַ פֿאַרך אויפֿן קאָפּ און אויב דאָס פּענעצל ברויט מיטן שטיק מאַרגאַרין וועט בײַ אים פֿאַרשטראַנען אין גאָרגל. קיין רעכטן מענטשן וועט מען ניט אוועקשטעלן פֿאַר קיין אופֿזעער. ער איז אַ גוטינקער, ווײַל ער איז איינער אַליין און ציטערט פֿאַר זײַן פֿעל. מע וועט נאָך זען, וואָס פֿאַר אַן אָקס מיט הערנער דאָס איז.

זיי פֿאָרן לענגויס דעם רעכטן בײַטײַך פֿון ריין, רור, וואָס שנײַדט דורך דעם ריין־וועסטפֿאַלישן שטיינקוילן־באַסיין. אויף ניט קיין גרויסער טעריטאָריע זײַנען אָנגעפּיקעוועט אַזויפֿיל גרויסע שטעט, אַז ס׳איז ניט צו באַנעמען, וווּ איינע ענדיקט זיך און וווּ הייבט זיך אָן די צווייטע. ענגע, פֿאַררייכערטע קוואַרטאַלן. לאַנגע זאַוואָד־קאָרפּוסן. מענטשן פֿויזען, ווי די מורעשקעס. דאָמנעס, וואָס אָטעמען מיט פֿײַער, הונדערטער קוימענס, וואָס שפּײַען אָן אופֿהער מיט רויך און מיט דאַמף און פֿאַרציִען די ערד מיט אַן אַשקאָליריקן פֿאָרהאַנג. איבער די מוטנע וואַסערן פֿון די קאַנאַלן און טײַכן ציִען זיך באַרזשעס, געלאָדענע מיט קוילן און אײַזנאַרץ.

נאָך אָפּטער פֿון די קילאָמעטער־סלופּן באַגעגענען זיך אַרבעטער־ייִשובֿים — שטיינערנע הײַזער, ענלעכע ווי צווילינגען. דאָ וווינען די מענטשן, וואָס קאָכן שטאָל און שמידן געווער. זייערע באַלעבאַטים לעבן ניט אין רויכיקן רור, נאָר אין רײַכע ווילעס, וואָס געפֿינען זיך אין עסען, דאָרטמונד אָדער אויסער די גרענעצן פֿון רור — אין בערלין.

אויף אַן אָרט איז מען געקומען באַנאַכט. ביז אינדערפֿרי לאָזט מען זיי

ניט ארויס פונעם האלב־אָפענעם וואַגאָן. לאָזט זיך אויס, אַז אינעם טראַנ־זיט־לאַגער, וווּ זיי האָבן באַדאַרפט נעכטיקן, איז אַ טיפוס־עפּידעמיע. שטייט מען. אפילו קיריושע טראַכט ניט וועגן אַנטלויפן. זיבעציק גע־פאַנגענע ווערן אָפּגעהיט פון נײַן סאָלדאַטן בעראָש מיט אַ פעלדפעבעל. באַוואָפנט זײַנען זיי, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן גיין אין אַטאַקע.

גאַנצפרי האָט מען זיי אין אַ קאָלאָנע, צו פיר אין אַ ריי, אָפּגעפירט אין עפּעס אַ מין שטאַל, און נאָך לאַנגן וואַרטן האָט מען זיי געגעבן אַ קאַלטן זופּ פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַ ביסל אָקרעפּ מיט קליינע שטיק־לעך סוראָגאַט־ברויט. אַכט אַזייגער איז נאָך זיי געקומען דער אָבערמײַסטער הער וויקערט. לאַנג האָט ער זיי באַטראַכט און צום סאָף מיט ביידע הענט אַ דריק געטאָן קיריושעס אַקסלען אַזוי, אַז דער גוידער, וואָס איז בײַ אים, בײַ וויקערטן, אַראָפּגעהאַנגען, ווי אַ צעקנייטשט, פּוסט זעקעלע, האָט זיך עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן אַהין און צוריק. דעם אָבערמײַסטער איז די „סכוירע" ניט געפעלן, און ער האָט פירגעהאַלטן דעם פעלדפעבעל. יענער האָט אים ניט דערווידערט. פראַנץ ווינץ האָט דערנאָך שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? אָט דער עריך וויקערט איז אַ ליוטע־ראַנער. איצט זעט איר שוין דעם אונטערשייד?

אין דער רגע האָבן זיך ברייט צעעפנט די זאַוואָד־טויערן און ס'איז אַרײַנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט געבראַכט דעם באַלעבאָס, הער קרוינער. דער הויקער ווינץ האָט אַ געשריי געטאָן אויף טויב צו ווערן:

— אַאופשטיין! — און כאָטש קיינער האָט נאָך ניט געזאָגט, וואָס האָבן זיי דאָ צו טאָן, האָט ער דאָך קאָמאַנדעוועט: — אַרבײַטן! שנעלער! שנע־לער!

קיריושע איז געוואָרן געערעכט. דער אויפזעער פראַנץ ווינץ איז באַ־שטאַנען פון הילע ווידערשפרוכן. אָט איז ער צוגעשטאַנען, ווי אַ קלעק, אָט געוואָרן ווייך, ווי טייג, אָט אָנגעפאַלן, ווי אַ צעווילדעוועטער הונט. אַמאָל פלעגט ער זיי דערציילן אַזוינס, וואָס זײַנע באַלעבאַטים האָבן אים דערפאַר געקאָנט דעם קאָפּ אָפּהאַקן, און דערנאָך פלעגט ער אַליין צי־טערן, ווי אַ פליג. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אַ ביסל פאַרשטאַנען און גערעדט רוסיש און ליב געהאַט אונטערהערן, וועגן וואָס עס ריידן די געפאַנגענע.

איינמאָל האָט ווינץ געבראַכט אָראַנסקין אויף זונטיק צו זיך אַהיים. דער אויפזעער האָט גערעדט, און אָראַנסקי האָט געהאָרעוועט. ווען ווינץ וואָלט געקענט, וואָלט ער איצט פאַר דעם SU אַנטלויפן נאָך אַ פּאָר שאָ פונעם קומענדיקן טאָג. צו דעם הויז פון דרײַ צימערן איז געווען צוגעבויט אַ הילצערנע שטאַל, וווּ עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ בעהיימע און אַן אַ שיר קראָליקעס. אין דער זעלבער שטאַל איז געווען אויסגעגראָבן אַ טיפע גרוב, אינווייניק אַרומגעקלאַפּט מיט ברעטער. פון דער גרוב האָט אָראַנסקי באַדאַרפט מיט אַ האַנט־פּאָמפּע אויסזויגן די זשיגע און דאָס, וואָס עס וועט בלײַבן, אויסשעפּן מיט אַ קוואָרט און איבערגיסן אין אַן אײַזערנער פּאַס.

דערנאָך האָט אָראַנסקי באַדאַרפט אַף אַ מאַשין אָנשנײַדן סעטשקע, אָנ־האַקן האָלץ פאַר דער הרובע, איבערגראָבן די ערד אין קליינעם גערטנדל, אָפּטראָגן מעל צום בעקער, ברענגען פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע אַף אַ וועגעלע צווײ דײַזשעס פּעקאַלי. פאַר דער אַרבעט האָט אים ווינץ געגעבן אַף אָנבײַסן אַ שיסל קאָלראַבי און אַ האַלב פונט ברויט.

וואַרטנדיק לעבן דער סטאַנציע אין אַ ריי אַף דעם פּעקאַלי, האָט אָראַנ־סקי באַמערקט עטלעכע אויסגעצערטע מענטשן, וואָס צו זייערע קליידער איז געווען צוגענייט אַ דרײַעק מיטן וואָרט „אָסט“ אינמיטן.

— פונוואַנען זײַט איר? — האָט אָראַנסקי געפרעגט בײַ אַ פרוי.

— פון אָריאָל, ברודערקע. אויסגעהונגערטע, האָט מען אונדז, עטלעכע הונדערט מענטשן, פאַרנאַרט אַפּן וואָקזאַל, קלוימערשט אַף באַקומען ברויט־קאַרטלעך. דאָרט האָט מען אונדז אַרומגערינגלט און פאַרשפּאַרט אין אַן עשעלאָן, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער אַף קאַטאָרגע. פרײַער האָבן זיי געדאַרפט געזונטע, קרעפטיקע מענטשן פון פופצן ביז פינף און פערציק יאָר, איצט איז פאַר זיי די וועלט ווײַניק. מע פירט אַהער אַפילע קראַנקע און אינוואַלידן. זיי כאַפּן שוין קינדער און קימאַט זקנים. איר זעט אָט יענעם, וואָס אין דער סוויטקע? ער איז אַלט קנאַפּע דרײַצן. ער אַרבעט צוועלף שאָ אַ טאָג. סאַשאָק, קום אַהער! דער פעטער איז אויך אַן אונדזעריקער.

— נעמט, — האָט סאַשאָק, אַרומקוקנדיק זיך, אַרויסגענומען פון אַ טאָרבע, אונטער דער סוויטקע, דרײַ רויע קאַרטאָפל, — נעמט, ביז די פריצן האָבן ניט באַמערקט. איך האָב נאָך דרײַ קאַרטאָפל און צווײ מערן, נאָר דאָס איז פאַר מײַן כאַווער. ער זאָגט, אַז ווען הונגער איז אַ לעבעדי־קע כײַע, וואָלט ער זי דערשטיקט מיט די הענט. אים טוען וויי די יאַס־לעס. בײַ אים איז צינגאַ.

אָראַנסקי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, נאָר גלײַך, ווי פון פײַער, צוגעכאַפּט זי אַף צוריק. אַ קנויל איז געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— וועסט זיי אַליין אָפּקאָכן און אופּעסן.

— מע קאָן מיך, פעטער, באַזוכן און אַלץ צונעמען.

— און מיך, סאַשאָק, וועט מען אַף זיכער באַזוכן. דיך האָט מען אויך פאַרנאַרט אַפּן וואָקזאַל?

— ניין, מיך האָט דער סטאַראָסטע פאַרקויפט. אויב איך וועל זיך נאָר אומקערן אַ לעבעדיקער, וועל איך אים באַנאַכט פאַרברענען צוזאַמען מיט זײַן שטוב. בײַ אים, עמעס, איז אַ בלעכענער דאַך. נאָר איך וועל באַגיסן די ווענט מיט קעראָסין, און פונעם פײַער וועט דאָס בלעך זיך רײַסן, ווי סנאַריאַדן. איר האָט אַזוינס קיינמאָל ניט געזען? איך — יאָ. צוערשט קײַקלט זיך דאָס בלעך צונויף מיט אַ טראַסק, און דערנאָך פליט עס מיט אַ פײַף ביזן סטאַוואָק, וואָס אין דער באַלקע. איר גלייבט מיר ניט? זאָלן אַזוי בײַ די פריצן אַרויסקריכן די אויגן פון קאָפּ, ווי איך זאָג עמעס.

— ווו געפינט זיך דײַן באַלקע?

— זייער ווײַט פונדאַנען. איר האָט געהערט וועגן אַזעלכע שטעט — ניקאָפּאָל, קריוואָראָג? איז פון יענע קאַנטן זײַנען מיר. נאָר מיר האָבן

געוווינט אין אַ פּאַרוואָרפן דאָרף. צו דער סטאַנציע לאָשקאַריאָוווקע פלעגן מיר פאָרן אַ גאַנצע נאַכט. פעטער, איר לאָזט, מע זאָל אײַך שלאָגן?

— ביז אין אַ צײַט, סאַשקאָ!

— דאָס זעלבע זאָגט די מומע פּאַשע, וואָס האָט מיך אהער גערופן. צוריק מיט אַ וואָך האָט זיך באַ מיר צעבראָכן דאָס הענטל פון דער האַק, האָט מיר דער באַלעבאָס אויסגעזעצט צוויי צײַן און מיך געלאָזט צוויי טעג אָן אַ שטיקל ברויט. אָט, איר זעט? עס טוט שוין קימאַט ניט וויי, נאָר אז איך רעד — סווישטשעט. איר הערט?

— דו רעדסט זייער שטיל.

— זאָגט איר דאָך אליין, אז אלץ איז ביז אין אַ צײַט. אוי, מע זוכט מיך שוין, דאַכט זיך. באַלד וועל איך כאַפּן קלעפּ. ניין, איר שטייט אַפּן אָרט און פּרוּווט אַפילע ניט זיך אָנעמען. אויב ניט, וועט זײַן פאַר מיר נאָך ערגער.

אַפילע ווען פראַנץ ווינץ איז געווען מיט אָראַנסקין אויג־אַף־אויג, האָט ער ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו גרויסן זיך מיט דער גערמאַנישער הערן־ראַסע. ער האָט אַף אַן עמעס געגלייבט, אז די דײַטשן זײַנען אַן אויסערסט ריינע אינדאָ־אייראָפּעיִשע ראַסע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ זעלבשטענדיקן וועג פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, שטאַמט פון עפּעס מיטישע אַריער, וואָס האָבן קלוימערשט באַוווינט אין די אוראַלטע צײַטן דעם צאָפן־טייל פונעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט.

— געוויס איז דאָס אלץ עמעס, — האָט אָראַנסקי שטיל באַמערקט, — נאָר איך האָב ערגעץ געלייענט, אז אין אוראַלט האָט דעם נאָמען „אַריער״ געטראָגן ניט קיין גרויס פאָלק, וואָס האָט געלעבט אַף דער טעריטאָריע פון דער איצטיקער אַרמעניע. דער וואָרצל „אַר״ האָט זיך פאַרהיט ביז איצט אינעם נאָמען אַרמעניע, ווי אויך אין די נעמען אַראַראַט, אַרמאַוויר און פיל אַנדערע פון דעם מין אַף קאַווקאַז און אין קליין־אַזיע.

ווינץ איז אופגעזאָטן געוואָרן און פון קאַס געגומען שלינגען די ווער־טער:

— שווײַג! דאָס ווילן נאָר די יידן ניט אָנערקענען אונדזער אַריש בלוט, ווײַל אונדזער פירער האָט געזאָגט: „איך וועל זײַן דער, וואָס וועט פאַרניכטן אַלע יידן און וועט אָפּמעקן זייער נאָמען פון דער ערד״. זיי האָבן דיר פאַרדרייט דעם קאָפּ. זע, אז מער זאָל פון דיר אַזוינס קיינער ניט הערן, אַניט וועסטו זיך באַמבלען אַף אַ שטריק.

לאַנג שטיין אויסגעגלײַכט האָט ווינץ ניט געקענט. די פאַלעס פון זײַן רעקל האָבן זיך דאַן מעשונעדיק צעשפּרייט און געפּאַלדעוועט. ווען ער האָט ווידער אָנגענומען זײַן נאָרמאַלע פּאָזע, האָט ער שוין געלאַסענער געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, דער קליינער מאַטראָס, וואָס דרייט זיך שטענדיק לעבן דיר, איז ניט קיין יודע? שרעק זיך ניט. קיינער וועט ניט וויסן, אז דאָס האָסטו מיר אויסגעגעבן דעם סאָד. איך רעד שוין ניט דערפון, אז אַזויאַרום וועסטו אויספּילן דײַן פליכט אַלס קריסט און אַ ביסל רייַנוואַשן

זיך פאַר דײַן געוועזענער אַנגעהעריקײַט צו דער באָלשעוויסטישער פּאַר־טיי. איז ווי?

אין מעשעך פון די צוויי מינוט, וואָס דער אופזעער האָט גערעדט, האָבן בא אַראַנסקין צוויי מאָל אַ ציטער געטאָן די ברעמען. גוט, וואָס פראַנץ האָט ניט קיין טעוועס און קאָן טאַקע ניט צוליב זײַן הויקער אַרײַנקוקן יענעם אין די אויגן. דערפאַר זעט ער ניט אַראַנסקיס אויגן, ער הערט נאָר.

— הער ווינץ, קיין פּאַרטייער בין איך ניט געווען. און דער מאַטראָס קיריושע איז אַ רוס. זײַן פעטער איז אַ גאַלעך ערגעץ הינטער קאַסטראָמאַ.

— דומקאָפּף, עס האַנדלט זיך, הייסט עס, דערין, וואָס דער מאַטראָס האָט דיר אַזוי געזאָגט. ער וועט דיר דען גיין דערציילן, אַז זײַן פעטער איז אַ ראָוו און ניט קיין גאַלעך? דו קוק זיך צו אים בעסער צו. דער שאַרבן און די נאָז גיבן אים אויס. מיר פאַרמאָגן ספּעציאַליסטן, וואָס קאָנען מיט דער הילף פון אַ פּאַשטעטער ווירע באַשטעטיקן, אַז ער איז אַ יודע. אויך וועגן דיר ווייס איך מער, ווי דו מיינסט. וועסט דאָך ניט לייקענען, אַז דו ביסט אַ קאָמאַנדיר און אַז אַלע קאָמאַנדירן זײַנען געווען אין דער פּאַרטיי.

— איך בין געווען אַ טעכניקער, און ניט אַלע קאָמאַנדירן זײַנען בא אונדז געווען פּאַרטייער.

— פון וואָס אַ טעכניקער?

— אַ טעכניקער — אַן אינטענדאַנט.

— דו לײַגסט, און מיר וואָלסטו באַדאַרפט זאָגן בלויז דעם עמעס. איך האָב אַפילע געוואָלט דיך באַשטימען פאַרן עלטסטן פון באַראַק. זעסט דאָך, קיין אַנדערן האָב איך צו זיך אהיים ניט געבראַכט. אָט זאָג מיר, ווער פון אײַך האָט אַרויסגעלאָזט דעם זויערשטאָף פון די באַלאָנען? ווער? מיט שווײַגן וועסטו ניט אָפּקומען.

— הער ווינץ, איר גלייבט דאָך אין גאָט, שווער איך אײַך בא גאָט, אַז איך ווייס ניט, וועגן וואָס פּאַראַ באַלאָנען איר רעדט.

— טשעפּע ניט מײַן גאָט. דו הערסט? בעסער טשעפּע אים ניט. „וואָס פאַראַ באַלאָנען?" — האָט ער געענומען איבערקרימען. — ווייסט קלוימערשט ניט? איך פרעג וועגן די באַלאָנען, וועלכע שטייען באַם פּאַרקן אין ווינקל. דעם הויף ראַמט איר דאָך אַלע טאָג?

— יאָ, אָבער איך האָב זיך צו זיי קיין איין מאָל ניט צוגערירט.

— איך זאָג נאָך דערווײַל ניט, אַז דו, נאָר דו באַווײַז מיר דעם שולדיקן, באַווײַז, אַז ס'איז ניט דײַן שטיקל אַרבעט. דאָס האָט געטאָן דעם גאַלעכס פּלעמעניק, קיריושע?

— ניין!

— פונוואַנען ווייסטו? וואַרט, אויב ניט ער, איז ווער פון אײַערע געפאַנגענע האָט עס געטאָן?

— איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז איצט, וואָס עס זאָל ניט געשען אָפּן זאַוואָד, וועלן מיר זײַן שולדיק.

— נו, נו, — האָט אים ווינץ אַ דראָע געטאָן מיט דעם פויסט, — לאָמיך נאָר וועלן, וועלן זיך בא אײַך אַלעמען צעבינדן די צינגער. צוערשט האָט

איר דערהארגעט מײַן זון אפן פראָנט, און איצט ווילט איר, אז מע זאָל מיך אראָפּנעמען פון דער ארבעט. איז זאָלסטו וויסן זײַן, אז אפילע ווי־קערטן דעם ליוטעראַנער וועט זיך עס ניט אײַנגעבן. ער וועט זיך דער־ווארטן, אז איך וועל דעם הער קרוינער דערציילן וועגן זײַנע גראָבע שווינדלערײַען און געמיינע אפערעס. אז אָט דעם וויקערטס פרוי — פּראו הילדע, וואָס קאָכט פאר אײַך, גאַנווּעט מארגארין. הער קרוינער פאַרמאָגט צוויי זין אפן פראָנט. ער קען מיך און וועט מיר גלייבן. איז וואָס ווערסטו מיר זאָגן?

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?

— דײַן קיריושע איז שוין אין קארצער. איך האָב געקלונגען פון וואָק־זאל און ווייס, אז דער SU 492346 האָט זיך אין אלץ אנערקענט. איצט וואָס ווערסטו זאָגן?

— גאָרנישט. קיריושע האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. אויב ער האָט זיך מוידע געווען, איז ער אראָפּ פון זינען און אויסגעטראכט אף זיך אליין א בילבול.

— האנס, — האָט דער אופזעער א רוף געטאָן דעם וואכמאַן, — פיר אים אָפּ צוריק אין באראק. ער האָט פארן טאָג אלציינס גאָרניט אופגעטאָן. די רוסן האָבן ליב א סאך עסן און ווייניק ארבעטן.

שפאנט אָראנסקי איבערן אספאלט, וואָס ציט זיך לענגויס דעם ייִשעוו. אויסער דעם סאָלדאט, וואָס גייט הינטער אים מיט אן אָנגעצילטן אווטאָ־מאט, זעט מען ניט קיין איין לעבעדיקן נעפעש. זינט דער מאפּאָלע אונטער סטאלינגראד איז פארבאָטן זיך לוסטיק מאכן. עס טאָרן זיך ניט לאָזן הערן קיין קלאנגען פון מוזיק. מע זעט ניט קיין פריילעכע בונטע קליידער. אפי־לע שפּילן אף א מויל־הארמאָניק איז פארבאָטן.

אָראנסקי האָט וועגן וואָס צו קלערן. דער געשפּרעך מיטן אויסוורף ווינץ האָט אים ניט אף קאטאָוועס אופגערודערט. אָט האָסטו דיר א רעשטל צו די צאָרעס. דערווײַל ווארפט ער אָפּ דעם געדאנק, אז דאָס האָט עמע־צער פון די געפאנגענע עפּעס דערציילט וועגן זיי דעם אופזעער. דעם זויערשטאָף פון די באלאָנען האָט ער ארויסגעלאָזט צוזאמען מיט קיריו־שען, און קיינעם האָבן זיי וועגן דעם ניט געזאָגט. זיי האָבן פארטראכט אָפּטאָן נאָך א נײַ שטיקל ארבעט, נאָר מע וועט דארפן צוווארטן. דעם מאטראָס קאָנען זיי שלאָגן ביז טויט, וועט ער גאָרניט זאָגן. איצט מוז ער קלערן בלויז וועגן איין זאך, ווי־אזוי ראטעווען מען קיריושען. אפן זאוואָד ארבעטן פּאָליאקן און אויך א גרויסע גרופּע פראנצויזישע געפאנגענע. די פראנצויזן געפינען זיך אין פיל בעסערע באדינגונגען. זיי העלפט אויך דער רויטער קרייץ. פאראן אפילע אזעלכע, וואָס לעבן דאָ מיט זייערע מישפּאָכעס. צווישן זיי איינער א סטאָליער לעאָ, וואָס האָט שוין געפּרוווט פארפירן א געשפּרעך מיט אָראנסקין. לעאָ האָט געזאָגט, אז ער קען דאָ עטלעכע דײַטשישע ארבעטער, וועלכע באצי̇ען זיך מיט סימפּאטיע צו די רוסן. ווי טרעפט מען זיך מיט אים ווידער? אלץ וואָלט ער אים, פארשטייט זיך, ניט דערציילט, נאָר עפּשער...

באם ארײַנגאנג אף דער זאוואָד־טעריטאָריע קאָנטראָלירט מען באם וואכמאַן די דאָקומענטן, פונקט ווי ער וואָלט אויך געווען א פרעמדער.

די טיר אין באַראַק איז אַרומגעקלאַפּט פון ביידע זײַטן מיט בלעך און פאַרשלאָסן אויף צוויי שלעסער. אַראַנסקין ווילט זיך, די שליסלען זאָלן כאָטש אויף אַ שטיקל צײַט בלײַבן שטעקן אין שלאָס, ער זאָל אַ ביסל שפּע־טער דערזען קיריושעס פּוסטע נאַרע. נאָר ניין, די שלעסער זײַנען אין אָרדענונג, די זאַוויסעס זײַנען גוט באַשמירט מיט אייל, די טירן עפענען און פאַרמאַכן זיך לײַכט, אַפילו אָן אַ סקריפּ. נאָך שטייענדיק בײַ דער שוועל, דערזעט ער, אַז דער מאַטראַס איז אויף זײַן אָרט, און שרײַט אויס מיט פרייד:

— קיריושע!

...זעקס אַזייגער אינדערפרי האָט מען זיי, ווי שטענדיק, אויפגעהויבן, נאָר קיינעם ניט געהייסן גיין נאָך באַלאַנדע. זיבן אַזייגער איז געקומען דער אויפזעער און זיי אָוועקגעפירט אָנלאָדן קאָקס. וועגן די באַלאַנען האָט ער אַפילו ניט דערמאָנט.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן, ווי ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט גע־קליבן ענדיקן. פון דער אַרבעט פלעגט מען קומען און פאַלן, ווי די סנאָ־פּעס. נאָר לאַנג אײַנליגן אויף דער נאַרע האָט מען ניט געקאָנט. אין באַראַק איז געווען קאַלט, ווי אין גאַס.

יענעם גאַנצן טאָג האָט מען געשלעפּט שוואַר־געלאָדענע טאַטשקעס. סאָף טאָג, אַז מע האָט אויפגעראַמט דעם הויף, האָט ווינץ אָנגעזאָגט אַ נײַעס: הײַנט וועט צו די געפאַנגענע קומען צוגאַסט אַ רוסישער אָפיצער און מע וועט זיי אַפילו ווײַזן קינאָ.

וואָס דער דאָזיקער „רוסישער" אָבערלייטענאַנט האָט געהאַט צו דער־ציילן, האָבן זיי אַפּריִער געוווּסט. ער איז געקומען ווערבירן „פּרײַוויליקע" אין וולאַסאָווס אַרמיי. נאָר אַפילו ער זאָל געווען בלײַבן אָן אַ לונג ריידנדיק, וואָלטן זיי זיך אַלציינס געמאַכט טאַמעוואַטע. דערנאָך האָט מען זיי פונדעסטוועגן באַוויזן אַ פילם וועגן פּאַט און פּאַטאַשאָן און געטיילט אַלעמען די פאַשיסטישע צײַטונג „נאָוואָיע ווּרעמיאַ".

אויף וויפל קיין באַלאַנים גיין צו וולאַסאָוון האָבן זיך ניט געפונען, איז זייער אויפירונג אַנערקענט געוואָרן אַלס ניט לאָיאַלע, און דרײַ טעג האָט מען זיי געלאָזט אָן שפּײַז. די פּאָליאַקן האָבן זיך אונטערגענומען אויסבײַטן אויף עסן די הילצערנע קינדער־שפּילכלעך, שקאַטולקעס, וואָס די רוסישע געפאַנגענע פלעגן אין די נעכט בישטיקע אויסשניצן. די פראַנצויזן ווידער איז געלונגען, בייס דעם צווייטן פרישטיק בײַ די דײַטשן, איבערגעבן די רוסישע געפאַנגענע דרײַ לעבלעך ברויט און אַ שטיק מאַרגאַרין. אויפן פאַרפרוירענעם מאַרגאַרין איז מיט קרומע אויסיִעס געווען אויסגעקריצט: „רוס — מאָלאָדיעץ!"

בײַ קרויבערן איז ניט לאַנג צוריק אויפן פראָנט אומגעקומען דער מיזי־ניק, און איצט איז אַ צעקאַליעטשעטער געקומען דער עלטסטער זון. דער אָבערמײַסטער און דער אויפזעער האָבן, ווײַזט אויס, געוווּסט, אַז דער

פאַטער וועט פירן דעם גאַסט איבערן זאַוואָד. נאָכן צוועלפשאָעדיקן אַר־בעטסטאָג האָט מען די געפאַנגענע געצוווּנגען אַ גאַנצע נאַכט רייניקן, וואַשן ווי אַ ווינקל אַפּן זאַוואָד. זיי האָבן אויך געדאַרפט דורכלייגן אַ נײַע סטעזשקע פון דער הויפּט־קאָנטאָר צום צעך. צוזאַמען מיטן מיסט, וואָס זיי האָבן אָנגעלאָדן אַף אַ לאַסטמאַשין, האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אַרופּוואַרפן אַ היפּש ביסל נייטיקע אינסטרומענטן און אַפילו צוויי קעסט־לעך מיט גרייטע דעטאַלן. דאָס אַלץ האָבן זיי גענומען אינעם שכייניש־דיקן קאַרפּוס, ווו דער אַרײַנגאַנג איז פאַר זיי געווען שטרענג פאַרבאָטן. ווען דער שאָפער אַטאַ שילינג האָט זיך אומגעקערט נאָכן ערשטן רייס, איז ער אַרויסגעקראָכן פון דער קאַבינע און פאַרײַנטלעך אַ ווונק געטאָן צו זיי. דאָך האָבן זיי מוירע געהאַט נאָכאַמאָל צו ריזיקירן.

פאַרטאָג, נאָך אַ מעסלעס אַרבעט, האָט מען זיי פאַרטריבן אין באַראַק. ווייניקער ווי אין אַ שאָ אַרום האָט מען זיי אופגעוועקט. כּוץ דער ביטע־רער באַלאַנדע, האָט מען זיי דאָס מאָל געגעבן צו צוויי קאַלטע קאַרטאָפל און אַ קווערטל מוטנע וואַסערדיקע קאַווע, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין. מאָרגן, האָט מען זיי געזאָגט, וועלן זיי זיך קאָנען אויסשלאָפן. צי וועט נאָך זײַן אַ מאָרגן?

— ראַוס! ראַוס! — האָט דער פעלדפעבעל קאָמאַנדעוועט מער מיט דער לעדערנער בײַטש, ווי מיטן מויל. פאַרפינצטערטע, פאַרוויסטע האַלב־מענטשן, האַלב־שאָטנס, שטייען זיי, און ס'איז שוין באַלד אומעגלעך צו שאַצן, וויפל ווער ס'איז אַלט, ווײַל אַלע זעען אויס ווי זקיינים.

פראַנץ ווינץ, וואָס האָט שוין קימאַט אַראָפּגעצויגן זײַן מאַסקע, איז הײַנט געקומען אַן אויסגעפּוצטער און זעט אויס, ווי אַ קראָ אין די פּע־דערן פון אַ פּאַווע. ער האַלט אין איין צוגלעטן מיט דער האַנט די שיי־טערע האָר. ער וויל, אַז אויך זיי, די שקלאַפן, זאָלן הײַנט אויסזען בראַוו, און די הויפּט־זאַך, זיי זאָלן אַרבעטן שנעלער. ביז עס איז נאָך דאָ צײַט, לערנט ער זיי:

— מורעשקעס לעבן ביז זיבן יאָר, קליינע זינג־פייגעלעך — ביז דרײַ־סיק. קראָען, בושלען, געגנדז — ביז הונדערט. אָדלערס — ביז הונדערט פופציק. די רוסן זײַנען קיינמאָל קיין אָדלערס ניט געווען, נאָר דאָך דאַרפט איר נאָך אַרבעטן און אַרבעטן. מיר גיבן אײַך גענוג עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ. וואָס זשע שטייט איר אין אַזאַ פּײַערלעכער מינוט, ווי אַף אײַער אייגענער לעווײַע? אכטונג! עס גייט דער אָבערמײַסטער.

וויקערט האָט, ווי שטענדיק, אויסגעזען מיד און באַרויגעז. ער איז נאָך ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון צעך און וויל שוין וויסן, פאַרוואָס די שווײַנען האָבן שלעכט אופגעראַמט. ער טוט מיט אַ פינגער אַ וויש די וואַנט און באַווײַזט, ווי שמוציק דער פינגער איז.

דער אופזעער גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן, ווי דאָס וואָלט אים שטאַרק פאַרכידעשט. ער לייגט צו צו דער ברעט די גאַנצע דלאָניע, דערנאָך טוט ער אַ שמעק די סאַזשע, וואָס איז צו איר צוגעשטאַנען, פאַרקרימט זיך און באַווײַזט אַ פויסט. און ווײַל וויקערט האָט זיך שוין אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, קאָן עס באַטײַטן, אַז ער וואָלט דעם פויסט אויך פאַרן אָבערמײַסטער ניט געזשאַלעוועט.

קרוינער, זײַן זון קלאוס, אַן עסעס־אָפּיצער, און נאָך זיי אַ היפּשע סוויטע האָבן זיך געלאָזט באַקוקן דעם זאַוואָד שוין נאָך מיטיק. די אַר־בעטער האָבן זיך מיט זיי געגריסט, שטייענדיק בײַ די ווערקשטעלן. דער אָבערסט האָט זיך פֿאַרקוקט, ווי אין געפֿלאָכטענע פֿון דראָט קוישן לאָזט מען אַראָפּ אין אַ קעסל מיט נאַפֿט פֿאַרהאַרטעוועען ניט קיין גרויסע דע־טאַלן. דער קעסל האָט זיך געפֿונען אַף אַ מין טורעם, וווּהין עס האָבן געפֿירט אײַזערנע ספּיראַל־טרעפּ.

ווען דער קראַן האָט אויפֿגעהויבן דעם קויש און ס'איז פֿון אים אויס־גערונען דער נאַפֿט, האָט קיריושע אָנגענומען דעם קויש פֿאַר ביידע הענט־לעך און זיך געלאָזט צו די טרעפּ. אין עפּעס האָט ער זיך בײַ די ערשטע טריט פֿאַרטשעפּעט, דער קויש איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן צעמענטענעם דיל, און כּמעט אַלע דעטאַלן זײַנען צעטראַסקעט געוואָרן. קיריושע אַליין האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער פּאָרענטשע און געבליבן הענגען, ווי אַן אַקראָ־באַט אײַנדערלופֿטן.

— סאַבאָטאַזש! — האָט קלאוס ווילד אַ געשריי געטאָן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער קאָבורע. אויסשיסן האָט אים דער פֿאָטער ניט געלאָזט. נאָר דער אַלטער וויקערט איז אַפֿגיך אַרויפֿגעלאָפֿן אַף די טרעפּ און מיט אַ שטיק אײַזן אַ קלאַפּ געטאָן דעם מאַטראָס איבער די הענט. קיריושע איז אַראָפּגעפֿאַלן.

בלוי, ווי אַ מילץ, אַ צונויפֿגעקאָרטשעטער, איז קיריושע געלעגן אויפֿן צעמענטענעם דיל, לעבן אים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני אָראַנסקי. ער האָט מיט אַ שמאַטקע געווישט דאָס ריטשקעלע בלוט, וואָס איז גע־פֿלאָסן פֿון קאָפּ, דערנאָך ווידער די שמאַטקע געטונקען אין עמער מיט וואַסער, וואָס אַ דײַטש אַ שלאָסער האָט אים דערלאַנגט.

די קרוינערס האָבן פֿאַרלאָזט דעם צעך. אינעם זעלבן טאָג האָבן העכער הונדערט פּראַנצויזן, וועלכע מע האָט שוין געהאַט צוגעזאָגט אין דער נאָענטסטער צײַט אַריבערפֿירן אַף פֿרײַער אַרבעט, געמאָלדן אַ שטרײַק. אַזוינס איז נאָך בײַ היטלערן מילכאָמע־צײַט ניט געהערט געוואָרן.

נאָך צוויי געשעענישן זײַנען פֿאָרגעקומען אין דעם מעסלעס. קלויי־מערשט באַם אַרויסווײַזן אַ ווידערשטאַנד דער וואַך איז דערשאָסן געוואָרן דער פּראַנצויזישער סטאָליער לעאָ. באַנאַכט איז אינעם צעך־קאָרפּוס, ווו דער צווייטער שטאָק האָט געדינט אַלס קאַזאַרמע פֿאַר די פּאָליאַקן, אויס־געבראָכן אַ סרייפֿע. און אין עטלעכע טעג אַרום האָט אָטאָ שילינג מיט זײַן לאַסטמאַשין צעקוועטשט אַף טויט אונטער דער אַרקע, וואָס בײַ די זאַ־וואָד־טויערן, דעם אָבערמײַסטער עריך וויקערט. אויספֿאָרשן די אַלע גע־שעענישן איז געקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פֿון דער געהיים־פּאָליציי. ווידער האָט מען די SU דרײַ טעג קיין עסן ניט געגעבן. די פּראַנצויזן און די פּאָליאַקן האָט מען ערגעץ אַוועקגעפֿירט, און די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיי באַוואַכט, האָט מען אָפּגעשיקט אויפֿן פֿראָנט. אַהער האָט מען גע־בראַכט אַ נײַע פּאַרטיע סאָוועטישע קריגסגעפֿאַנגענע.

אויב טאַקע גלייבן ווינצן אויפֿן וואָרט, האָט ער זיך עס דערשלאָגן, אַז מע זאָל דערלויבן איבערלאָזן קיריושען אין באַראַק. עס האָט אויסגעזען, אַז דער צופֿאַל מיט וויקערטן האָט אים אָנגעשראָקן מער, ווי די געהיים־

פּאָליציי. דערצו זײַנען די ייִדיִעס פון פראָנט געווען אַזױנע, אַז עס האָט שוין אַף אים געציטערט די פעל.

אין באַראַק האָט געהוליעט דער ווינט, און ווו נאָר אַ שמאַטע האָט מען מיט איר אײַנגעדעקט דעם קראַנקן. קיריושע האָט געברענט, ווי אין פּאָקן. עפּשער וואָלט מען געקאָנט דורך עמעצן פון די דײַטשן קויפן אַ רעפּוע, נאָר גיי קויף, אַז מע פאַרמאָגט ניט וואָס אַ שמעק טאַבעק איז ווערט. איינמאָל האָט דער עלעקטריקער, וואָס איז געקומען קאָנטראָלירן די עלעקטרע־שנורן, איבערגעלאָזט פאַר קיריושען עטלעכע מערן, אַ פּרײַסיש היפּטל קרויט, ענלעך אַף אַ היטל צוקער, און פון טערמאָס אָנגעגאָסן אַ האַלבע קוואַרט הייסע קאַווע.

קיריושע האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט. זײַן פּאָנעם איז אײַנגעשרומפּן געוואָרן. ווען עס האָט אַ גאַס געטאָן דער ערשטער פרילינגדיקער רעגן, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים צוטראָגן צום פאַרגראַטעוועטן פענצטערל, און אײַנקוקנדיק זיך אינעם פאַרוואָלקנטן הימל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַפילו אַ רעגן איז דאָ אויך ניט אַזאַ, ווי בײַ אונדז. זעט נאָר, ווי עס כליופּעט די בלאָטע. אַלץ איז דאָ מיט זשאַווער. אַפילו די פויגלען ווילן דאָ ניט פלעכטן זייערע נעסטן.

באַנאַכט האָט ער געבעטן אָראַנסקין אים ברענגען אַ ביסל וואַסער. אָנגעטרונקען זיך, האָט ער שטילערהייט באַדויערט, וואָס זיי האָבן צופיל געטרוימט און צו ווייניק געטאָן. נאָך האָט ער געזאָגט:

— איר, פּיאָטער מאַקסימאָוויטש, מיינט אוואַדע, אַז איך האָב זיך אַף אַן עמעס פאַרטשעפּעט. נעכטיקע טעג! איך האָב זיך מיט אײַך דאָס מאָל ניט געהאַלטן קיין אייצע, ווײַל ווינץ שפּירט אײַך נאָך. ער האָט בײַ מיר געפרעגט, צי זײַט איר ניט קיין ייִד אָדער אַ קאָמוניסט. מיר האָט לאָבאָדאַ דערציילט, ווער איר זײַט. פאַרן אָפּפאָרן פון דזשאַנקאָי האָבן מיר אים געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער. ווינצן האָב איך געזאָגט, אַז ווערדליק ווי איך ווייס, האָט איר נאָך בײַ אונדז אין דער אַרמיי פײַנט געהאַט ייִדן. ניקאָלאַדזע האָט מיך צו דער צײַט געוואָרנט, אַז איר זײַט אַ טעכניקער. איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז איר וועט נאָך זײַן מײַן קאָמאַנדיר בײַ די פּאַרטיזאַנער. נאָר גלייבט מיר, אַ שלאַנג זאָל איך זײַן, אויב איר וועט ניט אַנטלויפן.

פאַרטאָג האָט נאָך קיריושע געעטעמט, גערעדט און אַזוי ווייטעקדיק שאַרף געפּילט הונגער, אַז ער האָט אַזש געביסן די מאָזאָליעס אַף די הענט. אָראַנסקי, וואָס האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך זײַן יעדן אָטעם־צוג, האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים אָפּגעבן זײַן פּײַקע ברויט, וואָס ער וועט באַקומען אַף פרישטיק. נאָר קיריושע האָט געענטפערט, אַז ער וועט זי ניט נעמען.

פאַר די לעצטע טעג האָט קיריושע, ווײַזט אויס, זייער אַ סך איבערגעטראַכט. נאָר זײַנע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן האָבן שוין געבלאָנדזשעט ווי בײַ ניט קיין היגן. אים איז שווער געווען צו ריידן, און דאָך האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן:

— אין דאָרף, לעבן מײַן שטוב, בלעבלט אַ ריטשקעלע. עס וואַקסן ווערבעס. אונדזערע וועלדער האָבן ניט קיין אָנהייב און קיין סאָף. מײַן

טאטע האָט אַמאָל געטראָגן אַף די הענט קייטן פון אַ קאַטאָרזשניק. ער האָט געוווּסט, אַז אין טפיסע לעקט מען קיין האָניק ניט. ער האָט אויך זיך שטאַרק געמאַטערט פאַרן טויט. פלעגט ער זיך שווערן ניט „זאָל איך אַזוי לאַנג לעבן“, נאָר „זאָל איך אַזוי גיך שטאַרבן“.

אַף עטלעכע מינוט איז ער אַנשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער אַן אויסגעשעפּטער, מיט אַ שטילן קרעכץ אַרויסגעבראַכט נאָך עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער. אָפּגעשאַרט מיט די אויסגעדייוווערטע הענט די האָר, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שטערן, האָט ער אַזוי אַ וואָרף געטאָן דאָס פאַרשאָלטענע בלעכל אַף זײַן ברוסט, ווי בלויז דאָס וואָלט פאַרוווּנדעט זײַן נעשאָמע, און אַרויסגעמורמלט:

— וואָס אַ שלאַנג — אַ דײַטש קאָן צוקלערן!

די זון איז, ווי שטענדיק, צו דער צײַט אופּגעגאַנגען, נאָר פאַר קיריר־שען איז דער פרימאָרגן ניט אָנגעקומען.

אין שטילן באַראַק האָט מען אין דער מינוט מאַמעש געקענט אָנטאַפּן דעם טרויער און נאָך מער די סינע, אין וועלכער דאָס שווײַגן איז געווען אײַנגעהילט.

ווינץ האָט, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן באַרוף אַף דער וועלט, אָפּגעבראָכן דאָס בלעכל, וואָס איז געהאַנגען באַם מאַטראַס אַפן צעריסענעם שוואַרצן בושלאַט, און, אָנעצנדיק מיט דער צונג דעם כימישן בלײַער, אויסגעמעקט פונעם צעטל דעם נומער 492346.

פון די ניט־אויסגעוויינטע טרערן זײַנען די אויגן באַ אַראָנסקין נאָך מער אופּגעלאָפּן. פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָט ער אַ קוק געטאָן אַפן אופּזעער אַזוי, אַז יענער האָט זיך ניט ווילנדיק צוגערוקט צו דער פאַרשימלטער וואַנט.

גראָד אין דער מינוט פאַרמאָגט אַראָנסקי נאָך גענוג קויעך אַף אַ קלאַפּ טאָן ווינצן אין הויקער. איז וואָס, פרעגט זיך, שטייט ער ווי אײַנגעגראָבן, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און ביז עס זײַנען נאָך ניט אויסגערונען די טעג פון זײַן אייגן לעבן, שטעלט ער אים ניט אַרויס קיין כעזשבן? ער וואָלט עס געטאָן, ווען ניט די האָפענונג, אַז וויפל די נאַכט זאָל ניט דויערן, וועט דער טאָג אָנקומען. טאַקע דערפאַר האָט ער זיך באַמיט אָפּטרײַבן דעם געדאַנק, וואָס האָט אָן עגבער געטאָן זײַן מויעך, אַז ס'איז גאָר שווער צו זאָגן, ועמעס גוירל ס'איז ביטערער — פון די טויטע אָדער פון אַזעלכע, ווי ער, וואָס לעבן נאָך, אויב דאָס הייסט לעבן.

אַראָנסקי, וואָס האָט אָנהייב מילכאָמע געוויגן באַ הונדערט קילאָגראַם, איז איצט געווען אַזוי אויסגעדאַרט און אָפּגעשוואַכט, אַז די קלענסטע באַוועגונג האָט באַ אים אַרויסגערופן ווייטעק. נאָר די פיס און דאָס פּאָנעם זײַנען אופּגעלאָפּן. די איבערגעטריקנטע בלייכע הויט האָט געגומען פלאַצן און זיך שיילן. די יאַסלעס און דער גומען האָבן זיך באַדעקט מיט יאַטערנ־דיקע בלאָטערלעך.

אינדערפרי האָט מען שוין אים געמוזט גוט אַ טאָרע טאָן, ער זאָל זיך אופּכאַפּן. אַ שלעפעריקע גלײַכגילט האָט זיך באַ אים פאַרגאַנוועט אין

הארצן. אַ נײַע צאָרע — ווי נאָר ער כאַפּט זיך צו צו דער נאַרע און דעקט זיך איבער איבערן קאָפּ, גייט אַוועק אַ פּאַרמעסט צווישן דער שרעקלע־כער וואָר און די בייזע כאַלוימעס.

גאַנצפּרי, ווען די זון פּלעגט ערשט באַווײַזן זיך און עטוואָס צופאַרבן דעם ראַנד פון הימל, וואָס האָט זיך ערגעץ ווײַט־ווײַט אָנגעשפּאַרט אין די שפּיצן פון די הויכע זאַוואָד־קוימענס, פלעגט ער און זאַכאַר נעמען רײַסן און קײַען די פאַרשטויבטע גראָזן, וואָס זײַנען געוואַקסן אין די ווינקלען פון הויף. זיי פלעגן זשעדנע זיך אײַנהריזען אין די לישײַניקעס, ענלעכע אָף זשאַווער, וואָס זײַנען נאָך די רעגנס אָנגעוואַקסן אַפן הויכן פּאַרקן.

זיי האָבן קיינמאָל זיך ניט געגריבלט אינעם מיסטקאַסטן, זיך ניט אָנ־געבויגן נאָך די אַרויסגעוואָרפענע סיגאַרעט־שנויצלעך, זיי פלעגן אומיסטן אויסדרייען די קעפּ אָן אַ זײַט, ווען די פריצן האָבן, אָפּבלאָזנדיק דעם שוים פון ביר, געקײַט זייערע בוטערבראָדן, ניט אַראָפּגעלאָזט האַכנאָעדיק די ברעמען און ניט אַרויסגעשטעלט קיין בעטלערישע האַנט.

דאָס האָבן באַמערקט אויך די דײַטשן. אייניקע איז עס געפעלן. אַנדערע פלעגן פון זיי בייז אָפּלאַכן. וויקערט, ווי נאָר ער פלעגט דערזען אָראַנ־סקין, האָט זיך באַ אים אָנגעהויבן טרייסלען דער פוסטער צעקנייטשטער גוידער, פון זײַנע ליפּן האָט זיך ניט איין מאָל ווי אַ שטיין אַרויסגעריסן דאָס זידלוואָרט „גראָס־שווײַן".

— ניכט דעם גראָס־שווײַן! — האָט אויך דער פעלדפעבעל אָפּגעענט־פערט ווינצן, ווען יענער האָט אים פאָרגעלייגט באַשטימען אָראַנסקין פאַרן סטאַראָסטע פון באַראַק. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. ווי נאָר עפּעס, פלעגן די געפאַנגענע וואַרטן אָף אָראַנסקיס „יאָ" אָדער „ניין".

ווען קירויושע האָט געלעבט, האָבן זיי זיך מערסטנטייל געהאַלטן איני־דרײַען. איצט איז זאַכאַר באַזונדערס טײַער אָראַנסקין. זיי האָבן נאָך אַפּי־לע דאָס וואָרט „אַנטלויפן" ניט געלאָזט פאַלן, נאָר אָראַנסקי ווייסט, אַז באַ אַ געלעגנהײַט קאָן ער אָף יענעם אויסרעכענען.

ווען דאָ זאָל זײַן ניט אַזאַ געדיכט־באַפעלקערטער ראַיאָן, אָדער אַ וואַלד זאָל זײַן נאָענט, וואָלט מען געקאָנט אַנטלויפן בייס אַ לופט־אַליאַ־רעם, ווען עס בילן די זעניטקעס, עס דונערן די אופרײַסן און די דײַטשן, ווי אָנגעשראָקענע מײַז, צעלויפן זיך אין די באַהעלטענישן.

אָבער ניין, פונדאַנען לויפן קאָן מען ניט.

## אפן באלקאנער האלב־אינדזל

גאַנצפרי איז געווען קיל און נעפּלדיק, און דערנאָך האָט פון דעם פאַר־בלאָזענעם הימל גענומען כליופּען, ווי אַ מאַבל וואָלט וועלן פאַרפלייצן די ערד. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי פּיטש־נאַסע אונטערן שלאַקסרעגן גע־שלעפּט די שווערע טאַטשקעס. צו אָוונט־צו איז פון ערגעץ געקומען ווינט. אויך ער איז שוין געווען „פאַרפּוצט" אין אַ גרין־גרויען מונדיר, וואָס האָט אים געפּאַסט, ווי אַ כאַזער אַ זאָטל. זײַנע שטיוול זײַנען געווען אויסגע־

שמירט ביז איבער די כאַליעוועס אין בלאָטע. אין האַנט האָט ער געהאַלטן א טשעמאָדאַנדל, וואָס ער האָט נאָך ניט באַוויזן אוועקשטעלן און פאַר־שליסן אין זײַן קעמערל.

דאָס, וואָס ער האָט זיי ניט געצוווּנגען נאָך דער אַרבעט אויפראַמען דעם הויף און האָט זיי פאַר דער צײַט פאַרטריבן אין באַראַק, האָט אַלע־מען פאַרכידעשט. ווען זיי זײַנען שוין אײַנגעשלאָפן, האָט זיך צעפּראַלט די געקאָוועטע טיר און וואַכלײַט האָבן אַרײַנגעטראָגן עטלעכע לעבלעך זעגעכץ־ברויט און צוויי עמער געקאָכטע קאַרטאָפל. דערנאָך האָט מען בײַ זיי צוגענומען די בלעכלעך מיט די נומערן, אוועקגעפירט צו דער סטאַנ־ציע און פאַרשלאָסן אין פראַכט־וואַגאָנעס.

באַנאַכט, ווען די לעוואָנע איז אײַנגעזונקען אין שווערע וואָלקנס, האָבן אַעראָפּלאַנען עטלעכע מאָל באָמבירט דעם אײַזנבאַן־קנופּ, ווו דער עשעלאָן איז געשטאַנען. אַ שווערע באָמבע האָט געטראָפן אין אַ פּלאַט־פאָרם מיט סנאַריאַדן. דערנאָך האָבן זיך אָנגעצונדן די נאַפט־ציסטערנעס. עס האָט געררוישט אין די אויערן, געשווינדלט אין די אויגן, און די מענטשן אין די אָנגעפּראָפּטע וואַגאָנעס, אין וועלכע מע האָט געקאָנט צעגיין פון היץ און דערשטיקט ווערן פון ביטערן וואַרגנדיקן רויך, האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל פאַלט צו דער ערד און די ערד רײַסט זיך צום הימל.

העכער אַ מעסלעס איז דער צוג געשטאַנען אויף אַ ווײַטער רעזערוו־ליניע.

דערנאָך, שוין אין וועג, האָט עמעצער אויף אַ פּאָלוסטאַנאָק אַרײַנגע־וואָרפן דורכן פאַרגראַטעוועטן פענצטערל אין וואַגאָן עטלעכע שטיקלעך ברויט. זיי האָבן אויך געהערט, ווי פאַרבײַגייענדיקע פרויען ריידן צווישן זיך אויף אַ שפּראַך, אַ ביז ווייטעק באַקאַנטע, געוויס אַ סלאַווישע.

זאַכאַר האָט, אַ שײַנענדיקער פון גליק, אַרײַנגעקוקט אין שפּאַלט, עט־לעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אינעם ווענטל פון וואַגאָן און געפרעגט:

— זאָגט אונדז, ווו געפינען מיר זיך?

דער וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען אויפן טאַמבור, האָט געדראָעט, אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל אַזוינס דערהערן, וועט ער אָן אַ וואָרענונג שיסן. די פרויען האָט ער פריער אויסגעזידלט.

ווען מע האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון די וואַגאָנעס, האָבן זיי פונווײַטן דערזען אַ גרויסע שטאָט מיט שניי־ווײַסע מויערן, צעוואָרפענע איבער בערג. ווינץ האָט מיטגעטיילט, אַז זיי געפינען זיך אויפן באַלקאַנער האַלב־אינדזל, אויפן רעכטן ברעג פון די טײַכן סאַווע און דונײַ — אין בעלגראַד.

נאָך האָט זיי ווינץ דערציילט, אַז ער וועט זיך אומקערן צוריק קיין רור. דאָ וועט ער באַקומען עטלעכע הונדערט סערבן, וועלכע וועלן אָנ־שטאָט זיי אַרבעטן בײַ קרוינערן.

ווינץ טראָגט צו צו זײַנע ליפּן די מעטאַלענע פעלד־פלאַש און שלינגט זשעדנע דעם שיקערנדיקן מאַשט[1]. דערנאָך נעמט ער אַרויס פונעם זיל־בערנעם פּאַרטסיגאַר אַ דינע סיגאַרעטע און צעטיילט זי אויף צוויי גלײַכע טיילן. איין העלפט שטעקט ער אַרײַן אין מונדשטוק, ער טוט אַ פּאַר

---

[1] איבערגעיוירענער עפּל־זאַפט.

שטאַרקע צי, און אויס סיגאַרעטע. ער אַליין קוקט פאַרכידעשט אויף דעם סלופּיקל אש:

— די טערקן זײַנען גרויסע שאַרלאַטאַנען. זיי זײַנען אַזוי פּיפּיק, אַז זיי ווילן פון פליי פּרעגלען שמאַלץ און פון שטיינער צאַפּן וואַסער, דעם טאַבעק מישן זיי מיט איבערגעטריקנטע ווילדגראָזן. איצט איז נאָך ניט די צײַט, נאָר מיר ווען זיך נאָך מיט זיי אָפּרעכענען.

ווינץ פּרוּווט זיך אויסגלײַכן, נאָר נעכטיקע טעג, אים דאַכט זיך טאַקע עפּשער, אַז ער שטייט גלײַך, נאָר אַפילו זײַן שאָטן איז אײַנגעדרייט אײַנ־דרײַען.

— אײַך, — זעצט ער פאָר, — וועלן מיר אַריבערפירן אויף יענער זײַט טײַך, קיין זעמון. ניט ווײַט פון דער אײַזנבאַן־בריק וועט איר בויען אַ דובל — אַ צווייטע. די אַרבעט איז דאָ אַ שווערע, נאָר אויב עס וועט זיך געפינען אַ מעשוגענער, וועלכער וועט ווען אַנטלויפן, זאָל ער וויסן, אַז דאָס האָט זיך נאָך קיינעם ניט אײַנגעגעבן. דאָ ניט ווײַט געפינען זיך צוויי דיוויזיעס, אַן אָפּיצערן־שול, און לענגויס דעם טײַך זײַנען אַזעלכע זומפּן, וואָס קאָנען אַן אַרמיי אײַנשלינגען. דאָ וועט אייך די וואַך זײַן אַ גרע־סערע, און הינט פאַרמאָגט זי, וואָס שמעקן אָן אַ געפאַנגענעם פאַר אַ מײַל.

ביז עס איז געקומען דער באַפעל אויסשטעלן אַלעמען אין איין קאָלאָ־נע, האָט ווינץ געבעבעט און געבעבעט, נאָר וואָס ווײַטער, האָט אים אָראַנסקי אַלץ ווייניקער געהערט. פונדאַנען מוז ער אַנטלויפן. און טאַקע הײַנט־מאָרגן, אָפּלייגן טאָר מען ניט. אין זאַכאַרן איז ער זיכער, נאָר זאָגן וועט ער עס אים אין דער לעצטער מינוט.

מע האָט זיי איבערגעפירט איבער אַ בריק, געפירט אַ צוויי קילאָמע־טער לענגויס דעם טײַך סאַווע, וואָס האָט אָפּגעטיילט זעמון פון דער הויפּטשטאָט. דער זאַמד איז דאָ אַזאַ, אַז מע זינקט אין אים ביז אין די קנעכל. לענגויס דעם ברעג ליגן בוי־מאַטעריאַלן, אײַזנבאַן־רעלסן, גע־סמאָלעטע שפּאַלעס. ווי די מורעשקעס פּויזען אום הונדערטער געפאַנגענע, ענלעכע אויף געשפּענסטער. זיי ריידן זיך איבער אויף פאַרשיידענע לעשוי־נעס.

איבערגענעכטיקט האָבן זיי אין אַ גרויסן באַראַק מיט דרײַשטאָקיקע נאַרעס, וווּ עס איז געשטאַנען אַ קעסיידערדיקער צוגעדעמפּטער טומל.

גאַנצפרי האָט מען זיי אָפּגעפירט נאָך צוויי קילאָמעטער ווײַטער. דאָ האָט ווינץ געטראָפן אַ באַקאַנטן אונטעראָפיצער, ווילהעלם האָט ער אים אָנגערופן, און האָט אים אײַנגערעדט כאָטש צײַטווײַליק נעמען די קריגס־געפאַנגענע, ווײַל אים, ווינצן, איז שווער ווײַטער מעסטן דעם זאַמד. פראַנץ האָט צוזאַמען מיטן היפּשן פּעקל סאַכאַרין איבערגעגעבן ווילהעל־מען אַ טונקעלע פלאַש מיט שנאַפּס. אוןביידע האָבן זיך צוגעזעצט אין שאָטן פון די קוסטעס.

אויף אַ הילצערנעם טראָגברעטל, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ מולטער, מיט הענטלעך באַ די זײַטן, האָבן אָראַנסקי און זאַכאַר געטראָגן שטיינ־דרויב. מע האָט זיי ניט שטאַרק אונטערגעטריבן, נאָר אָפּנאַרן די דײַטשן איז געווען אומעגלעך, ווײַל יעדעס פאָרל האָט געשאָטן די שטיינדלעך

אין אַ באַזונדער בערגל, און צום סאָף טאָג, האָט מען זיי געזאָגט, וועט מען אויסמעסטן, צי איז אויסגעפּילט די נאָרמע. אויב, כאַלילע, ניט, איז די ערשטע שטראָף — אַ טאָג אָן עסן.

באַם אָנלאָדן דעם צעדרויבלטן שטיין און אין וועג וואָרנט אַראַנסקי שוין צום צווייטן מאָל זאַכאַרן:

— אײַל זיך ניט. די קויכעס וועלן אונדז נאָך עפּשער הײַנט צוניץ קומען.

זאַכאַר איז אים נאָך דערפאַר צום האַרצן, ווײַל ער איז אויך ניט איבעריק באַריידעוודיק און פאַרשטייט אים אפּן ווונק. דאָס מאָל האָט ער אופגעהויבן אַף אַראַנסקין די אײַנגעפאַלענע בלויע אויגן און זײַן בליק האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער שטויסט זיך אָן, אין וואָס עס גייט, און איז גרייט אַף אַלץ.

דער וואַכמאַן האָט זיי באַפוילן אוועקשטעלן דאָס טראַגברעטל און גיין נאָך שפּאַלעס. איצט זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן אין אַ קאַלאָנע, ווו קיינער קען זיי ניט. זייער וועג ליגט פאַרבײַ די קוסטעס, ווו פראַנץ ווינץ זיצט מיט זײַן באַקאַנטן און לופּטערט די צונג. ערגעץ פון דאָרטן טראָגט מען די גאַנצע צײַט וואַסער צום טרינקען... בייסן מיטיק־איבערײַס, נאָך דעם ווי מע האָט אופגעגעסן די באַלאַנדע מיטן שטיקל סוראָגאַט־ברויט, ציט אַראַנסקי פון זיך אַראָפּ די גימנאַסטיאָרקע, די שיך אַף די הילצערנע פּאַ־דעשוועס און פאַרוקט עס אַלץ אין אַ שטאַבעל שפּאַלעס. זאַכאַרן טוט ער אַ ווונק, ער זאָל אויך טאָן דאָס זעלבע. דערנאָך נעמען זיי אין די הענט פוסטע עמער און, ווי זיי וואָלטן באַקומען אַ דרינגענדיקע אופגאַבע, לאָזן זיי זיך צו די קוסטעס, ווו עס זיצן נאָך אַלץ דער אונטעראָפיצער מיטן אופזעער.

זיי הערן, ווי ווילהעלם זינגט הויך אַף אַ קאָל די האָרסט־וועסעל־ליד — דעם אָפיציעלן היטלער־הימן, וואָס איז געכאַסמעט און געשטעמפּלט פון דעם פירער: „ווען יודענבלוט פאָם מעסער שפּריצט...“

אַראַנסקי פאַרבײַסט ביז בלוט די ליפּן. אַ קעלט גייט אדורך איבער זײַן רוקן. אין דער טיף האָט אופגעבליצט דער צאָרן. היט זיך! ס׳איז נאָך ניט די צײַט, ווען ניט, וואָלט אָן אַ מעסער געשפּריצט דאָס בלוט פון ביידע היטלעראָווצעס.

ווינץ, כאָטש שיקער, האָט זיי דערקענט נאָך פונדערווײַטן, און ווײַל די געשוואָלענע צונג פאָלגט אים שוין ניט, האָט ער קוים מיט צאָרעס אויסגעבאַלעבעטשעט:

— ווילהעלם, דאָס איסט מײַן גראָסשוויין.

— וואָס? — פאַרשטייט אים ניט דער אונטעראָפיצער.

דער הויקער פּרוווט מיט אָן עקלהאַפטן, אַ כוויזעקדיקן שמייכל דער־קלערן און באַרימט זיך דערבײַ:

— דער גראָסשווײַן איז מיר געטרײַ און איבערגעגעבן, ווי... ווי לאַטע. דו געדענקסט מײַן לאַטע? ניין? אויב אַזוי, ביסטו מיר ניט קיין פרײַנט. און קער מיר אום דעם סאַכאַרין. ניין, ניט מײַן ערשט ווײַב, וועלכע האָט מיך אוועקגעוואָרפן. צוואַנציק יאָר האָט זי מיט מיר אָפּגעלעבט און ערשט

דערנאָך געכאַפּט זיך, אַז זי איז אַ פּראַו, וואָס האָט עפּעס די ווערט, און איך בין אַ הויקער. זײַ זיכער, איך האָב איר אָפּגעצאָלט. וווהין מע דאַרף מיטגעטיילט, אַז איך האָב זי דורכגעטריבן, און צוגענומען איר האָב־און־גוטס, ווײַל זי איז ניט קיין ריינע אַריער. איר בלוט, האָב איך געמאָלדן, איז פּאַרפּאַסקודעט. שטיי, אַנטקעגן וואָס דערציייל איך עס דיר? זיך דער־מאָנט. צו דעם נאָמען בין איך דאָך אָבער געוועזן געווונט, האָב איך זיך גענומען אַ הינטל און דעם אַ נאָמען געגעבן לאָטע. דו, ווילהעלם, פּאַר־שטייסט, וואָס איך רעד צו דיר, צי דו ביסט שוין שיקער? לאָטע, די צויג, פלעגט פון מיר ניט אָפּטרעטן. דאָס האָט קיינעם ניט געכידעשט, נאָר אָט דער גראָסשווײַן וועט אויך גיין פאַר מיר אין פײַער און אין וואַסער. גלייבסט מיר ניט? איז גיי צום טײַוול.

אָראַנסקי האָט געבעטן באַ די דײַטשן אַ דערלויבעניש גיין נאָך וואַ־סער. דער אונטעראָפּיצער האָט מיט אַ בייזן בליק אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און געוואָלט אַרויסרופן אַ וואַכמאַן, אַז ער זאָל זיי באַ־גלייטן, נאָר דער אופזעער האָט אים אָפּגערעדט. ער גאַראַנטירט, אַז זיי וועלן זיך ניט פאַרהאַלטן. נאָר זאָלן זיי פרײַער ברענגען אהער צוויי עמער וואַסער, די זון און דער שנאַפּס האָבן אים צעוואַרעמט, וועט ער זיך אָפּ־פרישן. ער פאָדערט אויך, אַז די שווײַנען זאָלן גוט אויסוואַשן די עמער און אליין זאָלן זיי ניט טרינקען פון זיי. נאָך וויל ער וויסן, צי האָבן זיי אים גוט פאַרשטאַנען.

— יאַוואָל, הער ווינץ!

— אוועק! — האָט ער אַ ריטשע געטאָן, אַ מאַך געטאָן לעבן ווילהעלמס נאָז מיטן צײַג־פינגער און אַרויסגעמורמלט: — אָ!

דער ברונעם האָט זיך געפונען הינטער אַ בערגל. ווײַטער האָט זיך שוין געצויגן אַ זומפּ, געדיכט פאַרוואַקסן מיט טשערעט. זאַכאַר איז געווען זיכער, אַז איצט איז דער פּאַסיקסטער מאָמענט וואַרפן די עמער און אַנט־לויפן. נאָר אָראַנסקי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף ניין, אַפילע אָנטרינקען זיך האָט ער אים ניט געלאָזט.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט, האָט ווינץ שוין אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס אָנטאָן און איז געשטאַנען אַ נאַקעטער, ווי אַ שלאַנג. אַזוי־אָ, אָן די קישעלעך אף די אַקסל און אָן דער וואַטאָווער ברוסט, איז ער געווען נאָך מער עקלהאַפט. ער האָט באַפוילן אָראַנסקין ברייט עפענען דאָס מויל, און דעם אונטעראָפּיצער, וואָס איז געווען פאַרקרעמפּעוועט אין רימענס, האָט ער באַוויזן:

— דו זעסט, באַ אים ליגט דער שטויב אף די ליפּן. אויב איך האָב אים ניט דערלויבט, האָט ער זיך ניט דערוועגט צו טרינקען. איך פאַרהיפּנאָ־טיזיר זיי און לייען פאַר אַ מײַל זייערע געדאַנקען.

ווינץ האָט צעשטעלט די פיס און באַפוילן גיסן אף זיך די וואַסער. פון די ערשטע עטלעכע אײַז־קאַלטע טראָפּן האָט עס אים אַ טראַג געטאָן, ווי אָן אָפּגעבריטן. דערנאָך האָט ער, נאָך אַלץ סקאַווטשענדיק, ווי אַ הונט, אונטערגעשטעלט זײַן פאַרקריפּלטן קערפּער אונטער דער וואַסער, געפאָ־דערט נאָר, אַז די עמער זאָלן זיך ניט צורירן צו זײַן לײַב.

באַ ווינצן האָבן די ציין געטראַסקעט פון קעלט. ער האָט זיך אַפּגיך אָנגעטאָן און געבעטן ווילהעלמען, ער זאָל אים אַ ביסל באַגלייטן. אַראַנ־סקין און זאַכאַרן האָט ער דערלויבט גיין נאָך וואַסער.

אײַלן זיך איז נאָך דערווײַל ניטאָ וואָס. גייען זיי ניט געכאַפּט און הוידען מיט די פוסטע עמער. טאָמער קוקט עמעצער נאָך נאָך זיי, זאָל זיך יענעם דאַכטן, אַז זיי ווילן, די מינוטן, ווען מע דאַרף זיך ניט בייגן אונ־טער די שווערע קלעצער, זאָלן זיך ציִען וואָס לענגער. דער שטיינדרויב, וואָס זיי פאַרטשעפּען מיט די באַרוועסע פיס, יאָגט זיי איבער און שלאָגט זיך אָן אין אַנדערע שטיינדלעך. דער באַרג איז ווי צוגעפּלעטשט, און דער טרוקענער ווינט קערט פון אים אַראָפּ דעם זאַמד, וואָס האָט זיך ניט פאַר וואָס צו פאַרטשעפּען. אַפּן טײַך־אויסבייג, וואָס זעט זיך פונדאַנען, שטייט אַ טראַולער, און ערגעץ נאָך ווײַטער וויגט זיך אַ זעגלשיף. צום זומפּ האָבן זיי נאָך דערווײַל מוירע אויסקערעווען די קעפּ.

די ווענט אינעם ברונעם זײַנען פאַרוואַקסן מיט מאָך. ער איז ניט זייער קיין טיפער, און אינעם וואַסער שפּיגלען זיך אָפּ זייערע פּענעמער. עס ווערט זיי ניט גוט פון זייער אייגענעם אויסזען.

זיי הערן זיך אײַן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן: ס׳איז שטיל און נאָר פון דער הייך דערטראָגט זיך אַ הודזשען פון עפּעס אַ מאָטאָר און זידלערײַען פון אַ דײַטש, וואָס וויל אים איבערשרײַען. זיי טרינקען זיך אָן צו זאַט, טוען אַ בויטע מיט די קעפּ די וואַסער אין די עמער און, ניט אָפּווישנדיק די ברודיקע ריטשקעלעך, וואָס פאַרקלײַבן זיך אונטער די העמדער, לאָזן זיי זיך מיט בייזער אַנטשלאָסנקײַט אָף לינקס.

דערווײַל ווילן זיי איינס — זיי זאָל זיך אײַנגעבן אומבאַמערקטערהייט דערקלײַבן זיך צום זומפּ, אַהין איז גאָר ניט אַזוי ווײַט. נאָר די ערשטע טריט קאָנען זײַן אויך די לעצטע. פּלוצעם שטעלן זיי זיך אָפּ. עפּעס ליגט אַפּן וועג. צי איז עס ניט קיין הונט מיט אויסגעשטרעקטע לאַפּעס? ניין, דאָס איז אַ פאַרפוילטער קלאָץ, וואָס באַם אָנרירן אים צעשיט ער זיך, ווי פאַרפרוִעטע זעגעכץ. עס גלייבט זיך גאָר ניט, אַז דאָ זאָל ניט זײַן קיין וואַך, און דאָך לאָזן זיי זיך לויפן.

דאָס מאָל האָט זיי ווינץ ניט אָפּגענאַרט. ס׳ציט זיך דאָ ווירקלעך אַן אורווילדער, ניט צוטריטלעכער טאָרף־זומפּ, וואָס האָט זיך אַליין פאַרכליִעט מיט בלאָטיקע אַשקאָליריקע בלעזלעך. וואָלטן דאָ כאָטש געווען הי־ליאַקעס, מע זאָל קאָנען אָנטרעטן, אָדער ווען זיי האָבן כאָטש אַ פלאָקן אָף אַרײַנשטעקן אין זומפּ זיך צו דערוויסן די טיף, איז ניין. דער טשע־רעט, וואָס עטעמט מיט פײַכטקײַט, בייגט זיך און שנײַדט די פינגער, און טאָמער עפּעס, לאָזט ער זיך גאָר לײַכט אַרויסרײַסן צוזאַמען מיטן וואָרצל. אָבער קיין ברייַרע האָבן זיי ניט. זיי דאַרפן ווײַטער קנעטן די בלאָטיקע זשיזשע. אויב זי וועט זיי ניט אײַנשלינגען, וועלן זיי זיך דאָ דאַרפן אופּ־האַלטן, ביז עס וועט ניט נעמען טונקל ווערן.

ביז איבערן בויך אין בלאָטע, זײַנען זיי געשטאַנען אַזוי שטיל, אַז אַ

פויגל, ענלעך אף א דראַכוּוע, האָט זיך צוגעזעצט ניט ווײַט פון זיי. לאָזט זיך אויס, ס'איז א קליין, ניט פארוואקסן אינדזעלע, ווו מע קאָן זיך אפילע צולייגן. דער פויגל האָט בעסער געוווּסט די היגע „געאָגראפיע". נאָר ער זוכט דאָ ניט קיין באהעלטעניש. אָט האָט ער זיך אופגעהויבן און איז אוועקגעפלויגן פראנק־און־פרײַ, און זיי ווועלן דאָ זיצן צוגויפגעדרייט אינדרײַען, ווײַל איין פאלשער טראָט אף רעכטס, איין פאלשער טראָט אף לינקס — און פארפאלן. דער זומפּ וועט זיי אײַנשלינגען.

נאָך שווערער איז אָבער געווען זיך ארויסקלײַבן פונעם זומפּ. א גליק, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג צו דער צײַט, און ביז עס איז געוואָרן גאָר פינצטער, האָבן זיי זיך דערקליבן צום ראנד פונעם זומפּ. זיי האָבן געזען אויסמײַדן פײַכטע ליימענע סטעזשקעס, ווו די שפורן פון די טריט ווערן טייקעף פארגליווערט און מע קאָן זיי באמערקן נאָך פונדערווײַטן. פאַרזיכטיק האָבן זיי זיך געלאָזט צום פעלד.

בלויז איין מאָל האָבן זיי אָנגעטראָפן אף א שליאך, ווו זיי האָבן מיט די הענט אָנגעטאפּט די קארבן פון אווטאָמאָביל־שינעס. זיי האָבן אים דורכגעשפאנט אין דער ברייט און אינגיכן זיך דערקליבן צו... אן אַראַ־ דראָם. מיט א פארטײַעטן אָטעם האָבן זיי אָפּגעקערעוועט אין א זײַט און ערשט אין עטלעכע מינוט ארום דערהערט פון דער ווײַט דעם אויס־ געשריי:

— האלט!

ווען די לײַכט־ראקעטע איז געבליבן הענגען אינדערלופטן, זײַנען זיי שוין געלעגן צוגעדריקט צו דער ערד. דערנאָך האָבן זיי אָפּגעפויזעט ווײַ־ טער, מיטאמאָל זיך אופגעהויבן און געלאָזט זיך לויפן אין כוישעך. הײַנט האָבן זיי, ווי גאנאָווים, פײַנט די לעוואָנע. ערגעץ האָבן געקרייעט הענער, ערגעץ האָט געבילט א הונט. ווײַזט אויס, ס'איז א דאָרף. אין א פענצטערל האָט פּולסירט א היימלעך פײַערל. זיי האָבן עס אויסגעמיטן. און ווען די נאכט איז אויסגערונען און עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אף טאָג, האָבן זיי זיך דערקליבן צו א לאָנקע הויך אין די בערג. ווײַטער האָט זיך געצויגן א פלאך פעלד, געדיכט פארזייט מיט קוקורוזע. ווען זיי זײַנען געגאנגען איבערן טרוקענעם בארג־רוקן, איז אָראנסקי פלוצעם שטיין געבליבן און, ניט געקוקט אף דער פײַנלעכער מידקײַט, זיך אויסגעגלײַכט און פאַר־ געשטעלט:

— קאפּיטאן אָראנסקי!

זאכאר האָט אים אנטקעגנגעטראָגן זײַן רעכטע האנט, וואָס איז געווען פארפּאנצערט אין פארגליווערטער בלאָטע:

— לייטענאנט סאזאָנאָוו!

דער נעפּל, וואָס האָט געקלעטערט פון דער נידער און זיך געוואָלט פארקלײַבן אפן בארג, האָט ווייך א גלעט געטאָן די צוויי מאנצבלען, וואָס האָבן זיך אף א ווײַלע אײַנגעקלאמערט איינער אינעם צווייטן.

— קאפּיטאן, איך קאָן ניט מער. לאָמיר זיך אָפּרוען.

— ניין, לייטענאנט, מיר גייען ווײַטער.

## צווישן פרײַנט

דער ערשטער זון־שטראַל האָט אויסגעזוכט און אָנגעטאַפּט די פּליטים אין פעלד, ווו זיי זײַנען שטיל געלעגן, פאַרדעקט מיט שמאָלע און לאַנגע קוקורוזע־בלעטער. זיי האָבן באַשטימט דאָ איבערזײַן דעם טאָג און באַנאַכט זיך ווידער לאָזן לויט די שטערן אין וועג, קעדיי וואָס ווײַטער אָוועקגייין פונעם לאַגער און פון דער שטאָט. נאָך האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז שלאָפן זאָל בלויז איינער פון זיי. אָראַנסקי האָט זיך אַרויסגערופן זײַן דער ערשטער אָף דער וואַך.

— צווינק, צווינק, צווינק, — האָבן זיי אַלץ נעענטער געהערט אַ קלאַנג, ווי מע וואָלט געקלונגען אין אַ גלעקל.

— זאַכאַר, שטיי אויף! ש־ש! דו הערסט?

— יאָ. לאָמיר פונדאַנען אַנטלויפן.

— בעסער צוואַרטן, איך וועל זיך דערקלײַבן נעענטער און אַ קוק טאָן.

— געררעכט. גיין וועל איך. איך בין ניט אַזוי הויך, ווי דו.

— גוט, זאַכאַר. נאָר רוק זיך ניט אַרויס פון דער קוקורוזע. איך וועל אָף דיר דאָ וואַרטן. טאָמער וואָס, לויפן מיר אין יענער ריכטונג, — ער האָט מיט דער האַנט באַוויזן אָף רעכטס. — גיי!

פון דעם אָרט, וווּהין זאַכאַר האָט זיך געלאָזט, האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ סטײַע פייגל. אָ, אַ שוואַרציאַר אָף זיי! ניט ווילנדיק קאָנען זיי אים אויסגעבן. קיין קערנער זײַנען נאָך ניטאָ. וואָס זשע האָבן זיי דאָ צו טאָן? ווערעמלעך, פליגעלעך מעגן זיי הײַנט אויספּיקן ערגעץ אַנדערש. „ווי־טשו, ווי־טשו!״ — ווען קריכט עס איצט אין קאָפּ זייער צוויטשערן.

זאַכאַרן האָט אָראַנסקי שוין פאַרלוירן פון אויג, נאָר לויט דעם, ווי עס כוואַליען זיך די קוקורוזע־בלעטער, מיינט ער, אַז יענער איז שוין נאָענט צום וועג. נאָר אָט איז זאַכאַר. אײַנגעבויגן גייט ער צוריק. בײַ אָראַנסקין קלעקט ניט קיין געדולד, מאַכט ער צו אים פונדערווײַטנס מיט דער האַנט, ס׳דאַרף באַטײַטן: „נו?״. זאַכאַר ענטפערט מיט אַ באַרויקנדיקן זשעסט. לויפן, הייסט עס, דאַרף מען נאָך ניט. ווען זיי זײַנען שוין גאָר נאָענט איינער פונעם צווייטן, זאָגט ער שטיל:

— דאָס פאָרט אַ פּויער אָף אַ וואָגן.

— איינער אַליין?

— מיט אַ פרוי.

— וואָס זשע קלינגט עס אַזוי?

— די רעדער. צוערשט האָב איך געמיינט, אַז דאָס קלאַפּן אַזוי די פערד מיט די פּאָדקעוועס. נאָר דער וועג איז נאָך דאָ ניט אויסגעפּלאַסטערט. מיסטאָמע זײַנען בײַ זיי די אַקסן און שינעס אַזעלכע האַרטע. בײַ אונדז סקריפּען זיי, און דאָ... אָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. טאָמער שפּאַנען זיי אויס די פערד, וועלן מיר זיך איבערקלײַבן אַ ביסל ווײַטער פונדאַנען.

— בעסער אַ קוק טאָן, וואָס זיי קלײַבן זיך טאָן. אויב זיי זײַנען געקומען אַהער אַרבעטן, האָבן זיי עסן.

— אַוודאי. נאָר אָף וואָסער שפּראַך רעדט מען מיט זיי?

— זיי וועלן אָף אונדז אַ קוק טאָן, וועלן זיי אַליין פאַרשטיין. אַבי מער קיינער זאָל אהער ניט קומען, אַניט וועלן מיר מוזן אַנטלויפן. זאַכאַר, הער זיך צו. דאַכט זיך, עס ריידן צוויי פרויען.

— טאַקע. נאָר איך האָב זיי דאָך געזען פונדערווײַטנס און גלײַך זיך אומגעקערט דיך באַרויִקן.

— מער, לייטענאַנט, זאָלסטו אַזוי ניט טאָן!

— דערלויבט, כאַווער קאַפּיטאַן, וועל איך נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן.

— לייג זיך צו, איך וועל אַליין גיין.

אָראַנסקי דערקלײַבט זיך אַזוי נאָענט צו די, וואָס שטייען לעבן וואָגן, אַז ווען עמעצער פון זיי זאָל זיך אָנבייגן, קאָן ער אים באַמערקן. דאָס איז ווײַזט אויס, איין מישפּאָכע: אַ מאַן, אַ ווײַב און זייערע אַ טאָכטער. אויב אורטיילן לויט די פערד, איז עס ניט קיין אָרעמער פויער. די פרויען טוען אָן לאַנגע פּאַרטעכער, זיי נעמען זיך פאַר די סאַפּעס. די מעזשע, וואָס ציט זיך לענגויס דעם וועג, איז אַ לאַנגע, נאָר ביז סאָף טאָג קאָנען זיי זיך דערקלײַבן צום אָרט, ווו זאַכאַר ליגט.

די זון האָט שוין גענומען באַקן. פאַר די פערד האָט מען אַוועקגעלייגט אַ בינטל גרינע קוקורוזע־שטאַנגען, וועלכע מע האָט מיט סערפּן אָפּגעשניטן דאָרט, ווו זיי זײַנען געוואַקסן צו געדיכט. די מישפּאָכע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן פון וואָגן, און אָפּן אויסגעשפּרייטן האַנטעך האָט זיך באַוויזן אַ טאָפּ מיט טעפּעלעך, פון וועלכע עס האָט אַזוי געשמעקט מיט געפּרעגלטע ציבעלעס, אַז דער קאָפּ האָט זיך באַ אָראַנסקין פאַרדרייט.

דעם רייעך דערהערט אויך זאַכאַר, און ער גאַנוועט זיך אהער. ביידע קענען זיי שוין מער ניט לײַדן דעם הונגער, און די ריזיקע איז עפּשער ניט אַזוי גרויס. צו עמעצן וועלן זיי זיך דאָך מוזן ווענדן, איז בעסער זיך טרעפן אויג־אָף־אויג אין פעלד און ניט אַרײַנגיין אין אַ פרעמד דאָרף, ווו עס קאָן דיר גלײַך קומען אַנטקעגן אַ דײַטש אָדער אַ פּאָליצײַ. מע רעדט אָפּ — פון אָנהייב גייט צו אָראַנסקי, און זאַכאַר וועט זיך דערווײַל האַלטן פונדערווײַטן.

די ערשטע האָבן דערפילט אַ פרעמדן די פערד. זיי האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, אויסגעקערעוועט די קעפּ און אופגעהערט צו קײַען. ווען די יינגערע פרוי האָט זיך אופגעהויבן, איז שוין אָראַנסקי געווען עטלעכע שפּאַן פון דעם וואָגן.

— אײַ! — האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ דערשראָקענעם קוויטש, און גלײַך האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט די עלטערן.

אָראַנסקי איז שטיין געבליבן און, לײַכט אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, באַרויִקנדיק געזאָגט:

— זדראַוסטוויטיע!

— זדראַוואָ! — האָבן זיי געענטפערט, נאָך אַלץ דערשראָקן אָפּטרעטנדיק אָף צוריק.

פונדערווײַטן האָט דער פויער, אַ נידעריקער, אַ געזעצטער, מער מיט זשעסטן, ווי מיט ווערטער, געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— א רוס.
די ערשטע איז געקומען צו־זיך די עלטערע פויערטע. זי האָט אַ פּליעס־קע געטאָן מיט די הענט. איר פּאָנעם האָט שוין אויסגעדריקט ניט קיין שרעק, נאָר ראַכמאָנעס. זי האָט גענומען עפּעס גיך ריידן. אָראַנסקי האָט זיך מער אָנגעשטויסן, ווי פאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט. „גאָט מײַנער! ווי קאָנסטו אַזוינס דערלאָזן? — און צו דעם מאַן און צו דער טאָכטער: — וואָס שטייט איר, ווי די ליימענע גוילעמס? דער סקעלעט איז פון קאָפּ ביז די פיס באַקלעפּט מיט בלאָטע. ער קאָן באַלד אומפאַלן!"
זי איז גלײַך צו אים צוגעלאָפן און קימאַט געצוווּנגען אים זיך זעצן. מיטן עק פון האַנטעך, וואָס זי האָט אײַנגעטונקען אין וואַסער, האָט זי אים אויסגעווישט די פאַרטריקנטע בלאָטע אַרום די ליפּן. ווען דער מאַן האָט צוגעטראָגן אַ טעפּל געקאָכטע מילך, פאַרצויגן מיט אַ גראָב הײַטל, האָט זי אים מיט קאָס אָפּגעשטופּט און געהייסן אָפּשנײַדן אַ שטיק האַרט ברויט און דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער. פון אירע הענט האָט פּיאָטער אָפּגעביסן דעם ערשטן גרויסן ביסן און געוואָלט זיך גלײַך אופהייבן.
„שרעק זיך ניט, — האָבן גערעדט צו אים אירע מיטפילנדיקע אויגן און די טרער, וואָס האָט זיך געקײַקלט איבער איר פאַרברוינט פּאָנעם, — שרעק זיך ניט, איך בין דאָך אַ מאַמע. צי עפּשער ביסטו ניט אַליין, עפּעס קוקסטו צו אָפט צוריק, אין קוקורוזע־פעלד".
— יאָ, — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — דאָרט, אין דער קוקו־רוזע, וואַרט אָף מיר אַ כאַווער. איינער, — האָט ער באַוויזן אַ פינגער. — ער איז אויך הונגעריק.
— קום! — האָט זי אים גענומען פאַר דער פאַרבלאָטיקטער האַנט. די טאָכטער מיטן מאַן האָבן אָף איר אויסגעגלאָצט די אויגן, האָט זי זיי באַ־רויִקט: — קימערט זיך ניט, דאָס זײַנען דאָך מענטשן, באַלד וועלן מיר זיך אומקערן.
זאַכאַר האָט ניט געהאַלטן וואָרט. מאַלע־וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אים באַפוילן זיך האַלטן פונדערווײַטן. ער האָט צוגעפּויזעט צום ברעג פעלד און פון דאָרט קימאַט אַלץ צוגעזען. אָבער צוגיין האָט ער זיך ניט דער־וועגט. אָף דער פרײַ איז ער דאָך פאַרט מעכוייעוו פאָלגן אַן עלטערן קאָ־מאַנדיר, און עס וואָלט געווען ניט גוט, ווען יענער זאָל אים הײַנט אַ צווייט מאָל וועגן דעם דאַרפן דערמאָנען.
— זאַכאַר, אונדז האָט אָפּגעגליקט. דאָס זײַנען גוטע מענטשן. וואַרט, אָף דיר אַ קוק טאָן — קאָן מען פאַלן אין כאַלאָשעס. דו זעסט דאָך טאַקע אויס ווי אַ רועך, וואָס באַלעבאַטעוועט אין זומפּ.
— און דו?
— מײַן פּאָנעם זע איך דאָך ניט. קום גיכער, — און זײַנע אויגן האָבן אַ לויכט געטאָן פון דעם אומדערוואַרטן גליק, — מע וועט אונדז געבן עסן. די באַלעבאָסטע וואַרט אָף אונדז.
— זדראַוואָ! — האָט זי די ערשטע באַגריסט זאַכאַרן.
לײַכט איז עס ניט אָנגעקומען, נאָר פאַרשטאַנען האָט מען זיך. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זיי זײַנען פאַר דער נאַכט דורכגעגאַנגען באַ צוואַנציק קילאָמעטער, האָט עס זיי שטאַרק פאַרכידעשט. פונוואַנען האָט

זיך צו זיי געגומען קויעך? אָבער ווען דער פויער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיי אָפּפירן צו זיך אין דאָרף, וואָס געפינט זיך אכט קילאָמעטער פונדאנען, האָבן זיי זיך דערשראָקן.

— נעענטער צו זעמון? — האָבן זיי ביידע מיטאמאָל איבערגעפרעגט.

— ניין, — האָט זיך אפן פויערס טונקלהויטיק געשטופּלט פּאָנעם באַוויזן אַ שמייכל, — אהין איז פון אונדז אכט און צוואנציק קילאָמעטער. בא אונדז איז קימאַט אַ פּאַרטיזאַניש דאָרף, און אונדזער שאָכן, סאַווא אַרסעניטש, קען גוט רוסיש. געוויס וועט ער אייַך פאַרבעטן צו זיך, נאָר איר זאָלט זיך אָפּזאָגן. מיר האָבן אייַך די ערשטע באגעגנט. — און צו זיין פרוי: — איך בין גערעכט?

— ווען דו ביסט גערעכט, אמפּערט זיך מיט דיר קיינער ניט. נאָר ווו נעמט מען וואַסער זיי ארומוואַשן?

— אויך מיר אַן אומגליק. מירן אײַנהייצן די באָד. קליידער וועלן מיר פאַר זיי אין דאָרף אויך קריגן. ערגער וועט זיין מיט שיך, — דאָ האָט ער אָנגעוויזן אַף אַראַנסקיס פיס. — וועלכן נומער טראָגט איר?

די פראַגע האָט אים פאַרכידעשט, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ביז איצט זיך ניט געקויפט קיין שוכווארג. בא אים האָבן זיך אפילע די אויגן צוגעמאכט, און אַף די קאַרבן פונעם שטערן האָבן געפּלאַצט און זיינען אראָפּגעפאַלן אַף דער ערד עטלעכע שטיקלעך פאַרגליווערטע בלאָטע. מילכאָמע, געפאַנגענשאַפט און באַזונדערס די צייַט, וואָס ער איז אָפּגעווען אין די דייַטשישע לאַגערן, — דאָס אַלץ ציט זיך שוין אַן אייביקייט. ווען האָט ער געקויפט דאָס לעצטע מאָל שיך? אליין איז ער איצט אויסגעדארט, נאָר די פיס זיינען געשוואָלן. מיילע, קיין גרעסערע צאָרעס זאָל ער ניט האָבן. אָבער וואָס פאַר אַ נומער דאַרף מען אַף זיי? דערווייַל דאַרף מען ענטפערן אַף דער פראַגע.

— וועלכן נומער, פרעגט איר? פינף און פערציק.

די סערבן לאַכן אַזוי געשמאַק און פריילעך, אַז אויך בא אים אפן פּאָנעם באַווייַזט זיך עפּעס ענלעכס אַף אַ שמייכל. ווידער ציִען די פרויען ארויף אַף זיך די פאַרטעכער און נעמען זיך פאַר די סאַפּעס. אַראַנסקי און זאכאר הייבן זיך אויך אויף און גייען זיי נאָך. נאָר עפּעס שושקען זיך די באַלעבאַטים, און די עלטערע פויערטע זאָגט:

— אָט דאָ, אַף דער קוקורוזע, לייגט זיך צו און רוט זיך אויס. אהיים וועלן מיר פאָרן, ווען עס וועט נעמען טונקל ווערן. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

אַראַנסקי ענטפערט איר:

— פאַרשטאַנען. נאָר מיר ווילן אייַך העלפן. בא די דייַטשן האָבן מיר געאַרבעט צו צוועלף שאָ אַ טאָג.

— מיר זיינען סערבן און ניט קיין שוואָבן. ווי רופט מען אייַך?

— פּיאָטער.

— אויב איר האָט ניט קעגן, וועלן מיר אייַך רופן פּערא.

די טאָכטער האָט מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל צוגעגעבן:

— פּעראָ רוס.

ליגן זיי אַף דער פריש אָנגעשניטענער קוקורוזע. די שפּיצן פון די בלע־טער האָבן נאָך ניט באַוויזן פאַרוועלקט צו ווערן. ברעכט זיך איבער אַזאַ בלאַט, רינט פון אים אַ גרינער קלעפּיקער זאַפט, וואָס שמעקט מיט גראָז־מילך. איבער זיי הענגט אַ דורכזיכטיק־ריינער, זויבערער הימל. אויב אַפילע עס שווימט ערגעץ אין דער הייך פאַרביי אַ וואָלקנדל, ווילן זיי עס ניט באַמערקן. אַרום איז אַזויפיל וואַרעמקייט און רויקע שטילקייט. דאָ וואַקסן די זעלבע פעלד־בלומען, ווי בא זיי אין דער ווייטער היים. עס פּויזען פּונקט אַזעלכע מורעשקעס. און ווי אומעטום, איז דאָ גוט צו טרעטן באָרוועסער־הייט איבער דער ערד.

„ווי אומעטום"? נעכטן אין דער צייט זיינען זיי געלעגן אין דעם זומפּ און קנאַפּ וואָס געהאַפּט, אַז זיי וועלן זיך פון דאָרט אַרויסקלייבן. טאָמער וואָלט זיי באַם ברעג עמעצער באַגעגנט און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן „האַלט!", וואָלטן זיי זיך געלאָזט צוריק, ווייל בעסער אַף שטענדיק פאַרזונקען ווערן אין דער בלאָטע, איידער ווידער לעבעדיקערהייט אַריינפאַלן צו די פאַ־שיסטן אין די הענט.

און מיט עטלעכע שאָ פאַר דעם האָט פראַנץ ווינץ כויזעק געמאַכט איבער אָראַנסקין, גערופן אים „גראָסשווייַן" און זיך באַרימט, אַז אָראַנסקי וועט אים פאָלגן, ווי זיין הונט לאָטע. אין די אויערן קלינגט דעם אופזעערס געלעכטער און זיין „לאָטע". טאַקע דערפאַר איז אַזוי גוט צו ליגן אַף דער גרינער קוקורוזע, וואָס איז אויסגעבעט אַף דער שווארצער ערד. גוט, נאָר...

ער האָט געמיינט, אַז זאַכאַר דרעמלט, אָבער יענער טוט אים גאָר אַ פרעג:

— קאַפּיטאַן, דיך שרעקט ניט דאָס פאָרן אין דאָרף? עפּעס שוין צו גוט האָבן זיי אונדז, ווילד־פרעמדע, אופגענומען, צו דער שטאָט איז דאָך מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אָפן ענטפער קומט זאַכאַרן אויס לאַנג צו וואַרטן. פריער האָט דורכגע־שוועבט אַזאַ געדאַנק אויך בא אָראַנסקין, נאָר איצט איז ער גרייט גיכער מיטן קאָפּ אָנלייגן, איידער גלייבן, אַז אָט די פויערטע מיטן פּראָסטן, היי־מישן געזיכט, מיטן ווייכן מאַמישן בליק זאָל זיי וועלן טאָן עפּעס שלעכטס. הייַנט די טרער אַף איר באַק? ניין און ניין! אים האָט זיך געוואָלט אַפילע שאַרף אָפּענטפערן זאַכאַרן, נאָר ער האָט געזאָגט:

— אַוודע, לייטענאַנט, דאַרפן מיר זיין פאָרזיכטיק. נאָר איך בין זיכער, אַז אויך מיין מאַמע וואָלט זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר פרעמדע מענטשן, ווען זיי געפינען זיך אין אַ צאָרע.

— יאָ. און דאָך מיין איך, אַז עס לוינט אַ שאַר טאָן אין וואָגן, צי איז בא אים ניט באַהאַלטן דאָרטן קיין ביקס.

— שאַר, נאָר זאָלסט זיך צו איר ניט מער ווי צורירן.

— דערלאָזסטו, הייסט עס, אויך דעם געדאַנק, אַז ער האָט געוועער?

— מיך, זאַכאַר, קימערט עס ניט. ווען ער וואָלט וועלן, וואָלט ער עס שוין געקאָנט פון לאַנג אָנשטעלן אַף אונדז. אויב ער האָט מיט וואָס צו שיסן, וועל איך זיך פילן אַפילע זיכערער. עפּשער קלייבסטו זיך אויסבאַ־האַלטן אין די פעלדער, אין די בערג און זיך ניט באַווייזן פאַר קיין מענטשן? וואָס קאָנען מיר מיט דיר אליין אופטאָן? איך מיין, אַז מיר האָבן

אָנגעטאָפּט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער. ערגער וועט זײַן, אויב די סערבן וועלן אונדז ניט וועלן גלייבן.

די זון האָט שוין אָפּגעגעבן איר לעצט ביסל שײַן און, געזעגענענדיק זיך מיט די זויבערע, ווײַסע וואָלקנס, איבערגעלאָזט באַם האָריזאָנט אַ ראָזן פלעק, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז מאָרגן וועט זי ווידער וואַרעמען און לײַכטן. מע האָט אײַנגעשפּאַנט די פערד, און אַלע פינף האָבן זיך אוועקגעזעצט אויפן וואָגן. אָראַנסקי און זאַכאַר האָבן געוואָלט פאַרקלײַבן זיך וואָס טיפער אין די קוקורוזע־בלעטער, נאָר דער סערב האָט זיי דערקלערט, אַז אין אָוונט האָבן זיי שוין ניט פאַר וועמען מורא צו האָבן. אויב די פאַשיסטן קומען אַהער, איז נאָר באַטאָג.

געפאָרן זײַנען זיי מיט אַ גלײַכן סטעפּ־וועג לענגאויס אַ טונקעלן גרינעם קאָרידאָר פון וואַקסנדיקע טוועס, וואָס האָבן זיך געוויגט, ווי שוימיקע כוואַליעס, און נאָר ערגעץ אין דער ווײַט האָט מען געזען וועלדער.

דאָס דאָרף האָט געהייסן יאַקאָווא. און דאָס האָט אויך געקלונגען היימיש־נאָענט. אַ ברייטע גאַס, גרויסע הילצערנע הײַזער מיט נידעריקע דעכער, געפלאָכטענע פלויטן. אין די הויפן — אויוונס. ביז זיי זײַנען דערפאָרן צו דער שטוב, איז זיי שוין נאָכגעגאַנגען אַ האַלב דאָרף. אָראַנסקי וואָלט געקענט שווערן, אַז ער האָט ניט באַגעגנט קיין איין פײַנטלעכן בליק. געגאַנגען איז מען שטיל, עס האָט דערמאָנט אין אַ טרויער־פּראָצעסיע.

די טאָכטער איז די ערשטע אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און ברייט צעעפנט דעם טויער. אָראַנסקין און זאַכאַרן האָט מען אַרומגערינגלט. צו זיי האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ מאַנצבל, געקליידט ווי אַ דאָרפישער לערער, און זיך פאַרנייגט.

— זדראַוואָ! — האָט אים אָראַנסקי באַגריסט.

— Здравствуйте, братцы![1] האָט ער אים אָפּגעענטפערט אַף אַן אונטערגעשטראָכן ריינעם רוסיש. — מיך רופט מען סאַווואַ אַרסעניטש. איך האָב אַ לענגערע צײַט געלעבט אין רוסלאַנד. איך פאַרבעט אײַך ביידן צו זיך.

אָראַנסקי האָט ניט באַוויזן קיין וואָרט אָפּענטפערן, ווי עס האָט זיך אַרײַנגעמישט די באַלעבאָסטע:

— סאַווואַ, מיסטאַם וואָלטן מיר זיך מיט זיי אײנס דאָס אַנדערע פאַרשטאַנען. פונדעסטוועגן בלײַבט דאָ מיט אונדז. די באָד האָבן מיר שוין אײַנגעהייצט. נאָר מע דאַרף נאָך קריגן פאַר זיי אָנטאָן. פאַר פּעראָן, — האָט זי באַוויזן אַף אָראַנסקין, — מוז מען קריגן זייער גרויסע שיך. איר זעט דאָך, אַז זיי שטייען קוים אַף די פיס, — האָט זי זיך געווענדט צו די דאָרפס־לײַט, וואָס האָבן פאַרפולט דעם הויף. — לאָזט זיי אַרײַנגיין אין שטוב, און ווער עס וויל, וועט צו אונדז שפּעטער אַרײַנקומען.

אין שטוב איז ריין, געמיטלעך. פון פירהויז גייט מען גלײַך אַרײַן אין אַ גרויסן צימער. אין דער מיט שטייט אַ טיש פון אייניפאַכע געהובלטע ברעטער, אַרומגעשטעלט מיט פאָשעטע, נאָר פעסט געמאַכטע בענקלעך.

---

[1] זײַט געגריסט, ברידער!

לינקס איז דער אַרײַנגאַנג אין קיך. די באַלעבאָסטע האָט גלײַך אַרײַנגעטראָגן צוויי גלעזער זויערמילך און צוויי שטיקלעך אַלטגעבאַקן ברויט. האַרט, ניט אײַנצובײַסן. מיט סאָווען רעדט זי אַזוי גיך, אַז פּיאָטער און זאַכאַר פֿאַרשטייען ניט קיין וואָרט. סאָוואַ דערקלערט זיי:

— איר ברודער, — ווײַזט ער אָן אויף אַ פּאָרטרעט אין אַ באַגעט־ראַם, — איז אויך געלאָפֿן פֿון אַ דײַטשישן לאַגער, האָט ער זיך דעם ערשטן טאָג אַזוי צוגעכאַפּט צום עסן, אַז ער איז שיער ניט אומגעקומען. דעם ווינטער איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט, און מער ווייסט זי וועגן אים גאָרנישט. זי פֿרעגט, וויפֿל צײַט זײַט איר שוין אין יוגאָסלאַוויע און צי זײַט איר געווען אין די לאַגערן צוזאַמען מיט סערבן.

— דאָ זײַנען מיר צוויי מעסלעס, — ענטפֿערט אים אַראַנסקי, — נאָר מיר האָבן געהערט פֿון אַ דײַטש, אַז אָנשטאָט אונדז וועט מען קיין רור פֿונדאַנען שיקן סערבן. פֿון דאָרט איז זייער שווער אַנטלויפֿן. מיר וואָלטן געוואָלט זיך גלײַך אַריבערקלײַבן אין וואַלד. די דײַטשן קאָנען דאָך אַרומרינגלען דאָס דאָרף.

— זאָרגט זיך ניט. באַנאַכט וועלן זיי אַהער ניט וואַגן קומען, און דאָך וועלן מיר אַרויסשטעלן אַ וואַך. גייט, די באַלעבאָסטע רופֿט אײַך.

דאָס בעדל — אַ קליין הילצערן שטיבעלע מיט אַ ברייטן באַלקן אין דער מיט — איז געשטאַנען אין סאַמע עק הויף. פֿונעם געדיכטן דאַמף האָט דאָס קעראָסין־לעמפּל געהאַלטן אין איין טשאַדען און לעשן זיך. סאָוואַ האָט געבראַכט אַ לאַמטערן. און באַ אָט דער טונקעלער שײַן האָבן זיי לאַנג געוואַשן די אויסגעמאָגערטע לײַבער. אין פּאָדערצימערל האָט מען שוין פֿאַר זיי אָנגעגרייט גרעט, אָנטאָן און פֿון אַראַנסקיס וועגן — אַ פּאָר גומענע באַכילעס, ווײַל אַזוינע גרויסע שיך האָט זיך באַ קיינעם אין דאָרף ניט געפֿונען. ווען אַראַנסקי און זאַכאַר האָבן זיך אָפּגעגאָלט, האָט מען זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסן צימער, וווּ באַם טיש זײַנען שוין געזעסן באַ אַ צענדליק פּויערים.

זײַלן דאַמף האָבן געקרײַזט איבערן געקעכטס, וואָס האָט געשמעקט מיט פּאָמידאָרן־זאַפֿט, מיט שמאַלץ, אייער און פֿעפֿער. צוגעביסן האָט מען ניט מיט קיין ברויט, נאָר מיט פֿאַרברוינטע ריפּטלעך קאַרטאָפֿל. אויף אַ לאַנגן פֿאַלומעסעק זײַנען געלעגן וואַרעניקעס, געפֿילטע מיט רײַז און געהאַקטע ציבעלעס.

פֿון די פּאָר טראָפּן ווײַן האָט זיך באַ אַראַנסקין פֿאַרדרייט דער קאָפּ אויף אומצופֿאַלן, און ער האָט געמוזט צודריקן מיט די דלאָניעס די שלייפֿן. די באַלעבאָסטע, אָנגעטאָן אין אַ געבלימלטן קלייד, האָט מיט מוטערלעכער צערטלעכקײַט אָנגעשריִען אויף די מאַנצבלען און גענומען אָפּטראָגן אַלץ פֿון טיש צוריק אין קיך אַרײַן. זי האָט אויך פֿאַרבאָטן צושטיין צו די געסט מיט פֿראַגן.

— איר זעט דען ניט, אַז זיי זײַנען קוים מיטן לעבן אַרויס פֿון דאָרט, דאַרף מען זיי נאָך איצט מאַטערן?

עמעצער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די לעצטע נײַעס פֿון פֿראָנט. אַראַנסקי האָט אָנגעשטעלט מויל־און־אויערן. נאָר דאָ האָט זיך ווידער אַרײַנגעמישט די באַלעבאָסטע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אַרומגעהאַוועט

ארום זיי, און כאָטש העפלעך, נאָר קאַטעגאָריש געבעטן, מע זאָל לאָזן די רוסן זיך אויסרוען. דער אוילעם האָט זיך גענומען געזעגענען.

אויסגעבעטן האָט מען זיי אין שטאָל אף שמעקעדיקן היי. אונטער דער סטריכע האָבן געוואָרקעט טויבן. ווי א פּאַרקישעפטער איז אָראַנסקי געלעגן, און כאָטש די אויגן־לעפלעך זײַנען געווען שווער ווי געוויכטלעך, האָט ער ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. אָט איז זי, די אויסגעטרוימטע וואָר...

ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַרזען אף טאָג, האָט זיך דערהערט דאָס צאַקען פון פערדישע טלאָען און אין הויף זײַנען אַרײַנגעפאָרן באוואָפנטע מענטשן. מע האָט געהייסן אופוועקן אָראַנסקין און זאכארן. אָבער די באַלעבאָסטע האָט מיט א שטים, ווי זי וואָלט דאָ זײַן איבער אַלעמען דער הויפּט־קאָמאַנדיר, א זאָג געטאָן:

— עס ברענט ניט. אופוועקן וועל איך זיי, נאָר זאָלן זיי פריִער עפּעס אָפּעסן, און דערנאָך וועט איר זיך לאָזן אין וועג. — זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון שטאָל און א רוף געטאָן: — צערוואָני אַרמייצי! פּעראָ, פּעראָ רוס!

אָראַנסקי האָט געעפנט די טיר און גלײַך באַמערקט, אז בא די אָנגעקומענע רויטלען זיך שטערנדלעך אף די היטלען.

— טויט דעם פאַשיזם, פרײַהײַט דעם פאָלק! — האָט ער דערהערט.

דאַן האָט ער נאָך ניט געוווּסט, אז אזוי באַגריסן איינער דעם צווייטן איז דאָ א מינהעג, נאָר צוקלערן פאַר דער ערשטער באַגעגעניש עפּעס בעסערס וואָלט געווען אומעגלעך. דאָס זײַנען די ווערטער, וואָס זיי ביידע, אָראַנסקי און זאכאַר, האָבן אויסגעוואָרעמט און אויסגעהיט אין האַרצן. און ניט צובויפריידנדיק זיך, האָבן זיי ביידע אין איין קאָל, ווי א שוווּע, אויסגערופן:

— טויט דעם פאַשיזם, פרײַהײַט דעם פאָלק!

געקומען זײַנען דרײַ וועגענער. די „צערוואָני אַרמייצעס" האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אפן מיטלסטן. אויסער דעם אָנטרײַבער, זײַנען אפן וואָגן געזעסן נאָך צוויי. איינער פון זיי, מיט א בלאַס, מיד פּאָנעם, איז געזעסן פאַרוואָרפן א פוס אף א פוס, אף דער זײַט בא אים איז געהאַנגען א פלאַנשעט מיט א צוגעפּעסטיקטן קאָמפּאַס. כאָטש קיין ספּעציִעלע צייכנס האָט ער ניט פאַרמאָגט, איז ער, ווײַזט אויס, געווען דער עלטסטער.

באַם טויער פון הויף איז נאָך אַלץ געשטאַנען די באַלעבאָסטע און לאַנגזאַם געפּאַכט מיט דער געקווייטלטער פאַטשיילע.

געפאָרן זײַנען זיי דורך בערג, פאַרוואַקסענע מיט הויכע סאָסנעס און יאָדלעס. אָפּרוען האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין א טאָל. ענלעך צו אן אײַז־צעפּל, איז ווי צוגעטשעפּעט צום הימל־געוועלב געהאַנגען א פעלדז. עס האָט זיך געדאַכט, אז ניט נאָר אן אָדלער, ווען א טויב זאָל אים פאַרטשעפּען מיטן פליגל, וועט דער מעכטיקער שטיין זיך א וואַלגער טאָן אף דער ערד.

אפן ברייטן שליאך האָבן געקאָנט אויך יאָגן אווטאָמאָבילן, נאָר אין א זײַט איז אין א שטיין־געוואַלגער געווען אַרײַנגעשטעקט א פלאָקן, צו

וועלכן עס איז געווען צוגעקלאַפּט אַ בלעכענע שילד מיט אַ דײַטשישן אויפשריפט:

*Achtung, Bandengebiet. Nur im geleit fahren!*[1]

איבער די ווערטער איז, ווי אויף אַן עלעקטרישן סלופּ, צו וועלכן עס זײַנען צוגעפּעסטיקט דראָטן פון הויכן וואָלטאַזש, געווען אָנגעצייכנט אַ שאַרבן מיט סטאַרטשענדיקע ציינער און איבערגעקרייצטע צוויי ביינער. די פּאַרטיזאַנער האָבן פון דער זײַט געקוקט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס וועט מאַכן אויף די נעכטיקע לאַגערניקעס. קיין טאָעס האָבן זיי ניט געהאַט. זאַ־כאַר האָט אַפילו אַ גלעט געטאָן דאָס שילדל מיט די שפּיציקע אויסגעס און אַ זאָג געטאָן:

— גוט!

נאָך מער איז זיי געפעלן, וואָס אָט דעם וואָרענונג־צייכן האָבן אוועק־געשטעלט די פאַשיסטן אַליין.

ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט פּרושקאַ גאָראַ, ווו די בערג זײַנען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט פלוימען־ביימער. מע האָט זיי געבראַכט אין אַ דאָרף אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז געווען באַפרײַט פון די פאַשיסטן, אין מאַלאַיע מיכײַלאָווצע, וואָס אַפּטער האָט מען עס גערופן מאַלאַיאַ מאָסקווע.

אינעם דאָרף זײַנען געווען באַ דרײַ הונדערט הײַזער, און דאָ האָבן זיך אין דעם טאָג געפונען אויף אָפּרו צוויי פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. די רוסן האָט מען אַרײַנגעפירט אין אַ גערוימער שטוב. געשטעלט פאַר זיי קיבעד, נאָר אויך דאָ ווידער העפלעך ארופגעוואָרפן אַ צוים אויף זייער ניט געשטילטן הונגער. דערנאָך האָט דער באַלעבאָס — אַ פויער מיט אַ העלער גראָ־ווערנדיקער באָרד און מיט אַ קנאָפּ אויפן דאַרן האַלדז, אָפּגעפירט אָראַנסקין אין קלוב, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב.

— קאַמעני, — האָט זיך אָראַנסקין פאָרגעשטעלט אַ פעסט־געבויטער מאַנצבל, אין ציווילע קליידער, מיט אַ פאַרווינטיקט פּאָנעם. — און דאָס איז וווּלף. זײַן טאַטע איז געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פון דער אָק־טיאַבער־רעוואָליוציע. אַ וויזוואַ־קאַמאַנדיר אינעם יוגאָסלאַווישן קאַוואַלע־ריע־פּאָלק פונעם לעגענדאַרן דאַניל סערדיטש. מיר זײַנען קאָמאַנדירן פון פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

— קאַפּיטאַן אָראַנסקי, געוועזענער פאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון אַ שיסער־פּאָלק.

— ווו האָט איר געקעמפט?

— באַ דער סאָוועטיש־רומעניִשער גרענעץ, אין אָדעס, אין סעוואַסטאָ־פּאָל.

— עפּשער וועלן מיר זיך צוזעצן? — האָט וווּלף, פאַריכטנדיק מיט די לאַנגע באַוועגלעכע פינגער די מעשענע שפּראָנצקע פון זײַן רימען, אָנגע־וויזן אויף אַ בענקל.

— אַ דאַנק. עמעצער דאַרף נאָך אַרײַנקומען, צי איר וועט אַליין פאַר־שרײַבן?

---

[1] אַכטונג, זאָנע פון באַנדעס. פאָרן נאָר מיט באַגלייטונג!

— וואָס פאַרשרײַבן? — האָבן די סערבן פאַרכידעשט זיך איבערגעקוקט.
— איך בין געווען קימאַט אַ יאָר בײַ די דײַטשן.
— אײַער אויסזען איז אַן איידעס פון דעם.
— מײַן פאָלק איז אומגעקומען, און איך לעב.
— אײַער פאָלק איז אומגעקומען אין שלאַכט? — האָט מיט אַ ווייכער באַסאָווער שטים געפרעגט וואָלף.
— איך האָב באַקומען אַ באַפעל אײַנהאַלטן דעם סוינע, ביז די לעצטע פאַרטיידיקער פון סעוואַסטאָפּאָל וועלן זיך ניט עוואַקויִרן. אַכט מענטשן זײַנען מיט מיר געווען, ווען מע האָט מיך שווער פאַרווונדעט, דערנאָך...
— דרוזשע קאַפּיטאַן, — האָט קאַמעני אַרופגעלייגט די האַנט אויף אָראַנסקיס אַקסל, — מיר זײַנען קאָמאַנדירן און וויסן, וועמען מע פאַרטרויט די לעצטע קוילן. הײַנט נאָך אין סעוואַסטאָפּאָל! אַנטשולדיקט אונדז, וואָס אונדזער געשפּרעך האָט דערמאָנט אַ פאַרהער. ווען איר וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען, וועלן מיר אײַך טאַקע בעטן דערציילן פאַר אַ גרעסערן אוילעם וועגן סעוואַסטאָפּאָל. אויף דרײַ־פיר וואָכן וועט איר בלײַבן אין דער שטוב, וווּ איר האָט זיך אָפּגעשטעלט.
אָראַנסקי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.
— כאַווירים קאָמאַנדירן! וואָס רעדט איר? איר טרויט אונדז ניט? איך און מײַן כאַווער, ער איז אַ לייטענאַנט, מיר קאָנען ניט גלאַט אַזוי זיצן. פאַר אונדז איז עס די גרעסטע שטראָף.
— כאַווער טײַערער, קומט מיט מיר, — האָט אים וואָלף, אַ באַוועג־לעכער, אַ לײַכטער, צוגעפירט צו דער וואַנט, וווּ עס איז געהאַנגען אַ שפּיגל, — זעט, ווי מיינט איר, וואָס קאָן אויפטאָן אָט דער שאָטן פון אַ מענטשן? שטעלט אײַך אויף אַ רעגע פאָר, אַז איך, דער סערב וווקאַשין ביוואָלאַראָוויטש, קום צו אײַך אין אַזאַ צושטאַנד. איז איר, דער סאָוועטישער קאַפּיטאַן פּעראַ רוס, דאַכט זיך, מיט אַזאַ נאָמען האָט מען אײַך שוין דאָ געקרוינט, איר וואָלט זיך אַנדערש באַגאַנגען מיט מיר? איר שווײַגט, ווײַל איר האָט מיר ניט וואָס צו ענטפערן. אויב אין צוויי וואָכן אַרום וועט איר קומען צו־זיך, נעמען מיר אײַך צו פּונדאַנען. גוט, פּעראַ?
— איך בין אַ סאָלדאַט. וואָס זשע קאָן איך אײַך ענטפערן? נאָר איך בעט אײַך...

אין יוגאָסלאַוויע, באַזונדערס אין די דערפער, לייגט מען זיך זייער פרי שלאָפן. מע האַלט דאָ, אַז נאָר פאַר אַ פּוליאַק גייט די זון אויף צו פרי. אויף צוויי שאָ פריִער אויפשטיין הייסט געווינען נאָך אַ טאָג. דערפאַר עסט מען פרישטיק, ווען ס'איז נאָך פינצטער, און צו פינף אַזייגער איז מען שוין בײַ דער אַרבעט. אין דער געגנט אַרום פּרושקאַ גאָראַ זאָגט מען: „אויב דער באַרגמאַן האָט ניט באַגעגנט דעם זון־אויפגאַנג אַ פאַרשוויצטער, וועט אים אין יענעם טאָג זײַן געליבטע ניט שענקען ניט קיין בליק און ניט קיין שמייכל”.
צוזאַמען מיטן באַלעבאָס ווױנען אין שטוב זײַנע צוויי דערוואַקסענע טעכטער. דער עלטסטער זון — אַ פּאַרטיזאַנער — איז צוריק מיט אַ כוידעש

אומגעקומען, העלפן זיי באארבעטן אויך זײַן פעלד. די „צערוואָני ארמיי־צעס" זאָגט דער באַלעבאָס:

— אוואדע דארפן קינדער איבערלעבן זייערע עלטערן. מילכאָמע־צײַט איז פארקערט... — נאָך א פאוזע וואָרנט ער זיי: — אײַך איז באפוילן עסן, שלאָפן און שפאצירן. איך מוז פאָלגן דעם קאָמאנדיר. ניט אומזיסט רופט מען אים קאָמעני[1].

אין סאָד, ווו דיביימער זײַנען ביז האלב אויסגעווײַסט מיט קאַלך, שטייט א שטאָל. די בעהיימע מאַלעגיירעט פויל. זי שטייט רויק און לאָזט זיך געמיטלעך מעלקן. ווײַטער, אין דער טיף פון הויף געפינען זיך א קע־לער און א ברונעם, צו וועלכן עס איז צוגעפעסטיקט א הילצערן שעפל, ארומגעקלאפט מיט אן אײַזערנער רייף. ארום איז שטיל, און מע הערט דעריבער דײַטלעך, אז אויבן, אפן שיפּוּי פונעם בארג, וואָס איז אײַנגע־הילט אין נעפּל, ווי אין א בלויער זײַדענער שאַל, קײַקלען זיך רע־דער.

אפן וואָגן, וואָס פאָרט ארײַן אין הויף, זײַנען געקומען דרײַען. וולאדי־סלאַוו טומין דינט אין וואָיעוואָדינער הויפּט־שטאַב. איצט פאָרט ער ארום איבער די דערפער און לייענט לעקציעס וועגן סאָוועטנפארבאַנד. זײַנע צוויי יונגע פרײַנט, אויך פארטיזאנער, זײַנען געוועזענע סטודענטן פון בעלגראַדער אוניווערסיטעט. אים רופט מען בעאָ[2] און זי צרנאָ[3]. בא איר איז א לענגלעך פּאָנעם, פעך־שווארצע האָר, פארקעמט מיט א שרונט, זי איז פארברוינט, ווי אויסגעפרעגלט אין בוימל, און דין, ווי א שטרויעלע; בא אים זײַנען העלע פלאַקסענע האָר, וואָס לויכטן אפילע אין דער פינצ־טער, און יעדער אייווער אָטעמט מיט קויעך.

אז זיי זײַנען פארליבט איינער אין צווייטן, איז קענטיק פון דער ער־שטער רעגע. זי וויל אפילע ניט, אז דאָס זאָל זײַן פאר עמעצן א סאָד. און ער זיצט אנטקעגן איר, ווי א פארקישעפטער, צופט די הויט פון די פאר־טריקנטע ליפּן, רויטלט זיך און וואגט ניט זיך באגעגענען מיט אירע שײַ־נענדיקע שווארצע אויגן. מיט די שפּיציקע נעזער פון אירע געפלאָכטענע פון רימען פאָסטעלעס פארטשעפּעט זי ווי אומגערן זײַנע ברייטע שאראָ־ווארן. ער טוט זיך שעמעוודיק א רוק אָפּ, און דאן צעלאכט זי זיך אזוי, אז עס נעמען זיך טרייסלען אירע ציגײַנערשע גרויסע קײַלעכדיקע אויריג־גלעך און די בײַטש קארעלן אפן האלדז.

— דרוזשע פּעראָ, — דרייט זי זיך האסטיק אויס צו אַראַנסקין, — איר האָט א ווײַב? און ער, דער קאָמיסאַר, — באווײַזט זי אָף בעאָן, — אויב נאָר איך וועל אָף אים קיין ראכמאָנעס ניט האָבן, וועט ער אָף שטענדיק בלײַבן אן אלטער באָכער. אין וואלד, זאָג איך אים, איז א בער אויך א באַלעבאָס. קריכן אין פײַער, קאָמאנדעווען — דאָס קען ער, נאָר אין ליבע וועט ער זיך מיר מיסטאמע דערקלערן, ווען איך וועל שוין ליגן אין קיי־ווער. מיר אלע זײַנען פארליבט אין די רוסן. זאָגט זשע אים, אז איר זײַט ניט אזעלכע, ווי ער. — פּעראָ האָט נאָך ניט באוויזן עפענען דאָס מויל, ווי זי האָט שוין געפרעגט בעאָן: — האָסט געהערט דעם ענטפער? זאָל זיך נאָר

[1] שטיינערנער; [2] דער ווײַסער; [3] די שווארצע.

די מילכאָמע ענדיקן, פאָרן מיר מיט דיר קיין מאָסקווע און דאָרט פּראָווען מיר אונדזער כאַסענע.

די כייִנעוודיקע צרנא האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז ניט קיין פּראָנ־טאָוויק וואָלט זיך פאַרכידעשט, וויאַזוי קאָנען מענטשן, וועלכע עס קומט אויס טאָג און נאַכט ריזיקירן מיטן לעבן, ריידן מיט אַזאַ אופריכטיקער זיכערקייט וועגן דער צוקונפט.

— צרנא, — האָט בעאָ קוים אויסגעקוועטשט פון זיך מיט אַ מינע, ווי מע וואָלט באַ אים געריסן אַ צאָן, — עס פּאַסט ניט... וואָס וועלן אונדזערע פריינט וועגן דיר קלערן?

זי האָט אים גלייך אָפּגעענטפערט:

— זיי וועלן קלערן, אַז באַ מיר אין קאָפּ הוליעט אַ ווינט. דו פרעג בעסער, קאָמיסאַר, וואָס קלערן זיי וועגן מיין כאָסן, באַ וועמען איך דאַרף אויסבעטלען אַ ליבע־וואָרט.

דערנאָך האָט די פריילעכע צרנא מיט אַ שיינער שטים, ווי פאַר זיך אַליין, געזונגען אַ טרויעריקע־טרויעריקע ליד. אַראַנסקי האָט אַפילע אַ קלער געטאָן, אַז אָט די טרויעריקע ווערטער און די האַרציקע מעלאָדיע האָט זי אַליין צוגעטראַכט.

צום סאָף טאָג האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף צונויפגעקליבן אין קלוב. פּעראָ רוס האָט דערציילט וועגן סעוואַסטאָפּאָל און וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז מיט אים געשען דערנאָך. פאַר קיין רעדנער האָט אַראַנסקי קיינמאָל ניט געשעמט. נאָר דאָ האָט ער בלויז געדאַרפט אַף אַ ווײַלע פאַרזשמורען די אויגן, און ער איז שוין געווען אין קלעם פון דערינערונגען: אָנגעגליטער שלאַכט־אָטעם, פייַן און ווייַ פון געפאַנגענשאַפט, פינצטערע קרעמאַטאָ־ריעס, וווּ מע פאַרברענט לעבעדיקע מענטשן, און ביטערע, ניט קיין צו־געפּוצטע ווערטער, שוידערלעכע אין זייער אַנטבלויזקייט, האָבן שוין אַליין אַ פלייץ געטאָן פון אים.

נייַן, דאָס איז אַפילע ניט געווען קיין דערמאָנונג. פּאַשעט, ער טראָגט ווידער גרינע פּראָנט־פּעטליצעס. ער איז ווידער אין סאַמע מיט פון דער פייַערדיקער לאַווע. עס גרילצן די געפּאַנצערטע איבערדעקונגען פון די אייַזנבעטאָנענע דאָטן, פון די קעגנטאַנקען־גראָבנס, פון דער טיף־עשעלאָ־נירטער שוץ־ליניע. עס רייַסן זיך גראַנאַטעס, עס קליאַמצען אָן אופהער ביקסן־שלעסער, עס בלאַנקען באַגנעטן. די כאָרעווע שטאָט ברענט, דער צעבויטעטער הימל איז שוואַרץ פון רויך. און אַלציינס לעבט סעוואַסטאָ־פּאָל.

נאָך מער, ווי אין יענע טעג, איז ער פול מיט ווייַ און גרימצאָרן קעגן דעם גרוי־גרינעם היישעריק, וואָס איז באַפאַלן זייַן לאַנד. נאָר איצט, נאָך אַזויפיל אויסגעוויינטע מאַכשאָוועס און טרוימען, זעט ער אַלץ בוילע־טער און קלאָרער...

אָט שטייט פון יענער זייַט שטעכלדראָט דער וואַכמאַן אין סעוואַסטאָ־פּאָליער לאַגער. פון אים, ווי פון אַ שלאַנג, שפּריצט אַף אַ מייַל מיט סאַם און סינע. דאָס האָט ער באַגעגנט זשעניען מיט אַ שמייכל און מיט אַ קויל. באַנאַנד מיט אים — טאָמאַס, וואָס האָט זיי ווי די פערד אייַנגעשפּאַנט אין

א וואָגן. אין איין האנט האלט ער דעם אווטאָמאט, אין דער צווייטער — א בײַטש. פון זײַן דעמלטיקן קאלטן בליק איז אָראנסקין איצט הייס געוואָרן.

דער קאָמענדאנט אין דזשאנקאָי האלט פון פאראד און סיסטעם. און דערפאר האָט ער, ניט אראָפּנעמענדיק די ווײַסע הענטשקעס פון די מע־שונע גרויסע הענט, אזוי פּינקטלעך געצילט אין דאָקטער בערשאַדסקיס נאקן. דער אָבערמײַסטער וויקערט... דער אופזעער ווינץ...

נו, די ביידע פארשטייט ער גוט. איינער, א הויקער, א גאליק שלעכ־טער, וואָלט א לעבן־לאנג געפּוצט שטיוול, און היטלער האָט אים געמאכט פאר אן אויבערמענטש און א באלעבאָס איבערן לעבן און טויט פון טויזנ־טער מענטשן.

דעם צווייטן, וויקערטן, האָט שטענדיק געפּײַניקט דער ווילן צו לעבן, ווי זײַן באלעבאָס, אין א לוקסוס־ווילע. דאָס האָט אים געקענט געבן נאָר היטלערס זיג. דערפאר האָט ער אים געדינט אזוי געטרײַ און פלײַסיק. ווען דער אָבערמײַסטער פארלירט א קעסטעלע שוועבעלעך, וואָלט בא אים פון פארדראָס א ציטער געטאָן דער גוידער. נאָר וואָס האָט בא אים די ווערט אומברענגען א קנעכט, וואָס לאָזט זיך ניט בייגן? וויקערטן, אפילע א צעקוועטשטן, וואָלט אָראנסקי צעריסן אף שטיקער, ווײַל סײַדן נאָר דער טויט פון קאָמיסאר איוואן קאָטשורא האָט אים, אָראנסקין, אזוי דער־שיטערט, ווי דער אומקום פון קירײַשע דעם מאטראָס.

קוים האָט אופגעטויכט דאָס געשטאלט פון איוואן דעמידאָוויטשן, דער־ציילט ער, וואָזוי געציילטע עטלעכע מענטשן, וועלכע עס זײַנען פאר־בליבן פונעם פּאָלק, האלטן אײַן א שמאָלן פּאס ערד אין כערסאָנעס. די שלאכט דויערט פון קאיאר אָן. זיי קלאַמערן זיך אין די גריבער. זײַן איי־גענעם נאָמען דערמאָנט ער ניט. ער דערציילט וועגן א געזונטן דײַטשישן פעלדפעבל, וואָס צילט אָן אף א רויטן קאָמאנדיר זײַן הארבאטן אווטאָמאט. און וועגן א גראנאטע, וואָס האָט זיך אין דער זעלבער רעגע אופגעריסן.

אָראנסקי טרינקט אויס זשעדנע און לאנגזאם די גלאָז וואסער, וואָס עמעצער האָט אים דערלאנגט, ווי ער וואָלט אויך איצט ניט בעקויעך גע־ווען שטילן דעם דאָרשט און עס ווילט זיך אים דערפילן אפן גומען יעדן טראָפּן באזונדער. ווי א דונער צעטראָגט זיך אין זאל דער אויסגעשריי:

— טויט דעם פאשיזם, פרײַהײַט דעם פאָלק!

ווען ער כאפּט איבער דעם אָטעם, שרײַט ער צוזאמען מיט אלעמען:

— טויט דעם פאשיזם, פרײַהײַט דעם פאָלק!

באם געזעגענען זיך מיט די פארטיזאנער זאָגט אָראנסקי:

— גיט איבער אײַער קאָמאנדיר, אז ווען ער איז אף מײַן אָרט, וואָלט איך אים אין דאָרף מער ניט געהאלטן. מער קאָנען מיר ניט! זאָל ער אונדז געבן ביקסן.

צרנא איז אף זײַן צאד. זי לייגט פאָר:

— לאָמיר זיי נעמען מיט זיך, — און ווײַל בעאָ ענטפערט ניט, וואַרפט זי אף אים א בייזן בליק. — וואָס איז דאָ צו קלערן? מיר וועלן זיך דער־וואַרטן, אז זיי וועלן אוועקגיין אין אן אנדער בריגאַדע.

דאָס האָט טאַקע געזאָגט צרנא, נאָר אפילע איר קאָן בעאָ אזוינס ניט פארשווײַגן.

— ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט אָפּשאַפן דעם קאָמאַנדירס באַ־פעל? אין ערגעץ וועלן זיי ניט אַוועקגיין. איך וועל איבערריידן, נאָר קיין ביקסן וועט מען אײַך אַלציינס ניט געבן.

— פאַרוואָס? — איז אָראַנסקי פון די ווערטער פאַרציטערט געוואָרן.

— פּעראָ, באַ אונדז איז פּאַראַן אַ געזעץ: פּאַרטיזאַנער קריגן פאַר זיך אַליין געווער אין שלאַכט. איך מיין, איר אַליין וועט ניט וועלן, אַז מיר זאָלן פאַר אײַך מאַכן אַן אויסנאַם. איך און צרנאַ וועלן אײַך אַנטלײַען צוויי גראַנאַטעס. ווי נאָענטע פרײַנט האָבן מיר דאָס רעכט דאָס צו טאָן.

— אַ דאַנק.

שוין באַם געזעגענען זיך האָט צרנאַ דערמאָנט:

— איז געדענקט, גראַנאַטעס וועט איר נעמען באַ אונדז.

דער פרילינג איז ערשט פאַרבײַ, נאָר די טעג זײַנען שוין הייסע, זו־מערדיקע. דערפאַר געפינט זיך אָראַנסקי ניט אין הויף, נאָר ער זיצט באַם טיש אין קילבלעכן פאָדערצימער און נעמט קיין אויג ניט אַראָפּ פונעם באַנקבעטל, ווו עס שלאָפט דעם באַלעבאָס׳ אייניקל — איוואָ.

די שטוב און דאָס מעבל דערציילן אים וועגן דווירעסדיקער פאַרפונדע־וועטקײַט און וועגן די געוווינהײַטן פון די גאַסטפרײַנטלעכע באַלעבאַטים. די זאַכן און די מענטשן זײַנען ווי אָנגעמאָסטן איינע צו די צווייטע. באַ איוואָן, וואָס דערווײַל שפּילט ער נאָך אין מילכאָמע, זײַנען קרומע ראַ־כיטישע פיסלעך און אַ צאַרט פּענעמל. גוט, וואָס ער ווייסט נאָך ניט, אַז באַ זײַנע קנאַפּע פינף יאָר האָט שוין דאָס לעבן פאַרגרייט פונזײַנעטוועגן גענוג צאָרעס און דײַגעס.

קינדער וואַקסן געווײנלעך אויף טאַטע־מאַמעס אויגן און אויף דער באָבעס הענט. איוואָ האָט שוין נישט ניט קיין טאַטן און ניט קיין באָבען. די באָבע וואָלט אים זיכער צו דער צײַט אונטערגעלייגט אונטערן קעפּל עפּעס ווייכס און ניט געלאָזט אַ הונגעריקן אײַנשלאָפן מיט דעם קליינינקן פויסט צו־קאָפּנס. וועט ער, אַ צופעליקער גאַסט און אַ טאַטע, וואָס ווייסט ניט, ווו זײַן קינד איז, באַלד אַראָפּנעמען פון דעם הילצערנעם בעט דאָס שיין־אויסגענייטע קישעלע, עס פאָרזיכטיק אונטערלייגן דעם קליינינקן, און זאָלן זיך אים כאָלעמען גוטע קינדערשע כאַלוימעס.

דאָס האָט געדאַרפט אָפּנעמען ווייניקער פון אַ מינוט צײַט. איז וואָס זשע זיצט ער נאָך אַלץ ווי אַ צוגעשמידעטער אויפן סאַמע עק פון דער באַנק? זיכער דערפאַר, ווײַל פונעם הייסן באַלקאַנער האַלב־אינדזל, אין אײַנגע־קלאַמערטן צווישן בערג, האָבן אים די מאַכשאָוועס פאַרטראָגן צום פאַר־פרוירענעם דניעסטער. אַזאַ געפיל איז באַ אים, ווי דער פּראַקטיקער ווינט האָט ווידער, ווי מיט פיל יאָרן צוריק, צעכראַסטעט די פּאָלעס פון זײַן לאַנגגן שינעל און צוזאַמען מיט די קלאָר־ווײַסע שנייעלעך אונטערגעכאַפּט פירעס ווערטער: „פּעטיע, פּעטינקע, איך האָב דיך ליב״. די ווײַעס איבער די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן טוען אַ ציטער. די מאַמע האָט ניט געוואָלט זוכן דעם גאַניידן אין די הימלען. זי האָט אַזוי געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן אים געפינען אויף דער־וועלט. עפּשער זי, די איינציקע, וואָלט פאַרשטאַנען

דאָס, וואָס מיט קיין ווערטער קאָן ער ניט אַרויסזאָגן. נאָר זאָל זי בעסער קיינמאָל ניט וויסן, וואָס פאַר אַ ביטערע פּלאָג ער איז אויסגעשטאַנען. אויב זיי איז נאָך באַשערט זיך טרעפן, וועט ער מיט אַ ריינעם געוויסן אויסבאַהאַלטן פון איר דעם עמעס און אויף אירע פראַגן וועט ער ענטפערן:

— מאַמע, פרעג בא מיר ניט. זאָלן דיר וועגן דער מילכאָמע דערציילן די, וועלכע זײַנען אויף איר ניט געווען אָדער האָבן זי געזען פון דערווײַטנס.

פון די ביימער, וואָס וואַקסן בא די פענצטער, נעמען שוין קלעטערן שאָטנס אויף די ווענט, און באַם ײַנגעלע זײַנען נאָך פאַרקלעמט די אויגן, ווי ער וואָלט אײַנגענומען אַ שטאַרקן שלאָף־געטראַנק. איוואַ ליגט אַזוי, ווי ער וואָלט אויך אין שלאָף זיך געצויגן אין דער הייך. וואָס אײַלן זיי זיך אַזוי וואַקסן? ביז דאָס קינד איז געווען וואַך, איז מיט אים פול געווען די גאַנצע שטוב. איצט איז אין קליינעם פאָדערצימער פוסט, שטיל, און נאָר דער אומרו פונעם זייגער גייט זיך ווי שטענדיק זײַן געמאָסטענעם גאַנג.

אויף אָראַנסקיס שטערן ווערט טיפער דער קנייטש. ווען אַלאַ, זײַן טעכ־טערל, איז געווען אין איוואָס עלטער, האָט זי בא אים איינמאָל גענומען דעם טאַשנזייגער און אַ פאַרכידעשטע געפרעגט:

— דער גרויסער ווײַזער לויפט אַזוי, ווײַל דאָס קליינע ווײַזערל לויפט אים נאָך?

אַלאַ — זײַן ליכט און זײַן שײַן — קער זײַן אַ הויכע און אַ שטאַלטנע. עס וואָלטן איר זיכער געפּאַסט די סערבישע אויסגענייטע העמדלעך און די קאָלירטע געטרעס.

איבערן וועג האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער וואָלקן שטויב. דאָס האָבן זיך מיט שווערע טריט אומגעקערט פון פּאַשע די בעהיימעס. די קאַליטקע האָט אַ סקריפּע געטאָן, און איוואַ האָט מיט אַ גענעץ זיך אופגעכאַפּט, ארומגעקוקט זיך און געפרעגט:

— פּעטער פּעראָ רוס, איר זײַט אויך געשלאָפן? מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז מײַן טאַטע האָט מיר געבראַכט אַ רויט שטערנדל. אַזאַ, ווי אויף זײַן היטל.

— וואַרט צו נאָך אַ ביסל, איוואַ, אויב ניט ער, איז איך אָדער עמעצער אַנדערש, נאָר מע וועט דיר אומבאַדינגט ברענגען אַ רויט שטערנדל.

## אין די וועלדער פון פרושקאַ גאָרא

אַ גוטע בסורע פאַרמאָגט גיכע און פלינקע פליגלען. די נײַס, אַז זאַכאַר האָט שוין אַ ביקס, האָט פּעראָן אָנגעזאָגט צרנאַ. דער שטויב פון ווײַטן וועג ליגט נאָך אויף איר פּאָנעם. זי האָט בלויז באַוויזן אויסטרינקען פונעם מע־שענעם קווערטל אַ ביסל וואַסער און איז געוויס מיד, נאָר עס גלאַנצט שוין בא איר אין די אויגן דער מאַזיק און זי דערציילט אומיסטן הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אונדזער קאַמעני זאָל גלײַך נאָך דער ערשטער שלאַכט־אָפּעראַציע ניט קאַרגן קיין לויבווערטער פאַר אַ נײַיִנקן?

ער האלט דאָך, אז אַ קאָמאַנדיר, נאָך מער ווי אַ ריכטער, טאָר קיין טאָעס ניט האָבן. און דאָ האָט ער ניט לאַנג געטראַכט און אָנגעשריבן אַ ספּע־ציִעלן באַפעל, קעדיי אָפּמערקן זאַכארס געוואַגטקייט. איר, פּעראַ, זייט צופרידן?

אַ פראַגע, צי ער איז צופרידן? קיריושע וואָלט געזאָגט: „אַ שלאַנג זאָל איך זיין, אויב איך האָב אין זאַכארן וועגן־ניט־איז געצווייפלט".

שלעכט איז דאָס, וואָס ער אַליין געפינט זיך שוין דעם פינפטן טאָג בײַ די פּאַרטיזאַנער, און פאַר דער צייט האָט ער נאָך קיין איין שאָס ניט געהערט, ווי עס וואָלט גאָר קיין מילכאָמע ניט געווען אויף דער וועלט. אים ווייזט זיך אויס, אז דאָ נאָך מער, ווי אויפן פראָנט, טרעפט ניט, עס, זאָלן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן די קריגס־אָפּעראַציעס. נאָר אין דעם קאַנט, וווּ זייער פּאַרטיזאַנישער לאַגער געפינט זיך, איז שטיל, און ערגעץ בײַ־שכיינעס גייען מיסטאָמע הייסע שלאַכטן. איז עפשער בעטן צרנען, אז זי זאָל וועגן אים דערמאָנען בעאָן אָדער גאָר דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד? ניין! אין אַרמיי פירט זיך ניט אזוי, ער וועט וואַרטן.

ווען עס פאַלט צו די נאַכט, לאָזן זיך באַוואָפנטע גרופּעס אין וועג. ווען זיי קערן זיך אום, זיצט ער און הערט, וואָס אַנדערע האָבן אָפּגעטאָן. מע האָדעוועט אים צו זאַט, נאָר יעדערן ווילט זיך נאָך אים מעכאַבעד זיין מיט עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט פון ערגעץ געבראַכט. דער סערב ראַנ־קאָ, וואָס שלאָפט בישכיינעס מיט אים אין שאַלאַש, האָט אים אונטערגע־רוקט אַ שטיק געקאָכט כאַזער־פלייש און וויל, אז פּעראָ זאָל עס אופעסן פאַר אים אין די אויגן.

— דרוזשע, — בעט זיך בײַ אים אַראַנסקי, — איך קאָן ניט.

יענער וויל אפילע ניט הערן און טייַנעט:

— אַ פּאַרטיזאַנער, און אַ רוסישער נאָך דערצו, דאַרף אַלץ קענען. ווייסט, ווי דו ביסט אַראָפּגעפאַלן פון פּאָנעם? — מיט ביידע הענט גיט ער אַ צי איבער די באַקן. — מײַן שטוב איז דאָ ניט ווײַט, האָב איך זיך נעכטן אַרײַנגעכאַפּט אהיים, און מײַן ווײַב האָט מיר אָנגעזאָגט, כ'זאָל זען, דו זאָלסט אַלע טאָג עסן כאַזער־פלייש. זי, אז זי זאָגט, ווייסט זי. דו ווילסט זיין מײַנער אַ גאַסט?

— יאָ, ראַנקאָ, נאָר אויב דער קאָמאַנדיר וועט דערלויבן.

— דאָס איז שוין מײַן דײַגע. איך האָב אים דערציילט, אז בײַ מיר וווינט איצט אַ שוסטער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אופנייען פאַר דיר אַ פּאָר שיך. איבערמאָרגן וועלן זיי זיין גרייט, וועסטו זיי אויפן אָרט אָנ־מעסטן. ווער ווייסט, עפשער וועט מען נאָך זיי דאַרפן צעצי־ען. — און ווײַל אַראַנסקי האָט געענטפערט בלויז מיט אַ שמייכל אין די אויגן, האָט ער פאַרגעזעצט: — זאָרג זיך ניט, מײַן קוואַרטיראַנט סטאַרעט זיך טאָג און נאַכט.

זיי גייען מיט ניט קיין אויסגעטראָטענע סטעזשקעס. אויב מע טרעפט שוין אָן אויף אַ וועג, איז ער פאַרוואַקסן, קיין שפּור פון קיין ראָד איז ניט צו געפינען. אַ פּיקהאָלץ איז אזוי פאַרנומען מיט זײַן אַרבעט, אז ער באַמערקט ניט די דורכגייער. אונטער אַ בוים באַוועגט זיך אַ געדיכטער גרויער פאַס — מורעשקעס. זיי האָבן אייגענע וועכטער, און ווי נאָר אַ

מורעשקע פרוווט אַפקריכן אין אַ זײַט, טוט איר עמעצער פון דער וואַך אַ שטאָך און פאַרטרײַבט צוריק אין דער קאָלאָנע. ראַנקאָ באַמערקט עס אפילע ניט, און בא אַראַנסקין, ווײַל דער פאַשיסטישער לאגער ליגט אים נאָך אַלץ ווי אַ יאָך אף די אַקסל און ער פילט נאָך דעם ערשטן ברי פון דער נאהײַקע, לויפט אָן אַ שאָטן אפן פּאָנעם. ער טוט אַ שטילן קרעכץ, און ווי פון עמעצן געיאָגט, נעמט ער גיין גיכער.

אײַנגעקלאַמערט צווישן באַרג און וואַלד שטייען דרײַ שווײַגנדיקע שטיבלעך, וואָס קוקן אַרויס אף דער וועלט מיט זעקס קליינע פענצטער־לעך. אַלע איבעריקע שטיבער האָבן אָפּגעברענט, און די פאַריאָסעמטע הויפן שטייען פאַרוואַקסענע. אפילע דאָס ווילדגראָז איז באַדעקט מיט קרענקלעך־געלע פלעקן. די ביימער זײַנען שוואַרץ און הויל. דאָרט, ווו עס איז געווען דער דאָרף־פּלאַץ, איז אָנגעשאָטן אַ בערגל ערד — דאָס איז דער ברודער־קייווער.

ראַנקאָ דערציילט:

— פאַר אַ קורצער צײַט האָבן די פאַשיסטן פאַראיאָרן אומגעבראַכט אין דעם ראַיאָן זעקס טויזנט מענטשן. אין יול זײַנען געשאַפן געוואָרן צוויי נײַע אָטריאַדן. קעדיי זיי פאַרניכטן, האָט דער דײַטשישער קאָמענדאַנט פון סערביע געשיקט אַ ספּעציעלע שטראָף־גרופּע קיין פּרושקאַ גאָראַ, די, וואָס ליגן דאָ באַגראָבן, האָט מען אויסגעקוילעט, ווײַל די פּאַרטיזאַנער האָט זיך אײַנגעגעבן דורכרײַסן די בלאָקאַדע. איצט, — זאָגט ער מיט שטאָלץ, אפילע אַרויסרופעריש, — זומער 1943, פאַרמאָגט אונדזער באַפרײַונג־אַרמיי אַכצן דיוויזיעס און זיבעציק פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. איך האָב ניט מוירע וועגן דעם צו ריידן אין דער הייך, ווײַל פאַר די שוואַבן איז דאָס שוין קיין סאָד ניט, זיי ווייסן אויך, אַז אונדזערע פלוימען זײַנען ניט פאַר זייערע מאָגנס.

באַם ווינקל־פענצטער אף אַ נידעריק צעפּאָרן בענקל, וואָס איז איבער־געדעקט מיט אַ שעפּסענעם פעלץ, זיצט אַ מאַנצבל מיט אַ לענגלעך ביי־נערדיק פּאָנעם און נישטערט מיט די אויגן, וווהין זאָלן זײַנע דינע, נער־וועזע פינגער אוועקלייגן די הילצערנע פלעקלעך, וואָס מיט זיי איז נאָר־וואָס געווען פול דאָס מויל. מיט גרויס רעספּעקט באַגריסט ער דעם באַ־לעבאָס פון הויז און ווייסט ניט, ווי דאַרף ער זיך פאָרשטעלן דעם גאַסט, וועלכן די סטעליע איז צו נידעריק.

ראַנקאָ קומט אים צוהילף. אַראַנסקי האָט ניט באַמערקט, אַז בייס דער שוסטער האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע, האָט ער אַ ציטער געטאָן, ווי אַ הע־רעלע פון אַ לײַכטן בלאָז. ווען פּיאָטער וואָלט עס באַמערקט, וואָלט ער דאָך ניט איבערגעגעפרעגט:

— ווי זאָגט איר?

— מישולאַם. באַמיט זיך ניט פאַרגעדענקען. מײַן פאַמיליע איז ניט פון די לײַכטע.

— פאַרוואָס? מײַנע קלינגט פאַר אײַך נאָך פרעמדער, און טאַקע דער־פאַר האָט מען מיך דאָ געקרוינט מיטן נאָמען פּעראָ רוס.

— זייער אָנגענעם. פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ נאָמען זײַנען איצט אומע־טום די טירן אָפן.

— איר האָט א גרויסן טאָעס. איך בין ניט לאנג געווען פארשפארט הינ־טער זיבן שלעסער, און מײַן הויז איז מיסטאמע אויך פארברענט.

— אנטשולדיקט, נאָר מיר ריידן דאָך וועגן מענטשן, ניט וועגן קיין פארברעכער.

— זיי זײַנען דאָך אָבער דאָ, די פארברעכער.

— צום באדויערן, און דערפאר מוז קומען די שטראָף.

ווידער האָט זיך ארײַנגעמישט ראנקאָ און טײלווײַז קלאָר געמאכט די אופירונג און דאָס ארט ריידן, וואָס האָבן אויסגעזען ניט נאטירלעך פאר א דאָרפישן שוסטער.

— פערא, — האָט ער געזאָגט, — אויב די שיך וועלן דיר קוועטשן אָדער זיי וועלן גאָר צעוואלגערט ווערן, זאָלסטו זיך ניט וווּנדערן. א גוטער אדוואָקאט מעג זײַן א שלעכטער שוסטער. אויב מיר וועלן לעבן בלײַבן און זיך וועלן דורכשפאצירן אין קאָשוטניאק[1], וועלן מיר באשטעלן שיך אין אן אנדער פירמע, און איצט זאָל קיינער קיינעם ניט דאנקען. מיר זעצן זיך עסן, די באלעבאָסטע איז ניטאָ, נאָר דער טאָפּ איז פול.

ראנקאָ האָט גלײַך טאקע אראָפּגענומען דאָס דעקל, א צי געטאָן מיט דער נאָז און זיך א שאָקל געטאָן, ווי ער וואָלט פארשיקערט געוואָרן בלויז פון דעם רייעך אליין.

נאָכן עסן איז ראנקאָ ערגעץ אוועק, און מישולאם, א פארזונקענער אין זײַנע ראיוינעס, האָט זיך ווידער גענומען פאר דער ארבעט. איין שוך איז שוין אָנגעטאָן אויף א קאָפּיטע, און באם צווייטן וויל ער מיט א מין אָפּ־צווענגע אָנציִען דעם פּײַכטן לעדער אונטער דער נאָך ניט צוגעפּעסטיקטער פּאָדעשווע. דערנאָך טונקט ער אין א שטיקל וואקס די אָל, און נאָך יעדן שטאָך פארקלאפּט ער מיטן העמערל א צוועקל. צווישן איין קלאפּ און דעם צווייטן פרעגט ער:

— ווי מיינט איר, די מילכאָמע וועט זיך נאָך לאנג ציִען?

— ווער ווייסט?

— ווען איך פלעג זיך אונטערנעמען עמעצן פארטיידיקן, האָב איך קי־מאט שטענדיק געוווּסט דעם אורטייל, וואָס די ריכטער וועלן ארויסטראָגן דעם באשולדיקטן.

— דאָס איז דען געווען אָפּהענגיק בלויז פון אײַך?

— ניין. איך האָב געוווּסט, ווער עס זײַנען די ריכטער.

— איר האָט זיך שוין פארקלערט, ווי מע וועט מישפּעטן די פאשיסטן? איך, אף אײַער אָרט, וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו זײַן אן אדוואָקאט אף אזא געריכט.

— איך האָב אָבער אויך ניט דאָס רעכט צו זײַן א ריכטער אף אזא פּראָצעס. איך האָב א צוגאָב־כעזשבן צו זיי, צו די פאשיסטן. כוץ דעם, וואָס איר, דער רוס, וועט ארויסשטעלן.

— א רוס צי א סערב — וואָס איז דער כילעק?

— איך קאָן זיך מיט אײַך ניט אמפּערן, ווײַל מיר זײַנען ביידע גע־רעכט.

---

[1] קאָשוטניאק — א גרויסער פּארק הינטער בעלגראד.

— ווי?אַזוי איז עס מעגלעך?

— צום באַדויערן, איז אין לעבן אַלץ מעגלעך. זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, ציגײַנער, זאָלן זיי זײַן סאָוועטישע, רומענישע, יוגאָסלאַווישע, נאָר פון זיי שינדן די גאָרגלשנײַדער די הויט שוין בלויז דערפאַר, וואָס זיי זײַנען ציגײַנער. זיי, וואָס לײַדן מער פון אַנדערע, קאָנען ניט באַם אַרויסטראָגן דעם אורטייל זײַן צו שטרענג?

— פאַר קיין גאָרגלשנײַדער איז ניטאָ קיין שטראָף, וואָס זאָל זײַן צו שטרענג. אין זעמונער לאַגער, פונוואַנען איך בין געלאָפן, איז פריִער געוועזן אַ געטאָ פאַר די יוגאָסלאַווישע ייִדן. מע האָט זיי אַלע אויסגעקוילעט. זאָגט מיר, צי דען וועט איר, דער סערב, אָפּזאָגן עמעצן אין זײַן רעכט צו מישפּטן אַ פאַשיסט בלויז דערפאַר, ווײַל ער איז אַ ייִד, אַ נעגער צי אַ ציגײַנער? אויב דאָס איז אַזוי, ווילט איר אײַנהילן די וועלט אין אייביקער פינצטערניש. וואָס פינטלט איר מיט די אויגן? זאָגט!

— פּעראָ! גאָט אַליין האָט אײַך אַהער צוגעשיקט. אַוודאי וועל איך אײַך ענטפערן, נאָר פריִער וויל איך פון אײַך אָט וואָס הערן: אַזוי ווי איר, דענקען אַלע סאָוועטישע מענטשן? מיט קיין אַנדערע האָט איר זיך ניט געטראָפן?

— אַזוי דאַרפן דענקען אַלע, וואָס ווילן, אַז דער געוויסן זאָל בײַ זיי זײַן ריין. איך קאָן ניט פײַנט האָבן קיין מענטשן נאָר דערפאַר, ווײַל ער שטאַמט ניט פון דער נאַציע, וואָס איך. אין מײַן לאַנד איז עס אַ געזעץ. מיר איז אויסגעקומען זיך טרעפן אויך מיט אַנדערע מענטשן. קליינבירגער זײַנען אומעטום די זעלבע. זיי האַלטן: ווער ס׳איז שטאַרק, דער איז שטענדיק גערעכט. נו, איז וואָס איז דערפון געדרונגען?

— פּעראָ רוס, אין זעמונער לאַגער, דאָרט, ווו ס׳איז געוועזן די געטאָ, איז אומגעקומען מײַן פרוי און מײַנע צוויי טעכטער. מײַן זון איז אַ פּאַרטיזאַנער. ס׳איז אויך עמעס, אַז אין דעם קאַנט האָט נאָך קיין איין פויער פון זײַן שטוב מיך ניט דורכגעטריבן. די סערבן זײַנען ניט נאָר געוואַגטע קעמפער, נאָר אויך איבערגעגעבענע פרײַנט און גאַסטפרײַנטלעכע מענטשן. נאָר אַלציינס קומט מיר אויס צו וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף, און נאָר אַ נעס קאָן מיך, אַ ייִדן, ראַטעווען פון דעם שלייף אַפן האַלדז. איצט, מיין איך, וועט איר מיך בעסער פאַרשטיין?

אָראַנסקי איז פון גרויס איבעראַשונג געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. ער אַליין האָט דערנאָך ניט געקענט פאַרשטיין, ווי האָט זיך בײַ אים נאָך אַזויפיל יאָרן אַרויסגעריסן אַף מאַמע־לשון:

— זײַט מיר מוחל, נאָר מיר איז אַפילע אין קאָפּ ניט אײַנגעפאַלן...

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט צו מיר. איך קען ענגליש, אַ ביסל פראַנצויזיש, נאָר מיר איז קימאַט אומבאַקאַנט דײַטש. אונדז האָט די אינקוויזיציע פאַרטריבן אַהער פון שפּאַניע. אין בעלגראַד, זאַגרעב, דובראָווניק, סובאָטיצאַ און אַנדערע שטעט האָבן מערסטנטייל געוווינט ספאַרדישע ייִדן, און זייער שפּראַך איז געוועזן לאַדינאָ. בײַ מיר אין שטוב האָט מען שטענדיק גערעדט אַף סערביש.

אָראַנסקי איז צו אים צוגעגאַנגען גאָר נאָענט און, אײַנבייגנדיק זיך, קימאַט אַרײַנגעשריִען אים אין אויער אַרײַן:

— מישולאם, איך בין אויך א ייִד.

— איר?

— וואָס כידעשט איר זיך? די טויזנטער, וואָס זײַנען אוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס, אַף זיי וועט איר דאָך ניט אָנשטעלן די אויגן? לאָ־מיר זיך צוזעצן און לאָזט צורו די ברילן. זייערע גלעזלעך זײַנען ניט פאַר־הוכקעט. איך בין ניט אזא ייִד, ווי איר האָט זיך פאָרגעשטעלט? אויב איר זוכט בא מיר סימאָנים פון א ייִדן אין אמאָליקן רוסלאַנד, וועט איר זיי ניט געפינען. אָט, רופט מען מיך דאָ ניט קעגן מײַן ווילן פּערא רוס, און איך מיין, אז איך האָב אַף דעם רעכט ניט ווייניקער פון אנדערע מײַנע לאַנדסלײַט. דאָס הייסט אָבער ניט, אז איך האָב פאַרגעסן אין מײַן שטאַם און אז דאָס האָט מיר דער דײַטש דערמאָנט, אז איך בין א ייִד.

— יאָ, יאָ, פּערא, איך פאַרשטיי, נאָר אויך איר, אַן ארומגערינגלטער פון האַס און שרעק, האָט דאָך געמוזט נאָכגעבן דעם גורל און אויסבאַ־האַלטן אײַער אָפּשטאַמונג. איך קען אײַנעם, וואָס האָט פאַרשאָלטן די וועלט, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן א ייִד.

— איר זײַט אַן אדוואָקאַט און ווייסט עפּשער ניט שלעכט די פּסיכאָלאָ־גיע פון פאַרורטיילטע, נאָר, מענטש אײנער, איך געהער ניט צו זיי. זײַענ־דיק בא די דײַטשן אין די הענט, האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויסבאהאַלטן, אז מײַן טאַטן האָט מען גערופן מאָטל. אויסבאהאַלטן פון די דײַטשן, אָבער צווישן מײַנע כאַווײרים זײַנען געווען אזעלכע, וואָס האָבן עס געוווּסט, און א דאָרפישער באָכער, א מאַטראָס, האָט מיט זײַנע אייגענע הענט דערשטיקט א פאַרעטער, וועלכער האָט מיך געוואָלט אויסגעבן די פאַ־שיסטן. איז, הייסט עס, געווען בא מיר אויך צוגאָב־שרעק. אָבער, פרעג איך אײַך נאָכאַמאָל, וואָס איז דערפון געדרונגען? ווען איך, איר און אײַער זון, ווען מיר זאָלן געווען פאַסיוו נאָכגעבן דעם גורל, וואָלטן מיר זיך דאָך מיט אײַך זיכער דאָ ניט געטראָפן. וואָס איז שײַעך דעם ווילדן געדאַנק, אז איך דאַרף צו דער וועלט האָבן א טײַנע, וואָס איך בין גע־בוירן געוואָרן א ייִד, איז ער מיר פּאָשעט קיינמאָל אַפן זינען ניט געקומען.

מישולאַם האָט מיט דער האַנט אויסגעווישט די הויכע שטערן־ווינקלען און מיט א בליק, וועלכער האָט אײדעס געזאָגט, אז ער האָט נאָך ווי געהעריק ניט באַנומען דעם באַטײַט און דעם מיין פון יעדן וואָרט, וואָס ער האָט נאָרוואָס אויסגעהערט, איבערגעפרעגט:

— וואָס קומט ארויס דערפון, וואָס מיר אליין ווילן ניט אַנערקענען, אז מיר זײַנען פאַרורטיילט? דאָ, אַפן באַלקאַנער האַלב־אינדזל, האָבן ייִדן געלעבט שוין אין אָנהייב פון אונדזער ערע. נאָר וויפל מאָל האָט מען אונדז געיאָגט און געטריבן. מיט העכער פינף הונדערט יאָר צוריק איז שוין אין דובראָווניק געווען א געטאָ, ווו מע האָט אונדזערע אורעלטערן געצווונגען טראָגן געלע לאַטעס. פון די נײַנציק טויזנט ייִדן, וועלכע האָבן דאָ געוווינט פאַר דער מילכאָמע, זײַנען שוין ניט ווייניקער פון צוויי דריטל אומגעקומען. מײַן זון דערציילט, אז אין סערביע זײַנען אויסער די פינף טויזנט ייִדן, וואָס קעמפן אין די פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, קימאַט אַלע

אַרײַנגעפאַלן אין די פאַשיסטישע לאַגערן. אין כאָרוואַטיע האָט דער עסעס־גרופּענפירער אברעמייט מיט דער הילף פון די אוסטאַשן שוין אין 1942 דעפּאָרטירט א סאַך ייִדן. נאָר פאַר היטלערן איז עס ווייניק. אין 1943 איז קיין זאַגרעב געקומען נאָך א גרעסערער גאַזלען און אָפּגעשיקט אין די טויט־לאַגערן 30 טויזנט ייִדן. איז ווילט איר, אז איך זאָל זיך ניט רעכענען פאַר קיין פאַרורטיילטן?

אָראַנסקי גיט זיך א שטעל אויף פון דעם בענקל, אף וועלכן ער האָט זיך געהאַט צוגעזעצט, טוט זיך א גלײַך אויס און פאַרפּולט, דאַכט זיך, מיט זײַן הייך, מיט די ברייטע אַקסל די גאַנצע שטוב.

— איר, מישולאַם, ווייסט שוין, ווו איך בין געווען און וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. איז ווי מיינט איר, ווער איז מער ענלעך אף א פאַרור־טיילטן — איך צי מײַן אופּזעער, דער הויקער ווינץ און זײַן גאַנצע באַנדע? איר זעט די פּאָר הענט? אזויפיל גוטע יאָרן זאָל איך און מײַנע פרײַנט האָבן, וויפל פאַשיסטן זיי וועלן נאָך אומברענגען. איך בין ניט קיין אַד־וואָקאַט, איך בין א סאָלדאַט. מײַן זאַך איז שלאָגן זיך מיט דער ברוינער מאַגייפע, אז מײַן פאָלק, אלע פעלקער זאָלן עטעמען פרײַ.

ווער ווייסט, וויפל דער געשפּרעך וואָלט זיך נאָך געצויגן, ווען ס׳קערט זיך ניט אום ראַנקאָ און דערמאָנט ניט, אז מע דאַרף זיך שוין קלײַבן אין וועג.

אין עטלעכע ארומיקע דערפער האָבן די פאַשיסטן צוגענומען בא די פויערים אלע בעהיימעס און אוועקגעפירט בא א פּופציק קילאָמעטער ווײַט פון וואַלד. אויב זיך ניט צוײַלן, קאָנען זיי באַווײַזן אָפּשיקן די סטאַדע נאָך ווײַטער.

קאַמעני האָט באַפוילן אָראַנסקין זיך געפינען לעבן אים. דאַכט זיך, דעריקער צוליב דעם, פּיאָטער זאָל קאָנען מער זיצן אין זאָטל און ווייני־קער גיין צופוס. דאָס פערד איז א נאַראָוויסטע און וויל קיינעם ניט אונער־קענען אויסער זײַן געוועזענעם באַלעבאָס. נאָר איצטער שווערט קאַמעניס אַדיוטאַנט, אז פּעראָ רוס האָט עפּעס א שפּרוך אזא צו פאַרקישעפן פערד.

— ניט נאָר עס בריקעוועט זיך ניט. עס האָט אים נאָך א לעק געטאָן די האַנט.

רײַטנדיק באַנאַנד מיט אָראַנסקין און ניט מינערנדיק דעם טעמפּ, נעמט קאַמעני ארויס פון דעם פּלאַנשעט א טאָפּאָגראַפישע קאַרטע און דעם באַ־פעל, וואָס ער קלײַבט זיך באַם ראַנד פון וואַלד מעלדן. ער וויל וויסן, צי איז דער קאַפּיטאַן פּעראָ מאַסקים מיט זײַן טאַקטיק.

— מיר, כאַווער קאָמאַנדיר, איז ניט קלאָר, פאַרוואָס צעדרויבלט איר דעם אָטריאַד אף אזויפיל גרופּעס? אָנפאַלן וועלן מיר אומגעריכט, און ספּראַווען דאַרפן מיר זיך וואָס גיכער. צוליב וואָס זשע דרײַ זאַסאַדעס אף די וועגן? איך וואָלט זיך בעסער צוגערוקט נעענטער צום דאָרף און קיי־נעם ניט ארויסגעלאָזט פון דאָרטן. איך בין ניט גערעכט?

— ניין! איך רעכן שטענדיק אויס אף ערגערס. און טאָמער ווייסן זיי

וועגן אונדז, אָדער טאָמער וועט די שלאַכט זיך פאַרציִען און פון אַנדערע גאַרניזאָנען וועט מען זיי אַרויסשיקן הילף? קיין שכיינים אף די פלאַנגען האָב איך דאָך ניט. איר האָט נאָך באַמערקונגען?

— איך וואָלט די שטורעם־גרופּע פאַרהאַלטן אף די גערטנער, אינמיטן דאָרף. און אָנגעהויבן וואָלט איך פונעם שטאַב. ניט אומזיסט דאָך האָבן זיי זיך פאַרקליבן וואָס ווײַטער פון וואַלד.

— איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם, — האָט קאַמעני פאַרקנייטשט דעם שטערן, — נאָר דאָרט איז בײַ זיי אַ בונקער מיט אַ דאַך־אָנשיט פון דרײַ מעטער און צוויי קוילנוואַרפער. פאַריקס מאָל האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן שטילערהייט אַראָפּנעמען דעם וואַכמאַן.

— דערלויבט מיר.

— אויסגעשלאָסן. אַהין וועט גיין אַ פּאַרטיזאַנקע און אַ באַכער, וואָס וווינט אין דער שכיינעסדיקער שטוב. איר וועט זײַן אין בעאָס גרופּע, וואָס דאַרף בלאָקירן דעם שטאַב. וויפל האָט איר גראַנאַטעס?

— צוויי.

— נאַט אײַך נאָך אַ קעגנטאַנק־גראַנאַטע, נאָר זײַט פאָרזיכטיק. איך האָב פײַנט, ווען מענטשן שפּילן זיך מיטן טויט. איך ווינטש אײַך דערפאָלג, קאַפּיטאַן.

ווער האָט עס צוגעטראַכט אַ דאָרפיש הויז מיט צוויי טירן און זעקס פענצטער? נאָך גוט, וואָס די שטוב און דער בונקער זײַנען ניט פאַרבונדן מיט אַן אונטערערדישן גאַנג.

דער באָכער האָט אָן טומל זיך ספּראַוועט מיטן סאָלדאַט, וואָס איז גע־שטאַנען אף דער וואַך; די פּאַרטיזאַנקע האָט אַרײַנגעשלײַדערט אין בונ־קער צוויי „לימאָנקעס“. מער האָט זי ניט באַוויזן. זי ליגט אַ צונויפגע־קאָרטשעטע אף דער ערד, און איבער איר קערפּער טראָגט זיך אַ שקוואַל פײַער.

צוויי היטלעראָווצעס האָבן געפּרוווט אַרויסשפּרינגען פון הויז. איינער פון זיי ליגט אויסגעצויגן איבער דער שוועל און דער צווייטער — בײַם אויסגעהאַקטן פענצטער.

אויב אופמערקזאַם נאָכשפּירן נאָך דער טראַיעקטאָריע פון די קוילן, וואָס פליִען פון דער שטוב, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז די פאַשיסטן שיסן פון אַ גרוב. דאָס גיט אַ מעגלעכקײַט די פּאַרטיזאַנער צופויזען צום פענצ־טער און אַרײַנוואַרפן נאָך אַ פּאָר צונויפגעבונדענע גראַנאַטעס. דאָס גאַנ־צע הויז טוט אַ ציטער, און אַ סנאָפּ שײַן טוט אַ שנײַד אין די אויגן. פון שטוב טראָגט זיך אַ ווילד געשריי, נאָר מע שיסט פון דאָרטן ווי פריִער.

אָראַנסקי נעמט אַראָפּ פונעם רימען די ברייטע מעטאַלענע קאָלבע, וואָס איז אָנגעפילט מיט אופּרײַס־שטאָף. ער באַווײַזט קוים זיך אײַנקלאַ־מערן אין דער ערד, קעדיי זיך לאָזן פויזען, ווי ער דערהערט בעאָס אויס־געשריי:

— פּעראָ, צוריק!

ביידע ליגן זיי אין ריוו בא דער שטאָל, און בעאַ ווײַזט אים מיט דער האַנט אַפן בונקער, פונוואַנען עס שטעפּט אָן אופהער אַ קוילנוואָרפער.

דרײַ שמאָלע אמבראַזורעס פאַרמאַגט דער בונקער. דער אוטאָמאַטלער וואַרפט זיך, ווײַזט אויס, פון איין אמבראַזור צו דער צווייטער. בעאַ פּרוּווט אים אָנטאַפּן מיט זײַן אוטאָמאַט, נאָר דאָס איינציקע, וואָס אים גיט זיך אײַן, איז צווינגען אים אַנשווייגן ווערן אַף אַ רעגע. אָט טאַקע אין דער רעגע האָט אָראַנסקי מיטן גאַנצן קויעך אַ שלײַדער געטאָן די קעגנטאַנק־גראַנאַטע, און, אַ דאַנק דיר גאָט, זי האָט געטראָפן ניט אין דער וואַנט, נאָר מיט אַ געגעמדיקן דונער זיך אופגעריסן אינעווייניק. מער האָט שוין פון דאָרט קיינער ניט געשאָסן.

קאַמעניס ראַקעטע זאָגט אָן, אַז די סטאַדע טרײַבט מען שוין צום וואַלד. בא דער צווייטער ראַקעטע דאַרף מען פאַרלאָזן דאָס דאָרף. די לעצטע ראַקעטע, ווייסט מען, שאַפט אָפּ די זאַסאַדעס, וואָס זייער אופגאַבע איז געווען — אין אַ נויט־פאַל געבן דעם אָטריאַד אַ מעגלעכקײַט זיך צוריק־ציִען.

אָראַנסקי פּרוּווט מיט אַ דובניע אַרויסשלאָגן די טיר פון בונקער און אַרויסנעמען פון דאָרט דאָס געווער, נאָר כאָטש שרײַ גוואַלד, זי גיט זיך ניט אונטער. ווידער טומלט בעאַ. וואָס איז הײַנט מיט אים דער מער? וואָס בייזערט ער זיך קעסיידער?

מע האָט געשאָסן פונעם שטאַב און נאָך פון איין שטוב. נאָר אָט ברענט זי שוין אויך, און די רויטע פײַער־צונגען רײַסן זיך צום שוואַרצן הימל. אהער, צום שטאַב, שפּאַנט עמעצער מיט צוויי עמער נאַפט. בעאַ פּרוּווט זיך אָפּשטעלן דעם פויער, נאָר אים קאָן אָפּשטעלן סײַדן אַ קויל. ס'איז זײַן שטוב, און דאָ באַם בונקער ליגט אַ טויטע זײַן טאָכטער. איז ווער קאָן אָפּשאַפן זײַן אורטייל?

ווען אויך דער שטאַב האָט שוין געברענט, האָט אָראַנסקי אַהין אַרײַנגעוואָרפן די לעצטע צוויי גראַנאַטעס. גלײַך נאָך די אופרײַסן איז ער אַרײַנגעלאָפן אַהין און אַרויסגעפירט צוויי פאַשיסטן. ער האָט אָפּגעבריט די הענט, נאָר קיין ביקס ניט געפונען.

שוין אין וועג האָט אים בעאַ געזאָגט:

— אויב דו האָסט אויך פריִער אַזוי מעשוגענערווײַז מילכאָמע געהאַלטן, ווייס איך ניט, ווי דו האָסט קאָמאַנדעוועט מיט אַ פּאָלק.

אָראַנסקין האָבן די ווערטער אַ שניט געטאָן ביז ווייטעק. ער האָט אָנגענומען אַ פולע זשמעניע ערד און אַזוי פאַרדריקט אין פויסט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויסקוועטשן פון איר וואַסער. איצט איז ער ענלעך געווען אַפן פויער, וואָס איז געקומען אונטערצינדן זײַן אייגענע שטוב.

— דו ווייסט ניט? — האָט ער אָקשאָנעסדיק אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ. — מײַן קאָמיסאַר האָט געוווּסט, און ער האָט עס מיר געזאָגט פאַר זײַן טויט.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט? וואָס?

נאָך איין אויגנבליק, און ער וואָלט איבערגעכאַזערט קאָטשוראַס לעצטע ווערטער: „פּיאָטער... די סאָלדאַטן האָבן דיך ליב. היט זיי...“ אוואדע וואָלט עס אים דערנאָך שטאַרק באַנק געטאָן. איז בעסער, וואָס ער האָט

בלויז א מאך געטאָן מיט דער האנט. בעאָ ענטפערט זיך אליין אף זײַן פראגע:

— ווילסט ניט זאָגן, איז ניט. איך ווייס עס אָן דיר. ער האָט דאָך אויך געהאט א רוסישן כאראקטער.

שוין ווײַט אין וואלד האָט דער אָטריאַד זיך צונויפגענומען ארום א פריש־אויסגעגראָבענעם קייווער. קאמעני האָט געפרעגט:

— פּעראָ, וויאַזוי פלעגט איר באגלייטן אין לעצטן וועג די אומגעקו־מענע אין שלאכט?

— אויב ס'איז מעגלעך געווען, פלעגן מיר דרײַ מאָל אויסשיסן אין דער לופט. דאָס איז געווען אונדזער גרוס־סאַליוט.

— דעסעטיטשאר! — האָט קאמעני צוגערופן דעם קאָמאנדיר פון דער אָפּטיילונג, ווו עס האָט געדינט די אומגעקומענע פּארטיזאנקע. — דײַן אָפּ־טיילונג וועט שטיין אין ערן־קאראול. ווען איך וועל געבן א קאָמאנדע „פײַער!", זאָלט איר דרײַ מאָל אויסשיסן אין דער הייך.

דאָ, באם פרישן קייווער, האָט דער קאָמאנדיר איבערגעגעבן אָראנסקין די ביקס פון דער אומגעקומענער און פײַערלעך געמאָלדן:

— היט, דרוזשע, אָט די ביקס. זאָלסט שלאָגן די פאשיסטן אזוי, ווי דאָס האָט געטאָן אונדזער אומפארגעסלעכע שוועסטער.

אָראנסקי האָט מיט א צארטער באוועגונג א גלעט געטאָן די הילצערנע פּאָלירטע קאָלבע פון דער ביקס און צוגעפעסטיקט א רויט שטערנדל צו זײַן היטל.

זיי זײַנען געזעסן בא דעם שײַטער און נאָכגעשפּירט, ווי יעדעס מאָל, בייס זיי ווארפן אים אונטער שפּײַז, פארברייטערט זיך דער באלויכטענער קרײַז, און ווען עס טוט א בלאָז א ווינטל און צעטרײַבט די קויטיקע קנוילן רויך, רײַסט דאָס פײַער אף א ווײַלע ארויס פון דער פינצטערניש נײַע אינדזלעך, פּארוואקסענע מיט הויכע ביימער, קוסטעס און נידעריקע גרעזלעך, וואָס טוליען זיך צו זיי. אין א רעגע ארום פּארהילט ווידער אלץ ארום די נאכט, ווי אָן אומענדלעכער טינט־פלעק.

בעאָ איז געקומען אָנזאָגן אָראנסקין, אז מאָרגן דארף ער פארלאָזן דעם אָטריאַד. פּעראָ האָט מען באשטימט אלס אָפיצער־אינסטרוקטאָר באם שטאב פון דער זעקסטער וואָיעוואָדינער בריגאדע.

— באַטיאַ, אונדזער קאָמבריג, האָט וועגן דיר זיך אָנגעפרעגט, איך האָב געשוויגן, און דער געווייינלעך שווײַגנדיקער קאמעני האָט זיך דאָס מאָל צערעדט פאר פײַער און פאר וואסער. באַטיאַ האָט אים אופמערקזאם אויסגעהערט און דערנאָך געמאָלדן: „אויב דו האָסט אזויפיל קאָמאנדירן, אז דו ריזיקירסט מיט אן אָפיצער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט א פּאָלק אין סעוואסטאָפּאָל, און שיקסט אים אין שלאכט נאָך א ביקס, וועסטו זיך שוין ווי־ניט־איז אָן אים באגיין".

בעאָ זיצט א באטריבטער אף א בערווענע, און מיט א צווײַגל גראָבט

ער אַ גריבל. ער האָט שוין אָנגעשאַרט באַ דער זײַט אַ היפּש בערגל ערד. פונעם פּײַער זשמורעט ער די אויגן. נאָר אָט ווערן שוין די אָנגעגליטע קוילן פאַרוואַנדלט אין אַש — עס שטאַרבט דער פּאַרכאַלעשטער שײַטער, און בעאָ גראָבט אַלץ טיפער און טיפער. די דינע ליפּן זײַנען באַ אים פאַרפּרעסט. זײַנע געדאַנקען האָבן אים, ווײַזט אויס, פאַרטראָגן ערגעץ גאָר ווײַט.

— בעאָ, דו זוכסט אַן אויצער? דאַפקע באַנאַכט און דאַפקע אין וואַלד?

— דו האָסט, פּערא, אַ גרויסן טאָעס. איך האָב אים שוין געפונען. עמעס, ניט באַנאַכט, נאָר טאַקע אין וואַלד.

— איז אָט וועגן וואָס דו האָסט זיך פאַרקלערט? מאַסקים, צרנא איז טאַקע אַן אויצער.

— דו זאָגסט מיר דעם עמעס?

— פאַרוואָס זאָל איך דיר זאָגן אַ ליגן?

— אָ, ווען דו זאָלסט צרנאַ קענען אַזוי, ווי איך... נעכטן איז זי איינע אַליין אוועק צו די אוסטאַשן. גוט, אויב זי וועט ארויס פונעם גאַרניזאָן אַ לעבעדיקע. אָט בין איך איר נאָרוואָס איך געדאַנק נאָכגעגאַנגען פּוס־טריט. ווי מיינסטו, זי וועט זיך פון דאָרט אַרויסכאַפּן?

— ווי דען? ס'איז דען באַ איר צום ערשטן מאָל?

— זי איז שוין אַפילע, ווי דו, געווען באַ די דײַטשן אין די הענט און זיך אויך אויסגעדרייט. צײַט גיין שלאָפן. אַ גוטע נאַכט, פּעראָ.

אינמיטן הימל איז פון הינטער די וואָלקנס אַרויסגעשווומען אַ קײַלעכ־דיקע מיט זילבער געוואַשענע לעוואָנע און ווייך באַלויכטן דעם שלאָפנ־דיקן וואַלד.

## דער רוסישער באַטאַליאָן ווערט געבוירן

שוין פון די ערשטע טעג האָט אָראַנסקי זיך איבערצײַגט, אַז די צונע־מען, וועלכע עס האָבן די פּאַרטיזאַנער, זײַנען קיינמאָל ניט קיין צופעלי־קע. ווי אַנדערש, אויב ניט באַטיאַ, קאָן מען אָנרופן אָט דעם צוגעלאָזטן באַיאָרטן מענטשן מיטן קורצן בערדל און פאַרשנייטע ברעמען, וואָס קוקט אָף דיר מיט אויגן, וועלכע לײַכטן מיט קלוגשאַפט? אָט זײַנען זיי פאַר־זאָרגט, אַפילע פאַרצאָרנט, און דאָך שײַנט אין זיי אַזויפיל רויִקע גוטס־קײַט, אַז, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, וועסטו אים אַלץ דערציילן און וואַרטן אָף אַן אייצע. אָף זײַנע זייער רירעוודיקע הענט סטאַרטשען אויפגעלאָפענע בלויע אָדערן, און די שטים איז באַ אים עטוואָס אַ צוגעקילטע.

— באַ אײַך, קאַפּיטאַן, זײַנען נאָך אַלץ אײַנגעפאַלן די באַקן, — און גלײַך נאָכדעם אָן שום איבערגאַנג טוט ער אַ שאָט אָף די פּאַשיסטן אַ שלאָל מיט קונציקע זידלווערטער, וואָס שנײַדן, ווי אַ צוגווינט. אָראַנסקי איז שוין געוווינט דערצו, אַז די סערבן נוצן אָפט זידלווערטער. עס מאַכט זיך, ס'איז אים אַפילע אַ שאָד, וואָס זיי ווערן אַרויסגעזאָגט אַזוי גיך, אַז ער קאָן זיך בלויז אָנשטויסן, וואָס דאָס אָדער יענץ וואָרט באַטײַט. — ניש־קאָשע, — זעצט באַטיאַ פאָר, — ביינער פאַרמאָגט איר ברייטע, און פלייש

וועט אף זיי מיט דער צײַט אָנוואקסן. ווי איז בײַ אײַך מיט סטראַטעגיע און טאַקטיק? מײַן שעף פון שטאַב איז פאַרליבט אין אַט די ווערטער.

— אין קיין מיליטערישער אַקאַדעמיע האָב איך זיך ניט געלערנט, כאַווער קאַמבריג.

— אײַער אָנטייל אין דער מילכאָמע איז דען געווען פאַר אײַך אַ שלעכטע אַקאַדעמיע?

— אין אַרמיי־באַדינגונגען איז די טאַקטיק גאָר אַן אַנדערע.

— אי יאָ, אי ניין. קאָמעני איז בײַ אונדז אַ קאָמפּעטענטער, איינער פון די בעסטע קאָמאַנדירן, און דאָך האָט איר אים באַדאַרפט אונטערזאָגן, אַז צוערשט דאַרף מען איזאָלירן און פאַרניכטן דעם שטאַב.

— כאַווער קאַמבריג, קאָמעני האָט עס פאַרשטאַנען, נאָך איידער איך האָב אים וועגן דעם געזאָגט. כ׳האָב, דעם עמעס גערעדט, נאָכדעם כאַראַ־טע געהאַט, וואָס איך האָב עס אים געזאָגט.

— דאָס, זעט איר, איז ערגער. איך, אַלטער נאַר, האָב געמיינט, אַז אַ קאָמאַנדיר דאַרף גוט אַ קלער טאָן פריִער און כאַראַטע דאַרף שוין דער־נאָך האָבן דער סוינע.

— כאַווער קאַמבריג, נאָר צופעליק האָבן מיר באַם שטאַב און באַם בונקער פאַרלאָרן בלויז איין מענטשן.

— איר מיינט אַוודאי, אַז איך וועל אײַך ענטפערן: מילכאָמע־צײַט קאָן מען זיך אָן קיין קאָרבאָנעס ניט באַגיין? דאָס ווייסן קינדער אין די וויגן. צוליב וואָס האָט איר, אַן אומבאַוואָפנטער, זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער שטוב, ווו די דײַטשן זײַנען נאָך געווען? איר האָט טאַקע געגלייבט, אַז זיי וועלן אין אײַך ניט שיסן?

— אַוודאי. זיי זײַנען שוין געווען פאַרוווירט. איך בין פאַר זיי גע־ווען די שטרוי, פאַר וועלכער מע כאַפּט זיך אָן, ווען מע טרינקט זיך.

— דאָס האָט איר געטראַכט, אַז די דײַטשן וועלן אַזוי טראַכטן. און די דײַטשן?

— אַפן פראָנט און עפּשער נאָך מער אין די פאַשיסטישע לאַגערן האָב איך זיך אַ ביסל אויסגעלערנט זיי צו פאַרשטיין.

— קומט אויס, אַז אַן אָרנטלעכער אָדער, לאָמיר זאָגן, פּאָשעט אַ נאָר־מאַלער מענטש איז בעקויעד צו פאַרשטיין און אַפילע פאָרויסזען, וואָס די, וועלכע ווילן כאָרעוו מאַכן אַ וועלט, קאָנען פאָרנעמען?

— פאַרשטיין איז טאַקע קימאַט אומעגלעך. נאָר פאָרויסזען מוזן מיר. איר זײַט דען מיט מיר ניט מאַסקים?

— אין גרונט גענומען, יאָ. נאָר איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז כ׳האָב פּײַנט, ווען אַ קאָמאַנדיר האָט כאַראַטע. איז וועל איך נאָך אַ קלער טאָן. אַלנפאַלס דערווידער איך קעגן דעם, איר פאַרזענלעך זאָלט עקספּערימענ־טירן. מע קאָן ריכטיק דענקען און דאָך אַ טאָעס האָבן. די ריזיקע איז צו גרויס, און דער פאַשיסט, וואָס וועט ניט וועלן טראַכטן אַזוי, ווי אײַך דאַכט זיך, ער דאַרף טראַכטן, וועט אײַך ניט איבערלאָזן קיין מעגלעכקײַט צו פאַריכטן אײַער טאָעס. נאָך וועל איך אײַך בעטן: אין די אָוונטן, ווען איר וועט זײַן פרײַ, כאַפּט זיך אַרײַן צו מיר.

אַרויסגייענדיק, האָט אַראָנסקי נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אַפן קאָמבריג

און אַ טראַכט געטאָן: מיט וואָס, אייגנטלעך, שיידן זיך אונטער אַט די מענטשן פון די, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען מילכאָמע געהאַלטן? זייער שפּראַך און, דאַכט זיך, אויך די געשיכטע און די קולטור זײַנען זייער נאָענט. אויך די צילן אין אַלגעמיינעם קאַמף פאַרייניקן זיי. און דאָך פילט ער זיך ווי אַ פויגל אָן אַ נעסט. עס ציט אים, ווי מיט אַ מאַגניט, אַהיים. ווען מע קאָן, וואָלט ער זיך גלײַך געלאָזט אין ווײַטן וועג און אַפילו מיט פאַרבונדענע אויגן דערפילט, אַז ער טרעט שוין אויף דער אייגענער ערד.

אויף אַ וואַלד־לאָנקע, באַלויכטן פון די ערשטע זון־שטראַלן, „שפּילן" פּאַרטיזאַנישע קאָמאַנדירן אין מילכאָמע. די מערהײַט פון זיי האָט גאָר ניט לאַנג צוריק געאַקערט די ערד, געפּײַלט מעטאַל, געקנאָטן ליים און געפּו־רעמט ציגל, און זיי איז לאַכלותן פרעמד געווען די מיליטער־קונסט. ביז איצט, ווען עס קומט זיי אויס פאַנאַנדערנעמען און ווידער צונויפשטעלן אַ ביקס־שלאָס, מוזן אייניקע פון זיי זיך פאַרקלערן.

מיסטאַם וואָלט אַ מייווין אויף אַזעלכע זאַכן, פון עפּעס אַ סימען, אָן אָנ־דײַט גלײַך געקאָנט אויסלייענען, אַז עס קנעלט מיט זיי אַ קאָמאַנדיר, וואָס האָט יאָרנלאַנג געדינט אין דער רויטער אַרמיי.

עמעס, אַראַנסקי ווייסט, אַז ער אַליין דאַרף נאָך אַ סאַך לערנען זיך בײַ די סערבן. און עפּשער טאַקע דערפֿאַר האָט באַטיאַ, האָבנדיק אין זי־נען זײַן, אַראַנסקיס, טויווע, אַרויסגעשטעלט קעגן אים אַ גרופּע מיט אַ דערפאַרענעם פּאַרטיזאַנישן קאָמאַנדיר בעראָש. יענער האָט פאַרשפּילט די פּאָזיציאָנעלע שלאַכט, נאָר דערנאָך פאַרנאַרט אַראַנסקין טיף אין וואַלד און ווי אויסגערונען, פּונקט ווי אַ ניטגוטער וואָלט אויסגעלעקט זײַנע שפּורן.

די ביימער שווײַגן, און די קראָען, כאָטש זיי פּאַטשן מיט די פליגלען און גראַגערן, וועלן דאָך אויך גאָרנישט ניט דערציילן. אַראַנסקי, וואָס האָט נאָרוואָס געמיינט, אַז ער מעג און קאָן שוין אַטאַקירן, מוז פאַרזיכטיק אָפּטרעטן און אונטערוועגנס זיך דערמאָנען אין דעם גלײַכווערטל: „ווע־מעס ברעג — יענעמס פיש".

שטאַרק צום האַרצן נעמט ער זיך ניט. פאַר אים איז עס אַ גוטער אָנלער, און באַם פאַנאַנדערקלײַבן די איינצלהײַטן פון דער „שלאַכט", וועט ער אויספירלעך דערקלערן, אין וואָס עס איז באַשטאַנען זײַן פעלער, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט דעם „קעגנער" זיך אויסדרייען, און וועט נאָך גענויער קענען באַגרינדן זײַן באַפעל וועגן אָפּטרעטן.

דערווײַל ווערט נאַכט. נאָר אַפילו אין שלאָף רוט ניט דער מויעך. געשעענישן פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג וויקלען זיך פאַנאַנדער אין כאַ־לעם ווי אויף דער וואָר, און עס מאַטערט ווידער דער געדאַנק, אַז ער, אַראַנסקי, האָט געמוזט באַפוילן אָפּטרעטן. ווען ער זאָל געווען אָנעמען אַזאַ באַשלוס, ווי הײַנט, דעמלט, בײַס דער לעצטער שלאַכט בײַ כערסאָ־נעס, וואָלט אַפילו זײַן פרײַנט איוואַן דעמידאָוויטש קאָטשורא אים מיט רעכט באַשולדיקט אין פאַראַט.

ער עפנט די אויגן. דער פאָדעם, וואָס האָט זיך געקניפּט אין כאָלעם, ציט זיך אויף דער וואָר. יאָ, דאָס קנעלן מיט די פּאַרטיזאַנער קומט אים אַליין צוניץ עפּשער מער, ווי זיי. קיין סאַך האָט ער נאָך ניט באַוויזן אויפ־

צוכאַפּן, נאָר ער ווייסט שוין, אַז די פּאַרטיזאַנישע סטראַטעגיע איז גאָר ניט אַזאַ פּאַשעטע.

אַלץ הייסט ניט קיין פּאַשעטע... דער קאָמבריג האָט אים באַופטראָגט צונויפשטעלן אַ פּראָיעקט פאַר אַ פּלאַן (באַטיאַ האָט אָנגעטאָט „פּראָיעקט" געזאָגט „סקעלעט") פון אַ שלאַכט־אָפּעראַציע קעגן אַ שטאַרקן גאַרניזאָן. דער שטאַב האָט אים באַזאָרגט מיט אַלע נייטיקע ידיעות, און דאָך איז ער פול מיט ספּייקעס, ער ווייסט ניט, צי וועט ער זיך ספּראַווען.

דאַכט זיך, אַז דער קאָמבריג האָט אויך דאָס פאַרויסגעזען. ער האָט אים ניט ארויסגערופן צו זיך. אָבער ווי נאָר עס האָבן אָפן האָריזאָנט זיך באַוויזן קאַיאָר־פּאַסן, האָבן זיך דערהערט זײַנע טריט.

— באַ וועמען ס'איז גרויס דער פרימאָרגן, דער פאַרדינט אַ ליכטיקן טאָג, — האָט ער באַגריסט אָראַנסקין. — נו, וואָס לייגט איר פאָר? אײַן אײַערע טאַבעלעס און סכעמעס וועל איך דערנאָך אַרײַנקוקן. דערווײַל באַווײַזט מיר אָנשוילעך, ווי קלײַבט איר זיך דורכפירן די אָפּעראַציע.

אונטער די פיס וואַלגערן זיך אַראָפּגעפאַלענע פאַרדאַרטע צווײַגלעך. איבערגעבראָכענע אָף דער זון בלעטער. דער קאָמבריג און פעראָ רוס נע־מען אָן פולע זשמעניעס און לאָזן זיך צו די סאָסנעס, ווו עס איז פול מיט שישקעס. דאָ איז די ערד ניט פאַרוואַקסן מיט גראָזן. דאָס „שלאַכטפעלד" איז גרייט. אַ פאַרגעלטער בלאַט — אַ פאַשיסט, אַ פאַרטריקנט צווײַגל — אַ שוצפּונקט. דאָס מורעשקע־בערגל — אַ דאָט.

באַטיאַ, וואָס האָט נאָרוואָס אַזוי ערנסט אָרודעוועט, גייט אָפּ אין אַ זײַט און קוקט, ווי אָראַנסקי צעשטעלט די ברוינע שישקעס. ער פאַר־וואָרפט פעראָן מיט פראַגן, נאָר וואָס ער אַליין טראַכט, וועגן דעם שווײַגן דערווײַל אַפילע זײַנע אויגן.

דעם אַדיוטאַנט, וואָס איז אים געקומען אָנזאָגן, אַז דער פרישטיק איז גרייט, שיקט ער אָפּ מיט אַ מאַך פון דער האַנט, און נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און לאַנגזאַם איבערגעלייענט דעם פּראָיעקט פון דעם שלאַכט־באַפעל, באַמערקט ער:

— איך האָב געמיינט, אַז אײַך וועט שרעקן דאָס, וואָס דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דעם סוינע אומעטום. זע איך, אַז איר ווילט זיך מיט דעם אײַנגאַנצן ניט רעכענען. באַ אונדז איז טאַקע אַ לאַנד פון בערג און וועל־דער, נאָר פונדעסטוועגן קאָן מען זיך אָף דעם אַליין ניט פאַרלאָזן. איר רעכנט אויס אָף די לעצטע ידיעות, וואָס איר וועט פאַר דער שלאַכט באַ־קומען פון אַ „לעבעדיקן צונג". נו, און אַז די דײַטשן קאָנען זיך כאַפּן, און דאַן וועלן מיר שוין אומדערוואַרט אָף זיי ניט אָנפאַלן, דאָס נעמט איר ניט אין אַכט. נאָך אַ באַמערקונג, אָט דאָ איז באַ אײַך צופיל מענטשן. באַ אַזאַ ענגשאַפט קאָן אַפילע אַ צופעליקע קויל עמעצן פאַרטשעפּען. זאָל דאָ אָפּערירן אַ וווזוואָד און ניט קיין ראָטע, וועט יעדערער שטאַרקער פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. און דאָך, פעראָ, וועלן מיר פיל פון אײַערע פאָרשלאָגן אָנעמען.

— איך צווייפל, כאַווער קאָמבריג.

באַטיאַ האָט אַרופגערוקט די ברילן אָפן שטערן און מיט אײַנגעהאַל־טענעם פאַרוואָרף געזאָגט:

— אפילע קלערן אזוי האָט איר, קאַפּיטאַן, ניט קיין גרונט און ניט קיין רעכט.

— אנטשולדיקט, כאַווער קאָמבריג, נאָר אין אײַער אופריכטיקײַט האָב איך ניט געצווייפלט.

— אָט די ווערטער, פּערא, זײַנען אויך איבעריק. מיר איז אײַער פּראָיעקט געפעלן מיט דעם, וואָס איר דערלאָזט אפילע ניט דעם געדאַנק, אַז אַ באַפעל קאָן מען ניט אויספילן ביזן סאָף. דעם עמעס געזאָגט, זײַנען מיר, פּאַרטיזאַנער, אין דער הינזיכט אַ ביסל צעלאָזט. באַ אײַך פילט זיך די פּראַקטיק פון אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל. נאָך אַ מײַלע: איר זײַט ניט קיין שטאַב־אָפיצער, און דערפאַר, מיין איך, טיפּיזירט איר ניט די קריגס־אָפּעראַציעס. מײַנער אַן אַלטער גוטערפרײַנט, אַ באַוווּסטער מוזיקער, וואָלט זיך מיסטאַם אויסגעדריקט אזוי: „איר, מאַעסטראָ, ווילט ניט מאַכן קיין פּרווו מיט איין נאָטע אויסזינגען אַ גאַנצע אַריע". אַ שאָד, נאָר די שלאַכט וועט מען מוזן אָף אַ צײַט אָפּלייגן, פּאַראַן אַ באַפעל דורכפירן אַ ריי דיווערסיע־אַקטן אָף דער אײַזנבאַן.

— כאַווער קאָמבריג, דערלויבט מיר זיך ווענדן צו אײַך מיט אַ ביטע.

— קלאָר. איר ווילט, אַז מע זאָל אײַך אײַנשליסן אין אַ דיווערסיע־גרופּע. אזוי?

— יאָ, נאָר וועגן דעם וואָלט איך זיך געווענדט צום שעף פון שטאַב. און אײַך בעט איך דערלויבן די פּופּצן סאָוועטישע רויטאַרמייער און קאָ־מאַנדירן פון אונדזער בריגאַדע צונויפזאַמלען אין איין אָטריאַד.

— ווי מיר איז באַוווּסט, וועט אין די נאָענטסטע טעג דאָ זײַן אַ זעכצנ־טער. נאָר זאָגט מיר, קאַפּיטאַן, מע האָט עמעצן פון אײַך מיט עפּעס באַאוולט?

— גאָט באַהיט, נאָר מיר זײַנען אַנטלאָפן פון דײַטשישע לאַגערן און באַ אונדז אַלעמען ברענט דאָס האַרץ.

— איך האָב אײַך, פּערא, פאַרשטאַנען. נאָר מיר טוען דאָך אַלע איין זאַך. אין הויפּט־שטאַב פון וואָיעוואָדינע וועל איך וועגן אײַער ביטע מי־טיילן, און אויב די קאָמאַנדשאַפט וועט אײַנגיין אָף דעם, וועט איר, מיין איך, זײַן דער קאָמאַנדיר פונעם רוסישן אָטריאַד. איר זאָלט אָבער וויסן זײַן, אַז מיר וועלן אײַך געבן אַזאַ קאָמיסאַר, וואָס וועט אײַך מער ניט לאָזן לויפן אין קיין שום שטוב, ווו עס האָבן זיך פאַרפעסטיקט דײַטשן.

באַטיאַ האָט זיך געלאָזט צום שטאַב, און אָראַנסקי האָט זיך פאַרקוקט אָף די ריינע, ווי קוואַל־וואַסער, טראָפּנס טוי, וואָס זײַנען לאַנגזאַם גע־פאַלן פון די סאָסנע־נאָדלען. פון די טראָפּנס בלײַבט אפילע ניט קיין שפּור אָף דער ערד, נאָר אויך ער האָט פאַר דער צײַט, וואָס ער געפינט זיך דאָ, קימאַט נאָך קיין שפּורן ניט געלאָזט.

קעדיי האָבן אַ באַגריף, ווי היימלעך עס איז אין די באַרגיקע וועלדער פון פרושקאַ גאָראַ, דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן צום אומענדלעכן וואָיעוואָדי־נער פלאַכלאַנד. אָפן פאַרוואַקסענעם באַרג, אַ באַדעקטן מיט גריבער, ווי מיט ברייט צעעפנטע מײַלער, פילסטו זיך ווי אין אַ ניט־צוטריטלעכער

פעסטונג, און אין פעלד, ווען עס איז אפילע אײַנגעהילט אין אזא שווארצן שלייער פון נאכט־פינצטערניש, אז די שווארצאפּלען פארברייטערן זיך, גייסטו ווי אפן שארף פון א מעסער און יעדער טראָט דײַנער קאָן זײַן דער לעצטער. אין אזא וועג ווילט זיך האלטן פאר עמעצנס הענט, קעדיי דערפילן, אז דו ביסט ניט אליין. אזוינע געדאנקען זײַנען בא אָראנסקין אופגעקומען, ווען זײַן שאָכן האָט צו הילכיק א הוסט געטאָן, ווען א בלאַסער אָפשײַן פון ערגעץ א ווײַטן לויכטנדיקן פענצטער האָט זיך א שאָקל געטאָן אין דער נאכט־כאשכעס, ווען ס'האָט אומגעריכט זיך דערטראָגן א פארטויבט בילן פון א הונט.

אלץ וואָלט געווען קעדײַ און קיינער וואָלט ניט געפילט קיין מידקײַט און קיין ווייטעק אין די קנעכלען, האָט אָבער ווי אפצולאָכעס געדארפט טרעפן, אז גראָד אין דער נאכט, ווען זיי האָבן זיך שוין דערקליבן צום אײַזנבאן־אָנשיט, צווישן רומע און בעלגראד, זאָל קיין איין צוג ניט דורכגיין.

אינדרײַען זײַנען זיי געווען, און וויפל אָראנסקי האָט זיך ניט געבעטן בא לוקא בוטשקאָ, בא אוראָש מאנדיטשן, דעם עלטסטן פון דער גרופּע, אז זיי זאָלן פּרוּוון דאָ ערגעץ איבערזײַן דעם טאָג און באנאכט זיך אומקערן צו דער אײַזנבאן, האָט מאנדיטש אפילע הערן ניט געוואָלט דערפון. ער איז געווען גערעכט, ווײַל די וואך האָט געקאָנט באמערקן זייערע שפורן און זיי נאָכלאָקערן.

קאיאָר זײַנען זיי געווען שוין העט־העט ווײַט. צוריקוועגנס האָט אָראנסקי באמיט זיך פארגעדענקען יעדע קלייניקײַט. ער וועט נאָך אהער ווידער קומען. ער וועט זיך באווײַזן בא דער אײַזנבאן אינמיטן העלן טאָג, ווען די וואך איז זיכער, אז עס דראָעט ניט קיין שום געפאר. אָט דאָרט, ווו עס פארקערעווען די רעלסן, וועט ער פארבאהאלטן די מינע, און, א שלאנג זאָל ער זײַן (קיריושע, קיריושעו!!!), אויב ער וועט פון דעם אופגעריסענעם עשעלאָן עמעצן ארויסלאָזן א לעבעדיקן.

א ביטערער שמייכל האָט א קרים געטאָן זײַנע ליפּן. אין איין „קלייניקײַט" האָט ער פארגעסן. קעדיי פארווירקלעכן זײַן טרוים, דארף מען האָבן ניט ווייניקער פון צוויי הונדערט געשולטע פארטיזאנער, און ווו וועט ער זיי נעמען? באטיען וועט ער וועגן זײַן פלאַן אפילע קיין וואָרט ניט זאָגן. ער האָט זיך קוים אײַנגעבעטן, דער קאָמבריג זאָל אים דערלויבן אָנטיילנעמען אין איין דיווערסיע, האָט זיך פון דעם אויך גאָרניט באקומען.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אז מיט לוקא בוטשקאָ און אוראָש מאנדיטשן קאָן מען זיך צונויפריידן. זיי האָט זיך אויך ניט געוואָלט אומקערן אין לאגער מיט „ליידיקן". האָט מען זיך געלאָזט אפן צאָפן־מיזרעך, און אין איינער א נאכט האָבן די בערג און די וועלדער מיט אן עכאָ געענטפערט אף דעם הילך פון אופרײַס און בראזגען פון אײַזן. פון גאָר ווײַט האָט מען געקענט זען, ווי עס ברענען די וואגאָנען, און א פײַערווערק פון פונקען, וואָס דער פארשײַטער ווינט הייבט אוף אין דער הייך און ווארפט מיט בייזקײַט צוריק אף דער ערד.

אויסבאהאלטן עפעס פון פּאַרטיזאַנישע אויסשפּירער איז קימאַט אוממעג־לעך. צום לאַגער איז נאָך ווײַט. אַ פּאַרטיזאַנער פון דער שכײַנעסדיקער וואַיעוואָדינער בריגאַדע, נאָך דעם, ווי זיי האָבן איינער באַם אַנדערן אַ גוטן טאָפּ געטאָן, ווער מע איז און ווי האַלט עס מיטן פּאַראָל, דערציילט זיי אויספּירלעך, וואָס די פאַשיסטן האָבן געפּירט אין דעם פּראַכט־צוג, וועלכן זיי דרײַען האָבן אופגעריסן. נאָך האָט ער זיי מיטגעטיילט:

— באַטיאַ האָט געשאַפֿן אַ רוסישן אָטריאַד. דער קאָמאַנדיר זײַערער איז אַף אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון אײַך, — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַראַנ־סקין, — אין מאָסקווע האָט מען אים גערופן פּיאָטער, און דאָ רופט מען אים פּערע רוס. אַלע זײַנען זיי אַנטלאָפן פון די דײַטשישע לאַגערס. אוך, וועלן זיי אַ צאַפּ טאָן באַ די פאַשיסטן בלוט! ווי מיינט איר?

— איך מיין אויך אזוי, — האָט אים אַראַנסקי געענטפערט און געבעטן די כאַווײרים זיך צוטײלן אהיים.

אויך דער פּאַרטיזאַנער, וואָס איז געשטאַנען אַפן פּאָסטן באַם לאַגער, האָט באַשטעטיקט די נײַס און באַגריסט פּעראָן. באַטיאַ האָט באַפוילן, ער זאָל זיך גלײַך מעלדן צו אים. און כאָטש לויפן פּאַסט ניט, נאָר די פריידע האָט אַ כלינע געטאָן, אַז די פיס פּאָלגן ניט און רײַסן זיך פאָרויס.

באַטיאַ, דאַכט זיך, איז ניט פון די, וואָס הייבן אָן אַ געשפּרעך פון דער ווײַט. וואָס זשע האָט ער זיך גאָר דערמאָנט אין אַן אַלטער מײַסע און בעט דערמאָנען אים די פאַמיליע פונעם געפאַנגענעם, וועגן וועלכן אַראַנסקי האָט אים אַנומלטן דערציילט? ער וויל אויך וויסן, צי איז ער ניט געווען קיין קאָמאַנדיר.

באַ אַראַנסקין זעצט דאָס האַרץ, אָט וועט עס פּלאַצן. אומזיסט וועט אים דאָך דער קאָמבריג ניט דרייען דעם קאָפּ. איז זאָל ער גלײַך זאָגן, וואָס ווייסט ער וועגן ניקאָלאַדזען. נאָר עמעצער שלאָגט איבער דעם גע־שפּרעך:

— כאַווער קאָמבריג, אײַער באַפעל איז אויסגעפילט.

— זאָל ער אַרײַנגיין! — און אַף דער שוועל באַווײַזט זיך ניקאָלאַדזע.

צוויי פון טויט געראַטעוועטע סאָלדאַטן האַלטן זיך ווי קינדער באַ די הענט. זייערע ליפּן ציטערן. באַטיאַ האָט פאַררייכערט אַ גראָבן ציגאַר, אַ פּאָר מאָל אַ צי געטאָן און, דערפילנדיק דעם וואַרעמען און באַרויקנדיקן רויך פון דער שטאַרקער מאַכאָרקע, איבערגעגעבן דעם ציגאַר ניקאָלאַדזען און אַליין זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט.

סטעזשקעס שלענגלען זיך און ווערן פאַרפאַלן. וויפל האָט מען זיי באַ־דאַרפט אויסטאָפּטשען, קעדיי ניט נאָר דערלערנען די שפּראַך, די געוווינ־הײַטן, נאָר פאַרשטיין די נעשאָמע פון אָט דעם אַרבעטזאַמען און שטאָלצן פאָלק. ערגעץ ניט ווײַט דאַרפן דאָ זײַן פּאַסעקעס. בינען פליִען צו די זונרויזן, קעדיי אָנזויגן זיך מיט זייער זאַפט. אויב אופמערקזאַם זיך צו זיי צוקוקן, קאָן מען באַמערקן, אַז עמעצער שטערט זיי. אויך די שוואַלבן רײַסן זיך עפּעס צו געשווינד אין דער הייך. ווער שרעקט זיי? פּוזשעלעס?

אָראַנסקין קימערט עס ניט אף קאַטאָוועס. אין הויכן קלעווער ליגן, ווי פּארגליווערטע, פּאַרטיזאַנער. די קלענסטע אומפּאַרזיכטיקייט דראָעט מיט געפאַר. דערווײַל איז שטיל, נאָר אָט דערהערט ער סעמיאָן שטאָפּאָוקס שטים:

— זשאָרע, וועסט זיך נאָך לאַנג לאָזן בעטן?

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן, אַז גלײַך הירזשעסטו, ווי אַ פערד.

— האָסט מוירע, אַז די פריצן וועלן אונדז דערהערן?

— איך פײַף אף זיי. פאַר פּעראָן האָב איך מוירע. ער קוקט מיר נאָך, ווי נאָך אַ גאַנעוו.

— דאָס האָט ער דיך אַזוי ליב, נאַרעלע.

— פאַרוואָס טאַקע ניט? דערווײַל האָט מיך נאָך מײַן ביקס קיין איין מאָל ניט אונטערגעפירט.

— זשאָרע, דערצייל, וועסט פון מיר קיין פּיפּס ניט דערהערן. ווי אַ פיש וועל איך שווײַגן.

— וועגן צוויי „פּאָוועסטקעס", וועלכע איך האָב באַקומען אין טאָג, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, ווייסטו שוין. איצט הער וועגן דער דריטער. געוועזן באַ מיר אף דעריבאַסאָווסקע אַ קאַרעש, ליאַנקע. אף דיר, סעניע, אַ ביסל ענלעך. אַ גרויסער שיקער דערצו. אַ ניכטערער וואָלט ער מיסטאַמע אָט די בין ניט אָנגערירט. נאָר ווער קאָן עס וויסן, אַז פאַר די לעצטע יאָרן האָט אים קיינער קיין ניכטערן ניט געזען. ווי נאָר ער פלעגט קומען אַהיים, אַזוי פלעגט ער גלײַך פון דער שוועל זיך לאָזן מיט די קולעקעס צו גאַלינען, צו זײַן ווײַב. גאַלינע, ווי זאָל איך זי דיר אויסמאָלן? אַ שטילע טויב, נאָר אָנשטאָט פעדערן איז איר לײַב געווען באַדעקט מיט סיניאַקעס. „וואָס זאָל איך טאָן?" — פרעגט באַ מיר גאַלאָטשקע, און איך, יאָלד, האָב איר געגעבן אָן אייצע. קומט, הייסט עס, ליאַנקע, ווי געוויינ־לעך, אַהיים אַ טויט־שיקערער, און ווי נאָר ער שטרעקט אויס די הענט, וואַרפט זי אף זיי אַרוף אַ שטריק און פאַרבינדט די עקן, ווי איך האָב איר באַוויזן, מיט אַ יאַם־קנופּ צום אײַזערנעם בעטל. „לייג זיך אפּן דיל און שווײַגנ" — האָט זי אים באַפוילן, און אליין האָט זי גענומען שאַרפן די האַק מיט אַ שלײַפשטיין. באַ ליאַניען זײַנען פון שרעק די אויגן גע־קראָכן פון קאָפּ. דאָס איז געווען פאַר אים אַזוי אומגעריכט, אַז ער איז געלעגן ווי געפּלעפּט און געשוויגן. זי האָט אים איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע און אפּן דיל לעבן זײַן קאָפּ אוועקגעלייגט אַ פענכער פון אַ פיש, מיטן אָפּצאַס געגעבן אַ קלאַפּ אין פענכער, און אין איין רעגע האָבן זיי ביידע געפּלאַצט — דער פענכער מיט אַ הילכיקן טראַסק און ליאָניעס האַרץ שטילערהייט. דאָ, פאַרשטייסט זיך, איז אוועק אַ טומל, קאָמיסיעס, עקס־פּערטיזעס. אונדזער באַוווסטער פּילאַטאָוו איז געקומען אף זײַן אייגענער מאַשין און גלײַך אַרויסגענומען פון קעשענע זײַן גאָלדענעם פּאָנענדאָ־סקאָפּ...

— סטאָפּ, זשאָרע, לײַגן לײַג, נאָר מיט אַ מאָס. אײַער פּילאַטאָוו איז טאַקע באַוווסט, נאָר ער איז אַן אויגן־דאָקטער.

— אַך, דו גאָרנישט איינער. יעדער אָדעסיט פאַרשטייט מער אין מע־דיציך, ווי באַ אײַך אַ פּראָפעסאָר. דײַן אייסעק, וואָס פּילאַטאָוון האָט זיך

פארוואַלט ארויסנעמען פון קעשענע. דאָס ווייסטו ניט, אַז די אויגן בײַ אַ טויטן דערציילן מער, ווי בײַ אַ לעבעדיקן. ש־ש־ש! — האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו אַראַנסקין. — כאַ־ווער קאַפּיטאַן, דאָס מײנטער איך שטאָפּאוקן, ער זאָל ניט אָנשלאָפן ווערן. ער זאָגט, אַז פאַר דער נאַכט האָבן מיר דורכגעמאַכט העכער דרײַסיק קי־לאָמעטער.

— וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— אַז בײַ אַ פּוליאַק וואַקסט דער וועג אונטער די פיס.

— הער דו, אַדעסיט, אויב איך וועל פון דיר דערהערן נאָך איין קלאַנג, מעגסטו מעקאַנע זײַן דײַן קאַרעש ליאַניען.

צען שאָ נאָכאַנאַנד זײַנען זיי דאָ געלעגן, נאָר דערפאַר זײַנען זיי אָנ־געפאַלן אַפן דײַטשישן אָבאָז אַזוי אומגעריכט, אַז קימאַט קיינער פון די, וואָס זײַנען געזעסן אַף די וועגענער מיטן אָנגעראַבעוועטן האָב־און־גוטס, האָט ניט באַוויזן זיך כאַפּן פאַרן געווער.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרלוירן שטאָפּאוקן, וועלכער איז דער ערשטער אַרויס אַפן וועג.

די לעצטע עטלעכע טעג רעגנט אָן אויפהער. דער הימל איז ווי אַ שטיק גרוי געוואַנט. פּערע און אוראָש מאַנדיטש זיצן בײַ ליוקאַ בוטשקאַ אין שטוב, אין אַלט־בינגולי, קנאַפּע הונדערט מעטער פון וואַלד. די שטוב טײלט זיך אויס מיט איר גרייס און מיט איר הייך. דער אַטריאַד האָט זיך נאַרוואָס געלאָזט אין וועג, און אַראַנסקי וואַרט, ביז זײַן גימנאַסטיאָרקע און די אָנעטשעס, וואָס הענגען אַף אַ שטריקל בײַ דער הרובע, וועלן זיך כאַטש אַ ביסל אויסטריקענען.

טאָן איז ניטאָ וואָס. שפּירט ער נאָך, ווי די קאַץ שפּילט זיך מיט די פראַנדזן פונעם טישטעך. דערנאָך גייט ער צו צום פענצטער און קוקט, ווי פון דער הילצערנער פּאַס, וואָס שטייט אונטער דער פאַרזשאַווערטער רינווע, גיסט זיך אַ שוימיקער וואַסערפאַל. די באַלעבאָסטע איז זיי מעכאַ־בעד מיט אַ הייסן זופּ פון פּאַסאָליעס. אין וועג אַרײַן האָט זי צוגעגרייט פאַר זיי געברייטערטע פּישלעך, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן דעם שיקער־לעך־געזאַלצענעם רייעך פון יאַם. זי קלאָגט זיך:

— דער יאַקרעס איז גרויס, די דינאַרן האָבן קיין שום ווערט ניט. די ווירטשאַפט גייט צו גרונט. די פערד האָבן די דײַטשן צוגענומען, און מיט דער צונג וועסטו די ערד ניט אַקערן.

ווען זיי פאַרלאָזן שוין דעם הויף, עפנט זי די פאָרטקע און שרײַט זיי נאָך:

— זײַט פאַרזיכטיק. מע זאָגט, אַז די שוואַבן קלײַבן זיך קומען אַהער. מיסטאַמע נאָכן לעצטן ביסל ברויט. איר הערט, וואָס איך זאָג אײַך?

לוקאַ באַווײַזט איר אַפן האַנט־קוילנוואַרפער, וואָס הענגט בײַ אים אַפן אַקסל. דאָס דאַרף מיסטאַמע באַטײַטן: „זײַ רויק, מיט דעם מאַשינדל וועלן מיר ניט פאַרפאַלן ווערן".

אלע איינוווינער ארום פרושקא גאָרא גרויסן זיך מיט זייערע וועלדער. אָבער לוקא, וואָס איז ביז דער מילכאָמע געווען א וואלד־וועכטער, איז פארליבט אין יעדן בוים באזונדער. ער רעדט וועגן די ביימער, ווי זיי וואָלטן אף אן עמעס געווען באשאָנקען מיט געדאנקען און געפילן.

מע גייט זיך, און דער רעגן פאטשט אין פּאָנעם. לוקא פארייסט דעם קאָפּ צו די גראָבע צווייגן, וועלכע זעען אויס, ווי גאָפּלען מיט ארויסגע־שטעלטע ציינער, צו די גרויע כמארעס, דערנאָך באמערקט ער אויסגע־האקטע יונגע בערעזקעס און זאָגט צו פּעראָן:

— געדארפט געווען זעגן צווייגן און ניט פּאטערן דיביימלעך. דער־ביי, זאָלסטו וויסן, דארף דער קווערשניט זיין א גלאטער, א ריינער. אז מע שניידט שוין אָפּ א צווייג, דארף מען זי אָפּשניידן אינגאנצן און אכ־טונג געבן, אז ארום דער ווונד זאָל די קאָרע ניט זיין ארומגעריסן. דער בוים וועט דעמלט ניט ליידן.

באם ראנד פון וואלד שטעלן זיי זיך אָפּ פארכידעשטע. עפּעס א קאָלאָ־נע באוועגט זיך זיי אנטקעגן. דעם אָטריאד האָבן זיי נאָך, דאכט זיך, ניט באדארפט דעריאָגן. בא אזא וועטער העלפט קימאט ניט דער פעלד־בי־נאָקל. נאָר אלץ ווערט קלאָר, ווען עס דערהערט זיך דאָס הודזשען פון א לאסט־אווטאָמאָביל, וואָס איז, ווייזט אויס, געבליבן שטעקן אין דער גע־דיכטער בלאָטע.

אוראָש מאנדיטש לייגט פאָר מיט אן אומוועג פּרווון דעריאָגן דעם אָט־ריאד און אומקערן אים, נאָר איצט איז פּעראָ דער עלטסטער קאָמאנדיר. און ער באפוילט:

— אָט אף יענעם בערגל וועלן מיר זיי באגעגענען און פאַרהאַלטן, ביז אונדזערע וועלן ניט צוקומען. שיסן מוז מען שפּאָרזאם, און דער איקער — ניט דערלאָזן, אז זיי זאָלן אונדז ארומרינגלען.

דער קוילנוואָרפער שטייט שוין אף דער נייטיקער פּאָזיציע. לוקא, וואָס ליגט צוגעדריקט צו דער ערד, ווי א ברעט, האָט זיך איינגעשניטן מיט די גרויסע טונקל־ברוינע אויגן אין דער ווייט. ער וואַרט נאָר אף פּעראָס סיג־נאל, און דעמלט וועלן זיי, דערוויל אינדרייען, באגעגענען דעם סוינע מיט פייער...

צרנא איז געקומען צוגאסט און געבראכט א קליין העזעלע. בא אנדערע כייעס זיינען שוין די קינדער פון לאנג אויסגעוואקסן, און דאָס באשעפע־נישל לערנט זיך ערשט שטעלן א טראָט. ס׳מאכט ניט אויס, האָזן וואקסן גיך, און ביז ווינטער איז נאָך ווייט.

מיט בעאָן, דעם קאָמיסאר פון זיין אָטריאד, האָט אָראנסקי פאר דער צייט ניט איין מאָל זיך געקריגט. דער קאָמיסאר האָט צו אים א וועלט מיט טיינעס. ער באשולדיקט פּעראָן אין דעם, אז ער איז צו שטרענג צו די פּארטיזאנער, אז ער קאָן ניט איינזיצן אף איין אָרט. פּאָריקע וואָך האָט בעאָ אפילו געדראָעט, אז ער וועט דערלאנגען א ראַפּאָרט און זיי וועלן זיך געזעגענען איינער מיטן צווייטן. איבערשפּאָרן בעאָן איז אומעגלעך. נאָר אז צרנא קוקט אף אים מיט אירע טונקעלע פּארטראכטע אויגן, בא־

לויכטענע פון שייַטער, פילט ער זיך אומבאהאָלפן, ווי דאָס העזעלע. ער קלאָגט זיך איר אַף פעראָן און וואַרט, וואָס וועט זי אים זאָגן. נאָר זי זיצט מיט די פיס אונטער זיך, גלעט דאָס העזעלע און שווייַגט. ווען ער ווערט אַנשוויגן, פרעגט זי באַ אים:

— דו האָסט שוין מיר וועגן אַלע זייַנע זינד דערציילט? אויב יאָ, באַקומט אַ וואָרט פעראָ.

— וואַרט. צוריק מיט אַ טעג פינף דערהערן מיר מיטאַמאָל, אַז ניט ווייַט פון אונדז שיסט מען. מיר האָבן זיך געלאָזט אַהין. אַן אויסשפּירער אײַלט אונדז אַנטקעגן און שרייַט: „גיכער! פעראָ, אוראַש מאַנדיטש און לורקאַ בוטשקאָ האָבן אַטאַקירט אַ גרויסן אָטריאַד היטלעראָווצעס. גיכער, זיי וועלן אומקומען". איך וואָלט נאָך עפּשער אַ קלער געטאָן, צי גיין אַרויסהעלפן דעם מעשוגענעם. נאָר זייַנע פּאַרטרעטער, זאַכאַר סאַזאָנאָוו און יעגאָר ניקאָלאַדזע, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט וועגן דעם, האָט עס זיי אַזאַ טראָג געטאָן, אַז מיר האָבן זיי דעריאָגן ניט געקאָנט. עטלעכע צענדליק מענטשן האָבן געמאַכט אַזאַ טומל, ווי אַ גאַנצער פּאָלק. די פאַשיסטן האָבן זיך דערשראָקן און האָבן זיך געלאָזט לויפן. עפשער מיינסטו, אַז פעראָ האָט אַנערקענט זייַן שולד? דו זעסט, ער וויל אפילע מיט אונדז ניט ריידן. וווהין טראָגט עס דיך ווידער?

— דיר ווייַזט זיך אויס מיסטאַמע אַז צרנאַ וועט זייַן זאַט מיט דייַנע רייד? איך וועל בעטן באַ דער קעכנע, עפשער וועט זיך פאַר איר עפעס געפינען.

נאָך זייַן אַוועקגיין איז אַ ווײַלע געווען שטיל, און דערנאָך האָט צרנאַ געפרעגט:

— זאָג מיר, דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן פעראָן, איז אַלץ עמעס?

— אַוואַדע. נאָר זאָלסט ניט מיינען, אַז ער איז אינגאַנצן אומגערעכט. די פאַשיסטן דאַרפן וויסן, אַז אומבאַשטראָפט קאָנען זיי אין דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע זיך ניט באַווייַזן. אונדזערע אויסשפּירער זייַנען שולדיק, וואָס זיי האָבן אונדז צו דער צייַט ניט געוואָרנט. פעראָ מיט זייַנע צוויי כאַווײרים, וואָס זייַנען געגאַנגען פון דאָרף, האָבן באַשטימט פאַרהאַלטן די באַנדיטן און זייַנען געווען זיכער, אַז מיר וועלן פאַר אָט דער צייַט באַווייַזן אַרומרינגלען די פאַשיסטן. איצטער גיט ער פעפער צו שמעקן די אויסשפּירער און איז ניט צופרידן, וואָס איך בין ניט גענוג שטרענג מיט זיי.

— בעאָ, דו ווייסט, פאַרוואָס איך בין אומגעריכט געקומען? איך בין די טעג געווען אין ליפאָווצע און געזען דעם קיוווער פון דעם פּאַרטיזאַנער פיאָטער פען. מע האָט מיר דערציילט, אַז ווען ניט פעראָ, וואָלסטו מיט דייַנע צוועלף מענטשן זיכער אומגעקומען. מע האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, אַז אָט זיץ איך מיט דיר און מיר גלייבט זיך ניט, אַז איך זע דיך אַ לעבעדיקן. בעאָ, טייַערער מייַנער, זאָג צו דייַן צרנען, אַז דו וועסט זיך מער ניט קריגן מיט פעראָן.

— דאָס קאָן איך דיר ניט צוזאָגן. וואַרט, טשעפע ניט דאָס העזל. דו מיינסט, אַז פעראָ איז מיר ווייניקער טייַער, ווי דיר? דו ווייסט דאָך, אַז

איך אליין האָב געבעטן, מע זאָל מיך שיקן צו אים. ווען מיר זיך שוין ווי־ניט־איז צונויפריידן אפילע אף שטומלאָשן. זאָג מיר בעסער, אגענטור־אויסשפּירערן, וואָס האָסטו ווידער פאַרטראַכט? צרנא, צרנא, אויב מיט דיר וועט עפּעס געשען, וועל איך פון זינען אראָפּ.

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן. דו ווייסט דאָך, אז איך בין א מאזל־דיקע. אין בעלגראד וואָלט איך שפּעט אין אָוונט פון שטוב ניט ארויסגע־גאנגען. און נעכטן בין איך א גאנצע נאכט אָפּגעלעגן איינע אליין אף א דאָרפישן בעסוילעם און מוירע געהאַט בלויז פאַר איינס, אז איך וועל איינשלאָפן און ניט באמערקן דאָס ברענענדיקע קאַנעצל, וואָס מע האָט באַדאַרפט ארויסשטעלן אין פענצטער פון דער עקסטער שטוב.

— האָסט זיך כאָטש דערוואַרט?

— ניין.

פאַרטאָג זײַנען בעאָ און פּעראָ געגאנגען באַגלייטן צרנען. זיי זײַנען לאנג געשטאַנען באַם ראַנד פון וואַלד און איר נאָכגעקוקט.

כאָטש די טעג ווערן לענגער, איז נאָך שטאַרק קאַלט. עס דאַכט זיך אפילע, אז ס'איז נאָך קעלטער ווי פריער. ווען ניט דער פריילעכער גע־צוויטשער פונעם בלאָ־פויגל, וואָס זאָגט אָן מיט זײַן לוסטיקן „פי־בי", „פי־בי", אז ער קלײַבט זיך ניט פאַרלאָזן דעם וואַלד, וואָלט שוין דאָ גע־ווען גאָר שטיל און אומעטיק. קיין שניי איז ניטאָ, און די סערבן, ווע מען דאָס פאַרטיזאַנישע לעבן האָט ניט אָפּגעריסן פון די דאָרפישע וואָרצלען, האָבן מוירע, אז עס קאָנען פאַרפרווירן ווערן די פלוימען־ביימער.

באַם קאָמבריג איז די שטימונג ניט קיין געהויבענע. זײַנע געוויינ־לעך שמייכלענדיקע אויגן זײַנען האַלב צוגעמאַכט, און דער בליק איז א בייזלעכער. די אלטע וווּנדן לאָזן זיך לעצטנס באַזונדערס פילן, עס מאַ־טערט דער שטענדיקער קאָפּווייטעק, און דאָ זײַנען צוגעקומען אזויפיל נײַע און שווערע דײַגעס. פונעם וואָיעוואָדינער הויפּט־שטאַב האָט ער באַ־קומען א באַפעל זיך איבערבאַזירן קיין באָסניע. צוויי אָטריאַדן, איינער פון זיי איז פּעראָס, וועלן בלײַבן דאָ. זיי וועלן זײַן דער גרונט־קערן פון דער זיבעטער פאַרטיזאַנישער בריגאַדע, וואָס ווערט געשאַפן אין דעם ראַיאָן.

פאַר די, וואָס וועלן זיך לאָזן אין ווײַטן וועג, דאַרף מען פאַרגרייטן פּראָדוקטן, און באַטיען איז דערלויבט געוואָרן דורכפירן דאָ, אין סרעם, נאָך איין ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציע. גייען זיי איבער דער פאַרגליווער־טער בלאָטע אין דער ריכטונג צו דער פעסטונג אילאָק, וואָס געפינט זיך אָן א זײַט פון רומע. מיט אָט דעם דײַטשישן גאַרניזאָן האָט באַטיאַ אלטע כעזשבוינעס, און ניט ווולף, ניט פּעראָ קאָנען אים ניט אײַנריידן, ער זאָל אליין אין דער שלאַכט ניט אָנטיילנעמען.

די פערד האָט מען איבערגעלאָזט אין וועלדל, ווו עס ליגן צוגעגרייט צום ארויספירן בערג געהילץ, און אליין פאַרקלײַבט מען זיך אין די ליים־גריבער באַם וועג, וואָס פירט פון אילאָק צו א דאָרף, ווו עס געפינט זיך א רײַכע דײַטשישע ווירטשאַפט. זיי ווייסן, אז אלע וואָך, גראָד אין דעם

טאָג, בײַט מען די קאָמאַנדע, וואָס באַוואַכט די ווירטשאַפט. דערווײַל איז דער וועג פּוסט, און אַפילו דער ווינט האָט דאָ ניט פאַר וואָס זיך צו פאַרטשעפּען.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אַ סאָלדאַט. איבערן אַקסל הענגט בײַ אים אַ ביקס און אַ פול־געפּאַקטער פּאַטשט־טאַש. ער שפּאַנט פּוילבלעך, ווי ער וואָלט געוואַרט אַף עמעצן, וואָס דאַרף אים אָט־אָט אָניאָגן. דער סאָלדאַט באַווײַזט זיך ניט כאַפּן פאַרן געוועהר, ווי זשאָרע קאַפּיצע שלעפּט אים אַראָפּ פון וועג אין ריוו. ער אַליין טאַקע האָט אים געבראַכט צו באַטיען, און ביז אָראַנסקי האָט אַף זשאָרען ניט געוואָרפן קיין בייזן בליק, האָט יענער, כאָטש שטיל, נאָר געהאַלטן אין איין באַלעבעטשען:

— נאָכן פאַרצעף נאָך זעט מען, אַז דאָס איז ניט קיין פּראָסטער כאַזער. בײַ אונדז אין אָדעס וואָלט מען מיר אים אַף שטענדיק אָפּגעגעבן און אַפילו ניט געפרעגט, וואָס איך קלײַב זיך טאָן מיט אָט דעם איידל־געפּאַצ־קעטן פּריץ.

פון דער פּײַנטלעכער ראַטע, וואָס האָט אין אַ האַלבער שאָ אַרום אָנגעש־טראָפן אַף דער זאַסאַדע, האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן ניט מער ווי צען פאַשיסטן. אין דער זעלבער נאַכט האָט וואָלפס אָטריאַד אַרומגערינגלט די אַכט בונקערס, ווו עס האָט זיך געפונען די וואַך, און פערע מיט זײַנע כעוור־רע האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין די פּי־שטאַלן און אין די פוראַזש־שפּײַכ־לערס. די היפשע טשערעדע איז שוין געווען העט־ווײַט פון דאָרף, און אַף די וועגענער האָט מען נאָך אַלץ געלאָדן דאָס, וואָס האָט נאָר געקענט צו־ניץ קומען. די אַוטאָמאַשינעס מיט די טעמפּע נעזער האָט מען אופגעע־ריסן. און פון די פעסער, פולע מיט בענזין, האָט מען אַרויסגעשלעפּט די פּראָפּנס.

פאַרן פאַרלאָזן דאָס דאָרף איז באַטיאַ צוגעגאַנגען צום פעלד־טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען באַם קאָמענדאַנט אין דער ווילע, און אָנגעקלונגען קיין אילאָק:

— אַללאָ, עס רעדט דער קאָמאַנדיר פון דער זעקסטער פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע. איך האָב אָבער געוווסט, אַז הײַנט באַנאַכט וועט איר מוירע האָבן אַרויסגיין פון דער פעסטונג, וואָרן איך אײַך: עס וועט אײַך גאָרניט העלפן. די שטיינערנע ווענט וועלן אײַך ניט ראַטעווען. מיר וועלן זיך צו אײַך סײַוויסײַ דערקלײַבן.

קיין גלעקער האָבן ניט געקלונגען, ניט גערופן קיין מענטשן אַף דער סרייפע, און די ווילע, ווו אין די צימערן איז געווען וואָס אַ מויל קאָן אויסריידן און אַן אויג קאָן זען, האָט געברענט אַזוי, אַז פאַר אַ מײַל האָט מען געקאָנט זען די פײַער־צונגען.

א רײַטער יאָגט זײַן פערד, ווי ער וואָלט וועלן איבעריאָגן דעם פײַף פון דער זאַווערוכע. פון אונטער די טלאָען פליען שטיקער שניי. ער איז נאָך ניט אַראָפּ פון זאָטל, נאָר דאָס, וואָס ער זאָגט אָן מיט אַ דערוואָרגן, פאַרגליווערט קאָל, צעטראָגט זיך איבערן פּאַרטיזאַנישן לאַגער, ווי אַ גרויל־געשריי: באַטיאַ, קאָמעני און צרנאַ זײַנען אומגעקומען...

באַ אַ דעמב, אַף וועלכן די שטײַפע בלעטער ציטערן ניט ווי פאַפּיראָס־פּאַפּיר, נאָר קלאַפּן אין דעם פאַרגליווערטן שטאַם ווי שטיקלעך בלעך, שטייט מיט פײַנלעך־צוגעזשמורעטע אויגן בעאָ, און מיט קאַלטע, פאַרפרעסטע ליפּן האַלט ער אין איין איבערכאַזערן, ווי ער וואָלט זי רופן:

— צרנאַ, צרנאַ, צרנאַ!

ער ווייסט נאָך ניט, אַז איר טויטן קערפּער האָבן אײַנגעשלונגען די וואַסערן פון דעם בלויען דונײַ. אַפן פאַרפרוירענעם טײַך האָט צרנען פאַרהאַלטן דער שעף פון דער פאָליציי, און ווײַל דער פאַלשער „אַאוסווײַז" האָט זי שוין ניט געקענט ראַטעווען, האָט צרנאַ, קעדיי ניט אַרײַנפאַלן צום סוינע אין די הענט אַ לעבעדיקע, מיט אַ גראַנאַטע אופגעריסן זיך און דעם פאַשיסט.

דערנאָך איז בעאָ אַן אויסגעשעפּטער געזעסן אין ערדשטיבל און געביסן מיט די ציין דעם פאַרלאָשענעם פאַפּיראָס. פון דעם אָנגעגליטן אייוועלע האָט ער אַרויסגענומען אַ האָלאָוועשקע און ניט געפילט, אַז זי בריט אים די פינגער. אָראַנסקי האָט זי באַ אים צוגענומען און צוגעטראָגן זײַן ציינדמאַשינקע.

— פעראָ, — האָט זיך בעאָ אויסגעקערעוועט צו אים, — זי האָט דאָך, ווי אַ קינד, געדענקט מער מיטן האַרץ, ווי מיטן קאָפּ. איז פאַרוואָס האָב איך עס דערלאָזט? וואָס שווײַגסטו? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין שולדיק.

— ניין, צרנאַ איז געווען אַ סאָלדאַט, ווי דו, ווי באַטיאַ, ווי איך. כ'מיין, אַפילע אַ בעסערער פון אונדז. מיר, מאַנצבלען, זײַנען בייס אַזאַ מילכאָמע מעכוּיעוו זיך נעמען פאַרן געווער...

— איז וואָס זשע זײַנען מיר פאַראַ מאַנצבלען, אויב אונדזערע געליבטע ווערן דערהאַרגעט און מיר זיצן און וואַרעמען זיך באַם אייוועלע. עס קאָן דאָך טרעפן, אַז עס וועט שוין זײַן אויס מילכאָמע און איך וועל בלײַבן לעבן, איז וואָס וועט דעמלט זײַן? הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן...

אָראַנסקי איז געזעסן, געהערט און געטראַכט: אַזוי ריידן זקיינים וועגן די פאַרלאָפענע יונגע יאָרן, וואָס וועלן זיך מער ניט אומקערן. אַוואַדע איז די צײַט דער בעסטער דאָקטער, נאָר בייס דער שלאַכט, צו וועלכער זיי גרייטן זיך איצט, טאָר מען דעם קאָמיסאַר פון אויג ניט אַרויסלאָזן. וועגן דעם וועט ער אויך וואָרענען יעגאָרן און זאַכאַרן, און איצט איז עפּשער דאָס בעסטע אים איבערלאָזן איינעם אַליין מיט זײַן טרויער.

...כאָטש צו אָט דער קריגס־אָפּעראַציע האָבן זיך געגרייט ניט נאָר די פּאַרטיזאַנער פון דער זיבעטער בריגאַדע, נאָר צענדליקער אַגענטור־אויסשפּירער און פאַרבינדלער אין די אַרומיקע שטעט און דערפער און, מעגלעך, אַפילע אין די שכיינעסדיקע באַלקאַנישע לענדער, האָבן בלויז געציילטע עטלעכע מענטשן געוווּסט, וואָס, ווען און ווו דאָס וועט פאָרקומען.

דער געוועזענער בערלינער אַקטיאָר ווילי, וואָס שוין באַלד צוויי יאָר, ווי ער פּאַרטיזאַנעוועט אין די וועלדער פון וואָיעוואָדינע, האָט שוין ניט איין מאָל זיך געבעטן באַם קאָמבריג איבראַ, אַז פעראָ זאָל אים אופהערן אַזוי מושטרעווען. הײַנט איז ער ווידער געקומען צום קאָמבריג:

— העכער הונדערט ראָלן האָב איך פאַר מײַן לעבן אָפּגעשפּילט און

קיין איין מאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ רעזשיסער. מע קאָן מיינען, אַז ניט איך, נאָר ער איז געווען אַן אָפיצער פון דער דײַטשישער אַרמיי.

איבראַ האָט זיך צעלאַכט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט איבעררײדן מיט פעראַן.

אין דרײַ טעג אַרום איז צום שעף פון דער סטאַנציע פּלאַטעטשעוואַ אַרײַנגעקומען אַ הויכגעשטעלטער עסעס־אָפיצער, און באַגריסנדיק זיך, צולייגנדיק די פינגער צום דאַשעק, כאָטש שטיל, נאָר מיט אַזאַ קאָס אויסגעצישעט דעם „הײַל", אַז באַם אײַזנבאַנער האָבן זיך גענומען טרייסלען די קנעכל, נאָך איידער ער האָט אויסגעהערט די וואָר־רענונג:

— אויב מיטן צוג, וואָס דאַרף הײַנט דורכגיין פון רומע קיין בעלגראַד, וועט עפּעס געשען, מעגט איר זיך געזעגענען מיטן לעבן. וואָס? און ווען מע האָט אין פיר קילאָמעטער פונדאַנען אופגעריסן דעם פראַכטצוג, האָט איר אויך פאַרפּרײַער אַלץ באַוואָרנט? דאָן, זאָגט איר, איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. דער ספּעציעלער צוג „ביס־44" וועט דאָ דורכגיין צוועלף אַזייגער באַטאָג. און ווי, אויב אויך די וואַלד־באַנדיטן ווייסן, אַז אין די פיר וואַגאָ־נען ערשטע קלאַס פאָרן פון די באַלקאַנען קיין בערלין הונדערט פופציק פאַרדינסטפולע אָפיצערן? אײַך איז באַוווּסט, וואָס פאַראַ פּראַכט עס גע־פינט זיך אין די פאָטשט־וואַגאָנען? דאָרט פירט מען נײַאָר־מאַטאָנעס פאַרן גענעראַל־שטאַב, פאַרן פיורער!

— אַנטשולדיקט, הער...

— איך האָב ניט קיין צײַט אויסצוהערן אײַער פּלאַפּלערײַ. ווער באַ־וואָרנט דעם פּאָסטן אויף אָט דעם פאַרפלוכטן פערטן קילאָמעטער? אַזוי גאָר? ווי איר, באַ זיך אין קאַבינעט, זיצן זיי מיסטאַם, די צוויי סאָלדאַטן, אין דער בודקע און וואַרעמען זיך באַם אייוועלע. דאָ וועט מען דעם צוג אָן אײַך באַגעגענען. מיר וועלן מיט אײַך צופאָרן אַהין. ציטערט ניט. אונדז וועלן באַגלייטן צוויי אויטאָמאַטלער.

באַ דער סטאַנציע פּלאַטעטשעוואַ האָט דער צוג עטוואָס פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג און אָן אַ פײַף אוועק ווײַטער אין דער ריכטונג אויף בעלגראַד. צו יענער צײַט זײַנען שוין די רעלסן, וואָס פאַרקערעווען אויף לינקס, געווען פאַרמינירט און אַ פאַרמאַסקירטע קייט פאַרטיזאַנער האָט אַרומגערינגלט דאָס אָרט פון דער קומענדיקער שלאַכט. אַטאַקירן די דײַטשן, וואָס וועלן לעבן בלײַבן נאָכן אופרײַס, האָבן געדאַרפט פינף און זיבעציק גוט באַ־וואָפנטע קעמפער פונעם רוסישן אָטריאַד.

די פּלאַטפאָרמע, וואָס די דײַטשן האָבן ספּעציעל געלאָזט פאָרן פאַר דעם צוג, האָט ווי אַ ראַקעטע זיך אַ ריס געטאָן צום הימל, נאָר גלײַך אַראָפּגעפאַלן און אפצווייען זיך צעשפּאָלטן.

דער לאָקאָמאָטיוו איז שוין געלעגן איבערגעקערט אויף אַ זײַט, נאָר זײַנע רעדער האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין איין דרייען. זעקס און נײַנציק פאַר־

שיסטן זײַנען געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. דאָס זײַנען געווען דערפאַרענע באַנדיטן, וואָס האָבן, מעגלעך, אומגעבראַכט טויזנטער אומשולדיקע מענטשן... די אופריַיסן האָבן זיי אַזוי פּויטשמעליעט, אַז איינציקע פון זיי איז אַפילו אויסגעקומען העלפן אַרויסקריכן פון וואַגאָן. מע האָט זיי אַנטוואָפנט און אָפּגעפירט אין וואַלד.

דאָ טאַקע, באַם ראַנד פון וואַלד, האָט וואָלפּס אָטריאַד מיט פײַער באַגעגנט דעם וואַך־באַטאַליאָן, וואָס האָט געײַלט אַהער פון פלאַטעטשעווער גאַרניזאָן. זאַכאַר סאַזאָנאָוו מיט זײַן גרופע האָט מיט אַ גרויזאַמען „הוראַ" זיך אַרײַנגעשניטן אין דעם סוינעס לינקן פלאַנג, און נאָך פערצן היטלעראָווצעס זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו די פאַרטיזאַנער אין די הענט.

איצט איז פאַרגעשטאַנען אַ צוריקמאַרש פון העכער הונדערט פופציק קילאָמעטער. אַרום פּרושקאַ גאָראַ האָבן שוין קליין און גרויס געוווּסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אױף דער אײַזנבאַן צווישן רומע און בעלגראַד. אויך די פאַשיסטישע צײַטונגען האָבן ניט געקאָנט פאַרשווײַגן אָט דעם פאַקט און צום ערשטן מאָל דערמאָנט דעם נאָמען פונעם סאָוועטישן קאַפּיטאַן פּעראָ רוס.

## דער רוסישער באַטאַליאָן קעמפט

אַ גרופע קאָמאַנדירן איז געפאָרן פון וואָיעוואָדינער הויפּט־שטאַב, וווּהין מע האָט זיי אַרויסגערופן אױף אַ באַראַטונג. אָראַנסקיס און קאַראַ יאָוואַנאָוויטשעס פערד האָבן געשפּאַנט איינס לעבן אַנדערן, און די צוויי רײַטער האָבן פאַרפירט אַ שמועס. פאַרענדיקט האָט ער זיך מיט דעם, וואָס לעבן רומע האָבן זיי ביידע פאַרקערעוועט אין אַ זײַט און געלאָזט זיך אין אַ גיכן גאַלאָפּ קיין מאַלאַיע ראַדענצע.

ניט דערפאָרנדיק אַ צוויי קילאָמעטער ביזן דאָרף, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליין שטיבל, און יאָוואַנאָוויטש האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן איז אַרויסגעגאַנגען, זיך געשטעלט אױף דער וואַך, און זיי ביידע זײַנען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון הויז.

— צווירק, צווירק, — הערט אָראַנסקי, ווי עס זינגען אין דער פינצטער די גרילן, און נאָך הערט ער, אַז ווײַטער קאָנען זיי ניט פאָרן, ווײַל אין דער שכיינעסדיקער שטוב, ווו קאַראַ האָט באַדאַרפט זיך טרעפן מיט דער פאַרטיזאַנישער פאַרבינדלערן סאָפע, איז ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך פאַרזעסן אַ געזונטער עסעסאָוועץ — אַ דײַטשישער אָבערלייטענאַנט, און ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער וועט דאָרט בלײַבן נעכטיקן, ווײַל אין זײַן טייל, האָט ער געזאָגט, דאַרף ער זיך מעלדן ערשט מאָרגן. יאָוואַנאָוויטש זאָגט:

— ניט איז ניט. זאָל סאָפע מיטיילן, ווען מיר וועלן זיך קאָנען טרעפן. זיי זײַנען ווידער אין הויף. אָראַנסקי בעט זיך בײַ קאַראַן:

— וואָס הייסט זיך אומקערן? און ווער ווייסט, ווען מיר וועלן זיך

מיט אײַך װידער טרעפֿן? איר האָט דאָך צוגעזאָגט באַקאַנען מיך מיט סאָ־פֿען. אויב דער פּריץ איז געבליבן נעכטיקן, איז עס נאָך בעסער. איר העלפֿט מיר נאָר, אויב איר קאָנט, שטילערהייט אַהין אַרײַנגיין. ער װעט באַ מיר קיין פּיפּס ניט טאָן.

— איר װעט מאַכן אַ סאָף מיט אים?

— ניין. איך דאַרף אים דערװײַל אַ לעבעדיקן.

— עפּשער דאַרף איך אים אויך?

— איז דאָך אַוואַדע גוט.

— פּעראַ, אויב מיט אײַך װעט עפּעס געשען, װעט מען מיך מישפּעטן.

— קלאָר. עפּשער קאָנט איר בעטן דעם באַכער, ער זאָל מיר העלפֿן? איך פֿאַרשטיי נאָר ניט, פֿאַרוואָס האָט מיר בעאַ געזאָגט, אַז מיט אײַך מעג מען גיין אין אויסשפּירונג.

— דאָס איז אַן אַנצוהערעניש, אַז איך בין אַ פּאַכדן? אויף דער סטרונע זאָלט איר ניט שפּילן. אונד, זײַט איר, רוסן, אַקשאָנים! די פֿערד װעלן בלײַבן דאָ. געגאַנגען!

פּעראַ איז פֿאַרבליבן װאַרטן אין גאָרטן, און קאַראַ האָט זיך שטיל געגנור־מען גאַנװענען צו דער שטוב. אומגעקערט האָט ער זיך גיך און שטיל מיט־געטיילט:

— ער איז געבליבן נעכטיקן.

— פֿונװאַנען װייסט איר?

— פֿאַראַן אַ צייכן, אַז אין שטוב איז דאָ איין אָפּיצער, קומט.

יאָװאַנאָװיטש האָט דרײַ מאָל שטיל אַ שקראַבע געטאָן די טאַפֿליע פֿון דעם קליינעם פֿענצטערל און איז גלײַך אָפּגעטראָטן אָן אַ זײַט. אין אַ פּאָר רעגעס אַרום האָט עמעצער פֿון אינוויייניק אויך אַ גלעט געטאָן דאָס גלאָז, און דאַן האָט קאַראַ װידער אויסגעשטרעקט צו דער טאַפֿליע די לינקע האַנט. איצט האָבן ביידע, יאָװאַנאָװיטש און פּעראַ, זיך געלאָזט צו דער טיר. פֿון שטוב איז אַרויס אַ מאַנצבל אין אַ קאַמזויל. גלײַך זײַנען זיי אַלע דרײַ אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט.

דער באַלעבאָס האָט געװאָלט נאָר איינס, מע זאָל אים דערלויבן פֿריִער אַרויספֿירן זײַנע אייגענע פֿון שטוב, נאָר פּונקט װי פֿריִער אָראַנסקי, האָט איצט קאַראַ צוגעזאָגט, אַז דער פֿאַשיסט װעט אַפֿילו קיין פּיפּס ניט טאָן. דאָס פֿלעשעלע ספּירט, װאָס ער האָט אויסגעזשליאָקעט, איז שוין גאָר ניט אַזוי קליין און ער װעט זיך אַזוי גיך ניט אויסניכטערן. דעם פֿאַראַבעלום פֿון אונטערן קישן װעט ער, קאַראַ, אַרויסנעמען, און װײַטער װעט זיך פּעראַ שוין אַליין ספּראַװען.

אַזוי איז געװען. נאָר אָראַנסקי האָט דעם פֿאַשיסט אַזוי פֿאַרקװעטשט דאָס מויל און די נאָז, אַז יאָװאַנאָװיטש האָט אים געמוזט מיט קױעך אַ שטורכע טאָן:

— אַזוי קאָן מען אַפֿילו אַן אָקס דערװאַרגן.

װי זײַן טאַטע, האָט אָראַנסקי אַ צוק געטאָן מיט די ברייטע אַקסל. עס האָט באַדאַרפֿט באַטײַטן: „איך װייס, עפּשער האָב איך טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס, נאָר דו זעסט דאָך, ער איז לעבעדיק און ציטערן ציטערט ער פֿון

שרעק". אָראַנסקי הייסט דעם אָבערלייטענאַנט פאַרשפּיליען די קנעפּלעך, די פּוסטע קאָבורע, אויסקערעווען מיטן דאַשעק צוריק די גיווערדיקע פּאָ־ראַזשקע, און מאַמעס מיט אַ קיניגלעכן זשעסט פאַרבעט ער אים גיין אין דער מיט.

דער קאָמבריג מילאַן יעשיטש איבראַ, דער קאָמיסאַר פון דער בריגאַדע טשערנאָגאָריעץ און אָראַנסקי — אַלע דריי זיינען אַן ערעך פון איין על־טער. באַם קאָמיסאַר, ווייסט פּיאָטער, קאָן ער אַ סאַך פּויעלן; פאַרן קאָמ־בריג, דעם עמעס געזאָגט, האָט ער אַ ביסל מוירע. אָט שפּאַנט יענער הין און צוריק, און ווער ווייסט, וואָס איבראַ וועט אים באַלד אַריינזאָגן. זיך דערוואַרט:

— כאָטש קיין זיגער מישפּעט מען ניט, נאָר באַשטראָפן וואָלט מען דיך באַדאַרפט. וואָס האָסטו נאָך צוגעטראַכט? וואָס ווילסטו נאָך פון אונדז? באַטיאַ האָט מיר געהאַט דערציילט וועגן דיינע טעאָריעס. ער האָט דאָך דיר פאַרבאָטן עקספּערימענטירן. איך וויל וויסן, וואָס טראַכט וועגן דעם דער קאָמיסאַר.

אָראַנסקין איז דער אַריינפּיר געפעלן. פאַראַן אַ האָפענונג, אַז איבראַ וועט איינגיין. וואָס זשע קלאַפּט דער קאָמיסאַר מיט אַלע פינף פינגער איבערן טיש און דאָס מויל עפנט ער ניט, ביז דער קאָמבריג דערמאָנט אים ניט נאָכאַמאָל, אַז ער וואַרט אויף זיין ענטפער.

— מילאַן יעשיטש, מיסטאָמע וואָלט איר אויף פּעראָס אָרט אויך אַזוינס געוואָלט פאַרנעמען. נאָר צי דאַרפן מיר אים דערלויבן גיין אויף אַזאַ ריי־זיקע, מוז מען נאָך גוט באַטראַכטן.

— אין דעם פאַל, זעסטו, פאַרשטיי איך דיך ניט. באַטראַכטן דאַרף מען, ווי בעסער פאַרסטראַכירן אים. איז עס קימאַט אומעגלעך. זאָל אַריינגיין דער איבערלויפער. איך וועל אים אַליין אויספרעגן.

דער איבערלויפער איז אַריינגעגאַנגען, זיך אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, און ראַפּאָרטירט:

— לויט אייער באַפעל!

— די באַפעלן פון די דייטשישע אָפיצערן האָסטו אויך אַזוי פּינקטלעך אויסגעפילט? שווייגסט? דיר איז באַקוועם אין די שטיוול מיט די ברייטע און קורצע כאָליעוועס?

— פאַראַן ערגערע זאַכן אויף דער וועלט. איך...

— איך האָב ליב, ווען דער ענטפער איז קירצער פון דער פראַגע. אין פאַרטיזאַנער האָט איר געשאָסן?

— ניין. מיר באַגלייטן אַן אַרבעטס־קאָמאַנדע פון סאָוועטישע קריגסגע־פאַנגענע.

— אייער קאָמאַנדיר קאָן באַגעגענען אונדזער קאַפּיטאַן מיט אַ קויל?

— אין דער ערשטער רעגע יאָ...

— ער איז דען ניט אַזאַ מאַדיאַר, ווי דו?

— אַזאַ. נאָר ער קאָן מיינען, אַז דאָס איז אַן אונטערגעשיקטער געסטאַ־פּאָוועץ.

— ביסט גרייט פרײַוויליק גיין מיטן קאפיטאן צוריק קיין מאלאָיע ראדענצע?

— יאָ.

דאָס איז געווען סאָף אפּרעל. אין דרויסן איז נאָך אָבער געווען קאלט, און פון די שווערע צעשויבערטע וואָלקנס האָט געהאלטן אין איין גיסן. אין זאל בא א געדעקטן טיש איז אין אן אוניפאָרם פון אן אונטעראָפיצער געזעסן דער קאָמאנדיר פון דער וואך־אָפּטיילונג און געוואַרט, ביז סאָפּע וועט ארײַנטראָגן פון קיך דעם פרישטיק. זי האָט אים געוואָרנט, אז מיט אים ווילן איבערריידן צוויי מענטשן.

די טירן, וואָס פירן אין שלאָפצימער און אין קיך, האָבן זיך איינצײַטיק צעעפנט, און עס זײַנען ארײַן דער סאָוועטישער קאפיטאן אָראנסקי און דער סערב קאראָ יאָוואנאָוויטש. מיט אופגעריסענע אויגן האָט דער אונטעראָפיצער א רעגע געקוקט אף די צוויי ארײַנגעקומענע און דערנאָך אופגעשפרונגען פון אָרט, און דאָ האָט ער דערהערט:

— בארויִקט זיך. דאָס צעטעלע האָט אָנגעשריבן אײַער געוועזענער סאָלדאט, וואָס געפינט זיך בא אונדז. ער וועט מיסטאמע דינען אינעם אונגארישן פארטיזאנישן באטאליאָן אפן נאָמען פון שאנדאָר פעטעפי, דער באטאליאָן פאָרמירט זיך איצט אין סלאָוואָניע. אויך אײַך לייגן מיר פאָר אריבערגיין צוזאמען מיט די קריגסגעפאנגענע צו די פארטיזאנער.

ניט אזוי גיך און ניט אזוי לײַכט, נאָר מע האָט זיך צונויפגערעדט, אז דעם זעלבן טאָג, שאבעס איז עס געווען, ווען די דײַטשן וועלן שיקערן, לאָזט זיך די גאנצע גרופּע צום וואלד. באגעגענען וועלן זי אָראנסקי און יאָוואנאָוויטש, אָנגעטאָן אין שווארצע רעגנמאנטלען און אין דײַטשישע אָפיצערישע היטלען. די פארבינדונג וועט אונטערהאלטן סאָפּע.

די פארטיזאנער האָבן געווארט אף די מאדיארן מיט די קריגסגעפאנגענע אין דאָרף לעבן וואלד. צו דער אָנגעמערקטער שאָ האָבן זיי קיין שום יעדיִעה ניט באקומען. עס האָט שוין גענומען טונקל ווערן, און סאָפּע האָט זיך נאָך אלץ ניט באוויזן.

בא אָראנסקין און יאָוואנאָוויטשן זײַנען שוין די פּיס פארסטאַלבענייעט געוואָרן פון ליגן אומבאוועגלעך אפן בוידעם. די אויגן האָבן זיי ווי געטאָן פון אָנשטרענגונג. זיי זײַנען אראָפּ פון בוידעם. עס האָט שוין קיין זין ניט געהאט זיך אײַנקוקן אין דער אומקלאָרער ווײַט. קימאט די גאנצע צײַט האָבן זיי געשוויגן. נאָר איצט האָט קאראָ געזאָגט:

— איך האָב אמאָל געלייענט א מײַסע וועגן דעם, וויִאזוי א ייִנגעלע האָט געראטעוועט נידערלאנדן. מיט א פינגער האָט ער פארשטעקט דאָס לעכל אין דער דאמבע און אײַנגעהאלטן דאָס וואסער, ביז די דערוואקסענע זײַנען ניט געקומען צו לויפן. אויב עס איז געשען אן אומגליק, וועט סאָפּען קיינער ניט קאָנען קומען צו הילף.

— אלציינס טאָר זי שוין מער אין דאָרף ניט בלײַבן.

— דאָס, פּעראָ, פארשטיי איך אָן דיר.

און דאָך — זיך דערוואַרט. סאָפּע איז געקומען, און אין אַ פערטל שאָ ארום האָט דער אונטעראָפּיצער ראַפּאָרטירט:

— הער האופּטמאַן, די ארבעטס־קאָמאַנדע אין באַשטאַנד פון הונדערט צוואַנציק קריגסגעפאַנגענע איז געקומען לויט אייער באַפעל!

איצט איז פאַר דער אייליק שפּאַנענדיקער קאָלאָנע געגאַנגען דער „האופּטמאַן" אָראַנסקי. געשלאָסן די קאָלאָנע האָט קאַראָ יאָוואַנאָוויטש. שוין אין וואַלד האָט זיך דערהערט אַ הילכיק הירזשען פון אַ פערד. דאָס האָט „דעטקאָ" דערקענט זיין באַלעבאָס. די אייזנבאַן־ליניע זיינען זיי איבערגעגאַנגען אָן איין שאָס.

אין פּאַרטיזאַנישן לאַגער זיינען זיי אָנגעקומען גאַנצפרי דעם ערשטן מיי. לעבן דעם פּאַרטיזאַנישן זשורנאַליסט וולאַדיסלאַוו טומין איז געשטאַנען דער פאַרשטייער פון דער ענגלישער עקאָנאָמישער מיסיע אין יוגאָסלאַוויע דער מאַיאָר באַזיל דעווידסאָן. און נאָך איידער אָראַנסקי האָט באַוויזן אַראָפּשפּרינגען פונעם פערד, האָט דעווידסאָן אָנגעצילט אויף אים זיין קינאָ־אַפּאַראַט. לויט דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע האָט יוגאָסלאַוויע אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע אָפּגעזוכט איינעם פון אירע העלדן, דעם סאָוועטישן קאַפּיטאַן פּיאָטער אָראַנסקי — פּעראָ רוס.

נאַכט. אויפן הימל צינדן זיך אָן די שטערן. נאָך גוט, וואָס די וואָלקנס האָבן זיי צוגעדעקט און פאַריינס אויך די לעוואָנע, וואָס האָט ווי אַפּצולאָכעס זיך פאַרטשעפּעט פאַרן האָריזאָנט.

עס בלאָזט ניט קיין מינדסט ווינטל, און דאָך דערטראָגט זיך פון ערגעץ דער רייעך פון שטאַרקן מאַנצבלשן שווייס. דורכן פּאַשע־פעלד, צום טאָל, איילט פון אַ ווייטן וועג אַ קאָלאָנע פון העכער אָנדערהאַלבן טויזנט פּאַרטיזאַנער. זיי אַלע וועלן אין דער באַלקע וואַרטן, ביז ניקאָלאַדזע, ווילי און נאָך דריי סערבן, וואָסריידן פריי דייטש, וועלן אָן טומל זיך אָפּאָרען מיט די דריי פּאָסטנס, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט אויפן וועג צו דער שטאָט. איידער די קאָלאָנע לאָזט זיך ווייטער אין דער פינצטערניש, טיילט איבראַ מיט דעם פּאַראָל, וואָס איז היינט גילטיק אין שאַרנגראַדער גאַרניזאָן.

עפּעס אַ קלאַנג האָט זיך דערטראָגן, ווי אַ מייזל וואָלט דורכגעלאָפן, און ווידער שטיל, ווי אין צירק, ווען מיט פאַרטייעטן אָטעם שפּירט מען נאָך דעם אַרטיסט, וואָס קלייבט זיך מאַכן אַ סאַלטאָ־מאָרטאַלע.

דער שטאַב פון גאַרניזאָן געפינט זיך אין סאַמע שטאָט־צענטער. אַהין לאָזן זיך די גרונט־קרעפטן בעראָש מיט איברען און זיין קאָמיסאַר. וואָלף דאַרף פאַרכאַפּן און איינהאַלטן די אייזנבאַן־סטאַנציע. דער רוסישער באַטאַליאָן...

צעהוידעט פון שרעק און פון דעם אויסגעטרונקענעם שנאַפּס, שטייט באַ זיך אין קאַבינעט דער שעף פון שאַרנגראַדער טפּיסע. דער פעטלעך־קיילעכדיקער עסעסאָוועץ פינגלט מיט די קליינע, פאַרשוומענע אויגן, און מיט ציטערנדיקע הענט גיט ער איבער אַ סאָוועטישן אָפּיצער די שליסלען פון די שווערע טורמע־טויערן, הינטער וועלכע עס שמאַכטן זעקס טויזנט יוגאָסלאַוון.

דער לייטענאנט סאזאָנאָוו הייסט אים אליין אופשליסן די שלעסער און באַפוילן דער טפּיסע־וואַך ניט ארויסווייַזן קיין ווידערשטאַנד. אויב ניט, וועלן עפּעס זייערע מייַלער זעכצן קוילנוואַרפער און העכער הונדערט אויטאָמאַטן. כוץ דעם, האָבן נאָך די פּאַרטיזאַנער מינענוואַרפער און קעגנ־טאַנק־געווער. און ווען ניט די ארעסטאַנטן, וואָלטן זיי טאַקע געקענט צעקרישלען די טויבע ציגלנע ווענט און אוועקלאָזן אלץ מיטן פייַער.

סאזאָנאָוו און דער עסעסאָוועץ לאָזן זיך צו דער קאַראָול־געבייַדע. ווי א ברודיקע ליאַכע מיט אירע כאַזיירים, גייט דערנאָך פון דאָרט ארויס דער שעף פון טפּיסע מיט זייַנע באַהעלפער. זיי זייַנען שוין אנטוואָפנט.

דער טורמע־הויף איז ניט קיין גרויסער. אין די באַראַקן מיט די גע־דיכט־געפלאָכטענע גראַטעס אף די פענצטער געפינען זיך די, וואָס מע האָט פאַרטריבן אהער, קעדייַ אוועקשיקן אף קנעכטישער ארבעט קיין דייַטשלאַנד. דער בלאָק, ווו עס געפינען זיך די פּאָליט־ארעסטירטע, איז ארומגערינגלט מיט דרייַ רייען שטעכלדראָט. זעלטן ווען עמעצער פון די, וואָס מע האָט אהער ארייַנגעשלייַדערט, טרעט איבער די שוועל צו דער פרייַהייַט. דער גאַנצער קאַנט ווייסט וועגן די זעכצן טרעפּ פון היגן קע־לער, וואָס פירן צום טויט.

זשאָרע קאַפּיצע טיילט מיט דעם קאָמיסאַר פון באַטאַליאָן, אז דער פאַרורטיילטער פון דער צוועלפטער איינצלקאַמער האָט זיך אייַנגעקלאַ־מערט אין די נאַרעס און רירט זיך ניט פון אָרט. דער אלטער גלייבט ניט, אז מע וויל אים ראַטעווען. בעאַ באַפוילט פאַרטרייַבן אהין דעם אנטוואָפנטן אופזעער פונעם בלאָק. זשאָרען איז דער אייַנפאַל ביכלאַל געפעלן, הייַנט נאָך, אז דער זאָקן מיט דער שניי־ווייַסער באָרד טראַכט ניט לאַנג און פאַר־פאָרט אין באַק ארייַן דעם, וועמען ער טרעט אָפּ זייַן נאַרע. דערנאָך האַלדזט ער און קושט זייַן באַפרייַער און בעט וואָס גיכער ראַטעווען פון קעלער זייַן זון, אויב ער לעבט נאָך.

...אין אומגעריכטער שאָס, און קאַפּיצע פאַלט אום אף די טרעפּ. דער סאַניטאַר האָט איבערגעבונדן זייַן וווּנד. נאָר ווען אָראַנסקי איז צוגע־לאָפן, האָט זשאָרע שוין אזוי שווער און זעלטן געעטעמט, אז עס האָט זיך געדאַכט — יעדער אָטעם, וואָס רייַסט זיך ארויס פון זייַן קינדעריש־פאַר־שפּיצטן מויל, איז דער לעצטער.

— צי איז דאָס ניט קיין צו טייַערע פרייַז? — די ווערטער האָט מיט א געבראָכן קאָל ארויסגעזאָגט דער אלטער סערב, וואָס האָט אומבאַהאָלפן א רעגע זיך געטאָפּטשעט אפן אָרט און דערנאָך זיך אראָפּגעלאָזט לעבן זשאָרען אף די קני.

אפן הימל האָבן זיך שוין באַוויזן העל־ראָזע פלעקן. דער טאָג האָט גע־עפנט דאָס אויג, און די שלאַכט אף דער צענטראַלער גאַס האָט נאָך גע־דויערט. איבראַ האָט באַפוילן, מע זאָל פון די פיר האַרמאַטן, וואָס מע האָט דאָ פאַרכאַפּט, עפנען א פייַער איבערן אלטערטימלעכן פירשטלעכן שלאָס, ווּוּהין עס האָבן זיך פאַרקליבן די רעשטלעך פונעם פייַנטלעכן גאַרניזאָן. צוויי באַטאַליאָנען פאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרפעסטיקט אף די וועגן, וואָס פירן קיין אילאָק און סרעמסקי מיטראָוויצי.

באיאָרטע מענטשן נעמען זיך ארום און קושן זיך, באגריסן איינער דעם צווייטן, ליארעמען, ווי קינדער. כאָטש זיי ווייסן, אז ס'איז נאָך ניט די גאולה. פון אלע קוימענס זעצט אַ רויך. מע באקט און מע קאָכט, קעדיי מעכאַבעד זײַן די אָנגעלייגטע געסט.

די נעכטיקע ארעסטאנטן לאָזן זיך צום וואלד. מערסטנטייל זײַנען זיי ניט קיין היגע, און זיי ווען אָן אַ טעלעגראַף, ווי אַ וואונדער איבער וואונדער, צעטראָגן איבערן גאנצן לאנד די ידיעה וועגן איבערעס זיג אין שארנגראד, וועגן דעם באטאליאָן פון פערעאָ רוס, וואָס האָט זיי געראטעוועט פון זיכערן טויט.

קימאט אַ מעסלעס האָט די זיבעטע בריגאדע אײַנגעהאלטן די שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אויסער דער פארטיזאנישער זאָנע. ס'איז געווען, ווי אַ מעכטיקער שטורעמווינט וואלט זיך דאָ דורכגעטראָגן און געלאָזט נאָך זיך הונדערטער טויטע פאשיסטן. זייערע אווטאָמאָבילן, טאנקען, הארמאטן זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין אײַזנברוך.

די דײַטשן גרייטן זיך ארומרינגלען און פארניכטן די פארטיזאנער פון וואָיעוואָדינער קאנט. ס'איז פאראן פון וואָס צו זײַן פארקלערט און פארדײַגעט. און דאָך האָט אָראנסקי אין אלץ פארגעסן — ער האָט אײַנגעהאלטן זײַן פערד און זיך אײַנגעקוקט אין דעם רעגנבויגן פון פארבן, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט פאר זײַנע אויגן. דערנאָך איז ער גאָר אראָפּגעשפרונגען אויף דער ערד און אַ ווײַלע געשטאנען אַ פארקישעפטער, ווי ער וואָלט אהער צום ערשטן מאָל געקומען און דערזען אָט די שיינקײַט.

ער, אַ שטאָטישער מענטש, פלעגט ניט אזוי אָפט זיך טרעפן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער ערד. ווי מע זאָל זי וועלן פון אים באהאלטן, האָט מען זי אפילו אין שטעטל צוגעדעקט מיט ברעטער, אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער. מע האָט ניט געלאָזט, די ערד זאָל דאָ פארגיין אין טראָגן, און באַ איר צוגענומען דעם שארפן רייעך פון פרישע גראָזן.

פאר די יאָרן מילכאָמע, ווען די ערד האָט אים אזויפיל מאָל געראטעוועט דאָס לעבן, האָט ער זי גוט דערקענט. איצט ווייסט ער, אז אויך די ערד האָט מוירע פאר קעלט, ברענט פון דאָרשט, וויל ניט, אז מע זאָל אָן אַ פארוואָס ארויסרײַסן פון איר לעבעדיקע שטיקער. אים דאכט זיך, אז אויך די ערד פילט, לײַדט און וויל, אז די מענטשן זאָלן פון איר נאָר האנאָע האָבן.

וואָס איז שײַעך דעם וואלד, איז ער שטענדיק שיין, נאָר אַ באזונדער כיין פארמאָגט ער אינמיטן זומער, ווען אפילו די קוקאווע, וואָס אויס איינזאמקײַט ציט זי איר ליד, ווערט פארשיקערט פון דער לופט און וואגט ניט מער מיט איר „קו־קו" צעשטערן די שטילקײַט.

לאָזט זיך אויס, אז די נעשאָמע באַ אָראנסקין איז נאָך גאָר יונג. ווען ניט, וואָלטן דאָך די בערג און דער טאָל ניט איבערגעכאזערט זײַן „אור־אור־או!" און די פייגל וואָלטן פלוצעם זיך ניט קיין ריס געטאָן צום הימל. ער אליין פארשעמט זיך, וואָס אין אזא צײַט האָט זיך פון זײַן ברוסט

אַרויסגעריסן אַ ווילדער, פריידיקער אויסגעשריי. דאַכט זיך, אַז אויך זײַן פערד „דעטקאַ” קוקט אויף אים פאַרכידעשט. אָראַנסקי קומט צו־זיך, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם קישעף פון דעם זומערדיקן טאָג. באַלד וועט ער שטײַפער פאַרציִען דעם רימען פון זאָטל — און אין גאַלאָפּ זיך לאָזן צו זײַן באַטאַליאָן, אין לאַגער.

ווען דער טאָג איז אויסגערונען, האָבן זיך די פילצאָליקע פאַרטיזאַנישע בריגאַדעס און אָטריאַדן פון וואָיעוואָדינע געלאָזט קיין סלאָוואָניע. זיי גייען שוין די זיבעטע שאָ. אין דער ווײַט זעט זיך אַ באַרג, ווי אַ ליגנדיקער קעמל. וויפל קילאָמעטער האָבן זיי דורכגעמאַכט?

וולאַדיסלאַוו טומין, וואָס שפּאַנט צוזאַמען מיטן רוסישן באַטאַליאָן, זאָגט, אַז פערציק.

אָנהייבן פון אַזאַ פאָרסירטן מאַרש, ווען סע שטייט נאָך פאָר אַ ווײַטער וועג פון הונדערטער קילאָמעטער, איז געפערלעך, נאָר קיין ברירה איז ניטאָ. פון פרושקאַ גאָראַ דערטראָגט זיך שוין אַהער אַ טעמפּער אָפּהילך. דער וואַלד איז פּוסט, נאָר די דײַטשן וועלן אים נאָך שאָענלאַנג באָמבירן און פונדערווײַטן באַשיסן פון האַרמאַטן און מינענוואַרפער, ביז זייער אינפאַנטעריע וועט זיך דערוועגן אַרײַן אין וואַלד.

בעאָ לייגט פאָר, אַז אין באַרג־שפּאַלט זאָל מען זיך אָפּשטעלן אויף אָפּרו. דער קאָמבאַט איז מאַסקים. ווו וועמען עס האָט געטראָפן די קאָמאַנדע, דאָרט איז מען צוגעפאַלן צו דער ערד און קימאַט גלײַך אַנשלאָפן געוואָרן.

אַן עראָפּלאַן לאָזט זיך אין וויראַזש אַזוי נידעריק צו דער ערד, אַז מע וואָלט אים געקאָנט אַראָפּקלאַפּן. עמעצער האָט ניט אויסגעהאַלטן. עס טוט זיך פּלוצעם אַ ריס צום הימל אַ פײַערדיקע טראַסע, און אויס לופט־אויסשפירער. מעגלעך, אים האָט אונטערגעצונדן דער ערשטער באַטאַליאָן אָדער די שכיינעסדיקע, די זעקסטע בריגאַדע. מיט פּעך און שוועבל וועט מען זיי מיסטאָם איצט פון דער הייך באַגיסן, נאָר אַזוי נידעריק וועט זיך דאָ שוין קיין איין עראָפּלאַן ניט אַראָפּלאָזן.

ס'איז אַן אומגלייבלעכער פאַקט, נאָר אַ פאַקט: פאַרן ערשטן מעסלעס האָט מען דורכגעמאַכט צופוס נײַנציק קילאָמעטער, און ווײַטער איז מען שוין אַוועק אין אָנגריף אויף די אָפּגעשוואַכטע גאַרניזאָנען, ווײַל אַ טייל פון די היטלעראָווצעס האָבן איצט געזוכט די פאַרטיזאַנער אין פרושקאַ גאָראַ. ניט נאָר באַנאַכט — באַטאָג האָט מען אויפגעריסן בריקן, אײַזנבאַן־רעלסן, טעלעגראַף־סלופּעס.

דערווײַל האָבן די דײַטשישע טיילן זיך גענומען אומקערן פון סערביע קיין סלאָוואָניע. זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך כורוועס און רויך פון סרייפעס. אפילע די ביימער זײַנען געשטאַנען מיט אָפּגעפּליקטע קרוינען. אויך די פאַרטיזאַנער האָבן זיך געלאָזט צוריק. נאָר דאָס מאָל האָט יעדער באַטאַליאָן באַקומען זײַן באַזונדערן מאַרשרוט און זײַן אויפגאַבע.

דער באַטאַליאָן פון פעראָ רוס איז דער ערשטער געקומען אין ראַיאָן פון פרושקאַ גאָראַ. וואָס זשע איז ער געבליבן באַם ראַנד פון וואַלד און

רירט זיך ניט פון אָרט? עס דערטראָגט זיך אַהער אַ טעמפּער דונער. דאַכט זיך, אַז עס גרילצן טאַנקען. יאָ, עמעצער פירט אַ פאַרביטערטע שלאַכט. אַ רײַטער יאָגט אַהער. דאָס איז לוקאַ בוטשקאָ, וואָס איז דאָ פאַרבליבן מיט אַ ספּעציעלער פאַרגעבונג פון דער קאָמאַנדשאַפט. ער שרײַט נאָך פונדערווײַטן:

— פּעראָ, אין בעקטעוש האָט אַ פּאָלק אַרומגערינגלט וואָלאַ קריסטי־טשעס באַטאַליאָן. אַהין גייען אויך טאַנקען. מיר קאָנען זיי נאָך איבער־שנײַדן דעם וועג.

אַ פאַרבינדלער, וואָס האַלט שוין „דעטקאָן" פאַר דער צוים, וועט זיך באַלד פּײַל־אויסן־בויגן לאָזן צום קאָמבריג. אָראַנסקי ווייסט, אַז ניט ווייניקער ווי זיבן שאָ וועלן פאַרבײַ, ביז איבראַ וועט זיי קאָנען קומען צוהילף.

שווער סאָפּענדיק פון שנעלן לויפן, פרעגט ער בײַ בוטשקאָן:

— וויפל מאַשינעס האָסטו געזען?

— צוויי.

— מיט צוויי וועלן מיר זיך ספּראַווען. פון קעגנטאַנקען־געווער שיסטו גוט?

— די קייטן אויף די רעדער זײַנען דאָך ברייטע, וועל איך פון ערשטן שאָס טרעפן.

פון האַלבטאָג ביז פאַרנאַכט האָט דער רוסישער באַטאַליאָן ניט געלאָזט, אַז פון די שכיינעסדיקע גאַרניזאָנען זאָל זיך עמעצער דורכרײַסן קיין בעקטעוש. אַ פּאָזיציע האָט זיך אים אײַנגעגעבן פאַרכאַפּן ניט קיין שלעכ־טע. אין דעם ניט גלײַכן געפעכט האָבן די פּאַרטיזאַנער אָפּגעשלאָגן איין אַטאַקע נאָך דער צווייטער. אָט האָט ווידער, ווי אַ בין, אַ זשומע געטאָן אַ קויל, און אַ פּאַרטיזאַנער איז אומגעפאַלן אַ טויטער. דאָס איז שוין דער נײַנטער.

פונדערווײַטן האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער „הוראַ". דאָס האָט איבראַ געפירט די בריגאַדע. ווי אַ שטורעם האָבן די דרײַ ראָטעס פונעם רוסישן באַטאַליאָן זיך אַרײַנגעריסן קיין בעקטעוש.

לעבן אַ הויז, וואָס האָט נאָך געברענט, זײַנען געשטאַנען אַרומגענומען קריסטיטש און אָראַנסקי. דער סערב האָט געזאָגט:

— דרוזשע, פּעראָ רוס, ווי זאָל איך דיר אָפּדאַנקען?

אָראַנסקי האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און מיד אַ שמייכל געטאָן:

— וואָלאַ, רעד ניט קיין נאַרישקײַטן. לאָז מיך זיך אָנטרינקען.

אַ פּויערטע האָט אים דערלאַנגט אַ פולן עמער מיט וואַסער, און פון זײַנע איבערגעטריקנטע ליפּן, פון דער באָרד האָט זיך אָפּן פאַרשוויצטן לײַב אַ גאָס געטאָן אַ קיל, אָפּפרישנדיק ריטשקעלע.

מוטנע וועסנע־ריטשקעלעך זײַנען געקראָכן פון אונטערן אײַז, ווען לעבן אַ דאָרפישער קוזניע, פונוואַנען עס האָט געטראָגן אַ שאַרפער גערוך פון איבערגעברענטע שטיינקוילן, האָבן זיך באַגעגנט דעווידסאָן און אָראַנ־

סקי. דער ענגלענדער האָט מיט אַ קלוגן שמייכל אַף די ליפּן גע־פרעגט:

— קאַפּיטאַן, ווי מיינט איר, די מילכאָמע וועט זיך גיך ענדיקן?

אַראַנסקי האָט פון צווישן די געדיכטע ווײַס אַ קוק געטאָן אַפן הויכן און דאַרן ענגלישן מאַיאָר, און, מעגלעך, גראַד דערפאַר, ווײַל פון יענעמס שטערן האָט געווייעט שוין מיט צופּיל רו, האָט ער אים געזאָגט:

— איך ווייס ניט. איר הערט דאָך ראַדיאָ. פון דער קעשענע שטעקן בײַ אײַך אַרויס צײַטונגען. אין סלאָוואָקיע האָב איך געזען, ווי איר האָט אַזוי היימיש געשמועסט מיט דעם זון פון אײַער פּרעמיער ראַנדאָלף טשער־טשילן. איז פאַרקערט, עפּשער וועט איר ענטפערן אַף דער פראַגע?

— ריכטיק, פּעראַ. אַף אַן עמעס טויב איז דער, וואָס וויל ניט הערן. איך הער טאַקע ראַדיאָ, לייען פאַרשיידענע צײַטונגען, אַפילו די „סאָוועט יוניאָנס אַוויקלי"[1]. מיר דאַכט זיך, אַז די מילכאָמע וועט זיך ציִען נאָך אַ יאָר פינף, אויב ניט מער.

צי ווײַל אַראַנסקי איז קיינמאָל ניט געווען קיין דיפּלאָמאַט, צי אַפן האַרצן איז אים דאַן געווען אַנגעזאָליעט, נאָר אָפּגעענטפערט האָט ער אים, ווי אַ סאָלדאַט קאָן:

— ווען מיר, הער מאַיאָר, וואָלטן זיך געשלאָגן, ווי אונדזערע פאַרביני־דעטע, וואָס ווילן כאַפּן פיש און ניט אײַנעצן די הענט, וואָלט די מילכאָמע זיך געצויגן עפּשער נאָך צוואַנציק יאָר. נאָר מיר זײַנען שוין איצט אַרויס אַף אַ גלײַכן וועג, און איך גלייב, אַז אינגיכן וועט זײַן אָפּגעהיטלערט. ביז בערלין איז שוין גאָרניט אַזוי ווײַט.

דעווידסאָן, וואָס איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אין דעם פּאַרקן, האָט זיך אויסגעגלײַכט:

— איר, פּעראַ, זײַט טאַקע אַ קלוגער מענטש, נאָר מיר דאַכט זיך, שוין צו אַ גרויסער אָפּטימיסט. איך וואָלט אַ באַלן אַ זײַן צו וויסן, ווער וואָלט באַשטעטיקט אײַערע רייד. עפּשער וועטן מיר זיך?

דער געשפּרעך האָט זיך דעמלט פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס דער ענג־לענדער האָט פאָרגעלייגט אויסטרינקען פאַרן זיג איבער היטלערן. אין הילכעס טרינקען איז אַראַנסקי אַ כוואַט. ער איז גלײַך אײַנגעגאַנגען און אַראָפּגענומען פונעם רימען זײַן פעלד־פלאַש מיט בראַנפן.

איצט איז שוין אַלעמען קלאָר געווען, אַז ווען זיי וואָלטן זיך געוועט, וואָלט דער ענגלישער מאַיאָר פאַרשפּילט. אָנהייב סענטיאַבער 1944 איז די סאָוועטישע אַרמיי אַרויס צו דער רומעניש־יוגאָסלאַווישער און סאָף סענטיאַבער צו דער בולגאַריש־יוגאָסלאַווישער גרענעץ. די פאַשיסטישע קאָמאַנדשאַפט איז געווען געצוווּנגען דרינגענדיק אַריבערוואַרפן פון גריכנ־לאַנד און אַלבאַניע קיין דאָרעם־סלאָוואַקיע דרײַצן דיוויזיעס פון דער אַר־מיי־גרופּע «E».

די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פּונקטן, דעם אײַזנבאַן־ און וואַסער־טראַנ־ספּאָרט, די צענטראַלע שאָסיי־מאַגיסטראַלן האָבן דערווײַל נאָך אײַנגע־

[1] אַ סאָוועטישע צײַטונג, וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן בייס דער מילכאָמע.

האלטן די אָקופּאַנטן. פינף הונדערט זיבעציק טויזנט פאַשיסטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן פאַרנומען אַ באַרג־לאַנד, וווּ ס׳איז גוט צו פאַרטיידיקן זיך און ניט אָנצוגרייפן.

ס׳איז שפּעט באַנאַכט. פון די וואָלקנס האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ שטערן. אַרום דעם אויסגעלאָשענעם שייטער זיצן איבראַ, טשערנאָגאָריעץ, אָראַנסקי, בעאָ, סאַזאָנאָוו און ניקאָלאַדזע. אַמאָל האָט אָראַנסקי געבעטן באַטיען, מע זאָל צונויפנעמען די סאָוועטישע סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן אין איין טייל. איצט בעט דער רוסישער באַטאַליאָן, מע זאָל אים דערלויבן גיין אַנטקעגן דעם דריטן אוקראַיִנישן פראָנט.

די רוסן ווילן עס נאָך דערפאַר, ווייל לענדער זיינען ווי מענטשן, און דער רוסישער באַטאַליאָן, וואָס האָט דורכגעשפּאַנט אין שווערע שלאַכטן דעם רייכן און שיינעם באַלקאַנער האַלב־אינדזל פון ראַנד ביז ראַנד, האָט געפונען אַ שליסל ניט נאָר צו די הערצער פון זיינע איינוווינער, נאָר אויך צו זייערע בערג און טאָלן, און גראָד דאָס קאָן איצט צוניץ קומען דער אָנגרייפנדיקער סאָוועטישער אַרמיי.

אויף אַן אַראָפּגעפּאַלענעם בלאַט לייכט אַ גלי־ווערעמל. זאַכאַר וויל עס אָנרירן מיט דער האַנט. נאָר פּרווו טאַפּ עס אָן, דאָס גאָרנישטל, ווערט עס באַלד פאַרלאָשן. איבראַ הייבט זיך אויף פון אָרט, און באַלד שטייען אַלע אויף. ס׳איז צו פינצטער, מע זאָל זען דעם קוים באַמערקבאַרן שמייכל, וואָס באַווייזט זיך אויף זיינע ליפּן, ווען ער זאָגט:

— וואָס אַ מענטשן קאָן קומען אויפן זינען. איך וואָלט געוואָלט, אַז אויף אָט דעם אָרט אויף פּרושקאַ גאָראַ זאָל צווישן דיביימער, ווייט פון שטאָט־ראַש, שטיין אַ פּרעכטיקער בנין. און זיין זאָל ער לייכט, מיט גרויסע ליכטיקע פענצטער און גאַסטפרייַנטלעך צעפּראַלטע טירן, און אַ שילד זאָל הענגען — „פּאַרטיזאַנער״, און דאָרט זאָלן מיר אין יאָרן אַרום זיך טרעפן בײַ לאַנגע טישן, געדעקטע מיט ווייסע טישטעכער. — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט שוין געזען פאַר זיינע אויגן דעם פּאַ־לאַץ.

צווייטע העלפט אָקטיאַבער. אינדערלופטן פליט שפּינוועבס, אָבער די זון וואַרעמט נאָך. ס׳איז שטיל אויף פּרושקאַ גאָראַ. נאָר אָט דערהערט זיך אַ קאָמאַנדע, און דער באַטאַליאָן, וואָס שטייט לינקס, אויפן בערגל, טוט אַ ציטער, גלייכט זיך אויס און ווערט פאַרגליווערט.

— באַטאַליאָן, אַכטונג! גלייכן זיך אויף רעכטס!

אַ צווייטע קאָמאַנדע, צו דער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך צעצויגן אויף דער לאָנקע:

— בריגאַדע, אַכטונג! גלייכן זיך אויף לינקס!

מיט געמאָסטענע טריט שפּאַנען איינער צום אַנדערן צוויי קאָמאַנדירן. אויף האַלב וועג שטעלן זיי זיך אָפּ און גיבן איינצייטיק אַ קלאַפּ מיט די אָפּצאַסן.

— כאווער קאָמבריג! דער רוסישער באַטאליאָן איז גרייט אויספילן אײַער באפעל.

איבראַ דריקט אָראַנסקין די האַנט און זאָגט הויך, אז אַלע זאָלן הערן:

— אונדזער גוטן געפיל צו די רוסן האָבן אונדז איבערגעלאָזט בעיע־רושע די טאַטעס און זיידעס. איר, סאָוועטישע סאָלדאַטן, האָט נאָכאַמאָל דערוויזן, אַז רוסן זײַנען ניט נאָר געוואגטע קעמפער, נאָר ערלעכע און נאָבעלע מענטשן. איז לאָמיר פאַרן צעשיידן זיך נאָכאַמאָל איבערכאַזערן: טויט דעם פאַשיזם, פרײַהײַט דעם פאָלק!

פון דעם הארבסטיקן וואַלד האָט איבער די בערג, איבער די וואַסערן, וואָס פליעסקען זיך אין סאַווע און דונײַ, זיך געטראָגן די פּאַרטיזאַנישע שוווּע: טויט דעם פאַשיזם, פרײַהײַט דעם פאָלק! און אַנטקעגן, פון דער ווײַט, — דער מעכטיקער אָפּהילך פון דער אָנוואַקסנדיקער קאַנאָנאַדע.

# בא
# דער
# בערעזינא

דערציילונג

1



ער אלטער פליטן־טרייבער גאָרבאַצעוויטש טײַנעט, אַז פאָרט אויס אַ וועלט, וועט איר קיין שענערן טײַך ווי בערעזינאַ ניט געפינען. ער איז ניט ברייט און ניט טיף ווי אַנדערע, ער איז ווייניקער קאַפּריז און האַלט ניט פון בייזערן זיך און בושעווען. ער איז שטיל און נאָכגיביק. זײַנע ברעגן זײַנען נידעריקע און געשלענגלטע, ער באַוואַשט וועלדער, און, ווי אין אַ שפּיגל, האַלטן זיי, די וועלדער, אין איין אַרײַנקוקן אין זײַנע וואַסערן, און די וואַסער־אויבערפלאַך מיט אירע קנייטשן, — עס לוינט זיך אײַנהערן, — ניט זי ברומט, ווי אַנדערע, נאָר זי שעפּטשעט: שפּיגלט אײַך, וועלדער, שפּיגלט אײַך, און ווען פון אײַך וועלן אָנהייבן בלעטער פאַלן, וועל איך זיי גאָר קיין שלעכטס ניט טאָן, — פאָרזיכטיק וועל איך זיי טראָגן, וואַשן און וויגן.

נאָר דערווײַל פאַלן נאָך ניט קיין בלעטער.

טײַך־אַרבעטער פלעגן יאָר־אײַן, יאָר־אויס ריייניקן דעם טײַך. אין די נעכט פלעגן באַקענשטשיקעס אַרויסהענגען אויף יעדן מײַל גרינע און רויטע שטערנדלעך. זיי שײַנען ניט, אָט די שטערנדלעך, ווי די יאַם־טורעמס, אָבער ווי שיין זיי פינקלען אין דער פינצטערניש. טראַלערס פלעגן דאָס טײַך־בעט ריייניקן פון שטיינער, פון וואָרצלען, עס טיפער מאַכן און פאַרברייטערן. פיל מענטשן פלעגן, צוליב פאַרגעניגן, פאַרלאָזן זייערע הײַזער, זיך אָפּזאָגן פון רײַזעס אויף דאָרעם און זיך איבערקלײַבן אויף אַ צוויי וואָכן און מער אויף שיפן, וואָס מע האָט גערופן שווימענדיקע אָפּרו־הײַזער אָדער סאַנאַטאָריעס.

ניט ווײַט פון ברעג, אונטער א ווילד־וואקסנדיקן קוסט, ליגט דער אל־טער גאָרבאצעוויטש. א היפש ביסל יאָרן האָט ער דאָ געטריבן פליטן. צום טײַך איז ער געווינט, ווי צו אָט דער ליולקע, וואָס ער האלט אָן אופהער אין צײן. אָט קאָן ער מיט פארמאכטע אויגן, ניט אָנטאפּנדיק אפריער, גלײַך מיטן פינגער טרעפן, ווו עס איז אין דער ליולקע א שטיקעלע האָלץ אויסגעקאלופּעט, ווו ער האָט מיט יאָרן צוריק א שפּעלטעלע פארקלעפּט. נאָר עפּעס איז ער געוואָרן, דער טײַך, ניט צו דערקענען, ווי פאריאָסעמט, און ניט נאָר דערפאר, וואָס שיפן און שיפּעלעך האָבן זיך אופגעהערט גליטשן אף אים. אָט האָט א פישעלע פון וואסער זיך באוויזן, געמאכט א האלבן קרײַז אינדערלופטן, ווי צו באווײַזן, וואָס פארא שיינע שטראלן א פארגייענדיקע זון קאָן ווארפן, נאָר דאָך איז עס ניט דאָס, וואָס געוועזן.

פון ביידע בריקן הענגען אראָפּ אײַזנס, ברעטער, ווי צעבראָכענע ריפּן. די בריקן, דאכט זיך, זיי כאָרכלען נאָך. פון די אופרײַסן זײַנען זיי זיך ניט צעפלויגן, נאָר אײַנגעקאָרטשעט זיך, און גויסעסדיק זיך אראָפּגעלאָזט אף העכער האלב אין וואסער.

פונעם פאראָם האָט עמעצער די קייט אראָפּגענומען, דעם רודער ארויס־געריסן, — האָט ער זיך איינזאם געטראָגן, ביז ער האָט זיך אין דער אופּ־געריסענער בריק ארײַנגעשניטן.

א באקאנטער באקענשטשיק, קוליק, וואָס האָט די טעג דאָ ניט ווײַט באגעגנט גאָרבאצעוויטשן, האָט אים א פרעג געטאָן:

— וואָס, מיראָן איוואנאָוויטש, דיך ציט נאָך אלץ צו דײַנע פליטן? פארגעס אין זיי, אלטער. בויען קלײַבן זיי זיך ניט, די דײַטשן, און אף טלײַעס וועט זיי קלעקן געהילץ. אויב ניט, וועלן זיי דײַן כאטע צעוואל־גערן. דײַנע, ווײַל זי איז בעסער פאר מײַנער.

דעם פליטן־טרײַבער דארף מען וועגן דעם ניט דערמאָנען. ער פאר־שטייט עס אליין גוט. און אויב ער דרייט זיך דאָ ארום גאנצע טעג, איז ניט ווײַל עס ציט אים אהער, פארקערט — ער וואלט בעסער געוואלט ניט זען איצט דעם טײַך. נאָר ער מוז, ער האָט א וועלט מיט ארבעט — ער קלײַבט צונויף ביקסן און קוילנווארפער, קוילן און גראנאטעס. ער ווייסט, אז אלץ וועט צוניץ קומען. אפילו א הארמאט האָט ער שוין באוויזן באהאלטן אין טײַך.

עמעס, הײַנט — ניט ער זוכט, ניט ער באהאלט דאָ געווער: ער ווארט אף זײַן טאָכטער, וואָס דארף קומען פון שטאָט. אליין טאָר ער זיך אהין ניט באווײַזן, האָט ער געבעטן פאשען זיך דורכגיין און דערוויסן זיך, ווי לעבן זײַנע באקאנטע, און פריִער פאר אלץ ארײַנגיין צו אווראם יאָפע און אים זאָגן, אז ער, מיראָן, אייצעט אים מיט דער פאמיליע זיך אריבער־קלײַבן צו אים אין דאָרף. אז זיי האָבן זיך ניט באוויזן צו עוואקוירן, האָט ער שוין געוווסט, איז ווי קאָן מען עס ניט העלפן א פרײַנט אין אזא מין צײַט?

מיראָן איוואנאָוויטש איז אף א סאך עלטער פון אווראָמען. נאָר גוטע־פרײַנט זײַנען זיי שוין לאנג. זאָל זיי דאָס אנטקעגנקומען, וואָס זיי ווינטשן זיך איינער דעם צווייטן. אינעם בירגערקריג האָבן זיי ביידע געקעמפט אין איין פארטיזאנישן אָטריאַד. מיראָן געדענקט נאָך יענע צײַטן, ווען

אווראָמס טאטע, נאָכעם, פלעגט מיט זײַן שוסטערשן קלאַפּערגעצײַג גיין פון דאָרף צו דאָרף. צוליב זײַן פריילעך־טענצלדיק געגנגעלע האָט צו נאָכע־מען זיך צוגעקלעפּט דער נאָמען בעגון, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אוו־ראָמען, אויך אַ שוסטער. אין דער וואָכעדיקער פּאַרנומענקייט און פּאַר־האָרעװעטקײַט איז פּאַר די בעגונס דער טאָג געװען קליין. זיי האָבן ליב געהאַט אַרבעטן ביז שווייס און עסן צו זאַט. נאָך האָבן זיי ליב געהאַט אַ שפּאַס.

ביזן סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן די בעגונס געוווינט אין דאָרף. זייער שטוב איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער, לעבן קלויסטער. מיראָן איוואַנאָוויטש פלעגט אָפט אַרײַנקומען צו זיי. אים איז געפעלן געווען שטילערהייט קוקן, ווי אַווראָם זיצט אויף זײַן נידעריק בענקעלע, מאַכט אַ דראַטווע, נעמט אַ שטיקל שוכוואַרג אויף דער קאָפּיטע און ברומט זיך אונ־טער אַ לידל, פון וועלכן ער אַליין לאָזט אַמאָל אַ טרער מינע, די פרוי זײַנע, איז געווען אַ נייטערקע. זי האָט אַוורואָמען געבראַכט דרײַ קינדער. נאָך יעדן האָבן איז זי, ווי אַ רויז, געוואָרן אַלץ שענער און שענער. קוקן אויף דעם פּאָרפאָלק האָט מיראָן געקענט אַ שאָ און מער, ביז ער פלעגט, געווייינלעך, אַ פרעג טאָן:

— נו, וואָס?

אווראָמס ענטפער איז געווען:

— אייסעך וואָס.

מינע האָט דערבײַ געוואָרפן אַ פאַרשטייענדיקן קוק אויף איר מאַן, און כאָטש אויף אירע ליפּן פלעגט זיך באַווײַזן אַ גוטער שמייכל, האָט זי קלוי־מערשט, געזיפצט:

— וואָסי דען?

— אַזוי גאָר! — האָבן זיי געקענט ענטפערן ביידע מיטאַמאָל.

ביז מיראָן האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע מיט טאַבעק און פאַררייכערט, זײַנען שוין די גלעזער ביז העכער האַלב אָנגעפילט און מינע האָט געהאַט אוועקגעשטעלט אַ שיסל מיט געזײַערט קרויט. דערנאָך האָט זי דערלאַנגט אַ טעלער גוט צעקאָכטע ווײַסע פאַסאָליעס מיט גראַבע בײַכער. צו אַ יאָמ־טעוו האָט די באַלעבאָסטע נאָך געבאַקן קיכלעך, וואָס האָבן זיך געקרישלט אין מויל.

קאַלזמאַן די מאַנצבלען האָבן נאָך געפילט קלאָרקײַט אין זינען און פעסטקײַט אין די פיס, האָבן זיי פאַרטרויט אייניער דעם צווייטן דאָס פאַרבאָרגנסטע. נאָר ניט זעלטן איז געשען, אַז מע פלעגט היפש איבער־כאַפּן די מאָס און אָנהייבן זיך באַרימען מיט דער רועך ווייסט וואָס. מינע פלעגט דאַן אָפּגיין פון זיי וואָס ווײַטער.

אין 1928 יאָר האָט אַווראָם יאָפּע באַשלאָסן זיך איבערקלײַבן אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט, ווו ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ שוסטער־אַרטעל. יענעם יאָר איז דער פרילינג געווען אַ שפּעטער, און די וואַסערן, ניט באַווײַזנדיק דערלויפן צום טײַך, האָבן זיך צעגאָסן איבער די פעלדער און וועלדער. ניט וואַרטנדיק, ביז דער וועג וועט זיך שטעלן, האָט גאָרבאַצע־וויטש גענומען זײַן פערד־און־וואָגן און אַריבערגעפירט די גאַנצע מישפּאָכע מיטן ביסל האָב־און־גוטס אין פאַרשטאָט.

א שטוב פון פיר צימערן מיט א קיך און א טעראסע האָט מען אויסגע־בויט פון אַזוינע קלעצער, וואָס האָבן באַדאַרפט דינען פאַר קינדס־קינדער. דער גאָרטן און דער סאָד ארום דער שטוב האָט פאַרנומען ניט ווייניקער פון א העקטאַר. די באַברולקע, וואָס איז געלאָפן פונעם בארג אין דער בערעזינא, האָט זיך פרילינג־צײַט געלאָזט הערן אפילו בא פאַרמאַכטע טאָפּל־פענצטער.

פון דעמלט אָן, ווי נאָר מיראָן איוואַנאָוויטש קומט אין שטאָט, ווייסט ער, אַז פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען פאַרפאָרן צו די בעגונס. אויך די קינדער זייערע קומען אָפט איינע צו די אַנדערע אין געסט.

גאָרבאַצעוויטש ליגט אָפּן פּײַכטן גראָז, זײַנע אויגן זײַנען צום הימל פאַריסן, און אים דאַכט זיך, אַז קיינמאָל האָט דער איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט ניט געדויערט אַזוי לאַנג ווי איצט. פון מײַרעוו האָבן זיך געצויגן טונקעלע וואָלקנדלעך, און דערפאַר האָט זיך געדאַכט, אַז די נאַכט טראָגט זיך פון דאָרט, פונוואַנען די וואָלקנס ציִען זיך.

ערשט ווען עס איז גוט טונקל געוואָרן, האָט זיך אומגעקערט פּאַשע א פאַרמאַטערטע און א בלייכע. דער גאַנצער צאָרן און גרויל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַרן טאָג, האָט ערשט דאָ, ווען זי האָט דערזען דעם טאַטן, ארויסגעשפּאַרט פון איר.

— געננוג, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן, — פאַרשפּאָרסט מיר דער־ציילן. איך קען זיי, די דײַטשן. איז זאָגסטו, אַז די טאָכטער זײַנע, בראָניע, באַהאַלט זיך ערגעץ אויס אין שטאָט? דאַרף מען זי געפינען און ברענגען אַהער, — מיט טרערן וועסטו קיינעם ניט העלפן.

דערנאָך האָט ער געזאָגט אין דער הייך:

— מײַן נאָמען וועט ניט זײַן מיראָן, אויב איך וועל לאָזן די דײַטשן זיך נוצן מיט די בריקן.

ניט ווײַט פונעם ליכט־קרײַז, וואָס דער עלעקטרישער לאַמטערן האָט צעשפּרייט אויף דער ערד, איז זי געשטאַנען מיט א ייִנגל פון איר עלטער און געלושטשעט יאַדערן. דאָס ייִנגל זאָגט איר אַזוינע ווערטער, אַז דאָס האַרץ צאַפּלט פון נאַכעס, נאָר דאָס שטערט איר ניט ענטפערן אים קידער־ווידער און אפילו מיט קויעך אָפּשטופּן. די מאַמע, וואָס האָט אגמעסנעפּעש פון יעדער קלייניקײַט, קער שוין אויף געוויס איבערקלערן, וואָס בראָניע איז נאָך ניטאָ. שלאָגט זיך בראָניע מיט דער דייע — בלײַבן מיטן ייִנגל צי גיין אַהיים. א ביסעלע וועט זי נאָך מעסטן מיט אים די גאַס. די אָפענע טירן און פענצטער זײַנען פאַרהאַנגען מיט מאַרליע, וואָס הוידעט זיך פונעם שטילן ווינט. אויף די בענק בא די קאַליטקעס זיצט מען גאַנצע געזינדן. מע כאַפּט פרישע לופט, מע כאַכמעט זיך, מע לאַכט.

בראָניע, א הויכוויקסיקע, מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ, איז דאַן אַלט געווען קנאַפּע אַכצן יאָר. געצײילטע טעג זײַנען פאַרבײַ, זינט זי האָט פאַרענדיקט דעם צענטן קלאַס. די מאַמע האָט געוואָלט, זי זאָל פאָרן קיין מינסק זיך לערנען אויף דאָקטער, נאָר בראָניעס ברודער, וואָס האָט זיך געלערנט

אין מאָסקווע, האָט געשריבן, זי זאָל אומבאַדינגט צושיקן די דאָקומענטן אין זעלבן טראַנספּאָרט־אינסטיטוט, ווו ער לערנט. און אַליין באַ איר איז אַלע טאָג אַן אַנדער פּלאַן געווען. יעדער נײַער אויסוואַל האָט איר אויסגעזען בעסער פאַרן לעצטן.

וועגן דעם אַלץ האָט בראָניע איצט פאַרגעסן. פאַר איין נאַכט האָט זי די גאַנצע מישפּאָכע פאַרלאָרן; פון דער שטוב, ווו זי איז געבוירן און געוואַקסן, איז פאַרבליבן אַ בערגל אַש און עטלעכע האַלאָוועשקעס.

אירע אַ שול־כאַווערטע, אַ ווײַסרוסיש מיידל, האָט זי אויסבאַהאַלטן פון טויט. איז ווייסט זי ניט, בראָניע, צי האָט מען איר גוטס אָדער שלעכטס געטאָן. עפּשער וואָלט שוין גאָר געווען בעסער צוזאַמען מיט טויטע טאַטע־מאַמע אין סאָד ליגן? איז אַף וואָס וואַרט זי? די כאַווערטע אירע, פּאַשע, וואָס האָט זי מיט עטלעכע טעג צוריק פון שטאָט אַרויסגעפירט, ווען זי געפינט שוין מער ניט מיט וואָס צו טרייסטן זי, טײַנעט, אַז שטאַרבן איז קיינמאָל ניט שפּעט.

אָט, דאַכט איר, האָט זי ערשט מיט דער מאַמען זיך געזעגנט. עס איז עפּשער גאָר קיין כאָלעם ניט געווען. אירע גרויסע ברוינע אויגן זײַנען האַלב אָפן געווען, און געטראַכט האָט בראָניע גאָר וועגן אַן אַנדער זאַך, און מיטאָמאָל — די מאַמע... זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגן פענצטער, אַ קוק געטאָן אַפן דיל און אַף דער סטעליע, ווי זי זאָל וויסן, די מאַמע, אַז די לעצטע צײַט האַלט זיך איר טאָכטער אַמערסטן אין אַ קעלער. דערנאָך האָט זי בראָניען באַמערקט און שטיל אַרויסגערעדט: „בערל, דער ברודער דײַנער, איז געוויס אַפן פראָנט, און ווער ווייסט, צי ער וועט לעבן בלײַבן. איז שטאַרק זיך, ברײַנדעלע, לעב איבער דעם אומגליק. אַניט קאָן דאָך פון אונדזער מישפּאָכע קיין שפּור ניט פאַרבלײַבן...״

בראָניע האָט געוואָלט דערציילן דער מאַמען, ווי שווער איר איז, בעטן, זי זאָל מיט איר פאַרבלײַבן אָדער זי, בראָניען, מיט זיך צונעמען. האָט די מאַמע ווי זיך אָנגעשטויסן, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, פאַרדעקט די שוואַרצע צעשויבערטע האָר מיט דער אַלטער טערקישער שאַל און שוין באַם אַוועקגיין געוואָרנט: „אַליין, טאָכטערקע, אַליין. אַליין דאַרפסטו אַלץ איבערקומען״.

בראָניע האָט פון אונטער דער קאָלדרע די האַנט אַרויסגענומען, זי אויסגעשטרעקט, נאָר אַכוץ אַ שטיקעלע לעוואָנע־שײַן, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט צווישן די שפּאַלטן פון די פאַרמאַכטע לאָדנס, האָט זי גאָרניט אָנגעטאַפּט.

זי האָט זיך צו פּאַשען, וואָס איז באַנאַנד מיט איר געלעגן, צוגעדריקט, ניט פון מוירע, נאָר אַזוי זיך, קעדיי פילן, אַז זי איז איצט ניט אַליין. יענע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און, ווי פון שלאָף, אַ פרעג געגעבן:

— האַ, וואָס?

— די מאַמע... איך האָב נאָרוואָס די מאַמע געזען.

— א כאָלעם... דאָס איז צום גוטן.
— ניין, איך בין ניט געשלאָפן.
— טײַערע, — האָט זי בראָניען ארומגעכאפּט.

צום ערשטן מאָל פאר דער צײַט האָט זיך אין בראָניעס קאָפּ ווי א בליץ דורכגעטראָגן א געדאנק: „איך מוז לעבן!”.

צי עס האָט טאָגן אָנגעהויבן, נאָר איר האָט זיך געדאכט, אז אין צימער איז שוין גאָר ניט אזוי פינצטער, און די שײַן האָט זי שוין ניט אזוי געשראָקן, ווי די לעצטע צײַט דער אָנקום פון טאָג.

מיראָן איוואנאָוויטש ווייסט די געגנט ארום ווי זײַנע צען פינגער. אף גאנצע וואָכן האָט ער געגנומען פארפאלן ווערן. ער ווייסט, צו ווענען מע דארף זיך ווענדן, ווענען מע דארף פאָלגן און ווענען — באפוילן. א ליבהאָבער אין קאָרטן שפּילן איז ער גאָר געוואָרן אף דער עלטער. און קומט ער שוין אהיים, אזוי גלײַך קלײַבט זיך בא אים צונויף א קאָמפּאניע, און ביז שפּעט אין דער נאכט שנײַדט מען זיך אין אָן „איין־און־צוואַנציק”.

„מעשוגע דער אלטער”, — האָבן שכיינים געטײַנעט. אזא טײַער פערדל, ווי בא אים איז געווען, האָט ער עס נעכטן א באָכער פון אן אנדער דאָרף פארשפּילט, און יענער האָט גאנצפרי זיך ארופגעזעצט אף דעם רײַטנדיק און פאר מענטשן אין די אויגן מיראָנען נאָך א רייץ געטאָן: „געווען דײַנס, און איצט — מײַנס”. וואָס א שקאָץ א באָכער קאָן! וואָלט ער זיך כאָטש שטילערהייט אָפּגעטראָגן, איז ניט, פּלאפּלט ער נאָך אף צעפּיקעניש. פּאשען האָט ער אונטערגעוווּנקען: „דו לאָז מער דעם טאטן אין קאָרטן ניט שפּילן, אניט וועט ער אויך די בעבעכעס פארשפּילן, א הייסער שפּילער דײַן טאטע”.

בא מיראָנען טאקע אין שטוב האָבן די „קאָרטן־שפּילער” זיך וועגן אלץ צונויפגערעדט, און אין א קורצער צײַט ארום האָט אין א טיפן וואלד, ווײַט פון דערפער און פון וועגן, צעשטעלט זײַן לאגער דער אָטריאד פּארטיזאַנער, און ווי אין א זײַט, לעבן סאמע וואסער־קוואל — גאָרבאצעוויטשעס „ווילע” — פיר אײַנגעבויגענע שטענגלעך, פון אויבן איבער זיי אָנגעוואָרפענע צווײַגן, איבערגעדעקט מיט א פעל פון א בעהיימע, — אן עכט ציגײַנערש בײַדל. אליין מיראָן איוואנאָוויטש געפינט זיך זעלטן ווען אין לאַגער, נאָר דאָ וווינען זײַן טאָכטער פּאשע און איר כאווערטע בראָניע.

עס איז שוין א היפּשע צײַט אוועק זינט יענע נאכט, ווען מע האָט בראָניען צום ערשטן מאָל געשטעלט אפן פּאָסטן, דאָך האָט זי געשראָקן די פינצטערניש, דער וואלד, און ווער רעדט שוין, ווען א סאָווע האָט זיך פּלוצעם צעוויינט! יאָ, טאקע ניט די ערשטע נאכט דאָ, און דאָך איז איר אפילע אפן זינען ניט געקומען, אז דאָס קאָן זײַן א פויגל. זי איז שטיין געבליבן א פארגליווערטע, נאָר איין וואָרט ארויסגעמורמלט: „מאמע”.

דערנאָך — פאַרשעמט זיך און ביז ווייטעק אין דער ביקס זיך איינגעקלאַמערט. פּאַשען האָט זי דערציילט וועגן דעם, נאָר יענע האָט זיך אַפּילע ניט געוווּנדערט.

ערשט נאָך דער ערשטער שלאַכט האָט זי זיך באַרויִקט. דאָס איז פאַרגעקומען אַזוי אומגעריכט און שנעל, אַז איר איז אַפילע אפן געדאַנק ניט געקומען, אַז די קוילן צילט דער פּיינט אין איר, אין אירע פּריינט.

מיראָן איוואַנאָוויטש איז ניט געווען דערביי, נאָר ניט אַנדערש, ווי עמעצער האָט אים דערציילט. בּאַ וועטשערע עסן האָט ער זיך געווענדט צו בראָניען:

— שלעכט דעם דייטש, זייער שלעכט. אויב פאַר אים האָבן שוין מיידלעך ניט מוירע, וועט ער ווייט ניט פאַרפאָרן.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַנטקעגן וואָס ער זאָגט עס, און איז אים געווען שטאַרק דאַנקבּאַר. שטילערהייט, ער זאָל ניט באַמערקן, האָט זי אַרויסגענומען בּאַ אים פון קעשענע זיין ליולקע, אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און אָנגעשטאָפּט זי פול מיט דייטשישן טאַבּעק — דאָס איינציקע, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט נאָך דער שלאַכט.

פאַרענדיקט מיט דער וועטשערע, האָט דער אַלטער זיך אופגעהויבן פון קלאָץ, אַף וועלכן ער איז געזעסן, אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט די קעשענע, צוגעגאַנגען צום שייטער, אופגעהויבן אַ גליִענדיקע קויל, זי אַ פּאָר מאָל אונטערגעוואָרפן אַף דער דלאָניע און צוריק אין פייער אַריינגעוואָרפן.

פּאַשע מיט בראָניען האָבן זיך איבערגעוווּנקען.

— וואָס, איוואַניטש, עפּעס פעלט אייך? — פרעגט בראָניע.

— טאַטע, עפּשער האָסטו זיך נאָך אַ גלאָז ביר פאַרבענקט?

— אָ, ציגן!

— איוואַניטש, בייזערט אייך ניט. מיר ווייסן דאָך, וואָס אייך פעלט, — מאַכאָרקע, אייגענע, שטאַרקע...

דער אַלטער האָט זיך אָנגעשפּיצט: עפּעס פאַרדעכטיקע רייד. אָבער ניין, ווי קומט עס צו זיי? און מיטאַמאָל האָבן זיך זייערע אויגן פאַרזשמורעט, און מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי אַ קינד, וואָס וויל וואָס גיכער באַקומען די געגאַרטע מאַטאַנע, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו בראָניען. מיטביידע הענט האָט ער געהאַלטן די ליולקע. פּאַשע האָט אים אונטערגעטראָגן אַ ברענענדיק שפּענדל, האָט ער, וויפל דער אָטעם האָט אים געקלעקט, אַריינגעצויגן אין זיך דעם רויך, קלוימערשט באַרוּגעז אַ קוק געטאָן אַף די מיידלעך און ניט אַנדערש, ווייל ער איז שוין געוווינט געווען, אַ בורטשע געטאָן: „אָ, ציגן!“

אליין איז ער פאַרקראָכן אין בּיידל אַף נאַכטלעגער, און די מיידלעך, כאָטש דאָס איז געווען אין די הייסע זומערדיקע טעג מיט די סאַמע קירצסטע נעכט, האָבן דאָך פון געוווינהייט זיך געהאַלטן וואָס נעענטער צום שייטער. זיצן זיי זיך באַנאַנד — איינע וואַרפט אונטער פון מאָל צו מאָל אַ קאַרטאָפל, די צווייטע פאַרשיט זי מיט טליִענדיקע קוילן, און עס ציט זיך

א שמועס. אזוי באַמערקט מען ניט, ווי די וואַלד־פּינצטערניש ווערט צע־רונען, ווי דער שײַטער האַלט באַם לעשן זיך, און ערשט דאַן ווערן צוויי כּוועטעס, אײַנגעוויקלט אין איין שינעל, אַנשלאָפן.

דער אָטריאַד האָט באַשטימט פֿאַרלאָזן דעם ראַיאָן. דאָס איז געווען אין די טעג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע בלאָקאַדע. פֿון שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אַ צי געטאָן אַהער, צו די פּאַרטיזאַנער, דײַטשישע פּאָלקן מיט אַרטילעריע, אַוויִאַציע און טאַנקען. ביזן ברעג וואַלד איז מען געגאַנגען צוזאַמען, דאָ האָט די קאָמאַנדשאַפֿט צעטיילט דעם אָטריאַד אויף גרופּעס, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. קומט דער טאָג, פּאַרטײַעט מען זיך ערגעץ אין אַ זומפּיק אָרט אָדער גאָר בײַשכיינעס מיט אַ פֿײַנטלעכן גאַרניזאָן, און באַנאַכט, אויסגעהונגערטע, מידע, לאָזט מען זיך ווײַטער אין וועג.

גאָרבאַצעוויטש מיט פּאַשען זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין איין גרופּע, בראָניע אין אַ צווייטער.

— היט זיך, בראָניע, — האָט זי פּאַשע באַם געזעגענען זיך געוואָרנט.

— אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר זיך צונויפֿקומען, — האָט איר דער עלטער נאָכגעשריִען.

ווער עס איז זיך צונויפֿגעקומען, און ווער — ניט...

נאָך אין וועג האָט בראָניע זיך דערוווּסט, אַז באַם איבערגיין דעם שאָסיי האָט גאָרבאַצעוויטש מיט זײַן גרופּע אָנגעטראָפֿן אויף אַ זאַסאַדע. עס זײַנען געווען קלאַנגען, אַז אַלע זײַנען זיי אומגעקומען. אָן אויסשפּירער פֿון אַן אַנדער אָטריאַד האָט אַ קילאָמעטער צוואַנציק פֿונדאַנען באַגעגנט מיראָן איוואַנאָוויטשן — מיט אים זײַנען געווען נאָך זעקס פּאַרטיזאַנער, קיין פּרוי האָט ער ניט באַמערקט.

שפּעט אין אָוונט איז בראָניע געקומען אין נײַעם לאַגער, ווו עס איז געווען אָנגעמערקט דער זאַמלפּונקט. לעבן אַ שײַטער איז געזעסן דער אַלטער, צווישן די פֿיס האָט ער געהאַלטן זײַן ביקס, אויף איר איז ער גע־ווען אָנגעשפּאַרט און זיך געהאַלטן אין איין וויגן — רעכטס און לינקס. בראָניע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים אַ פֿאַרשטיינטע. אַ ווײַלע האָט מיראָן איוואַנאָוויטש געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי ניט דערקענט, דער־נאָך זיך אויפֿגעהויבן, זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און הויך, אויף אַ קאָל, זיך צעוויינט.

2

זיי זײַנען געגאַנגען מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן בראָניע איז געקומען אין אָטריאַד. דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז איר אויך געווען באַקאַנט. פֿונדאַנען איז ניט מער ווי איין קילאָמעטער צום „ווײַסן ברעג", און פֿון דאָרט איז שוין צו דער שטאָט מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען.

פארקערעוועט האָבן זיי אַף רעכטס, צום כוטאָר, וואָס געפינט זיך אַף יענער זײַט טײַך אַלשאַנקע. די ערשטע נײַס, וואָס דער באַלעבאָס פון שטוב, בא וועמען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ניקאָלײַ קוליק, האָט זיי אָנגעזאָגט, איז געווען, אַז די דײַטשן האָבן, כאָטש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, נאָר באַשטימט אָנהייבן די נאַוויגאַציע אַפן טײַך. זיי האָבן שוין אופגעשטעלט די שפּײַכלערס, וואָס באַם טײַך־וואָקזאַל, און באַפרײַט די דורכגענג בא די אופגעריסענע בריקן. אַלע טײַכלער איז באַפוילן זיך מעלדן אין אָרט־קאָמענדאַטור. פון די באַקענשטשיקעס האָבן זיך דערווײַל געמאָלדן נאָר צוויי מענטשן.

קוקנדיק אַף מיראָן איוואַנאָוויטשן, איז שווער געווען צו פאַרשטיין, צי האָט אים די ידיעה באַמרויקט אָדער דערפרייט. צוערשט האָט ער זיך פאַרקרימט, דערנאָך האָט זיך אַ פּײַערל באַוויזן אין זײַנע אויגן — אַ פּײַערל, וואָס באַווײַזט זיך זעלטן, נאָר בראָניע ווייסט, אַז דאָס איז בא אים גיכער אַ סימען פון פרייד, ווי פון צאָרן. ער האָט צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער ליולקע אין אָפּצאַס און צוויי מאָל איבערגעכאַזערט:

— אַזוי, אַזוי... הײַנט איז זונטיק, — האָט ער זיך געווענדט צו ניקאָלײַען, — מאָרגן גיי אין שטאָט, דו וועסט זײַן דער דריטער באַקענשטשיק, וואָס וועט זיך מעלדן אין קאָמענדאַטור. שײַעך צו ריידן — די נאַוויגאַציע הייבט זיך אָן.

— און די איבעריקע באַקענשטשיקעס, די איבעריקע וויאַזוי? מיר האָבן שוין אַזוי אויך געוואָלט נאָך דיר שיקן.

— מיט די איבעריקע וועל איך אַליין ריידן. און איצט — שלאָפן. מײַנע כעווריע זײַנען מיד.

קוליק האָט זיך געקליבן אַוועקגיין, זיך אַ רעגע פאַרהאַלטן און גענומען זיך נאָכפרעגן בא מיראָנען, וואָס עס מאַכט זײַן טאָכטער. בראָניע האָט זיך אויסגעדרייט אין אַ זײַט. עמעצער האָט אַ צייכן באַוויזן, ער זאָל אָנשוויגן ווערן. אַ ווײַלע איז קוליק געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל, לאַנג געדרייט עס אין דער האַנט מיט אַזאַ אויסזען, ווי סײַ ער, סײַ זײַן היטל זאָלן זײַן אין עפּעס שולדיק. דערנאָך, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, אַ זאָג געטאָן:

— מירן פאַרמאַכן די נאַוויגאַציע. מיראָן, מירן זיך אַ סטאַרע טאָן, גלייב מיר אַפן וואָרט...

אומזיסט האָט אים דאָן, בא דער בערעזינאַ, קוליק געייצעט פאַרגעסן אין די פליטן. פאַרקערט, אָט זיצט ער, מיראָן, באַם ברעג פון אַלשאַנקע, אַרום אים — פיר יונגע באַכערים, קימאַט נאָך ייִנגלעך, און איין מיידל, און ער לערנט זיי מאַכן אַ פליט. זאָל זײַן אַן איינפאַכער, אַן איינרייִקער. ניט פאַר קיין גרויסער מאַסע, נאָר צוויי־דרײַ מענטשן זאָלן זיך קענען דערקלײַבן, וווהין זיי דאַרפן, ווײַל ניט אומעטום קריגט מען און ניט שטענדיק מעג מען זיך נוצן מיט אַ שיפל, און זיי שטייט פאַר אַזאַ אַרבעט, וואָס מאַלע וואָס עס קאָן זיך טרעפן.

אמאָל פלעגט מען אויסקלײַבן ספּעציעל געהילץ פאַר פליטן. הײַנט טויג אַלץ — פון גראָבע קלעצער ביז פּאָשעטע צווײַגן. און די הויפּט־זאַך — מיראָן וויל, אַז יעדערער זאָל קאָנען מאַכן פון קאָרע אַ שטריק. באַ אַלעמען באַקומט זיך, און באַ בראָניען האַלט זיך די שטריק אין איין צעפּלעכטן. שוין דרײַ מאָל האָט ער איר באַוויזן, ווי מע מאַכט עס, און כאָטש שרײַ גוואַלד, איז ווי עס קומט צו מאַכן אַ קנופּ, צעפּלעכט ער זיך באַ איר, און הייב אָן ווידער פון אָנהייב. גאָרבאַצעוויטש זאָגט איר גאָר־ניט, נאָר איר דאַכט זיך, אַז ער בייזערט זיך אויף איר. אַ סימען, ער האָט איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל: „מאַכן און טרײַבן אַ פליט דאַרפט איר קענען אַלע, אַלע". קלאָר, אַז דער צווייטער „אַלע" האָט שוין ניט קיין שײַכעס צו יענע פיר, נאָר צו איר אַליין.

מיט דער קאָרע האָט זי זיך צעשניטן אַ פינגער. ווישט זי אָפּ דאָס בלוט אין גראָז, אַז קיינער זאָל ניט זען, און ערשט ווען דער אַלטער שטייט שוין באַ אַ צווייטן, הייבט זי אויף דעם קאָפּ, און אירע אויגן באַגעגענען זיך מיט זײַנע. אָן איבערגעכאַפּטער בליק, אָבער ווי זי האָט עס אים פאַרשטאַנען! אָט אַזוי פלעגט ער קוקן אויף פּאַשען, ווען ער פלעגט נאָך צוויי וואָכן פאַרפאַלן ווערן זיך אומקערן אין לאַגער. שאָענוויַיז האָט ער געקאָנט ליגן, רייכערן און קוקן, ווי פּאַשע טוט עפּעס. דאָס מאָל האָט עס געדויערט נאָר איין אויגנבליק. ער דערלאַנגט בראָניען אַ שמאַטקעלע:

— גיי, וואַש עס אויס אין טײַך און בינד איבער דײַן פינגער!

ווען זי קערט זיך אום צוריק, שטייט ער שוין און קאָמאַנדעוועט:

— אָט האָט איר אײַך וואַלד, און אָט איז דער טײַך. ניט קיין האַק און ניט קיין זעג, ניט קיין שטריק און ניט קיין... מיט איין וואָרט — גאָרניט פאַרמאָגט איר ,ניט... און איבערקלײַבן זיך דאַרף מען וואָס גיכער. איז הײַדאַ, גענומען זיך, זאָל דאָס מאָל זײַן כאָטש איין פליט פאַר אַלעמען. בראָניע וואַרפט זיך אָנברעכן צווײַגן, רופט ער זי צוריק:

— ניין. דו שנײַד קאָרע און בינד אַ שטריק.

איר פאַרדריסט עס אַ ביסל, נאָר אַז דער קאָמאַנדיר באַפוילט, איז דאָך ניט שײַעך.

עס זײַנען, דאַכט זיך, ניט מער ווי עטלעכע רעגעס אַוועק, און פון ברעג שרײַט מען שוין:

— פעסטיקן דאַרף מען, די שטריק אַהער!

זי שטרענגט אָן אַלע קויכעס. זי איז זיכער, אַז אַלע בליקן זײַנען צו איר געווענדט. און שוין שטרענגער קלינגט אַ קאָל:

— די שטריק! ווער פאַרהאַלט עס דאָרט די שטריק?

אַ לעצטע אָנשטרענגונג, און די שטריק איז פאַרטיק. האַסטיק לויפט זי צום ברעג, די ביקס אויפן אַקסל, אַ בינטל שוואַרצע האָר האָט זיך פון פאַטשיילעכל אַרויסגערוקט, צעבלאָזט עס דער ווינט, און פונעם פּאָנעם טריפט שווייס. זי שטייט שוין ביז די קני אין וואַסער. איר דאַכט זיך, אַז דער סוינע גרײַפט אָן אויף אָן עמעס, האָט זי נאָך בייסן לויפן אַ שלייף גע־

מאכט, און איצט האָט זי אים פאַרצויגן אויף דער גרעסטער פלאַכטע האָלץ. זי בייגט זיך אָן נאָך אַ צווייטער, דערהערט זיך אַ קאָמאַנדע:

— אופהערן! גענוג, מער דאַרף מען ניט! ווען עס וועט אויסקומען, וועט איר אַלע, אַלע קענען מאַכן אַ פּליט.

איר געפעלט, וואָס ער האָט איבערגעכאַזערט „אַלע, אַלע". אַ שאָד, וואָס זי האָט ניט קיין טאַבעק. אַניט וואָלט זי אים אָנגעשטאָפּט אַ פולע ליולקע. גיט זי זיך פון פרייד אַ וואַלגער אויפן גראָז, וואָס שמעקט מיט פייכטקייט, מיט פרישקייט, מיט לעבן.

מיראָן איוואַנאָוויטש איז באַגאַנגען אַ פעלער — ער האָט פאַרמינירט דעם דורכגאַנג אונטער דער בריק, וואָס אויף דער בערעזינאַ, און איז געווען זיכער, אַז די ערשטע גרויסע שיף, וואָס וועט זיך לאָזן אין רייס, וועט זיך אופרייסן. האָט ער עס אָבער געטאָן פאַר דער צייט. נאָך פאַר דריי טעג ביזן אָנהייבן די נאַוויגאַציע האָבן די דייטשן געפונען די מינע און זי ארויסגעשלעפּט. די נייס האָט אים מאַמעש געפּלעפּט, אָבער ניט אויף לאַנג. עס זיינען פאַרבליבן נאָך צוויי מעסלעס, איז קאָן מען עפּעס אופטאָן. עמעס, דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, וועט זיי, די דייטשן, קיין גרויסן שאָדן ניט אָנטאָן, אָבער פאַר אָן אָנהייב איז עס ניט שלעכט.

די דייטשן שטאָלצירן מיט זייער פּינקטלעכקייט, מיט זייער אָפּהיטן דעם גראַפיק. איז אַדעראַבע, זאָלן זיי זיין בעריעס און שווימען לויטן גראַפיק. פאַר איין נאַכט האָט מען אין פינף ערטער איבערגעשטעלט די טייך־צייכנס — מע האָט די באַקענעס אָפּגערוקט אויף רעכטס. אין איין אָרט האָט מען איבערגעשטעלט דעם צייכן „פריי" דאָרט, ווו עס איז געווען „פאַרבאָטן", און פאַרקערט.

צוויי שיפן זיינען ארויסגעגאַנגען פון פאָרט. איינע האָט אויפן אכטן קילאָמעטער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זאַמד־באַנק און איז שטיין געבליבן. די צווייטע האָט באַוויזן אָפּשווימען געציילטע עטלעכע קלאַפּטער — דער קעסל האָט זיך אופגעריסן. גאַרבאַצעוויטש האָט פאַר זיין כעוורע געשוווירן, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דאָס האָט עמעצער אָפּגעטאָן אָן זיין וויסן.

כעוורע האָבן געשפּאַסט:

— האָבן מיר, הייסט עס, אַ קאָנקורענט. און ווער ווייסט, עפּשער קאָנקורענטן?

הײַנט אַז די דייטשן האָבן געכאַפּט אַזאַ מאַפּאַלע, איז ווי קאָן מען עס ניט זינגען? בראָניע האָט אַ גוטע שטים, ווייסן כעוורע וועגן דעם און זיינען זייער צופרידן, ווען איר זינגט זיך. מוירע האָבן איז ניטאָ פאַר ווערמען. מע איז ווידער אויפן כוטאָר, וווהין אפילו באַטאָג איז ניט לײַכט זיך צו דערקלייבן. דערצו איז פאַראַן נאָך אַן אייצע — מע זינגט שטילערהייט. פאַרשטייט מען ניט, פאַרוואָס איוואַניטש בייזערט זיך. ווי גיט מען עס אים צו דערקלערן, אַז אין אַזאַ נאַכט ווילט זיך גאָר ניט שלאָפן, אַז מע איז יונג. און ביכלאַל, וואָס זיצט ער עס עפּעס אַ פאַרקלערטער? ער האָט אַ

ווונק געטאָן צו בראָניען און אליין געלאָזט זיך צום ארויסגאַנג. זיי האָבן זיך צוגעזעצט באַם סטויג פרישן היי. זי האָט געוואַרט — וואָס וויל ער איר זאָגן אַזוינס.

— איך מיין דיך מאָרגן אַוועקשיקן אין אַ ווײַטן וועג. מע דאַרף גיין אין אַטריאַד מיט אַ מיטיילונג.

עפּעס אַ געפיל האָט זי ווי געוואָרנט, אַז ניט דאָס איז דער איקער פון זײַן מיין.

— איר ווייסט דאָך, אַז איר ווערט מיך שיקן, וועל איך גיין. צוויי טעג אַהין, צוויי טעג צוריק, און איך בין ווידער מיט אײַך.

— ווערסט זיך דאַרפן פאַרהאַלטן דאָרטן אין לאַגער, ווײַל דו וועסט אונדז שוין ניט טרעפן דאָ. ווי נאָר מיר וועלן זיך אומקערן, וועל איך שיקן נאָך דיר, ווערסטו קומען.

איצט האָט זי פאַרשטאַנען: עפּעס האָט דער אַלטער פאַרטראַכט, און פון איר וויל ער פּאַשעט פּאָטער ווערן. אויב אַזוי, האָט ער אַ טאָעס. דאָס מאָל וועט זי אירס אויספירן.

— מיראָן איוואַנאָוויטש, איך וועל ניט גיין! — האָט זי אויף אַ קאָל געענטפערט.

— מיראָן איוואַנאָוויטש איז אַ קאָמאַנדיר פון אַ ספּעציעלער גרופּע, און דו האָסט, דאַכט זיך, פאַרגעסן אין דעם.

דאָס איז טאַקע עמעס, ווײַל וואָס קאָן זי טאָן, ווען ער מעלדעט פאַר אַלעמען: „כאָוורטע יאָפּע, איך באַפויל אײַך!". וויאַזוי דאַן? ניט אויספילן?

— איוואַניטש, — האָט זי שטילערהייט זיך שוין מער געבעטן, ווי געפאָדערט, — זאָגט מיר דעם עמעס, איר האָט באַשטימט עפּעס אָפּטאָן און ווילט ניט, איך זאָל זײַן דערבײַ. איר שווײַגט, ווײַל דאָס איז אַזוי. איז אָט ווייסט, אַז איך האָב באַקומען אַ באַפעל צו זײַן די גאַנצע צײַט מיט אײַך.

בראָניע האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק עס וועלן מאַכן אויף אים די לעצטע ווערטער. ווי אַן אָפּגעבריטער איז ער אופגעשפּרונגען פון אָרט.

— אַזוי גאָר, אַ באַפעל? וואָס בין איך — אַ קינד, וואָס דאַרף האָבן אַ ניאַנקע, אָדער מע דאַרף מיר נאָכגיין, קאָנטראָלירן, גאַרבאַצעוויטשן קאָנטראָלירן!

וואָס געזאָגט, איז פאַרפאַלן. וואָלט דאָס געווען מיט אַ יאָר צוריק, וואָלט זי זיך פאַרענטפערט פאַר אים. איצט איז עס ניט די בראָניע, וואָס געווען.

— וואָס רעדט איר? קאָנטראָלירן! נאָכגיין! ווער קאָנטראָלירט אײַך? איך טו דען ניט דאָס זעלבע, וואָס אַלע טוען? דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, מע זאָל אײַך אָפּהיטן, און געהייסן מיר אומקערן זיך נאָר מיט אײַך. האָב איך ניט קיין רעכט פאַרלאָזן אײַך. און איר גלײַך — קאָנטראָלירן!

זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ לאַץ.

— איז ווי, מיראָן איוואַנאָוויטש, עפּשער קאָנט איר זיך באַגיין אָן אַ מיטיילונג, האַ?

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר און געלאָזט זיך פון הויף אין גאַס. צו איר האָבן זיך עטלעכע מאָל דערטראָגן די ווערטער: „אַפּהיטן, ניאַנ־קעס״...

ערשט איצט האָט זי באַמערקט: זי שטייט בלויז אין איין קלייד, און אין דרויסן איז קיל און פײַכט. ערגעץ ווײַט האָבן הינט געבילט, ערגעץ האָט אַ ראַקעטע זיך באַוויזן און דערנאָך אַ טעמפּער קלאַנג און אַ פײַער־צונג אין יענער ריכטונג. פון דעם אַליין איז איר געוואָרן אַ אומעטיק, אַ פּריילעך.

דאַכט זיך, יעדערער וועט זאָגן, אַז מענטשן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין הויז, וואָס טאָרן ניט טאָגן דאָרט, ווו מע האָט גענעכטיקט, דאַרפן פײַנט האָבן דעם הארבסט מיט די לאַנגע, קאַלטע, רעגנדיקע נעכט. פּאַרטיזאַנער וואַרטן גראָד אויף דער צײַט. און גאָרבאַצעוויטש, כאָטש ער שווײַגט, נאָר זײַנע כעוורע פאַרשטייען, פאַרוואָס ער קאָן זיך עס קיין אָרט ניט געפינען.

ער האָט שוין פון לאַנג געטרוימט, ווי רײַסט מען אויף די שפּײַכלערס באַם פאָרט. וואָס דאָרט געפינט זיך, האָט ער געוווסט. נאָר ווי דערקלײַבט מען זיך אַהין, אַז בעסאַכאַקל געפינען זיי זיך פון יענער זײַט בערעזינאַ און טאָג ווי נאַכט שטייט דאָרט אַ וואַך? האָט זיך געפונען אַ האַנט, וואָס האָט זיי באַנאַכט אונטערגעצונדן. אין שטאָט האָט מען ארעסטירט עטלעכע צענדליק מענטשן. איז צוליב וואָס נאָך וואַרטן, ביז עמעצער וועט אים שטערן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, וואָס ער האָט נאָך פאַרטראַכט אין די ערשטע טעג, ווען די דײַטשן זײַנען געקומען אַהער?

ערשט נאָכדעם, ווי ער מיט זײַנע מענטשן זײַנען אָפּגעגאַנגען היפּשע עטלעכע קילאָמעטער, האָט ער דערקלערט, וווהין און צוליב וואָס זיי גייען. זיי דאַרפן פאַר איין נאַכט אופרײַסן די באַן־בריק אויף דער בערעזינאַ און בעמיילע שוין פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די שיפן און באַרזשעס.

אויף אַזאַ נאַכט האָט געלוינט אַפילע נאָך מער וואַרטן. אַ רעגן מיט אַ שניי צוזאַמען האָט אָן אופהער געשאָטן, און אַ ווינט, אַ בייזער און אָן עסעריקער, האָט זיך ווילד געדרייט. דאָס ערשטע מאָל זעט בראָניע, דער טײַך זאָל זײַן אַזאַ ווי איצט. ווי ער טומלט עס! די כוואַליעס — אָט־אָט זײַנען זיי גרייט ארויסשפּאַרן פון די ברעגן. איז באַגעגנט מען זיך מיט אַ בערגל, מיטן ווינט, מיט אָן אָנגעלאָפּענער ריטשקע, און צוריק אין טײַך און ווידער אַ קלאַפּ, אַזש שוים באַווײַזט זיך.

מע גייט שטיל, געהיט, איינער הינטערן צווייטן. צוערשט האָבן איינ־ציקע קאַלטע טראָפּנס דורכן קאָלנער זיך פאַרקליבן און, טריפנדיק, גע־שניטן דאָס וואַרעמע לײַב. איצט זײַנען די קליידער שוין דורכגענעצט אויף דורך און דורך. זיי ציִען צו דער ערד, נאָר ווער קאָן עס אָפּשטיין פון אָן עלטערן, וואָס שפּאַנט דער ערשטער פאַרויס.

צו דער בריק איז נאָך ווײַט, נאָר גאָרבאַצעוויטש שטעלט זיך אָפּ. פונ־דאַנען וועט מען ציִען דעם שנור. אונטערוועגנס האָט מען פאַרכאַפּט מיט

זיך עטלעכע קלעצער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט לענגויס דעם טײַך. אָפּ־גיך מאַכט מען אַ פּליט. אַף אים פאַרקלײַבט זיך מיראָן איוואַנאָוויטש מיט זײַן געהילף. מע דערלאַנגט זיי די מאַסע, וואָס פאַרמאַגט היפּשע וואָג.

שטיל שטויסן זיי זיך אָפּ פון ברעג. דער פּליט באַוועגט זיך לאַנגזאַם. בראָניע, וואָס איז באַם ברעג פאַרבליבן, ווייסט עס, ווײַל זיי ציִען פון אירע הענט דעם צינד־שנור. עס טרעפט, זיי שטעלן זיך גאָר אָפּ. עפּשער האָבן זיי דערגרייכט דאָס אָרט? נאָר ניין. ווידער ציט זיך דער פאָדעם פון אירע הענט. זי האַלט אים אין איין איבערוקן פון דער דלאָניע אַף די פינגער און צוריק.

בראָניע פאַרזשמורעט די אויגן. עטלעכע מעטער שנור אַנטלויפן מיט־אַמאָל פון אירע הענט. קלאָר, זיי זײַנען אונטער דער בריק. ערשט איצט פאַרהאַלט זי דעם אָטעם... ווי אויב מע באַמערקט זיי?

איר דאַכט, אַז אַ גאַנצע אייביקייט איז שוין פאַרבײַ, אַז עס איז שוין גאָר ניט אַזוי פינצטער. זי פילט ניט, דער רעגן זאָל אַזוי פּאַטשן. דער ווינט איז, דאַכט זיך, שטילער געוואָרן, און דער טײַך טומלט ניט, ווי פריִער. זי איז קימאַט ווי זיכער, אַז די צוויי דײַטשישע וואַכלײַט שטייען ניט בײַ די עקן בריק, נאָר זיי שפּאַנען הין און צוריק... און עפּשער שטייט איינער גראָד אַף דעם אָרט, וווּ מע דאַרף די מינע אונטערלייגן? און ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז דאָס איז אַזוי, רײַסט זיך אויף אַ ראַקעטע אײַנדערלויפּטן און דערנאָך אַ לאַנגע אווטאָמאַטן־ריי. בראָניע פאַלט צו צו דער ערד, היט זיך, זי זאָל דעם שנור ניט קיין ציִ טאָן אַף צוריק. וואָלט נאָך עמעצער זײַן דאָ לעבן איר, וואָלט ער זיכער דערהערט, ווי זי האָט אַ מורמל געטאָן: „אוי, מאַמעו!". נאָר ס'איז ווידער שטיל, און נאָך געדיכטער איז די נאַכט־פינצטערניש, קריכן אַנדערע געדאַנקען: קלאָר, אין אַזעלכע נעכט זײַנען די דײַטשן באַזונדערס וואַכזאַם. און אַ פאַרדראָס האָט זי געמאַטערט — ווי האָט זי עס אים אָפּגעלאָזט, ווען אליין דער קאָמאַנדיר האָט איר באַ־פוילן אים אָפּהיטן.

בראָניע שפּרינגט אויף. דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד האָט מען אַ ציִ געטאָן דעם צינד־שנור. פּאַרטיק! איצט הענגט אַלץ אָפּ פון איר. זיי וועלן אָפּשווימען אַ ביסל פון בריק, דערנאָך — צום ברעג, און וואָס גיכער לאָזן זיך לויפן אַהער. זאָל אַ האָגל פון שטיינער פאַלן, זאָלן קוילן פײַפן, וועט זי ניט וואַרפן דעם שנור, וואָס נאָר זי איינע האַלט איצט אין די הענט.

ערשט אין אַ שאָ אַרום דערהערט זיך אַ פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו און דערנאָך אַ קלאַפּן פון רעדער. פעסטשטעלן, ווען דער צוג וועט זײַן אַף דער בריק, איז גאָר ניט פון די שווערע זאַכן — גאָר אַנדערע קלאַנגען. ביז ווייטעק פאַרבײַסט זי די ליפּן. גאַרבאַצעוויטש שרײַט:

— ציִ!

וואָס ווײַטער איז געווען, וואָלט זי אַליין ניט געקאָנט גענוי דערציילן. עס האָט זי אונטערגעוואָרפן, און אַ הייסע כוואַליע שײַן האָט איר אַ זעץ געגעבן אין פּנים און פאַרבלענדט. בראָניע האָט פאַרגעסן אין דער וואַ־רענונג — עפענען דאָס מויל, איז זי פאַרטויבט געוואָרן.

ניט אנדערש, ווי מע האָט צו איר געשריִען. גאָרבאַצעוויטש האָט זי א שטויס געטאָן: „לויף נאָך מיר".

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם. נאָכאַמאָל זיך א ריס געטאָן פאָרויס, געפאַלן און ווײַטער געלאָפן. עס איז אוועק א שיסערײַ. פון די ראַקעטעס איז ליכטיק געוואָרן. ביז דעם ראַנד פון וואַלד איז שוין אויסגעקומען פויזען אף אַלע פיר.

פאַרטאָג איז שטילער געוואָרן דער ווינט. פרישע שפּורן פון וואַלד־כײַעס האָבן זיך באוויזן. קאָן זײַן, דער וועטער, און, מעגלעך, דער אופרײַס האָט זיי אופגערודערט. אונטער די ביימער האָט זיך פאַרהיט דער ערשטער שניי. און נאָר פון די קרוינגען האָט געהאַלטן אין איין טריפן. מיראָן איוואַ־נאָוויטש איז איצט אויך געגאַנגען דער ערשטער. זײַן פּלייצע — אײַנגע־הויקערט, דאָס היטל — אפן שטערן אַרופגערוקט, און דאָס פּאָנעם — אײַנ־גאַנצן אין קנייטשן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיטן היטל אויסגעווישט דעם שווייס פון פּאָנעם, און ווען בראָניע האָט זיך מיט אים אויסגעגלײַכט, האָט ער זי אונטער דער האַנט גענומען און לאַנגזאַם געשטעלט ווײַטער ברייטע טריט.

— האָסט מוירע געהאַט?

זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— האָסט געמיינט, מיר וועלן זיך ניט אומקערן?

איר ענטפער איז געווען א שאָקל מיטן קאָפּ, אַז יאָ.

ביידע האָבן געטראַכט איצט וועגן פּאַשען. גאָרבאַצעוויטש — אַז איר דער ערשטער האָט ער אָנגעטרויט דעם סאָד, אַז זײַן נאָמען וועט ניט זײַן מיראָן, אויב ער וועט דערלאָזן די דײַטשן זיך באַנוצן מיט דער בריק. בראָ־ניע — אַז אונטער דער זעלבער בריק האָט גאָרבאַצעוויטש אין א פינצ־טערער נאַכט, אף א קליין שיפל, געוואַרט אף איר מיט פּאַשען, ווען זיי זײַנען געלאָפן פון שטאָט. איר האָט זיך געוואָלט אים זאָגן עפּעס אַזוינס, ער זאָל וויסן, וועגן וואָס זי קלערט.

— די אופגעריסענע בריק וועט זײַן איר דענקמאָל.

און ווידעראַמאָל האָט זי דערפילט אף זיך זײַן בליק, וואָס נאָר אף זײַן טאָכטער פלעגט ער אַזוי קוקן.

3

די צײַט — זי שטייט ניט. אַרבעט איז פאַראַן נאָך מער ווי פריִער. דער פראָנט — ער רוקט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער בערעזינאַ. ניט וועגן נאָוויגאַציע טראַכט איצט דער סוינע. די דײַטשן מינירן דעם טײַך, אונדזער פלאָטיליע זאָל זיך ניט קענען דורכרײַסן.

גאָרבאַצעוויטש האָט זיך אײַליק גענומען קלײַבן אין וועג אַרײַן. און ווידעראַמאָל אַלט־באַקאַנטע מענטשן, דערפער, כוטאָרן, און אַלץ צוליב

אַ טײַך, וואָס אפילע ווען מע איז ווײַט פון אים, ווײַזט זיך אויס, אַז אָט פליסט ער באַנאַנד און איר הערט, ווי זײַנע וואַסערן מורמלען.

הײַנט איז געווען בראָניעס רײ גײן מיט מיראָן איוואַנאָוויטשן אין דאָרף צו דעמידן — דעם פאַרבינדלער, וואָס האָט באַדאַרפט ברענגען פאַר זײ וויכטיקע נײַס פון שטאָט. צום ראַנד וואַלד האָבן זײ זיך דערקליבן, ווען אין פיל הײַזער האָבן נאָך פײַערלעך געברענט. אַ דאָרף איז דאָס געווען, וווּהין דײַטשן און פּאָליצײ באַווײַזן זיך זעלטן און ווו גאַרבאַצע־וויטש קען קינד־און־קײט. טאַקע דערפאַר האָט ער ניט געוואָלט אַזוי פרײ לאָזן זיך, קעדײ קײנער זאָל אים ניט באַמערקן.

אין וואַלד איז געווען קיל און פײַכט. בראָניע האָט געפּויעלט בײַ אים, זי זאָל זיך אַלײן לאָזן אין דאָרף און דאָרטן צוואַרטן אויף אים. ס'האָט זי פאַרכידעשט, וואָס פון צווייטן עק דאָרף האָט זיך דערטראָגן אַ בילן פון הינט. מיט שטילע טריט איז זי דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף־בריקל און מיט די גערטענער געלאָזט זיך אַהין, ווו דעמיד וווינט. צו דער שטוב איז זי ניט דערגאַנגען, עפּעס נאָך מענטשן זײַנען געגאַנגען אַהער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער שטאַל, וואָס אַנטקעגן, און גענומען זיך אײַנהערן. באַם טויער האָט זיך עמעצער אָפּגעשטעלט, דערנאָך אַרײַן אין הויף. אין אַזאַ שפּעטער שאָ איז די פּאָרטקע שטענדיק פאַרשפּאַרט, און דאָ האָט אפילע קײן סקריפּ ניט געטאָן. נאָר ווער ווייסט, עפשער האָט נאָך ווער באַדאַרפט קומען אַהער. די הינט אין צווייטן עק דאָרף זײַנען אַנשוויגן געוואָרן. אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז זי האָט געהערט, ווי איר אייגן האַרץ קלאַפּט.

אין אַנטקעגנדיקן הויף האָט מען אַ הוסט געטאָן. זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז דעמיד. דערנאָך האָט עפּעס אײנדערלופּטן אַ פײַף געטאָן, און דײַטשישע זידלווערטער האָבן זיך צו איר דערטראָגן. ניט אַנ־דערש, אַז דער פאַרבינדלער איז דורכגעפאַלן, און דאָס וואַרט מען אויף גאַרבאַצעוויטשן.

פּײַל־אויסן־בויגן לאָזט זי זיך מיט די גערטענער צוריק. זאָל זי נאָר באַווײַזן דאָס בריקל איבערלויפן.

שפּעט. עמעצער גײט צום בריקל. פאַרלויפן דעם וועג וועט זי שוין ניט באַווײַזן. זי וועט פּרוּוען צום טײַכל און וועט עס אַריבערשווימען. נאָר צוליב וואָס איז דאָס ווארפן זיך אין דעם אײַז־קאַלטן וואַסער, ווען איבער דעם בריקל שפּאַנט שוין פון יענער זײַט ער — גאַרבאַצעוויטש. די שטיל־קײַט ווערט צעשמעטערט פון איר קאָל:

— צוריק!

צו נאָענט איז שוין גאַרבאַצעוויטש געווען פון סוינע, וואָס האָט אויף אים געלאָקערט, ער זאָל באַווײַזן אַנטלויפן. זײ האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אויף אים, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערעאַנגל. בראָניע איז אין עטלעכע געציילטע מעטער פון זײ. אײנס האָט זי געוווּסט: דאָס, וואָס זי האָט דער־לאָזט, אַז גאַרבאַצעוויטש זאָל אַרײַנפאַלן אַ לעבעדיקער צום פײַנט, וועט זי אַלײן זיך קײנמאָל ניט מוחל זײַן. מיט די צײן האָט זי אַרויסגעריסן דאָס רינגל פון דער גראַנאַטע, פון דער „לימאָנקע", און אַ שלײַדער גע־טאָן זי.

דער ערשטער איז געקומען צו־זיך איינער פון די פּאָליצײַען. אַ קלאַפּ פון איר ביקס האָט אים צוריק אומגעוואַלגערט. דער צווייטער איז, ווײַזט אויס, אַ טויטער געלעגן. מיראָן איוואַנאָוויטש איז געווען פאַרווונ־דעט.

— גיין קענט איר?.. צוריק צום וואַלד!

צוערשט איז ער אליין געגאַנגען. לײַכטנדיקע קוילן האָבן זיך געריסן, אַ ראַקעטע האָט אַלץ באַלויכטן, זײַנען זיי צו דער ערד צוגעפאַלן. אויפ־הייבן זיך האָט זי אים געהאָלפן און ווײַטער שוין די גאַנצע צײַט געפירט אים אונטער דער האַנט. פון זײַן רעכטער באַק האָט געטריפט בלוט. שוין ניט ווײַט פון די ערשטע קוסטן האָט ער זיך איינגעאַנצן צו דער ערד אַראָפּ־געלאָזט.

— איוואַניטש, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, — נאָך אַ ביסעלע. נו, העלפט מיר.

זי איז געווען גערעכט. זי איינע האָט דאָך באַדאַרפט זייערע ביידנס לעבן ראַטעווען. איז וועמען העלפן, אויב ניט איר? ביז פאַרטאָג האָט זי אים ניט ווייניקער ווי אַ דרײַ קילאָמעטער אָפּגעפירט טיף אין וואַלד אַרײַן. ער איז עטלעכע מאָל ווי צו־זיך געקומען. דערנאָך ווידער דעם באַוווסטזײַן פאַרלאָרן. אין דרײַ ערטער איז ער געווען פאַרווונדעט. בראָ־ניע האָט איבערגעבונדן זײַנע ווונדן און זיך צוגעשפאַרט מיט אים צו אַן אַלטן דעמב.

די פײַכטע ערד, די פרימאָרגן־קילקײַט האָט געהאָלפן גאַרבאַצעוויטשן קומען צו־זיך. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און דער שאַרפער ווייטעק אין אַקסל האָט אים דערמאָנט: ער איז געגאַנגען אין דאָרף... מע איז אָף אים אָנגעפאַלן... ער האָט זיך עפּשער נאָך עפּעס דערמאָנט, נאָר ער האָט באַמערקט: ניט ווײַט פונדאַנען, אונטער אַ פאַרצווײַגטן בוים שטייט בראָ־ניע אָף די קני און באַמיט זיך פאַנאַנדערצובלאָזן אַ שײַטער. אויב אַזוי, איז עס אָף געוויס אַ כאָלעם... און ער האָט ווידער צוגעשלאָסן די אויגן.

ער ווייסט, מע דערציילט, אַז פאַרן טויט דערמאָנט מען זיך אין דעם, וואָס אין לעבן איז פאַרלאָפן. איז אָט פאַרוואָס ער זעט די ברייטע לאָנקע, ווו ער, נאָך גאָר אַ קינד, ליגט אָף דער הוילער ערד אונטער אַ וואָגן, ער וויינט, ער רופט די מאַמע, נאָר זי איז ווײַט פון אים. און נאָך געדענקט ער דאָס ווענדל באַם דאָרף. און ער, דער פאַסטעך, פאַכט מיט דער לאַנ־גער שטריקלדיקער בײַטש... און אָט אַ שטילע זומערדיקע נאַכט — ער זיצט אָף אַ פּליט, די פיס ביז די קני אין וואַסער, און ציילט די שטערן, וואָס פאַלן פון הימל... עס פאַרטראָגט אים גאָר אין אַ נײַער וועלט. וואָס פאַר אַ קאָוועד מע גיט אים אָפּ! און כאָטש די עלטער רוקט זיך אָן, נאָר עס ווילט זיך לעבן, לעבן... איז פאַרגינט אים ניט עמעצער זײַן גליק. ער האָט נאָך קויעך, זאָל מען אים נאָר לאָזן אָף די פיס זיך שטעלן... ווידער האָט אים אַ שאַרפער ווייטעק אַ שניט געטאָן. צי ער האָט אַ קרעכץ גע־טאָן, אָדער ווײַל בראָניע איז שוין לעבן אים געזעסן. זי האָט אים גע־האָלפן אונטערהייבן דעם קאָפּ און אים אונטערגעטראָגן אַ טרונק פון איר פליאַגע.

— נעמט, איוואַניטש, נעמט אַ זופּ וואַסער פון דער בערעזינאַ, שוין צוויי טעג, אַז איך האָב עס פאַרשעפּט... דערוואַרעמט זיך, און לאָמיר גיין... דאָ איז געפערלעך צו פאַרבלײַבן.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער גענומען די פלאַגע און ניט צום מויל צוגעטראָגן, נאָר צו דער ברוסט.

— שטיי, וואַרט, איז דאָס האָסטו געשריִען „צוריק"? און פאַרוואָס האָבן זיי מיך נאָר פאַרוווּנדעט און ניט געטייט? הא, פאַרוואָס?

— איך, איוואַניטש, דאָס האָב איך אײַך פאַרוווּנדעט. זיי האָבן געוואָלט אײַך אַ לעבעדיקן פאַרכאַפּן... לאָזט, וועל איך אײַך העלפן, מיר דאַרפן פונדאַנען אוועקגיין.

זיי זײַנען געגאַנגען לאַנגזאַם. ער — זײַן געזונטע האַנט אויף איר אַקסל פאַרוואָרפן, זי — אַ ביסל אײַנגעבויגן, ס'זאָל אים לײַכטער זײַן זיך אָנ־שפּאַרן אָן איר.

אַ קילער ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן אין וואַלד און געגייט די קרוי־נען פאַרבוקן זיך פאַר די דורכגייער. עפּעס אַ פויגל האָט זיך פון אָרט אופגעהויבן און אין אַ זײַט אוועקגעפלויגן, ווי אויך ער זאָל זיי דעם וועג אָפּטרעטן. בראָניע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט: איבער דעם אַלטנס געקנייטשטן בלייכן פּאָנעם זײַנען צוויי טרערן גערונען. איינע האָט שוין צו דער באָרד דערגרייכט, און די צווייטע — אַ גרויסע, אַ קײַ־לעכיקע, האָט ערשט פון אויג אַרויסגערונען.

— וואָס, איוואַניטש, אײַך איז קאַלט, אָדער עס טוט אײַך אַזוי וויי?

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם. מיט דער דלאָניע האָט ער אויסגעווישט די טרער, זי זאָל אויף דער וווּנד ניט טרעפן, דער־נאָך איין פּוס פאָרויס, און ווידער זיך אָפּגעשטעלט.

— ווען פּאַשע זאָל ניט זײַן טויט, וואָלט איך צוויי טעכטער פאַרמאָגט. און איצט ביסטו מיר איינע פאַרבליבן.

צו דער שטאָט האָט זיך דורכגעריסן די מיליטערישע דניעפּער־פלאָטי־ליע. דורך דער בערעזינאַ האָט זי דורכגעפירט גאַרבאַצעוויטש מיט זײַן גרופּע.

מיראָן איוואַנאָוויטש האָט געהאַלטן אין אײַנקוקן זיך אין די אַלט־באַ־קאַנטע ערטער. זײַנע אויגן זײַנען געוועזן פאָרויס געווענדט. אָט האָט ער געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, — דאָס צווײשטאָקיקע הויז פונעם טײַך־וואָקזאַל.

— זע, — האָט ער באַוויזן בראָניען, — עמעצער שטייט אויפן דאַך! קוקט, קוקט — אַ רויטע פאָן! די זעלבע, וואָס איז דאָ געהאַנגען ביז דער מיל־כאָמע!

די שיף האָט זיך דערנעענטערט. אויפן דאַך באַם פלאַגשטאָק איז געשטאַ־נען ניקאָלײַ קוליק, דער זעלבער באַקענשטשיק, וואָס האָט דער דריטער לויטן צעטל זיך געמאָלדן אין דער דײַטשישער אָרט־קאָמענדאַטור.

— פײַן! — האָט אים פונווײַטן דער אַלטער געשריִען.

— ניט ערגער ווי אופרײַסן אַ קעסל אָדער אונטערצינדן די שפּײַכלערס, — האָט קוליק פון דאך אראָפּגעשריִען.

— איז וואָס זשע שטייסטו? זעסט דען ניט? די נאוויגאציע הייבט זיך אָן! לויף נאָך די טײַכלער!..

* * *

ווידער פינקלען גרינע און רויטע שטערנדלעך אויף דער בערעזינא. פרעגט אים, דעם אלטן פליטן־טרײַבער, וועט ער אײַך זאָגן, אז פאָרט אויס א וועלט, וועט איר קיין שענערן טײַך ניט געפינען. און נאָך וועט ער אײַך באווײַזן — די בריקן, וואָס מע האָט אויסגעבויט אפן אָרט פון די אופגעריסענע. נאָר מער פון אלץ קלײַבט ער נאכעס פון בראָניען, וואָס איז אוועקגעפאָרן אין שטאָט און לערנט דאָרט אף דאָקטער. ניט לאנג צוריק איז ער געווען בא איר. אף דער וואנט איבער בראָניעס קינדס וויגעלע הענגען אין צוויי שווארצע רעמלעך די פאָטאָס פון אירע עלטערן און פון פאשען. און אנטקעגן — זײַן, גאָרבאצעוויטשעס, פאָרטרעט, פונקט אזא, ווי ער שטייט איצט באם טײַך מיט דער ליולקע אין מויל.

## אינהאַלט

**דער מישפּעט נאָכן אורטייל.** ראָמאַן . . . . . . . 5
**פּעראָ רוס*.** דערציילונג . . . . . . . . . . . . 315
**בא דער בערעזינא*.** דערציילונג . . . . . . . . . 433

מישע לעוו

# דער מישפּעט נאָכן אורטייל

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1980, 456 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1980 י. נומ. 274

קינסטלער וו. לאַקשין
רעדאַקטאָר מ. שולמאַן
קינסטלערישער רעדאַקטאָר יע. קאַפּוסטין
טעכנישער רעדאַקטאָר ר. סאָקאָלאָווא
קאָרעקטאָר ד. גראַזאַוווסקע

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נומ. 2250

אָפּגעגעבן אין זאַץ 23.01.80. אונטערגעשריבן צום דרוק 21.07.80 פאָרמאַט 1/32 108×84. טיפּאָגראַפיש פּאַפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 23,94. פאַרלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 28,65. טיראַזש 2000 עקז. באַשטעלונג נומ. 1947. פּרײַז 2 רוב. 10 קאָפּ. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פּאָן מאָסקווער טיפּאָגראַפיע נומ. 7 „איסקראַ רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוזפּאָליגראַפּראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די איניאַנים פונעם פאַרלאַג־וועזן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל. 121019, מאָסקווע, אַקסאַקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.

*Михаил Андреевич*
*Лев*

СУД ПОСЛЕ ПРИГОВОРА

*(на еврейском языке)*

М., «Советский писатель», 1980, 456 стр.
План выпуска 1980 г. № 274

Художник *В. В. Локшин*
Редактор *М. Я. Шульман*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *Р. Я. Соколова*
Корректор *Д. С. Грозовская*

ИБ № 2250

Сдано в набор 23.01.80.
Подписано к печати 21.07.80.
Формат 84×108¹/₃₂. Бумага тип. № 1.
Высокая печать. Усл. печ. л. 23,94.
Уч.-изд. л. 28,65. Тираж 2000 экз. Заказ № 1947.
Цена 2 р. 10 к.
Издательство «Советский писатель»,
121069. Москва, ул. Воровского, 11.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.